STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08961

A ZEKSTER VELT-TEYL

Mosheh Efrati

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א זעקסטער וועלט־טייל

מ. סמבטיון

א זעקסטער וועלט-טייל

ראָמאַן

פּאַריז
1952

M. SAMBATYON : A ZEKSTER WELT-TEYL-ROMAN

UN SIXIÈME CONTINENT - A SIXTH CONTINENT

AVEC LE PORTRAIT DE L'AUTEUR

VIII

*

נאָכדרוק אפילו טיילווייז פאַרווערט

*

הילע און שער-בלאַט געצייכנט פון אַ. קאָלניק

*

50 עקזעמפּלאַרן זענען געוואָרן געדרוקט

אויף פּאַפּיר HÉLIO געבונדן אין לייוונט

און געחתמעט פונעם מחבר

PRINTED IN FRANCE

IMPRIMERIE ABÉCÉ, 11, RUE LOUIS-BLANC, PARIS-X^e

דער מחבר ביי פינף און צוואַנציק יאָר

דעם איינציקן מיטבויער פון מיין צענשטאָקיקן בנין
מ י י ן פ ר ו י
ברענג איך אַ מנחה דעם דאָזיקן באַנד

אַכטער באַנד:

א פארשפעטיקטע חרטה

ערשטער טייל

קאַפּיטל I

די לעצטע פּאָר וואָכן און באַזונדערס, פון נאָך דער „תקופה" אָן, האָט דער ווינטער פון יאָר 1934 אויף דער אוקראַינע געביטן זיין טאַקטיק. ער האָט אויפגעהערט צו דערקוטשען דעם עולם מיט כמורע הימלען, מיט פּראָסטיקע ווינטן און מיט חוצפּהדיקע שניינאָדלען, ס'איז אים סוף־כל־סוף נמאס געוואָרן צו קוקן, ווי יעדער דורכגייער באַהאַלט פון אים דאָס פּנים אין קאָלנער און מאַכט בחפּזונדיקע טריט. ער איז דאָס מאָל געפאַלן אויף אַ שפּאָגל־נייער המצאה, ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין אין דער באַפעלקערונג. אָנשטאָט אַ וואָלפישער פעל האָט דער ווינטער אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ פּעלכל פון אַ יונג, אומשולדיק לעמעלע. אין דער פרי, די איינוווינער גייען אַרויס אויף דער גאַס, — עס וואַרט שוין אויף זיי אַ שמייכלענדיקע זון. די מעטערדיקע סטרעמפּ, וואָס זענען ערשט נעכטן געהאַנגען פון די רינוועס און האָבן אויסגעזען ווי קונציק־אויסגעבונדענע שניפּסן, — וואַלגערן זיך צעשמעטערטע אויף די נאַסע טראָטואַרן; די פאַרבלאָזענע שויבן — אָפּגעגאַנגען; פון די סטריכעס — קאַפּעט; מיט איין וואָרט: ס'איז אַ לעבעדיקע וועלט! דער ווינטער — עליו השלום! און אַזוי אַ גאַנץ פרימאָרגן; און אַזוי מיטאָג צייט. שילערס טראָגן זיך מיט די גליטשערס אין איין האַנט און מיט די פּאַלטנדלעך אין דער צווייטער, — ווער האָט עס בכח זיי טראָגן אויף זיך? סטודענטקעס, וואָס לערנען ערשט פון נאָך מיטאָג, דינגען זיך מיט די איינגעשפּאַרטע מוטערס ביז צו טרערן: — „נו, זאָג אַליין, אין דרויסן איז אַזאַ היץ, וואָס פאַר אַ משוגענער גייט אַצינד אָנגעטון אין אַ ציגייקענעם פּאָלושובאָק? * און אַ סווייטער איז קאַרג"? איייניקע באַלעבאָסטעס צעעפענען די פענצטער אין דער גאַנצער ברייט, מקבל פנים צו זיין דעם פאַרבלאָנדזעטן פרילינג. און די זון וואַרעמט אַלץ מוטערלעכער און די דעכער ווייגען אַלץ שטאַרקער... ערשט ווען אויף דער גאַס איז שוין אַרויסגענאַרט אַ היפּשער עולם, וואָס איז זומערדיק אָנגעטון, גיט מיט אַ מאָל פון ערגעץ אַ טראָג אַ דורכנעמענדיק ווינטל, די טריפנדיקע טראָפּנס ווערן פון אומגעזעענע פינגער אונטערגעכאַפּט אין דער לופט און אַרויפגעזעצט איינער אויף דעם אַנדערן, ווי די „קוטשערן" אויף יום־כפּורדיקע, וואַקסענע ליכט; די הימלען ווערן אויגנבליקלעך אָנגעטון אין שטאָל און איידער מען באַוויזט נאָך זיך אַ ריר צו טון — עס ווייעט שוין און עס פרירט שוין און לייכטזיניקע מענטשן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון אַ פאַררעטעריש זון־חנדעלע, ווערן פאַרקילט מיט סכנות־נפשות.

*

עס איז פאַריבער אַ וואָך, זינט ס'האָט זיך געענדיקט דער קאַשמאַר

---

* אַ קורץ סעקעלע פון אַזאַ ביליקן פוטער.

פון שלמהס „אולטימאַטום.״ ביי יאַנין אין שטוב האָט זיך ביסלעכווייז ווידער איינגעקוואָרטירט דאָס נאָרמאַלע לעבן. יאַני איז גאַנצע טעג געווען אויף דער אַרבעט. אסתר האָט געפירט דאָס באַלעבאַטישקייט און די קינ־דער האָבן געלערנט. אין שטוב האָבן ווידער די קינדער צווישן זיך גע־רעדט. מען האָט אויפן אַלטן שטייגער אָפט געהערט אַ וויץ, אַ געלעכטער. און דאָס אַלץ איז געווען אַ דאַנק פּאָלין. זי אַליין, פּונקט ווי פריער האָט זי צוגערויבט דאָס אַלץ ביי דער שטוב, אַזוי האָט זי דאָס איצט צוריק אומגעקערט. יענע קאָשמאַרנע נאַכט, ווען אַלע בני־בית האָבן זיך גע־קאָרטשעט אויף זייערע געלעגערס און ס׳האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז אויב פּאָלי שיקט שלמהן נישט צו איר הסכּמה אין דער אָנגעמערקטער שעה, וועט זיך די וועלט איבערקערן — האָט שוין אויסגעזען ווי אַן אומ־היימלעכער חלום, אין וועלכן מען באַמיט זיך נישט צו דערמאָנען. פון נאָך יענעם וויסטן ביינאַכט, ווען פּאָלי האָט גובר געווען אַלע מכשולים און זיך טאַקע נישט אונטערגעגעבן, איז אויף איר אַ נייע הויט אַרויפגע־צויגן געוואָרן. זי האָט זיך געפילט פריי, אויפגעבונדן, — כּמעט גליקלעך. זי האָט ווידער געגלייבט אין אירע כּוחות. דער שפּיגל האָט איר איינגע־רוימט אַ סוד, אַז זי קען נאָך היינט אויך אַראָפּפירן מענטשן פונעם זינען. זי האָט ווידער געלאַכט, זיך געוויצלט. איין מאָל האָט זי אַפילו פאַרגעלייגט דער מוטער צו גיין מיט איר אין קינאָ. איצט, איז זי געווען זיכער, איז אַלץ ווידער גוט. יענע שווידערלעכע אימה פון דער הענגענדיקער „באָמבע״ מיטן טערמין איז שוין פאַריבער. אמת, זי האָט געהאַט גענוג אויסצוו־שטיין, אָבער זי האָט העלדיש אויסגעהאַלטן אַלע נסיונות. אַלץ איז געווען קעגן איר, אָבער זי האָט פאָרט גובר געווען, זיך טאַקע נישט אָנגעבויגן, און איצט... וואָס איצט? — איצט קען זי טון אַלץ אין דער וועלט, נאָר שלמה וועט זיין אירער. אַלצדינג שטייט איר אָן. וואָס איז, האָנאָר? — דאָס איז אַ נאַרישקייט! — פּרעסטיזש? זי קוקט נישט אויף קיין פּרעס־טיזש. ביי לשון ליבע איז דאָס אַלץ שראַג־מעראַג, פאַלאָווע, שאָלעכץ. זי וועט אים נישט שרייבן. זי וועט וואַרטן נאָך דריי טעג, טאָמער עקשנט ער זיך טאַקע איין און קומט נישט צו איר, פאָרט זי צו צו אים. נישקשה, עס שטייט איר אָן, צוליב שלמהן איז אַלץ כּדאַי. זי ווייסט דווקא, אַז ער וועט זיך שעמען איר קוקן אין די אויגן, נאָר זי וועט דאָס מאָל מוחל זיין אויף איר כּבוד און אים באַלד זאָגן, אַז זי טראָגט אויף אים נישט קיין מינדסטן פאַרדראָס, אדרבה, זי האָט אים איצט נאָך מער ליב ווי פריער, און דווקא פאַר זיינע יינגלשע שטיק. אוי, ווי ער וועט עס איר זיין דאַנקבאַר. ער וועט ביי איר מאָנען אַ שטראָף פאַר זיך און זי וועט אים טאַקע שטראָ־פירן: אויפן קנס־מאָל, פאַר אַלע געסט אין די אויגן, וועט ער איר מוזן איבערחזרן פופצן מאָל נאָך אַנאַנד: נשמה פון מיין נשמה, נשמה פון מיין נשמה. אַך, וואָס פאַר אַ מוזיקאַלישע ווערטער דאָס זענען! אין קיין שום בוך האָט זי דעם דאָזיקן אויסדרוק נישט באַגעגנט. דאָס איז איר שלמהס דערפינדונג. ספּעציעל פאַר איר פאַרפּאַסט. פאַר זיין קליינטשיק

מיידעלע מיט אַ נאָמען בלויז פון צוויי זאַפטיקע קלאַנגען: פּאַ — און — לי, פּאַ — און — לי.

אין יענעם אויפדערנאַכט, ווען די קינדער זענען זיך צעגאַנגען פון דער שטוב, זאָגט יאַני צו אסתרן:

— הערסטו? די היינטיקע קינדער האָבן מיך שוין גאָר אַראָפּגע־שלאָגן פון די פּאַנטאָפעלעס. זאָג וואָס דו ווילסט, נאָר דאָס האַרץ זאָגט מיר מיינס, אַז צווישן שלמהן מיט פּאָלין איז ווידער שלום... עפּעס צו לוסטיק איז זי מיר. גאָר נישט דאָס וואָס פריער.

— צו וואָס זשע וואָלט זי דאָס געהאַלטן בסוד פאַר אונדז?

— וואָס פרעגסטו מיך אַזעלכע קשיות? דו ווילסט, אַז אַזאַ בשר ודם ווי איך, זאָל מיט מיין פּשוטן שכל פאַרשטיין זייערע דרכים? הלמאי ווען מען זאָל פרעגן ביי מיר, וואָלט איך געזאָגט, אַז מען קען זיך באַגיין אָן אַ סך זאַכן. אָבער היינט איז דאָך די דעה ביי זיי, מוזן מיר נאָר הערן און זען און שווייגן.

ענדע יאַנואַר איז פּאָלי מיד געוואָרן צו וואַרטן. פאַר די לעצטע צוויי וואָכן איז ביי איר אויסגעקומען, אַז זיי, דאָס הייסט: זי מיט שלמהן, נע־מען אויף זיך לחלוטין איבעריקע ליידן, און זי האָט פּעסט באַשלאָסן צו־צופאָרן אויף סאַלאָמינקע און מיט איין פּאַך מאַכן אַ סוף פון אַלע איינ־געבילדעטע מחיצות.

דאָס וועטער איז די לעצטע טעג געשטאַנען אַ קאַלטס, נאָר אַ שיינס. ביי טאָג די זון, ביי נאַכט די לבנה, דער בלויער הימל מיט די פינקלענ־דיקע שטערנדלעך. אָט די אַלע זאַכן, וואָס האָבן אין פּאָלין געוועקט גוטע זכרונות, האָבן אין איר אונטערגעהאַלטן די גוטע שטימונג. זי האָט זיך אויסגעפּוצט „אין עסיק און אין האָניק" און פאַרנאַכט צו, אַזוי אַז זי זאָל שלמהן אויף זיכער טרעפן אין דער היים, איז זי אַוועק פון דער שטוב.

קיעוו האָט מיט געשמאַק אויסגענוצט די ווינטערדיקע אויפדערנאַכטן. אויף די ברייטע בולוואַרן האָבן געקנאַקט די בייטשן פון די אָנגעפּעלצטע „איזוואָזשטשיקעס", אַז אַ רויך איז אַזש געגאַנגען. די פרייִלעכע געלעכטערס פון די זיך שליטלענדיקע האָבן פאַרהילכט די אויערן. די גאַסן זענען געווען פול מיט זאַטע, גליקלעכע פּנימער. מענער אין געוואַנטענע אָדער אין לעדערנע פּאַלטעס, האָבן עלעגאַנט געפירט רייך־געקליידעטע דאַמען אין קאַטיקאָווע, קאַראַקולענע, מאָליעווע אָדער באָסטאָנענע פּאַלטעס און אין הויכע פּעטראָווע באָטן. רייצנדיקער פון אַלע שפּאַצירנדיקע איז גע־ווען דאָס פּאָרל, וואָס איז געגאַנגען עטלעכע טריט פאַר פּאָלין. ער — אין אַ שוואַרצן לעדערנעם מאַנטל, פון דעם זעלבן מאַטעריאַל אַ קעפּי, הענטש־קעס און שטיוול. זי דאַקעגן האָט אַ געטראָגן אַ נייעם, געלן לעדערנעם פּאַל־טאָ פון דעם בעסטן שעוורא, פון דעם זעלבן לעדער — אַ פליער־היטעלע,

---

* געמיינט: אַראָפּגעפירט פון גלייכן געדאַנק, עס איז זיי נישט משיג צו זיין.

געטאַקטע שטיוועלעך, וואָס דערגרייכן קוים ביז צו די קניען, און שיינע, געלע, זאַמשענע הענטשקעס. אַלע דורכגייער האָבן מיט פאַרבאָרגענער קנאה נאָכגעקוקט דעם דאָזיקן פּאָרל. פּונקט האָט זיך „יענער" פאַרגלוסט אַ קוק טון אויף זיך אין שפּיגל. זיי זענען אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט און זי האָט אויפגעעפנט אַ שיין טעשעלע, אויך פון דעם זעלבן מאַטעריאַל, וואָס איר גאַנצער גאַרניטור. פּאָלי האָט באַמערקט זייערע פּנימער: ער — אַ ברונעט, זי — אַ בלאָנדע. זי האָט דערפילט אַ טיפן ווייטיק דערפון, וואָס שלמה איז איצט נישטאָ לעבן איר. עס איז איר קיין מאָל נישט איינגעפאַלן, אַז עס באַקומט זיך אַזוי שיין: ער אַ שוואַרצער, זי אַ בלאָנדע. זי וואַרפט אַ קוק אויף איר אָפּגעטראָגענעם פּאַלטאָ און נאַרישע טרערן באַווייזן זיך אין אירע אויגן. נו, נו, נאַ דיר גאָר וויינען איבער אַ פּאַלטאָ. און ווידער, וואָס איז דער פּאַלטאָ שולדיק? ער האָט שוין זיינס אָפּגעדינט. ס'איז נאָך אַ זוועניגאָראָדקער מלבוש. אין דעם ווינטער, וואָס דער טאַטע איז אָנגעקומען קיין קיעוו, האָט מען איר אים איבערגעניצעוועט פון דער באַבעס אַן אַלטער רעטאָנדע. וואָס זשע קען מען טאַקע פאָדערן פון אַ געמיינעם שעוויאָט? נישקשה, אָט וועט זי זיך אין אַ פּאָר שעה אַרום אומקערן אַהיים צוזאַמען מיט שלמהן און אַלץ וועט זיך איבערבייטן צום גוטן, אין גאַנצן איבערבייטן.

פון דעם איינציקן געדאַנק, אַז עס קען געמאָלט זיין, אַז צוריק אַהיים זאָל זי שוין אויפן אַלטן גוטן שטייגער באַגלייטן שלמה, גיט איר אַ שלאָג דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים אַריין און זי פאַרגיכערט אירע טריט.

אויפן ראָג פון קאָראָלענקאָ און פּראָריעזנאַיאַ טרעפט זי שטיין אַ גאַנץ היפּשן עולם. דאָ גייען דורך אַזש זעקס טראַמוויי־נומערן, מחמת דעם קלייבט זיך דאָ אַלע מאָל צונויף אַ גרויסער עולם. זי שטעלט זיך אין דער ריי צום נומער 8 און וואַרט. די נאַכט איז צוגעפאַלן אומבאַמערקט. די עלעקטרישע לאָמפּן פאַרבייטן ממש דעם טאָג. אויפן טראָטואַר קען מען פריי לייענען אַ בוך. צום ערשט קומט אָן אַ נומער איינס. נאָך אים אַ נומער פיר, און נאָך דעם אַן „A" און ווידער אַן איינס. ווער דאַרף דאָס אַזוי פיל איינסערלעך? שאַ, אָט גייט נאָך איינער... וועלכער איז דאָס? אַ פינפטל! ווייל זי דאַרף אַן אַכטל גייט אויף צו להכעיס אַ לאַנגער פולמאַן נומער פינף. נאַ דיר גאָר פינף! וועלכע משוגעים פאָרן דאָס מיט דעם פינף? טאַקע נישט אַנדערש, נאָר ווייל זי דאַרף דעם נומער אַכט, קומט אָן דער פינף, און ס'איז שוין ביי איר קיין ספק נישט, אַז ווען זי זאָל דאַרפן פאַרקערט, וואָלט מסתמא אָנגעקומען אויך פאַרקערט. שאַ, און וועלכער איז יענער מיט די צוויי גרינע לעמפּעלעך? אַ־האַ! דאָס איז אַ ניינטל. און נאָך אים וואָס גייט? עפּעס זעט מען נישט גענוי, אַ־האַ! אַ „B". מען קען משוגע ווערן. באמת, עס זעט אויס אַזוי ווי עס וואָלט עמעצער איר געטון אויף צו להכעיס. שאַ, אָט גייט נאָך איינער, אפשר יענער? טפו! צו אַל די רוחות, ווידער נומער איינס! גייט ער אין כף הקלע, דער נומער איינס. אַזאַ אָנשיקעניש...

די וואָס וואַרטן אויפן נומער אכט, זידלען זיך, שעלטן דעם טראַמ־וויי־טרעסט, דעם שטאָטראַט. פיל פון זיי גייען אוועק צו פוס. אָבער זי וועט צו פוס נישט גיין. באַשטימט ניין. זי האָט שוין אַזוי אויך כמעט אין גאַנצן אָנגעוווירן דעם קוראַזש. עס פעלט איר נאָך צום רעמל זיך דורכצוגיין אַוועלכע זיבן, אַכט קילאָמעטער צו פוס. שאַ, אָט גייט נאָך איינער: איין לעמפּעלע אַ געלס, דאָס צווייטע אַ פּיאָלעטאָווע. דאַכט זיך, אַן אַכטער נומער? יאָ, אַן אַכטער! אַלע גיבן זיך אַ לאָז גלייך צו דער איינציקער טיר. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז בסך־הכל איז דער וואַגאָן אַרומגעשוואָלן מיט מענטשן נאָך פון יענער סטאַנציע, ווי אַ צעניזקטע קליאַטשע מיט יאַטקע־פליגן. ווי אַזוי מענטשן זעצן זיך דאָס אויף משקולת, פאַרשטייט זי נישט. עס איז אַ טומל, אַ גוואַלד, אַ געפילדער, דער טראַמוויי דערוויַיל רירט. אַ האַלבער עולם האָט זיך פון דעסט וועגן יאָ צו־געטשעפּעט. די געבליבענע גיבן מיט פאַרדראָס אַ שפּיי און גייען אַוועק. איידער נאָך אַ מאָל אָפּוואַרטן אַ שעה צייט, איז שוין בעסער גיין צו פוס. פאָלי בלייבט וואַרטן. עטלעכע אינוואַלידן און אַ פרוי מיט צוויי ייִנגע־לעך וואַרטן אויך. פאָלי באַמיט זיך נישט צו טראַכטן, וווּהין זי פאָרט און נאָך וואָס זי פאָרט. זי באַטראַכט גאָר אויפמערקזאַם די באַלויכטענע וויט־רינעס, זי האָט מיט אַ מאָל דערפילט צו זיי אַן אינטערעס. עס דערהערט זיך אַ וויַיטער קלונג. וואָס פאַר אַ טראַמוויי גייט דאָס אין גאַנצן אָן פיי־ערלעך? אַה, דאָס איז גאָר אַ לאַסטוואַגאָן מיט פעסלעך. מענטשן ווילן זיך מיטכאַפּן, אונטערפאָרן אַ ביסל, נאָר ער פאָרט דורך מיט דער גאַנצער שנעלקייט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך, און הינטער אים קלינגט שוין נאָך איינער. פאָלי גלייבט נישט אירע אויגן: פּיאָלעט און געל. אַן אַכטער! איר אַכטער! דער סעמאַפאָר פאַרהאַלט אים אויף אַ מינוט, און די פּייערלעך דערוויַיל רעדן צו איר:

— וווּהין פאָרסטו דאָס, פאָלי? דו ביסט ביים ריינעם זינען? סאָלאָ־מינקע איז איצט נישט פאַר דיר. מען האָט שוין דאָרט נאָך דיר קריעה געריסן, קדיש אָפּגעזאָגט, יאָרצייט געהאַט, און אַפילו „תיקון” געטרונקען. קער זיך אום, דו נאַריש מיידל. גיך קער זיך אום!

דער וואַגאָן שטעלט זיך אָפּ האַרט לעבן איר. זי כאַפּט אַ קוק דורך די פענצטער: אַ ליידיקער וואַגאָן, לחלוטין אַ ליידיקער. אַ פּנים ערשט פונעם פּאַרק. דער קאָנדוקטאָר שטייט אויף דער טיר און פאַררופט פאַר־שווינגען:

— ווער דאַרף אויף סאָלאָמינקע, אויף מאַרינסקע, צום וואָקזאַל, ביטע אהער!

פאָלי מאַכט אַ טריט נעענטער, נאָר דאָס פאַרשאָלטענע פּיאָלעטאָווע אייגל גיט אויף איר אַ בייזן קוק: „וווּהין קריכסטו”? דער סעמאַפאָר איז פאַרמאַכט, מען קען וויַיטער נישט פאָרן און דער קאָנדוקטאָר ווענדעט זיך צו איר:

— באַרישניע, זעצט אייך, טאָמער זענט איר נאָך נישט געווען אויף סאָלאָמינקע, האָט איר איצט אַ געלעגנהייט.

פּאָלי ענטפערט אים העפלעך:

— אַ דאַנק, איך דאַרף נישט אויף סאָלאָמינקע.

— וואָס אַרט אייך? ס'איז דאָ אַ פרייער פּלאַץ — זעצט זיך. טאָמער דאַרפט איר נישט איצט, קענט איר אַ מאָל דאַרפן. דערווייל פאָרט, קוקט אויס...

פּאָלי האָט אַ בלאָסן שמייכל געטון:

— ניין, אַ דאַנק, איך דאַרף נישט איצט און וועל קיין מאָל אַהין נישט דאַרפן. איך וווין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

דער טראַמוויי רירט. פּאָלי קוקט נאָך מיט קנאה דעם האַלב־ליידיקן וואַגאָן און לאָזט זיך לאַנגזאַם גיין אַהיים. אויפן וועג טראַכט זי, אַז די גאַנצע שולדיקע אין דעם, וואָס פון איר נסיעה איז גאָרנישט געוואָרן, זענען אָט די מיתה־משונה־קאָלירטע לעמפּעלעך. פע, פאַרשיווע קאָלירן, געל און פיאָלעט. זי פילט איצט צו זיי אַ טיפע שנאה. אַנו, מען זאָל זי שוין אָפּגילטן, זי זאָל אַ מאָל אָנטון עפּעס געלס אָדער פיאָלעטאָווע — פאַר קיין פאַל נישט. זי זאָל אַפילו וויסן גליקלעך צו ווערן. און דער אמת איז טאַקע, אַז פאָרן צו שלמהן אַהיים טויג נישט. דאָרט זענען בלויז שונאים אירע. מען דאַרף אים ערגעץ טרעפן אויף אַ נייטראַלער זאָנע. דאָרט וועט זי זיך פילן פריי און מיט צוויי ווערטער וועט זי אים אַלץ זאָגן. אָבער דאָרט, אויף דעם וויסטן סאָלאָמינקע, ווו עס געפינען זיך זיינע קרובימלעך... אָט די דינה מיט דעם אפרים־אהרונען... אוי, עס ווערט איר אַזש קאַלט. פאַר זיי האָט זי מורא. נאָר איינס האָט נישט צום אַנדערן, געל און פיאָלעט זענען מיאוסע, אומווירדיקע קאָלירן. זי פילט צו זיי אַן עקל. עס איז איר אַ חידוש אויף שלמהן, אַזאַ עסטעט ווי ער איז, זאָל ער זיך גאָר צוזוכן אַזאַ מיאוסן ראַיאָן מיט אַזעלכע מיאוסע לעמפּעלעך...

קאפיטל II

אין א פּאָר וואָכן אַרום, עס האָט שוין געדראַפּט זיין קורץ פאַר פּורים, שטייט פּאָלי אויף דער נאַכט אין צענטראַלן גאַסטראָנאָם — ער איז דער סאַמע נאָענטסטער צו אוריצקע־גאַס — און קויפט א האַלבע קילאָ צוקער. גראָד איז נישטאָ אין שטוב מיט וואָס טיי צו טרינקען, און קיין געלט איז אויך נישטאָ אויף מער. די פאַרקויפערין בייזערט זיך:

— חברטע, איך רעד צו אייך אויף רוסיש, דאַכט זיך, צי ניין? דער גאַנצער זאַמדצוקער איז ביי אונדז צעפּאַסעוועט * צו גאַנצע קילאָגראַמען. צעטיילן אויף העלפט, האָב איך קיין בייטל נישט. גייט און דערצאָלט נאָך פּאַר א האַלבער קילאָ.

— אָבער אויב איך האָב מער קיין געלט נישט?

— אוי־וואַ! גרויסע געלט! קיין רובל מיט 75 קאָפּיקעס האָט איר נישט? א מאָדנע פרוי, אויף מיין וואָרט! קיין רובל מיט 75 קאָפּיקעס האָט זי נישט. נאָט אייך, נעמט, איך האָב אָנגעשריבן אין קאַסע אריין, אַז מען זאָל אייך אומקערן אייער רובל מיט 75 קאָפּיקעס, און איר וועט אייך נעמען צוקער ערגעץ אַנדערש, וויפל איר וועט וועלן.

א פאַרשעמטע נעמט פּאָלי דעם טשעק אויף צוריק און וויל שוין גיין, נאָר אין דער זעלבער מינוט דערטראָגט זיך פון הינטער אירע פּלייצעס א שטימע:

— חברטע פאַרקויפערין! אויב איר וועט מיר עפענען א פרישן זאַק ראַזשינקעס, וועל איך נעמען פופצן קילאָגראַם.

פּאָלי גיט א ציטער מיטן גאַנצן קערפּער. זי דרייט זיך אוים און באַ־געגנט זיך מיט שלמהס אויגן. אויך ער ווערט בלייך פון אומגעריכטקייט, נאָר באַלד צעגיסט זיך ווידער א רואיקייט אויף זיין פּנים. ער גיט איבער דער פאַרקויפערין א ריינע לייוונטענע טאָרבע און גייט באַצאָלן אין קאַסע. פּאָלי פאַרשלעפּט זיך קוים צו דער טיר און שטעלט זיך דאָרט אוועק אין א ווינקל.

אין קאָפּ איז ביי איר פּוסט. פון דערשרעק האָבן ביי איר אָפּגענומען אַלע חושים, זי קען נישט צונויפשטעלן קיין צוויי ווערטער אויף אים צו זאָגן. פון דער וויטנס זעט זי, ווי שלמה האָט דערלאַנגט דעם טשעק. גע־כאַפּט זיך דערויף, אַז די ראַזשינקעס האָט די פאַרקויפערין אָנגענומען מיט דעם זעלבן לאָפּעטקעלע, וואָס זי נעמט אָן קאָנפעקטן און לעקעכלעך, האָט ער מיט פאַרדראָס זיך אַליין פאַרגוואָרפן:

— אָך, ווו איז געווען מיין קאָפּ אייך אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז איך נעם די ראַזשינקעס אין א ספּעציעלער טאָרבע, און וויל אויך נישט נוצן אייער לאָפּעטקעלע.

---

* צעוווינן.

די פּאַרקויפערין, אַ צערייצטע ביז גאָר, ווענדעט זיך צום פּובליקום:

— וואָס זאָגט איר אויף די קאַפּריזן? מיט וואָס זשע געפעלט עס אייך נישט?

— דאָס בין איך אייך נישט מחויב צו דערציילן. איך אַנטשולדיק זיך זייער, אָבער די ברירה איז ביי אייך: אָדער קערט מיר אום דעם טשעק אָדער שיט אויס די ראָזשינקעס און נעמט אָן אַנדערע מיט די הענט. איינס פון דיביידע.

— וואָס נאָך עפּעס? איך האָב ערשט פאַר נאַכט זיך געמאַכט מאַ־ניקור...

— אַך, ביטע שיין, דאָס קען איך אייך פאַרשפּאָרן. עפנט מיר אויף דעם לאָדן, וועל איך אַליין אויסשיטן און אָננעמען.

די פּאַרקויפערין פאַרקריצט אַזש מיט די ציין פאַר כעס, אָבער פון דעסט וועגן לאָזט זי אים אריין.

— מענטשן גרייטן שוין ווין אויף פּסח — טראַכט פּאָלי — דאַכט זיך, ערשט געווען ראש־השנה... אַך, ווי די יאָרן פליען עס... כאָטש אַזוי געהיט זיין אין יידישקייט ווי שלמה, איז זייער שווער, אָבער דאָך איז עס מלא־חן... מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וואָלט זי איצט אָנגעטון אַ נייעם פאַרטעך, אַריינגעשטעלט דאָס דייזשקעלע צווישן דעם זאַק מיט רויטע בורעקעס און דעם זאַק מיט ווייסע, זיך געלאָזט פאַר דער הייליקער ארבעט ארומנעמען פון איר שלמהן, גענומען דאָס געטובלטע מעסער און געשטעלט באָרשטש אויף פּסח. אָדער שמאַלץ אויסגעפּרעגלט. אָדער וועש זיך געגעבן נייען. און דאָס אַלץ מוז מען דאָך האָבן אויף פּסח. עס איז דאָ אַ דין אַזאַ. שאַ, אָט גייט שוין דאַכט זיך שלמה!... יאָ, ער גייט! אַך, ווי גרינג ער טראָגט עס די פּופּצן קילאָגראַם, ממש ווי אַ פעדער. דאָס האַרץ הייבט איר אָן האַסטיק צו קלאַפּן. טוק, טוק, ווי מיט אַ האַמער. זי פאַרלירט דאָס לשון, און ווען שלמה גלייכט זיך אויס מיט איר, גיט זי אים נאָר אַ שלעפּ פאַרן אַרבל. ער קוקט זיך אום און בלייבט שטיין. עס דויערט עטלעכע מינוט, ביז זי האָט די מעגלעכקייט אַ וואָרט אַרויסצוברענגען. זי נעמט אים אונטערן אָרעם:

— קום אַרויס אויף דער גאַס, דאָ גייען דאָך מענטשן. נאָך וואָס זאָלן מיר שטערן?

שלמה נעמט זיין טאָרבע און גייט איר געהאָרכזאַם נאָך אויפן טראָ־טואַר.

פּאָלי נעמט אָן לופט אין די לונגען און זאָגט מיט אַ קאָקעטיש שמיי־כעלע:

— אוך! וואָס פאַר אַ שרעקלעכער דו ביסט געוואָרן. ווען דו האָסט גענומען זיך דערנענטערן, האָט מיר אַזש פאַרפעלט אָטעם...

שלמה האָט רואיק געהערט און געשוויגן.

— וואָס זשע שווייגסטו? פאַר וואָס ענטפערסטו נישט?

— איר האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, פריילין טולטשינסקי?

— אויף „איר” גאָר? פֿון ווען אָן? און פֿריילין גאָר? און טולטשינ־סקי?

שלמה האָט קאַטעגאָריש געשוויגן.

— הער שלמה, אָדער סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש, אויב דיר געפֿעלט אַזוי בעסער. אַז דו ביסט אַ גוטער אַרטיסט, דאָס ווייסן אַלע, און איך נאָך מער פֿון אַלע. אָבער דאָס איז גוט צו דעמאָנסטרירן אויף אַן „אימענינעס”. אין אייגענעם לעבן דאַרף מען נישט „שפּילן”, נאָר „לעבן”... וואָס פֿאַר אַ שפּיל האָסטו צוגעטראַכט אין רוגזלעך?

שלמה האָט נישט געקוקט אויף איר און נישט געענטפֿערט. זיין שווייגן האָט איר געדאַכט צו זיין אויס פֿאַרלוירנקייט, דאָס האָט איר צו־געגעבן מוט, און זי האָט נאָך מיט מער היץ ווייטער גערעדט:

— ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט ווי דו, אַז דיינע געפֿילן צו מיר, און פֿאַרשטייט זיך, אויך מיינע צו דיר, זענען העכער און שטאַרקער פֿון אַזוי־נע מיקראָסקאָפּישע קאָנפֿליקטלעך. אייגנטלעך, ערנסט גערעדט, וואָס איז דען אַזוינס געשען? וואָס האָב איך דיר דען אַזוינס געטון? די קאַפּאָטע געקוילעט? צי אַ ממזר געבראַכט אין שטוב אַריין? ביי עמעצן אַנדערש וואָלט אַזאַ רוגז געדויערט פֿון אסתּר־תּענית ביז פּורים, און דו האָסט שוין איין חודש אָוועקגעהרגעט און נאָך דעם שוין נאָך איינעם, און ווי עס ווייזט אויס, קלייבסטו זיך אים צעליינגן אויף טעלערלעך נאָך אויף אַ פּאָר חדשים. נו, טוט אַזוי אַ מאַנסביל, פֿרעג איך דיך אַליין? דאָס וואָלט גע־פּאַסט פֿאַר אַ יאַכנע, וואָס פֿאַרקויפֿט קיסליצעס אין מאַרק. איז שוין אויך היינט דאָס מין מאַרקעלעכעס נישטאָ. שוין אַרויס פֿון דער מאָדע. וואָס דען? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט, ביי וועמען טרעפֿט זיך דאָס נישט? און ביי מיינע עלטערן — נישט? און ביי דיינע עלטערן — נישט? מיר זענען נישט די ערשטע און נישט די לעצטע... וואַרט, ענטפֿער נישט, איך האָב נאָך נישט געענדיקט... אַז איך וועל ענ־דיקן, וועל איך דיר זאָגן...

שלמה האָט אַפֿילו נישט געהאַט בדעה איר צו ענטפֿערן. ער איז גע־שטאַנען ווי אַ ספֿינקס, מיט אַ פֿאַרגליווערטן, מהיכי־תּיתידיקן שמייכל אויף די ליפּן. פֿאָלי האָט מיט דער דלאָניע אָפּגעווישט דעם שטערן, גע־וואָלט נעמען זיין האַנט, נאָר זיין האַנט איז געווען אַ קאַלטע און אַ פֿרעמ־דע. זי האָט אַ שטילן קרעכץ געטון און ווייטער גערעדט:

— מיינע עקזאַמענס אויפֿן דריטן קורס האָבן גאָרנישט געגעבן. איך האָב מיך שוין דערפֿון אָפּגעוואַשן די הענט. שוין נישט לאַנג געבליבן צו וואַרטן. כ'וועל שוין ענדיקן צוזאַמען מיטן גאַנצן קורס. די לבנה, ווייזט אויס, קען מען טאַקע נישט איבעריאָגן. גלייב מיר, איך גרייט אַפֿילו די לעקציעס נישט. דאָס וואָס מען לערנט איצט אויפֿן קורס, בין איך שוין דריי מאָל דורכגעגאַנגען, גאַנצע נעכט דערויף איבערגעזעסן. אַזוי אַז איך בין איצט אין גאַנצן פֿריי. מיר וואָלטן געקענט אַרומגיין אַלע נאַכט כאָטש ביז טאָג. פֿאַרן „קאָנטינענטאַל” דאַרפֿסטו שוין אויך נישט מורא האָבן.

די טולטשינסקעס, — זיי חלשן ממש, אז איך זאָל קומען מיט דיר צו זיי אויף אַ וויזיט. ממש זיי לאָזן מיך נישט רוען. מארוסיא וויסט זיך נישט וווהין אַהינצוטון פאַר בושה. דאַוויד סאָלאָמאָנאָוויטש האָט איר אַזוינס געגעבן — פרעג שוין גאָרנישט. און בעלאַ אַראָנאָוונאַ? יענע לאָזט דיך גאָר פונעם מויל נישט אַרויס. וואָלאָדיען האָב איך שוין אויך דורכגעטריבן. אַ־אַ! שוין פון לאַנג. באַלד נאָך די עקזאַמענס. וואָס איז דאָס? איך רעד און מיר ווייזט זיך אויס, אַז דו הערסט גאָרנישט. דו הערסט יאָ? איז ווי זשע האַלט איך?

זי קוקט זיך אַרום מיט אומגליקלעכע אויגן. גוואַלד, מיט וואָס דערוואַרעמט מען אָט דעם אייזבאַרג, וואָס שטייט פאַר איר? אָט דאָס איז דען שלמה? אפשר האָט זי אַ טעות געהאַט? זי גיט אַ קוק אויף אים: אויפן פנים איז אַרויפגעצויגן דאָס זעלבע העפלעכע שמייכעלע וואָס פריער. אָך, מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וואָלט זי דערלאַנגט אַ טראַך אין אָט דער סאָלידער צורה, אַבי צו פאַרטרייבן אַ ביסל דאָס גלייכגילטיקייט. זי כאַפּט זיך דערויף, אַז זי האָט שוין געמאַכט צו אַ לאַנגע פּויזע. זי טוט בגנבה ווידער אַ קוק, ווי גרינג די פופצן קילאָגראַם הענגען אויף זיינע פינגער — אַ ריז, אַן אמתער ריז!

—יאָ, וואָס זשע האָב איך געוואָלט זאָגן? אַ־האַ! איך זאָג, הייסט עס, אַז באַלד איז פורים. דו קענסט דאָך אַ מאָל מאַכן אַ זאַך אויף גיך. דו געדענקסט סלאַוווטער עפּיזאָד, מיט וואָס פאַר אַן אויסערגעוויינלעכער זריזות דו האָסט אים דורכגעפירט? נו, אָט דאָס זאָג איך, מיר וואָלטן געקענט חתונה האָבן באַלד... שוין... אפילו היינט... און פורים וואָלט געווען די סעודה, — די גאַנצע משפחה־סעודה — ביי אונדז!... ביים נייעם פּאַרפּאָלק. פּאַרקערט, צו די סדרים, וואָלטן מיר שוין געווען ביי די טאַטעס. איאָ, אַזוי פירט זיך? צו די „פיר קשיות” גייט אַ קינד צום טאַטן, נישט אַזוי? וואָס שווייגסטו די גאַנצע צייט?

— פריילין טולטשינסקי, איר אַנטשולדיקט מיר, אין דער היים וואַרט מען אויף די ראָזשינקעס... איך בין צוגעפאָרן נאָר אויף אַהין און צוריק...

— אָט דאָס איז דער ענטפער?

שלמה וואַרפט אַ בליק אויף דעם שטאָטזייגער, וואָס הענגט פּונקט אַקעגן זיי און גיט זיך אַ כאַפּ:

— אוי־וואַ! איך בין שוין טאַקע באַלד אַנדערטהאַלבן שעה פון דער היים, זיי וועלן שוין נישט וויסן וואָס איבערצוטראַכטן. האָט נישט קיין פאַראיבל, מען וואַרט אויף די ראָזשינקעס. אַ גוטע נאַכט!...

שלמה גיט זיך העפלעך אַ נויג און גייט אַוועק גלייך ווי אַ סטרונע. די טאָרבע שאָקלט זיך נאָכן טאַקט פון זיינע טריט, ווי ער זאָל טראָגן אַ פעכער אין דער האַנט.

פּאָלי בלייבט שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענע. אירע אויגן זענען פול מיט טרערן:

— גאָט! וואָס איז דאָ געשען מיט אים? ווער האָט איר אונטערגע־

ביטן איר שלמהן? וועלכע בייזע באַבאַ־יאַגאַ? * ווער האָט זיך געקענט
ריכטן אויף אַזעלכע עקסטרעמען ? אָדער אַ טראָפּישע היץ, אָדער אַ סיבירער
פראָסט? מאַמע געטרייע! קען דאָך גאָר זיין, אַז ס'האָט נישט געלוינט דאָס
גאַנצע עקשנות... אָבער איצט איז ביטער, ביטער ווי דער טויט! אַ פנים,
אַז ווו עס ענדיקט זיך די ליבע, הייבט זיך אָן אכזריות. קיין איין וואָרט
נישט ענטפערן. קיין זידל נישט טון. זיך קיין בייזער נישט טון, נאָר העפ־
לעך און קאַלט, קאַלט און טויט. אפשר האָט זי איצט געמאַכט עפּעס אַ פע־
לער ? וואָס נאָך האָט זי געקענט טון ? וואָס נאָך האָט זי איצט געקענט טון?
אודאי, אודאי, ווען זי זאָל יענעם אויפדערנאַכט נישט געווען צעשמע־
טערן דאָס זייגערל, נאָר בעסער צושיקן עמעצן צו אים מיט אַ הסכּמה,
וואָלט אַלץ אַנדערש געווען. גאָר, גאָר אַנדערש. בעסער וואָלט אַ פּאַראַ־
ליטש זי געוועזן צעקלאַפּט, איידער... נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן פון עבר?
וואָלט איך, זאָלט איך. מען דאַרף זיך האַלטן אין די הענט, זיך נישט פאַר־
לירן, מען זאָל אין דער היים אויף איר גאָרנישט דערקענען... זי האָט דאָרט
קוים מיט צרות אַ ביסל געענדערט די אַטמאָספערע. זי טאָר זיך אַליין נישט
צעקלאַפּן צום איבעריקן. נעכטן אין טראַמוויי, אויף דער צווייטער באַנק פון
אירער, האָט זי דערזען זיצן דעם קאָמפּאָזיטאָר ביעלסקי. זי האָט זיך פאַר
אים אַ נויג געטון, און ער האָט דווקא אויך געקוקט אויף איר, נאָר אפילו
מיט קיין ברעם נישט אַ פיר געטון... וואָס זאָל דאָס באַטייטן? און זי האָט
מורא, אַז ווען זי באַגעגנט זיך מיט זיין סעסיל פּעטראָוונאַ וואָלט געווען
נאָך ערגער. זי פילט אַן אומבאַגרייפלעכע שרעק פאַר יענער שטאָלצער
קראַסאַוויצע. דעם גאַנצן אויפדערנאַכט דאַמאָלסט האָט זי זי דורכגע־
נומען מיט אירע שטעכיקע בליקן, אַז מען זאָל נאָר באַהיט ווערן! ווייַ־
טער האָט זי געהאַלטן אין איין אייפערן שלמהן צו איר, צו זיין פּאָלין:
פאַר וואָס זינגט ער מער וועגן איר; פאַר וואָס מאָלט ער בעסער זי. מיט
איין וואָרט: זי האָט איר נאָר געהאַלטן אין איין נישט פאַרגינען. פון
דער ערשטער מינוט אָן ווי זי האָט שלמהן נאָר דערזען, איז זי שוין גע־
ווען נאָך אים די כפּרה. אַלע האָבן דאָס באַמערקט. דאַכט זיך גאָר, אַז ביי
דער טיר לעבן שלאָפצימער איז ביי זיי פאָרגעקומען עפּעס אַ סצענע. ווען
שלמה איז נישט שלמה, וואָלט זיך שוין ביעלסקי געקענט אַ ביסל אָפּ־
רוען. ביעלסקיס גליק איז, וואָס ער האָט געטראָפן אויף אַ פרומען יונגנ־
מאַן... אָבער פאַר וואָס איז ער בייז אויף איר? וואָס האָט זי אים אַזעלכעס
געטון?

עס הייבט אָן שמייסן אין פנים אַריין אַ שטעכיק שנייעלע, נאָר זי
פילט דאָס נישט. שווער און נידערגעשלאָגן הייבט זי זיך אויף אויף או־
ריצקע־גאַס. מיט אַ מאָל דערפילט זי עפּעס אַ מאָדנע שוואַכקייט אין די
פיס. די קניען ציטערן קאָנווולסיוו, ווי בשעת מען גייט אַרויס פון אַ הייַ־
סער וואַנע אויף דעם קאַלטן צעמענט. זי שלייכט זיך צו צו אַ פרעמדער

* אַ נאָמען פון אַ כישוף־מאַכערין אין די רוסישע פאָלקס־מעשהלעך.

פאַראַדנע און שפּאַרט זיך אָן אין דער פּייכטער טיר. אירע אויגן מאַכן זיך צו פון זיך אַליין און — זי איז גאָר אין במעלניק...

...זי איז אַלט אַ יאָר צוועלף — דרייצן... ס'איז שמחת־תורה פאַר נאַכט... אַ האַלבער הימל איז פאַרווינט און אַ האַלבער לייטערט זיך בלומרשט... די סוכה, הינטער דעם פענצטער, האָט שוין אַ פּנים פון אַ חורבה, פון אַ פּאַסטעכער־ביידל... אָבער וועמען גייט איצט אָן דער דרויסן? ביי זיי אין שטוב איז איצט אַ „קידוש״, דער פּאָטער האָט פאַרבעטן די „חברה־קדישא״ אויף „קראַפּן״, זאָגנדיק צו זיי בשעת־מעשה בדרך־הלצה:

— בעסער זאָל איך אַרומפּאַראַדקעווען אַרום אייך, איידער איר אַרום מיר...

די געפּוצטע פּאָדלאָגע זעט שוין אויס ווי אין אַ פערדשטאַל, אָבער ווער קוקט זיך אום שמחת־תורה אויף אַזעלכע שטותים? הלמאי די בעטן זענען אָפּגערוקט פון די ערטער און צעטאַפּטשעט, אַז ס'איז אַ חרפּה פאַר לייטן... הלמאי אַלץ אין די שאַפעס איז איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף... דאָס האָבן אַזוי די „חברה־לייט״ געזוכט און גע־נישטערט באַהאַלטענעם לעקעך און בראָנפן, כאָטש קיינער קען שוין נישט אויפעסן די מאכלים, וואָס זענען אָנגעשטעלט אויפן טיש. אָבער שמחת־תורה איז נישטאָ קיין קשיות, שמחת־תורה מעג מען אַלץ! שמחת־תורה, אַז ס'איז אין שטוב אָן אָרדענונג, איז עס אַ חילול יום־טוב, ווייל שמחת־תורה איז הותרה הרצועה... הלמאי איינער פון די ייִנגערע „חברה־לייט״, אַ לאַנגער מיט אַ געלער באָרד, האָט זי אָנגעכאַפּט און אָוועקגעזעצט ביי זיך אויף דער קני. ווען דאָס איז אין אַ פּראָסטן טאָג, און אַ „טויטער ייִד״ רירט זיך צו צו איר, וואָלט זי מן הסתם געחלשט אויפן אָרט, אָבער שמחת־תורה און דערצו נאָך ביי זיך אין שטוב פילט זי גאָר קיין פּחד נישט, זיצט זי אויף דער קני ביים געלן „חברה־מאַן״ און הערט זיך צו צו דער דרשה, וואָס עס האַלט דער יושב־ראש פון דער חברה־קדישא — דער אַלטער ר׳ נחום־לייבעש „קטונתי״. פון דער גאַנץ גרויסער, שכורער דרשה, האָט זי כמעט גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר געציילטע עטלעכע ווער־טער געדענקט זי עד היום. זי ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס, נאָר אָט די שכורע מימרא ליגט איר אין זכרון:

— „...אַ מענטש איז פול מיט חוצפה... ער טרעט אויף דער ערד מיטן גאַנצן כח... די ערד איז סבלנותדיק, זי שווייגט... איר געדולד דויערט אַ מאָל אפילו הונדערט יאָר, זי שווייגט, אָבער... אָבער זי שענקט נישט... סוף כל סוף איז זי זיך נוקם פאַר איר כבוד... זי קריכט אַרויף אויף דעם מענטשן און דעקט אים צו לעולם ועד... קיין אייביקע זאַך איז נישטאָ... אדם יסודו מעפר וסופו לעפר... ווי זאָגט ער דאָרט דער חול־המועד סוכותדיקער: דור הולך ודור בא, נאָר — והארץ לעולם עומדת״...

איבער פּאָלים לייב גייט דורך אַ שוידער. זי עפנט אויף די אויגן: דער שניי שיט ווי פון אַ זאַק, אַ נאַסער, אַ קלעפּיקער. זי איז שוין דורכ־גענעצט ווי אַ הון. זי לאָזט זיך מעכאַניש גיין אַהיים און טראַכט שווער:

— שוין זשע האָט זיך ביי איר שוין אָנגעהויבן אָט דער וויסטער „סוף כל סוף"?

זי ווישט אָפּ מיטן נאָסן אַרבל דעם שטערן, „כמעלניק" ווערט צעראָנען ווי אַ דמיון, און אירע געדאַנקען קערן זיך צוריק אום צו „לעבעדיקע ענינים":

— ...איצט ווייסט זי שוין, פאַר וואָס עס האָבן שלמהן נישט גערירט אירע רייד. איי־איי־איי!... ווי אַזוי האָט זי דאָס באַלד פון אָנהייב נישט פאַרשטאַנען? דאָס איז דאָך אַזוי נאַטירלעך. זי האָט אין אירע רייד נישט גענומען דעם ריכטיקן טאָן. אירע רייד האָבן געקלונגען מיט תרעומות, מיט אַ ירגזון: „סטייטש"? „ווי קומט דאָס"? „ווי איז דען אַזוינס מעגלעך"?... ניין, נישט מיט דעם טאָן האָט זי זיך געדאַרפט באַנוצן. נאָך אַזאַ היפּשן ריס, ווי צווישן זיי איז פאָרגעקומען, האָט זי אים נישט געדאַרפט געבן צו פאַרשטיין, אַז ער טאָר גאָרנישט זיין ברוגז, אַזוי ווי זי האָט טאַקע געטון. זי האָט געדאַרפט מער אָנווענדן ווייכקייט, פרוויאישקייט. אפילו בעטן... יאָ, בעטן... אַז מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער. אין לעבן קומט אוים אַ מאָל בעטן אויך. וואָס זאָל מען טון? אודאי, אודאי, איידער איצט צו בעטן, איז שוין גלייכער געווען ענטפערן „יאָ" אין טערמין. אודאי, איידער בעטן, האָט זי בעסער געקענט זיך זעצן ווי אַ פּרינצעסין דאַמאָלסט אין דעם אויטאָ, קיין קאָראָסטעשעוו. ווען זי גיט דאַמאָלסט איין ווונק וואָלטן אַלע געווען מיט אָפּשיי אַרויסגעגאַנגען, איר אָפּגעטראָטן איר געזעצלעך אָרט. סעסיל פּעטראָוונאַ וואָלט געווען באַקומען די אַפּאָפּלעקסיע אויפן אָרט... שלענג וואָלטן געווען צעגעסן איר לייב... אַזאַ מרשעת ווי זי איז! איי, האָט איר דאַמאָלסט אַוראַם געזאָגט: „פּאָלי, פאַרליר נישט דיין גליק איבער אַ נאַרישער אַמביציע". נו, גיי רעד, אַז זי איז געווען אַזוי פאַרבלענדעט. שלעכט פאַרכשופט. דאַכט זיך, ווי שלמה האָט עס אַפּעלירט צו איר געוויסן. דעם גאַנצן אויפדערנאַכט איז יעדעס וואָרט, יעדער אַקאָרד געווען געווענדעט נאָר צו איר איינער: „זאָל שוין זיין גענוג, עס גייט באַלד אָפּ דער צוג", Рыдала я, забытая тобою* צי אַ שטייגער: „ווי אַזוי איר וועט פּאָזירן, אַזוי וועט איר אויסזען". אַך, אָט דער זכרון! ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון אָט דעם וויסטן זכרון?... צום לערנען האָט זי גאָרנישט אַזאַ גוואַלדיקן זכרון, ווי צו שלמהס ווערטער. און וואָס? וואָס גיט עס דען? עס גיט דען עפּעס? וואָס געווען — איז פאַרפאַלן! צוריק כאַפּן דעם נעכטיקן טאָג — קען מען נישט. מען דאַרף איצט וואַרטן אויף נאָך אַ באַגעגעניש, און דאַמאָלסט שוין בעטן ביי אים, אויפוועקן ביי אים פּשוט רחמנות צו זיין פאַרבלאָנדזעט שעפעלע. זי האָט זיך גאָר קיין מאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז זי האָט שלמהן אַזוי לײדנשאַפטלעך ליב, אַז זי וועט אַ מאָל קיילעכדיקע מעת־לעתן טראַכטן נאָר פון אים. עס איז נאָך גוט, וואָס זי איז דאַמאָלסט נישט צוגע־

---

* „האָב איך געוויינט, אַ פאַרגעסענע פון דיר".

פּאָרן אויף סאָלאָמינקע. זי וואָלט נישט געווען איבערגעטראָגן דעם בזיון מיט דער חרפה. איצט גיי וואַרט אויף אַ צופאַל פון אַ נייער באַגעגעניש. וואַרט אין מיטן ים אויף אַ גוט וועטער. עס קען דויערן אַ יאָר און אויך דריי.

*

צום סוף האָט נישט געדויערט קיין יאָר און אפילו קיין צוויי וואָכן אויך נישט.

דאָס האָט געטראָפן אַ טאָג צען, צוועלף נאָך זייער באַגעגעניש אין גאַסטראָנאָם. אַכט אַ זייגער אין דער פרי איז פּאָלי געשטאַנען מיטן פּאָרט־פעל ביכער אונטערן אָרעם אויף בולוואַר שעווטשענקאָ און האָט געוואַרט אויף אַ טראַמוויי נומער זיבן, כדי צו פאָרן אין אינסטיטוט אַריין. ווי אויף צו להכעיס, — דווקא ווייל די ערשטע לעקציע איז דאָס מאָל געווען מאַטעמאַטיק, אויף וועלכער זי איז אַזוי שוואַך, אַזוי שוואַך — שפּעטיקט דער טראַמוויי. אַלע נומערן גייען נאָרמאַל, און דער — אַזוי ווי אויף צע־פּיקעניש. די ריי איז זיך שוין צעוואַקסן אויף דריי רייען, מען שטייט שוין נישט אין אָרדענונג. עס וועט שוין זיין אַז אָך און ווײ, אפילו אַז ער וועט שוין אָנקומען. עס וועט זיך טון שידער־געלויף. אינטערעסאַנט, וואָס גרו־פירט זיך דאָרט פאַר אַ רעדל אין קאָפּ פון דער ריי?

זי גייט צו נעענטער און דערהערט גוטע נייעס: אויף יעוובאַז האָבן זיך גאַנץ ערנסט „צעבוצקעט" צוויי טראַמוויי־וואַגאָנען, אַ נומער זיבן מיט אַ נומער דרייצן. עס איז דאָרט אַ קאַטאַסטראָפע, דערציילט מען, נישט אויף איין שעה. דער עולם הייבט זיך אָן צעגיין. ווען עס איז נישט ווייט, דער גייט אַוועק צו פוס. וועמען עס איז יאָ ווייט, דער לייגט אָפּ די נסיעה אויף שפּעטער. שלעכט, וואָס טוט מען? פּאָלי קוקט זיך אַרום פאַרלוירן, און מיט אַ פאַרקילט האַרץ באַמערקט זי, ווי שלמה קומט אָן פון בעסאַראַבקע, צעפּרעגט זיך ביים עולם, וואָס איז מיטן נומער זיבן, און געוואויר ווערנדיק פון יעוובאַזער „ויתרוצצו", גייט ער צו צו אַ פּריוואַטן אויטאָ, וואָס שטייט ביים ראָג. זי זעט, שלמה באַצאָלט דעם שאָפער אַ דרייסיקער און עפנט דאָס טירל. כאָטש זי ווייסט נישט, אין וועלכער ריכטונג שלמה דאַרף פאָרן, לאָזט זי זיך לויפן צום אויטאָ. נאָר נישט אָנוווערן! איר איז שוין אַלץ איינס, אין וועלכער ריכטונג עס איז, אַבי זי האָט אים ווידער. זי לויפט צו, ווען שלמה זיצט שוין אין אויטאָ, זי כאַפּט אָן דאָס טירל:

— איך דאַרף אין אינסטיטוט אַריין, אפשר פירט איר מיך אונטער?

שלמה גייט אַרויס פון אויטאָ, לאָזט זי העפלעך דורך פאַר זיך, זאָגט אָן דעם שאָפער, אַז ער זאָל זיך אָפּשטעלן ביים מאַשינבוי־אינסטיטוט, און פאַרקלאַפּט דאָס טירל. דער אויטאָ רירט פון אָרט, און ערשט דאָ באַ־מערקט פּאָלי, אַז שלמה האָט זיך נישט געזעצט. זי וויל שרייען צום שאָ־פער ער זאָל אָפּשטעלן דעם אויטאָ, נאָר אַ קנויל שטעקט איר אין האַלדז,

זי קען נישט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. זי דערפילט מיט אַ מאָל אַ מאָדנע שוואַכקייט אין גאַנצן אָרגאַניזם. זי פאַרמאַכט די אויגן און פילט, אַז עס איז איר ביטער, שטאַרק ביטער, זייער ביטער, ס׳איז איר נאָך קיין מאָל אַזוי שלעכט נישט געווען ווי איצט. דאָס הייסט שוין אַ נישט צוויי־דייטיקער שפּיי אין פּנים. ער ווייכט זי ווי אַ קרעציקע. ער קען נישט איבערטראָגן איר נאָענטקייט. גוואַלד, ווער האָט זיך געריכט, אַז עס קען אַזוי ווייט פאַרגיין? אַז ער זאָל זי אַזוי טיף פאַרהאַסן?... פאַר וואָס קומט עס איר? פאַר וואָס?

עמעצער וועקט זי. זי עפנט די אויגן. דער שאָפער רעדט צו איר עפּעס. זי שטרענגט אָן די שמיעה, זי באַמיט זיך צו פאַרשטיין, וואָס זאָגט ער? ער זאָגט:

— איר דאַרפט דאָך אין מאַשינבוי־אינסטיטוט? דאָ האָט איר אים.

זי כאַפּט אַ קוק דורכן פענצטערל: אָך, יאָ. ס׳איז טאַקע אמת. זיי שטייען ביי דער סאַמע פאַראַדנע. זי אַנטשולדיקט זיך:

— איר פאָרט אַזוי גיך, אַז איך האָב גאָרנישט באַמערקט.

— איר האָט געמוזט אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן, דערפאַר זענט איר אַזוי לייכט איינגעשלאָפן. און ווו איז דער יונגערמאַן, וואָס האָט מיך געדונגען? ער איז דען נישט געפאָרן?

— איר האָט דען נישט געזען, ווי מען האָט אים אוועקגערופן? ער האָט געמוזט איבערבלייבן.

דער שאָפער גיט אומגלייביק אַ דריי מיטן קאָפּ, זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט און פאָרט אָפּ. פּאָלי שפּאַרט זיך אָנמעכטיק אָן אין דער מאַרמאָרנער זייל, און דערפילט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, אַז שטאַרבן איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטע זאַך, און אפשר גאָר אַ גוטע?...

קאפיטל III

עס זענען פאריבער דריי טעג און נאָך זעקס טעג. פאַלי האָט גע־פילט, אַז עס איז איר נמאס דאָס לעבן. אין שטוב האָט זיך שוין איר גרים נישט געהאַלטן. מען האָט אַלע גוט געזען, אַז איר פנים איז שוואַרץ ווי די ערד. זי האָט געפילט, אַז זי מוז עפּעס טון. דאָס פאַרלירן דעם מוט מאַכט זי פאַר אוים מענטש. נאָר אין קאַמף קען זי נאָך האָבן עפּעס אַן אינטערעס.

אין איין פרימאָרגן האָט זי זיך באַשלאָסן, נישט גענומען די ביכער מיט זיך און איז אַוועק פון דער שטוב. דעם אינסטיטוט האָט זי דעם טאָג מפקיר געווען, און אָנשטאָט צום נומער זיבן, איז זי אַוועק צום נו־מער איינס. זי איז צוגעפאָרן ביזן ראָג פון קאַראַוואַיעווסקע און באַל־שאַיאַ־וואַסילקאָווסקע און האָט זיך געלאָזט גיין באַרג אַראָפּ, אין דער ריכטונג פון קופּעטשעסקע־שול. דער זייגער האָט געוויזן די צענטע שעה. זי האָט געוווסט, אַז אין דער צייט דאַווענט דאָ מנשה כאַדראַוו, אויב ער האָט נאָר צופעליק נישט אָפּגעדאַווענט אויף סאַלאָמינקע. זי האָט אַ ביסל אונטערגעוואַרט אין אַ פאַראַדנע, ביז זי האָט דערזען אַרויסגיין פון שול־הויף עפּעס אַ פרעמדן יידן. יענער איז זיך געגאַנגען געלאַסן מיט אַ היפּשן טלית און תפילין אונטערן אָרעם. זי האָט אים איבערגעשניטן דעם וועג און אַנטשולדיקנדיק זיך, געפרעגט:

— זאָגט מיר, פעטער, מנשה דעם רב, וואָס ווינט אויף סאַלאָמינ־קע, קענט איר? ער איז אַ געלער אַזאַ, און אַ הויכער אַ ביסל...

— וואָס דערציילט איר מיר מנשהן? אַ שאלה, צי איך קען מנשהן?

— ער איז איצט דאָ אין שול?

— ער האָט זיך נאָר וואָס געשטעלט דאַווענען, נאָר ער האַלט נאָך פאַר „ברוך שאמר", אויב איר ווילט קען איך אים אייך אַרויסרופן.

דאָס האַרץ האָט זיך אין איר אַ וואַרף געטון פאַר פרייד:

— געטראָפן פון דעסט וועגן! נו, דאָס איז שוין עפּעס אַ שטיקל סימן...

און צו דעם יידן זאָגט זי:

— ניין, פעטער, אַ דאַנק. מען דאַרף אים נישט רופן. איך וועל אַריינגיין צו אים אַהינצו.

— ווי איר ווילט אייך, איך האָב אייך געוואָלט פאַרשפּאָרן...

— כ'ווייס... עס איז זייער לייטיש פון אייער זייט. אַ גרויסן דאַנק אייך.

זי לאָזט זיך כלומרשט גיין אין שול אַריין און ווען דער ייד פאַר־שווינדט, קערט זי זיך אום אין „איר" פאַראַדנע און וואַרט. זי ווייסט גאַנץ גוט, וואָס עס הייסט אויסוואַרטן, אויב מנשה האָט זיך ערשט גע־שטעלט דאַווענען. דאָס איז אַ מעשה ביז מאָרגן... און וואָס טוט מען גאָר.

טאָמער גייט ער גראָד אַרויס נאָך מיט עמעצן? נאָר אַן אַנדער ברירה האָט זי? און ווידער, וואָס האָט זי דען עפּעס אַנדערש צו טון? זי האָט געגנוג פרייע צייט. נאָך צו פיל פרייע צייט. אין אינסטיטוט גייט זי שוין היינט במילא נישט, מעג זי וואַרטן. דער אינסטיטוט האָט זיך געמעגט אָנצינדן פון אַלע פיר עקן, נאָך איידער זי האָט אים דערקענט, וואָלט זי איצט פאַרשפּאָרט דאָ צו שטיין ווי אַ גנבטע און אַרויסקוקן דורך אַ שפּאַרונע.

זי שטייט אַ האַלבע שעה, אַ גאַנצע שעה, אַנדערטהאַלבן שעה... גאָטעניו! ווי דאַוונט מען עס אַזוי לאַנג? פאַר דעם צייט וואָס זי שטייט דאָ, איז אַרויסגעגאַנגען פון שול ר' אברהם שאַרפשטיין, אפרים־אהרונס שכן, נאָך עפּעס איינער אַן עלטערער מענטש מיט פּאָקן אויפן פּנים, אויך אַ סאָלאָמינקער. זי האָט אים אַ פּאָר מאָל געזען ביי די פּיאַטיגאָרסקים, נאָר זיין נאָמען ווייסט זי נישט. עס איז אַרויסגעגאַנגען פונעם דאַווענען אַדלער, שלמהס חבר מיט נאָך איינעם, וואָס זי קען אים נישט. ענדלעך, — ער גייט. דאָס האַרץ האָט זיך אַזש אין איר אַ וואָרף געטון... ער גייט מיט נאָך עמעצן? ניין, דאַנקען גאָט, אַליין. אַ גרויסער דאַנק גאָט! איצט זעט זי באַשיינפּערלעך, אַז מען העלפט איר צו. אַך, ווען גאָט העלפט! אַך, ווען גאָט העלפט! מנשה איז ביי שלמהן דער ערשטער דעה־זאָגער. גוואַלד! וואָס שטייט ער אַזוי לאַנג ביים טויער? אַ מאָדנער מענטש! קוים וואָס זי האַלט זיך שוין אויף די פיס, איז אים איצט אָנגעקומען שנייצן די נאָז, רייניקן די אויערן, צובינדן די שיך. נו, נו, אַ נודניק. שטענדיק איז ביי אים גלייך. נו, דאַנקען גאָט! די שיך האָט גערירט. איצט, פּאָלי, זיי פּאָרזיכטיק. ער דאַרף מיינען, אַז דאָס איז אַ צופעליקע באַגעגעניש, נישט אַנדערש. אַז נישט, פאַרלירט זיך דער גאַנצער עפעקט.

זי לאָזט אים דורך פאָרויס אויף גאַנצע צען טריט, גייט אַרויס פון איר באַהעלטעניש און שרייט אים נאָך:

— חבר כּאָדראָוו... חבר כּאָדראָוו...

מנשה דרייט זיך אויס:

— האַ, פּאָליאַ...

ער שטעלט זיך אָפּ און וואַרט אויס אויף איר. זי גלייכט זיך אויס מיט אים. זיי באַגריסן זיך, קוקן זיך אָן אַ ווײַלע.

— איר גייט אַזוי גיך, אַז עס איז אייך נישט מעגלעך אָנצויאָגן. פונעם ראָג אָן, אַז איך רוף אייך.

מנשה, אָנשטאָט אָן ענטפער, גיט אַ גאָרנישט־באַדייטנדיקן ברום.

— מנשה, איך וויל אייך עפּעס פרעגן. מען מעג?

— מיטן גרעסטן כבוד, נאָר נישט דאָ, דאָ גייען סאַמע היימישע מענטשן. קומט אַריין אָט דאָ אונטן אין אַלטן סטאַדיאָן.

— אָט דאָס זאָגט איר דווקא גלייך.

— דווקא? און ווען האָב איך דאָס שוין געפּרווט זאָגן נישט גלייך?

זיי באַגעגענען זיך מיט די בליקן און צעלאַכן זיך.

דאָס טירל אין סטאַדיאָן אַריין איז פֿאַרשלאָסן, נאָר דער פּלויט איז האַלב צעבראָכן, און זיי גייען אַריין גלייך אין צענטער. דער קילאָמעטער־דיקער שטח איז ווינטערדיק פּוסט, די בענק גלאַט אויסגעבעט מיט שניי, ווי אַ הסבה־בעט. די זון טוקט זיך אין גרינגע, ווייסע וואָלקנדלעך און דאָס שפּיל אין באַהעלטעניש פֿון די שטיפֿנדיקע שטראַלן מאַכט עפּעס פֿריילעך אויפֿן האַרצן, בינדט אויף די צונג ביי מענטשן, לאָזט נישט שווייגן.

— איז וויל איך אייך מנשה עפּעס פֿרעגן —

— אפֿשר מעג איך פֿריער זאָגן געציילטע צוויי ווערטער?

— מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן, אפֿילו אויך צוויי און צוואַנציק.

— איר זענט דאָך עפּעס אַ קלוג מיידל...

— לויט ווי דער חשבון ווייזט, איז נישט אַזוי די מעשה...

— נו, איר אויף זיך מעגט זאָגן, וואָס איר ווילט... יאָ, קענגן וואָס זשע האָב איך דאָס געזאָגט? אַ־האַ, יאָ! איך זאָג עס קעגן דעם, אַז דאָס צווייטע מאָל, ווען עס וועט אייך אויסקומען עמעצן טשאַטעווען בשעת ער גייט אַרויס פֿון דער שול, זאָלט איר אייך שוין אויסקלייבן אַ ווייטערע פֿאַראַדנע...

פֿאָלי גיט זיך אַ וואַקל אויף די פֿיס, ווי פֿון אַ מעכטיקן שטויס אין דער ברוסט, נאָר מנשה איז גאָר פֿאַרטיפֿט אין זיינעם. ער רעדט געלאַסן, ווי איינער ציילט פּערל:

— ווי איך בין נאָר אַראָפּגעגאַנגען פֿון די טרעפּ, האָב איך אייך גלייך אין דער זעלבער רגע באַמערקט. אַז מען באַהאַלט זיך שוין יאָ, דאַרף מען עס שוין טון ווי עס געהער צו זיין. באַלד נאָך מיר האָט גע־דאַרפֿט אַרויסגיין דער פֿעטער שלום. אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון שול, האָט ער שוין צונויפֿגעלייגט דעם טלית. און ער וואָלט אייך אויך זיכער געוווען באַמערקט. ער האָט אַ גוטע ראיה, דער אַלטער. וואָס זשע פֿאַר אַ פּנים וואָלט דאָס געהאַט? איר זענט דאָך אַ בכבודיק מיידל... נישט אַבי ווער, נאָר אונדזער יאַנים אַ קינד...

ביי פֿאָלין זענען די אויגן פֿול מיט טרערן פֿאַר שאַנדע, פֿאַר ווייטיק. מנשה זאָגט נישט קיין מוסר. ער מאַכט נאָר אַ באַמערקונג, ווי אַ ברודער, ווי אַ פֿאָטער, כמעט ווי אַ געליבטער.

— איצט, פֿאָלי, קענט איר זאָגן אייערס. וואָס האָט איר געוואָלט פֿרעגן?

— איר שטעלט זיך מן־הסתם אַליין פֿאָר, איך פֿאַרשפּאָר צו זאָגן.

— איך מעג מיר פֿאַרשטיין, דאָס איז מיין זאַך. אָבער איר דאַרפֿט זאָגן, וואָס פֿעלט אייך?

— שלמה פֿעלט מיר! גיט מיר אָפּ מיין שלמהן! גיט אים מיר אָפּ, ווייל איך קען אָן אים נישט לעבן...

מנשה האָט מן הצד אַ קוק געטון אויף זיין בת־לוויה:

— הזאת נעמי?

און אויפן קול האט ער געזאגט:
— קורץ און שארף — און דווקא אן א יורידישן פאקולטעט.
— איר האט מיר נישט געדארפט דערמאנען דעם יורידישן פאקול־טעט.
— עס קען זיין... עס קען זיין... אנטשולדיקט. איך האב אייך דער־מיט נישט געוואלט פארשאפן קיין שמערצן. יא, נאר זאגט מיר אזא זאך, איר האט זיך צופעליק נישט טועה געווען אין דעם אדרעס? במה כחי גדול, איך וויל זאגן —
— איך פארשטיי, איך פארשטיי... אזוינע שווערע טייטשווערטער ווי „כח" און „גדול" פארשטיי איך נאך אויך...
— איז דאך אודאי גוט... איך פרעג פאר וואס ווענדעט איר זיך פלוצלינג צו מיר?
— איר זענט נישט קיין יינגעלע, און פארשטייט אליין גאנץ גוט, פאר וואס... ווייל מענדל פערלאוו איז ביי מאניען מיניסטער פאר אינערן־ענינים...
— אה, ווייל מענדל פערלאוו... מהם... פארשטענדלעך, פארשטענד־לעך... איז וואס זשע ווילט איר הייסט עס, איך זאל נעמען אגיטירן שלמהן, אז ער זאל זיך אומקערן צו פאלי טולטשינסקי?
— איך דארף אייך נישט לערנען וואס צו טון, איר קענט זיך אליין אן עצה געבן.
— זאגט מיר, פאלי, וואס עס הייסט אזוינס א משל, ווייסט איר?
— פאר וואס זאל איך נישט וויסן? איר האלט מיך א פנים פאר א גאנצער גויע?
— פאר וואס טראכט איר אזוי? איך וויס, אז איר זענט נאר א האל־בע גויע... איז ווייסט איר יא, הייסט עס, וואס עס איז אזוינס א „משל". טא הערט זשע, וועל איך אייך דערציילן א משל, איר איילט זיך נישט?
— איך האב צייט, אפילו ביז נאכט.
— אויב אזוי, איז גוט. טא הערט זשע: א מאל — א מאל האט אן ענגלישע משפחה לארדן זיך געזעצט אויף א שיף און האט זיך אוועקגע־לאזט ארומרייזן די וועלט. מיט איין ווארט, ראבינזאנס, איר פארשטייט מיך?
— דערווייל איז נאך נישטא וואס צו פארשטיין.
— גערעכט, פאלי, דערווייל איז נאך נישטא וואס צו פארשטיין. על־כן פארן זיי און פארן, פארן זיי און פארן... הלוך ונסוע, ים־איין, ים־אויס, אקעאן־איין, אקעאן־אויס, ביז זיי זענען געקומען אין אינדישן אקעאן. מן־הסתם ווייסט איר דאך, אז א גאנץ קיילעכדיק יאר זענען דארטן שביח שטארקע שטורעמס. איר האט געלערנט געאגראפיע?
— נו, נו, שלאגט זיך אליין נישט איבער, דערציילט, דערציילט. אז איר וועט זיך אנהייבן אפשטעלן ביי יעדן ווארט, וועט איר היינט אייער משל נישט פארענדיקן.

— אויך גערעכט, וואָס אמת איז אמת. בקיצור, ווי עס פירט זיך: אַ שטורעם, אַ בראָך און די שיף איז אונטערגעגאַנגען. אַלע געליטענע האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען אין איין און איינציק רעטונגסשיפל. די גאַנצע משפחה לאָרדן האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם און האָט זיך געלאָזט שווימען, וווהין גאָט וועט הייסן. די לאָרדן, פאַרשטייט איר דאָך, זענען געווען הונגעריקע, דאָרשטיקע, פאַרברענטע און פאַרסמאַליעטע פון דער עקוואַטאָריאַלער זון. ערשט אין עטלעכע טעג אַרום, האָט עס זייער שיפל צוגעשלאָגן צו אַן אינדזל, וועלכעס איז געווען באַווױנט פון אַ שבט פראים. איינער פון די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע שבטים אין יענעם לאַנד. אויף פּראָסט יידיש הייסט עס, מענטשן-פרעסער. נו, פאַרשטייט איר דאָך אַליין דעם יאָמער מיט דער קלאָג פון די אומגליקלעכע דזשענטלמענער. מען האָט זיי בכבוד גדול געבונדן די הענט מיט די פיס און רציחהדיק אַריינ-געוואָרפן אין די שטאַרגן. איידער מען האָט זיי גענומען צום אָפּפּרעגלען, איז דער אַטאַמאַן פון דעם שבט, מיט זיין גאַנצער כאַפּטע ווייבער און קינדער זיך דורכגעגאַנגען אָנקוקן די געפאַנגענע. דאַרף זיך טרעפן, אַז אַ יונגער לאָרד, דער סאַמע שענסטער און וויכטיקסטער פון דער גאַנצער משפחה, ווערט געפעלן דעם פירערס עלטסטער טאָכטער, און זי זאָגט גלייך וועגן דעם איר פאָטער. דער פאָטער אירער איז געווען בטבע אַ גוט-טער, הייסט ער, מען זאָל איר אָפּגעבן אָט די ווייסע מאַלפּע. זאָגט אָבער דער לאָרד: לא מיט אַן אלף. אָן זיינע עלטערן און אַלע געראַטעוועטע פון דער שיף, וויל ער נישט לעבן. אַלץ איינס וועט ער זיך אַליין קוילען. איינס פון דיביידע: אָדער אַלע — אָדער קיינער נישט. דערהערט דער פירער אַזעלכע דיבורים, גיט ער זיך שוין אַ קרום: ס'איז נישט באַקוועם פאַר די זעלנער. ער איז טאַקע אַן עלטסטער, אָבער אַלע זענען הונגעריק. און דאָ — אַ ווייסער אָנבייסן... לאָזט אָבער די טאָכטער אַ טרער, אַ מזיק אַ מיידל געווען, און מאַכט אויף אַ מינוטקעלע אַ פלעביסציט צווישן די סאָלדאַטן. — איר ווייסט מן-הסתם וואָס דאָס הייסט? אַ מין שאלה ותשו-בה... בקיצור — אַלע זענען מוותר אויף זייער חלק. ווער וועט דאָס גיין קעגן דעם פירערס ליבלינג? אהער, אהין — זי האָט געפועלט! מען נעמט זיי אַלע אַרויס פון די שטאַרגן און מען פירט זיי בשעה טובה ומוצלחת. מיט פויקן און מיט טענץ אין קייזערלעכן הויף אַריין. די לאָרדן זענען אי פרייליך, אי טרויעריק. אמת טאַקע, צו בלייבן לעבן איז אַ יצר-הרע, אָבער אַז זייער וועלט-באַרימטער אַנטאָני זאָל זיך דאַרפן אַראָפּלאָזן צו אָט דער ווילדער קראַסאַוויצע, וואָס האָט אויף איר לעבן קיין זייגערל נישט געזען, איז זיי אַ גרויסער ווייטיק. אָבער ווידער צוריק, זיי האָבן דען אַ ברירה? אויפגעגעסן צו ווערן איז בעסער? און וואָס נאָך, זיי זעען, אַז זייער אַנ-טאָני איז אויך נישט אויף קאַטאָוועס פאַרכאַפּט געוואָרן פון אָט דער בראָנדזעווער פּרינצעסין... מילא, וואָס קען מען העלפן? זאָל כאַטש דאָס קינד הנאה האָבן.

יאָרן לויפן, יאָרן פליען, און אַנטאָני איז נאָך אַלץ נאָענט מיט זיין

זעלטענער קראַסאַוויצע. קומט אונטער אַ יום־טוב, נעמען זיך צונויף די „ווייסע מאַלפּעס", מען דערמאָנט דעם בוקהינגאַמער פּאַלאַץ, די קעניג־לעכע לאָזשע, די בלויע דריי־שטאָקיקע יאַכטע,* וואָס זיי האָבן פאַר־לוירן בשעת דער קאַטאַסטראָפע. אַנטאָני הערט זיך איין אין די פאַר־בענקטע זכרונות און עס גיט אים אויך אַ צי קיין לאָנדאָן, צו זיין ווייסער כלה, וואָס ער האָט דאָרט געלאָזט. אָבער וואָס קען ער העלפן? אמת, דער כשוף פון זיין ברוינער פאַנגערין איז שוין נישט דער זעלבער, וואָס אין דער ערשטער צייט, אָבער קיין ברירה איז דאָך אַלץ איינס נישטאָ. דאָס דאָזיקע פאַרוואָרפענע אינדזל שטייט ווייט פאַררוקט פון די „אויסגעפאָ־רענע" וועגן, פון די ים־טראַקטן. פאַר אַזוי פיל יאָרן האָבן זיי נאָך קיין איין מאָל נישט באַמערקט קיין סימן פון קיין זעגל, קיין דמיון פון קיין מאַסטבוים. וווהין מען וואַרפט נישט מיט קיין אויג זענען זיי אַרומגע־רינגלט בלויז פון הימל און וואַסער און טויזנטער הונגעריקע אויגן פון פיינטלעכע מענטשן־פרעסערס. זייער טורמע איז במילא סגור ומסוגר אויף זיבן שלעסער, און די אינדיאַנערין פאַרגעטערט אים. ער — זי, האָט אויך אַ ביסל ליב, ממילא מוז דאָס שוין אַזוי גיין.

עס זענען פאַריבער צען יאָר, זינט די צעשטורעמטע כוואַליעס האָבן צוגעשלאָגן דאָס שיפל צום ברעג פונעם אינדזל, און פּלוצלינג איז געשען אַ נס. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָבן זיך אונדזערע לאָרדן אויפגעכאַפּט פון שלאָף פון אַ האַרמאַטן־שיסעריי. זיי האָבן נישט געגלייבט זייערע אויערן: אויף זייער אינדזל — האַרמאַטן? זיי זענען אַרויס צום ברעג און האָבן דערזען, אַז אַן עסקאַדרע ענגלישע מיליטער־שיפן זענען צוגעשטאַ־נען צום ברעג. זיי זענען אויף גיך צוגעלאָפן, האָבן זיך געלאָזט דערקע־נען און דערציילט פון זייער אומגליק. דער אַדמיראַל האָט זיך שטאַרק דערפרייט, וואָס ער האָט די מעגלעכקייט אומצוקערן זיין פאַטערלאַנד אַזאַ שווערע אבידה, און האָט גלייך איינגעאָרדנט די חשובע געסט אין די שענסטע קופּעען פון זיין פלאַטיליע. ווען אַלע ווייסע זענען שוין געווען אויף דער שיף און מען האָט שוין געוואָלט אויפהייבן דאָס בריקל, וואָס פאַרבינדט די שיף מיט דער יבשה, איז געקומען צו לויפן די ברוינע קראַ־סאַוויצע מיט איר פעקל קרעלן און פעדערן, זי האָט געגעבן אַ פאַל אַנ־טאָנין צו די פיס:

— נעם מיך מיט, איך קען אָן דיר נישט לעבן...

אַלע געוועזענע געפאַנגענע קוקן זיך טרויעריק איבער. פאַר זייערע אויגן שוועבט שוין לאָנדאָן, די טעמזע, דער לאַמאַנש, און פון דער דאָ־זיקער בריאה טראָגט מיט אינדיש אָקעאַן, מיט אינדזל, מיט מענטשנ־פלייש. אַנטאָני קוקט מיט מיטלייד אויף דעם אָביעקט, וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן ליב געהאַט, אָבער ווי אַזוי גיט מען איר צו פאַרשטיין, אַז דאָס

---

* יאַכטע — אַ טיפּ שיף, וואָס איז צוגעפּאַסט נאָר אויף לוסטרייזעס, אויף נישט זייער ווייטע שטרעקעס.

זענען ביי אים געווען גלות־יאָרן; די געפילן, וואָס ער האָט איר גע־שענקט — פּרימיטיווע געפילן; חיהשע אינסטינקטן; און איצט איז פאַר אים ווידער אָפן דער הויף פון זיין מאַיעסטעט, דער ענגלישער קעניג... ער שטייט אָן לשון און קוקט זי נאָר אָן. דאַן האָט זיך אויפגעהויבן איי־נער פון די לאָרדן, אַנטאָנים אַן עלטער־געשוועסטערקינד, ער איז צוגעגאַנ־גען צו דער אינדיאַנקע, האָט זי געבעטן זיך אויפשטעלן, אויסווישן די אויגן, און האָט צו איר הארציק געזאָגט:

— דו קעניגלעכע טאָכטער, דו קינד פון דער נאַטור, וואָס פאַרגיס־טו אזוי פיל טרערן? קער זיך אום צו דיין פאָטער, ער וועט פאַר דיר אויס־זוכן אַ פּרינץ פון דיינס גלייכן, אויך מיט פעדערן און אויך מיט קרעלן, און נאָך מיט אַ רינגעלע אין דער נאָז... יענער וועט דיך פאַרשטיין און דו — אים. אָבער אַנטאָני איז נישט פאַר דיר, ער איז גאָר, גאָר פון אַן אַנדער וועלט. אַנטאָני איז געווען אַ חלום און אַ חלום נעמט מען מיט זיך נישט מיט אויפשטייענדיק פון בעט. אַנטאָנין האָט איר, ברוינע, געקענט אויפפרעסן, דאָס — יאָ! אָבער נישט פאַרשטיין אים, ווייל דו און ער — זענט צוויי פאַרשידענע באַשעפענישן. נאָר צען יאָר אומגליק האָבן גע־קענט שאַפן אַזאַ מאָדנע פּאָר, אָבער איצט איז שוין דאָס אומגליק פאַר־ביי. גיי, טאָכטער מיינע, דיין וועג, און לאָז אונדז גיין אונדזער וועג. דו ביסט זייער אַ גוטע, און מיר אַלע ווינטשן דיר גליק. גיי און וויין נישט. קיין חלום באַוויינט מען נישט. אַ חלום פאַרגעסט מען... מען מוז אים פאַרגעסן!...

מנשה איז אַנטשוויגן געוואָרן. פאַלי איז געווען ווייס ווי דער אָרו־מיקער שניי. עטלעכע מינוט זענען זיי געגאַנגען און האָבן געשוויגן. ענד־לעך האָט פאַלי פאַרדומפּן אַרויסגעכריפּעט:

— און איר האַלט, אַז דער משל פּאַסט צו דער געשיכטע?

— ביי אונדז איז דאָ אַ פאָרמולע: אין מקשים באגדה. דאָס הייסט: אויף קיין מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיות. היינט לא כל שכן אויף אַ משל. אַ משל דאַרף נאָר זיין ענלעך....

— און איר זענט זיכער, אַז דער עסקאָרט איז שוין געקומען?

— יאָ, פולשטענדיק זיכער! איך בין אַליין געווען דערביי...

פאַלי באַטראַכט אים פרעגנדיק און מנשה זעצט פאָר געלאַסן:

— יאָ, דער עסקאָרט איז געקומען. דעם זעכצנטן יאַנואַר איז ער געקומען. ביז צוויי אַ זייגער ביי נאַכט איז שלמה אַרומגעגאַנגען אין דרויסן, אַלץ געוואַרט, אַלץ אַרויסגעקוקט, און דאַמאָלסט, ווען ער האָט זיך אויף גאָרנישט דערוואַרט — איז דער עסקאָרט צוגעשטאַנען צום אינדזל...

ביי פאַלין רייסט זיך אַרויס אַ האַרצרייסנדיקער קרעכץ:

— אוי, מנשה, עס איז מיר ביטער ווי דער טויט...

— דאָס איז אויך נישט אמת. עס איז אייך נישט ביטער. פאַר וואָס איז אייך ביטער? איר דאַרפט נישט שלמהן, פונקט ווי שלמה דאַרף אייך

נישט. שלמה קען פינף הונדערט בלאַט גמרא אויף אויסנווייניק, און איר ווייסט אפילו נישט מיט וואָס מען עסט דאָס; שלמה קען תנ״ך אויף אויסנ־ ווייניק, אפילו אַז מען גיט אַ כאַפּ אין מיטן שלאָף, און איר פאַרשטייט אפילו נישט, צו וואָס מען דאַרף דאָס; מיט שלמהס אַ לשון־קודשדיקן בריוו פלעגן זיך גרויסע שרייבער אָרומטראָגן, נאָך בעת ער איז געווען אַ קינד, — נו, פאַר אייך האָט עס עפּעס יאָ אַ ווערט? איר האָט געזען חמשה־עשר באָב יענע גרויסע פאַרזאַמלונג פון חברים און סתם יידן? חוץ הרב ביאַליק קען שלמה בעסער לערנען פון זיי אַלע, — איר האָט דען אפילו אַ געפיל וואָס דאָס הייסט? שלמה איז אַ פרומער ייד ביז גאָר, — נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט זיך אַזוי פיל יאָרן אַרומ־ געפירט מיט אַ מיידל, „געשפּילט אַ ראָמאַן", ווי מען זאָגט. נישט ער האָט זיך אַרומגעפירט, נאָר עס האָט אים אַרומגעפירט, דער שטן האָט מיט אים קאָמאַנדעוועט... און ביי אייך איז זיין פרומקייט — נאָר אַ חסרון! שלמה איז גרייט זיך לאָזן קיין ארץ־ישראל אויף מסירת־נפש, אָבער אייך איז גוט אויך קיעוו; היוצא לנו מדברינו: שלמה איז געווען אַ חלום און מען דאַרף אים פאַרגעסן. צוויי מאָל דער זעלבער חלום חלומט זיך קיין מאָל נישט. אַזוי האָט גאָט באַשאַפן די וועלט. און איר שלמהן — דאַרפט אויך נישט. ס'איז פאַר אייך צו אַ גרוים היטל, עס פאַלט אייך אַריבער איבער די אויערן. אמת, עס איז געווען אַזאַ מאָמענט, ווען איר האָט געקענט קומען צו דער דאָזיקער מציאה פאַר אייער דריבנעם ביסל מינץ, פאַר אייערע בידנע עטלעכע דרייערס, און צום באַדויערן, אַ לאַנג, לאַנג דויערנדיקער מאָמענט, נו, איז אייך אָבער נישט באַשערט געווען אַזאַ גליק! האָט איר זיך גערונגען פאַר אַ גראָשן, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דאָס גאַנצע געשעפט האָט געפּלאַצט...

— מנשה, האָט רחמנות, הערט אויף צו רעדן, וואָרעם אָט פּלאַצט אין מיר דאָס האַרץ...

מנשה האָט אָבער גראָד נישט איינגעהערט איר צאַפּל און ער ציט ווייטער דעם פאָדעם פון זיין גענדאַנק:

— ...איך זאָג: און איר דאַרפט אים גאָר אויך נישט. איר גייט אייך אין אינסטיטוט, דאָרט זענען דאָ יינגלעך פאַר אייך, הונדערט פאַר איינעם. אייער געווער איז נאָך נישט אָפּגענוצט. אַ שיין פּנימל איז אַלע מאָל געווען אַ נדן, און אַזוי בלייבט עס אויך אויף להבא. מיט דער צייט וועט אייך דער אייבערשטער צושיקן אייער רעכטן זיווג. איר וועט נאָך אַ מאָל זיין אַ אינזשיניער און ער אַ דאָקטער, צי אַן אַגראָנאָם, צי אַ צייג־ טעכניק, צי אפילו אַ וועטערינאַר־דאָקטער.* איר מיינט, אַז דאָס איז אַ שלעכטע אַרבעט? ביי אונדז אין כמעלניק איז געווען אַ וועטערינאַר־ דאָקטער, פלעגן אים די פּויערטעס טראָגן אַזוי פיל מתנות, אַז ער פלעגט

* אַ דאָקטער פאַר פערד, שאָף און רינדער.

ממש נישט וויסן ווהין זיי אהינצוטון... יאָ, אקעגן וואָס זשע זאָג איך דאָס, א־הא! אקעגן דעם, וואָס היינט איז אזא וועלט, אז אויף וואָס מען ענדיקט נישט, קען מען זיך דורכלעבן... און שלמה איז שוין צו א פּלי־קאָפּ, די וועלט איז אים קארג. אזוי איז דאָס, פּאָלי יאַניס...

— מנשה, איר שניידט מיין פלייש און ווארפט עס פאר די הינט... וואָס רעדט איר מיר וועגן אנדערע? איך האָב אים ליב! נאָר אים...

— דאָס איז אויך א ליגן! איר האָט אים נישט ליב! פרעגט ביי וועמען איר ווילט, וועט ער אייך זאָגן דאָס זעלבע. עס איז א ליגן, איר האָט אים נישט ליב. דאָס איז נאָר אַן איינרעדעניש. עס איז איצט, ווייל איר קענט אים שוין נישט דערגרייכן, בילדעט איר זיך אליין איין, אז איר האָט אים ליב. און ווען איר באקומט אים אויף צוריק אין אייער רשות, וואָלט איר זיך ווידער געשפּילט מיט אים אין קאַץ־און־מויז און כבשנים קדמוניות אים אויסגעטאָפּטשעט אין דער בלאָטע, ווי איר קענט. ליב... כאַ־כאַ־כאַ! נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן. נאַ דיר גאָר ליב! ווען אין אייך זאָל זיך געווען געפינען כאָטש א פונק, א שטראַל פון דעם געפיל, וואָס איר האָט ערשט אָנגערופן, וואָלט איר זיך נישט געווען אומגעקערט פון מאָסקווע; וואָלט איר צו אים געווען געקומען, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון אזיע; וואָלט ביי אייך געווען געקומען צו אַן ענדע, ווען ער איז באפרייט געוואָרן; וואָלט איר געווען טעלער געבראָכן אויף יענעם באַל, נאָך שמואליקס באפרייט ווערן; וואָלט אייער שטיינערן הארץ נישט געווען אויסגעהאַלטן דעם אויפדערנאַכט, ווען ער איז געווען ביי אייך מיט דער וואָרענונג; וואָלט איר געווען צעגאַנגען געוואָרן ווי וואקס יענע נאַכט ביי וולאַדימירן. דאָס גאַנצע צימער האָט ער אָנגעצונדן ארום אייך. מלאכים אין הימל האָבן געקערט פאַרלירן א טרער. אייער שטאָלענער פּאַנצער האָט אָבער אַלץ אויסגעהאַלטן; און צו לעצט, וואָלט איר נישט געווען דורכגעלאָזט דעם זעכצנטן יאַנואר. אָ! קיינער קען שלמהן נישט באַשולדיקן אין קאַרגשאַפט. אָ, ניין! געגנוג צייט און געלעגנהייטן האָט ער אייך געגעבן אויף געוויר צו ווערן ביי זיך, צי האָט איר אים טאַקע ליב, צי ניין. אָ! געגנוג, אריבער און אריבער...

פּאָלי, מיט א פּנים פון א מת:

— איז ווילט איר נישט, הייסט עס, ווירקן אויף שלמהן?

— אז ער זאָל זיך אומקערן צו אייך? איך דער ערשטער וואָלט אים אונטערגעהאַקט די פיס, ווען ער זאָל דאָס טון. שאַ, שאַ! שרעקט זיך נישט, ער וועט בלייבן מיט ביידע פיס. עס וועט דערצו נישט קומען, ער וועט דאָס אליין נישט טון.

— אך, איז אָט ווי! טאַ פאַרנעמט זיך פון דאַנען צו אלדי רוחות! פּאַראַזיט! מערזאַוויעץ! סוואָלאַטש!... קיין שריד ופליט זאָל פון דער גאַנ־צער חסידאַרניע נישט בלייבן... וואַן פון מיינע אויגן!...

מנשה ווערט בלאַסלעך־פאַרשעמט, אָבער ער גיט א גוטמוטיקן שמייכל:

— צו וואָס זאָלט איר זיך ערגערן ? אזא טיטול... קיין עין־הרע...

און מיט געמאָסטענע טריט גייט ער אוועק צום ארויסגאַנג. ער גייט, און זיינע ליפּן שעפּטשען פאר זיך :

— הודאת בעל־דין כמאה עדים דמי. איך בין אויף זיך אַליין מעיד : איך האָב אויף איר קיין טראָפּן פּאַראיבל נישט, אין אדם נתפּש בשעת צערו... עניתה מנולתה... עניתה מעבירתה על דעת קונה... מוחל, מוחל... לא היו דברים מעולם...

פּאָלי שטייט ווי א סטאַטוע. די אברים זענען געליימט, דער מח איז פאַרגליווערט, נאָר די אויגן שפּירן פיבערדיק נאָך מנשהן. אָט איז ער שוין אַרויסגעגאַנגען פון דער צענטראַלער אַלייע. אָט דערנענטערט ער זיך שוין צום פּלויט, אָט האָט ער שוין דערגרייכט דעם טראָטואַר, — און פּלוצלינג ווערט זי אויפגעטרייסלט פון דעם געדאַנק:

— גוואַלד, וועמען האָט זי דאָס אזוי באַלײדיקט?

זי גיט זיך א ריס פונעם אָרט און שרייט נישט מיט איר קול:

— מנשה, קערט זיך אום ! מנשה, האָט רחמנות אויף מיינע יונגע יאָרן !...

דורכגייער שטעלן זיך אָפּ ביים פּלויט, באַטראַכטן זי נייגעריק, דער־פרעגן זיך וועגן איר איינער ביים צווייטן. דאָס רעדל וואַקסט. די השערות, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט מער אויפן וווּנק ווי מיטן מויל, ווערן אַלץ פאַרשידנאַרטיקער. מנשהן זעט מען שוין נישט. זי פאַרלירט דאָס לעצטע ביסל קוראַזש און פאַלט אום אויף דער נאָענטסטער „הסבה־בעט". זי זינקט איין ביז האַלב אין שניי. מיט ביידע הענט דריקט זי צונויף די שליפן, זיי קלאַפּן האַסטיק ווי א וואַנטזייגער. דער שטערן ברענט איר משוגענערווייז און פאַר די אויגן קאַטשען זיך אַלערליי רעדער, גרויסע און קלענערע און גאָר גאָר פּיצעלעך.

ווי אזוי זי איז געקומען אהיים, געדענקט זי נישט. זי ווייסט נאָר, אַז זי איז ביי זיך אין בעט. נישט אין דער שנייאיקער איבערבעט אויף יענער באַנק, נאָר אין איר אמתן בעט. א סימן האָט זי: אָט זעט זי אין שפּיגל הענגען איר פּאָרטפעל. הם, טאָקע היינט נישט געגאַנגען אין אינ־סטיטוט אריין... און מיט מאַטעמאַטיק איז ביי איר אזוי שלעכט, — ביז גאָר שלעכט... און מיט פיזיק איז אויך שמאָל, און אפילו מיט כעמיע איז זי אויך ניין איילן אין דער ערד... וואָס קילט עס איר אזוי דעם שטערן? א־האַ ! א קאַלט טיכל. זאָל זיין א טיכל, א דאגה איר. און די מאַמע — נאָר זי קיצלט זי. וואָס פאַר א קיצלען גאָר? זי האָט מורא פאַר קיצלען. פון שטענדיק אָן האָט זי עס פיינט. א־האַ, דאָס שמירט זי זי גאָר אויס. נו, דאָס איז עפּעס אנדערש. דאָס איז א גוטע זאַך, זאָגט מען, דאָס אויס־שמירן מיט עסיק. מען שוויצט אָפּ און אַלע ווייטיקן ווערן ווי מיט דער האַנט צוגענומען. זאָל זי שמירן... זאָל זי שמירן...

אויפן דריטן טאָג איז שוין פּאָלי געגאַנגען אין אינסטיטוט.

וואָס אמת איז, זי איז געווען א ביסל אויסגעבלייכט, די אויגן א

ביסל צוגעלאָשן, אָבער אויסערלעך האָט זי זיך געהאַלטן גאַנץ רואיק. זי האָט ביי מנשהן גאָרנישט געפועלט, דער דאָזיקער אינקוויזיטאָר האָט גאָר, דאַכט זיך, געלאַכט פון איר, נאָר דערפאַר איז זי פון אים איין זאַך גע־ווויר געוואָרן אויף פעסט, אַז שלמהן געווינען צוריק אַזוי גרינג ווי זי האָט אים אָנגעוווירן — וועט זיך איר שוין נישט איינגעבן. דאָס איז אַן אילוזיע. דאָ שטייט שוין נישט קעגן איר איין שלמה, דער סענטימענטאַלער און משוגע־איבערגעגעבענער שלמה, וואָס אויף אירן אַ ווונק איז ער גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער, אָ! ניין, ניין! ס׳איז גאָר לאָ זה הדרך! דאָ האָט זי אַן עסק מיט אַן אַלטער, מיוחסדיקער און אכזריות־דיקער דינאַסטיע. אַ דינאַסטיע, וואָס רעכנט זיך פאַר לאָרדן, און זי, פּאָלין, פאַר אַ ווילדער אינדיאַנערין. דאָס איז שוין נישט קיין פּרי־מיטיווע פעסטונג פון אַן איינגעשפּאַרט בחורל, נאָר אַ גאַנצער סיסטעם געפּאַנצערטע באַריקאַדן אין וועלכע עס זענען איינבעטאָנירט: אי דאָס בעל־שמסקע אייניקל; אי זיין קענען אַ שאָפע מיט גמרות אויף אויסנ־ווייניק; אי זיין פאַנאַטישע פרומקייט... און זי איינע, מיט אירע שוואַכע כוחות, דאַרף קעמפן קעגן אָט דעם גאַנצן אַרסענאַל.

קאפיטל IV

...הסתיו עבר... הגשם חלף הלך לו...

א פארצייטישער גריכישער פילאזאף האט א מאל געזאגט: „וועלכע פון אלע באשעפענישן איז די, וואס געווינט זיך צו אמשנעלסטן צו איר נייער לאגע, פארגעסט גלייך דאס פריערדיקע — דאס איז דער מענטש". אין יאר 1934, אויף דער אוקראינע, האט מען די דאזיקע אייגנשאפט ביי מענטשן ארויסגעזען באשיינפערלעך.

אין אנהייב מערץ האבן אכזריותדיק געבושעוועט שרעקלעכע ווינטן, שטעכיקע שנייען און בייסיקע פרעסט. די קוילן־סקלאדן און די האלץ־באזעם האבן קיילעכדיקע מעת־לעתן געארבעט מיט זייער פולן טעמפ. פאר זייערע טויערן פלעגט אלע מאל שטיין א גאנצער טראנספארט מיט לאסט־וואגנס, וועלכע האבן צעפירט הייצונג אין אלע ווינקלען פון דער שטאט. דעם פינפטן מערץ האט פון קובאן און פונעם דאן אומגעריכט א בלאז געטון א מילד ווינטעלע. דער הימל האט דערוואכט פון זיין לאנגער פארגליווערונג, מורד געווען אין דעם „שר של חורף", זיך בגוואלד באפרייט פון די כמארע־קייטן און אלע האבן מיט א מאל דערזען און דערפילט א זון־מערדיקע זון. מארבע פנות־העולם האט אן אטעם געטון מיט וועסנע. עונת הפשרת־השלגים.* אין די ערשטע פאר טעג נאך דער איבערקער־עניש האבן מענטשן צופרידן געריבן א האנט אין א האנט:

— גוט איז א חיי־שעה... ביז עפעס וואס וועט מען זיך כאטש א ביסל דערוואַרעמען די נשמה.

נאר דער הימל האט — נישט קוקנדיק אויף אלע לאגישע מסקנות און בייזע נביאות פון די מעטעאראלאגישע סטאנציעס — נישט געוואלט זיך מער וואלקענען. דער שניי, דאס אייז האבן געכאפט א טויטקלאפ און זענען צעגאנגען געווארן פאר פארדראס, קוקנדיק אויף דער זון. דער שטאטראט האט אויפגעהויבן די טויזנטקעפיקע ארמיי פון קיעווער דוואר־ניקעס, זיי באוואפנט מיט די נייטיקע מכשירים און זיי געצוווונגען צו ארבעטן טעג מיט נעכט מיטן לאם און מיט דער לאפאטע, נאר לחלוטין ארויסטרייבן דעם נמאס־געווארענעם ווינטער פון דער שטאט. ספעציעלע פיקעטן פון מיליץ און פון דער סאניטאר־אינספעקציע האבן מיט זייגערס אין די הענט קאנטראלירט די אפגעטונענע ארבעט. עס איז אויסגעארבעט געווארן א שטרענגער פלאן, לויט וועלכן ס'איז געווען פארויסגעזען, ביז וועלכער שעה דער אדער יענער קווארטאל מעג נאך אויסזען ווייס, און אין וועלכער שעה ער מוז שוין אומבאדינגט שווארץ ווערן. אלע גאסן און געסלעך האבן אויסגעזען ווי איין גרויסער רעמאנט־צעך. הונדערטער לאסט־אויטאס מיט קויטיקן שניי האבן זיך געיאגט פון דער שטאט, זיך אויס־געליידיקט און — צוריק! מיט געמיינזאמע כוחות האט מען באפרייט די

* ווען דער איינגעפרעסטער שניי הייבט אן צו צעגיין, און עס ווערט א געוויסער.

אוקראַינער רעזידענץ פון די טליענדיקע געדערים פון דעם איינגעגעסע־נעם, ווינטערדיקן אכזר. אין אַלע פּאַרקן און בולוואַרן האָבן מענטשן שטייענדיק אויף לייטערס, מיט לאַנגע שערן אַרומגעשוירן די אָפּגע־טרוקנטע צווייגן, דערמעגלעכט פאַר די וואַרעמע שטראַלן דעם צוטריט צו די פאַרקילטע אָדערן, געטון אַלץ, אַז עס זאָל זיך ווידער צעפליסן דאָס לעבעדיקע בלוט אין די פאַר דעם לאַנגן ווינטער אויסגעמאַרכעוועטע ביימער, אַז זיי זאָלן פון דאָס ניי געדיכט פאַרשאָטענען די גאַסן, אינטים פאַרטונקלען די פאַרבאַרגענע אַלייעס, אַז די פּרעכטיקע שטאָט קיעוו מיט אַלע אירע פליגלען און הינטער־פליגעלעך, זאָל ווידער שפּראָצן, ווידער אויפלעבן.

דער דניעפּר איז נאָך געשטאַנען אין זיין ווינטערדיקן פּאַנצער און האָט זיך סקעפּטיש איינגעהערט אין אָט דער פּריציייטיקער פרי־פרילינג קאָמפּאַניע. זיין פאַררויכערטער שטערן האָט מיט אַ טשוגונענעם שמייכל אָפּגעחוזקט פון דער וועלט:

— פרייען זיך, משוגעים... מיינען, אַז ס׳איז זיי שוין ערב־פּסח...

און דער עולם האָט טאַקע באמת אַזוי געמיינט.

זריזין מקדימין למצוות. כשרע יידענעס האָבן בייצייטנס אָנגעהויבן אויפצורוימען אין שופלאָד נאָכן צווייטן; שוין נישט געלאָזט אַריינשמעקן מיט קיין ברעקל חמץ אין ערטער וווהין עס וועט זיין שווער נאָכצוקריכן; אַכטונג געגעבן אויף מלבושים, מען זאָל נישט האַלטן קיין געבעקס אין די קעשענעס. אין די פאָדער־צימערן זענען די וואַנטהענגערס, די קליידער־שאַפעס געוואָרן אַלץ פולער, אַלץ בייכיקער. די פוטערס מיט די פעלצן זענען שוין פון לאַנג געלעגן איבערגעשאָטענע מיט נאַפטאַלין אין די ליי־לעכער און האָבן געדרימלט זייער זומערדיקן דרימל. צוביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן פאַרגעסן אָנצוטון פריער די מאַנטלען, דערנאָך די היטלען, און שפּעטער אויך די פּידזשאַקלעך. דעם צוואַנציקסטן מערץ איז שוין אין קיעווער צענטער שטאָט נישט געווען צו דערקענען, אַז דאָ איז ערשט נישט לאַנג געווען ווינטער. יונגעלייט האָבן צעכראַסטעט די העלדזער — דושנע! יונגע פרויען האָבן שוין ערגעץ אויסגעקלערט אַ נייעם פאַסאָן קאַפּעליושלעך: שמאָלע ברעגן, אַרום און אַרום — פלאַכע, סאָלידע טרע־פּעלעך און פונקט אויף דער מיט — אַ קליינינקער „אייפל־טורעם". אין יענע אוניווערמאַגן, וווּ עס האָט זיך פאַרקויפט אָט דער לעצטער „אויס־געשריי פון דער מאָדע", איז געווען נאָך די קאַפּעליושלעך אַזאַ געדראַנג — נאָר אויף דערהרגעט צו ווערן. ביז וואַנען די גליקלעכע פרוי, וואָס האָט שוין אַריינגעכאַפּט די מציאה, האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם קלעם און איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס, איז שוין דער „אייפל־טורעם" נעבעך געווען ביי זיך שטאַרק געפאַלן, און די געקינצלטע טרעפּ האָבן זיך גאָר אויסגעצויגן ווי אַ פּאַפּירענער פּעכער. וויפל שויבן האָט מען דאָרט צע־טראַסקעט, וויפל זייטן זענען אָפּגעשלאָגן געוואָרן, וויפל טרערן זענען דאָרט פאַרגאָסן געוואָרן, וויפל קללות זענען דאָרט אַרויסגעפלויגן... אָבער־

דער פרילינג האָט אָפּהוזקנדיק פון אָט די מאָדניצעס געזאָגט, אַז ער קען מאַכן היימלעך דאָס לעבן אויך אין די פּאַראַיאָרעדיקע היטעלעך. אין גיכן וועט ער אַליין אויפנייען קאַפּעליושלעך אויף די ביימער, וועט שוין דווקא זיין אויף וואָס צו קוקן...

*

אין איין קלייד, און אַ סעקעלע, מיט אַ זשורנאַל צונויפגעוויקלט אין אַ רער, ווי אַ מגילה, איז פּאַלי געגאַנגען אויף זשיטאָמירסקע־גאַס, נישט ווייט פון וולאַדימירסקע גאָרקע. זינט איר באַגעגעניש מיט מנשה כאָדאָ־ראָוו זענען שוין פאַריבער עטלעכע וואָכן. נאָך עד־היום קען זי זיך נישט באַפרייען פון יענעם דערדריקנדיקן איינדרוק, וואָס זיינע רייד האָבן איבער־געלאָזט אויף איר נשמה. זיינע רייד האָבן נאָך איצט איר געקלונגען אין די אויערן ווי די גלעקער, וואָס באַגלייטן אַ פּאַראָורטיילטן צום טויט. וואָס דען יאָ? זי איז געווען מער ווי זיכער, אַז מנשה וועט שלמהן בפירוש נישט דערציילן וועגן זייער קאָנפליקט, ער איז נישט אַזאַ מענטש...

...עת הזמיר הגיע... קול התור נשמע...

די נאַטור איז געווען מילד און ליבלעך. איר נשמה האָט געצאַנקט פון נאָגנדיקער בענקשאַפט. שלמהס קול, שלמהס אויגן, שלמהס לוסטי־קייט האָבן זי פונעם אויפשטיין ביזן לייגן זיך באַגלייט פוסטריט וווהין זי האָט זיך נאָר אַ קער געטון, און דאָס האָט זי געמאַכט זייער אומגליקלעך.

זי האָט פאַרקערעוועט אין דער ערשטער אַלייע פון וולאַדימירסקע־גאָרקאַ. מענטשן זענען געלאָפן צום פוניקוליאָר און צוריק פון דאָרטן. אַ מאָל פלעגן דורכגייער באַוווּנדערן איר שיינקייט. דאָס איז געווען זייער אָנ־גענעם צו זען און באַזונדערס, אויב שלמה איז געגאַנגען ביי דער זייט. ער פלעגט רויט ווערן, זיינע ציגיינער־אויגן פלעגן אַ פינקל טון מיט גליק און ער פלעגט מיט אַ שולדיק שמייכעלע אויף איר אַ קוק טון, ווי איינער רעדט:

— נו, וואָס בין איך שולדיק, וואָס דו ביסט אַזוי שיין?

און זי? זי פלעגט לאַכן. זיך מיט פאַרגעניגן שפּיגלען אין זיין חנעוור־דיקער פאַרליבטקייט און לאַכן. דאָס אַלץ איז געווען אַ מאָל... שוין לאַנג, שוין זייער לאַנג, נאָר דאָך — געווען... אָבער איצט? אָט גייען מענטשן איר אַנטקעגן, ווער? וואָס? זיי באַמערקן זי גאָרנישט. פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? שוין זשע איז זי שוין נישט שיין? ווי קען דאָס געמאָלט זיין? ערשט נישט לאַנג האָט דאָך שלמה זיך געריייצט מיט סעסיל פּעטראָוונען, אַז זיין געליבטע, זי הייסט עס, איז דאָס שענסטע מיידל אויף אוקראַינע. ווי אַזוי זשע קען דאָס טאַקע זיין? עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז ער האָט מיטגענומען מיט זיך איר שיינקייט, איר גראַציע... זי קערט זיך אָפּ אין אַ זייט, נעמט אַרויס פון איר טעשעלע אַ שפּיגעלע און באַטראַכט זיך לאַנג אין דעם. נאָך אין אַ ווײַלע אַרום נעמט זי פון דאָרטן אַרויס שלמהס בילד. זי קוקט מיט ליבע אין די אומפאַרגעסלעכע שטריכן. זי קוקט אַ

ווײַלע אויף זיך אין שפּיגעלע און אַ ווײַלע אויף אים. אויף זיך און אויף אים, אויף אים און אויף זיך. דערנאָך באַהאַלט זי בײדע זאַכן מיט אַ זיפץ. גאָטעניו, טאָמער דאַרף זי פאַרלירן איר שײנקײט, איז איר ניחא׳ר דער טויט. זי דערמאָנט זיך אין דער אימענינעס־נאַכט בײַ די ווײַס־בלאַטס... אַך! ווו איז דאַמאָלסט געווען איר שׂכל? איר מוט? שלמה האָט ווי אַ גרויסער קינסטלער פאַר איר געמאָלט איר צוקונפט. נײן, וואָס זאָגט זי — אַ קינסטלער? נישט ווי אַ קינסטלער, קינסטלערס זענען דאָ אַ סך אויף דער וועלט, ער האָט געמאָלט איר וויסטע חרטה ווי אַ נביא! ווי אײנער פון די אַמאָליקע גרויסע נביאים. הונדערטער לעבנס האָט זי אין יענעם אומפאַרגעסלעכן אָוונט איבערגעלעבט, און אויסשטרעקן די האַנט נאָך איר אײגן לעבן, וואָס האָט זיך אַזוי געבעטן בײַ איר: „נעם מיך, שטויס מיך נישט אָפּ"... — האָט זי נישט געהאַט דעם מוט. זי האָט געמײנט, אַז אַלץ וועט זיך אָפּשטעלן און וואַרטן אויף איר, עס וועט וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז זי וועט אויספירן אַלע קאַפּריזן... אָ! נײן, דאָס לעבן גײט זיך זײַן וועג.

זי גײט צו צו אַ באַנק, פון וועלכער מען זעט אַרום די גאַנצע פלאַ־זשע מיטן ערשט־געבוירענעם דניעפּר. וויפל האַלבע נעכט איז זי דאָ איבערגעזעסן מיט שלמהן? יעדעס בײמעלע, יעדעס ווינקעלע דערמאָנען איר דאָ אין שלמהן. ווי אין אַ בילדער־גאַלערײע זעט זי פאַר זיך אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען צווישן זײ בײדן. אָט דאָרט, אויף דער זיבעטער פּאַראַלעל, האָבן זײ אײן מאָל אין דער פינצטער שפּעט אַרומגעשפּאַצירט. די אַלײען זענען שוין געווען פּוסט. עס האָט שוין געמוזט זײַן ווײַט נאָך האַלבער נאַכט. זײ זענען געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין אַ וויכוח מכח אַ נײַ דערשינענעם בוך, אַז זײ האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די זיך שלענגלענדיקע שטעגעלעך און זענען פאַרקראָכן וווהין מען דאַרף נישט און האָבן דערזען, וואָס מען דאַרף נישט... מאַ—מע! ווי זײ האָבן זיך עס דאַמאָלסט דערשראָקן... האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, זענען זײ אַנט־לאָפן ווי פון אַ שׂריפה, און אפשר אַ חודש צײַט נאָך דעם האָבן זײ זיך געשעמט אויפצוהײבן די אויגן אײנער אויפן צווײטן. נאָר דאָס איז נאָך געווען פאַר צוויי יאָרן... און פאַר אַ יאָרן... יאָ, דאָס איז גע־ווען פאַר אַ יאָרן, זײ האָבן זיך דאַן פאַרקליבן אויפן דעכל פון יענעם טורעמל. דער גאַנצער בײַנאַכטיקער דניעפּר מיט זײַנע טויזנטער לעמ־פּעלעך, מיט זײַנע זאַוואָדן און פאַבריקן בײַ די ברעגן, איז געלעגן פאַר זײ ווי אויפן טעלער. עס איז דאַן געווען נאָך נישט זײער שפּעט. איבערן טײַך האָבן זיך נאָך געטראָגן קאַטערן, גליסערס און שיפלעך: שיפלעך מיט סלאָבאָדקער אײַנוווינער; שיפלעך מיט פאַרחלומטע פּאָרלעך, אָבער ס׳רוב מיט אַרבעטער פונעם שיפבוי־זאַוואָד אויפן נאָמען פון סטאַלין. אין דער מיט פון דניעפּר, בײַם סאַמע בריק, איז געשטאַנען אַ גרויסע באַרזשע מיט עטלעכע קלײנע באַרזשעלעך. אויף דער גרויסער האָט געברענט אַן אײַנזאַם לאָמטערנדל. עס איז שווער געווען צו טרעפן, צי עמעצער איז דאָ

אויף דער באַרזשע, צי דאָס ליכטל האָט מען אומיסטן אָנגעצונדן, כּדי מען זאָל מיינען, אַז עמעצער איז דאָרט דאָ. און אפשר איז מען גאָר אויסן געווען מיט דעם, אַז די שיפֿלערס זאָלן זיך נישט צעשלאָגן די „נעזער" אין די באָרטן פֿון די באַרזשעס. ווער ווייסט זיי מיט זייערע פּאַריאַדקעס? וואָס אויף די באַרזשעס געפֿינט זיך, האָט מען נישט געקענט זען, עס איז געווען אָנהייב חודש, דער לבנה־סערפּ האָט געלויכטן נאָר אויף יוצא זיין. די גרויסע באַרזשע ארומגערינגלט מיט די קליינע באַרזשעלעך, האָט אין לבנהדיקן נעפּל אויסגעזען ווי אַ ריזיקע יאַשטשערקע, מיט אירע קליינע יאַשטשערקעלעך. שלמה האָט דאַן דערציילט וווּנדערשיינע געשיכטעס פֿון דעם „זכרונות לבית דוד". די זומערנאַכט; די געדיכטע צווייגן איבער זייערע קעפּ; דער טיפֿער, ליבער טייך; דאָס יונגע לבנה־בויגנדל — אַלץ צוזאַמען האָט ממש געכשופֿט און מער פֿון אַלץ — שלמהס קול, זיין לעבעדיק שילדערן. זי איז דאַן געזעסן האַרט לעבן אים, איר לינקע באַק איז געווען צוגעפּרעסט צו זיין רעכטער, און זי האָט געהערט... און געפֿילט... און געזען... יאָ, געזען... אַלץ וואָס שלמה האָט דערציילט, האָט זי דייטלעך געזען. און פּלוצלינג — זי גערענקט, אַז זיי האָבן זיך אַזש אַ וואָרף געטון פֿאַר אומגעריכטקייט — זיי הערן, מען קריכט. עמעצער קריכט אין זייער גן־עדן. זי האָט נישט באַוויזן זיך גענוג אָפּצורוקן פֿון שלמהן, ווי די שיין פֿון אַן עלעקטריש טאַשנלעמפּל האָט זיי אַ שמיים געטון אין די פּנימער. איבער זיי איז געשטאַנען אַ מיליציאָנער און האָט געשמייכלט פֿון זייער זשמורען זיך אויף דער שיין. ער האָט זיך געווענדעט צו זיי:

— חברים, ווייזט אייערע דאָקומענטן!

שלמה האָט אויף אים פֿרעגנדיק אַ קוק געטון און יענער האָט מיט־אַפּשיי געענטפֿערט:

— היינט איז איבער גאַנץ קיעוו אַ גענעראַלע אונטערזוכונג איבער אַלע פּאַרקן און אין אַלע סקווערן, מיט איין וואָרט: אין אַלע פּאַרוויילונגס־ערטער... האָט נישט קיין פּאַראיבל...

ער האָט אויפמערקזאַם איבערגעקוקט די דאָקומענטן, אַ קוק געטון אין וועלכע ראַיאָנען מיליץ די אייגנטימערס זענען צוגעשריבן, און האָט זיי אומגעקערט אויף צוריק:

— חברטע, איר קענט זיך צוריק איבערזעצן. ביים געליבטן אין די אָרעמס איז זיכער באַקוועמער, נאָר נאַשט נישט אויף די גאַנצע לבנה, זי איז נאָך נעבעך אַזאַ קליינינקע...

ווען יענער איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד, דערהערן זיי ווי עמעצער פֿרעגט ביי אים:

— נו, ווער איז דאָרט?

— אַ כשר פּאָרל... קום!

זייערע טריט האָבן זיך דערווייטערט אין דעם פּייכטן גראָז, און זייביידע אויפֿן דעכל האָבן זיך פֿאַרגעסן אין אַ זאַפּטיקן, ליידנשאַפֿטלעכן קוש.

קאפיטל V

פּאָלי גיט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער. אַזעלכע זכרונות ווירקן אויף איר זייער שווער. זי ווישט אויס די אויגן, כדי צו פאַרטרייבן די האַלוציגאַציעס, און הייבט זיך אויף. אין דער זעלבער מינוט דערטראַגט זיך צו איר אַ באַקאַנט שנייצן די נאָז. זי קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן און דערזעט משה פרידמאַן שטייען ווייט אונטער אַ בוים און זאָרגעוודיק זיך רייניקן די נאָז.

— הם... ווי אַזוי האָט זי דאָס באַלד נישט דערקענט, זיין עטוואָס פּאַנפּאַטע שנייצעלע?

פאַרטיק געוואָרן מיט דער נאָז, לאָזט ער זיך גיין.

— חבר פרידמאַן... חבר פרידמאַן...

פרידמאַן קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, פאַרשטייט נישט, ווער עס קען אים דאָ רופן. ער וויל שוין גיין ווייטער, נאָר פּאָלי גיט אים פון דער ווייטנס אַ פּאָכע מיטן טיכעלע.

— האַ, פּאָלי טולטשינסקי! איך האָב אייך גאָרנישט באַמערקט.

זיי באַגעגענען זיך, דערלאַנגען זיך די הענט און לאָזן זיך גיין פּוס־טריט אין דער לאַנגער אַלייע אַריין.

— וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך, חבר פרידמאַן?

— אַ דאַנק, קיין ספּעציעלע נייעס זענען נישטאָ.

— וואָס מאַכט אייער געניאַ?

— זי איז אַזוי מיינע פּונקט ווי אייערע.

— האָ? זיך געגט? שלמה האָט מיר דערציילט —

— ניין, דווקא זיך נישט געגט, נאָר עס איז סתם אַזוי קיין לעבן נישט. זי איז שוין דעם דריטן חודש ביי אירע עלטערן אין כאַרקאָוו. זי שרייבט אפילו נישט.

— איז וואָס זשע קלערט איר טון?

— איך ווייס וואָס איך קלער? איך קלער גאָרנישט... דער שווער שרייבט מיר, אַז זי וועט אפשר יאָ קומען אויף פּסח... ווייס איך, עס איז מיר שוין כמעט אַלץ איינס, צי זי איז יאָ דאָ, צי זי איז נישטאָ... דעם גרויסן נחת, וואָס איך האָב פון איר, אַז זי איז דאָ, מעג זי זיצן דאָרטן געזונטערהייט. אַזוי איז דאָס, אַז מען טוט נישט קיין גלייכן שידוך. אַ בזיון פאַר דער וועלט און אַ ווייטיק פאַר זיך. מילא בקיצור, זאָל שוין זיין געגוג וועגן מיר. וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך גוטס?

— אַזוי זיך...

עטלעכע מינוט זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. פּאָלי האָט פאַרלוירן איר גאַנצן קוראַזש, אויסהערנדיק דעם גרוס וועגן זיין אייגענער טראַגעדיע אין לעבן. וואָלט נאָך יענער געוועזן זאַט און צופרידן, וואָלט זי נאָך אפשר געקענט האָפן אויף עפּעס, אָבער אַ הונגעריקער און אַ באַעוולהטער איז

שטענדיק בייז. וואָס זשע זאָל זי טון? זאָל זי נישט פּאַרפירן קיין שמועס מיט אים? סטייטש, ווי אַזוי לאָזט מען דאָס פאַרלוירן גיין אַזאַ זעלטע־נעם שאַנס? עס קען שוין אַוועקגיין אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, ביז זי וועט נאָך אַ מאָל האָבן אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט פרידמאַנען. ניין, זי וועט נישט דורכלאָזן אַזאַ זעלטענעם צופאַל. זי גיט נאָך אַ מאָל אַ קוק אויף זיין געל, פאַרחושכטע פּנים, און דערפילט אַ גרויס רחמנות צו אָט דעם צעבראָכענעם יונגערמאַן. און וואָס וויל זי פון אים, זיין געניאַ? וואָס דערגייט זי אים די יאָר? וואָס האָט זי צו אים? אַ בייסיק, אינערלעך קול גיט זי אַ פרעג: „נו, און דו, פאַלי, ביסט בעסער”? — זי פאַרשרייט דאָס אומברחמנותדיקע קול און פרעגט:

— חבר פרידמאַן, איר איילט זיך ערגעץ?

— אַזוי צו זאָגן — נ־נ־ניין...

— איך וויל מיט אייך וועגן עפּעס אַ שמועס טון.

— אַז איר דאַרפט, איז עפּעס שייך אַ תירוץ? האָב איך צייט...

דער ענטפער איז איר אפילו עפּעס נישט אַזוי צום האַרצן, נאָר זי קען זיך אַצינד נישט צוהערן צו קיין אינערלעכע קאָמענטאַרן און זאָגט:

— איר ווייסט, חבר משה, איך האָב ביי אייך אַ חוב...

— איך ווייס בפירוש נישט... סיידן אפשר מיינט איר יענע פינפערל, וואָס איר האָט פאַרגעסן אויף מיין קאָמאָד, קען איך דאָס אייך אומקערן.

— האָט נישט קיין פאַראיבל, איר זענט עלטער פון מיר, נאָר עס ליגן אייך נאַרישקייטן אין קאָפּ.

פרידמאַן, מיט אַ בלאַסן שמייכל:

— שייך זאָגן: נאַרישקייטן... אַז אַ פינפערל איז היינט קיין מטבע נישט, דאָס ווייס איך אַליין, אָבער קיין גרעסערס געדענק איך עפּעס נישט, עס זאָל אייך ביי מיר קומען.

— נו, וואָס זאָל איך טון? אַז איר געדענקט נישט, מוז איך אייך דערמאָנען. דאַמאָלסט ביי דעם קינאָ, אויב איר געדענקט, איז ווי נאָר איר האָט מיר אַ זאָג געטון, וואָס איר האָט דאָרט געזאָגט, — הגם צווישן מיר מיט שלמהן איז דאַן אַלץ געווען איבערגעריסן נאָך פון מאָסקווע, — דאָך האָב איך זיך גלייך אומגעקערט צו אים און נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז פון מיר אַוועקגעגאַנגען אַ בריוו צו אים, וועלכן ער האָט אין דער פרי דערהאַלטן. איצט דאַרפט איר מיר באַצאָלן מיט דער זעלבער מטבע און מיר אומקערן שלמהן —

פרידמאַן הייבט אויף אויף איר זיינע קלוגע, גרויע אויגן און לאָזט זיי איבער הענגען אויף איר פּנים. ביידע האָבן זיך גלייך אָפּגעשטעלט, ביידע קוקן זיך אָן און ביידע שווייגן. ענדלעך פרעגט אים פאַלי:

— איז וואָס זשע זאָגט איר?

— וואָס איך זאָג? גאָרנישט זאָג איך נישט.

ווידער דויערט לאַנג זייער שווייגן. פאַלי גיט אים אַ צי ביים אָרבל:

— איר זענט איינגעשלאָפן?

— איך זאָג, ווי פֿאַלט אייך גאָר איין, אַז איך בין בכח אַזאַ זאַך צו טון?

— איר זענט, איר זענט. פֿראַוועט נישט קיין עניוות. אייגנטלעך דאַרף מען דאָ גאָרנישט אַזאַ גרויסן כח, שלמה וויל זיך דאָך אומקערן צו מיר, דאָס פֿיל איך אין זיך, נישט מער, ער דאַרף, אַז עמעצער זאָל אַ גוטן שטויס טון זיין שיפֿל פֿון ברעג. דערויף זענט איר די געהעריקע פּערזאָן. ער האָט אייך ליב, דאָס ווייסט איר אַליין. עטלעכע שעה נאָך דעם ווי מען האָט אים באַפֿרייט, איז ער געלאָפֿן צו אייך אויף פֿאָדאָל...

פֿרידמאַן האָט טיפֿזיניק געשוויגן און זיי האָבן לאַנגזאַם געשפּאַנט. פֿאָלי האָט אומגעדולדיק איבערגעפֿרעגט:

— איז וואָס זשע זאָגט איר?

— וואָס האָב איך אייך צו זאָגן? אַז איר רעדט נאַרישקייטן? דאָס ווייסט איר זיכער אַליין אויך...

פֿאָלי האָט זיך אַזש אַ וואָרף געטון פֿאַר אומגעריכטקייט, נאָר דאָך האָט זי געמאַכט איבער זיך אַן אָנשטרענגונג און כמעט געלאָסן אַ פֿרעג געטון:

— פֿאַר וואָס זשע רעכנט איר עס פֿאַר אַ נאַרישקייט?

— מען דאַרף נאָך רעכענען? מיר, זיינע חברים און פֿריינד, האָבן קוים דערלעבט די גוטע מינוט, אַז מיר זאָלן אים זוכה זיין צו זען אַ פֿרייען, אַן אויפֿגעבונדענעם, זאָגט איר גאָר — איך רעכן...

— אַ פֿרייען? און ביי מיר וואָס איז ער געווען? אַרעסטירט?

— נאָך ערגער... ער איז געווען באַגראָבן... אַט וואָס! פֿאַרברענט, פֿאַרקוילט איז ער געווען. נאָך קאַרג האָט איר פֿון אים אויסגעזאַפּט דעם דם־התמצית? איבער וועמען האָט ער זיך אומגעקערט קיין קיעוו אין טורמע אַריין, נישט איבער אייך? איר האָט אים שיר, שיר אין דער טשאַכאָטקע פֿאַרטריבן... און איר זאָגט גאָר — אַרעסטירט...

— טשאַכאָטקע? כאַ־כאַ־כאַ... ווי געפֿעלט אייך אַ ביסל, טשאַ־כאָטקע גאָר. שלמה איז שוין איין מאָל אַ טשאַכאָטניק! דאַוויד סאָלאָמאָ־נאָוויטש צעלייגט ווי אַ באַראַן, און גיי זיי אַ נביא, ווער עס טראָגט זיך אַרום מיט אַ טשאַכאָטקע... איך האָב אייך גאָר קיין מאָל נישט חושד געווען, אַז איר זענט אַ פּאָעט...

— פּאָעזיע איז דאָס? איך פֿאַרנעם זיך נישט מיט קיין פּאָעזיע, דערמיט האָט גאָט געבענטשט שלמהן, מיך האָט מען פֿאַרטיילט. איך, אַז איך זאָג טשאַכאָטקע, בין איך פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר יעדן אות און פֿאַר יעדער נקודה... האַ, איר ווייסט נישט? וועל איך אייך דערציילן, וועט איר שוין וויסן...

פֿאָלין ווערט שרעקלעך צו גיין לעבן אַט דעם נייעם קטיגור. כאָטש עס איז האַלבער טאָג; כאָטש פֿון וווייטנס גייען מענטשן; נאָר זיינע אויגן ברענען איצט מיט אַזאַ צאָרן; זיין קול איז איצט אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ גיפֿ־

טיקן האָס, אַז אינסטינקטיוו רוקט זי זיך אָפּ פון אים אויף אַ שפּאַן. ער ווישט זיך אַרום דעם שטערן און רעדט ווייטער:

— אַט יענץ מיידל, וועלכע איך האָב אייך דאַמאָלסט ביי דעם קינאָ דערמאָנט, — איר פאַרשטייט שוין אַליין ווען איך מיין — האָט שלמהן שרעקלעך ליב געהאַט. איך זאָג „שרעקלעך", נישט ווייל אין די ראָמאַנען שטייט אַזוי, נאָר ווייל אירע ליבע־געפילן צו אים זענען טאַקע באמת געווען שרעקלעכע. ער, זי — האָט אויך ליב געהאַט, נאָר... נאָר שלמהס ערלעכע נאַטור וועלכע האָט צו זיך נישט קיין גלייכן אפילו אין אונדזער סביבה, — און איר ווייסט דאָס מסתמא נאָך בעסער פון מיר, ווייל איר האָט געהאַט אַ שאָק מיט יאָרן אויף צו איבערציייגן זיך אין דעם — זיין אויסערגעוויינלעך דעליקאַטע און ערלעכע נאַטור האָט אומברחמנותדיק צעריסן צוויי הערצער, וועלכע זענען משששת ימי בראשית באַשאַפן געוואָרן איינס פאַרן צווייטן. איך זאָג צעריסן — איר דאַרפט נישט בלייך ווערן, רייזל לעבט ברוך־השם, זי האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט. זאָל זי שוין גליקלעך לעבן מיט איר באַשערטן. מן־הסתם: איז גאָטס ווילן אַזוי. וואָרעם ווען זי איז נאָך איצט פריי — טע־טע־טע... אָבער איר ווילט דאָך אודאי וואָס גיכער וויסן, פאַר וואָס איך האָב געזאָגט צעריסן, טאָ ווייסט זשע: ווען יענע האָט געחלשט פאַר אים, געלעגן בפּישוט ידים ורגלים און מיט טרערן געוואַשן זיינע שיך, ווייסט איר כאָטש פאַר וואָס שלמה האָט דאַמאָלסט מורא געהאַט? פאַר וואָס ער האָט איר נישט געענטפערט: „יחדיו"? ער האָט מורא געהאַט, טאָמער האָט ער אייך פאָרט מער ליב פון איר... אייך, וואָס איר האָט נישט די ווערט איר... איר... איר נאָמען צו דערמאָנען. טאַקע אַזוי האָט ער איר געזאָגט: — „רייזל, ווען עס וועט איבערגיין דער ערשטער פלאַם, קען איך אַ מאָל האַלטן אין מיינע אָרעמס דיך און טראַכטן וועגן יענער — דאָס קען איך נישט! מיין נשמה וויל איך נישט פאַרפלעקן... גיכער וועל איך אַרויסרייסן מיין האַרץ און עס אַרויסוואַרפן פאַר די הינט, איידער גיין לכתחילה אויף אַ פאַרראַט"... איר הערט ווערטער? און ווען זי איז געקראָכן פאַר אים אויף אַלע פיר, פאַרזיכערנדיק אים, אַז דאָס איז ביי אים נאָר אַן איינגערעדטע זאַך, אַז דאָס איז לויטער אילוזיע, האָט ער זיך אויסגעריסן פון אירע קלאַמערנדיקע פינגער, אויסגעבראַקעט אַ שטיק בלוט און איז אַנטלאָפן. רייזל האָט מיר אפילו געוויזן דאָס טיכעלע, וועלכעס איז באַפלעקט מיט זיין בלוט, מיט דעם בלוט, וואָס איר האָט אים פאַרגאָסן. פאַרשטייט איר שוין, וואָס עס הייסט טשאַכאָטקע? געפעלט אייך אַזאַ פּאָעזיע?

ער האָט אַליין דאָס נישט פילנדיק, זי אַלץ מער אָנגעגריפן. זי איז אין שרעק ביסלעכוויז אָפּגעטראָטן, אָפּגעטראָטן, און מיט אַ מאָל האָט זיך ביי איר נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן אַ קוויטש:

— מאַ—מע, פאַר וואָס גייט ער נישט גלייך?

פרידמאַן האָט אומאויפהערלעך ווייטער גערעדט, אָבער שוין עט־וואָס גלאַסענער און פּאַלי האָט זיך קענען איר ווילן צוריק געצויגן צו

אים. זיין דערוועקטער גרימצאָרן האָט אין זיך פאַרמאָגט אַ מאַגנעט, אַז איבערמענטשלעכע צוציאונגס־קראַפט, און זי האָט מיט אַ פאַרשטאַרבענער נשמה זיך טיף איינגעהערט, נישט דורכלאָזנדיק קיין איין וואָרט:

— ווען איך בין אַריינגעפאַלן אין מיין אומגליק, מיט דער גאַניען, האָב איך ערשט דערפילט, וואָס פאַר אַן אומגליק עס דראָט שלמהן. שלמהן, וועלכער איז מיר טייער ווי מיין לעבן, און אפשר נאָך מערער. ווייל מיין לעבן... וואָס איז מיין לעבן? איך זע שוין, וואָס עס באַטרעפט...

פרידמאַנס קול האָט זיך איבערגעריסן. פאַלי האָט פאַרגעסן די גאַנצע שרעק, וואָס דער מענטש האָט אויף איר אָנגעיאָגט ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק. זי איז איצט גרייט געווען אים פאַלן צו די פיס, אויסקושן אים יעדער אָבער, מיט אים צוזאַמען צו באַוויינען זיין ביטערן גורל.

— וויפל פלעג איך בעטן גאָט דערפאַר, אַז ער זאָל באַשיצן אָט דעם טייערן מענטשן, ער זאָל נישט באַגראָבן ווערן ערגעץ אויף אוריצקע. נאָך יענער נאַכט אויף אינסטיטוטסקע האָב איך נישט געלעבט פאַר יסורים. איך בין געווען זיכער, אַז איר וועט צושיקן אייער הסכמה. איך האָב זיך פשוט נישט געריכט אויף אייך, אַז איר וועט דער וועלט טון אַזאַ גרויסע טובה, און לאָזן אייער קרבן זיך אַרויספּלאָנטערן פון דער נעץ. איך בין אין יענע געבליבענע פינף טעג געפאָרן דאַווענען אין קופּעטשעסקע־שול, כאָטש איך האָב אַ שול אין דער צווייטער גאַס פון מיר. וואָס איז? איך האָב געוואָלט הערן, וואָס הערט זיך, וואָס טוט זיך ביי שלמהן? דעם זעכצנטן יאַנואַר ביי טאָג האָב איך מיך צוגעלייגט. דער קאָפּ האָט מיר עפּעס ווייגעטון. האָט זיך מיר געחלומט, אַז אין דער לעצטער מינוט האָט איר צוגעשיקט אייער הסכמה. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט אַזאַ געשריי, אַז אַלע שכנטעס זענען זיך צונויפגעלאָפן פאַר דערשרעק. ווען איך בין געקומען צו זיך און דערזען, אַז דאָס איז לעת־עתה נאָר אַ חלום, בין איך געוועזן אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן שווייס. צו נאַכט צו, נישט קוקנדיק אויף מיינע 38,5 גראַד היץ, וואָס איך האָב דאַמאָלסט געהאַט, בין איך אַוועקגעלאָפן אויף סאַלאָמינקע. מיר האָבן יענעם ביינאַכט ביי אפרים־אהרונען געשפּילט אין דאָמינאָ. אין פּירן געשפּילט, מיט אַ פּאַרטנער הייסט עס. פרעגט מיך אַ וואָרט, וואָס דאָרט האָט זיך געטון... איך האָב נישט געזען די שטיינער פאַר די אויגן. דער קאָפּ איז מיר געווען ביי שלמהן דאָרטן, אין דרויסן, ווו ער האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן דערוואַרטנדיק פון אייך אַ ידיעה. פון יעדן מינדסטן גערויש האָט זיך מיר אָפּגעריסן אינעווייניק: אוי, מען גייט! אוי, מען טראָגט שלמהן דאָס שלעכטע קוויטל... נאָר גאָט האָט געהאָלפן... טאַקע פריער גאָט און נאָך דעם איר, און די קאַטאַסטראָפע איז נישט געשען... שלמה איז ניצול געוואָרן. ווילט איר איצט, אַז איך זאָל גיין אים אַגיטירן, ער זאָל זיך אומקערן צו זיין אומגליק... אָט דאָס זענט איר אַן אַנטוויקלט קולטורעל מיידל, נאָך אַן אינסטיטוטקע דערצו, און רעדט אַזעלכע שטותים?... פע, שעמט אייך! ס'איז אַזש מיר אַ בזיון...

פּאָלי ברענגט קוים אַרויס:

— לויט אייער מיינונג קומט אויס, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן?

— וועגן שלמהן? איר פרעגט ערשט? שלאָגט אייך אַרויס שלמהס נאָמען מיט אַ דעמבענעם שטעקן פונעם קאָפּ, איידער עס זאָלן עס אייך טון אַנדערע...

— גייט, איר זענט אַ בעסטיע, נישט קיין מענטש...

און פּאָלי אַנטלויפט צום אַרויסגאַנג פון פּאַרק אַ דערשראָקענע, ווי אַ קליין מיידעלע.

זי איז צוגעלאָפן צום פוניקוליאַר, אַראָפּגעפאָרן אויף פּאָדאָל און טאַקע מיט דעם זעלבן וואַגאָן באַלד אַרויפגעפאָרן. באַמערקנדיק, אַז פרידמאַן איז שוין אין גאָרטן נישטאָ, האָט זי זיך האַסטיק געלאָזט גיין איבער דער אַלייע אַהין און צוריק, און מלא־חמה געטענהט צו זיך אַליין:

— ביסט דאָך אַ פאָלנע משוגענע, אַ צעדרייטע, אַ פּסיכישע... נו, איך פרעג דיך נישט מער, צו וואָס האָסטו זיך גאָר געווענדעט צו זיי? צו מנשהן, צו פרידמאַנען? וואָס? זאָג מיר, וואָס? דו האָסט טאַקע באמת גערעכנט, אַז די דאָזיקע חסידים וועלן דיר אַ טובה טון? האָסט דען נישט געוווסט, אַז דאָס זענען געפּערלעכע שאָוויניסטן? וואָס זאָג איך — שאַוויניסטן? שדים זענען זיי. שד׳ים, וואָלקולאַקעס, וואַמפּירס, בעסטיעס. ווי אַזוי האָסטו גאָר אַזאַ טעות געהאַט? זיי האָבן דיך דען אַ מאָל ליב געהאַט? זיי האָבן דאָך שטענדיק געקוקט אויף דיר ווי אויף אַ שפּין. נאָר אַז שלמה האָט דיך נאָך געהאַלטן אויפן פענדל, האָט מען געהאַט דרך־ארץ, געמוזט האָבן דרך־ארץ, אָבער איצט? ווייניק זענען דאָ ביי זיי רייזלס,ביילקעס און דינהס? — משוגע וועלן זיי זיין, אים גאָר עצה׳ן צו נעמען אַ מיידל, וועלכע זיי האָסן? וועלכע שמעקט מיט דעם אינדישן אָקעאַן, מיט אינדזל און מיט מענטשן־פליייש? איין שלמה האָט מיך ליב געהאַט, און נאָר אין אים מוז איך דערוועקן דאָס פאַרלאָשענע פייער... נאָר צו אים אַליין מוז איך זיך דערשלאָגן, אָן קיינע אינסטאַנצן, אָן אַדוואָקאַטן, אָן לאָרדן, אָן אָט די פאַרשיווע „אתה בחרתנוקעס", מערזאַווצעס, בלוטזויגערס, מערדערס — אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין...

קאפיטל VI

...הנצנים נראו בארץ... הדודאים נתנו ריח...

צום אָנהייב אַפּריל האָט דער פרילינג אויף אַן אמת פאַרנומען אַלע פּאָזיציעס. אַרום קיעוו זענען די פעלדער שוין געווען איבערגעאַקערט. זיי האָבן זיך געשפּרייט פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט, גלאַטע, שוואַרצע און פרייִדיקע. אין פושטשע־וואָדיצע, יאַגאָטין, סוויאַטאָשין, וואַסילקאָוו, מאָ־טאָווילאָווקע, בויערקע, זשוליאַנע, בראָוואַרי, באָריספּאָל און דאַרניצע, ווי אין אַלע איבעריקע צענדליקער אַרום־שטאָטישע דאַטשעס איז געווען דער רעמאָנט־סעזאָן. אַלע הייזער האָט מען געשמירט פון אינעווייניק און אין דרויסן. שטאַרקע וועראַנדעס זענען רעמאָנטירט געוואָרן, שוואַכע — איי־בערגעבויט אויף דאָס ניי. פּרוכטנביימער זענען ביז האַלב אַרומגעשמירט געוואָרן מיט ווייסן, אַ סגולה פאַר די „זוחלים". * די דאָרטיקע קלובן, טע־אַטערס, פּאַרקן זענען געשטאַנען אין צענטער טעטיקייט פון די דאָרפס־ראַטן און אויספיר־קאָמיטעטן. אַלע האָבן געזאָרגט פאַר דעם קומענדיקן דאַטשניק, פאַר דעם גרויסשטאָטישן פאַראַנטוואָרטלעכן אַרבעטער און פאַר זיין פאַמיליע. און דער קיעווליאַנין בכבודו ובעצמו, האָט נאָך דערווייל צו דעם גאַנצן „ענין דאַטשע", זיך נישט צוגערירט אפילו מיטן מינדסטן פינ־גער. ער האָט מיט פאַרגעניגן איינגעאָטעמט אין זיך דעם ערשטן, זיסן ספּק־ריח פון אַ גרין קנאָספּיקל אויף אַ בוים, געכאַפּט מיטן אויער דעם ערשטן סווישטש פון אַ פייגעלע אין די שטאָטגערטנער. פון אַלע צייטונ־גען האָבן אַראָפּגעשריגן אומגעלומפּערט־גרויסע אַנאָנסן, וואָס האָבן דערציילט וועגן די געזעגענונגס־ספּעקטאַקלען, וואָדעווילן און אָפּערע־שטיק, מיט וועלכע די אָרטיקע טעאַטערס פאַרענדיקן דעם סעזאָן 1933/1934. ווידער, זענען איבער דער גאַנצער שטאָט געווען צעהאַנגען פּלאַ־קאַטן, אַז אויף דעם זומער־סעזאָן מאַכן דעם ערשטן באַזוך אין קיעוו: דער מאָסקווער רעוואָלוציע־טעאַטער; דער לענינגראַדער „קינסטלערישער טעאַטער"; דער ראָסטאָווער מלוכהשער דראַמאַטישער טעאַטער; די באַ־קוער מוזיקאַלישע קאָמעדיע; דער אַשכאַבאַדער נאַציאָנאַלער מלוכה־טעאַ־טער; דער אָדעסער צירק, און אַ חוץ: ניקאָלאַיעווער, וויניצער און וואָראָ־ניעזשער טרופּעס. מיט איין וואָרט: אַ פאַרפלייצונג, אַ מבול פון קונסט, פון פרייד און פון גליק. אַלץ אַרום האָט מיט אותיות, וואָס זענען בבל יראה געמאָלדן, מיט קולות, וואָס זענען בבל ישמע געטרומייטערט:

— גוט איז פרילינג, גוט איז יוגנט, גוט איז ליבע און טרייהייט.

דאַוויד סאָלאָמאָנאָוויטש, ווי פאַרנומען ער איז נישט געווען, האָט ער דאָך באַוויזן אַ פּאָר מאָל אָנצושרייבן פּאַלין, אַז עס איז אַ גוואַלדי־קער עגאָיזם פון איר זייט, וואָס זי באַהאַלט זיך מיט איר שלמהן. עס וועט איר ווייניקער נישט איבערבלייבן, אויב נאָך עמעצער וועט אויף

---

* פּויזנדיקע. געמיינט: די ווערעם, וואָס פרעסן אויף די פּירות.

אים אַ קוק טון. פון איר, פון איר, גראָד פון איר, האָט ער דאָס נישט דערוואַרט... נאָר ער איז איר גרייט מוחל צו זיין, אויב זי וועט דאָס פאַרריכטן...

דאָס מאָל האָט דער בריוונטרעגער אָפּגעגעבן דאָס בריוועלע יאָנין אין פאַראַדנע. איבערלייענענדיק עס ביים עסן, האָט ער אַ ביטערן שמייכל געטון און עס דערלאַנגט אסתרן. סאָנקע האָט עס צוגענומען פון דער מוטערס האַנט און נאָכן איבערלייענען עס אָפּגעגעבן ניומען. יענער האָט עס איבערגעגעבן אוורעמען און אוורעם האָט עס פאַרזיכטיק, ווי אַן ערשט־געבוירן פייגעלע, אוועקגעלייגט פאַר פאָלין. זי האָט עס איבערגעלייענט און אַן ווערטער עס צעפליקט אויף פּיץ־פּיצלעך. נישט אויסרעדנדיק קיין איין וואָרט צו קיינעם, האָט זי אָפּגערוקט פון זיך דעם טעלער אומבאַרירט. דער שלונג האָט זיך אָפּגעזאָגט אַראָפּצובריינגען אפילו אַ שלוק וואַסער. פינף פּאָר אויגן האָבן זיך באַמיט נישט צו קוקן אויף איר. די חוכא וטלולא * איז ביי זיי געהאַנגען אויף די שפּיצנעזער. אין שטוב איז איר מיט אַ מאָל געוואָרן ענג. עס האָט איר פאַרפעלט לופט צום אָטעמען. זי האָט דווקא גוט געדענקט, אַז דאָס גרייטן זיך צו די עקזאַמענס האָט איצט אָנגענומען אַ דרינגענדיקן כאַראַקטער, אָבער דערצו דאַרף מען האָבן אָטעם, און גראָד דאָס האָט איר פאַרפעלט. זי האָט זיך אָנגעטון און איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. אין דער לופט האָט אַרומגעשוועבט אַ גאָלדענער, דורכזיכטיקער בין־השמשות. אַ לייכט, זאַמשן ווינטעלע האָט געשטיפט מיט יעדנס לאָקן, געגלעט אין דער באַק און זיך געקושט אין די ליפּן מיט אַלע דורכגייער. די זון האָט מיט נחת באַטראַכט דאָס וועלטל, געפונען, אַז אַלץ אין אָרדענונג, און זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ זייט, זיך אָפּרוען.

פאָלי, אַליין נישט וויסנדיק וווהין זי דאַרף, האָט זיך מעכאַניש אויפגעהויבן אויף פּעטשערסק, זי איז צוגעגאַנגען ביזן זאַוואָד „אַרסענאַל" און האָט פאַרקערעוועט אַראָפּ אויף בעסאַראַבקע. פון דער ווייטנס האָט מען אַרויסגעזען דעם אַלטן סטאַדיאָן, אין וועלכן זי האָט געהאַט די וויסטע באַגעגעניש מיט מנשהן. זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, זיך אַראָפּגעלאָזט אין מאַרק, געקויפט אַ בוקעט בעז און איז אַרויסגעגאַנגען אויף באָלשאַיאַ־וואַסילקאָווסקאַיאַ. זי האָט נישט באַוויזן צו מאַכן קיין צען טריט, ווי זי האָט זיך אָנגעטראָפן נאָז אין נאָז מיט שלמהן. ביידע האָבן זיך אַ כאַפּ געטון אויף צוריק. דאָס גאַנצע בלוט איז איר אַריין אין פּנים. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון וואָס זי טוט, האָט זי אָנגעכאַפּט זיין האַנט, וווּיטיקלעך זי צוגעפּנעדריקט אין אירער, און זיך אין גאַנצן אויפגעהאַנגען אויף איר:

— ביסט דאָך נישט ברוגז אויף מיר, שלמה, פאַר מיין געוואַגטקייט, אמת ניין? דו האָסט דאָך פאַרקערט ליב געוואַגטע מענטשן, נישט אַזוי?

צו שלמהן האָט זיך אומגעקערט זיין רואיקייט און ער האָט, קוקנדיק זיך אויף די שפּיץ שיך, פּראָסט געשוויגן.

---

* חוזק, שפּאָט.

— פאַרשפּאָרסט מיר צו ענטפערן, איך וויים, אַז דו ביסט נישט ברוגז אויף מיר. וואָס זשע, ביסט דען פון אייזן, צי פון שטאָל? דו זעסט, אַז איך גיי אוים נאָך דיר, איך שטאַרב מיט אַ לאַנגזאַמען טויט, איך צאַנק ווי אַ ליכט. איז קען דען זיין, אַז דו, מיין ליבער, זאָלסט אויף מיר קיין רחמנות נישט האָבן? דו קענסט דען דערלאָזן, אַז דער מענטש, וועלכן דו האָסט דיין גאַנץ לעבן אַזוי ליב געהאַט, — דער דאָזיקער מענטש מעג זיין דער גרעסטער חזיר, דער גרעסטער הונט, אפילו אַ פאַרברעכער. אָבער דיין האַרץ איז דאָך דאָס זעלבע מענטשלעכע, איידעלע האַרץ, וועלכעס עס האָט שוין אַזוי פיל מאָל מוחל געווען זיין מערדערין, — קענסטו דען דערלאָזן, אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל אומקומען אַ צעפּרעסענער פון חרטה־שלאַנגען? סטייטש, איר, פרומע, רעדט דאָך אַזוי פיל וועגן תשובה, און פאַר מיר האָסטו פאַרמאַכט אַלע טויערן —

אין שלמהס אונטערבאַוווסטזיין האָט עפּעס אַ בורטשע געטון:

— ...ס'איז אַלע מאָל אַזוי... אחרי־מות — קדושים אמור... *

דערפילנדיק, אַז טרערן טרעטן צו צו אירע אויגן, האָט זי אים פאַר־שלעפּט הינטער אַ טויער, פאַרמאַכט נאָך זיך דאָס טירל, און קאָנוולסיוו אָנכאַפּנדיק זיינע ביידע הענט, זיי באַשאָטן מיט קושן און מיט טרערן. זי האָט געוואָלט רעדן און נישט געקענט. פון אירע אויגן איז גערונען צע־שמאָלצענער שטאָל. ברענענדיקע טראָפּנס האָבן שלמהן געבריט די הויט, באַשאָטן מיט קוילעכלעך די גאַנצע האַנט, ממש געלעכערט ווי אַ רעשעטע.

— שלמה, טייערער, ליבער, איך בין אַזוי זינדיק קעגן דיר, אַז דיין נאָמען בריט מיר די צונג ווי אָנגעגליט אייזן. דו ביסט געווען אַזוי פיל גוט און יאָרן־לאַנג מיר זיס געמאַכט דאָס לעבן, זיי נאָך אויף אַזוי פיל גוט דאָס איינע מאָל און שענק מיר דעם טויט. איך בין מסכים אויף אַ יונגן טויט, נאָר אַבי פון דיינע הענט... אָדער הרגע מיך, אָדער נעם מיך! איך קען נישט לעבן אָן דיר, איך קען נישט... איך קען נישט...

ביי שלמהן אין האַרצן האָט זיך אַ וואָרף געטון אַ לאַנג פאַרגעסן געפיל. זיינע שטרענגע ברעמען האָבן זיך עטוואָס אונטערגעהויבן, די פאַרגליווערטע אויגן האָבן זיך ברייטער צעעפנט, און זיי האָט אויפגע־וואַכט אַ לעבעדיקער נייגער. פאָלים גיריקע בליקן האָבן גלייך אויפגעכאַפּט די ענדערונג אויף שלמהס געזיכט און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט דערינען ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך. יאָמערלעך וויינענדיק האָט זי קוים אַרויס־געבראַכט ווערטער:

— ליבער, דו שיין פון מיינע אויגן, וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אַזאַ אכזרטע... אַזאַ בלוט־צאַפּערין... וויי, וויי, וויפל בלוט איך האָב פון דיר אָפּגעצאַפּט אין מאָסקווע... מאַ—מע...

זי האָט זיך ווילד געריסן די האָר פון קאָפּ. זיך געקלאַפּט מיט די קולאַקעס אין שטערן, אין האַרצן, זיך געבראָכן די הענט.

---

* נעמען פון סדרות. אין דער ווערטערשפּיל: נאָך דעם ווי אַ זאַך, אָדער אַ מענטש שטאַרבט אָפּ, הייבט מען זיי ערשט אָן צו פאַרהייליקן.

— יענעם פּרייטיק־צו־נאַכטס — דיין קידוש, דיין תהילים. דער וועג אין טרעטיאַקאָווער גאַלעריע, און דאָרט אַליין. שלמה, הרגע מיך... איך זאָג דיר, הרגע מיך... דו שטעך מיך און איך וועל דיר קושן דיין גערעכטע האַנט... שוין אַלץ איינס... צו וואָס נוצט מיר דאָס לעבן? דאָס בלוט, וואָס איך האָב דיר פאַרצאַפּט; דער שטיק בלוט, וואָס דו האָסט פאַרלוירן לעבן פּאָלטאַווע —

שלמה גיט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער און בלייבט שטיין פאַר־גאַפּט.

— ...אָט די אַלע בלוטן וועלן אויפן גאַנצן לעבן זיך פאַרוואַנדלען פאַר מיר אין אַ בלוט־באַד, דאָס וועט מיך וואַרגן... דאָס וועט מיך שטיקן... עס איז נאָר פאַראַנען איין און איינציק אָרט אויף דער גאַנצער וועלט, אויף וועלכן איך וואָלט זיך מיט דער צייט געקענט ריינוואַשן פון מיינע פאַרברעכנס קעגן דיר, דאָס זענען דיינע ד' אמות. די מעגלעכקייט שטענדיק צו זיין מיט דיר... אָבער אויב דו האָסט מיך מער נישט ליב, אויב דו קענסט מיר נישט מוחל זיין, טאָ מאַך אַן עק פון מיין לעבן, ענדיק מיך צו, שלמה, און כאַפּט זי דער רוח, פּאָלי טולטשינסקי...

שלמה האָט בגנבה פאַר איר אַ קוק געטון אויפן זייגער. פּאָלי האָט געגעבן אַ שפּרונג ווי אַ שלאַנג וואָלט זי אַ ביס געטון:

— קוק נישט אויפן זייגער, האָב אויף מיר רחמנות. אַזוי ווי דו — האָט מיך קיינער קיין מאָל נישט ליב געהאַט. דו מיך — און איך דיך. ליבע איז נישט קיין מלבוש, וואָס מען קען עס איבערבייטן ווען און אויף וועלכן מען וויל. אַ מענטש קען זיך אַליין נישט איבערשאַפן. שלמה, זיי נישט גענאַרט, קיינער וועט דיך אַזוי נישט ליב האָבן ווי איך. אָט די אַלע רייזלס מיט די ביילקעס וועלן ליב האָבן אין דיר דיין לומדות, דיינע פינף הונדערט בלאַט גמרא, וואָס דו געדענקסט אויף אויסנווייניק, איך אָבער, האָב ליב דיך... דיך אַליין... אפילו אַ שווייגנדיקן... אפילו אַ בייזן. נאָר דו ביסט דאָך אפילו נישט בייז, דו ביסט פּשוט פאַרפרוירן. אַז דו קומסט צו מיר ווערסטו פאַרפרוירן. גוואַלד, פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? מיט וואָס האָב איך אַזוי פאַרזינדיקט? שוין זשע איז שוין נישט מעגלעך מיר מוחל צו זיין נאָך אָט די איינע זינד? רוצחים, באַנדיטן, אונטערצינדער אַמנעסטירט מען אויך... שוין זשע בין איך ערגער פון זיי אַלע, וואָס איך קען דיין שטיינערן האַרץ נישט רירן? שלמהלע, איינ־ציקער מיינער, דערמאָן זיך, וויפל גליקלעכע שעהן מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען: די נעכט שיפנדיק זיך אויפן דניעפּר; די נעכט אין די פינצ־טערע פּאַרקן; דעם טאָג פון חמשה־עשר באב אין סוויאַטאָשין; די נאַכט אין וואַגאָן קיין מאָסקווע; די ערשטע פּאָר טעג אין מאָסקווע, ביז דער דיבוק איז אין מיר אַריין. שלמה, איך קען אים שוין איצט גוט דעם דיבוק, ער וואַגט זיך שוין נישט צו באַווייזן. שלמה, גלייב מיר נאָך דאָס מאָל, פּרווו... לאָז אַרויס דיינע געפילן אויף דער פריי... שלמה, שלמה, שלמה!... גוואַלד, שלמה, אַ טויטן, דאַכט זיך, וואָלט איך שוין אויך דערוועקט! וואָס שווייג־סטו? ענטפער! זאָג אַ וואָרט! לאָמיך כאָטש הערן איין וואָרט פון דיר...

— אנטשולדיקט מיר, עס איז מיר זייער נישט אָנגענעם, נאָר מען וואַרט אויף מיר אין דער היים.

פּאָלי איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט. מיט אַ ציטערנדיקער שטימע האָט זי שטיל אַרויסגעבריפּעט:

— ס'איז אַ שעה, אַז איך רעד צו דיר, איז אָט דאָס דיין ענטפער? מען זאָל שוין רעדן צו אַ שטיין —

שלמה האָט פאַרזאָרגט אַ קוק געטון אויפן זייגער:

— טאַקע גערעכט, שוין באַלד אַ שעה. עס טוט מיר זייער לייד, נאָר איך מוז גיין...

פּאָלי האָט מיט שוים אויף די ליפּן אויסגעשריגן:

— גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ שרעקלעכער נאַכאַל איר זענט געוואָרן...

שלמה האָט געלאָזן געעפנט דאָס טירל און איז אַרויסגעגאַנגען. דאָס טירל האָט זיך מיט אַ קרעכץ צוריק פאַרקלאַפּט און פּאָלי איז איינע אַליין געבליבן שטיין אין דער פינצטער מיט אויסגעשטרעקטע הענט און אויסגעגלאָצטע אויגן אין דער קעגנאיבערדיקער וואַנט אַריין. דאָס בורקעטל בעז האָט אַ צעטראָטנס זיך נעבעכדיק געוואַלגערט אונטער אירע פיס.

טיף אין הויף, פאַר אַ באַלויכטן פענצטער, האָבן צוויי אַרומגענומענע פּאָרלעך געטאַנצט אַ וואַלס. אין עק פון הויף, ביים מיסטקאַסטן, האָט אַ צעפּאַטלטע אַלטיטשקע לאַנגזאַם געטרייסלט פעדערן פון אַ ציך. ערגעץ גאָר נאָענט האָט אַ קאַץ הארצרייסנדיק געמיאַוקעט.

אַ גאַנצע אייביקייט איז פּאָלי געשטאַנען אין דעם באַוווסטלאָזן צושטאַנד. מיט אַ מאָל האָט זיך אויף יענער זייט טויער דערהערט אַ טופּען פון פיס און אַ מעטאַדיש ציאָקען פון פערדישע פּאַדקאָוועס אין דעם ברוק. דורך די שפּאַלטן אין טויער האָבן אַריינגעפלאָסן אין דער תחילת־נאַכטיקער טונקלקייט, די טרויעריקע טענער פון טשאַיקאָווסקים אַ סימפאָניע. אויף דער גאַס איז געגאַנגען אַ פאַרשפּעטיקטע לויה. פּאָלי האָט דערוואַכט, זיך פאַרלוירן אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, זי האָט נישט פאַרשטאַנען: וואָס טוט זי דאָ? ווי קומט זי גאָר אַהער? מיט אַ מאָל האָט אַן אַלכסונדיקער שטראַל פון אַ פאַרבייפאָרנדיקן אויטאָ אויסגעריסן פון דער פינצטערניש דאָס צעטאָפּטשעטע בוקעטל בעז. די ווירקלעכקייט האָט ווי מיט אַן אייזערנער שטאַבע דערלאַנגט פּאָלין איבערן קאָפּ. אַ טעמפּע צוואַנג האָט אומברחמנותדיק צונויפגעקלעמט איר האַרץ, די אויגן זענען איר אַרויסגעקראָכן אויפן שטערן, זי האָט אַריינגעשטעקט ביידע הענט אין די האָר און האָט אַ פאַרצווייפלטע אַרויסגעפּליסטערט:

— אוי, מאַמע האַרציקע, נאָך וואָס האָסטו מיך געבראַכט אויף דער וועלט אַזאַ אומגליקלעכע? צו וואָס טויג מיר לעבן אויף דער וועלט? צו וואָס? צו וואָס?

צופנדיק ביי דער נשמה, האָבן די וואַלסירנדיקע פּאָרלעך געזונגען, געזונגען און געטאַנצט...

קאפיטל VII

שפעט נאך האלבער נאכט, ווען אלע קינדער, אלע שוואגערס און סתם קרובים האבן ביי זיך אין די היימען אפגעפראוועט די סדרים, זע־נען אלע, לויט דער אלטער גוטער טראדיציע פונעם קליינעם שטעטל, זיך צונויפגעגאנגען צום זיידן שלומען, דארט צו דערזיצן דאס איבעריקע שטיקל נאכט. שלאפן לייגט זיך קיינער נישט. ווי פארשלאפט מען דאס אזא נאכט, וואס גאט אליין איז אין איר נישט געשלאפן? ניין, אין א ליל־שמורים לייגט זיך ביי די פיאטיגארסקעס קיינער נישט.

דער זיידע אליין איז געווען אנגעטון אין א נייער זיידענער קאפאטע, וואס שלמה האט אים אין טארגסין געקויפט א מתנה לכבוד יום־טוב. אויף דער קאפאטע האט ער געטראגן א שניי־ווייסן קיטל, א לאנגן ביז צו דער ערד. אין דעם דאזיקן מלכותדיקן קיטל האבן געקענט אריין נאך פיר זיידעס, אזוי ברייט און געפאלדעוועט איז ער געווען. דער קיטל איז געווען ענג צוזאמענגעצויגן מיט א ברייטן, זיידענעם, גרין־גרויען גארטל. א גארטל פון ר׳ איציקל סקווירער זצ״ל. פאר אט דעם גארטל וואלטן חסידים נעווען אפגעגעבן דעם רבין כל הון דעלמא, יעדער איינער פון זיי וואלט זיך ממש געווען פארקויפט פאר א קנעכט. עפעס א קליניקייט: א חפץ וואס האט זיך אזוי פיל טויזנטער און צענדליקער טויזנטער שעהן געפור־נען אויפן טשערנאביליער מגידס זונס הייליקע לענדן. דער סקווירער רבי האט אבער אויסגעקליבן שלום כמעלניקער פאר א זוכה אויף דעם גארטל. דער רבי האט געהאט א הייליקע נאז... וירח את ריח בגדיו, האט ער דערפילט, אז צו אזעלכע בגדים פאסט אזא גארטל... אזור קדוש לגוף קדוש... דאס איז געווען נאך „חצות", פאר די ערשטע סליחות. דער רבי מיט זיין חבריא זענען געגאנגען אין זיין אייגן מקוהלע זיך טובל זיין. פלוצלינג שטעלט ער זיך אפ, הייבט אויף זיינע הייליקע ברעמען און קוקט זיך ארום:

— און ווו איז ערגעץ שלום?

האט מען דורכגעלאזט צו אים שלומען. דער צדיק האט אויף אים געווארפן א שארפן קוק, אראפגענומען פון זיך דעם גארטל און אים אויס־געשטרעקט צו זיין חסיד ותיק:

— נעם, שלום, טראג אים... אבער זיי נזהר מיט אים, ווארעם דער דאזיקער גארטל האט געזען דעם בעל שם טוב הקדוש...

פון דאמאלסט אן האבן חסידים בצנעה געשמועסט צווישן זיך, אז שלום כמעלניקער איז נתעלה געווארן... דאס איז ניכר אין יעדער תנועה... אט דעם גארטל טראגט דער זיידע נאר דעם יום־כפורדיקן מעת־לעת און צו די סדרים. חסידים האבן דאס אויסגעטייטשט: „בזאת יבא אהרון אל הקודש"... דאס פנים ביים זיידן שיינט, די אויגן לייכטן ווי ביי א הייליקן, די באָרד איז אויסגעקעמט, זי דערגרייכט אים עד הטבור. אויף די פיס טראגט ער נרינגע סאפיאנענע שיכלעך. יעדן פון די געסט באגעגנט ער שטייענדיק, דערלאנגט די האנט. מיט די אייגענע קינדער צעקושט ער זיך

און זאָגט: א גוט יום־טוב, לשנה הבאה בירושלים. מיכאל און יחיאל שמייען אַרום איבערן צימער מיט ברעטער אין די הענט. אין איין הרף־עין ווערן געבוירן בענק, זיי ווערן באַדעקט מיט קאָלדרעס און — שוין א פּאַרטיקע לאָזשעץ!

קינדער און קינדס־קינדער זענען זיך צונויפגעקומען צום גרייז־גראָען זיידן שלומען. ס'איז געקומען אפרים־אהרון מיט אַלע קינדער; עס זענען געקומען אַלע זיינע טעכטער מיט די מאַנען און מיט די קינדער; עס איז גע־קומען מנשה כּאַדאַראָוו, זיין פֿאָטער און די שוועסטער; עס איז געקומען דער פעטער מוזי מיט דער מומע לאַהן; עס איז געקומען דער פעטער גרשון מיט אַלע קינדער און קינדס־קינדער; א חוץ סתם מקורבים און גוטע־פריינד פון א גאַנץ יאָר. אין שטוב איז קיין עין־הרע א געדראַנג, א האַר־מידער. דאָס קליינוואַרג וויל נאָר צום זיידן אויף דער הסבה־בעט. מען לייגט זיי פּאָר ניס, עפּל, וויין. זיי נעמען בפירוש צו די אַלע גוטע זאכן בסבר פנים יפות, נאָר דאָס אַלץ איז ערשט גוט צו עסן ביים זיידן אין שכנות. אויף צו צעקלאַפּן די ניס איז אויך דאָס בעסטע אָרט ביי דער קערה, און דווקא מיט דעם גראָבן זאַלצמעסטל, וואָס האָט שוין א שפּאַלט נאָך פון פּאָר א יאָרן. די מוטערס פּאַטשן אריין, נאָר דער זיידע דערלאָזט נישט מען זאָל שלאָגן. ער נעמט אויף די הענט דעם געשמיסענעם און זעצט אים אריין גלייך צו זיך אין דער צוקאָפּנס־קישן. טאַמער זאָגט אפרים־אהרון, אַז דאָס קליינע איז א חזירל, זאָגט דער זיידע פאַרקערט, אַז עס איז א גאָלד, איין טייער קינד. ווילן, פאַרשטייט זיך, די איבעריקע נישט לײַדן, פּאַר וואָס איז ער עפּעס א גאָלד? ווייל ער האָט געוויינט? אָט הייבן זיי אויך אָן צו וויינען, ווען זיי אויך ווערן פון גאָלד, און זאָל זיי דער זיידע אויך נעמען אויף די הענט... און עס הייבט זיך אויף א געוויין מיט א געלעכטער מיט סתם א הו־האַ: דאָס זינגט, דאָס שרייט און איין פּעמפּיק וויל גלאַט אַזוי צעברעכן א כוסה: דעם וויין האָט ער שוין אויסגעטרונקען, אויף וואָס זשע דאַרף נאָך לעבן די כוסה? מיט איין וואָרט, — עס איז לעבעדיק און פריילעך.

שלמה שטייט אין א ווינקל ביי דער טיר, באַטראַכט אומעטיק דעם גאַנצן האַרמידער און הערט זיך צו צום ווערעמל, וואָס נאָגט אים אונ־טערן לעפּעלע. אין דער וואָכן פילט ער נישט אַזוי דאָס איינזאַמקייט, אָבער אונטער א שבת, ווער שמועסט אין אַזא גרויסן יום־טוב, — פילט זיך ערשט דער עלנט. פּאַר א יאָרן אין דער צייט איז דאָ מיט אים געווען פּאָלי. זי איז געזעסן אויבן־אָן אַקעגן זיידן. איז טאַקע דאַן ליכטיקער געווען אין שטוב. וואָס אמת, איז אמת... און אים דאַכט זיך, אַז אַלע, אַלע באַמערקן דעם אונטערשיד פון פּאַר א יאָרן ביז היינט, מען זעט, מען פילט און מען מאַכט מיט א שוויג. עס דערמאָנט זיך אים, ווי פּאָלי האָט אים געבעטן הינטערן טויער: „הרגע מיך״... אַזא שוטה ווי זי איז. א קונץ איז שטאַרבן? א קונץ איז לעבן! „לעבן אונד לעבן לאַסן״, ווי דער דייטש זאָגט. וואָס איז דאָ צו רעדן? עס האָט געקענט זיין א געהויבענער

בנין, האָט זי נישט געוואָלט. און אפשר דאַרף ער נאָך דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט אים דערוויזן ווי פאַרדאַרבן און אומבארחמנותדיק איר נשמה קען זיין — איידער זי איז נאָך געוואָרן זיינע. שפּעטער וואָלט שוין געווען פאַר—פאַלן! נישט אפשר, נאָר זיכער דאַרף ער דאַנקען גאָט. וואָס זשע? ער גלייבט נישט אין קיין השגחה־פּרטית? שטייט דען נישט: „אין אדם נוקף...״ שטייט דען נישט: „אין הקב״ה מקפּח שכר כל בריה ובריה...״ ער איז דען חלילה אַרויסגעפאַלן פונעם קאָן, וואָס?

דער זיידע באַמערקט שלמהס דערשלאָגנקייט, רופט אים צו, זעצט אים אַוועק לעבן זיך, לייגט אים אַרויף אַ האַנט אויפן אַקסל און פרעגט:

— מה העבודה הזאת לכם? וואָס שטייסטו אַזוי דערשלאָגן? דיינע קינדער האָבן דיך באַזעצט, וואָס?

— עס דאַכט זיך אייך, זיידע.

— מיר דאַכט זיך? האַלטסט מיך פאַר נאַרישער פון זיך? נאַ דיר גאָר: מיר דאַכט זיך...

— איר זענט זיכער קליגער פון מיר, נאָר דאָס מאָל ווייזט זיך אייך אויס.

— איך בין דריי מאָל אַזוי פיל אַלט ווי דו, שוין דערפאַר אַליין קען זיך מיר נישט אויסווייזן. דו ביסט אַראָפּ פונעם פּנים, מרה־שחורהדיק געוואָרן און עפּעס ווי פאַרלאָשן. כ׳מיין... טאַקע פאַרלאָשן, מיין איך. טאַקע פאַרלאָשן. דו דאַרפסט אויף אַ שטיקל צייט ערגעץ אָפּפאָרן.

— וואָס זשע עפּעס גאָר אָפּפאָרן? איך דאַרף אַנטלויפן פון עמעצן, וואָס?

— יאָ, אַנטלויפן! אודאי אַנטלויפן. פון דיין עצבות דאַרפסטו אַנט־לויפן. וועסט זיך דורכפאָרן, וועסטו זען נייע מענטשן, נייע ערטער, וועסטו זיך אַ ביסל צעשטרייען, און אגב, זיך טאַקע אויך אַ ביסל פאַפּראַווען. נאָר אַוועקפאָרן ערגעץ, זיך אַ ביסל דורכלופטערן... געדענק, איך בין אויף דיר גוזר, אַז באַלד נאָך פּסח זאָלסטו אַ שפּיי טון אויף אַלע דיינע מסחרים מיטן „טאָרגסין״ צוזאַמען, — וועסט זיי איבערגעבן דעם טאַטן, וועט ער זיי אויספירן אַזוי גוט ווי דו, און אויב אפילו אַ ביסל ערגער, שפּילט דאָס אויך קיין ראָל נישט, — און פאָרן אַ ביסל אויסרוען דעם מח מיט די ביינער.

— אין אמת גערעדט, האָב איך אפילו נישט קיין גרויסן חשק זיך איצט פאָרן דאַטשקען, נאָר אַז איר זענט גוזר אויף מיר, איז דאָך אָפּגע־רעדט. אין אחרי מעשה בית־דין כּלום! וווהין זשע הייסט איר מיר פאָרן?

— ניין, דאָס נישט! בכלל פאָרן הייס איך דיר, אָבער וווהין? דאָס איז דיין זאַך. וואָס בין איך עפּעס, אַ דיקטאַטאָר? וווהין דו ווילסט, אַהין פאָר. קאַרג בעדער מיט קורערטער זענען פאַראַן?

— ווייס איך, איך האַלט עפּעס נישט פון די רשות־הרבימדיקע ערטער...

— ניין? פאָר אויף אַ דאַטשע. פאָר נאָענט, פאָר ווייט, פאָר וווהין

דו ווילסט, נאָר פּאָר אומבאַדינגט, און ברענג אונדז צוריק דיינע פולע באַקן און דיין פריילעכקייט.

*

דעם צווייטן טאָג חול־המועד פּסח טראָגט שלמה צופּעליק אַריין צום זיידן צוויי לימענעס לכבוד יום־טוב און טרעפט דאָרט איצי גאַיסינ־סקי פון גאַראָדישטשע. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן שלום־עליכם, געפרעגט איינער דעם צווייטן: „וואָס מאַכט מען גוטס?" און פאַרפירט אַ שמועס פון „דברים של מה־בכך". שלמה וווּנדערט זיך:

— אום חול־המועד קומט מען צו פאָרן צו גאַסט? וואָס איז די מעשה?

— די מעשה איז אַ שיינע מעשה. איך האָב אין גאַנצן געהאַט „שמורה־מעל" אויף צען מצהלעך, האָט זיך מיר לכתחילה גערדאַכט, אַז עס וועט פּאַר מיר זיין איבער גענוג. אַן עלטערער מענטש, וויפל דאַרף איך? צום סוף, שטעל דיר פאָר, איז אויף מיר אָנגעפאַלן עפּעס אַ מין וועלפישער אַפּעטיט — אויף דער עלטער, מיין קינד, טרעפן אַזעלכע פאַלן, אַז ס'פאַלט אָן אַ משוגענער הונגער און מען הייבט אָן צו קייען ווי אַ בלינד פערד — און איך האָב נעכטן דערזען, אַז איך וועל מיט מיין „שמורה" בלייבן שטייען אין דער מיט. בין איך צוגעפאָרן אהער, טאָמער וועל איך עפּעס קריגן אויף צו דערשטיקעווען די עטלעכע טעג.

— נו, האָט איר שוין עפּעס געקריגן?

— דערווייל איז שלעכט. די רבנים זאָגן מיר, אַז זיי קומען אַליין אויס מיט אַ „כזית" צו יעדער סעודה, און המותר דערשטיקעווען זיי מיט קאַרטאָפל. דער זיידע דיינער, זאָל געזונט זיין, האָט אַליין בסך־הכל עט־לעכע מצהלעך. איך האָב שוין היינט אָנגעקלאַפּט אין אַלע שערי־רחמים, אומעטום אָפּגעזאָגט די תפילה „ריקם אל תשיבני" און פון אומעטום זיך אומגעקערט מיט דעם, וואָס איך בין געקומען. בגפו יבא, בגפו יצא. ווייס איך טאַקע נישט, וואָס מען טוט...

— נו, און ביי פּרץ־יונה דעם גבאי האָט איר שוין געפרעגט?

— ס'אַ משל לעמעשקע...

— פאַר וואָס זשע? ער מאַכט דאָך אַלצדינג מיט אַן עודף...

— למשל, וואָס הייסט ביי דיר: אַלצדינג?

— איך ווייס, וואָס עס הייסט? טאָמער דאַכט זיך אים, אַז עס קומט אים פאַר עפּעס אַ „משהו" כבוד, אַזוי איז ער גלייך תובע בפה אַ גאַנצן „יותרת על הכבוד"... *

— דאָ, דאַכט זיך, האָסטו דווקא יאָ קולע געוווען אל השערה... בנוגע כבוד מאָנט ער אַ היפּשן עודף... און איז אַ גאַ — רחמנא ישמרנו!

---

* אַ ווערטערשפּיל. ריכטיק איז: „יותרת על הכבד", אַן איבעריקער שטיק לעבער. פון הלכות טריפות.

— איז מה רעש? גאות, וואָס נעמט זיך פון עבודת־ד׳ מאַכט דאָכט זיך נישט אויס. עס שטייט דאָך: ויגבה לבו בדרכי ד׳...

— איז אָט דאָס האָסטו אים געפּאַקט פאַר אַן „עובד״?

— פאַר וואָס נישט? דאָס מין סחורה גייט דאָך נישט איבער בירושה... און קיין סמיכה דערויף דאַרף מען אויך נישט, כל הרוצה בא ונוטל...

— נו־נו, אדרבה, ווער זאָגט דיר דען, אַז ניין? אָבער פריער דאַרף מען דאָך זיין אַן אמתער „רוצה״...

— אָבער וואָס האָט איינס צו טון מיטן אַנדערן? פרעגן האָט איר געמעגט. אם לא יועיל לא יזיק.

— אָבער אַז להד״מ! *

— וואָס זשע, ס׳איז ביי אים עפּעס נישט אַזוי שטאַרק על טהרת־הקודש?

— ווער זאָגט דיר? חס וחלילה! וואָס איז, דו ווייסט עפּעס? נו, נו, אַ שיינעם פּנים וואָלט עס געהאַט... ביים גבאי־ראשון פון קופּע־טשעסקע שול, זאָל זיין דאָס כשרות מיט אַ סירכא. איך וויל גאָרנישט, אַז דורך מיר זאָל ער באַקומען אַ חלק „עם מי שחושדין בו במה שאין בו״... פאַרקערט דאַכט זיך, ער האָט אַזוינע דרכימלעך, וואָס עס ווערט פריקרע צוצוקוקן... למשל: ער, אַז ער הייבט אָן צו זאָגן דעם לאַנגן „מודה־אני״, ** קען מען אַנטשלאָפן ווערן וואַרטנדיק...

— ווען זשע אַרט דאָס? און בכלל וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו עטלעכע מצהלעך?

— דער שייכות באַשטייט אין דעם, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז נאָך אָט דעם לאַנגגאַרנדיקן „מודה־אני״, שטעקט ער אַריין אַ פּורימדיקן לחם־משנה מיט איין „הסבה״, *** „ולא נודע כי באו אל קרבנה״...

שלמה, לאַכנדיק פונעם גאַראַדישטשער רבס געווירצטער שפּראַך:

— מילא, זאָל אים זיין צו געזונט! דאַכט זיך אַזוי אַ קוק טון קען מען מיינען, אַז די לו בקב חרובין... יאָ, אָבער אפשר איז ער זיך נוהג: תנא ושיר?

— יאָ, יאָ, ניי זיך אַ בייטל אויף זיינע שיריים... פאַרגעס נישט מיטנעמען אַ זאַק... און אַזוי ווי ער איז אין עסן אַ שרף, אש־להבה, אַזוי איז ער אין יידישקייט, במילי דשמיא, הייסט עס, קאַלט ווי אייז...

— אַזוי גאָר?

— אַזוי גאָר!

— הם! הערט אַ מעשה... און איך האָב אים געהאַלטן פאַר —

— אַלץ הייסט קאַלט... לפני קרתו מי יעמוד? ****

---

* ראשי־תיבות פון: „לא היו דברים מעולם״. געמיינט: עס הייבט זיך גאָר נישט אָן, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

** געמיינט: „ברכת־התורה״.

*** צוזעצן זיך.

**** דאָ געמיינט בדרך הלצה: ווער קען איינשטיין קעגן זיין קעלט? פון תהילים.

— מנע! בעבור זה לא אמרתי! *

— און שוין, מיינסטו? אַט דאָס איז אַלץ? סימתינהו לכולי שבחי?... און בכלל, ווי ווייט מעגלעך מייד איך אויס אַריינצוגיין צו אַט דעם בן־אדם... זיין יידענע —

— וואָס זיין יידענע? וואָס פאַר אַ חסרונות האָט איר אין איר?

— נישט קיין חסרונות! חסרונות גאָר... איך דאַרף זיך עפּעס משדך זיין מיט איר? נאָר איר מענה־לשון —

— כאַ, כאַ, כאַ... וואָס זשע, תשעה קבין —

— אויף מער האָסטו קיין השגה נישט? דווקא מ׳ סאה! תשעה קבין וואָלט שוין געהייסן אַ ישועה.

— קען מען נישט אָפּזוכן קיין שעת־הכושר ווען דער „פי האתון" שלאָפט, אָדער ווען זי איז אין גאַס?

— איי, איך בעט דיך, לאָז מיך געמאַך מיט דיין פּרץ־יונהן... לא מדובשך ולא מעוקצך! דאָס דאָזיקע פּאַרפאָלק האָט שטענדיק ליב אַריינ־צוקריכן יענעם אין די גרגרת אַריין...

— נו און ביי חיים־כאַיקל דעם אייעריקן האָט איר נישט געפּרוווט אַ טאָפּ טון אין וואָגן?

— איך בעט דיך, לאָז מיך צו רו מיט דיינע שלימזלדיקע וואָגנס... שלמה, שטאַרק פּאַרחידושט:

— ר׳ איצי, גאָט איז מיט אייך! ר׳ חיים־כאַיקל איז דאָך אַ ייד אַזוי צו זאָגן: בפה מלא. פון די קיעווער בעלי־תריסין.** און בכלל —

— און בכלל טראָגט דיין בר־נש גאָר אַ היפּש פּויערל אין בוזעם...*** דאָס איז דער בכלל. און דערצו איז ער דאָך אַזאַ כעסן, זאָל גאָט שומר ומציל זיין... און ווי באַלד כעס, איז דאָך שוין מן הנמנע, ער זאָל עפּעס טון כדבעי למהוי, ווייל „לפי שהיה בכלל כעס, בא לכלל טעות".

— אַ כעסן, זאָגט איר? כולי האי? אַז אַ ייד איז אַ שטיקל קפּדן, הייסט ער שוין ביי אייך אַ כעסן?

— ניין, ניין! איך ווייס וואָס איך רעד. כעס, כעס ממש. און כעס איז טריף! און כעס איז שמד! די גמרא זאָגט: כל הכועס כאלו עובד עבודה־זרה. פרעגט די וועלט אַ קשיא: וואָס איז די מעשה? פאַר וואָס אַזאַ שרעקלעכע דוגמא? נאָר דער טעם איז, אַז די דאָזיקע עובדא האָט אין זיך טאַקע אויף אַן אמת מעין פריקת־עול. וואָרעם ווען דער כועס געדענקט בשעת־מעשה, אַז דער דאָזיקער גורם וועלכער האָט אים געבראַכט לידי־כעס, איז נישט מער ווי אַ שליח־המקום, וואָלט דאָך דער גאַנצער כעס גלייך אויסגעוועפּט געוואָרן, ער וואָלט דען געוואָלט זיין אַ מטיח דברים כלפי מעלה? חלילה וחס! וואָס דען, ער געדענקט דאָס נישט, ער גלייבט בשעת־מעשה, אַז ס׳איז דאָ אַ „רצון הזולת", דעריבער טאַקע איז דאָס אַן ענף

---

* כמו ווי: אַזוי ווייט האָב איך נישט חושד געווען.

** דאָ געמיינט: אָנגעזעענע בעלי־בתים.

*** אין דער פאָלקסשפּראַך: אַ גראָבער מענטש.

פון עבודה־זרה. והראיה לדבר, קוק זיך צו: ווען אַ מענטש ווערט רעכט אין כעס, אַזוי ווערט ער נשתנה, אַזוי פאַרלירט ער גלייך דעם צלם־אלקים פונעם פּנים, קודם־כּל ווערט ער אויס מחותן מיטן אייבערשטן און גלייך ציט זיך אַרויף אויף אים עשיו׳ס צורה. און דער חיים־כּאַיקל דיינער, ס׳זאָל נישט פאַררעכנט ווערן פאַר קיין לשון־הרע —

— מילא, וואָס טויג מיר, אָבער וואָס זשע קלערט איר טאַקע טון? פראַווען יום־טובדיקע תעניתימלעך?

— איך זאָל אַזוי וויסן פון בייז, ווי איך ווייס וואָס איך קלער צו טון... ס׳איז טאַקע ביטער...

— עס וועט זיין רעכט, נישט געזאָרגט. איך האָב אויף פּאָדאָל אַ קימאַ־לן פון דריי מיט אַ האַלבער קילאָ מצה־שמורה משעת קצירה, אָפּגעבאַקן — למהדרין מן המהדרין, וועט זיין פאַר אייך אַ קילאָ, און דעם טאַטן מיט דעם זיידן מיט מנשהן דריטהאַלבן. איר וועט האָבן גענוג אַ קילאָגראַם?

— וואָס פרעגסטו? אַ גרויסן דאַנק דיר. דו האָסט מיך ממש מחיה געווען, פרעגסטו גאָר, צי עס וועט זיין גענוג. עס איז מיר נאָר פריקרע די מעשה, וואָס דו טיילסט מיר איין מער, ווי עס נעמט זיך אָן אויף מיין חלק...

— ווייס איך... מער הונדערט גראַם, ווייניקער הונדערט גראַם... לא על הלחם לבדו —

— ווי אַזוי זשע וועט זי קומען צו מיר?

— ווען ווילט איר פאַרן?

— אויף דער נאַכט, מיטן שטייגער. נאָך ספירה־ציילן.

— פאַר מנחה וועל איך זיי אייך ברענגען אהער צום זיידן.

— כ׳בין דיר זייער, זייער דאַנקבאַר. און איצט, אַז דו האָסט מיר שוין דעם פּיסק פאַרשטאָפּט, דערצייל, וואָס זשע הערט זיך עפּעס ביי דיר, ביים טאַטן, ביי מנשהן?

— קיין שום נייעס נישט, הכּל כּמקודם.

— איז וואָס זשע הייסט עס, גוט צי שלעכט?

— כ׳ווייס אויך נישט. ס׳הייסט „פּאָ סטאַראָמו".

— נו און ביי אייער שכן דאָרט, ביי אברהם שאַרפשטיין, וואָס הערט זיך גוטס? ווי גייען עפּעס זיינע מסחרים?

— עט, אַזוי... פּעם בכה, פּעם בכה...

— וואָס מאַכט זיין פלונית? שוין געזונט אויף די אויגן?

— אָ־אָ! שוין לאַנג, ברוך־השם.

— נו און די קינדער זיינע? די עלטסטע טאָכטער?

— אַלץ אין אָפּערע... זינגט...

— וואָס איך הער? נאָך אַלץ דאָס זעלבע און עס ווערט איר גאָר נישט נמאס? טאַקע פלאַי־פלאַים! אַ מענטש זינגט און זינגט און ווערט גאָרנישט איינגעזונקען...

דער גאָראָדישטשער רב אַליין צעשמייכלט זיך פון זיין מליצהלע און שלמה נוצט אויס די געלעגנהייט אויף איבערצובייטן דעם שמועס. ער פרעגט:

— ר׳ איצי, און איר אַליין וואָס טוט עפּעס? ווי אַזוי פילט איר זיך לעצטנס אין געזונט?

— שוטה, ביי אַ יידן אין מיינע יאָרן פרעגט מען נישט אַזעלכע זאכן... געשענקטע יאָרן מיט געשענקטע צרות, נאָר גאָרנישט, — די לו שהוא חי...

— נו, און וואָס מאכט עפּעס אייער ווייב? די רביצין, מיין איך...

— ווער? די רביצין, פרעגסטו? וואָס זאָל זי מאכן? זי האָט אַ ראַק —

— אַ ראַק? רחמנא ליצלן! וואָס זשע רעדט איר דערפון עפּעס אַזוי, כלאחר יד... שוין פון לאַנג?

— פון דער חתונה־אָן. זי שרייט: רק געלט!

— טפו, אויף מיינע שונאימס קעפּ! איר האָט מיך איבערגעשראָקן אויף טויט. אַזאַ „רק" האָבן דאָך אַלע יידישע טעכטער...

— ווער זשע זאָגט דיר דען, אַז ניין? גליך ווי עמעצער זאָגט אים, אַז ס׳איז נישט אַזוי...

מיט אַ מאָל ווענדעט ער זיך צום זיידן, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון שלמהס פּנים:

— פאַר וואָס האָט ער עפּעס ביי אייך אַזאַ פּסחדיק פּנים?

— וואָס פרעגסטו ביי מיר? פרעג ביי אים. נאָר ער פאָרט שוין במילא אויף אַ דאַטשע.

— וווהין זשע פאָרט ער, וווהין?

— כ׳ווייס? וווהין ער וועט וועלן, אַהין וועט ער פאָרן, מיין דאגה... פון מיינעט וועגן, קען ער פאָרן אפילו קיין כמעלניק —

דער אַלטער איצי ווענדעט זיך צו שלמהן:

— ווייט פאָרסטו עס אויף דאַטשע?

— איך האָב נאָך נישט אויסגעקליבן.

— פאַר וואָס זשע האָסטו נאָך נישט אויסגעקליבן?

— איך טראַכט ווייניק וועגן דעם.

— פאַר וואָס זשע טראַכסטו ווייניק? דאַרפסט, דאַרפסט זיך פאַר־פראוועוען. דו זעעסט אויס מיד און אויסגעמוטשעט. שאַ! יונגערמאַן, אפשר וואָלסטו גאָר געפאָרן קיין קאַהארליק. אמת, דאָס שטעטל אַליין איז אַ ביסל אַ טרוקנס, שטיין און ביין, דערפאַר אָבער וואָלסטו דאָרטן פאַר איין וועגס אַ ביסל צוגעקנעלט מיט מיינע אייניקלעך, זיי וואַקסן אין סטוי־בער אַריין, וואַקסן זיי... ווי די אמתע היצליעס...

— ר׳ איצי, איר ווייסט דאָך, אַז איך האַלט אייך פאַר אַ קלוגן יידן, נאָר מיט אייער המצאה וועגן קאַהארליק דערמאָנט איר מיר יענעם שטעטלשן כתבא־רבא. אַ מאָל איז אַ יידענע אַריינגעקומען צו אַ מיידלשן מלמד, ער זאָל איר אָנשרייבן אַן אַדרעס צו איר טאָכטער קיין אָדעס. דער

מלמד ווענדעט זיך צו איר: — „צו וואָס טויג אייך אַדעס, שרייבט בעסער קיין פּעטערסבורג". — „וואָס הייסט, איך זאָל שרייבן קיין פּעטערסבורג, אַז מיין פּעסי־יוטל מיטן מאַן וווינען שוין פון כמה וכמה יאָרן אין אָדעס"... — „פּאָלגט מיך, פּעטערסבורג איז גליימער". — „וואָס איז אייך עפּעס אריין אין קאָפּ — פּעטערסבורג"? — „ווייל א גרויסע «П» ציקל איך אויס אַזוי שיין" —

אַלע צעשמייכלען זיך פונעם וויץ און ר' איצי פּאַרטיפט זיך שטאַרק אין רעיונות. זיינע באַוואַנסעטע ליפּן שעפּטשען פאַר זיך נעמען פון שטעט און דערפלעך. מיט א מאָל גיט ער זיך א פּאַטש אין שטערן און כאַפּט אַן שלמהן ביי דער לאַץ:

— וואָס האָסטו גאָר צו טראַכטן? פאַר קיין אַלשאַנע.

— אַלשאַנע? אַלשאַנע איז דאָך, דאַכט זיך, גאָר א שטעטל...

— שווייג! גאָרנישט פאַרשטייסטו נישט. א שטעטל. און אַז א שטעטל, לוינט אים נישט, דעם טאַטן זיינעם. וואָס דען דאַרפסטו? א דאָרף? א שטאָרג? וואָס ביסטו, א גאַנדז, צי א אינדיק? דער עיקר מיינסטו, פּאַפּראַוועט מען זיך פון דער קישקע? אודאי איז דאָס עסן א וויכטיקער ענין, אָבער זאָגסט דאָך אליין: לא על הלחם לבדו יחיה האדם. א מענטש איז נישט קיין בהמה. אַלשאַנע איז א שטאָט מיט א בית־מדרש, האָסטו דיר שוין א מנין אין דער פרי און אויף דער נאַכט. דאָס איז ביי דיר גאָר־נישט? דו האָסט דאָרטן שוחטים מיט כשר פליישׁ, דאָס איז אויך גאָר־נישט? דו האָסט דאָרטן יידן בני־תורה, און טאַקע אויך רעכטע לומדים, איז טאַקע דאָ מיט וועמען א וואָרט אויסצורעדן, זיך די צונג א שלייף טון... וואָרט, וואָרט, איך וויים, וואָס דו ווילסט זאָגן, האָב דרך־ארץ, לאָז זיך דינען. דו ווילסט זאָגן, אַז אָט די אַלע דברים שבקדושה זענען נאָך נישט קיין דאַטשע, האָ? האָב איך געטראָפן? חכם פון דער מה־נשתנה, וועט פאַרשטייט דאָס נישט? פאַר אַזא בטלן האַלטסטו מיך? עד, דו, פּיפּערנאָטער! דו מיינסט אויך אַזוי ווי מיין יוריסט, אַז די גאַנצע חכמה ליגט נאָר ביי אייך, אין אייערע פּאַרטפעלן, און מיר עלטערע מענטשן טויגן שוין אויף גאָרנישט. האָ? און איך זאָג דיר, אַז דוד המלך עליו השלום, איז אויך נישט געווען קיין גרויסער בטלן, און דאָך האָט ער זיך גאָרנישט געשעמט מודה צו זיין: מזקנים אתבונן... מפּי עוללים ויונקים... אים איז אַלץ אָנגעשטאַנען און דיר נישט? דו פאַרסט דאָך מן הסתם נישט אויף קיין וואָך און נישט אויף קיין צוויי, זאָלסטו וויסן זיין, אַז מען מוז דאָ האָבן אַן „אמר אביי" אין דער מיט. אלא נישט, איז יצא שכרו בהפסדו... אם בטלת מן התורה, יש לך בטלים הרבה כנגדך... נאָר נישט אַרויסלאָזן די לייצעס פון די הענט אפילו שעה אחת! און וואָס דו ציטערסט, טאָמער איז דאָרט בלויז רוחניות, בין איך דיר מוסר מודעה, אַז אַלשאַנע איז צווישן דאַטשעס א דאַטשע... אי שטאָט, אי דאָרף, אי וואַלד, אי טייך, אי וואָס דיין הארץ גלוסט. מיט איין וואָרט: משזר! געשפּינט און געדרייט... ערשטנס, איז דאָרט דאָ דער קניאַגינים פּאַרק, איז ער דאָך איינער אויף א האַלבער

וועלט! היינט זענען דאָ אין דעם פּאַרק טייכן מיט שיפֿלעך, בערג מיט טאָלן און אַפילו געמאַכטע אינדזלען. אַז מען שמועסט איינס אויף דער וועלט, איז דאָך נישט שייך. חוץ דעם אַלעמען, איז אין אוסטינאָוואָקע, צוויי וויאָרסט פון אַלשאַנע פאַראַן אַזאַ וואַלד, וואָס מען קען אין אים פאַרבלאָנדזעט ווערן. חוץ דעם איז אין אַלשאַנע אי וואָלוול, אי רואיק, אי מחיה־נפשות, בקיצור, מיט אַלע מעלות. איז וואָס זשע זאָגסטו?

— כ׳ווייס? עס קען זיין. איך וועל אַ טראַכט טון.

— שווייג!... מען פרעגט ביי דיר נישט. מען זאָגט אים מיט אַלע מעלות, וועט ער ערשט טראַכטן, וועט ער... היינט, וואַרט נאָר אויס. כ׳האָב גאָר פאַרגעסן, עס איז דאָרט דאָ נאָך אַ מעלה. דו קומסט אין אַ פרעמדער אָרט, קיינעם קענסטו נישט, קיינעם ווייסטו נישט. דו מיינסט, אַז דאָס איז אַזוי אָנגענעם? אָבער אין אַלשאַנע וווינט פונקט מיינער אַ ידיד נאָמן איינער: נחמן ראַדיעצקי, אָדער ווי מען רופט אים אין שטעטל: נחמן יצחק־משהס. ער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אַ זלאָטאָפּאָליער חסיד, אַ געהויבענער מענטש, פון די שענסטע בעלי־בתים אין שטעטל. צו אים טאָקע קענסטו צופאָרן, עס איז ביי אים קיין עין־הרע אַ פולע שטוב מיט קינדער. איך ווייס נישט אויף אַקוראַט וויפל, נאָר אַ סך, אַ סך. ער מוז האָבן יינגלעך אין דיינע יאָרן אויך. איך ווייס נישט אויף זיכער, נאָר מיר דאַכט אַזוי. מיט איין וואָרט: ס׳איז ביי אים אַ היפּש, גאָר אַ היפּש געזינדל, אָן זיין שאָדן — אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. וועט דיר טאַקע זיין היימלעכער אויך. נישט אַזוי?

— עס קען זיין, אַז איר זענט גערעכט.

— שווייג! נאַ דיר גאָר, עס קען ערשט זיין. עס איז געוויס אַזוי! נאָר טאָמער מיינסטו, אַז איך קען דיר געבן דעם אַדרעס זיינעם, — דווקא נישט. אַזוי אויפן אויג, ווייס איך, ווי אַזוי צו טרעפן, אָבער בכתב — נישט. נאָר דו דאַרפסט גאָרנישט קיין אַדרעס. גאַנץ אַלשאַנע איז די גרייס ווי אַ געניץ. דו מיינסט, אַז עס איז דיר קיעוו? דו וועסט אָפּשטעלן אַפילו אַ קליין קינד און פרעגן: וווּ וווינט דאָ נחמן ראַדיעצקי? — וועט עס דיך צופירן ביז צו דער שטוב אָדער אין קלייט אַריין. ער אַרבעט דאָרט ביי זיי עפּעס אין אַ מין קאָאָפּעראַטיוו, אַרבעט ער... דו וועסט אים זאָגן, אַז דער גאָראָדישטשער רב האָט דיך געשיקט, וועט ער דיך אויפן קאָפּ זעצן. ער איז פון מיינע חסידים, איז ער. שאַ, ווייסטו וואָס? פון אונדז פאָרן אַהין מענטשן אויף און אָפּ, וועל איך אים אַליין אויך אָנשרייבן. די צונג דאַרף מען מיר נישט פּיקן. היינט איז דאָך אַלשאַנע בסך־הכל דריי שעה פאָרעכטס פון קיעוו... ווער דאַרף זיך דאָס פאַרשלאָגן אין דער וועלט אַריין, אַז עס געפינט זיך אַזאַ גן־עדן ממש אונטער דער נאָז? אַזוי איז אָט ביסטו דאָ, אָט ביסטו דאָרט. פינף, זעקס מאָל אין טאָג האָסטו אַ צוג, כמעט ווי אַ טראַמוויי. וואָס זאָגסט דו, שלום? עס איז אפשר נישט גלייך?

דער אַלטער שלום גיט מיושבדיק אַ קעם די באָרד מיט אַלע פינגער:

— פאַרשטייסטו מיך, איציק, דער שטעקן האָט צוויי עקן! אָט דאָס

וואָס דו לייגסט אריין אין נדן אריין די טובה־הנאה פון דער נאָענטקייט, איז אַזוי די מעשה: ס'איז אי א מעלה אי א חסרון. א מעלה איז דאָס — ווייל ס'איז נאָענט. און א חסרון איז דאָס — אויך טאַקע ווייל ס'איז נאָענט! ער וועט זיך דאָרט נישט איינהאַלטן. הבטלה מביאה לידי שעמום. * דו קענסט נישט אָט דעם פויגל, איצי...

— א משל — קאַפּושל... בטלה, שעמום... ער ווייסט וואָס ער רעדט, ווייסט ער... הערסטו שלום, מיט דיין „הן ולאו ורפיא בידיה", ** דערמאָנ־סטו מיר יענעם טשודאַק וואָס איז זיך געגאַנגען טרינקען, נאָר א טאָפּ טוענדיק דאָס וואַסער מיט די שפּיץ פינגער און דערפילנדיק, אַז ס'איז קילבלעך, האָט ער חרטה געקריגן.

און נישט לאַנדיק קיינעם קומען צום וואָרט, האָט ער צוגעגעבן האַלב חוזקדיק, האַלב ערנסט:

— איך זאָג דיר שלום, מיט דיינע ספקות מאַכסטו מיר קיצור־ימים... ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? איך וועל צונעמען די האַנט פונעם הארצן און זאָל ער פאָרן וווהין ער וויל... ניין, גוטער ברודער, מען טאָר אַזוי פיל נישט אריינקלערן, ס'איז נישט קיין היתר־עגונה, איז דאָס נישט... בקיצור שלמה, לאָמיך הערן ריינע דיבורים: דו פאָרסט קיין אַל־שאַנע, צי ניין?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ר' איצי, לדידכם קומט אויס, אַז דאָס אַלשאַנע איז גאָר מובחר מן המובחר, אָבער איך ווין שוין אין קיעוו כמה וכמה יאָרן און האָב נאָך עד היום נישט געהערט, אַז עמעצער זאָל אויסקלייבן אַלשאַנע פאַר אַן אָרט פון —

— אַך, ביסטו אַ קטב מרירי! *** אויף מיין לעבסטאָג האָב איך נאָך אַזאַ איפכא־מסתבראניק נישט באַגעגנט. מה לתבן את הבר? **** וואָס ברענגסטו מיר ראיות פון עמי־הארצים? וואָס ווייסן זיי און וואָס פאַרשטייען זיי? איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת... גיי גיב א גוי צו פאַרשטיין דעם ענין פון אַן עירוב־תבשילין, אָדער די נפקא־מינה פון א טשאָלנטטעפּל ביז א ראנדל אויף פּעטשאַ... איך זאָג דיר נאָך א מאָל און נאָך צען מאָל, אַז דאָס דאָזיקע שטעטל איז א מקום־קדוש! פאַרשטייסטו מיך, צי ניין? ס'וועט ביי דיר זיין ווי אין פּסוק שטייט: חצי לד' וחצי לכם... איך בין דיר מבטיח שלמה, אויב דו פאָרסט אַהין פאַרברייינגען די פאַר וואָכן, וועסטו זיין אַן אוכל פּירותיהם בעולם־הזה והקרן קימת לו לעולם־הבא... זינט איך לעב... מען זאָל זיך שווין, דאַכט זיך, בעטן ביי א גזלן... צי דו ווילסט אפשר, אַז איך זאָל דיר שווערן בנקיטת־חפץ, אַז דו וועסט צונעמען צען קילאָגראַם וואָג? דאָס קען

---

* דאָס אַרומגיין פּוסט און פּאַס, ברענגט צו משוגעת. פון דער גמרא.

** יאָ און ניין און ער ווייסט אַליין נישט אויף זיכער. פון דער גמרא.

*** אַ נאָמען פון אַ שרעקלעכן שד.

**** „וואָס פאַר אַ מחותן איז די תבואה מיט דער שטרוי?".

איך נישט! דו ווייסט גלייך מיט מיר, אז אין אדם מקנה דבר שלא בא לעולם... וואָס זשע זאָגסטו, הא? וואָס זאָגסט דו, שלום?

— ווער קען זאָגן, אז עס איז נישט גלייך? עס איז, דאַכט זיך בפירוש, יאָ גלייך...

— אַלץ דאַכט זיך... ביסט שוין באַלד געראָטן אין דיין אייניקל. אַלצדינג שאָקלט זיך ביי זיי: דאַכט זיך, עס קען זיין, אפשר, מיר'ן זען, מיר'ן טראַכטן, מיר'ן דאַסן, מיר'ן יענצן...

דער אַלטער שלום, אַ פאַרצאַפּלטער:

— וואָס זשע ווילסטו נאָך פון מיר האָבן, איציק? איך זאָג דאָך, אַז ס'איז גלייך, איז נאָך אַלץ קאַרג? ס'איז גלייך, ס'איז גלייך, ס'איז גלייך — שוין גוט? חטאתי, עויתי ופשעתי — שוין גוט?

— אַה, ס'איז שוין ברוך־השם געוואָרן גלייך? פאַרשטייסטו שוין אויך אַזוי? איז שוין רש"י נישט משוגע? בקיצור נמנו וגמרו: קיין אַל־שאַנע איז דאָס בעסטע אָרט פאַר אים און אַן עק! זאָל שוין זיין בשעה טובה ומוצלחת. אַה! ס'איז מיר אַזש טרוקן געוואָרן אין האַלדז, זיך דאָס האַרץ אָפּגעגעסן. נאָר אַן עק, אַבי כאָטש נישט אומזיסט! אַבי אַרויפגעפירט אַ יידן אויפן דרך־הישר. און דאָרטן, הערסטו שלמה, איז ממה־נפשך: וועסטו נישט האָבן קיין שפּילקעס אינעם „כ'בעט איבער דיין כבוד", איז דאָך מה־טוב, וועסטו דאָך דאָרטן האָבן אַ דאַטשע — אחת מני אלף, אלא וואָס דען, דו וועסט נישט קענען איינזיצן אויף איין אָרט, איז ווילסטו קיעוו — איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען; ווילסטו זיך אַראָפּכאַפּן אויף אַ שבת צו מיר — איז די גאַנצע נסיעה נישט מער ווי אַ קאַצנשפּרונג; ווילסטו אַ שמעק טון אווירא דבערדיטשעוו תובב"א — איז דאָס סאַמע אונטער דער נאָז; און טאָמער אפילו ווילסטו גאָר זיך צוכאַפּן צו דיין זיידן דעם בעל שם טוב ז"ל קיין מעזשיבעש אויפן „ציון" — איז דאָס אויך נאָר כמטחוי קשת. מיט איין וואָרט, ס'איז ממש ווי מען זאָגט דאָרטן: מימינו מיכאל ומשמאלו גבריאל... דאָ קדושה, דאָ טהרה און... און והירק בינתים...* פאַרגעס זשע נישט, שלמה: נחמן ראַדיעצקי! ער זאָגט אַ שיעור גמרא מיט תוספות אין בית־מדרש צווישן מנחה און מעריב, דאָס איז אַ גוטער סימן.

*

פון דער ערשטער שעה נאָך פסח האָט שלמה אָנגעהויבן פאַרקלע־נערן זיינע געשעפטן און ליקווידירן זיינע חובות. ער איז צונעגאַנגען מיטן פֿאָטער צו איסאַק אַבראַמאָוויטש און האָט אים איבערגעגעבן אַלע געהיימע פאַרהעלטעניש. צו לעצט האָט ער זיך איינגעשאַפֿן אַ היפּש פּעקל פאַרשידענע ביכער און דעם צווייטן מאַי ביי טאָג איז ער אָפּגעפאָרן מיטן שנעלצוג, וואָס גייט קיין אומאַן, אויף דאַטשע קיין אַלשאַנע.

---

* דאָ געמיינט: און חוץ אַלעמען זיך טאָקע פּאַפּראָוועז אויך.

קאַפּיטל VIII

אין וואַגאָן האָט שלמה גענעבן אַ שטעק אָפּ אויף אַ פּאָליצע זיין טשעמאָדאַן מיטן קוישל שפּייז און איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניקל. די זון האָט זיך אָנגעהויבן אויסדרייען „בואי־בשלום". דער צוג האָט זיך שמייַדיק געטראָגן איבער קיעווער פאַרשטעט. מען האָט פאַרלוירן יעוובאַזער טאָפּאָלן פון די אויגן. רעכטס, אויפן האָריזאָנט, שווימט דורך קאַריניאָווקע מיט אירע ריזיקע קוימענס. אויף אַ סעקונדע גיט אַ פינקל פון ווייט־ווייט זייצעווס ציגל־זאַוואָד, ווו עס איז אין יאָר 1911 געבוירן געוואָרן דער בלוט־בלבול אויף מענדל בייליס. ערגעץ דאָרט אין דער נידער, צווישן דעם ביימער־געפלעכט באַהאַלט זיך פּושטשע־וואָדיצע. דערפאַר אָבער אויף רעכטס פונעם צוג גייט צו גאָר נאָענט סוויאַטאָשין מיט אירע יונגע סאָסנעס. אָט דאָרט, ווייטער מיט אַ צוויי הונדערט שפּאַן, גייט די אַספאַלטירטע אויטאָסטראָדע קיין זשיטאָמיר. אָך, זשיטאָמיר! מיט וויפל זיסע זכרונות עס איז ביי אים פאַרבונדן דער דאָזיקער נאָמען. יאָ, שוין טאַקע פּאַוואַלינקע ניין חדשים, אַז ער איז נישט געפאָרן מיט קיין צוג. פון זינט ער האָט מיט זיך געבראַכט פון סלאַוווטע שמואליקן מיט סערגיי טימאָפיעעוויטשן. ערשט אין גאַנצן ניין חדשים, און וויפל וואַסער עס איז שוין פאַר דער צייט איבערגעלאָפן... ס'איז אַ שרעק אַ טראַכט צו טון, ווי פאַרשידן דאָס לעבן איז אַ מאָל: צייטנווייז פליט עס — מיטן אויג נישט צו כאַפּן! טאַקע ווי מען זאָגט אין „ונתנה תוקף": כחלום יעוף... און צייטנווייז קריכט עס ווי אַ טשערעפּאַכע... דו מיינסט, אַז דו האָסט שוין דורכגעמאַכט שמיטות ויובלות, קוקסט זיך אום — דו שטייסט גאָר אויף איין אָרט....

פאַרביי דעם צוג שווימען דורך: פּאָסט־וואָלינסקי, זשוליאַנע, מאַטאַווילאָווקע, וואַסילקאָוו, בויערקע. די דאַטשעס זענען נאָך פּוסט, נאָך צו פרי. נאָר עס פילט זיך שוין אין דער לופט: נאָך אַ חודש, נאָך אַ חודש, עס וועט דאָ זיין פריילעך... טויזנטער און צענער־טויזנטער מענטשן וועלן אין אָט די ליבינקע הייפעלעך פאַרלירן זייער גרויסשטאָטישן אומעט. די דאַטשעס וואָס אַרום קיעוו, דאָס זענען עלעהיי — אוקראַינער „מינעראַלנע־וואָדע". אַ פרעכטיקער אַלבאָם פון קוראָרטן. מיט אַ מאָל דערטראָגט זיך אַ פייף פון אַ זאַוואָדישער סירענע. אַ־האַ! שוין פאַסטאָוו. שלמה האָט עפּעס נישט ליב אָט דאָס פאַסטאָוו. אָט די סטאַנציע האָט אַ טעם פּונקט ווי נאָך קאָמפּאָט — אַ שטיק רעטעך. מען איז קוים פּטור געוואָרן פון קיעוו מיט איר שטאָלענעם רעש, מיט איר פייפעריי, מיט איר קלינגעריי, זיך אַ ביסל אָפּגעפרישט דעם מח קוקנדיק אויף די גרינע גן־עדנלעך, אויף די גייענדיקע וועלדלעך און קרישטאָלענע טייכלעך, — איז נאַ דיר ערשט פאַסטאָוו! אַ וואָקזאַל מיט שטענדיקע צענדליקער לאָקאָמאָטיוון, אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך לאַסט־עשאַלאָנען, קוילן־באַזעס, נאַפט־רעזערוואַרן, קעראָסין־ציסטערנעס, בענזין־סטאַנציעס, אויטאָמאָבילן אויף

אויטאָמאָבילן, און אַלץ שטינקט דאָ מיט נאַפט און מיט געברענטן אייל. אַ שטיקל באַקו. אַ קיעווער אייגן שטיקל באַקו. פע, שלמה האָט נישט ליב דאָס דאָזיקע פּאַסטאָוו. נאָך דאַנקען גאָט, וואָס דער צוג פאַרהאַלט זיך דאָ נישט מער ווי צוויי מינוט. אַ שנעלצוג איז טאַקע אַ חיות, דו באַוויזט זיך נישט אפילו אַ דריי צו טון — אָפּגעפאָרן!

און ווידער פליען פעלדער... שוין נישט קיין וועלדער, אויס וועל־דער... איצט גייען שוין די שיינע, פעטע, פון קינדווייז־אָן געליבטע אוקראַינער פעלדער. שלמה האָט אַ געניט אויג. נישט אומזיסט איז ער אַזוי פיל יאָרן ארומגעפאָרן אויף יאַרידים, געשלאָפן אונטערן הימל אויף שטרוי, אויף היי און מחילה, אויף דער הוילער ערד. ווי אַן אמתער פּוי־ער דערקענט ער שוין אין די דערווייל נאָך פלאַכע גרעזעלעך, וועלכעס פון זיי עס וועט זיין קאָרן און וועלכעס ווייץ. און אָט דאָס איז גאָר פּאַ־סאָליעס, און אָט יענץ מיט די מילך־ווייסע בלעטעלעך איז קליעווער. פערד, ווייסט ער, האָבן דאָס ליב כמעט ווי האָבער. בכלל קיין האָבער באַנוצט מען היינט נישט, האָבער גייט בלויז פאַר דער אַרמיי. אַ ציוויל פערדל איז נישט קראַנק צו עסן גראָז. און וואָס איז אָט יענץ הויכע גראָז, אין די קאַליוזשעס? לעפּוכע? ניין! ס'אַ משל, נאַ דיר גאָר לעפּוכע! געטראָפן ווי אַ בלינד פערד. לעפּוכע וואַקסט גאָר ביי די טייכן הינטער די ווערבעס. און דאָס איז... און דאָס איז... איי־איי־איי, ער האָט גע־ווּסט... אַ־האַ! דאָס זענען דאָך קאָנאָפּליעס,* אַזאַ זאַך גאָר פאַרגעסן. און יענץ איז פּראָסע. און אָט די שטעקעלעך וועלן נאָך געבוירן קעפּע־לעך און עס וועט זיין מאַיז. נו, דאָס איז קאַרטאָפל און דאָס בורעקעס, און דאָס קרויט. שאַ, און וואָס לויפן דאָס אַנטקעגן פאַר אַ מויערן? און אויך אַ באַקאַנטער עלעוואַטאָר? שוין זשע זאָל דאָס שוין זיין ביע־לאַיאַ־צערקוואַ, אָדער „שוואַרץ־טומאה" ווי די יידן רופן דאָס?...

און שלמה טראַגט זיך אָפּ אין די קינדעריאָרן. ווען די פּוילישע לע־גיאָנען האָבן פאַרפלייצט גאַנץ אוקראַינע, זענען זיינע עלטערן מיט די קינדער אַנטלאָפן פון פּיאַטער קיין „שוואַרץ־טומאה". זיין מוטער האָט דאָרט געהאַט אַ שוועסטער מיט אַ שוואָגער. היינט וווינען זיי אין אַמע־ריקע. נאָכן באַנדיטיזם, שוין פּאַרוווּנדעטע, זענען זיי געפאָרן קיין כמעל־ניק, אויך דורך שוואַרץ־טומאה. יענעם שמחת־תורה איז שלמה מיטן פאָטער דאָס לעצטע מאָל געווען אין סקווירע, ביי ר' דודלען זכרונו לברכה. און שלמהן טראָגן אַוועק זיינע רעיונות פון ביעלאַיאַ־צערקוואַ קיין פּיאַטער, קיין כמעלניק, קיין זוועניגאָראָדקע. אָט איז ער שוין אין אַנאַ־ניעוו, אָט איז ער שוין גאָר אין מאַרי, ניין, דאָס איז נישט מאַרי, דאָס איז גאָר סלאַוווּטע.

די זון רוקט זיך הינטערווייַלעכטס אויף דעם בלויען, אומענדלעכן

* אַזאַ געוויקס, וועלכעס מען פלאַנצט אין ספּעציעל־געמאַכטע קאַליוזשעס, און דערפון אַרבעט מען אויס פלאַקס.

מרחב. אַ מילד, באַרכאַטן מאַיווינטעלע שויבערט די האָר, גלעט געטריי איבערן פּנים, ווייל אָפּווישן די עוולות, וואָס מענטשן טוען איינער דעם צווייטן. מיט אַ מאָל שטעלט זיך אָפּ דער צוג פאַרביי אַ לאַנגן, טונקעלן, הילצערנעם דאַשעק. דער דאַשעק מיט די שכנותדיקע געביידעס שטייען צווישן ריזיקע בעריאָזעס און האָבן אַ שטאַרק אויפגעלייגטן אויסזען. גאַנץ צופעליק כאַפּט שלמה אַ קוק אויף דעם נאָמען פון דער סטאַנציע, און ווערט אַזש דערציטערט. מיט גרויסע, שוואַרצע בוכשטאַבן איז אָנ־געשריבן איבער דער טיר: „אָל—שאַ—נאַ״...

ווי אַן אָפּגעבריטער שפּרינגט שלמה אַריין אין וואַגאָן און כאַפּט דעם טשעמאָדאַן, דעם פּאָרטפעל מיטן קוישל עסנוואַרג. ביז ער קומט צו די טרעפּלעך, רירט דער צוג. ער שפּרינגט ווילינגעריש אַראָפּ, און דער צוג פאַרשווינדט ווי אַ דמיון.

ער באַוויזט זיך נישט אַרומצוקוקן, ווי אַ יידישער בעל־עגלה האַלט שוין זיין טשעמאָדאַן אין דער האַנט און טאַרקעט אים:

— קומט, פּעטערקע, דער גאַנצער פאַרגעניגן קאָסט אַרום און אַרום בסך־הכל איין פינפערל.

שלמה וויל עפּעס זאָגן, נאָר דער בעל־עגלה לאָזט אים נישט:

— דינגט זיך נישט, פּעטערל, איך שווער אייך ביי מיין יידישקייט, אַז קיין דרייערל, קען איך נישט. אמת, עס איז טאַקע נישט ווייט, אָבער אָבער... איר האָט דען אַ געפיל, וואָס עס הייסט היינטיקע יאָרן האָבער? און מיין פערדל איז נישט טועם עפּעס אַנדערש, כאָטש גיט אים קרענק... פאָלגט מיך, הייסט פאָרן.

— איך רעד נישט פון קיין געלט, נאָר איך דאַרף האָבן צו איינעם אַן אדם חשוב —

— אפילו צו אַן אשה חשובה קען איך אייך אויך פאַרפירן. ס׳איז מיין דאגה צו וואָס פאַר אַ יידענע איר פאָרט... כ׳מיין צו וואָס פאַר אַ יידן? כ׳בעט אייך, זאָגט שוין, ווער איז דאָס אַזעלכער, דער אדם חשוב?

— ער זאָגט אַ שיעור בין מנחה למעריב אין בית־מדרש.

— איך בין שוין אין בית־מדרש אַ שאָק מיט יאָרן נישט געווען, ווייס איך נישט... זאָגט מיר, ווו וווינט ער?

— אַ חכם אַ ייד, קיין אַדרעס האָב איך נישט.

— אָבער אַ נאָמען! געצל? בערל? שמערל?

— נחמן ראַדיעצקי רופט מען אים.

— טפו, אויף מיינע שונאימס קעפּ!... וואָס זשע האָט איר זיך אַזוי לאַנג געדאַרפט קווענשן? באַרעכן נאָר, ער האָט קוים אויסגערעדט: נחמן ראַדיעצקי. גאָר אַ קלייניקייט. יענער איז מיט מיר, אַזוי ווי אַנדערע צוויי. זיינע קינדער, אַז זיי דאַרפן ערגעץ פאָרן, איז נאָר מיט מיר. אַז אברהם אָדער זלמן, צי חיים אַ שטייגער, אָדער גאָר הירשל, אהרל, גאָדל —

— אַנטשולדיקט, זיינע קינדער קען איך נישט.

דער בעל־עגלה האָט אַ פּנים פֿיינט, אַז מען שלאָגט אים איבער, ווען ער רעדט, דעריבער הייבט ער אָן נאָך אַ מאָל פֿונעם אָנהייב :

— איר דערציילט מיר נחמן ראַדיעצקי ? אַז יענער איז מיט מיר... זעצט אייך, ר' ייד. איך וועל אייך צופֿירן מיטן דישעל גלייך אין גאַניק אַריין, וועט שוין זיין גוט ? גרייט נאָר צו אַ פֿינפֿערל. וויאָ, שלימזל מיי־נער, אַ פֿינפֿערל איז נישט קיין הונט, אין גאַס געפֿינט מען דאָס נישט. איר האָט אפֿשר אַ פּאַפּיראָס ?

דאָס האָבערדיקע פֿערדל האָט זיך געשלעפּט פּוסטריט און שלמה האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן יעדע קליינינקייט. צום אָנהייב איז מען דורכגעפֿאָרן אַ גרויסן פּלאַץ מיט אַ סקווערס אין דער מיט, אַרום וועלכן עס זענען געשטאַנען נאָך עטלעכע „האָבערדיקע" נבֿלות, וואָס זייערע באַלעבאַטים האָבן אויך אַרויסגעקוקט אויף פֿינפֿערלעך, אויף דריי־ערלעך, אָדער כאָטש אויף צווייערלעך. דערזען זייער גליקלעכן קאָנקורענט האָבן זיי אויפֿגעהויבן אַ געפּילדער :

— פּעטער, מיט אָט דער פּגירה פֿאָרט איר ? זי וועט אייך ברענגען אין שטאָט אַריין אויף שבֿועות, אי דאָס — נאָך די קרעפּלעך.

דער בעל־עגלה גיט אַ שמיץ דאָס פֿערדל איבערן אויער, ווי איינער רעדט : דו הערסט כאָטש, תּכשיט מיינער, וואָס פֿאַר אַ שבֿחים מען זאָגט דיר נאָך ?

און צו שלמהן זאָגט ער :

— ס'איז נאָר פֿאַר קנאה רעדן זיי אַזוי, שטום זאָלן זיי ווערן ! נאָר פֿאַר קנאה, — אַ בראַנד זיי אין די געדערים — וואָס מיין פֿערדל איז קיין עין־הרע אַ מזיק און זייערע — כאָטש טראָג זיי אָפּ אַהיים, ווי די ליאַל־קעס. נאָר פֿאַר קנאה, זאָג איך אייך, פּוילעניש זיי אין די לונגען. טאָמער דערזען זיי, אַז יענער כאַפּט אַ פֿאַרדינסטל — נישט מער זאָלן זיי פֿאַר־מאָגן אויף די ביינער, רבונו של עולם, — אַזוי כאַפּט זיי אָוועק דער שלאָק. איז דאַרפֿט איר, הייסט עס, צו נחמן ראַדיעצקי ? איר גייט מיר דערציילן, ווער נחמן איז... אַז יענער איז מיט מיר —

פֿון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן פֿעלדער פֿון נאָר־וואָס אַרויס־געשפּראָצטער קוקורוזע. פֿון ווייטנס האָט מען שוין געטריבן צוריק אַ טשערעדע קי און שאָף. ביי די קי האָבן זיך נאָכגעהאַנגען היפּשע אייטערס מיט מילך. צוויי קליינינקע פּאַסטעכלעך זענען נאָכגעריטן אויף איין געפּלעקט לאָשעקל. מיט אַ מאָל איז אויסגעוואַקסן אין דער לינקער זייט אַ דריי־שטאָקיקע קאַזאַרמע מיט אַ פּלויט פֿון שטעכלדראָט און מיט ברענענדיקע שויבן. די גאַנצע זון האָט זיך איצט געפֿונען אין קאַזאַרמע און אַרויסגע־קוקט פֿון די פֿענצטער. דערנאָך האָט מען געקענט באַמערקן פֿון דער ווייטנס אַ באָד. אַ טיפּישע קליינשטעטלדיקע באָד, מיט שמאָלע, הויכע פֿענצטער־לעך, כמעט אַלע מיט אויסגעהאַקטע שויבן, אויפֿן דאַך, אַ שוואַרצער ציגל־נער קוימען און נישט ווייט — אַ פּאָמפּע, מן־הסתם צוליב דער מקוה. נאָך דעם איז שוין געגאַנגען דאָס שטעטל. שיינע, זויבערע געסלעך. איינ־

שטאַקיקע מויערלעך, שיינע פּאַרהענגלעך אויף די פענצטער, צוגעפּוצטע גאַניקלעך, ציכטיקע טראָטואַרלעך ביי די זייטן. ניין, דאָס איז נישט כמעל־ניק. פּאַרט אַ שכן לעבן קיעוו... אויף רעכטס זעט מען אַ מערקל. אין מיטן פּלאַץ שטייט אַ לאַנגער פּויערשער פורגאָן מיט ליידיקע פעסער, און מער זעט מען קיינעם נישט. ביי אַן עק גאַס, זעט ער, שטייט אַ שיין מויערל מיט אַ פּאָסטקעסטל ביי דער טיר, אַ פּנים אַ פּאָסט.

דער בעל־עגלה פאַרנעמט זיך אויף לינקס, דערנאָך אויף רעכטס. דאָ איז שוין נישט אַזוי טשאַקנדיק, נאָר פון דעסט וועגן גרויסשטאָטיש. מענטשלעך. אָט זעט ער דורך אַן אָפענעם פענצטער אויף אַ טיש אַן עלעק־טרישן טשייניק, און אויף אַ טישעלע אַ ראַדיאָ־אויפנעמער. האָט מען דאָס געקענט זען אין כמעלניק? אפילו אין זוועניגאָראָדקע אויך זעלטן. און אפשר איז שוין היינט דאָרט אויך אַנדערש? ער איז דאָך שוין פון יענע מקומות באַלד פינף יאָר, און די וועלט באַוועגט זיך. ביי יעדן הייזל זעט ער ביימעלעך, און זעלטן ווו — אפילו גערטנדלעך. וו ער גיט נאָר אַ וואָרף מיט אַן אויג, זעט ער ברונעמס און קעלערס. כמעט יעדעס הייזל האָט זיין אייגענעם קעלער. וואָס האַלטן זיי אין די קעלערס? די געבראָטענע קאַטשקעס, צי די טייערע וויינען? הלמאי טויבן? וויי, וויי וויפל טויבן... ביי יעדער פינפטער שטוב — אַ טויבנשלאַק. הם! אַ מאָדנע שטעטל!... אַ שטעטל מיט פליגל. און עס פליט אים דורך אַ משונה געדאַנק, אַז ווען מען בינדט צוזאַמען אַלע טויבן און אים — צו זייערע פיס, וואָלטן זיי אים אפשר דערטראָגן קיין ירושלים...

זיי פאָרן דורך פאַרביי אַן אָפענער הינטערטיר, וו עס שטייט אַ שוחט מיטן חלף אין מויל און פליקט אָפּ אַ האָן. אָ! קיין עין־הרע אַ היפשער שוחט אין אָלשאַנע, אַ גאַנצער לויתן... פּלוצלינג האָט עס די דראָזשקע אַ שטאַרקן צי געטון אויף לינקס און גלייך טאַקע אויף רעכטס און מען איז שטיין געבליבן מיטן דישעל אין דער ברייט פונעם געסל. דער בעל־עגלה איז אַ צערייצטער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קעלניע, האָט אָנגעכאַפּט דאָס פערד פאַרן ציימל און אים מיטן גאַנצן כח דערלאַנגט אַ טשמעל אין דער מאָרדע אריין:

— וועסטו וויסן רייסן פּאָסטאָראָמקעס על חשבון הגביר, דו לעקיש איינער...

און צו שלמהן, מיט אַ נויט־שמייכעלע:

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט? דער האָבער רייסט שטיקער... אַ קלייניקייט, היינטיקע יאָרן — האָבער? ווער קוקט אים גאָר אָן?

ער האָט מיט אַלע כוחות אַראָפּגעקאַטשעט די דראָזשקע פונעם שליאַך ביז זי האָט זיך מיט אַ טראַסק צעבוצקעט מיט אַ שיטערן, ברעטלדיקן פּלויט, און האָט זיך גענומען פאַרריכטן דעם פּאָסטאָראָמאָק. שלמה האָט זיך ווייניק־וואָס גענומען צום האַרצן פון דעם נייעם מכשול און האָט דער־ווייל באַטראַכט די סביבה, ווהין דער „האָבער" האָט אים פאַרוואָרפן. אין אַ ווינקל הויף, אָנגעשפּאַרט אין אַן איבערגעקערטן, האַלב צעטרוקנטן

שליטן, איז געשטאַנען אַ פּרישטשעוואַטע יינגעלע און האָט פלייסיק אַרומגעגריזשעט אַ פּאַראַיאָריקן פּרישטשעוואַטע עפּל, שפּייענדיק מיטן פולן מויל נאָך יעדן ביס. אַ בייכיק, באַצעפּלט מיידעלע מיט האַלב־קיילעכדיקע פּיסעלעך, — פון ראַכיט, אַ פּנים — האָט מיט אַלע כוחות געריסן ביי איר פונעם מויל דאָס אויסגעדבּרטע הערצל און מיט קולי־קולות געשריגן:

— דו זולל וסובא, גיב אָפּ! איך וויל אויך פאַרזוכן. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דער עפּל איז פאַר אונדז ביידע, מער איז נישטאָ... דו גיסט, צי ניין? שאַ, שאַ, אָט גייט די מאַמע... אַ מצוה אויף דיר, אַ מצוה אויף דיר... מאַ—מע... קום נאָר אַהע — ע— ער...

טיף אין הויף, צעהייענדיק פאַרגעלטע ווינדעלעך אויף אַ שטריקל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו צוויי פענצטער־זאַוויעסעס, איז געשטאַנען אַ יידענע מיט אַן איינגעשרומפּן זשאַבע־פּנים. אויף איר איז געהאַנגען עפּעס אַ מין בגד פון משותּלחם יאָרן, וואָס האָט געהאַט די זעלבע מראה, וואָס איר פּנים. דערהערט דעם „מאַ—מע", האָט זי אַוועקגעוואָרפן וואָס זי האָט געהאַלטן אין די הענט און האָט זיך געלאָזט לויפן פייל אויסן בויגן צו אירע „אָנשיקעניש".

נישט ווייט פונעם פּלויט „כביכול", איז געשטאַנען אַ דירה מיט אָפענע טיר און פענצטער. אין רעכטן ווינקל פונעם צימער, איז געשטאַנען אַן אָפּגעפּאָרענע קאַנאַפּע. פון אַלע אירע זייטן האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט „דראָטן", ווי עס קריכן אַרויס די קערנדלעך פון אַן איבערגעפּאָרענעם פּאָמידאָר. אַקעגנאיבער, אין אַ טונקעלן ווינקל, האָט זיך רחבותדיק צעלייגט אַ צעפּאָרן באַנקבעטל, וועלכעס איז צופוסנס געווען אונטערגעשפּאַרט מיט עטלעכע סטויפּטשיקלעך פאַררויכערטע ציגל אָנשטאָט די פיס, וואָס זענען נאָך צוריק מיט יאָרן צעהאַקט געוואָרן אויף דינע שפּענדלעך.

פון אַ פענצטער, וואָס איז קוים אַ טפח די הייך פון דער ערד, זעט ער אַ הויכע דמות פון אַ נקבה. די דמות באַשטייט פון אַ הויפן געלע, צעשויבערטע האָר פון וועלכע ס'האָט זיך אַראָפּגערוקט אַ שוואַרץ טיכל, אַ וואַקסן דאַר פּנים, עפּעס אַ מין קאַפּאָט פון אַ פּאָפּעליאַטע ציץ מיט פרעמדע אַרבל, פון וועלכן עס שטאַרטשעט אָפּ אַ רונדיק בייכל ביז צו די ציין. קעגן אָט דער אשת־חיל איז מיט אויסגעשטרעקטע הענט געשטאַנען אַ קורצינק יידעלע, טאַקע גאָר־גאָר אַ קליינינקער, כמעט אַ קאַרליק. אויף זיין איינגעשרומפּן גופעלע איז געווען אָנגעטון אַ קאָפּ, פּראָפּאָרציאָנעל, דריי מאָל די גרייס, ווי ער האָט געדאַרפט זיין. עס האָט אויסגעזען, ווי עמעצער וואָלט אויף חוזק אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן לאָקשנטאָפּ אויף אַ קינדערש הייוועלע. באַקן האָט ער דווקא געהאַט פּוכקינקע, ווי אָנגעשטאָפּט מיט מאַמעליגע.* די דאָזיקע באַקן האָבן געהאַט אַ טויט־ראָזע קאָליר, ווי די לבנה זאָל אויפגיין הינטער זיי. אַזוינע באַקן האָבן זייערע אַן אייגענע שפּראַך, זיי בעטן זיך ביי יעדן איינעם: „טו אַ טובה און דער־

* אַ באַליבט מאכל אין בעסאַראַביע. אַזאַ קאַשע פון פּאָפּשוי־מעל.

לאנג א פאטש". ווען א „בא מן הדרך" כאפט א קוק, אט אזוי, בסקירה אחת, אויף אט דעם זעיר־אנפינדיקן נפשל, ווי ער שטייט אנגעגורט די לענדן קעגן זיין כפול־שמונהדיקן „פלג־גוף", זעט ער אוים אין זיינע אויגן ווי ר' יהודהס ענג־פארשנורעוועטער „דצ"ך עד"ש באח"ב", קעגן דעם לאנגן צעטל מיט מכות־פורעניות, וואס די מצריים האבן אפגעלייזט. אויף זיינע שמאלע אקסלען איז געהאנגען א צו ברייטער, ווייסער זשיליעט. פון דעם הויזנשפאלט האט ארויסגעשטעקט דער טלית־קטן. אויפן שפיץ קאפ האט משונה געטארטשעט א יארמלקעלע פון רויטן, געקוויטלטן בעטגע־וואנט־סיטץ, — כפתור ופרח! זיין גאנצער אויסזען האט דערמאנט אין דעם, וואס ס'איז אנגענומען אין יענע מקומות אנצורופן: א „שבשפלנו" יידל. און אט דאס יידעלע, האט מען גלייך געזען, איז עפעס איצט מלא חימה, ער שטרעקט אוים די הענטעלעך מיט אן אומגעוויינלעכער גבורה און פינעט אויף זיין באשערטער מיט א ניגון, ווי מען איז מעביר די סדרה:

— דו רעדסט נאך לאנג? אט נעם איך און שפיי דיר אן א פולן פנים...

עס האט זיך דערהערט א גראב קול פון א הייזעריקן מאנספארשוין:

— פכע! איך פארשפאר דיך גאר נעמען, איך קען אזוי אויך אנ־שפייען...

— דו וועסט אויף מיר שפייען? פרה־אדומה!

— פערטל עוף!

— פיפערנאטער!

— סוסליק!

— שור־הבר!

— פלעדערמויז!

— וויזלטהיר!

— אויסשקראבעכץ!

— גלית הפלישתי!

— „קטונתי"!

— יאנאוועקער קאשטיאל!

— אך, דו נפלע! איך בין דיר גרוים די אויגן, בין איך? איך בין דיר א יאנאוועקער קאשטיאל, בין איך דיר? דו פלוי אין פלידערן! דו וואנץ אין קאלאשן! דו פארקילטער נאסמארק, דו! א קאשטיאל בין איך אים גאר! א חוצפה פון א קארליק!... זאלץ דיר אין די אויגן און שטיי־נער אין הארצן...

— א קארליק זאגסטו? אויב אזוי, טא נא זשע דיר!

— נא דיר אויך!

שלמה איז געווען אזוי ארייננגעטון אין די „לכה־דודים", וואס דאס פארפאלק האט דארט געזונגען, אז ער האט גארנישט באמערקט, אז דער געשפאן איז שוין פארטיק. פלוצלינג האט עס אים אזא ווארף געטון, אז די קישקעס אין בויך האבן זיך אים שיר נישט איבערגעקערט. די דראזשקע

האָט זיך אַ ריס געטון פונעם אָרט און אונטערהעצקענדיק זיך, זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן. דער „האָבערדיקער״ אָדלער איז געגאַנגען אין שפּאַן אַן אויפגערוימטער, פריילעך, ווי עס זאָל אים שטאַרק הנאה טון דאָס אָפּגעטונענע שפּיצל מיטן פּאָסטאַראָמאָק. וואָס פאַר אַ „משלוח־מנות״ דאָס פּאָרפּאָלק דאַרטן, האָט זיך געשיקט איינס דעם אַנדערן, האָט שוין שלמה נישט באַוויזן צו זען, אָבער פון אָט דעם אינטימען ויכוח איז אים אויפן האַרצן געוועזן זייער אויפגעלייגט. ער האָט זיך געהוידעט אויף די יוצא־דופנדיקע רעסאָרן ווי אַ מלך על כסא מלכותו, און האָט מיט פאַרגעניגן געטראַכט:

— אַך, מחיה־נפשות! מען רעדט מאַמע־לשון. ס׳איז דאָך דאָ אַן אמתער גן־עדן, מען שמועסט זיך דורך גאַנץ געמיטלעך, כבשנים קדמוניות, טאַקע צוקערזיס...

דער בעל־עגלה דערווייל רעכנט זיך אָפּ מיט זיין ברויטגעבער פאַר זיין „שטעלן אים אין דער בלאָטע״ פאַר פרעמדע מענטשן אין די אויגן. ער שמייסט איבער דעם רוקן, איבער די אויערן, באַגלייטנדיק די שמיץ מיט אַ געפּעפּערטן מענה־לשון:

— וויאָ־אָ־אָ יבלת... עטיאַ־אַ־אַ ילפּת... אַ מיתה־משונה אויף דיין געפּגרטער שוויגער, מרוח־אשך דו, וויאָ־צאַבע־ע־ע...

נאָך אַ פּאָר מינוט האָט געדויערט דאָס „הוידען זיך״, דער בעל־עגלה פאַרקערעוועט צו אַ שיין גאַניקל מיט אַן אָפענער טיר, גיט אַ פּאָכע מיט דער בייטש אין דער לופט, ווי אַ דיריזשאָר מיטן שטעקעלע, פאַרענדיקנדיק דעם קאָנצערט:

— אָט דאָ האָט איר אייער ר׳ נחמנען, און זייט מיר געזונט און שטאַרק.

אַרום שטוב, אין דער זאַמד און אינעם גראָז, שפּילן זיך אַ פּאָר צענדליק קינדער, נאַקעטע און האַלב־נאַקעטע, די פּנימלעך אויסגעניוועט ווי די שדים, נאָר די אייגעלעך רעדן ווערטער. דערזען אַ דראָזשקע, באַפאַלן זיי זי ווי די היישעריקן. אויבן־אָן האָט מען מורא צו קריכן, טשעפּעט מען זיך צו אויף די רעסאָרן, אויף די טרעפּלעך און אַפילו אויף די רעדער.

באַהאַלטן דאָס פינפערל טיף אין קעשענע, גיט דער בעל־עגלה אַ פּאָכע מיט דער בייטש אין דער לופטן:

— אַראָפּ פון דאַנען, ווערעם, אָט צעשנייד איך אייערע לייבער.

די קינדער פאַלן אַראָפּ פאַר שרעק און ער נעמט אויסקערעווען די דראָזשקע. שלמה שטעלט אים אָפּ מיטן ווונק:

— נאַט אייך נאָך אַ רובל און פירט דורך דאָס קליינוואַרג ביזן מאַרק...

— אָך, מיטן גרעסטן כבוד! היי, ווייסע חברהניקעס, אַ רוח אין אייער געפּגרטער קאַץ אַריין, קריכט אין בויד אַריין, נאָר גיכער —

שלמה איז ממש מבולבל געוואָרן. ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ מחנה קינדערלעך, צען מאָל גרעסער ווי די פריערדיקע,

עלטערע און יונגערע. גרויסע לאָפּאָקעס, „חומש־בחורים", פאַרוואָרלאָזטע ווי די היצליעס, קינדער אין העמדעלעך, אין הייזעלעך, און מחילה מיט אנטבלויזטע אחורימלעך... אפילו מיידעלעך מיט צעפּעלעך, דערזעענדיק, אַז דער בעל־עגלה „נעמט" בחנם, האָבן זיי זיך נישט געשעמט צו שטופּן ארויף גלייך מיט די פּיצעלעך. איין פּעמפּיקל, וואָס זיין טרעפּלדיק־ארום־געשווירן קעפּל איז געווען געדיכט באַזעצט מיט געל־גרינע פּלעקן און האָט געהאַט דאָס אויסזען פון אַן עגול־דבילה, * האָט זיך וווּליוונגעריש דערקליבן ביז צום פערדס האַלדז און האָט זיך אַוועקגעזעצט רייטנדיק אויף אים. דער דאָזיקער חברה־מאַן איז אַ פּנים געווען דער „קאָמאַנדיר" פון דער גאַנצער כאַפּטע קינדער. דערפילנדיק זיך אויפן „טראָן", האָט ער איינגעגראָבן דאָס בלייענדיקע קעפּעלע אין דעם פערדס גריווע און האָט מיט די פיסעלעך געזעצט אין פערדס בויך אַריין ווי אין אַ באַראַבאַן. די ממזרישע אייגעלעך האָבן געשאָסן מיט פונקען אויף אַלע זייטן:

— איאָ איך בין אַ גוטער קאַוואַליעריסט?

— איאָ דאָס פערד באַקומט פאַר מיר די נכפה?

דער בעל־עגלה, דערזעענדיק וואָס דער „פאַרד איינער", דער ימח־שמוניק טוט מיט אַ שטומער באַשעפעניש, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ הענטל ווי אַ רוח אַ מלמד און אַוועקגעשליידערט צום גאַניק. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זייער „אַטאַמאַן" האָט נעבעך געליטן אַזאַ ווייסטע מפּלה, און וואָס נאָך עטלעכע „עזות־פּנימער" האָבן געכאַפּט אַזאַ מיאוסן פּסק, האָבן די „פאַרשוינען" באַהאַנגען די דראָזשקע ווי די בינען. זיך געקלעפּט, וווּ ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. עטלעכע פון זיי האָט דער בעל־עגלה שוין געמוזט נעמען אויף די הענט. די סאַמע שפּעטסטע זענען שוין געשטאַנען אויף די האָלאָבליעס, אָנגעשפּאַרט אין דעם פערדס רוקן. די עקספּעדיציע האָט גערירט פונעם אָרט בקולות וברקים: דעם האָט געקוועטשט אַ הענטל, דאָס האָט פאַרלוירן אַ פיסל און דאָס פאַלט גלאַט אַראָפּ... די רעסאָרן האָבן זיך נישקשהדיק צוגעזעצט, און אָט אַזוי־אָ, מיט קולי־קולות האָט זיך דער דאָזיקער צירק אַרויסגעקויקלט פונעם געסל.

שלמה, אַ צופרידענער פון זיין אויפטו, האָט גענומען זיינע זאַכן און האָט זיך רירעוודיק אויפגעהויבן אויף די טרעפּלעך פונעם אָנגעוויזענעם גאַניקל.

* אַ קיילעכדיק שנירל געטרוקנטע פייגן.

קאפיטל IX

צו ערשט איז שלמה אריינגעגאנגען אין א קארידאר מיט „וואר־שעווער" פענצטער. פון דארט איז ער אריינגעגאנגען אין א מין פאדער־צימער, אדער א זומער־וווינונג. אויף דעם סופיט איז געווען ניכר, אז אויף סוכות הייבט זיך דא אויף א לאדן און עס ווערט א סוכה. דאס איז שוין ביי יידן א מנהג מקדמונים, בויענדיק זיך א דירה, איינצובויען אין איר אי דעם „זכר לחורבן" — א נישט דערבויעטן טפח, אי דעם תשמיש־דקדושה פונעם זמן־שמחתינו — די סוכה. זה לעומת זה... פון דער סוכה איז ער שוין אריינגעקומען אין א גאר גרויסן עסצימער. א לאנגער טיש איז געווען פארשפרייט מיט א טישטעך. אויפן טיש איז געשטאנען בלויז א דריי־פיסלדיק, זילבערן זאלצמעסטל. אויבן־אן סאמע ביי דער וואנט איז גע־לעגן א פארמאכט ספר, אבער קיין לעבעדיקן נפש האט מען אין ערגעץ נישט געזען. פארזיכטיק, ווי עמעצער וואלט דא געשלאפן, האט ער אוועק־געשטעלט די זאכן און איז אויף די שפיץ פינגער געגאנגען ווייטער. פונעם עסצימער איז ער אנגעקומען אין א זאלעכל, וווּ עס זענען געשטא־נען צוויי פולע שאפעס מיט ספרים, אן אלטע אפגעפארענע סאפע און אן אלטמאדיש, קיילעכדיק דרייפיסלדיק טישל. פון דעם זאלעכל האבן גע־פירט דריי טירן. איינע אויף רעכטס, א פנים, די עלטערנס שלאפצימער: צוויי הילצערנע געלע בעטן, צווישן זיי א קליידערשאפע. אקעגן — א קא־מאד. הינטער דער טיר א גרויסע קופערנע קווארט מיט צוויי הענטלעך, לעבן איר, א מעשענע טאז. א פנים, אז דער בעל־הבית איז שטארק נזהר אין נעגלוואסער ביים בעט. אויפן פענצטער — א פארהאנג פון מארליע.*
אויף איין בעט הענגט א סיטצענער כאלאט מיט שרייענדיקע בלומען. אויף דעם צווייטן — א פארגעלט אלפאגן** רעקל אויף גרויען אונטערשלאק מיט א רויטער פאטשיילע, וואס שטעקט ארויס פון דער הינטער־קעשענע. די טיר אויף לינקס איז געווען האלב פארמאכט. שלמה האט נאר געקענט באמערקן בעטלעך, א סך בעטלעך. ער איז אריינגעגאנ־גען אין דער מיטלסטער טיר. דאס איז געווען א היפשער צימער, נאר א בשותפותדיקער: חצי סקלאד, חצי שטוב. ביי די פענצטער זענען גע־שטאנען בעטלעך פארשפרייט מיט געוועבטענע קאלדרעס, און אין די ווינקלען — צוויי זעקלעך מעל, טארבעס און טארבעלעך, בידאנעס און פלעשער, — א גאנצע באזע. פון ווייטנס איז געווען אפן א טיר אין א זייטיק צימערל. דארט איז שוין געווען א ביסל צוגעפוצט. א בוקעט בעז, אויף די פענצטער — שיינע, גאזענע פארהענגלעך, און א טישל. אויפן טישל איז געווען אויסגעשטעלט: א שפיגל, בערשטעלעך, קעמלעך און א דאמקע. א פנים, אז דא איז די פרויען־אפטיילונג, האט שלמה א קלער

---

* א ווייסער שיטערער געוועב, פון וועלכן מען מאכט בינטן אויף באנדאזשירן ווונדן.

** אלפאגע — אזא מין זיידענער ריפס, וועלכן יידן פלעגן אמיינסטן קויפן אויף שבתדיקע קאפאטעס.

געטון. ער האָט בפירוש חשק געהאַט איבערציילן, וויפל בעטלעך דאָרט געפינען זיך, אָבער זיי זענען געווען ענג צוגערוקט איינס צום צווייטן און צוגעבעט מיט „בשותפותדיקע" קאָלדרעס, אַזוי אַז ער האָט בשום אופן נישט געקענט תופס זיין: דריי, פיר, צי פינף. ער איז געגאַנגען ווייטער. קיין לעבעדיקן נפש האָט ער נאָך אַלץ נישט באַגעגנט. ער איז דורכגעגאַנגען נאָך אַ היפשן צימער און נאָך אַ קליין צימערל און איז ענדלעך אָנגעקומען אין קיך אַריין. דאָרט האָט ער געטראָפן מיט אַ מאָל דריי מענטשן. אַ הויכע בלאָנדע יידענע און אַ היפש מיידל זענען געשטאַנען מיט פאַרשאַרצטע אַרבל איבער אַן אומגעלומפּערט גרויסער מולטער, און האָבן פליסיק געקנעטן אַ געבעקסל ברויט, און אַ שוואַרץ, קוטשעראַוועס מיידעלע פון אַ יאָר פערצן, פופצן, מיט אַ נעזל ווי אַ פּאַסאָלקעלע, האָט געבראָקט טייג אויף קליינע שטיקעלעך.

דערזען פלוצלינג שלמהן, האָט זיך די מוטער אַ כאַפּ געטון:

— איר זעט כאָטש קינדער, איך האָב אָבער געזאָגט, אַז עמעצער דרייט זיך אַרום אין שטוב. זאָגן זיי מיר ניין, ניין, אַז נאָר מען ווייסט זיך צו שפּאָרן...

דאָס מיידל, וואָס ביים טייג, האָט זיך אַפילו נישט אויסגעדרייט, אַ פּנים, עס איז איר נישט אָנגעשטאַנען, אַז אַ פרעמדער זאָל זי זען אַרבעטן. דערפאַר איז דאָס שוואַרצע „פּאַסאָלקעלע" באַלד צוגעלאָפן:

— צו וועמען דאַרפט איר?

— צו דיר זיכער נישט...

— וואָס איז פאַר אַ משל צו מיר? איר דאַרפט דעם טאַטן?

— יאָ, דעם טאַטן.

— דער טאַטע איז נישטאָ.

— דאָס זע איך אַליין, אַז ער איז נישטאָ, אָבער ווו איז ער? אַזוי פרי איז ער שוין אַוועק דאַווענען מנחה?

— וואָס עפּעס צו מנחה? ער איז ביי דער פּאָסט. איר זענט אַ פרעמדער?

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן?

— פאַר וואָס דאַרף איך עפּעס נישט וויסן? איך זע דאָך אין אייך, אַז איר זענט נישט קיין היגער.

— היינט, אַז דו זעסט אַליין, צו וואָס זשע דאַרפסטו פרעגן? פיר מיך בעסער אָפּ צו דער פּאָסט.

די מוטער האָט אויף איר אַ געשריי געטון:

— לאהקע, רעד נישט אַזוי פיל און ווייז זיי דעם וועג צו דער פּאָסט.

שלמה האָט זיך שוין געווענדעט דירעקט צו דער באַלעבאָסטע:

— אַנטשולדיקט מיר, מאַדאַם ראַדיעצקי, איך האָב מיינע זאַכן איבערגעלאָזט אין עסצימער. דאָ טרעפט נישט, עמעצער זאָל אַנטלייען אומגעפרעגט?

— דערווייל האָט מען נאָך חלילה נישט געהערט פון אַזעלכע זאַכן,

נאָר באַלד וועט מען זיי אַריבערטראָגן אין אַלקער. לאה, טראָג אַריין דעם יונגגמאַנס זאַכן צו די קינדער אין צימער אַריין. איר קומט אָן פונעם צוג?

— יאָ, פון קיעוו.

— גייט, וועט זי אייך שוין ווייזן. מיין מאַן איז אויף דער פּאָסט. אַז מען הייבט אָן וואַרטן אויפן בריוונטרעגער, ווערט מען מיד וואַרטנ־דיק, גייט מען שוין בעסער אַליין צו אויף דער פּאָסט.

דאָס עלטערע מיידל האָט זיך לייכט אַ בייזער געטון:

— מאַמע, זיי פרעגן דאָך ביי דיר נישט, נאָך וואָס דער טאַטע איז דאָרט...

אויף איין אויגנבליק האָט שלמה באַמערקט אירע אויגן, און ווי־דער איז זי געשטאַנען צו אים מיט דער פּלייצע.

פון הינטערן אָפענעם פענצטער האָבן זיך מיט אַ מאָל דערטראָגן האַרצרייסנדיקע, קינדערישע קוויטשן און אַ מהומה פון אַ געשלעג. די מוטער האָט זיך נישט טויט, נישט לעבעדיק אַ וואָרף געטון צום פענצ־טער־חלל מיט אַ יללה:

— וועמען קוילעט מען עס דאָרטן, וועמען?

שלמה האָט זיך אויך אַריבערגעבויגן אַ קוק טון: אַרום אַ גריבל מיט שיטערער ליים, פון וועלכער מען מאַכט אויס: חלות, קאַטשקעלעך, שטיבעלעך און בכלל אַלע גוטע זאַכן, האָט זיך געקוילערט אַ קנויל פון קורצינקע, לעבעדיקע באַשעפענישלעך. קיין פּנימער האָט מען לחלוטין נישט אַרויסגעזען, אַלץ איז געווען איינגעטונקען אין ליים, מען האָט קוים געקענט פונאַנדערשיידן צווישן פּאַהקעלעך און צעפּעלעך, צווישן אַרבע־כנפותלעך און פּאַרטעכלעך. איבער דעם „אויוון", ווו עס איז גע־ווען איינגעזעצט אַ פריש געבעקסל „חלות", האָט זיך געהוידעט אַ באַרג פון ביז בלוט צעדראַפּעטע פּעמפּיקעס און אַ מאַסע אויסגעניורעטע פינ־גערלעך אַריינגעפּלאָנטערטע אין מיידלשע פּעדערדיקע קודלעס. די גוואַלדן פון דעם צאַפּלענדיקן געפּלאָנטער זענען געגאַנגען עד לב השמים. ביי די דערבייאיקע הייזער האָבן מאַמעס געלאָזן געהאַדעוועט זייערע קינדער, געוואַשן וועש און פאַרריכט זאַכן. קיינע פון זיי האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף דעם ווינקל, פון וואַנען עס זענען געגאַנגען די קולות. אַ פּנים, ביי די שכנטעס איז געווען אַ וואָכעדיקער גאַנג, אַז די קליינע ראַדיעצקעלעך זאָלן זיך „ממיתן ביז צו טויט".

סאָסי, די מוטער, האָט זיך אַרויסגעהאַנגען פונעם פענצטער ביז האַלב און מיט אַ בייקול, ווי ביי אַ מעוברתער יידענע אַרויסגעשריגן:

— ס'זאָל אייך נאָר פאַרליינגן, אומגליקן מיינע, הערט זיך אויף צו פליקן! הערט אויף, זאָג איך אייך, וואָרעם טאָמער גיי איך אַרויס צו אייך, מאַך איך פון אייך אַלע איין ווייניקן עפּל. איר הערט, וואָס איך רעד צו אייך, אַז רעדן זאָלט איר שוין צעשפּריטגענערהייט, מיינע שונאים...

דאָס קליינוואַרג איז פון דער מוטערס רייד נאָך פליסיקער צוגעפּאַלן איינס צום אַנדערן, נאָך טיפער זענען געקראָכן נעגל אין יונגע בעקעלעך, פון אַלע זייטן זענען געפלויגן פּעטש ווי האָלץ. דער גויאָמער איז געוואָרן

אומדערטרעגלעך. סאָסי, אויסער זיך פֿון אומבאַהאָלפֿנקייט און פֿון בושה פֿאַר אַ פֿרעמדן יונגנמאַן, וואָס נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון אירע „רוצחים", האָט זיך אַ פֿאַרצווייפֿלטע געווענדעט צו דער קורנאָסינקע:

— לאהלע, טאָכטער, האָב אויף מיר רחמנות, גיי, צענעם זיי דאָרטן, די באַנדיטן, נאָר למען השם, שלאָג זיי נישט, דו הערסט? קיין איין קלאַפּ נישט... גיי זשע, טאָכטער, איך וואָלט אַליין געגאַנגען, נאָר דאָס האַרץ פֿלאַטערט מיר אַזש...

ווי אַ בליץ איז דאָס שוואַרצע מיידעלע אַרויס פֿון דער שטוב. ווען זי האָט זיך אין אַ פּאָר מינוט אַרום אומגעקערט פֿונעם „שלאַכטפֿעלד", האָט די מוטער אַ פֿליעסק געטון מיט די הענט:

— לאה—קע! ווו ביסטו עס געווען? גיי נאָר, גיב אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל —

שלמה האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטון:

— מאַדאַם סאָסי, ס'איז גאָרנישט, ס'איז בלאָטע...

די קנעטערינס האָבן זיך צעלאַכט. דאָס „נעזל" האָט אין אים אַ שאָס געטון מיט אַ פּאָר שאַרפֿע שפּיזלעך און איז אַוועקגעלאָפֿן זיך אָנקוקן אין שפּיגל.

עס האָט גענומען אַ היפּשע ווײַלע, ביז די קליינע האָט צוריק באַקומען אַ „מענטשלעכע צורה". די גאַנצע צייט האָט קיינער אין קיך נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט. די מוטער מיט דער טאָכטער האָבן געקנעטן און שלמה איז געשטאַנען מן הצד און האָט זיי באַטראַכט.

ווען לאהקע האָט זיך ווידער באַוויזן אין קיך, האָט שלמה איר דערלאַנגט אַ שנאָל אין „צר־להכעיס נעזל" און גוט־ברודעריש געזאָגט:

— קום, קורנאָסע, פֿיר מיך צום טאַטן.

דאָס שוואַרצע מיידעלע האָט אים פֿאַר זיין קאָמפּלימענט געשאָנקען אַ שדיש קוקעלע און איז אַוועק פֿאָרויס.

אויפֿן וועג טראַכט ער: דאַכט זיך, גאַנץ שיינע אויגן ביי יענער על־טערער, און גאָר נישט ענלעך אויף דער „פּאַסאָלקע", אַזוי ווי נישט פֿון איין מוטער.

צו דער פּאָסט זענען זיי אָנגעקומען פּונקט צום צעטיילן די בריוו. עס איז דאָרט געשטאַנען זייער אַ גרויסער עולם און דער בריוונטרעגער האָט אויסגערופֿן יעדן בריוו באַזונדער. ווער עס האָט באַקומען אַ בריוו, איז געגאַנגען אהיים אַ פֿריילעכער, און ווער נישט — איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער זאָל עפּעס האָבן פֿאַרלוירן. שלמהן איז דאָס געפֿיל געווען גוט באַקאַנט. דאָס בלינדע דרך־ארץ האָבן פֿאַר יעדער געשריבן וואָרט פֿון ערגעץ־ווו, פֿון דער געבענטשטער „גרויסער וועלט", וואָס יעדער קליינשטעטלדיקער איינוווינער האָט. ראַדיעצקעס נאָמען האָט מען נישט אויסגערופֿן. ער איז אַן אָפּגעלאָשענער געגאַנגען אויף צוריק.

לאהקע איז צוגעלאָפֿן צו אים:

— טאַטע, אָט דער מענטש פֿרעגט זיך נאָך אויף דיר.

דער פֿאָטער איז צוגעגאַנגען צו שלמהן:

— נאָט אייך שלום, פון וואַנען איז אַ ייד?
— טאַטע, איך האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן, זיי זענען פון קיעוו.
דער פאָטער האָט שטרענג אָפּגעשניטן:
— לאה, קענסט שוין גיין אַהיים, האָסט שוין דיינס אָפּגעטון.
דאָס „פּאָסאָלקעלע” האָט פאַרדראָסיק אַ קוק געטון אויף שלמהן מיט אירע צוויי שוואַרצע שפּילקעס און איז אַנטלאָפן אָן אַ זיי־געזונט.
— זענט איר, הייסט עס, פון קיעוו? און ווי אַזוי רופט מען אייך?
— שלמה. שלמה פּיאַטיגאָרסקי.
— אָך, שלמה? און אייער פאָטער רופט מען אפרים —
— אפרים־אהרון.
— יאָ, יאָ, אפרים־אהרון. אויב אַזוי, נאָט אייך זשע אויף אָן אמת שלום עליכם. האָב איך דאָך גאָר אַ געהויבענעם גאַסט. הערסט אַ מעשה?
— אויב איר מיינט מיך, מיט אָט דער געהויבנקייט, האָט איר אַ שטיקל טעות.
— וואָס הייסט אַ טעות? אויב עס איז אפילו נאָר האַלב אמת, וואָס איצי גאַיסינסקי שרייבט וועגן אייך, פּאַסט מיר דאָך צו זיין אייערער אַ תלמיד.
— איר קענט זיין רואיק, עס איז זיכער אפילו קיין צענט־חלק אויך נישט אמת.
— איר זענט אודאי הונגעריק?
— וואָס רעדט איר? איך בין ערשט פון דער היים.
— עס רעדט זיך נאָר אַזוי: ערשט. מילא, עס איז שוין טאַקע שפּעט אויך. קומט שוין גלייך אין שול אַריין.
אין שול האָט זיך שלמהן געדאַכט, אַז ער איז מגולגל געוואָרן צוריק אין אַמאָליקן כמעלניק. מען האָט אים געטראָגן שלום־עליכמס פון אַלע זייטן. יעדער איינער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו פרעגן: פון וואַנען איז ער? צי ער קלייבט זיך דאָ אויף לאַנג פאַרהאַלטן? זייער פיל יונגע מענטשן, האָט ער געזען, רופן אָט דעם נחמן ראַדיעצקי: טאַטע. עס האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק, ווי די גאַנצע שול מיט מענטשן וואָלטן אים גערופן נאָר: טאַטע.
נאָך מנחה האָט דער שמש דערלאַנגט די גמרות צום טיש. אַ גרויסער עולם האָט פאַרנומען פּלעצער ביים שיעור. שלמה האָט זיך אויך צוגע־זעצט ביים עק טיש. פּלוצלינג ווענדעט זיך צו אים נחמן ראַדיעצקי פון זיין אָרט, גאַנץ אויבן־אָן:
— שלמה, ווו זענט איר פאַרפאַלן געוואָרן? קומט אַרויף אַהערצו.
— עס איז מיר דאָ אויך נישט שלעכט, איך קוק דאָ אַריין מיט אַ שכן.
— איך וויל, אַז איר זאָלט היינט זאָגן דעם שיעור.
— איך גאָר? חס וחלילה, וואָס פעלט אייך איין?
— פאַר וואָס טאַקע נישט? דער עולם איז דאָ נישט קיין שעמעוו־דיקער, מען וועט אייך נישט לאָזן זיך נאַרן.

— טאַקע ווייל אַזוי, און איך האָב זיך פריער נישט צוגעגרייט, אין גלאַט אַן אַלעמען, תדיר ושאינו תדיר, — תדיר קודם.

— איר ווערט דאָך ביי אונדז אַ תושב, זענט איר שוין אויך אַ שטיקל תדיר.

— עס זענען אומזיסט די רייד, איך האַלט נישט דערביי.

נאָך מעריב איז מען געגאַנגען אהיים עסן וועטשערע. אין שטוב האָט חברה שלמהן באַקענט מיט אַלע איבעריקע קינדער. ער האָט ביסלעכווייז זיך שוין אָנגעהויבן פונאַנדערצוקלייבן אין אָט דעם לעבעדיקן לאַבירינט. צו ערשט זענען געגאַנגען דריי אויסגעגעבענע זין. נאָך זיי, פיר בחורימלעך ווי די טאָפּאָלן. נאָך זיי פיר מיידלעך, פון וועלכע יענע, וואָס ער האָט גע־טראָפן ביי דער מולטער, איז געווען די עלטסטע. דערנאָך איז געגאַנגען נאָך אַ ייִנגל און נאָך אַ מיידל, און נאָך גאָר אַ קליין מיזיניקל... בסך־הכל פערצן קינדער. פון די אויסגעגעבענע קינדער האָט דער עלטסטער זון גע־האַט אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע, און דער צווייטער — אַ פּעמפּיקל פון אַ חדשים אכט, נישט מער. שלמה באַטראַכט די שנורן — פאַרשידענע טיפּן. די עלטסטע איז אַ שוואַרצע, אַ הויכע, נישט קיין שיינע, נאָר מיט אַן ענער־גיש פּנים, מיט ערנסטע שטריכן, וואָס רעקאָמענדירן זי פאַר אַן אשת־חיל און פאַר אַ „מאַנסבילשן קאָפּ". פאַר שלמהן האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי איז דעם זלאָטאָפּאָליער רבס טאָכטער. די צווייטע איז אַ קאָנטראַסט פון איר. אַ קליין ליכטיק ווייבעלע, מיט אויגן ווי ביי אַ מיידעלע פון צוועלף יאָר, און אַלט איז טאַקע נישט מער ווי אַנדערטהאַלבן מאָל צוועלף. חתונה געהאַט האָט זי צו די זעכצן יאָר. ערשטנס, ווייל עס איז געווען אַ היימישע זאַך. איר חיים איז אַן איינגן שוועסטערקינד, און צווייטנס, איז ביי זיי געווען אַ ליבע... אַזוי דערציילט שלמהן אויפן אויער אהרל, אַ בחורל אין שלמהס יאָרן, און שפּרה, די שנור הייסט עס, צינדט זיך אָן ווי אַ שוועב־בעלע. זי קוועטשט צו צו זיך דאָס ייִנגעלע און ווייזט אהרלען אַ קינדעריש קולאַקל, ווי איינער רעדט: וואַרט אויס! איך וועל זיך מיט דיר שוין צערעכענען... שלמה גיט אַ טראַכט, אַז מיט אַזאַ קולאַקל איז גוט צו שפּילן אין „אום צו גראָד", נישט צו שלאָגן אַזאַ ווערזילע * ווי דער אהרל איז. די דריטע שנור איז אַ פרישע אין שטוב, „ערשט" פון אונטער דער חופּה. שושן־פּורים איז ביי זיי געווען די חתונה, און דאָס פאַרפאַלק וווינט נאָך ביי דער „מאַמען". די דאָזיקע שנור איז שוין נישט אַזאַ „פאַר־שוין" ווי די עלטסטע, און נישט אַזאַ צאַפּלדיק־שיינינקע ווי די ייִנגערע. דאָס איז אַ קליינשטעטלדיק מיידל פון מיטעלער וווקס, מיט גרינע, כמורע אויגן, נאָר מיט אַן אָנגענעמער שטימע. די האָר זענען ביי איר כמו ווי אָפּ־געקראָכענע, אַ ביסל געל, אַ ביסל ברוין, אָבער אָנגעטון איז זי עלעגאַנטער פון אַלע פרויען אין שטוב. צי דער טעם איז ווייל זי איז נאָך כמעט כלה־דיק, צי זי וויל דערמיט קאָמפּענסירן אירע נאַטירלעכע פעלערן, אָדער זי איז סתם פון דער טבע אַ קאָקעטקע — גיי, זיי אַ נביא...

* אַן אומגעלומפּערט־גרויסער, אַ ריז.

קאַפּיטל X

פֿון דער שול אַהיים איז מיטגעגאַנגען אויך דער שוחט. דער זעלבער שוחט, וועלכן שלמה האָט ביי טאָג געזען מיטן חלף אין מויל. ישׂראל־יוסף דער שוחט איז מיטן בעל־הבית פֿון דער שטוב אויף „דו", אַ פּנים, חברים פֿונעם חדר. ישׂראל־יוסף איז אַ הויכער ייד, נישט קיין דיקער, נאָר אַ בייכל טאַסקעט ער פֿאַר זיך ווי אַ טראָגנדיקע יידענע. ער פֿאַרמאָגט: רויטע בעקעלעך, אַ גראָלעכע באָרד, גלאַנצנדיקע, חניפֿהדיקע אייגעלעך, לאַנגע, שוחטישע פֿינגער, מיט אַ נאָגל ביים ערשטן פֿינגער ווי אַ שנאָבל. ווען אָט דער שוחט האָט אים אין בית־המדרש אַריינגעשטעקט אַ „שלום־עליכם", האָט שלמה אַ טראַכט געטון: צוליב אָט דעם מין יידן, האָט גאָט באַשאַפֿן דעם גראָבן פֿינגער. ווען נישט אָט דער גדר, וואָלטן זיי מיט זייערע ידים פֿאַרפֿאָרן אַזש ביזן אַקסל.

דער בעל־הבית אַליין איז אַ קליין יידעלע; טראָגט אַ סאַמעטענע קאַפּאָטע אין דער וואָכן; אַ שוואַרץ פּראַקטוכן קאַשקעטל, עס דאַכט זיך אויס, אַז אָט־אָט שטעלט ער זיך אַוועק אין מיטן דערינען און זאָגט: יום השישי. די באָרד — כמעט שוואַרץ; אויפֿן קאָפּ, ווי אַ לייכט פֿרעסטעלע; אַ הויכער, שיינער שטערן מיט טיפֿע ווינקלען; ברענענדיקע, נאָך גאָר יונגע אויגן; אַ שיין, ציכטיק מיידלש פּנימל. שלמה גיט אַ טראַכט: ווען מען פֿאַרשטעלט אים די באָרד און פּיאות און מען טוט אים אָן אַ טיכל, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַ יונג ווייבעלע פֿון אַ יאָר זעקס, זיבן און צוואַנציק.

אַ הפֿך־גמור פֿון אים איז זיין ווייב, סאָסי. זי איז אַ הויכע, בלאָנדע יידענע מיט באַלעבאַטישע שטריכן; דאָס פּנים אויסגעמאַטערט, נאָר צופֿרידן; אַז זי רעדט, שרייט זי; דאָס גוטסקייט ליגט איר אויפֿן פּנים. מען זעט, אַז זי וויטיקט פֿאַר יעדן מינדסטן נעגעלע פֿון איר קליינינקער דירה־וויזיע. זי קוקט דעם מאַן אין מויל אַריין, שטייט פֿאַר אים כעבדא קמא מרא און פֿאַרגעטערט אים. פֿריער גאָט, דערנאָך דער מאַן. עלטער פֿון דעם מאַן איז נאָר גאָט, קיין אַנדערע אויטאָריטעטן אַנערקענט זי נישט. און ווי קען זיין אַנדערש? קודם־כל, שמט דער מאַן אירער אויף דער גאַנצער סביבה פֿאַר אַ קלוגן, געלערנטן מענטשן, אַ סוחר, אַ ייד — אַ שם דבר! און דער עיקר וואָס ס'איז משעבד איר רצון צו זיינעם איז דאָס, וואָס ער איז אַ שטרענגער, זאָרגעוודיקער דערציער פֿון אַזאַ חדר קיין עין־הרע...

דער טישטעך, מיט וועלכן מען גרייט צום עסן, האָט דעם אַמאָליקן יידישן חן: אַ לאַנגער, אַ ברייטער, מיט ווייסע, זיידענע קווייטן און מיט בלויע קאַנטן. ערטערווייז איז ער שוין פֿאַרצירעוועט; ביי די ברעגן —

בריהש־געמאכטע מערעזשקעס; * געדיכטלעך באזעצט מיט סימנים פון פע־טע פלעקן, אבער אויף צו באמערקן דאס אלץ מוז מען האבן א גענױט אויג, אזוי בלאנקט ער מיט זיין אויסגעפרעסטקייט און מיט זיין אנגעקראכ־מאליעטקייט. אין אלע פיר עקן פונעם טיש — באזונדערע ערדענע זאלצ־מעסטלעך, כדי דער עולם זאל זיך נישט דארפן ארומיאגן איבערן טיש נאך א לעק זאלץ. און א חוץ דעם שטייט פאר די באלעבאטים א זילבערנע זאל־צערקע אויף דריי פיסעלעך, אויף וועלכער ס'איז אויסגעקריצט: נחמן, סאסי. א פנים, א נגידישער דרשה־געשאנק. צום טיש האט מען דערלאנגט הערינג געמאכט מיט ציבעלע און מיט עסיק, צו איין טעלער אויף צוויי מענטשן. געבן יעדן באזונדער, וועט נישט קלעקן נישט קיין געפעס, נישט קיין פלאץ אויפן טיש. דערנאך האט מען אוועקגעשטעלט אין דער מיט טיש צוויי לענגלעכע שיסלען מיט געקאכטע קארטאפל אין די העמדעלעך. פאר די עלטערן — באזונדער א טעלער, אפגעשיילטע. חברה פיקערס האבן אריינגעשטעקט די אנגעמאזאליעטע ידים, די בריענדיקע שאלעכץ איז פון דערשרעק אליין אראפגעפאלן. די שטוב איז געווארן פול מיט פייכטער פארע. שלמה האט זיך אנגעבויגן צו איינעם פון די קינדער, וואס איז גע־זעסן לעבן אים און האט שעפטשענדיק אויפן אויער אים געפרעגט:

— דאס האט מען שוין צוליב מיר צוגעגרייט אזא וואזשנעם מאל־צייט?

דאס קליינע ווערוויקל האט אים באטראכט מיט אפענעם בטול:

— וואס נאך וועט איר אויסטראכטן? נא דיר גאר צוליב אייך... ביי אונדז איז שוין אזא מנהג, נאכט ביי נאכט — עס פארשטייט זיך, חוץ פרייטיק צו נאכטס — עסט מען קארטאפליעס. נאר איר מעגט שוין דווקא פארזוכן קארטאפל — פון די בעסטע! בלויז אמעריקאנקעס!

שלמה האט אין הארצן א טראכט געטון:

— ...אוי לו לבית שהלפת עוברת בתוכו... **

נאך אט דעם „אריינפאר" האט מען ערשט דערלאנגט טייגלעך מיט פאסאליעס. דאס ברויט: שווארץ, פריש, מיט א היימישן געשמאק. פאר שלמהס וועגן האט די בעל־הביתטע דווקא געהייסן דערלאנגען צוויי אייער, נאר ער האט נישט געוואלט. ער עסט נישט קיין אייער, ער האט זיי נישט ליב. ביים טיש איז געווען זייער היימלעך. בין מאכל למאכל האט מען געשמועסט פון לערנען. שלמה האט געזאגט אן אויפטו אין היינטיקן שיעור. דעם בעל־הבית איז דער „חידוש" שטארק געפעלן געווארן. דער עלטע־רער פון אהרלען — הירשל — האט ארויסגעוויזן שארפע לומדות, וואס האט שלמהן שטארק איבערראשט. דערנאך האט מען שלמהן געבעטן דער־ציילן נייעס פון דער גרויסער שטאט. ישראל־יוסף דער שוחט האט אי־

* לעכער, וואס זענען אזוי פארארבעט געווארן מיט דער נאדל, אז ס'איז זיי נישט לייכט צו באמערקן.

** ווי איז צו דער שטוב, וו די קארטאפל קריכן שוין פונעם האלדז. פון דער גמרא.

בערגעזאָגט א פּאָר רבישע תורות. די גאַנצע צייט האָט שלמה נאָר גע־האַלטן אין איין באַטראַכטן די קינדער: א בילדער־גאַלעריע, איינס שע־נער פונעם אַנדערן. די יינגלעך נאָך שענער פון די מיידלעך.

אין הארצן האָט שלמה בשעת־מעשה געטראַכט:

— ווו נעמט מען זיי אהער צו די פּוסטאָקראַטן, וואָס זאָגן, אַז א פּאָרפאָלק דאַרף נאָר האָבן איין קינד פּאָר א פּאַרווײַלונג, צוויי — איז שוין צו פיל. דאַכט זיך נאָר א קוק טון אויף דער קאַפּעלע... דאָס איז דאָך א גן־עדן אויף דער וועלט, אַן אייגענע אָפּערע. היינט וואָס וועט זיין אין צען יאָר אַרום?... אין צוואַנציק יאָר אַרום?... אַז פון יעדן יינגעלע וועט ווערן א נחמן ראַדיעצקי? פון יעדן מיידעלע — א סאָסי? זיי וועלן דאָך מוזן אָפּנעמען א גאַנץ באַזונדערע שטאָט, ראַדיעצקאָגראַד! א גאַנצע פירמע: נחמן, סאָסי עט קאָמפּאַני.

שלאָפן האָט מען שלמהן געשיקט מיט דריי חברה־לייט אין איין צי־מער, הערשל, אהרל, גאָדל און ער. די בעטלעך זענען געשטאַנען נאָענט איינס לעבן אַנדערן. א יונג עפּלביימעלע איז געשטאַנען אָנגעלענט אין אָפענעם פענצטער און האָט געדרימלט. איבער שינדלדעכער און ווייסע קוימענס האָט שפּאַצירט א פולע לבנה. דאָס איז נישט געווען קיעווער טויטע לבנה, נאָר א סודות־פולע, הארציקע כמעלניקער לבנה. שלאָפן האָט זיך קיינעם פון די ברידערלעך נישט געוואָלט, איז מען צעדעקטע געלעגן אויף די בעטלעך און געהערט, וואָס שלמה רעדט. און שלמה האָט גע־רעדט וועגן דעם, וואָס אַזאַ נחמן ראַדיעצקי וואָלט געקענט אויפטון מיט זיין אייגענעם קאָלעקטיוו אין ארץ־ישראל:

— אָנשטאָט דעם פאַרקויפן פולע הערינג מיט פאַרזשאַווערטע האָר־נאָדלען, פּאַרצייטישע לאָרבערבלעטער און קאָנווערטן פון כמעלניצקיס צייטן, וואָלט אַזאַ ייד ווי אייער פאָטער געהאַט אין ארץ־ישראל, לאָמיר זאָגן... א מילך־פעראַמע. איך זע פאַר זיך אַזאַ בילד: דאָס קליינוואַרג וואָלט געפּאַשעט די שאָף און רינדער, די פרויען וואָלטן געמאָלקן די קי, גע־שוירן די שאָף און בכלל אַכטונג געגעבן אויף דעם באַלעבאַטישקייט, און אַזוינע געזונטע לאָפּאָקעס * ווי איר, קיין עין־הרע, וואָלטן געאַרבעט ביים סעפּאַראַטאָר, ביים טראַקטאָר, ביי די וויינגערטנער. פאַר נאַכט צו פירט מען צו דעם אויטאָ צו דער שטוב, מען זעצט אַריין דעם טאַטן אין קאַ־בינע און אַלע מענער פאָרן צו אין שטאָט אַריין, קיין חיפה אָדער קיין צפת; קיין תל־אביב אָדער קיין ירושלים — מנחה דאַווענען. בין מנחה למעריב זאָגט דער טאַטע א שיעור, טאַקע דעם זעלבן שיעור, וואָס ער זאָגט דאָ. נאָך מעריב גייט זיך דער פאָטער דורך צום שטאָט־רב, הערן נייעס, שמועסן א יידיש וואָרט, און יונגוואַרג גייט זיך א ביסל דורך אין די פריילעכע ערטער: אין די קלובן אָדער אויף די סטאַדיאָנען, אין טעאַטער אָדער אין קינאָ. העט, העט נאָך האַלבער נאַכט קערט מען זיך אום אויף דער

* געמיינט: יונגען מיט ביינער.

פערמע. די באַלעבאָסטעס שלאָפן שוין לאַנג, נאָר אויפן טיש שטייט אָנגע־גרייט פאַר די מאַנסבלין אַ ריזיקע שיסל מיט קנישעס, אַ טאָפּ סמעטענע און עטלעכע קרוגן מילך. באַגינען איז שוין יעדער איינער אויף זיין פּאָסטן, ווער אין פעלד און ווער אין שטאַל. זייגער צען, אַז די זון הייבט שוין אָן רעכט צו באַקן, קומט מען זיך צונויף אַהיים, ווער רייטנדיק, ווער צו פוס און ווער מיטן וועלאָסיפּעד. אין דער געפּלאַכטענער סוכה דאַוונט מען אָפּ בציבור. דער פאָטער רופט אויף די קינדער צו זיין אייגענעם ספר־תורה. אָט אַזוי־אָ, אין די אַרבעטער־אַנצוגן, זעצט מען זיך אוים טאָקע דאָרט אין סוכה ביים לאַנגן טיש און מען פרישטיקט. נאָכן איבערבייסן, דאַרף מען נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין — אם אין תורה, אין קמח. אָבער אַזוי ווי מצמצם זיין די מוחות אויף אַ בלאַט גמרא מיט מפרשים, בעת דער קאָפּ איז אין פעלד, צי אין שטאַל — איז אַ שווערע זאַך, לערנט מען אָפּ אַ פרק עין־יעקב, אַ קאַפּיטל ישעיה, אַ קאַפּיטל תהילים און מען צע־גייט זיך אויף אַ גאַנצן טאָג. מיטאָגן מיטאָגט יעדער באַזונדער ביי זיך אויף דער אַרבעט, נישטאָ קיין צייט צו דרייען זיך אַהין און צוריק. און די לאַהקעלעך מיט די קורנאָסע נעזעלעך פלעכטן זיך איין אַ בארג קווייטן אין די האָר, אַז מען קען מיינען, דאָס איז אַ באַוועגלעכער בוקעט בלומען, נישט קיין מענטש, און זיי צעטראָגן שוין די אָנבייסנס יעדן אויף זיין פלאַץ. אָפּגערוט זיך פונעם לאַנגן, שטויביקן וועג, ברענגט זי אַ קרוג וואַ־סער פונעם קוואַל. דער ברודער וואַשט זיך אָפּ די פאַרסמאַליעטע הענט, דאָס בראַנדזעווע פּנים. ער פאַרשפּרייט די סאַלפעטקע אויפן גראָז, לייגט אָן אַ פול מויל מיט פלייש און קוקט דורך די פרישע צייטונגען, וואָס דאָס שוועסטערל האָט געבראַכט מיט זיך. קומט אונטער אַ יום־טוב, פאָרט מען אַרוים מיט האַק און פּאַק קיין ירושלים, לא פּקעה קדושה מהר־הבית מעולם. אויף דער גאַנצער פערמע בלייבן נאָר איבער די דיזשורנע צוויי שוועסטערלעך. אויפן צווייטן מאָל וועלן זיי שוין פאָרן און אַנדערע וועלן בלייבן דיזשורען אויף זייער אָרט. פון קיין פּאַראיבל האָבן איז קיין רייד נישטאָ. מאַכט מען אַ מאָל חתונה אַ קינד, פאָרן זיך צונויף געסט פון אַלע אַרומיקע פערמעס, פון ווייטע שטעט און שטעטלעך. אויב דער הויף איז צו קליין, צר מלהכיל, פּראַוועט מען טאַקע די חתונה אויפן הוילן פעלד. אויף הויכע שטעקנס ווערן צעצויגן לייַלעכער און הרי שלך לפניך — אַ פאַרטיקער דאַך. פון נישט געהובליעוועטע ברעטער און שווערע קלעצלעך ווערן על רגל אחת צונויפגעקלאַפּט טישן און בענק. דער עיקר איז, אַז קלעזמער זאָלן זיין וואָס מער, מען זאָל קענען אַרויסגעבן די שמחה־פּנימית בריקודים ובמחולות. מען זאָל נאָר למען השם קענען מקיים זיין דעם „ביצד מרקדין" כהלכה, כהלכות גוברין יהודאין... די טעכטער און די שנורן זאָרגן שוין דערפאַר, אַז די געסט זאָלן זיך פילן ווי אין דער היים. אײַ, שלאָפן? ברענגט מען אַ פור מיט פרישן, שמעקנדיקן היי, מען צעשיט עס אויף דער הוילער ערד און פּרווו אומיסטן זאָגן, אַז ס'איז אַ

שלעכט געלעגער! מיטן טאָג גליַיך, איז ווידער יום־טוב. די חתונה דויערט א גאַנצע וואָך, אַלע שבעת ימי המשתה, כדת משה וישראל...

און נאָך אַ לאַנגער פּויזע, מיט אַ טיפן קרעכץ:

— אַט אַזוי ברידערלעך מיינע, האָבן געלעבט אונדזערע עלטערן בהשקט ובטח ביזן חורבן, און אַט אַזוי וואָלט גוט געווען צו לעבן אויך היינט...

די קוימענס זענען נאָך באַגעלט, נאָר די לבנה זעט מען שוין נישט. דאָס עפּלביימעלע שעפּטשעט עפּעס, נאָר ווער פאַרשטייט שיחת־דקלים? חברה ליגן אויף די בעטן, פאַרכשופטע פון שלמהס בילד. אהרל קומט צום וואָרט דער ערשטער:

— איך בין דיר ערוב, שלמה, אַז דער טאַטע מיט אונדז אַלע וואָלטן שוין געפאָרן אַהין, אפילו איצט אום האַלבער נאַכט. עס איז אונדז אַזוי נמאס אַט די פאַרעפּושטע קאָאָפּעראַציע, וואָס חוץ דעם דלות מיט קאָפּ־ווייטיק האָט מען פון איר גאָרנישט, אַז דו קענסט זיך גאָר נישט פאָר־שטעלן. זיי זיכער, מיר וואָלטן איינגעגאַנגען אפילו נישט אויף קיין איינגע־נער פערמע, אפילו אַרבעטן ביי יענעם, נאָר אַבי אָן פחדים און עס זאָל זיין לחם לאכל, לחם לפי הטף... אדרבה, אפשר ווייסטו אַ וועג אַהין, זאָג...

— ע, קינדער, ווען עס זאָל זיין אַ גלייכער וועג אַהין, וואָלטן זיך געפינען פיל בעלנים, אַ סך, אַ סך... אַט דאָס איז טאַקע די צרה, וואָס מען האַלט אונדז דאָ אויפן שלאָס. פון אַלע לענדער אויף דער וועלט קען מען פאָרן, נאָר פון אונדזער לאַנד נישט, אָבער אין קיין יאוש טאָר מען נישט אַריינפאַלן. אַ שטאַרקער ווילן איז אַ גרויסע זאַך. אין לך דבר העומד בפני הרצון! מען דאַרף דעם ווילן נישט פאַרלירן, זיך נישט לאָזן צע־ברעקלען, זיך נישט אסימילירן, און גאָט וועט פריער אָדער שפּעטער ווייזן אַ דרך... כלל זה נקוט בידך: בדרך שאדם רוצה לילך... איר זענט דאָך עפּעס שטיקלעך תלמידי חכמים, מען דאַרף אייך לערנען?

ערשט פאַר טאָג צו שלאָפן זיי איין, און די ברידערלעך פילן אַלע, אַז פאַר דער איינער נאַכט, האָבן זיי אַט דאָס קיעווער בחורל ליב באַקומען מיט לייב און לעבן.

קאפיטל XI

אין דער פרי, אין שול נאָכן דאַווענען, האָט שלמה אָפּגערופן ישראל־יוסף דעם שוחט אויף אַ זייט:

— איר האָט פאַר מיר עטלעכע פרייע מינוט, ר׳ ישראל־יוסף?

— וואָס פרעגסטו, וואָס? צי איך האָב פאַר אַ היימישן מענטשן עטלעכע פרייע מינוט?

— פון ווען אָן, הייסט עס, זענען מיר דאָס אַזעלכע היימישע מענטשן?

— וואָס האַקסטו מיר אַ טשייניק: פון ווען? פון ווען? איך האָב דאָך דיר נאָך נעכטן געזאָגט, אַז דיין זיידן, דעם ר׳ שלומען, קען איך, דאַכט זיך, אויף געוויס, איך מעג שווערן בנקיטת־חפץ, אַז איך האָב מיט אים צוזאַמען געטרונקען „תיקון" ערשט... ערשט פאַר צוויי וואָכן. מען זאָגט דאָך דיר אויף פּראָסט יידיש, אַז איך בין אין קיעוו אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. ווי זאָגט ער דאָרט: גר ותושב אנכי עמכם. עס זענען כמעט נישטאָ די צוויי וואָכן, אַז איך זאָל דאָרט נישט האָבן געווען. וואָס פאַר אַן עסקים איך האָב מיט קיעוו? אַלץ מיטן אַפּענדיציט און מיט דער אַסטמאַ, אפשר שלעכטע געשעפטן, ווערסטו זאָגן? נאָר וואַרט אויס, איך בין דיר נאָך נישט מודה, אַז איך קען נישט דיין טאַטן אויך... וויים איך, וואָס דו רעדסט? אַז איך בין אין קופּעטשעסקע־שול אויסגעוואַקסן, קען מען זאָגן... נאָך אַ מאָל, ווי אַזוי זאָגסטו רופט מען אים, דיין טאַטן, אפרים־אנשל?

— ניין, אפרים־אהרן...

— איך מיין טאַקע אפרים־אהרן! איך קען מיך אויף דער מינוט נישט דערמאָנען, נאָר זיי זיכער, ווען איך זע אים, וואָלט איך אים גלייך דערקענט. שאַ! וואָס איז אייגנטלעך זיין פּאַרפעסיע, כ׳מיין זיין עובדא, זיין מלאכה?

— ער טוט דאָס, וואָס אַלע יידן פון זיין גראַד —

— פּאַרט... עפּעס...

— ער... דרייט זיך... אַ מאָל מיט דער הקפה, אַ מאָל מיט יענער, אָט־אַזוי־אַ...

דער שוחט האָט געגעבן אַ שטעק אַריין דעם גראָבן פינגער אין גאָרגל אַריין און האָט אויסגעצויגן אויפן חזנישן שטייגער מיטן ניגון פון „כל מקדש":

— אַזוי־י־י־י־יך לשובתים בשביעי בחריש ובקציר עול־אַ־אָ־מים...

איז ער אויך, הייסט עס, פונעם גלגל־החוזר אַזוי ווי איך?

— וואָס פאַר אַ מחותן זענט איר מיטן גלגל־החוזר? איר האָט דאָך קיין עין־הרע אַ מלאכה נקיה וקלה אין אַזאַ קהילה קדושה וטהורה כזוהר הרקיע מאירה ומזהירה —

ישראל־יוסף מעסט אים אָפּ מיט אַ פינצטערן בליק:

— ס׳איז כאָטש גוט, וואָס דו לאַכסט אַליין דערביי, ווילן עס אַנדערע

פארשפארן צו טון... א מענה־לשון א ביסל: נקיה וקלה... דו זאגסט און ווייסט נישט, וואס דו זאגסט. נקיה — למה נקרא שמה: נקיה? — ווייל מען דארף אויסקערן א ריין שטיקל פלאץ און זי ארויסווארפן... וקלה — וואס מיינט דער פסוק מיט „וקלה"? — אז פון דער דאזיקער מלאכה איז לייכט אויסצוגיין פון הונגער...

— וואס רעדט איר? כולי האי?... און איך האב געמיינט, אז שחיטה... פעדערן אליין...

— פע — דע — רן? א שטומער וואלט עס אין קיין יאר נישט אויס־גערעדט! פעדערן איז גאלד... פעדערן דאס איז אן עשרות... פון פע־דערן קען מען ווערן א בראדסקי, אבער ווען זשע? ווען מען זאל לאזן פליקן די עופות, ווען מען זאל לאזן צונויפנעמען, ווען די מחבלים זאלן נישט אריינקריכן אין די גערע־גערע־געדערים...

— פאר וואס זשע טאר מען נישט? אט איז מיינער א קרוב געווען שוחט אין כמעלניק, פלעגט ער פליקן און פליקן, דער חסרון איז נאר גע־ווען, וואס ער האט נישט געהאט וואס צו פליקן, אבער אזוי —

— פון ווען רעדסטו? פונעם אלף החמישי?

— נישט פונעם אלף החמישי... ערשט צוריק מיט א יאר... מיט א יאר צען...

— טאקע באמת? דיר זאל זיין פאר דיין קלוג טעפעלע... ער האט זיך קוים אויסגעקוועטשט: מיט צען יאר צוריק, נישט מער נישט וויי־ניקער... דאמאלסט איז דאך געווען א גן־עדן אויף דער וועלט... ווער האט דאמאלסט געדארפט האבן פעדערן, אז ס'האט זיך געוואלגערט גאלד אין די גאסן, שטרעק נאר אוים די הענט און שאר צונויף. אבער היינט... היינט איז פעדערן געווארן א מסחר... און נישט סתם אזוי א מסחר, נאר א מסחר שבמסחרים, וואס זשע קומט ארוים? לאזט מען נישט...

— פאר וואס זשע לאזט מען נישט?

— ווייסט דער רוח די נשמה זייערע... ס'איז אנטי־היגיגי... טפו! ווער קען אויסרעדן זייערע פארדרייטע ווערטער? אויף פראסט יידיש גע־רעדט, הייסט עס אזוי: אין די פעדערן פרוכפערן זיך פליגלעך, די פליג־לעך פאטשקען זיך אוים אין דעם בלוט און צעטראגן עס נאך דעם איבער דער שטאט, און פאר בלוט האט אונדזער איידעלע מלוכה מורא אימת־מות... ווו האט זי שוין דען א מאל געזען בלוט פאר אירע אויגן! חס ושלום!

— ר' ישראל־יוסף, ווער זשע וועט עס גייען אייך נאכקוקן, וואס איר טוט ביי זיך אין הייזל? איר קענט נישט פארשטעקן דאס קלימעקל פע־דערן אין קעלער, צי אויפן בוידעם, צי ווייס איך ווו דארטן?

— אט די אלע מאניפארגעס פון „הצנע לכת" און פון „עין לא ראתה" זענען נאר געווען שייך אמאל — אמאל... פאר אונדזערע יארן האט מען געוווסט: „מצאר תצרני", מען האט געוווסט: „מלפני „אדון" חולי

ארץ",* היינט אָבער קען אַ ליאַדע שנצל דיך מזיקן, זאָלסטו קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין... אַ מאָל האָט די גאַנצע וועלט געוווּסט איין כלל: יוסף ד' עליכם, איז געווען אַ וועלט, האָט מען געלעבט אויף דער וועלט! היינט האָט מען איבערגעקערט דעם שמוים מיט די האָר אַרויף: יוסף סטאַלין עליכם... עליכם ועל בניכם... און דאָס, ברודערקע, איז אַזאַ שלאַק־פּורעניות, וואָס ס'איז גאָר פון אים נישטאָ קיין בית־מקלט... כ'זאָג דאָך דיר, יהיה מי שיהיה, טאָמער דערשמעקט ער עפּעס, איז חיות נישט זי־כער... איינגעזונקען זאָלן זיי דיר נאָר ווערן, פּאַטער אין הימל...

— ווי אַזוי דען?

— מוטשעט מען זיך טאַקע... מען דרייט זיך... טויג עס טאַקע אויף ניין און ניינציק כפּרות... וואָס דען האָסטו געמיינט, אַז דיין טאַטע איז אַ בן־יחיד ביי גאָט? ווי אַזוי זשע זאָגסט רופט מען אים? ר' אפרים־אַנשל... ר' אפרים־אַנשל...

— ניין, ר' אפרים־אהרן...

— זאָג איך דאָך ר' אפרים־אהרן, ווער זאָגט דען אַנדערש? עס איז ביי מיר בלתי ספק, אַז מיר זענען באַקאַנט... פרעגט ער גאָר, פון ווען מיר זענען היימיש?

— ר' ישראל־יוסף, אַז מיר זענען שוין יאָ שטיקלעך שמעלקעס, האָב איך צו אייך אַ בקשה...

— עד חצי המלכות! אפילו אָן עוף קוילען אָן געלט...

— טע־טע־טע, אַזאַ גרויסע טובה דאַרף איך נאָך נישט.

— זאָג, זאָג, וואָס דו זאָלסט נישט דאַרפן, וועט פאַר מיר נישט זיין צו שווער. אפשר האָסטו אַ גרויסשטאָטישן ציגאַיער?

— איך רויכער בכלל נישט.

— איז לא פלגתי. וואָס זשע פאַר אַ טובה דאַרפסטו?

— איך דאַרף, אַז איר זאָלט מיר צוזוכן אַ דירה.

— מאי קא משמע לן, אַ דירה? פשוטו כמשמעו? דער טאַטע דיי־נער, הייסט עס, וויל אַרויספאָרן אהערצו להשתקע? אַ־האַ! איך פאַר־שטיי שוין...

— וואָס דרייט איר אַ קאָפּ: אַרויספאָרן, אַריינפאָרן... איך דאַרף פאַר זיך פערזענלעך אַ צימערל אויף אַ פיר, פינף וואָכן.

— אַזוי גאָר? הייסט עס, נאָך וואָס אייגנטלעך ביסטו געקומען אהער, אויב עס איז נישט קיין סוד?

— וואָס פאַר אַ סודות קענען דען דאָ זיין? איך בין אהער געקומען אויף דאַטשע.

— אויף וואָס, זאָגסטו, ביסטו געקומען?

— אויף דאַטשע, אויף דאַטשע...

* אויסגעטייטשט די פסוקים בדרך הלצה. דאָ געמיינט: פאַרן קיסר האָט מען זיך געדאַרפט היטן; פאַרן פריץ האָט מען געציטערט.

— טפו, אויף מײנע שונאימס קעפּ! און איך האָב געמײנט אויף א בעזעם רײטנדיק, צי אויף איך ווײס וואָס... אויף דאַטשע גאָר? ווו זשע געפינט זי זיך דאָ, די דאַטשע, הײסט עס?

— דאָס וואָלט איך גענויטיקט פרעגן בײ אײַך, איר זענט אַ היגער.

— שטראָף מיך גאָט, צי איך האָב אַ מאָל געהערט, ווו עס ליגט דאָ ערגעץ אַ דאַטשע, נאָר בײ מיר האָסטו שוין געפועלט, ווו דו וועסט זי זען, נעם זי דיר.

— איז וואָס זשע ענטפערט איר מיר מכח אַ דירה?

— אַ—האַ! איך האָב שוין גאָר פאַרגעסן, אַז דיר ווילט זיך קויפן אַ דירה.

— נישט קויפן, נאָר דינגען...

— איך מײן טאַקע דינגען, ווער זאָגט דען קויפן? יאָ, איך פאַרשטײ אָבער נישט, דו שטײסט דאָך אײַן בײ נחמנען, וואָס זשע איז דיר דאָרט שלעכט?

— עס איז מיר דאָרט נישט באַקוועם...

— ביסט משוגע, צי מטורף? וואָס דולסטו מיר דעם קאָפּ מיט נאַ־רישקײטן: באַקוועם, וועמבאַק... שעם זיך נישט, זאָג דעם אמת: מן הסתם האָט דיר נחמן עפּעס אָנגעטראָטן —

— וואָס פאַלט אײַך אײַן?

— דו לערן מיך נישט, איך בין שוין אַן אויסגעלערנטער... שאַ, אפשר נאָר די נחמנקע? זי איז, דאַכט זיך, אַ שטיקל שפּילקע, כאָטש איר באָבע איז געווען אַ צדיקת... שאַ, לערן מיך נישט, איך בין שוין... אפשר גאָר האָט זי אים אָנגערעדט, אַז ער זאָל דיר אָנטרעטן... דאָס לײגט זיך אויפן שכל... דו לערן מיך נישט...

— אָבער, אַז לא היו דברים מעולם... איר מאַכט פּשוט אַ בלבול אויף אַ יידישער טאָכטער...

— הער זשע אויס, דו ווענדסט דאָך מיך אָפּ, אָבער פון דעסט וועגן בלײַבט נאָך פון מײן סברא אַ טפח אויף וואָס עס זאָל זיך האַלטן אַ ביסל סכך, ווײַל... ווײַל זי איז פון אַלע יאָרן אַ ביסל אַ... אַ זאַיאַדלע * יידענע...

— ווער? די ראַדיעצקעכע? דאָס איז דאָך אַ צדיקת פון אַ יידענע, אַ מענטש האָט בלי עין־הרע מעמיד געווען ארבעה־עשר שבטים, ווערט אויסגעריסן די טעג מיט די נעכט, אין שטוב און אין קלײט... כ׳ווײס? דאַכט זיך, אַז זי טראָגט נאָר איבער פון אַזאַ כאַליאַסטרע קײן עין־הרע —

— וואָס זאָגסטו נאָר אויף דער רבותא? ווער דען זאָל לײדן פון אירע תכשיטים? איך? מי שטרח בערב שבת, יאכל בשבת —

— גוט, אָבער די מעשה, אַז זי איז אַ זאַיאַדלע, איז דאָך שקר וכזב ולא היה —

---

* אַן עסעריקע, אַ גריזאָטניצע.

— שאַ, קאָך זיך נישט אַזוי, ס'איז פאַראַן אַזאַ „יש אומרים", עס איז פאַראַן... און דערפאַר זאָג איך, אַז זי האָט אים געקענט אָנרעדן —

— וואָס איז זי, אַ יצר־הרע, אַז זי זאָל אים אָנרעדן? זי איז אַ כשרע און אַן ערלעכע יידענע...

— אודאי אַ יצר־הרע! דו לערן מיך נישט, ס'איז אַ באַוווּסטע זאַך: אַ ווייב איז דאָס זעלבע, וואָס דער יצר־הרע.

— איר זענט אַ מאָדנער ייד, ר' ישראל־יאָסל. איר אַליין זאָגט דעם מאמר און גלייך ווערט עס ביי אייך אַ דבר ידוע...

— איך האָב דערויף אַ ראיה, אַז אַזוי איז דאָס... אין איין פּרשה ווערט געזאָגט צו דער פרוי: „אל אישך תשוקתך והוא ימשל בך" און אין דער צווייטער פּרשה ווערן די זעלבע ווערטער געזאָגט צו אדם'ן וועגן דעם יצר־הרע: אליך תשוקתו ואתה תמשל בו". שמע־מינה, האָב איך דיר געדרונגען. איצט וועסטו שוין מודה זיין, אַז דאָס איז איר שטיקל אַר־בעט, דער נחמנקעס, צי ניין? וואָס שווייגסטו?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אַז אייער גאַנצע סברא איז געבויט בלויז אויף דמיון...

— זאָרג זיך נישט פאַר מיין סברא, מיין סברא איז שוין אַ פאַרזאָרג־טע. פאַר מיין סברא טוט אים ווי דער קאָפּ. מיין סברא איז אַ סברא, נאָר דו האָסט קיין שכל נישט, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין אין אַזעלכע פאַלן... דו לערן מיך נישט —

— איר ווייסט, מיט אייערע רייד דערמאָנט איר מיר אונדזער כמעל־ניקער פאָטאָגראַף. געווען ביי אונדז אַ פאָטאָגראַף, ירוחם־שעפּטל האָט ער געהייסן. ווען מען פלעגט קומען צו אים מיט אַ טענה: „ר' ייד, קערט אום דאָס געלט. די פאָטאָגראַפיע איז נישט קיין ריכטיקע... פלעגט ער קאַלטבלוטיק ענטפערן: „האָט קיין פאַראיבל נישט, די פאָטאָגראַפיע איז אַ ריכטיקע, ס'איז אייער פּנים נישט קיין ריכטיקס"...

דער שוחט איז ווייניק וואָס נתפּעל פון דער מעשה מיטן פאָטאָגראַף. ער בורטשעט אונטער דער נאָז:

— וואָס דען פאַרט קען שטעקן אין דעם, וואָס דיר איז פּלוצלינג געוואָרן דאָרט נישט באַקוועם? שאַ! זיי זיך מודה, אפשר גאָר האָט מען דיך דאָרט מיט עפּעס באַליידיקט? זאָג, זאָג, שעם זיך נישט, דער שענ־סטער ליגן איז דער אמת...

— ע, ר' ישראל־יוסף, איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אַ קלוגן יידן, צום סוף שטעלט איר אַזעלכע קלאָץ־קשיות, אַז מען קען מפּיל זיין פאַר שרעק. באַליידיקט, באַליידיקט, נאַ דיר גאָר באַליידיקט! וואָס בין איך, אַ יידינע, איך זאָל זיך באַליידיקן?

ישראל־יוסף, אַ ביסל פאַרשעמט:

— ווי מיינסטו קום איך דיר דאָס זאָגן, מחמת איך ווייס, אַז ביי נחמנען קען מען איינקוואַרטירן אַ פּאָלק סאָלדאַטן, און דיר גראָד איז דאָרט ענג געוואָרן...

— דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז אין גרויסקייט. איר זענט דאָך אַ קלוגער ייד, דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז דאָרט איז קיין עין־הרע שטענדיק אַ הו־האַ ווי אויף אַ וואָקזאַל, און איך בין זיך געקומען אָפּרוען, זיך אַ ביסל אויסטשאַדען פון קיעווער רעש...

— איי, ביסטו אַ פּעטאַך! וואָס דערציילסטו מיר מעשות, אויס־טשאַדען, איינטשאַדען? זאָג פּראָסט, אַז עס איז אַזאַ מאָדע, אַז אַ דאַטש־ניק מוז האָבן אַ באַזונדער צימער. שענער פונעם אמת איז נישטאָ. דער־ציילט ער גאָר אַ מעשה מיט אויסטשאַדען...

שלמה ווישט זיך אָפּ דעם שוויים, וואַרפט אַ פיינדלעכן קוק אויף זיין בר־פלוגתא און איז מסכים:

— זאָל זיין אַזוי, אפשר איז די מאָדע שולדיק.

— אַזוי זשע רעד! קוועטשט ער זיך און קוועטשט זיך און קוועטשט זיך... איז וואָס זשע פאַר אַ מין דירה ווילסטו?

שלמה אָטעמט אָפּ מיט דער פולער ברוסט:

— אַ, אָט דאָס איז אַ פּראַקטישע פראַגע! איך דאַרף אַ באַזונדער צימערל אין אַ שטוב, וווּ עס איז מער־ווייניקער רואיק. נו, וואָס נאָך? אַ כשרע שטוב, איך זאָל זיך קענען פאַרלאָזן אויף דער בעל־הביתטע, אַז זי זאָל מיר עפּעס אָפּקאָכן. און איך וועל זי פאַר אַלץ גוט באַלוינען.

ישראל־יוסף הייבט אָן צו טרייבערן די פליישיקע נאָז מיט זיין שנאָבל און פאַרטראַכט זיך. פּלוצלינג גיט ער שלמהן אַ פּליאַסק איבער דער האַנט און אַ געשריי:

— בנימין בערעלעס!...

שלמה בלאָזט אָפּ פון דער האַנט די סימנים פון די שוחטישע פינגער־לעך און פרעגט מיט אַן אומגליקלעך פּנים:

— וואָס, בנימין בערעלעס?

— ער פרעגט נאָך וואָס, פרעגט ער! בנימין בערעלעס איז אָנגע־מאָסטן פאַר דיר און דו פאַר אים. איי, וואָס רעדסטו? עס איז אַ זיווג מן השמים.

— מילא, מן השמים, צי מן הארץ, אַבי אַ גלייכע זאַך.

— גלייך צו גלייך איז נישט גלייך...

— ווער זשע איז ער, אָט דער בנימין בערעלעס?

— וואָס אַרט דיך, ווער ער איז? עס איז גוט! דו זעסט יענעם געלינקן יידן, מיט דער באָראָדאַווקע אויף דער שפּיץ נאָז?

— ווועלכער? דער שמש?

— אָט־אָט־אָ!... אָט דאָס איז דער בנימין בערעלעס. אַ ייד אַ תכשיט, אַ כלי־שלמה, אַן איש תם. אין אַן אַנדער שטאָט וואָלט ער זיכער געווען אַ גוטער ייד, נאָר אין אונדזער פינצטערן לאָך, איז ער נעבעך אַ שמש...

שלמה מאַכט אַ פאַרצווייפלטע באַוועגונג, ווי אַ מענטש, וואָס עס פעלט אים אויס לופט צו אָטעמען, נאָר ישראל־יאָסל כאַפּט אים אָן ביי ביידע הענט:

— האָב דרך־ארץ, לאָז זיך דינען —
שלמה איז בלייך פאַר אויפרעגונג:
— אָבער אַז איך וויל נישט, איר זאָלט מיך דינען...
— כ'פאַרשטיי נישט, וואָס אַרט דיך?
— איך וויל נישט, אַז איר זאָלט זיך נאַריש מאַכן...
ישראל־יאָסל כמורעט זיך אָן:
— מיט וואָס זשע מאַך איך זיך נאַריש?
— טאַקע מיט אייער „דינעניש".
— איך בין נישט אַזוי קלוג —
— „חמור" פונעם חומש, איז דערפאַר געווען אַ חמור, ווייל ער האָט ליב געהאַט דינהן...

אויף איין אויגנבליק צעשטראַלט זיך ישראל־יאָסלס געזיכט פון שלמהס חכמהלע, אָבער גלייך ווערט ער אָנגעבלאָזן, שטעקט אַריין אין אים אַ וויסטן קוק און זייעט אַרויס דורך די ציין:

— דו האָסט אַ פּנים לאַנג געוווינט אין אונגאַרן...
— וואָס איז אייך עפּעס גראָד געפעלן געוואָרן — אונגאַרן?
— ווייל די וועלט זאָגט: אַז מען נעבעטיקט איין נאַכט אין אונגאַרן, איז מען פּערציק טעג אַ נאַר...

שלמה האָט אָן אויסגעמוטשעטן שמייכל געטון. ישראל־יאָסל האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט און אַרויסגעפּאַליעט אין איין אָטעם:

— יאָ, פון וואָס זשע האָבן מיר גערעדט? אַ—האַ! איז אָט דער בנימין בערעלעס אַ ייד אַ תכשיט. אין אַן אַנדער שטאָט וואָלט ער זיכער געווען אַ גוטער ייד, נאָר אין אונדזער פּינצטערן לאָך איז ער נעבעך אַ פּשוטער שמש... אַ טאַטן האָט ער געהאַט אַן אמתן ל"וניק... און אַ שווער, פוי־פוי־פוי — נאָך גרעסער פון אַ ל"וניק...

שלמה דערפילט ווידער, אַז עס באַשלאָגט אים אַ קאַלטער שווייס, דאָ ווערט ער באַלד געוווירט וועגן זייער יחוס ביז גלות בבל. ער נעמט זיך אָן מיט מוט און פאַרט אים אַריין אין מיטן די רייד:

— און וואָס פאַר אַ מין דירה איז ביי זיי?
ישראל־יוסף ענטפערט אָנגעבלאָזן:
— אַבי עס שטייט געשריבן: טוב תורה עם דרך־ארץ... לערנען קענסטו אפשר, אָבער דרך־ארץ — אַ לעק נישט. אַ מענטש רעדט דאָך דאַכט זיך, וואַרט מען אוים אַ ביסל... מילא, זאָל שוין מיינס איבערגיין. וואָס האָסטו געפרעגט, וואָס?

— איך פרעג, וויפל מענטשן זענען זיי? וואָס פאַר אַ מין דירה איז ביי זיי?

— די דירה איז אַ וואָזשנע דירה, אַ גרויסער זאַל און אַ שלאָפצימער. חוץ אַ קיך מיט אַ הייזל מיט אַלע איבעריקע שעלעמויזן... און מענטשן? ווער זענען ביי זיי די מענטשן, מ'שטיינס געזאָגט? ער, און זיין פראַדל, מער קיינער נישט. קיין קינדער האָבן זיך ביי זיי, נישט פאַר

אונדז געדאַכט, נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט, נישט געהאַלטן. עס הייסט פריער האָבן זיי זיך יאָ געהאַלטן, נאָר שפּעטער האָבן זיי זיך אויפ־געהערט צו האַלטן... אַזוי ווי איך דערצייל דיר: איינס נאָכן אַנדערן... איינס נאָכן אַנדערן...

ישראל־יוסף ווייזט אים מיט די הענט ווי אַזוי זיי זענען נעבעך גע־פאַלן איינס נאָכן אַנדערן. עס זענען פאַריבער עטלעכע מינוט און נאָך עט־לעכע, דער שוחט האָט אַלץ גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער און דער עיקר — בלי הפסק, אַז שלמה זאָל חלילה נישט אַריינשטעלן אַ וואָרט. שלמה ווידער, פּילנדיק, אַז עס פעלט אים אַ מינוט צו חלשות, האָט זיך מיט אַן אַנגסטלעך שמייכעלע געהוידעט אויפן טרעפּל פונעם סטענדער. ישראל־יאָסלען האָט אַזאַ קלות־ראש פאַראַרט, ער האָט אין דעם דער־שפּירט אַ פּחיתות־הכבוד פאַר זיך און פאַר זיינע רייד. ער האָט שלמהן אַ דריי געטון פאַר דעם אויער און אים גוטברודעריש פירגעהאַלטן:

— זע נאָר, איך רעד, מיינע שונאים, צעזעצטערהייט און דו מאַכסט גאָר „הודו־הודו"... שעם זיך, היתכן? ביסט דאָך שוין באַלד געראָטן אין יענעם טאָמאַשפּאָליער חסיד־שוטה. מען דערציילט פון איינעם, וואָס איז געוועזן באַוווסט אויף דער מדינה פאַר אַ שוטה, אַז —

שלמה אָבער שלאָגט אים ווידער איבער:

— איז ווו זשע קען איך ביי זיי וווינען, ביי די „בערעלעס"?

ערשט דאָ „שיסט" אוים ביי ישראל־יאָסלען דער כעס פאַר די „אי־בערשלאָגענישן" און ער גייט אַרוים פון די „כּלים":

— וואָס ציטערסטו אַזוי פאַר דיין פּעלעכל, וואָס? וועסט אין דרויסן נישט שלאָפן, האָב קיין מורא נישט... זיי וועלן איבערגיין אין זאָל אַריין, און דיר וועלן זיי אָפּטרעטן דאָס שלאָפצימער, וועט שוין זיין גוט? און אַ בריה איז פראַדל, אַ באַרימטע אויף גאַנץ אַלשאַנע. קענסט פרעגן ביי וועמען דו ווילסט...

— איך דאַרף נישט פרעגן ביי קיינעם, איך בין שוין מסכּים אויפן שידוך. איצט זייט זיך נאָך מטריח און גיט אַ פרעג ביי כלהס צד אויך... שכירות וועל איך זיי געבן ביד רחבה, עס שפּילט ביי מיר נישט קיין ראָל...

— האָסט נישט געטראָפן דאָס פלאַץ. בנימין בערעלעס וועט ביי אַ יונגמאַן אַ בר־אורין און אַ בר־אבהן, קיין דירה־געלט נישט נעמען.

— פאַר וואָס? אַזאַ נגיד איז ער?

— אַלע שונאי־ישראל זאָלן איבערגיין אויף זיין עשירות. ווי קען ער זיין אַ נגיד, אַז ער דינט ערלעך —

— וואָס זשע איז דער משל? אויב ער דינט ערלעך, דעריבער קען ער נישט זיין קיין —

— פאַר וואָס? פאַר וואָס? האָסט נישט געהערט דאָס ווערטל? אין „יקום פּרקן" זאָגן מיר: „וכל מי שעוסקים בצרכי צבור באמונה, הקדוש ברוך הוא, ישלם שכרם, ויסיר מהם כל מחלה, וירפא לכל גופם"... פרעגט די וועלט אַ קשיא: צו וואָס דאַרף זיי דער אייבערשטער קודם געבן אַ

„מחלה" און דערנאָך אַ רפואה, אַ מער זאָל ער זיי נישט געבן קיין מחלה, ווען זיי זיך קענען באַגיין אָן זיין רפואה, נאָר דער תירוץ איז: דער וואָס איז אָן „עוסק בצרכי צבור באמונה", וואַרט נישט אויף דעם אייבערשטנס מחלה, ער האָט אַליין אַ גוטע קרענק...

— איז ווי באַלד אָן שכירות, וועלן זיי מן הסתם אין גאַנצן נישט וועלן. צו וואָס טויג זיי דער גאַנצער קלאָפּאָט?

— און איך זאָג דיר, אַז זיי וועלן יאָ וועלן; דו לערן מיך נישט, איך בין שוין אָן אויסגעלערנטער. איך, אַז איך זאָג אַ וואָרט —

— דאָך וואָלט מען ביי זיי געדאַרפט אַ פרעג טון.

— אַז איך פאַרשפּאָר גאָר פרעגן, זיי וועלן זיכער וועלן, זיי ווערן פאַרנודיעט גאַנצע טעג, האָבן זיך נישט וווהין אַהינצוטון, וועט זיי אַליין אויך זיין היימלעכער...

— קומט אויס לויט אייערע רייד, אַז איך מעג גלייך קומען צו גיין צו זיי מיט מיינע זאַכן?

ישראל־יאָסל שענקט שלמהן אַ וויסטן קוק פאַר זיין קשיא. שלמה איז אָבער ווייט פון איראָניע, ער האָט אַזאַ אומשולדיק פּנים, אַז ישראל־יאָסלען גייט גלייך אָפּ פונעם הארצן.

— ניין... מען דאַרף יאָ פריער אַ פרעג טון...

און מיט אַ נויט־שמייכעלע:

— נו־נו, אַ בחורל זאָל דיר גאָר אַרויסווייזן סימני־נערות... *

— טאָ זייט אַזוי גוט... המתחיל במצוה —

ישראל־יאָסל גייט אַוועק אַ פרעג טון און שלמה שפּאַרט זיך אָן אין אַ סטענדער. אַ מידער מאַכט ער צו די אויגן און טראַכט:

— אַ שוטה איז געווען אומאַנסקי. אַ בעלן זיך גיין שלעפּן מיט אַ טאָפּלטער לייטער אויף אַזוי פיל טרעפּ און ריזיקירן מיט אַ לאָמפּ... און צו וואָס? דאַכט זיך אַזאַ יידעלע ווי אָט דער ישראל־יוסף קען נאָך גיכער פון זיבעצן לאָמפּן אַרויסרופן נויט־שוויים און קאַרעטעס פאַר די אויגן... אוף! דער קאָפּ גייט ביי אים כאָדאָראָם פון אָט דעם ידידות־שמועסעלע...

ישראל־יוסף האָט אים גלייך געגעבן אַ שטעל אויף אויף ביידע פיס. שלמה האָט דערשראָקן געעפנט די אויגן און דערזען אַ טריאומפירנדיק פּנים:

— ס'איז רעכט... ער וויל... נאָר קיין געצאָלטס — נישט... מאַן דכר שמיה! **

— ניין, דאָס טויג נישט. פאַרן צימערל מיטן אָפּקאָכן אַ מיטאָג דאַרפן זיי ביי מיר נעמען צום ווינציקסטן הונדערט רובל אַ חודש...

— איי, ביסטו אַ לעקיש! איי, ביסטו אַ קיילעכדיקער נאַר, וואָס זאָג

---

* דאָ געמיינט אין אַ וויץ: סימנים, אַז ער איז אַ נאַר.

** געמיינט: „זאָלסט אפילו נישט דערמאָנען!"

איך? אַן אָפּגעריסענער נאַר!... איך זאָג דיר: עס קומט דיר „שלום", ווייל דו רעדסט פונעם וועג... וואָס ניינסטו מיר, וואָס? און שכל פּאַר אַ פּיצל קינד האָסטו יאָ? קיין געלט וועלן זיי טאַקע נישט נעמען, און בשום אופן נישט, ווייל זיי זענען נישט אַזעלכע, אָבער אַז דו וועסט זיך אַראָפּ־כאַפּן אַהיים און וועסט זיי וועלן ברענגען אַ מתנהלע: אַ קאָפּטל דאָרט, צי אַ פּאָרל וועש, צי אַ שאַלעכל אַ וואַרעמס, צי ווייס איך וואָס, וועט עס דורכגיין!... מען דאַרף דיר אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל, צי וואָס?

— און אויב זיי וועלן דאַמאָלסט אויך נישט וועלן?

— צעדרייטער! וילון אינו משמש כלום... נאָ דיר גאָר נישט וועלן...

— זענט איר גערעכט! ווו תורה, דאָרט איז חכמה. איך גיב מיך אונטער. דאַרף איך, הייסט עס, נאָר צוגיין אַ קוק טון, ווו דאָס איז און ווי עס זעט אויס?

— קום, איך גיי אויך. עס איז טאַקע מיטן וועג, נישט ווייט פון מיר. איך וועל זיין אַן אָפּטער גאַסט ביי דיר...

דאָס בחורל האָט פאַרקרומט די נאָז ווי פון אַ שטאַרקן שמעק טאַבאַק, נאָר ער האָט גאָרנישט געענטפערט.

אַלצדינג איז שלמהן געפעלן געוואָרן אויפן העכסטן אופן. אי דאָס „וועלדל" אין עק געסל, לינקס הינטערן פענצטער, אי דאָס ברייטע בעט, אי דער גרויסער זאַל, אי די צניעותדיקע פראַדל. ער פרעגט ביי איר:

— איז ווען זשע קען איך אַריבערגיין צו אייך?

— אפילו שוין, וואָס פרעגט איר אַזעלכע זאַכן?

— ווי באַלד אַזוי, קום איך טאַקע גלייך מיט די זאַכן.

— נו, נו, זאָל זיין אין אַ גוטער שעה. דינסטיק איז טאַקע אַ גרינגער טאָג אויך.

קאפיטל XII

ווען שלמה איז אין דעם זעלבן פרימאָרגן אָנגעקומען צו די ראַדיעצקיס און האָט געטראָפן גלייך צום איבערבייסן, זענען שוין די אויסגעגעבענע קינדער נישט געווען. חיים, דער מאַן פונעם קליינעם ווייבעלע, מיט גאָדלען זענען געשטאַנען אין קלייט. מען האָט דערלאַנגט צום טיש קאַרטאָפל אין די מונדירן מיט הערינג. דאָס צווייטע געריכט איז געווען: טיי מיט מילך. ווערמען זיסע און ווערמען מיט גלעזערנע צוקערקעס.* א פנים, אַז קיין גרויסע גליקן פונעם קלייטל האָט מען נישט — האָט שלמה א קלער געטון — נישט אומזיסט האָט זיך נעכטן אהרל אַזוי אָנגעכאַפּט אין דער פערמע.

נאָכן בענטשן האָט שלמה גענומען זיין טשעמאָדאַן מיטן פּאָרטפעל און זיי צוגעגרייט ביי דער טיר. ר' נחמן האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט:

— וווהין קלייבסטו זיך עס?

— וואָס הייסט וווהין? — לאָוהליך ישראל! איך קלייב זיך אין מיין ווינונג.

— דו האָסט שוין ערגעץ א ווינונג?

— אודאי, ווי דען?

— שוין פון לאַנג?

— ערשט היינט געדונגען.

— כ'פאַרשטיי נישט, דאָ איז דיר ענג?

— חלילה וחס, ענג גאָר? נאָר פשוט, עס איז ביי אייך קיין עין־הרע דאָ א מנין אויך אָן מיר. איך שטער אייך, און אַלס דאַטשניק וועל איך אויך דאָ נישט האָבן דעם נויטיקן אָפּרו.

— נו, דערויף קען איך דיר שוין גאָרנישט זאָגן. ווי אַזוי דיר געפעלט בעסער, אַזוי טו. אָבער די זאַכן גיב איך דיר אַרויס נאָר בתנאי, אַז דו זאָלסט אַלע פאַרנאַכט קומען צו אונדז אויף טיי. מיר האָבן נאָך גאָרנישט געשמועסט אין לערנען און בכלל —

— איך פאַרשפּאָרט מיט מיר אויסנעמען תנאים; וווהין דען וועל איך קומען, אַז נישט צו אייך? חוץ דער צייט פון שפּאַצירן אָדער לייענען, צי טאָמער וועט זיך מיר גלוסטן א ביסל בלייבן מיט זיך אַליין — האָב איך נישט ווו צו זיין א חוץ ווי ביי אייך.

— איז לאָמיר כאָטש וויסן, אויף ווערמען בייטסטו אונדז איבער?

— אויך אויף א כלי־קודש, איך גיי איבער צו בנימין בערעלעס.

— אַזוי גאָר? זייער א גלייכע זאַך. בעסער קען גאָר נישט זיין. א שטילע שטוב, זי איז זייער א לייטישע און א פרומע, און ער אַליין איז אויך א גאַנץ שטילער ייד.

— נו, גיי איך הייסט עס, א דאַנק פאַר אַלץ. טאָמער וועט עמעצער פון אייך זיין אין קיעוו, וועל איך אים אָפּדינען.

---

* דער סאַמע ביליקסטער סאָרט קאָנפעקטן.

— וואָס זענען דאָס פאַר אַ דיבורים? עס זעט אויס, ווי דו וואָלסט זיך געזעגנט? גיי, אַרדן זיך איין און קום צו גיין צוריק. געזעגנט זיך גאָר, אַפּדינען גאָר וועט ער...

— ניין, וואָס הייסט קום צו גיין? גוט איז אייך, אַז איר זענט אַ פרייער מענטש, אָבער איך, פאַרגעסט נישט, בין דאָך עפּעס אַ דאַטשניק, איך דאַרף זיך אַליין אויסשטעלן אַ רעזשים, אַליין זיך צוטראַכטן אַ מעניו, אויסזוכן ערגעץ דעם פּאַרק מיטן וואַלד. אלא נישט, וואָס פאַר אַ דאַטש־ניק בין איך?

— דאָס דאַרפסטו ווייט נישט זוכן, אַלשאַנע איז נישט קיעוו. וויל יאָ, וויל נישט, אַלע וועגן פירן דאָ צום פּאַרק. איז וואָס זשע האָבן מיר אָפּגערעדט? קומסטו פאַר נאַכט צו טיי?

שלמה נעמט זיין באַגאַזש:

— בלי נדר, וואָס פרעגט איר? איך וועל אייך נאָך נמאס ווערן...

— נו, נו, דערוויילן האַלט עס נאָך נישט דערביי. הערשל, אהרל, וואָס שטייט איר ווי די באָקעס? זייט משמש אַ תלמיד חכם און טראָגט —

— אים אַליין אויך?

— נישקשה, אים אויך. נאָר מילא, ער איז נאָך אַ יונגערמאַן, ער וועט זיך נאָך אַליין פאַרטראָגן.

שלמה האָט אַריינגעטראָגן די וואַליזע מיט די איבעריקע חפצים אין זיין צימער, אַרויסגענומען אַ האַנטעך און איז אַוועק זיך אָפּוואַשן. אומ־געקערט זיך פון דער קיך, האָט ער מיט הנאה אָנגעצויגן זיינע אייגענע ציכן אויף די קישנס, אַרויסגעלייגט די מיטגענומענע ביכער אויפן טיש, צע־עפנט דאָס פענצטער און באַשלאָסן אַ ביסל קוקן „ווי פייגעלעך פליען", אלא נישט, — וואָס פאַר אַ קוראָרטניק איז ער?

*

דאָס פענצטער פון זיין צימער איז געווען אין גאַנצן אַ מעטער, אַנ־דערטהאַלבן די הייך פון דער ערד און איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ שמאָל, באַגראָזט געסעלע. די אָפּגעקאַלופּעטע פעדערשטע וואַנט פון דעם קעגנ־איבערדיקן הייזל איז געווען געפּלאַצט אין עטלעכע ערטער און איז בראשה ורובה געהאַנגען אויף עטלעכע סטויפּעס אַזוי ווי אַ בריק להבדיל, ווען דאָס וואַסער „קומט צו". צווישן די מאַסיווע סטויפּעס איז געווען אַריינ־געפּראַוועט אַ באַנק אויף וועלכער ס'איז געזעסן אַ מאָדנע פּרוי.

אפילו זיצנדיקערהייט האָט מען גלייך באַמערקט, אַז דאָס איז אַ יידענע אַ ריז, אַזאַ וואָס שפּאַרט אונטער די סטעליע. יעדע קני באַזונדער האָט אויסגעזען ווי אַ „יוצא דופן" פון דעם מיטלסדיקן סטויף, לעבן וועלכן זי איז געזעסן. פּרוון טרעפן די יאָרן אירע איז געווען אַ גרויסע ריזיקע. דאָס איז געווען געווענדט פון וועלכער זייט מען האָט אויף איר געקוקט. אין פּראָפיל, מיט אירע קליינע אויערלעך און היפּשן קובלעך שיינע בלאָנדע האָר אונטערן רויטן דרייעקיקן טיכל, האָט מען איר געקענט „געבן" פון

פינף און צוואַנציק ביז דרייסיק יאָר. באַטראַכטנדיק זי אָבער פון אַנפאַס, מיט דעם טיף געקנייטשטן שטערן, מיט די פאַרוועלקטע פאַרמעט־באַקן, מיט דער שופר־נאָז און מיט דעם קאַסאָקע אויג, — האָט זי געקענט אָנציען העכער פופציק. אויך דער אָפּגענוצטער, געלאַטעטער קאַפּאָט האָט פון איר אַראָפּגעשינדן די לעצטע שפּורן פון אַ יונג ווייבל.

קוקנדיק אויף דער דאַזיקער פרוי, האָט זיך שלמהן דערמאָנט דער מאמר חז״ל: „בנות ישראל נאות הן, אלא שעניותן מנולתן״ *

די פרי־געעלטערטע שכנטע האָט געהאַלטן אויף די הענט אַ בלייך, טאַמעוואַטע מיידעלע, וואָס האָט געדאַרפט אַלט זיין נישט מער פון אַ יאָר, און האָט עס געהאַלטן אין איין מינטערן, אַז עס זאָל זיך מיט איר שפּילן:

— „אַ קו־קו, בובעלע, אַ קו־קו״... דאָס מיידעלע נעבעך האָט זייער נישט געמוזט דרייען דאָס קעפּעלע אין אַלע זייטן, ווו די מוטער האָט מיט די ביינערדיקע פינגער זיך פאַרשטעלט די אויגן. די מוטער האָט אָבער אומבאַדינגט געוואָלט משמח זיין איר „בובעלע״. זעענדיק, אַז די שפּיל אין „קו־קו״ האָט זיך דעם קינד שוין צוגעגעסן, האָט זי געוואָרפן אַן אויג אויף דעם פנים־חדשות, וואָס האָט זיך באַוויזן ביים שמשס פענצטער:

— אַ קו־קו, בובעלע!... ווילסט נישט? מיט דער מאַמעלען זיך שפּילן וויל נישט דאָס קינד? נו און צו יענעם פעטער ווען־סטו גיין? יאָ? זאָג, פייגעלע מיינס: אַ גוטער פעטער, אַ ווילער פעטער, אַ שיינער פעטער... קום, קום צום פעטער, ער וועט דיר געבן אַ „קעקע״... אַ קעקעלע וועט דיר דער פעטער געבן, בו־בע־לע...

די לאַנגגאַרנדיקע יידענע מיטן אויסגעמוטשעטן פנים טראָגט אונטער שלמהן איר נחתל, ווינקט אים גאַנץ היימיש צו מיטן קאַסאָקע אייגל און שעפּטשעט, אַז דאָס קינד זאָל חלילה נישט דערהערן:

— פּרוווט זי, פּרוווט זי אומיסטן נעמען, לאָמיר אָקאָרשט זען, זי וועט גיין צו אייך, צי ניין?

שלמה שטייט אַ פאַרלוירענער, ווייסט נישט וואָס צו טון.

— פּרוווט אומיסטן... איר קוקט נישט, וואָס זי איז איצט אַ ביסל פאַרשלאָפן... דאָס איז דאָך אַזאַ חכמה, — מיר זאָל זיין פאַר אירע ביינ־דעלעך, — אַז צו יעדן איינעם גייט זי... אַן אמתדיקע ציגיינערין, מיינע ביינער זאָל זי איבערלעבן, רבונו של עולם...

זי טיטשעט אים דאָס קינד גלייך אין פנים אַריין:

— פּרוווט... פּרוווט אויף אַ ציקאַווּעסט, וואָס אַרט אייך?...

שלמה האָט מיט אַ טרויעריקן בליק באַטראַכט זיינע שפּאָגל־נייע הויזן, ווי אַ קאַפּיטאַן באַטראַכט צום לעצטן מאָל זיין שיף, איידער זי גייט אונטער. די יידענע האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס אים קווערשט, און האָט אים באַרואיקט:

— האָט קיין מינדסטע יסורים נישט, דאָס קינד האָט זיך ערשט

---

* „יידישע טעכטער זענען בכלל שיינע, נאָר זייער אָרעמקייט מאַכט זיי מיאוס״.

נישט לאַנג אויסגעפּאַרטיקט, אַז ס'איז געווען שיין צו קוקן... איר זאָלט
געווען זען אַ מעגעלע — ס'זאָל מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן... ס'איז
אַ שטיק גאָלד, נישט קיין קינד...

נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט שלמה איבערגענומען פון
אירע הענט דעם „שטיק גאָלד", אים אַוועקגעזעצט אויף דער קני און מיט
אַ פלאַטערנדיק האַרץ געוואַרט: וואָס וועט ווייטער זיין? די האַלב־שלאָפנ־
דיקע, האַלב־פאַרחידושטע „בובעלע" האָט מיט די פינגערלעך באַטאַפּט
דאָס אומבאַקאַנטע פּידזשאַקל, אַ גלעט געטון אַ ביינערן קנעפּל און שוין
געוואָלט דערלאַנגען אין מיילעכל און פאַרזוכן, ווי אַזוי ס'איז אויפן טעם,
נאָר ווי דערשמעקט, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט, האָט זי אויפגעהויבן די
טרערנדיקע אייגעלעך אויפן פעטער. שלמה, אַנטרעפנדיק אויף דעם פאַר־
גליווערטן „קוקעלע", האָט איר שמייכלענדיק אַ דראָ געטון מיטן פינ־
גער ביי דער נאָז. דאָס קנעפּל האָט זיך מאָמענטאַל אַרויסגעגליטשט ביים
קינד פון די שלאַבעריקע פינגערלעך און עס האָט פּלוצלינג אויסגעשאָסן
מיט אַ יאָמערלעכן געוויין. שלמה האָט זיך געכאַפּט פאַרגלעטן די עוולה,
טאָמער האָט ער איר מיט עפּעס פּוגע בכבוד געווען, ער האָט אָבער מיט
זיין פאַרריכטן געמאַכט נאָך ערגער. דאָס קינד איז זיך פאַרגאַנגען אין גע־
וויין און געוואָרן ברוין און בלאָ. די מוטער האָט עס אַ צערייצטע געגעבן
אַ ריס אַרויס פון זיינע הענט און מיט אַ געפּילדער אַוועקגעטראָגן צו זיך
אַהיים. שלמה איז געשטאַנען ביים פענצטער און האָט זיך צוגעהערט, ווי די
יידענע שרייט העכער פונעם קינד:

— שאַ, בובעלע, שאַ, קרוינדעלע, מיר'ן אים אָנפּאַטשן, דעם פע־
טער... אוי, וועלן מיר אים פּאַטשן... זאָג, האַרצעניו — זאָג, נשמהניו: אַ
שלעכטער פעטער, אַ בייזער פעטער, אַ מיאוסער פעטער...

שלמה איז געווען אויף זיך אַליין להרוג ולאבד, פאַר וואָס ער איז
אַזאַ שלימזלדיקע ניאַנקע. דאַכט זיך צעברוגזט די שכנטע, — האָט ער
אַ טראַכט געטון. ווען די קולות פון דער קעגנאיבערדיקער שטוב זענען
פאַרשטילט געוואָרן, האָט ער פעסט צוגעמאַכט דאָס פענצטער, האָבנדיק
בשעת־מעשה בדעה, עס מער נישט צו עפענען, וויפל צייט ער זאָל דאָ
נישט דאַרפן זיין.

און דאָך, שוין אויף מאָרגן האָט שלמה געבראָכן זיין באַשלוס. ס'איז
געווען אַ בייטאָגיקע שעה, אין שטוב איז געווען אומדערטרעגלעך דושנע,
ס'האָט זיך פאָרט געוואָלט אַן אָטעם טון מיט פרישער לופט. אלא נישט,
צו וואָס האָט אים געטויגט דאָס עוקר זיין פון קיעוו? פאַרזיכטיק, אַז די
שכנטע זאָל חלילה נישט דערהערן, האָט ער אויפגעמאַכט פריער דעם
לאָדן, דערנאָך דאָס פענצטער און האָט דערזען גלייך אַקעגן אים זיצן
זיין באַקאַנטע קאָסאָקע יידענע, איינגעהילט אין דעם זעלבן געלאַטעטן
קאַפּאָט. שלמה האָט שוין געוואָלט אויף גיך צוריק פאַרמאַכן דאָס פענצ־
טער, ווען ער האָט מיט אַ מאָל תופס געווען, אַז די סכנה איז נישט אַזוי
גרויס, ווי ער האָט געמיינט. די יידענע האָט אים איצט נישט אין זינען.

דער גאַנצער אינצידענט פון נעכטן ליגט איר נישט אפילו אין דער לינקער פּיאַטע. הארט לעבן איר איז געזעסן אַן עלטער ווייבל מיט אַ קינדעריש לייבעלע אויף די קני און מיט אַ גאַנצן אַרסענאַל שפּיזלעך: שפּיזלעך אין די הענט; שפּיזלעך אין די האָר; שפּיזלעך הינטער די אויערן; שפּיזלעך אין פאַרטעך־קעשענע און אַ חוץ אויף דער ערד — אויך צעשאָטן שפּיז־לעך... די זון האָט זיך געשפּיגלט אין אָט די אַלע שפּיזלעך, די שפּיזלעך האָבן געשאָסן מיט פונקען און דאָס האָט איר צוגעגעבן דעם זיבעטן חן. דער שכנטעס שכנטע איז געווען אַ גרינבלעכע יידענע אין די מיטעלע יאָרן. אויפן קאָפּ איז ביי איר געזעסן אַ שוואַרץ, אויסגעקראָכן שייטל, פון אונ־טער וועלכן ס'האָט אַרויסגעקוקט אויף גאָטס וועלט אַ באַברילט פויגליש פּנימל מיט היפּשע באָרדאַוועס. ווען שלמה האָט געעפנט דאָס פענצטער, האָבן די שכנטעס געהאַלטן אין מיטן אַ שמועס. די „שפּיזלדיקע" יידענע האָט געטאַרקעט די צווייטע מיטן עלנבויגן:

— נחמה־סערדצע, הער זיך שוין אויף צוהערן, דאָס קינד שלאָפט, פאַר וואָס זאָל דאָס נישט שלאָפן? דערציייל שוין, אַן עק! דו, אַז דו הייבסט עפּעס אָן צו דערציילן, קען מען אויסגיין אונטער דיינע הענט... אויף מיין לעבסטאָג האָב איך נאָך אַזוינס נישט געזען!

— מנוחה־קרוין, דו מיינסט אַ פּנים, אַז די דאָזיקע מעשה האָב איך ערשט נעכטן געהערט... ס'איז שוין פאַוואָלינקע אַ קימאַ־לן פון אַוועלכע... פון אַוועלכע...

— כ'בעט דיך, לאָז מיך געמאַך מיט דיינע קימאַ־לנס... כ'בין נישט אַזוי ציקאַווע צו וויסן דעם יאָרצייט —

— שוויינ, שלאָג נישט איבער, אַז אַ מענטש רעדט... דאָס איז געווען... דאָס איז געווען... כ'מעג דאַכט זיך שווערן ביי אַ „רייניקייט", * אַז דאָס איז געווען אין אַ שבת פון... פון פרשה נקבה...

— אין אַ שבת פון פרשה — ווי אַזוי האָסטו געזאָגט?

— נו, פונעם ערשטן שבת נאָך פרשה „זכר"... **

— טפו, אויף גוישע קעפּ!... דו מיינסט צו זאָגן: פרשה „פרה"...

— זאָל זיין פרשה „פרה", וואָס איז דען דער חילוק, וואָס דו מאַכסט אַזאַ גוואַלד?... געדענק איך אַזוי ווי היינט, אַז ס'האָט גערעגנט, געציי־בערט, און די מומע קריינע־מינדל, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, האָט אַלץ דערציילט, דערציילט... אָבער ס'איז שוין טאַקע פאַוואָלינקע אַ קימאַ־לן פון... פון... פון...

— דערציייל שוין, כ'בעט דיך, נודיע נישט אויס די נשמה... וועסט אַן אַנדערשט מאָל באַרעכענען, וויפל ס'איז אין דער מעשה... נו, דו האַלטסט, ווי דער יידישער פּעסעסאָר, דער מיליאָנשטשיק —

---

* געמיינט: אַ ספר־תורה.

** ריכטיק איז „זכור". דאָס איז דער שבת, וואָס פאַר פורים, אין וועלכן מען לייענט „מפטיר": „זכור את אשר לך עמלק".

— אלץ הייסט א מיליאָנשטשיק!... א מיליאָנער אודאי פון א מאה אלפים...

— אוי—אוי—אוי...

— און א קענער — אויף מיין בובעלעס חתן געזאָגט געוואָרן כאָטש האלב, כאָטש א צענטל, רבש"ע... יענער האָט גערעדט אויף זעקס לשונות, ווייסטו שוין?

— אויף זעקס לשונות? מאַ—מע—ניו... אויף וועלכע זשע זעקס לשונות האָט ער גערעדט?

— וואָס זשע, דו גלייבסט מיר נישט? אז איך זאָג: זעקס, איז זעקס! שאַ! אָט האָט דער זייגער געגאָסן. זאָג איך שוין נישט קיין ליגן?

— אָבער אויף וועלכע?

— אויף וועלכע... אויף וועלכע... איך וויים אויף וועלכע? אויף יידיש — איז נישט איינס; אויף זשאַרגאָן — איז נישט צוויי; אויף רוסיש — איז נישט דריי; אויף גויאיש — איז נישט פיר; און מן הסתם אויף לשון־קודש —

— איז דאָך ערשט פינף...

דאָס קאָסאָקע אייגל האָט כיטרע א שמייכל געטון:

— און פונעם שלאָף, רעכנסטו נישט?

— מילא בקיצור, זאָגסט זעקס, זאָל זיין זעקס. נו, נו, וואָס זשע איז געוואָרן, אז מען האָט אים אָנגעזאָגט די וויסטע בשורה?

— פרעג שוין גאָר נישט...

— אָבער פאָרט, צי נישט אַרוים דאָס חיות...

— וואָס זאָל איך דיר לאַנג ברייען? ווי ער האָט נאָר דערהערט די בשורה־טובה, אזוי האָט ער גלייך באַקומען —

— א שלאַק האָט מיך געטראָפן! וואָס האָט ער באַקומען?

— ...שלשול...

— הערסט, שווייגט זי... איז דאָך דאַנקען גאָט... און איך האָב נישט אַנדערש געמיינט, נאָר דאָס פאַלעניש...

— טפו! טפו! טפו! נישט פאַר קיין שום יידישער שטוב גערעדט... אויף פוסטע וועלדער און אויף פוסטע פעלדער... א מענטש האָט א מויל און רעדט...

— וואָס בין איך שולדיק? אז דו האָסט געזאָגט: „באַקומען", האָב איך געמיינט —

— מנוחהניו, ווער הייסט דיר מיינען? קעגן נאַכט, זאָגט מען, אז מען מיינט —

שלמה האָט שטילערהייט צוגעמאַכט דאָס פענצטער. דער ווייבערשער שמועס איז געוואָרן צו אינטים...

קאַפּיטל XIII

עס זענען פאַריבער עטלעכע טעג.

שלמה האָט שוין געקענט יעדעס שטעגעלע אין דער קעניגיניעס פּאַרק, נישט ערגער פון אַ געבוירענעם אַלשאַנער.

דער פּאַרק איז באמת געווען אַ וווּנדערלעכער עקזעמפּלאַר פון דער מענטשלעכער קונסט. עטוואָס ענלעכס האָט מען נאָר געקענט זען אין דער אומאַנער סאָפיעווקע. וועגן דעם פּאַרק זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס און לעגענדעס. איינע פון זיי האָט דערציילט, אַז ווען ניקאָלאַי דער ערשטער איז אַ מאָל געפאָרן אויף מאַנעוורעס, איז אים דאָ שטאַרק געפעלן געוואָרן די אַרומיקע לאַנדשאַפט. אַלשאַנאַ איז נאָך דאַן כּלל קיין שטאָט נישט געוועזן, נאָר אַ קליין דערפעלע, אַ כוטאָר. דאַן האָט ער אויסגעשריבן פון פּאַריז און פון לאָנדאָן די גרעסטע קינסטלער אויף דעם געביט פון אויסצירן די נאַטור, אָנטון זי אין בגדי־מלכות און זיי האָבן דאָ אַכט יאָר אוועקגעלייגט זייערע כוחות. מאַרבע פּינות העולם האָבן זיך געצויגן שערענגעס וועגענער מיט כּל־טוב. מען האָט צונויפגעפירט פאַרשידענעביימער פון אַלע טראָפּישע לענדער, די שענסטע מאַרמאָרשטיינער, אַ מאַסע רויט האָלץ, אַ שלל בראָנדזע, ניקעל און קרישטאָל. ווען אָט דער ווונדערשיינער פּאַרק מיט די גלעזערנע פּאַלאַצן, מיט די הענגענדיקע געגילדעטע בריקן איז שוין געווען פאַרטיק, איז זיין מאַיעסטעט דער אימפּעראַטאָר מיט אַ גאַנצער סוויטע הויכגעשטעלטע לייט אָנגעקומען פון פּעטערבורג. פינף טעג און פינף נעכט האָט מען געהוליעט משוגענערווייז און מען האָט גאָר נישט געקלערט אויפצוהערן, נאָר אין דער לעצטער נאַכט האָט זיך דעם קיסר געחלומט עפּעס אַ שלעכטער חלום. ער איז געווען אַ געטרייער צלמניק, זייער אַבערגלויבעריש, געגלייבט אין אַלערליי סימנים און חלומות, האָט ער נישט לאַנג געקלערט, פאַרנומען מיט זיך זיין גאַנצן „הויף" און איז אוועקגעפאָרן צוריק אין זיין רעזידענץ. מער האָט ער זיך שוין אַהער נישט אומגעקערט. אין עטלעכע יאָר אַרום, עפּעס אויף אַ פירשטס אָן אימענינעס, האָט ער אוועקגעשענקט איינער אַ קעניגיניע בעריעזאָווסקאַיאַ דעם גאַנצן געגנט מיט די מאַיאָנטקעס צוזאַמען מיטן פּאַרק און מיט הכּל בכּל מכּל כּל. די הויכגעבוירענע קעניגיניע האָט איין און איינציק מאָל באַזוכט דעם פּאַרק מיטן פּאַלאַץ, באַוווּנדערט דעם פּראַכט פון יעדער קלייניקייט באַזונדער, אָפּגעווינט קאַרגע צוויי וואָכן און פאַר איינענע מענטשן פאַרטרויט איר סוד:

— אַ שאָד וואָס אַזאַ רייכטום שטייט אַזוי ווייט פון סאַנקט־פּעטערבורג.

עס האָט זי אַזוי שטאַרק געצויגן אַהין צו דער קעניגלעכער סביבה, צו די קעניגלעכע לאָזשעס, אַז זי האָט מוותר געווען אויף דעם קיסרס מתנה און האָט צוגעלאָזט די פּאַלאַצן מיט דעם פּאַרק, זיך מער אַהין נישט

אומגעקערט. א פּאַרוואַלטער האָט זי דווקא יאָ צוגעשיקט, עפּעס אַ יונגן שליאַכטשיץ, די וועלט האָט גערעדט, אַז ער איז אירער אַ ליובאָווניק, נאָר מיט דער צייט איז ער אויך נעלם געוואָרן, און דער פּראַכטפולער פּאַרק איז געוואָרן אַ פאָלקס־אייגנטום. פון די פּאַלאַצן איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן. פון יענע אַלע בריקן איז געבליבן נאָר איין בריק. אי דאָס איז דאָס אייזן געווען מיט זשאַווער אויף אַ פינגער די גרעב. נאָר אָן אָט די אַלע זאַכן איז דער פּאַרק נאָך אויך געווען גענוג שיין.

צו ערשט, ווי מען איז נאָר אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָט, איז מען אָפּגעגאַנגען אַ צוויי הונדערט מעטער מיט אַן אַלייע פון אַלטע צעצווייגטע ווײַנשלבײמער און פלוימענבײמער. דאַן איז מען אָנגעקומען אין אַ נוסנ־ווערדל. דאָ האָט אַ גאַנץ זומער געשמעקט מיט פּאַפּיראָווע עפּל.* מיטן ווערדל איז מען געגאַנגען אַ מינוט צען, פופצן, ביז מען איז געקומען צו אַ גראַנדיעזן קינסטלעריש־אויפגעשטעלטן טויער פון געהאַקטע שטיינער. דער טויער איז געווען פון אַ זעלטענער, אור־אַלטער ביזאַנטישער אַרכי־טעקטור. אורטײלנדיק לויט די שפּורן, האָבן די דאָזיקע שטיינער אַ מאָל געמוזט זיין רויט, אָבער היינט זענען זיי שטאַרק פאַרגרינט געוואָרן פון דער צייט. אין אייניקע ערטער זענען געווען אָפּגעקלאַפּט גאַנצע שטיקער. אומיסטן, אָדער אויך פון דער צייט — ווער קען דאָס וויסן?...

און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער רעכטער פּאַרק —

צום אַלעם ערשטן איז מען אָנגעקומען אין דעם „דעמבענעם" גאָרטן. אַזוי האָט מען אים גערופן דערפאַר, ווייל די צענטראַלע אַלייע איז געווען געדיכט באַזעצט מיט אור־אַלטע, פיל־הונדערט־יעריקע דעמבענע ביימער. דער גאַנצער גאָרטן איז געווען באַפּלאַנצט מיט אַלערליי פרוכטן־ביימער און סתם שיינע ביימער. ביי די זייטן פון די זאַמדיקע שטעגן זענען געווען צעשטעלט באַקוועמע פּלאַכע בענק. אויף יעדן טריט און שריט איז געווען צו באַמערקן לעבעדיקע קוואַלן, וואָס האָבן געזעצט דורך מעשענע מיילער פון פאַרשידענע חיות און עופות. דער דעמבענער גאָרטן איז געווען אַרומ־גערינגלט מיט אַ טייך פון אַוועלכע הונדערט פופציק מעטער די ברייט, וועלכער איז געווען אין גאַנצן אָנגעטון אין קאָלירטן גראַניט. ווען די דעמבענע אַלייע האָט זיך געענדיקט, איז מען ערשט אָנגעקומען צו אַ קאָר־קאָווע פּאַראָמטשיקל, די גרייס ווי אַ קינדעריש שפּילעכל. אַז מען איז אַרויפגעגאַנגען דערויף און מען האָט אָנגעהויבן דרייען דאָס רעדל, האָט זיך דאָס פּאַראָמטשיקל שטיל ווי אַ חלום צוגעשיפט צו יענעם ברעג און מען איז אַריינגעגאַנגען אין דעם „בעריאָזאָווע" גאָרטן. אָט דעם נאָמען האָט דער דאָזיקער גאָרטן אויך געטראָגן איבער דער צענטראַלער אַלייע, וואָס איז געווען ווייס ווי מילך — פון בעריאָזעס. פּונקט געוואָרן אויך מיטן צווייטן גאָרטן, האָט מען זיך ווידער איבערגעשיפט אויף אַן ענלעך פּאַראָמטשיקל און מען איז אָנגעקומען אין דעם פּאַלמען־גאָרטן. דאָס איז

* אַזאַ איז דער ספּעציפישער ריח פון נוסנבלעטער.

געווען אַ פּראַכטפֿולע אַלייע, אַזעלכע איז שווער צו טרעפֿן אפֿילו אין סור־כום. דערפֿאַר טאַקע פֿלעגט דער באַזוכער זיך נישט קענען אָפּרייסן פֿונעם דריטן גאָרטן, וועלכער פֿלעגט אים אויף פֿליגלען אַריבערטראָגן אין די ווייטע, ליבע דרום־מזרחדיקע קאַנטן פֿונעם לאַנד. אין דעם דאָזיקן גאָרטן איז אויך געפֿלאָסן אַ טייך פֿון דער זעלבער ברייט, נאָר איבער אים האָט שוין געפֿירט אַ שוואַרצע אײַזערנע בריק. די בריק איז געהאַנגען איבערן וואַסער ווי אַ לייטער און, אַראָפּגייענדיק פֿון איר אויף דער ערד, איז נאָך אַלץ געגאַנגען דאָס שטעגל אַרויף־אַרויף, ביז מען איז אָנגעקומען אויף אַ קליין אינדזל פֿון אַ דריי הונדערט קוואַדראַטנע מעטער, וועלכעס איז אַ חוץ געווען אַרומגערינגלט מיט אַ טייך.

דאָס דאָזיקע באַליבטע ערטעלע האָט מען גערופֿן די „אַנטאַלקע". אויך אָט דער נאָמען האָט אין דער פֿאָלקס־מסורה פֿון דעם קליינעם שטעטל געהאַט זײַן לעגענדאַרע „היסטאָריע". דער קיסר האָט געהאַט אַ געליבטע, איינע פֿון דער קייסערינעס לייבמיידלעך, גערופֿן האָט מען זי נאַטאַליאַ. זי איז אים געווען אַזוי אײַנגעבאַקן אין האַרצן, אַז ער האָט חשק געהאַט אָנרופֿן דאָס לופֿטיקע גערטנדל אויף איר נאָמען. נאָר נישט וועלנדיק אַרויסרופֿן בײַ דער קייזערין קיין חשד, האָט ער די ערשטע בוכשטאַבן פֿונעם נאָמען איבערגעדרייט. אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען אָנשטאָט נאַ־טאַלקע — אַנטאַלקע. די אָדאַליסקע האָט דעם רמז גוט פֿאַרשטאַנען און האָט אויף איר שטייגער דעם קיסר שיין באַלוינט פֿאַר אַזאַ ערע. און די קייזערין — אַזוי ווי זי האָט נישט געוווּסט פֿון קיין פּותר און פֿון קיין חלום, אַזוי האָט איר נישט געשאַדט... דאָרט וווּ דאָס דאָזיקע אינדזל האָט זיך געענדיקט, זענען שוין געשטאַנען פּראָסטע שיפֿלעך, אויף וועלכע מען האָט זיך אַריבערגעשיפֿט צום וועלדל וואָס אַנטקעגן, און יענער וואַלד האָט זיך שוין געצויגן זעקס קילאָמעטער. דער גאַנצער פּאַרק פֿונעם טויער ביז אָט די פּשוטע שיפֿלעך האָט געהאַט די לענג אַרום צוויי קילאָמעטער און די ברייט — כמעט אַ קילאָמעטער. דאָס סאַמע וווּנדערלעכסטע אין אים איז געווען, וואָס איין גאָרטן איז געשטאַנען העכער פֿונעם צווייטן אויף צוואַנציק מעטער און וואָס אַלע פֿיר טײַכן זענען געווען גאַנץ באַ־זונדערע טײַכן. אויך העכער איינער פֿונעם צווייטן, גלייך מיט דער ערד. פֿון איין טייך אין צווייטן איז געווען אַ „סטאַטעטשנע" וואַסערפֿאַל איבער שניי־ווייסע מאַרמאָרנע טרעפּ. דאָס וואַסער האָט שטענדיק געקלאַפּט איבער די טרעפּ מיט אַ רעגלמעסיקן טעמפּ: פֿון דער אַנטאַלקע אין פּאַלמען־גאָרטן אַריין, פֿון דעם פּאַלמען־גאָרטן אין בעריאָזאָווע, און פֿון דאָרט אין דעמ־בענעם. קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, ווער שפּייזט מיט וואַסער דאָס אייבערשטע טײַכל. דאָ האָט עפּעס געשטעקט אַ סוד!...

פֿון באַגינען ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט פֿלעגט שלמה פֿאַרפֿאַלן ווערן אין פּאַרק. אַ קוישל עסנוואַרג מיט אַ ביכל, מער האָט אים קיין זאַך נישט געפֿעלט. ליגנדיק אײַנגעניורעט אין טיפֿן, שמעקנדיקן גראָז, פֿלעגט נאָך צײַטנווײַז אַ שוועב טון פֿאַר זײַנע אויגן דאָס בילד, ווי פֿאַלי

שטייט פאר אים א פארוויינטע און איר בוקעט בלומען ליגט א צעטראָ־
טענער אונטער די פיס. דער זכרון פלעגט אים נאָך אונטערטראָגן די דאָ־
זיקע סצענע, אָבער די פארבן פון דער זעאונג זענען שוין געווען בלאַס,
זיין הארץ האָט שוין בעת־מעשה נישט אויפגעשטורעמט. אים האָט זיך
גערעכט, אַז דאָס איז געשען שוין לאנג־לאנג און ערגעץ אויף אַן אַנדער
פּלאַנעטע. די אויפדערנאכטן פלעגט ער פארברענגען ביי די ראדיעצקים.
אָפט מאָל פלעגט ר׳ נחמן הייסן נעמען די גמרות צום טיש און עס איז גע־
ווען א פארגעניגן צוצוקוקן, ווי דער פאָטער זאָגט א שיעור פאַר זעקס, זיבן
דערוואקסענע זין. שלמה און הערשל פלעגן זיך מיט אים מתפלפל זיין,
זייערע אויגן פלעגן זיך צעפלאַקערן מיטן אש־התורה, די קנאת־סופרים
פלעגט זיי מאכן פארגעסן, מיט וועמען עס גייט דאָס שפּארעניש. ר׳ נחמנס
נאָכגיביק שמייכלען האָט שוין באַטייט: „נצחוני בני", די יונגנט פלעגט
אייפערדיק נאָכשפּירן ווער עס וועט מנצח זיין במלחמתה של תורה, דער
פאָטער צי שלמה, נאָר שלמה, חס זייענדיק אויפן כבוד פונעם גדול־הבית
האָט זיך שוין באַמיט, אַז אַלע מאָל זאָל גובר זיין דער פאָטער. א מבין
אויף דעם שטיקל אַרבעט איז געווען דער פאָטער אַליין, און א ביסל אויך
הירשל מיט אהרלען. ווען ר׳ נחמן איז נישט געווען געשטימט אויף צו
לערנען, פלעגן זיך די ברידער מיט די שוועסטער פארקלייבן אויפן גראָז
הינטער דער שטוב און מען פלעגט צוזאַמען עפּעס זינגען, זיך דערציילן
אַנעקדאָטן, רעטעניש, לייענען שלום־עליכמן אָדער שלמה פלעגט עפּעס
דערציילן מיט אייגענע ווערטער. אָט דעם לעצטן אופן פון פארברענגען
האָבן די יונגע ראדיעצקים ליב געהאַט אַממערסטן. טאָמער איז דאָס ווע־
טער געווען נישט אַזוי וואַזשנע, פלעגט מען אַריינגיין אין שטוב אַריין, גע־
שפּילט אין דאַמקע, שלמה האָט געהייסן אהרלען קויפן א דאָמינאָ, האָט
ער געקויפט צוויי און יונגוואַרג האָט געלעבט א גוטן טאָג. שלמה האָט
זיך דאָרט געפילט ווי אַן אייגענער. כמעט מיט אַלע זין איז ער געווען אויף
„דו", מיט יעדן באַזונדער זיך פארמאָסטן: ווער וועט וועמען אָוועקלייגן
אויף די „לאָפּאַטקעס". געלערנט זיי שפּילן אין שאָך, זיי אויסגעלערנט
שיינע לידעלעך און נייע ניגונימלעך. מיטן פאָטער אַליין האָט ער שטענ־
דיק ליב געהאַט זיך צו פארהערן אין רבישע מעשות, נאָכצוזאָגן „גוטע
ווערטער" פון פארשידענע מפרשים, סברות פון גאונים אויף ש"ס ופוס־
קים. אַלע בני־בית זענען שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צו אים. נאָר איין
זאַך האָט מען אים בשום־אופן נישט געקענט מוחל זיין: דאָס, וואָס קיין
מאָל עסט ער נישט מיט זיי. אָט די דאָזיקע פלוגתא האָט שוין געהאַט
א „גרויע באָרד". דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם ווי ער איז אַריבער־
געגאַנגען וווינען צו בנימין בערעלעס. אין יענעם אָוונט איז ער זיך א
ביסל שפּעטער ווי געוויינלעך פארזעסן ביי די ראדיעצקים, האָט אים די
באַלעבאָסטע געבעטן, ער זאָל גיין עסן וועטשערע צוזאַמען מיט אַלע
בני־בית. שלמה האָט געדאַנקט פאַר דער איינלאַדונג, אָבער זיך אָפּגעזאָגט.
דער פאָטער האָט אים א פארוואונדערטער געפרעגט:

— פאַר וואָס ווילסטו נישט? ביסט דאָך שוין דאָ אַליין באַלד פיר שעה?

— יאָ, טאַקע אמת, נאָר איך האָב נישט ליב צו זיין אַן אורח.

— אפילו ביי אַ היימישן מענטשן?

— אפילו ביי אַ היימישן מענטשן.

— אפשר האָסטו מורא, אַז ס'איז ביי אונדז חלילה אַ: „סעודה שאינה מספקת לבעליה"?

— חס ושלום! וואָס איז, איך זע דען נישט, אַז אַלץ איז קיין עין־הרע דאָ במדה גדושה —

— שייך צו זאָגן; במדה גדושה... עס וואָלט אודאי געקענט זיין בהרחבהדיקער, נאָר גאָרנישט, בעונותינו הרבים... בצוק העתים מוז מען זאָגן: טובה ארוחת ירק ושלוה בה —

— אודאי אַזוי... אודאי אַזוי... דער עיקר איז היינט אָבי מען נאָר זאָגן: „ושלוה בה" —

ר' נחמן, שטאַמלענדיק:

— שייך צו זאָגן: „ושלוה בה"... עס רעדט זיך נאָר אַזוי... אַזאַ שלוה געזאָגט געוואָרן אויף אונדזער מלוכה בשעת יציאת־נשמה... בקיצור, דו גייסט זיך וואשן?

— מיר האָבן דאָך שוין וועגן דעם, דאַכט זיך אָפּגערעדט...

— איז דאָך דאָס אַ שלעכטקייט פון אַ מענטשן!

— איר האָט מיר דאָ גאָרנישט מחדש געווען, איך האָב שוין אָט די סברא איין מאָל געהערט.

— פון וועמען האָסטו דאָס געהערט?

— פון הרב משה ביאַליק, איר קענט אים נישט.

— האָסטו דווקא נישט געטראָפן! גראָד אים איינעם פון אַלע קיעווער רבנים קען איך יאָ. פאַר צוויי יאָרן בין איך צופעליק געווען אין סמילע, דאָנערשטיק איז דאָס געווען. האָב איך דערהערט, אַז דער קיעווער גאון געפינט זיך אויף דאַטשע אין בעלאָזעריע, דאָס איז צוויי שעה פאָרן פון סמילע. בין איך שוין אויף שבת אַהיים דאַמאָלסט נישט געפאָרן און געהאַלטן שבת ביי אָט דעם יונגן גאון. און איך מוז דיר זאָגן שלמה, אַז דאָס איז טאַקע באמת אַן אויסערגעוויינלעכער גאון. עד־היום בין איך דורכגעדרונגען מיט יראת־הכבוד צו אים. און דו ביסט מיט אים שטאַרק צונויפגעלייגט?

— שייך צו זאָגן צונויפגעלייגט? חברותא כלפי שמיא? מיטן באַרג סיני קען מען עפּעס זיין חבר? איך בין מיט אים באַפריינדעט, ותו לא מידי.

— איז ווי זשע קומט ער דיר זאָגן יענע מעשה?

— ס'איז אויך אַזאַ פאַל געווען. איך האָב פונקט ביי אים גענעכטיקט און האָב נישט געוואָלט זיין קיין סמוך על שלחן אחרים... האָט ער דאַמאָלסט געזאָגט —

— זעסטו שוין! הייסט עס, כונתי לדעת הגדולים! הרב ביאַליק

זאָגט נישט סתם אין דער וועלט אריין קיין קאָמפּלימענטן. נו, גיי שוין, גיי, וואַש זיך, מאַך זיך נישט נאַריש...

— אַ גרויסן דאַנק אייך, טאָמער שטער איך אייך, קען איך אַוועקגיין, נאָר עסן וועל איך נישט.

— וואָס זשע איז דאָס ביי דיר עפּעס, אַ מין עבודה, צי וואָס?

— עפּעס אַ משוגעת אַזוינס, רחמנא ליצלן...

— אָבער ביי וועמען האָסטו זיך אָט די מחלה אָנגענומען?

— איך ווייס ביי וועמען? אפשר ביי ר' פנחס בן יאיר?...

— ביי ר' פנחס בן יאיר? דו, ביי ר' פנחס בן יאיר? זאָג כאָטש, להבדיל...

— ...באלף אלפי הבדלות...

— זאָגסטו אַליין אויך, הייסט עס אַזוי, נאָר וואָס דען?

— נאָר גאָרנישט, איר ווייסט נישט?

Каждый по своему с ума сходит...*

— מיר געפעלט, ווי דו ביסט זיך תולה באילן גדול...

— וואָס זשע חידושט דאָס אייך אַזוי? סוף־כל־סוף זענען דאָך פאַראַן, זאָגט די גמרא, צוויי קאַטעגאָריעס מענטשן: איינע איז זיך נוהג ווי אלישע בן שפט, און די צווייטע ווי ר' פנחס בן יאיר. נהרא נהרא ופשטיה. און מיין נשמה איז אַ פּנים אַ ניצוץ פונעם צווייטן...

— נו, און דו אַליין האָסט אויך קיין מאָל יענעם נישט געגעבן?

— פאַר וואָס עפּעס? געבן איז דאָך אַ מצוה און נעמען איז נישט קיין מצוה.

— אָבער אַן עק, אויף שבת וועסטו זיין ביי אונדז?

— נאָט באַהיט!... ערשט אויף שבת האָב איך ליב צו נעמען אַן אורח, נישט זיין קיין אורח. וואָס איז? איך פאַרמאָג חלילה נישט מיינס?

— אָבער ביי מיר עסן דאָך אַלע שבת ממילא צוויי, דריי אורחים, איז וואָס זשע זעט זיך שוין אָן —

— געזונטערהייט, זייער שיין, אָבער איך — נישט!...

— זינט איך לעב האָב איך אַזוינס נישט געהערט און נישט געזען —

— לא ראינו אינו ראיה.

דער בעל־הבית בלאָזט זיך אָן און גייט אַוועק אַ ברוגזער זיך וואַשן.

ביים טיש האָט שלמה געזונגען אַ פּאָר חסידישע לידעלעך, אויסגעלערנט די חברה אַ וואַרעם ליובאַוויטשער ניגונדל און די גוטע שטימונג האָט זיך צו ר' נחמנען צוריק אומגעקערט. אַליין זינגען האָט ער נישט געקענט, האָט ער כאָטש צוגעהאָלפן מיט די הענט און מיט די פיס און מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שלמהן, דער ר' נחמן, ער האָט נישט געקענט זיין לאַנג ברוגז אויף אים. אַזאַ מזיק איז ער, אָט דער שלמה, אי זיס, אי ביטער, אי אָנגענעם און — גיי האָב אַזעלכן פיינט...

* יעדער, אויף זיין שטייגער גייט פונעם זינען.

קאפיטל XIV

אין דרויסן איז געגאנגען א מאַירעגנדל. א ווארעם פרילינגווינטל האָט געשמיסן די רעגן שנירלעך אין די שויבן, אין די ווענט. איבער דער פייכטער זאמד זענען שלאַבעריק געקראָכן שמאָלע, קוטיקע ריטשקעלעך און נישט דערציענדיק ביז עפּעס א ליטישער קאליוזשע — איינגעזונקען געוואָרן.

ס'איז פרייטיק אין דער פרי. שלמה קומט אַן פונעם דאַווענען. ער שטייט און גרייט זיך צו אַן איבערבייסן פון יונגע ציבעלקעלעך מיט ראש־חודש רעטעכלעך. מיט א מאָל, עס עפנט זיך אויף די טיר, עס קומען אריין צוויי אָרעמע יידן און בעטן א נדבה. פראדל גיט זיי עפּעס, אויך שלמה. ווען זיי האלטן שוין די קליאַמקע אויף צו עפענען די טיר, גיט זיי שלמה א רוף:

— פעטערלעך, אויף איין רגעלע מעג איך אייך פארהאלטן?

— פאר וואָס זאָל מען נישט מעגן?

זיי גייען נישט דרייסט צו צום טיש, פראדל קוקט זיי נאָך פארחידושט.

— זייט אזוי פיל גוט און קומט מיט מיר אריין אין מיין צימער. איך דאַרף ביי אייך עפּעס פרעגן.

די אָרעמעלייט זענען נישט ווייניקער דערשטוינט פון פראדלען, נאָר זיי גייען נאָך שלמהן אין אַלקער אריין, אַן קשיות. ער מאַכט צו נאָך זיי די טיר, הייסט זיי זיך זעצן אין בעט אריין, און אליין זעצט ער זיך צו אויף דער ראַם פונעם פענצטער.

— ערשטנס, קומט דאָך אייך „שלום־עליכם", מיר זענען דאָך עפּעס יידן...

— שלום־עליכם, עליכם־שלום.

— צווייטנס, נעם איך דאָך צו ביי אייך צייט, ערב־שבת איז יעדע מינוט טייער. קיין שאָדן אייך אָנטון וויל איך אויך נישט. נעמט זשע ביי מיר עד לחשבון צו דרייערלעך פארן „פראַגול", וואָס איר מאַכט איצט.

די יידן קוקן זיך איבער, קווענקלען זיך א ביסל און באהאלטן די דריי־ערלעך טיף, טיף אין דער געהיימער הינטערשטער קעשענע.

שלמה אָטעמט אָפּ פרייער:

— אָט אזוי! איצט קענען מיר פריי שמועסן. זאָגט מיר, מיינע ליבע יידן, פון וואנען זענט איר? נישט קיין אָלשאַנער?

— וואָס פאר אַן אָלשאַנע? פון אויסרייסעניש זענען מיר. איך בין פון טיף ראַסיי, און ער, דער שותף מיינער, איז גאָר א גאַליציאַנער, פון בעלז, אפשר האָט איר א מאָל געהערט?...

— געהערט, געהערט, ווי דען? וואָס זשע טוט איר דאָ?

— איר זעט דאָך, וואָס מיר טוען, אז אָך און ווי איז צו אונדזער טועכץ...

— מהם, יאָ... זענט איר עס נאָר צוויי אזעלכע אין אָלשאַנע, צי עס איז דאָ נאָך עטעצער פאראַן אזעלכער?

— נאָר צוויי? אַ שיינע מעשה כ'לעבן, עס איז נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן. נאַ דיר גאָר נאָר צוויי. איין פּאָרל וואָלט דאָ געגאַנגען אין גאָלד! נו־נו, אַזאַ השגה. אפשר צוואַנציק אָרעמעלייט זענען דאָ אין אָל־שאַנע.

— אַזוי די מעשה? ווו זשע זענען זיי? איר אַליין ווו האַלט זיך אויף?

— ווו איז מען? ניין איילן אין ערד איז מען! זומער איז נישט ווינטער. ווו מען איז, איז מען...

— אָבער פון דעסט וועגן?

— איך ווייס פון דעסט וועגן? מיר ביידע למשל זענען ביי חייקל דעם שטריקלדרייער. ער וואָלט זיך אויך, נישקשה, געמעגט אַ ביסל דורכ־גיין איבער די הייזער. ער וועט ווען עס איז אַזוי שטאַרבן פון הונגער מיט זיין יינגל צוזאַמען. אַ שעמעוודיקער דלפן, איז ערגער פון אַ משומד. זענען מיר ביי אים, הייסט עס...

— נו, און די איבעריקע, וואָס איר זאָגט?

— איך ווייס, די איבעריקע? געצל, דו געדענקסט יאָ? רעכן זיי אויס...

געצל גיט זיך אַ רציחהדיקן קראַץ אונטער דער קני און הייבט אָן צו ציילן אויף די פינגער, רעדנדיק צו ירוחמען:

— פייוויש מיט כתריאלן, וואָס זענען געשלאָפן אויפן קעלער — האָס־טו נישט צוויי. יעקל, אברהמל און טאָדרעס, וואָס שטייען איין ביי דער גרושה, האָסטו נישט פינף.

— נו, און שמעיה דעם טויבן מיטן שוואָגער פאַר וואָס רעכנסטו נישט?

— ס'אַ משל, זיי פרעגן דאָך נאָר אויף אָנגעפּאָרענע, צי איר מיינט אפשר אויך די היגע אָרעמעלייט?

— אודאי די היגע אויך! וואָס איז, די היגע האָבן קיין נשמה נישט? וואָס איז די טייטש פון: „אין בודקין למזונות", ווייסט איר? פאַרקערט די מעשה: עניי עירך קודמין... זיי זענען נאָך בילכער...

געצל צעלאַכט זיך:

— כאַ־כאַ־כאַ... אויב איר מיינט אויך די היגע, וועט איר זיי אפילו אין קיין מאה אויך נישט אַריינרעכענען...

— רעכנט, רעכנט. צו וואָס דאַרפן מיר זיך משער זיין? דאָרט האָט איר ערשט פינף.

— רעכנט שוין צו פאַר איין וועגס טאָקע דעם שטריקלדרייער מיט דעם יינגל.

— אויסגעצייכנט! האָבן מיר ערשט זיבן.

— היינט זענען נאָך דאָ שמעון און בערל, אויך פרעמדע...

— איז ניין... ביי אייך גייען עפּעס גאָלע פּאָרלעך...

— אַזוי איז עס היינט אַוועקגעשטעלט געוואָרן, אַז קיין שותף איז

מען קיין אַרעמאַן נישט. אַ מכּה בחברותא! שטערט זשע נישט. היינט איז נאָך דאָ... נאָר ניין, דער טויג נישט!

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז דער טויג נישט?

— אַזוי פאַרשטיי איך, ווייל ער האָט אַ ווייב מיט דריי מיידלעך.

— פאַר וואָס זשע עפּעס טויג ער נישט? בקיצור, האָבן מיר שוין ברוך־השם פערצן.

— וואָס? איר נעמט פּרויען אויך?

— ווּהין נעם איך דען? איר רעכנט און איך וועל אייך נאָך דעם זאָגן, צוליב וואָס איך פרעג דאָס.

— חיים דער קרומער מיט דער אַלטער מוטער זיינער, זי איז טאַקע יענער גרושהס אַ שוועסטער. זיי שטאַרבן פינף מאָל אַ טאָג פון הונגער.

— אָט דעם חיימן, אויב איך האָב קיין טעות נישט, קען איך דאַכט זיך. איך האָב אים געזען אין אַ היימישער שטוב פרעגן אויף אַן אַלטן זאַק... איז ער גייט דען אויך אַרום —

— אָ־אָ! נאָך אַ מין אַרומגיין... ער איז אַ „יחיד גייער לעמך פנה"...* איר פאַרשטייט אין די קליינע אותיותלעך? בקיצור, שטערט נישט, זייט מוחל, דער טאָג שטייט נישט. ווו זשע האַלטן מיר? וויפל האָט איר שוין?

— אַרום און אַרום האָבן מיר שוין אַ קימאַ־לן פון זעכצן... צו אייערע הונדערט פעלן נאָך עטלעכע —

— ירוחם, וואָס איז ביי מיר אַ מיניסטערשער קאָפּ, צי וואָס? דער־מאָן זיך דו שוין אַ ביסל...

— אָר־וואָ! אַ גרויסע מעציאָצע! ציילט זייט מוחל. שמעון מיט בערלען —

— שוין גערעכנט...

— טאַקע? רעכנט זשע דעם שטריקל —

— שוין גערעכנט, שוין גערעכנט, מיטן יינגל צוזאַמען גערעכנט...

— זייער גלייך האָט איר געטון. אַ גאַנץ ווויל יינגל, נאָר אָן אַ האַרץ און אַ פעפער, — זאָל גאָט שומר ומציל זיין...

— אַ וואָס, זאָגט איר, איז ער?

— אַ פעפער! ער האָט נישט אויף וואָס צו שלאָפן, שלאָפט ער אויפן טאָג. ווען איר זאָלט נישט אַריינקומען, — רק ער שלאָפט און שלאָפט. און אַז מען וויל ווידער צוריק, וואָס ווערט ער אָן, אַז עסן איז במילא נישטאָ אַ לעק —

נעצל ווערט ברוגז:

— שוויג שוין בעסער, דו לעקיש־בער, דו... אין מיטן דערינען איז ער דיר אַריינגעפאַרן מיטן האַרץ און מיטן עסן. טאָמער ווייסטו וואָס? רעכנט, פעטער, די בלינדע דוואָסיע מיטביידע אייניקלעך...

---

* אין „אנא בכח" שטייט אָנשטאָט „גייער": „גאה". דאָ, בדרך הלצה, געמיינט: „איין בריה אויף אַרומגיין בעטן נדבות".

ירוחם גיט אזש א טאַנץ אונטער:

— אוי, טאַקע גערעכט, אויף מיין וואָרט — גערעכט... געצל, אויף מיר אַזאַ יאָר, ווי דו ביסט גערעכט, נעבעך א גרויסער רחמנות אויף זיי. איך האָב נעכטן זיי אַריינגעוואָרפן א האַלב לעבל ברויט...

— האָבן מיר ערשט ניינצן. ווייטער...

— שמעיה דעם טויבן מיטן שוואָגער האָט איר פאַררעכנט?

— ניין נאָך, האָבן מיר איין און צוואַנציק. ווער נאָך?

— ווער נאָך? און מיר אַליין... מער קיינער נישט...

— הייסט עס, בסך־הכל דריי און צוואַנציק. עפּעס ווייניקער פון הונדערט...

געצל בלאָזט זיך אָן:

— וואָס זשע האָט איר גערעכנט, אַז איך זאָג הונדערט, מיין איך דווקא הונדערט? און טאָמער ווייניקער א ביסל איז פּסול? קיין בוכ־האַלטער בין איך נישט, און פון זיך וועל איך אייך נישט מאַכן. אַז עס איז פּאָרט מער נישטאָ, שוין אויסגעלויזט די שטאָט פון אַלע פיר עקן.

— בייזערט אייך נישט, ר' געצל, איך האָב צו אייך קיין טענות נישט, עס איז גאַנץ געגנוג אַזוי פיל אויך. איצט הערט מיך אויס, מיינע ליבע יידן. איך וויל, אַז אירביידע זאָלט זיך אונטערנעמען מיר צושטעלן אָט די אַלע דריי און צוואַנציק פּאַרשוין, אַז זיי זאָלן ביי מיר עסן שבת.

— וואָס הייסט: ביי אייך? ווו וווינט איר דען?

— אָט דאָ וווין איך. אָט די שטוב איז מיינע.

— וואָס הייסט? דאָ וווינט שוין נישט דער שמש?

— וואָס גייט דאָס אייך אָן? א ייד זאָל דיר אַריינקריכן צו יענעם מיט די שטיוול אין האַרצן אַריין. אַז איך זאָג אייך, עס איז מיין שטוב, איז דאָס מיין שטוב. עס וועט אם ירצה השם זיין פון אַלעם גוטן: פיש און פלייש און צימעס און משקה אויך און אפילו א נאַכטלעגער אויך. איך פאַרבעט דעם עולם אויף היינט אויף דער נאַכט און אויף מאָרגן אין דער פרי. שלש־סעודות וועלן מיר עסן מיטן גאַנצן עולם אין שול. וואָס זשע זאָגט איר? עס איז געמאַכט? איר ביידע וועט א חוץ באַלוינט ווערן פאַר אייער טרחה. גיט א טראַכט...

— וואָס האָבן מיר צו טראַכטן? זיי וועלן לויפן באָרוועס...

— ניין, מאַכט עס נישט אַפּ אַזוי אויף גיך. איר דאַרפט שוין אויפ־זוכן אָט די אַלע פאַרלעך און זיי אָנזאָגן מיטן הארבן וואָרט, אַז אויב מען זאָל זיי אפילו וועלן געבן מי יודע וויפל, טאָרן זיי נישט גיין ערגעץ אַנ־דערש אויף שבת. היינט דאַרפט איר מודיע זיין צו די באַבעס מיט די איי־ניקלעך, וווהין זיי דאַרפן קומען נאָך ליכטבענטשן. צי אפשר ווילן זיי דאָ ליכט בענטשן?

— וואָס פרעגט איר? עס וואָלט אודאי גלייכער געווען און טאַקע ליכטיקער אויך.

— זענט איר גערעכט! זאָלן זיי טאַקע אַהער קומען א האַלבע שעה

פאר ליכטבענטשן און די אלע מאנסבלין דארפן קומען אין שול אריין צום דאווענען. און פון דארט וועלן מיר שוין צוזאמען גיין אהיים. געדענקט, זונטיק אין דער פרי, אויב אלץ וועט האבן געלונגען, ווי איך האב אייך דא געזאגט, באקומט אירביידע ביי מיר צו גאנצע טשערוואנצעס...

— איר קענט זיין זיכער, אז עס וועלן נאך זיין פיל מערער אורחים, ווי די, וואס מיר האבן אייך אנגערעכנט.

— מיטן גרעסטן כבוד. וויפל איר וועט נאר קענען צונויפנעמען עולם, נעמט צונויף. מיר וועלן מיט גאטס הילף פריילעך פארברענגען.

ארויסבאגלייט די געסט, איז שלמה צוגעגאנגען צו פראדלען:

— באלעבאסטע לעבן, די גמרא זאגט: ווער זענען דעם מענטשנס אמתע קינדער? זיינע מעשים־טובים. איך האב פאר אייך א מצוה פון מצוה־לאנד.

— איך האב אלץ געהערט אהערצו. מיין טרחה זשאלעווע איך נישט, און די שטוב אודאי און אודאי נישט. אבער קיין געלט האב איך נישט.

— געלט האב איך! איר זאלט מיר לעבן דריי הונדערט מיט זעכציק יאר. קאמאנדעוועט, וואס דארף מען? פון וואס הייבט מען אן?

אין געציילטע צוויי שעה איז געבוירן געווארן א אנגעפיקעוועטע אינדעטשקע מיט דריי הינער. ניין קילאגראם פיש. א היפשע טארבע מיט אלערליי געטרוקנטע פרוכטן אויף קאמפאט.

ישראל־יוסף איז גערופן געווארן אין שטוב אריין, און האט אין פער־דערהייזל אי געקוילעט אי אפגעפליקט די עופות. אין הייפל, אויף ציגל, האבן גלייך אנגעהויבן אויפצווידן אזש פיר טעפ מיט א מאל. שלמה האט מיט א פערד און וועגעלע צוגעפירט צוויי הונדערט פלעשער ביר, דערנאך איז ער צוגעלאפן אין בעקעריי און האט גענומען פערציק קילאגראם טונקל ברויט און א מאה זעמעלעך אויף „לחם־משנה”, דאן איז ער אוועק מיטן קוישל און האט געבראכט דריי ליטער בראנפן און זעקס גרויסע סטעארי־נענע ליכט.

פראדל שטוינט:

— גאט איז מיט אייך! צוליב עטלעכע מנינים אורחים דארף מען דא מאכן א פאלנע שענק? איר האט דאך פארפירט אין שטוב אריין א גאנצן ברויער —

— נעמט זיך נישט צום הארצן, ר׳ פראדל... דאס הארץ זאגט מיר, אז חוץ אונדזערע סטאבילע אורחים, וועט דא היינט זיין גאנץ קעקעלע־קהל...

— א גאנצע ארגיע, הייסט עס, גייט איר דא מאכן?

— נישט קיין ארגיע, נאר א סעודת־מצוה...

— אין וואס זשע שטעקט דא די מצוה? ס׳איז עפעס א ברית, צי א חופה־וועטשערע?

— און דאס, וואס ארעמע יידן וועט זיך היינטיקע נאכט נישט חלומען קיין ציגיינערס, איז קיין מצוה נישט?

— נו־נו, זינט איך זע אויף מיינע אויגן... און צו וואָס איז אַזוי פיל ליכט? עס ברענט דאָך די עלעקטרי?

— וואָס פאַר אַ משל איז די עלעקטרי? אָבער אויף בענטשן.

— וואָס? דאָ וועלן זיי גאָר בענטשן?

— אודאי דאָ!

— וואָס זשע שווייגט איר? ווי באַלד אַזוי, דאַרף מען דאָך אַראָפּ־נעמען פונעם בוידעם די פסחדיקע לייכטער —

— ווער זאָגט אייך דען, אַז ניין? נאָר זאָל דאָס אייך נישט אַרן, איר קאָכט געזונטערהייט, און איך מיט ר׳ בנימינען וועלן שוין אַלץ פאַרטיק מאַכן.

— צו וואָס זשע דאַרפט איר אַזש זעקס ליכט?

— איך פאַרשטיי אייך נישט. דאָס ווייבל פון די דריי מיידלעך דאַרף האָבן צוויי? דער גרושהס שוועסטער, חיימס מוטער דאַרף אויך האָבן צוויי, האָט איר שוין פיר? נו, און די בלינדע דוואָסיע איז קיין יידיש קינד נישט? זייט זיכער, איך האַלט קאָפּ...

— כ׳זע שוין, כ׳זע שוין, אַז איר האַלט קאָפּ. אויף מיין לעבסטאָג האָב איך אַזעלכעס נישט באַגעגנט. און צוליב וואָס האָט איר עס אָנגעקויפט אַ פולן אונטערן גאַניק מיט היי?

— איך קלער מיט דער צייט קויפן אַן אייגן פערד און וועגעלע... זאָגט מיר פראַדל, מזונות האָט איר פאַרקנעטן גענוג?

— וואָס זשע, פינף קילאָגראַם איז נאָך קאַרג?

— פינף קילאָגראַם... ס׳איז אַפילו אַ ביסל ווייניקלעך, נאָר מילא, זאָל שוין זיין אַזוי. עס איז דאָך פּאָרט ערב־שבת, הזמן קצר... אַצינד זאָגט מיר, ביי וועמען איז אַמבעסטן צו באַשטעלן מילך, אויף פאַר נאַכט?

— וויפל ווילט איר מילך?

— איך רעכן פון צען ביז פופצן ליטער.

— אין שטאָט וועט איר זיי נישט צונויפשטעלן. די גאַנצע שטאָטישע מילך איז אַלע מאָל באַשטעלט. ווער שמועסט ערב שבת...

— גוואַלד, וואָס זשע איז די עצה?

— די עצה איז אַ גאַנץ פשוטע עצה: איר נעמט אָט דעם עמער מיטן פיסקל, ער איז ספּעציעל אַ מילכיקער, און אָט יענעם קרוג קענט איר אויך מיטנעמען, און איר גייט אַרויס אויפן דאָרף. אַבי איר וועט באַצאָלן עפּעס טייערער פון דעם געוויינלעכן פרייז, וועט מען פאַר אייערעט וועגן אויסמעלקן די קי אויך אין מיטן טאָג, אייך געבן אַ גוטע מאָס, און אויב איר וועט שטאַרק וועלן, וועט מען אייך די מילך נאָכטראָגן ביז צו דער שטוב. איך האָב פאַר אייך אַ קליינע דאגה. איר זענט אַ קינד, וואָס וועט מיטן ליידיקן נישט קומען. איר קענט, דאַכט זיך, אַפילו ביי דער וואַנט אויך נעמען מילך, נישט נאָר ביי אַ קו. כ׳האָב נאָך אַזאַ פייער נישט באַגעגנט זינט איך לעב. אַ פערד און וועגעלע וויל ער זיך קויפן

— נו, נו...

קאפיטל XV

אין שול האָט זיך דער עולם שטאַרק געחידושט: וואָס איז די מעשה, וואָס די גאַנצע הינטערשטע גאַס איז היינט דאָ צום דאַווענען? ס'איז, דאַכט זיך, היינט נישט צו „כל נדרי", נישט צו „נעילה"... פאַר קבלת־שבת גייט צו ר' נחמן צו שלמהן און פרעגט אים מכלומרשט נאָר אויף יוצא זיין:

— נו, האָסט אפשר איבערגעקלערט?

שלמה געדענקט גאָרנישט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך:

— מכח וואָס איבערגעקלערט?

— מכח גאָרנישט, איך זאָג סתם אַזוי...

נאָכן דאַווענען, איינער דעם צווייטן טראָגט אונטער דעם גוט־שבת. מענטשן, וואָס זעען שלמהן צום ערשטן מאָל, גיבן אים אָפּ „שלום", פרעגן זיך נאָך אויף קיעווער באַקאַנטע. איינציקע פון זיי קען שלמה, אַנדערע נישט. נחמן ראַדיעצקי, זעט ער, דרייט זיך אַרום הינטערן בעלעמער, ביי דער טיר, ער ווענדעט זיך צו אַלע אָרעמעלייט נאָך אַנאַנד, עס איז קענטיק, אַז ער איז אויפגערעגט פון עפּעס, ער דרייט דעם גאַרטל ווי אַ ווייבער. שלמה העלפט בנימין בערעלעס צונעמען פון די טישן, אַלץ פאַרשפּאַרן אין עמוד־שאַפּקעלע. ער וועט דאָך נישט גיין אַהיים פאַר דעם בעל־הבית. מיט אַ מאָל דערזעט ער, אַז נחמן ראַדיעצקי לויפט צו אים אַ צעקאָכטער. ער רופט אים אָפּ אויף אַ זייט:

— שלמה, וואָס איז דאָס?

שלמה קוקט אים אָן אַ פאַרוואונדערטער, ער ווייסט נאָר נישט, וועגן וואָס מען רעדט צו אים.

— האָסט פאַרנומען אַלע אורחים?

— אָך, וועגן דעם רעדט איר? פאַרנומען? שייך צו זאָגן — פאַרנומען? כ'האָב זיי אַ זאָג געטון —

— אָבער זיי ווילן דאָך קיינם נישט גיין צו קיינעם.

— וואָס זשע קען איך העלפן? יעדער מענטש האָט אַ פרייע בחירה.

ר' נחמן איז בלייך, נאָר ער זאָגט מיט אַ שמייכל:

— נו, גיי שוין, זאָג עטלעכע פון זיי, זיי זאָלן גיין צו מיר. תפשת מרובה, לא תפשת.

— וואָס רעדט איר? ווי מעג איך גאָר יענעם הייסן? פרוווט זיי אַליין איינבעטן... אָבער איך זאָל זיך גאָר שאַפן — היתכן?

ר' נחמן פאַרלירט פונעם טאָן און זאָגט שטאַמלענדיק:

— דו פאַרשטייסט... איך געדענק שוין נישט דעם שבת, וואָס איך זאָל מיך זעצן צום טיש אָן אַן אורח... איך האָב דערפון גרויס צער...

שלמה, מיט אַ פרידלעך שמייכעלע:

— מען דערציילט: ס'האָט זיך אַ מאָל אַ ייד פאַרקלאָגט פאַרן ריזשינער זכותו יגן עלינו, אַז ער איז אַ בעל־יסורים; וואָס איז? די דאַנות־

הפרנסה זענען אים אויף אזוי פיל מטריד, אז ער קען נישט זיצן און לערנען כדבעי. ענטפערט אים דער צדיק: „פון וואנען ווייסטו דען, וואס ביים אייבערשטן איז מער באליבט, דיין לערנען, צי דיינע יסורים?" —
ר' נחמן גיט אן אונטערטעניק שמייכעלע:
— מילא, ווערטלעך אויף א זייט... טרעט מיר אפ א פאר אורחים... עס וועט דיר נאך בלייבן גענוג...
— וואס הייסט, איך זאל אייך אפטרעטן? זיי זענען עפעס מיינער א קנין? איך האב זיי קונה געווען בהגבהה, צי במשיכה?
ר' נחמן זאגט שוין מיט אפענעם פארדראס:
— איך זע, אז דו לאכסט גאר אין זיך... דו מיינסט א פנים, אז איך רעד מיט דיר מן השפה ולחוץ —
— חס וחלילה! פאר וואס מיינט איר, אז איך מיין אזוי? אז ס'איז א חוב צו האבן אן אורח ביים טיש, איז דאך אפילו מרומז אין אונדזערע תפילות...
— אין די תפילות? דאס איז ביי מיר א נייעס. אפשר קענסטו מיר אנווייזן, ווו דאס איז ערגעץ?
— בכבוד גדול! צו דעם „אבינו מלכנו", ווו מען בעט אויף פרנסה וכלכלה, איז צוגעצייכנט א „יהי רצון". שטייט דארטן בזה הלשון: „...שתזמין לי ולבני־ביתי ולכל הסמוכים על שולחני..." מהכא משמע, אז חוץ די בני־בית דארפן זיין נאך „סמוכים"...
— הם! אט דער דיוק איז מיר גאר קיין מאל נישט איינגעפאלן, נאר דו ביסט גערעכט. עס קומט אזוי אויס. אבער אויב ס'איז יא אזוי די מעשה, גיב זשע מיר טאקע אויך א פאר אורחים, למה נגרע?
— ווידער א מאל: איך זאל אייך געבן? ס'איז עפעס מיינער א חפץ? פרוווט זיי איינבעטן, טאמער וועט איר דאס מאל יא פועלן ביי זיי...
בנימין בערעלעס האט פארשלאסן די טיר פונעם בית־מדרש און מען האט זיך געלאזט גיין אהיים. פון אלע אפענע פענצטער האט מען אנגע־הויבן באטראכטן אט די מאדנע פראצעסיע. אויפן פרשת־דרכים, ווו די ראדיעצקים דארפן זיך פארקערעווען אויף לינקס, האט ר' נחמן נאך גע־וואלט שלמהן עפעס זאגן, נאר באגעגענענדיק זיך מיט זיינע אומשולדיקע אויגן, האט ער א מאך געטון מיט דער האנט, געזאגט א גוטן־שבת און זיך א באטריבטער פארנומען מיט זיין קאמאנדע אהיים.
ביים שמש אין שטוב האט אלץ אויסגעזען אזוי פייערלעך ווי פסח צום סדר. אויף איין לאנגן טיש, וואס האט זיך געצויגן פון דער קעגנאיי־בערדיקער וואנט ביז צו דער טיר, זענען געווען אויסגעשפרייט טישטעכער, עס זענען געלעגן חלהלעך און עס איז געשטאנען בראנפן. פיר פאר ליכט האבן זיך מיט א חוזקל אויסגעלאכט פון דעם פערציקער לעמפעלע, וואס איז געהאנגען אונטער דער סאמע סטעליע און האט קאלט געלויכטן. פון פארנט ביי דער טיר האבן זיך געשפילט עטלעכע קינדערלעך. דערזעענדיק די אנקומענדיקע, האבן זיי מיט אפשיי דורכגעלאזט דעם עולם און זענען

אַליין אויך אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין. אין זאַל איז מיט אַ מאָל גע־וואָרן דושנע: פון דער קיך האָט געזעצט אַ היץ; פון די ליכט אויך; און פון גרויסן עולם — אויך. פּראָדל האָט צעעפענט די פענצטער אין גאַס אַריין און אָפּגעשאַרט אויף אַ זייט די פאָרהאַנגען. אין שטוב איז גלייך געוואָרן קיל, אַ מחיה.

אין דרויסן איז געווען זומער־לעב. פון אַלע אָרומיקע פענצטער האָבן אַרויסגעפינקלט שבת־ליכט; האָבן זיך געריסן שטיקלעך געזאַנגען; האָבן געשוועבט אין אין־סוף אַריין רעשטלעך פון „יום השישי" און פון „כל מקדש". די לבנה, אַ שבתדיקע, אַ צוגעפּוצטע, האָט זיך אַ נויג געטון פאַרן פענצטער:

— גוט־שבת, יידן, פרייט אייך געזונטערהייט...

בנימין בערעלעס האָט אָנגעהויבן זאָגן „שלום־עליכם" און אַ געמיש־טער כאָר, יעדער אויף זיין שטייגער, האָט אָנגעהויבן צו זינגען „אשת חיל" און „אתקינו". פאַר קידוש האָט זיך שלמה געווענדעט צו אַלעמען:

— רבותי, נישט איר זענט ביי מיר, נישט איך בין ביי אייך, אַלע זענען מיר ביי דעם, וואָס לעבט אייביק, אויף שבת. על כן דאַרף זיך יעדער איינער פילן ווי ביי זיך אין דער היים. נישט אַזוי, ר' בנימין?

מען האָט אָפּגעמאַכט קידוש און די נשים האָבן דערלאַנגט די פיש. ירוחמן האָט שלמה געהייסן צעטיילן בראָנפן דעם עולם. די ווייבער מיט די קינדער האָבן געגעסן ביי אַ צווייטן טיש. מען האָט דערלאַנגט ביר, דער עולם האָט אָנגעהויבן ווערן בגילופינדיק. הינטער די צעפּראַלטע פענצטער האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּשטעלן שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך און סתם דורכגייער. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען: ווער האָט עס דאָ חתונה ביי בנימין בערעלעס? אָבער ווען אַלע צוזאַמען האָבן פאַרצויגן אויפן קול „כל־מקדש", האָט מען זיך שוין פּשוט אָנגעהויבן צונויפלויפן פון די גרויסע גאַסן, ווו דער עולם איז אַרויסגעגאַנגען זיך דורכשפּאַצירן נאָכן שבתדיקן טיש. אַלע האָבן געטייטלט מיט די פינגער אויף שלמהן, אַז ער מוז דאָס זיין דער חתן, אָבער קיין כלה האָט מען עפּעס נישט געזען. נאָך די געוויינלעכע זמירות האָט שלמה אויסגעלערנט דעם עולם אַ שיינעם „וקרב פזורנו" און אויף די האַלב שלאָפנדיקע אַלשאַנער געסלעך האָט זיך בוימלדיק געגאָסן דער האַרציקער ניגון:

...ונפוצותינו כנס... והביאנו לציון עירך...

איינוויינערס פון די שכנישע געסלעך האָט עס אַ טראַג געטון אין דער לופטן: — ווו זינגט מען עס אַזוי? מענטשן זענען אַראָפּ פון די גע־לעגערס; עס איז געוואָרן אַ געדראַנג; יעדער איינער האָט געוואָלט שטיין וואָס נעענטער צו די פענצטער. מען האָט געטרונקען וואַרעמע „לחיימס" און ערשט פון דאָס ניי פאַרצויגן אַ פרישן ניגון מיט „וטהר לבנו". נאָך דער יויך איז אַריינגעקומען דער רב מיטביידע איידעמס. מען האָט אים אָפּגעטראָטן דעם אויבן־אָן. שלמה איז געשטאַנען צווישן די טישן און האָט ווי אַ דיריזשאָר אָנגעפירט מיט די מנגנים. דאָס שאַלנדיקע געזאַנג

האָט זיך געגאָסן אין דער הייליקער שבת־נאַכט, וועקנדיק שלאָפנדיקע און פּייכט מאַכנדיק די אויגן ביי וואַכנדיקע. עס איז אַריינגעקומען ישראל־יוסף דער שוחט און נאָך בעלי־בתים, די אָרעמעלייט האָבן זיי געוואָלט אָפּטרעטן די ערטער, נאָר שלמה האָט נישט געלאָזט:

— אויף דעם זעלבן פּלאַץ, וואָס מען האָט געמאַכט קידוש, מוז מען אויך בענטשן... קידוש במקום סעודה איז אייך נישט קיין חסידישער קנייטש...

אייניקע באַלעבאַטים, מיט אַ לייכטן פּאַראיבל אין קול:

— פאַר וואָס זשע זענט איר אַרויסגעגאַנגען פון הינטערן טיש?

שלמה, מיט אַ געלעכטערל:

— אויף מיר איז דער דאָזיקער דין נישט חל, אַ יינגל איז אויך אַ מענטש?

איינציקווייז האָבן זיך אַריינגעגנבעט אויך די יונגע ראַדיעצקים. אין זאַל איז געווען אַ שפּילקע נישט דורכצוּוואַרפן... די ווייבער מיט די קינדער האָט מען שוין לאַנג משלח געווען אין שלאָפצימער אַריין. ביי זייער טישל זענען געזעסן די עלטערע שטאָט־בעלי־בתים. שלמה האָט אויפגעהויבן אַ האַנט:

— שאַ, שטילער! איידער מען דערלאַנגט דאָס פליש, בעטן מיר דעם מרא דאתרא, ער זאָל אינדז זאָגן אַ פּאָר ווערטער. דערפאַר זאָג איך אייך צו מצדי, פאַרן צימעס אייך אויסלערנען אַ ניגונדל פון איין פּאַל בסך הכל, וואָס אַז מיר וועלן דאָס אָנמעסטן אויף די פּיס בין איך אייך נישט ערוב פאַר די באַלקנס, אַז זיי וועלן זיך אויך נישט אָוועקלאָזן אין קיין ריקוד... שטיל זאָל זיין, דער רב וועט עפּעס זאָגן...

די לבנה האָט אַ דערשטוינטע באַטראַכט דעם עולם אין די אונטער־שטע העמדער און אין פאַסטעלעס אויף די באָרוועסע פיס, וואָס האָט באַלאַגערט דעם שמשס הייזל. פון דאָרטן האָבן זיך דערטראָגן פּליעס־קערייען מיט אַ שווער טופּען פון אַ סך פיס. פון דער זייט פענצטער האָט מען שוין אויך געקענט דאָס ניגונדל און דאָס גאַנצע שטעטעלע האָט געקלונגען פון די פרייליכע אַקאָרדן און פון די טאַנצנדיקע תנועות. דער רב האָט שוין נאָך אַ מאָל געזאָגט אַ וואָרט, און מען האָט אויף דאָס ניי פאַרזונגען מיט אַ פרישן ניגון. די בירפלעשער האָבן זיך אַלץ געביטן אויף פולע און דאָס געזאַנג איז געוואָרן נאָך האַרציקער, נאָך פלאַמענ־דיקער און נאָך דערהויבענער.

צוויי אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט האָט פּראַדל דערלאַנגט צום טיש מים־אחרונים. דער רב האָט בפירוש אונטער דער נאָז אַ זאָג געטון, אַז ער האַלט נאָך אויך פאַרן בענטשן, שלמה אָבער האָט כלא־ידע אָנגעגאָסן אַ כוס בראָנפן און אים דערלאַנגט יחיאל דעם שטריקלדרייער, אַז ער זאָל בענטשן „בשם". ער האָט אים אויפגעמישט אין סידור, מחמת טאָ־מער געדענקט ער נישט אויף אויסנווייניק, און האָט זיך אַליין אויך צו־געשפּאַרט ביים עק טיש.

ווען די פֿרעמדע בעלי־בתּים זענען זיך צעגאַנגען, האָט שלמה אַריינ־געטראָגן דעם „וואָגן" היי פֿון אונטערן גאַניק, צעוואָרפֿן די בינטלעך אײ־בערן פֿאָל און אויסגערופֿן:

— מיינע פֿריינט, אָט דאָ איז אָנטון שפּאָרן מיר זיך צו אויף די עטלעכע שעה, וואָס זענען אונדז נאָך געבליבן צו שלאָפֿן. זיבן אַ זייגער שטייען מיר אויף צו תּהילים. פֿאַרגעסט נישט קריאַת־שמע לייענען. אַ גוטן שבת!

און אַליין האָט ער זיך דער ערשטער אַ וואָרף געטון אויפֿן היי, אונטערגעלייגט אַ פֿויסט צוקאָפּנס און איז איינגעשלאָפֿן. אויף איר צוריק־וועגס האָט נאָך די לבנה — אַ פֿאַרגעלטע און שטאַרק אַ פֿאַרעלטערטע פֿאַר דער הייסער זומערנאַכט — געכאַפּט אַ קוק דורכן אָפֿענעם פֿענצטער, געזען ווי מענטשן שלאָפֿן דאָרט ווי די שאָף, אַ קאָפּ אויף אַ פֿוס, אַ האַנט אויף אַ בויך, און מען פֿייפֿט מיט די נעזער גאָר אַ ניי־מאָדנעם ניגון. אַן ענלעך בילד איז מעגלעך געווען צו זען אויך פֿונעם שלאָפֿצימער, נאָר ווייל די לבנה האָט זיך זייער געאײַלט אין איר רו אַריין, האָט זי שוין נישט געוואָלט אַזוי ווייט פֿאַרקוקן.

די זון האָט זיך ערשט אַראָפּגעלאָזט פֿון די שפּיץ ביימער, ווען פֿון בנימין בערעלעס שטוב איז אַרויס אַ מחנה יידן און האָט זיך געלאָזט גיין צום טייך זיך טובֿל זיין. ווען מען איז געקומען פֿונעם וואַסער צוריק אַהיים, האָט זיך שלמה געשטעלט פֿאַרן עמוד און מען האָט געשמאַק און מיט התלהבות געזאָגט תּהילים. וועמען עס איז געווען ביטער אויפֿן האַרצן, דער האָט נישט געקאַרגט קיין טרער. מער פֿון אַלע האָט געוויינט פֿראַדל און די בלינדע דוואָסיע. געענדיקט תּהילים, האָט מען געגעבן יעדן איי־נעם אַ האַלבן ליטער איינגעברוינטע טשאַלנט־מילך מיט עטלעכע קיכלעך און מען איז אַוועק אין שול אַריין.

די גאַנצע גאַס האָט זיי נאָכגעקוקט פֿאַרחידושט, ווי מען וואָלט נאָכ־געקוקט אַ נעגערישן צירק, ווען עס זאָל זיך אים פּלוצלינג פֿאַרוועלן צו באַזוכן אַלשאַנע. שלמהן האָט מען געגעבן מפֿטיר און ער האָט מנדר גע־ווען הונדערט רובל אויף דער שול. די גבאים האָבן געגעבן קידוש לכּבֿוד אַזאַ חשובֿן אורח. דערנאָך איז שלמה מיט זיין קאַפּעלע אַוועק אַהיים. די אינדערפֿריענדיקע סעודה איז געווען נאָך פֿיל פֿריילעכער פֿון דער אויפֿדערנאַכטיקער. בעלי־בתּים האָבן זיך צוגעאײַלט מיט דער סעודת־שבת, כּדי מען זאָל „דאָרטן" נישט דאַרפֿן שטיין אין דרויסן. מען האָט נאָך נישט באַוויזן פֿאַרטיק צו ווערן מיט די פֿיש, ווי אין זאַל איז שוין געווען אַ געדראַנג. אין סאַמע רעכטן ברען פֿון דער שמחה איז אָנגעקו־מען אויך ר' נחמן ראַדיעצקי. שלמה האָט אים אַרויפֿגעפֿירט צום רבֿ און אַליין האָט ער ווי נעכטן שטייענדיק באַדינט דעם עולם און זיי געלערנט פֿרישע ניגונימלעך.

נאָכן בענטשן, ווען די היץ איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, האָט שלמה געזאָגט צום עולם:

— רבותי! מיר, וואָס האָבן דאָ געגעסן ביי ר׳ בנימין בערעלעס, גייען אויף דער אנטאַלקיע לערנען פּרק. ווער עס וויל מיטגיין, בעטן מיר זייער. גרעסער דער עולם, גרעסער די שמחה.

קיינער פון די אָנוועזנדיקע איז נישט אָפּגעשטאַנען.

פון פּאַרק איז מען שוין געגאַנגען גלייך אין שול אריין צו מנחה. ביים שלש־סעודות איז מען צוגעשטאַנען צו שלמהן: נאָר ער זאָל עפּעס זאָגן. נישט האָבנדיק קיין אמתלא אויף זיך ארויסצודרייען, האָט ער גע־זאָגט עטלעכע ווערטער וועגן דער סדרה, זיי פאַרבונדן מיט דער הפטורה און בכלל געמאַכט עס בקיצור.

נאָך מעריב פרעגט ביי אים ר׳ נחמן:

— מלוה־מלכה פראַוועסטו אויך ביי זיך?

— ניין, מלוה־מלכה נישט.

— איז אפשר גייסטו צו צו מיר פאַר א גאַנצן שבת?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, איר פרעגט ערשט?

אין שטוב ביי די ראַדיעצקים האָט שלמה געטראָפן אויף זיך נייגע־ריקע בליקן פון אַלע זייטן. די טעכטער, די שנורן, די באַלעבאָסטע אליין, אַלע האָבן אים באַטראַכט, ווי זיי וואָלטן אים געזען צום ערשטן מאָל.

— אַ פּנים, מען האָט דאָ אין שטוב פיל גערעדט וועגן מיר פאַר דעם שבתדיקן טאָג — האָט שלמה געטראַכט.

קאפּיטל XVI

צו דער מלוה־מלכה זענען געווען אַלע קינדער. קיין פרעמדע מענטשן זענען גראָד דאָס מאָל נישט געווען. עס איז געווען זייער פריילעך און אָנגענעם. דער וואָלכישער באָרשטש האָט געשמעקט איבער דער גאַנצער שטוב, רייצנדיק דעם אַפּעטיט. נאָכן וואָלכישן באָרשטש האָט מען דערלאַנגט אַ צוגעברוינטע גרויפּענע קאַשע געמישט מיט בייכיקע, באַשפּרונקלטע פּאַסאָליעס. די קאַשע איז געווען מאָגער באַשמאַלצן, און אַ ביסל וויניקלעך, דערפאַר אָבער האָט זי געהאַט דעם זיבעטן טעם, ממש: „מעדני־מלכים". נאָך דער מלוה־מלכה האָט מען דערלאַנגט טיי, און לכבוד דעם אורח — עטלעכע טעצעלעך מיט סמאָראָדינע־וואַרעניע, וועלכע מען האָט געקענט „שניידן מיט אַ מעסער". שלמהן האָט נישט געהאָלפן קיין אָפּזאָגן זיך, ער האָט געמוזט נעמען עטלעכע לעפעלעך פון דער „מלכותדיקער" סמאָראָדינע, אַנדערש האָט די ראַדיעצקעכע געוואָלט אויסטייטשן, אַז איר איינגעמאַכטס האָט ביי אים נישט נושא־חן געווען, אַז אין דער היים האָט ער שענערע און בעסערע. בין מאכל למאכל האָט שלמה דערציילט עטלעכע מעשׂות פונעם בעל־שם־טוב. די יינגלעך האָבן אויסגעצייכנט נאָכגעזונגען דעם „וקרב פזורינו", וואָס שלמה האָט שבת אויסגעלערנט דעם עולם, און שלמה האָט מיט זיי איינגעחזרט דעם ליובאַוויטשער ניגון פון „אשרנו מה טוב חלקנו", וואָס חסידים ווייסן על־פי המסורה, אַז דעם דאָזיקן ניגון האָט ממשיך געווען מהיכל־הנגינה למטה אליין דער רב הקדוש זצ"ל. דעם ניגון האָט חברה געזונגען בדחילו ורחימו. שלמה האָט זיי נישט געלאָזט צו פאַרפעלן קיין זעכצנטל תנועה, אפילו קיין צוויי און דרייסיקסטל. ער האָט אים מיט זיי נאָך אַ מאָל איבערגעזונגען און זיי ווידער אַ מאָל פאַרהערט, ביז די קאַפּעלע ראַדיעצקים האָט אויסגעפּילט דעם הייליקן רבס ניגון, אַזוי ווי ער איז געגעבן געוואָרן מסיני, כביכול. בגנבה פאַרן פאָטער — וועלכער האָט דאָס נישט געוואָלט לײַדן, ווײַל: קול באשה... — האָבן די יונגע מיידלעך און די וויבלעך אויך צוגעהאָלפן. באַזונדערס האָט שלמהס מוזיקאַלישער אויער אויפגעכאַפּט דעם ריכטיקן ריטם און דעם שטאַרקן סאָפּראַנאָ פון דעם עלטערן מיידל יוכבד, די זעלבע וועלכע ער האָט דאַמאָלסט געטראָפן צוזאַמען מיט דער מוטער בייקומען די מולטער טייג. קיינער ביים טיש האָט אַזוי נישט דערפילט דאָס ניגונדל מיט דער גאַנצער נשמה, ווי אַט די יוכבד. קיינער פון די פרויען האָט נישט געקענט אַזוי בריהש זיך באַהאַלטן הינטער זלמנס אַקסל, אַז דער פאָטער זאָל נישט באַמערקן, אַז זי נעמט אויך אַנטייל אין זינגען — ווי יוכבד.

שלמה האָט צום ערשטן מאָל פאַר אַ וואָך צייט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף ר' נחמנס עלטסטער טאָכטער און איז ממש נתפעל געוואָרן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי האָט ער גאָר ביז הײַנט נישט באַמערקט, אַז עס דרייט זיך דאָ אַרום אַזאַ צירונג אין שטוב. דאָס דאָ־

זיקע מיידל איז געווען נאָך גאָר אַ קינד, ווי זאָגט מען דאָס: דער מאַמעס מילך נאָך נישט אויסגעטרוקנט אויף די ליפּן. זי האָט געמוזט אַלט זיין אַן ערך פון אַ יאָר זיבעצן, אַכצן. אַ הויכע, נאָר נישט קיין לאַנגע. איר פיגור איז געווען שטרענג פּראָפּאָרציאָנעל צו איר וווקס. זייער אַ שטאַל־טנע מיט אַ געטאָקטער טאַליע. אירע ווייסע, געשניצטע הענט האָבן זיך געלויכטן מיט אַ בלאַס־ראָזע שיין ווי אַ וויימפּערל קעגן דער זון, ווי אַ קערנדל פון אַ מילגרוים. קוקנדיק אויף אירע פרישע, שיינע הענטעלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון די קורצע אַרבעלעך, האָט זיך געדאַכט אַז עס איז גענוג איין שטאָך פון אַ נאָדל, אַז דאָס גאַנצע בלוט פון אָט דער יונגער קראַסאַוויצע זאָל אַ שלאָג טון מיט אַ פאָנטאַן. זי האָט געטראָגן אַ קלייד פון אַ וואָלוועלן שטאָף, נאָר זייער אַ שיינס, אַ גלאַט־בלויער באַ־טיסט, צעשמיסן מיט ווייסע פאַנטאַסטישע פּאַסן. דער האַלדז־אויסשניט, כמעט אָן אַ דעקאָלטע און מיט אַ ווייס זיידן קעלנערל באַלייגט. דאָס שטיקל האַלדז, וואָס האָט זיך דאָך אַרויסגעזען צווישן די שיין אָפּגעלייגטע לע־צעלעך, האָט דערציילט דער וועלט, אַז די אייגנטימערין פון אָט דעם האַלדז, פון אָט די טונקל־גאָלדענע סאַמעטענע האָר, פון דעם הויכן, נישט מיידלשן שטערן, קליינע מלא־חנעוודיקע אויערלעך, צאַרטע, בליענדיקע בעקעלעך און גרויסע, טיפע, הייליקע הימל־אויגן, איז כלל קיין מבין נישט אויף דעם כח, וואָס זי פאַרמאָגט. פאַר איר אַליין איז נאָך אַ סוד, מיט וואָס פאַר אַ צויבערקראַפט זי איז פון דעם הימל באַשאָנקען. ס'איז גלייך קענטיק, אַז עס האָט נאָך קיינער נישט מטמא געווען אירע אויערן מיט קאָמפּלימענטן; עס האָט נאָך קיינער נישט אויפגעזאָטן איר בלוט מיט זיין לײדנשאַפטלעכן בליק. דאָס איז אַ וויינטרויב, וואָס האָט זיך איבער נאַכט אָנגענומען מיט זאַפט, דער נעפּל האָט אים פאַרשטעלט, דער מאָרגנשטערן האָט אים געפּורעמט, די פאַרטאָגיקע ווינטעלעך האָבן אים געגלעט, געצערטלט און געבענטשט. די זון האָט אים נאָך נישט געזען; קיין איין דורכגייער האָט צו אים נאָך נישט געגלוסט. דאָס מיידל איז נאָך גאָטס אַ סוד, אַ טיפע געהיימניס פון די מעשה בראשית.

שלמה האָט פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט נישט געוואָלט מיט זיין מאַנסבילישן קוק פאַרשוועכן דאָס הייליקייט פון דער דאָזיקער ציכטיקער יידישער טאָכטער. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דאָס זעט ער פאַר זיך אַ בית־המקדש, אַ קודש־קדשים. אַהער מיט די שיך טאָר מען נישט אַריינגיין; אַהער מיט נישט קיין געטובלטע אויגן, טאָר מען נישט קוקן. דאָס איז אַ מלאך, ער זעט בחוש ווי די שכינה רוט אויף איר. ווי שטייט דאָרטן אין דער גמרא „מגילה”: חוט של חסד משוך עליה. יאָ, אָט אַזוי האָט געמוזט אויסזען אסתר, די הייליקע רעטערין פון יידישן פאָלק. מיט אַזעלכע אויגן ווי ביי אָט דער יוכבדן, האָט געקערט חנה מקריב זיין אירע זיבן זין. ער עפנט די אויגן און כאַפּט בגנבה נאָך אַ מאָל אַ קוק אין איר ווינקל. ניין, עס איז טאַקע אַ חילול הקודש אַזוי אומפאַרשעמט צו באַטראַכטן זי. ער וועט דאָס מער נישט טון. ער וועט נישט נעמען

אזא זינד אויף זיין נשמה. אָבער אינטערעסאַנט, וואָס האָט זי אויף אים דערזען? שוין עטלעכע מאָל פאַר היינטיקן אָוונט ווי ער כאַפּט איבער אירע נייגעריקע בליקן אויף אים. אפשר האָט ער זיך ערגעץ אויסגעשמירט מיט אָט דער קלעפּיקער סמאַראַדינע־וואַרעניע? יאָ, אַזוי מוז עס זיין. ער נעמט אַרויס דאָס טיכעלע, אַ וויש אויף דער זייט, אויף יענער זייט — ניין, ס'איז ריין. גישט אַנדערש, נאָר זי האָט זיך פּשוט פאַרטראַכט און האָט אומגערן אָפּגעשטעלט איר בליק אויף זיין פּנים, עלעהיי אויפן באַלקן אָדער אויפן פענצטער.

הערשל האָט זייער שיין געזונגען „אליהום" און דער גאַנצער עולם האָט אים צוגעהאָלפן. דאָס דאָזיקע זמר'ל איז געווען אַ קאָמפּאָזיציע אין לשון־קודש, יידיש און רוסיש. די ווערטער צונויפגעשטעלט מיט געשמאַק, דער מאַרש גוט צוגעפּאַסט צו די ווערטער. שלמה האָט זיך דאָס „שטיקל" גיך אויסגעלערנט און זייער געזאַנג האָט געקלונגען איבער דעם גאַנצן געסל. פאַרן בענטשן האָט מען געמאַכט אַן אָנהייב אויף דער וואָך. מען האָט דערלאַנגט די גמרות צום טיש און אַלע קינדער האָבן מיט אַ ברען זיך אַריינגעטון אין דער סוגיא פון „שאור בכזית וחמץ בככותבת". שלמה האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם מן הצד באַטראַכט די צעפלאַמטע יונגע פּנימער, זיך געחידושט, ווי אַזוי זיי זענען איצט מיט לייב און לעבן אַריינגעטון אין „מקולי בית־שמאי ומחומרי בית־הלל". * שלמה האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַ טיפן יראת־הכבוד פאַר אָט דעם יום־טובדיקן יידעלע מיטן פראַקטוכענעם קאַשקעטל. ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט מיט אַלע חושים, אַז אָט די אומגעלומפּערטע, קליינשטעטלדיקע כאַטע איז אַן „עיר ואם בישראל", און אָט דאָס אויסגעמאַרכעוועטע גלות־יידעלע — אַ מין „מתיתיהו בן יוחנן כהן גדול"... אַ! ער איז אַ גרויסער מייסטער, אָט דער ראַדיעצקי; ער קען שוין פירן אַ יידישע שטוב, אַ! ער קען גוט די מלאכה. שלמהן האָט שוין איצט באַנג געטון, פאַר וואָס ער האָט אים פריִיטיק צו נאַכטס מצער געווען, געוווען געדאַרפט אים יאָ געבן אַ פאַר יידן. דער בעל־הבית האָט אַ בעט געטון שלמהן זיך אַ ביסל מער אַריינטראַכטן אין דעם ענין, וואָס מען איז עוסק. שלמה האָט געבעטן מען זאָל אים ברענגען דעם „צל"ח" און דעם „רב ייבי"... **

דער פאַרבענקטער, טרויעריק־זיסער גמרא־ניגון האָט געעקבערט די שבת־צו־נאַכטסדיקע שטילקייט פון די אַרומיקע געסלעך און איינגעזאַמט זיך געטראָגן אין די אומקלאָרע ווייטן. די פגומהדיקע לבנה האָט מיט פאַרגעניגן זיך איינגעהערט אין די לעצטנס אַזוי זעלטענע, זיסע קולות. אַ מעלאַנכאָלישע און אַ פאַרחלומטע איז זי געהאַנגען איבער דעם שלאָפנדיקן שטעטל. זי האָט אַ פאַרוווּנדערטע באַטראַכט די פיר ענלעכע אויף איר לבנות אין די טרעפלדיקע טייכלעך פון דער קניאַגיניעס פּאַרק.

---

* אַ ניואַנס פון דער מסכת „ביצה".

** מפרשים אויף תורה און ש"ס.

פון טיפן ווערדל האָט זיך דערטראָגן אַן אָפּגעהאַקטער, תאווה־פולער טרעל פון אַ סאָלאָוויי און ווידער איז אַלץ אויסגעשטאָרבן. רואיק און באַטעמט שלאָפט דאָס שטעטעלע אַלשאַנאַ ביי די אָפענע פענצטער אין די קילע מאַי־נעכט... נאָר פון איין פענצטער אין אַ פאַררוקט געסעלע לאָזט זיך הערן דער שטאָק־אַלטער גמרא־ניגון, וואָס נעמט ביים האַרצן, דערוועקט איינגעשלאָפענע געפילן, פאַרגעסענע האָפענונגען און ווייטע פאַנטאַזיעס.

די חברה־לייט שלאָפן שוין אַלע. אהרל, שלמהס שכן אין בעט, כראַפּעט ווי אַ בער, נאָר שלמהן נעמט קיין שלאָף נישט. עפּעס אַ לאַנג פאַרגעסענע אומרואיקייט נאָגט אים ביי דער נשמה, דרעליעוועט אונטערן האַרצן, מאָנט עפּעס, רופט ערגעץ, מישט אויף אַלטע זכרונות. שלמה שלייכט שטיל אַרויס פון אונטער דער קאָלדרע. אהרל שלאָפט ווי אַ געהרגעטער, כאָטש טראָג אים אַרויס צוזאַמען מיטן בעטל. די לבנה איז שוין עפּעס געלבלעך ווי אַ שפּעטע אוגערקע. זי הענגט אויפן שפּיץ דאַך פון דעם קעגנאיבערדיקן הויז, אָט־אָט פאַלט זי אַראָפּ. באַלד וועט שוין אודאי טאָג ווערן. עס מוז שוין אודאי זיין נאָך דריי. ער גייט צו אויף די שפּיץ פינגער צום פענצטער, בייגט זיך אַריבער, נעמט אָן פולע ברוסטן מיטן דופטיקן ריח, וואָס ז'אָס יונגע ביימעלע גיט פון זיך אַרויס, טונקט איין זיינע אויגן אין דער סוף־נאַכטיקער דורכזיכטיקייט, און בלייבט שטיין ווי פאַרכשופט. פון ערגעץ ווייט דערטראָגט זיך דאָס גאַלאָפּירן פון אַ רייטער און אַ שלעפעריק האַווקען פון אַ הונט אויפן דאָרף. ווען דער הונט ווערט ענדלעך אַנטשוויגן, דערהערט זיך אַ ווייטער כראָפּע פון אַ לאָקאָמאָטיוו און, ווי אַן ענטפער דערויף, אַ לאַנגדויערנדיקע תרועה פון אַ ציטערנדיק פייפעלע. ווידער ווערט אַלץ פאַרשטאָרבן. די לבנה איז שוין פאַרשוווּנדן, נאָר אויף די סאַמע העכסטע בלעטער פון די נאָענטע ביימלעך איז נאָך צו באַמערקן דאָס וויברירן פון איר געל־בלאַסער שיין. עס איז קענטיק טונקעלער געוואָרן. פון ערגעץ גאָר נאָענט דערטראָגט זיך אַ שאַרפער און אַ צעצויגענער: קו־קו־רי־קו! שלמה, אַן אויפגעוועקטער פון זיינע ווייטע רעיונות, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן און באַמערקט אין דריטן פענצטער פון זיינעם אַ שיין קעפּל מיט אין אומאָרדענונג צעשאָטענע האָר. דאָס מיידלשע קעפּל און אַ האַלבער קערפּער זענען אַרויסגעבויגן פונעם פענצטער און קוקן אין דער זייט פונעם וואָקזאַל. אויף אירע נישט־רייפע, נאַקעטע אַקסלען הענגט אויף רויטע סטענגעלעך אַ שניי־ווייס העמד. שלמהן גייט איבער אַ לייכטער ציטער איבערן לייב. ער קען נישט אָפּרייסן די אויגן פון אָט דעם רייצנדיקן בילד, אָבער גלייכצייטיק פילט ער, אַז ער טוט אַן עוולה קעגן יוכבדן, באַנוצנדיק זיך מיט איר נישט וויסן און קוקנדיק אויף איר ווען זי איז כמעט אַ נאַקעטע. אין שלמהן אַמפּערן זיך צוויי געפילן: זיין איינגעבוירענע סאָלידקייט הייסט אים אַוועקגיין פונעם פענצטער, און דער מאַנסבילשער אינסטינקט זאָגט אים אונטער, אַז ס'איז נישט געפערלעך אויב ער וועט נאָך שטייען אַ ביסל: עס וועט פון איר גאָרנישט אָפּפאַלן איבער זיין קוקן. און ווידער, ער שטייט

דאָך פֿון פֿריער, אויב זי דאַרף, זאָל זי אַוועקגיין. זיינע אויגן לעכערן דאָס פֿאַרטאָגיקע ספק־חשבונות, שניידן זיך איין אין יענעם דמיונות־פֿולן סילוע־ט, עסן אים מיט די אויגן. ענדלעך איז אין אים פֿאַרט גובר דאָס יושר־געפֿיל. ער גייט איין אויף אַ פּשרה: פֿון דעם פֿענצטער גייט ער טאַקע נישט אַוועק — מען דאַרף דאָך האָבן אַ האַרץ פֿון אַ טאָטער, נאָר וואָס דען יאָ — ער גיט אַ הוידע די זאַוויעסע פֿון דער פֿענצטערראָם. די זאַוויעסע גיט אַ לייכטן סקריפּ און אין דער זעלבער רגע קוקט זיך אום אין זיין זייט דאָס בילד מיט די רויטע סטענגעלעך. איין אויגנבליק קוקט זיך דאָס פֿאָרפֿאָלק גלייך אין די אויגן אַריין און דאָס געשטאַלט פֿאַרשווינדט ווי אַ האַלוצינאַציע. שלמה דערשטיקט אַ קרעכץ און אַ ברוגזער אויף זיך אַליין קערט ער זיך אום צום בעט. דאָ בלייבט ער שטיין און ווייסט שוין גאָרנישט וואָס צו טון: אהרל, ווען ער שלאָפֿט האָט ער גאָר קיין יושר נישט אין זיך. ער ליגט שוין אין דער ברייט פֿונעם בעט. נאָר ער איינער, הייסט עס, איז אַ מענטש און דער צווייטער איז גאָרנישט. אַ צערייצטער גיט שלמה אַ פֿליק אַראָפּ די קאָלדרע מיטן פּוס און זי ליגט שוין ווי אַ קנויל ביי זיינע פֿיס. ווייס איך וואָס: אהרלען נעמט נישט קיין קויל, ער ליגט אַן אָפּגעדעקטער און שנאָרכט געשמאַק ווי אַ זויגלינג ביי דער מו־טערס בוזעם. וואָס טוט מען ווייטער? שלמה הייבט אונטער דאָס איבער־בעט און קויקלט אָפּ דעם שלאָפֿנדיקן ווייטער אַ ביסל. דערפֿילט אין שלאָף, אַז ער פֿליט ערגעץ, עפֿנט יענער גלייך אויף די אויגן, קוקט זיך געני־אַרום, פֿרעגט נישט קיין זאַך, רוקט זיך אָפּ צום סאַמע ראַנד און שלאָפֿט גלייך ווידער איין. שלמה דרייט זיך פֿון איין זייט אויף דער צווייטער — איין מאָל ניין, ער קען נישט איינשלאָפֿן! דאַן שפּרינגט ער אַראָפּ פֿון בעט ווי אַ פּרוזשינע, כאַפּט ווי עס איז אַרויף אויף זיך דאָס אָנטון, טאַנצט אַרויס דורכן פֿענצטער און לאָזט זיך לויפֿן דורך די פּוסטע גאַסן — אין פּאַרק אַריין.

אַרויסשפּרינגענדיק פֿון צימער, האָט ער אַפֿילו נישט באַמערקט, אַז עס באַגלייטן אים ביז גאָר דערשטוינטע, גרויסע צוויי אויגן און עס באַ־וועגן זיך געהיימניספֿול רויטע, רייצנדיקע סטענגעלעך אויף רונדע אַקס־לען פֿון העלפֿאַנט־ביין.

קאפיטל XVII

עס זענען פאַריבער עטלעכע טעג.

אין יענעם אָוונט האָט טשערקאַסער דזשאַז־אָרקעסטער און עסטראַדע־טעאַטער געגעבן אַ גרויסן קאָנצערט אין בעריאָזאָווע גאָרטן. אין שטאָט איז ווי מען זאָגט — נישט געבליבן אפילו קיין ליאַלקע. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער קאָנצערט האָט זיך שוין פאַרענדיקט, איז דער בעריאָזאָווע גאָרטן געוואָרן פּוסט. אַ טייל מענטשן זענען אַוועק אַהיים און אַ טייל זענען זיך צעקראָכן איבער די קוים־קוים באַלויכטענע פּאַרקן. דער וויטער, סודות־פולער הימל מיט זיינע שפּיציקע שטערנדלעך, האָט זיך פרום געטובלט אין די קרישטאָלענע טייכלעך. די סאָלאָווייען האָבן זיך לכבוד די געסט נישט געאיילט צו לייגן שלאָפן, און האָבן בחברותא אויפגעשפּילט איין פריילעכס נאָכן צווייטן. די גאַנצע נאַטור איז געווען מילד, רירנדיק און מלא־כשוף. פון הינטער די צעצווייגטע ליפּעס איז אויפגעגאַנגען אַן אָפּגעפאַרענע לבנה, אָבער נאָך אַ גענוג ליכטיקע. מיט איר באַווייזן זיך, האָט זיך דאָס וויבררן פון די הימלשע „חנוכה־ליכטלעך" פאַרשטאַרקט, פּונקט ווי די חומש־יינגלעך אין חדר פלעגן זיך שטאַרקער צעשאָקלען, ווען אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער ריש־דוכנא.* די טונקעלע, געשטרייפטע מאַסע פון די ביימער האָט אינעם דמיונות־פולן לבנה־אָפּשיין אויסגעזען ווי אַ גרויס, געהיימניספול אינדזל און די טייכן הינטער זיי — אומענדלעכע ווי דער ים אוקינוס. דער דאָזיקער דריי־שטאָקיקער „ים הגדול" איז געווען אַזוי געדיכט פאַרשלייערט אין דעם מיראַזשפולן לבנה־נעפּל, אַז נאָר דאָס אומאויפהערלעכע רוישן פון די וואַסערפאַלן האָט דערמאָנט דער וועלט אין זיין מציאות, און פון צייט צו צייט — דאָס נישט דרייסטע קוואַקען פון די זשאַבעס. אין די וויטע פעלדער, האָבן זיך פאַרבאָרגענע חיהלעך, — באַרוישטע פון דער פאַרשכורנדיקער נאַכט, — הילכיק איבערגערופן. אַלע יונגע ראַדיעצקים האָבן זיך צוזאַמען מיט שלמהן אויפגעהויבן אויף דער אַנטאַלקע. דאָרט איז געשטאַנען אַ געדיכטע פינצטערניש. בלויז אויפן ברעג טייך ביי די שיפלעך האָט אויף אַ סטויפּ געברענט אַן איינזאַם עלעקטריש לעמפּעלע. מענטשן זענען דאָ געזעסן אויף די בענק, אויפן גראָז, און אפילו אין די צעגעבונדענע שיפלעך. אַנדערע האָבן שפּאַצירט אין דער פינצטער. נאָך אַנדערע זענען סתם אַזוי געלעגן צעלייגט אין די געפלאָכטענע בעסעדקעס ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. פון דער ערד האָט געטראָגן מיט פייכטער צעפּאַרעטקייט און מיט אינערלעכער טעמפּעראַטור. פון די ביימער און פון די קוסטעס האָט געשמעקט מיט נישט פאַרטיקע עפּל און מיט פאַרוועלקטן בעז. אַ פידלער פון דער טשערקאַסער קאַפּעלע איז מיט זיינע באַקאַנטע אויך געלעגן נישט וויים פון ברעג און חברה קליינוואַרג האָט זיך געבאַלעוועט מיט זיין פידל. שלמה איז צוגעגאַנגען און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט:

---

* דער עלטערער באַהעלפער.

— ווייזט מיר אויף אַ ווײַלעטשקע דעם אינסטרומענט.

ער האָט אייַנציקווייז אַ פּרווו געטון די סטרונעס, מיט אַ מוטערלע־כער צאַרטקייט אַ פּיר געטון מיט דער דלאָניע איבערן סמיטשיק. דאָס פּי־דעלע האָט אונטערטעניק אַ קרעכץ געטון. שלמה האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, פאַרלייגט דאָס פידעלע אונטער דעם לינקן קינבאַק, און אומ־געריכט פאַר יעדן, האָט ער כמו ווי אויפגעמאַכט אַ שטאַרגל און אַרויס־געלאָזט פון דעם אויף דער פריי אַ היפשע מחנה שפּילפייגעלעך...

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן געעפנט מויל און אויערן. דאָס וואַסער אויף די טרעפ האָט זיך שטילער אָנגעהויבן צו שושקען. אַלע צעזייטע און צע־שפּרייטע איבער דעם ריזיקן פּאַרק האָבן זיך שטיל צוגעשאַרט נעענטער, נעענטער, נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון שלמהס רעכטער האַנט. שלמה האָט אין דער פינצטער גיריק געזוכט יוכבדס אויגן. ווען ער האָט זיי ענדלעך געפונען איז אים, פון דעם נישט־געוויינלעכן פייערל, וואָס האָט זיך געלויכטן אין זיי, געוואָרן לייכטער אויף דער נשמה. אַליין נישט וויסנדיק פאַר וואָס, איז אים געקומען אויפן געדאַנק דער פּסוק: „ורוח לבשה את עמשי — און אַ מעכטיקער גייסט האָט באַהערשט עמשי"... ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַן אומגעוויינלעכן צופלוס פון ענערגיע און התרוממות־הנפש, ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט מחויב צו אַנטפּלעקן פאַר אָט די שטומע ביימער זיינע פאַרבאָרגנסטע האָפענונגען, אויפעפענען דעם „לפני־ולפנים" פון זיין נשמה, וועלכער איז יאָרנווייז סגור ומסוגר פאַר דער גאַנצער וועלט. נישט וואַרטנדיק, אַז מען זאָל אים בעטן, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, דעם רעכטן פוס אַרויסגעשטעלט אויף פאָרנט, און מיט אומגעזעענע אָרעמס אַרומנעמענדיק די גאַנצע בריאה, האָט ער מיט אַן אָנגענעמען באַרכאַטענעם באַריטאָן אָנגעהויבן רופן און וועקן באַהאַלטענע נרדפים פון דער שטומער פינצטערניש:

Нелюдимо наше море,
День и ночь шумит оно;
В роковом его просторе
Много бед погребено.
Смело, братья, ветром полным
Парус мой направил я.

---

* ווייניק באַזוכט פון מענטשן איז אונדזער ים,
טאָג און נאַכט רוישט ער;
אין זיין גורלדיקן מרחב,
זענען פיל אומגליקספאַלן באַגראָבן.
זייט דרייסטער, ברידער, מיט אַ ווינט אַ פולן
מיין זעגלשיף האָב איך אָנגעשטעלט.

Полетит на скользки волны
Быстрокрылая ладья.
Полетит на скользки волны
Быстрокрылая ладья.
Облака бегут над морем,
Крепнет ветер, зыбь черней —
Будет буря, мы поспорим,
И поборемся мы с ней.
Смело, братцы! туча грянет;
Закипит громада вод,
Выше вал сердитый встанет,
Глубже бездна упадет.
Выше вал сердитый встанет,
Глубже бездна упадет.
Там, за далью непогоды,
Есть блаженная страна;
Не темнеют неба своды,
Не проходит тишина.
Смело, братья, бурей полный,
Прям и крепок парус мой;

עס וועט אַ פלי טון אויף די גליטשיקע כוואַליעס
דאָס שנעל גייענדיקע שיפל!
עס וועט אַ פלי טון אויף די גליטשיקע כוואַליעס
דאָס שנעל גייענדיקע שיפל!
כמאַרעס לויפן איבערן ים,
עס ווערט שטאַרקער דער ווינט, דער כוואַליע־שוים שוואַרצער —
עס וועט זיין אַ שטורעם, מיר וועלן זיך אַ קריג טון,
און מיר וועלן אַ קעמף טון מיט אים.
זייט דרייסט, ברידער! די כמאַרע וועט אָנפאַלן;
עס וועט אויפקאָכן דער וואַסער־תהום,
די בייזע כוואַליע וועט זיך העכער אויפשטעלן,
טיפער וועט דער אָפּגרונט פאַלן.
די בייזע כוואַליע וועט זיך העכער אויפשטעלן,
טיפער וועט דער אָפּגרונט פאַלן.
דאָרט, הינטער די מרחקים פון דער אומקומעניש,
איז דאָ אַ געבענטשט לאַנד;
דאָרט טונקלט קיין מאָל נישט דער הימל־קיילעך,
דאָרט הערט נישט אויף די שטילע רואיקייט.
זייט דרייסטער ברידער, פול מיט שטורעם,
געוואַגט און שטאַרק איז די זעגלשיף מיינע;

Нас туда выносят волны,
Будем тверды мы душой.
Нас туда выносят волны,
Будем тверды мы душой. *

די גאַנצע לאַנדשאַפט איז געווען באַצויבערט פון דער זיסער שטימע און מיטגעריסן מיט די מסירת־נפשדיקע קעמפער. דאָס אומשרעקעוודי־קע האַרץ פון דעם אומדערמידלעכן באַצווינגער פון בייזע כוואַליעס, האָט געקלאַפּט איבערן גאַנצן פּאַרק. די אומרואיקע נשמה פון דעם מוטיקן לוחם פאַר פרייהייט, פאַר אַ בעסערן מאָרגן, האָט אָנצינדנדיק אַראָפּגעקוקט פון יעדער צווייג, געטריפט מיט נחמה פון יעדן בלעטעלע, פון יעדן קנאָספּעלע. אַ שטערן האָט זיך געלאָזט פליען אין אַלכסון, ער האָט אַ פּנים געוואָלט אויסדריקן אַ דאַנק דעם שפּילער אין נאָמען פון זיינע חברים, און... איז נישט דערפלויגן. אָן אויפהער פון ליאַרעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן אויסגעבראָכן אויף דעם פאַרחלומטן אינדזעלע. ווי לעגענדאַרע נאַכט־היילות פון די באָבע־מעשהלעך הייבט מען זיך אָן אַרויסצוזעצן פון פריי־ער נישט באַמערקטע שיפלעך, אַרויסקריכן פון פאַרבאַרגענע אַלייען, זיך אַראָפּלאָזן פון צעצווייגטעביימער. אַלע בעטן ביי שלמהן, ער זאָל זינגען אַ צוויי דריי זאַכן, עס באַקומט זיך ביי אים אַזוי אויסערגעוויינלעך שיין, אַזוי וווּנדערבאַר, פאַר וואָס זאָל ער נישט וועלן צו ליב טון?

שלמה הייבט אויף די האַנט: ער וועט עפּעס זינגען, אָבער פריער וויל ער זאָגן עטלעכע ווערטער:

— חברים און חברטעס! איר בעט ביי מיר, אַז איך זאָל אייך זינ־גען אַ צוויי דריי זאַכן. איך וועל אייך זינגען און שפּילן אפילו זעקס, זיבן זאַכן און אין וועלכער שפּראַך איר וועט וועלן, יידיש אָדער רוסיש, אוקראַיניש אָדער גרוזיניש, — די ברירה איז ביי אייך. נאָר פריער דאַרפן מיר אַלע צוזאַמען פּועלן ביי אונדזער חברטע יוכבד ראַדי'עצקי, אַז זי זאָל אונדז זינגען כאָטש איין און איינציקע זאַך. איך האָב זי געהערט זינ־גען, זי קען...

די פינצטערניש איז יוכבדן גראָד דאָס מאָל שטאַרק צו נוץ געקו־מען. דאָס גאַנצע בלוט האָט איר אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין. פאַר אומגעריכטקייט האָט זי זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז זי האָט גאָרנישט געענט־פערט, זי האָט נאָר אָפּגעטראָטן אויף אַ שפּאַן צוריק. אַלע האָבן זי מאָ־מענטאַל אַרומגערינגלט, געבעטן זיך ביי איר:

אונדז טראָגן אַהין אַרויס די כוואַליעס,
לאָמיר האַרט זיין מיט דער גאַנצער נשמה.
אונדז טראָגן אַהין אַרויס די כוואַליעס,
לאָמיר האַרט זיין מיט דער גאַנצער נשמה.

— איין זאַך איז דאָך נישט אַזאַ גרויסע טרחה... באַרעכנט: איר — איין ליד, און ער — זיבן, דאַכט זיך אַ מציאה פאַר אַ גנב...

— חברים, טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר, איך וועל גאָרנישט זינגען! ער מאַכט מיט אייך אַ שפּאַס און איר מיינט עס אויף אַן אמת —

— וואָס אַרט אייך? זינגט וואָס עס איז נישט איז. צי איר קענט, צי איר קענט נישט, אָבער ער וועט דאָך שוין נאָך דעם מוזן זינגען... ער וועט דאָך נישט דרייען מיט דער צונג...

אירע ברידער האָבן זי שוין אויך אָנגעהויבן צוצורעדן:

— זינג שוין עפּעס, יוכבד. מילא, וואָס קען דאָרט זיין ? ממה־נפשך... ווי אַזוי עס וועט זיך באַקומען, וועט זיך באַקומען. זעסט דאָך, אַז דו האָסט זיך דאָ אַריינגעפּאַקט. זינג וואָס עס איז...

יוכבד, אין רעכטן גרימצאָרן:

— עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! מיט גאָרנישט האָב איך זיך אַריינ־געפּאַקט! איר ווילט ? — זינגט ! איך זינג נישט ! וואָס בין איך עפּעס, אַן אַרטיסטקע, צי וואָס?

שלמה ענטפערט איר ווייך:

— ווער זאָגט אייך דען, אַז ניין, חברטע ראַדיעצקאַיאַ? איך בין אייך ערוב, אַז ווען איר גיט זיך אָפּ דערמיט וואָלט פון אייך אַרויסגעקומען אַן ערשטקלאַסיקע אַרטיסטקע.

און אַזוי שטיל, אַז קיין פרעמדער אויער זאָל נישט דערהערן :

— זינגט, זינגט, האָט נישט קיין מורא, צו אייער טאַטן וועט דאָס נישט אָנקומען. אויף מיין אחריות! און טאָמער חלילה יאָ, נעם איך די גאַנצע שולד אויף זיך. זייט זיכער, מיך וועט ער נישט פּאַטשן —

שלמה האָט געטראָפן אין רעכטן ציל אַריין. איר אייגן־ליבע איז געוועז אָנגערירט. אירע אויגן געבן אַ פינקל מיט פאַרדראָס און זי שיפּעט אַרויס אין זיין ווינקל אַריין:

— אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר דער טובה, מיך וועט ער אויך נישט פּאַטשן. און בכלל, גאָרנישט איבערן טאַטן זאָג איך זיך אָפּ, איך אַליין וויל נישט.

— איי, יוכבד, יוכבד... אָדער אייערע אויגן נאַרן אָפּ די וועלט, אָדער איר גיט זיך אוים טרוקענער ווי איר זענט באמת. קוקט אייך אום, וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע לבנה־נאַכט עס איז היינט, ווי שיין עס הילכט אָפּ דאָס קול לעבן וואַסער. קוקט, ווי מען וואַרט מיט אומגעדולד אויף אייער אַרויסטריט. אַזאַ ערטעלע און אַזאַ אויפמערקזאַמע אוידיטאָריע וואָלטן זיך געוווּנטשן די שענסטע סאָליסטן אין דער וועלט. זינגט שוין עפּעס, זינגט. איר קענט דאָך במילא נישט זיין קיין שלעכטע, אַז נישט דאַרפט איר איבערבייטן אייערע אויגן...

יוכבד צעלאַכט זיך, זי האַקט זיך אָבער באַלד אַליין אָפּ. זי קוקט פאַרלוירן שלמהן אין די אויגן אַריין און רעדט שטאַמלענדיק:

— וואָס ווילט איר האָבן פון מיין לעבן? איך קען נישט זינגען, און שוין!

שלמה ווערט אָבער אַזוי גיך נישט איבערראַשט, ווען עמעצער גייט נישט איין אויף זיין בקשה. זי מעג זיך אָפּזאָגן און ער דאַרף טון זיינס. מיט איין „יהי־רצון" איז אפילו אין הימל אויך שווער עפּעס צו פּועלן. און ער זעצט פּאַר מיט דעם זעלבן פליושענעם קול, נישט הויך, נישט היציק, נאָר צורויבנדיק ביי יענעם דעם ווילן:

— ע, חברטע ראַדיעצקאַיאַ, וואָס ווילט איר אונדז איינרעדן? ווען איר זאָלט טאַקע נישט קענען, ווער וואָלט אייך דאַמאָלסט געוואַגט צו טשעפּען? איר קענט דאָך אָבער יאָ! און אויב אפילו מיר'ן אייך נאָכגעבן, אַז אייך גלוסט זיך נישט שטאַרק צו זינגען, אָבער מיינע שפּעטערדיקע לידער, וואָס איך דאַרף זינגען נאָך אייך, האָבן שוין גאַרנישט די ווערט? און ווידער, טאָמער זינגט איר אַ באַקאַנט לידל, וועל איך אייך אונטער־האַלטן אויפן פידל, וועט זיין היימלעכער. פאָלגט מיך, שפּאַרט זיך נישט איין!

— גוואַלד, וואָס ווילט איר האָבן פון מיר? איך האָב שוין נישט קיין כח צו ראַנגלען זיך מיט אייך, נאָר וואַרט, איך וועל זיך דערפאַר אַ מאָל נוקם זיין אין אייך...

— אפילו שוין! מיין בלוט איז פון איצטיקער מינוט אָן — הפקר! איר קענט טון מיט מיר וואָס איר ווילט...

יוכבד רוקט זיך אָפּ פון אים אַ ביסל פאַרשעמט. אויף אַ ווייַלע פאַרטראַכט זי זיך, דערנאָך פרעגט זי אים נישט דרייסט:

— דאָס ליד וועגן דער עלנטער „ריאַבינאַ" * און דעם שטילינקן טייכעלע האָט איר אַ מאָל געהערט?

— מיין מאַמע פלעגט מיך פאַרוויגן מיט אָט דער מעלאָדיע...

— הייבט זשע אָן, נאָר נעמט נישט קיין צו הויכן טאָן.

— אַ הויכער מענטש דאַרף זיך נישט שרעקן פאַר קיין הויכן טאָן.

— געזאָגט — פאַרפאַלן! אַלזאָ: Рябинушка да реченька.

דאָס פידעלע האָט אויף אַ מיטעלן אַלט אויסגעפירט דעם מאָטיוו פונעם ערשטן קופּלעט און האָט פאַרוואָרפן דעם עק פונעם פאָדעם ערגעץ אויף די שפּיץ ביימער. פון דעם געהיימניספולן חשכות האָט זיך נישט דרייסט אָנגערופן אַ זיסע, געפילפולע שטימע פון אַ ליידנדיקער, פון דער „ריאַבינאַ", וואָס זעט פאַר זיך אַן אופן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון איר איינזאַמקייט, נאָר זי ווייסט אָבער גוט, אַז אָט דער טרוים וועט קיין מאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. איר קלאַנגען זיך איז געמישט מיט אויסגע־שטאַנענער מעלאַנכאָליע, מיט ביטערן יאוש. די פאַראורטיילטע אויף איי־ביקער בדידות פּראָטעסטירט נישט קעגן הימל. זי איז ח"ו נישט מתרעם אויף דעם באַשעפער און מאָנט ביי אים נישט קיין בעסערן גורל, ניין! זי פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז אויב מען איז נישט „משנה מקום", איז מען אויך נישט „משנה מזל", און דאָס איז דאָך אוממעגלעך! נישט מער, זי

* אַזאַ לאַנגע, דינע ווערבע, מיט שמאָלע, צאַרטע בלעטעלעך.

רעדט זיך אוים דאָס האַרץ... זי וויל מיט אַט די עטלעכע ווערטער אַ ביסל לויזער מאַכן דאָס מאָנאָטאָנישקייט פון איר טאָג־טעגלעכן לעבן; מיט אַט די נאַרישע ווונטשן — אַריינטראָגן כאָטש אַ פונק אָפּנאַרערישן שיין אין איר קאָלירלאָזן לעבן. אין די וויבּרירנדיקע טרעלן פילט זיך דאָס עצבות פון דעם צערטלעכן טייכעלע, פון דעם פּוסט געוואָרענעם פעלד.

די זינגערין אַליין זעט מען כמעט נישט אַרוים, די טינט־שוואַרצע, אוקראַינער זומערנאַכט האָט זי זאָרגעוודיק איינגעהילט אין אירע גרוימע שלייערן, אָבער איר קול ווערט אַלץ שטאַרקער און זאַפּטיקער, די מעלאָ־דיע אַלץ טיפער, די ווערטער אַלץ דורכנעמענדיקער. פאַר די אויגן שווימט אַרוים אַ גלותדיק וואַסערל, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער, אין האַרצן איינגעבאַקענער לאָנקע, און בלאָנדזעט אויף פרעמדע פליינען, דראַפּעט זיך אויף שפּיציקע שטיינער, גייט און פאַלט, גייט און פאַלט. עס כאַפּט אָן ביים האַרצן אַ רחמנות אויף דעם יונג־אויסגעוואָרצלטן טייכעלע, אויף דעם פאַריתומטן שטיקל פעלד מיט דער אויסגעטרוקנטער קאָרעטע לענג־אוים דער שורה פאַרוועלקטע בלומען — זכר לחורבן... פאַר די אויגן שווימט אַרוים אַ האַלב חרובע כאַטע נישט ווייט פונעם פאַרוואָרלאָזטן וועג, אַרום דעם לײמענעם הייזל — אַ געפלאָכטענער פּאַרקן און האַרט ביים פּאַרקן — אַ יונג, בייגעוודיק ביימל. אין אַ פאַסמורנעם האַרבסטיקן פרימאָרגן פליט אַ שיירא וואַנדערפייגל למדינת־הים און שטעלט זיך אָפּ אויף דער „ריאַבינאַ" אַ ביסל כאַפּן דעם אָטעם און שוין טאַקע פאַר איין וועגס עפּעס אַ פּיק טון. דער ראש־השיירא באַטראַכט זיין יונגע בעלת־אכסניא ווי זי שטייט נעבעך אַ פאַרשעמטע און אַ פאַרוואָגלטע ווי אַ יונג ווייבל, וואָס דער מאַן, דער אכזר, האָט זי אַוועקגעוואָרפן און זי איבער־געלאָזט אַ וויסטע עגונה צו שאַנד און צו שפּאָט און צו לייטיש געלעכ־טער, ער דערפילט איר פאַרשטיקטן טרויער און פרעגט זי מיט גרויס מיטגעפיל:

Что стоишь качаясь,
Гордая рябина
Головой склоняясь
До самого тына?
Головой склоняясь
До самого тына?

* וואָס שטייסט דו זיך וואַקלענדיק,
דו שטאָלצע ריאַבינאַ,
מיט דעם קאָפּ טיף אַראָפּגענויגט
ביז צו דעם סאַמע פלויט?
מיט דעם קאָפּ טיף אַראָפּגענויגט
ביז צו דעם סאַמע פלויט?

И рябина, с глубокой печалью, отвечает ему тихо:

Там через дорогу,
За рекой широкой,
Так же одиноко
Дуб стоит высокий.
Так же одиноко
Дуб стоит высокий.
О! если б мне, рябине,
К дубу перебраться,
Я б тогда не стала
Век одной качаться.
Я б тогда не стала
Век одной качаться.
Тонкими ветвями
Я б его обняла,
И с его листвою
День и ночь шептала.
И с его листвою
День и ночь шептала.

און די ריאַבינאַ, אַ באַטריבטע, ענטפערט אים שטיל:

דאָרט איבער דעם שליאַך,
אויף יענער זייט ברייטן טייך,
אויך אַזוי איינזאַם
שטייט אַ דעמב אַ הויכער...
אויך אַזוי איינזאַם
שטייט אַ דעמב אַ הויכער...
ווען איך, ריאַבינאַ, זאָל קענען
צום דעמב זיך אַריבערקלייבן
וואָלט איך דאַן נישט געמוזט
יאָרן־לאַנג אַן עלנטע זיך וויגן...
וואָלט איך דאַן נישט געמוזט
יאָרן־לאַנג אַן עלנטע זיך וויגן...
מיט מיינע דינע צווייגן
וואָלט איך אים אַרומגענומען,
און מיט זיינע בלעטער
טאָג און נאַכט זיך געסוידעט...
און מיט זיינע בלעטער
טאָג און נאַכט זיך געסוידעט...

Но нельзя рябине
К дубу перебраться,
Знать, судьба такая
Век одной качаться.
Знать, судьба такая
Век одной качаться.

Стая странствующих птиц летит дальше и видит:

По полю, полю чистому,
По бархатным лужкам
Течет, струится реченька
К безвестным бережкам.
Течет, струится реченька
К безвестным бережкам.
Взойдет гроза, пройдет гроза —
Всегда светла она!
От бури лишь поморщится,
Не зная — что волна?...
От бури лишь поморщится,
Не зная — что волна?...

נאָר עס קען נישט די ריאַבינאַ
צום דעמב זיך אַריבערקלייבן,
ווייזט אויס, אַזוי איז איר שוין אָנגעצייכנט
אייביק אַן עלנטע זיך וויגן...
ווייזט אויס, אַזוי איז איר שוין אָנגעצייכנט
אייביק אַן עלנטע זיך וויגן...

די שיירא וואַנדערפייגל פליט ווייטער און זעט:

איבערן פעלד, פעלד דעם ריינעם,
איבער פליושענע לאָנקעס
ריזלט, פליסטערט אַ טייכעלע
צו אומבאַוווסטע ברעגן.
ריזלט, פליסטערט אַ טייכעלע
צו אומבאַוווסטע ברעגן.
קומט אָן אַ שטורעם, גייט פאַריבער אַ שטורעם —
שטענדיק איז דאָס ליכטיק!
פון אַ שטורעמווינט גיט עס זיך נאָר אַ רונצל,
נישט וויסנדיק — וואָס איז אַזוינס אַ כוואַליע?...
פון אַ שטורעמווינט גיט עס זיך נאָר אַ רונצל,
נישט וויסנדיק — וואָס איז אַזוינס אַ כוואַליע?...

Не рощи, не дубравушки
По бережку растут,
Кусты цветов лазуревых,
Любуясь в ней, цветут!
    Кусты цветов лазуревых,
    Любуясь в ней, цветут!
А речка извивается,
По травушке скользит...
То в ямке потеряется,
То снова заблестит!
    То в ямке потеряется,
    То снова заблестит!
Ей убыли неведомы,
Всегда в одной красе!
За прибыль благодарствует
Небесной лишь росе!
    За прибыль благодарствует
    Небесной лишь росе!
Но долго ль, долго ль, реченьке
Катиться по цветам?

נישט קיין וועלדלעך, נישט קיין לעוואַדעס
וואַקסן ביי די ברעגלעך,
נאָר קוסטעס בלוילעכע בלומען
בליען דאָרט שפּיגלענדיק זיך אין דעם.
    נאָר קוסטעס בלוילעכע בלומען
    בליען דאָרט שפּיגלענדיק זיך אין דעם.
און דאָס טייכל שלענגלט זיך,
גליטשט זיך איבערן גראָז...
טאָ ווערט עס פאַרשווונדן אין אַ גריבל,
טאָ בלישטשעט עס פון דאָס ניי!
    טאָ ווערט עס פאַרשווונדן אין אַ גריבל,
    טאָ בלישטשעט עס פון דאָס ניי!
פון קיינע אָפּפלוסן ווייסט עס נישט,
ס'איז שטענדיק אין דער זעלבער פּראַכט!
פאַר דעם צופלוס דאַנקט עס נאָר
דעם הימלשן טוי!
    פאַר דעם צופלוס דאַנקט עס נאָר
    דעם הימלשן טוי!
אָבער צי לאַנג, צי לאַנג נאָך וועט דאָס טייכעלע
זיך קויקלען איבער די בלומען?

Ждут бездны моря, светлую,
В дали туманной, там!
Ждут бездны моря, светлую,
В дали туманной, там!

И милая птица издает сердцераздирающий стон:

О, поле, поле чистое!
Осиротеешь ты...
И вы, и вы посохните,
Лазуревы цветы!
И вы, и вы посохните,
Лазуревы цветы! *

אָט דאָס אַלטע רוסישע לידעלע האָט שוין שלמה פיל מאָל געהערט, נאָר זינגען עס מיט אַזאַ געפיל, מיט אַזוי פיל הארציקייט, דאָס האָט ער געהערט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. די „ריאַבינאַ“ האָט דאָ געלעבט און זיך געפונען ערגעץ דאָ אין גאָרטן. און דער געגאַרטער דעמב האָט דאָ געלעבט, און דער פאַרוואַקסענער שליאַך האָט דאָ געלעבט, און דאָס פאַראורטיילטע טייכעלע האָט דאָ ערגעץ באַקלאָגט דעם אומפאַרמיידלעכן אומקום פון דער יוגנט־אידיליע...

די לבנה, דערהערנדיק, אַז ביי די קינדער איז עפּעס שטיל געוואָרן, האָט זי עטוואָס אונטערגעהויבן איר נאַכט־טשיפּיק און האָט אַראָפּגע־קוקט. זי איז שוין געווען שטאַרק פּגום, ממש אַראָפּגעשאָסן אַ באַק. די שטערנדלעך, אויפגעוועקטע דורך דער אומרואיקער אויפזעערין, האָבן נעבעכדיק געבלינצלט מיט זייערע נישט־אויסגעשלאָפענע אייגעלעך.

אַלע דערביי שטייענדיקע האָבן זיך אַנטציקטע אַ וואָרף געטון צו יוכבדן איר דריקן די הענט אויס דאַנקבאַרקייט. זי איז געשטאַנען אַ בלייכע, אַ פאַרשעמטע און האָט כמעט נישט געענטפערט אויף זייערע האַנט־דריקן. שלמה האָט איר ווייך געזאָגט:

— לויט אונדזער אָפּמאַך, ווילט איר מן הסתם זאָגן, זענט איר שוין פריי, איאָ אַזוי?

עס דערוואַרטן דאָס ליכטיקע אָפּגרונטן פון ים,
אין דער פאַרנעפּלטער ווייט, דאָרטן!
עס דערוואַרטן דאָס ליכטיקע אָפּגרונטן פון ים,
אין דער פאַרנעפּלטער ווייט, דאָרטן!

און דער מילדער פויגל גיט אַ האַרצרייסנדיקן קרעכץ:

אָ פעלד, פעלד דו ריינס!
פאַריתומט וועסטו ווערן...
און אויך איר, אויך איר וועט פאַרטרוקנט ווערן,
בלוילעכע בלומען!
און אויך איר, אויך איר וועט פאַרטרוקנט ווערן,
בלוילעכע בלומען!

יוכבד איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענע און האָט גאָרנישט געענטפערט.

— איז אָט וואָס, מאַדמואַזעל. ווען איר וואָלט פון דער ערשטער מינוט אָן געווען אונדז צו ליב געטון און געזונגען, וואָלט טאַקע אַזוי גע־ווען, איינס און געגוג, נאָר אַזוי ווי איר האָט מחילה אַ ביסעלע געבלאָפט, געזאָגט, אַז איר קענט נישט, כאָטש איר יכולט נאָך בעסער פון מיר, דע־ריבער דאַרפט איר אונדז איבערבעטן נאָך מיט איין לידעלע און מער נישט. איך גיב אייך דערויף מיין ערנוואָרט, אַז — עד כאן! אפילו איר זאָלט אונדז שוין בעטן, וועלן מיר אייך מער נישט לאָזן, און דערנאָך וועל איך שוין זינגען אפילו ביז מאָרגן אין דער צייט...

יוכבד האָט לאַכנדיק געענטפערט:

— גוט, איך וועל אַ טראַכט טון און זיך נאָך עפּעס דערמאָנען, אָבער דערווייל זינגט איר עפּעס.

— אויסגעצייכנט, איך באָרג אייך אויס אַ לידעלע, נאָר געדענקט זשע: נאָר אַלס אַ גמילת־חסד, און איר דערווייל דערמאָנט זיך, טראַכט און דערמאָנט זיך.

— איך וויל דאָך אָבער אויך הערן...

— ווער זאָגט אייך דען, אַז איר זאָלט נישט הערן? הערט און טראַכט, הערט און דערמאָנט זיך.

דאָס פידעלע האָט אַ שוועב געטון אין דער לופטן און עס האָט זיך דערהערט אַ מעכטיקער, נאָר אַ זיסער טענאָר:

Была весна,
Мы встретились с тобою —
Я тогда еще молод был,
А ты — еще дитя... *

יוכבדן האָט דורכגענומען אַ שוידער, עס האָט זיך איר נאָר געדאַכט: אָט באַלד וועט ער אין אָט דעם אימפּראָוויזירטן לידל אָנרופן איר נאָמען... אַן אומפאַרשטענדלעכער פחד האָט זי אַרומגעכאַפּט פון דעם געדאַנק. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון וואָס זי טוט, האָט זי פלינק אָפּגעשטעלט זיין האַנט מיטן סמיטשיק און אַ געשריי געטון:

— כ'האָב מיך דערמאָנט! כ'האָב מיך דערמאָנט! איר וועט שוין אייערס נאָך דעם ענדיקן, ווייל איך קען נאָך פאַרגעסן —

און נישט וואַרטנדיק דערויף, ווי אַזוי דאָס פּובליקום וועט רעאַגירן אויף איר עזותדיקן מאַנעווער — איז זי אַרויסגעגאַנגען אויף דער מיט פּלאַטשטשאַדקע, האָט חנעוודיק פאַרפלאָכטן די הענט אויפן האַרצן און מיט אַ רואיקן אָנגענעמען טאָן אָנגעהויבן:

---

* עס איז געווען וועסנע,
מיר האָבן זיך ביידע באַגעגנט —
איך בין דאַן נאָך יונג געווען,
און דו — נאָך גאָר אַ קינד...

Тускло месяц дальний
Светит сквозь тумана,
И лежит печально
Снежная поляна.
Белые с морозу
Вдоль пути рядами
Тянутся березы
С голыми сучками.
И вот я опять в дороге.
Ночная январьская хмарь.
Бегут говорливые санки
И шатко, и валко, как встарь.
Дорога довольно хорошая,
Провожает равнинная, тихая звень.
Луна золотою порошею
Осыпала даль деревень.
Мелькают часовни, колодцы,
Околицы и плетни.
И сердце по старому бьется,
Как билось в далекие дни.

---

* טונקל די ווייטע לבנה
לייכט דורך דעם נעפּל,
און עס ליגט טרויעריק
דאָס פאַרשנייטע פעלד.
ווייסע פונעם פראָסט
לענג־אויס דעם וועג, אין רייען
ציען זיך בעריאָזעס
מיט נאַקעטע סענקעס.
און אָט בין איך ווידער אין וועג.
נאַכטיקע יאַנואַרסקע כמאַרנעקייט.
עס לויפט דאָס סקריפּענדיקע שליטעלע
אי וואַקלענדיק, אי טרייסלענדיק, ווי אַ מאָל.
דער וועג איז גענוג אַ גוטער,
ס׳באַגלייט אַן אומענדלעכער, שטילער געקלאַנג.
די לבנה האָט מיט גאָלדענעם שטויב
באַשאָטן די דערפלעך וואָס ליגן אין דער ווייט.
עס לויפן פאַרביי קלויסטערלעך, ברונעמס,
סלאָבאָדקעס * און פּלויטן.
און דאָס האַרץ קלאַפּט ווי אַ מאָל,
ווי עס האָט זיך געקלאַפּט אין די ווייטע טעג.

---

* דער אָנהייב אָדער עק פונעם דאָרף.

Тройка мчится лихо,
Колокольчик звонок;
Напевает тихо
Мой ямщик спросонок.
Однозвучно гремит колокольчик,
И дорога корчится слегка;
И уныло по снежному полю
Разливается песень ямщика.
Столько грусти в той песне унылой,
Столько грусти в напеве родном,
Что в душе моей хладной, остылой,
Разгорелось сердце огнем.
И припомнил я ночи иные
И родные поля и леса,
И на очи, давно уж сухие,
Набежала, как искра, слеза.
Синий туман. Снеговое раздолье,
Тонкий, лимонный, лунный свет.
Сердцу приятно с тихою болью

די טראָיקע * טראָגט זיך שמיידיק,
און דער געקלאַנג פון דעם גלעקעלע;
שטיל זינגט זיך אונטער מיין פורמאַן פון שלאָף.
מאָנאָטאָן קלינגט דאָס גלעקעלע,
און דער וועג קאָרטשעט זיך לייכט;
און אומעטיק איבערן פאַרשנייטן פעלד
צעגיסט זיך די ליד פונעם פורמאַן.
מיט וואָס פאַר אַ טרויער איז דורכגעווייקט יענץ ליד,
דאָס אומעטיקע,
אַזוי פיל בענקשאַפט אין היימישן ניגון,
אַז אין מיין קאַלטער נשמה, דער פאַרגליווערטער,
האָט זיך צעפלאַקערט דאָס האַרץ מיט אַ פייער.
און איך האָב זיך דערמאָנט אין אַנדערע נעכט
אין די היימישע פעלדער און וועלדער,
און אויף די אויגן פון לאַנג שוין טרוקענע
איז אָנגעלאָפן, ווי אַ פונק — אַ טרער.
אַ בלויער נעפל, שנייאיקע מרחבים,
אַ דינע לבנה־שיין פון לימענע קאָליר,
דעם האַרצן איז אָנגענעם מיט אַ שטילן ווייטיק

---

* אַ געשפאַן פון דריי פערד.

Что нибудь вспомнить из ранних лет.
Я в санях валких
Еду да тоскую:
Скучно мне здесь, да жалко оставить
Сторону родную.
Однозвучно гремит колокольчик,
И дорога снежится слегка,
И замолк мой ямщик,
А дорога предо мной далека, далека... *

ס'איז שווער צו טרעפן, וואָס אַזוינס אין דעם דאָזיקן ליד עס האָט אַזוי פאַרכשופט דעם גאַנצן עולם אויף דער אַנטאַלקע. צי דאָס אומעטיקע ליד, וואָס האָט יעדן איינעם אָנגעווייעט אַ נאָגנדיקן עלנט אויף דער נשמה; צי די טרויעריקע מעלאָדיע, וועלכע יוכבד האָט איבערגעגעבן מיט אַזוי פיל הארץ, אַז ס'האָט זיך געוואָלט איר פאַלן צו די פיס און בעטן זי נישט אויפהערן; צי אפשר איז גאָר דערינען שולדיק דאָס פידעלע, וואָס האָט אַזוי וווּנדערבאַר אויפגעלעבט דעם ווינטערדיקן פּייזאַזש, און אַזוי רירנדיק געזעגנט דעם אייביקן וואַנדערער; צי אפשר גאָר די פינצטערניש פון דער נאַכט? אפשר גאָר דער סודותדיקער גערויש פון דעם נאָענטן וועלדל? אפשר גאָר די פאַרכשופטע שטערנדלעך און דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס אין די פיר טייכן: קוואַ־קוואַ, קוואַ־קוואַ... און אפשר גאָר דאָס אַלץ צוזאַמען? נאָר דאָס איז אַ פאַקט, אַז ווען יוכבד האָט געענדיקט דאָס ליד, האָבן שוין אַלע געהאַט פאַרגעסן דעם פאַרדראָס פאַר איר איבעררייסן שלמהן אין דער מיט. אַלע האָבן געפּליעסקעט, וויפל עס איז נאָר כח געווען...

נאָך יוכבדן האָט נאָך שלמה פיל געזונגען און געשפּילט. מיטן באַגינען, ווען שטערן האָבן זיך שוין געלאָשן און די טייכן האָבן אָנגעהויבן העלער צו ווערן, איז זיך די פריילעכע קאָמפּאַניע אַ צופרידענע צעגאַנגען איבער די היימען.

---

*וואָס עס איז זיך דערמאָנען פון די פריע יאָרן.
אויף דעם טרייסלענדיקן שליטן
פאָר איך און בענק:
ס'איז מיר טאַקע דאָ אומעטיק, אָבער דאָך
אַ שאָד איבערצולאָזן
דאָס אייגענע ווינקעלע.
מאָנאָטאָן קלינגט דאָס גלעקעלע
און דער וועג שנייט זיך לייכט,
און ס'איז אַנטשוויגן געוואָרן מיין פורמאַן,
און דער וועג פאַר מיר איז נאָך אַ ווייטער, אַ ווייטער...

קאפיטל XVIII

אין די שוויציקע זומער־בייטאָגן, ווען דאָס גאַנצע שטעטל זינקט אין אַ לעטאַרגישן שלאָף, בעטן זיך אויס די ברידערלעך, הירשל און אהרל, ביי די קלייט־מענטשן און מען גייט מיט שלמהן זיך אַ ביסל ארומשלעפּן איבער דער שטאָט. הירשל, איז אַ יונגערמאַן אַ תּלמיד־חכם. אהרל, אויך אַ שטיקל יודע־ספר, אָבער שוין נישט דאָס, לא מניה ולא מקצתיה. שמו־עסט מען פון תורה — גייט אהרל נאָך אַ שלעפּעריקער, שמועסט מען פון „דער רוח ווייסט וואָס" — איז דאָס הערשל נישט גורס, בקיצור: שמועסט מען פון אַלצדינג. וואָס מען זעט מיט די אויגן, דאָס נעמט מען אין מויל אריין. אָבער מערסטן טייל פאַרקערעוועט דער שמועס אויף דער עקאָנאָ־מישער לאַגע, דאָס וואָס עס אינטערעסירט זיי אַלע אַממיינסטנס.

שלמה דערפרעגט זיך:

— זאָג מיר, הירשל, ווען מאַכט איר פּרנסה? פאַר מיר איז דאָס אַ מדרש־פּליאה...

— טשעפּע נישט דעם מדרש, ווייל מען מאַכט טאַקע נישט.

— אָבער דאָך, פון עפּעס לעבט איר דאָך... אָט גייען מיר איצט פון דער קלייט, עס קומט נישט אריין קיין משוגענער הונט, און האָט, דאַכט זיך, נישט נאָך וואָס אריינצוקומען אויך. ווי אַזוי זשע פאַרט? עפּעס ווייזט מיר אויס דער גאַנצער מסחר אייערער, ווי אַ מגדל הפורח באויר... נישט אהער, נישט אהין...

— ווו האָסטו געזען אַ „מגדל"? ניין, ברודערקע, אויר, בלויז אויר. נישט וואָס עס ווייזט דיר אויס, נאָר אַזוי איז דאָס טאַקע. מיר קומען אָפּ פאַר אַן „אשם־תלוי". נישט מער, איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו חידושסט זיך. ווי אַזוי דען וואָלסטו פאַרשטאַנען זאָל זיין? אונדזער ביידל ווערט דאָך פאַררעכנט פאַר אַ שטיקל קאָאָפּעראַטיוו, אומשטיינס געזאָגט, זענען מיר דאָך שוין נישט הפקר, די מלוכה זאָרגט פאַר אונדז. איצט, אַז אַליין קיין סחורה האָבן זיי נישט, קויפן עפּעס מן הצד, איז אסור חזיר, נאָך ערגער פון „בשר חוץ", זיצט מען אַ גאַנצן טאָג אין קלייט, מען גלאָצט מיט די אויגן איינער אויפן אַנדערן און מען נודיעט זיך אויס די נשמה.

— יאָ, ס'איז אייך דאָ וואָס צו מקנא זיין. אָבער על־כל־פּנים קען אייך כאָטש די פינאַנסאינספּעקציע נישט באַשטעלן מיט נאַלאָגן לויט אירע ווילדע השערות, ווי זי פּלעגט דאָס טון לגבי אונדז. אין דעם פאַל, גלייב איך, מוז זי זיך שוין רעכענען נאָר מיט די פאַקטורעס וואָס איר שטעלט איר צו... דאָס איז אויך אַ שטיקל ענין... וואָס, נישט אַזוי?

אהרל גיט זיך אַ קראַץ אונטער דער פּיאה:

— הערסטו, שלמה, איך וואָלט דיר אויף דיין קלוגער המצאה דער־ציילט אַ וויץ, איז ער אָבער צו אַ גראָבער... מילא, זאָל שוין זיין...

— דערצייל, דערצייל, פון ווען אָן ביסטו עס געוואָרן אַזאַ מפונק?

— גערענק, האָב זשע נישט קיין פּאַראיבל פּאַר אַ פּעפּערדיק וואָרט. מען דערציילט, אַז אַ מאָל האָט אַ ייִד, אַן עני ואביון, אַ מטופּל מיט קינדער, וואָס האָט אין שטעטל געוווינט העט־העט הינטער דער באָד, זיך פאַרקלאָגט פאַר זיינעם אַ ידיד, אַז דער מצב איז ביי אים זייער שפּל. וואונדערט זיך יענער: — „וואָס, דו קלאָגסט זיך אויך? דו ביסט דאָך קיין עין הרע אַ ייד אַן עושר!" — „איך אַן עושר? פון וועמען אַן?" — „וואָס הייסט פון וועמען? אין דער גמרא שטייט דאָך: „איזהו עשיר, כל שבית־הכסא סמוך לשלחנו"... דער ייד גיט זיך אַ קראַץ: — „וואָס זאָל איך דיר זאָגן? די חכמים זענען אפשר געווען גערעכט, נאָר מיט דעם דאָזיקן עשרות, קען מען קיין טאָכטער נישט חתונה מאַכן"...

שלמה שלינגט גלאַטיק אַראָפּ דעם פאַרדינטן פּאָרוואורף און ווענדעט זיך שוין צו הירשלען:

— זאָג מיר, גוטער ברודער, איר האָט געפּרוווט זיך משתדל זיין ביים פּאָרזיצער פון דער ראַיאָן־פינאַנס־אָפּטיילונג, אַז מען זאָל אייך פאַרטאָפּלען דעם פּלאַן, ווייל איר זענט קיין עין־הרע אַ גרעסערע פאַמיליע? דאַן וואָלט במילא —

— וואָס פרעגסטו ערשט, צי מיר האָבן געפּרוווט? וואָס דען, מיר האָבן נישט געפּרוווט? פון אים האָבן מיר אָנגעהויבן —

— נו?

— וואָס נו? האָט ער געענטפערט: וימאן, נאָך מיט אַ „שלשלת".

— און וואָס האָסטו עפּעס געזאָגט: „אָנגעהויבן"?

— ווייל נאָך זיין אָפּזאָג האָבן מיר אַוועקגעשריבן אין דער געגנט־פין־פּלאַן־אָפּטיילונג. אַלץ טאָמער האָבן זיי פּאַר אונדז עפּעס נאָך —

— האָבן זיי געענטפערט —

— ווער זאָגט דיר, אַז זיי האָבן געענטפערט? אַנשטאָט צו ענטפערן: „גאָרנישט", האָבן זיי „גאָרנישט" געענטפערט.

— און פון צוהאַנדלען אַ ביסל „בלחש", ווילט איר, הייסט עס, נישט הערן? פון אונטער דער פּאָלע קריגט מען דאָך די אַלע קראָמען מיט אַ גוזמא ביליקער.

הירשל גיט אַ קנייטש זיין שיינעם ווינקלדיקן שטערן:

— ס'איז נישט אַזוי וויט, ווייל מען וויל נישט, ווי ווייל מען קען נישט... קודם, איז דאָך די סכנה זייער גרויס. מען האָט מורא: „שמא יקדים קנה לושט".* דאָס שטעטל איז קליין. אַלץ איז ווי אויף דער דלאָניע. יעדער איינער ווייסט, וואָס ביים צווייטן קאָכט זיך, נאָך בעסער ווי ביי זיך אַליין. והשנית, ווו נעמט מען ממתקים? וואָס קומט אַרויס, אַז דער אָקס איז אַ גראָשן, אויב דער גראָשן איז נישטאָ... ס'איז ביי דיר ערשט אַ נייעס, אַז „עני חשוב כמת"? די גמרא זאָגט: אין חרש־עצים

---

* געמיינט: טאָמער וועט מען שלעכט אַראָפּשלינגען דעם אומגעזעצלעכן ביסן.

בלי קרדום, * אַזוי איז דאָס. אַז מען האָט נישט קיין פּולווער, גוטער ברו־דער, קען מען קיין קריג נישט פירן. ווען מיר האָבן כאָטש דאָס געלט, וואָס די פינאַנספּעקציע האָט פאַר אַ יאָרן ביי אונז אויסגעזויגן איבעריקס, בטעות...

— בטעות?

— יאָ, בטעות. מען האָט אונדז געמאַכט אַ שניידערשן חשבון: „פּערציק און פּערציק, איז אַ רובל מיט פּערציק" און מען האָט זייער שיין געמוזט באַצאָלן, אַן אַנדער ברירה האָט מען? אַז נישט, וועלן זיי צו־נעמען אַלץ פון דער שטוב. וועט זיין בעסער? שפּעטער, אַז מיר האָבן זיך געכאַפּט אויף דעם טעות, זענען מיר אַוועקגעלאָפן אין אָבלאַסט מיט אַ „ויצעקו", מען זאָל אונדז אומקערן, האָט מען אונדז מחילה געוויזן די טיר און אָפּגעזאָגט דעם פּסוק: Мертвого из гроба не вертают**

— אָבער מען האָט אייך כאָטש אָפּגערעכנט די מותרות פון די שפּע־טערדיקע שטייערן?

— אַ חכם אַ זון! וואָס זשע וואָלט דאָ געווען דער אומגליק? זיי האָבן בפירוש נישט אַראָפּגערעכנט. „קוים — זאָגן זיי — „אַז מען האָט אריינגעטראָגן מער, איז אַ סימן, אַז עס קומט טאַקע מער. אַז דער טעות איז געווען אונדזערער". פאַרשטאַנען, צי ניין?

היפּשע עטלעכע מינוט גייען די חברים שווייגנדיק. אויף זייערע הער־צער דריקט די לאַסט פון דער גרויער ווירקלעכקייט. הירשל דערמאָנט זיך:

— יאָ און צו די אַלע גליקן, איז די קאָנקורענץ און די שנאת־אחים אַזוי גרויס, עד אין לשער. די קרעמערלעך טראַכטן נישט מער, נאָר ווי אַזוי מאַכט מען יענעם קאַליע. אַז אָפּרעדן אַ קונה, איז אַ מטבע, אונטערדרוקן אַ מסירהלע — אודאי און אודאי. מען זאָל זיך קענען איינס דאָס אַנדערע דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער —

— וואָס זשע איז די סיבה, וואָס די שנאה איז אַזוי גרויס?

— קודם־כל איז שולדיק דאָס, וואָס „אין הקומץ משביע את הארי". *** ס'איז אַ בזיון צו דערציילן, אַז עס זענען היינט דאָ מער קרעמערס מיט שנאָרערס, ווי קונים.

— וווהין זשע זענען אהינגעקומען די קונים?

— אַז דו זאָלסט עס פרעגן, איז מיר אַ חידוש. אַ מאָל זענען געווען פּויערן, היינט זענען דאָ קאָלכאָזניקעס. און מחמת אַ קאָלכאָזניק זעט קיין מאָל נישט קיין מזומנעם גראָשן פאַר די אויגן, מוז ער לעבן מיט דעם, וואָס ער באַקומט צוגעטיילט, דעריבער איז דער מסחר אין שטעטל, אַ סעודה שאינה מספּקת, און ווייל יעדער איינציקער קרעמער איז דאָ אַן

---

* „מען קען נישט זיין קיין סטאָליאַר אָן קיין האַק".

** קיין בר־מינן פונעם קבר קערט מען נישט אום.

*** די זשמעניע קען נישט אָנזעטן דעם לייב. פון דער גמרא.

„עני המהפך בחררה״, — במילא איז יעדער צווייטער, א — „בא אחר ונטלה הימנו״. *

— יאָ, ס׳איז אַ פילאָזאָפּיע פון אַ קאַרטאָפל־זופּ... ווייטער, וואָס נאָך? דו האָסט דאָך געזאָגט „קודם כל״, וואָס זשע איז די צווייטע סיבה?

— אָן אַ סיבה. שנאת־חנם לשמה. האָסט נישט געהערט דאָס ווערטל: „אח לא פדה״ — דאָס, וואָס דער ברודער האָט נישט געלייזט — „יפדה איש״ — איז ביים צווייטן שוין פאַררעכנט פאַר אַ פדיון. אַזוי איז אַ פּנים די טבע פון מענטשן.

— נישט פון מענטשן, נאָר פון פאַרדאַרבענע נישט־פאַרגינערס. נו, און ווי אַזוי לעבט זיך דיין חיימן? ער האָט דאָך ערגעץ אַ שטעלע, דאַכט זיך?

— די שטעלע זיינע גיט נישט גענוג צום לעבן, זי לאָזט אָבער אויך נישט שטאַרבן. אָט־אַזוי־אָ... אַ לאַנגזאַמע גסיסה...

— און אָט דער מאיר־וועלוול וויטעבסקער, וואָס וווינט אויפן ראָג הינטער דעם שטאָטראַט, איז דאַכט זיך, דיין חיימס מיטהעלפער?

— יאָ... אומשטיינס געזאָגט... אוי לו ואוי לשכנו...

— דו ווייסט? ער איז זייער אַ ווױלער יונגערמאַן. ווי אַזוי זשע פון דעסט וועגן לעבט ער מיט דעם ווייב און קינדערלעך? אַ שטייגער, אויב חיים, דער נאַטשאַלניק זיינער, פאַסט אונטער מיט הפסקות, פאַסט ער דאָך שוין אודאי תעניתים רצופים? **

הירשל גיט אַ נעבעכדיקן שמייכל:

— האָב קיין מורא נישט, ער פאַסט נישט —

— ווי אַזוי פאַסט ער נישט, וואָלט איך געוואָלט וויסן? „העורבים מביאים לו לחם ובשר״, צי „נעשה לו נס וצמחו לו דדים״? ***

— לא הא ולא הא... נאַ דיר גאָר עורבים... דדים... דיר חלומען זיך בלויז ניסים, אַזוי ווי מענדעלעס בנימין השלישי...

— כ׳וויים? דו זאָגסט, אַז ער פאַסט נישט, איז מיר אַ פליאה —

— וואָס הייסט, ער פאַסט נישט? מען קען דען זאָגן בפה מלא, אַז ער פאַסט נישט? נאָר מיר דאַכט זיך, אַז על פי דין: הבולע רוקו, **** איז זיין תענית אַ פגום...

— אַך, אָט דאָס מיינסטו? סיידן אַזוי... סיידן אַזוי... אוי־ווײ, חבל על דאבדין... אַזעלכע דימענטענע יונגעלייט ווי אָט דער וויטעבסקער, וואָלטן געדאַרפט לעבן ווי די שררות, נישט שלינגען די סלינע, ווי דו זאָגסט... מנע! כבשי דרחמנא... במופלא ממך אל תדרוש!

---

* אַן אָרעמאַן פּאַרעט זיך מיט אַ קיכל, קומט אַ צווייטער און כאַפּט עס צו ביי אים. געמיינט: ווען עס קריכט אַריין אַ משיג־גבול אין דער פרנסה, כאַטש דעם ערשטן אַליין קלעקט נישט גענוג. פון דער גמרא.

** נאָך אַנאַנד. בלי הפסק.

*** קראָען ברענגען אים ברויט מיט פלייש (פון מלכים), צי ס׳איז אים געשען אַ נס און עס זענען אים אויסגעוואַקסן בריסטן? (פון דער גמרא).

**** דער וואָס שלינגט איין זיין שפייעכץ.

און נאָך אַ היפּשער פּויזע:
— נו און דיין זלמן פון וואָס לעבט? ער האָט דאָך אַ ווייב און קינדער, און כמעט שטענדיק ווען איך קום נאָר אריין צו אייך אין שטוב אריין, טרעף איך אים דאָרט זיצן. ער אַרבעט אין ערגעץ נישט?
— ער אַרבעט... ער לערנט זיך צו ביסלעך שוסטעריי...
— נו, און וואָס תאמר: מה נאכל?
— ...זיין ווייבל גייט אַלע טאָג אריין אויף עטלעכע שעה צו אַ שניי־דערקע... אַז זי וועט זיך אַ ביסל צולערנען, און ער האָט באַקאַנטע קאָל־באָזניקעס, וועט אפשר דערפון עפּעס נולד ווערן...
— איך קען בשום אופן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מענטשן לעבן מיט אָט די אפשרם! מען דערציילט: אַ ייד איז אַ מאָל געקומען צו אַ רבין מיט אַ בקשה, אַזוי ווי ער איז אַ מטופל בבנים און אַ מחוסר־פּרנסה, זאָל אים דער רבי געבן אַן עצה צו וואָס ער זאָל זיך נעמען. האָט אים דער רבי געהייסן ער זאָל זיך גייען לערנען די מלאכה פון אַ שאַרניק, און עס וועט אם ירצה השם עולה יפה זיין.
זאָגט ער ווייטער:
— רבי, נו, און איידער איך וועל זיך אויסלערנען?
— וועסטו אַ ביסל צוקנעלן מיט קינדער.
— און ווו וועל איך נעמען אויף צו לעבן איידער דער זמן וועט זיך אָנהייבן?
דער גוטער ייד דרייט זיך אוים צו די מקורבים:
— וואָס זאָגט איר נאָר אויף דעם חקרן? אַלץ: איידער, איידער... אַ ייד זאָל דיר וועלן אַלץ באַוואָרענען... און ווו איז גאָט?
דערהערט פונעם רבין אַזעלכע הארבע דבורים, האָט דער ייד נעבעך אַ געשריי געטון פונעם גאַנצן האַרצן:
— רבי, עס שטייט אין פּסוק „ורווח תשימו בין עדר ובין עדר”. איז די טייטש: איר זאָלט געבן יידן פּרנסה איידער וואָס און איידער ווען...
אָט פּונקט ווי יענער ייד פאַרשטיי איך אויך נישט, ווי אַזוי מען לעבט דערווייל כאָטש איין טאָג מיט אָט די איידערס און מיט די אפשרם...
— וואָס ווילסטו דאָ אויסברייען, אַז ס'איז ביטער? מען דאַרף נישט קיינע ראיות דערצו, ס'איז אודאי ביטער... ביטער ווי גאַל, ווי פּערטשיק...
ווידער הערשט אַ שטילקייט צווישן די שפּאַצירנדיקע בחורימלעך. מען גייט פאַרביי אַ שיין מויערל. דאָ איז די „ספּאָזשיוושע קאָאָפּעראַציע”. אַלע טירן און פענצטער זענען אָפן צו דער גאַס צו. הינטער די טישן טאָפּ־טשען זיך מענער און פרויען — אַלץ אָנגעשטעלטע, קונים — קיין איינער נישט! שלמה פאַרקוקט אינעווייניק — די פּאָליצעס ליידיק, פּאַרוויסט. די פאַרקויפערס שטייען ביי די טישן, ווי די שמשים פון דער חברה־קדישא ביי אַן ערשט פאַרשאָטענעם קבר. ער דרייט זיך אוים צו די חברים:
— זאָגט מיר, חברה, אַז אין קליים איז נישטאָ קיין שום סחורה אויף קיין רפואה, היינט צו וואָס דאַרף מען דאָרט אַ טוץ פאַרקויפערס?
אהרל קוועטשט מיט די אַקסלען:

— כ׳זאָל אַזוי וויסן פון אַ בייזער וועטשערע —
שלמה, לאַכנדיק פון אַ פאַרבאָרגענעם געדאַנק:
— זאָג דו הירשל, על מה ולמה כל הפשתן הזה?
— וואָס ווייס איך מער פון אהרלען? איך זע דאָך, אַז דו ווילסט עפּעס זאָגן, טאָ זאָג —
שלמה שמייכלט בהרחבהדיק:
— ווי באַלד, אַז איר ווייסט נישט, וועל איך אייך זאָגן. די גמרא זאָגט אין אַן אָרט: „כל עשב ועשב יש לו מלאך שעומד עליו, מכה לו בראשו ואומר לו: גדל!" איז דאָך אין פלוג די קשיא: צו וואָס דאַרף מען אויף יעדן גרעזעלע — אַ באַזונדער מלאך? וואָס איז שלעכט, אַז איין מלאך זאָל אונטערטרייבן אַ גאַנץ פעלד מיט גרינוואַרג? נאָר דער תירוץ איז אַזוי: וואָס קאָסט דען אַ מלאך? אַז עסן דאַרף ער נישט, טרינ־קען אויך נישט, קליידונג אויך נישט, קיין שום זאַך דאַרף ער נישט. איז וועמען זשע אַרט עס, אַז אויף יעדן גרעזל וועט זיין ממונה אַ באַזונדער מלאך... מיט אָט די דאָזיקע אָנגעשטעלטע איז אויך די זעלבע מעשה: דאָס שכירות, וואָס זיי באַקומען דאָ, לוינט זיך אפילו, אַז ס׳זאָלן זיין צו דריי פאַרקויפערס אויף איין קונה...
אַלע לאַכן פון דעם משל. די פריערדיקע, דריקנדיקע אַטמאָספערע איז פון זיך אַליין צערונען געוואָרן און זיי דערזען זיך אויפן שליאַך, וואָס פירט הינטן אַרומער צו דער קניאַגיניעס פאַרק. אין אהרלען אָבער ברענט נאָך אַלץ דער צאָרן אויף די גרויסע געמויערטע קלייטן מיט די פּוסטע פּאָליצעס:
— דו פאַרשטייסט, שלמה, ס׳איז נאָר אַ ווייטיק און מער גאָרנישט. דו זעסט אָט די גרויסע קלייטן? אָט די מחנה אָנגעשטעלטע? און דאָך: אין הברכה שרויה... קיין מילתא בטעמא איז דאָס נישט, אָבער אַזוי איז דאָס. די זעלבע מיל, די זעלבע פערמע, דער זעלבער סאָווכאָז שיקט אונדז צו סחורה און שיקט זיי צו סחורה. אונדז ווערט זי פאַררעכנט אַלס ער־שטער סאָרט און אַזוי מוז זי פאַרקויפט ווערן, אָן שום טענות. ביי זיי איז נישט אַזוי. ווי נאָר די סחורה טרעט אַריבער זייער שוועל, אַזוי באַקומט זי גלייך אַ מרה־שחורהדיקן אויסזען און קיין שום קונה וויל זיך אפילו נישט צורירן צו איר. אויף צו מאָרגנס רופט די פאַרוואַלטונג אַרויס אַן אינספּעקטאָר און די קראָם ווערט למזל אַריבערגעפירט אויף צווייטן סאָרט. שוין דאַכט זיך גוט, האַ? וואַרט, כאַפּ נישט! עס גייען אַוועק נאָך דריי טעג, די קראָם ליגט און זעט שוין אויס ווי אַ „פגר" אומגעוואַשן. ווידער אַליאַרמירט מען די אינספּעקטאָרן, אַ שאלה אַהין, אַ תשובה אַהער און עס ווערט למזל דריטער סאָרט. ממש אַ כישוף, זאָג איך דיר, ווייסט זיי דער רוח —
שלמה דערלאַנגט אהרלען מיט אַ קני אין הינטן:
— למך! ס׳איז נישט קיין כישוף, נאָר ווי אין יענער מעשה: ביי אַ יידן אַ קרעמער, וואָס זיינע געשעפטן זענען געווען זייער שפּלדיק און

ער האָט געהאַלטן קרוב צו באַנקראָט, איז געווען אַ חדר־ייִנגל. ויהי היום, הערנדיק, ווי אין שטוב קאָכט פונעם אויפשטיין ביזן לייגן זיך: וועקסעלע אהין, וועקסעלע אהער, פרעגט ער אויף דער נאַכט דעם פאָטער: „טאַטע, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ „וועקסעלע"? דער זון האָט גראָד אין דער מינוט געפונען לייטזעליקייט ביי זיין פאָטער אין די אויגן, האָט ער אים צוגערופן, אַרויסגענומען פונעם שופלאָד אַ ניי וועקסעלע און גיט אים צו פאַרשטיין: „זעסטו, זונעניו, אָט דאָס אַ שטיפּע פּאַפּירל הייסט אַ וועקסל, האָט עס די ווערט צען קאָפּיקעס. ווי נאָר איך לייג דערויף אַוועק מיין חתימה, אַזוי האָט עס שוין נישט די ווערט אפילו קיין צעבראָכענעם גראָשן"...

הירשל האָט אַן אַנטציקטער אַ קלאַפּ געטון שלמהן אין פּלייצע:

— איך זע, אַז אויף יעדער זאַך האָסטו דיר אַ פּאַרטיקן תירוץ, פריער מיט די מלאכים, איצט מיטן וועקסעלע, וואָס איז דאָ צו רעדן: כל רז לא אנס ליה...

חברה האָט לאַנג געלאַכט פון די וויצן. פּלוצלינג רופט זיך שלמה אָן:

— דו ווייסט, הירשל, איך האָב דיך נעכטן געפּאַקט ביי אַן עבירה...

— כאַטש ביי אַ פעט עבירהלע?

— ניין, דווקא ביי אַ מאָגערס, ביי „לא ילבש גבר שמלת אשה".

— ?

— איך האָב ביי דיר אין שלאָפצימער געזען אַרויסשטעקן פון אונטער דיין צוקאָפּנס־קישן אַ ביכל, האָב איך אַ קוק געטון, מה טיבו של עובר זה. געעפנט, האָבן זיך מיר גלייך אויפגעמישט צוויי פאַרוועלקטע רויזן צווישן די בלעטלעך. איך האַלט עפּעס נישט פון דעם מנהג, ביי מיר אין די אויגן הייסט עס: אורח כנשים...

— איני יודע מה אתה שח... אין מיינעם אַ ביכל — אַ רויז?

— אין דיינעם, אין דיינעם, וואָס דען אין מיינעם? איך קען דיר אפילו זאָגן, וואָס פאַר אַ ביכל דאָס איז געווען. דאָס איז געווען טשערני־שעווסקים ראָמאַן: «Что делать?» —

— אַך, אַזוי? דאָס איז יוכבדס בוך און יוכבדס רויזן. איך האַלט אויך נישט פון אָט דער עבודה, גאָר מקבר זיין לעבעדיקע רויזן אין פאַר־שימלטע ביכער... פאַר וואָס קומט זיי אַזאַ מיתה־משונה? דערפאַר וואָס זיי דערמאָנען אונדז אין די בעסטע טרוימען?

שלמה איז געווען העכסט דערשטוינט:

— לייענט גאָר אייער יוכבד אַזעלכע ביכער ווי טשערנישעווסקים ראָמאַנען? אוי־וואַ! נישט גערעכט זיך...

די ברידערלעך קוקן זיך איבער און צעלאַכן זיך:

— הם! וואָס דען האָסטו געמיינט, אַז יוכבד איז עפּעס אַ קטלא־קניא?

— איך האָב נישט אַזוי געמיינט, אָבער... כ'האָב כמעט אַזוי גע־מיינט...

— האָסט אַ גרויסן טעות געהאַט, שלמה... יוכבד, אַזוי ווי דו קוקסט

זי אָן — דאַכט זיך, נאָך גאָר אַ קינד, האַ? — איז זי אַ צנא דמלי ספרי, אָנגעלייענט ווי אַ פּויק...

— נו, און דער טאַטע? —

— ...טוט זיך זיינס... זי טוט זיך אירס און ער טוט זיך זיינס... און טאַקע דערפאַר באַהאַלט זי אויס אירע ביכער אין אונדזער חדר. ביי איר איז דער טאַטע גאַנץ אָפט בודק בחורין ובסדקין און ביי אונדז — שוין נישט אַזוי אָפט...

שלמה האָט עקשנותדיק געקאַלופּעט דאָס קנעפּל פונעם פּידזשאַקל:

— אַזוי, אַזוי... איז הייסט עס, דער „גן נעול" גאַרנישט אַזוי נעול־דיק... גיי ריכט זיך, ווו טשערנישעווסקי האַלט אכסניא אין אָלשאַנע... מנע!

די ברידערלעך קוקן זיך פּילדייטיק איבער און שווייגן. אַ שטיק וועג האָט מען נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט. שלמה האָט זיך עפּעס גע־פילט נישט אָמבעסטן פון אָט דער צו לאַנגער הפסקה. ער האָט שוין גע־וואָלט פאַררייבן דעם שמועס וועגן ביכל און האָט זיך אָנגעכאַפּט אינעם ערשטן געדאַנק, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין:

— הירשל, זאָג מיר, וואָס פאַר אַ מין פאַרשווינדל איז אָט דער ישראל־יאָסל שוחט?

— קודם בעט מען דיך נישט אים פאַרציען אויף אַ דין שטריקעלע. ער איז חלילה נישט קיין פאַרשווינדל, נאָר קיין עין־הרע אַ גאַנצער פאַרשווין. אדרבה, שוין באַלד צו פיל פאַרשווין. מען קען מיינען, אַז אַלע אינדיקעס, וואָס ער האָט אויף זיין לעבן געשחטן, זענען מגולגל געוואָרן צו אים אין בויך אַריין. און וואָס דו פרעגסט, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז, ווייס איך דיר נישט וואָס צו ענטפערן. ער איז אַ גרויסער נאַכאַל, אַ קנאַפּער יודע ספר און שוין צו אַ מסורבל —

— מילא, דאָס איז דאָך, אַזוי צו זאָגן, מן השמים...

— הלמאי זאָל איך זאָגן, דווקא מן הארץ! אַז מען איז אַ ביסל וויי־ניקער להוט נאָך דער אכילה...

— הלמאי זאָל איך זאָגן, דווקא מן הארץ! אַז מען איז אַ ביסל וויי־ניקער להוט נאָך דער אכילה... דאָס דאָזיקע „קינד", אַזוי ווי עס עפּנט אויף די אייגעלעך, אַזוי עפּנט עס אויף דאָס מיילעכל... און דאָס מיילעכל אַרבעט קיין עין־הרע ווי אַ מילעכל, און אויב דו ווילסט גאָר — ווי אַ גרויסע מיל... אַז עס זעצט זיך צו צום טיש, ווערט גלייך רשומו נכר... און אויב ער דערשמעקט, אַז אין קיך איז נאָך איבערגעבליבן שיריים, וועט ער זיי דיר פון אונטער דער ערד אויסגראָבן און אויפאַכלען... טאָ־מער רופט אים עמעצער אויף „קידוש", וועט ער שוין, זיי זיכער, פאַרזאָגן קינדס־קינדער, מען זאָל מער דעם פעלער נישט מאַכן. עס מעגן שטייען אויפן טיש זעקס קוגלען, וועט ער זיי אַלע צו רעכט מאַכן. און טאָמער חלילה דערשנאַפּט ער, אַז ערגעץ האָט מען פון אים עפּעס אויסבאַהאַלטן, איז פאַרפאַלן די קו מיטן שטריק. הבשר עודו בין שניו, און אָט דער מלחך פינכא קערט שוין איבער די שטוב. הכרם נושאת את הרגלים און ער נישטערט אין אַלע מייזנלעכער. דער דאָזיקער נפש, אַזוי ווי דו קוקסט

אים אָן, האָט ביי זיך געפּועלט, אַז בשבילו נברא העולם... אים קומט אַלץ... לי נאה ולי יאה...

— הייסט עס, ער איז לויט דיינע רייד, דאָס וואָס די גמרא רופט אָן אַן עבד בטנו?

— אַן עבד בטנו און אַן עבד אשתו. אַן אמתע „עגלה שתחת האליה״.* נאָר מילא דאָס איז קיינעם נישט נוגע, זאָל ער נישט זיין קיין שוטה. מנוח עם־הארץ היה שהלך אחרי אשתו. אָבער זיין עסן... ממש ככבשן האש...

— און דאָס אַלץ קען ער זיך פאַרגינען פון דער שחיטה?

— אַ פּנים, אַז יאָ... קיין פאַרבאָרגענע אוצרות פאַרמאָגט ער דאַכט זיך נישט.

— הם! הייננטיקע יאָרן, ווען אַן עוף דערלויבט מען זיך נאָר אין אַ יומא דפגרא... קומט דאָך אויס דער חשבון, אַז ער וואָלט גאָר געקענט קלייבן אַ רובל, נאָר הגרגרת** מכלה את הזהב —

— אַלץ הייסט גרגרת, אַלץ הייסט להוט אחרי גרונו, אַלץ הייסט נאָכגעבן תאות־הבטן... און אַז ער דערטאַפּט רייִנעם ספּירט, איש מתלקחת, ביי אים איז נישטאָ קיין מעשות — מלא לוגמיו!

— וואָס זשע ווילסטו פון אים? ליכא מידי דלא רמיזי באוריתא. עס שטייט דאָך ערגעץ אין דער גמרא: גדולה לגימה... נאָר מיר דאַכט זיך, אַז צו זיין טרעלבויך און צו זיין זאַדישקע טאָר ער גאָר נישט —

— נאָר איבער דעם? ער האָט שבעים ושבעה טעמים אויף נישט צו טרינקען, אָבער דער טעם פון משקה איז עולה על כולם...

— יאָ, ס'איז שוין דער רעכטער נפש ווי באַלד אַזוי... נו, און אַז ער האָט נישט, וואָס טוט ער?

— דאָס זעלבע, וואָס קהל טוט אָן אַן אתרוג! בדליכא שאני.

— הייסט עס, ער טייטשט דעם פּסוק ווי יענער פלעשל־ייִד: כבודו — דעם אייבערשטנס כבוד איז, אַז — מלא עולם, אַז דער עולם איז „מלא״...

— אַה, ממש סודות־התורה... און אויב מלא, איז — מלא על כל גדותיו? דו האָסט דען אַ השגה, וואָס אַ יצרל קען? אפילו שבת בשעת דער קריאה, — אויב עס לייענט גראָד עמעצער אַנדערש: אַ בעל־יאָרצייט, וואָס יכולט די עבודה, צי סתם עפּעס אַן אדם חשוב, וואָס מען וויל אים מכבד זיין, — איז בין גברא לגברא*** כאַפּט זיך דאָס קינד אַריין אין אַ שכנהשער שטוב, — אָט־אַזוי־אָ, עטוף בטלית וגאַרטל, — מיט עפּעס מחיה צו זיין דאָס מאַגנדל... נעבעך אַ גאַנצע נאַכט געפאַסט...

— יאָ, מחשבותן... זאָג מיר, ער באַקומט נישט קיין שבירות פאַר דעם, וואָס ער איז אַ בעל־קורא אין שול?

---

* דאָס וועגעלע, וואָס ווערט אונטערגעפּראַוועט ביי די גרויסע באַראַנעס, זיי זאָלן נישט שלעפּן איבער דער ערד די צו שווערע קאָדע.

** דאָס נאַשן. פון דער גמרא.

*** צווישן איין אויפגערופענעם צו דער תורה און דעם צווייטן.

— נאָך שכירות זאָל מען אים צאָלן ? געננג פאַר אים, וואָס מען לאָזט אים צו צום ספר אָן שכירות.
— פאַר וואָס איז עפּעס אַזוי געננג ?
— אַ שיינער בעל־קורא... ווי זאָגט דער אַלטער סופר : עס פּאַסט אים גיכער צו זיין אַן אַפּטייקער איידער אַ בעל־קורא.
— וואָס געפעלט אים עפּעס אַן אַפּטייקער ?
— ווייל ער מאַכט אייגענע טראָפּן...
אַלע דריי שיסן אויס מיט אַ געלעכטער. שלמה זאָגט :
— צי ער לייענט מיטן טראָפּ, צי מיט אייגענע „טראָפּן", האָב איך נישט נותן־לב געווען, נאָר זיין ווילדער געשריי... צו וואָס דאַרף מען אַזוי שרייען ?
— וואָס פרעגסטו? קודם כל: אילני־סרק קולם הולך, * והשנית, איז דאָך אַ כלל גדול בתורה : חמור נוער...
— כאַ־כאַ־כאַ... האָסט מיך מיט די לעצטע צוויי ווערטער דערמאָנט אין אַ קלוג וואָרט, וואָס איך האָב אין טאַשקענט געהערט פון אַן אַלטן אוזבעק.
— ביסט שוין געווען אין מיטל־אַזיע אויך ?
— ברוך־השם, כ'בין שוין געווען אומעטום.
— וואָס זשע האָט ער געזאָגט, דער אוזבעק ?
— ס'איז אַ ביסל אַ גראָב ווערטל. צו ישראל־יאָסלען האָט עס קיין מינדסטע שייכות נישט...
— איז נישט צו אים. דערצייל, לאָמיר אויך וויסן.
— ס'איז ביי זיי אַ פּנים אַ פאָלקסווערטל אַזאַ: „ווען „געשריי" זאָל האָבן אַ פּרייז, וואָלט אַן אייזל געווען דער סאַמע טייערסטער בעל־חי"...
שלמהן ווערט אַ ביסל פריקרע פאַר דעם ווערטל, און נישט לאָזנדיק די חברה רעכט צעקייען דעם „יאָדער", פירט ער איבער דעם שמועס אויף אַן אַנדער זאַך :
— אַמשעגסטן געפעלט מיר, וואָס דו האָסט טענות צו אים, נאָך וואָס ער איז אַ מסורבל, גלייך ווי ס'איז אין אים געווענדט. איך גלייב, אַז ער איז דאָס בייכל זיינס נישט זייער גערן...
— און איך גלייב, אַז דו האָסט מחילה אַ גרויסן טעות. אודאי איז אין אים געווענדט. דאָס איז אַ ייד מיט אַן אכילה גסה, מיט אַ פּסיעה גסה און אַ „וצדקתך"... טרינקט נאָר געטובלט וואַסער...
חברה לאַכט. שלמה דערמאָנט זיך :
— ביי אונדז אין שטעטל פלעגט מען זאָגן אַן אַנדער שם־התאר אויף אַ „וצדקתך"...
ביידע ברידערלעך מיט אַ מאָל :
— ווי אַזוי אַנדערש ?

---

* פרוכטלאָזעביימער, בשעת אַ שטורעם, רוישן שטאַרק. אַ גמרא־ווערטל.

— אויף אַזעלכע לייט פּלעגט מען ביי אונדז זאָגן בדרך־הלצה, אַז זיי באַנעצן די פּיאות מיט וואַסער פונעם האַנטפאַס און טריקענען זיי אין עקסטן ווינקל אין בית־מדרש הינטער דער הרובע, בכדי מענטשן זאָלן מיי־נען, אַז זיי ווילן נישט מען זאָל וויסן, אַז זיי זענען געווען אין מקוה.

אַ פרישער געלעכטער טרייסלט אויף דעם פאַרשלאָפענעם וואַלד. שלמה זאָגט:

— דו רופסט עס אָן „אכילה גסה"? פשוט ער ווייסט פונעם סוד, אַז „קייען" איז נישט הבל...*

— אַלץ הייסט: וויסן פונעם סוד —

— אויב ס'איז אַזוי, ווי דו זאָגסט, קומט דאָך גאָר אויס, אַז ער עסט על־פּי נוסח האר"י, ווי יענער איידעם אויף קעסט —

— עסן על־פּי נוסח האר"י?

— נו, יאָ. מה ארי דורס ואוכל —

איבערן וואַלד האָט זיך לאַנג און הילכיק געקויקלט דער זאַרגלאָזער געלעכטער פון דעם יונגוואַרג. שלמה רופט זיך אָן:

— ער האָט מיך אָבער עטלעכע מאָל געבעטן, מיר זאָלן זיך ערגעץ אַריינכאַפּן, — צו מיר אָדער צו אים — מאַכן אַ כוסה...

— באַהיט גאָט! דו זאָלסט זיך מיט אים נישט אַריינלאָזן אין די דרכים. ער איז פון די מענטשן, וואָס פגיעתן רעה...

— ע, גוטער ברודער, ביסט דאָך גאָר אַ מטיל מום בקדשים... **

— איך בין פון דער טבע נישט קיין מגזם... איך זאָג נאָר דברים כהוויתן...

— וואָס רעדסטו? און איך האָב אים שוין עטלעכע מאָל מכבד גע־ווען מיט ביר —

— ס'איז אַ פגע־רע, זאָג איך דיר, זאָלסט דאָס מער נישט טון.

— ער איז צו מיר צוגעפאַלן ווי אַ פּיאַווקע צו דעם אָדער...

— נעם זיך נישט איבער. נישט נאָר צו דיר פאַלט ער צו, נאָר צו וועמען עס לאָזט זיך. ער האָט, ווי זאָגט מען עס, אַן אָפענע האַנט, ווער עס גיט אים נאָר, ביי דעם נעמט ער. געדענק, אויף ווייטער זאָלסטו נישט נאָכ־געבן. ער איז פון די לייט, וואָס: משביעהו — רעב, מרעיבהו — שבע.

— או—וואַ! צו אַ שיינער קאַטעגאָריע רעכנסטו אים צו... און פאַר וואָס עפּעס זאָגסטו, אַז ער איז אַ קנאַפּער יודע־ספר? דאַכט זיך, ווען ער רעדט, באַפּעפערט ער זיינע רייד מיט מאמרי חז"ל...

— אָט־אָט־אָ... אָט דאָס אַליין איז טאַקע דער בעסטער סימן: איסתרא בלגינא, קיש־קיש קריא... ***

---

* אַ ווערטער־שפּיל: קין און הבל — אדמס זין. הבל איז אָבער אויך די טייטש — אַ נאַרישקייט.

** דאָ געמיינט: ער רעדט אויף איינעם פון די כלי־קודש.

*** איין רענדל אין אַ פּושקעלע, רוישט שטאַרק. פון דער גמרא.

— יאָ, דאָס ביסטו גערעכט, די שווערע זאַנגען, די פּולע, שטייען שטענדיק מיט אָנגעבויגענע קעפּ, און די ליידיקע, שדופות־הקדים, באַרי־מען זיך מיט זייערע שעוועליורעס פאַר אַלע עוברים ושבים. יאָ, נאָר אויב נישט קיין למדן, אָבער אַ ווערטלזאָגער איז ער, דאַכט זיך, איינער אויף דער מדינה —

— דאָס יאָ. דאָס קען ביי אים קיינער נישט צונעמען. אין שטאָט טראָגט מען זיך אַרום מיט זיינע ווערטלעך, ווי מיט אַן אבן־טוב... ווילסט, קען איך דיר אייניקע נאָכדערציילן.

— וואָס פרעגסטו, אודאי וויל איך. אַ וויץ, אַבי אַ גוטער, איז ביי מיר טייערער פון אַלץ.

— ...אַט דער נפש, אַזוי ווי דו קוקסט אים אָן, האָט ער אַ „זוגתי", קען ער זי אַריינשטעקן אין בוזעמטאַש און אַ שלאַק־פּורעניות, אַז ער צי־טערט פאַר איר אימת־מות. און אַ שטינקערן איז זי, — טאַקע, ווי דו זאָגסט, איינע אויף דער מדינה. ס'איז אוממעגלעך אין שטוב אַריינצוגיין. דו טרעפסט דאָרטן אויפן טיש טעפּלעך, אין וועלכע מען האָט געקאַכט מיט אַ וואָך צוריק. קענסט דאָרט אין מיטן העלן טאָג גלייך פון דער שוועל אַריינטרעטן אין אַ פּאָמעניצע... זאָל דיר נישט העלפן קיין זיבן מאָל זיך טובלען...

— דו דאַרפסט זי מיר נישט אַזוי שטאַרק אָפּמאָלן. איך האָב שוין געהאַט דעם זכות זי צו זען. אין גאַנצן איין מאָל בין איך געווען ביי זיי אין שטוב, איז ווען איך בין אַריינגעגאַנגען האָב איך געטראָפן די שוחטקע שטיין אין מיטן דער שטוב מיט אַ בעזים פאַרקוועטשט צווישן די פיס און זיך אָנרייבן דעם קאָפּ מיט אַ לימענע...

— מיט אַ לימענע גאָר?

— מיט אַ לימענע, מיט אַ לימענע... האָב איך בשעת־מעשה מהרהר געווען, אַז —

— אַז עס קערן זיך ביי איר דאָרט האָדעווען די אמתע חיות־רעות?

— דאָס איז אַ פרשה פאַר זיך. נאָר איך האָב גאָר בעת־מעשה גע־קלערט, אַז איר ישראל־יוסף דאַרף זיך שוין נישט אויסברענגען אויף קיין לימענע צו דער טיי. צו וואָס מאַכן אַן איבעריקע הוצאה? ער קען אַריינ־וואַרפן אין דער טיי אירע אַ האָר און גלייך דערפילט ער דעם טעם —

הירשל שיסט אויס מיט אַ געלעכטער:

— און עס זאָל ווערן, הייסט עס, וימתקו המים?

— פאַר וואָס עפּעס פאַלט דיר איין —וימתקו? דו ווילסט מן הסתם זאָגן — ויחמצו...

אַלע דריי קאַטשען זיך פאַר געלעכטער. שלמה דערמאָנט זיך, אַז ער האָט איבערגעשלאָגן הירשלען אין מיטן דער מעשה און בעט אים דער־ציילן ישראלס־יאָסלס ווערטלעך.

— ...דערציילט מען, אַז ישראל־יאָסל האָט אַ מאָל, זייענדיק בגילופין,

געזאָגט אויף זיך: — „איך, רבותי, בין אַ „מקדש מלך". — „פאַר וואָס"?
— „ווייל ס'איז איר מלוכה". *

דער וואַלד האָט געלאַכט.

— ...דערנאָך זאָגט ער: „רבותי, ביי מיר אין שטוב איז שטענדיק קודש־קדשים". — „פאַר וואָס"? — „ווייל אין קיך איז ביי מיר אַ „הקדש".

אַ נייער אויפריים האָט אויפגעטרייסלט דעם וואַלד.

— ...אָט דער ישראל־יאָסל רעדט איין דער וועלט, אַז ער פאָרט נישט אויף איין פור מיט קיין פּרוי. איין מאָל, ווען מען האָט אים געטראָפן אויף איין וואָגן מיט טריינע דער מעקלערקע, האָט מען אים געפרעגט: — „ר' ישראל־יאָסל, ס'טייטש, היתכן"? ענטפערט ער בתמימות: — „איר רעדט פון טריינען, רעדט איר? יענע פאַרמאָגט אַ מאַנסבילשן קאָפּ".

די חברה האָט זיך געהאַלטן ביי די בייכער לאַכנדיק.

— ...אַ צווייט מאָל, ווען מען האָט געטראָפן אָט דעם ישראל־יאָסלען איין מאַנסביל אַליין אויף אַ וואָגן, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט ווייבער און מען האָט אים פירגעהאַלטן, אַז ער איז אַ פּנים, קאַליע געוואָרן, האָט ער, זיך פאַרטרויענדיק, געענטפערט: — „איך וועל אייך זאָגן, ווי די זאַך איז, אין די יונגע יאָרן האָב איך דערויף שטאַרק מקפיד געווען, אָבער איצט, אויף דער עלטער, אַרט דאָס מיך שוין נישט, אדרבה, עס טוט מיר נאָך אַ מאָל הנאה".

שלמה, אויסווישנדיק זיך די אויגן:

— יאָ, און וואָס האָסטו עפּעס געזאָגט — אַ נאַכאַל?

— נו, ווייסט נישט, וואָס מען מיינט — אַ נאַכאַל? אַ ביסעלע נבול־פּה... פאַר אַ יידן אַ שוחט...

— ניבול־פּה? טאַקע אַ חידוש...

— שייך זאָגן — ניבול פּה? אָט למשל אונדזער חיים, איז עד־היום מיט אים נישט שוה בשוה פאַר איין און איינציק וואָרט...

— ציקאַווע צו הערן... דערצייל...

— גראָד בין איך אַליין געווען אַן עד־שמיעה... דאָס איז געווען באותו היום, וואָס חיים האָט זיך אומגעקערט פון זיין חתונה. — זיין חתונה איז געווען אין שפּאָלע, ביי אירע עלטערן. ער האָט זיך אומגעקערט מיטן פאַר־טאָגיקן צוג און זייגער ניין איז ער געקומען אין בית־מדרש אַריין מיטן נייעם טלית און תפילין אונטערן אָרעם. נאָכן דאַווענען גייט צו ישראל־יוסף צו חיימן, גיט אַ טאַפּ דעם טלית, דעם אַנצוג, און רופט זיך אָן: „אַ נייער טלית, אַ נייער אַנצוג, זייער שיין. טראָג זיי געזונט. דאָס איז דער גאַנצער נדן, צי דער שווער האָט נאָך עפּעס צוגעזאָגט?" חיים ענטפערט אים מיט אַ שמייכעלע: „איר האָט דען געזען מיין ווייבל, וואָס איר ווייסט, אַז מען מוז נאָך צו איר צוגעבן נדן?" ישראל־יוסף פאַרקרימט זיך אפילו

* אַ ווערטערשפּיל. אין „לכה־דודי" שטייט „מקדש מלך — עיר מלוכה".

נישט און ענטפערט מיט אַ פרעך שמייכעלע: „האַ, דאָס ווייבל זאָגסטו, איז דער גאַנצער נדן? נו, פאַרגונ זי געזונטערהייט...״

ווען חברה האָט זיך אָנגעלאָכט ביז צו דער זעט, פרעגט שלמה אהרלען:

— נו, און ווי אַזוי אַרבעט ער מיט די פינגערלעך, אַז עס קומט אויס צעשנורעווען דאָס בייטעלע?

— פון אים אַליין ווייס איך נישט אַזוי גענוי, נאָר ער האָט אַ ברו־דער אין באָסלאָוו, — מן הסתם פון איין טייג געקנעטן, — האָט אונדזער זלמן איין מאָל ביי אים פאַרבראַכט „שלשה ימי אפילה״...

— אפילה?

—נו, דו ווייסט נישט וואָס איך מיין? „הסמוך על שלחן אחרים, עולמו חשך בעדו״.

— איז ער, הייסט עס, אַזאַ גוטע נשמה, ווי יענע „מכנים־אורחטע״, וואָס האָט מיט אַ צוקערזיס שמייכעלע געשריגן צום עולם: „עסט, עסט, מיינע ליבע געסט, און אין מאַרק איז אַ י־ק־ר־ו־ת״...

— הן הכי נמי... אדרבה, ער הייבט גאָר לכתחילה אָן פונעם יקרות...

— דער דאָזיקער כלל פון „שלחן אחרים״ איז נישט שטענדיק גיל־טיק. ס׳איז אָפּהענגיק דערפון, ווער די „אחרים״ זענען, צי דאָס זענען אחרים, צי „דברים אחרים״.

— און איך האָב דיר דען געזאָגט, אַז ניין?...

זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט שטומע בליקן און מער דערפון נישט גערעדט.

זיי האָבן פאַרקערעוועט צוריק אין שטאָט אַריין און שלמה האָט זיך אָנגערופן:

— און דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, איז ישראל־יאָסל פון די פיינסטע בעלי־בתים אין שטאָט...

הירשל האָט זיך אָפּגערופן מיט באַדויערונג:

— אַז אָך און ווי איז די יאָר, אויף וועמענס פיינקייט מיר זענען שוין איבערגעגאַנגען. דער טאַטע דערציילט, אַז אָט דער ישראל־יאָסל האָט געהאַט אַ זיידן, מעג מען יאָ זאָגן: חבל על דאבדין... און בכלל האָבן דאָ אין אַל־שאַנע געוווינט יידן פאַר דער קריג — טאַקע אנשי־השם, איינס און איינס...

— וואָס זשע עפּעס נאָר ביי אייך? גלייב מיר, ביי אונדז אין כמעל־ניק האָבן ערשט מיט אַ יאָרן אכט, צען צוריק געוווינט יידן, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? יקרים מפז!

— וווהין זשע זענען זיי אַהינגעקומען?

— אַהין, וווהין אַלע אַלטע יידישע ישובים... צעזייט און צעשפּריט אויף אַלע שבעה ימען... ווער אין די קאַלכאָזן, ווער קיין ביראָ־בידזשאַן, און ווער ס׳איז סתם נאבד געוואָרן... יעדער באַזונדער פראַוועט ערגעץ גלות על אדמת נכר, עלנט, פאַריתומט כערער בערבה,* אָט דאָס איז גע־

* ווילדגראָז אין דער מדבר.

וואָרן דער תכלית פונעם רוב מנין ורוב בנין פון אונדזערע ליבהאַרציקע שטעטעלעך, ווי אין פסוק שטייט געשריבן: „ויכל בהבל ימיהם, ושנותם בבהלה...

— וואָס זשע וועט טאַקע זיין דער תכלית פון אונדז? כלה השמד? עד בלתי השאיר לנו שריד?

— כבשי דרחמנא... ווער ווייסט, וואָס דער תכלית פון אונדז קען זיין? דערווייל, דער הווה איז זייער פינצטער. אונדזער מלוכה זאָל לאַנג ליגן, האָט אין אירע „לשכות־הגזית", — להבדיל בין הקדוש ובין הטמא, — באַשלאָסן עוקר מן השורש זיין דאָס גאַנצע יהדות און אַלע די וואָס זענען צוגעבונדן צו דעם... אַ מאָל איז געווען: לבן בקש לעקור את הכל, און היינט — אדום... ווי אַזוי זשע מאַכט מען דאָס? מען קען דאָך נישט פּראָסט־פּשוט אַרויסגיין אין גאַס אַריין און האַקן קעפּ ווי די היצליעס, מען מוז זיך נאָך, אומשטיינס געזאָגט, האַלטן אין דער מידה, מען זאָל קענען קוקן דער וועלט אין די אויגן אַריין, אלא נישט, וואָס זשע וועט שוין זיין דער חילוק צווישן סטאַלינען און דעניקינען, צי פּעטליורען? וואָס זשע דען? טוט מען אָפּ די נבלה בלחש. מען נעמט אונדזער „חרש והמסגר" * און מען זאָגט זיי „בלשון נקיה": — פּאַרשיווע זשידקעס, פּאַרנעמט אייך פון דאַנען צו אַל די רוחות! די דאָזיקע ממזרים ווייסן דאָך פונעם סוד, אַז אפילו אַ שטיין, טאָמער ליגט ער לאַנג אויף איין אָרט, הייבט ער אויך אָן צו וואַקסן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו צעטרייבן דעם עולם, נאָר נישט צוזאַמען! אחלקם ואפיצם, אחלקם ואפיצם! און וואָס ווייטער איינעם פונעם אַנדערן איז אַלץ קראַנטער. און מען האָט צעטריבן דעם עולם: וועמען קיין בירא־בידזשאַן; וועמען אויף דער „כערסאָנשטשינע"; וועמען טיפער אין דער מאָלדעווע; וועמען אין נייע אוקראַאינער קאָלכאָזן; וועמען צו די טאַטאַרן אויף קרים... און המותר זענען זיך אַליין צעלאָפן אין די גרויסע שטעט, ריכטן אָפּ גלות אין די נאַסע פּאָדוואַלן און אין די בוידעם־שטיבלעך... אַ טייל פון זיי זענען מגולגל געוואָרן אין סטאַרייזשים, אַ טייל אין אוטילשטשיקעס, אַ טייל זענען געוואָרן האַלבע קוסטאַרן — האַל־בע שוואַרצהענדלערס, און אַ טייל ציען די חיונה דערפון, וואָס זיי זענען געוואָרן גאַסן־לאָטאָטשניקעס... ** אמת, ס'איז אַ שוואַכע יניקה און נאָר אויף געציילטע חדשים אין יאָר, אָבער — אַן אַנדער ברירה האָבן זיי? אָט אַזוי האָט מען זיך גענומען צו פּאַרשידענע מיתה־משונהדיקע פּרנסות... און ווער ווייסט, צי אונדזער שטיקל יידישער דור אין ראַטנפּאַרבאַנד איז נישט דער אחרון עלי אדמות... ווער ווייסט, צי אונדזערע טעג זענען נישט קיין געציילטע... ד' יודע ימי תמימים...

און מיט אַ זיפץ מעימקא דליבא:

— בכלל, קינדער, איז אין די עירות־התחום, *** סיי ביי אונדז, סיי

---

* געמיינט: דער רוב מנין ורוב בנין פונעם פאָלק.

** לאָטאָק — אַ קליין שטעלעכל.

*** „טשערטאַ"־שטעטלעך.

ביי אייך, סיי אומעטום א מאָל געווען א לעבן... איי, א הייליק יידיש לעבן... חיים של אהבת־תורה ויראת־שמים; של אהבת־שמים ויראת־תורה; חיים של אהבה ויראה לתורה ולשמים... די קדושה פון די שבתים וימים־טובים האָט געשוועבט איבער די שטעטלעך בלי־הרף... און אזוי מדור דור... און אַזוי מימים ימימה...* ועכשיו נתיתם הדור, אך איד וזוועה מכל עבר —

אהרל פאָרט אים אריין אין די רייד:

— רעד אויף יידיש.

— ...און איצטער, זאָג איך, איז דאָס אַלץ געוואָרן חרוב ונחרב... אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט, והיה כלא היה... און די רעשטלעך, — זכר לחורבן — וואָס וואַלגערן זיך נאָך יאָ ארום זעיר־שם, זעיר־שם,** ווערן נבזהדיק צעטרעטן און צעטאָפּטשעט צוליב דעם וויסטן שטיקל ברויט... אוי וויי! אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי...

נאָך אַ היפּשער ווײַלע שטילשווייגן, רופט זיך שלמה אָן:

— אוי, קינדער, האָבן מיר היינט אָפּגעבטלט אַ טאָג! אָפּגעלעצעוועט פון דער גאַנצער וועלט, ווו רכילות, ווו לשון־הרע, יוצא געווען לכל הד־עות... וואָס איז דאָס פאַר אַ תכלית? שאַ! איר ווייסט וואָס? קומט זיך מאכן אַ קביעות: אַ נאַכט איבער אַ נאַכט אויפזיין און לערנען... מען דאַרף נישט קיין גרויסן עולם, נאָר מיר אין דרייען...

אהרל איז אַזש בלייך געוואָרן:

— ניין, ניין! מיך פאַררעכן נישט... איך, אַז איך דערהער נאָר דאָס וואָרט „אויפזיין", ווערט מיר שוין אַנטפּאַלן דאָס געזונט... ניין, ניין, כ'בין אייך מוחל דעם כבוד, זייט אייך אויף געזונטערהייט, אפילו אַלע נאַכט, אָבער אָן מיר... ביי מיר דער שלאָף —

שלמה, מיט אַ לייכט שמייכעלע:

— לויט דיינע רייד בין איך דיך חושד, אַז דו וואָלסט אויך איצט, אָט אויף יענער לאַנקע וואָס דאָרט אַקעגן, געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל...

— הלמאי זאָל איך זאָגן, איך וואָלט אים דווקא גענומען פאַוואָליע, נישט געכאַפּט.

— אהרל, דו ביסט אַזוי פאַרצאַפּלט געוואָרן דערהערנדיק דאָס וואָרט אויפזיין, אַז דו דערמאָנסט מיר יענעם פּעפער. האָסט נישט געהערט ווי מען דערציילט: איין קליינשטעטלדיקער ייד פאַרקלאָגט זיך פאַר דעם צווייטן: — „אוי, אָט דאָס נישט דערשלאָפן הרגעט מיך אוועק. אַז עס קומט שבועות און מען דאַרף אויפזיין, פאַלט אויף מיר אָן אַזאַ אימה ופחד, אַז איך שלאָף־אָפּ ווי אַ געהרגעטער די גאַנצע נאַכט פון פאַר שבו־עות און די גאַנצע נאַכט פון נאָך שבועות און... די נאַכט פון שבועות אַליין — אויך, און איך קען זיך אַלץ נישט אויסשלאָפן ווי געהעריק איז...

* פון יאָר צו יאָר.

** אַ ביסל דאָ, אַ ביסל דאָרטן. פון ישעיה.

קאפיטל XIX

ווידער זענען פאַריבער עטלעכע טעג.

אין איינעם אַן אָוונט איז שלמה אַריינגעגאַנגען אין קאָרידאָר פון די ראַדיעצקיס, ער האָט זיך שוין אפילו גענומען פאַר דער קליאַמקע פון דער טיר, וואָס פירט אין די חדרים און האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט. פונעם זאַל האָבן זיך צו אים דערטראָגן פאַרדעכטיקע קולות. דער פֿאָטער האָט עפּעס געשריגן און געוויינט. שלמה האָט שוין געהאַט זיך אויסגעדרייט צו גיין אויף צוריק, ווען צו אים האָט זיך דורך די אָפענע פענצטער דער־טראָגן ר' נחמן ראַדיעצקים געשריי:

— מיר'ן נאָך זען, ווער עס וועט אויספירן! וואָרט אויס, דאָס וועלן מיר נאָך זע—ע—ען. איך זאָל אפילו וויסן, אַז מיין טויט וועט זיין, וועל איך מיין הסכמה דערויף נישט געבן. וואָס דען, אַליין? סאַמאָוואָ־ליעץ? * מיטן קאָפּ אין דער ערד! וואָן פון דער שטוב! עלעהיי גע־שטאָרבן... איך וועל רייסן „קריעה", אָפּזיצן „שבעה" און — בלע המות לנצח... עס איז ביי מיר קיין שום נפקא־מינה נישט...

אויף די שפּיץ פינגער האָט זיך שלמה אַרויסגעשלייכט פון קאָרידאָר. ער איז געגאַנגען אַהיים און האָט זיך אַלץ געבראָכן דעם מח:

— וואָס קומט דאָרט פאַר ביי זיי? וועמען האָט עס דער פאָטער אַרויסגעטריבן „וואָן" פון דער שטוב? ס'איז אַ פּרעמדן האָט ער דאָס אַזוי מכבד געווען, צי מיט אַ קינד האָט ביי אים אויסגעבראָכן אַזאַ שאַרפע מחלוקת?...

יענעם טאָג האָט פון באַגינען געציבערט. שלמה איז פון אין דער פרי אָן געלעגן אין בעט און האָט געלייענט. איצט האָט ער אַזוי חשק צו זיצן אַ שעה צווישן מענטשן, פאַרברענגען אַ ביסל, איז נאַ דיר גאָר אַזוינס. גיי, ריכט זיך, אַז אין אַזאַ שטוב זאָל מען זיך אויך קריגן! עס ווייזט אויס, אַז קיין אמתער שלום איז אין ערגעץ נישטאָ... און אים גלוסט זיך אַזוי נישט גיין אַהיים... אַ שרעק! זיינע בעלי־בתים לייגן זיך שלאָפן מיט די הינער און שטייען אויף באַגינען, גלייך מיט די הענער. דער ערשטער מנין אין שול שטעלט זיך דאַוונען קאַיאָר, ווען עס איז נאָך בלוי אין די פענצ־טער. דער רוב פונעם פריען מנין זענען בעלי־מלאכות, יאַרידניקעס, האָט מען נישט קיין צייט. און בנימין דער שמש מוז זיין, עפענען די שול. ווען עס קומט די נאַכט, טאָמער וויל שלמה ערגעץ אַוועקגיין, פאַרשליסט ער זיי פון דרויסן און נעמט מיט זיך מיט דעם שליסל.

שלמה נעמט אַרויס דעם שליסל פון טאַש און עס דאַכט זיך אים, אַז ער זעט שוין פאַר זיך זיין צעוואָרפענעם געלעגער; די נמאסע אייער אויפן טיש און דאָס קאַלטע פערטל עוף; דאָס מאַט־געלע לעמפּעלע און דאָס אָפּע־

---

* אַ מענטש וואָס רעכנט זיך נישט מיט קיינעם און שטעלט נאָר אויף זיך.

נע ביכל. ער האָט שוין דווקא אויפגעמאַכט דעם שלאָס נאָר ער פאַרשליסט אים שנעל אויף צוריק. ער איז בשום אופן נישט בכח זיך אַצינד אומצוקערן אין זיין אָפּגעזונדערטער צעלע. ער קען נישט פאַרטראָגן דעם אומעט, וואָס הערשט דאָרטן אין די תחילת־נאַכטיקע שעהן. ער גיט אַ קוק אויפן הימל און זעט נישט קיין מינדסטע שפּאַרונקעלע, דאָרט איז סגור ומסוגר פון איין עק ביזן צווייטן, איין אויסגוס. דער רעגן הענגט ממש אין דער לופטן, אַ ליאַדע מינוט קען ער זיך אויסגיסן און פאַרפליצן די ערד. כנודע: בדרך שאדם רוצה לילך, מוליכין אותו... די פיס פירן אים מעכאַניש צוריק צו די ראַדיעצקיס. ער טראַכט: ער וועט אומיסטן צוליגן אַן אויער, טאָמער, אויף זיין מזל, איז שוין דער שטורעם פאַריבער?

ווען ער האָט געעפנט די טיר, האָט זיך נאָך ביים טיש געפירט אַ הייסער ויכוח וועגן עפּעס, נאָר דערזעענדיק שלמהן האָט זיך דער שמועס גלייך אָפּגעהאַקט און דער עולם האָט זיך גענומען פאַר דער טיי. שלמה האָט העפלעך ווי שטענדיק געזאָגט אַ „גוטן אָוונט" און האָט מכלומרשט גאָר־נישט באַמערקט. אַרום טיש האָבן זיך געפונען אַלע קינדער און שנורן. ווי עס ווייזט אויס, איז דאָ איצט פאָרגעקומען אַ מין משפחה־באַראַטונג, אַ מין „הבה נתחכמה", און ער מיט זיין אַריינקומען האָט זיי איבערגע־שלאָגן אין דער מיטן. מיט אַ ווינקל אויג האָט שלמה באַמערקט, אַז יוכבד איז שטאַרק פאַרוויינט. אַלע בני־בית האָבן אויסגעזען שטאַרק צעקאָכט און האָבן מיט אַ דעמאָנסטראַטיוון שטילשווייגן בריענדיק זיך געזופּט די הייסע טיי. שלמה האָט גלייך תופס געווען, אַז רשומו נכר און... לריעותא! נישט אַרויסלאָזנדיק די קליאַמקע פון דער האַנט, האָט שלמה ערנסט אַ פרעג געטון:

— אפשר שטער איך אייך, קען איך גיין אַהיים שלאָפן, עס איז שוין טאַקע נישט פרי אויך.

הירשל האָט זיך אַ כאַפּ געטון פונעם בענקל:

— קום אַריין, וואָס פאַר אַ שטערן גאָר? פאַרקערט, דו פאַר־ריכסט נאָך.

שלמה, מיט אַ פאַרוווּנדערט שמייכעלע:

— וואָס זשע פאַרריכט איך?

— די וועלט זאָגט אַ ווערטל: רעדן איז זילבער, און שווייגן איז גאָלד. פאַר דיין אַריינקומען האָבן מיר געקלאַפּט מיט די צינגער עטלעכע שעה נאָך אַנאַנד און איצט שווייגן מיר. האָסטו אונדז, הייסט עס, אויס־געביטן זילבער אויף גאָלד. הייסט עס ביי דיר נישט פאַרריכט?

— אַ האַרבע סוגיא, נאָר פאַר אַ וויץ גאַנץ געלונגען.

דער פאָטער רופט זיך אָן:

— שלמה, זעץ זיך. לאַהקע, דערלאַנג טיי. מילא, ווערטלעך אויף אַ זייט. אָט איז דאָ שלמה, אַ קלוגער מענטש, אַ גרויסשטאָטישער און האָט געניט פּראַקטיק. תשועה ברוב יועץ. אדרבה, זאָל ער זאָגן, צי זאָגט זי גלייך, צי איך?

שלמה הייבט זיך שוין אָן אָנשטויסן וועד די „זי" איז. דער פֿאָטער לאָזט אים לאַנג נישט טראַכטן און עפֿנט פֿאַר אים די קאָרטן:

— פֿאַרשטייסט אַ מעשה? מיין יוכבד האָט זיך אַריינגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ אַריין: זי מוז אַוועקפֿאָרן! זי מוז — ווייסט נישט וואָס? זי מוז, מען גייט זי פֿון קהל. וואָס איז? באשר בכן זי קען נישט איבערטראָגן דאָס פֿאַרשפּאַרטע לעבן אין אָלשאַנע. אַז קלוב — נישט; פֿאַרזאַמלונג — נישט; אין אָט די אַלע אפּיקורסישע קרוזשקעס * פֿאַרשטייט זיך, לאָז איך זי אויך נישט; און אין „קאָמסאָמאָל" נעבעך אויך נישט; איצט, זאָג אַליין, ווי אַזוי זשע קען מען טאַקע לעבן אויף דער וועלט? האָט דען איר מאַמע אַ שטייגער, געלעבט אָן אַ דראַמאַטישן קרוזשאָק? צי אָן אַ פֿוטבאָל קאָמאַנדע? בקיצור, עפּעס איינע אַ סמאַרקאַטע קנאַקערין, וואָס ס'איז מיאוס פֿאַר איר אַ שטיקל ברויט אויפֿצועסן, אַליין פֿאַרמאָגט זי נישט קיין שכל פֿאַר קיין קאַץ. די גאַנצע קונץ אירע באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס זי פֿאַרבט זיך די „קראַצערס" און דרייט זיך אויפֿן קאָרעק. קענסט זיי נישט, אָט די פֿראַנצימירקעס? ** איז זי, אָט די נקבה, ערשט נישט לאַנג אַוועקגעפֿאָרן קיין כאַרקאָוו און שרייבט יוכבדן, — דו ווייסט נישט, וואָס פֿאַר אַ שמעלקע זי איז מיט איר? — שרייבט איר יענע פּאַסקודסטווע, אַז זי זאָל תיכף ומיד קומען צו איר, באשר בכן: זי נעמט זי אונטער אירע פֿליגל, נעמט זי זי. זי וועט דאָרט אַרבעטן! דו פֿאַרשטייסט? נישט פּראָסט אַרומגיין, זיך אַרומשלעפּן איבער די גאַסן, ווי אַ פּועל־בטל, נאָר אַר—בע—טן און לער—נען... האָסט עס צעקייעט: נפשי חשקה בתורה... אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן: לערנען... „תורה צוה לנו משה", הייסט נישט געלערנט, *** «Это есть наш последний» אָט דאָס הייסט געלערנט!... נישט אַזוי ווי מיר שוטים מיינען, אַז מיר קענען אויך עפּעס... נאָר אין כאַרקאָוו איז מען דערגאַנגען דעם סוד, וואָס עס הייסט אויף אַן אמת לערנען... בקיצור, אָט דאָס גוטע קוויטל איז איר נעכטן אָנגעקומען, איך האָב עס איר נאָך אַליין געבראַכט פֿון דער פּאָסט. גיי ווייס, וואָס פֿאַר אַ טינופֿת איך טראָג דאָרט. קיין נביא בין איך דאָך נישט. נו, נו, איז פֿון נעכטן אָן שפּילט זי אונדז אַ חתונה אָן קלעזמער — פֿרעג שוין גאָרנישט! וואָס הייסט? כאַרקאָוו נעבעך שטייט אויף אַלע וועגן מיט צעשפּרייטע הענט, יאָמערט און קלאָגט: ווי דערזעט מען שוין יוכבד ראַדיעצקי? ווי דערלעבט מען זי שוין צו זען? און זי? זי זיצט גאָר דאָ מיט אַזעלכע נישטיקע, נישט געבילדעטע מענטשן, ווי איך מיט דיר. דו מיינסט, אַז זי איז די גאַנצע שולדיקע אין אָט דער זאַוויערוכע? ניין, יענע אויסגעלאַסענע מויד פֿון כאַרקאָוו... וואָלט זי נישט געהאַט וווהין אָנצוקומען, וואָלט ביים טאַטן אויך געווען גוט, און אַזוי —

* קרייזלעך.

** געמיינט: מאָדניצעס.

*** „דאָס איז אונדזער לעצטער" — אַ שורה פֿון „אינטערנאַציאָנאַל".

...ס'איז אַן אַלטער כּלל: לאו עכברא גנב אלא חורא גנב...* נו, אדרבה, איצט זאָג דו! פאַרקערט, איך זאָג שוין דווקא גאָרנישט. איך שווייג שוין אין גאַנצן...

פון דער ערשטער מינוט, וואָס ר' נחמן האָט דערמאָנט דעם נאָמען כּאַרקאָוו, האָט שלמה דערפילט ווי אַ שניט איבערן לעבער. ער האָט זיך איינגעהערט אינעם שטורעם, וואָס קומט פאַר אין אים און האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, פון וואַנען קומט ער? וואָס האָט אָט די גאַנצע מעשה פאַר אַ שייכות צו אים? ער איז דאָך דאָ נישט מער ווי אַ דאַטשניק. פון זיינעט וועגן מעגן זיי זיך צעדראַפּען די פּנימער איינער דעם צווייטן, אָבער וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט זיי? פאַר וואָס דריקט אים אַזוי אויף דער נשמה? ווער איז אָט דאָס ווערעמל, וואָס נאָגט אים אַזוי אונטערן הארצן, פון וואַנען שטאַמט עס?

ר' נחמן, מיט אַ לייכטן פאַרדראָס:

— וואָס זשע שווייגסטו, שלמה? איצט איז דיר אויסגעקומען צו פראַווען עניוות? איך פרעג דאָך ביי דיר דיין מיינונג...

שלמה ענטפערט קאַלט געציילטע דיבורים:

— וואָס קען איך וויסן? מן הסתם, אַז זי וויל פאָרן, ווייסט זי, וואָס זי וויל.

דער פאָטער כאַפּט זיך אויף פון זיין אָרט ווי אָפּגעקאָכט:

— ע, גוטער ברודער, כ'האָב זיך אין דיר אין גאַנצן גענאַרט. אָט דאָס האָט יצחק גאַיסינסקי געשריבן אויף דיר „חסידא ופרישא״? אַ שיי־נער חסיד, אויב ער זאָגט, אַז זי ווייסט, וואָס זי וויל. נישט מער זאָלן ציגן וויסן צו שפּרינגען אין פרעמדע גערטנער, ווי זי ווייסט, וווהין עס שלעפּט זי. זעסטו, איך וויים יאָ! אוי, וויים איך... זי זעט ביי אַ יידן אַ שטיקל בנין דאַרף מען דאָס צעברעכן! ראַסקולאַטשעווען דעם טאַטן, אַזוי ווי די מאָדע איז... אומברענגען, צעברעכן, חרוב מאַכן — ווי אַזוי דען?

ער גיט פּלוצלינג אַ צענעם די הענט, אַ צעכראַסטע דעם האַלדז און שרייט צו יוכבדן איבערן גאַנצן צימער:

— נאַ, נעם, קוילע, שנייד, רייס, גיי שמד זיך, גיי אין דער פּאַרטיי אריין, נעם אַ שגץ, נעם זיבן, טו וואָס דו ווילסט! וואַרג זיך, שטעך זיך, טרינק זיך, רעכן זיך נישט מיט קיינעם! רחמנות האָבן אויף עלטערן איז אַן אַלטמאָדישער מנהג. היינט איז מען קלוגער געוואָרן. וואָס הערסטו זיי די אַלטיטשקע? ווי לאַנג וועלן זיי נאָך בכלל אייך דערקוטשען?

פאַר אויפרעגונג צעוויינט זיך ר' נחמן מיט אַ היסטערישן געוויין. יוכבד, וועלכע האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהויבן די אויגן פון אונ־טערן טיש, איז אַרויס פונעם זאַל און אַנטלאָפן ערגעץ אין די ווייטע צי־מערן אריין.

---

* נישט די מויז איז דער גאַנצער גנב, נאָר אויך דער לאָך, וווהין די מויז קען אָפּטראָגן איר גנבה. אַ גמרא־ווערטל.

אין זאַל איז שטיקנדיק שטיל. ר׳ נחמן ווישט זיך אויס די אויגן, פאַרשפּיליעט זיך דעם בוזעם און זאָגט פאַרדראָסיק:

— אויף וועמען, אויף וועמען, אָבער אויף דיר שלמה, האָב איך זיך נישט געריכט, אַז דו זאָלסט איר אַרויסגעבן דעם גערעכט. דו זאָלסט זי שוין אפילו האַלטן פאַר גערעכט ווי זיבן און זיבעציק גוים, האָסטו איר נישט געטאָרט אַרויסגעבן דעם גערעכט! וווּ איז דער: „לא תעמוד על דם רעך״? אַזאַ מעשה! טע־טע־טע... נישט געריכט זיך...

שלמה איז אַזוי אויך צעקאָכט און נידערגעשלאָגן פון דער נישט־ווילנדיק בייגעוווינטער סצענע און באַזונדערס דערפון, וואָס דער פאָטער האָט אים אויסגעקליבן פאַר אַ בייטש קעגן יוכבדן, איצט: „לא די״, איז — „די לא״, ער איז נאָך גאָר אַ בא בטענה, ער האָט זיך נישט געריכט, האָט ער זיך נישט... עס האָט אַ פּנים ווי ער, שלמה, האָט אים עפּעס צו־געזאָגט און נישט געהאַלטן וואָרט. אין דער מינוט דערמאָנט אים ר׳ נחמן זיין פאָטער מיט אַלע פּישטשעווקעס, אייביק איז ער מיט עפּעס נישט צו־פרידן, שטענדיק געפינט ער עפּעס צו וואָס זיך צוטשעפּן און זאָגן מוסר. „אַזוי ווי צוויי טראָפּן וואַסער, מיין טאַטע — טראַכט שלמה — און רופט זיך אָן אַ פאַרביטערטער:

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, ר׳ נחמן, וואָס איר האָט מיך אויס־געוויילט פאַר אַן אַדוואָקאַט צו אייער טאָכטער, אָבער איר האָט דאָס נישט געדאַרפט טון. מיט וועלכע רעכט וועל איך זיך גיין מישן אין ענינים פון אַ פרעמד מיידל? וואָס קען איך וויסן, ווו דער שיך קוועטשט איר? וואָס עס טרייבט זי אין דער ווייטער וועלט אַריין פונעם טאַטנס טיש? אָבער בכלל קענט איר זיך דאַכט זיך אויף אייערע קינדער נישט קלאָגן, אַלע ביז איינעם זענען ברוך־השם, יראים ושלמים...

— ווייס איך, נאַ דיר אַ גראָשן פאַר זייער גאַנצער צדקות...

שלמה, מיט גאַל:

— עפּעס דאַכט זיך אַ ביסל צו ביליק — אַ גראָשן...

— איי, וואָס האָב איך מיט דיר צו רעדן? דו פאַרשטייסט אַ סך? דאָס וואָס אַ בחורל, בנערותו, ווייזט אַרויס אַ נטיה צו פרומקייט, איז פּי־פּו־פּאַ... עורבא פרח... עלה נדף... ס׳איז נאָך בכלל וכלל נישט קיין גאַראַנ־טיע, אַז דאָס איז שוין ביי אים לאורך ימים, ווייל ... ווייל דאָס איז ערשט אַ דבר הלמד מסופו... האָסט פאַרשטאַנען, צי ניין?

— הערט זשע, מיין ליבער ייד, וואָס איך וועל אייך זאָגן. איך בין מסכים מיט אייך, אַז דאָס איז נאָך נישט קיין ראיה, אַז ער בלייבט שוין אויף אייביק אַזוי. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ מענטש איז אַ הולך, אַרויף אָדער אַראָפּ, אָבער אויך איר דאַרפט מסכים זיין מיט מיר, אַז אויב דאָס בחורל ווייזט אַרויס בנערותו אַ פאַרקערטע נטיה, איז דאָס שוין דווקא יאָ אַ ראיה, אַז... אַז ער וועט שוין בלייבן לצמיתות אַ גוי גמור, האַ?

ר׳ נחמן האָט טיפזיניק געקוקט זיך אויף דער שפּיץ־באָרד און האָט גאָרנישט געענטפערט. שלמה האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— און וואָס איר זאָגט „בנערותו", איז אויך נישט אַזוי די מעשה. איר האָט דאָך שוין אויסגעגעבענע זין קיין עין־הרע און אַלע גייען זיי „בעקבי הצאן", * וואָס זשע זינדיקט איר?

דער פֿאָטער האָט ביטולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— טרעפֿסט שוין ביי זיי ייִדישקייט אַ סך און אַ ים... חוץ דעם, וואָס זיי לייגן תפילין און פֿירן אַ כשרע קיך, וואָס נאָך געפֿינסטו ביי זיי?

— וואָס זשע מאַכט איר אַזוי צו קליינגעלט — אַ כשרע קיך? אַטו מילתא זוטרתא הוא? פֿאַרן פֿאָרן אַהער האָב איך געהערט אַ געלונגענעם וויץ. ס'איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז יעדע קללה פֿון דער „תוכחה" איז אַ פֿאַרשטעלטע ברכה. פֿרעגט די וועלט, וואָס פֿאַר אַ ברכה קען שטעקן אין פּסוק: „ואכלתם בשר בניכם"? נאָר דער תירוץ איז: ס'איז טאַקע יאָ אַ ברכה און נאָך אַ גרויסע אויך. „בשר בניכם" מיינט מען, אַז איר וועט מעגן עסן פֿלייש ביי אייערע קינדער, נישט איבערטראַכטנדיק פֿאַר קיין כשרות... און איר מאַכט עס גאָר אַוועק מיט דער האַנט.

אויף דער באַלעבאָסטעס פּנים איז שוין פֿון לאַנג געווען צו דער־קענען, אַז זי וויל עפּעס זאָגן, נאָר אַזוי לאַנג ווי שלמה האָט זיך אויסגעטענהט מיט איר מאַן האָט זי נישט געוואָגט איבערצושלאָגן. איצט אָבער, אַז ס'איז אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן, האָט זי נישט געקענט מער אויסהאַלטן, און האָט זיך מיט אַ כריפּלע בייז־קול אָנגערופֿן:

— נחמן, גיי צו צום שפּיגל און גיב אַ קוק אויף זיך... אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אַריין... זאָל זיין, אַז דו ביסט גערעכט, דאַרף מען אַזוי אויסשפּייען די גאַל? דו מאַכסט דאָך זיך אַליין קיצור־ימים...

ר' נחמן, געלאָשענער אַ ביסל:

— ווי אַזוי זאָגסטו? „זאָל זיין, אַז דו ביסט גערעכט"? זאָל ערשט זיין? וואָרט זשע צו: איך וועל צונעמען די האַנט פֿונעם האַרצן, זאָל זיין ווי עס וויל זיך... דאַן וועסט דו מיט די בנים קענען פֿירן די מלוכה ווי אייך געפֿעלט... על־פּי נוסח יוכבד...

שלמה קען ווידער נישט פֿאַרליידן הלמאי ער קלאָגט זיך אויף די „בנים":

— ר' נחמן, פֿריער האָבן מיר גערעדט פֿון רוחניות, איצט פֿון גשמיות. מיר דאַכט זיך, אַז אייערע זין פֿאַרלויפֿן אייך אַלע גענג, אַזוי אַז איר האָט כמעט נישט —

— להד"מ! ווו איך גיב אַליין נישט אַכטונג, גייט אַלץ לטמיון. און דאָס ביסל, וואָס איך מוז זיך יאָ נוצן מיט זייערע טרחות, ווו מיינע כוחות טראָגן שוין נישט, האָט עס טאַקע אַזאַ טעם און אַזאַ ריח... נישט מער זאָלן ייִדישע שונאים וויסן פֿון זייער חיות, וויפֿל זיי וויסן אין מסחר ווי אַזוי צונויפֿצופֿירן די שתי הקצוות... איין זאַך וויסן זיי גוט: תתן להם

* געמיינט: אין די וועגן פֿון די הייליקע ייִדן.

— ילקוטון... * און דאָס, וואָס איך מוז זיך פּאָרט שאַפן מיט זיי, ווי איך קען שוין אַליין נישט באַווייזן, איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַנ־טשיקל, פאַלט עס מיר דערנאָך אויס „באָקאָם", אַזוי אַז יצא שכרי בהפסדי... נישט אומזיסט זאָגט די גמרא אין „ברכות": „תבא מארה לאדם שאשתו ובניו מברכין לו". ** נישט אומזיסט פלעגט מיין מאַמע עליה־השלום אָפטמאָל זאָגן: איין פאָטער קען אויסהאַלטן צען קינדער, און צען קינדער איין טאַטן — נישט! נישט אומזיסט פלעגט די שוויגער לשלום ליב האָבן איבערחזרן: ווען עלטערן געבן די קינדער, זענען ביידע צדדים צופרידן. דאַקעגן, ווען קינדער דאַרפן שוין געבן די עלטערן, זענען ביידע צדדים אומצופרידן. דאָס זענען פּערלדיקע רייד, מלה בסלע. האָב קיין מורא נישט, זיי האָבן נישט גערעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין...

— און אַז מען וויל שוין אפילו אַ ביסל מאים זיין אויף די בני־בית שטייט אויך: אל יטיל אדם אימה יתירה בתוך ביתו; שטייט אויך: שמאל דוחה וימין מקרבת... ווער שמועסט אַזוינע גאָלדענע בחורימלעך ווי איי־ערע קינדער קיין עין־הרע... איך זע, אַז סיי אין שטוב, סיי אין קלייט, זיי זענען דאַכט זיך דער גאַנצער חוט־השדרה —

— שדרה של לולב...

— וואָס זשע איז אהער דער משל — שדרה של לולב? כ'פאַרשטיי נישט —

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט, וואָס? טאָמער איז דער לולב עטוואָס נישט „בקו־הבריאות", איז מען אים מכבד הינטער דער שאַפע אַרונטער צוזאַמען מיט דעם חוט־השדרה מיט זיינעם...

— הייסט עס, העלפן זיי אייך גאָר—נישט?

— אַן עק, העלפן זיי יאָ... אַ געשעפט! ער ווערט נתפעל דערפון, וואָס זיי זענען נישט קיין אוכלים ואינם עושים, ווערט ער... דאָס איז עפּעס אַ רבותא, איז דאָס? טוב לנער כי ישא עול בנעוריו, ווייסטו? הבטלה מביאה לידי חטא, ווייסטו? און ווו איז עפּעס העלפן דעם פאָטער שלעפן די טאַטשקע קיין עין־הרע? כלל זה נקוט בידך: אַ קינד וויפל עס טוט נישט צוליב די עלטערן — לא יצא ידי חובתו... דאָס זענען נישט מיינע ווערטער, די גמרא זאָגט אַזוי...

— וואָס ווילט איר פון זיי? זיי זענען דאָך נאָך אַלע יונגע מענטשן. ווי אַזוי זאָגט די גמרא: „באשמורה הראשונה, חמור נוער" — אין דער יונגער תקופה איז דער חומר וואַכנדיק...

— אַ גדולה אויף מיין באָבען, וואָס זייער חומר איז ברוך השם וואַכנדיק... וואָס זאָגסטו נאָר אויף די קלוגע דברי־תנחומין, וואָס ער זאָגט מיר דאָ... הערסטו שלמה, איך האָב דיר דאָס נישט געוואָלט זאָגן, נאָר איך

* כמו: אַז מען גיט זיי צו עסן, פיקן זיי. פון תהילים.

** דאָ געמיינט: עס איז אַ קללה פאַר אַ מענטשן, ווען ער מוז אין פרנסה־זאַכן אָנקומען צו דער הילף פון ווייב און קינדער.

זאָג דיר יאָ. אַ גאַנצן אויפדערנאַכט האָט איך זיך צו צו דיינע מאמרימלעך און עם דערמאָנט זיך מיר אַ „וואָרט", וואָס איך האָב אַ מאָל אין „הויף" געהערט. מיר בעטן אין דאַווענען: „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו". זאָגן אונדז די אנשי כנסת־הגדולה, אַז דער שטן האָט פאַרשידענע דרכים: ביי וועמען ער גייט פון פאָרנט און וועמען ער כאַפּט אָן פאַרן קאַרק הינטן אַרומער. דיך האָט דער בעל־דבר אַ פּנים נישט געקענט בייקומען פון פאָרנט — נישט פון אַזאַ שטוב — האָט ער דיך געפּאַקט הינטן אַרומער. עס געפעלן מיר נישט איבעריק דיינע סניגוריות אויף מיינע בחורים, שלמה...

שלמה, בלאַסלעך אַ ביסל, אָבער גאַנץ געלאַסן:

— מיר פערזענלעך קענט איר זאָגן ככל העולה על רוחכם, אויף מיין כבוד בין איך נישט מקפּיד, אָבער אַז איר רעדט אויף אייערע קינדער... און נאָך מיט אַזוי פיל גאַל... איי, איי, איי, עלובה היא העיסה שהנחתום מעיד עליה שהיא רעה... * ניין, ניין, איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל און ווי־דער אַ מאָל: ווערליק אונדזער דור, האָבן זיי זיך כלל נישט מיט וואָס צו שעמען קעגן זייערע עלטערן און זיידעס —

— קענען מיר גאָר זאָלן זיי זיך שעמען? זיי דאַרפן זיך שעמען קדם אבוהון די בשמיא, ** נישט קענען מיר...

— כלפּי שמיא זענען זיי אויך יוצא. ווייסט איר פאַר וואָס? ווייל דאָרטן ווייסט מען גוט, וואָס פאַר אַ מדרגות מען קען כהיום הזה פאָדערן פון אַ יונג בחורל... איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, ר' נחמן, איך וווין אין קיעוו, אַן עיר ואם בישראל, אַ שטאָט פון אַ פערטל מיליאָן יידן, אַ שטאָט וואָס איז, קען מען זאָגן, דער מאסף לכל המחנה. ווו ערגעץ אַ יידישער ייד אויף אוקראַינע, האָט ער קונה־שביתה געווען אין קיעוו. וואָס זשע האָב איך געוואָלט זאָגן? אַזעלכע יידן ווי איר, איז שוין אויך אַ יקר־המציאות, אָבער ברוך־השם, מען טרעפט נאָך. טאַקע אחד מעיר, שניים ממשפּחה, אָבער דאָס מין איז נאָך נישט נעדר געוואָרן, דאַקעגן — אַזעלכע קינדער ווי ביי אייך... ליידער, ליידער... מיר דאַכט זיך, אַז איר דאַרפט נישט נאָר זאָגן: אשרי ילדותנו שלא בישה את זקנתנו, נאָר נאָך מוסיף זיין אַ נופך משלכם...

— האָב נישט קיין פאַראיבל שלמה, נאָר ס'איז געפּלאַפּלט, נישט גע־רעדט. גלייכט די עלטערן צו די קינדער, גלייכט ער... צפּורנן של אבות ולא כרסן של בנים! *** ביי דיר איז אַלץ דרכי־גבוה: יוכבד רייסט זיך אוועקוואַרפן די עלטערן — מן הסתם ווייסט זי, וואָס זי טוט! זעסטו

---

* דערנידעריקט איז דאָס טייג, וואָס דער בעקער אַליין רופט זיך וועגן דעם שלעכט אָפּ. פון דער גמרא.

** קעגן פאָטער אין הימל.

*** די בייכער פון די קינדער קומען נישט אפילו צו די נעגל פון די עלטערן. אַ גמרא־ווערטל.

עטלעכע בחורימלעך, וואָס גייען נישט צום שמד, זענען זיי שוין ביי דיר גאַנצע „גוטע יידן"... ס'איז נאָר אַן עוולה, וואָס די שטאָט טראָגט זיי נישט קיין קוויטלעך... אַ מענטש זאָל אין אַ געווײַנלעכער פּלוי זען אַ גמל הפורח באוויר... שיינע יאָרן, אַז די אייער לערנען שוין די הינער... נער בזקן ירהבו...

שלמה האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן, נאָר הירשל האָט אים אַ שלעפּ געטון הינטערן טיש — און קוים וואָס שלמהס אויער האָט געקענט אויפכאַפּן זיין שעפּטשע:

— הוי פקח ושתוק... בעידנא דריתחא זאָלסטו קיין מאָל נישט וועלן בלייבן גערעכט... נצחת למלכא — ווייסטו?

שלמה איז נאָך געזעסן אַ ביסל, דער שמועס האָט זיך שוין אָבער נישט געקלעפּט. וואָס עמעצער האָט נישט געפּרוווט זאָגן, האָט עס געטראָפן ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט. די קליינע קינדער זענען איינגעשלאָפן ביי די מוטערס אויף די הענט. יוכבד האָט זיך מער נישט באַוויזן. דאָס יינגערע שוועסטערל איז דורכגעלאָפן פון איין טיר אין דער צווייטער מיט אַ קוואָרט וואַסער אין איין האַנט און מיט אַ ווייס טיכל אין דער צווייטער. שוין זשע איז דאָס פּאָר יוכבדן אויף לייגן קאַלטע קאָמפּרעסן צום שטערן? שלמה האָט מער נישט געקענט אַריבערטראָגן די אָנגעלאָדענע שטילקייט, ער האָט זיך קאַלט אָפּגעזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען.

קאפיטל XX

בלילה ההוא נדדה שנת המלך...

בנימין בערעלעס צעטרוקנט ירושה־בעט מיט די פארשווארצטע, אויף דורך און דורך צעגעסענע, געשניצטע לייבן, וואס ער האט אפגעטראטן שלמהן, האט אין יענער נאכט נעבעך געקרעכצט מיט אלע אברים אונטער זיין קווארטיראנט. יענער האט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אנדע־רער, אלץ געוואלט דערגיין ביי זיך אליין: וואס טוט זיך עס מיט אים? וואס קומט דא פאר אזעלכעס? פון וואנען קומט דאס, אט דאס גרימע־ניש, און וווהין פירט עס?

ארויסגייענדיק פון יענער שטוב, ווו דער עמוד־הענן פארשטעלט נאך מיט זיינע לעצטע כוחות דעם אלץ פארלענדנדיקן עמוד־האש, איז שלמהס אזוי אויך קאליע שטימונג, נאך מער קאליע געווארן. אין שטעטל איז געווען זייער אומהיימלעך. די הייזלעך האבן פארכטיק פארמאכט די אויגן. ס'האט זיך געפילט, אז דא פאראדקעוועט א מעכטיקע האנט. אין חלל־העולם האט זיך ארומגעטראגן א כרוז: המכסה שמים בעבים, המכין לארץ מטר... אין ערגעץ איז נישט געווען צו באמערקן קיין לעבעדיקן נפש. יעדער מענטש, יעדער בעל־חי, האט זיך ביי צייטנס באהאלטן, פארשטעקט אוים מורא פאר גאטס צארן. דער הימל האט אראפגעקוקט בייז, מרה־שחורהדיק, און האט מיט זיין אנגעכמארעטן מבשר־רעהדיקן שטערן אנגעווארפן אן אימה אויפן אנגעשראקענעם עולם ומלואו. די מעוברתע כמארעס האבן זיך ממש צוגעטוליעט צו דער ערד פאר מידקייט, זיי האבן געהויערט און גע־לאקערט אויף טריט און שריט. איבער דער נידעריקער „סטעליע", אנוואר־פנדיק א גרויל אויפן גאנצן מרחב, האט זיך געקויקלט עמעצנס שוידער־לעכער געלעכטער: א לאך און א גלאנץ מיט די ווייסע אויגן; נאך א לאך און ווידער א גלאנץ... די ערד האט געהאלטן אין איין בלאזן זיך און קריכן צום הימל, דער הימל — אין איין אנשוואלן און זיך אראפלאזן צו דער ערד. עס האט זיך געדאכט: אט־אט כאפן זיי אן איינער דעם צווייטן ביים גארגל און דער שר הממונה על הכליון, על השחתת־עולם, וועט ארויס־פלאצן מיט נצחון: וחד בחד כי סביך ועביד קרבותא! *

שלמה האט נאך נישט באוויזן צו פארקערעווען אין זיין געסל, ווען געדיכטע טראפנס, שטייפע ווי שפיציקער ארבעס האבן אנגעהויבן צו קלאפן איבער די דעכער ווי די קעסלפויקן פון א גרוים חיל. ער איז מיט אן אימפעט אריין אין שטוב אריין, אויף די שפיץ פינגער זיך דורכגע־שלייכט צו זיך אין צימער און האט האסטיק צעפראלט דאס פענצטער. כדי א ביסל איינצושטילן דעם אינערלעכן שטורעם, האט זיין גאנצער וועזן

---

* און איינער מיט דעם צווייטן, אז זיי וועלן זיך פארטשעפן, וועט אויסברעכן א קריג. פון „אקדמות".

געלעכצט נאָך א נאַטירלעכן שטורעם, נאָך א מבול. אָבער אין יענעם אָוונט איז אים שוין באַשערט געווען בלויז אַנטוישונגען. ער האָט נישט באַוויזן צו עפענען דאָס פענצטער ווי דער רעגן — אַזוי ווי מיט א האַק אָפּגעהאַקט! דער שלאַקסרעגן האָט געהיימניספול אויפגעהערט. די ני־דערגעשלאָגענע הייזלעך האָבן הכנעהדיק געקוקט אין אומגעזעענעם הימל אַריין: וואָס וועט ווייטער זיין? צו וואָס איז נאָך אָט די שפּיל אין „קאַץ און מויז״? דאָס ברייט צעעפנטע פענצטער האָט אויסגעריסן א שוואַרצע, פיר־קאַנטיקע יריעה פון דער נאַכט, אויף וועלכער עס האָבן זיך ווייט גע־פענדלט קוים באַמערקבאַרע בעזים־שפּיצן פון שלאַנקע טאָפּאָלן און צווישן זיי — א פאַרמלאָזער שטיק פאַרכמאַרעטער הימל. און אומפאַרשטענדלעך פאַר וואָס, האָבן זיך די כמאַרעס אָנגעהויבן דראַפּן אויף צוריק צו זיך אַהיים, און מיטן וועג שיטערער צו ווערן. עס האָט אויפגעהערט שמעקן מיטן רעגן, עס האָט זיך נאָך אָבער קיינעם נישט געגלייבט, אַז מען איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. די דונערן זענען שוין איצט געווען געגליכן צו די קרעכצן פון א געווינערין, ווען זי האָט שוין נישט מער קיין כח צו שרייען. אין די הפסקות האָט פון ברעג צו ברעג געהערשט א טויטע שטילקייט. און פּלוצלינג האָט זיך אויפגעהויבן א שרעקלעכער שטורעם. א צפון־ווינט, אַן עוקר־הרים, האָט זיך אויסגעבעטן ביים אלהי־הרוחות און האָט פאַרפּלייצט דעם גאַנצן חלל־העולם, ממש: כמים לים מכסים. די כמאַרעס האָבן זיך משוגענערווייז געטראָגן אויף דרום, איינע אויף דער אַנדערער, איינע איבער דער אַנדערער, עדרים, עדרים...

מיט א מאָל איז אויף שלמהן אָנגעפאַלן אַזא בענקשאַפט אַהיים, נאָך טאַטע־מאַמע, נאָך די קינדער, נאָכן זיידן, נאָך מנשהן, אַז ער האָט זיך געמוזט איינהאַלטן מיט אַלע כוחות, ער זאָל זיך נישט צעוויינען. ער איז אין אונטערוועש אַראָפּ פונעם בעט, צוגעפאַלן צום טיש און האָט אָנגע־הויבן שרייבן אַהיים א בריוו. די ערשטע פּאָר שורות זענען אָנגעשריבן גע־וואָרן מיטן גאַנצן פלאַם פון זיין בענקענדיקער נשמה, אָבער ווייטער איז דאָס נישט געגאַנגען. וויפל שלמה האָט זיך נישט געגריבלט אין זכרון — איין מאָל ניין, אַזוי ווי פונעם שטיין! א באַטריבטער האָט ער אָוועקגעלייגט די פעדער, אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אין די דלאָניעס און איז אַזוי, א פאַר־גליווערטער, געבליבן זיצן א שטיק צייט. דאַן האָט ער מיט א מאָל אויפ־געוואַכט, זיך א דערשטוינטער אַרומגעקוקט, געכאַפּט א קוק אין פענצ־טער און האָט זיך א דערשעפּטער צוריק אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין.

שלמה האָט זיך אַלץ געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, ווי ער וואָלט געלעגן אויף שפּיציקע סטערניעס, נישט אויף א פּוכאָווע איבער־בעט. ער דערמאָנט זיך אין דער סצענע צווישן פאָטער און טאָכטער און עס שלאָגט אים אַרויף אַן עקלדיקע כוואַליע; ער דערמאָנט זיך אין זיין אייגענעם פאָטערס „קאָנצערט״, חול־המועד פסח אין כמעלניק, און עס איבלט אים. עס שווימט אַרויס פאַר זיינע אויגן: יוכבד מיט פאַרוויינטע אויגן ווי די באַנקעס, בעת זי אַנטלויפט פונעם צימער, און עס באַפאַלט אים

א טיפע עצבות... וואָס איז אים דאָס אַלץ נוגע? פון וואַנען איז דער צוואַנג אויפן הארצן און וואָס איז די תרופה צו אים, וואָס?

וויפל ער האָט נישט געטראַכט און וויפל ער האָט נישט געפּלאָנעוועט, האָט ער קיין שענערס נישט געקענט צוקלערן, ווי אויפהערן צו גיין אַהינ־צו אין שטוב אַריין — און שוין. פאַר וואָס איז ער עפּעס מחויב זיי צו באַזוכן? טאַקע אַ זלאַטאָפּאָליער חסיד, נאָר אַז ער וויל, באַזוכט ער זיי, און אַז ער וויל נישט, באַזוכט ער זיי נישט. ער איז ביי קיינעם נישט פאַרקויפט.

שלמה האָט נאָך נישט רעכט צוגעמאַכט די אויגן — אַזוי האָט זיך אים געדאַכט — האָט אים אהרל אויפגעוועקט. ער גייט פונעם דאַוונען האָט ער אָפּגעטראָטן אַ קוק טון: וואָס ער מאַכט, צי האָט אים נעכטן ביי נאַכט נישט פאַרכאַפּט דער רעגן אין מיטן גאַס. די זון איז שוין געשטאַ־נען הויך אין הימל, עס האָט שוין געמוזט זיין מיטאָג צייט. שלמה איז געוועזן צערייצט פאַרן אויפוועקן אים נאָך אַזאַ שלאָפלאָזער נאַכט, און בכלל האָט אים נאָך געשמערצט דער קאָפּ פון נעכטיקע רעיונות, און ער האָט זיין גאַסט נישט געענטפערט קיין איין וואָרט. אהרל, זעענדיק, אַז שלמה איז עפּעס נישט אויפגעלייגט, האָט גענומען די פעדער און זי אָנ־געהויבן פּרווון אויפן נאָגל. שלמהס געדולד האָט אָבער איצט נישט גע־קלעקט אויף גאָרנישט, ער האָט אַ בורטשע געטון אויף אים:

— וואָס רוען ביי דיר די הענט נישט? לייג אַוועק! די פעדער טשע־פּעט דיך נישט? טשעפּע זי אויך נישט.

אהרל, מיט אַ שולדיק שמייכעלע:

— דו ווייסט נישט? ידים עסקניות הן...

— האָסט נישט וואָס צו טון מיט זיי? קראַץ זיך —

— אַ דאַנק דיר פאַר דער עצה טובה.

— עס געזונט און זאָל דיר וויל באַקומען.

— עפּעס ביסטו מיר היינט שטאַרק צעפלאַכטן, ביסט היינט אויפגע־שטאַנען אויף דער לינקער זייט, צי וואָס?

— אפשר...

און נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער אומצופרידן צוגעגעבן:

— איך בין נאָך בכלל נישט אויפגעשטאַנען, דאָס האָסט דו מיך אויפגעוועקט...

אהרל האָט זיך שווייגנדיק אויפגעהויבן פונעם בענקל און שוין האַל־טנדיק די קליאַמקע פון דער טיר האָט ער אַרויסגעפּליסטערט:

— נו, אויב אַזוי, אַנטשולדיק. שלאָף געזונט.

— אַ גוטע נאַכט.

אהרל האָט שטיל צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר. שלמה האָט אים נאָכגעקוקט מיט פאַרשטאַרטע אויגן, דאַן האָט ער אַריינגעוואָרפןביידע בינטלעך פינגער אין דער צעפּאַטלטער טשופּרינע, זיך אַריינגעוואָרפן אי־נעם קישן און אַ פאַרביטערטער, זיך אַליין געפרעגט אַ קשיא:

— וואָס האָב איך געהאַט צו אים? פאַר וואָס האָב איך אים דורכ־געטריבן?

דאָס פענצטער ביי זיין צוקאָפּנס איז געווען צוגעמאַכט. אָדער דער ווינט האָט עס צוגעקלאַפּט, אָדער פראַדל האָט אין געסל באַמערקט, אַז ער האָט נישט פאַרמאַכט דאָס פענצטער פאַרן גיין שלאָפן און האָט עס פון יענער זייט צוגעמאַכט. יאָ, ס'איז זיכער זי, נישט דער ווינט. אַזאַ גע־טרייע נשמה דאַרף מען זוכן מיט ליכט. שלמה בייגט זיך אַרויס פונעם בעט און צעפּראַלט דאָס פענצטער. עס גיט אים אַ שלאָג אין דער נאָז דער דופּטיקער גערוך פון דעם נאָענטן „סעדל" און דאָס דערפרישט אים, אַ מחיה. פון די ביינאַכטיקע אומרועַן זעט מען קיין שפּור נישט — וואָס גאָט קען! אָבער ער, שלמה, קען דאָס נישט. דער קאָפּ איז אים ווי אָנגע־גאָסן מיט בליי פון נעכטיקער נאַכט, און דאָס קלעמעניש ביי דער נשמה — אויך דאָס זעלבע. זיינע גדאַנקען ווערן איבערגעשלאָגן דורך באַקאַנטע קולות. די „מנוחהס" מיט די „נחמהס" זיצן שוין אויף זייער חזקהדיקער באַנק און מען שמועסט. ער וויל אַ ביסל אויסרוען דעם מידן מח און לייגט צו אַן אויער צום „הינטערן פענצטער". יאָ, דאָס פירן אַ בנעימות־דיקן געשפּרעך זיינע צוויי שכנטעס: „בובעלעס" מוטער און יענע יפהפיה מיט די שפּיזלעך. דאָס געשפּרעך פירט זיך קענטיק אין גוטן מוט, אויפן פולן מאַגן, און אַזוי שטיל, אַז שלמה הערט אין בעט אַריין מלה במלה:

— נחמהלע, לייג אָקאָרשט אַוועק דיינע שפּיזלעך, איך וויל דיך פרעגן גאָר־גאָר אַ האַרבע קשיא —

— נו־נו, פרעג, לאָמיר הערן...

— לייג צו דעם קאָפּ, הער זשע —

— הירזשען, הירזשעט אַ פערד...

— ...מאָל דיר אויס, וואָס וואָלט געווען ווען דו גייסט אַזוי און גייסט, גייסט אַזוי און גייסט און פּלוצלינג... ליגט פאַר דיינע אויגן אַ בייטל מיט געלט —

די שכנטע גיט זיך אַ קראַץ מיט אַ שפּיזל אונטערן קובלעק:

— איך וואָלט אים אויפגעהויבן...

— דיר זאָל זיין פאַר דיין קלוג טעפּעלע, אַ—מן! יהא שמיה רבא... איך האָב גאָר נישט געוווסט נחמהניו, אַז אין דיר ליגט אַזאַ אוצר מיט חכמה... זי וואָלט מיר געטון אַ טובה און זיך מטריח געווען אים אויפצוהייבן... הערסט אַ מעשה? כ'זאָג דיר: פּלאי־פּלאים! איך פרעג: צי וואָלסטו פריער איבערגעציילט די כשרע מציאה, צי דו וואָלסט דעם מטמון גלייך באַהאַלטן?

— אודאי גלייך באַהאַלטן! זי פרעגט ערשט, די חכמה פון דער „מה נשתנה"... ווער גייט עס ציילן אַ געפונענע זאַך? ביי אַ געשענקט פערד קוקט מען נישט אין די ציין אַריין. מען גיט דיר? זאָג אַ דאַנק און ווער צעגאַנגען ווי זאַלץ אין וואַסער...

זי ציילט טיפזיניק איבער די אייגלעך פונעם סעקעלע, וואָס זי האלט אין אויסאַרבעטן און גיט צו בחפזונדיק:

— והשנית, וואָס פאַר אַ ציילעניש איז מיטן דערינען? עס קען נאָך דערוווייל דערזען מיין שלימזל, מען זאָל זיי נאָר געדיכט זייען און זיי זאָלן שיטער אויפגיין, פאָטער זיסער... מציאות קען איך אים געבן, און מכות־בכורות וויל ער נישט?

— ביסטו אויך גערעכט... דו רעדסט ווי אַ חכמה, אויף מיר אַזאַ יאָר. דאָס ציילן דאַרף מען אָפּליגן אויף שפּעטער. זעסטו? ווען דו זאָגסט גלייך, איז נישט קרום... יאָ, אָבער ווי וואָלסטו באַהאַלטן דעם אוצר, אַז דיין תרח זאָל אים נישט פּאַקן?

— איך וואָלט אים געגעבן אַ פּאַקעניש וואָלט אים פאַרגאַנגען דער חשק... האָב קיין יסורים נישט, מנוחהניו, ער קען ביי מיר פּאַקן דאָס צרעת, נישט קיין אוצר...

— אָבער פאָרט... איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דעם. ער האָט געכראָפּעט ווי אַ קאַליע־געוואָרענער המן־גראַגער און איך האָב געטראַכט, געטראַכט; געטראַכט, געטראַכט, און צו קיין לייטיש ערטל זיך טאַקע נישט געקענט דערטראַכטן... אַנו, זאָג דו עפּעס אַ קלוג וואָרט. אדרבה, אפשר וועסטו זיין מזלדיקער פון מיר...

— פּכע! אַ גרויסע מעצאָצע — אַ באַהעלטעניש! איך וואָלט אים באַהאַלטן אין... אין... אין קובלעק!

— און טאָמער הייבט אָן דיין צורר־היהודים — עס זאָלן אים נאָר ווערן יבש עשיום ידימלעך — דיך רייסן ביי די האָר?

— ביסט גערעכט ווי משיח... איך וואָלט באַהאַלטן... באַהאַלטן... כ'וואָלט אים באַהאַלטן אין קינדס וויגעלע —

— און טאָמער, ס'זאָל גאָר די שעה נישט זיין, פאַרגעסטו אויסצו־שפּרייטן אַ שטיקל צעראַטע און צען מאָל נישט דאָ געדאַכט... אַ שטילע שריפה...

— ביסט גערעכט... ס'איז איינגעשטעלט... ווער שמועסט ביי מיין עלעקלען, ער זאָל מיינע ביינער איבערלעבן, איז שוין פון אַ פּאָר טעג אַזוי קאַליע געוואָרן דאָס מאָגנדל — אייטער זאָג איך דיר... און ביי נפתל־קעלען אויך... און ביי מיין באַבציליען אויך... אודאי אויפגעאַכלט אַ פויל שטיקל גרינס... ניין, דו ביסט גערעכט, אין וויגעלע באַהאַלטן טויג נישט, שוין גלייכער אונטער דער הינער־שטייג —

— און טאָמער גייט דיין זולל־וסובאניק זוכן דאָרט אַ פריש געלייגט איי? וועסט עפּעס גיין שווערן פאַר זיין טריפהנעם האַלדז?

נחמה רייניקט זיך מיט אַ שפּיזל דעם ברוד פון אונטער די נעגל און שטאַמלט אַ פאַרלוירענע:

— זיך גאָרנישט גערעכט... ס'איז טאַקע אַ שווערע הלכה... עס קומט אויס, אַז אין ערגעץ טויג נישט. שאַ, און ווי וואָלסט דו באַהאַלטן אַזאַ מטמון מיט געלט?

— איך וואָלט אים... איך וואָלט אים פֿאַרשטעקט אונטער דער סטריכע...

— און טאָמער אַ מויז? דו געדענקסט פּסח מיט די אַרבעס —

— ...איז הינטער דער שטאַל אין אַ גרוב פֿון קאַרטאָפֿליעס —

— און טאָמער אַ סוסליק? דו האָסט שוין פֿאַרגעסן וואָס ס׳איז געשען פֿאַר דריי יאָרן —

— ...איז אין דער איבערבעט —

— און טאָמער הייבט אים פּונקט אָן צו קוועטשן, דעם המן־הרשע דיינעם? געדענקסט נישט יענעם זומער די מעשה מיט די פּלוימענקערלעך, ווי אַזוי —

— ...איז הינטער דער באָד צווישן גראָז צוגעדעקט מיט אַ שטיין —

— און טאָמער רייניקט מען גראָד? אַ קשיא אויף אונדזער בעדער, דעם משומד?

מנוחה גיט אַ פּליעסק מיט די הענט:

— שאַ! דו ווייסט ווו איך וואָלט באַהאַלטן דעם בייטל? ביי קיילע־רחל דער נאָמנטע אונטער דער מצבה! נאָך אַזאַ בעל־נאָמנותטע ווי זי, איז גאָר נישט שייך. אַ פֿרומע טויב געווען. אָט דאָס איז אַן ערטעלע, האַ? זאָג אפשר, אַז ניין?

נחמה איז שטאַרק איבערראַשט פֿון איר חברטעס קלוגן איינפֿאַל:

— יאָ, ס׳איז אַ ווילע המציאה! אַ גאָלדן אָרט, איך זאָל אַזוי לעבן און געזונט זיין...

מנוחהס אויגן בלישטשען אַזש פֿון נצחון:

— אַ—האַ! אָבער צוגעקלערט? איך האָב נאָך פֿון דער היים געהאַט דאָס ערטעלע, נאָר איך האָב דיך אומיסטן געוואָלט אַ ביסל מאַטערן. אַ גאַנצע נאַכט האָט עס מיך נישט געלאָזט רוען... דאַכט זיך, אַ קלייניקייט, וואָס? אָבער אַנו, פּרווו טראַכט צו... נחמהניו, אָבער מיר ביידע, איינער ביי דער צווייטער, וואָלטן אַלץ געוווסט?

— פֿון אונטערן לעפּעלע!...

— נאָך אין דעם זעלבן טאָג?

— אין דער זעלבער מינוט!

— און אונדזערע טייערע מאַנדעלעך — אַ מכה?

— מאתים וחמשים מכות, ווי אין דער הייליקער הגדה שטייט געשריבן...

— האָבן מיר שוין, הייסט עס, ברוך־השם, אַ גוט פּלאַץ, וואָס זשע נאָך פֿעלט אונדז?

— אַז עמעצער זאָל וועלן גיין און פֿאַרלירן. גלייב איך, אַז אויב דער וואָס — איך האָב נישט קיין ריינע הענט — האָט דיר שוין אַרייַנגעשיקט אַזאַ גליכן רעיון, וועט ער מן הסתם דאָס איבעריקע שוין אויך באַוואָרענען...

מנוחה גיט זיך ווייטיקלעך אַ קרום און לאָזט אויס מיט אַ טיפֿן קרעכץ:

— אוי, עפּעם זויגט מיר אונטערן לעפּעלע... ווייסט דער רוח די נשמה זיינע, דעם פּרנסה־גנעבער מיינעם... זינט דו לעבסט האָסטו נאָך נישט געזען אַזאַ וויסטן שלימזל ווי מיין שמערל־רפאל. ער האָט מורא צו ברענגען פונעם קאַלכאַז אַ ברוקוועלע, אַ מייערל, צי אַ ציבעלקעלע, אַזאַ ניעגאָדניק! * לעבן מיר אַ גאַנצע וואָך בלויז מיט בולבעס, ווי עס זינגט זיך דאָרטן אין לידל: „זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס, און דינסטיק פאַר אַ נאָווינע — ווידער אַ מאָל בולבעס"... אַ גאַנצע וואָך נאָגט אַזוי ביי דער נשמה, אַז ווען מען קוילעט שוין אויף שבת דאָס עופעלע, שלינגט מען עס איין מיט די אויגן און אין מויל בלייבט גאָר קיין טעם נישט איבער...

נחמה גיט אַ שמאָרע מיט דער נאָז און באַנעצט מיט דער צונג די ליפּן:

— וואָס ווילסטו מיר אויסבראַיען, אַז ערלעך איז שווערלעך? דאָס איז אַלט ווי די וועלט. אודאי איז אַ יונג קאַטשקעלע געפּולט מיט פעפערלעך און מיט גריוון געשמאַקער פון בולבעס. צי למשל, אַז גאָט העלפט, מען קען אויסהאָדעווען אַ הורטל גענדז, האָט מען צו לעקן און צו שמעקן און מיט וואָס די קינדער איינצורעדקן. מיר געפעלט ווי דו זאָגסט, אַז דיין שמערל־רפאל איז איין שלמזל אויף דער וועלט. און איך זאָג דיר, אַז אַזאַ לא־יצלח ווי מיין פרץ־יונה האָסט דו נאָך נישט געזען. ביי לייטן טראָגט מען אַרויס אונטער די פּאָלעס פון די אַרטעלן אַל דאָס גוטס, איך זאָג דיר: פון הערן און זען און געדענקען. און ער... אַנו זאָלסט זאָגן אויף ציקאָרוויסט — אַ שוכבענדל... ווערט מען טאַקע דאַר און קוואַר, אַז ס'איז מיט ניסים, וואָס דער ווינט בלאָזט אונדז נישט אַוועק.

— מילא דאָס, וואָס מיר גייען אַרום קרועה־בלואה בין איך שוין מוחל, אַבי די שאַנדע איז צוגעדעקט —

— גאָט באַוואָר! ווער רעדט שוין און ווער טראַכט שוין פון אַזוינע זאַכן? און מיר גייען נישט אַרום אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן ווי די בעטלערס אויף דער יאַרמאַרקע? ** איך שעם זיך שוין גאָר צו רעדן פון אַזוינע שטותים. ווער מאַכט זיך עס היינטיקע צייטן קליידער, ווער? איך רעד פון דעם מאָגן, רעד איך, פונעם מגן־אבות... דאָס איז, שוועסטער לעבן, אַזאַ נפש, וואָס טאָמער פאַרשטאָפּסטו אים נישט דעם פּיסק, הייבט ער אַזוי אָן צו בורטשען, אַז דאָס לעבן ווערט נישט ניחא. אוי, גאָט מיין גאָט, פאַרזוך מיין קאָמפּאָט וועסטו אויך וויסן, וואָס פאַר אַ טעם ער האָט... זויי צו מיינע יונגע יאָרן, צו וואָס מען האָט דערלעבט...

אַ פּאָר מינוט שווייגן זיי ביידע פאַרטיפט אין שווערע געדאַנקען. מיט אַ מאָל רופט זיך אָן נחמה:

— מנוחה־לעבן, דו האָסט דאָ גערעדט פון קיילע־רחלען, זי זאָל זיין פאַר אונדז אַ גוטע בעטערין, האָב איך זיך דערמאָנט אין איר זיסן געניידעם — זי זאָל אים נאָר אין גיכן נעמען צו זיך, רבונו של עולם — ער

* טויג צו גאָרנישט.

** יאַריד.

האָט דאָך נעכטן אויף דער נאַכט ווידער געמקלט דאָס ווייבל נעבעך... כולצי, נחמיה־וואָלף דער מעבעלעבעס שנור, האָט אַליין געהערט די גוואַלדן... און קיילע־דוואָסיע די קוראַלאַפּניטשקע, * וואָס וווינט קעגנאיבער זיי אין בוידעם־שטיבל, האָט אויך געהערט דעם געפּילדער און האָט געזען ווי אַלע שכנים האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ, באַטראַכט דעם בייזווונדער, אָבער, אַז עמעצער זאָל זיך געוועזן איינשטעלן פאַר איר, זי מציל זיין פון עשיום הענט — דאָס דווקא נישט. יעדער איינער וואַשט זיך אָפּ די הענט : נישט אים מיינט מען. שוין געהערט געוואָרן אַזאַ הפקרות, הא ? מאַרגן קען דאָס זעלבע פּאַסירן מיט מיר, איבערמאָרגן מיט דיר און אַזוי מיט אַלע יידישע טעכטער... און וואָס וויל ער פון איר לעבן האָבן, דער מערדער?

— זי איז אויך די אמתע שטוקע...

— אַזאַ מנוול !

— זי איז אויך אַ גוטע נבלה...

— אַזאַ הורג־נפשות ! אַזאַ היצעל !

— אַזאַ מרשעת, אַ מכה דעם טאַטן אירן...

— אַזאַ עמלק !

— נישקשה, וועט זי ווייניקער אַ ביסל דרייען מיטן פּיסקעלע ווי אַ פּוקסל...

— עס זאָלן אים נאָר אָפּדאַרן עשיום ידים, טאַטע זיסער !

— עס מעג זי איינקאָרטשען ווי אַ פּלעצל קעגן פּלאַם, דערבאַרעמדיקער פאָטער...

— ער זאָל מער נישט דערלעבן אויפהייבן אויף איר —

— עס זאָל מיט איר אָנהייבן וואַרפן העכער הייזער...

— דאָס זאָגסטו שוין מיר אויף צו־להכעיס...

— דו זאָגסט מיר אויף צו־להכעיס...

— ניין, דו — מיר !

— ניין, דו — מיר !

— געדענק זשע —

— ניין, געדענק דו... אָבער ווייסטו וואָס נחמהניו, צו וואָס דאַרפן מיר זיך איינרייסן דאָס געזונט ? כ'בעט דיך, פּראַ־מיר זאָלן זיי זיך אפילו שלאָגן קאָפּ אין וואַנט ; זאָלן זיי זיך אפילו אויסדראַפּען די אויגן איינער דעם צווייטן, וואָס איז דאָס מיין עסק ? וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט זיי ? מיטן קאָפּ אין דער ערד ! אַ געשעפט האָב איך מיט זיי... עס פעלן מיר אוים אייגענע צרות ?

נחמה, געלאָשענער אַ ביסל :

— און וואָס מיינסטו איז מיר אַזוי נוגע אין לעבן ? פון מיינעט וועגן מעגן זיי זיך רייסן ביי די שלייערס דרייצן חדשים אין יאָר, אָבער וואָס אמת, איז אמת : ער איז דער אמתער אשמדאי !

* אַ הענדלערקע פון עופות.

— זי איז אויך דער אמתער קטב־מרירי...
— אזא נחש הקדמוני !
— זי איז אויך די רעכטע יאשטשערקע...
— אזא משלחת מלאכי־רעים !
— זי איז אויך אַ גוטע מרשעת...
— אזא וואָס אין דער קאָרט!
— זי איז אויך אַ דער רוח ווייסט וואָס...
— אזא אויסוווּרף ! אזא כלבוניק !
— זי איז אויך די אמתע ימח־שמוניצע...
— אזא עזות, מחוצף־פנים !
— אזא נפקא!
— אזא הפקר־יונג!
— אזא מופקרת !

— אזא טריפהנער האָלדז !
— אזא אָנגעשטאָפּטע קישקע !
— דאָס זאָגסטו שוין ווידער מיר אויף צו להכעים —
— ניין, דו — מיר!
— ניין, דו — מיר!
— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? איך האָב זיי ביידע טיף טייער אין דער ערד! פון מיינעט וועגן מעגן זיי ביידע ברענען ליכטיק אָדער איינגעמען אַ מיתה־משונה —
— פון מיינעט וועגן אויך. וואָס געהערן זיי זיך מיט מיר אָן, אַ קנעפּל צו די פּלידערן? און דער עיקר טאָקע מעג ער אָנלייגן מיטן קאָפּ...
— ניין, דער עיקר — זי!
— ניין — ער!
— ניין — זי!
— ער!
— זי!
— ער!
— זי!
— ער, זאָג איך דיר, אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אריין, ביז אדם הראשון געפּלויגן געוואָרן!
— זי, זאָג איך דיר, עס זאָל זי אָנהייבן ברעכן און שטעכן און צור־נויפּדרייען ווי אַ בייגל —
— ער, זאָג איך דיר, צען מכהלעך אים אויף די לונגען און אײנס, אַ שיינס אויף זיין ווערעמדיק פּופּיקל —
— ס'איז פון דיר געוואָרן נישט איבערצוטראָגן, נחמהניו —
— ס'איז פון דיר אויך נישט אויסצוהאַלטן, מנוחהניו... וואָס האָסטו צו אַ יידישער טאָכטער?

— און וואָס האָסטו דו צעעפנט אַ פּיסק אויף אַ יונגנמאַן, גאָט די נשמה שולדיק?
— בהן שלי, איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ פּיס־קאַטע —
— און איך — אַז דו ביסט אַזאַ סעדעכע —
— און איך — אַז דו ביסט אַזאַ שווּעבעלע, אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן —
— און איך — אַז דו ביסט אַזאַ נאַסע שמאַטע, זאָל גאָט שומר ומציל זיין —
— און איך — אַז דו האָסט אַזוינע בלאָע ליפּעלעך —
— און איך — אַז דו האָסט אַזאַ פּיסקעלע אויף שרייפּעלעך —
— און פאַר וועמען, פרעג איך, נעמסטו זיך עס אָן?
— און פאַר וועמען, זאָג מיר, נעמסט דו זיך עס אָן, האַ?
— מען קען, מען קען זיינע שמד־שטיק, אַ רוח אין זיין געפגרטן —
— מען איז אויף איר אויך גוטע מבינים, אויף דער משומדרתטע, אַ רוח אין איר געפּגרטער —
— אַ העזה אַ ביסל פון אַ שאַלטעק —
— אַ חוצפה אַ ביסל פון אַ פאַרשייטער —
— דער עוכר־ישראל מעג דיר ברענען ווי אַ שטרויענער דאַך אין אַ תמוז־נאַכט, רבש"ע!
— די חצופה, די הולטייקע מעג דיר אויך ברענען ווי אַ כפול־שמור־נהדיקע הבדלה און גאָרנישט פאַרלאָשן ווערן, פּאַטער אין הימל!
— דער שלאַק זאָל אים טרעפן פאַר מיר און פאַר כל ישראל ונאמר אמן...
— נישקשה, זי איז אויך די אמתע ארורה —
— עס מאַכט נישט, זיין געביין מעג אויך פאַרשאָלטן ווערן מיט בלעמס קללות —
— זי מעג אויך די כפרה ווערן פאַר אַ גוטן גוי...
— שוועבל און פעך אויף זיין קאָפּ!
— פרעהס קרעץ אויף איר קאָפּ, אויף אירע הענט און פיס און אויף איר לייב און לעבן —

שלמה, אַ דערשיטערטער פון די קללות וחרמות פון אָט די פּאַס־קודנע יאַכנעס, האָט אַ צעריצטער אויף דער גאַנצער וועלט פאַרהאַקט דאָס פענצטער און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין. אַלע און אַלץ איז אים איצט געווען דערעסן, און נמאסער פון אַלץ — אָט דאָס בעט מיט דעם דאָזיקן בר־נש, וואָס וואַלגערט זיך אין דעם אום האַלבן טאָג.

קאפיטל XXI

עס זענען פאַריבער צוויי טעג. שלמהן האָט זיך געדאַכט, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי. ער איז אין ערגעץ נישט אַרויסגעגאַנגען. ער האָט געבעטן זיינע בעלי־בתים, אַז ווער עס זאָל אויף אים נישט פרעגן, עס מעג אפילו זיין דער רב אַליין, זאָלן זיי זאָגן, אַז ער נישטאָ אין שטוב.

אויף דעם דריטן טאָג נאָך יענעם „פריילעכן" אָוונט, הערט ער, ווי עס עפנט זיך די טיר פון דער גאַס און אהרל פרעגט ביי פראַדלען:

— שלמה שלאָפט נאָך?

— שלמה איז נישטאָ אין שטוב.

— אַזוי פרי איז ער שוין אַוועק אין פּאַרק אריין?

— איך גיי אים נישט נאָך.

— ער האָט אייך נישט געזאָגט, ווען ער וועט זיין?

— ער דאַרף מיר עפּעס אָפּגעבן דין־וחשבון?

די טיר האָט זיך צוריק צוגעמאַכט און עס איז שטיל געוואָרן.

אין עטלעכע שעה אַרום איז שוין געקומען הערשל און איז אַוועקגע־גאַנגען מיט דעם זעלבן דערפאָלג, וואָס זיין ברודער.

שלמה איז אָן אָנגעטונענער געלעגן אויפן בעט און האָט געקלערט פון... גאָרנישט. אין מח איז ביי אים געווען פּוסט און ליידיק און פול מיט האָפענונגען, אַז עס וועט שוין באַלד... נאַכט ווערן. אין צימער איז געווען אַ שרעקלעכע אומאָרדענונג. ס'איז שוין דעם צווייטן טאָג, אַז ער לאָזט פריידען נישט אויפרוימען, ער וועט אַלץ — זאָגט ער — אַליין טון, אָבער שפּעטער, שפּעטער, אַז ער וועט זיך אַליין אָננעמען מיט חשק. דער־ווייל אָבער האָט מען דעם חשק נישט געהערט און נישט געזען. אויף אַ פּאָר מינוט האָט זיך זיין געדאַנק פאַראַנקערט אויף אהרלס היינטיקן באַזוך און ער טראַכט מיט פאַרביטערונג:

— איך פעל זיי דאָרט אויס צו אַ מנין... אָן מיר קען מען זיך נישט דראַפּען... דער שיינער ייד מיט זיינע „שבעה־זיצעכטסן" און די „צרת־הבת" מיט אירע כאַרקאָוון... צו וואָס מוז איך דאָס אַלץ אויסהערן? גייט דאָס גאַנצע רייסעניש זייערס צו אַל די רוחות! געפונען פאַר וועמען זיך צו לאָדן... וואָס איז ביי מיר, קאַזיאָנע אויערן, צי וואָס? זיי האָבן ביי מיר מער נישט וואָס צו טון, נאָר אויסהערן ווילד־פרעמדע צרות? ווו שטייט עס געשריבן, אַז דווקא איך מוז זיין אַן עדות ווי אַזוי דער „פּאַ־פּאַשאַ" מיט דער „דאָטשקע" וואַשן זיך איינער דעם אַנדערן דאָס קוי־טיקע גרעט...

אָט דער גאַנצער שקלא וטריא האָט אָבער מער נישט געדויערט ווי אַ רגע כמימרא און ווידער איז זיין מח געווען פּוסט און ליידיק ווי אַ דאַר־פיש וואָקזאַלכל נאָכן אָפּגיין פונעם צוג.

נאָך מיטאָג איז נאָך אַ מאָל געקומען אהרל:

— ער איז איצט אויך נישטאָ?

— וואָס איז מיר איצט און וואָס איז מיר פריער? ער איז נישטאָ און שוין!

— ער איז גאָרנישט געווען אויך?

— נישט געווען אויך...

— האָט נישט קיין פּאַראיבל, אַ גוטן טאָג.

— האָט נישט קיין פּאַראיבל, גייט געזונט.

אהרל איז אָבער נישט געווען קיין נאַר. ער האָט שוין דערשמעקט וואָס דאָ קומט פּאָר, און האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ אויף אַ מיטל ווי אַזוי אויפצוברעכן די בלאָקאַדע. יעבור עלי מה — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן — אָבער איך מוז מיך דורכרייסן דורך אָט דער וואַנט, וואָס מען רופט זי פּראַדל. ער האָט זיך בגנבה צוגעשאַרט צו בנימין בערעלעס הינטער־טיר און האָט האַסטיק אָנגעהויבן צו קלאַפּן. פון אָנהויב האָט קיינער זיך נישט אָנגערופן, נאָר דערנאָך, אַז דאָס קלאַפּעריי האָט שוין געקענט „אויפוועקן אַ טויטן", האָט פּראַדל אָנגעהויבן צו שרייען:

— ווער איז דאָרט? ווער איז דאָרט?

דאָס קלאַפּן האָט זיך נאָר פאַרשטאַרקט, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן.

— ווער איז דאָרט? וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש? ווער טאַראַכקעט עס ווי אַ פּוליעמיאָט?

צו אהרלס אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ בהלהדיק שליאָנדרען פון געוועגטענע שטעקשיך. פּייל אויסן בויגן האָט ער געמאַכט אַ הקפה אַרום דער שטוב און איז שוין ווידער געשטאַנען ביי דער פּעדערשטער טיר. ווען פּראַדל איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין הייזל און האָט דאָרט געזוכט דעם, וואָס האָט אַזוי געקלאַפּט, האָט אהרל שטיל געעפנט די טיר און זאָל אַריין, אויף די שפּיץ פינגער זיך דערנענטערט צו שלמהס צימער, און איז תמעוואַטע־גליטשגילטיק אַריינגעגאַנגען.

— גאָט העלף, שלמה. וואָס ליגסטו גאָר עפּעס ביי טאָג אין מיטן דרינען?

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי...

— ביסט דאַכט זיך ברוגז אויפן טאַטן דערפאַר, וואָס ער האָט דיר געזאָגט, אַז ער האָט זיך גענאַרט אין דיר?

— ברוגז? משוגע מיינע שונאים...

— האָב איך נישט געטראָפן איז דאָך אודאי גוט. שטיי אויף, קום צו אונדז אַ ביסל. אין שטוב איז קיינער נישטאָ, אַ חוץ יוכבדן...

שלמה האָט שאַרף אַ קוק געטון אויף אים און געטראַכט:

— נאָך וואָס זאָגט ער מיר דאָס? ווער פרעגט אים דען, ווער ס'איז דאָ אין שטוב און ווער נישט? געשיקט זיך, אַז אַ קליינשטעטלדיק יינגל זאָל על רגל אחת אַריינדרינגען אין יענעמס נשמה?

ניין, שלמה איז אים אומזיסט חושד. אהרלס פּנים איז לעקישעוואַטע אומשולדיק. ניין, ניין, עס האָט זיך אים נאָר אויסגעדאַכט, אַז יענער האָט

געהאַט דערביי עפּעס אַ כונה. ביי יענעם האָט זיך צופּעליק אַרויסגעכאַפּט דער שוועסטערס נאָמען. ווען די מוטער איז גראָד אין שטוב, וואָלט ער געוועז אָנגערופן דער מוטערס נאָמען.

דורכגייענדיק אין צווייען דורך דעם זאַל האָט זיך אהרל העפלעך אָנגעבויגן צו פראַדלען און גוטברודעריש אַ זאָג געטון:

— עס האָט מיר גראָד אָפּגעגליקט. איך בין געגאַנגען אין גאַס און אים צופּעליק באַגעגנט... אַ צופּעליקע זאַך...

— גיי, גיי, דאָס צווייטע מאָל וועל איך דיך אויף דער שוועל נישט אַרויפלאָזן.

איבערן וועג האָט אהרל, אַ נידערגעשלאָגענער, דערציילט שלמהן וועגן אַלץ, וואָס ביי זיי אין שטוב קאָכט זיך. ער האָט אַרויסגעלייגט אַלץ אָפנהאַרציק, „פון אונטערן לעפּעלע", ווי פּאַר אַ לייבלעכן ברודער, און שלמה האָט אים מיטפילנדיק אויסגעהערט, טאַקע ווי אַ לייבלעכער ברודער. יוכבד קלייבט זיך טאַקע ערנסט אין וועג אַריין. די מוטער האָט שוין אַנטדעקט אייניקע „גנבות": אַ פּאָר אַלטע קליידלעך, עטלעכע שטיקלעך וועש... משמעות, אַז ערגעץ פּאַקעוועט זי זיך שוין. וווּ דער דאָזיקער „ערגעץ" איז, ווייסט קיין בן־אדם נישט, אָבער ס'איז בלתי־ספק, אַז אַזוי איז דאָס... די מוטער איז שוין אַרומגעלאָפן דאָס גאַנצע שטעטל, אויסגעוועזן ווו ערגעץ ביי אַ שוסטער, ביי אַ נייטאָרין, געוויינט, געחלשט, אַז מען זאָל ביי איר מיידל נישט אָננעמען קיין שום אַרבעט, סיי נייע, סיי איבערניצעווען, ווייל דאָס טוט זי קעגן דעם רצון פון די עלטערן. אַלע האָבן איר צוגעזאָגט נישט אָנצונעמען, אָבער זי גלייבט זיי קיינעם נישט. פאַרקערט, יענער זעט נאָך גאָר אַ נקמה: ביי די ראַדיעצקים האָט זיך שוין אויך אָנגעהויבן שאָקלען אַ צאָן... דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז טאָמער ברענגט זי נישט צו טראָגן אַלע שמאַטעס צוריק אין שטוב אַריין, אַנטלויפט ער פון אָלשאַנע... יוכבד אַליין איז שוואַרץ ווי די ערד, זי עסט נישט, זי טרינקט נישט, זי ווייסט נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי גייט אַרום...

שלמה איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטען. אין האַרצן האָט ער זיך געפרעגט: צו וואָס מוז ער דאָס אַלץ וויסן? ער איז זשעדנע אייגענע צרות? דאָס זענען אָבער נאָר געווען שכלדיקע קשיות, פילן האָט ער געפילט, אַז דער אומגליק פון די ראַדיעצקים איז אים שטאַרק נוגע, אין לעבן אַריין נוגע. ער האָט דאָס געפילט מיט זיין גאַנצן מהות, אָבער נישט געקענט פאַרשטיין: מה ענין שמיטה אצל הר סיני?

ביי די ראַדיעצקים אין שטוב איז ווירקלעך קיינער נישט געווען, נאָר איין יוכבד איז געשטאַנען און האָט געפּרעסט וועש. עס איז געווען אַזאַ סעקונדע, וואָס שלמהן האָט זיך אַ דאַכט געטון, אַז דערזעענדיק אים, האָבן אירע אויגן אויפגעפינקלט מיט אַ צופרידן פייערל. נאָר באַלד האָט ער זיך איבערצייגט, אַז לא דובים ולא יער, עס האָט זיך אים נאָר אויסגעוויזן. זי רייניקט גאָר דאָס פּרעסל און האָט אים נישט אין זינען אפילו אין דער לינקער פּיאַטע. זי איז דאָס מאָל געווען אָנגעטון אין אַ בלויען אַרבעטס־

כאַלאַט, די אַרבל פאַרקאַטשעט העכער די עלנבויגנס, אַנטפּלעקנדיק ביז האַלב אירע גאָלדענע, באַרכאַטנע קאַטשלקעס. שלמה האָט זיך נישט פעסט געהאַלטן אויף די פיס, אַזוי געטלעך שיין האָט זי אויסגעזען אין דער פּאָזע פון אַ יונגער באַלעבאַסטע. כדי אויסצובאַהאַלטן פון פרעמדע אויגן זיין צערודערטקייט, האָט ער מיט אַן איבערגעטריבענער לוסטיקייט געפּלאַפּלט איין שמועס אין אַנדערן. מען האָט גערעדט פון פאַרשידענע פּוסטע נאַריש־קייטן, ווי מענטשן טוען שטענדיק בעת אין קאָפּ בויערט עפּעס אַ וויכטיקע פראַגע, וועלכע מען וויל ווי ווייט מעגלעך אָפּשטופּן אויף שפּעטער.

ווען יוכבד האָט דערפרעסט דאָס לעצטע שטיקל גרעט, האָט איר שלמה, זיך פאַראיקענדיק, נישט דרייסט געזאָגט:

— ווען איר דערלויבט מיר, יוכבד, וואָלט איך אייך אָפנהאַרציק גע־זאָגט מיין מיינונג וועגן יענער פּיקאַנטער פראַגע, וועלכע איז אַנומלט באַ־האַנדלט געוואָרן אין מיין אַנוועזנהייט. אגב, קענט איר זיכער זיין, אַז דאָס איז געשען קעגן מיין ווילן. איך בין אַ גרויסער פיינטהאָבער פון פרעמדע סודות. איז וואָס, דערלויבט איר יאָ?

— נישט איך דערלויב, נאָר איך בעט אייך וועגן דעם זייער און זייער...

— איר אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך רוף אייך אַזוי פּראָסט: יוכבד.

— וואָס הייסט פּראָסט? ווי אַזוי דען זאָלט איר מיך רופן?

— איך ווייס? ביי לייטן רופט מען אַ פרעמדן מענטשן לויטן פאָטער.

— פע, מיר געפעלן נישט אָט די פּוסטע צערעמאָניעס. מיינע חברטעס האָבן מיך שוין געהאַט אַ מאָל אָנגעהויבן רופן יעווע ניקיפאָראָוונאַ... האָב איך זיי האַרב פאַרזאָגט, אַז מער וויל איך דאָס נישט הערן, אַז נישט וועל איך ברוגז ווערן מיט זיי. איך וויל נישט, מען זאָל מיך אַזוי רופן. מיין טאַטע איז נישט ניקיפאָר און יוכבד איז נישט יעווע...

— גלייבט מיר יוכבד, ווען נישט דאָס, וואָס איך האָב מורא, טאָמער גיט איר נישט קיין מאַנספאַרשוין די האַנט, וואָלט איך אייך געדריקט די האַנט פאַר אָט די עטלעכע ווערטער.

יוכבד לאָזט אַראָפּ די אויגן:

— איך ווייס אַליין נישט, צי איך גיב, צי ניין. עס איז מיר נאָך, דאַכט זיך, נישט אויסגעקומען.

— הייסט עס, אַז איר דערלויבט מיר יאָ?

זי שטרעקט אים שעמעוודיק אויס איר געטאָקט, אַלעבאַסטער־ווייס הענטל. שלמה טוט עס שטאַרק אַ דריק, און גיט בשעת־מעשה אַ צוויבערנ־דיקן קוק גלייך איר אין די אויגן, מיט יענער גוואַלדיקער קראַפט, וואָס צווינגט מענטשן אַראָפּצולאָזן די אויגן. יוכבד גיט פון זיין קוק אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער, ווי פון אַ קויל געטראָפן, און רייסט אויס איר האַנט פון זיינער. שלמה קערעוועט זיך האַסטיק אָפּ צום פענצטער און מאַכט צו די אויגן אויף אַ ווײַלע. ווען ער עפנט זיי, איז ער שוין פיל רואיקער און ער זאָגט צו זיי פריינדלעך:

— קומט זיך אין דרייען אַ ביסל דורך, אין שטוב איז אַזוי דושנע, דאָס קליינוואַרג מוז ערגעץ נישט ווייט זיך שפּילן, וועלן זיי כאַפּן אַ קוק צו דער שטוב...

די דריי גאָרטנס האָבן זיי אויסגעמיטן שווייגנדיק, יעדער איינער פון זיי איז געווען קאָנצענטרירט אין זיך אַליין. פון דער אַנטאַלקע האָבן זיי זיך אַריבערגעשיפט צום גרויסן וואַלד, אַרויפגעשלעפּט דאָס שיפל ווייט אויפן זאַמד, אַז אַ יוצא־דופנדיקע כוואַליע זאָל עס נישט אַראָפּשווענקען, און האָבן זיך לאַנגזאַם געלאָזט שפּאַצירן אין דער קילער טיפעניש פונעם וואַלד. די ערד איז דאָ געווען היפשלעך צעווייקט פון די אָפטע רעגנס, און נישקשהדיק צעשמאָלצן פון דער זון, אַזוי אַז עס האָט אַזש געזעצט פון איר אַ פּאַרע. דאָס גראָז איז נאָך האַלב געלעגן נאָכן לעצטן רעגן. דער שליאַך אויף וועלכן זיי האָבן לאַנגזאַם שפּאַצירט, איז געווען שוואַרץ און פייכט, נאָר נישט בלאָטיק.

יוכבד האָט אויף שלמהן אַ קוק געטון מיט אירע מילדע אויגן:

— נו, ר' שלמה, מיר האַלטן דאָך, דאַכט זיך, אין מיטן אַ שמועס...

— אַזוי די מעשה? נו, געדענקט זשע, אַז איר וועט מיך רופן ר' שלמה, וועל איך אייך רופן ר' יוכבד...

— איך לאָז אייך דען נישט? אפילו ר' יעווא ניקיפאָראָוונאַ...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, אָבער דער געלעכטער האָט דאָס מאָל לאַנג נישט אָנגעהאַלטן און עס איז שטיל געוואָרן. שלמה האָט אָפּגעבראָכן אַ דין צווייגל און פאַרטיפט אין געדאַנקען געפּיצלט עס אויף ברעק־ברעקלעך.

ווען דאָס שווייגן האָט אָנגעהויבן וואַרגן אין האַלדז האָט שלמה כמעט שעפּטשענדיק אַרויסגעבראַכט אַ פראַגע:

— איר האָט באַקומען אַן איינלאַדונג פון איינער אַ... חברטע?

יוכבד איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן און אָפּוואַרטנדיק אַ ביסל, אפשר וועט שלמה פאַרגעסן זיין פראַגע, — האָט זי שטאַמלענדיק געענטפערט:

— יאָ... איך האָב באַקומען... ווייס איך...

— וואָס שרייבט זי אייך, אייער...

— איך האָב באַקומען פון איר אַזאַ צעשויבערטן בריוו... איר האָט דאַרט פון הערן און זען און געדענקען —

— דאָס אינטערעסירט מיך נישט. איך פרעג, וועגן אייך פערזענלעך וואָס שרייבט זי?

— זאָג איך דאָך אייך... דער בריוו איז אַזאַ צעכראַסטעטער, אַז אַ וואָרט צו אַ וואָרט קלעפּט זיך נישט... און וועגן מיר שרייבט זי נאָר, אַז איך מעג קומען, איך וועל דאַרט נישט פאַרפאַלן ווערן... איך בין נישט די ערשטע, שרייבט זי, און נישט די לעצטע... אָט דאָס איז אַלץ... מען קען אויף אַן אמת מיינען — אַ בריוו...

— נישט פאַרפאַלן ווערן... מהם...

שלמה האָט מיט אַ מאָל אויפגעהויבן די אויגן אויף איר און מיט אַ האַרציקער שטימע זיך אָנגערופן:

— איך קוק אויף אייך, יוכבד, און דאָס האַרץ פאַרלויפט מיר מיט בלוט... און גלייבט מיר, בפירוש נישט אויס מיטגעפיל צו אייער טאַטן, ערנוואָרט, כלל נישט דאָס! דער פאַרביטערטער גערנגל צווישן עלטערן און קינדער, צווישן דעם יינגערן דור און דעם עלטערן איז אַלט ווי די וועלט. אי דער יידישער קלאַסיקער מענדעלע מוכר ספרים, אי דער רוסי־שער קלאַסיקער טורגעניעוו, ביידע האָבן אונדז איבערגעלאָזט בירושה בי־כער מיט אָט דעם אָנגעוויטיקטן נאָמען: „עלטערן און קינדער". און וואָס עפּעס נאָר זיי? און שלום עליכמס: „צעזייט און צעשפּרייט", קען דען נישט הייסן אויך „עלטערן און קינדער"? און אַ באַוווסטער ראָמאַן פון א. קבק: „לבדה", קען דען נישט הייסן אויך „עלטערן און קינדער"? עס איז נישט אויסצורעכענען וויפל עס איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן און סצעניזירט געוואָרן אויף דער דאָזיקער ברענענדיקער טעמע. איך, זייענדיק אַליין אַ יונגער, בין פאַרשטייט זיך, אויפן צד פון די יונגע, פון די קעמ־פערס. איך אַליין האָב אפשר אויך געהאַט אויסצושטיין אַ ביסל פון מיין טאַטן זאָל לעבן, און אפשר אפילו נאָך היינט אויך. טאָמער מיינט איר, אַז מיך האָט דער אַלטער דור געגלעט איבערן קעפּל, האָט איר אַ גרויסן, גרויסן טעות. אַזוי, אַזוי, חברטע יוכבד! איך וויל שטאַרק, אַז איר זאָלט מיר גלייבן, אַז אין דעם, וואָס איך גיי אייך איצט זאָגן, שפּילט אייער פאָ־טער מיט זיין הייליקן בנין קיין מינדסטע ראָלע נישט. צי עס דאַרף אַזוי זיין, צי ניין, דאָס איז אַ פּרשה פאַר זיך, נאָר דאָס איז אַ פאַקט: ער שפּילט נישט! ער עקזיסטירט פאַר מיר נישט, און שוין! נאָר איר איינע. רעדנדיק וועגן אייער נייעם שריט אין לעבן, זע איך פאַר זיך נאָר אייך, בלויז אייערע אינטערעסן. וואָס איז דען אייגנטלעך אַזוי דער רעש? איר ווילט משנה מקום זיין און פאַר איין וועגס אויך משנה מזל זיין; איר ווילט אויסבייטן דעם לחם־עוני אויף לחם־חמודות; ווערן פון אַ פּועל־בטל, בלויז אַ פּועל, האַ? ריכטיק? נו, דאָס איז דאָך אַזוי פאַרשטענדלעך און אַזוי לאָגיש... די מעשה פון יוספן מיט די ברידער ווייסט איר מן הסתם. איז ווען יוסף האָט אַוועקגענומען בנימינען פון די ברידער, ווייל ער האָט כלומרשט גע־גנבעט דעם בעכער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט יהודה און האָט זיך שאַרף אויסגעטענהט מיטן „שני־למלך". זאָגט די וועלט אַ גלייכווערטל, אַז אויף די ווערטער: „ויגש אליו יהודה", שטייט דער טראָפּ: „קדמא ואזלא — רביעי". דער באַטייט פון די ווערטער איז: „פאַר וואָס עפּעס האָסטו זיך געפּעדערט און ביסט אַרויס מיט לשון — דו ביסט דאָך גאָר דער פערטער". יוסף איז געווען אַ מענטש פון שטרענגער אָרדענונג, ער האָט געהאַלטן, אַז אפילו ביי לשון פראַטעסט דאַרפן אויך קודם אָנהייבן די עלטערע. אייך אָבער — כאָטש איר זענט קיין עין־הרע די אַכטע — קען מען אַזאַ קאַטע־גאָרישע פראַגע נישט שטעלן. איר זענט נישט קיין משל צו די עלטערע ברידער. לא ראוי זה כראוי זה! מן הקצה אל הקצה איז דאָס קיין דוגמא

נישט. יענע האָבן כאָטש אַ שטיקל סביבה, און איר אפילו קיין סימן נישט. יענע האָבן אַ שול, אַ שיעור, און סוף־כל־סוף טראָגן זיי דעם שווערן עול פון אָט דער נבזהדיקער פּרנסה. דאָס פאַרדולט געגוג דעם קאָפּ. פון אָט די באַשפּיגענע גראָשנס מפרנס צו זיין קיין עין־הרע אַזאַ קאַפּעלע, דאַרף מען זיך גוט־גוט אונטערגאַרטלען, דאָס זענען מעשי־ניסים, נאָר פאַרשטעלט אין אַ וואָכעדיקן מלבוש. איר אָבער זענט פריי פון אָט די אַלע התחיבותן, איר זענט איזאָלירט פון וועלכער ס'איז סביבה, איז דעריבער קיין שום וווּנדער נישט, וואָס דער בלאָטער האָט ביי אייך געפּלאַצט פריער ווי ביי די ברידער...

אַ היפּשע ווײַלע שפּאַנען זיי שווייגנדיק. דאַן גיט שלמה אַ שמייכל:

— אין אַן ערנסטער פראַגע ווי ביי אייך למשל די איצטיקע, האָב איך שטענדיק ליב מיין „איך" אָפּשטעלן אין אַ זייט, און לאָזן די געדאַנקען גייען זייער וועג אָן קיינעמס הילף. אַזוי איז אַלע מאָל בעסער, ראַיעלער און גאַראַנטירטער. איז אָט וועל איך פּרוּוון טראַכטן וועגן אייך אויפן קול: יוכבד רייסט זיך אין דער גרויסער וועלט אַריין; זי וויל ווערן זעלבסטשטענדיק; זי וויל שוין נישט, זי קען שוין נישט אַרויסקוקן אויפן טאַטנס גליקן; זי קען שוין מער נישט זיין אָפּהענגיק פון דעם אומווירדיקן צופאַל: אויב אהרל אָדער הערשל וועלן אָפּפּליקן אַ פויער פון אַלע זייטן, וועט מען איר קענען מאַכן אַ זיידן קליידל, און טאָמער פּליקט מען אים אָפּ נאָר פון איין זייט, וועט זי שוין האָבן נאָר אַ מוסלינענס, און אַזוי אַ העמד, און אַזוי אַ רובל אין קינאָ אַריין. איר דאַרפט מיר נישט איבערשלאָגן... מען זאָגט: אָרעם איז נישט קיין שאַנד... און נאָך זאָגט מען, אַז אַ גאַסט קומט אויף אַ ווײַל און זעט אויף אַ מייל... בקיצור: איר ווילט ענדלעך איבעררייסן אָט די סדרה פון אָט דעם נויט שוויס, פון אָט דער מחיה־בזויה, עס וואַקסן אונטער נאָך טעכטערלעך, יעדע פון זיי דאַרף הלבשה, הנעלה און שאר־ירקות, די פּרנסה איז געשלאָגן, דאָס רופט זיך בהכרח אָפּ אויף דער שטימונג, און אפילו אַ ביסעלע אויך אויף דעם שלום־בית — Як в млині не молотится, то в хаті колотится.*

אַזוי איז דאָס שוין, ליבע חברטע, פון זינט די וועלט שטייט איז הא בהא תליא, ווײַל מאָגן־פרייד — איבער אַלע פרייד... אַנדערש קען דאָס נישט זיין... דאָס רעד איך ערשט בלויז פון דעם מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט, אָבער ביי אַזאַ פילנדיק און אַנטוויקלט מיידל, ווי איר זענט, איז, פאַרשטייט זיך, אַ הויפּט־פאַקטאָר — אויב נישט דער פּוסק אחרון, — אויך דער מאָראַלישער צושטאַנד, דער גייסטיקער, און אויף דעם געביט איז אויך נישט פריילעכער ווי אויף יענעם אָפּשניט, אָדער אפשר נאָך פיל, פיל טרויעריקער...

אין אָלשאַנע איז דאָ אַ יוגנט, איר זענט איזאָלירט פון איר, און

* אַז אין מיל מאָלט זיך נישט, קאַלויצעט זיך אין שטוב. אַן אוקראַיִניש פאָלקס־ווערטל.

דאָס איז דאָך אַזוי פֿאַרשטענדלעך: אַזאַ מיידל ווי איר דאַרף זיין אין קאָמסאָמאָל און איר זענט דאָרט נישט; אַ מיידל דאַרף שפּאַצירן מיט יינגלעך, און איר טוט דאָס נישט; אַ מיידל ווי ביי לייטן דאַרף צוזאַמען מיט נאָך מיידלעך און יינגלעך זיך לערנען שווימען אין באַסיין, און איר פֿאַרגינט זיך נישט אָט דעם לוקסוס. אַ לייטיש מיידל, אַז זי גייט מיט אַ קאָמפּאַניע אין טעאַטער אַריין, דאַרף זי זיין גרייט אויף פֿאַרשידענע קאָמבינאַציעס. מיר זענען דאָך גוט באַקאַנט די פּראָווינציעלע טעאַטערס, מיט די פּאָריאַדקעס זייערע. דאָרט קען מען אַרויסגעבן דריי בילעטן אויף איינעם און דעם זעלבן פּלאַץ; אַז נישט קען אָנקומען אַ „שישקע" און מען זאָל איבגאָר מוזן אָפּטרעטן דאָס אָרט. אין אַזאַ פֿאַל דאַרף אַזאַ מיידעלע ווי איר קענען פֿאַר אַ נויט זיך אַריינקוועטשן צווישן אַ פּאָר קאַוואַליערן און אַ מאָל, בשעת הדחק, פֿאַרקערט, מוז מען דערלויבן אַ חבר זיך אָנלענען אין דיינעם אַן אַקסל. מאַלע, וואָס עס טרעפֿט זיך אונטערוועגנס... און איר? אפילו אַזאַ נישטיקע מלאכה, וואָס אַ פּראָסט דינסטמיידל קען, קענט איר אויך נישט! און בכלל, וואָס פֿאַר אַ מיידל זענט איר? אַז קיין פּאַפּיראָסן רויכערט איר נישט; קיין שאַמפּאַניער האָט איר נאָך זיכער אויף אייער לעבן נישט פֿאַרזוכט; די ברעמען פּוצט איר זיך נישט; די וויעס פֿאַרבט איר זיך נישט; די ליפּן זענען ביי אייך אויך מיט זייער נאַטירלעכן קאָליר; אפילו קיין מאַניקיר זע איך ביי אייך נישט... וואָס איז דאָ צו רעדן? מען זעט דאָך גלייך, אַז איר זוכט נישט צו געפֿעלן ווערן קיין יינגל. עס איז אייך גאָר אַלץ איינס, צי חלשט ער פֿון ליבע צו אייך, צי גאָר דערפֿון, וואָס ער האָט איינגעשלונגען אַ פֿליג... היינט, ווי אַזוי קענט איר זיין אַ מחותנתטע מיט די היינטוועלטיקע מיידלעך? אַזאַ נפֿשל, איידער זי קען זיך נאָך אָפּווישן די נאָז ווי עס געהער צו זיין, האָט זי שוין איר פֿאַריקמאַכערשע, איר מאַניקירשע, אַכצנערליי שמירעכצן, רייבעכצן, מאַסאַזשן און קאָמפּרעסן, און באַשפּריצונגען און באַגיסונגען און נאָך דריי הונדערט שלעק. און דאָס אַלץ, על מה ולמה? כדי אַ יינגל זאָל פֿאַר איר די כפּרה ווערן. און איר... איר גיט דאָך אפילו קיין האַנט נישט קיין מאַנסביל... איר מיינט, איך האָב נישט געזען דאַמאָלסט אויף דער אַנטאַלקע, אַז דער טשערקאַסער פֿידלער און נאָך אַנדערע האָבן אייך געוואָלט דריקן די האַנט, האָט איר זי באַהאַלטן... איר האָט מכלומרשט געלאַכט פֿון דער גאַנצער צערעמאָניע, חוזק געמאַכט פֿון זייער קעלבערנער התפּעלות און מניה וביה טאַקע באַהאַלטן די הענט אויף שבת. מיט דער צונג, הייסט עס, קענסטו רעדן וויפֿל דו ווילסט אַליין, אָבער מיט די הענט — פּאַוואָליע! הענט זענען מוקצה... פֿאָלגט מיך, יוכבד, דינגט זיך מיט מיר נישט. איך זאָג קיין מאָל נישט דאָס, אין וואָס איך בין נישט פֿולשטענדיק זיכער, און דערפֿאַר בין איך אַלע מאָל פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר יעדן וואָרט און פֿאַר יעדן אות. איצט פֿאַרשטייט איר דעם קאָנטראַסט צווישן אייך און יענע „פּראַנצימירקעס", ווי אייער טאַטע רופֿט זיי? איר ווילט אפילו נישט דערלאַנגען אַ מאַנסביל די האַנט, און יענע, צו וועלכע איר רייסט זיך אַזוי

מיט אַלע כוחות, ביי זיי איז געבן אַ האַנט, דאָס קלענסטע געבעניש...
אפשר האָב איך זיך צו גראָב אויסגעדריקט, אָבער איין מאָל פאַר אַלע
מאָל מוזט איר זיך באַגעגענען מיט דער ווירקלעכקייט פּנים אל פּנים, זען
די „קראַסאַוויצע" אָן אַ שלייער און נישט באַפּאַרבט... איר מוזט דאָך
סוף־כל־סוף וויסן, ווּהין איר ווילט אָנקומען... „מנן ומאן הוא רחימך"... *

מיר גייען ווייטער און מאַכן דאָס ווי ווייט מעגלעך בקיצור:

אַ דראָזשקע, אַ צוג, אַ טראַמוויי, אַ פּייף אַהין, אַ פּייף אַהער,
עס פליט איבער און איר זענט שוין ברוך־השם אין כאַרקאָוו. האָבן האָט
איר דאָרט קיינעם נישט, חוץ אַט דער העצלקע, וואָס זי דרייט זיך אויפן
קאַרעק. במילא פאַרפאַרט איר שוין גלייך אין אינטערנאַט, און מען גיט
אייך שוין אַ בעטל און איר ווערט גלייך אַ בעל־הביתטע פאַר זיך. אין דער
פרי וואַשט זיך דאָס יונגוואַרג אין אַלגעמיינעם וואַשצימער, נו, וועט איר
אַהין אויך גיין אין דעם פאַרמאַכטן קלייד וואָס אַצינד? מען וועט אייך
דאָך אויפהייבן אויף אַ „הורא"... מיידלעך גייען אַהין בלויז אין ביוסט־
האַלטערס און ביז האַלב נאַקעט, דאָרט וואַשן זיך מאַנסבלין אויך, יענע
טראָגן שוין נאָר קורצע הייזעלעך, עלעהיי אויף דער פּליאַזשע. וואָס פאַר־
קרימט איר זיך אַזוי? שרעקט זיך נישט: דאָס וועט געשען דעם ערשטן
פרימאָרגן פון אייער אָנקומען אַהין! ווייטער: ווי איר גייט נאָר צו צום טיש
אין סטאָלאָווע, אַזוי שפּייט איר זיך שוין אויס אויף אַלע אייערע יאָרן,
וואָס איר האָט געגעסן כשרס, ** Про — щай! באַלד פילט איר אָן אייער
יידישן, מען מעג זאָגן — פאַרלויפיק הייליקן — מאָגן מיט טריפות ונבלות,
דאָס הייסט גלייך פונעם ערשטן אָרויספאָר באַכראַקען: אייער טאַטן, אייער
גלויבן, און... ווייטער וויל איך שוין נישט זאָגן... איר זענט נישט קיין קליי־
נינקע, איר מעגט אַליין פאַרשטיין. דערנאָך שוין, אַז איר וועט זיך גוט־
גוט אָנמוטשען און אָנוואָלגערן, וועט איר ערשט קוים אָנקומען אין אַ
פאַבריק אַלס שילערין, אויף די ערשטע זעקס חדשים. איך בין נישט זיכער,
צי איר ווייסט, אַז פון אַ היינטיקן שילער אויף אַ פאַבריק ביז אַן אַמאָ־
ליקן שיק־ייִנגל ביי אַ בעל־מלאכה איז נאָר איין שריט... דער חילוק איז
בלויז אין דעם נאָמען, דער אינהאַלט איז דער זעלבער. דער מייסטער וועט
אַרבעטן און איר וועט בלויז אַרומווישן דעם סטאַנאָק, אַ גאַנצן טאָג זיין
אויסגעניזורעט און סאַזשע און אין נאַפט ווי אַ רוח, און דערצו נאָך דאַרפן
קוקן אים אין מויל אַריין, צי וויל ער נישט אַ טרונק, צי דאַרף ער נישט קיין
פּאַפּיראָסן, דאָס זענען אַלץ זאַכן, וואָס צושטעלן זיי אים גייט אומאָפיציעל
אַריין אין אייערע פונקציעס... פאַרגעסט נישט, אַז דאָס איז ערשט גערעדט
געוואָרן, אויב אייך וועט אָפּגליקן אָנצוקומען צו אַ מייסטער אַן עלטערן
מענטשן, וואָרעם טאָמער פאַלט גראָד אויס אויף אייער גורל אַ יונגער־
מאַן, קען ער האָבן נאָך אַ ברייטערע פאַנטאַזיע... בכלל, טאָמער קלערט

* „ווער איז אַזעלכער דיין געליבטער". פון „אקדמות".

** זייט געזונט!

איר מיטנעמען מיט זיך אויף דער פאַבריק אייערע צניעותדיקע אייגעלעך, איז דאָס פּשוט דערפֿאַר, ווייל איר זענט זייער ווייט פון דעםווירקלעכן לעבן; ווייל איר ווייסט נישט, וואָס עס הייסט א סאָוויעטיש מיידל. א שיינעם פנים וועט איר האָבן, אויב איר וועט אריינקומען צום נאַטשאַלניק פון צעך אין דער קאָנטאָרקע אריין, צו בעטן ביי אים, ער זאָל אייך שוין צולאָזן אויף א שעה אין טאָג אליין ארבעטן אויפן סטאַנאָק. און אויב אים וועט זיך פאַרוועלן אייך ארומנעמען, וועט איר זיך ווערן קעגן אים... דאָס קלינגט אזוי ווילד, אזוי לעכערלעך, ווי למשל, א ייד, א מילנער, זאָל גייענ־דיק אין מיל אריין זיך אָנטון אין א זיידענער זשיפּיצע און אין פּליושענעם שטריימל און זאָגן דערביי: — „נישקשה, איך וועל זיך צוהיטן, אז עס זאָל אויף מיר קיין שטויבעלע נישט פאַלן"... עס האָט אזא פּנים ווי א קצב, גייענ־דיק אין יאַטקע זאָל זיך אויספּוצן אין א ווייסן אַנצוג און דערביי מבטיח זיין די בני־בית: — „נישקשה, איך וועל זיך צוהיטן, אז איך זאָל זיך נישט איינשמירן"... ווייס איך וואָס, עס איז גאָר קיין גלייכן נישט. אייער נאַאיווע עקשנות וואָלט נאָך ארויסגערופן פיל מער חוזק און שפּאָט פון די טפשותדיקע פאַרזיכערונגען פון אָט די לעקישעוואַטע קצבים און מיל־נערס... דאָס איז פּסיק רישא ולא ימות, ווייל אז מען איז אין באָד, מוז מען שוויצן...

— און ענדלעך, ענדלעך האָט איר זיך שוין אויסגעלערנט די מלאכה און איר אַרבעט שוין זעלבסטשטענדיק. איר האָט שוין אַן „אייגענעם" סטאַנאָק און באַקומט שוין אייערע 225 רובל א חודש. איר האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעוווינט פון די קליינשטעטלדיקע זאַבאָבאָנעס: איר עסט שוין גלייך מיט אַלעמען און עס אַרט אייך נישט; איר וווינט שוין גלייך מיט יעדן און עס רירט אייך נישט; שוין געוווינט געוואָרן! די אַמאָליקע שע־מעוודיקייט — קיין זכר נישט געבליבן! אַלץ איז שוין כשר וישר, איר נעמט א שפּריצבאָד נאָך דער אַרבעט און אַרויפכאַפּנדיק אויף זיך א לייכט סאַראַפאַנטשיקל, לויפט איר צוזאַמען מיטן צעך־בריגאַדיר אין שענקל אַריין זיך דורכשווענקען דעם האַלדז פונעם שעדלעכן מעטאַלשטויב מיט א טשאַרקע, * ווי אַן עכטע פּראָלעטאַרישע דיוווקע; ** איר דרייט שוין צונויף א ציגאַיער מאַכאָרקע און הענגט אים אויף אויף דער אונטער־שטער ליפּ אזוי קונציק, אַז עס מעג זיך פאַר אייך שעמען א לאַנגיאָריקע סאָלדאַטקע; קומט אונטער א פּראַזדניק, טאַנצט איר א האָפּאַק ביז דער סטעליע, אַז אַלע זאַוואָדישע כלאָפּצעס *** נעמען איין א מיתה משונה, מען זעט נאָך זייערע ברענענדיקע אויגן, אַז זיי זענען בעת־מעשה גרייט אייך אָפּצוגעבן דאָס לייב מיטן לעבן מיט... אפילו מיט די לעצטע גראָשנס אויף א פּאָרציע אייזקרעם. איר גייט שוין אין טרוסן ביי דער אַרבעט,

---

* כוסה.

** מויד.

*** בחורים.

גלייך מיט אַלע. מיט איין וואָרט: איר זענט אַל־רייט. נאָר אַט, לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַזאַ בילד: אַסיענציית טרעפט אייך צופעליק אַ שפּליטערל פון נעם טאָקאַרנע סטאַנאָק אין אויג אַריין, און איר ווערט אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אַריין. דאָרט אויפן בעטל ליגנדיק, הערט איר נישט קלאַפּן די סטאַנקעס, דאָרט הערט מען נישט דאָס רוישן פון די טראַנסמיסיעס, דאָרט איז דאָ איבער געגוג צייט צו טראַכטן, דערצו זענען נאָך די אויגן פאַרבונדן, אין דער טונקל טראַכט זיך נאָך בעסער. איר דערמאָנט זיך אין אייער היים, אין דער ווייטער, ווייטער, אָפּגעריסענער, אַלשאַנער היים... אין אייערע טייערע טאַטע־מאַמע. דאָס האַרץ — כאָטש עס הענגט שוין דערויף לאַנג אַ קאָמסאָמאָלסקע זנאַטשאָקל, * גיט נאָך פון דעסט וועגן אַ קליפּע, עס גיט אַ שרעקלעכן צי אַהיים. אין אייער אויפגערייצטן דמיון זעט איר דעם גרויסן עסזאַל אַ פּוסטן, אַ פאַרוויסטן, נאָר פאַררוקט אין אַ קרן־זווית זיצט דער שטאַרק גראָ־געוואָרענער טאַטע, אַלע זיינע פינגער זענען אַריינגעשטעקט אין דער באָרד אַריין, ער גיסט מיט טרערן און האַלטנדיק פאַרמאַכט די אויגן קלאָגט ער זיך פאַרן רבונו של עולם:

— ...על משכבי בלילות... בקשתי את שאהבה נפשי... בקשתיה ולא מצאתיה...

זיצט די שטאַרק געעלטערטע מאַמע אין קיך אויף אַן איבערגעקערטן טאָבורעט ווי צו „שבעה", רחמנא ליצלן, די נאָז אָנגעזאָפּלט מיט ברילן, — זי האָט גאָר קיין מאָל קיין ברילן נישט געדאַרפט, — אירע באַקן זענען געקנייטשט און איינגעשרומפּן און איבער זיי רינען אָפּטע וואַרעמע ריטשקעלעך:

— ...יגעתי באנחתי... אשחה בכל לילה מטתי... בדמעתי ערשי אמסה...

איר קענט מער נישט איבערטראָגן פונעם אומברחמנותדיקן כח־הדמיון, איר ווילט פאַרטרייבן דעם קאָשמאַר, און איר דרייט זיך אויס צו אייער פּאַלאַטנע שכנטע, עפּעס אַן עלטערע יידענע, שאַרט אוועק דעם באַנדאַזש פון דעם זעענדיקן אויג, איר ווילט זי עפּעס פרעגן, נאָר איר הערט ווי זי שעפּטשעט עפּעס, זי קוקט אין אַ ספרל און שעפּטשעט. איר שלאָגט איר פון דעסט וועגן יאָ איבער און פרעגט ביי איר:

— וואָס שעפּטשעט איר דאָרט, מומעטשקע?

— איי, נו־אָ, שמונה־עשרה.

— וואָס איז דען היינט?

— איי, נו־איי־אָ, יום־כפור, איי־איי־איי...

מער פרעגט איר שוין גאָרנישט. איר דרייט זיך אויס צו דער וואַנט. אין דעם זעענדיקן אויג איז אייך אויך פינצטער, אייערע ליפּן שעפּטשען שטיל: יום־כפור... גאָט מיינער, יום־כפור... וואָס טו איך דאָ? וועמענס בין איך און ווער איז מיינער? פאַר וואָס בין איך נישט ביי מיינע עלטערן? פאַר וואָס בין איך אַנטלאָפן פון זייער ערב יום־כפורדיקער ברכה?

---

* אַן אָפּצייכענונג פון אַ קאָמסאָמאָליעץ, אַזאַ מין מעדאַל.

פאַר וואָס פעל איך דאָרטן אונטער זייערע בענטשנדיקע הענט? גוואַלד געשריגן, אויף וואָס האָב איך זיי פאַרביטן? צי וואָס האָב איך זיך דערשלאָגן? עס איז דען כדאַי געווען? דעם טאַטן קראַנק געמאַכט, די מאַמע האָט זיך אירע אויגן אויסגעוויינט, און איך אַליין, וואָס? ווער? וועמען? מיט ברידער און שוועסטער — צעריסן, צעפּליקט, זיי קענען מיר נאָך אַלץ נישט מוחל זיין מיין חרוב מאַכן די היים...

נאָר מיר וועלן זיין גרויסמוטיק צו אייך, אייך נישט פּייניקן מיט אַזעלכע בילדער, וואָס זייער ריכטיקייט, נאָך מער — זייער נאַטירלעכקייט איז אַזוי וואַרשיינלעך, אַזוי אומפאַרמיידלעך. אדרבה, מיר׳ן עס מאַכן אויף קורץ: איר האָט אָפּגעאַרבעט דעם באַשטימטן טערמין, דריי, פיר יאָר אָדער פינף, דער זאַוואָד אָדער די פאַבריק האָט אייך באַשטימט אַ חודשלעכע סטיפּענדיע און איר קומט שוין אָן לערנען אין אַ גוטער און אין אַ מזלדיקער שעה. סיי אין ראַבפאַק, סיי אין טעכניקום, אָדער אפילו אין אינסטיטוט איז די לאַגע אַזאַ: האָט איר אַ גראָבן קאָפּ, פאַרלירט אייך פּשוט דער לעקטאָר פונעם אויג, אַ געשעפט האָט ער מיט אייך! איי, די 125 רובל וואָס מען גיט אייך? עלעהיי מען האָט אַן איבעריק מאָל אויסגעשמירט דעם קלאַס. עס טוט זיך אים טאַקע נייטיק, מיינט איר, אייך צו מאַכן פאַר אַ תלמיד חכם? טאָמער פאַרקערט, האָט איר אַ גוטן קאָפּ און כאַפּט אַלץ אויף מיטן קוק, זאָלט איר גאָר קיין יסורים נישט האָבן, איר וועט ווייט נישט פליען... מען וועט אייך שוין צוזוכן אַ פּאָר פערדישע קעפּ, גע־שטעמפּלטע עמי־הארצים, און איר וועט זיי דאַרפן שלעפּן באַרג־אַרויף. איר מעגט זיך אפילו אונטעררייסן די קישקעס, הייזעריק ווערן חזרנדיק מיט זיי, אַליין אָפּשטיין פון די איבעריקע תלמידים נאָר אָן אָט די שטענ־דיקע אייזלען טאָרט איר נישט קומען צו די עקזאַמענס. וואַרט אויס, איר זענט נאָך נישט פאַרטיק. דאָס איז ערשט נאָר, אַזוי צו זאָגן, סתם אַ נאָ־גרוזקע, * כדי איר זאָלט חלילה נישט אַרומגיין ליידיק, אָבער אַ סטאַבילן פאַרטנער, אַ שטענדיקע כיתה מיט וועמען איר דאַרפט בחברותא דורכגיין אַלע פינף, זעקס לערניאָר, דאָס וועט אייך שוין דער קאָמסאָרג באַזאָרגן. איך זאָג קאָמסאָרג, ווייל אין קאָמסאָמאָל מוזט איר דאָך אַריינטרעטן, אַז נישט, זענט איר דאָך ערגער פון אַ משומד! און קוים זענט איר אין קאָמסאָ־מאָל, זענט איר דאָך שוין ווי אַ זעלנער, איר טאָרט נישט נאָכקלערן. וואָס אייער שעף זאָגט אייך, מוזט איר בלינד אויספירן. דאָס וואָס איר זענט אַ לעבעדיקער מענטש, מיט סימפּאַטיע צו איין זאַך און אַנטיפּאַטיע צו אַ צווייטער זאַך, דאָס גייט דעם קאָמסאָרג נישט אָן. לגבי אים זענט איר אַ מאַנע־קען, אַ סטאַטוע, אַ גולם. ווי אַזוי ער וועט אייך אַוועקשטעלן, אַזוי וועט איר מוזן שטיין. ער וועט אייך שוין צוזוכן אייער באַשערטן, זייט זיכער... אַלס אַ שכן אויף אייער פּאַרטע וועט אויסוואַקסן אַ פּרישטשעוואַטע וואָלאָדקע,

* אַ צולאָג, אַן אַרטיקל וואָס מען איז געצוווּנגען צו נעמען. אַנדערש איז נישט מעגלעך צו באַקומען דאָס נייטיקע.

וואָס דער קאָפּ ליגט אים ביי קאַליעטשען שמעטערלינגען נישט ביים לערנען, און מיט אים מוזט איר מאַכן די לימודים, זיך גרייטן צו עקזאַמענס און בכלל אים אַ ביסל משמח זיין. און אדרבה, זייט אַ חכמה און פּרוווט זיך אָפּזאָגן... נאָר איך בין אייך מבטיח, אַז איר וועט זיך אַפילו נישט פּרוּוון אָפּזאָגן. אייער פּסיכיק וועט שוין זיין צוגעגרייט דערצו, אַז וואָס מען הייסט אייך, איז דאָס תורת־משה, און נישט פּאָלגן — דאָס איז קאָנטער־רעוואָלוציע אונטערגעשלאָגן מיט טראָצקיזם, אָדער פאַרקערט...

מיר'ן ווידער איבערטאַנצן פינף, זעקס יאָר. איר זענט שוין פון אייער היים אָן אייביקייט, שוין אַ מיידל אין די יאָרן, איר מעגט שוין לאַנג הערן קלעזמער שפּילן, * און ענדלעך האָט גאָט געהאָלפן, איר האָט אומע־טום אויסגעהאַלטן אויף „גוט", דורכגעמאַכט די פּראַקטיק און זענט אַרויס אַ פּאַרטיקער אינזשיניער אָדער אַ דאָקטער אָדער אַ לערערין; אַן אַגראָנאָם, אָדער אַ וועטערינאַר, אַ פּלאַנאָוויק אָדער אַ הויפּט־בוכהאַלטער. ערשט דאַן ווערט איר אַרויסגערופן אין די „הויכע פענצטער" און דער נאַרקאָמאַט נעמט אייך „אויפן טיש". אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און איר ווערט בשעה טובה ומוצלחת אָפּגעשיקט אין קאָמאַנדיראָווקע אין דער טאַיגע אָדער אויף קאַמטשאַטקע, אויף אַמור, אָדער ערגעץ אין די זאַמדיקע „סטאַנען": טורק־מעניסטאַן, טאַדזשיקיסטאַן, אוזבעקיסטאַן, קאַזאַכסטאַן. אָט אַזוינע מיי־דעלעך מיט בלאָנדע הערעלעך און מיט שיינע אייגעלעך זענען טאַקע פּונקט פּאַסיק פאַר אָט דער היסטאָרישער מיסיע, דאָס זענען זייער געטרייע גערט־נערינס אויף איינצופלאַנצן די ליכטיקע קולטור ביי יענע האַלב־ווילדע פעל־קער פון דעם סאָוויעטישן מזרח... און באמת טאַקע, יענע זענען דאָך סוף־כל־סוף אויך מענטשן; אויך פרייע בירגער פון דעם סאָציאַליסטישן לאַנד; נישט מער, וואָס טאָמער קייען זיי גרינעם טאַבאַק און שפּייען ווי די קעמ־לען; אָדער טאָמער טראָגן זיי זומער און ווינטער צעפּאַסעוועטע קאַפּטאַנען און וואַטענע הויזן; צי טאָמער עסן זיי גריוון מיט די פינגער, שמעקן גראָז און פאַרגעטערן הענער, — דערויף טאַקע זענען באַשאַפן געוואָרן אַזעלכע דימענטענע נשמות ווי יוכבד ראַדיעצקי, זי וועט טאַקע פאָרן אַהין, זי וועט זיי דערציען ווי אַן אייגענע מוטער, זי וועט מיט איר צאַפּלדיק מיידלש בלוט אָפּוואַשן אַ סענטימעטער פון זייער דורות־לאַנג שמוציקן קערפּער... און ווי דען אַנדערש? ווהיין דען זאָל מען זי שיקן? די אייראָ־פּעישע טייל רוסלאַנד איז באַזעצט, נישטאָ קיין פרייע ערטער, און טאָמער טרעפט זיך יאָ אַן ערטעלע, ווער זשע איז בילעכער, אדרבה, זאָגט אַליין: אַ טאָכטער פון אַ קאָמוניסט, אַ טאָכטער פון אַ געוועזענעם פראָנטאָוויק, צי עפּעס אַן אָלשאַנער באַטראַטשקע? און ווידער, וואָס איז איר דאָרטן שלעכט? זי באַקומט גאַנצע 435 רובל געהאַלט אַ מאָנאַט. דערפון גייט אַראָפּ: מלוכה־הלוואה, קולט־שטייער, מיליטער־שטייער, פאַר נישט האָבן קיין קינדער, אין קאַסע פאַר גמילות־חסדים און נאָך קליינקייטן... היינט, האָט מען זי געשיקט אין טעאַטער, היינט האָט זי אויסגעשריבן צייטונגען

* אַ פּאָלקסוועטל. געמיינט: נאָך „שלושים".

און זשורנאַלן, היינט קומט פון איר אין קאַסע פון פּראָפּפּראַיין, היינט קומט פון איר אין קאַסע פון קאָמסאָמאָל, היינט האָט די מיליץ פאַר איר אויפגעמאָנט שטראָף פון דער דירעקציע, פאַר ברענען איבעריקס די עלעקטרי. און פון דעסט וועגן, נאָך די אַלע אָראָפּרעכענונגען, באַקומט זי שטענדיק כמעט גאַנצע פופציק פּראָצענט פון איר נאָמינאַלן געהאַלט, און אַ מאָל טרעפט אַפילו, אַז זעכציק. איז וואָס זשע מיינט איר? קען זי זיך טאַקע פאַרגינען באַשטעלן אַלע טאָג אין סטאָלאָווע אַ מיטאָג פון דריי געריכטן: צוערשט אַ פּאָרציע פאַרשמאַק אָדער אַ שיסעלע וויניגרעט פון זיסע בורעקלעך; דאָס צווייטע, אַ קוגעלע פון קאַרטאָפל; און דעסערט: אַ גלאָז קיסיעל פון צעשוויצטער דיניע...

אהרל פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער:

— דו ביסט אַן אַקטיאָר שלמה, אויף מיין וואָרט... האָסט דיר צוגעזוכט מאכלים: איינס און איינס! ביי אונדז אין שטעטל רופט מען פאַרשמאַק — „פאַר שמע קולנו”, און וויניגרעט — „וויינעקער געדעדט”...

שלמה שענקט אים אַ תמימותדיקן בליק:

— וואָס רעדסטו? טאַקע באמת? אַך רבש”ע, מיר זאָלן שוין טאַקע זוכה זיין צו הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות אויפן כלל ישראל, אמן וכן יהי רצון...

שלמה האָט אַזוי פרום פאַרגלאָנצט מיט די אויגן, אַז יוכבד קען זיך נישט איינהאַלטן און צעלאַכט זיך. אהרל, רויט ווי אַ פּאָמידאָר, שטאַמלט אַ פאַרשעמטער:

— ניין, איך האָב גאָרנישט... גאָרנישט געמיינט דערמיט... איך האָב סתם... גלאַט אַזוי... אָבער דו, פאַרקערט... אדרבה —

נאָר שלמה האָט זיך שוין אַפילו נישט אומגעקוקט אויף אים. ער האָט ווידער האַרציק געדעדט אין יוכבדס זייט אַריין:

— אָט דאָס איז דאָס, מיין טייערע חברטע ראַדיעצקאַיאַ. אָט דאָס איז אייער צוקונפט. צו אָט דעם ליכטיקן האָריזאָנט רייסט איר זיך מיט אַלע כוחות. במסתרים תבכה נפשי, ווען איך זע, אַז צוליב אָט די־אָ דערגרייכונגען, אומשטיינס געזאָגט, ווילט איר ביי אייער טאַטן גרוי מאַכן אַ האַלבן קאָפּ, ביי אייער מאַמען אויסרייסן אַ האַלב האַרץ, און בכלל מאַכן אַ פּאָטשאַטאָק * פון חורבן בית ראַדיעצקי. קוקט נישט אויף מיר אַזוי, יאָ! יאָ!... ביי אייך איז אַן עין־הרע אַ גאַנץ פיין בית־המקדשל. קיין סך אַזעלכע הייזער זענען איצט ביי יידן נישטאָ, און איר ווילט די ערשטע שויב אויסשלאָגן אין דעם הויז. איך ווייס, די יוגנט האָט אַן אייגנשאַפט, צו פאַרמאַכן די אויגן אויף די שאַטנדיקע זייטן פונעם לעבן און צו זען נאָר דאָס, וואָס איז באַלויכטן פון דער זון. אַזוי איז פשוט באַקוועמער און טאַקע פריילעכער אויך. אַזוי טויג אָבער נישט. דערויף זענען דעם מענטשן געגעבן געוואָרן צוויי אויגן, כדי ער זאָל מיט דעם רעכטן זען דאָס רעכטע, און מיט דעם לינקן — דאָס לינקע. אָט ווי...

---

* אַן אָנהייב.

קאפיטל XXII

אַ צעשמאָלצענע פון נחת האָט זיך די זון אַרומגענומען מיט דער יונג־געוואָרענער בריאה, דעם אַ גלעט, דעם אַ קוש און אונטערהייבנדיק די פאָלעס פון איר זיידענעם שלאַפראָק מיט די גאָלדענע טראָלדן, האָט זי זיך אָפּגעטון פון דעם עולם און זיך בחפזונדיק געקליבן גיין אויף אָפּרו. די ביימער זענען ביז האַלב געווען באַגאָסן מיט זונשיין. די פרישע, זאַפּטיקע ריחות פון דעם גאַנצן אַרום האָבן רייצנדיק געקיצלט אין דער נאָז. אין דעם גאַנצן חלל־העולם, צערטלעך אויסקעמענדיק די ווייכע גרעזעלעך פאַרן שלאָף, האָבן מילדע נאָדל־שטראַלעכלעך אונטערגעאײלט איינס דאָס אַנדערע מיט נאָר זיי פאַרשטענדלעכע רמזים: „ויהי בעלות המנחה"... „מהר אהוב כי בא מועד"... „לכו נרננה לד׳, כי פנה יום"... דער גאַנצער אויר־העולם איז פול געוואָרן מיט סודות־הבריאה, מיט גלויים פון מעשה בראשית...

שלמה האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטון:

— קומט צוריק, די נאַכט פאַלט צו.

נישט אויסרעדנדיק קיין איין וואָרט, האָבן זיי זיך אויסגעקערעוועט צום וואַלד מיטן רוקן און ווי פריער לאַנגזאַם געשפּאַנט אויף דעם פאַרשאָטנטן שליאַך. שלמה האָט אַ קוק געטון אויף יוכבדן און שטיל פאַרגעזעצט:

— איך האָב אין דער היים אַ שוועסטער, דינה רופט מען זי. די ערשטע נאָך מיר. זי איז אודאי עלטער פון אייך מיט אַ פּאָר יאָר. לערנט זי... איז זי שוין טאַקע נישט דאָס וואָס איר. כ׳מיין נישט, וואָס טאָמער איז זי נישט אַזאַ שיינע ווי איר. פאַרקערט, אַנדערע זאָגן גאָר, אַז זי איז אַ קראַסאַוויצע. זי איז מיט קיין זאַך נישט ענלעך אויף אייך, איר זענט אַ בלאָנדע און זי איז אַ שוואַרצע, אַ הויכע, אַ שטאַלטנע און דער עיקר: זייער, זייער אַ קלוגע. און אפילו אין יידישן איז זי אויך אַ גאַנצע מלומדת. נאָר... איך זאָג דאָך אייך... זי איז שוין נישט דאָס, וואָס איר... פריער דער צעך און דערנאָך דער אינסטיטוט האָבן שוין געלייגט אויף איר זייער סטאַנדאַרטנע שטעמפּל. דער אומברחמנותדיקער קאָנווייער פון דעם גרויסשטעטישן טומלדיקן לעבן, האָט מיט דער הויט צוזאַמען אַראָפּגעשינדן פון איר געזיכט דעם אייגנאַרטיקן חן פון אַ פּראָווינציעלער יידישער טאָכטער... און דאָס יוכבד־לעבן, האָט אַזאַ טבע: אויב עס טוט זיך איין מאָל אָפּ, איז... שוין אויף אייביק... די לעבענסראָד דרייט זיך נאָר פאָרויס, צוריק נישט. איך וואָלט אייך געעצהט, איר זאָלט אויף זיך אַליין אַ קוק טון אין שפּיגל, וועט דאָס אייך אָבער גאָרנישט געבן. איר זענט גאָר קיין מבין נישט, וואָס פאַר אַ הייליקער חן עס ליגט אויף אייך, אַזוי לאַנג ווי איר זענט נאָך אונטער אייער מאַמעס דאַך. ניין, ניין... דאָס איז נישט פאַר אייער השגה. נאָר דערפאַר בין איך אייך מבטיח, אַז אַרויספאָרנדיק

קיין כּאַרקאָוו צו יענעם „קאָרעק", וועט איר אָט דעם דאָזיקן „חן", אָט די ספּעציפֿיש־יידישע ליכטיקייט, מיט וועלכער איר שיינט איצט, פֿאַרלירן אויף דעם ערשטן טרעפֿל פֿון אייער טאַטנס גאַניק. וואָס דען, איז מיין עצה, דאַרפֿט איר טון? — גאָרנישט! איר דאַרפֿט גאָרנישט טון! גלייבט מיר, מיינע פֿריינד, איר קענט מיך נאָך ביידע נישט. מיר קענען זיך בסך־הכל געציילטע טעג, אי דאָס, גייען זיך אונדזערע געמיינזאַמע אינטערעסן צו־נויף, אויף זייער שמאָלע שטעגן, אָבער איר קענט זיין זיכער, אַז איך בין פּאָליטיש אַנטוויקלט, פֿיל מער ווי איר שטעלט זיך פֿאָר. נישט ווייל איך גיי זיך באַרימען פֿאַר אייך, נאָר ווייל עס איז געקומען צו רייד, דעריבער זאָג איך אייך דאָס. פֿאַר וואָס, וועט איר פֿרעגן, עצה איך אייך צו טון גאָרנישט? וועל איך אייך ענטפֿערן אָט וואָס. האָבנדיק אַן עסק מיט אונד־זער הויכגעשעצטער מלוכה קען גילטן דאָס ווערטל וואָס די וועלט זאָגט: טשעפּע נישט קיין שיכורן, ער וועט אַליין אומפֿאַלן... איר יוכבד, דאַרפֿט זיך אויך נישט צו פֿיל מטריח זיין צו צעברעכן דאָס שטיקל סדר, וואָס ביי אייך אין שטוב פֿירט זיך נאָך. גלייבט מיר, די צייט וועט עס אָפּטון אָן אייך, און בעסער פֿון אייך. איר קענט מיר הייליק גלייבן. פֿון אייך פֿאַ־דערט זיך נאָר אַ ביסעלע געדולד. מען קען נישט איבערלויפֿן די לבנה, אָדער ווי זאָגט מען דאָס אַ ווערטל: „קיין פּופּציקיעריקן ווייַן קען מען נישט שטעלן, ער מוז אַלט ווערן פּופּציק יאָר"...

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָב איך געלייענט אין מאָסקווער „פּראַווּדאַ" אַן אַרטיקל פֿון מיכאַאיל קאָלצאָוו. אַ גאַנצע מעשה מיט אַכצן הקדמות. כ'בין אייך נישט אויסן די ניין מאָס רייד. עיקר הדבר: אַז נאָך פּופּצן יאָר ראַטנמאַכט האָבן מיר שוין קיין נישט קיין מוראַ פֿאַר קיין נאָענטע גרענעצן. עס איז אַ יושר אומצוקערן די אוקראַאינישע רעזידענץ אין איר היסטאָרישן ווינגעלע, קיין קיעוו! איר דאַרפֿט וויסן זיין, אַז דאָס איז נישט סתם אַ ווערסיע, ביי אונדזער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור פּלאַפּלט מען נישט אין דער פֿרעסע. ווער שמועסט נאָך, אויב אַזאַ אָנגעזעענע פּערזענ־לעכקייט ווי קאָלצאָוו שרייבט וועגן דעם, — ער שפּילט היינט ביי זיי די ערשטע פֿידל — איז אַ סימן, אַז די פּאָליט־ביוראָ האָט שוין וועגן דעם אָנגענומען אַ באַשלוס. און איך גלייב שטאַרק, אַז נאָך אַ חודש, נאָך דריי, וועט די אוקראַאינישע רעזידענץ טאַקע איבערגעפֿירט ווערן פֿון כּאַרקאָוו קיין קיעוו. דאָס איז ביי מיר כמעט בלתי ספק, און דאַמאָלסט ווערט אַל־שאַנע בין לילה אַ קרוב למלכות, אַ פֿאַרפֿאַסטן פֿון קליין־מאָסקווע. איצט ווי קלערט איר אַ שטייגער, וועט מען נאָך דאַמאָלסט לאָזן לעבן אייער קלייטל? עס האָט יאָ עפּעס אַ פּנים? אַ טאַטע מיט קינדער האָבן זיך אָפּ־גענומען אַ מין אַרענדעלע ביי דער ראַטנמאַכט. אַ ביסל מאַכט מען פּדיון פֿאַר אירעט וועגן, אַ ביסל פֿאַר זיך. שבת איז דאָס קלייטל אונטערן שלאָס... עס איז אַזוי אויך מיט ניסים, וואָס עס האַלט זיך נאָך, אָן דער רעזידענץ, אָבער דאַן? דאָ וועט מען עפּענען אַ גרויסן „גאַסטראָנאָם" אין וועלכן עס וועלן אַרבעטן צוואַנציק, דרייסיק אַרבעטער; דער קיעוור־טאָרג וועט דאָ

עפענען אַ פּיליע און די ראַדיעצקעס וועלן פּליען פון זייער פּאָסטן ווי די אָפּגעפּליקטע הינדלעך פונעם בית־השחיטה פענצטער. דאָס איז נישט איך ווינטש אייך אַזוי, איך לייג אייך נאָר אויס די קאָרטן. און דאַן, אַז איר וועט פאַרלירן אייער שטעלע, האָט איר שוין אין אַלשאַנע בכלל נישט וואָס צו טון, דאַן מוז מען נעמען די פּיס אויף די פּלייצעס און מאַכן פּליטה און וואָס שנעלער איז געזונטער, ווייל אַזוי איז שוין די טבע פון אונדזער מלוכה, נישט איבערצולאָזן קיין שטיקל אַרבעט נישט צוגעענדיקט. קוים האָט מען אויסגעפונען, אַז די מענטשן פּאַסטן נישט ווי געהעריק צו זייער שטעלע, דאַרף מען שוין פאַר איין וועגס אויסזוכן עפּעס אַ קרעצעלע און זיי איינזעצן אויך. אַז נישט, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס? אַז זיי וועלן זיך אַרומדרייען שלינג און שלאַנג און מאַזאַליען דער וועלט די אויגן, איז דען בעסער? אַזוי וועלן זיי כאָטש וויסן, אַז זיי האָבן אָפּגעטון איין שטיקל אַרבעט... עס העלפט דאָך נישט, מען מוז דאָך ווען עס איז אָפּזיצן די באַשערטע עטלעכע יאָר... אַזוי אַז ווי נאָר אייער קלייטל מאַכט צו מיט אַן אויג, אַזוי מוזט איר גלייך נעלם ווערן פון דאַנען, טאַקע תיכף ומיד.

איז וווהין וועט איר לויפן? קיין גאָראָדישטשע? קיין שפּאָלע? קיין סמילע? קיין באָסלעוו? קיין זוועניגאָראָדקע? ניין! נישט אין איינע פון די אויסגערעכנטע שטעטלעך, ווייל די דאָרטיקע ר' נחמנס אַנטלויפן אויך פון אַן עין־הרע, גלייך ווי איר. וווהין דען וועט איר זיך אַהינטון? איר וועט זיך אַריינוואַרפן אין אַ גרויסן מענטשן־אָקעאַן, כדי עס זאָל אייך נישט לייכט זיין אויפצוזוכן, למשל: כאַרקאָוו אָדער קיעוו, מאָסקווע אָדער אָדעס, לעגינגראַד אָדער דניעפּראָפּעטראָווסק. דאָרט האָט איר שוין די פּאַבריק אויפן אָרט, און דעם אינסטיטוט אויך, און דאָרטן וועט שוין קיין אַנדער ברירה נישט זיין אויך... איך בין דען קעגן אַרבעט? ווער קען דען זאָגן אַזאַ זאַך? גאָט הייסט אויך אַרבעטן: טוב תורה עם דרך־ארץ... איך בין דען קעגן לערנען? וואָס פאַר אַ משוגענער איז קעגן בילדונג? דער בעסטער באַווייז איז, אַז איך אַליין האָב אויך אַ ביסל געזינדיקט אויף דעם געביט. אמת, קיין גרויסער למדן בין איך נישט, אָבער קיין גאָר גרויסער עם־הארץ אויך נישט. נאָר וואָס דען? מיט שכל און מיט געפיל. פאַרלויפט נישט דעם וועג פאַר די קלעזמער, די צייט אַרבעט אויף אייך! איך געדענק אין חדר, נאָך ביים דרדקי־מלמד, איז געווען אַ יינגל, פרומע דער צעלני־קערס נחתל, פרויקע האָט ער געהייסן, האָט ער געהאַט אַן אייזערנע קאָפּ, פון אייזן ממש. כאָטש שיס אין אים, קיין זאַך וואָס מען האָט מיט אים געלערנט האָט זיך דאָרט נישט געקענט צוקלעפּן. געדענק איך, ווי דער רבי פלעגט אים פרעגן: — „פרויקעלע מיין קינד, ווי אַזוי מאַכט קמץ אלף? דער בחור פלעגט זיך אפילו נישט פאַרטראַכטן: — „אַ!" דער רבי פלעגט אים דערלאַנגען אַ שטורך: — גויאישער קאָפּ דו, אַכציק שוואַרצע יאָרן אויף דיר... ווייסן ווייסטו דאָך במילא אַ מכה, אלא וואָס דען — דו טרעפסט, קענסטו דאָך כאָטש טרעפן גלייך, פאַר וואָס זאָלסטו, כלבניאַק דו, טרעפן ווי אַ בלינד פערד? דעסט גלייכן דאַרף מען זאָגן מיר מיט אייך:

— „קינדער, איר ווייסט דאָך נישט אויף זיכער ווו עס וואַרט אויף אייך דאָס אמתע גליק, וווהין עס רופֿט אייך דער פֿליכט אַלס אָנשטענדיקע קינדער און גלייכצייטיק אַלס קינדער פֿון אייער עפּאָכע, אַלס סאָוויעטישע יוגנט, על־כּל־פּנים דאַרפֿט איר זען וואָס ווייניקער חורבנות אָנמאַכן מיט אייער „גליקלעך מאַכן די וועלט“. זייט זיכער, אָט אַזוי וועט איר נאָך גיכער זאָגן: „קמץ אלף — אָ“. מיר האָבן פֿריער גערעדט פֿון אייער מוזן סוף־כּל־סוף פֿאַרלאָזן אָלשאַנע. גלייבט מיר, אָט דאָס גאַנצע נביאות, וואָס איך האָב אייך דאָ געזאָגט, קען געשען נאָך פֿיל־פֿיל גיכער, ווי איר שטעלט זיך פֿאָר. עס קען אפֿילו זיין, אַז עס געשעט שוין... איר ווילט אַרבעטן? כ׳בין אייך מבטיח, אַז איר וועט אַרבעטן! איר ווילט נוצלעך זיין דער געזעלשאַפֿט? איר האָט נאָך גענוג צייט דערויף, איר האָט ערשט געעפֿנט אייערע אויגן, איר קענט נאָך באַווייזן צו זיין אפֿילו אַן אַקאַדעמיקערין. ווי איר וועט זיך אַריבערקלייבן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, אַזוי שטייען פֿאַר אייך אָפֿן אַלע טירן. ווער פֿון אייך עס וועט נאָר חשק האָבן אָנקומען אין אַ לערנאַנשטאַלט, וועט ביי אים זיין: יעלה ויבוא ויגיע ויראה וירצה... נאָר דער עיקר, געדענקט וואָס איך זאָג אייך: אָן בלוט־פֿאַרגיסונג! איר מוזט נישט נאָכטון אונדזער ראַטנמאַכט. מען קען דאָס אַלץ דערגרייכן אויפֿן פֿרידלעכן אופֿן, נישט טרעטנדיק די עלטערן מיט די פֿיס. עס איז נישט קיין חיוב מדאוריתא זיך נוקם צו זיין אין זיי. די גמרא זאָגט: פּרצה קוראה לגנב — אַן אויפֿברוך רייצט אָן דעם גנב, ער זאָל גיין גנבענען. ווי נאָר איר וועט ווייזן אַ וועג, אַז מען קען אַ שפּיי טון אויף דער היים און מאַכן די פּליטה, וועלן זיך שוין צווישן אייערע קינדער אָפּזוכן בעלנים אייך נאָכצוטון און איידער איר וועט זיך אומקוקן וועט פֿון דער שטוב ווערן אַ חורבה, אַ ליידיק פֿעלד, פֿון וועלכן מען האָט אָפּגעשניטן די תבואה. און נאָך איין וואָרט וויל איך אייך זאָגן: גלייבט מיר, איין פּרייטיק צו נאַכטס זיך געפֿינען ביי אייער טאַטנס טיש, — כאָטש איך אַליין האָב נאָך נישט געהאַט דעם זכות פֿון דעם דאָזיקן תענוג צו געניסן, אָבער ס׳איז ביי מיר בלתי ספֿק, אַז ער האָט די ווערט פֿיל מערער ווי ענדיקן גאַנצע זיבעצן פֿאַקולטעטן... אָט דעם כּלל זאָלט איר אייך אויסחזרן אויף אויסנווייניק... אָט דאָס מיינע פֿריינד, איז אַלץ, וואָס איך קען אייך זאָגן...

אהרל האָט געפֿלאַמט ווי אַ כּלה צום באַדעקנס. יוכבד דאַקעגן איז געווען בלייך ווי די וואַנט. ביי איר אין האַרצן האָט זיך געטון אַן איבערקערעניש, שלמהס „אויסלייגן די קאָרטן“ האָט אין איר אויפֿגעהויבן אַ שטורעם, נאָר זי האָט געשוויגן און גאָרנישט געענטפֿערט. שלמה האָט פּלוצלינג געגעבן אַ קלאַפּ אהרלען אין פּלייצע און לוסטיק אַ געשריי געטון:

— זאָג נאָר, ברודערקע, אַזאַ העלפֿאַנט ווי דו, קענסט כאָטש מיט איין שפּרונג דערלאַנגען אָט יענע צווייג, וואָס האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טייך?

און נישט וואַרטנדיק אויף אהרלס ענטפֿער, גיט ער אַ טאַנץ אין דער

לופטן און הענגט שוין אויף דער ריזיקער סוקעוואַטער אָסינע. דער דאָזיקער בוים איז דווקא נישט גאָר קיין הויכער, נאָר ער איז ווילד באַוואַקסן מיט געדיכטע, יוצא־דופנדיקע, אויסגעדרייטע צווייגן, וואָס זעען אויס ווי פינ־גער פון אַ פּאַראַליטישן ריז, און די פינגער רופן דעם דורכגייער מיט זייער טייוולאָנישן געפּלאָנטער:

— קום אַהער, מענטש איינער! קום אַהער, דו קוק נישט, וואָס איך בין אַזוי העסלעך־מיאוס, דו ווייסט נאָך נישט, וואָס מיט דיר וועט ווערן אויף דער עלטער. דו קענסט נאָך זיין אי העסלעך, אי שלאַבעריק. אָבער איך בין פון שטאָל און פון אייזן. איך לאָך פון אַלע ווינטן, זיי ציטערן פאַר מיר, נישט איך פאַר זיי. קיין איין צווייגעלע האָבן זיי נאָך ביי מיר קיין מאָל נישט אָפּגעבראָכן. קריך אַרויף, דו שוטה, דאָרט פון אויבן, ביי מיר אויפן בוידעמל איז קיל, שמעקנדיק און זינגענדיק: דער בעסטער סאָלאָוויי קוואַרטירט ביי מיר. דערויף האָב איך שוין ביי אים אַ חזקה פון יאָר צו יאָר...

די שטאָק־אַלטע אָסינע איז געשטאַנען גוטע צען מעטער פון טייך, נאָר דאָס היטל צווייגן, וואָס איז איר געווען אָנגערוקט איבער די אויגן, איז ווי אַ ריזיקער שירם געהאַנגען איבערן שטילן טייכל, און האָט מיט זיך פאַרשטעלט דעם הימל. די משונה־אַרויסשטאַרטשנדיקע צווייגן זענען געווען געדיכט באַהאַנגען מיט פאַרשידענערליי נעסטן, וואָס האָבן פון דער ערד אויסגעזען ווי פאַרהאַרטעוועטע מאַזאָליעס אויף אויסגעהאָרעוועטע פינ־גער. אונטערן געדיכטן שלייער פון די בלעטער זענען געווען אָפּגעזעגט די סאַמע גרעבסטע צווייגן, כדי דער בוים זאָל נישט אומפאַלן אונטער דער לאַסט פון זיינע אייגענע יוצאי־ירך. אָט די ווייסע, רונדע ליסענעס האָבן מיט זיך געשאַפן גאַנץ באַקוועמע זיצפּלעצער — „אַזוי ווי אויפן טיש" — האָט זיך געבעטן אויפן צונג קוקנדיק אויף זיי. שלמה האָט מיט אַ פלינקייט פון אַ קאַץ געקלעטערט פון צווייג צו צווייג. אָט איז ער פאַר־שוונדן פון אויג און אָט האָט מען אים ווידער דערזען. דאָס „שפּילן זיך אין באַהעלטערלעך" האָט גענומען קורצע עטלעכע מינוט און שלמהס שלאַנקע פיגור איז אין איר גאַנצער לענג אויסגעוואַקסן אויפן סאַמע שפּיץ בוים, העכער פון אַלע צווייגן. ער איז געשטאַנען פעסט אויף זיין פּלאַץ און האָט אַראָפּגעפּאָכעט מיטן טיכעלע צו זיינע באַגלייטערס. דער אָפּגעזעגטער שטאַם, אויף וועלכן שלמה איז געשטאַנען, האָט אויף זיך געקענט אַרויפנעמען אפילו דריי פּאַרשוין, און שלמה האָט זיך געפילט אויף אים גאַנץ באַקוועם. ער האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיט די קולאַקעס „פּאָד־באָקאָם" און האָט אַראָפּגעלאַכט צו זיינע יונגע פריינד. אהרל האָט אים עפּעס אַרויפגעשריגן, נאָר שלמה האָט נישט געקענט כאַפּן מיטן אויער, וואָס יענער רעדט דאָרטן. זיין פיגור, וואָס האָט זיך איצט געפונען העכער פון אַלע בתי־חמר, איז געווען ווי איינגעפּאַסט אין אַן אומענדלעכן כבשן פון פלאַקערנדיקע שקיעה־פייערן, און האָט אויסגעזען צען מאָל לענגער ווי זי איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. שלמה אַליין, דערפילנדיק זיך

אונטערן פרייען הימל אָן „ווענט“, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט זיך לפי־שעה באַפרייט פון זיין חומר און ער דאַרף נאָר א געשריי טון: „הנשאו פתחי עולם“, ווי עס עפנט זיך פאַר אים „טיר און טויער“... מיט א מאָל איז זיין פנים באַשטראַלט געוואָרן פון א נייעם געדאַנק. אין איין אויגנבליק האָט ער אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די שיך און זאָקן, זיי גוט איינ־געוויקלט אין פּידזשאַקל און פעסט פאַרבונדן מיט די אַרבל. דאַן האָט ער צונויפגעלייגט די דלאָניעס ווי א רופאַר און אַראָפּגעשריגן:

— אהרל, א־הו! כאַפּ מיין אָנטועכץ, איך פלי פון דאַנען גלייך אין טייך אַרא־א־אין... ע־ע־ע־עי...

יוכבד האָט דערשראָקן אָנגעכאַפּט אהרלס אָרעם, אים געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר נאָך איידער זי האָט באַוויזן א וואָרט אַרויסצוברענגען, האָט אהרלען שיר נישט אומגעוואָרפן פון די פיס אַן אומגעריכטער שטויס אין רוקן. דאָס איז געווען שלמהס ערשטע מתנה. נאָך איר זענען געפלויגן נאָך אַנדערע: דער טלית־קטן מיטן היטל, די הויזן מיטן העמדל. צום סוף האָט זיך דערהערט א שניידנדיקער פּיף און שלמה איז פון זיין „גאַניקל“, שאַרף און מיט א זייט ווי א שוועלבעלע, אַראָפּגעפלויגן אין טייך אריין. אויף איין אויגנבליק האָט זיין סילועט א באַגילדעטער פון די לעצטע שטראַלן, זיך שיין דורכגעטראָגן אונטער די פאַרנאַכטיקע הימלען, צעשפּאַלטן דעם בלויען שפּינוועבס, וואָס האָט צו נאַכט צו אָנגעהויבן צו פאַרציען די קרישטאָל־דורכזיכטיקע הימל־ווינקלען, און איז פאַרשוווּנדן אונטערן וואַ־סער. זיי זענען געשטאַנען פאַרלוירענע און אָפּהענטיקע. א פאַרבאָרגענע אומרואיקייט האָט אהרלען מיט יוכבדן א וואָרף געטון צום טייך, דאָרט איז אָבער אַלץ געווען רואיק. עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז די גאַנצע מעשה מיטן שפּרינגען אין טייך אריין, איז געווען נאָר א חלום, א פאַר־בלענדזעניש. א קורצע ווײַלע זענען ברודער און שוועסטער אַזוי געשטאַנען עקזאַלטירטע און באַצויבערטע. מיט א מאָל האָט יוכבד א שרעקלעכן קוויטש געטון:

— אהרל, וואָס שטייסטו? ער קער זיך טרינקען... גיך, אין שיפל אריין!... דערלאַנג מיר איין רודער, לעבעדיקער...

זי האָט שוין אויפגעהויבן א פוס אויף אַריינצושפּרינגען אין שיפל אריין, ווען אהרל האָט זי געגעבן א קערעווע אוים אויף רעכטס:

— יוכבד, אָט איז ער...

שלמה איז געשטאַנען אַראָפּ־וואַסער, אויף די בלאַנקענדיקע מאַר־מאָרנע טרעפּ. פון וויטנס, אין דער צאַנקענדיקער שיין פונעם גוסדיקן טאָג, האָט ער אויסגעזען ווי א פאַנטאַסטישע רוסאַלקע, * וואָס איז אַרוים פון די טיפסטע אָפּגרונטן זיך א רייץ טון מיט די מענטשן און דאַן ווידער פאַרשווינדן. זיי זענען געשטאַנען ביים שיפל און מיט צוגעשמידטע בליקן באַטראַכט זיין מעכטיקע פיגור. ער האָט מיט דער האַנט זיי אָנגעוויזן אויף

* אין דער רוסישער פאַבולע: א ים־שעדעכע.

יענעם ברעג, אַז זיי זאָלן זיך אַהין אַריבערשיפן אָן אים, און ער וועט זיך שוין דערקלייבן מיט זיינע אייגענע רודערס.

ווען ער איז אין עטלעכע מינוט אַרום צוגעשווומען צו זייער שיפל, האָט ער פריילעך אַ געשריי געטון:

— ר׳ יעווגאַ ניקיפאָראָוונאַ, פאַרקוקט זיך, ווייל איך גיי אַרויס פון טייך.

דעם גאַנצן וועג אַהיים האָט שלמה ווי אַן אָנגעדונגענער אַלץ געזונגען און געשטיפט. פון זיינע אַנעקדאָטן האָבן ברודער און שוועסטער שיר נישט געפּלאַצט פאַר געלעכטער. שוין אויפן גאַניק האָט שלמה אומבאַמערקט פאַר אַהרלען פלוצלינג אָנגענומען יוכבדן ביי דער האַנט, אויף די סאַמע מוסקולן, און שעפּטשענדיק איר כמעט אויפן סאַמע אויער, אָפּבריענדיק זי מיט זיין גליענדיקן אָטעם האָט ער איר געזאָגט:

— איך פּערזענלעך בעט אייך: זייט פּאַרזיכטיק מיטן אָננעמען אַ באַשלוס וועגן כאַרקאָוו, דאָס איז נישט קיין קינדערשפּיל, דאָס איז אַ גורלדיקער שריט פאַר אייך און... און נישט נאָר פאַר אייך...

קאפיטל XXIII

ווען זיי זענען אין דרייען אריינגעקומען אין שטוב אריין איז שוין געווען פון דער שול דער פאטער און נאך עטלעכע זין. די מוטער מיט דער שווארצער „פאסאלקע", דערשוויצטע און מידע, האבן מיט אליין ארומגעהובליעוועטע צוויי שטעקנס, וואס זענען געווען אריינגעפראוועט אין אייבערשטן דעקל פון א בייכיק דייזשקעלע מיט אויערן, אויסגעקלאפט פוטער פון מילך. קיין עלעקטרי איז גראד נישט געווען און אויפן טיש האט געברענט אן אכטער לעמפל. דאס גלעזל איז געווען שטארק פאררויכערט און מיט א ברוינער, פאפירענער באק. אין די אפענע פענצטער האבן טומלדיק געזשומעט גאלדענע זשוקעס. פון דער גאס האט זיך דערטראגן דאס קוויטשען פון קינדער. ערגעץ נישט ווייט האט א שאף געמעקעט אזוי בענקענדיק, אז די אריינגעקומענע האבן אינסטינקטיוו א קוק געטון איינער אויפן צווייטן. מען האט זיך פארשטאנען אויפן ווונק. יעדן פון זיי איז געווען א שאד דער שמעקנדיקער וואלד, די כשופדיקע נאכט און דאס פארשווונדענע האפערדיקייט.

ר' נחמן האט אויפגענומען די אריינגעקומענע א בייזער:

— ברוך הבא, געסט. ברוך דיין אמת...

אהרל איז א דערשראקענער צוגעשפרונגען צום פאטער:

— נאך וועמען איז ברוך דיין אמת, טאטע?

— וואס הייסט נאך וועמען? נאך אייער ביידנס מנחה־מעריב...

— פאר וואס זשע עפעס ברוך דיין אמת? מיר האבן געדאווונט דארטן, ווו מיר זענען געווען. טאמער גלייבסטו מיר נישט, קענסטו פרעגן ביי שלמהן...

— א דאנק דיר אין היטל, וואס דו האסט כאטש דארטן געדאווונט. ווי געפעלט אייך די טובה, וואס ער טוט מיר? ער איז קליין צו וויסן, אז מנחה־מעריב דארף מען דאווענען אין שול, נישט דער רוח ווייסט ווו. גאט האט אים געהאלפן א יאר־עדות — שלמה! אלץ דינג טוסטו נאך שלמהן? פאר שלמהן זאל זיין טאטע זארגן, און דו, אז דו וועסט נאך א מאל גיין שפאצירן אין דער צייט, ווען אלע יידן זאגן קדושה־ברכו, וועסטו ווערן אויסגעפאטשט און ארויסגעווארפן אין דרויסן ארויס. סיידן אפשר נעמט דיך יוכבד אויך מיט קיין כארקאוו... דאן איז אנדערע רייד, דאן בין איך שוין אויף דיר נישט קיין בעל־הבית...

שלמה האט זיך געפרווווט איינשטעלן פאר זיינע חברים:

— ר' נחמן, אין פלוג זענט איר אפילו גערעכט, אבער — כולי האי?

— איי, לאז מיך געמאך. אויפגעשטאנען א סניגור אויף יידן... דו ביסט אויך א שיינער ייד געווארן, נישטא וואס צו רעדן. דו מיינסט, אז ווי באלד דו ביסט א דאטשניק, אזוי האסטו שוין מי יודע וואס פאר א

פריווילעגיעס... נאָ דיר גאָר אַ שפּאַציר בשעת תפילה־בציבור. יוכבד איז אויך מיט אייך געגאַנגען?

שלמה גיט אפילו נישט קיין פּינטל מיטן אויג:

— יוכבדן האָבן מיר ערשט באַגעגנט אָט דאָ ביי דער שטוב...

ר׳ נחמן מוז אויף עמעצן אויסגיסן דאָס לעצטע ביסל צאָרן:

— אוי, איז דאָס אַ לעמפּל, ווי מיר איז אויפן הארצן! ווי געפעלט דיר דאָס פאַררויכערטקייט פון דעם גלעזל? ווי אין אַ קוזניע, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד.

שלמה כאַפּט אויך אַ קוק אויף דער אומגליקלעכער „קאָפּטילקע״ * און פרעגט די באַלעבאָסטע אַ דערשטוינטער:

— מאַדאַם סאָסי, פאַר וואָס ווישט איר דאָס טאַקע נישט אויס?

— קיין שטומער וואָלט עס אין קיין יאָר נישט אויסגערעדט... פאַר וואָס מען ווישט עס נישט אויס... אַן אייזערנע קשיא! וואָס זשע, איך פויל מיך, קלערסטו? איאָ?

— ווער זאָגט דען, אַז איר פוילט זיך? איך פאַרשטיי נאָר נישט פאַר וואָס...

— ווייל דאָס גלעזל האָט שוין געפּלאַצט אויף צען ערטער. מען דאַרף זיך נאָר צורירן צו דעם, איז שוין נאָך דעם און קיין אַנדערס קריגט מען נישט אפילו פאַר כל הון דעלמא...

— געשיקט זיך, אַז מען קריגט טאַקע נישט?

— נאָ דיר גאָר — געשיקט זיך... ביי דער גאַנצער שטאָט ברענען לאָמפּן אָן קאָלפּאַקעס, ** זאָגט ער גאָר: געשיקט זיך. שוין קיין קיעוו אויך מיטגעגעבן, ווייס איך וואָס, אַ נעכטיקער טאָג. נישטאָ אין ערגעץ.

— אַז איך וועל זיין אין דער היים, וועל איך אייך שוין דווקא יאָ קריגן אַ גלעזל.

— גיי קוויק זיך מיט דעם, וואָס עס וועט אַ מאָל זיין... דו ווינטש שוין בעסער, אַז עס זאָל זיך באַלד באַווייזן עלעקטריע. די הענט פאַלן מיר שוין אָפּ קלאָפּנדיק, און איך קען אַלץ נישט תופס זיין, צי עס הייבט זיך שוין אָן צונויפנעמען, צי עס איז אַ בוידעם... ווייסט נישט? ביי נאַכט זענען אַלע קעץ גרוי...

— וואָס איז שייך צו ווינטשעווען? קיין גוטער ייד בין איך נישט, נאָר איבערן וועג האָט מיך אהרל אַלץ געהאַלטן אין איין בעטן, אַז קור־מענדיק אין שטוב אריין זאָל איך מיט אים אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא. איצט, אין אַזאַ חשכות, אַז מען זעט זיך אַליין נישט אַרויס, ווי קען איך אים צו ליב טון? איז אין דעם דאָזיקן זכות אַליין, בזכות התורה, וואָלט זייער כדאי געווען —

* כמו: קאַהאַניץ.

** קאָלפּאַק — דאָס מעשענע צילינדערל, וואָס טוט זיך אָן אויפן קנויט.

דער פאטער קוקט פארוואונדערט אויף אהרלען, אהרל אויף שלמהן, שלמה אויף יוכבדן, יוכבד אויף דער מוטער, און אלע מיט א מאל שיסן אוים מיט א געלעכטער. דער פאטער, מיט א ברוגזן טאן, נאר שוין פיל ווייכער ווי פריער:

— אהרל האט אים גאר געבעטן... ס'איז עפעס א לא־דבר... הערסטו, שלמה, ערנוואָרט, דו וואלסט געקענט זיין ערגעץ א קאמעדיאנשטשיק אין א צירק, צי אין א —

ר' נחמן האט נאך נישט באוויזן אנצורופן דאס וואָרט ווי נאך שלמה וואלט געקענט זיין א קאמעדיאנשטשיק, ווי די עלעקטרישע שיין האט ווי א ברויזנדיקע כוואליע א פליוך געטון אין צימער, א שווענק געטון אלע ווינקעלעך און איז געבליבן רוען אויף אלץ און אויף אלעמען. א פריידנס־געשריי האט זיך ארויסגעריסן פון אלעמענס מיילער.

ר' נחמן האט גוטמוטיק א פאטש געטון שלמהן אין פלייצע:

— ע, גוטער ברודער, דו ביסט דאך גאר א בעל־מופת אויך. אפשר קענסטו מיר בעסער צוווינטשן עפעס א גרינגער לעבן?

— איר שפילט אייך מיט א בעל־שמסקע איניקל? איך קען דאס אויך!

— נו, נו, ווינטש זשע טאקע...

שלמה, לאכנדיק:

— איך ווייס דאך נישט, וואס עס פעלט אייך. שרייבט אן א קוויטל...

— מילא, מיר זענען דאך עפעס היימישע מענטשן, וועל איך דיר שוין זאגן אויף אויסנווייניק: ערשטנס, עפעס א שענער שטיקל ברויט. איי, א ביטערע פרנסה ביי מיר, ביטער ווי גאל...

— זאל אייך דער אייבערשטער העלפן. א ייד, וואס דארף א סך, קומט אים א סך. וואס נאך ווילט איר בעטן ביים הייליקן רבין?

— ...אז מיין טאכטער זאל מיך נישט אוועקווארפן אויף דער עלטער —

— מיר איז אויף אייך א חידוש, ר' נחמן. א ייד א תלמיד־חכם זאל גאר בעטן אזא זאך. דער אייבערשטער אליין כביכול האט ביי אונדז די בחירה נישט צוגענומען, כדי מיר זאלן נישט דארפן ארויסקוקן אויף קיין נהמא דכסופא, כדי עס זאל בלייבן א פלאץ פאר שכר ועונש, היינט ווי אזוי זשע ווילט איר, אז איך זאל זי ביי איר יא צונעמען? נישט מער, איך קען אייך ווינטשן, אז דער אייבערשטער זאל אריינשיקן אייער טאכ־טער א שכל־הישר, אז זי זאל — ווי די שניטקרעמערס ביי אונדז זאגן — זיבן מאל אפמעסטן, איידער זי גייט איין מאל אפשניידן, און דאן ווי אזוי זי וועט שוין טון, וועט במילא זיין גוט...

— איי, איך האב זיך גענארט אין דיר... אי דאמאלסט, אי איצט. דו האסט מורא אויסרעדן מיט דיין פה־קדוש די פאר ווערטער: „זי זאל נישט פארן”. זאלסט וויסן זיין, אז ביי מענטשן זענען פאראן צווייערליי כאראקטערס. איין מענטש פרעגט: „פאר וואס זאל איך צו יענעם זיין

שלעכט, אַז איך מוז עס נישט?" דער צווייטער פרעגט: „פאַר וואָס זאָל איך צו יענעם זיין גוט, אַז איך מוז עס נישט?" אויף דיר זאָלסטו וויסן איז ווי אָנגעמאָסטן דער צווייטער נוסח. מען בעט ביי דיר אַ וואָרט, אַ דיבור בעלמא —

— איך האָב געקלערט גוט, און הרהור כדיבור דמי...

— תירוצימלעך, תירוצימלעך... הלואי איך זאָל ליגן זאָגן: דו ביסט שוין אַליין אויך אָנגעשמעקט מיט כאַרקאָוו. כ'האָב שוין מיט דיר גוט געטראָפן —

— נו, וואָס ווילט איר? אַ סאָוויעטישער גוטער ייד! אַזוי ווי דאָס גאַנצע לעבן איז באַטעמט, אַזוי דער גוטער ייד אויך... בקיצור, וואָס נאָך איז אייער באַגער?

— ...אַז אהרל זאָל כאָטש צוליגן דעם געדאַנק צו דער גמרא, בעת איך בעט אים, נישט אַז ער זאָל דיך נאָך בעטן...

אַ פרישער גלעכטער האָט געפּלאַצט אין צימער. מיט אַ מאָל האָט די באַלעבאָסטע אַ פּליעסק געטון מיט די הענט:

— לאַהקע! משוגע מיינע שונאים, צי וואָס? אַבי זי זעצט. עס איז דאָך שוין פון לאַנג געוואָרן פּוטער. גיב נאָר גיך דעם עמער, וועל איך אָפּגיסן די מאַסלינקע. אָך, וואָס פאַר אַ שמעקנדיקע מאַסלינקע. שלמה, זאָג אַז דו עסט היינט ביי אונדז וועטשערע, מאַך איך באַלד אַזאַ הירז־שענע קאַשע, אַז דו האָסט נאָך אין דיין לעבן אַזעלכע נישט געגעסן. איך האָב הירזש איין און איינס, עס איז אויף איר שיין צו קוקן. אפילו פאַרן קיסר מעג מען זיך מיט איר אויך נישט שעמען.

— וואָס דער קיסר וואָלט אייך אויף דער קאַשע געזאָגט, קען איך אייך, מאַדאַם סאָסי, פּינקטלעך נישט ענטפערן, נאָר איך וועל זי פאַר־זוכן מיט גרוים פאַרגעניגן.

— פאַר וואָס איז עפּעס נאָר פאַרזוכן? ביי אונדז פאַרזוכט מען נישט, ביי אונדז עסט מען. יוכבד, שווענק דורך אַ טעפּל הירזש, נאָר מאַך עס איינס און צוויי.

יוכבד, אין ברוינעם שטוביקן קליידל, איז געווען אויסערגעוויינלעך שיין. אומבאַמערקט פאַר פרעמדע אויגן, האָט זי שלמהן געשענקט אַ דאַנקבאַרן קוק, פאַר זיך, פאַר אהרלען, און איז אַרויסגעלאָפן אין הייזל אַריין אויסזוכן די הירזש.

דער פאָטער האָט זיך געווענדעט צו אהרלען:

— נו, זונעניו מיינער, אַז דו האָסט אַזוי שטאַרק געבעטן שלמהן, מילא, נעם שוין די גמרות צום טיש, וואָס קען דאָרטן זיין? עפּעס אַנ־דערש, צי דו וואָלסט ביי מיר אויסגעפירט ווייס איך נישט, נאָר אַזאַ זאַך —

אהרל האָט אַן אומגליקלעכן שמייכל געטון, נאָר קיין וואָרט נישט געענטפערט און איז אַוועקגעגאַנגען ברענגען די גמרות.

ווען אהרל האָט זיך אומגעקערט אין זאַל אַריין מיט דער גמרא,

האָט שוין דער פֿאָטער, ווייזט אויס, גאָר פֿאַרגעסן נאָך וואָס ער האָט אים געשיקט. ער איז געזעסן אַ פֿאַרצאָרנטער, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין דער האַנט און האָט וועגן עפּעס שווער געטראַכט. דערזעענדיק אהרלען האָט ער זיך אַ פֿאַרזאָרגטער אָנגערופֿן צו אים:

— אהרל, וואָס זאָגסטו גאָר דערויף? איך בין מלא־יסורים —

— וואָס איז שוין ווידער פֿאַר אַ נייעס?

— אַך, באַרעכן נאָר... און ווו איז געווען מיין קאָפּ בשעת־מעשה? די אַכצן זעקלעך סיעמעטשקעס, * וואָס מען האָט מיר אַראָפּגעוואָרפֿן סאַמע פֿאַרן פֿאַרשליסן די קלייט, האָט דער גוי, דאַכט זיך, אוועקגעלייגט נישט ווייט פֿון דער פּאַס נאַפֿט. איך האָב זיך געאיילט צו מנחה און האָב נישט נותן לבֿ געווען וווהין ער לייגט זיי אַוועק. איצט האָב איך זיך דערמאָנט. די פּאַס לאָזט דורך און מיר קענען דאָרט ביז אין דער פֿרי האָבן די רעכטע חתונה. נעם, קינד מיינס, אַ ליכט מיט זיך און גיי כאַפּ אַ קוק. מען דאַרף זיי אַרויפֿרוקן אַרויף, צו די ליידיקע קאַסטנס צו. גיי, גיי. סאָסי, גיב אים שוועבעלעך מיט אַ ליכט.

אַ באַטריבטער גיט זיך אהרל אַ קראַץ אין דער פּאָטעליצע:

— פֿאַר וואָס זשע האָסטו עפּעס אויסגעקליבן דווקא מיך? ווו איז הירשל? ווו איז חיים? ווו איז אברהם? שטענדיק און אייביק בין איך דאָס כפּרה־הינדל...

דער פֿאָטער האָט ערשט איצט באַמערקט, אַז אהרל האַלט אַ גמרא אונטערן אָרעם און האָט געענטפֿערט בחפֿזון:

— גערעכט, גערעכט... באמת טאַקע, פֿאַר וואָס עפּעס דו? אברהם וועט צוגיין אין קלייט אַריין און דו מיש אויף. ווו האַלטן מיר?

אהרל איז אַזש דערציטערט געוואָרן פֿון דעם פֿאָטערס לעצטע ווער־טער, ער האָט אָנגעכאַפּט אברהמען ביים אַרבל:

— ניין, ניין, אברהם, איך גיי, איך גיי. נאַ, מיש דו אויף —

שלמה צעלאַכט זיך אויפֿן קול:

— אהרל, דו דערמאָנסט מיר אַ וויץ. צו איינעם אַ יונגנמאַן איז אַריינגעקומען זיינער אַ שכן: — „לייבל, דו שלאָפֿסט?" — „ניין. וואָס איז דען?" — „אַנטליי מיר, כ׳בעט דיך, אַ דרייערל ביז מאָרגן". — „כ׳שלאָף"... קום אהרל, איך גיי אויך מיט דיר. גיין הגבהה מיט גאַנצע אַכצן זעקלעך איז צו אַ גרויסע מצוה פֿאַר איין יידן.

זיי האָבן זיך שוין געלאָזט גיין צו דער טיר, נאָר דאָ האָט זיך שוין אַריינגעמישט די באַלעבאָסטע:

— נחמן, איך פֿרעג דיך נישט מער, וואָס האָסטו אָנגעטראַכט פֿאַר אַ גייעניש, וואָס? ווער גייט עס ביי נאַכט מיט שוועבל אין אַ הילצערנער קלייט, ווער? דער רוח וועט זיי נישט צונעמען די פֿאַרשיווע קערלעך,

---

* קערנער פֿון זונבלומען.

וועט ער נישט... די גרויסע „גליטשן‟ * וואָס מען האָט פון זיי, מעגן זיי זיך אָנצינדן מיט זייערע באַלעבאַטים צוזאַמען... שיינע פּאַרדענוסעס זיך דערלעבט... נאַ־דיר גאַר שיקסע־קערלעך אויף דער עלטער... קינדער, איך הייס נישט גיין! ברענען זיי ליכטיק אַן יידישן שאָדן...

ר' נחמן האָט קענגן זיין רגילות גלייך נאָכגעגעבן:

— מילא, זאָל שוין זיין אַזוי... ווי אַזוי גאָט וועט פירן. און עק, מיש שוין אויף. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דף... דף...

נאָר די ראַדיעצקעכע האָט אויך דאָ אָנגעהויבן אויסרעדן דעם מאַן אירן:

— וואָס פּאַר אַ לערנען איצט, וואָס? דאָס קינד האָט זיך היינט נעבעך אָנגעהאָרעוועט ווי זיבן גוים, ווילסטו אים ערשט אַצינד דערקוויקן מיט אַ בלעטל גמרא... שלמה דרייט אָן אַ לירע אויף אהרלס קאָפּ און דו גלייבסט אים... הער שוין אויף, כ'בעט דיך. קוק אומיסטן, ווי ער לאַכט, דער נוקם ונוטר —

שלמה, קאַטשענדיק זיך פאַר געלעכטער:

— באמת טאַקע, ר' נחמן, איר זעט וואָס פאַר אַ קטרוג איר זענט מעורר אויף מיר? אייער פלונית תחיה איז דאָך גערעכט ווי משיח. פאַר וואָס קומט אים נעבעך אַזאַ שווערער עונש? טוביה חטא וזיגוד מינגד? **

ר' נחמן גייט צו צו שלמהן און שטעלט אים אויף מיט גוואַלד:

— הער נאָר דו, אַז דו ביסט יאָ אַזאַ חכם, טאָ קום טאַקע אויך צו דער גמרא, אין דרייען איז שטאַרקער. יאָ, יאָ, קרינא דאגרתא, איהו ליהוי פרונקא. *** וואָס דען האָסטו געמיינט, הפקר אַ וועלט?

דאָס מיזינקעלע, אַ מיידעלע — אַ קוקלע, איז צוגעלאָפן צו דער מוטער, אָנגעהויבן זי שלעפּן פאַר דעם קליידל און פאַרלייגנדיק דאָס קע־פּעלע אויף אַ זייט, — דאָס חנדעלע האָט זי געוווסט איז ביים עולם שטאַרק באַליבט — האָט זי מיט אַ וויינענדיק קולכל געפרעגט:

— מאַ—מע, און קיין קרעפּלעך וועסטו נישט מאַכן? איך האָב זיי דאָך אַזוי ליב...

די מוטער האָט צערטלעך אַ גלעט געטון דאָס טעכטערל איבערן קעפּל:

— וואָס הייסט, ניין? אַז דו ווילסט, איז עפּעס אַ תירוץ?

דאָס מיידעלע האָט זיך אַ צופרידענע אַוועקגעטענצלט איבערן צי־מער, דערנאָך האָט זי זיך אָנגענומען פאַר די הענטלעך מיט אַ געקרייזלט פּעמפּיקל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ציגיינערל, און זיי האָבן צוזאַמען אַרויסגעטאַנצט פונעם זאַל זינגענדיק:

---

* אויפן קרעמערישן זשאַרגאָן געמיינט: גליקן.

** אַ גמרא־ווערטל. „טוביה האָט געזינדיקט און זיגודן זאָל מען שמייסן?‟

*** אַ גמרא־ווערטל. געמיינט: דער וואָס האָט געמאַכט דעם פאַרשלאַג, דער זאָל טאַקע אַליין אויספירן די זאַך.

אוי, קרעפּלעך וואָלט איך געגעסן כסדר,
סיי ביים רב און סיי ביים בעדער,
איך הער די וועלט פּאַר אַ פּיאַטאַק
און גיי מיר אַ ריקודל: האָפּ־טשוק־טשאַק...

ביז נאָכן לערנען האָבן זיך אין שטוב פאַרזאַמלט אַלע קינדער. דורך די אָפענע פענצטער האָט די מאַינאַכט אַריינגעהויכט אירע סאַמע פאַר־באָרגנסטע זיסע ריחות, געקוויקט דאָס האַרץ מיט איר הייליקער שטיל־קייט, וואָס איז געמישט מיט אַ געברום פון ווייטע וועלדער און מיט אַ סודותפולן געפּליסטער פון פאַרבאָרגענע טייכן. דאָס שטעטל איז שוין גע־ווען פאַרזונקען אין שלאָף. פון אומעטום האָבן אַריינגעקוקט דורך דעם פענצטער שוואַרצע שפּאַקולן מיט ווייסע פאָרהענגלעך. די טרוימענדיקע שטערנדלעך האָבן מיט פאַראיבל צוגעקוקט, ווי אויף אָלשאַנער וואָק־זאַלכל האָט זיך אַריינגעריסן אַ פּאַרסאַפּעטער פּאַסאַזשיר־צוג, אויפגע־הויבן אַ גאַנצן הו־האַ, אַ גערודער און אַ געלויף. פאַר זיי, די קינדערלעך פון הימל, איז פרעמד אַזאַ אכזריות: צוליב אַזאַ קלייניקייט, ווי אַראָפּ־לאָזן עטלעכע פאַרשוינען און עטלעכע אויפנעמען, זאָל מען גאָר אויפ־הייבן אַזאַ טומל, צעשטערן אַזאַ הימלשע אידיליע... דאָס קענען טאַקע נאָר מענטשן. מען איז פאַרהאַוועט, פאַרטאַראַראַמט: פּי־פּי־פּאַ... וואָס? ווער? ווּעמען?

מען האָט דערלאַנגט צום טיש אַ פּאָר צענדליק צינערנע טעלער מיט ווייסער, שמעקנדיקער קאַשע. די קנוילן פּאַרע האָבן צעטראָגן איבער דער שטוב אַ הייסן גערוך פון פעטער מאַסלינקע. עס האָט אַ יאָג געטון אויפן צימער מיט דאָרף, מיט פאַרנעפּלטע פּאַרטאָגן, מיט פריש־אָנגעמאָלקענער מילך, מיט יונגע קעלבעלעך און מיט פאַרשייטע לאָשעקלעך, מיט אַ פייפן פון פּאַסטעכער און מיט אַ מהוקען פון קי. שלמהס פאַרחלומטער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף יוכבדן, און ער האָט דערפילט, אַז ער איז אויף דאָס ניי אומגליקלעך. דאָס מיידל איז ווי געבוירן געוואָרן אויף צו רייצן זיך מיט אים. זי איז געזעסן נישט ווייט פון אים און מיט דער פּלייצע צום פענצטער. דערפון זענען די האָר אירע געווען טונקל און באַ־שמעקט מיט די נאַכטיקע אַראָמאַטנע פּאַרפומען, וואָס האָבן נישט אויף קיין שום שפּראַך קיין נאָמען און רופן אַרויס ביי יונגע מענטשן טרערן פון בענקעניש, פון ליבע, פון גרייטקייט זיך מוסר־נפש צו זיין פאַר עמעצן. דער גרויסער ווייסער שטערן, — איר פּאָטערס שטערן, — האָט זיך קאָנ־טראַסטלעך אויסגעטיילט אויפן פּאָן פון דער טונקעלער מאַסע האָר. די באַקן האָבן געפלאַמט מיט אַ מאַט פייערל. אָט אַזוי דערברענט אַ שייטער אויף אַ פאַרוואָרפענעם פּיק* פון די קאַווקאַזער בערג. אירע בלוט־רויטע ליפּן האָבן געוואָרפן אַ ראָזע אָפּשיין און נאָך רייצנדיקער געמאַכט דאָס מלאַ־חנעוודיקע מיילעכל און דעם שיינעם שנייוויסן האַלדז. די ברוינע

* שפּיץ.

ארבעלעך מיט די ווייסע שפּיצן אויף די ברעגן האָבן ביז האַלב פאַרבאָרגן פון מענטשנס אויגן אירע געטאָקטע הענטלעך. נאָר אויך די אַנטפּלעקטע האַלבע הענט האָבן געגוג געהאַט צו דערציילן, ווען אירע שטייפע מוס־קולן, וועגן איר אומבאַרירטקייט און אומבאַפּלעקטקייט. די אויגן אירע האָט זי געהיט פון שלמהן. זינט ער האָט זי אַזוי אומברחמנותדיק־גע־וואָגט אָנגענומען פאַר די מוסקולן און געזאָגט: „איך פאַרזוכענעך בעט אייך"... ציטערט זי אַ קוק צו טון אויף אים, ווי עפּעס אין אַן אָפּגרונט, ווו עס קען זיך פאַרדרייען דער קאָפּ און אין די אויגן קען אָנהייבן צו שווינדלען, און עס איז גרינג צו פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט. זי קוקט בכיוון אין דער צווייטער זייט, נאָר שלמהס גיריקער בליק קלייבט זיך פון אַנדער, ווו עס איז ליכטיק פון דער עלעקטרישער שיין און ווו עס שיינט דער אָפּגלאַנץ פון אירע שטראַלנדיקע אויגן. יוכבד דערפילט דעם געיעג און היט זיך נאָך מער. שלמה פאַרשטייט, אַז ער מוז זיך נעמען אין די הענט אריין, ווען נישט, וועט זיין אַ סקאַנדאַל. סוף־כל־סוף וועלן אַלע באַמערקן, מיט וואָס פאַר אַ אויגן ער קוקט אויף איר, און דאַן איז אַ סוף צו זיין באַזוכן די ראַדיעצקעס, אַ סוף צו זיין זען זי. ער דערפילט, ווי אַ שוידער גייט דורך איבער זיין ליב פון דעם דאָזיקן געדאַנק. נישט זען זי? לחלוטין אויפהערן צו זען יוכבדן? ווי איז עס גאָר מעגלעך אין דער וועלט? און ער דערפילט ערשט פון דאָס ניי, ווי טיף אָט דאָס אָל־שאַנער מיידל האָט זיך פאַרקליבן צו אים אין האַרצן אריין, ווי אָנגענעם עס לייגט זיך ביי אים אויף דער צונג אָט דער ביז גאָר היימישער, צערט־לענדיקער נאָמען: יוכבד... ווען ער האָט דאָ ביעלסקין צו זיך, וואָלטן זיי צוזאַמען אָנגעשריבן אַ גאַנץ באַזונדערע מעלאָדיע פאַר אָט דעם סאַ־מעטענעם נאָמען. יענע מעלאָדיע וואָלט זיך אָנגעהייבן מיט אַ סנאָפּ זונענשטראַלן און וואָלט זיך פאַרענדיקט מיט אַ געוועב פון פאַרחלומטע, בלוילעכע לבנה־שטראַלן. אָט דאַמאָלסט אפשר וואָלט געוואָרן אויסגע־זונגען דאָס, וואָס ער פילט אין דעם דאָזיקן נאָמען...

שלמה וואַכט אויף פון זיינע געדאַנקען פון אַ ברי אין דער האַנט. ער כאַפּט צו די האַנט און קוקט זיך אום: נאָך דער קאַשע דערלאַנגט מען טיי. יוכבד האָט אים צוגעטראָגן אַ גלאָז טיי און האָט אומגערן ארי־בערגעגאָסן אַ ביסל אויף זיין האַנט. זי איז אויסער זיך פאַר עגמת־נפש.

— איך האָב אייך שטאַרק אָפּגעבריט?

שלמה, מיט אַן איבערגעטריבענעם ערנסט:

— גראָד איצטיקס מאָל נישט אַזוי שטאַרק...

יוכבד מאַכט זיך נישט הערנדיק, אָבער זי וויל טאַקע וויסן:

— אוי־וויי, אפשר דאַרף מען עפּעס צולייגן? עס איז נישט קיין שפּאַס, די טיי איז זודיק —

— נעמט זיך נישט צום האַרצן, חברטע ראַדיעצקאַיאַ, פון אַזוינע זאַכן שטאַרבט מען נישט. עס טרעפט אַ מאָל ערגערס און מען בלייבט אויך לעבן.

סאַסי, דערזעענדיק, אַז די גלאָז טיי וואָס מען האָט דערלאַנגט שלמהן שטייט נאָך בשלמות, איז צוגעלאָפן צו אים מיט אַ לעפעלע אין דער האַנט:

— איי, אַ קינד בלייבט אַ קינד... אַבי זי האָט אַוועקגעשטעלט... אויף צו פרעגן אַ גאַסט מיט וואָס ער וויל טרינקען האָט שוין נישט גע־קלעקט קיין שכל... שלמה, ווי אַזוי האָט איר ליב צו טרינקען, זיסע, צי מיט אַ צוקערקעלע אין מויל?

שלמה האָט איר העפלעך געדאַנקט:

— אַ דאַנק, מאַדאַם סאַסי. מיר איז קיין שום נפקא מינה נישט אַזוי, צי אַזוי. פון מיינעט וועגן קענט איר אפילו מאַכן זיס —

דאָס שווארצע „פּאַסאַלקעלע", וואָס איז געשטאַנען דערנעבן און האָט געהאָדעוועט דריי „מזיקים" מיט אַ מאָל, האָט אַ שפּריץ געטון מיט אַ געלעכטער אויפן גאַנצן צימער. די באַלעבאָסטע, אַ ביסל אָנגעברו־גזטע, האָט אַ שטעק־אָפּ געטון שלמהן דאָס לעפעלע:

— נאָט אייך, טוט וואָס איר ווילט...

און אַליין איז זי אַוועק אין קיך אַריין. זי איז שוין נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. פון די הינטערשטע צימערן האָבן זיך דערטראָגן אַזוינע קווויטשן, אַז די אויערן האָבן אַזש אָנגעהויבן וויי טון. זי איז געלאָפן און האָט געריידט צו זיך אַליין:

— שוין לאַנג שטיל געווען... שוין ווידער שידער־געלויף... דריי שלייערס אַ גראָשן... *

די עלטערע קינדער ביים טיש האָבן נאָר געלאַכט. זיי האָבן זיך גאָר נישט געקענט פאַרשטעלן, ווי אַזוי עס וואָלט אויסגעזען זייער שטוב אָן אָט די „הריגות"...

הירשל הייבט אָן בעטן שלמהן, אַז ער זאָל עפּעס זינגען, די איבע־ריקע בני־בית האַלטן אים אויך אונטער, נאָר שלמהן דאַרף מען דאָס מאָל שטאַרק נישט בעטן. עס זינגען איצט אין אים אומבאַקאַנטע מחנות פייגל. זייער געזאַנג רייסט זיך כוואַליעסווייז אַרויס אויף דער פריי, שטיקט אים אַליין מיט זייער התלהבות־פולן טעמפּ, מיט זייער אַלץ־וואַקסנדיקן פלאַם. דאָס פייער גיט זיך אינסטינקטיוו איבער צו אַלע ביים טיש. קיינער רירט זיך נישט צו צו דער טיי. אַלעמענס אויגן זענען צו־געשמידט צו שלמהס פּנים, צו שלמהס מויל, צו זיין געבענטשטן האַלדז. קיינער בעט אים נישט מער, ער אַליין צווינגט די מענטשן ביים טיש, די צניעותדיקע נאַכט אין פענצטער, אויסצוהערן, איינצוזאַפּן אין זיך די זיי־דענע טענער, די הימלישע קלאַנגען אָדער אָן מליצות — דאָס וואָס דער היי־יאָריקער מאַי האָט אין אים געבוירן, וואָס דאָס אַלשאַנער מיידל האָט אין אים דערוועקט. אַלע זיצן פאַרגאַפט, אין פוצה פה... דער פאָטער, אָט דער שטרענגער ר' נחמן ראַדיעצקי, וואָס קען אַ זון פון דריי און צוואַנ־ציק יאָר „אויספּאַטשן און אַרויסוואַרפן אין דרויסן אַרויס", האָט אַ

---

* געמיינט: מען רייסט זיך ביי די שלייערס.

חולשה צו נגינה און צו מוזיק. באַלד עפּעס וויינט ער. טאָמער עטוואָס „אַזוינס", נעמט עס אים אָן ביי דער נשמה און טרערן קייקלען זיך איבער זיינע מיידלשע בעקעלעך אין דער שיינער באָרד אריין. שלמה קוקט נישט אויף קיינעם, ער זינגט. צייטנווייז איז זיין קול פול מיט שמערצן, פול מיט ווייטיק, דורכגעווייקט מיט אַ האָפענונגסלאָזן בענקען. דאַן ווערן די אויגן פון די מסובים טרויעריק אַראָפּגעלאָזט, גיפטיקע שלענג פאַר־קלייבן זיך ביי זיי צום האַרצן און שיפּען דאָרט:

— וואָס דען האָט איר געמיינט? אַז ווי באַלד ווען, ווי באַלד מאַי, אַזוי רינט שוין דאָס גליק איבערן מויל? פּאַוואָליעטשקע... אָט הערט, הערט אָקאָרשט... זיך ליבנדיקע צעשיידן זיך, פּיינטלעכע באַגעגענען זיך. וואָס דען האָט איר געמיינט, האָניק מיט מילך? ראָזשינקעס מיט מאַנדלען? נאַראָנימלעך!... די דאָזיקע גוטע זאַכן זענען דאָ נאָר אין די ביכלעך און אין די וויגלידער, אָבער אין טאָג־טעגלעכן לעבן — אַ פייג!

נאָר אָט גייט שלמה איבער אויף אַ פריילעכן נוסח, איבער דער גאַנצער שטוב קלינגט אַ חסידיש נגונדל, די קעפּ הייבן זיך אויף, פאַר די אויגן, דאַכט זיך, טאַנצט די זון באַשאָטן מיט בלומען, אַ גליקלעכער בליאַסק גיט אַ פינקל ביי יעדן אין די אויגן און די פיס הייבן זיך צום טאַנץ. די פריערדיקע מרה־שחורה — ווי מיט דער האַנט צוגענומען. אַלץ לעבט, אַלץ אָטעמט מיט האָפענונג, מיט ווידער־אויפלעבונג, מיט רעכט אויף גליק... מיט כלות־הנפשדיקער השתוקקות למרומי־על, צום מקור המקורות...

ווען חברה האָט שלמהן צוגעפירט צו זיין שטוב, איז שוין דער שטיק הימל איבער דער קניאַגיניעס פּאַרק געווען העלער און ריינער פון־נעם איבעריקן הימל. פון ערגעץ ווייט־ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ הייזע־ריקער, נישט־דרייסטער קריי פון אַ האָן. אויפן וואָקזאַל האָט אומגע־דולדיק געסאַפּעט אַ לאָקאָמאָטיוו. אין דער פּאַרטאָגיקער שטילקייט האָבן זיך פון דאָרטן דערטראָגן צוויי קורצע מעשענע קלונג, און ווידער איז אַלץ פאַרזונקען אין אַ שלעפעריקער מנוחה. די שטערן, וואָס וואַכן איבער דער שול, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ „תיו". ערגעץ פון אַ צווייטן שטאָק האָט מען געהערט ווי אַ מוטער וויגט אַ קינד, און דאָס קינד רייסט זיך אויף קולי־קולות. מיט אַ מאָל האָט זיך פון ערגעץ גאָר נאָענט דערטראָגן אַ גרילצנדיקער קריי: קו־קו־רי־קו!... די קאַלאַוואַטור האָט נאָך געציטערט אין דער לופט, ווי עס האָט זיך דערהערט פון עטלעכע ערטער מיט אַ מאָל דאָס זעלבע געזאַנג. ערגעץ אין אַ דערבייאיק געסל האָט זיך מיט אַ טראַסק אויפגעפּראַלט אַ לאָדן. ערגעץ האָט אַ סקריפּע געטון אַ הינטערטיר. אויף דער גרויסער גאַס האָט עמעצער האַסטיק אַראָפּ־געלאָזט אין צעמענטירטן ברונעם אריין אַן עמער אויף דער גרילצנדיקער קייט.

עס האָט געשאַריעט אויף טאָג...

קאפיטל XXIV

עס זענען ווידער פאריבער עטלעכע טעג.

שלמה האט פארלוירן די גאנצע הנאה פון זיין דאטשע. ער האט אויפגעהערט צו עסן, אנגעוווירן דעם שלאף, דעם אינטערעס צו די שפאַצירן, צום פארק און צום וואלד. גאנצע טעג, נישט קוקנדיק אויפן שיינעם וועטער, פלעגט ער זיך וואלגערן אין בעט, אנהייבן פארשידענע ביכער און זיי נישט ענדיקן. שרייבן עפעס און באלד טאקע צערייסן. זיין איינציקער פארגעניגן איז געווען דאס פארברענגען די אויפדערנאכטיקע עטלעכע שעה ביי די ראדיעצקעס. דערווייל, עולם כמנהגו נוהג, דער זומער האט געמאַנט, וואס עס געהער צו אים. די יוגנט־תקופה, די וועסנע פונעם לעבן, איז קיין מאל נישט מוותר אויף איר געזעצלעכער „שארה כסותה ועונתה", * און זומערלעב איז דאך אליבא דכולי עלמא די עונה שבעונות... פלעגט טאקע יוכבד אין די אוונטן אממערסטן טייל נישט זיין אין שטוב, שפאצירן מיט די חברטעס אין שטאט אדער אין פארק. ארייַנקומענדיק צו די ראדיעצקעס און באמערקנדיק, אז „זי" איז נישטא, פלעגט זיך אים עפעס אפרייסן אינעווייניק פאר ווייטיק. ער פלעגט פאר יוצא זיין זיצן א ביסל און אוועקגיין. אומיסטן זיך שפעט פארזיצן און זיך דערווארטן אויף איר, האט ער נישט געוואלט, כדי עס זאל קיינעם חלילה קיין חשד נישט איינפאלן. ער פלעגט איינזאם ארומבלאנדזען איבער די שלאפנדיקע געסלעך, איינזאפן אין זיך דאס מידע כראפען פון די אָרעמע איינוווינער: קוסטארן, באלעגאלעס, קליינע אנגעשטעלטע. פון פארק פלעגט זיך דערטראגן היימישע, וואלוועלע מוזיק. די אלשאנער הימלען האבן זיך צניעותדיק געבאדן אין די פיר טייכן, זיך געטריקנט אויף די שפיצן ביימער, איינגעהילט זיך אין דורכזיכטיקן שלאפראק פון דעם האלב־נאכטיקן נעפל. שלמה דערזעט לעבן א גאניקל מיט איין טרעפ, א צעבראכענע ראד מיט ארויסשטארטשנדיקע ספיצעס. ער לאזט זיך שווער אראפ אויפן קלעצל. די ראד גיט זיך א קאטשע, נאר שלמה פארלירט נישט דעם גלייכגעוויכט און בלייבט זיצן. ער לייגט אריין דעם קאפ אין די דלאניעס, דריקט צונויף די שליפן און פרעגט ביי זיך אליין:

— וואס טוט זיך עס מיט דיר, שלמה?

אין זיין מידן מח הילכן אן אויפהער אט די געציילטע ווערטער און קיין ענטפער אויף זיי קומט אליין נישט. מיט א מאל פרעגט ער זיך:

— שלמה, פאר וואס גייסטו נישט אין פארק אריין? דארט קענסטו דאך „זי" אויך באגעגענען... וו דען האט זי צו זיין, אויב נישט דארט?

אויך די פראגע בלייבט אן אן ענטפער. שלמה באהאלט דאס פנים

---

* „שפייזן, קליידן, און פארווײלן". דריי זאכן וועלכע א מאן איז מחויב מן התורה צו געבן זיין ווייב.

נאָך טיפער אין די הענט און הערט זיך איין אין זיינע אייגענע געפילן, אין דעם שטורמישן געוויטער, וואָס ווילדעוועט דאָרט. מיט אָנגעגליטע צוואָנגען קלעמט דער יאוש זיין בלוטנדיק האַרץ. ער טראַכט פאַרביטערט:

— וואָס וועט ער איצט גיין אין פּאַרק אַריין? דאָרט איז איצט פּאַראַן די גאַנצע שטאָט. אין אַזאַ געוויררבל צו געפינען אַ מענטשן און נאָך אין דער פינצטער איז אַלץ איינס וואָס זוכן אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי. און נאָך וואָס זאָל ער זי אויפזוכן? כדי זייער גאַנצע שטוב זאָל שוין וויסן, אַז ער לויפט איר נאָך? זי קער אויף זיכער האָבן מיט זיך עמעצן פון די ברידער אָדער פון די שוועסטער. און אַזוי ווי קיין גרויסע נאַראָנים זענען זיי קיינס נישט, וועט מען זיך ביסלעכווייז אָנהייבן אָנ־שטויסן, וואָס אָט דאָס באַגעגענען באַטייט. עס וועט זיך אָנהייבן אַ געדע־דעריי, פריער כנהוג, אין דער שטיל, דערנאָך אין דער הויך. טאָמער איז אים נאָך ווייניק, וואָס זי אַליין פאַרשטייט דאָס שוין זייער גוט, פעלט אים נאָך, אַז מען זאָל נעמען רעדן דערפון בקול רם, צעליינגן דאָס אויף טע־לערלעך... נאָר דאָס פעלט אים נאָך...

און ער דערמאָנט זיך די אַלע קלאָגרייד, וואָס ר' נחמן ראַדיעצקי האָט היינט אין שול, צווישן רש"ים תפילין און רבינו־תמס, אויסגעגאָסן פאַר אים. עס קלינגט אים נאָך אין די אויערן יעדעס וואָרט באַזונדער:

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, שלמה? איך רעד מיט דיר ווי מיט אַן אמתן ידיד־נפש... גוטער ברודער, ס'איז שלעכט! ס'איז מיר אַזוי שלעכט, אַז דו קענסט עס גאָר נישט משיג זיין... דער בעל־דבר האָט זיך פאַרלייגט, ער ווענדט אָן קעגן מיר אַלע זיינע תכסיסי־מלחמה. ער וויל ביי מיר אויס־רייסן ממבחר הצאן, דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס איך פאַרמאָג. וואָס קען איך טון? אדרבה, זאָג דו, וואָס קען איך טון? איך קוק אויף איר און דאָס האַרץ פאַרלויפט מיר מיט בלוט. פונעם קינד איז געוואָרן אַש און פּאַרעך, נישט צו דערקענען. זי רעדט שוין נישט, זי טענהט שוין נישט, נאָר פון טאָג צו טאָג ווערט זי איינגעטרוקנט, אַזוי ווי אַ מענטש, וואָס פאַלט אַריין, נישט פאַר אונדז גערעכט, אין דער טשאַכאָטקע. מיין לאחקע שלאָפט דאָך מיט איר צוזאַמען, דערציילט זי אונדז, אַז יוכבד שלאָפט נישט דורך די נעכט, זי דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, קרעכצט, וויינט און קיין שלאָף קומט נישט אויף אירע אויגן. וואָס טוט מען, ברודער? ס'איז מיר שלעכט אַזוי, און שלעכט אַזוי. פאָרט זי יאָ, דאַרף איך זיך צעקלאַפּן דעם קאָפּ אין אַ שטיין, אשר טפחתי ורביתי אויבי כלם... * פאָרט זי נישט, זע איך, אַז דאָס קינד צאַנקט ווי אַ ליכט, ס'איז שוין גאָרנישט די יוכבד וואָס געווען... אַ שטענדיקע עצבות, אַ פינצטערע מרה־שחורה... פאַרקערט, מען הערט שוין נישט זי זאָל זיך שטאַרק גרייטן אין וועג אַריין, אָבער וואָס קומט מיר אַרויס?... גוואַלד, אם יש מכאוב כמכאובי... וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

---

* דאָס וואָס איך האָב דערצויגן און געמאָסטן, האָב מיין פיינט פאַרלענדט. אַ פסוק פון „איכה".

און נאָך דערמאָנט זיך שלמה, ווי אַזוי עס איז שוין עטלעכע טעג, אַז ער שטייט אויף באַגינען גלייך מיט בנימין בערעלעס. די בעלי־בתים ענט־פערט ער, אַז ער דאַרף עפּעס באַזאָרגן אויפן וואָקזאַל און אַליין כאַפּט ער זיך שטיל אַריין אין יענעם הינטערגעסל וואָס פירט צום דאָרף צו. דאָרטן, ווייסט ער, מוז יוכבד דורכגיין, ווען זי גייט נאָך מילך. קיין אַנדער וועג האָט זי נישט. ער פאַררוקט זיך ערגעץ הינטער אַ שטאַלעכל, הינטער אַן אַרומגעפליקטער סקירדע שטרוי, פאַר אַ ביינדל אָדער פאַר אַ שטיקל ברויט ווערט ער אַ חבר מיטן הונט, כדי ער זאָל אים לאָזן רואיק איינזיצן און ער וואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויף איר באַווייזן זיך. ער האָט דאַמאָלסט מורא זיך אַליין אַ פרעג צו טון: וואָס טוט ער דאָס? צי איז אַזאַ אופן פון שדכנען זיך אָנשטענדיק פאַר אים? אַ שטייגער, ווען פּאָלי זאָל אים דערזען אין אַזאַ פּאָזע, וואָלט זי דאָך זיכער געשפּיגן קלעק — און עס איז טאַקע דאָ פון וואָס אויך. און ווען מנשה זאָל אים דערזען? און ווען זיין דינה זאָל אים דערזען? און דער עיקר, וואָס לויי־ערט ער אויף איר ווי אַ חיה־טורפת אויף אַ לעמעלע? יענע איז נאָך אַן עופעלע, אַן אומשולדיק טייבעלע, אַ קינד... אַ ווערטעלע אויסצורעדן — מיט גאַנצע פינף יאָר יינגער פון אים...

און פּלוצלינג באַווייזט זיך דאָס „קינד" אַליין מיט אַן עמער אין דער האַנט. זיין גאַנצע פילאָזאָפיע איז ווי מיטן ווינט פאַרשוווּנדן. ער פילט, אַז עס ברענט אין אים אַ העליש פייער. איר גראַציעזע פיגור, דאָס נאָך פאַרשלאָפענע פרישע פּנימל, דאָס שפּאַנען אירס ווי אַ פּאַווע, ווי אַ קעניגין, ווי בירניקה החשמונאית. אָנגעטון איז זי ווייט לא לפי ערכה: פאַרצירעוועט, פאַרפרעסט — אַ באַהאַלטענער אָרעמאַן, אָבער מרגלית בכל מקום שהיא, אפילו מוטלת באשפה, מרגלית שמה. אָט שטופּט זי אָפּ מיטן פוס אַ שטעקלדיק טירל און פאַרשווינדט הינטער אַ שטרויענעם דאַך. פּונקט ווי אַ שטערן, ווען ער פאַרבלאָנדזעט משבילי־דרקיע אינעם חלל שבין השמים והארץ, לאָזט ער נאָך זיך איבער אַ סנאָפּ ליכט, אַזוי אויך — יוכבד... שלמה אין זיין באַהעלטעניש וואַרפט זיך אָפּ אויפן רוקן און מאַכט צו די אויגן. עס איז אים ענג אין דער ברוסט. ער איז אומגליקלעך פאַרליבט, פּונקט אַזוי גוט ווי אין כמעלניק צוריק מיט צען יאָר. אָט אַזוי ליגט ער האַלב זיצנדיק, ביז ער דערפילט אינסטינקטיוו: זי גייט... ער עפנט די אויגן: יאָ, זי גייט מיט דער מילך. ער גיט אַ וואָרף דעם הונט דאָס לעצטע שטיקל פונעם מיטגענומענעם ברויט, קריכט אַרויס פון זיין „לאָך", שלייכט זיך אַרויס פון דער צווייטער זייט הויף און קומט איר „צופעליק" אַן אַנטקעגן.

ווען יוכבד דערזעט אים פּלוצלינג לעבן זיך, גיט זיך די מילך אין עמער אַן אומרואיקן הוידע, מער גאָרנישט. ער באַגריסט זי און פרעגט פאַרוואונדערט:

— אַזש אַהער גייט איר נאָך מילך?

— עס איז דען אַזוי ווייט?

— מיר דאַכט, אַז יאָ.

— און ביי מיר זיך צוכאַפּן אהער איז עלעהיי אין דער צווייטער שטוב אַריין. דאָס איז אַ פּנים דערפֿאַר, ווייל איך בין שוין געוווינט.
— פֿאַר וואָס נעמט איר נישט בעסער ביי קיין יידן? דאַכט זיך, אין יעדער זיבעטער שטוב איז דאָ אַ קו.
— ווייל ביי יידן מישט מען צו וואַסער צו דער מילך.
— און מיט וואָס זענט איר גאַראַנטירט ביים גוי?
— ביים גוי מעלקט מען פֿאַר מיינע אויגן און טאַקע אין מיין עמער אַריין.
— קענט איר דאָך דאָס זעלבע פֿאָדערן אויך ביים יידן?
— ביים גוי איז דאָ אַ תירוץ — כשרות, ביים יידן אָבער איז דער דאָזיקער תירוץ נישטאָ, וואָס דען, ווייזן יענעם, אַז מען איז אים חושד, דאָס הייסט: זאָגן יענעם גנב? איז דאָס נישט זייער באַטעמט...
— מהם... זענט איר גערעכט.
— און ווי אַזוי קומט איר אַהער אין אַזאַ פֿריער שעה?
— דאָס איז מיינע אַ שוואַכקייט, קאַיאָר שפּאַצירן אין דאָרף, זען מיט די אייגענע אויגן, ווי אַלץ וואַכט אויף קעגן אָנקומענדיקן טאָג.
— פֿאַר וואָס זשע עפּעס אין אַזאַ פֿאַררוקט געסל?
— פֿאַר איינוועגס טרינק איך דאָ מילך גלייך פֿון אונטער דער קו.
— קענט איר דאָך דאָס טון ביי אונדזער גויע טאַקע, עס בלייבט ביי איר נאָך מילך גענוג. זי לייזט נישט טייער און די מילך אירע איז ערשטקלאַסיקע, ממש סמעטענע!
— אַ דאַנק, איך טו דאָס שוין אָבער אין יענעם הויף, וווּ דער הונט שטייט און קוקט אויף אונדז.
— דאַכט זיך, גייענדיק אַהער, האָב איך באַמערקט, ווי מען האָט שוין פֿון יענעם הויף אַרויסגעטריבן די קו אין פֿעלד אַריין. עס האָט זיך מיר אַ פּנים אויסגעדאַכט...
— ניין, עס האָט זיך אייך נישט אויסגעדאַכט, נאָר איך האָב מיך פֿאַרשמועסט מיטן באַלעבאָס...
— אָבי אונדזערע קינדער מיינען, אַז נאַטאַלקע איז אַן אלמנה —
— איר זענט גערעכט, נאַטאַלקע איז טאַקע אַן אלמנה, ס'איז מיט איר שכן גאָר האָב איך זיך פֿאַרשמועסט, נישט מיט איר מאַן. אודאי איז זי אַן אלמנה...
— האַ? מיט איר שכן? דאָס קען זיין...
ער שטייט אַ פֿאַרלוירענער ביז גאָר; ער זעט גוט, וואָס פֿאַר אַ חוזקדיק שמייכעלע זי באַהאַלט אונטער די זוניקע וויעס; ער פֿאַרשטייט, אַז זי פֿאַרשטייט, אַז קיין איין אמתדיק וואָרט איז נישטאָ אין זיין אויסגעטראַכטער מעשה מיט דער מילך... אַך! ביי יוכבדן אין די אויגן זאָל ער אויסזען אַזוי נאַריש, אַזוי נאַריש...
יוכבד האָט אויף זיין געזיכט שוין מן־הסתם איבערגעלייענט וואָס ער טראַכט, זי גיט אַ רייצנדיקן שמייכל און רופֿט זיך אָן:

— נו, איך וועל גיין. מען דאַרף נאָך די מילך אויפקאָכן ביזן טאַטנס קומען פון שול. אַ גוטן!

— גייט געזונט.

איר ווייס געשניצט הענטל, וואָס דערמאָנט אַזוי שטאַרק אין אַ צייַ־טיק הענגל ווייַנטרויבן, וואָס וואַרט געדולדיק אויף דער שער פונעם גערטנער, הייבט לייכט אויף דעם עמער מילך און זי שוועבט לייכט אָפּ פון אים אַ שלאַנקע, אַ שטאָלצע, אַ ווייטע, אַ נישט־צוטריטלעכע. אַך, מה גדולים דברי חכמים: נשים עם בפני עצמן הן! אַנו דאָס מיידל זאָל זיך דאָס איין מאָל אומקוקן אויף אים, כאָטש איין מאָל לפנים. ווו? ווער? זי האָט אים שטאַרק אין זינען. ס'איז נאָך אַזוי אויך מיט חסד, וואָס זי באַגריסט זיך מיט אים... וואָס דען, אַזוי טוט מען ווי ער אין יענעם אָוונט? אַ פרעמד מיידל און נאָך פון אַזאַ שטרענג־פרומער שטוב נעמט מען אָן אַזוי פרעך ביי דער האַנט, און נאָך אין דער פינצטער, און נאָך ביי די מוסקולן... וועלכער ליטישער מענטש נעמט עס גאָר אָן אַ מיידל ביי די מוסקולן? אַ שטייגער, ווען זיין דינהן זאָל אַ פרעמד יינגל פלוצלינג אָננעמען ביי די מוסקולן, וואָלט ער דען נישט געכאַפּט מיט דער פרייער האַנט קיין פאַרפאַר אין די ציין אריין? אָ־אָ, נאָך אַ מין פאַרפאַר! נאָר יוכבד איז פּשוט אַ ליטיש קינד, און אַ קליינשטעטלדיקע, זי האָט נישט אין זיך די דרייסטקייט, וואָס אַ גרויסשטאָטיש מיידל, און דערצו לייגט זי כבוד אויף אים, צוליב איר פאָטער. אָט דאָס איז דאָס. אָבער מיט וועלכע רעכט וויל ער, זי זאָל זיך גאָר אומקוקן אויף אים? צו וואָס פעלט עס איר? וואָס אַזוינס האָט זי דאַרט נישט געזען?

אויף מאָרגן האָט ער זיך ווידער באַהאַלטן אין קעגנאיבערדיקן הויף, נאָר איר אָקעגן איז ער שוין נישט אַרויסגעגאַנגען. ער האָט זי מיט די אויגן באַגלייט אַהין און צוריק, אָבער זי ווידער באַגעגענען און צו־טראַכטן פרישע שקרים, — האָט ער שוין נישט געפונען קיין מוט אין זיך. היינט, וואָס זשע וועט ער אַצינד גיין זי אויפזוכן אין פּאַרק?

ער נעמט אַרום דעם קאָפּ פון די דלאָניעס, די ראָד גייט זיך ווידער אַ נויג אויף אַ זייט, נאָר שלמה פאַרכאַפּט זיך פאַר אַ ספּיצע און פאַלט נישט אַראָפּ. אַרום און אַרום אים איז טויטשטיל. אויס פּאַרק, אויס וואַק־זאַל, אַלץ רוט זיך אָפּ, ער איינער שלעפּט זיך אַרום גאַנצע נעכט ווי אַ לונאַטיק... ער פאַרקאַטשעט דעם אַרבל און דערמאָנט זיך, אַז דאָס זייגערל איז נעכטן קאַליע געוואָרן און ליגט אין טשעמאָדאַן. אַ צעבראָכענער פון דעם זיצן אויף דער ראָד, אָן אויסגעמאַרכעוועטער פון זיינע נישט־גע־ענטפערטע געפילן צו יוכבדן, אַ שווער אָנגעלאָדענער מיט אויסגעלאָשע־נע האָפענונגען, מיט צערינענע אויסזיכטן, פאַרשלעפּט ער זיך אַהיים. אויף די שפּיץ פינגער גייט ער דורך דעם זאַל, וווּ דאָס עלטערע פּאָרפאָלק שלאָפט. ער מאַכט צו הינטער זיך דאָס טירל פון זיין אַלקער, וואַרפט אַראָפּ פון זיך דאָס אָנטון און ערשט דערפילנדיק דאָס קילקייט פון דעם ווייסן ליילעך, גראָבט שלמה איין דאָס פּנים אין קישן און צעוויינט זיך ווי אַ קליין קינד.

קאפיטל XXV

די טעג זענען לאנגזאם געקראכן, ענלעכע איינער אויפן אנדערן ווי צוויי טראפן וואסער.

אין איינעם פון די וואכעדיקע אוונטן, ווען צופעליק זענען אלע בני־בית ביי די ראדיעצקים געווען אין שטוב, האט זיי שלמה בדרך־אגב געזאגט, אז מארגן פארט ער אוועק אויף א פאר וואכן קיין קיעוו. מיט א ווינקל אויג כאפט ער א קוק אין יוכבדס ווינקל — זי זאל זיך עס אפילו אנהייבן צו קימערן. לכתחילה האט זי אויף אים דווקא יא פארוואונדערט א קוק געטון, אבער נאר איין אויגנבליק און באלד ווידער גלייכגילטיק געוואשן די גלעזער. א געשעפט האט זי מיט אים. אבי ער האט געמיינט, אפשר איז זי אויך אזא משוגענע ווי ער...

זיך געזעגנט מיט אלעמען, איז ער אין יענעם אויפדערנאכט פרי אוועק צו זיך. אויף צו מארגנס איז ער מיטן ערשטן צוג אפגעפארן אהיים, זיך א ביסל אויסרוען נאך דער „דאטשע".

אויף סאלאמינקע איז ער שוין געווען אן אנגעלייגטער גאסט. מען האט זיך שוין פארבענקט נאך אים. אויך אים, נאך זיינע פרישע איבער־לעבענישן, האט ווארעם א גלעט געטון ביי דער נשמה די הארציקע אויפ־נאמע פון די עלטערן, פון די קינדער. דעם ערשטן טאג נאך זיין קומען, איז ער אין ערגעץ נישט געגאנגען. אפילו געדאווענט אויך אין שטוב. ער האט מיט אלע איינצלהייטן דערציילט די עלטערן וועגן דער פרעכטיקייט פון אלשאנער פארק; באמאלט דאס שיינקייט פון דעם שטעטעלע; נישט פארגעסן צו דערמאנען וואס פאר א פעטע מילך מען קריגט דארט און ווי ביליק דארט זענען עופות.

דער זיידע שלום גיט א פרעג:

— נו, און וואס פאר א שטוב איז ביי דעם יידן, וואס זאגט א שיעור בין מנחה למעריב?

— א יידישע שטוב.

— נו, און ווי אזוי די קינדער, נאך אויך יידישע? האבן נאך אין זיך עפעס א „נותן־טעם"?

— הם... ניש—קשה.

— קענן וואס הייסט עס, פרעג איך דיך, מחמת דער איצי האט אים אזוי מפליא געווען —

— ווייס איך, איר קענט נאך נישט איצי גאסינסקים גוזמאות? נאר גארנישט, בפירוש א גאנץ פיינע שטוב. אין קליינעם שטעטל האלט זיך עס נאך ווי עס איז.

אויף מארגן האט שלמה באזוכט איסאק אבראמאוויטשן און יענער האט זיך מיט אים גאר דערפרייט. די גאנצע צייט פון שלמהס אפוועזנהייט איז דער טארגסין געשטאנען ליידיק. אין די „הויכע ספערן" איז עפעס קאליע געווארן א פרושינקעלע און דער טארגסין האט אנגעווירן זיין

אַמאָליקע חשיבות. אָבער גראָד אין יענעם אינדערפרי איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון מאָסקווע, אַז מען האָט אָפּגעשיקט מעל, לעדערוואַרג און מאַנופאַקטור, פונקט אַזוי פיל וויפל עס איז נאָך ארויסגעקומען דעם קיעווער טאַרגסין לויטן פּלאַן פאַר דעם צווייטן קוואַרטאַל. דאָס האָט געשמעקט מיט אַ גראָבן פאַרדינסטל, סיי פאַר די בעלי־בתים, סיי פאַר דעם קונה. גאָר־גאָר מיט אַ גראָבער מטבע. נאָר מען האָט געדאַרפט אין משך פון צוויי טעג אַריינטראָגן אין באַנק אַריין אויפן חשבון פון אָט די דעפּי־ציטנע מינים סחורה 8,500 דאָלאַר.

פונקט ווי צוריק מיט צוויי יאָר, — ווען שלמה איז נאָך געווען אַ גר אין טאָרגסין און נישט פאַרמאָגנדיק קיין איין אייגענעם דאָלאַר, האָט ער זיך אונטערגענומען אַריינטראָגן אַן אוואַנס פון דריטהאַלבן טויזנט דאָלאַר — אַזוי האָט ער אויך איצט זיך אונטערגענומען דורכצופירן אָט די ריזיקע אָפּעראַציע. ער האָט אויסגעמאָסטן די שטאָט לאָרכה ולרחבה, אַרומגענישטערט אין אַלע מייזנלעכער: דאָ האָט מען אים סתם געליגן לשם מצוה, דאָרט האָט ער געמוזט באַצאָלן. מענטשן זענען געווען אויף די דאַטשעס, נאָר שלמה האָט זיי אויך דאָרט אויפגעזוכט און ריכטיק צום טערמין איז אָט די גוואַלדיקע סומע געווען צונויפגעשטעלט און געפּי־לוקט. די וואַגאָנען מיט די סחורות האָט מען שוין לכתחילה אָפּגעפירט אין אַ ווייטן טופּיק פון קיעווער פּראַכט־סטאַנציעס. דאָרטן טאַקע, אונ־טער שלמהס און איסאַק אַבראַמאָוויטשעס אויפזיכט, איז אָפּגעסאָרטירט געוואָרן, וואָס צו פאַרפירן אין די מאַגאַזינען און וואָס — לויט די צוגע־גרייטע אַדרעסן, וואָס שלמה האָט אויפגעגעבן. אין משך פון פיר, פינף טעג איז אַלץ געווען רעאַליזירט.ביידע צדדים זענען געווען העכסט צו־פרידן. לכבוד דער געלונגענער אָפּעראַציע איז שלמה מיט די עלטערן צו־געפאָרן מיט אַ וויזיט צו איסאַק אַבראַמאָוויטשן קיין פּושטשע־וואָדיצע. דאָרט האָבן זיי זייער פריילעך פאַרבראַכט דעם אָוונט און זענען צוליב דער שפּעטער שעה — איבערגעבליבן נעכטיקן.

שבת צו נאַכטס, פאַרברייענדיק ביי די פייגנבוימס, ווען דער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו צעגיין, האָט שלמה זיי געמאָלדן, אַז ווייל ער איז אַ גאַסט אין קיעוו, איז ער מכבד די גאַנצע חברה מיט בילעטן אויף מאָרגן אין דער אוקראַינישער דראַמע. מען לויבט שטאַרק די נייע פּיעסע פון דעם לענינגראַדער רעאַליסטישן טעאַטער, וועלכער גאַסטראָ־לירט איצט אין קיעוו.

די מיטלסטע טיילן פון די ערשטע זעקס בענק אין פּאַרטער זענען אין גאַנצן געווען פאַרנומען מיט „פאַנטאָפּלצעס" און מיט זייערע חברים. אַרום פּערציק ערטער האָט שלמה אַליין געקויפט, די איבעריקע חברים האָבן זיך שוין ווי עס איז איינגעאָרדנט אין שכנות מיט זיי. עס איז געווען זייער פריילעך, די חברה האָט אויסגעקויפט אַ „האַלבן בופעט", מען האָט גע־שפּאַסט פון וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, זיך געוויצלט איבער די „אויס־געסטראָצלטע האַפקעס", וואָס האָבן אויסגעזען ווי אינדיקעס אין אַ שטייג,

פון די „אָנגעקראַכמאַליעטע קעלנער", וואָס יעדער פון זיי האָט אויסגעזען ווי אַ האָן, ווען מען נעמט אים פאַרן גאָרגל און מען זאָגט: „זה התרנגול ילך למיתה"... מיט איין וואָרט, ס'איז געווען ששון ושמחה, נאָר דער הויפּט־מחותן אַליין, איז עפּעס געזעסן ווי אויף אַ פרעמדער פור. וויפל זיין דינה, משה פרידמאַן און דינה כאַדאַראָוו, טאַני און יוסף גאָרדאָן זענען אים נישט דערגאַנגען די יאָרן: פאַר וואָס זיצט ער עפּעס „אַזוי"? וואָס איז דאָס מיט אים, וואָס אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק האָט ער אַ פריש אָנפאַלעניש? אַ שפּאָגל־נייע כאַנדראַ? אין דער אמתן האָט ער אַליין אויך נישט געוווסט, וואָס מיט אים טוט זיך. פון דער לכתחילה איז דאַכט זיך אַלץ געגאַנגען כשורה, נאָר פּלוצלינג איז אויף אים אָנגעפאַלן אַזאַ שרעקלעכע בענקעניש נאָך אַלשאַנע, נאָך בנימין בערעלעס, נאָך דער סוקעוואַטער אָסינע וואָס אין וועלדל ביים ברעג, נאָך אהרלען און נאָך יוכבדן, אַז אַלץ האָט פאַרלוירן דעם טעם: סיי די חברים, סיי די פּיעסע. עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַ שמערצלעכער קראַמף, אין האַלדז האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אַזאַ געפערלעכע ספּאַזמע, אַז ער האָט זיך אַליין צוגע־האַלטן פאַר די הענט. ער האָט מורא געהאַט, אַז אָט־אָט רייסט ער אָפּ זיין שטול פון דער פּאָדלאָגע און צעברעכט זי אויף פּיץ־פּיצלעך פאַר אומבאַ־האָלפנקייט. אויך אויף צוריקוועגס פונעם טעאַטער האָט אים די ספּאַזמע נישט אָפּגעלאָזט. ווען ער שעמט זיך נישט פאַר די אַלשאַנער באַקאַנטע און פאַר די קיעווער, וואָלט ער גלייך פונעם טעאַטער, מיטן ערשטן צוג, אָפּגעפאָרן „אהין" אַ קוק טון, צי אַלץ איז בשלום, צי יוכבד איז געזונט — און טאַקע באַלד וואָלט ער צוריקגעקומען...

נאָר נישט אַזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. אין ערגעץ איז ער לעת־עתה נישט געפאָרן. ער איז געבליבן זיצן אין דער היים און האָט געטרוקנט פון טאָג צו טאָג, ווי פון אַ אינערלעכן פייער, ווי איינער וואָס האָט די טשאַכאָטקע. די עלטערן האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַז שלמה זעט איצט אויס ערגער ווי פאַר דער דאַטשע, און האָבן אויפגעהויבן אויף אים אַ גוואַלד:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש מיט דעם בחור? וואָס פאַר אַ דאַטשע איז דאָס, וואָס? אויב עס האָט דיר עפּעס אויסגעפעלט, שרייבט מען אָן אָדער מען קלינגט אָן, אָדער — אַן עק! מען טעלעגראַפירט גאָר. וואָלט עמעצער דיר אַלץ צוגעפירט אהין, וואָס דען? וואָס פאַר אַ צו גאַסט קומען אין מיטן דערינען? דו האָסט שפּילקעס אין „מחילה"? קענסט נישט איינזיצן אויף איין אָרט? אָט דאָס הייסט אַ קוראָרטניק?

שלמה האָט אויסגעהערט אָט די אַלע טענות און געפילט אין זיי אַזאַ טעם, ווי מען זאָל אים שמירן מיט בוימל דאָס לייב. ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער אַרומגעכאַפּט זיינע עלטערן און זיי אַזוי געקושט... אַזוי געקושט... נאָר ווי נעמט מען דאָס עפּעס פּלוצעם אין מיטן מיטוואָך — שבת צו נאַכטס, און מען כאַפּט גאָר אַרום קושן?

פאַר אַ פּאָר טעג צייט האָט שלמה איבערגעביטן די ביכער, און באַ־

זאָרגט אַלע איבעריקע קלייניקייטן, וואָס האָבן אים דאָרט אויסגעפּעלט, און צען א זייגער אין דער פרי, אויפן פופצנטן טאָג פון זיין קומען צו גאַסט, איז ער אָפּגעפאָרן צוריק קיין אַלשאַנאַ. די נשמה איז אים שיר נישט אַרויסגעשפּרונגען פאר פרייד, פּונקט ווי דאָס זאָל ער פאָרן פון דער פרעמד אַהיים און נישט פאַרקערט. ער האָט זיך אָפּגעקערט אין א ווינ־קעלע, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן, און האָט צוגעפרעסט צו די ליפּן דאָס שטיקעלע אָרט אויפן בילעט, וווּ עס איז געווען אָנגעשריבן דאָס וואָרט „אַלשאַנאַ”. ער האָט זיך אָבער גלייך פאַרשעמט פאר זיך אַליין. וואָס קושט ער דאָ — א שטיקל קאַרטאָן? און בכלל: לשמחה מה זו עושה? ער האָט באַהאַלטן דעם בילעט און איז אַרויסגעגאַנגען אויפן טאַמבור. די ליבהאַרציקע אוקראַינער תבואה־פעלדער האָבן געשיינט ווי א כלה צום באַדעקנס. דער הימל האָט זיך גערייצט מיט זיי: ווער איז גרינער? די ווייטע דערפלעך זענען געווען איינגעטונקען אין גרינעם, נאָר די ווײַ־סע קוימענס האָבן אויסגעזאָגט פונעם סוד, אַז דאָרט האָט זיך פאַרטאַיעט א ישוב, און האָט חשק ביז נאָכן „שניט” צו פאַרבלייבן אומבאַמערקט. שלמהן איז אָט דער פּייזאַזש געווען גוט באַקאַנט און טיף איינגעבאַקן אין הארצן. ער איז געווען געניט אין דער פעלד־באַלעבאַטישקייט ווי אַן אַלטער „בעל־תפילה” אין „מחזור”. אָט זעט ער די טשערעדעס, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער „טאָלעקע” * און ער קען, דאַכט זיך, טרעפן, וואָס אויף די פעלדער איז געוואַקסן, איידער מען האָט זיי „אָפּ־געשטעלט”. אָט זעט ער זיך שפּילן דריי לאָשעקלעך און ער קען, דאַכט זיך טרעפן ביז צום חודש, וויפל יעדעס פון זיי איז אַלט. די תבואה אַליין איז שוין גאָר געווען אויף א דרך. די ווייץ „האָט זיך ערשט גע־שטעלט אויף די פיס”. דאָס קאָרן איז שוין געווען די הייך פון א בר־מצוה ייִנגל, קאַרטאָפל האָבן געבליט, דער גערשטן איז ערשט געווען ווי א קאָץ די הייך. די זון האָט געבאַקן אומברחמנותדיק, נאָר שלמה האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך היינט וועט ער זיך באָדן אין דעם אייבערשטן טייכל און פון דאָרט זיך אַראָפּלאָזן אין צווייטן און דאַן אין דריטן און אין פערטן. פון דעם געדאַנק אַליין ווערט אים שוין קיל און ער פילט נישט די היץ.

דאָס גאַנצע בלוט האָט אים א שלאָג געטון אין פנים אַריין, ווען אָקעגן דעם צוג האָט זיך אָנגעהויבן יאָגן אַלשאַנער וואָקזאַלכל. עפּעס ענלעכס אויף א וואַרעמען קאָמפּרעס האָט אים פאַרשטעלט די אויגן. אַראָפּגייענדיק פונעם צוג, האָט זיך אים געוואָלט א קוש טון די ביימער, די ווענט פון וואָקזאַל, דעם נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע מיטן רויטן היטל. אַלץ, אַלץ וואָס האָט א שייכות מיט אַלשאַנאַ, מיט יוכבדן...

ווי נאָר ער האָט אָפּגעטראָגן זיין טשעמאָדאַן צו בנימין בערעלעס, און אָפּגעגעבן דער פאַרווונדערטער פראַדלען די רייכע מתנות, וואָס ער

* פעלדער וואָס זענען אויסגעמאַרכעוועט פון אַ סך זריעות נאָך אַנאַנד און מען לאָזט זיי צו רו אויף אַ יאָר־צוויי.

האָט איינגעקויפט פאַר זייערט וועגן, איז ער אין איין אָטעם אוועק צו די ראַדיעצקעס. עס איז געווען דאַמאָלסט די בייטאָגיקע שעה. אינעם זאַמד־הינטער דער שטוב האָבן זיך געשפּילט עטלעכע קליינע ראַדיעצקעלעך, וועלכע ער האָט אפילו ביי די נעמען נישט געקענט. ער האָט זיי צעטיילט אַ שקאַרמוצל קאָנפעקטן, זיי גוט אָנגעדרייט ביי די אויערן און איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין. אין דעם גרויסן לאַבירינט מיט צימערן איז געווען נאָר איין לאהקע. דאָס מיידעלע מיט די שוואַרצע, געקרייזלטע לעקעלעך און מיטן נעזל ווי אַ פּאַסאָלקע. דער פּאַטער האָט זיך נאָך מיטאָג צוגעשפּאַרט כאַפּן אַ דרימל, די מוטער איז געווען אין קלייט און די קינדער ערגעץ איבער דער שטאָט, איבער די סעדער.

דערזען שלמהן, האָט זיך דאָס „פּאַסאָלקעלע" אַ לאָז געטון צו אים:

— אָ, ר' שלמה! שלום עליכם, ר' שלמה! ווו זענט איר געווען אַזוי לאַנג, ר' שלמה?

— ש־שאַ... ר' שלמה... ר' שלמה... און אַז ר' שלמה, איז מה רעש?

— כ'ווייס נישט מה רעש, נאָר אַלע האָבן שוין אפשר הונדערט מאָל איבערגערעדט, פאַר וואָס איר קומט נישט אַזוי לאַנג...

— ווער, למשל, הייסט ביי דיר אַלע, קורנאָסינקע?

— אַלע!... כ'ווייס ווער? ווער נישט? דער טאַטע, דער שוחט, דער שמש, כ'ווייס ווער נאָך? אהרל, יוכבד —

ביים נאָמען יוכבד האָט זיך אין שלמהן דאָס האַרץ אָנגענעם אַ וואָרף געטון. פאַר דער בשורה, אַז יוכבד האָט געפרעגט אויף אים, האָט ער אָנגעשאָטן דער שוואַרצינקער, אַ פולע זשמעניע מיט שאָקאָלאַדנע קאָנפעקטן, נישט געלאָזט, זי זאָל אויפוועקן דעם טאַטן, און איז אוועק זיך אויסבאָדן פונעם וועג. אומקערנדיק זיך צו זיך אין צימער, האָט ער זיך איבערגעטון אין דעם נייעם אַנצוג, וואָס ער האָט זיך אַ גרייטן געקויפט אין טאָרגסין, און איז צוגעגאַנגען טרינקען אַ פאַר־מנחהדיקע גלאָז טיי ביי די ראַדיעצקים. דאָס מאָל האָט ער שוין געטראָפן אין שטוב די מוטער מיט עטלעכע קינדער און אויך יוכבדן. ר' נחמן איז ווי אַלע פאַר־נאַכט געווען אויף דער פּאָסט.

אַלע האָבן אים זייער וואַרעם אויפגענומען, ממש ווי אַן אייגענעם, ווי אַן עלטערן ברודער. מען האָט דערלאַנגט טיי, געשמועסט פון שטאָט־נייעס, פון פּאָליטיק. אין אַ מינוט, ווען קיינער האָט נישט געקענט באַמערקן, האָט יוכבד זיך אויסגעדרייט צו שלמהן מיט אַ זייטל, זיך צוגע־בויגן ווי ווייט מעגלעך נעענטער און שטיל געפרעגט:

— פאַר וואָס האָט איר זיך אַזוי לאַנג געזאַמט אין קיעוו?

שלמה האָט נאָך שטילער געענטפערט:

— ווייל איך האָב געוווּסט, אַז קיינעם וועל איך דאָ נישט פעלן... און ווידער, איר פאַרגעסט, אַז דאָרט איז מיין היים...

— אַ־האַ, ריכטיק. טאַקע אַ נאַרישע פראַגע געווען...

שלמה וואָלט דאַכט זיך געמעגט שווערן, אַז ביי איר „אַ־האַ" האָבן אירע גרויסע, שיינע אויגן וואַסערדיק אַ גלאַנץ געטון...

קאפיטל XXVI

גייענדיק פון מעריב האָט שלמהן באַגלייט אַ „קאַנוואָי״ פון אַ זעקס, זיבן יונגע ראַדיעצקעס. ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי זיין היים, האָט גע־נומען עפּעס אַ פּעקעלע און איז צוזאַמען מיט זיין סוויטע אַוועק צו די ראַדיעצקעס. ווען אַלע זענען געזעסן ביים לאַנגן טיש, האָט שלמה צע־פּאַקט די מתנה פון דער גרויסער שטאָט: אַ צענדליק פרישע אונגערקע־לעך אויף אַ „שהחיינו״, אַ האַלב צענדליק פרישע, שמעקנדיקע מאַראַנצן ערשטער סאָרט, אַ קילאָגראַם פיסטאַשקעס, נים און שאָקאָלאַד. צעלייגט אָט דעם גאַנצן משלוח־מנות אויפן טיש, האָט ער געבעטן אַלעמען, זיך נישט לאָזן בעטן און פאַרזוכן.

די מוטער האָט אַ בורטשע געטון:

— דו, ביי אונדז, ווילסט נישט טועם זיין אפילו כי הוא זה, און אַליין ברענגסטו נאַשערייען און מתנות גאַנצע פּעק, וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט, האַ?

— מאַדאַם סאָסי! ערשטנס, איז דאָס אַ שטיקל בלבול אויף מיר: וואָס זאָגט איר עפּעס „גאָרנישט״? און טיי? און הירזשענע קאַשע וואָס מען מעג זי שטעלן אפילו פאַרן קיסר, איז אַ הונט? והשנית, אויב דאָס איז אפילו טיילווייז יאָ אמת, פון וואַנען זשע ווייסט איר, אַז איך האָב פאַר דער לעצטער צייט דערויף קיין תשובה נישט געטון? נאָר וואָס איר זאָגט אַ מתנה, ווילט איר מיך סתם באַליידיקן. איך האָב פּשוט נאָר גע־בראַכט אַזוינס, וואָס דאָ קריגט מען עס נישט פאַר קיין שום געלט. זעט איר, פאַר אייערע חברה־לייט האָב איך יאָ געבראַכט אַ שטיקל מתנה אָדער, אויב איר ווילט, איז עס אויך נישט קיין מתנה, נאָר עפּעס אַ מין סורפּריז.

אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו שלמהן:

— זאָג... זאָג וואָס... וואָס פאַר אַ סורפּריז? וואָס האָסטו געבראַכט?

— שאַט, טרעט אָפּ אַ ביסל, איר וועט מיך דאָך אַזוי צעקוועטשן. מען קען אויף אַן אמת מיינען מי יודע וואָס. כ׳האָב פון דער היים גע־בראַכט מיט זיך מיין פידל, און איר האָט שוין אודאי געמיינט — פויגל־מילך.

— הוראַ! הוררראַ!...

פינף אייזערנע פּאָר ידים האָבן שלמהן אַ כאַפּ געטון פאַר די הענט און פאַר די פיס און אים עטלעכע מאָל אונטערגעוואָרפן אין דער לופטן. ווען מען האָט אים אַ צעקנייטשטן, אַ פאַררויטלטן ענדלעך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע, איז שוין אהרל אין שטוב נישט געווען. עס האָט נישט געדויערט קיין פופצן מינוט, ווי אהרל האָט מיט גרויס רעספּעקט אַריינ־געטראָגן אַ היפּשן פּוטליאַר מיט ניקעלנע דריי שלעסער, וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון קאַווע מיט מילך, און האָט אים אונטערגעטראָגן שלמהן. עס איז געווען פאַרפאַלן, ער האָט זיך אַליין אויסגעגעבן און האָט שוין

געמוזט עפּעס שפּילן. דערצו האָט ער טאַקע אַליין אויך געוואָלט, אַז יוכבד זאָל אים הערן שפּילן אויף זיין אייגענעם אינסטרומענט.

— נו, ר׳ נחמן, קלייבט אויס, וואָס ווילט איר זאָל איך אייך שפּילן?

— איך ווייס נישט פון וואָס צו קלייבן. וואָס דו פאַרשטייסט אַליין, דאָס זינג, איך מיין שפּיל. וואָס ווייס איך, וואָס?

— אייך שפּילן ניסי בעלזוערס „ונתנה תוקף״?

— וואָס פאַלט דיר איין? ביי נאַכט מעורר דינים זיין?

— אויב אַזוי, וועל איך אייך זינגען „על נהרות בבל״ פון דעם ווילנער „בעל־הביתל״. איר האָט געהערט אַ מאָל פון אַזאַ מענטשן?

— דאַכט זיך, אַז ניין. ווער איז ער אַזעלכער געווען?

— ער איז געווען אַ גרויסער יידישער בעל־מנגן, נאָר ער האָט געהאַט אַ שוואַרצן סוף, לא עלינו... והשנית, וועל איך אייך שפּילן אַ שיינעם „פריילעכס״...

— אָט דאָס פאַרשטיי איך... עבדו את ד׳ בשמחה...

— וואָס זשע האָט איר זיך אָפּגעשטעלט? דערזאָגט שוין דעם צווייטן האַלבן פסוק, דאָרט האָט איר שוין אַ רמז אויך אויף „ונתנה תוקף״... נאָר מילא, ניין איז ניין. און די דריטע זאַך וועל איך שוין זינגען אַ רוסישע, יעסענינס אַ ליד «Письмо к матери». * און דעם ענטפער אויף אים. איצט לאָזט מיך נאָר אָנקאַניפאַליען דעם סמיטשיק. איך האָב אויפן פידל שוין נישט געשפּילט, ווייסט איר פון ווען? אַ! שוין פון לאַנג, לאַנג! פון פאַר אַ יאָרן חמשה־עשר באַב אָן. נו, איצט זעצט אייך אויס און פאַרבייסט דערווייל. קיין טאַנץ גייט נישט פאַר קיין עסן...

פּאַרכטיק און שטיל ווי צו אַ מין תפילה־זכה האָבן זיך אָפּגערוקט פּאַרהענגלעך, געעפנט פענצטער, און עס האָבן זיך אַריבערגעבויגן און אויף משקולות זיך אַרויסגעהאַנגען געשטאַלטן פון האַלב־נאַקעטע מענער און פרויען. קיינער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פון וואַנען האָט זיך עס גענומען אַ סאָלאָוויי אויף דעם געסל אַרום האַלבער נאַכט? ר׳ נחמן האָט געווישט אַ טרער נאָך אַ טרער. דער „על נהרות בבל״ האָט אים דערלאַנגט ביזן סאַמע ביין. ביי דעם פריילעכס האָט ער אַ קוק געטון אויף זיין סאָסין, זי אויף אים, און ביידע האָבן זיך דערמאָנט אין זייער אייגענער חתונה, וואָס איז דאַכט זיך ערשט געווען, טאַקע ממש ערשט נעכטן... צעשרויפטע פון דער אַזוי גוט־באַקאַנטער נגינה, האָט דאָס אַלטע פּאָרפאָלק איבערגעוואָרפן אין זכרון, וואָס זיי האָבן שוין איבערגעלעבט זינט מען האָט ביי זיי אַליין געטאַנצט אָט דעם פריילעכס און האָבן בגנבה איינער פאַרן אַנדערן פאַרלוירן אין טיכעלע אַריין אַ געזאַלצענע טרער. דערפאַר ביי יעסענינס לידל האָבן זיי שוין געהאַט די מעגלעכקייט מיט קאַלטע לונג־און־לעבער צו באַוווּנדערן שלמהס עבודה, זיין שטאַרקע און אָנגענעמע שטימע, ווי אַזוי ער כשופט אויפן פידעלע

* „אַ בריוו צו דער מאַמען״.

און פֿילט ממש אָן דאָס צימער מיט פֿייגעלעך, און בכלל זיינע ווונדער־לעכע כשרונות, סיי מיטן געבענטשטן האַלדז, סיי מיט די זיסע פֿינגערלעך, אַזוי לייכט אַוועקשאַרן דעם פֿאַרהאַנג וואָס צעטיילט דעם „עבר" און דעם „הוה". נו, נו, אַ געבוירענער בעל־מופֿת, אַז צו וואָס ער רירט זיך נאָר צו...

* На все руки мастер!.. יוכבד האָט די גאַנצע צייט געקוקט גלייך אויף אים. זי האָט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פֿון זיין געזיכט אפֿילו אויף קיין איין רגע. ער האָט געפֿילט, אַז זיין האַרץ צעגייט אין אים פֿאַר זיסקייט. ער האָט געשפּילט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער שוועבט אין די וואָלקנס און פֿאַר אים פֿליען צוויי גרויסע ליכטיקע מלאכים. ער קוקט זיך איין אין זיי — דאָס זענען גאָר יוכבדס אויגן. די משונה בלאָע און משונה פֿאַרבענקטע אויגן אירע זענען מיט זייערע שטראַלן אַריינגעדרונ־גען אין זיין נשמה. מיט די עטלעכע פֿערלדיקע טרערן, וואָס זי האָט פֿאַר־לוירן ביי זיין „על נהרות בבל", האָט זי זיך דאָרט אָפּגעשווענקט אַן ערטעלע און גערופֿן שלמהן צו דין וחשבון...

אין פֿיל שעהן אַרום, ביי זיך אויפֿן פּרישן, ווייכן געלעגער, האָט שלמה זיך געדרייט פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער, און האָט בשום אופֿן נישט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן. מקום יש לו... ומסתרים שמו... ערגעץ דאָרטן איז אין אָט דער שפּעטער שעה פֿאָרגעקומען אַזאַ געשפּרעך:

— זאָג מיר, גוטער ברודער, וואָס קומט דאָ פֿאָר?

— וועגן וואָס רעדסטו דאָס?

— וועגן אַלעמען, ער מאַכט זיך טאַמעוואַטע... וועגן דיין בענקען אַהער, וועגן דיין צאַפּלען אונטער „אירע" אויגן, מיט איין וואָרט: וועגן אַלעמען. דו פֿאַרשטייסט, וואָס איך מיין.

— וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו פֿאַרשטיין? דאָס מיידל געפֿעלט מיר און שוין!...

— און שוין? איינס און צוויי און פֿאַרטיק, ווי שלום־עליכם זאָגט?

— בקיצור, וואָס ווילסטו האָבן פֿון מיר?

— איך וויל האָבן, אַז דו זאָלסט רעדן ווי אַ מענטש, נישט פּלוי־דערן גלאַט אין דער וועלט אַריין: „געפֿעלט מיר און שוין"... מען דאַרף נישט מער, ווי רייזל אין איר צייט איז דיר געווען געפֿעלן, און דאָך ווען עס איז געקומען צו עפּעס, האָט פּאָלי גובר געווען...

— איז דאָך דאַמאָלסט געווען אַ פּאָלי, היינט אָבער איז דאָך שוין קיין פּאָלי נישטאָ...

— וואָס הייסט — ס'איז נישטאָ? ווייל דו האָסט זיך איינגערעדט, אַז עס איז נישטאָ? דו קענסט פֿאַר זיך מיט גאָרנישט גאַראַנטירן...

— וואָס הייסט, איך קען נישט גאַראַנטירן? עס איז שוין אַ האַלב יאָר, אַז איך האָב צעריסן מיט יענער, קען איך ערשט נישט גאַראַנטירן?

— שאַ, נאָר נישט געהיצט זיך. הער מיך אויס מיט קאָפּ. דערמיט

---

* געמיינט: אויף אַלצדינג אַ בריה, אַ „כל יכול".

וואָס פּאָלי האָט אַזוי געקליאַנטשעט פּאַר דיר, אַז דו זאָלסט זיך אומקערן צו איר, האָט זי דיר גאָר־גאָר אַ קנאַפּע טובה געטון. ס׳איז בלעמס „לכה איעצך״.* הלואי איר בערישע טובה זאָל דיר נישט אויספּאַלן באָקאָם ** בעת עס וועט שלאָגן די גורלדיקע מינוט. דו פאַרשטייסט דאָך אַליין: ווען דו וואָלסט זי פאַרלוירן מיט דעם געדאַנק, אַז זי וויל דיך נישט, דאַן ביסטו פולשטענדיק פריי, קענסטו רעדן פון אַ צווייטן מיידל, פון אַ דריטן, פון אַ זיבעטן. אָט דאָס אָבער, וואָס זי האָט דיר אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי איז יעדע מינוט גרייט צו ווערן דיינע, דאָס שטעלט דיך פאַר אַ גרויסן נסיון. אָט נעם למשל דעם איצטיקן פאַל: חן מקום על יושביו, דאָ אין שטעטל, ביי איר פאָטערס טיש, דאַכט זיך דיר, אַז קיין שענערס פון יוכבדן קען גאָרנישט זיין; ביסטו זיכער אין זיך, אַז דו וואָלסט אַ האַלב לעבן אָפּגעגעבן פאַר מעגן אָנרופן זי: מיינע!... דאָס איז דאָ, ווייט פון אוריצקע. אָבער ערגעץ אין דיר ליגט נאָך באַהאַלטן אַ שלענגעלע, וועלכעס קען און וועט דיר זיכער דערמאָנען, אַז אויך פּאָלי קוקט אַרויס אויף דיין ווונק. און עס קען זייער גוט זיין, אַז ווען דו גייסט אפילו היינט אין גאַס מיט יוכבדן און עס קומט אייך אָן אַקעגן פּאָלי, און דו האָסט די מעגלעכקייט מיט דיין שאַרף אויג אַ מעסט צו טון איינע קעגן דער צווייטער, ווערט יוכבד מיט אַ מאָל ווייניקער סימפּאַטיש, ווערט בלאַסער איר זעלטענע גראַציע, ווערט פּלוצלינג אַ קלענערער נדן דאָס, וואָס זי איז אַ ראַדיעצקי, און פּאָלי, יענע גוואַלדיקע קראַסאַוויצע — פּאָלי, וואָס שטאַרבט איצט נאָך איין גוט וואָרט דיינעם, איז גובר. עס דערוועקן זיך אין דיר מיט אַ מאָל לאַנג־פאַרגעסענע געפילן און בענקענישן און דאָ ביסטו שוין פאַרבונדן מיט דער יוכבדן מיט אַ וואַרעם וואָרט. דאָס ברודערקע, וואָלט געווען פאַר דיר אַ שרעקלעכער אומגליק אויף דיין גאַנצן לעבן. און דערצו נאָך דאַרפסטו נישט פאַרגעסן, אַז אָט די יוכבד איז כלל נישט אַזוי גרינג צו נעמען, נישט פאַר איר רייכקייט, נישט פאַר איר הויכער בילדונג, נאָר דערפאַר, וואָס יענע קלערט נאָך אפילו נישט פון אַזאַ שריט. זי איז נאָך גאָר אַ יונג קינד, זי האָט נאָך אַ גאַנצע אַרמיי נישט קיין אויסגעגעבענע ברידער פאַר זיך. דו דאַרפסט געניג, געניג כוחות אָנווענדן, איידער זי זאָל זיך באַשליסן אויף אַזאַ ערנסטן שריט אין לעבן און ערשט דערנאָך זאָלסטו נאָך מוזן ריזיקירן מיט דעם, צי וועט דאָס דיר אַ מאָל נישט באַנג טון; צי איז זי אַ גענוג ווירדיקע יורשטע נאָך פּאָלי טולטשינסקי, נאָך אַ מיידל, וואָס דו האָסט העכער צען יאָר ליב געהאַט און נאָך אויף אַזאַ געפערלעכן אופן. דאָס איז ווייט נישט אַזוי פּראָסט, ווי דו גיסט עס אַ מאַך אָפּ: זי געפעלט מיר און שוין. מען דאַרף זיין זיי—ער פאָרזיכטיק. דו טאָרסט זיך פאַר קיינעם נישט אַרויסכאַפּן מיט קיין וואָרט, ביז עס וועט

---

* בלעמס קללות האָבן יידן נישט געשאַדט, און זיין אומווירדיקע עצה — יאָ. מסכת סנהדרין.

** געמיינט: האָבן ערגער געמאַכט, קאַליע געמאַכט.

דיר אַליין נישט זיין ברור כשמש, אַז היא ולא אחרת, אַז זי האָט פּאַרפּולט אַלע קעמערלעך פון דיין נשמה אַזוי ווי „יענע״ בשעתה, אַנדערש טאָר נישט זיין. דאָס איז דיני־נפשות אין סאַמע שטרענגסטן זין פון וואָרט, ואין דנין דיני־נפשות בלילה, כלומר בחשכת־לילה...

— דו האָסט געהאַלטן זייער אַ רירנדיקע דרשה, מיין פּיקחותדיקער פּאַרזאָרגער, איז וואָס זשע קומט אויס, לויט דיין מיינונג, אַז איך טאָר שוין גאָר קיין מאָל נישט טראַכטן פון קיין אַנדערער?

— דאָס זאָג איך נישט. איך זאָג נאָר, אַז מען דאַרף זיך אַליין גוט־גוט קאָנטראָלירן, צוגיין צו דער פראַגע ווי דער כהן גדול פלעגט צוגיין צום קודש־קדשים: אָן שיך און אָן אַ זוים אויפן העמד. קיין פינגער אין מויל אַריין דאַרף מען דיר דאָך נישט אַריינלייגן...

— קאָנקרעט, וואָס עצהסטו מיר צו טון? זיך אומקערן און נע־מען פּאָלין?

— גאָט באַהיט! פאַר אַזאַ שוטה האַלטסטו מיך?

— וואָס דען? איבערוואַרטן, ביז זי וועט חתונה האָבן?

— וואָס? מיט וועלכע רעכט זאָלסטו עפּעס וואַרטן אויף איר? ביסט איר עפּעס שולדיק? דער באַלאַנס מיט איר איז געוואָרן פאַרענדיקט נאָך דעם זעכצנטן יאַנואַר...

— אָך, איז ער, הייסט עס, יאָ געוואָרן פאַרענדיקט? פאַר וואָס זשע הייסטו מיר אַ שפּיי טון אויף אָלשאַנאַ און אַרויסוואַרפן יוכבדן פון קאָפּ?

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט? וואָס נאָך וועסטו אויף מיר אויסטראַכטן?

— לאָמיך שוין הערן, וואָס דען זאָגסטו? נאָר קאָנקרעט: כזה ראה וקדש...

— אַז נישט לאָזסטו דען אויסרעדן? דו כאַפּסט די פיש פאַר די נעץ. איך זאָג, אַז יוכבד איז בלתי־ספק אַן אומפאַרגלייכלעכער בריליאַנט. אַ מיידל מיט אַזאַ ציכטיקער נשמה איז היינטיקע יאָרן אַ זעלטנהייט און דערצו נאָך איז זי מיט אַלע מעלות: יונג און שיין און גראַציעז און סימ־פּאַטיש. און האָט גוטע פעאיקייטן און אַ דערציאונג האָט זי באַקומען אַן ערשטקלאַסיקע. וואָס איז דאָ צו רעדן? עס איז אודאי אַ מתנת־אלקים. אָט דאָס זאָג איך. נאָר איידער דו אַנטפּלעקסט פאַר עמעצן דיין סוד, אַז דאָס מיידל געפעלט דיר, דאַרפסטו נאָך עטלעכע מאָל זען פּאָלין. איך הייס דיר נישט קומען מיט איר אין קיין שום מגע־ומשא, חס ושלום. נאָר זען זי, און צום איבעריקן אויסטשאַדען זיך. זען זי, און פּאַראַלעל מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן אָט די צוויי מיידלעך, זו לעומת זו... אמת, עס איז נישט שווער פאָרויסצוזאָגן, ווער פון די צוויי עס וועט האָבן די אויבער־האַנט, אָבער דאָך איז דאָס נייטיק צוליב אייער צוקינפטיק גליק. אָט דאָס זאָג איך... און די ברירה איז ביי דיר, פאָלגן, צי נישט פאָלגן...

שלמה איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיט דער מסקנא, אַז ער דאַרף נאָך אַ מאָל באַזוכן קיעוו און זיך באַמיען צו געפינען אַן אופן ווי אַזוי

צו זען פּאַלין. גלייכער איז, פאַרשטייט זיך, אומבאַמערקט פון איר. און דאַן, נאָך אַט דער לעצטער פּראָבע, וועט ער ערשט קענען אָננעמען דעם ריכטיקן באַשלוס, להימין או להשמאיל...

*

עס זענען פאַריבער עטלעכע טעג.

שלמה האָט געגליט ווי אויף הייסע קוילן פון זיין פאַרבאָרגענער ליי־בע צו יוכבדן, נאָר זיין אָנגענומענעם באַשלוס צו באַזוכן קיעוו האָט ער אַלץ נישט געוווסט ווי אַזוי דורכצופירן. וואָס ענטפערט מען אין דער היים? פאַר וואָס קען ער נישט איינזיצן אויף אַן אָרט? און פאַר די ראַדיעצקעס אַליין איז אויך אַ בושה און אַ חרפה: טאָ אַהער — טאָ אַהין, אַ נע ונדניק גאָר, וואָס פאַר אַ חן האָט דאָס?

אַט אַזוי איז פאַריבער איין וואָך און נאָך איין וואָך. שלמה מיט יוכבדן פלעגן זיך זען פיל שעהן אַלע טאָג. אין פּאַרק, אויפן טייך, אין שטוב ביים טאַטנס טיש, נאָר שטענדיק פלעגט ער זי טרעפן צוזאַמען מיט עטלעכע ברידער אָדער מיט עטלעכע שוועסטער. און ווען ער באַ־געגנט זי אַפילו איינע אַליין, וואָס קען ער איר זאָגן? די שבתים פלעגט שלמה צוזאַמען מיט די אָרעמעלייט פּראַוועון ביי זיך אויפן אַלטן שטייגער, די מלוה־מלכהס — ביי זיי. פאַר שלמהן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ רעגל־מעסיק־פיינלעך לעבן. גאַנצע טעג פלעגט ער נאָר אַרויסקוקן אויף די אויפ־דערנאַכטיקע עטלעכע שעהן, און דערנאָך גאַנצע נעכט נישט קענען איינ־שלאָפן. קיין פאַרגעניגן פון זיין דאַטשע האָט ער נאָך נישט אָנגעהויבן צו האָבן. נאָר צער און יסורים, קלעמענישן און גרימענישן...

איין מאָל, מאָנטיק פאַר נאַכט איז דאָס געווען, איז ער אַריינגעקומען צו די ראַדיעצקים, און האָט גלייך דערקענט אויף די פּנימער פון די בני־בית, אַז עפּעס איז געשען אַ נייעס. דער פאָטער איז נישט געווען אין שטוב. אין חלל פונעם צימער איז געהאַנגען אַ סוד. זלמן מיט חיימען האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און האָבן געמאַכט פּאַר שלמהן פּלאַץ. יוכבד האָט אים נייגעריק באַטראַכט. שלמה האָט זיך געפילט אומ־באַקוועם דערפון, וואָס עמעצער ווייסט וועגן אים עפּעס אַזוינס, וואָס ער אַליין ווייסט נאָך נישט, נאָר פרעגן האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט נאָר אַ פרעג געטון ביי דער שוואַרצינקער:

— לאהקע, ווו איז דער טאַטע, אין פּאָסט?

— דער טאַטע איז דאָ, ער גייט באַלד אַריין.

און ווירקלעך, באַלד האָט זיך דערטראָגן פון דער קיך אַ וואַשן זיך פון הענט און גיכע, לייכטע טריט.

— האַ, שלמה? האָסט מיר פאַרשפּאַרט אַ גאַנג, כ'האָב עס דיר שוין געוואָלט אָפּטראָגן אַהיים —

— וואָס אָפּטראָגן?

— עס איז פאַר דיר אָנגעקומען אַ קאַרטל אויף מיין אַדרעס.

— אַ קאַרטל? צו מיר? פון וועמען איז?
— מסתמא פון אַ יידן...
— אָבער ווער קען זיין דער ייד?
— איך ווייס? איך גיי לייענען פרעמדע קאַרטלעך?

אָפּגעווישט די הענט, האָט ער פּאַרזיכטיק אַרויסגענומען פון זשי־לעט־קעשענע אַ צונויפגעלייגט קאַרטל און עס דערלאַנגט שלמהן. שלמה האָט מער פאַרווונדערט ווי נייגעריק גענומען ביי אים דאָס קאַרטל און אָנגעהויבן צו לייענען:

„להעלם הנכבד, סיני ועוקר הרים, צנא מלא ספרא, מר שלמה נ״י פּיאַטיגאָרסקי.

אַזוי ווי יום ג׳ שבוע זו אם ירצה השם, האָב איך יאָרצייט נאָך מיין זעליקן פאָטער, און איך האָב צוגעגרייט אַ סיום אויף מסכת כתו־בות, בעט איך אייך זייער און זייער, ווי אַן אמתן גוטן פריינד, אַז איר זאָלט מפסיק זיין אייער דאַטשע דאָרטן און קומען. עס וועלן זיין אַלע למדנים פון שטאָט און בכלל כל יקירי־קרתא. טאָמער קומט איר נישט, וועל איך אייך נישט מוחל זיין, (בלי נדר ומסקנא). מיין פרוי גריסט אייך הערצלעך. נאָך אַ מאָל: טאָמער קומט איר נישט, טאָ פאַרשרייבט זיך אויפן שטערן. לאו בכל יומא איז ביי מיר אַ יומא דפגרא...

אייער ליבנדיקער פריינד — הרב משה ביאַליק״

נישט אויפהייבנדיק די אויגן פונעם קאַרטל האָט שלמה מיט זיין שאַרפן חוש־הריח פאַרשטאַנען, אַז ר׳ נחמן האָט דאָס מאָל אַ ביסעלע אָפּגענויגט פונעם אמת. דאָס קאַרטל האָט ער יאָ געלייענט, און נאָך מער: עס ווייסט שוין פון דער איינלאַדונג די גאַנצע שטוב, און דערפאַר האָט מען אים ווען ער איז אַריינגעקומען אַזוי נייגעריק באַטראַכט. ער האָט באַהאַלטן אַ שפּאָטיש שמייכעלע אין די ליפּן־ווינקלען און האָט בתמימות אויסגעשטרעקט דעם בעל־הבית דאָס קאַרטל:

— ׳עס איז דאָ קיין סודות נישטאָ. איר מעגט לייענען, אויב עס אינטערעסירט אייך.

און ווענדנדיק זיך צו אַהרלען מיט אַ נעבעכדיקן פּנים, זאָגט ער:

— ס׳איז שוין לאַנג שטיל געווען, שלעפּט מען מיך שוין ווידער קיין קיעוו... מען האָט דאָרט מורא, אַז אָן מיר וועט קיין מנין נישט זיין. אָן אָנשיקעניש, מען לאָזט זיך נישט אָפּרוען, איין מאָל ניין!

דער פאָטער האָט מכלומרשט צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיטן תוכן פונעם קאַרטל. געענדיקט דאָס לייענען, פרעגט ער שלמהן מיט אַ כיטרע שמייכעלע:

— ביסטו טאַקע אויף אַן אמת אַזוי שטאַרק אומצופרידן מיט דער איינלאַדונג?

— און איר ווילט מן הסתם זאָגן, אַז איך דאַרף גיין אַ ריקוד?

ר׳ נחמן שאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ:

— דו ווייסט שלמה, ער איז ביי דיר נישקשהדיק געשוואָלן —

שלמה, א פאַרחידושטער, באַטאַפּט זיך דאָס פּנים:

— וואָס איז ביי מיר געשוואָלן?

— וואָס טאַפּסטו זיך, וואָס? דער „שמיני שבשמינית"* איז ביי דיר געשוואָלן...

שלמה, מיט אַ דערשראָקן פּנים:

— חס ושלום! איך — אַ בעל גאוה? רחמנא ליצלן! יחיד גאה** שטייט, און גראָד בנידון זה איז נישט כדאי צו האָבן אין זיך ממדת קונו.

— פאַר וואָס דען מאַכסטו כלומרשט אַ פאַרצאַרנט פּנים פון דעם קאַרטל? דו ווילסט אונדז איינרעדן, אַז דו האָסט דערפון עגמת־נפש?

— נישט וואָס עגמת־נפש, נאָר איך בין זייער נישט גערן זיך הער־קען אַהין און צוריק.

— אַזאַ שווערער ייד ביסטו?

שלמה מאַכט אַ ליידנדיקע מינע:

— יעדער איבעריקער גאַנג איז פאַר מיר אַ טרחה.

ר' נחמן גלאָצט אויף אים אויס אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן:

— צי עס האָט זיך מיר געדאַכט, צי וואָס? נאָר אַנומלטן, בעת איך בין אָנגעקומען און האָב געטראָפן, ווי דו האָסט פאַרקוועטשט הירשלען מיט אהרלען אונטער איין פּאַכווע און גאָדלען פעסט צוגעדריקט צו דער ערד מיט דער צווייטער האַנט, האָט מען עפּעס נישט געקענט אַזוי שטאַרק באַ־מערקן דיין שוואַכקייט... אדרבה, מיר האָט זיך גאָר באותה־שעה גע־דאַכט, אַז זיי האָבן ביי דיר אַ ממש כקליפּת־השום, ניין אפשר, קינדער? מען האָט, דאַכט זיך, גיכער געקענט מיינען, אַז דו ביסט אַן אַטלעט, צי אַן איך ווייס וואָס...

שלמה צעלאַכט זיך אויפן קול:

— אַטלעט זאָגט איר? כאַ־כאַ־כאַ... פון דאַמאָלסט איז קיין ראיה נישט. בשעת עס קומט אָן די קינדערשע זאַך, קען מען קיין חכם נישט זיין. אָבער בכלל בין איך זייער אַ שווערער פאַרשוין. נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן? עס איז דאָך אַ פאַרפאַלענע זאַך. הרב ביאַליק שרייבט, אַז ער וועט נישט מוחל זיין... גיי פאַרפיר זיך מיט אַ רב... כ'וועל שוין מוזן צופאָרן...

— נו, נו, דיבורים... איך ווייס? ווען מען בעט מיך אויף אַזאַ גע־הויבענער סעודה, וואָלט איך דאַכט זיך, אפילו צו פוס אַוועקגעגאַנגען, און דו פראַוועסט גאָר פוילע שטיק...

— איר ווייסט וואָס? מיר קענען זיך בייטן מיט די יוצרות. פאָרט איר פאַר מיר... איך וועל אייך געבן מיין פּאַספּאָרט.

— איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ קלוג קינד... עס

---

* געמיינט: ער איז נישט קיין קליינער בעל־גאוה.

** געמיינט: נאָר גאָט אַליין האָט די רעכט צו האָבן גאוות, ווייל ס'איז נישטאָ זיינס גלייכן.

זאָל דיר נאָר קיין בייז אויג נישט שאַטן. איז ווען זשע פאָרסטו? אין אנדערטהאַלבן שעה אַרום האָסטו אַ צוג.

— עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. איך וויל שוין שלאָפן, וועל איך מיך גאָר גיין שלעפן אַ גאַנצע נאַכט. אין דער פרי, אַז מיר וועלן דערלעבן, מיטן ערשטן צוג, וועל איך צופאָרן...

— איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ שליח־מצוה. אויב דו וועסט קענען קריגן, ברענג מיט זיך אַן „אבן העזר" ווילנער אויסגאַבע.

— אפילו אַלע ארבעה חלקי שולחן־ערוך קען איך אייך אויך ברענגען. קיינער וועט מיר נישט אָפּזאָגן.

— טאַקע דערפאַר זאָג איך דיר, נישט קיין אַנדערן. נו, געזעגן זיך און קום דאַווענען מנחה, צי דו וועסט נאָך אַריינגיין אויף דער נאַכט?

— איך האָב גאָר אַנדערש נישט געטראַכט.

— האָסט דאָך ערשט געזאָגט, אַז דו ביסט שלעפעריק?

— ס'אַ משל! פאַרן צוג בין איך שלעפעריק, אָבער פאַר אייער שטוב? ווי ערשט אויפגעשטאַנען פונעם שלאָף. כ'וועל אַריינגיין, כ'וועל אַריינגיין.

קאפיטל XXVII

ווען שלמה איז אריינגעגאנגען צו ביאליקן אין זאַל, איז שוין געווען כמעט דער גאַנצער עולם. שלמה האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל אין דער זייט און האָט גענומען באַטראַכטן די פאַרזאַמלטע. עס זענען געווען אַלע קיעווער רבנים און סתם אָנגעזעענע בעלי־בתים. עס זענען געווען אויך פיל געסט פון דער פעריפעריע: הרב יעקב פרידמאַן פון לעבעדין, דער עלטערער ברודער ליבערמאַן, דער פאָלטאַווער רב. עס זענען געווען נאָך עטלעכע אומבאַקאַנטע יידן. אָבער אַלץ: איינס און איינס, בלויז תכלת וארגמן. פּלוצלינג האָט שלמה באַמערקט גאַנץ אויבן־אָן ביים טיש ישראל־יוסף דעם אָלשאַנער שוחטס בייכל און זיינע ספּעציפישע שוחטישע פינגער. דאַן האָט ער מיטן ווונק צוגערופן יוסף גאַרדאָן:

— דו קענסט מיר נישט זאָגן, ווי אַרום קומט אַהער אָט יענץ בייר ביקע יידל?

יוסף שפּירט נאָך מיט די אויגן שלמהס בליק און פרעגט איבער:

— דו מיינסט אָט יענץ יידל, וואָס טראָגט אַ פיינעם „אינדיק" פאַר זיך? אַך, קיין עין־הרע אַ פּעמפּיק!

— הוא נאה לשמו ושמו נאה לו... איז ווייסטו נישט, ווער עס האָט אים אַהער פאַרשלעפּט?

— באַלד וועל איך געוווּיר ווערן. ווי רופט מען אים?

— ישראל־יוסף, אַן אָלשאַנער שוחט.

— די מינוט ווער איך געוווּיר. זאָג מיר, וואָס האָסטו זיך עפּעס באַזעצט ביי דער טיר, פּראָווועסט עניוות?

— עס איז דען אַ נפקא־מינה ווו צו זיצן, שוטה דו?

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט יוסף געבראַכט אַ ידיעה:

— דאָס האָט אים ר' אברהם־בער ליפשיץ, דער גבאי ראשון פון דער חברה־קדישא, געבראַכט מיט זיך... דו דאַרפסט אים עפּעס האָבן, וועל איך אים דיר צושיקן.

— גאָט באַהיט! טאָמער ווילסטו מיר פאַרשטערן די היינטיקע שמחה, טאָ שיק אים צו... וואָס מאַכט עפּעס די פרוי פייגעבוים? גאָרנישט בעסער?

— אַזעלכע חולאים ווערן דען נאָך אַ מאָל בעסער? קום אַרויף צום טיש.

— איך וויל נישט קריכן אַרויף. וואָס ווילסטו פון מיין לעבן האָבן?

— וואַרט אויס, איך גיי זאָגן הרב ביאַליק, אַז דו ביסט דאָ און ביסט נישט דאָ.

— יוסף, איך וועל דיר צעשפּאַלטן דעם קאָפּ פאַר דיין בערישער טובה, זאָג נישט גאָרנישט.

נאָר יוסף איז שוין געווען ווייט פון אים און האָט נישט געהערט זיינע דראָונגען. אין עטלעכע מינוט אַרום איז משה פרידמאַן מיט זיין

פּאָטער צוגעגאַנגען צו שלמהן. הרב פרידמאַן האָט אים אַ גלעט געטון איבערן בעקל:

— נו, שלמהלע מיין זון, וואָס מאַכסטו עפּעס גוטס? האָסט זיך עפּעס אויסגעבלייכט... וואָס איז די מעשה?

— איך האָב זיך נישט מיט וואָס צו באַרימען, ר׳ יעקב.

— וואָס זשע פעלט דיר, פּרנסה? דיין טאַטע האָט מיר ערשט געזאָגט, אַז עס גייט דיר ברוך־השם גאַנץ נישקשה.

— וויים איך, פּרנסה... לא על הלחם לבדו... עס פעלט מיר... כ׳וויים וואָס עס פעלט מיר? שכל פעלט מיר, דאָס איז זיכער.

ר׳ יעקב גיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— וואָס זשע, דו האָסט זיך שוין אויך פאַרשריבן צווישן די נאַראָנים?

— וואָס רעדט איר עפּעס? איך דאַרף מיך ערשט פאַרשרייבן? איך בין פון די געבוירענע —

— טע־טע־טע... זאָגן אַ ליגן, איז דאָך אויך נישט שיין...

עס זענען צוגעגאַנגען הרב ביאַליק מיט ליבערמאַנען. ר׳ אברהם פייגנבוים, מיט ר׳ אברהם שאַרפּשטיין. דאָס רעדל ביי דער טיר איז אַלץ מער אָנגעוואַקסן מיט פאַרשידענע פריינד און באַקאַנטע. ביים טיש האָט מען אָנגעהויבן אונטערצומורמלען, אַז עס איז שוין צייט צו מאַכן דעם סיום. עס האָט נישט געהאָלפן קיין שפּאַרן זיך. שלמה האָט געמוזט פאַרנעמען פּלאַץ ביים טיש, נישט ווייט פונעם בעל שמחה, צווישן הרב פרידמאַן און זיין טאַטן.

אין דער צייט, ווען אייניקע פון די עלטערע רבנים האָבן זיך מפלפל געווען מיט הרב ביאַליק, וועלנדיק אַרויסווייזן פאַרן עולם זייער לומדות, איז שלמה פּלוצלינג אונטערגעשפּרונגען פון אַ נייעם געדאַנק, וואָס האָט אים מיט אַ מאָל באַהערשט. מיט פינקלענדיקע אויגן פאַר פרייד האָט ער נאָך אַ מאָל באַקוקט אַלע פאַרזאַמלטע, פון דער ווייטנס זיך אַ נויג געטון פאַר ישראל־יאָסלען און האָט אַ צופרידענער פאַרקוועטשט די אויגן מיט די הענט. זיין מח האָט האַסטיק געאַרבעט: ער האָט עפּעס צוגעטראַכט. מיט זיין פלינקער תפיסה האָט ער גלייך אויפגעכאַפּט, וואָס ער האָט איצט צו טון און במהירות־הבזק האָט ער שוין דערזען פאַר זיך דעם וואַרשיינלעכן פועל־יוצא פון זיין אויפטו. פאַר זיינע ענג צוזאַמענגעפּרעסטע אויגן האָט דורכגעשוועבט יוכבדס געשטאַלט, ווי זי שטייט ביים פענצטער אין יענעם ספק־חשיכה פון זייער „ערשטן" פרימאָרגן... און אָט זינגט זי „דעם אייביקן וואַנדערער" אין וואַלד אין יענער אומפאַרגעסלעכער נאַכט... און אָט דערלאַנגט זי אים אַ גלאָז טיי און איז מלא יסורים: צי האָט זי אים חלילה נישט אָפּגעבריט. און תוך כדי דיבור דערזעט ער זי, ווי זי גייט עטוואָס אָנגעבויגן מיטן עמער מילך. עס איז אים מיט אַ מאָל געוואָרן הייס אין אַלע אברים. ער האָט דערפילט, אַז ער איז גרייט צו גיין פאַר אָט דעם מיידל אין פייער און אין וואַסער. דער סיום האָט זיך

גענדיקט. דער עולם האָט פֿריילעך פּאַרביסן. אויף די טישן איז דער־לאַנגט געוואָרן פֿון כל־טוב. ביאַליק אַליין מיט זיין פֿרוי האָבן באַדינט די געסט. יוסף און טאַניע פֿייגנבוים האָבן זיי צוגעהאָלפֿן. אין זאַל איז גע־שטאַנען אַ טומל עד לב־השמים. יעדער איינער האָט זיך געלומדעט. מען האָט צעעפֿנט גמרות אויפֿן טיש, איבערגעקערט פֿולע קעלישקעס. דער ווישניאַק, שוואַרצער ווי טינט, האָט זיך צעקווייטלט איבערן זילבערווייסן טישטעך, דאָס שמאָלע ריטשקעלע איז אַזוי לאַנג געקראָכן, געקראָכן, ביז עס איז אַראָפּגערונען צו עמעצן אויף די הויזן. יענער איז אויפֿגעשפּרונ־גען, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטון, ער האָט אָבער גלייך פֿאַרגעסן אין זיין „אומגליק”, דער טומל האָט אַלץ גובר געווען. צענדליקער הענט האָבן זיך געפֿלאָכטן איבערן טיש אין וואַרעמע „לחיימס”. עס האָבן זיך געטראָגן פֿון אַלע זייטן ווינטשעוואַניעס און סתם שמועסן.

שלמה האָט צוגערופֿן שמעון קלאַדניצקי:

— שמעון, איך בעט דיך, נעם איבער ביי הרב ביאַליק זיין עבודה, ווייל איך דאַרף אים עפּעס נייטיק האָבן אויף עטלעכע מינוט.

— מיטן גרעסטן כבוד.

— הרב ביאַליק, שמעון וועט אייך דאָ פֿאַרבייטן און איר קומט מיט מיר אַריין אויף אַ ווייַלינקע אין שלאָפֿצימער.

דער שיינער שטערן פֿאַרקנייטשט זיך לייכט:

— אויף לאַנג? אפשר לייגן מיר אָפּ אייער „שרעקלעך־נייטיקע ווייליג־קע” אויף „אסרו־חג”?, כ׳מיין אויף מאָרגן, אז מיר וועלן לעבן און געזונט זיין?

— הרב ביאַליק, זייט זיכער, איך ווייס ווו איך האַלט אין דער „ספירה”. איך וועל ביי אייך צונעמען אָן — עונה של כלום! *

שלמה האָט זאָרגעוודיק צוגעמאַכט הינטער זיך דאָס טירל און אויס פֿאָרזיכטיקייט אפֿילו דאָס קייטל פֿאַרוואָרפֿן. אַ היפּשע ווייַלע זענען זיי געשטאַנען אָן לשון איינער אַקעגן דעם אַנדערן און שווייגנדיק זיך גע־קוקט אין די אויגן. ענדלעך האָט זיך שלמה אַ כאַפּ געטון:

— אָך, איצט טאָר מען קיין צייט אומזיסט נישט פּטרן. טייערער מר ביאַליק, איך האָב צו אייך אַ דרינגענדיקע בקשה.

— פֿאַר אייך איז נישטאָ צו שווער.

— מיט איין באַדינג, אַז איר זאָלט מיך קיין קשיות נישט פֿרעגן.

— מסכים. זאָגט שוין, וואָס דאַרפֿט איר?

— וואַרט! איר מיינט, אַז אָט דאָס איז דאָס שוין? צוליב מיין טובה מוזט איר נאָך זאָגן אַ גראָבן ליגן בפני עם ועדה.

— אויך געפּועלט, על כל פשעים תכסה אהבה...

— אויב אַזוי, טרעט איך צו צום עצם הענין. צווישן אייערע געסט געפֿינט זיך אַ מענטש, וועמען איך דאַרף היינט איבערראַשן. איך דאַרף, אַז ער זאָל עפֿענען מויל און אויערן און זיי פֿאַרגעסן צוצומאַכן. וואָס זשע

---

* געמיינט: זייער אַ קורצע ווייַלע.

וויל איך פון אייך? אַזוי ווי אין מיטן עסן וועלן דאָך אודאי די גרויסע רבנים האַלטן שטיקלעך דרשות, בעט איך ביי אייך, אַז דעם צווייטן אָדער דעם דריטן זאָלט איר מיך אויסרופן צום וואָרט, אָבער אַזוי אויס־רופן, אַז יענער זאָל פאַרלירן דאָס לשון. כדומה למשל: אַ וואָרט מענינא פון מסכת כתובות, אָדער פון דער מסכת, וואָס מיר האָבן ערשט אָנגע־הויבן, האָט דער באַליבטער חבר אונדזערער, דער שאַרפסטער למדן פון קיעווער תפארת־בחורים, אונדזער חשובער, חשובער גאַסט שלמה אפרים־אהרונס...

— אָט דאָס איז די גאַנצע בקשה? איך זע נאָך דאָ נישט קיין סימן פון קיין ליגן...

— איי, מר ביאַליק, איר מאַכט מיר אין דער פינצטער קאָמפּלי־מענטן, בכדי איך זאָל נישט רויט ווערן? וואָס זשע, איך קען זיך נישט, וואָס פאַר אַ צאַצקע איך בין? נאָר דאָס מאָל גייט מיר ממש ווי אין לעבן...

— איך, מצדי, וועל טון אַלץ כדבעי למהוי, אָבער איר האָט זיך עפּעס צוגעגרייט? עס מוז דאָך האָבן אַ פּנים, איר האָט דאָרט ביים טיש דעם סלתה ושמנה —

— הרב ביאַליק, לאָמיר נישט פּטרן קיין צייט אומזיסט... איך האָב זיך דווקא נישט צוגעגרייט, אָבער... האהבה מכלכלת את השירה...*

— אַך, אַזוי?

— יאָ, אַזוי!

— קומט זשע אין זאַל אַריין. נישט געזאָרגט, אַלץ וועט זיין רעכט.

— נאָר איך בעט אייך נאָך אַ מאָל, מיין ליבער הרב ביאַליק, מאַכן דעם „יעמוד" מיט אַ טראַסק און מיט קולות וברקים, ווייל פאַר דעם מין נפש וואָס איך דאַרף אָט דעם קונץ, איז דער עיקר — רמי ביה קלא...**

— מען פאַרשטייט שוין.... מען פאַרשטייט שוין... וואָס בין איך, אַ מלופּם־קינד?

— מיט איין וואָרט, איר זאָלט זיך באַמיען צו מאַכן אַזוי, אַז עס זאָל זיין וואָס איבערצודערציילן —

— קוים אויסגערעדט! אַלא נישט, מה הועילו חכמים בתקנתם? אַן עק, קומט שוין אין זאַל אַריין. עס וועט זיין כצפיחית —

דאָס ערשטע וואָרט מענינא דיומא האָט באַקומען הרב פרידמאַן. אַלע האָבן מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס אויסגעהערט די געפעירלטע רייד פון דעם חשובסטן רב אויף אוקראַינע. זיין רואיקע אָפּגעמאָסטענע שטימע, זיינע לייכטנדיקע אויגן, זיינע בליציק־שאַרפע, נאָר טיף־דורכגעטראַכטע

---

* „די ליבע שפּייזט דאָס געזאַנג, דאָס שאַפן". אַ ווערטערשפּיל. דאָס וואָרט אין אָריגינאַל: האהבה מקלקלת את השורה. די טייטש: „די ליבע צו אַ זאַך, מאַכט קאַליע דעם אויפריכטיקן צוגאַנג צו איר".

** דאָ געמיינט: אים פאַרטומלען מיט הויכער ווערטער.

רעיונות האָבן געהאַט אין זיך אַ גוואַלדיקע קראַפט. פון דעם ערשטן וואָרט האָט מען דערפילט, אַז דער דאָזיקער מענטש שטייט מיט עטלעכע קעפּ העכער פון אַלע אַנוועזנדיקע. ווען ער האָט געענדיקט, זענען אַלע געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער פאַרגליווערט פאַר יראת־הכבוד און יראת־הרוממות. שלמה, וועלכער איז געזעסן לעבן אים, זייט ביי זייט, האָט אים וואַרעם געדריקט די האַנט.

הרב ביאַליק האָט זיך אויפגעשטעלט:

— רבותי, די היינטיקע שמחה איז ביי מיר טיילווייז שיר־שיר נישט פאַרשטערט געוואָרן. די חז"ל זאָגן פעמים ושלוש: הדר בני־אדם — תורה, הדר אלהים — בני־אדם. איינער פון אונדזערע אָנגעזעענסטע כלל־טוער און בעלי־צדקה איז געווען אָפּגעפאָרן און האָט, הייסט עס, נישט געקענט קומען. בין איך אָבער געוואָויר געוואָרן, ווו ער געפינט זיך, איך אהין צו אָנגעשריבן און ער האָט מיר צוגעטיילט דאָס פאַרגעניגן, אָוועקגעוואָרפן הכל כאשר לכל און איז יאָ געקומען. איצט, אַזוי ווי ער שטעלט מיט זיך פאָר איינעם פון די גרעסטע בעלי־תורה אין קיעוו בכלל און פון דער יוגנט בפרט, באַקומט ער אַ וואָרט וועגן וואָס אים אַליין וועט איינפאַלן צו רעדן. נו, ר' שלמה בר' אפרים־אהרון, אייך, אייך מיינט מען דאָס, איר האָט דאָס וואָרט.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס שלמה האָט אַליין צוגעטראַכט אָט די „קולות וברקים", און אָט דער תלפיותדיקער „אלוף התורני" איז שוין געווען מוכן למפרע, פון דעסט וועגן, מחמת אימתה דציבורא האָט אַ מאָדנע בלאַסקייט באַדעקט זיין פנים. ער האָט דערפילט, אַז עס ציטערן ביי אים די קניען, ממש: דא לדא נקשן. אין דעם גרויסן צימער מיט דער עדה רבנים וגאונים איז געווען טויט־שטיל. שלמה האָט זיך נישט דרייסט אויפגעהויבן פון זיין אָרט. אַלעמענס אויגן זענען געווען אַריינגעשטאָכן אין זיין בלייך פנים; אַלע פרעמדע אורחים האָבן געזוכט אין דעם יונגן פּרצוף אַ תירוץ אויף דעם אויסערגעוויינלעכן „מי שברך", מיט וועלכן דער בעל־השמחה האָט אים מכבד געווען. שלמה איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, אָבער די צונג איז ביי אים געווען צוגעקלעפּט צום גומען, ער האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. זיין שכן פון דער לינקער זייט, הרב פרידמאַן, האָט אים לייכט אָנגערירט אין דער האַנט:

— נו, דער עולם וואַרט דאָך... שרעק זיך נישט... חזקה על חבר —

שלמה האָט זיך פון זיין פּאַטערלעכן „שרעק זיך נישט" דערפילט אַ ביסל מוטיקער און ער האָט שטיל אָנגעהויבן זיין דרשה:

— מורי ורבותי, במעמד הר סני האָט אונדז קודשא־בריך־הוא מקדש געווען בפני עדים, כדת משה וישראל. שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, אַז ער האָט אונדז מגרש געווען, און מכח דער כתובה מאַכט ער זיך נישט ווויסנדיק. לאָמיר זשע אויפעפענען די הייליקע גמרא און זען, צי על פי דין זענען גאָר די גירושין בכלל חל אויף אונדז, קוים האָט ער פאַר אַזאַ זמן

רב נישט אָפּגעצאָלט די כתובה מיט דעם תוספת־כתובה. ס'איז א הלכה פּסוקה ולית מאן דפליג —

פינף און פערציק מינוט האָט גערויערט שלמהס מאמר. מיט אן אַלץ וואַקסנדיקער שפּאַנונג האָט די אסיפה נאָכגעשפּירט יעדן וואָרט זיינעם. ווען ער האָט זיך פאַרנויגט און אַוועקגעזעצט, האָבן זיך פון אַלע זייטן לאַנג געטראָגן צו אים האַרציקע "יישר כח'ס".

שלמה האָט אָפּגעשיקט א דאַנקבאַרן בליק אין ביאַליקס זייט, און האָט זיך פאַרשמועסט מיט הרב פרידמאַן, וועגן זיין משהס אומגליקלעכן פאַמיליע־לעבן. נאָך שלמהן האָט גערעדט הרב ליבערמאַן, דער סאַלאָמינקער רב — הרב מרגלית, דערנאָך דער פּאָדאָלער רב, מאיר סעגאַל, ר' אברהם פייגנבוים, מנשה כאַדראָוו און צו לעצט — דער בעל־שמחה אַליין, הרב ביאַליק. עס האָט נאָך קיינער נישט געהערט אַזאַ פּה מפיק מרגליות, ווי ביי דעם דאָזיקן רב. עס האָט ביי יעדן אין קאָפּ געשווינדלט פון די חידושי־תורה, וואָס דער קיעווער גאון האָט דאָ מגלה געווען. ווען ער האָט געענדיקט, האָבן אים אַלע שטייענדיק אויסגעדריקט זייער דאַנקבאַרקייט און זייער אַנטציקונג. יעדער איינער האָט זיך געשטופּט דעם גאון א דריק טון די האַנט. פיל פון די געסט האָבן פאַר התפּעלות אַזש געשוויצט. מען האָט זיך געווישט דעם שוויים מיט די יום־טובדיקע רויטע פאַטשיילעס און זיך אָפּגעפאָכעט מיט די סאַמעטענע יאַרמלקעס. די שטימונג איז געווען א דערהויבענע, בחינת: וגילו ברעדה. דער גרויסער זאַל איז געווען מלא מפּה אל פה מיט רזין דרזין...

ווען מען האָט דערלאַנגט די פיש צום טיש, איז שוין אין זאַל קיין שפּור נישט געבליבן פון דעם אַקאַדעמישן כובד־ראש, וואָס האָט דאָ פריער געהערשט. זעליק פייגנבוים מיט קלאַרניצקין האָבן אָנגעהויבן זינגען דעם געשמאַקן ארץ־ישראלדיקן „תנו רבנן", דער גאַנצער זאַל האָט אים אונטערגעכאַפּט און מאַלאַ־וואַסילקאָווסקע האָט זיך געוויגט פון דעם שטורמישן געזאַנג. ווען דער עולם האָט שוין געגעסן קאָמפּאָט, האָט אברהם פייגנבוים זיך אָנגעבויגן צו שלמהן:

— דו וואָלסט אונדז געדאַרפט עפּעס שפּילן, שלמה. שוין גאַנץ לאַנג, אַז מיר האָבן דיך נישט געהערט.

— וואָס רעדט איר, ר' אברהם? אַזוי שפּעט? און ווידער, ווי האָט איר דען דאָ א פּיאַנינע?

— ווער זאָגט דען, אַז מען מוז דווקא א פּיאַנינע? און א פידל איז דען שלעכט? איך מיין בפירוש נאָר א פידל.

— דאָ איז קיין פידל אויך נישטאָ.

— מען וועט דיר ברענגען דיינעם פון דער היים.

— מיינער איז נישטאָ אין דער היים, ער איז מיט מיר אויף דער דאַטשע.

הרב פרידמאַן האַלט אויך אונטער:

— יאָ, יאָ, שלמה. די גאַנצע צייט הער איך נאָר דערציילן: ער

שפּילט, ער שפּילט, עקט זיך די וועלט. לאָמיך שוין אַ מאָל אַליין אויך זוכה זיין צו הערן.

— ר׳ יעקב, די איצטיקע שמחה איז נישט צוגעפּאַסט צו קיין פידל־שפּילן.

— אַזוי פאַרשטייסט דו!... און וואָס קומט אונדז דערפאַר, אויב מיר פאַרשטייען אַנדערש? ר׳ אפרים־אהרן, הייסט איר אים עפּעס שפּילן.

שלמהס פאָטער רופט צו גאַרדאָנען:

— יוסף, דו ביסט דאָך אַ בחור אַ ברען, שאַף ערגעץ אַ פידל.

— אָט דאָ אויף דער צווייטער גאַס, ביי מיין מומעס טאָכטער, ווינט אַ קורסאַנטקע, האָט זי אַ פידל...

— גיב אַ טאַנץ, יאָסעלע...

שלמה זאָגט שמייכלענדיק:

— יוסף, זיי זיך נישט מטריח, אַלץ איינס וועל איך נישט שפּילן.

דער פאָטער שלאָגט אים איבער:

— איך פרעג דיך נישט. אַז איך וועל הייסן, וועסטו שפּילן. גיי, יוסף, גיי. נאָר אַהין און צוריק.

שוין פון לאַנג האָבן אָט די יידן נישט געהאַט אַזאַ טיפן חשבון־הנפש, ווי אין יענעם פאַרטאָג אויף מאַלאָ־וואַסילקאָווסקע 44. אמת יידי־שע, טיפע נגינה האָט זיך געגלידערט אין מח, געמאָנט עפּעס ביי דער נשמה, געערדט עפּעס צום האַרצן, און געוועקט אַ בענקעניש צו די הויכע עולמות. ביי יעדן איינעם פון די נאַספּים האָט דאָס שפּילן אויפגעוועקט אַנדערע ווייטיקן. ווּעמען עס האָט דערמאָנט אין זיין „געוועזענעם" רבנות; וועמען אין דעם פאַרלוירענעם מעמד, איידער ער איז געוואָרן אַ „שומר ישראל"; * און וועמען אין פאַרשיקטע לאַרץ גזרה... ווען שלמה האָט אריינ־געלייגט דעם פידל אין פוטליאַר אריין, זענען פונעם פענצטער געקראָכן אויפן טיש אַרויף די ערשטע זון־שטראַלן.

פאַרן צעגיין זיך איז שלמה צוגעגאַנגען צו ישראל־יוספן:

— ווען פאָרט איר אַהיים, ר׳ ישראל־יוסף?

— נאָך היינט אם ירצה השם, נאָך מיטאָג.

— אויב איר וועט זען ר׳ נחמנען, גיט אים איבער פון מיר אַ גרוס.

— אַ שאלה אַ ביסל, צי איך וועל דערציילן, ווי אַזוי מיר האָבן דאָ פאַרבראַכט? נאָר זאָגט מיר, ר׳ שלמה —

— וועמען מיינט עס דער פסוק מיט אָט דעם: ר׳ שלמה?

— אַ דאַנגה אייך, איך הער, אַז אַלע רופן אייך ר׳ שלמה, רוף איך אייך אויך אַזוי. זאָגט נאָר, גוטער ברודער, איר ווילט שוין משני אושפּיזא זיין? ** איר פאָרט שוין נישט צוריק צו אונדז?

— וואָס הייסט, ניין? אַלע זיבעצן זאַכן זענען ביי מיר נאָך דאָרטן.

---

* בדרך הלצה געמיינט: אַ ייד אַ סטאָראָזש, אַ נאַכטוועכטער.

** בייטן די אכסניה.

— פאַר וואָס דען הייסט איר איבערגעבן אַ גרוס?

— פשוט דערפאַר, ווייל איך וועל זיך דאָ נאָך פאַרזאַמען אַ פּאָר טעג.

— כ׳וועל איבערגעבן, כ׳וועל איבערגעבן. וואָס דען, כ׳וועל נישט איבערגעבן? ווער האָט גאָר בכח צו פאַרשווייגן אַזאַ געהויבענעם אויפ־דערנאַכט? זינט איך לעב, זינט איך לעב... יאָ, איך האָב מיך פאַררעדט, האָב איך פאַרגעסן צו פרעגן. איז, הייסט עס, אָט דער מיט דער שוואַר־צער באָרד אייער פאָטער? און דער מיט דער גרויער באָרד, אייער זיידע? כ׳זאָל אַזוי האָבן אַל דאָס גוטס מיט אייך צוזאַמען, ווי איך האָב נאָך אין אָלשאַנע אַזוי געטראַכט. כ׳זאָל טאַקע אַזוי... אַ פראַגע גאָר, צי איך האָב זיי געקענט, אַז ביי מיר איז קופּיעטשעסקע־שול די צווייטע היים... וואָס זאָג איך, די צווייטע?...

שוין אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ האָט ישראל־יוסף אַ פאַרסאַפּעטער דעריאָגט שלמהן און אים גלייך גענומען אונטערן אָרעם:

— און איך האָב אייך שוין איבערגעזוכט אין אַלע מייזנלעכער... טאַקע שיר־שיר נישט אָנגעווירן... איך וויל אייך אַ ביסל באַגלייטן ר׳ שלמה... איך דאַרף מיט אייך איבערשמועסן וועגן אַן ענין כמוס, האָט נישט קיין פאַראיבל...

— לאָמיר בעסער האָבן רובל... און הערט מיך אויף צו אירצן, כ׳בעט אייך...

— זאָל זיין אַזוי, האָסט שוין געפועלט. זאָג מיר, שלמהניו, אפשר ווייסטו צופעליק פון אַ גוטן דאָקטער?

— וואָס פאַר אַ מין דאָקטער?

דער שוחט גיט זיך מיט זיין לאַנגן נאָגל אַ קראַץ אונטער דער באָרד:

— וואָס פאַר אַ מין, פרעגסטו? אַ געני... אַ זשעני... ניין, טאַקע אַ געני —

— אַ געניקאָלאָג?

— אַט־אַט־אַ! אָט דאָס מיינט דער פסוק, אַ זשע... כ׳מיין אַ געני־קאָפּראָלאָג, צי כ׳ווייס ווי אַזוי דאָרטן...

שלמה טראַכט ביי זיך:

— אַ שפּראַך אַ ביסל! מתוק מזפת, עס צעגייט זיך אין אַלע רינ־שטאָקן... ס׳איז פראָסט און פשוט אַ גאָטס אַ רחמנות צוצוקוקן, ווי ער געקעמט נעבעך און זשעקעט...

אָבער אויפן קול פרעגט ער:

— וואָס זשע פאַר אַ מחותן זענט איר מיט —

— איך גאָר? חס ושלום! מיט זיך דאַרף איך נישט האָבן צו קיינע פראָלאָגן, צי ווי אַזוי דאָרטן... ביי מיר ברוך־השם איז אין דעם זינען אַלץ על צד היותר טוב... אַזאַ השגה! ס׳איז מיר נאָך קאַרג, הייסט עס, מיין אישיאַס מיט מיין אַסטמע... ס׳פעלט מיר נאָך זשעני... כ׳מיין געני־קאָפּראָלאָגיע צו אַל די גויאישע קעפּ, נאָר דאָס איז גאָר אַ מעשה מיט אַ

יונגנמאַן, מיין בעל־אכסניאַטעס אַ שוואָגערס אַ קרוב, אַ שני שבשלישי מצד אמו...

שלמה ווישט זיך אָפּ דעם שטערן און קוקט זיך אַרום אומבאַהאָלפּן, ווי איינער רעדט: רבש"ע! מאין יבא עזרי? און אויפן קול פרעגט ער:

— איז וואָס זשע פאַר אַ מעשה?

— לאָז זשע זיך דינען... כאַפּ נישט די פיש, כ'מיין די הייסע לאָקשן. בקיצור, ווו זשע האַלט איך? אַ—האַ! האָט אָט דער בעל־אכסניאַטעס שוואָגערס שני שבשלישיניק אַ ווייב... בפירוש אַ גאַנץ פיין ווייבל... כ'האָב זי אַ מאָל געזען... מען דערקענט גלייך אַ טאַטנס אַ קינד... הכרת פניו — אויף דער נאָז איז אָנגעשריבן... אמת, כ'האָב מיט איר קיין צוויי ווערטער נישט אויסגערעדט, כל המרבה שיחה... יורש גיהנום... אָבער, ווי זאָגט די וועלט און איך אַליין אויך —

שלמה, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים:

— וואָס זשע איז מיט דעם ווייבל?

— שלאָג זשע נישט איבער... האָט זיך דאָס דאָזיקע ווייבל דערפילט עפּעס נישט אַזוי מיט אַלעמען... איז דער מאַן אירער, דער זעלבער שני שבשלישי פונעם שוואָגער פון מיין בעל־אכסניאַטע, געגאַנגען מיט איר צו אַ דאָקטער... בקיצור, איך זאָל דיר נישט לאַנג מאריך זיין — דער דאָקטער האָט איר אָפּגעטון אויף טערקיש...

— דהיינו? וואָס האָט איר דער דאָקטער אַזוינס געטון?

— ער האָט געטון, ער האָט געטון... הלואי וואָלט ער בעסער נישט געוועזן געטון, וואָלט געוועזן פיל גלייכער ווי אַז ער האָט יאָ געטון...

— אָבער פּאָרט —

— ער האָט געטון דאָס, וואָס אַ דאָקטער וואָלט נישט געדאַרפט טון און טוט יאָ —

— אַן עק, זאָגט שוין —

— ער האָט מיט איר געזאָגט ברכת „המפּיל"... איצט פאַרשטייסטו שוין? און איר מאַן זאָגט איצט נעבעך דעם פסוק: וארא מתבוססת בדמיך... איצט פאַרשטייסטו שוין?

שלמה האָט געמאַכט אַ קרומע מינע:

— אַך, אַזוי־ו־ו־וי? ניין, ר' ישראל־יוסף, איר האָט דאָס מאָל נישט געטראָפן דאָס פלאַץ. אַזוי ווי מיין פלונית איז נאָך ברוך־השם נישט ראוי לאותו דבר, האָב איך נאָך נישט קיין באַקאַנטשאַפט צווישן די זשעניקאָפראַלאָגן...

— אָבער ווי מיינסטו דו? ס'איז אַן אמתע קרענק, האַ?

— איך ווייס, צי אַן אמתע? מן הסתם אַן אמתע, וואָס דען, אַ ליגנערשע?

— אַ ליגנערשע... אַ ליגנערשע... מען קען גאָר מיט דיר קיין דריי ווערטער נישט אויסרעדן, אַז מען זאָל זיך נישט דאַרפן אָפּעסן דאָס האַרץ...

חכמעט זיך מיט מיר — אַ ליגנערשע... דער דרך העולם איז, אַז מען רעדט, רעדט מען בלשון הכתוב —

— הכתוב?

— נו, יאָ! הכתוב! אין „נשמת" שטייט: „ומחליים רעים ורבים ונאמנים דליתנו". וואָס זשע הייסט „נאמנים", תּלמיד חכם מיינער, נישט ווי איך זאָג?

שלמה דערפילט ווי אויף זיין גאַנצן קערפּער טרעט אַרויס אַ קאַלטער שווייס, פּונקט ווי דאַמאָלסט אין אָלשאַנאַ, ביים שמועס וועגן דער דירה. ער איילט זיך מסכים צו זיין:

— איר זענט גערעכט... גערעכט ווי הונדערט גויים... איך האָב זיך פּשוט נישט געכאַפּט דערויף —

— הערסט, זאָג איך דאָך אויך דאָס זעלבע... דאָס זענען דאָך מיינע רייד —

— אַנטשולדיקט מיר, ר' ישראל־יאָסל, אַט דאָ פאַרקערעווע איך אויף רעכטס. גייט געזונט און פאָרט געזונט. וועט איר נישט פאַרגעסן איבער־געבן אַ גרוס ר' נחמנען מיט דער חבריא?

— איי, וואָס רעדסטו? פאַרגעסן גאָר... דער היינטיקער קאָנצערט דיינער האָט מיך גאָר צעשרויפט, ממש אין בי מתום... כ'לעבן, כ'האָב גאָר בשעת־מעשה פאַרגעסן, אַז איך האָב, נישט פאַר דיר גערעדט, אַן אַסטמע מיט נאָך שלעק און שלעקלעך. באמת, ווען איך הער דיך שפּילן באַטש... באַטש דריי, פיר מאָל אין טאָג, וואָלט איך מן הסתם געהאָלפן געוואָרן מיט אַ רפואה־שלמה. דו לאַכסט? איך מיין אַן געלעכטער...

קאַפּיטל XXVIII

ביז פאַר נאַכט איז שלמה געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער. ערשט ווען ס'איז שוין באַלד נישט רעכט געווען צו דאַווענען מנחה, האָט מען אים קוים אויפגעוועקט. ער האָט זיך אָנגעטון, אַרומגעוואַשן, און האָט אָנגע־זאָגט אין שטוב, מען זאָל אויף אים נישט וואַרטן, ער וועט נישט קומען נעכטיקן. ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט ער אינעם קלוב פאַר די פּרע־סע־אַרבעטער געשפּילט אין שאָך. דאַן איז ער אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפע, אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזער קאַלטע מילך מיט געבעקס און איז אַוועק אויף אוריצקע. ביי דעם הויז נומער פיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך אויפגעהויבן מיטן ליפט אויפן דריטן שטאָק, מיטן טאַשנלעמפּל האָט ער אָפּגעזוכט די וווינונג נומער 16 און האָט אָנגעקלונגען. דאָס גלע־קעלע האָט יתומדיק געטרישטשעט פון יענער זייט טיר, דער אָפּקלאַנג האָט דאָרט געדונערט ווי מען וואָלט געקלאַפּט מיט אַ היפּשן בינט שליס־לען אין אַ פּוסטער פאַס. אָבער דער גאַנצער האַרמידער איז געווען ללאַ־הועיל, קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. די גאַנצע וווינונג איז געשלאָפן. שלמה האָט פאַרביסן אַ ליפּ פאַר עגמת־נפש און האָט נאָך אַ מאָל אָנגע־קלונגען. דאָס מאָל האָט ער שוין יאָ דערהערט אַן עפענען זיך פון אַ טיר און אַ פלינק סמאַטשקען זיך פון נאַקעטע פיאַטעס מיט אַן אויסגע־פּוצטער פּאָדלאָגע.

אַ פאַרשלאָפן פרויען־קול האָט צערייצט געפרעגט:

— ווער קלאַפּט עס?

— אַנטשולדיקט, איאַ, דאָ וווינט קאַמיניעצקי, יעפים גריגאָריע־וויטש?

— יאָ, דאָ, נאָר צו אים האָט איר געדאַרפט קלינגען פינף מאָל, נישט צוויי מאָל.

— אַנטשולדיקט, איך האָב נישט געוווּסט.

— דאָרט איז דאָ אַ צעטעלע. אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט, מען דאַרף האָבן אויגן, נישט קלינגען ווי אויף אַ פּאָזשאַר...

— אַנטשולדיקט, איך האָב נישט באַמערקט דאָס צעטעלע. איר קענט מיר אים אַרויסשיקן?

— מען שלאָפט שוין לאַנג ביי די קאַמיניעצקים... האָט זיך אויס־געקראַצט קומען צו גאַסט...

— עס מאַכט נישט אויס, וועקט אים אויף.

— ווער, זאָל איך זאָגן, פרעגט אויף אים?

— פּיאַטיגאָרסקי, זאָגט אים, פּיאַטיגאָרסקי סאָלאָמאָן.

די פיס האָבן גאָרנישט געענטפערט, נאָר מלא־רציחה זיך אַוועקגע־שלעפּט אין צווייטן עק פונעם קאָרידאָר. ערגעץ האָט מען געקלאַפּט, ער־געץ האָט מען גערעדט, דער ווייטער גערויש האָט זיך דערטראָגן פון

הינטער דער מאַסיווער טיר, ווי אַ געמורמל פון אַ ווייטן קוואַל פון אונ־טער אַ פעלז. דאַן איז אַלץ שטיל געוואָרן. היפּשע עטלעכע מינוט איז שלמה געשטאַנען אויפן פינצטערן קאָרידאָר נישט אַהער און נישט אַהין, נישט ווייסנדיק אויף זיכער, צי די צעבייזערטע פרוי האָט אויפגעוועקט וועמען ער האָט זי געבעטן, צי זי איז אַליין אויך אַוועק שלאָפן. ענדלעך האָבן זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן פעסטע מענערשע טריט. שלמהן האָט זיך אַפילו געדאַכט, אַז ער דערקענט דאָס „פּאַכאַדקעלע" * פון דעם וואָס ער דאַרף.

אַ שטרענגע מענערשטימע האָט פון יענער זייט טיר עטוואָס דער־שראָקן געפרעגט:

— האַלאָ! צו וועמען דאַרפט איר דאָרט?

— פימאַ, עפן אויף, ס'איז איך...

— ווער איז דער „איך" געווען?

— נו, איך... דערקענסט נישט, צי וואָס?

קאַמיניעצקי האָט אומאַנטשלאָסן אַ מרוקע געטון און זיך גענומען פאַרן פאַררוקער. די טיר האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעשלאָסן און עס האָט זיך אַרויסגעשטעקט אַ קאָפּ מיט צעפּאַטלטע האָר.

— אַך, סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש! טפו אויף מיינע שונאימס קעפּ! און איך ברעך זיך דעם קאָפּ: ווער קען דאָס זיין אַזוי שפּעט? קום אַריין, וואָס שטייסטו?

— צו וואָס זשע האָסטו זיך געדאַרפט ברעכן דעם קאָפּ? איך האָב דאָך קלאָר און דייטלעך אָנגעזאָגט דיין שכנטע, אַז זי זאָל דיר איבערגעבן: סאָלאָמאָן פיאַטיגאָרסקי...

— און זי האַקט מיר אַ טשייניק: מאַגניטאָגאָרסקי, מאַגניטאָגאָר־סקי... וואָס פאַר אַ מחותן, קלער איך מיר, בין איך מיט מאַגניטאָגאָרסק, אַז איך בין גאָר אין מאַגניטאָגאָרסק קיין מאָל אין מיין לעבן נישט געווען. וואַרט אַ וויילעטשקע. איך וועל נאָר זאָגן מיין ליובען, אַז זי זאָל זיך איינדעקן. פאַרשטייסט נישט? איין צימער —

— וואָס פאַרענטפערסטו זיך? ווער וווינט היינט גרוימער?

— איין מינוטקעלע —

אויף אַ קורצער ווײַלע איז יענער פאַרשוווּנדן הינטער זיין טיר. פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן אַ סקריפּען פון בענקלעך, אַ רוקעניש פון אַ שפּאַניער־ווענטל און באַלד טאַקע:

— סאָלאָמאָן, קענסט שוין אַריינגיין, ביטע.

שלמה איז שעמעוודיק אַריינגעגאַנגען אין צימער.

— זיץ, סאָלאָמאָן. איך האָב דיך שוין נישט געזען אַ שאָק מיט יאָרן. ווו אַרבעטסטו היינט?

---

* דאָס געגנגעלע, דעם אופן פון גיין.

— אַט־אַזוי־אָ, מען דרייט זיך. איך בין עפּעס נישט מיט אַלעמען און געפּין זיך דעם גאַנצן זומער אויף דאַטשע.

— וואָס זשע איז דיר? דו זעסט, דאַכט זיך, אויס גאַנץ נישקשה. שענער ווי אין צעך ביי די פּאַדעשוועס.

— כ'וויס, וואָס מיר איז? ס'איז ביי מיר אַ פּנים, נישט פּאַר קיין שום גוי געדאַכט, אַ נגידישע קרענק. און דו אַרבעטסט נאָך אַלץ אין דעם אַמאָליקן „פּאַנטאָפל"?

— אַלץ דאָרטן.

— אַ אינסטרוקטאָר ווי דאַמאָלסט?

— אַזוי ווי געווען דערביי. וואָס דען זאָל איך זיין?

— דו פאַרמאָגסט אַן אייזערנעם „זיי מיר מוחל", יעפים גריגאָריע־וויטש. איך וואָלט נישט געקענט איינזיצן דריי יאָר אויף אַזאַ לאַנגוויי־ליקער אַרבעט. אַלע טאָג דאָס זעלבע: פּאָדוואָל, מאָדעלן, שלעכטע שאַרפּ־שטיינער, קרומע טשוועקעס, פאַרזשאַווערטע פּאַסן... בררררר!...

— ס'איז נישט אַזוי טרויעריק ווי דו מאַכסט עס. מיר זענען שוין איבערגעגאַנגען אויף קווישלעך פון לאַסקוט.*

— אַ גדולה אויף דיין באָבען, שטאַרק אַ פריילעכע קראָם. מילא, נו... פּימאַ, טרעף, נאָך וואָס איך בין געקומען צו דיר אום האַלבער נאַכט?

— איך קען אַזוי קלוג נישט זיין.

— דו געדענקסט אפשר, נאָך חנוכה־צייט, ווען מיר האָבן זיך באַ־געגנט אין פוניקוליאָר, האָסטו מיך געבעטן, אַז איך זאָל אין זינען האָבן דיין ליובען מיט אַ טאָרגסינאָווסקע פלאַקאָן פּאַרפום „וויסער בער", דו געדענקסט ?

— איך געדענק —

— נו אָט, נעכטן האָט זיך מיר פונקט געטראָפן אַזאַ פלאַקאָן ווי דו ווילסט, האָב איך דיר געבראַכט.

יענער האָט אַ פאַרלוירענער איבערגעטרעטן פון איין פוס אויפן צווייטן. שלמה האָט קאַלטבלוטיק אַרויסגענומען אַ פּרעכטיק אָפּגעגילדעטע שאַכטעלע. אויפן עטיקעטל איז מיט גאָלד געווען אָנגעמאָלט אַ גרויסער, ווייסער בער ווי ער שטייט אויף אַ בנס־העננגענדיקן קאַרניז פון אַן אייז־באַרג. אַוועקגעלייגט דאָס שאַכטעלע אויפן טיש, האָט שלמה פאַרשפּיליעט דעם פּידזשאַק:

— נו גיי איך, אַ גוטע נאַכט.

— שטיי! וואָס הייסט, דו גייסט? וויפל דאַרף איך דיר באַצאָלן דערפאַר?

— אפילו קיין איין קאָפּיקע אויך נישט.

— וואָס הייסט? מתנות גאָר?

— מתנות? פּכע! אויך מיר מתנות... פּשוט, איך האָב בטבע ליב

---

* רעשטלעך פון פעלן, אָפּשניצלעך.

צו האַלטן וואָרט. כ'האָב דיר געזאָגט, אַז איך וועל אין זינען האָבן, ווײַל איך נישט בלײַבן קיין ליגנער. אָט דאָס איז דאָס...

— אָבער וואָס הייסט גאָר אָן געלט? אָט דאָס צאַצקעלע האָט אודאי אַ באַטרעף פון אַוועלכע 200 רובל.

— אַ דאגה דיר, וויפל עס קאָסט, אַבי דיין ליובע וועט האָבן דאָס, וואָס זי האָט ליב און קיין שום פּרוי האָט נישט פיינט.

— נו־נו, אַזאַ מעשה... נאָך האַלבער נאַכט, אומיסטן צו קומען, מען דאַרף זיין אַ בעלן...

— וואָס זאָל איך טון, אַז ביי טאָג האָב איך אַלץ נישט קיין פרייע צייט.

און מיט אַ קרענקלעכער מינע, ווי עס זאָל אים ווײ טון אַ צאָן:

— פימאַ, אַ טערמאָמעטער האָסטו ביי זיך אין שטוב?

— צו וואָס דאַרפסטו אַ טערמאָמעטער?

— עפּעס שמערצט מיר דער קאָפּ געפערלעך. איך האָב מורא, אַז איך האָב אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור.

— כ'קען דיר גיבן אַ טערמאָמעטער, נאָר ס'איז זיכער פון דער היץ. און בכלל, אַז מען לויפט זיך אָן דעם טאָג, טוט אַלע מאָל ביי נאַכט ווײ דער קאָפּ. סאָלאָמאָן, דו ווייסט וואָס? גיב אַ קוק, עס איז שוין אַ פערטל אויף דריי. ווּהין וועסטו נאָך איצט גיין? אָט בעט איך דיר שוין אוים, און לייג זיך דאָ שלאָפן.

— איי, רעד נישט קיין נאַרישקייטן! איך האָב קיין היים נישט, צי וואָס?

— ווער זאָגט דיר, אַז דו האָסט קיין היים נישט? אָבער עס זענען דאָך אין גאַנצן געבליבן געציילטע עטלעכע שעהן ביז טאָג און צו דעם אַלעמען טוט דיר נאָך ווײ דער קאָפּ. פאָלג מיך, אָט שטייט אַ סאָפע און איך גיב דיר שוין אַ קישן.

— ניין, אין צימער זיכער נישט. אויב שוין יאָ, איז נאָר אויפן באַלקאָן.

— וואָס פראַוועסטו פאַר אַ שטיק? דו האָסט דאָך וואַרעמקייט, טאָמער אַ ווינטעלע?

— ע, עס וועט מיר גאָרנישט שאַטן, און קיין קישן דאַרף איך אויך נישט. איך וועל אויף אַ בענקל איבערזיצן די עטלעכע שעה און פאַרטיק...

— אפשר וואָלסטו מיר אויפגעהערט צו דיקטירן דיינע פּלענער? זיץ און לאָז מיך טון וואָס איך דאַרף.

אין איין אווינגבליק איז אויפן גרוימען הענג־גאַניקל צעלייגט געוואָרן אַ ברעזענטן בעטל, עס איז אויסגעשפּרייט געוואָרן אַ קאָלדרע, אַ ליילעך און נאָך איין קאָלדרע אויף זיך צודעקן. פונעם בעט איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אַ קישן און דער געלעגער איז געווען פאַרטיק מיט אַלע תגן. שלמה האָט באַדאַנקט פאַר דער טרחה און האָט פעסט צוגעמאַכט הינטער זיך די גלעזערנע טיר.

קאַפּיטל XXIX

איבער דעם שלאָפנדיקן קיעוו האָט גדלותדיק שפּאַצירט אַ פולע, שיינע לבנה. פון דימייעוועקער זייט האָט זיך אויף איר געריקט אַ טונקעלע מאַסע, זי געוואָלט איינשלינגען, צוגנבענען זי ביים גאַנצן כדור־העולם אין מיטן דער העלער נאַכט, אָבער די נאַכטקעניגין האָט מאַיעסטעטיש אָפּגעשטויסן פון זיך די כמאַרעס, געשמיסן זיי, מיט אירע זילבערנע בייטשן. די כמאַרע האָט זיך געשמאָלצן, באַקומען אַן אויסזען פון צעלאָזענעם שטאָל, דאַן האָט זי זיך צעשפּאָלטן אויף עטלעכע פלאַנגען און האָט זיך אונטערטעניק אָפּגעטראָגן. אויפן באַלקאָן, אין דער הייך, איז געווען שמעקנדיק פון די נאָענטע אַקאַציע־ביימער און אַ ביסעלע דושנע. די גאַנצע בריאה האָט געלעכצט נאָך אַ רעגן, נאָר די אַלמעכטיקע לבנה האָט נישט דערלאָזט. עס איז זי וויינִיק וואָס אָנגעגאַנגען, צי די „שוכני בתי חמר״* האָבן דאַרטן מיט וואָס צו אָטעמען, צי ניין...

יאַנים גאַניק און די פּאַראַדנע איז געווען פון דאַנען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, ממש ווי אויף דער דלאָניע. שלמה שפּאַרט זיך אָן מיט בײדע עלנבויגנס אין די אייזערנע שטאַכעטן, לייגט אַריין דעם קאָפּ אין די הענט און באַטראַכט נייגעריק די פּאַראַדנע פון הויז נומער 21. אַ באַקאַנטע פּאַראַדנע, ביז גאָר אַ באַקאַנטע... אונטער דער לבנה פּאַנטאַזירט זיך פריי. ווײל יאָ, וויל נישט, מישן זיך אויף זכרונות ימי־קדומים. שלמה זעט פאַר זיך אַלע הונדערטער נעכט פון זיין לעבן אין וועלכע ער איז געשטאַנען ביי יענעם גאַניקל וואָס אַקעגנאיבער. אמת, עס פלעגן זיך טרעפן נעכט אויך פריידיקע, אָבער מערסטן טייל זענען זיי געווען טרויעריקע, וויסטע. אָט דאָ, אָט דאָ באַרג־אַראָפּ האָט זיך יאָרנלאַנג זיין בלוט געגאָסן ריטשקעסווייז. שטיקער האַרץ האָט ער אויסגעשפּיגן אָט אויף דעם טראָטואַר, אין יענע פּאַרשאָלטענע ד׳ אמות... און גוואַלד געשריגן: פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַר וועלכע זינד? האָט דען דער מסבב־הסיבות נישט געקענט מאַכן, אַז ער זאָל באַגעגענען יוכבדן פאַר דער טורמע? פאַר פּאָלין? פאַר קיעוו? און ווידער צוריק: ווער ווייסט? אפשר איז גאָר אַזוי גלייכער? ווען נישט יענץ גאַניקל — וואָלט ער דען געפילט אין יוכבדס צאַרטער נשמה דעם זעלבן טעם, וואָס ער פילט איצט? ווען ער זאָל נישט געווען פריער דורכגיין אָט דאָס קאַלטע ביטל, אָט די שבעה מדורי גיהנום, וואָלט ער דען פאַרשטאַנען להבחין בין יום ובין לילה? ניין, ניין, ער וויל נישט מהרהר זיין נאָך דעם אייבערשטנס דרכים. אַ מענטש איז קורצזיכטיק, פון פונאויבן זעט מען בעסער. אָט למשל געפינט ער זיך איצט אין גאַנצן עטלעכע מעטער העכער פון דער ערד, האָט ער שוין אַ שטיקל פּריווילעגיע... ער וועט פריי און אומגעשטערט באַטראַכטן אַלע טולטשינ־

---

* „איינוווינער פון די ליימענע הייזלעך״. געמיינט: די מענטשן.

סקעס, און קיינער פון זיי וועט אים נישט זען, על אחת כמה וכמה פון זי־בעטן הימל... היינט, איז דאָך גאָט דער באַשעפער פון אַלץ און נישט קיין מענטש, ווייסט ער דאָך בעסער וואָס ס'איז פאַר אים גליכער... ניין, ניין, ער איז צופרידן מיט אַלעמען, אפילו מיט זיינע אַנגסטן, וואָס ער איז אויס־געשטאַנען אין מאָסקווע, אין אַזיע, אין טורמע. ער איז איצט מוחל אַלע־מען, אפילו אומאַנסקין, אפילו קאָזאַקאָוון, אפילו זאַכאַר אָסיפּאָוויטשן. ער איז איצט קיינעם, קיינעם נישט קיין שונא, אַבי יוכבד זאָל שוין זיין זיינע, ער זאָל שוין האָבן דאָס רעכט איינצושליסן איר שטאָלצע פיגור אין זיינע אָרעמס און זאָגן אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט: זה חלקי מכל עמלי. איך — דאָס איז זי, זי — דאָס איז איך...

ער פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע, דערמאָנט זיך אין עפּעס און גיט צו זיך אַליין אַ שמייכל. ער האָט אַ מאָל געזאָגט צו מנשהן: מיר איז שוין אַזוי באַשערט, צו פּגרן ווי אַ הונט הינטערן פּלויט אויף אוריצקע 21. ניין, עס איז אַ טעות, אויף אים וואַרט ערגעץ אַנדערש זיין קבר. אור־מעטום איז מעגלעך, נאָר שוין נישט אויף אוריצקע. אַ מענטש איז אַ נאַר, ער ווערט באַלד איבערראַשט. אַ קליין קעפּעלע, פאַרדרייט זיך עס גיך...

מיט אַ מאָל און עפּעס אומגעריכט איז טאָג געוואָרן. שלמה האָט צו־געריקט דאָס בעטל צו די סאַמע שטאַכעטלעך, זיך איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע, — זאָלן די קאַמיניעצקים מיינען, אַז ער שלאָפט. זיינע אויגן זענען איצט ביז ווייטיק צוגעשמידט צו יאַנים פאַראַדנע. מען זעט נאָך קיינעם נישט. עס איז נאָך פרי. עס זענען איצט אַקוראַט די לעצטע עקזאַמענס. מסתמא זיך שפּעט געלייגט. שאַ, די טיר עפנט זיך! ווייס איך, ס'איז גאָר דער דוואָרניק. ער האָט זיך קוים דערמאָנט אויפצושטיין, דער פריץ. ווי, ווי, וויפל מאָל האָט אָט דער דוואָרניק זיי געעפנט נאָך האַל־בער נאַכט?... וויפל מאָל? אַך, דאָס איז געווען אַ זעלטענער איינפאַל מיט די פאַרפומען. בעסער האָט ער זיך גאָר נישט געוווּנטשן. פון זיין בעטל זעט ער אַלץ אַזוי דייטלעך, אַזוי בולט, אַז בעסער קען גאָר נישט זיין. שאַ, אָט גייט יאַני!

דאָס האַרץ גיט זיך אין אים שרעקלעך אַ וואָרף. יאַנין האָט ער ליב. דאָס איז אַ קרישטאָל־ריינע נשמה. אָבער וואָס קומט אַרויס? דער מאַ־ראַנץ איז בפירוש גוט, אָבער דאָס קערנדל איז ביטער. אַ שטייגער, וווהין גייט ער דאָס אַזוי פרי? אַ־האַ, מיט אַ קוישל. אין מאַרק אַריין, הייסט עס. פאַר וואָס זשע גייט נישט אסתר, נאָר ער? עס מוז זיין איינס פון די ביידע, אָדער מען איז צעקריגט אָדער זי איז עפּעס נישט געזונט. און אפשר איז ביי זיי צופעליק דאָ אַזוי ווייניק ממתקים אין מאַרק אַריין, אַז אסתר וויל נישט „שטיקעווען" און וויל נישט גיין? דאָס איז דאָך שוין אַזאַ מנהג ביי אַלע ווייבער: מיט ווייניק געלט שיקט מען דעם מאַן. יאָ־יאָ דאָס לעצטע איז אודאי גיכער פון אַלץ. און ווער איז דאָס? ס'האָט סאָנקע אַזאַ וואַקס געטון? או—וואַ, קיין עין־הרע! אַן אמתע „זשעניאַ פיינשטיין". אוי ווי, עס איז פאַר פאַלין אַ קליינע מעלה, וואָס

די יינגערע שוועסטער איז אזוי גיך ארויסגעוואקסן פון אלע קליידלעך. אויף יאַנין קער זיך איצט גוט־גוט דרייען דאָס היטל. ביי היינטיקע צייטן אַ פאַמיליע פון זעקס פּאַרשוין און קיינער העלפט אים נישט שלעפּן דאָס וועגעלע. בלויז סטיפּענדיאַטן. אויף קינאָ און אויף צייטונגען קלעקט זיי זייער אייגענער פּאַרדינסט. אָט לויפט זי שוין צוריק מיט אַ שקאַרמיצעלע. אודאי צוקער צו דער טיי. אויך אַ סימן דלות, אויב מען דערמאָנט זיך ערשט קויפן, ווען די טיי שטייט שוין אויפן טיש.

שלמה דערמאָנט זיך די סצענע אין גאַסטראָנאָם מיט פּאָלים צוקער קויפן. כמעלניקער מאַגנאַטן... זיך שוין אויסגעהאַנדלט. אַ! אווראַם לויפט מיטן פּאָרטפעל און מיט אַ פול מויל. נישטאָ קיין צייט אָראָפּצושלינגען דעם ביסן. אָט דאָס איז אַ מתמיד! ער און זיין דינה, פאַרברענטע מת־מידים. די גאַנצע וועלט אוועקגעשטעלט אין אַ זייט — און נאָר לערנען... ער, שלמה, וואָלט אזוי נישט געקענט. בשום אופן נישט. בילדונג איז אודאי אַ גוטע זאַך, אָבער דאָס לעבן איז נאָך אַ בעסערע... וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה? שוין אַ פערטל אויף ניין... ווו איז פּאָלי? אפשר האָט זי גאָרנישט גענעכטיקט אין דער היים און עס איז ארויסגעוואָרפן זיין גאַנ־צע המצאה?... שאַ! נאָר רואיק. זי גייט. זי שפּאַנט לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, מיט אַ גענגעלע פון אַ באַיאָרטער יידענע: נישטאָ זיך וואָס צו אײַלן, פון קיין איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס... ער קוקט זיך איין אין איר פּנים, דאַכט זיך אַ גאַנץ שיין פּנימל, נאָר עפּעס דאַכט זיך אים, אַז עס איז געשוואָלן אָדער אויפגעלאָפן ווי אַ פּיפּאַלעק פון זעמל־מעל קעגן דעם פלאַם. אינסטינקטיוו הייבט זי אויף די אויגן, נאָר שלמה פאַרשטעלט זיך געשווינד מיט דער קאָלדרע. ברוך־השם: זי האָט אים נישט באַמערקט. און דאָך האָט ער באַוויזן אויפצוכאַפּן איר בליק: אויגן, ווי דער ים־הקרח... און עפּעס איין אָקסל איז ביי איר אזוי ווי העכער פונעם צווייטן, דערפון באַקומט זיך, אַז זי גייט עפּעס מיט אַ זייטל, קרום־קיילעכדיק... ווי אזוי האָט ער דאָס ביז אַצינד קיין מאָל נישט באַמערקט? צי אפשר ווייזט זיך אים איצט אויך נאָר אויס?

ער פאַרמאַכט די אויגן און רופט ארויס יוכבדס בילד. ווייס איך, להבדיל באלף הבדלות! יוכבד איז אומשולדיק כתינוק בן יומו און צערט־לעך ווי אַ טייבעלע. יוכבד איז אַ בליענדיקע בלום. עס ברויזט אין איר די גאַנצע קראַפט פון אַ שיינער יונג־פרוי, און די דאָזיקע „פריילין" איז עפּעס ווי אָפּגעבליאַקעוועט, פאַרוועלקט, מיד פונעם לעבן, מיד פונעם אָנגע־זויגטן בלוט, ווי אַן אָנגעזעטיקטע פּיאַווקע, זי שפּאַנט שווערוואַגיק ווי אַ אָנגעזויפּטער וואָלף, זי זעט אויס ווי פאַרטשאַדעט פון „קאָנטינענטאַליער" שאַמפּאַניער־וויין, פון מאָנאָטאָנע לעקציעס, פון וואָלאָדקעס באַפלאַסטער־טע פרישטשעס... ווייס איך וואָס, אויב אָקעגנשטעלן זו קבל זו, מוז מען נישט ווילנדיק אַ געשריי טון:

— להבדיל בין הטמא ובין הטהור!

ער עפנט אויף די אויגן, זי איז שוין דורכגעגאַנגען. ער קוקט איר

נאָך מיט א גרינגן געמיט. אָך, געלויבט איז השם־יתברך... געלויבט איז השם־יתברך... דער כשוף האָט זיך פון אים אָפּגעטון. זי איז אים איצט לחלוטין, לחלוטין א פרעמדע... גלייך ווי ער וואָלט זי גאָר קיין מאָל נישט געקענט, אָדער ווי ער זאָל זי האָבן א מאָל באַגעגנט אין א שרעקלעכער טורמע פון וועלכער ער איז שוין לאַנג אַרויס... יאָ, ער איז פריי! ער איז באַפרייט פון געפּענגעניש און... און איז אַנגענעם אויף דאָס ניי געפּאַנגען.

*

א גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אין א פּורימדיקער שטימונג, ווי ער זאָל האָבן אַנטדעקט איינע פון די פאַרבאָרגנסטע וועלט־סודות. אַן איבערמענטשלעכער כח האָט אים געשטופּט און געשטויסן:

— פאָר שוין קיין אָלשאַנאַ און זיי גומר דעם ענין אין א גוטער שעה. פאָר שוין, זאָם נישט, שמא יקדמנה אחר ברחמים! ישראל־יוסף האָט דיר דאָרט בלתי־ספק ווייך אויסגעבעט. עס וועט ביי דיר זיין: זכה — מלאכתו נעשית על ידי אחרים... צי אָט די גאַנצע חקירה ודרישה איז דיר נאָך אַלץ קאַרג?

א מער באַזשובטער רעיון האָט געזאָגט:

— יאָ, עס איז נאָך קאַרג, דו דאַרפסט זי נאָך באַגעגענען פנים אל פנים. ולא עוד, נאָר אויב עס וועט זיין מעגלעך — אפילו רעדן מיט איר... און ערשט דאַן זיך באַשליסן. יאָ, אַזוי איז דאָס: א כוס, א זיסן, צי א ביטערן דאַרף מען אויסטרינקען ביזן דנאָ, און אויב ס'איז אַזוי באַשערט, איז אפילו מיטן קבעת כוס התרעלה.* ערשט דאַן וועט דאָס הייסן אָפּגע־טון א שטיקל אַרבעט — ראַיעל...

אויף צו מאָרגנס נאָך האַלבן טאָג איז ער אַרויסגעפאָרן צום אינסטי־טוט, וווּ פּאָלי האָט אָפּגעגעבן די עקזאַמענס. קעגן דער איינציקער טראַמ־וויי־סטאַנציע, פון וועלכער אַלע סטודענטן פלעגן אָפּפאָרן סיי אין שטאָט אַריין, סיי קיין סוויאַטאָשין, איז געווען א קליינינקער סקוועריק. אָט דאָרט אויף א באַנק, פאַרשטעלנדיק זיך דאָס פנים מיט א צייטונג, האָט שלמה זיך צוגעזעצט אָפּוואַרטן פּאָלים אַרויסגיין פון די עקזאַמענס. הונדערטער סטודענטן און סטודענטקעס האָבן דאָרט אַרומגעשמייעט אַהין און צוריק. עס האָט געקאָכט ווי אין א גיגאַנטישן קעסל. מען האָט גע־דאַרפט האָבן אפשר צען פאָר אויגן, כדי נישט דורכצולאָזן אומבאַמערקט קיין איינעם פון די אַרויסגייענדיקע. אָט, זעט ער, לויפט אַרויס זיין דינה. דאָס פנים אירס פלאַמט ווי ביי א כלה צום באַדעקנס. מאַכנדיק אין דער צייטונג מיטן נאָגל א שפּאַרונע, פאַרהענגט ער זיך מיט איר דאָס פנים. ער זעט אויף דינהס פנים און אין איר געלויף, אַז זי האָט היינט געהאַט דער־פאָלג. זאָל איר גאָט העלפן! וויניק האָרעוועט זי נעבעך? עס איז פּונקט אָנגעלאָפן א טראַמוויי. ער איז פול געפּאַקט. מען הענגט אויף די טרעפּ־

---

* די הייזון פון דעם כוס מיט גיפט. פון ישעיה.

לעך אזוי ווי הערינג אין דער וויטרינע און דינה הענגט זיך אויף אויף א הענגענדיקן... אך, ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט איצט אזא וויכטיק שטיקל ארבעט, וואָלט ער זי אראָפּגעשלעפּט פאר די צעפּ. הם, זי איז טאקע אוועקגעפאָרן! אך, אך, אך... עס זאָל כאָטש מיט איר גאָרנישט געשען. ער וועט איר שוין אָנדרייען די אויערן, אז ער וועט קומען אהיים. נו, נו, נאָ־דיר גאָר ריזיקירן מיטן לעבן איבער עטלעכע מינוט. און אויב זי וועט אויסוואַרטן א ביסל, קען זי אָנווערן מי יודע וואָס? אָ! ווי דען? איצט גייט א לייִדיקער וואגאָן. ס'איז אלע מאָל אזוי די חקירה: נאָך א פולן גייט א לייִדיקער, און נאָך א לייִדיקן ווידער א פולער. דאָס איז שוין בדוק ומנוסה. שאַ! האלט קאָפּ! די פּרימאַדאָנע גייט! דאכט זיך, אויף דער מראה עפּעס נישט אזוי פרייִלעך... אזוי איז דאָס: זה ישפּיל וזה ירים... נו, מען דאַרף גיין זי מקבל־פּנים זיין.

ער לייגט אריין די צייטונג אין טאַש, מאַכט א היפּשע הקפה ארום דעם פּלאַץ און קומט אָן צו דער טראַמווייִ־סטאַנציע גלייך מיט פּאָלין, אין איין און דער זעלבער רגע.

— הא, פּאָלי?

זי האָט אויסגעזען פאַרשעמט און זייער נידערגעשלאָגן. דערזעענדיק שלמהן האָט זי זיך קעגן איר ווילן א וואַרף געטון אויף צוריק. ער האָט איר א קוק געטון גלייך אין די אויגן אריין, גלייך אין דער נשמה אריין. אַלע חושים האָבן זיך געיאָגט אים אָנצוזאָגן די גרויסע בשורה:

— דער זעלבער גזלן וואָס געווען...

פון אָט דער אַנטדעקונג איז אים אויפן הארצן עפּעס מיט א מאָל געוואָרן יום־טובדיק. ווען ער זאָל נישט מורא האָבן שלעכט פאַרשטאַנען צו ווערן, וואָלט ער זי דאכט זיך, א קוש געטון, בלויז דערפאַר, וואָס זי האָט איצט אַזעלכע שלעכטע אויגן. אָט דאָס דאַרף ער...

פּאָלי האָט זיך דערווייל א ביסל צוריקגעפונען. זי איז צוגעגאַנגען נעענטער:

— וואָס מאַכט איר עפּעס גוטס, שלמה?

— בעסער קען גאָר נישט זיין.

— דאָס זאָגט איר נאָר, צי עס איז טאַקע אזוי?

— ביי מיר איז אַלע מאָל אזוי ווי איך זאָג, און איך זאָג אזוי, ווי עס איז... אָבער דאָך איז אַזאַ ענטפער נאָך קיין מאָל אזוי אמת נישט געווען ווי גראָד איצט. אָ! ענדלעך גייט דער זעקסטער. זייט געזונט! א גרוס אייער טאַטן.

נאָך דעם זעלבן פאַר נאַכט איז שלמה אָפּגעפאָרן קיין אָלשאַנאַ.

קאפיטל XXX

ווען שלמה איז אין יענעם אָוונט אריינגעקומען צו די ראדיעצקעס אין זאַל אריין, האָט ער אויף אַלעמענס פּנימער גלייך איבערגעלייענט, אַז דער שוחט האָט דאָ אָפּגעמאָלט הרב ביאַליקס סיום נאָך זיבן מאָל רעשי־קער ווי ער איז געווען אין דער אמתן. ר׳ נחמן האָט זיך אויפגעהויבן פונעם טיש אים אַקעגן, נאָר געוואָלט אים אַוועקזעצן אויבן־אָן לעבן זיך, שלמה האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרנעמען דער באַלעבאַסטעס פּלאַץ און האָט זיך געזעצט צווישן דער חברה. דאָס גאַנצע געזינדל האָט זיך געפונען אַרום טיש, מען האָט געהאַלטן אין מיטן דער וועטשערע. דער־זעענדיק ווער ס׳איז אַריינגעקומען, האָבן זיך אַלע לעפל אָפּגעשטעלט. אַפילו די פּיצלעך האָבן מיט „אָנגעפּאַקעוועטע" מיילער אויסגעטראַש־טשעט זייערע ברענענדיקע אייגעלעך און געקוקט אויפן גאַסט.

סאָסי ווענדעט זיך צו אים:

— אפשר ווען מיר האָבן די ערע, אַז דו זאָלסט מיט אונדז צוזאַמען עסן וועטשערע?

— אין אמתן גערעדט בין איך נישט הונגעריק, נאָר אויב איר ווילט שטאַרק, אויב איר האַלט דאָס פאַר אַן ערע, קען איך אייך צו ליב טון.

— אָך! אויב אַזוי ביסטו טאַקע אַ מאַלאַדיעץ! יוכבד, גיב אַ האַנטעך.

צום ערשטן מאָל זינט ער איז אַריינגעגאַנגען, גיט ער אַ קוק אויף יוכבדן און ווערט אַזש פאַרצאַפּלט: זי שיינט ווי דער מאָרגנשטערן אין חודש מאַי, זי שטראַלט ווי אַן ערשט געשליפענער בריליאַנט. עס איז ביי אים גאָר קיין ספק נישט, אַז דאָס ליכטיקייט אין צימער נעמט זיך פון איר פּנים, נישט פון דעם לעמפּעלע. וואָרעם וואָס פאַר אַ ווערט האָט די עלעקטרי קעגן אַזעלכע בליענדיקע בעקעלעך, קעגן אַזעלכע שיינענדיקע אויגן. יוכבד טראָגט אַרויס אַ פינקלענדיקן האַנטעך, און נישט אויסרעדנ־דיק קיין וואָרט, הענגט זי אים אויף אויף דער פּלייצע פון זיין בענקל. איר מאָדנע שעמעוודיקייט איז אים איצט זייער פאַרשטענדלעך: זי האָט מורא זיך צו באַגעגענען מיט זיינע אויגן. שלמה פילט, אַז ער אַליין איז איצט אויך נישט ווייט פון דעם זעלבן געפיל. ביים טיש קומט ער אַ ביסל צו זיך. ער דערציילט נאָך תורות פונעם סיום, זאָגט איבער יעדענס חידושים, זאָגט איבער ביאַליקס דרשה כמעט וואָרט ביי וואָרט. דער פאַ־טער אָבער וויל אַלץ זען אינעווייניק: אותיות מחכימות. שלמה איז מסכים: ניתי ספר ונחזה. ער רופט אַלץ אָן גמרות, און די חברה לייט, ברצון, צי באונס, האַלטן אין איין ברענגען צו טראָגן. אויפן טיש זעט מען שוין נישט אַרויס קיין טעלער, נאָר גמרות, גמרות און נאָך אַ מאָל גמרות. שלמה מישט איבער ש״ס מיט אַזאַ געניטקייט, אַז ער פאַרוווּנדערט אַלע־מען מיט זיין בקיאות און פלינקייט פון זכרון. אָפּגעגעסן, האָט שלמה דער־

לאנגט צום טיש זיין פעקעלע מיט פריש־אויפגעקומענע פירות אויף „שהחיינו”: מארעלן, ווײנפערלעך און אבריקאסן. די מיטלסטע שנור האט אים א בעט געטון: אפשר וואלט ער עפעס געשפּילט? אלע ביים טיש האבן זי שווייגנדיק אונטערגעהאלטן, חוץ ר׳ נחמנען. ער האט געטענהט, אז שלמה איז אודאי מיד פונעם וועג און ס׳איז אן עוולה אים איצט צו עקספּלאאטירן. און חוץ דעם איז ער נאך אודאי שלעפעריק פון „יענער נאכט”...

שלמה האט זיך דווקא דאס מאל נישט געלאזט לאנג בעטן. ער האט אי געזונגען, אי געשפּילט. ער כאפּט א קוק אויף יוכבדן און פילט, אז ער ברענט אין גאנצן. עס עקט זיך אים דאס חיות. ער לייגט אריין דעם קאפּ אין די הענט, און אין מח קומט ביי אים פאר א דרינגענדיקע באַראטונג.

דער פּראקוראר פרעגט:

— וואס ווילסטו, וואס?

— כ׳ווייס נישט. איך ווייס נאר, אז איך פלאקער ווי א שטרויענער דאך. אט דאס ווייס איך גוט.

— איז וואס זשע ווילסטו?

— איך קען נישט לעבן אן איר, מענטש איינער... איך בין דאך אויס מענטש, זעסט דען אליין נישט? איך פיל, אז זי איז באשאפן געווארן ספּעציעל פאר מיר... כל עצמותי תאמרנה: ס׳איז מיינס...

— שלמה, באדענק זיך גוט, ווייל א ווארט, איידער מען לאזט עס ארויס פונעם מויל, איז דער מענטש באלעבאס אויף דעם, האט ער עס נאר ארויסגעלאזט — איז שוין דאס ווארט באלעבאס אויף דעם מענטשן. פארליר נישט דעם קאפּ, שלמה —

— וואס טויג מיר די פילאזאפיע? אירע אויגן צינדן מיך אן, ממש איר ווער פארברענט...

— איז וואס זשע, ווילסטו, הייסט עס, אנהייבן רעדן מיט איר אפענע דיבורים?

— יא!

— נו טו ווי דו פארשטייסט, און זאל דיר גאט העלפן.

— אוי, גאט זאל מיר העלפן! אז נישט, איז מיין לעבן א גראשן נישט ווערט.

סאסי מונטערט אים:

— וואס איז דיר? וואס פילסטו זיך? עס איז דיר עפּעס נישט גוט?

— ווייס איך, נארישקייטן. דער קאפּ טוט מיר א ביסל וויי.

— אפשר וועסטו זיך צולייגן א ביסל, ביז עס וועט איבערגיין?

— ניין, א דאנק. איך וועל באלד גיין אהיים. איך וועל זיך דורכשלאפן און עס וועט מיר איבערגיין.

אונטערן טיש נעמט ער ארויס פון דער הויזן־קעשענע דעם בלאקנאט און לייגט אים אוועק אויף דער קני. נישט טוענדיק קיין פינטל מיט

קיין אויג מישט ער דאָרט אויף אַ מיטלסדיק ריין בלעטל און וואַרפט אָן עטלעכע ווערטער. דאָס צעטעלע רייסט ער פאַרזיכטיק אַרוים און באַהאַלט עס אין קעשענע.

הירשל זאָגט:

— שלמה, פאַר וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי דערשלאָגן? דערצייל עפּעס אַ פריילעכס, מען זאָל אַ ביסל לאַכן, וועט פריילעכער ווערן אויף דער נשמה.

שלמה גיט מונטערער אַ ביסל אַ טרייסל מיט זיין שעוועליורע און זאָגט לאַכנדיק:

— איר ווילט באמת אַ ביסל לאַכן?

אַלע אין איין כאָר:

— וואָס פרעגסטו נאָך אַזעלכע זאַכן? ס'איז ביי דיר נאָך אַ קלער, צי מיר ווילן?

— ווילט איר, הייסט עס, איננעמען אַ ביסל לאַכעניש? שלום־עלי־כמס רעצעפּט?

— מיר ווילן, מיר ווילן.

— אויב אַזוי, קען איך אייך דערציילן. איך האָב גראָד איצט, זייענ־דיק אין קיעוו, געהערט עטלעכע זייער קאָמישע אַנעקדאָטן. זאָל איך זיי דערציילן, ר' נחמן?

— כ'ווייס? אַז זיי בעטן דיך אַזוי, פאַר וואָס נישט?

— אַלזאָ, דערציילט מען אַזוי. אַ קלוגער נאַר אָדער אַ נאַרישער חכם, האָט אַ מאָל אַזוי געזאָגט: אויף דער וועלט זענען פאַראַן דריי נאַראָנים: אַ פידלער, אַ שיפלער, און צולעצט — יעדער מענטש. מיט וואָס איז אַ פידלער אַ נאַר? — די גאַנצע וועלט הערט זיין שפּילן שטייענדיק פון דער ווייטנס און ער, שוטה — מוז צוליינגן דעם אויער... מיט וואָס — אַ שיפ־לער? — ער פירט למשל אַ שיפל מיט משא, ווערט אים שווער, שפּייט ער אָן אויף די דלאָניעס און הייבט אָן צו רודערן מיט מער חשק. אַזאַ שוטה! ווילסט איינגעצן די הענט? נעם דיר אָן פולע זשמעניעס מיט וואַסער! עס זשאַלעוועט דיר עמעצער? ניין, דאַרף ער שפּייען ווי אַ קעמל... איצט מיט וואָס איז יעדער מענטש אַ נאַר? — וויפל קישנס מיט פערענעס מען בעט אים נישט אונטער, איז אים נאָך אַלץ קאַרג, מוז ער נאָך אונטערלייגן אונטערן קאָפּ די האַנט...

אַן אויפרייס פון געלעכטער אין זאַל.

— ווייטער דערציילט מען אַזוי: ס'איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אשת־חיל פון אשת־חיל לאַנד. אַזוי ווי דער יונגער־מאַנטשיק האָט ליב געהאַט דעם „זשליאַפּ", ווען ער פלעגט נאָר דערזען אַ „מאַנאַפּאָלקע" פלעגט ער איננעמען אַ מיתה־משונה, האָט זיין „זוגתי תחיה" נישט געקענט דערלאָזן צו קיין „שתי־רשויות" און האָט בכבוד גדול אַליין „אָנגעטון די הויזן". און אַזוי ווי די גרעסטע סכנה איז געווען, טאָמער האָט דער „תכשיט" געפּאַקט אַ מזומנעם גראָשן אין די טריפּהנע

ידים אַריין, פּלעגט טאַקע זיין בחורטע האַלטן דאָס בייטעלע מיט די גריי־צערס ביי זיך אין בוזעם אין אים געבן אַ מכה. האָט זיך געטראָפן אין איינעם אַ פרימאָרגן, דינסטיק איז דאָס געווען, דער מאַן האָט צעהאַקט דאָס גאַנצע האָלץ פון דער קאַמער, אָנגעטראָגן וואַסער אין ביידע דייזש־קעס, צעהאַנגען דאָס וועש אויפן פּלויט, אויסגעקערט אין שטוב, בקיצור, ער האָט געזען, אַז די „פּלונית" קוקט אויף אים איצט מיט אַ גוט אויג, אַז זי איז איצט נישט „אָנגעדרודלט" ווי אַלע מאָל. דערזען אַזאַ ישועה, האָט ער אָנגעהויבן צושטיין צו איר, אַז זי זאָל אים געבן די נויטיקע עט־לעכע גולדן אויף צו קויפן אַ פערטל אָקע בראָנפן. זיין באַשערטע האָט דערפון אפילו נישט געוואָלט הערן.

— שוין לאַנג שטיל געוועןֿ? — האָט זי געטענהט — וויפל איז ערשט דאָ, אַז דו האָסט זיך געוואַלגערט אין אַ קאַליוזשע ווי אַ דבר־אחר?

דער יונגערמאַן האָט זיך געבעטן ביי איר:

— דו האָסט קיין גאָט אין הארצן נישט, קיילע־דוואָסיע... וויפל יונגע־לייט איך קען, געבן זיי די ווייבער זייערע פון צייט צו צייט אויף אַ פּלע־שעלע, נאָר דו איינע האָסט זיך אָנגענומען מיט אכזריות...

— אומגליק מיינער! ביסט משוגע, צי חסר־דעה? ס'איז אַ שייר־נער משל! וואָס גלייכסט דו זיך צו אַנדערע יונגעלייט? ביי לייטן אַ יונגערמאַן, אַז ער קויפט אַ פּלעשל משקה, קלעקט אים שוין אי אויף כיבוד פאַר אורחים, אי אויף קידוש, אי אויף הבדלה, און ביי דיר — נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט — אַבי דו פּאַקסט אין די הענט אַריין דעם ביטערן טראָפּן, איז גלייך אין האַלדז אַריין: גול־גול־גול און אַ קוש דעם דנאָ... גלייכט זיך צו עמעצן, גלייכט ער זיך...

— הער זשע מיך אויס, קיילע־דוואָסיע סערדצע, איך שווער דיר ביי מיינע באָרד און פּיאות...

— שוין געהערט, שוין געהערט...

— ...ביי מיינע ציצית... אויך שלעכט? שאַ, דאָס ווייסטו דאָך גוט, אַז „כל ישראל יש להם חלק לעולם־הבא", צי ניין? שווער איך דיר ביי מיין חלק עולם־הבא! עולם־הבא האָט עפּעס די ווערט, האַ? שווער איך דיר, אַז אויב דו גיסט מיר אַצינד אויף אַ „שקאַליק", * וועט ביי מיר שוין אויך קלעקן אי אויף קידוש, אי אויף הבדלה... אָט וועסטו אומיסטן זען, אַז איך נאָר נישט אָפּ... פּרווו נאָך דאָס מאָל, וואָס שטעלסטו דאָ איין?...

בקיצור, עולם כמנהגו נוהג: נשים דעתן קלות — ער האָט איר איינגערעדט. זי האָט אָפּגעווישט די הענט אין פאַרטעך, אַרויסבאַקומען פונעם רעכטן אָרט דעם מטמון און אים אָפּגעציילט אחת ואחת. זי קוקט זיך אום — והילד איננו! דערטאַפּט די גראָשנס איז ער פייל אויסן בויגן אַוועק אין מאָנאָפּאָל. אין עטלעכע מינוט אַרום, זי הערט: ער איז שוין דאָ אויף צוריק. נאָך אין אַ מינוט אַרום שרייט ער איר אין קיך אַריין:

— קיילע־דוואָסיע, ווו ביסטו דאָרטן? קום גיך אַריין הערן הבדלה...

---

* פּלעשל בראָנפן.

אין צימער איז אַ געלעכטער ביז טרערן. שלמה אַליין לאַכט אויך, דאַן צענעמט ער די הענט:

— עד כאן אומרים בשבת־הגדול... מער האָב איך דאָס מאָל נישט געהערט.

הערשל דערלאַכט נאָך זיין חלק און טאַרקעט אים:

— דאָס זענען זייער שיינע אַנעקדאָטן, אָבער „ציווילע", העכער פון „מקום" און העכער פון „זמן", איך האָב געמיינט פּרישע, אַנטי־סאָוויעטישע, * На злобу дня, מיט אַ פעפערל...

— קיין נייע אַזעלכע האָב איך איצטיקס מאָל נישט געהערט.

— נו, האָסט נישט קיין נייע, דערצייל אַלטע...

— ווייס איך, אַלטע זענען נישט אינטערעסאַנט.

— עס מאַכט נישט אויס. אין דעם לאַך, וואָס מען זאָל נישט דער־ציילן איז דאָס שפּאָגל־ניי.

— מילא, אַז אייך איז ליב — איז מיר ניחא, אַלטוואַרג האָב איך גענוג, נאָר מסתמא האָט איר זיי שוין אַלע לאַנג געהערט.

שלמה פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע און הייבט אָן שמייכלענדיק:

— אַ פויער איז געקומען צו אַ דאָקטער פאַר הויט־קראַנקהייטן און איז געווען מלא־יסורים: ביי אים אויפן קאָפּ איז זייער נישט פריי־לעך. ס'איז דאָרט אַזאַ יאַריד פון די באַוווּסטע באַשעפענישלעך, אַזאַ משונהדיקער אַנלויף, אַז ער ווערט שיר נישט משוגע. ער האָט שוין איבער־געפּרוווט כל העצות שבעולם — ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט... עס ווערט נאָך גאָר ערגער. „גוואַלד, וואָס טוט מען דערצו, ער וועט דאָס נישט אויסהאַלטן"... ענטפערט אים דער דאָקטער: — „איין תרופה קענט איר נאָך פּרובירן. לאָזט אַרויס אַ קלאַנג, אַז איר גייט ביי זיך אויפן קאָפּ גרינדן אַ קאָלכאָז, וועט איר זען, ווי זיי וועלן זיך צעלויפן"...

אַ פּריש געלעכטער.

— ...ווי מיר ווייסן, פּירט אָן מיט אונדזער מדינה די **.P. K. П דרשעט מען על־פּי סוד: מאי־קא־משמע־לן P.K.п? די „ריש" באַטייט: ראַדיאָ, וואָס מען הערט, נאָר מען זעט נישט. ווייטער, די „קוף" מיינט: קינאָ, וואָס מען זעט, נאָר מען הערט נישט.*** און די „פּא" מאַכט: פּרנסה, וואָס נישט מען זעט און נישט מען הערט...

ר' נחמן איז צופרידן:

— בפירוש נישט קיין שלעכט ווערטל... און דער עיקר: נישט ווייט פונעם אמת.

שלמה דערציילט ווייטער:

---

* כמו: מענינא דיומא.

** ר. ק. פּ. — „אַרבעטער און פויערן פּאַרטיי".

*** קיין טעלעוויזיע איז נאָך דאַמאָלסט אויף דער וועלט נישט געווען, און רעדנ־דיקע פילמען זענען אין ראַטנפאַרבאַנד צו יענער צייט נאָך אויך געווען אַ יקר־המציאות.

— ...ס'איז דאָ דריי מינים „קאָל״. בשעת מען זאָגט: „כל נדרי״, עסט מען נישט אַ גאַנצן מעת־לעת; בעת מען זאָגט: „כל חמירא״, עסט מען נישט אַ גאַנצע וואָך; און בעת מען זאָגט: „קאָלכאָז״, עסט מען קדחת אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר...

די ראַדיעצקעס קאַטשען זיך פאַר געלעכטער.

— ...ווייטער דערציילט מען, זענען אין פאָלעש אויף אַ באַנק געזעסן ירחמיאל „חריף״ און טאָדרעס „תקיף״ און האָבן זיך טיף געחקרנט אין דער הארבער סוגיא פון קאָלכאָזן. דער ערשטער איז דעם ענין דורש לשבח, דער צווייטער — לגנאי. נאָך אַ היפשן ישוב־הדעת זאָגט ירחמיאל צו זיין בר־פלוגתא:

— הערסטו, טאָדרעס, דו מיינסט, אַז ביי מיר זענען בלויז דיבורים בעלמא? ניין! געגוג אַרומגעטראָגן זיך מיט מחשבות און רעיונות און ספקות! איך וועל אַ שפּיי טון אויף אַלע חלומות און אַוועקגיין אין קאָלכאָז אריין —

— משוגע, צי מטורף?

— די תורה הייסט אַזוי...

— אַלע בייזע פינצטערע חלומות... וווּ שטייט עס, וווּ?

— עס שטייט נישט בפירוש, אָבער עס איז מרומז —

— אַן עק, לאָמיך שוין וויסן, וווּ האָסטו עס אויסגעקראַצט אַזאַ געראָטענעם רמז?

— שאַ, דו, זידל זיך נישט, דרך־ארץ ווייסטו? אין פסוק שטייט: ד׳ ילחם לכם, גאָט וועט אייך טאַקע געבן ברויט, אָבער — ואתם תחרישון, קודם דאַרפט איר אַקערן....

— אָט דאָס איז אין גאַנצן? שטייט אָבער שפּעטער, — אויך ברמז — ונתתי עשב בשדך — זאָל עשיו גיין אין פעלד אריין, זיי וועלן דאָרטן, אם ירצה השם, האָבן אַ מנין אויף אָן אונדז. דער צווייטער רמז שטייט פיל שפּעטער און כנודע איז: תתאה גבר... גראָבן קאַרטאָפל איז נישט אונדזער בראַנזשע, מוחל דעם כבוד!

דער עולם לאַכט.

— ...אַן אַנדער באַנקקוועטשער האָט אין די רעוואָלוציע־יאָרן מחבר געווען אַזאַ שאלה־ותשובה: — „מנין ל,,סאָוויעטסקאַיאַ וולאַסט״ מן התורה? — סטייטש, ס'איז דאָך אַ בפירושער פסוק אין תפילת־מוסף: „אנעים זמירות״ — אַרעמעלייט וועלן זינגען, „ושירים אארוג״ — און די גבירים וועל איך אויסהרגענען״...

חברה קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער.

— ...איין אַרמענער פרעגט דעם צווייטן:

— וואָס איז דאָס, פון אויבן איז פעדערן און פון אונטן איז שרעקלעך?

— כ'וויים? אַן אָדלער? אַ ווילדע גאַנדז?

— ניין, האָסט נישט געטראָפן.

— וואָס דען איז דאָס אַזוינס?

— דאָס האָט אַ פייגעלע זיך געזעצט אויף דער געבײדע פון דער געפּעאו... און איצט טרעף נאָך דאָס זעלבע נאָר פאַרקערט: וואָס איז דאָס, פון אויבן איז שרעקלעך און פון אונטן איז פעדערן?

— כ'בין גאָר נישט אַזוי קלוג, אַז כ'זאָל קענען צוטראַכטן...

— זעסטו שוין? דאָס שלאָפט דער נאַטשאַלניק פון דער געפּעאו אויף אַן איבערבעט...

דאָס צימער ציטערט פאַר געלעכטער.

— ...אַ ייד פון אַ קליין שטעטל איז געקומען אין דער גרויסער שטאָט ווו ער האָט געהאַט אַ זון. פאַרבייגייענדיק לעבן דער פּאַראַדנע פון דער געפּעאו, זעט דער ייד, אַז אויף דער טיר הענגט אַ קליין שילדעלע. גיט ער אַ שטורכע דעם זון און פרעגט אים שעפּטשענדיק:

— וואָס שטייט דאָרטן אויפגעשריבן?

דער זון לייענט איבער און זאָגט אים:

— דאָרט שטייט, אַז פאַר זײטיקע מענטשן איז דער אַריינגאַנג פאַרווערט.

דער ייד שיסט אויס מיט אַ געלעכטער:

— משוגעים, אויף מיין וואָרט! אַנו, ווען מען גילדט מיך אָפּ, אַז איך זאָל אַהין אַריבערשטעלן אַ פוס...

דער גאַנצער עולם ווישט זיך אָפּ די טרערן פון דעם לאַכן. מיט גליענדיקע פינגער טאַפּט שלמה אָן דאָס צעטעלע אין טאַש און ווערט מיט אַ מאָל ערנסט. ער רופט זיך אָן מיט אַ פאַרדומפּן קול:

— שאַט, איר ווילט הערן עפּעס אַ אינטערעסאַנטע זאַך, אָבער טאַקע אויף אַן אמת אַ אינטערעסאַנטע, נישט סתם קיין דברים בטלים...

— דערציייל, דערציייל, שלמה. וואָס פרעגסטו גאָר, צי מיר ווילן הערן?

— דאָס איז נישט אויף צו דערציילן, נאָר אויף צו פרעגן ביי אייך. איך מיין אייך אויך, ר' נחמן. עס איז אַ האַרבלעכע סוגיא. איר מעגט אויך דערויף אַ קנייטש טון דעם שטערן, נישקשה: טבא חדא פלפלתא חריפתא, ממלי צנא קרי.* איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך האָב די רעטעניש נישט געטראָפן, אָבער אפשר וועט איר זיין מזלדיקער פון מיר. הערט זשע אויס, מיט גרוים כונה:

— עס זענען אַ מאָל אַרויסגעפאָרן אויף שפּאַציר צוויי פּאַרציי־טישע פּריצים, גוטבאַזיצערס. איינער פון זיי האָט געהייסן וולאַדיסלאַוו, למשל, און דער צווייטער, לאָמיר זאָגן, סיגיזמונד. יעדער פון זיי איז זיך געפאָרן פון זיין מאַיאָנטעק, אויף זיין קאַרעטע מיט די געשניצטע רעדער, מיט דער בלויער סאַמעטענער בויד, מיט די פיר אָדלערס אין דער ברייט. דער וועלמאָזשאַ ליגט צעלייגט אויף די פּוכאָווע קישעלעך, און זיין גע־

* עס איז בעסער איין האַרב פּעפערל, פון אַ פולן קויש גרינוואַרג. אַ גמראַ־ווערטל.

טרייער קוטשער האלט איין די פערד, אז זיי זאלן גיין פּאוואָליע, שאַ־שטיל, כדי דער אדון זאָל קענען כאַפּן א דרימל. דער פּריץ עפנט אויף איין אויג: די זעלבע אומענדלעכע פעלדער וואָס נעכטן, דאָס זעלבע משופּעדיקע וועלדעלע, דאָס זעלבע בריקל, און אזוי דאָס טייכל און אזוי דער בארג... אלץ, אלץ דאָס זעלבע, כסדר און אייביק — דאָס אייר־גענע, א האר נישט געמינערט. ער מאַכט צוריק צו דאָס האלב־אָפענע אויג: אוי, אַן אומעט! אַן עסנדיקער אומעט!... וואָלט כאָטש געווען א געיעג; וואָלט כאָטש געווען א טעאַטער; אפילו א וואַנדערנדיקער צירק; וואָלט כאָטש געווען מיט וועמען זיך צו קריגן; וועמען ארויסרופן אויף א דועל; וועמען היימן אָפּשמיימן; כאָטש הרגענען עמעצן; זאָל זיין וואָס עס איז, אבי א ביסל צעטרייבן אָט דעם וויסטן אומעט. עס וויינט דווקא אין נאָענטן מאַיאָנטעק פּאַן סיגיזמונד, וואָס זשע קומט ארויס, אַז זיי זעען זיך כמעט נישט. דעם שטייט נישט אָן פּאָרן צו יענעם, און יענעם שטייט נישט אָן פּאָרן צו דעם, און אָט אזוי, א דאַנק זייער איינגעבוירענער גאוות נודיעט מען זיך אָפּ די יאָרן אין שטיקנדיקער איינזאַמקייט. אקוראַט די זעלבע געדאַנקען האָט אויך סיגיזמונד. און אָט פּאָרט זיך יעדער פון זיי אין זיין קאַרעטע, איינגעהילט אין זיין שליאַכעצקע גאוות, און קיינעם פון זיי פּאַלט אפילו נישט איין מיט עפּעס צו ענדערן זייער איינטאָניקן לעבנסשטייגער. די וועגן פירן בפירוש פון פּאַרשידענע ווינקלען, אָבער זיי פּאָרן אזוי לאַנג און אזוי ברייט, ביז זיי באַגעגענען זיך אויפן שיידוועג. דאַן גייען זיי אראָפּ, נעמען זיך ארום, צעקושן זיך, שמועסן א ביסל און ווידער כאַפּט זיי ארום דער כסדרדיקער אומעט, די צוגעגעסענע שלעפעריקייט. מענטשן מאַגנאַטן, מיליאָנערן, אָבער גליק קויפט מען נישט פאר קיין געלט. נודיען זיי זיך. פּלוצלינג רופט זיך אָן וולאַדיסלאַוו:

— ווייסט וואָס, סיגיזמונד, לאָמיר זיך וועטן וועגן עפּעס א זאַך.

— אָך, מיטן גרעסטן כבוד. געלט איז בלאָטע, אָבער וועגן וואָס?

— טרעף, וואָס מיר איז איינגעפאַלן.

— וולאַדעק, שוין צייט דו זאָלסט וויסן, אז איך האָב נישט ליב צו טרעפן. אז דו וועסט זאָגן, וועלן מיר הערן.

— איך בין געפאַלן אויף אַזאַ המצאה. מיר זעצן זיך ביידע צוריק יעדער אין זיין פּאַעטאָן. און אזוי ווי ווייטער מיט אנדערטהאַלבן קילאָ־מעטער געפינט זיך א יידישע קרעטשמע, איז ווער פון אונדז עס וועט שפּעטער קומען צו פאָרן צו דער קרעטשמע, דער האָט געוווּנען ביים צווייטן דאָס געוועט: 5000 רובל, און ווער עס קומט אהין דער ערשטער, דער האָט פאַרשפּילט דעם צווייטן דאָס געוועט אויף 5000 רובל. איז דאָס געמאַכט?

— טאַקע באמת, זייער אינטערעסאַנט, עס איז געמאַכט.

מען דערלאַנגט זיך די הענט און ביידע עקיפּאַזשן רירן גלייכצייטיק פון אָרט. לכתחילה גייען נאָך די פערדלעך אין א דריבנעם גאַלאָפּ, דאַן

הייבן זיי אָן צו באַוועגן מיט די פּיס אַלץ שוואַכער און שוואַכער ווי עס וואָלט אויף זיי מיט אַ מאָל אָנגעפאַלן אַ קלעפּיקער דרימל. יעדער קוטשער ווינקט דעם צווייטן: ער איז אים מוחל דעם כבוד, ער זאָל פֿאָרן פֿאָרויס. אַזוי שלעפּן זיי זיך אַלץ לאַנגזאַמער, אַלץ שלעפּעריקער, ביז זיי שטעלן זיך אין גאַנצן אָפּ איינער לעבן אַנדערן און ווערן פֿאַרגליווערט אין אַ שטילשווייגן.

סיגיזמונד האַלט זיך אויף, האַלט זיך אויף, ביז ער פּלאַצט אַרויס:

— נו, װלאַדיסלאַװ, פֿאַר װאָס פֿאָרסטו נישט?

— פֿאַר װאָס עפּעס איך? האָסט קיין צייט נישט? פֿאָר!

— אָבער —

— װאָס, אָבער?

— אָבער, עס איז דאָך דיין אויפּטו — פֿאָר זשע!

— און אַז מיין אויפּטו — איז װאָס? דעריבער דאַרף איך פֿאַרשפּילן? אפשר גאָר פֿאַרקערט די סברא?

— װילסט נישט, דאַרף מען נישט, לאָמיר שטייען...

— אַ דאגה מיר, לאָמיר שטייען...

די אויסגעפּאַשעטע אַכט פֿערדלעך הירזשען אומגעדולדיק, גראָבן רציחהדיק מיט די קאָפּיטעס אין די ערד, די קוטשערס קוקן זיך פֿיינטלעך איבער. איינער װייזט דעם צווייטן מיט דער בייטש, ער זאָל פֿאָרן, װייזט אים דער צווייטער אַ פֿייג. די בעלי־בתים דרימלען כלומרשט גלייכגילטיק: שטייען, איז שטייען. פֿאַרבייפֿאָרנדיקע פֿויערן באַטראַכטן פֿאַרוואונדערט אָט די שטומע חתונה, קערעווען אָפּ מיט אַ מוראלע פּונעם שליאַך און קוקן זיך אַלע מאָל פֿאַרדעכטיק אום. זיי זענען משוגע געוואָרן די פּריצים, צי דער רוח װייסט די נשמות זייערע? װאָס היטן זיי דאָ אין מיטן פֿעלד?

עס איז פֿאַריבער נאָך אַ שעה און נאָך צוויי, קיינעם פֿון זיי גלוסט זיך נישט צו פֿאַרשפּילן קיין 5000 רובל, שטייט מען. די פֿערד, צערייצטע, שמייסן אָפּ מיט די װיידלען די איינגעגעסענע פֿליגעלעך און קראַצן זיך מיט די פּיס אין די בייכער.

סיגיזמונד וועקט דעם שכן זיינעם:

— װלאַדיסלאַװ, הא, װלאַדיסלאַװ...

— קענסט רעדן, איך הער דיך.

— דו הערסט מיך? נו, אַ דאַנק דיר פֿאַרן כבוד... װאָס וועט זיין פֿון אונדזער שטייען?

— װער לאָזט דיך דען נישט פֿאָרן? עמעצער האַלט דיך צו?

— אַ שיינעם דאַנק דיר. זאָג מיר, אפשר װאָלסטו עפּעס געביטן אין די באַדינגונגען פֿון אונדזער געוועט? װייל צו מיטאָג האָבן מיר שוין פֿאַרשפּעטיקט און מיר וועלן נאָך דאָ נעכטיקן אויך...

יענער ווערט אָנגעצונדן ווי אַ שוועבעלע:

— װלאַדיסלאַװ לעאָפּאָלדאָװיטש דעמביצקי האָט נאָך קיין מאָל נישט געביטן זיין וואָרט, און דאָס מאָל — אויך נישט.

— טאַ פּאָר זשע!

— אז איך וועל דאַרפן פאָרן, דאַרף איך ביי דיר קיין רשות נישט נעמען.

— איז ווילסטו, הייסט עס, שטייען?

— יאָ. מיר איז דאָ געפעלן געוואָרן צו שטיין. און אויב דו האָסט נישט קיין געדולד? ביטע שיין: Скатертью дорога...*

און ווידער האָבן די פּריצים געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל. די זון האָט אַ שפּיי געטון אויף אָט די עקשנים, זי האָט באַשלאָסן מאָרגן געוויר צו ווערן דעם פינאַל פון אָט דעם משוגענעם געוועט און האָט זיך גענר־מען גליטשן אַהיים, אויף נאַכטלעגער. די שאָטנס פון די אַכט פערד מיט די צוויי פּאַטאָנען האָבן זיך אויסגעצויגן איבער דער ערד אין אַן אומ־געלומפּערטער גרייס, ווי דאָ וואָלט געשטאַנען אַ גאַס מיט הייזער. די קוטשערס זענען געזעסן מיט די רוקנס איינער צום צווייטן, און האָבן פאַרצווייפלטע געפאָכעט מיט די בייטשן. פון אַ ווייטן דאָרף האָט זיך דערטראָגן אַ ביז גאָר באַקאַנטער: גלין־גלין־גלאָן, גלין־גלין־גלאָן. דאָרט רופט מען שוין צו דער נאַכטדינסט, און דאָ האַלט מען נאָך פאַר אַלע־מען. סיגיזמונד האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט זיך מכלומרשט אויס־געווישט די אויגן פונעם שלאָף. ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון זיין עקיפּאַזש און איז צוגעגאַנגען צו וולאַדעקן:

— וואָס מאַכסטו זיך געפּגרט? וואָס וועט זיין דער תּכלית פון אונדזער שטייען?

— וואָס בין איך אַ נביא? ווי גאָט וועט פירן...

— כ׳פאַרשטיי נישט, דו ביסט גאָר נישט הונגעריק?

— וואָס הייסט, ניין? איך שטאַרב, אַזוי וויל איך עסן.

— דאַרף מען דאָך עפּעס זען אַן עצה...

— איך וועל נישט מאַכן פון מיין מויל קיין כאַליווע, ווען איך זאָל אפילו ווייסן, אַז מיין טויט וועט דאָ זיין.

— ווען מיר דאָך אָט דאָ שטאַרבן פון הונגער אָדער וועלף וועלן אונדז אויפפרעסן...

— זאָל זיי זיין צו געזונט. זיי דאַרפן אויך פון עפּעס לעבן. איך זאָל אפילו ווייסן, אַז איך נעם איין אַ מיתה־משונה אָט דאָ אויפן אָרט, בייט איך נישט מיין וואָרט, און דו טו ווי דיר געפעלט.

— שאַ, עס איז מיר איינגעפאַלן אַן עצה. ערנוואָרט, אַ געניאַלע עצה. דו הערסט, וולאַדעק?

— הונגעריק בין איך, אָבער טויב — נאָך נישט.

— איי, אַן עצה! איי, אַן עצה!... אַך, אַך, אַך, פאַר וואָס איז דאָס מיר פריער נישט געקומען אין קאָפּ אַריין? אָט וואָס! אין יענער קרעטש־

* דער וועג ווי אַ טישטעך. אַ רוסיש ווערטל.

מע, ווו מיר האָבן אָנגעמערקט דעם פּיניש, איז דער אַרענדאַר „מאָשקע״, דו קענסט אים?

— דער טייוול זאָל אים נעמען! וואָס דען, איך קען אים נישט?

— ער איז אַ דורכגעטריבענער זשידעק, נישטאָ קיין איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל נישט וויסן. טאָ זאָלן אונדזערע קוטשערס תיכף ומיד אים ברענגען אַהער, מיר וועלן אים דערציילן אַלצדינג און ער וועט שוין זיכער געפינען אַן אויסוועג, ווי אַזוי מיר זאָלן נאָך היינט שלאָפן אויף אונדזערע געלעגערס... האַ, וואָס זאָגסטו? אפשר אַ שלעכטע עצה?

— הלמאי זאָל איך זאָגן? דיין עצה געפעלט מיר דווקא יאָ, וואָס אמת — איז אמת...

ווען מען האָט געבראַכט צו פירן דעם יידן צו די פּאַטאָנעס, איז ער געווען נישט טויט נישט לעבעדיק פאַר דערשרעק, ווי מען וואָלט אים דאָ געפירט צו דער תליה. די יאַסנאַוועלמאַזשנע פּאַנעס האָבן אים מיט אַלע פּרטים אויסדערציילט זייער ביטער האַרץ און אים געבעטן צוקלערן עפּעס אַן עצה ווי אַזוי צו ראַטעווען דעם כבוד פונעם געגעבענעם וואָרט און זיך קענען ענדלעך אומקערן אין די מאַיאָנטקעס. דער ייד האָט אויסגעהערט די טענות ביזן סוף, אַ רייב געטון דעם שטערן פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס, אַ כיטרע שמייכעלע געטון, און האָט זיך געווענדעט צו די אדונים:

— ווילט איר, הייסט עס, אַז איך זאָל אייך העלפן?

— אודאי ווילן מיר.

— מעג איך דאָ אַלץ טון ווי איך פאַרשטיי? ווי אַ פּאַלנע־פּראַווּנע באַלעבאָס?

— אודאי מעגסטו, צוליב וואָס דען האָבן מיר דיך גערופן אַהער?

„מאָשקע״ טראַכט נישט לאַנג, ער רופט אָפּ אויף אַ זייט איין קוטשער און רוימט אים עפּעס איין אויפן אויער, דאַן טוט ער דאָס זעלבע אויך דעם צווייטן. אין איין אויגנבליק רייסן זיך אָפּ די עקיפּאַזשן מיט די פּריצים פון זייערע ערטער, און פליען פייל אויסן בויגן צו דער קרעטשמע.

שלמה גיט אַ קוק אויף זייערע אָפענע מיילער און צעלאַכט זיך:

— שוין, רבותי, אָט דאָס איז די גאַנצע מעשה. איצט פרעגט זיך ביי אייך: וואָס אַזוינס האָט דער ייד געקענט זאָגן די קוטשערס אויפן אויער, אַז זיי זאָלן מיט אַ מאָל ענדערן זייער טאַקטיק? באַטראַכט זיך גוט און ענטפערט.

קאפיטל XXXI

אַלע ראַדיעצקים קוקן זיך איבער פאַרלוירן. מען שמייכלט שולדיק, מען קוועטשט מיט די אַקסלען און... און מען ווייסט נישט. עס זענען פאַרריבער דריי מינוט, פינף מינוט. ר׳ נחמן פאַרלירט דעם געדולד:

— וויים איך, וואָס דו קענסט אויסטראַכטן... עס איז גאָר מן הסתם קיין שום פּתרון נישטאָ אויף דער דאָזיקער רעטעניש.

שלמה פאַרגייט זיך אַזש פאַר געלעכטער:

— נישטאָ, זאָגט איר, קיין שום שליסל? וועל איך אומיסטן עמעצן פון אייערע קינדער אויסזאָגן, וועט ער אייך שוין אָפּגעבן אַ גרוס, צי עס איז דאָ אַ שליסל צו אָט דער רעטעניש, צי ניין. ווער־זשע פאַרגלייבט מען אַזאַ הייליקן סוד?

שלמה באַמערקט, אַז יוכבד זיצט צווישן חיימען און זלמנען און זיינע אויגן געבן פאַרדעכטיק אַ פינקל:

— גוט, איך וועל אויסזאָגן זלמנען, פאַרט דער בכור אין שטוב...

שלמה גייט אַרויס פון הינטערן טיש, רוקט זיך אַריין מיט אַ זייט צווישן יוכבדן און זלמנען. ער שעפּטשעט עפּעס זלמנען אויפן אויער און מיט דער האַנט זוכט ער אָפּ אונטערן טיש יוכבדס האַנט, לייגט אין איר אַריין דאָס צוגעגרייטע צעטעלע און פאַרקוועטשט עס שטאַרק מיט אירע פינגער.

זלמן פּאַטשט אַזש אין טיש פאַר פרייד:

— איי, אַן אויפטו! איי, אַן אויפטו! דער טאַטע זאָגט, אַז עס קען דאָ בשום אופן נישט געמאָלט זיין קיין שום המצאה, אַ־אַ! נאָך וואָס פאַר אַ המצאה!...

נאָך עטלעכע מינוט ברעכט זיך דער עולם די קעפּ, זיי ווילן נאָר אַליין טרעפן. ענדלעך רופט זיך אָן ר׳ נחמן מיט אַ געבעט:

— מילא, זעסט דאָך, אַז דאָס איז נישט פאַר אונדזערע קעפּ, זאָג שוין אויס. דו האָסט געמעגט נישט טרעפן? האָבן מיר אויך נישט געטראָפן! זאָג שוין אויס , אַן עק!

— איך זאָג, איך זאָג. „מאַשקע״ האָט געהייסן יעדן קוטשער באַזונדער זיך אַרויפכאַפּן אויפן עקיפּאַזש פונעם צווייטן פריץ און טרייבן די פערד מיט אַלע כוחות. וואָס שנעלער ער וועט דעם פרעמדן פריץ ברענגען צו דער קרעטשמע, אַלץ גיכער וועט זיין בעל־הבית געווינען די פינף טויזנט רובל.

— אַזוי גאָר די מעשה? דאַכט זיך, אַ גאַנץ קלוג יידל געווען. באַרעכן נאָר, מען טראַכט דיר צו רעטענישן. נו־נו, מזיקים און אַן עק.

הירשל, אַן אַנציקטער:

— יאָ, אָט דאָס הייסט אויף דער אמתן: „פּוקח עברים״! *

---

* „ער מאַכט קלוג די יידן״. אַ ווערטערשפּיל. „פּוקח עורים״ אין די פרימאָרגנדיקע „ברכות״ איז גאָר די טייטש: „ער מאַכט זעענדיק די בלינדע״.

יוכבד הייבט זיך אויף פונעם טיש און לאָזט זיך אַרויסגיין פון דער שטוב. לאהקע פרעגט זי שטיל:

— אפשר גיין מיט דיר?

יוכבד ענטפערט אַן אומצופרידענע:

— כ'וויים אַליין דעם וועג.

אין דרויסן מיידט זי אוים עטלעכע הייזער. ערשט ווען זי איז זיכער, אַז פון זייערע פענצטער וועט מען זי שוין נישט באַמערקן, גייט זי צו נעענטער צו עמעצנס אַ באַלויכטן פענצטער, מיט ציטערנדיקע פינגער צעוויקלט זי דאָס שרעקלעכע בריוועלע און לייענט:

„יוכבד, קומט מאָרגן צוועלף ביי טאָג צו דער קליינער בעסעדקע ביים לינקן ברעג אויף דער אַנטאַלקע. איך דאַרף אייך עפּעס זייער וויכטיקס מודיע זיין. קומט אומבאַדינגט, כ'וועל וואַרטן. ש.״

— וואָס וויל פון מיר דער דאָזיקער מענטש? — שרייט אין איר אַ קול — וואָס פאַר אַן אַנצוהערענישן? וואָס פאַר אַ וויכטיקע מודעות אַזעלכע? מיט וועלכע רעכט הענגט ער מיר אָן זיינע וויכטיקע סודות? איך וועל נישט גיין! משוגע דאַרף איך זיין...

— משוגע וועסטו זיין, אויב דו וועסט נישט גיין — רוימט איר איין אַ צווייטער געדאַנק — וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? ער רופט דאָך דיך נישט אויף האַלבער נאַכט, נאָר אויף האַלבן טאָג, און אין אַ רשות־הרבים, וווּ מענטשן גייען אויף און אָפּ. וואָס טומלסטו? און פאַר וואָס, זאָג מיר, האָסטו אָפּט געוויינט אין קישן, ווען ער איז נישט געווען? און פאַר וואָס אַנטלויפסטו פונעם צימער, ווען דער טאַטע הייבט אָן צו רעדן וועגן אים? שוטהגיו, מיך וועסטו דאָך נישט אָפּנאַרן. גלאַט וואָס ס'איז אַ חלום חלומות, אַז אַזאַ מושלם ווי ער, זאָל ערנסט טראַכטן וועגן דיר, ווייל וואָס פאַר אַ ווערט האָסטו קענגן אים? וואָס האָט ער אַזעלכעס אין דיר געפונען? דיין רייכטום? דיין בילדונג? וואָס? גיי, גיי, נאַרעלע. ער רופט? גיי, און בעט שטאַרק ביי גאָט, אַז עס זאָל זיין אַ גוטער אָנהייב... ביי השם־יתברך איז אַלץ מעגלעך...

ווען זי האָט זיך אין היפּשע עטלעכע מינוט אַרום באַוויזן אויף דער שוועל, האָבן זי אויף דורך און דורכגענומען צוויי קויל שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן. אירע אויגן האָט זיך שלמהן נישט איינגעגעבן צו זען. זי האָט זיי פּאַרזיכטיק פאַרהאַנגען מיט אירע צאַרטע פּאַרהענגלעך.

שלמה איז נאָך געזעסן אַ ביסל און איז אַוועק שלאָפן.

האַלב צוועלף אין דער פרי איז שוין שלמה אומגעדולדיק אַרומגעגאַנגען אַרום דער בעסעדקע. מיט אָפענער שנאה האָט ער געקוקט אויף די ווייזערס, וואָס שלעפּן זיך ווי די נבלות. עס ווערט זיי גאָרנישט נמאס. אין די שלייפן האָט אים שטאַרק געקלאַפּט און דאָס האַרץ האָט זיך אין אים געוואָרפן פאַר פּחד: און טאָמער קומט זי נישט? און טאָמער האָט זי זיך גאָר אויסגעלאַכט פון זיין איינלאַדונג?

מיט אַנגסטן האָט זיך דער לאַנגער ווייזער דערשלעפּט אין דער מזרח־וואַנט, פאַרטשעפּעט אַלע איבעריקע „שטעט״, ביז ער האָט זיך דערשלעפּט

צום קליינעם ווייזער, דאָן איז ער אַרויפגעקראָכן אויף אים, זיך פאַר־טראַכט אויף אַ ווײַלע און איז אַריבערגעקראָכן אויף יענער זייט... יוכבד איז נאָך אַלץ נישט געווען! עס זענען פאַריבער לאַנגע פײַנלעכע צען מי־נוט און נאָך פינף, און ענדלעך האָט זי זיך באַוויזן...

דערזעענדיק זי איז שלמה שטיין געבליבן ווי צוגעקאָוועט מיט איי־זערנע רייפן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַן אויסערגעוויינלעכע ליכטי־קייט נעמט אַרום איר שײַנענדיק קעפל. אַזוי דאַרף אויסזען אַ מלאך בעת ער שטײַגט אַראָפּ פונעם הימל. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ פּראָסט באַ־טיסטן קליידל, נאָר דאָס מלבוש האָט פון איר ממש אַראָפּגעזונגען און האָט איר צוגעגעבן זייער אַן עלעגאַנטן אויסזען. אויסרייסנדיק זיך בגוואַלד פון דעם כשוף־קלעם, איז שלמה איר אַנטקעגנגעלאָפן. נישט דער־לאַנגענדיק זיך די הענט, זענען זיי שטייען געבליבן איינער אַקעגן אַנדערן. קיינער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אָן ווערטער האָבן זיי זיך באַ־טראַכט איינס דאָס אַנדערע. צום סוף האָט שלמה קוים־קוים אַרויסגע־בראַכט:

— קומט אַ ביסל...

— נאָך וואָס האָט איר מיך גערופן? מען וועט זיך נאָך כאַפּן אין שטוב, אַז איך בין ערגעץ פאַרשוווּנדן, וועט דאַמאָלסט זײַן פאַר מיר נישט אָנגענעם...

שלמהס פּנים איז פינצטער געוואָרן פאַר עגמת־נפש: נאָך אַזוי פיל לאַנגע וואָכן פון וואַקלענישן מיט גרימענישן, מוז ער איצט אָפּזאָגן זײַן בלוטיקן ודוי בנשימה אחת, ווײַל זי האָט זיך נאָר אַרויסגעגנבעט פון דער שטוב אויף אַ ווײַלעטשקע... זיי האָבן לאַנג געשפּאַנט לענג־אויס דעם ברעג אין דער נוסן־ביימער אַלייע. שלמהס האַלדז האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוברענגען אפילו איין און איינציק וואָרט. זיי האָבן אַ פּאָר מאָל זיך אָפּגעשטעלט, זיך ווידער אָפּגעמאָסטן מיט אַ לאַנג דויערנדיקן קוק, און האָבן ווייטער שווײַגנדיק געשפּאַנט. זײַן אומבאַהאָלפנקייט האָט מאָד־נע געדריקט אויף איר נשמה. פּלוצלינג האָט יוכבד באַמערקט אויף שלמהס אַ וויע, אַ בלישטשענדיקע טרער. זי איז אַ דערציטערטע אָפּגעשפּרונגען:

— וואָס איז מיט אײַך, שלמה?

ער האָט שולדיק געשמייכלט:

— איך ווייס אויך נישט... עס האָט נאָך מיט מיר קיין מאָל אַזוינס נישט געטראָפן. איך האָב אײַך געהאַט צו זאָגן זייער אַ נייטיקע זאַך און איצט, ווי אויף צו להכעיס — קיין איין וואָרט נישט! כאַטש צערייס זיך. אפשר איז דערינען שולדיק דאָס, וואָס איר אײַלט זיך...

און מיט אַ מאָל נעמט ער זי אָן בײַ דער האַנט:

— יוכבד, זײַט אַ גוטע און גיט מיר אַ מעגלעכקייט אײַך צו זען, ווען איר וועט זיך נישט אײַלן, ווען איר וועט זײַן אין גאַנצן פרײַ... דאָס איז זייער נייטיק... שרעקלעך נייטיק... איר פאַרשטייט? מײַן גאַנץ לעבן הענגט אָפּ פון דעם...

אירע אויגן גיבן נײַגעריק אַ פינקל, נאָר זאָגן זאָגט זי מיט אַ תמע־וואַטע פאַרחידושטקייט:

— וואָס רעדט איר? ווי איז דאָס מעגלעך, אין גאַנצן פּריי?

— קיין אוממעגלעכע זאַך איז אויף דער וועלט נישטאָ. איר האָט דאָך אַ יידיש האַרץ... איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָ שמעקט מיט פּקוח־נפש...

— כ'האָב אפילו יאָ אַ שטיקל פּלאַן, נאָר עס איז אים נישט לייכט אויסצופירן.

— יוכבד, צוליב ראַטעווען אַ מענטשן דאָס לעבן, איז נישקשה אויב דאָס גיט זיך איין אפילו נישט אַזוי לייכט... און חוץ דעם, איז דאָך טאַקע נאָר דאָס באַטעמט, וואָס עס קומט אָן נישט לייכט... און אַליין ווייסט איר דאָס נישט?

— וואָס זאָל איך טון מיט אייך? איך פאַרלאָז מיך אין גאַנצן אויף אייער פאַרשטאַנד. אַליין וואָלט איך זיך קיין מאָל נישט באַשלאָסן אויף אַזאַ שריט... אויף אַזאַ ערמה קעגן עלטערן... מיין פּלאַן איז אַזאַ: ווי איר ווייסט, איז מיין גאַדל מאָביליזירט אויף צוויי וואָכן אין אַ קאָלכאָז, וואָס געפינט זיך דריי און צוואַנציק קילאָמעטער פון דאַנען. שאַוואָלעכע הייסט דאָס דאָרף. מאָרגן פאַר טאָג דאַרף אים הירשל אָפּפירן עסן. ער עסט דאָך נישט זייערע מאכלים. הם! איך האָב געזאָגט אָפּפירן, עס רעדט זיך נאָר אַזוי: אָפּפירן... אָבער אין דער אמת גייט מען אַרויס אויפן וועג, טרעפט זיך אָן אויטאָ אָדער אַ פור, איז מה טוב, ניין? נעמט מען דאָס פּעקל מיטן שטעקל און מען איז זייער שיין עולה־רגל צו פוס. איך בין דאָרטן נאָך נישט געווען, חיים איז יאָ געווען, האָט ער אַזוי דערציילט. איז אַזוי די זאַך: ביז דעם לייגן זיך שלאָפן, טאָר קיינער נישט וויסן פון גאָרנישט, ווייל דער טאַטע מיט דער מאַמען וועלן בשום אופן נישט איינגיין דערויף. נאָר ווען אַלע וועלן זיך שוין לייגן שלאָפן, וועל איך פועלן ביי הירשלען, אַז אָנשטאָט אַליין דאָס צו טון, זאָל ער מיך לאָזן אָפּ־טראָגן גאַדלען דאָס עסן. אין דער פרי וועט ער זאָגן דעם טאַטן, אַז כ'האָב עפּעס נייטיק געדאַרפט איבערשמועסן מיט גאַדלען און איך האָב ביי אים ממש אויסגעריסן דעם רוקזאַק פון די הענט. דער טאַטע וועט קיין אַנדער ברירה נישט האָבן, ער וועט מוזן זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, אַז איך זאָל זיך אומקערן בשלום. יאָ מסכים, צי נישט מסכים, עס וועט זיין פאַרפאַלן. נאָכיאָגן זיך נאָך מיר וועט ער מן הסתם נישט. איר ווידער דאַרפט גיין אַהיים און בעטן אייער בעל־הבית, בנימין בערעלעס, אַז ער זאָל אייך נעמען אין שטאָטקאַסע אַ בילעט קיין קיעוו אויף מאָרגן פינף פאַר טאָג, ווען נישט וועט זיך אויפהייבן אַ טרעוואָגע, מען וועט דאָך נישט וויסן וווהין איר זענט אַהינגעקומען. און קאַיאַר, זייגער פיר, וועלן מיר זיך באַגעגענען פון יענער זייט קאַזאַרמע. דאָרט, מיטן וואַלד, איז דער וועג אין יענעם קאָלכאָז אַריין. עס איז דווקא דאָ אַ קורצערער וועג, נאָר מיטן וואַלד, רעכן איך, איז אינטערעסאַנטער צו גיין און טאַקע נישט אַזוי הייס אויך. וואָס, אפשר ניין?

— יוכבד, איר ווייסט גאָרנישט אייער שאַץ, ליטווינאָוו אַליין וואָלט קיין שענערס נישט צוגעטראַכט. גייט און טוט אַלץ ווי איר האָט פאַר־טראַכט, אל תפל דבר —

קאַפּיטל XXXII

יענע נאַכט האָט זיך שלמה אפילו נישט אויסגעטון. אויפֿן באַשטימטן פּלאַץ איז ער געקומען אַ שעה פֿאַרן זמן. נאָך פֿון דער ווייטנס האָט ער זי באַמערקט מיט אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס. ער איז איר געלאָפֿן אַקעגן. זי האָט אים די ערשטע דערלאַנגט די האַנט. ער האָט זי לאַנג געהאַלטן אין זיינער, זי גאָר נישט געוואָלט אַרויסלאָזן. נישט לייגלאַנג דיק קיין אַכט אויף איר אַמפּערן זיך, האָט ער אַראָפּגענומען דעם רוקזאַק פֿון אירע פּלייצעס, אים לייכט אָנגעטון אויף זיינע, און איר אָפּגעגעבן זיין פּעקעלע.

— וואָס איז דאָ ביי אייך?

— ווייס איך —

— אָבער פֿאָרט, וואָס האָט איר דאָ?

— גאָרנישט... די תּפֿילין, אַ תּהילימל... אַ קליין ל"ג־בעומרל, אַ ביסל פֿאַר אונדז אַליין, אַ ביסל פֿאַר גאָדלען —

אויף יענער זייט קאַזאַרמע, צווישן די בליענדיקע קאַרטאָפֿל־פֿעלדער, שלענגלט זיך אַ גנבהש שטעגעלע, וואָס איז געדיכט באַבערדלט און באַצעפּלט מיט פֿעלד־בלימעלעך, מיט ווילדגראָז, מיט כּל־מיני ווידערגעוויקסן און שאר ירקות. דאָס דאָזיקע שטעגעלע פֿירט אין אַ קליינינקן, פּלאַכן טאָל, וואָס זעט אויס ווי אַ צעריסענע, שטרויענע שליאַפּע, וואָס דער ווינט האָט אַראָפּגעריסן פֿונעם קאָפּ ביי אַ גויאישן בעל־עגלה, און האָט זי פֿאַרלוירן אָט דאָ אין מיטן פֿעלד. אָט דאָס דאָזיקע טאָלעכל פֿאַרמאָגט אונטערן רעכטן אַקסל אַ רוישיק, זילבערן קוואַלעכל, אויפֿן שטערן ביי אָט דעם ציכטיקן קוואַלעכל האָט דער שר־הלילה אויסגעקעמט אַ גרינע, שמעקנדיקע שעוועליורע, און פֿון דער שעוועליורע, ווי ריזיקע פּעדערן פֿון אַ װונדערפֿייגל — שטעקן אַרויס צוויי עלעגאַנטע ריאַבינעס און איין צעפּאַטלטע ווערבע. די צאַרטע ביימלעך, קוים פֿאַרבלאָנדזשעט אַ שטאַרקער ווינטעלע אין זייער טאָל, לענען זיי זיך אָן אין זייער אַלטער קרובֿה, און די אייביק צעשויבערטע קרובֿטע שטעלט זיי גערן אונטער איר האָריקן האַלדז און נאַקן. ביי אָט דער פֿרידלעכער ביימער־משפּחה האָבן זיך די יונגעלייט באַגעגנט אין יענעם צויבערנדיקן פֿרימאָרגן און האָבן זיך אוועקגעלאָזט מיט אָט דעם ספֿק־שטעגעלע אין וויטן וועג אַריין. דער וועג איז געווען אַ גענוג לאַנגער. ביזן וואַלד איז געווען אַן ערך פֿון אַ האַלבן קילאָמעטער. אויף אַלץ אַרום זיי איז נאָך כּמעט געלעגן די נאַכט — ספֿק חשכה, ספֿק אינה חשכה... דאָס גראָז איז געווען פֿייכט ווי נאָך אַ רעגן. דער הימל האָט אויסגעזען שלעפֿעריקלעך און צניעותדיק פֿאַרשלייערט, נאָר דער מזרח־ראַנד האָט פֿאָרזיכטיק אונטערגעהויבן דעם נאַכטשלייער. שלמה מיט יוכבדן האָבן אַלץ גערעדט וועגן דער שיינקייט פֿון דער נאַטור אין די זומערדיקע פֿרימאָרגנס, וועגן דער גייסטיקער דערהויבנקייט וואָס אַ מענטש פֿילט, ווען ער גייט אַרויס אויף גאָטס וועלטל גלייכצייטיק מיטן מאָרגנשטערן. ווען זיי זענען אַריינגעטרעטן אין דעם

גערדיכטן, אַלכּאָווע וואַלד, האָט שוין פונעם הימל אַנגעהויבן צו טריפן אויף די הערבסטע צווייגן מיט צעשמאָלצענעם גאָלד. אין וואַלד גופא איז נאָך געווען פּאָלנע נאַכט. די שוואַכע, ראָזע טאָגשיין האָט אַריינגעשיינט אין שמאָלן חלל פון דעם שליאַך, ווי אַ נאַכטלעמפּל אין אַ שלאָפצימער. אַלע באַפליגלטע איינוווינער פון וואַלד האָבן אויף קולי־קולות מקבל־פּנים געווען דעם אָנקומענדיקן טאָג. דאָס פאַרבאַרגענע סווישטשעריי און דאָס זיסע געזאַנג האָבן געמאַכט אַן איינדרוק ווי דאָ וואָלט אַ בית־המקדש געווען, און לוויים וואָלטן דאָס אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן שירה געזונגען. יוכבד, ווי אַ ווילד ציגעלע, איז אָט פאַרלאָפן אויף צופריער, און אָט אָפּגעשטאַנען אויף עטלעכע טריט. אירע אויגן האָבן געפלאַמט פון אַנטציקונג. אַלץ איז ביי איר געווען ניי; יעדע קלייניקייט האָט זי אויפמערקזאַם באַטראַכט; אויף אַלץ האָט זי שאַרף רעאַגירט; מיט אַלעמען זיך געקוויקט... אין שלמהן האָט זי גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן. ער דאַקעגן האָט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. אַלע סטרונעס פון זיין נשמה האָבן איצט געזונגען נאָר פאַר איר, און די גאַנצע בריאה האָט געהאַלטן אַ טאָן: לא כחל ולא שרק ויעלת חן...* ער איז אין די מינוטן גרייט געווען איר פאַלן צו די פיס און זי בעטן, אַז זי זאָל אים שענקען כאָטש אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט, וויפל דעם מינדסטן פייגעלע, דעם נידעריקסטן גרעזעלע.

ווען איר ערשטע באַרוישונג איז פאַרביי, האָט זי זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, ערנסט פאַרוואָרפן די האָר אַרונטער, אויסגעוואַרט ביז שלמה וועט זיך אויסגלייכן מיט איר, און נישט אויפהייבנדיק די אויגן פון דער ערד זייער דייטלעך אַרויסגערעדט:

— אַנטשולדיקט מיר, שלמה.

— פאַר וואָס אַנטשולדיקן?

זי האָט זיך אומעטיק פאַרטראַכט:

— איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס...

— יוכבד, איצט דאַרף איך אייך דערציילן, צו ליב וואָס איך האָב אייך נעכטן געבעטן קומען אין פּאַרק אַריין... וואָס אַזוינס עס גייט מיר ווי אין לעבן... נאָר איין תנאי האָב איך: מיר האָבן צייט... אַן אַ שיעור צייט... מיין פּלאַן איז אַזאַ: ביז מיר וועלן פאַרגיין קיין שאַוואַלעכע, וועט נאַכט ווערן. עסן אויפן וועג האָבן מיר איבער גענוג. ביי גאַדלען אין געסט וועלן מיר איבערנעכטיקן און פאַר מאָרגנדיקן טאָג וועלן מיר פאַר־גיין אויף צוריק. שרעקט זיך נישט, גאָדל וועט אָנשרייבן דעם טאַטן, אַז עס איז אים דאָרט געווען זייער אומעטיק, דעריבער האָט ער אייך פאַרהאַלטן נאָך אויף אַ טאָג. מיר אין דרייען בחברותא וועלן פרייעלעך פאַרברענגען אַ נאַכט אויף די קאָלכאָזנע פעלדער. דעם ריח פון פרישן היי האָט איר דען נישט ליב?

— איר זענט אַ שרעקלעכער מענטש, שלמה... ווען מיין טאַטע ווייסט —

---

* נישט געפּודערט און נישט געפאַרבט און דאָך שיין ווי די וועלט.

— הערסט א מעשה, ווייסט ער דאָך נישט. אזוי ווי ער ווייסט נישט, אזוי וועט אים נישט שאַטן. זאָגט מיר, פון אזא לימוד ווי חומש האָט איר א מאָל געהערט?

— חומש האָב איך געלערנט גלייך מיט אַלע ייִנגלעך. אי חומש, אי רש"י, אי פסוק... איך געדענק נאָך היינט אויך א ביסל... און אפילו אויב די בראַטאָקלעך פלעגן א מאָל פאַקן ערגעץ א אינטערעסאַנט ביכל אויף לשון־קודש, פלעג איך עס אויך איבערלייענען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט אזוי גיך ווי זיי, אָבער איבערלייענען נישט איבערהיפּערנדיק קיין איין וואָרט...

— און איר וואָלט נאָך היינט אויך געקענט —

— היינט ווייס איך נישט... אפשר יאָ און אפשר ניין... ס'איז שוין זייער לאַנג אין דער מעשה... אָבער חומש — ווי א וואַסער!

— נו, אָט! ווען שרה האָט דערהערט, אז מען ווינטשט איר א זון אויף דער עלטער, האָט זי געלאַכט: ווי קען דאָס זיין, אז ביי אזא אַלט פּאָרפּאָלק, ווי זי מיט אברהמען זענען שוין צו יענער צייט געווען, זאָל נאָך געבוירן ווערן א קינד? געדענקט איר דאָס?

— וואָס פאַר א פראַגע?

— אָט אין דער מוטער שרהס לאַגע בין איך געווען, ווען איך בין ביי זיך געוואָר געוואָרן, אז איך האָב אייך ליב באַקומען און קען אָן אייך נישט לעבן... שטייט, וווהין לויפט איר?

מיט דער גאַנצער פלינקייט פון א יונג געזונט מיידל, לויפט יוכבד אויף צוריק אין שטאָט אריין. לכתחילה שרייט איר שלמה נאָך, בעט זיך ביי איר זי זאָל זיך אומקערן, ווען ער זעט אָבער, אז עס העלפט נישט, דאַן וואַרפט ער געשווינד אראָפּ דעם רוקזאַק אויפן גראָז און לאָזט זיך מיטן גאַנצן אימפּעט זי אָניאָגן. ענדלעך כאַפּט ער זי און נעמט זי אָן ביי ביידע הענט. ביידע זענען זיי פאַרסאַפּעט, ביי ביידע פלאַמען די באַקן און די הערצער קלאַפּן מיט סכנות־נפשות.

— וואָס אַנטלויפט איר? איר פאַרגלייבט זיך מיר נישט? איר האָט מורא צו גיין מיט מיר אַליין אין וואַלד? איך בין דאָך עפּעס נישט קיין אדם מן השוק! מיט וועמען רעדט איר? באַדענקט אייך... יעדער מענטש מוז דאָך איין מאָל אין לעבן רעדן פון אזא זאַך. אויב אפילו מיין אומגליק איז אויף אַזוי פיל גרויס, אז מיינע רייד וועלן נישט געפינען קיין אָפּקלאַנג אין אייער הארצן, ס'זאָל אפילו זיין כקול קורא במדבר, אָבער מיך אויסהערן — מוזט איר!... דאָס איז א לאַנגע געשיכטע; אַן אומענדלעכע קייט פון אוממענטשלעכע ליידן, וועלכע איר זענט ביכולת צו פאַרשליסן אויף אייביק, אָפּווישן יעדן שפור פון יענע קאַשמאַרפולע טעג, און העלפן מיר בויען א נייעם, פרעכטיקן בנין, וואָס זאָל שטיין מיטן פנים צו דער זון, וואָס זאָל קוויקן דאָס אויג פון די דורכגייער... הערט אויס, יוכבד, איר זענט דאָך א קלוג מיידל, פאָלגט מיך און קומט! איך האָב נאָך אויף מיין לעבן בײַ קיינעם אזוי שטאַרק גאָרנישט געבעטן און אייך די ערשטע בעט איך יאָ: קומט!... גלייבט מיר, קיין שום בייז וועט מיט אייך נישט געשען.

קיין מאָל אין זיין לעבן האָט נאָך שלמה אַזוי באַריכותדיק און מיט אַלע איינצלהייטן נישט דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע, ווי דאָס מאָל. די גאַנצע נשמה האָט ער אַריינגעלייגט אין זיין איצטיקן וידוי. ווען עמעצער הערט אונטער זיינע רייד, וואָלט ער געוועזן זיכער, אַז דאָס איז זיך עמעצער מתוודה פאַר גאָט, נישט פאַר קיין מענטשן. קיין איין מאָל אין משך פון זיין דערציילן, האָט ער יוכבדן נישט אָנגערופן ביים נאָמען און זיך אפילו כמעט נישט אומגעקוקט אויף איר, עלעהיי זי איז גאָר דאָ נישטאָ. יוכבד אָבער האָט אויף אים פאַר אָט דעם פאַרגעסן קיין פאַראיבל נישט געהאַט, זי האָט זיין כובד־ראש און זיין צמצום־הרעיונות נישט אַזוי פאַרשטאַנען, ווי געפילט, יעדעס וואָרט זיינס האָט זיך דורך אַלע אירע אברים איינגעזאַפּט אין איר, באַהערשט איר מח און איר הארץ. אין פאַרלויף פון דער צייט, האָבן זיי זיך עטלעכע מאָל צוגעזעצט אָפּרוען, עטלעכע מאָל איבערגעבאַפּט דעם הונגער מיט שאָקאָלאַד און פרוכטן פון שלמהס פּעקעלע, איין מאָל האָבן זיי זיך אפילו צוגעזעצט צו פוסנס פון אַ ווילד אַרומגעוואַקסענעם טשינאַר — וואָס ס'איז אומפאַרשטענדלעך, וואָס פאַר אַ רוח שאינה מצויה האָט אַהער פאַרטראָגן די דאָזיקע זוימען, וועלכע זענען אַמיינסטן שכיח אין טיפן אַזיע — און זענען אָט אַזוי, בהסח־הדעת, אַוועקגעזעסן עטלעכע שעה, נאָר דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן כלאַחר־יד, אומגערן. קיין איינציק וואָרט איז צווישן זיי נישט אויסגערעדט געוואָרן בשעת־מעשה, אַקוראַט ווי מען איז נישט מפסיק אין מיטן אַ הייליקער תפילה, אין מיטן תפילה־זכה. די זון האָט זיך דערשלעפּט ביזן זעניט, גוט־גוט אָפּגעסמאַליעט דעם אומגליקלעכן ערדקיילעך, דאַן האָט זי אָנגעהויבן זיך קאַטשען אַראָפּ, נידעריקער, נאָך נידעריקער, און שוין גאָר נידעריק. זי האָט שוין אפילו אָנגעהויבן צו זינקען אין אָפּגרונט אַריין, אָבער שלמהן מיט יוכבדן איז דאָס אַלץ נישט אָנגעגאַנגען. זיי זענען געווען טויב און שטום צום גאַנצן אַרום. זייערע נשמות זענען בשעת־מעשה געווען אין יענע מקומות, וווּ שלמהס דערציילונג האָט זיך פאַרהאַלטן. ווען פון דער ווייטנס האָבן זיך אין דער פאַרנאַכטיקער דורכזיכטיקייט גענומען אויסשיילן די קאָנטורן פונעם דאָרף, ווו גאָדלס קאָלכאָז געפינט זיך, האָט שלמה פאַרענדיקט:

— איצט פאַרשטייט איר שוין, יוכבד, ווי מיר איז געווען לייכט זיך צו באַשליסן אייך מאַכן דעם פאָרשלאָג? איך האָב ממש מיט פייערדיקע ריטער געשמיסן מיין אייגן לייב, איידער איך בין געגאַנגען אַזאַ הייליקער נשמה ווי איר זאָגן אַזעלכע ווערטער ווי „איך האָב דיך ליב"; „דערלויב מיר דיך צו מאַכן גליקלעך און לאָמיר זיך בייטן מיט די נשמות". מיר איז נישט לייכט אָנגעקומען דאָס אַרויסצובררענגען פון מויל, דערפאַר אָבער קוים האָב איך דאָס שוין אַרויסגעבראַכט, איז דאָס גינגאָלד! כאָטש איך האָב כמעט פון דער ערשטער מינוט אָן דערפילט, אַז איר זענט אַ טייל פון מיין נשמה, דאָך האָב איך זיך אַליין לאַנג נישט געגלייבט, אַז דאָס נייע געפיל איז ווירקלעך יענער כח טמיר ונעלם, וועלכן מיר דאַרפן זיך נישט אַקעגנשטעלן, נאָר פאַרקערט, אים אויפנעמען בתו־

פים ובמחולות, צעפּענען פאַר אים טיר און טויער און אַלע פאַרבאָרגנ־סטע ערטעלעך פון דער נשמה. איך האָב זיך אַליין איבערקאָנטראָלירט הונדערטער מאָל, און איצט זאָג איך אייך: יוכבד, איך שווער אייך ביי אַלץ וואָס מיר איז הייליק, אַז איך וועל אייך זיין געטריי ביזן לעצטן הויך פון מיין נשמה, געטריי — מיט די שענסטע פאַרבן פון דעם דאָזיקן גרויסן וואָרט... איך בין אַ מענטש אַן ערנסטער, אַן ערלעכער און פאַר גאָט האָב איך מורא... איך גיב זיך אָפּ אַ דין וחשבון, ווען איך זאָג דאָס, פון וואָס פאַר אַ שטוב איך נעם אייך און ווי איך בין מחויב אייך ערלעך צו האַלטן. איך זאָג אייך נישט צו קיין גליקן, עשרות איז ביי גאָט. איך גיי אייך נישט דערציילן נישט פון מיינע בריהשקייטן, וואָס ביי אַנדערע איז דאָס: איי־איי־איי... בנוגע דעם אַלעמען איז אַזוי די זאַך: אויב מען איז זוכה ביי גאָט, ווערט מען אַ שליח צו אַ געראָטענעם עסק, און טאָמער חלילה נישט — ווערט מען פלוצלינג אַ שלימזל. גאָרנישט זאָג איך אייך נישט צו. איין זאַך נאָר, דאָס מעג איך אייך הייליק צוזאָגן — דאָס איז מיין אומדערמידלעכע ליבע. איר האָט נאָך אפילו קיין השגה נישט, ווי טיף און שרעקלעך־זיס דאָס דאָזיקע וואָרט איז... און אויב איר וועט מיר אויך צאָלן מיט דער זעלבער מטבע, וועט איר זיין די גליקלעכסטע פרוי אין דער וועלט... ווייל ליב האָבן קען איך זייער שטאַרק... אַ האַרץ האָב איך אַ ברייטס און אַ פייערדיקס... אָט דאָס איז דאָס... ווי שטייט דאָרטן ביי שמשונען: ויגד לה את כל לבו... איר דאַרפט מיר דערווייל גאָרנישט ענטפערן. איך פאַרשטיי אייער לאַגע, מיין פאָרשלאָג איז אַ פּלוצעמדיקער... איילט זיך נישט מיט דעם „יאָ" אָדער „ניין", איר וועט אייך באַרואיקן, באַדענקען, נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל זיך איבער־לייגן. אַזאַ פראַגע פאָדערט אַ שטאַרקן ישוב־הדעת... ס'איז נישט קיין שפּאַס, פאַרבינדן אייער גורל און אייער גאַנצן עתיד מיט אַ כמעט אומ־באַקאַנטן מענטשן... באַרעכנט אייך גוט־גוט... מיר וועלן נעבעטיקן ביי גאָדלען, קענט איר זיך מיט אים באַראָטן. איינער פון אייערע ברידער מעג דאָך זיין אייער בעל־סוד —

יוכבד איז שטאַרק בלייך אויפן פנים. די בלעטער פון דער גרויסער נוסנצווייג, וואָס זי האַלט אין דער האַנט, זענען שוין פון לאַנג אָרומ־געפליקט. איצט שיילט זי די קאָרע פון דער צווייג. ביי שלמהס לעצטע ווערטער גיט זי אַזש אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער:

— וואָס רעדט איר? אויסזאָגן גאָדלען?

— וואָס זשע איז? עס איז דען אַ פאַרברעכן, יוכבד? אַלע גוטע, פרומע יידן באַגייען דאָך איין מאָל אין זייער לעבן דעם דאָזיקן פאַר־ברעכן... אפילו אייערע אייגענע טאַטע־מאַמע בשעתם —

פלוצלינג האָט זיך פון ערגעץ דערנעבן דערהערט אַ פריידנסאויסגע־שריי און אַ לייכטער גלאָפּ. פון אַ זייטיקן וויינשל־גאָרטן איז זיי גאָדל געלאָפן אקעגן. ער איז געווען באָרוועס, אָנגעטון אין אַן אוקראַיניש העמד, מיט רויטע הענדעלעך אויפן קאָלנער, אויף די מאַנזשעטן און אויף דער ברוסט. זיין יונג, שיין פנים האָט געאָטעמט מיט פרישקייט,

מיט קראַפּט, מיט יוגנט און מיט גליק. אַ פאַרסאַפּעטער, האָט ער נאָך פון ווייטנס געשריגן:

— אַך, וואָס פאַר אַ געסט!... אַך, וואָס פאַר אַ געסט!... גאָט מײַ־נער!... עס האָט מיך אָבער אַ צי געטון אַרויסגיין פון דער שטוב... שלמה, גיב אַהער דעם רוקזאַק, נאָך ווייניק זיך אָנגעטאַסקעט? יוכבד, פאַר גרויס שמחה האָב איך דיך אפילו קיין קוש נישט געטון... חברה, זייט וויסן, אַז איך וועל אײַך אפילו נישט אַרײַנפירן אין סטאַלאָווע אַרײַן... דאָרט איז אַ קעניגרייך פון פליגן מיט בינען... אָט טו איך נאָר אָן די שיך, גייען מיר גלײַך אויף דער לאָנקע. קינדער, האָבן מיר דאָרט אַ באַסיין — מעג זיך אפילו דער קיסר אין אים באָדן, און אַ חוץ אַ טײַך — אַ „וואָלגע", זאָג איך דיר. שלמה, דו שלאָפסט בײַ מיר נישט היינטיקע נאַכט! דו האָסט זיך דאָ שלעכט געפּאַקט. מיר האָבן דאָ אַזאַ כאָר... וואַרט אויס, איך וועל דיך באַקענען... און אין קלוב איז דאָ אויך אַ פּיאַנינע. טאַנצן קען־סטו דאָך... וואַרט אויס, כ'וועל דיר שוין געבן אַרבעט... חברה אַנטשול־דיקט, נאָר די שיך, איינס און צוויי —

גאָדל איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין אַ הויף. שלמה מיט יוכבדן האָבן זיך באַגעגנט מיט די אויגן און האָבן צום ערשטן מאָל פאַרן גאַנצן טאָג זיך זאָרגלאָז צעלאַכט. זייערע הערצער האָבן פריידיק געקלאַפּט, די יונגע, אומשולדיקע נשמות האָבן געטאַנצט צום טאַקט פון דער געטלעכער נאַ־טור. פון דער זון איז שוין לאַנג קיין סימן נישט געבליבן, אָבער עס איז נאָך נישט געווען אין גאַנצן נאַכט, — שעה שלא יום ולא לילה... עס איז געהאַנגען אין דער לופטן אַ קרישטאָלענער בין־השמשות. פון דער גרויסער קאָלכאָזנע שטאַל האָט זיך דערטראָגן דאָס בריקעווען זיך פון פערד און געשרייען פון שקצימלעך. פון דער ציכטיקער מעלקעריי וואָס שטייט אָפּ־געזונדערט אין עק הויף, האָט אַ צאַרט פאַרנאַכטיק ווינטעלע דערטראָגן דעם קיצלענדיקן ריח פון ערשט־אויסגעמאָלקענער מילך. קעגנאיבער זיי איז געשטאַנען אַ יונג פּאָרל און האָט זאָרגעוודיק אויסגעבעט אין טויבנ־שלאַק אַ ווייך געלעגער פאַר די טייבעלעך. ערגעץ האָבן שעפעלעך זייער טרויעריק געמעקעט. אויפן הימל האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ער־שטע שטערנדלעך. אין הפקרדיק צעפּראַלטע פענצטער האָט מען איינציק־ווייז אָנגעהויבן צינדן לאָמפּן. אַ שאַיקע הינט האָבן זיך געריסן אין מיטן גאַס. דער בריוונטרעגער איז שמײדיק דורכגעלאָפן מיט אַ ליידיקן בײַטל. ערגעץ אַראָפּ אין טאָל, ווו דאָס דאָרף גיט אָפּ שלום־עליכם דעם וואַלד, האָט זיך עמעצער געבאַלעוועט מיט אַ האַרמאָניע. פון ערגעץ גאָר נאָענט האָט זיך דערטראָגן אַ געלעכטער פון שיקסעס, אַ פרייער, אַ פאַרשייטער, אָן אָנשטעקנדיקער געלעכטער. אויף שלמהן איז פון זייער געלעכטער אָנ־געפאַלן אַ שוואַרצער אומעט. אין זיינע אויגן האָבן אַ פינקל געטון פאַר־רעטערישע טרערן. יוכבד האָט דאָס גלײַך באַמערקט. זי האָט אים נישט דרייסט גענומען פאַר דער האַנט:

— וואָס איז, שלמה? פאַר וואָס וויינט איר?

הייסע עטלעכע טראָפּנס האָבן איר אַרויפגעקאַפּעט אויף דער האַנט.

די טרערן האָבן אים נישט געלאָזט ענטפערן. זי האָט אומרואיק איבער־געפרעגט:

— שלמה, גאָט איז מיט אייך, וואָס באַטייט עס? אפשר האָב איך אייך מיט עפּעס באַליידיקט?

— יוכבד, טייערע, וואָס רעדט איר נאַרישקייטן? דאָס רינען טרערן פון קנאה, פון בלוטיקער קנאה. אוי, בין איך זיי מקנא! אוי, טוט דאָס מיר וויי! אוי, גייט מיר אויס דאָס חיות נאָך עטוואָס ענלעכס...

יוכבד האָט אַ דערשראָקענע זיך דערפרעגט:

— וועגן וואָס רעדט איר דאָס, שלמה?

— וועגן אונדזער עלנטן לאַנד רעד איך, יוכבד. עס זענען דאָרטן נישטאָ אַזעלכע דערפער! נישטאָ דאָרטן די פרייד, די זאַטקייט, די איינגע־בוירענע זיכערקייט, וואָס דאָ אין די אוקראַיִנישע דערפער, אפילו ביים שלעכטן קאָלכאָזנע סיסטעם. טאָמער וואָלטן מיר, יונגע מענטשן, עס יאָ געקענט דאָרטן שאַפן, לאָזט מען נישט... אוי, יוכבד, איז דאָס אַ וויי־טיק: האָבן אַן אייגענע מוטער און נישט טאָרן זיך דערנענטערן צו איר, נישט טאָרן אָנשפּאַרן דעם שמערצנדיקן קאָפּ אויף איר מוטערלעכן אַקסל.

שלמה האָט זיך האַסטיק אָפּגעקערט, כדי זי זאָל נישט באַמערקן דעם פריש־אָנגעלאָפענעם שטראָם טרערן. יוכבד האָט טרויעריק אַראָפּגע־לאָזט אירע שיינע אויגן. אירע ברעמען האָבן פאַרדעכטיק אַ ציטער גע־טון, די דאָרשטיקע זאַמד פון דעם פיינטלעכן „אדמת־נכר”, האָט גיריק איינגעשלונגען אַ הייליקע טרער פון אַ בענקענדיקער יידישער טאָכטער.

אין עטלעכע מינוט איז גאָדל אַרויסגעלאָפן אַן איבערגעטונענער, אַ לוסטיקער, און האָט זיי פאַרנומען מיט זיך.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען זיי זענען זאַלבעדריט אַרויסגעגאַנ־גען פון דעם שיפל, האָט זיי באַהערשט יענע זיסע מידקייט, וואָס קומט נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג, און נאָך אים ערשט — אַ וואַכנדיקע נאַכט. די זשאַבעס אין טייך האָבן הילכיק געקוואַקעט. דער וועכטער ביי די סאָווכאָז־אַמבאַרן האָט פון צייט צו צייט פאַרלייגט די אויערן מיט זיין הייזעריקן „גראַגער”. ערגעץ אויף אַן אומגעזעענער צווייג, האָט אַ סאָ־לאָוויי געזאָגט אויפן קול „קריאת־שמע שעל המטה”. דער שכנותדיקער וואַלד האָט אָנגערוקט דעם שלייער איבער די אויגן און זיך פּאַמעלעך אַרויפגעדראַפּעט צום הימל: ביי טאָג איז נישטאָ קיין צייט דערויף, אָבער ביי נאַכט, אַז דער גיהנום־התחתון האָט זיך אַ ביסל איינגעמידט, קען מען זיך איבערדערציילן אַ רכילותל, קען מען מאַכן אַ ליצנותל פון די צווייפיסיקע פראַים, וואָס רעדן זיך איין, אַז זיי זענען די שענסטע און די בעסטע פון אַלע ברואים. קומט דער פרימאָרגן, אַנטלויפט דער וואַלד צוריק אויף זיין אָרט און ציט זיך אויס ווי אַ סטרונע, פּונקט ווי אַ זעל־נער וואָס האָט מורא, אַז זיין קאָמאַנדיר זאָל נישט באַמערקן, אַז ער איז דאָ געשטאַנען: *ВОЛЬНО.

---

* פריי.

פון אַן אומדייטלעכער הייך האָט זיס געריושט אַ וואַסערפאַל...

„...תהום כלבוש כסיתו, על הרים יעמדו מים"...

די טינטשוואַרצע נאַכט האָט אימהדיק געהויערט אויף דעם באַ־וואַלדעטן שטח. פון דעם פאַרבאַרגענעם ביימער־געדראַנג האָט זיך ווייט געטראָגן אַן אומאויפהערלעכער, געהיימניספולער געברום, גיי וויים, צי דאָס איז אַ געוויין, צי אַ געלעכטער אַזאַ...

„...תשת חושך ויהי לילה, בו תרמוש כל חיתו יער"...

פּלוצלינג צעריסט אכזריותדיק די אַרומיקע מנוחה אַ גרוילנדיקער רעווע, וואָס איז באַגלייט פון אַ כאָר אומהיימלעכע קוויטשן און יללות...

„...הכפירים שואגים לטרף, ולבקש מאל אכלם"...

שלמה גיט צו זיך אַליין אַ שמייכל פון זיין „ברכי־נפשידיקער" שטי־מונג: פון וואַנען נעמען זיך אין אוקראַינער וועלדער — „כפירים"? ס'איז דאָך נישט אַפריקע און נישט אויסטראַליע... ער אַליין האָט דאָך ערשט דורכגעמאַכט אַזאַ מהלך־רב בלויז מיט וואַלד, נו, האָט ער אַ סך באַגעגנט חיות? וויים איך, את צל ההרים הוא רואה כהרים... דאָס האָבן גאָר מן הסתם אָרעמע פּויערן בגנבה אונטערגעזעגט אַ בוים און דער „רעווע" איז נאָר געווען זיין לעצטער גסיסה־קרעכץ... צי אפשר האָבן זיך דאָס גאָר יעגער־הינט אַזוי פריינטלעך אַרומגעכאַפּט מיט אַן אָרעם פוקסן־געַ־זינדל... מאָלע וואָס פאַר אַ קולות אַ וואַלד קען פון זיך אַרויסגעבן העט־העט נאָך „חצות"...

דער וואַלד האָט ווייטער פאַרדומפּן געברומט; די זשאַבעס האָבן ווייטער געצויגן זייער הילצערן קוואַקריי; דער וועכטער האָט פלייסיק פאַרגעזעצט זיין עקשנותדיק טאַראַכקען; דער ליבהאַרציקער וואַסערפאַל האָט ווייטער פאַרדביקהט געזונגען זיין אייביקן ניגון; די גאַנצע געגנט, — וואָס ביים צופאַלן פון דער נאַכט האָט זיך געדאַכט, אַז זי טוט זיך אָן צום שלאָף אין שלום ושלוה, — האָט געלעבט איר פולסירנדיק ביי־נאַכטיק לעבן און האָט אייפערדיק אַכטונג געגעבן, אַז קיינער פון אירע איינוווינער זאָל חלילה נישט געקריוודעט ווערן. אויך די פאַרשפּעטיקטע לבנה מצדה האָט אַכטונג געגעבן, אַז עס זאָל קיינער פון דעם נאַכט־אַר־קעסטער נישט נעמען קיין פאַלשן טאָן. ערגעץ ווייט אין דעם קאָרן האָט געפּלאַקערט אַ שייטערהויפן. פאַר דער שיין פון די העלע פלאַמען האָט מען דייטלעך אַרויסגעזען אויף דריי שטאַנגען הענגען אַ קאָטיעלאָק * אי־בערן פייער און עטלעכע נישט דייטלעכע שאָטנס פון פאַסטעכער.

אויפן איבערגעקערטן שיפל וועלכעס זיי האָבן אַרויפגעשלעפּט אויפן ברעג האָבן זיי עפּעס לייכט איבערגעכאַפּט און שלמה האָט זיך אַליין אָוועקגעלאָזט בלאָנדזען צווישן די שלאָפנדיקע תבואות. קיינער פון די ראַ־דיעצקים האָט אים דאָס מאָל נישט אָפּגעהאַלטן —

ברודער און שוועסטער האָבן געוואָלט בלייבן אַליין, אויג אויף אויג...

* אַ סאָלדאַטסקע צינערן טעפּל.

קאפיטל XXXIII

...דמדומי חמה... זהרורי שמש... ברן יחד כוכבי בוקר...

דער מאָרגנשטערן האָט זיך נאָך געחנדלט, דער מזרח איז נאָך געווען היפשלעך פארשלאָפן און קויטיק, ווען שלמה מיט יוכבדן האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין צוריק אַהיים. שלמהס ערנסטע שטימונג וועלכע האָט אים נעכטן נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע, איז ערגעץ פארשוואונדן. א גאנצן וועג האָט ער ווי א קליין קינד געשפּרונגען משוגענערווייז; געקלעטערט אויף ביימער; געכאַפּט זיך פאר צווייגן; געהוידעט זיך אין דער לופטן ביז קאָפּשווינדל; געזונגען, וואָס עס איז אים נאָר געקומען אויף דער צונג; געשטיפט און זיך אָן אויפהער געחכמעט. יוכבד דאַקעגן איז עפּעס גאָר נישט געווען אויפגעלייגט. זי האָט גוט פארשטאַנען, וואָס שלמה וויל דאָ איבערשרייען מיט אָט דעם גאַנצן קאָנצערט. זי האָט אים אין הארצן מיטגעפילט און האָט מודה געווען, אַז צו זיינע ביטערע ספקות איז דערוויל דאָ איין און איינציקע תרופה: פריילעך זיין. לכל הפחות פאר א פרעמד אויג. יאָ, זי האָט אים מיטגעפילט, זי האָט אָבער בשום אופן נישט געקענט פארטראָגן זיין מאכן זיך נישט־וויסנדיק, פונקט ווי עס זענען גאָר צווישן זיי קיין מאָל קיין רייד נישט געווען וועגן גאָרנישט. ער האָט גוט באמערקט איר נישט געפינען זיך קיין אָרט די גאנצע צייט, די נייגעריקע בליקן, וואָס זי האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן אויף אים, נאָר ער איז דאָס מאָל געווען ביז ווייטיק אויסגעהאַלטן און האָט געדולדיק געוואַרט אויף זיין אורטייל.

שלמהס געמלאכהטע „מנוחה ושמחה" האָט זיך אָנגעהויבן אויס־וועפּן מיט יעדן טריט און שריט, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין „גרויסן" וואלד, דער זעלבער וואָס פירט שוין גלייך ביז אַלשאַנע. די צעיוירענע לוס־טיקייט, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג ארויסגעשפּאַרט פון אַלע זיינע גלי־דער, האָט זיך פון אים מיט א מאָל אָפּגעטון און א נאָגנדיקע עצבות האָט צונויפגעפרעסט זיין האַרץ:

— זי שווייגט... זי האָט א פּנים נישט וואָס צו זאָגן...

דעם ערשטן וואלד־אָפּשניט זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק, יעדער איינער פארזונקען אין זיינע מחשבות. אונטן אין וואלד איז געווען קאָ־טאָוועסדיק־טונקל, ווי אין א שלאָפצימער אין וועלכן מען האָט אין מיטן העלן טאָג פארמאַכט די לאָדן. אפילו אויבן, „אויפן דאַך", איז נאָך אויך געווען ספק חשכה, ספק אינה חשכה. דער הימל, ווי א גרויסער בעל־שמחה — וואָס איבער דער שפע פון אורחים זעט מען אים אַליין די גאַנצע נאַכט נישט אַרוים — האָט זיך איצט בהרחבהדיק „אויסגעגלייכט די ביי־נער" לארכו ולרחבו, און האָט ברייטהאַרציק דערלויבט דער גאַנצער וועלט צו באַוואונדערן דאָס פרישקייט פון זיין לייב, און דאָס קלאָרקייט פון זיין דורכזיכטיק נאַכטקלייד מיט די אַלץ העלער־ווערנדיקע זוימען.

דאס יונגע פארפאלק האט אבער דאס מאל כמעט נישט באמערקט דעם פראכט פונעם פרימארגן. די צעשטורעמטע הערצער, די אויפגערעגטע געמיטער האבן זיי פארשטעלט די ראיה און די שמיעה און די הרגשה. זיי האבן איצט נאר געזען און געהערט דאס, וואס האט געהאט א שייכות צו זיי אליין, צו זייער אייגן וועלטל, צו זייער פארנעפלטן עתיד.

ווען זיי זענען ארויסגעקומען צו דעם גרויסען, פוסטן שטח, וואס זעט אויס ווי א ליסענע אויף א קאפ מיט געדיכטע, שווארצע האר, צו דעם זעלבן פרשת־דרכים, פון וואנען די אלכאוועביימער „פארקערעווען אויף צוריק", און דער „בערעזניאק" * ווינקט פון דער ווייטנס און רופט צו זיך — האבן זיי מיט א מאל דערזען, אז אויף דער וועלט איז שוין גרויסער טאג. די זון האט מיט דריבנע טרעטעלעך געשפאנט איבער דינע צווייגע־לעך און איבער נעסטן מיט אן־פעדערדיקע פייגעלעך. נישט קוקנדיק אויף דער „הויכער" זון, איז די ערד נאך געווען פארזייט מיט בלינצלענדיקע טראפנס טוי, און אלע — מלאים זיו ומפיקים נוגה... די לבנה, מיט געלע פלעקן אויפן פנים — ווי ביי א מעוברתער פרוי, וואס האט א שווער טראגן — האט געטארטשעט אין מיטן הימל, נישט אהער, נישט אהין. א קוק טוענדיק אויף איר אפגעבליאקעטער, פארשעמטער צורה, איז ארויס־געשוווּמען פאר די אויגן : א גרויס מקום־קדוש, ווו דער שמש איז אוועק־געגאנגען און האט פארגעסן אויסצולעשן דעם לאמפ מיטן פארגעלטן גלעזל. דער דאזיקער רונדיקער, צווישן־וואלדיקער מרחב, האט איצט גע־דינט פאר א פאשע־פעלד, ווו דאס היי איז נאך געווען מחובר לקרקע און האט אנגעפילט די לופט ארום זיך מיט יענעם צארטן גערוך, וואס די ביי־ביקע פלאקאנטשיקלעך מיט די שמאלע העלדזעלעך, — די פליסיקייט פון וועלכע רופט זיך אויך אן כביכול „פריש היי" — קענען בשום אופן נישט נאכמאכן. דער וואלד, אין וועלכן זיי זענען איצט אריין, איז נאר פאר אן אחיזת־עינים געווען ארומגעפלאנצט מיט ברייטביינערדיקע בעריאזעס אין גראבער, גרווילעכער קארע, ווי די פארמעליקטע מיל־ארבעטער. אינע־ווייניק, אין זיינע געדעכענישן, איז געווען אן ערב־רב פון כל המינים ביימער : פון ראבע און אסינעס, פון סאסנע און דעמבעס, פון טאפאלן און טשינארן, פון קאשטאנען־ביימער און אפילו — פרוכטנביימער.

דער וועג אויף צוריק איז עפעס געווען פיל קורצער. א זייגער צוועלף האט דער וואלד אנגעהויבן שיטערער צו ווערן. אלשאנא איז שוין געווען נישט ווייט. יוכבד האט געמאכט איבער זיך אן איבערמענטשלעכע אנ־שטרענגונג נישט אויסצוגעבן דעם פארדראס, וואס קאכט אין איר פאר זיין שווייגן, פאר זיין כלומרשטער גלייכגילטיקייט, נאר אירע נערוון זענען געווען פיל שוואכערע פון שלמהס. סוף כל סוף האט איר געדולד טאקע געפלאצט און מיט טרערן אין קול האט זי זיך אנגערופן :

— איר הערט, שלמה, איך קוק אויף אייך און פארשטיי אייך נישט.

---

* בעריאזע וואלד.

איר האָט נעכטן א גאַנצן טאָג צייט, געהאַלטן אין איין רעדן מיט אַזוי פיל האַרץ, און מיט אַזוי פיל געפיל און היינט — האָט איר אפילו פאַר־געסן צו פרעגן אַן ענטפער...

— איך האָב נישט אַזוי ווייט פאַרגעסן, ווי איך האָב געוואַרט אויף אייער יושר...

יוכבד איז מונטערער געוואָרן. — האָט ער נישט קיין חרטה, הייסט עס, אויף זיין נעכטיקער דערקלערונג... זי האָט שאַרף א קוק געטון שלמהן גלייך אין די אויגן אריין, נאָכדענקענדיק אויסגעוואַרט א ווײַלע און האָט מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן געזאָגט:

— שלמה, איר זענט אויף אַזוי פיל קלוג אַליין צו פאַרשטיין, אַז הגם איך האַלט נאָך נישט ביי חתונה האָבן, אָבער איר זענט אַן אויסנאַם. אַז שענער פון אייך, געלערנטער פון אייך, טאַלאַנטירטער פון אייך איז דאַכט זיך גאָרנישט שייך. אפילו דאָס איז אויך העכער פון מיין השגה... נאָר... נאָר פאַלי שרעקט מיך... א מענטש, וואָס מען האָט אַזוי לאַנג און אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, קען מען דען אַזוי לייכט פאַרגעסן? ווער ווייסט וויפל א פאַרלאָשן קוילעכל קען נאָך א מאָל אָנטון צרות... און ווידער, קוים קענט איר זיך אַזוי לייכט באַשליסן איבערצובייטן איינע אויף דער צווייטער, פאַר וואָס זשע זאָלט איר נישט קענען שפּעטער מיטן זעלבן דערפאָלג איבערבייטן די צווייטע אויף א דריטער?...

שלמה האָט זיך א וואַקל געטון אויף די פיס ווי פון א מעכטיקן שטויס אין דער ברוסט. זיין פנים איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך, די ציין האָבן זיך פון זיך אַליין אריינגעשניטן אין די ליפּן, כדי נישט ארויסצולאָזן דעם ביטערן ווייגעשריי, וואָס האָט זיך געריסן פון זיין פאַרוווּנדעט האַרץ. זיין ערלעכקייט האָט זיך פון אירע רייד געפילט געטראָפן, ווי נאָך קיין מאָל נישט ביז אַהער. אַליין דאָס נישט פילנדיק האָט ער זיך מיט פאַר־מאַכטע אויגן אָנגעשפּאַרט אין א בוים און איז ווי פאַרשטאַרבן געוואָרן.

גלייך נאָך איר ארויסזאָגן דעם שרעקלעכן חשד האָט יוכבד דערפילט, אַז זי האָט שלמהן בלוטיק באַליידיקט. זי איז געשטאַנען א פאַרלוירענע, נישט געוווּסט ווי אַזוי צו פאַרריכטן איר אָפּגעטונענע עוולה. מיט טרערן אין קול האָט זי עטלעכע מאָל אים געמינטערט: שלמה... שלמה... ער איז אָבער געווען ווי אין חלשות, מער נישט נאָר זיין ברוסט האָט זיך שטאַרק באַוועגט, חוץ דעם האָט ער נישט גערירט מיט קיין אבר. זי האָט אים אָנגענומען מיט ביידע הענט ביי דער האַנט:

— שלמה, זייט מיר מוחל, איך קען אייך שווערן ביי וואָס איר ווילט אַליין, אַז זאָגנדיק דאָס, האָב איך אַליין נישט געגלייבט אין מיינע רייד. דאָס ערלעכקייט ליגט אייך דאָך אויפן פנים. ווען עס איז נישט אַזוי, ווער האָט אייך בכלל געצוווּנגען מיר אָט דאָס אַלץ צו דערציילן?

שלמה, מיט א קול וועלכעס ס'איז קוים מעגלעך צו דערהערן:

— אויב ס'איז יאָ אַזוי די מעשה, פאַר וואָס זשע האָט איר מיר טאַקע געמאַכט אַזא שרעקלעכן פאָרוואורף?

— איך ווייס אויך נישט... עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט הערן אייער ענטפער דערויף... איך בעט אייך, זייט מיר מוחל! שלמה, איך בין מסכים... איך האָב אייך ליב... אָט האָט איר מיין האַנט...

ער עפנט אויף די אויגן, איר מויל איז נאָך אפילו אָפן. יאָ, דאָס האָט זי געזאָגט די אומגלויבלעכע ווערטער: „איך האָב אייך ליב". ער איז קוים אומשטאַנד אַרויסצושעפּטשען:

— יוכבד...

ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך, נאָר איר קיין קוש געבן עפּעס נישט געוואָגט. ער האָט בשעת־מעשה געהאַט אַ געפיל, ווי ער זאָל איצט וועלן אָפּבייסן דעם פּיטום פון אַ ווונדערשיין קאַרפּירער אתרוג. זי איז לאַנג געשטאַנען אין זיינע אָרעמס. איינער האָט געקוקט אויפן צווייטן. גאָר־נישט געזאָגט, נאָר געקוקט, געקוקט און געקוקט...

ענדלעך האָט זיך יוכבד באַפרייט פון זיינע אָרעמס און אויפהייבנדיק אויף אים אירע אומשולדיקע אויגן, שטיל און ווייך געזאָגט:

— שלמה, איר האָט גערעדט אַ סך שעהן, איך אָבער האָב וועגן זיך כמעט גאָרנישט וואָס צו דערציילן. אָט דאָ אין אָלשאַנע בין איך געבוירן געוואָרן, און אַזוי געבליבן שטעקן עד היום הזה. אויב נישט רעכענען דאָס, וואָס איין מאָל בין איך געווען אין שפּאָלע און איין מאָל אין באָקלאָוו — בין איך נאָך אויף מיין לעבן אין ערגעץ נישט אַרויסגעפאָרן. גאָרנישט האָב איך נישט, גאָרנישט בין איך נישט, גאָרנישט קען איך נישט... איין און איינציקע זאַך קען איך: זיך מקריב זיין פאַר מיין ליבן, אויב דאָס וועט זיך פאָדערן... און איין בקשה האָב איך צו מיין באַשערטן: מיר אויך זיין געטריי... איך בין נאָך אַזוי יונג, אַזוי נישט גענייט... איך גיי אייך נאָך מיט פאַרמאַכטע אויגן... איר וועלט זיך קיין מאָל ביי אייך נישט נאָכ־פרעגן: וווהין איר גייט, מיט וועמען איר באַגעגנט זיך. איך פאַרלאָז זיך אין גאַנצן אויף אייער יושר און אויף אייער ערלעכקייט. אונדזער גאָדלען — זענט איר פון אָנהייב אָן שטאַרק געפעלן געוואָרן, און בכלל אַלעמען ביי אונדז אין שטוב. דעם טאַטן שמועסט מען נישט. נאָר מער פון זיי אַלע־מען — מיר אַליין... פון דעם ערשטן קוק... פון יענעם ערשטן פרימאָרגן ביים פענצטער... פון דאַמאָלסט ווען איר פלעגט מיך טשאַטעווען ביים גיין נאָך מילך... פון יענעם שמועס אין פּאַרק... אפילו מיין אויסקלייבן דאָס לידל: «Рябина». איז אויך געווען דערפאַר, ווייל דאָס האַרץ האָט מיר שוין דאַמאָלסט אונטערגעזאָגט, אַז איך בין אייער „ריאַבינאַ" און איר מיין דעמב... איך קען נישט אַזוי שיין רעדן ווי איר... נאָר איר מעגט מיר הייליק גלייבן, אַז אַזוי איז דאָס. איך בין נאָך קיין גאַנצע אַכצן יאָר נישט אַלט. איך וויל זיך נאָך בילדן, איך וויל פיל זאַכן לייענען, זען אַ וועלט... איך וויל די ווערט האָבן צו זיין אַ פרוי פון אַזאַ געלערנטן מענטשן ווי איר... איך האָב פיל מאָל געהערט מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט איר האָט גערעדט וועגן ציון, און בין אייך געווען אַזוי דאַנקבאַר, אַזוי דאַנקבאַר... פון קינדווייז אָן ציט מיך אַהין, אַן איבערמענטשלעכע קראַפט ליגט אין

דעם וואָרט „ציון"... ווען עס קומט תשעה באב, זאָג איך צוזאַמען מיט דער מאַמען קינות און וויין שטענדיק... עס ציט מיך אַהין געפערלעך, מיט אייך צוזאַמען וועט זיין הימלעכער צו בענקען... איך בין נישט דערצויגן געוואָרן אין וועלטאָג, ווי איר האָט דערציילט פון יענער. איך קען אַלץ אַליין טון. איך דאַרף נישט קיין דינסטן. אין קליידער בין איך אויך נישט זייער געבאַלעוועט. קיין מלבוש פון קרעפּ דע שין האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געהאַט, קיין אמתע לאַקירקעס האָב איך נאָך גאָר אפשר אין מיין לעבן נישט געזען. און אין אמת גערעדט, האָב איך צו דעם אַלעמען קיין יצר־הרע נישט, איך האַלט דאָס פאַר מותרות. איך וועל קיין מאָל נישט מסכים זיין, אַז מיין מאַן זאָל ריזיקירן מיט זיין לעבן, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט מיר צוצושטעלן אָט די גרויסשטעטישע לוקסוסן. אונדזער גליק וועט זיין אַ מער תכליתדיקס, אַ מער תוכעדיקס. אונדזער בשותפותדיק לעבן וועט האָבן אין זיך מער אינהאַלט ווי: אָפּלעבן אַ גוטן טאָג, זיך אָנטון, אַרומפאָרן מיט אויטאָס, אָנשטאָפּן די קישקע מיט נאַשערייען, און דערנאָך פאַר אָט די פּוסטע נאַרישקייטן זיך צעצאָלן מיט יאָרן עלנט און ליידן... וואָס, איר האַלט דען נישט אַזוי?

— יוכבד, לעבן מיינס, ווי אַזוי קען איך דען מיינען אַנדערש פון אייך? איך בין דורשטיק נאָך אייערע רייד ווי אַ מענטש, וואָס קומט אָן פון אַ לאַנגן בלאָנדזען אין אַ מדבר — נאָך אַ פרישן טרונק... אייערע רייד זענען דורכגעוויקט מיט פּראַקטישן פאַרשטאַנד, מיט דער אידיאַלער איבערגעגעבנקייט פון אַן אמתער יידישער טאָכטער... אָ! איר דאַרפט נישט מורא האָבן פאַר אַ רעצידיוו מיט „יענער". יענע האָט זיך אין מיר שטאַרק נוקם געווען און איר האָט זיך מיר באַוויזן ווי אַ מלאך אין אַ מענטשלעך געשטאַלט. אויף אייער געוויסן איז נאָך קיין שטויבעלע נישט געפאַלן, איך לייען דאָס דייטלעך אין אייערע אויגן. איך דאַרף דאָס נישט הערן פון קיינעם, אפילו פון אייך אויך נישט. „יענע" איז טריף מכף רגל ועד ראש, איך האָב זי ערשט געדאַרפט מגייר זיין און איר זענט אַ ריינע, אַ הייליקע יידישע טאָכטער. ווי זאָגט ער דאָרט: זאת הפעם, עצם מעצמי ובשר מבשרי — מיין אייגן בלוט און פלייש... מיר קענען זיך לחלוטין פאַרשטיין אָן ווערטער, ווייל מיר זענען פּונקט ווי פון איין מאַמען געבוירן געוואָרן. און אָט איז דער ערשטער פאַקט: ס'איז דאָך שוין באַלד אַ שעה, אַז מיר זענען חתן־כלה, נישט אמת?

— וואָס פרעגט איר נאָך איבער אַזאַ זאַך? איך זאָל אפילו וויסן, אַז מיין טויט וועט זיין, וועל איך אייך שוין קיינעם נישט אָפּטרעטן...

— און באַרעכן נאָר, יוכבדל, מיר זאָגן זיך נאָך „איר"... מיר האָבן זיך אפילו נישט צעקושט ווי אַנדערע זענען זיך מן הסתם נוהג אין אַזאַ פאַל. איר זענט דאָך אויף מיר נישט ברוגז פאַר אָט די צוויי פאַרברעכנס?

— אָ, שלמה! דאָס איז די ערשטע טובה, וואָס איר טוט מיר. איך בין אייך דערפאַר אַזוי דאַנקבאַר... אַזוי דאַנקבאַר...

— און פאַר וואָס מיינט איר איז דאָס אַזוי? ווייל איר זענט פאַר מיר

נישט סתם אַ פרוי, נאָר די איין און איינציקע פרוי, וועלכע דער הימל האָט מיר צוגעשיקט פאַר אַ שטענדיקער באַגלייטערין. איר ווייסט דעם באַדייט פון „מקודשת לי״? — זי איז פאַר מיר קודש־קדשים. פאַר מיר קודש־קדשים און פאַר אַלע איבעריקע מענטשן אין דער וועלט — אסור ווי הקדש. איר זענט פאַר מיר הייליק, ווי די גמרא הייסט הייליק האַלטן אַ ווייב: „אפלת ואוקיר״, איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט? „יותר מגופו״, ווייסט איר, וואָס ס'איז די טייטש? — זיך פאַר איר מפקיר זיין, גיכער ווי פאַר זיך אַליין...

שלמהס אויגן שיסן פּלוצלינג אוים מיט גליק, ער גיט אַ פּליעסק מיט די הענט, אַז דער עכאָ צעטראָגט זיך אויף דעם גאַנצן מרחב:

— גוואַלד, וואָס זשע שווייג איך? איז דאָך: זה היום עשה ד׳! יוכבד, נשמה מיינע, האָב איך, הייסט עס, מצליח געווען?

— נישט מער פון מיר —

— כ'האָף אויך אַזוי... וואָס זשע טוען מיר איצט? איר גייט אייך אהיים געזונטערהייט, גיט אָפּ דעם טאַטן גאָרלס „סוכה־שער״, כ'מיין: דאָס שטיקל בריוועלע, כאַפּט אריין אַ פּאָר שמיצלעך אין אַ געוויסן אָרט —ביידע צעלאַכן זיך.

— און איך גיי פון דאַנען דורך די גערטנער גלייך אויפן וואָקזאַל. מאָרגן אם ירצה השם וועל איך צושיקן מיין טאַטן רעדן אייך דעם שידוך. פאַר אַזוי פיל ליידן, וואָס עלטערן האָבן מיט אַ קינד, ביז מען ברענגט עס „צו לייטן״, קומט זיי דער דאָזיקער זכות. זאָל ביי זיי בלייבן איינגערעדט, אַז דאָס האָבן זיי „געשלאָסן״ דעם שידוך. ס'איז נישט קיין יושר, אַז זיי זאָלן קומען צום גרייטן, גלייך מיט אַלע איבעריקע מחותנים. און איר, אַז מען וועט ביי אייך פרעגן, האָט רחמנות און ענטפערט, אַז איר ווילט...

ביידע זענען אויפגערוימט און שמייכלען.

— און שוין! האָבן מיר, הייסט עס, פאַר עטלעכע מינוט אריינגע־שריבן דאָס וויכטיקסטע בלעטל אין אונדזער בשותפותדיקן „ספר־החיים״. נו, מיין טייערע באַלעבאָסטינקע, ערגעץ אָט דאָ דאַכט זיך, דאַרף איך זיך נעמען אויף לינקס? איר זענט דאָך אַ היגע דאַרפט איר דאָך בעסער וויסן פון מיר —

— ווייטער אַ ביסעלע, קעגן אָט יענעם באַשטאַן.

— איצט איז אַ פערטל נאָך צוויי. אַ צוג האָב איך 3.25, וועל איך אים נאָך זיכער פאַרכאַפּן.

— אָ! איר וועט נאָך גענוג וואַרטן אויף אים.

זיי נעמען זיך פאַר די הענט. שלמה גיט אַ שעפּטשע:

— אפשר צום געזעגענען זיך? —

ער פאַרשעמט זיך און אַנטלויפט. ער לויפט, אָבער זיינע פיס רירן זיך נישט צו צו דער ערד. עס זענען אים מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן פליגל און ער שוועבט, די ערד אַנטלויפט פון אונטער זיינע פיס און ער פליט — פון רעכטס פליט אים נאָך דער פסוק:

...בזאת ידעתי כי חפצת בי, כי לא יריע אויבי עלי... *

און פון לינקס:

...שובי נפשי למנוחיכי, כי ד׳ גמל עליכי...**

יוכבד איז געשטאַנען און האָט אים באַגלייט מיט די אויגן, ביז ער איז אין גאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן הינטערן גרינעם בערגל.

* דערמיט ווייס איך, אַז איך בין דיר באַוויליקט, וואָס מיין פיינד וועט נישט זען קיין נקמה אין מיר. פון תהילים.

** באַרואיק זיך, מיין נשמה, ווייל גאָט האָט דיר שוין מיט גוטן באַצאָלט. אויך פון תהילים.

קאפיטל XXXIV

דעם זעלבן אויפדערנאכט נאָך מעריב האָט שלמה צונויפגערופן צו זיך אין צימער אריין אַ קליינע פאַרזאַמלונג. די פאַרזאַמלונג איז באַשטאַנען פון פינף מענטשן: פאָטער און מוטער, דער זיידע שלום, מנשה כאַדראָוו און ער אַליין — דער פינפטער. פון דעם ערשטן וואָרט איז שלמה גלייך אַן הקדמות צוגעטראָטן צום עצם הענין:

— איך ווענד מיך איצט צום טאַטן מיט דער מאַמען. „שלשה שותפים באדם", איר זענט די בעלי־בתים אויף מיר, און פאַר אייך דאַרף איך אָפּגעבן חשבון. איך ווייס זייער גוט, אַז איך האָב אין מיינע פיר און צוואַנציק יאָר אייך פיל בלוט פאַרצאַפּט, נאָר איר קענט מיר גלייבן, אַז מיר איז אויך זיס נישט געווען... עס קען אפשר זיין, אַז אָפּט מאָל — נאָך פיל ביטערער ווי אייך... עס איז זיכער געווען אַזוי אָנגעצייכנט, און יעדער פון אונדז, איש כפי השגתו, האָט אויסגעזויגן דעם כוס מיט די מים המאררים ביז צום דנאָ...

שלמהס קול האָט אַ ציטער געטון און ער האָט ביי ציימנס פאַרביסן אַ ליפּ. קיינער האָט קיין מינדסטע באַוועגונג נישט געמאַכט, אַלע האָבן מיט ליבע און מיטגעפיל געקוקט שלמהן אין די אויגן אריין, געשוויגן און געוואַרט.

— פאַר וואָס איך זאָג „אויסגעזויגן", בלשון עבר, פֿאַרשטייט איר מן הסתם אַלע. איך מיין, אַז כאָטש איך האָב אייך וועגן דעם נישט געזאָגט, נאָר איר האָט שוין געווים אַליין באַמערקט, אַז מיט די טולטשינסקיס בין איך געוואָרן אויס מחותן... דו הערסט עס צום ערשטן מאָל, טאַטע?

— פון דיר — צום ערשטן מאָל, נאָר איך האָב זיך שוין צו ביסלעך אָנגעשטויסן... דיין זיצן די אויפדערנאַכטן אין דער היים; יאַניס אַנטלויפן פון מיר, ווען ער דערזעט מיך; און לעצטנס — דיין אָפּפאָרן אויף אַ דאַטשע... מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען, ביי וואָס עס האַלט...

— יאָ, עס איז שוין העכער זעקס חדשים, אַז צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט... ווי אַזוי? וואָס? ווען? — דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן. אַ שאָד די צייט אויף איבערצוקייען אַזעלכע שטותים... אויס, און שוין! איר שטעלט זיך מן הסתם פאָר, ווי חרוב ונחרב מיין נשמה איז ארויס פון אָט דער שלאַכט. כ'בין געווען זיכער, אַז עס וועלן פאַריבער פיל, פיל יאָרן, ביז איך וועל ביי זיך פועלן, פון דאָס ניי אַ קוק צו טון אויף אַ מיידל. אַזוי האָב איך גערעכנט... דער וואָס איבער אונדז האָט אָבער זיינע אייגענע דרכים... ער עצהט זיך מיט אונדז נישט, ער ווייזט אונדז דאָס גרייטע... גיי ריכט זיך, אַז מיין זיווג מן השמים געפינט זיך גאָר אין אַזאַ פאַרשטעקטן לאָך ווי אַלשאַנאַ —

די בענקלעך גיבן אַ וויטיקלעכן טרישטשע... די געזיכטער בייגן זיך צו נעענטער, עסן זיך טיפער איין מיט די אויגן אין שלמהס ליפּן.

— עס ווערט ערגעץ געבראַכט, אַז קודם יצירת־הולד, בעת מען רופט אויס: בת פלוני לפלוני, ווייזט מען די נשמות איינע דער אַנדערער אויף

אין רגעלע. דערפון נעמט זיך, וואָס חתן־כלה ווערן זיך געפעלן אָפּט מאָל פונעם ערשטן אויגנבליק. ווייל דאָס דערקענט די נשמה פון דעם בחור — נאָך אַזוי פיל יאָרן — יענע נשמה, וואָס מען האָט אים צוגעטיילט פון אויבן. אַזוי אַז מען הערט דאָס, קלינגט עס ווי אַ גלייכוווערטל, אָבער מבשרי אחזה, אַז ס'איז נישט קיין דברים בעלמא... בדידי הוא עובדא... ביי מיר, קען איך זאָגן, האָב איך דאָס אַרויסגעזען באַשיינפּערלעך. דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב דאָס דאָזיקע מיידל דערזען, איז זי געשטאַנען מיט ביידע הענט אין דער מולטער טייג און האָט נעבעך גוט געהאָרעוועט. דערצו נאָך איז זי גאָר געשטאַנען צו מיר מיטן רוקן. ערשט ווען איך בין שוין געשטאַנען אויף דער שוועל אויף אַוועקצוגיין, האָט זי גראָד אויסגע־דרייט איר פּנים... וואָס זאָל איך אייך זאָגן ? ווי מען וואָלט מיר מיט אַן עלעקטריש לעמפּל געגעבן אַ שנייד גלייך אין די אויגן. כ'בין ממש פאַר־בלענדעט געוואָרן. דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר אַ וואָרף געטון מיט אַ פריידיקן ציטער : אוי, ס'איז מיינס ! און דערנאָך שוין אַזוי, מיום ליום ומשעה לשעה. מיין... מיין סימפּאַטיע צו איר איז געוואַקסן אָן רעגן. מיינט איר אפשר, אַז עס האָט מיך באַצויבערט איר זעלטענע שיינקייט ? — ניין ! איר רייכקייט ? — אודאי נישט ! איר אויסערגעוויינלעכע געביל־דעטקייט ? — אויך נישט ! אפשר אירע חנדעלעך, אַ קאָקעטקע, אַ יענע־רין אַ גוטע ? דאָס אפשר, מיינט איר ? — חס וחלילה ! גאָר—נישט... נאָר ס'איז מיינס !

אפרים־אהרון גיט אַ טאַנץ אונטער :

— ווער איז זי? וועמענס איז זי?

— טאָקע דעם זעלבן ר' נחמן ראַדיעצקיס אַ מיידל, די עלטסטע טאָכטער...

— דו הערסט אַ מעשה? איז דאָך דאָס טאָקע עפּעס אַ השגחה פּרטית. איצט גיי זיי אַ מבין אויף כביכולס דרכים. דאַרפסטו פון אַלע צע־נער טויזנטער דאַטשעס און קורערטער, וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט, אויס־קלייבן פאַר זיך גראָד אַלשאַנאַ, זיך פריער טרעפן מיט איצי גאַראַדישטשער און אַנגעוויזן ווערן גלייך אַהין אין שטוב אַריין... באַרעכן נאָר, עס איז דאָך טאָקע פּלאַי־פּלאַים... דו האָסט ביי זיך איר פאָטאָגראַפיע ?

— איר בילד שטייט מיר פאַר די אויגן, אָבער אויף די הענט האָב איך עס נישט. זי איז נישט פון דעם סאָרט מיידלעך, וואָס געבן גלייך פון זיך פאָטאָגראַפיעס... האָסט נישט אָנגעטראָפן אויף אַזאַ אכסניא...

— אָבער דערצייל עפּעס וועגן איר ! דו רעדסט דאָך אַלץ וועגן אַ מענטשן, וואָס מיר האָבן וועגן אים קיין מינדסטע פאָרשטעלונג נישט. דערצייל וואָס עס איז...

— איך ווייס אפילו נישט וואָס מען קען וועגן איר דערציילן... דאָס איז אַ מיידל וועלכע מען דאַרף שילדערן אָן הויכע פראַזן. אַליין רעדט זי מאַמע־לשון און דערציילן וועגן איר איז אויך נאָר שייך בשפה ברורה ובנעימה. דאָס איז אַן אומשולדיק מלאכל פון קאַרגע אַכצן יאָר. נאָך דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן. צי זי איז שיין ? שייך צו זאָגן ? שולמית

פון שיר־השירים האָט זיכער שענער נישט געקענט זיין! זי איז דערצויגן אין אַ העכסט פרומער שטוב, איז שטרענג ערלעך און גלייכצייטיק מילד ווי איינע פון די אמהות. זי גיט נישט די האַנט קיין פרעמדן מאַנסביל. תשעה באב זאָגט זי קינות צוזאַמען מיט דער מוטער און פאַרלירט אַ טרער אויף גלות־השכינה. זי האָט געלערנט חומש מיט רש״י, קען אַ ביסל תנ״ך און לייענט אפילו אַ העברעאיש בוך אויב עס מאַכט זיך איר צו דער האַנט. אַ קלוגע, אַ שאַרפע, נו, וואָס נאָך? אַ געטריי ווייב וועט זי זיכער זיין, דאָס איז ביי מיר בלתי ספק. זי האָט אין ווענען צו זיין געראָטן. דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פונעם ביימעלע. נו, און דאָס איבעריקע וועט איר שוין אַליין זען. איך וויל, אַז דו, טאַטע, זאָלסט מאָרגן צופאָרן אַהין און אַליין פאַרלייגן דעם פאָטער אירן דעם שידוך.

— וואָס? אַליין גאָר? ווי אַ בעל־עגלה? ווו האָסטו עס געהערט, אַז אַ מענטש אין אונדזער גראַד זאָל זיך גאָר אַליין פאַרשטעלן? דערויף זענען ביי יידן, ברוך־השם, דאָ מעקלערס, שדכנים. זאָל אַ ייד פאַרדינען אַ פּאָר רובל. נאָ דיר גאָר אַליין, אַזאַ איינפאַל!...

שלמה גיט אַ שמייכל:

— די מעקלערס מיט די שדכנים האָט די ראַטנמאַכט אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און איך וויל נישט זיין קיין מורד במלכות... פאָלג מיך טאַטע, שפּאָר זיך נישט איין. היינט זענען אַנדערע יאָרן. דו וועסט אים נאָר דאַרפן זאָגן געציילטע דיבורים: ר׳ נחמן, איר האָט אַ טאָכטער, איך האָב אַ זון, זאָל זיין — יחדיו! גלייב מיר, וואָס פּשוטער איז אַלץ בעסער.

— אָבער אַז עס פירט זיך פאָרט נישט אַזוי?!

דער זיידע שלום גיט אַזש אַ שפּרונג אויף פונעם בענקל:

— משוגע מיינע שונאים, צי וואָס? נאָך אַ מאָל „עס פירט זיך״ און ווידער אַ מאָל „עס פירט זיך״... יענער רעדט אָפּגענע דיבורים, פּערל־דיקע רייד, און ער איז דיר דאָ מיט זיין „עס פירט זיך״... האָסט נישט געהערט קיין מאָל ווי איינער האָט געטייטשט דעם מאמר: „חמרא אפילו בתקופת־תמוז קרירא ליה״? האָט ער אַזוי געטייטשט: יענער איז אַן אמתער חמור, ווער עס ליידט פון קעלט — עס מעג זיין אפילו בתקופת־תמוז — נאָר דערפאַר ווייל ס׳איז אַ בזיון פאַר לייטן אַנצוטון דעם פּעלץ. דו ווייסט וואָס דו רעדסט? שלמה טאָר אפילו קיין איין מינוט נישט ליידן איבער דיין „מה יאמרו הבריות״. און טאָמער האָסטו טאַקע אַזוי שטאַרק מורא, וועל איך מיט דיר פאָרן! וואָס? אַזוי וועט שוין זיין בעסער?

— גוט! וועלן מיר טאַקע ביידע פאָרן אַהינצו. וואָס דען, ביי אַזאַ זאַך קען איך עפּעס שטעלן אויף זיך אַליין?

שלמה שמייכלט אין זיך: „קען איך עפּעס שטעלן״... כ׳האָב זייער גלייך געטון, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט פאַרן טאַטן להשלים את הבנין... ער איז אַזוי גליקלעך אין זיין ראָל... אָט דאָס פלאַטערן זיינס, אַליין צו פאָרן קיין אָלשאַנאַ... אָט דער אויסזיכט צו באַקומען פאַר אַ

מחותן א חסידישן יידן, א יידן א למדן... אך, ווי עס גלאַנצן זיינע אויגן...

די מוטער דריקט צו שלמהס קאָפּ צום האַרצן און קושט אים און קושט אים, זי קען זיך גאָרנישט אָפּרייסן פון אים. מנשה, פאַר צופרידנ־קייט קראַצט זיך אַזש מיטביידע הענט אין קאָפּ. אפרים־אהרון ווערט מיט א מאָל ערנסט און פרעגט הייזעריקלעך :

— יאָ... היינט, זונעניו דער עיקר...

און אין צפורהס זייט, מיט א ליבלעכן פאַרדראָס :

— זי קושט שוין... עס איז נאָך א בוידעם, א ווינטמיל, אויפן הימל א יאַריד, מען ווייסט נאָך גאָרנישט. און זי האָט שוין קיין צייט נישט, זי קושט... גלייך ווי זי קען נאָך אָנווערן... שטיא וואָס דו ביסט, וואָס סמאָטש־קעסטו שוין? עמעצער וועט ביי דיר אויסכאַפּן? טשמאָק, טשמאָק, גלייך ווי עמעצער וועט זי נישט לאָזן לאחר המעשה... א סדרה פון „ישקני", נו־נו...

און צו שלמהן, מיט זייער אַן ערנסטן טאָן:

— זאָג מיר שלמהניו, דו האָסט שוין מיט איר וועגן דעם גערעדט ?

שלמה פרעגט תמעוואטע :

— מיט וועמען מיינסטו ?

— שלום עליכם א ייד... מיט וועמען מיין איך ערשט ? מיט „איר"... מיט... ווי הייסט זי מיטן נאָמען ?

— יוכבד !

— אויך יוכבד ? ביי מיין טאַטן איז דאָ א יוכבד און ביי מיר זאָל א סברא אויך זיין א יוכבד ? ביי מיין טאַטן די עלטסטע טאָכטער, און ביי מיר די עלטסטע טאָכטער. עס וואָלט דאָך עפּעס געוועזן גאָר אגיל ואשמח. פאַר וואָס זשע ענטפערסטו נישט ? דו האָסט שוין מיט איר גערעדט ?

— צו וואָס זשע דאַרף איך רעדן, אַז דו פאַרסט דאָס טון פאַר מיר ?

— גראַם־שטראַם ! ווי געפעלט אייך דער משל ? איך קען רעדן מיט איר פאָטער — איז אויך אויף מיר א פחד — אָבער מיט איר ? מיט דער מדוברת אַליין, האָסט דו דאָך, דאַכט זיך, געדאַרפט רעדן, צי ניין ?

— עי, מען דאַרף נישט רעדן... קענען קענען מיר זיך דאָך גוט. און ווייטער ? איך האָף צו גאָט, אַז זי וועט מרוצה ווערן און עס וועט עולה יפה זיין אָן איבעריקע רייד. דו דאַרפסט נאָר דיין פחד איבערלאָזן אין דער היים... מער גאָרנישט...

דער זיידע שלום בייגט זיך אָן און נעמט אָן שלמהן ביים קנעפּל:

— דער ר' נחמן דיינער, איז טאַקע אַזא מר בר רב אשי, ווי איציק גאָראָדישטשער האָט אים אוועקגעשטעלט?

— זייער אַן איידעלער ייד און א שטיק למדן —

— אזוי די מעשה? איז ער וועט געווים ווערן! דאָס איז שטענדיק א חקירה: דאָס וואָס דער מענטש איז אַליין, דאָס האָט ער ליב אויך ביי יענעם... אפילו ביי „כביכול" איז אויך די זעלבע מעשה: כי צדיק ד' — צדקות אהב...

אפרים־אהרון באַפרייט פאַרזיכטיק שלמהס קנעפל פונעם פאַטערס פינגער און פאַליעט אַרויס בנשימה אחת:

— און איצט, — די הויפּט־פראַגע...

ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע בייזיצנדיקע, ווי איינער רעדט: וואָס שווייגט איר? איך אַליין דאַרף טאַקע אַלץ האַלטן אויפן קאָפּ?

שלמה פרעגט שמייכלענדיק:

— איז וואָס זשע איז די הויפּט־פראַגע?

— די הויפּט־פראַגע איז, צי ביסטו מיט זיך אַליין אין גאַנצן פאַרטיק?

— וואָס הייסט?

— אָט דאָס הייסט! מיר זענען דאָך דאָ בלויז היימישע מענטשן. איך פרעג, צי דו האָסט זיך שוין גרינטלעך אויסגעהיילט פון „יענער" טשומאַ?

— וואָס זשע, פאַר אַזאַ ליכטזיניקן האַלטסטו מיך? איך וועל מיט איינער איבערלאָזן אין מיטן אַן ענין און זיך דערוויל שדכענען צו אַ צווייטער?

— אדרבה, טאַקע ווייל איך האַלט דיך פאַר אַן ערנסטן מענטשן, דערפאַר פרעג איך טאַקע... איך ציטער, אַז דו זאָלסט חלילה נישט פאַר־בלייבן קרח מכאן וקרח מכאן.... און וואָס נאָך? ווער ווייסט, ווי אַזוי דו וועסט אריבערטראָגן דעם „שנוי־וסת"? פון דעם אמת קען מען דאָך נישט אַוועקגיין: יענע איז דאָך עפּעס פאַרט געווען אַזאַ אויסערגעוויינ־לעכע שיינהייט... ס'איז עפּעס בנקל אַזאַ זאַך עוקר מן השורש צו זיין?

— איך האָב אויך אַ מאָל אַזוי געמיינט, אַז מיט איר ענדיקט זיך שוין, אַז יענע איז די איינציקע קעניגין אין היכל־היופי... הוד שבהוד... אַזוי האָב איך לאַנגע יאָרן געמיינט, אָבער איצט ווייס איך שוין גוט, אַז עס איז נישט אַזוי די מעשה... עס קען אפשר זיין, אַז יוכבד איז נישט אַזוי שיין ווי זי, נאָר בנוגע צו חן, פאַרשטעקט זי זיבעצן פאַלים אין איין שטעקשוך. נאָר איך פאַרשטיי דאָך, וואָס דיך מוטשעט, דו האָסט מורא טאָמער וועט מיר שטענדיק וויי טון, פאַר וואָס מען האָט זיך מיט מיר געוואָרפן, מיך געבראַקעוועט, איאַ געטראָפן? וואָס דען, איך לייען נישט איבער דיינע געדאַנקען אויף דיין פּנים? איז אָט קען איך דיך באַרואיקן: עולם הפוך אתה רואה — עליונים למטה ותחתונים למעלה. די מניעה איז אין גאַנצן מצדי... איך האָב שוין לעצטנס נישט געוואָלט. און לאָמיר מער פון דער פראַגע נישט רעדן.

אין צימער האָט געהערשט אַן אָנגעלאָדענע שטילקייט. די עלטערן זענען נישט געווינט געווען צו הערן פון שלמהן אַזעלכע ערנסטע רייד, האָט דאָס טאַקע אַ ביסל געהאַמעוועט דעם שמועס. נאָך אַ היפּשער הפסקה, וועלכע קיינער האָט זיך נישט איינגעשטעלט איבערצוריידן, האָט שלמה אַ בלייכן שמייכל געטון און ווענדנדיק זיך צום פאַטער, האָט ער שטיל געזאָגט:

— מען דערציילט פונעם הייליקן „בעל התניא" —

פון שלמהס עטלעכע ווערטער האָט עפּעס מבצבץ געווען אַ מין שכל־הנעלם. עס האָט פון ערגעץ אַ ווייע געטון אויף די מסובים מיט מסתורין פונעם אחורי־הפרגוד. אַלע בענקלעך האָבן זיך נאָך נעענטער צוגערוקט, אַלע פּנימער האָבן זיך נאָך נעענטער צוגעבויגן. שלמה האָט אָבער אָט די אַלע הכנות נישט באַמערקט. זיינע אויגן האָבן איצט געקוקט טיף אין זיך, לפני ולפנים. דער פּאָטער זיינער האָט מיט זיינע עטלעכע ווערטער נישט ווילנדיק אָנגערירט זיין אַלטע וווּנד און דאָס האָט ער איצט זיך אַליין געענטפערט, נאָר בקול רם:

— דערציילט מען, הייסט עס, פונעם הייליקן „בעל התניא" זי"ע, אַז ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַנטשיקל און איז געזעסן אין בית־המדרש און האָט געלערנט, האָט ער געהאַט אויסצושטיין פון זיין שווער געברענטע ליידן. זיין שווער איז געווען אַ כפרי, אַ מוכסן, און האָט פיינט געהאַט אַ „קרומען רוקן" כחתיכה דאסורא. ער האָט גערודפט זיין „בטלן" בכל נפשו ובכל מאודו. בקיצור, דאָס נוקם זיין זיך אין דעם רב הקדוש האָט געדויערט אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ער האָט אים סוף כל סוף אין גאַנצן דורכגעטריבן פון דער שטוב און פון די קעסט. ער האָט אים פשוט אַרויס־געוואָרפן אויף דער גאַס מיט דעם ווייב און קינדערלעך און האָט פאַר־שלאָסן די טיר הינטער זיי. עס זענען פאַריבער עטלעכע יאָר, דער רב הקדוש איז געוואָרן אַ „נודע ביהודה", עס האָט אָנגעהויבן צו קלינגען מיט אים בכל תפוצות־הגולה. דאַן האָט זיך זיין שווער אַרומגעקוקט, — אַזוי ווי ר' עקיבאס שווער בשעתו, — אַז ער איז קעגן זיין איידעם באַ־גאַנגען אַן עוולה, און האָט אָנגעהויבן שיקן שליחים צום „בעל־התניא", אַז ער זאָל זיך אומקערן צו אים אין שטוב אריין, און מהיום והלאה וועט אים שוין קיין זאַך נישט פעלן עד סוף כל הימים. דער „רב" האָט אָבער אפילו נישט געוואָלט הערן פון אומקערן זיך צוריק צו זיין „לבנען". דער ישובניק האָט אַלץ געשיקט צו אים איין שליח נאָכן צווייטן, אָבער זעענ־דיק, אַז זיינע משולחים זענען גאָרנישט פועל, איז ער אַליין אַוועק צום איידעם און איז אים געפאַלן צו די פיס בבכי ובתחנונים. דער רב הקדוש האָט אים אויפגעהויבן און האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אים אַלץ מוחל במחילה־גמורה, אָבער אומקערן זיך צו אים אין שטוב אריין וועט ער נישט. ווען יענער עם־הארץ איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל אים נאָר זאָגן דעם טעם, פאַר וואָס ער וויל זיך נישט אומקערן, האָט ער אים מיט זיין פה־קדוש געענטפערט בזה הלשון:

— מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז די בעסטע חדשים אין מענטשנס לעבן זענען די חדשים, וואָס ער געפינט זיך ביי דער מוטער אין בויך. זי עסט און טרינקט און דאָס קינד איז זאַט; זי שפּאַצירט אַרום און דעם קינד איז לופטיק; און אַזוי יעדע זאַך. ווען עס קומט די מינוט, ווען דער עובר דאַרף פאַרלאָזן זיין אָנגעוואַרעמט ערטעלע און אַרויסגיין לאויר־העולם, מאַכט ער קולי־קולות, עד לב השמים. די חז"ל זאָגן אפילו, שקולו הולך מסוף העולם ועד סופו. פון דעסט וועגן, אַנו מען זאָל עמעצן אפילו אָפּ־גילטן, אַז ער זאָל מרוצה ווערן צו גיין צוריק צו זיין מוטער אין בויך

אַריין — וועט מען אַזאַ בעלן נישט טרעפן! פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? ווייל פון דער רגע, וואָס דאָס קינד גייט אַרויס מבטן אמו, ווערט גלייך דאָס קינד גרעסער און דאָס „אָרט" קלענער —

א ווײלע איז שלמה געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און האָט גע־לאָזט דעם עולם סופג זיין אין זיך דעם טיפן ערנסט פון די לעצטע עטלעכע ווערטער. דאַן האָט ער צוגעגעבן שוין אָן א שמייכל:

— אַזוי, אַזוי, טאַטע... פון זינט איך האָב משנה אושפּיזא געווען זענען שוין פיל וואַסערן אַפּגעלאָפן און... און דער שוך גייט שוין נישט אַרויף... איצט ווען איך מאַך צו די אויגן און געב א קוק פון יוכבדן צוריק אויף פאָלין, דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך פאַל מאגרא רמא לבירא עמיקתא...

— איז דאָך גוט! איז דאָך א גרויסער דאַנקען גאָט! דו דאַרפסט מיט מיר נאָך איינטענהנען? זאָגנדיק דיר דאָס, וואָס כ'האָב געזאָגט, האָב איך דען דערביי געהאַט וויניק בויכשניידעניש? נישט מער, איך האָב זיך געקלערט: והייתם נקיים מאלקים ומישראל, איך דאַרף דערמאָנען און ווי גאָט וועט פירן! אָבער אויב אַזוי איז דאָך: השם שלם והכסא שלם... ווער איז דען גלייך צו מיר?

— מיט גאָטס הילף, מיט גאָטס הילף, אַז אַזוי וועט דאָס זיין. און בנוגע אַלשאַנאַ, האָב נישט קיין פּחדים, אויף קיין חלומות וואָלט איך דיך נישט געשיקט. פאָר, און זיי מצליח.

— ווען זשע דאַרפן מיר פאָרן?

— אין זעקס שעה אַרום. איצט איז עלף און א צוג איז דאָ 5.15 אין דער פרי. דאַווענען וועט איר דאָרטן. איר וועט נאָך טרעפן א מנין. נו, מאַכט זיך גרייט און איך גיי זיך וואַשן, איך האָב נאָך היינט אין מיין מויל נישט געהאַט.

אפרים־אהרון, א צעטומלטער און א פאַרלוירענער פון דעם „שטיקל אַרבעט" וואָס שטייט אים פאָר, ווענדעט זיך צום פאָטער:

— יצחקל גרייט צו די לעקציעס אין זאַל. שיק אים צו און זאָג אים אָן, וואָס ער זאָל דיר ברענגען פון דער היים אויף זיך איבערטון און דו שפּאַר זיך דאָ צו. דו קענסט זיך לייגן אויף מיין בעט. איך וויל נישט שלאָפן.

מנשה האָט זיך פויל אויפגעהויבן, אַרומגעכאַפּט שלמהן אַרום די אַקסלען און געריעדט צו אפרים־אהרונען:

— נו, אפרים־אהרון, מעג א מענטש זינדיקן, האַ? איר געדענקט יענע שפּעטע ווינטערנאַכט, ווען מיר האָבן זאַלבעפערט געשפּילט אין דאָ־מינאָ און איר האָט געוואָלט גיין איבערפרעגן ביי שלמהן, וואָס האָט ער אַזוינס געזאָגט, האָב איך אייך דאַמאָלסט געזאָגט: גייט נישט און פרעגט נישט, אין אומר ואין דברים, — ס'איז גוט און שוין! איצט זעט איר? תורה מחזרת על אכסניא שלה!

— זאָג כאָטש: ברוך־השם, א לשון א ביסל, נאָך א רב אויך צו די צרות...

— אודאי ברוך־השם... אַ גרויסער, גרויסער דאַנק גאָט.

דער זיידע שלום גיט מיט אַלע צען פינגער אַ קעם זיין כהן־גדול־באָרד און פאַרגלאַנצט די אויגן:

— גדולים מעשה אלהינו!... גיי ריכט זיך אויף אַזאַ זאַך... כמעל־גיק מיט אַלשאַנאַ זענען בסך־הכל נאָענטע שכנים... עס איז, דאַכט זיך, נישט געווען דער חודש, אין וועלכן ס'זאָלן נישט זיין קיין עוברים ושבים... און דער נחמן ראַדיעצקי, איז אויך, הער איך, אַ „נאַש בראַט", אַ זלאַ־טאָפּאָליער חסיד, האָט זיך גענדאַרפט שלמה אַזוי לאַנג פּלאָגן? קלאַפּן זיך קאָפּ אין וואַנט? אַך, פּאַטער זיסער, מאד עמקו מחשבותיך...

מנשה, מיט אַ מיסטישן טאָן:

— מי בא בסוד אלוה? אפשר האָט ער אַזוי לאַנג נישט געקענט צוקומען צו דער שושנה, ביז ער האָט זיך פריער נישט גוט צעבלוטיקט די הענט אין די קוצים וברקנים... כדי עס זאָל זיין דער ריכטיקער „ זו לעומת זו", כדי ער זאָל וויסן די טייטש פון „מאפלה לאורה, משעבוד לגאולה...

אין דעם אַלטנס אויגן גיט אַ פינקל אַ נצחון־פּייערל:

— מחשבותן... איך דערמאָן זיך אַ שמועס, וואָס איך האָב גע־האַט מיט שלמהן נאָך לאַנג פאַר זיין פאָרן קיין מאָסקווע. וויפל איך האָב אים דאָ נישט געבעטן ער זאָל זיך אַ ביסל אַרומקוקן לצדדין — איין מאָל ניין. ווי אָן אַרבעס אין דער וואַנט. ער האָט מיר אויסגעוויזן באותות ובמופתים, אַז ער מוז געהאָלפן ווערן נאָר ביי יאַנים בתולה, אַז אַזוי איז אויף אים נגזר געוואָרן מלמעלה —

מנשה שלאָגט אים איבער:

— וואָס זשע, פּעטער, ס'איז ביי אייך אַ נייעס, אַז אדם יחשב דרכו... מען זאָגט נאָך אַ טייטש — איך קען אויף דער שטעל זיך נישט דער־מאָנען פון וועמען — אויפן פסוק אין „איכה": „דרכי ציון אבלות מבלי באי מועד". טייטשט ער אַזוי: דרכי ציון — די וועגן וואָס אַ מענטש צייכנט זיך אָן צו גיין אין זיי, אבלות — זענען טרויעריק, טויגן זיי אויף גאָרנישט. און, מבלי — ממש פון דער זאַך, וואָס האָט ביי אים אויסגעזען ווי גאָרנישט, בא מועד — פון דאָרטן ווערט יום־טוב. כ'בין זיכער, אַז ווען שלמה ווייסט לכתחילה, אַז דאָרט וואַרט אויף אים אַ מיידל, וואָלט ער נישט געווען געפאָרן אַהין...

— אודאי און אודאי נישט... ס'איז ביי דיר נאָך אַ קלער? איך זאָג אייך, הרבה שלוחים למקום! נו־נו, נאַ דיר אַ איצי גאָראָדישטשער מיט אַן אַלשאַנאַ... דער מסבב־הסיבות שטעלט דיר צונויף אַ קרעמל קען מען נאָר שטוינען... מען דאַרף נאָר קוקן און פאַרשטיין וואָס מען זעט...

דער זיידע קוקט מיט אַן אצילותדיקן שמייכל אויפן אייניקל און רעדט סתם אין דער וועלט אַריין:

— יאָ, יאָ, גוטער ברודער, אַזוי איז דאָס: הסתכל בשלושה דברים — הכל צפוי והרשות נתונה... און דער סוף איז — ובטוב העולם נידון! און איצט גיי זיי אַ חכם און וויים ווו דו ביסט אין דער וועלט —

קאפיטל XXXV

די דראָזשקע האָט זיי צוגעשטעלט גלייך צום בית־מדרש גאַניק. ר׳ נחמן האָט נאָר וואָס געהאַט געלייגט דעם טלית און תפילין, דער לעצ־טער מנין האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צונויפצוקלייבן. דערזען פרעמדע ידן, האָט דער עולם זיי געגעבן „שלום". ר׳ נחמן — אויך. ער פרעגט זיי:

— פון וואַנען זענען יידן?

— פון קיעוו.

— אַזוי? דאַרפט איר דאָרט קענען הרב ביאַליק?

— ווער קען דאָס נישט הרב ביאַליק? איר קערט אים עפּעס אָן?

— ניין, מיר זענען נאָר באַקאַנט. וו סאַמע וווינט איר דאָרט?

— אויף סאָלאָמינקע. אויף יענער זייט וואָקזאַל געפינט זיך דאָס, מיטן טראַמוויי נומער אַכט.

— איך בין דאָרט נישט געווען, נאָר איך האָב געהערט פון סאָלאָ־מינקע. איר קערט דאָרט אודאי קענען איינעם אַ זוועניגאָראָדקער, ר׳ אפרים־אהרון, הייסט ער.

— דאָס בין איך...

— איר זענט דאָס, ר׳ אפרים־אהרון? שלמהס פאָטער? און דער ייד ווער איז?

— און דאָס איז מיין פאָטער.

— אָך, אָך, אָך... וואָס פאַר אַן אָנגעלייגטע געסט! אויב אַזוי, נאָט זשע אייך נאָך אַ מאָל שלום־עליכם... שוין ווי היימישע מענטשן. כאָטש פּערזענלעך האָבן מיר זיך נישט געקענט, אָבער מיין נאָמען האָט איר, גלייב איך, יאָ געהערט.

— ווי אַזוי רופט מען אייך?

— נחמן ראַדיעצקי...

— אַה, דאָס זענט איר דער ר׳ נחמן? געהערט, ווי דען?

— איר זאָגט: „דער", מיט דער „הא הידיעה", דאָס האָט אייך אודאי שלמה דערציילט וועגן מיר, ווייל ער כאַפּט זיך אַ מאָל אַריין אויף אַ גלעזל טיי.

— אודאי האָט אונדז שלמה דערציילט, ווער דען?

— ווען קומט איר עס אָן?

— ערשט נאָר וואָס, גלייך פונעם צוג.

— אויף לאַנג זענט איר געקומען אין אונדזערע מקומות?

— אויף אַ טאָג אָדער אויף צוויי. מיר דאַרפן זיך דאָ באַגעגענען מיט אַ מענטשן.

— איז אפשר קען איך האָבן דעם זכות, אַז איר זאָלט איינשטיין ביי מיר?

— מילא בע... ר׳ איצי גאַיסינסקעס אַ ידיד... זאָל זיין אַזוי.

— נאַ דיר גאָר אַ ידיד, ער איז ביי מיר ווי אַ פֿאַטער...

פֿייל אויסן בויגן זענען איינער נאָכן אַנדערן, אוועקגעפֿלויגן עטלעכע שטאָפּעטן צו די ראַדיעצקים אַהיים: מען זאָל זיך צוגרייטן אויפֿצונעמען כדבעי בכבודיקע געסט. און די געסט, דער פֿאָטער מיטן זון, האָבן נאָך אויפֿן וועג אָפּגערעדט זיך נישט אַרויסצוכאַפּן מיט קיין איבעריק וואָרט, ביז זיי וועלן אַליין, מיט זייערע אייגענע אויגן נישט זען דעם „קרן". *

אַ קשיא אויף שלמהן? מען קען אים נישט? טאָמער איז גאָר די גאַנצע מעשה מיט דעם ראַדיעצקעס יפֿת־תּואַר און מיטן איבעריקן צעטל מעלות, וואָס ער האָט אויף איר אויסגערעכנט — אַ כּח־הדמיון, אַ כּהרף־עינדיקער רושם? מי יערב לידם, אַז אָט דאָס גאַנצע „געפֿעלעניש" איז נישט פּשוט אַן איינרעדעניש? ניין, ניין, פֿאָרזיכטיקייט שאַדט קיין מאָל נישט. ווער שמועסט נאָך מיט אַזאַ נפֿש ווי זייער שלמה...

אַריינקומענדיק פֿונעם דאָווענען אין שטוב אַריין, האָבן זיי געטראָפֿן דעם טיש פֿאַרשפּרייט מיט אַ נייעם טישטעך, די פֿאָדלאָגע פֿריש אויסגעוואַשן, די שויבן פֿריש אויסגעווישט, מיט איין וואָרט: יעדע מינדסטע זאַך האָט געפֿינקלט און געשעמערירט. צום איבערבייסן האָבן זיך אין עסצימער אַריין איינציקווייז אַריינגעשמוגלט אַלע אויסגעגעבענע און נישט אויסגעגעבענע קינדער. שפּעטער פֿון אַלע, און עפּעס מיט אַ זייט, איז אַריינגעקומען יוכבד.

די געסט זענען געבליבן זיצן ווי געפּלעפֿט. אַז דאָס מיידל מוז זיין אַ שיינע, קוים האָט זי שלמהן געקענט געפֿעלן ווערן, — דאָס האָבן זיי גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, נאָר אויף אָט אַזאַ מין לייכטנדיקער צורה האָבן זיי אַפֿילו קיין השגה נישט געהאַט. דער איינדרוק איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. זיי האָבן אַלע מאָל בגנבה געכאַפּט אַ קוק אין איר זייט אַריין און זייערע נשמות האָבן אַזש געטאַנצט פֿאַר פֿרייד, וואָס דער אייבערשטער באַלוינט שלמהן אַזוי בהרחבֿהדיק פֿאַר זיינע ליידן, לקיים מה שנאמר: לפֿום צערא אגרא... **

נאָכן בענטשן האָבן די געסט געבעטן ר' נחמנען, ער זאָל מיט זיי אַריינגיין אין אַ חדר מיוחד. דער זיידע האָט זאָרגעוודיק פֿאַרוואָרפֿן דאָס קייטל, אַ ווונק געטון דעם זון, אַז ער זאָל אים אַליין לאָזן רעדן, און איז גלייך פֿון דער התחלה צוגעטרעטן צום רעכטן עיקר:

— ר' נחמן, מיר האָבן אייך אין שול געזאָגט, אַז מיר דאַרפֿן זיך דאָ אין אַלשאַנאַ באַגעגענען מיט אַ מענטשן. דער מענטש, מיט וועלכן מיר דאַרפֿן זיך באַגעגענען און צו וועלכן מיר זענען ספּעציעל געקומען — זענט איר...

— איך? מיטן גרעסטן כּבוד! מיט וואָס קען איך אייך דינען, רבותי?

---

* דאָ געמיינט: די כּלה.

** וויפֿל צער, אַזוי פֿיל שׂכר.

— באַלד, באַלד וועלן מיר אייך זאָגן. אַ מאָל פלעגן אַזעלכע זאַכן געטון ווערן דורך אַכצן שליחים, היינט איז אָבער אַן אַנדער וועלט. היינט זענען יענע מנהגים אַרויס פון דער מאָדע. מילא, וועלן מיר מוזן אַליין, ווי עכטע קוסטאַרן, אָפּאַרבעטן אונדזער שטיקל אַרבעט. זאָגט מיר, אונדזער שלמהן קענט איר גוט?

— וואָס פרעגט איר אַזעלכע זאַכן! יענער גייט אַריין צו מיר אין שטוב אַריין שוין אַזאַ צייט...

— מאָלט אייך, אַז איר הייבט אים נאָך אפילו נישט אָן צו קענען. אין גאַנצן, מכל הצדדים, קען אים קיינער נישט, אפילו איך אויך נישט. אפילו ער, דער פאָטער זיינער — אויך נישט. דאָס איז אַזאַ קינד קיין עין־הרע... גאָט און לייט זענען אונדז מקנא...

— איך שלאָג אייך איבער, ר' שלום. איר מיינט דאָך אודאי, אַז איך ווייס שוין גאָר גאָרנישט פון זיין תהלוכת, קען איך אייך זאָגן, אַז איר זענט זיך טועה. דעם ערשטן שבת, וואָס ער איז צו אונדז געקומען, האָט ער דאָ באַוויזן פאַר דער שטאָט אַן עובדאלע, מעגט איר עס דווקא הערן. זינט איך לעב —

— אַז איר וועט מיך מיט קיין זאַך נישט איבעררראַשן... אָט די אַלע מופתים מיט די אַלע עובדות, זענען ביי אים מעשים בכל יום... פשוט בתכלית הפשטות... איך קען מיין קראָם... איך קען זי גוט.

— ניין, ניין, איר מעגט אויסהערן ר' אפרים־אהרון. עס שטייט דאָך: „ברא מזכה אבא"*, מעגט איר דאָך אודאי הערן, וואָס פאַר אַן אוצרות מיט מעשים־טובים אייער זון זאַמלט פאַר אייך צונויף. ער האָט דאָמאָלסט צונויפגענומען אַלע אָרעמעלייט פון דער שטאָט, — היפּשע, היפּשע עטלעכע מנינים — און האָט געפּראַוועט פאַר זיי אַ שבת... אָבער ווי אַזוי מיינט איר אַ שבת, עפּעס אַן אָרעמען מאַלצייט? אַ חתונה, זאָג איך אייך! די גאַנצע שטאָט איז געווען, מנער ועד זקן, און אָט אַזוי כמעט יעדן שבת...

דער זיידע שלום שלאָגט אים איבער:

— אָט דאָס איז גאָר? ווייס איך, געפונען פון וואָס נתפּעל צו ווערן. ביי אונדזער שלמהן איז דאָס אַ וואָכעדיקער גאַנג. ער האָט שענערע שטיקלעך אַרבעט אָפּגעטון. פדיון שבויים מיט... מיט... היינט זיין לומדות? אויף אים זיצט דאָך אַ גאַונישער קאָפּ... גאָט באַוואַר! ווי אַזוי קענט איר „בין לילה" האָבן אַ השגה אין אַ יונגנמאַן, וואָס איז אַ יחיד במינו... אַ מופלא שבערכין... צו ר' אברהם פייגנבוים אין שטוב אַריין — מן הסתם האָט איר געהערט פון אים, געשיקט זיך, אַז ניין? — קומען אַריין יונגעלייט — איינס און איינס, דער סלתה ושמנה פון קיעווער קהילה־קדושה. איז ער צווישן זיי דער צרי וצפּורן! כ'ווייס? אַ צני מלא ספרי, אַ מלא וגדוש, און פרום — חסידא ופרישא! און טאַקע פּאַוואַ־

* ווען אַ זון האָט זכותים, ווערן זיי צוגערעכנט אויך דעם פאָטער.

לינקע פינף הונדערט בלאט גמרא בעל־פה ווי א וואסער... און חוץ דעם — פול און פול אומעטום... שוין דאכט זיך, צופיל בקי —

— וואס דערציילט איר מיר פאר א נייעס? וויניק האב איך מיט אים געשמועסט אין לערנען? צי איך האב, מיינט איר, נישט געהאט קיין גרוס ווי אזוי ער האט אויסגענומען ביי ביאליקן אויפן סיום?

— נו, אז איר ווייסט, איז גוט... על כן להוי ידוע לכם, אז אונדזער שלמהן איז געפעלן געווארן אייער בתולה: יוכבד תחיה, און דאס האט ער אונדז טאקע צוגעשיקט אייך מציע זיין דעם ענין.

— וואס רעדט איר? איר האט מיך איבערראשט! מיין יוכבד איז דאך נאך א פיצל קינד...

— אין מיינע יארן פלעגן אזוינע פיצלעך קינדער שוין האבן צו צוויי קלייניקנע —

— יא, אבער היינט איז דאך נישט אזוי... איך האב נאך קיין עין־הרע פיר זין פאר איר, כ'מיין: נישט קיין אויסגעגעבענע... ככה לא יעשה...

— שטותים! ביי א מיידל קוקט מען אויף אזוינע זאכן? זכרים איז זכרים און א מיידל איז גאר עפעס אנדערש...

— ...און דערצו האט מיך גאט געשטראפט מיט דער מכת־מדינה. זי האט זיך אריינגענומען אין קאפ אריין, אז זי מוז ערשט פארן אין א גרויסער שטאט אריין לערנען. איך אמפער זיך מיט איר מיט אלע כו־חות, נאר עס וועט מיר, דאכט זיך, העלפן ווי דעם פאראיאריקן שניי, איך בין נישט ביכולת זי מונע זיין פון אט דעם שריט. אט אזוי־א באַ־שטייט די לאגע ביי היינטיקן טאג. איך וואלט אודאי געוואלט, עפעס אזא שלמה טרעפט זיך אלע טאג? ער איז ביי מיר איינגעבאקן אין הארצן ווי אן אייגן קינד, נאר זי, ווייס איך, וועט פארווארפן מיט די הענט און מיט די פיס. ווייס איך וואס, איך האב גאר מורא אפילו צו פרעגן ביי איר אזא זאך... אויב איר ווילט — פרעגט זי אליין, איך שטעל זיך נישט איין. איך וועל הייסן זי אריינשיקן אהער און איר פרעגט ביי איר...

אפרים־אהרון האט לעבעדיק א בליץ געטון מיט די אויגן:

— מילא, וואס קען דארטן זיין, נקרא לנערה ונשאלה את פיה... ממה־נפשך, ווי זאגט מען א ווערטל: אויב ס'איז פון מאירן, וועט זיך עס לאזן שלייערן...

ר' נחמן עפנט די טיר און רופט:

— לאהקע, לאהקע...

עס איז געקומען צו לויפן א קליין, שווארץ מיידעלע. דער פאטער האט זי אפילו נישט געלאזט אריבערטרעטן די שוועל. ער האט זיך אנ־געבויגן צו איר אויער און האט שטרענג באפוילן:

— גיי, זאג יוכבדן, אז זי זאל זיך פארפוצן מיט וואס זי האט נאר, און זאל תיכף ומיד אריינקומען. נאר איינס און צוויי, ווייל מען ווארט אויף איר...

צום סוף איז גאר דער „איינס און צוויי" געווען איבעריק. יוכבד איז

געזעסן ביי זיך אין צימער, אָנגעטון אין איר בעסטן קלייד, וואָס זי האָט פאַרמאָגט און האָט געמישט עפּעס אַ ביסל. דערהערט לאהקעס געלויף, איז זי עטוואָס בלייכער געוואָרן, דאָס האַרץ האָט זיך אין איר האַסטיקער אָנגעהויבן צו וואַרפן. נאָר דאָס איז גלייך פאַריבער. זי איז איר געגאַנגען אַקעגן און האָט שמייכלענדיק געפרעגט:

— וואָס איז לאהקע, מען רופט מיך?

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— איך ווייס נישט. איך פרעג נאָר.

— יאָ, דער טאַטע האָט געהייסן, זאָלסט אַריינגיין צו די געסט, נאָר איינס און צוויי!...

— מילא, זאָל זיין איינס און צוויי...

ווען איר פיגור איז אויסגעוואַקסן אויף דער שוועל, האָט אַלץ אין צימער ממש אָנגעהויבן צו זינגען, אַזאַ וווּנדערלעכער חן האָט זי איינגע־הילט מכף רגל ועד ראש. ר' שלום האָט זיך אָנגעבויגן און האָט בלחש אַריינגעפּליסטערט דעם זון אויפן אויער:

— איין זאַך טוט מיר באַנג — וואָס שלמה איז איצט דאָ נישטאָ. בעסער וואָלט ער אַליין אויך געזען, אַז עס איז נאָך דאָ עפּעס שענערס פון „יענער".

— ש־ש־שאַ... טאַטע, עס איז נישט שיין זיך צו שושקען. איצט שווייג דו.

און אויפן קול:

— יוכבד רופט מען אייך, דאַכט זיך? קומט אַהער נעענטער אַ ביסל.

יוכבד דערנעענטערט זיך אַ ביסל.

— וואָס האַלט איר זיך אַזוי פון דער ווייטנס? זעצט זיך צו. אַז איך בין שלמהס פאָטער, האָט איר מסתמא געהערט?

— ווי דען, געהערט.

— איר זענט שלמהן שטאַרק געפעלן... און אונדז אויך... דאָס האָט ער אונדז צוגעשיקט צו אייער פאָטער צו רעדן אייך דעם שידוך.

— און וואָס זאָגט דערויף דער טאַטע?

— עס איז ביי אייך נאָך אַ קלער, צי אייער טאַטע וויל?

— נו, און איך בין אויך מסכים... שלמה געפעלט מיר...

ר' נחמן שפּרינגט אויף פונעם בענקל מיט טרערן אין די אויגן, ער פליט צו צו דער טאָכטער:

— טאָכטער מיינע, דו האָסט מיך ממש מחיה געווען! איז הייסט עס, כאַרקאָוו — אויס?

— אַ פּנים, אַז אויס... כ'בין שוין געפאָרן און בין צוריקגעקומען...

— ווי קומט גאָר צו דיר אַזאַ הצלחה?

— זעסט דאָך... דאָס וואָס איז באַשערט, קומט גלייך אין שטוב אַריין, און נאָך פּונקט צום פּיק —

דער פֿאָטער מיט דער טאָכטער פֿאַלן זיך אויפֿן האַלדז, צעקושן זיך און צעוויינען זיך אויפֿן קול.

די ראַדיעצקעכע איז געשטאַנען אין קיך מיט פֿאַרשאַרצטע אַרבל און האָט צעוואַשן דאָס געפֿעס פֿונעם מיטאָג. דער שלייער אירער איז געווען פֿאַרלייגט הינטער די אויערן און דאָס נאַכט־טשיפּטשיקל איז איר שיר נישט אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן שטערן. דאָס מאָדנע אָפּגעצערטע פּנים אירס, האָט אויסגעזאָגט פֿון עפּעס אַ נייער גרימעניש, וואָס קומט איצט פּאַר אין איר. אמת, פֿון דעם דאָזיקן פֿריילעכן „נייעס" איז זי נאָך גע־ווויר געוואָרן אין דער פֿרי, גלייך נאָכן אויפֿשטיין, אָבער דער הו־האַ פֿונעם טאָג און דערנאָך דער טאַראַראַם מיט די קיעווער אורחים, האָבן אָפּגערוקט אין אַ זייט דאָס נייע בויכשניידעניש. אָבער איצט, וואַשנדיק דאָס געשיר, דערפֿילט זי ווידער דעם אינדערפֿריִענדיקן שטאָך אין דער ברוסט. אַ פֿינצטערער וואָלקן הילט איין איר געזיכט און שאַרפֿער גלאַנצן אַרויס די גרויע האָר פֿון די שיטערע פּאַסמעלעך, וואָס האָבן זיך ביי איר אַרויסגעשלאָגן פֿון הינטערן שלייער. זי פֿרעגט זיך אַליין איבער צום וויפֿלטן מאָל: — „וואָס זשע האָט אַזוינס געטראָפֿן?" און ענטפֿערט זיך אַליין צום וויפֿלטן מאָל: — „זייער נישט קיין שיינע מעשה!" ס'איז איר אַ ווייטיק מיט אַ בזיון און מען מוז זיך נאָך היטן פֿון לייטיש גע־לעכטער... דערוואַקסענע קינדער... מען קען זיך נישט שוואַרצן דאָס פּנים, לייטן האָבן ליב צו געדענקען פֿרעמדע געשיכטעס. זיך שיין דערלעבט, נישטאָ וואָס צו רעדן... בעסער וואָלט זי געווען אויסגערינען ביי איר מאַ־מען אין בויך, איידער דערלעבן אַזאַ נחת... פּאַרט, וואָס האָט אַזוינס געטראָפֿן? — מעשה שהיה, כך היה: זי האָט זיך היינט געפֿעדערט אויפֿ־צושטיין בראָך־טאָג. זי וויל היינט איינוויייקן אַ הורטל וועש, מוז מען צונויפֿזוכן ווו ערגעץ אַ שטיקל, ווו אונטער אַ בעט, ווו הינטער אַ קאָ־מאָד. די חברה זאָל זיין געזונט און שטאַרק צעטראָגט וואָס ס'איז דאָ אין שטוב ווי אַ שטורעמווינט. מען דאַרף זוכן מיט די אויגן אין די הענט, אַז דערנאָך זאָלן זיך נישט געפֿינען קיין שיריים, פֿאַרשטעקט אין די מייזנ־לעכער. די דאָזיקע עבֿודה קען זי שוין קיינעם נישט פֿאַרגלייבן, דאָ מוז זי שוין אַליין אַרומקלעטערן, און אַרומנישטערן, אַז ס'איז ממש מיט ניסים, וואָס די קישקעס אין בויך רייסן זיך איר נישט אָפּ.

אַז זי האָט אַראָפּגענומען די ליילעכער פֿון די בעטן ביי זיך און ביי נחמנען האָבן, ווי דער שטייגער איז, אָנגעהויבן אַרומפֿליִען די פֿעַ־דערן איבערן צימער. אַזוי ווי די עכבֿרים ביי זיי אין קליט דערפֿילן, אַז די קאַץ איז ערגעץ אַוועק, און פֿון אַלע שפּאַלטן באַווייזן זיך מיט אַ מאָל אייגעלעך און וואָנסעלעך, אַזוי האָט דער פּוך אָנגעהויבן אַרויסצושפּאַרן פֿון אַלע נאָטן און נעטעלעך. נו, וואָס האָט זי געזאָלט טון? אמת, ס'איז נישט שבת און נישט יום־טובֿ, אָבער מען קען דאָך קיין פּאַגראָם אין שטוב נישט מאַכן, האָט זי אַרויסגעשלעפּט דעם אונטערשטן שופֿלאָד פֿו־נעם אַלטן קאָמאָד, דאָרטן האָט זי געהאַט צוויי ליילעכער פֿון געלער

לייוונט.* די לייזלעכער זענען שוין דווקא געוואַשענע, אָבער נאָך גאַנץ גוטע. נאָך ביים „נעפּ" האָבן די קינדער אויף אַ יאַריד אָפּגעגעבן פאַר זיי אַ האַלבן זאַק מיט „קערלעך"** און פינף טעפּ הירזש. ביז היינט האָט זי זיי נאָך נישט גענוצט, ס'איז עפּעס אַלץ נישט אויסגעקומען. ווי נאָר מען האָט זיי געבראַכט צו פירן, האָט זי זיי אויסגעוואַשן, אויסגעפּרעסט און — זאָלן זיי ליגן! קיין עסן בעטן זיי נישט? — זאָל זיין! עס וועט קומען אַ טאָג... איצט אָבער, אַז אין צימער איז שוין ממש אַ זאַווערוכע פון פעדערן, דאַרף מען זיי אויסשפּרייטן. אָבער וואָס איז דאָס? זי ווייסט אויף זיכער, אַז זי האָט זיי אַוועקגעלייגט אין אונטערשטן שופלאָד, און צום סוף זוכט זי און זוכט און... צי די אויגן דינען איר שוין נישט, צי דער זכרון אירער טויג שוין אויף כפּרות, אַז דאָס אָרט פון זיי איז שוין גאָר פאַרקילט געוואָרן! שוין זשע זאָל זי זיך טאַקע האָבן טועה געווען? זי שלעפּט אַרויס נאָך איין שופלאָד און נאָך איינעם, זי שלעפּט שוין אַרויס אַלע שופלאָדן — ווער? וואָס? אַ נעכטיקער טאָג! און ווי אַ דונער גיט איר אַ זעץ אין קאָפּ אַריין:

— דאָס גרייט זיך יוכבד אַזוי אין וועג אַריין, יאָ, דאָס האָט זי זיי מקדש געווען!

די הענט האָבן איר אַזש אָנגעהויבן צו ציטערן, ווען זי האָט אָנגעהויבן צוריק אַריינשטעלן די שופלאָדן. זי האָט מיט אַ מאָל דערפילט, אַז צו איר הויז, ווו יעדעס שפּענדעלע איז איר פאַרלאָפן מיט בלוט, דערנענטערט זיך אַ שוואַרצער טאָג. אַ טאָג, ווען אַלץ וועט מיט איין מאָל איינפאַלן... און דאָס דאָזיקע איינפאַלעניש איז שוין אומפאַרמיידלעך... אַ גזר מן השמים... און דעם ערשטן באַלקן פון איר טייערן בנין וועט אַרויסשלעפּן יוכבד, איר עלטסטע טאָכטער אין וועלכער זי האָט זיך אַלע יאָרן אַזוי געשפּיגלט, צוליב וועלכער עס רוט די שכינה ביי זיי אין שטוב, אַזוי ווי אין „צאינה וראינה" שטייט: אַז דער ברונעם איז נאָכגעגאַנגען די יידן אין דער מדבר, נאָר אינעם זכות פון מרים הנביאה. זי ווישט זיך אויס די אויגן און באַשליסט ביי זיך לעת־עתה מאַכן מיט אַ שוויַיג. מען דאַרף נישט אויפהייבן די גאַנצע גאַס. אַז די זכרים וועלן זיך צעגיין, וועט זי שוין וויסן, וואָס זי האָט צו טון. ווען דער פאָטער מיט די זין זענען אַוועק פון שטוב, ווער אין שול אַריין, ווער אין קלייט אַריין, איז זי תיכף ומיד אַריינגעגאַנגען צו די מיידלעך אין שלאָפצימער. דער ערשטער רעיון אירער איז געווען, נישט אַנדערש ווי גלייך אויפוועקן יוכבדן און איר אויפן פּאַטשאַטאַק אָפּשפּילן אַזאַ „פרייליכס", אַז זי זאָל שוין פאַרזאָגן אַ צענטן, מען זאָל נישט גיין ירשענען קיין עלטערן לעבעדיקערהייט. דערנאָך אָבער האָט זי זיך איבערלייגט און האָט קודם אויפגעריסן לאהקען:

---

* געלע, אָדער סאָלדאַטסקע לייוונט — אַזוי האָט מען אין רוסלאַנד נאָך דער ערשטער קריג גערופן די גראָבע, פּויערשע לייוונט.

** געמיינט: יאַדערן פון זונבלומען.

— לאהקע, ווו זענען די לײַלעכער פון דעם אונטערשטן שופלאַד?

פון לאהקעס פנים זענען מאָמענטאַל פאַרשווונדן די שפּורן פונעם שלאָף, און זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איר שווייגן האָט די מוטער נאָך מער צערייצט. זי האָט זי אַ שלעפּ געטון פאַר אַ האַנט:

— וואָס שווייגסטו, וואָס? ס'איז יוכבדס שטיקל אַרבעט? זאָג!

— מאַמע, איך האָב שוין פון לאַנג באַמערקט, אַז זיי זענען נישטאָ, נאָר איך האָב דיר נישט געוואָלט זאָגן —

דאַן האָט זי אָנגעהויבן צו טרייסלען יוכבדן. יענע האָט גלייך אויפגעעפנט אַ פּאָר אויסגעוואַשענע אויגן. זי איז גאָר אַ פּנים נישט געשלאָפן. ווען זי, סאָסי, האָט אָנגעהויבן צו מאַכן גוואַלדן און דראָען, אַז זי וועט די גאַנצע מעשה דערציילן דעם פאָטער, וועט שוין דאַמאָלסט זיין יענע גדולה אויף איר, האָט יוכבד געכאַפּט איר הלבשה פונעם בענקל, איז אַרויס פונעם צימער און האָט זיך פאַרשפּאַרט אין דעם פּסחדיקן האַנטקעמערל. דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן אומצוקערן אין שטוב אַריין די קינדער פון דער שול, דערנאָך די פרעמדע יידן. אָט אַזוי איז די זאַך לעת־עתה געבליבן הענגען אין דער לופטן, און איצט שטייט זי און ברעכט זיך דעם אויסגעמאַרכעוועטן קאָפּ: וואָס טוט מען דאָ? וואָס טוט מען דאָ? זאָל זי זאָגן דעם פאָטער — וועט ער זי ממית זיין ביז צו טויט, זאָל זי אים נישט זאָגן — ווי מעג זי אַזאַ זאַך פאַרשווייגן? היינט וועט נישט סטייען דאָס, מאָרגן יענץ, ביז זי וועט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויפהייבן און אוועקפאָרן... ניין, זי טאָר פאַר נחמנען נישט פּראַווען קיין סודות. ממש זי זאָל אפילו וויסן, אַז ער וועט זי הרגענען־שלאָגן, מוז זי אים פאָרט דערציילן. זי קען זי מער נישט פאַרשטעלן מיטן פאַרטעך. און ווידער, ער איז דאָך קלוגער, אפשר וועט ער פאָרט געפינען עפּעס אַן עצה? אפשר קען מען נאָך פאָרט פאַרלעשן די שרפה? טאַטע זיסער! דערבאַרעמדיקער פאָטער! ווענד נישט אָפּ דיין לייטזעליק פּנים פון אונדז. ווי שרייבט דאָרטן דער רבינו בחיי הקדוש אין דער הייליקער תחינה צום „קניטלעך לייגן”: * דוד המלך זאָגט אין תהילים: יעזרה אלהים לפנות בוקר. פרעגט ער מיט זיין פּה קדוש: פאַר וואָס איז עפּעס דווקא „לפנות בוקר”? און ענטפערט: ווייל דאַמאָלסט איז שטאַרק פינצטער. רבונו של עולם, האַר פון אַלע וועלטן, זאָג אַליין, וואָס קען נאָך זיין פינצטערער ווי ביי אונדז איז אַצינד? האָב רחמנות, האַלט דיין רעכטע האַנט איבער אונדז, פאַרשעם אונדז נישט פאַר לייטן, ווייל שאַנדע — שטייט טאַקע אין דער זעלבער הייליקער תחינה — איז נאָך פיל ערגער פונעם טויט —

ווען לאהקע איז אַריינגעפלויגן אין קיך אַריין מיט דער בשורה־טובה, האָט זי געטראָפן די מוטער שטיין אין מיטן דער קיך, די אויגן פאַרגלאָנצט צום הימל און שווערע, מוטנע טרערן זענען האַסטיק גערונען איבער

* אַזוי ווערט ביי די ווייבער אָנגערופן דאָס מאַכן די וואַקסענע, ערב יום־כפורדיקע מעת־לעת ליכט.

אירע באַקן אין אויסגעדאַרבעטן האַלדז אַריין. דערהערט פון לאַהקן יוכבדס נאָמען און דאָס וואָרט „מזל־טוב”, איז זי געוואָרן ווייס ווי קאַלך. א ווײַלע האָט איר צונג זיך געדרייט אין מויל, אָבער עס האָט איר פאַרפּעלט אָטעם אַרויסצוברענגען די ווערטער. מיט אַ מאָל האָט זי אַ פּליעסק געטון מיט די ביינערדיקע הענט און אויסגעשריגן צו דער סטעליע:

— רבונו־של־עולם! איצט האָב איך דיך געפּאַקט ביי דער האַנט! איצט זע איך, ווי דו נעמסט נישט אַראָפּ קיין אויג פון מיר און פון מיין שטוב, ווו מיר שטייען און גייען... ווו איז זי ערגעץ, די כלה? ווו איז מיין קינד? יוכבד, ווו ביסטו, יו—כ—בד...

אין איין אויגנבליק איז שוין געוואָרן אַ פולער צימער מיט בני־בית, מען הערט נאָר קושן זיך און וויינען. אפרים־אהרון וואַרפט אָן אויף גיך אַ טעלעגראַמע און הירשל מיט אהרלען לויפן אַוועק אין טעלעגראַף אויף צעשיט צו ווערן. אין דעם גרויסן זאַל, דערווייל, טרינקט מען שוין „לחיים”. די עלטערע מענטשן זיצן, און די קינדער שטייען אַרום טיש.

דער גרייז־גראָער זיידע טרינקט צום עולם דער ערשטער:

— לחיים, כלה... וועמען מיר נעמען — זעען מיר, וועמען דו נעמסט — וועסטו ערשט מיט דער צייט געוווויר ווערן. אַזאַ אוצר, טאָכטערשע איז דאָ איינער ביי גאָט. לחיים, מחותנתטע! אויף אייער פּנים איז אָנגע־שריבן, אַז איר ווייסט גוט דעם טעם פון צער גידול־בנים, זאָל אייך השם־יתברך העלפן, אַז איר זאָלט שוין האָבן בלויז נחת פון זיי... די קנסמאָלס זאָלן ביי אייך גיין חד בתר חד... עוד זה מדבר וזה בא... גוטע קונים זאָלן ביי אייך צעכאַפּן אייער קראָם, אַזוי ווי עס טרעפט אַ מאָל אויף אַ גרויסן יאַר־יאַריד... לחיים, ר' נחמן! מיר טרינקען דאָ לחיים און דער סקווירער רבי ז"ל, מיטן זלאָטאָפּאָליער רבין ז"ל זאָגן זיך דאָרטן לחיים. עס האָבן זיך געגומען צוויי טווערסקעס, אייגענע שוועסטערקינדער. אַז היינטיקע יאָרן זאָלן זיך נעמען צוויי חסידישע קינדער, מעג מען מאַכן אַ „שהחיינו” בשם ומלכות. גאָט זאָל אונדז העלפן, אַז מיר זאָלן אין זיי פיל נחת האָבן, עס זאָל זיין יידיש, חסידיש און נגידיש. הערט זשע אויס וואָס איך וועל אייך זאָגן, מחותן. דער היינטיקער „והשיב לב בנים על אבותם” איז אַ חוץ מדרך־הטבעדיקער. אייער טאָכטער, זאָגט איר, האָט געזאָלט גולה־זיין קיין קאַרקאָוו, און אונדזער שלמה — טע־טע־טע... קאַרקאָוו איז כאָטש אונטער דער נאָז, פאַר איין נאַכט פאַרעכץ קערט מען זי אים. אָבער דער חתן־דנן... ווען ער איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ אונ־טער די הרי־חושך — או—וואַ, או—וואַ! מי מלל, אַז איך וועל נאָך דער־לעבן זיין קנסמאָל... ניין, ניין! ראות פניו לא פללתי, ולא עוד, נאָר מיר האָבן נאָך אַלע מתפלל געווען, אַז ער זאָל דאָרט אַריבער... וואָס ווייטער, וואָס ווייטער... ונוסף על זה, בעת ער איז שוין אַריינגעפאַלן אין די גוי־אישע הענט, צו דעם גוטן קירסטן, ימח שמו וזכרו ונמח זכורו מלהז־כירו! דאַמאָלסט איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אַז מען האָט געמיינט חלילה: בלע המות לנצח... און אַפילו נאָך דעם נס, וואָס מען האָט אים באַפרייט,

זענען נאָך אויך געווען גע—נוג צרות... ער האָט געבלאָנדזעט און מיר זע־נען איינגעטרוקנט געוואָרן צוקוקנדיק ווי ער בלאָנדזעט... אָבער אַצינד, אַז דער „מכין מצעדי גבר" האָט אים שוין צוריק אַוועקגעשטעלט אויף די רעלסן... אַלץ הייסט רעלסן? טאַקע ממש: בעקבי הצאן... איצט קינדער־לעך איז אַ חוק ולא יעבור, אַז עס מוז נתרפא ווערן כל המשפחה... איך בין אייך מבטיח, אַז אם ירצה השם, נזכה ונחיה ונראה ונירש טובה וברכה... איך זאָג אייך, ר' נחמן, איר זענט קיין עין־הרע אַ בר־מזל... אָך, אַ בר־מזל... עס שפּילט ביי שלמהן אַ ראָלע צו פאָרן ערגעץ אויף אַ באַ־רימטן קוראָרט זיך אָפּרוען: קיין סאָטשי, צי קיין קיסלאָוואָדסק, צי גאָר קיין קרים, צי אויף קאַווקאַז... כ'ווייס, וויי ניק גוטע ערטער זענען פאַראַן? ניין, דאַרף גראָד ביי איציק גאָראַדישטשער אויספּעלן מצה־שמורה און שלמה דאַרף זיך מיט אים פונקט טרעפן ביי מיר אין שטוב און עס זאָל פון דער באַגעגעניש נולד ווערן אָלשאַנאַ פאַר אַ דאַטשע. וואָס איז? ווייל יוכבדן איז באַשערט שלמה פאַר אַ חתן. איך זאָג אייך — הפלא ופלא...

ר' נחמן איז ליבלעך בייז. ער וווּנדערט זיך:

— ס'איז מיר אַ חידוש אויף אייך, ר' שלום. וואָס פאַר אַ רבותא דערציילט איר דאָ? וואָס דען הייסט אַ זיווג? איך קען אייך נאָר זאָגן קורץ: אַז מיין יוכבד זאָל ענטפערן פונעם ערשטן וואָרט: יאָ! איז דאָס טאַקע מן השמים... לחיים, לחיים...

קאפיטל XXXVI

שלמה, אין קיעוו, האָט דערווייל קיין איין שעה נישט געפּטרט לבטלה. ער האָט ארומגענישטערט ווי ערגעץ אַ גאַסטראָנאָם, ווו אַ באַרימטער יוועליר...

אין דעם פאָטערס טעלעגראַמע זענען געשטאַנען געציילטע ווערטער:

„מזל־טוב. קום מיט דער מאַמען!"

אויף צו מאָרגנס ביי טאָג האָבן זיך געזעצט אין צוג וואָס גייט קיין אַלשאַנאַ: שלמה מיט זיין מוטער, זיין דינה און מנשה כּאַדראָוו. דעם היפשן פאַרבייסן, וואָס מען האָט געפירט מיט זיך, האָט מען צעטיילט אויף קליינע פּעקעלעך, כדי שלא לבייש. די מחותנים זאָלן נישט האָבן קיין חלישת־דעת, וואָס די וועלט וויסט, אַז ביי זיי איז אַ סעודה שאינה מספקת לבעליה, און מחותנים מוזן ברענגען מיט זיך זייער אייגענעם לעקעך און בראָנפן.

נאָך מעריב, איידער מען איז זיך געגאַנגען זעצן צום טיש מאַכן דאָס „וואָרט", האָט שלמה אָפּגערופן יוכבדן אויף אַ זייט:

— נו, יוכבד, דאַכט זיך, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז מיר זאָלן איבערגיין אויף „דו".

— איך האָב שוין אויך דערפון אַ קלער געטון.

— אוי, ווי גליקלעך איך בין!... דו שטעלסט זיך גאָרנישט פאָר!...

— אַ שיינע כלה וואָלט איך געווען, ווען איך קען זיך דאָס נישט פאָרשטעלן. איך פיל אין זיך דיין שמחה...

— ווייס איך, עס איז גאָר קיין דמיון נישט! יוכבדל, אָט דאָס דאָזיקע קייטל מיטן הערצל טו אָן צו די „ראשי פרקים". דער אָפּשיין פון די ברענענדיקע רובינען וועט מאַכן ווונדערבאַר דיין ליכטיק פנימל. די גמרא פאַרגינט זיך זאָגן: אין תכשיט נאה, אלא על גוף מעודן.* אַ שאָד וואָס די חכמים האָבן אויסגעכאַפּט אַזאַ קלוג וואָרט. קוקנדיק ווי דיר פּאַסט דאָס שטיקל צירונג, וואָלט איך אַליין אויך געפאַלן אויף דעם שכל. יוכבדל, דאָס איז דאָך עפּעס אונדזער ערשטע בשותפותדיקע שמחה. דאָס ערשטע מאָל וועט מען איצט אויפשרייבן אונדזערע נעמען אויף איין שורה. דו דאַרפסט היינט שיינען ווי דער מאָרגנשטערן. נעם, טו עס אָן! איך מיין באמת, דאָס קייטל איז מחויב דיר שטאַרק צו פּאַסטן.

— אַך, וואָס פאַר אַ שיינהייט!... די שטיינער — ווי ברענענדיקע אייגעלעך... נאָר כ'וועל פריער פרעגן ביים טאַטן... אַליין וואָג איך עפּעס נישט...

— וואָס פאַר אַ פרעגעניש, נאַרעלע? איך האָב שוין באַלד אַזאַ דעה אויף דיר ווי ער. נעם, מאַך זיך נישט נאַריש...

---

* צירונג איז נאָר דאַמאָלסט שיין, ווען מען טוט עס אָן אויף אַ צאַרטן קערפּער.

נאָך קבלת־קנין. דער גאַנצער עולם האָט אַ געשריי געטון:

— מזל־טוב... מזל־טוב...

דינה האָט אַרומגעכאַפּט איר ברודער אַרום האַלדז, זיך שטייף צו־געפּרעסט צו זיינע ליפּן און שטיל געפּליסטערט:

— שלמהלע, ברודערקע, טייערער מיינער, אַ דאַנק, אַ דאַנק... אַ גרויסן, גרויסן דאַנק דיר פאַר דעם בייט... אוי, האָט מיר דאָס האַרץ געריסן אויף דיר... נאָר מיר האָבן אַ גרויסן גאָט און אונדזער הייליקער זיידע האָט זיך אויך געמיט פאַר דיר... איי, איז יוכבד אַ טייערע... זי איז מיר שוין נעענטער פון אַן אייגענער שוועסטער... אָך, האָסטו גוט אויסגעביטן... ביסט געבוירן געוואָרן אונטער אַ גליקלעכן שטערן...

שלמה, שמייכלענדיק:

— דינה, דו דאַרפסט זיך נישט אַזוי היטן מיט אַ וואָרט. דו מוזסט נישט רעדן מיט קיין רמזים, יוכבד ווייסט שוין לאַנג פון אַלץ...

— וואָס הייסט?

— אָט דאָס הייסט! וואָס האָב איך מיך געהאַט צו באַהאַלטן? ס'איז אַ גנבה, צי וואָס?

דינה און יוכבד, וואָס האָט נישט ווילנדיק אונטערגעהערט דעם גאַנצן שמועס, האָבן זיך אַ ווײַלע געקוקט אין די אויגן און זיך מיט טרערן צעקושט. אויך שלמה אויף זיין חתנס שטול האָט אומבאַמערקט אָפּגעווישט אַ זודיקע טרער, אַ טרער פון דאַנקבאַרקייט צו זיין ליבן נאָ־מען פאַר דער אויסלייזונג, פאַר דער מתנה־טובה וואָס ער האָט אים געגעבן.

קאַיאָר, ווען די גערופענע געסט זענען זיך צעגאַנגען און עס זענען פאַרבליבן בלויז אייגענע, איז מען נאָך פיל שקלא וטריא'ס געקומען צו דער מסקנא, אַז שלמה וועט זיך באַמיען אָפּזוכן אין קיעוו אַ פּאַסיקע דירה פאַר די ראַדיעצקעס און דאַן וועלן זיי תיכף ומיד אַהין אַריבערפאָרן מיט הכל בכל מכל כל. דאָרט וועט מען באַלד פּראַוווען דאָס קנסמאָל און דאַ־מאָלסט טאַקע, פאַר איין קלאַפּ אָפּשטעלן דעם זמן־החתונה.

*

זאָגנדיק דעם חתן „מזל־טוב" האָט אים רבקה גלייכצייטיק אויפן אויער דערציילט, אַז איר חברטע סאָנקע טולטשינסקי, וועלכע זי האָט היינט צופעליק באַגעגנט אין גאַס, האָט איר בסוד־סודות דערציילט, אַז אין מאַשינבוי־אינסטיטוט האָט מען שוין יענע וואָך אַרויסגעהאַנגען צעט־לען, ווער עס האָט אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס און איז אַריבער, און ווער — נישט. דינהס נאָמען איז אין די צעטלען דאָ, אַוודאי אויך, און דווקא פּאַליס, כאָטש זי האָט אַזוי מרעיש־עולם געווען מיט אירע צוגרייטונגען, נישט! זי איז הייסט עס, געבליבן אויפן צווייטן קורס נאָך אויף אַ יאָר. שלמה איז אָנגענעם אויפגעציטערט געוואָרן, בחינת: וגילו ברעדה. אום־

באַמערקט פון אַלע פּאַרזאַמלטע האָט ער זיך אַליין אַ דריק געטון די האַנט:

— שלמה, מזל־טוב דיר פון מיר אַליין... מזל־טוב דיר אין צווייען: פאַר דיין געראָטענעם שידוך, דאָס איז איין מאָל אַ גאַנג; און דערפאַר, וואָס דו ביסט ניצול געוואָרן פון אַזאַ געפערלעכער שריפה, דאָס איז אַ חוץ! דו ביסט מחויב מאַכן אַ ברכה: ברוך שפטרני מעונשה של זו... אוי, ברודערקע, וואָלט דאָס געווען אַ לאַנגע קרענק... אוי, וואָלסטו ביי איר געלעגן אין דער ערד. זי האָט דאָך פּלאַנירט היינטיקן זומער אָנצוקו־מען אויפן פּערטן קורס און דאָ האָט מען זי גאָר איבערגעלאָזט נאָך אויף אַ יאָר אויפן צווייטן... אַ! דאָס איז אַ געפערלעכער קלאַפּ פאַר איר, און אַ שרעקלעכער פּאַטש אין פּנים פאַר דער גאַנצער וועלט...

שלמה האָט זיך מיט זיין גאַנצער ענערגיע אַ וואָרף געטון אויפצו־זוכן אַ דירה פאַר זיין נייער משפחה, נאָר דאָ האָט ער אָנגעטראָפן אויף אומגעהייערע שוועריקייטן. כאָטש קיין אָפיציעלער דעקרעט וועגן דעם איז נאָך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָבער אומאָפיציעל, איש מפּי איש, האָט שוין דאָס גאַנצע לאַנד געקלונגען מיט דעם נייעס, אַז די אוקראַיני־שע רעפּובליק קרוינט אויף דאָס ניי דעם שיינעם כרך קיעוו אַלס איר רע־זידענץ. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קודם כל האָט זיך אַזאַ וויכטיקע ווער־סיע אָפּגערופן אויף דעם וווינונגס פּראָבלעם. די שטאָטישע צייטונגען, די רעקלאַמנע־ווענט און די טעלעגראַף־סלופּעס איבער דער גאַנצער שטאָט זענען געווען געדיכט באַקלעפּט מיט גינסטיקע פאָרשלאָגן וועגן בייטן די־רות פון אַנדערע גרויסע שטעט קיין קיעוו. כאַרקאָווער איינוווינער, וואָס האָבן פאַרנומען פּאָסטנס אין די צענטראַלע אַנשטאַלטן און זענען מיט וווינונגען נישט פאַרזאָרגט געוואָרן, האָבן פאָרגעלייגט דירות צו צוויי היפּשע צימערן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, וואָס געפינען זיך, אין צענ־טער שטאָט, פאַר איין קליין צימערל אין אַ קיעווער פאָרשטאָט. פון אַלע אוקראַאינער שטעט און שטעטלעך האָבן זיך מענטשן מאַסנווייז סתם אַ לאָז געטון אין דער באַנייטער רעזידענץ. זיין אַ קרוב למלכות איז פאָרט אַ גרויסער ענין... פאַר אַ נישטיק צימערל ערגעץ אויף אַ בוידעם האָט מען געצאָלט פּרייזן אין טאָג אַריין. און דערצו נאָך האָט שלמה געדאַרפט אַ דירה פאַר אַן אַרמיי פון אַוועלכע צוואַנציק פאַרשוין. אַזעלכע קאָלאָ־סאַלע דירות זענען גאָר אין קיעוו בכלל כמעט נישט געווען בנמצא. שלמה איז פון עגמת־נפש שטאַרק אַראָפּ פונעם פּנים. די גאַנצע וועלט איז אויף אים געפאַלן. ער האָט נישט געגעסן, ער איז נישט געשלאָפן, ער האָט נישט געוווסט פון קיין מנוחה אפילו שעה אחת. ער איז נאָר יומם ולילה אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרטומלטן קאָפּ. דאָס בענקען נאָך יוכבדן האָט אים שיר נישט דערפירט ביז משוגעת, און מיט וואָס קומען צו זיי — האָט ער נישט געהאַט.

ווען די ראַדיעצקים האָבן זיך באַשלאָסן עוקר זיין פון אַלשאַנע, און

האָבן איבערגעגעבן שלמהן דעם ענין פון קריגן פּאַר זייערעט וועגן אַ דירה אין קיעוו, האָט זיי דער אַלטער שלום מבטיח געווען:

— נישקשה, אויף שלמהן קענט איר זיך פאַרלאָזן... איך בין אייך ערוב בכל מיני ערבות שבעולם, אַז פון אונטער דער ערד וועט שוין גע־בוירן ווערן אַ דירה... ער, אַז ער נעמט זיך פאַר אַ זאַך, איז — רוח סערה עושה דברו...

אַזוי האָט זיי פאַרזיכערט דער זיידע, אָבער ביי דער ניי־געשאַפענער סיטואַציע האָט נישט געקענט העלפן קיין שום רוח און אפילו נישט קיין רוח־סערה.

„זיין „בין המצרים" האָט אָבער דאָס מאָל לאַנג נישט געדויערט. פון דעם „וואָרט" אָן האָט ער זיך געפונען אונטער אַ מזלדיקן שטערן. און אָט איז ער ווידער געהאָלפן געוואָרן דורך איסאַק אַבראַמאָוויטש שטיינ־בערג. מעשה שהיה, כך היה: אין חודש מאַי איז אָנגעקומען אין קיעווער געגנט אויספירקאָם אַ פאַראָרדענונג פון מאָסקווע, אַז מען זאָל גלייך פאַר־קירצן די נעץ פון די טאָרגסין־מאַגאַזינען אויף האַלב. אויף אַ זיצונג פון שטאָטראַט האָט מען אָנגעמערקט די מאַגאַזינען, וועלכע ווערן ליקווידירט, און צווישן זיי אויך דעם מאַגאַזין נומער פינף, אויף לוואָווסקע 48. שלמה איז צוגעגאַנגען צו איסאַק אַבראַמאָוויטשן און מיט דער הילף פון אַ גרוי־סער סומע געלט און פון שטיינבערגס שוואָגער, דער פאַלקאָווניק פון דער מיליץ, איז איינגעלאַדן געוואָרן דער נאַטשאַלניק פון דעם שטאָט־קאָמ־כאָז * צו לעוויטינען אין קאַבינעט אריין, און מען האָט צונויפגעשטעלט אַן אַקט, אַז אויף לוואָווסקע 48 האָט אַ מאָל געוווינט שלמה פּיאַטיגאָר־סקי, און איצט, נאָכן פאַרמאַכן זיך פון דעם מאַגאַזין, ווערט אים די גאַנצע געביידע אומגעקערט מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל דאָרט מאַכן אַזאַ קאַפּיטאַלן רעמאָנט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ הויז, וואָס שטייט אין צענטער פון קיעוו — די אוקראַינער רעזידענץ. דער זעלבער נאַטשאַלניק פון שטאָט־קאָמכאָז האָט שלמהן פאַרדינגען אַ בריגאַדע פון צוועלף אַרבעטער: מאָלערס, סטאָליערס און שטוקאַטורן. אַזוי ווי שלמה האָט איינגעזען, אַז ער וועט זיך נישט קענען „צערייסן" אויף הונדערט שטיקער און אומע־טום באַווייזן אַליין צו זיין — זענען טעלעגראַפיש אַרויסגערופן געוואָרן די „ארבעה בנים": הירשל, אהרל, גאָדל און דוד, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף דער אַרבעט און צושטעלן די אַרבעטער אַלץ, וואָס עס פאָדערט זיך צום רעמאָנט.

*

דעם 25־טן יוני האָט שלמה געעפנט די טירן פון זייער נייער דירה, פאַר אַלע ראַדיעצקים מיט די שנורן, מיט די אייניקלעך, מיט האַק און פּאַק. זיי האָבן זיך גאַרנישט געקענט גלייבן, אַז אָט דער גרויסאַרטיקער

* שטאָטישע קאָמונאַלע ווירטשאַפט.

פּאַלאַץ מיט די פיר צימערן, מיט אַ קיך, מיט אַ הויף, מיט אַ פּאָר שטאַלן און קאַמערן און אפילו מיט אַ קעלער געהער פון היינט אָן צו זיי. די ערשטע נאַכט נאָך זייער אָנקומען קיין קיעוו זענען אַלע ראַדיעצקעס — חוץ די עלטערן מיט דער כלה, וועלכע מען האָט אָפּגעפירט אין דינהס צימער אויף מאַלאָ־וואַסילקאָווסקע — געשלאָפן אויף דער נאַקעטער פּאָדלאָגע. מיט קויפן מעבל האָט שלמה נישט געוואָלט שטעלן אויף זיך אַליין און האָט געוואַרט אויף די מחותנים. אויף צו מאָרגנס האָט שלמה גענומען יוכבדן מיט איר מוטער, אויך זיין מוטער מיט דינהן זענען מיטגעגאַנגען און מען איז זאַלבעפינפט אַוועק איבער די מערק און איבער די מאַגאַזינען אויסצושטעלן די שטוב, ווי עס פּאַסט פאַר אַ חתונה. אויף לוואָווסקע גאַס האָבן זיך אַ לאָז געטון פורלעך, איין פורל מעבל נאָכן צווייטן: איינס האָט געפירט שאַפעס; דאָס צווייטע — טישן און בענקלעך; יענץ ווידער — סאָפעס און בופעטן; היינט, בעטן מיט מאַטראַצן אויף „רעסאָרן”, טומבאַטשקעס און מולטערס, וואַשברעטלעך און קאַרניזן צו די פאָרהאַנגען, אַ וואַנטזייגער, אַן עטאַזשערקע, פאַרשידן געשיר, עטלעכע שפּאַניערוועגטלעך, לייטערלעך, שיינע טעפּ אויף וואַזאָנעס און אפילו — עטלעכע פּאַרמאַטן האַקברעטלעך.

פון אַלע שכנהשע הייזער האָט מען נייגעריק צוגעקוקט ווי מען באַשטעלט מיט שפּאָגל נייעם מעבל דעם געוועזענעם מאַגאַזין. אין עטלעכע טעג אַרום, ווען שלמה האָט געבראַכט איסאַק אַבראַמאָוויטשן מיט זיין פרוי, כדי זיי צו ווייזן, וואָס מען האָט אַזעלכעס באַשאַפן אַ דאַנק זייער טובה, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו גלייבן, אַז דאָ איז אַ מאָל געווען אַ מאַגאַזין. די פּאָדלאָגעס האָבן נאָך געשמעקט מיט אייל־פאַרב און האָבן געפינקלט מיט פרישקייט; דער סופיט האָט געבלענדעט דאָס אויג מיט זיין ווייסקייט; די געמאָלטע ווענט; די הויכע פענצטער; דאָס נייע מעבל; יעדע זאַך האָט געקוויקט דאָס אויג, צוגעזאָגט אַ חיים של חלוץ־עצמות. דאָס שיינע בעל־הביתל, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין מיטן מיטוואָך אין דער זיידענער קאַפּאָטע, מיטן פּראַקטוכענעם קאַשקעט; די כאַליאַסטרע יינגלעך מיט מיידלעך, איינס שענער פון דעם אַנדערן, און מער פון אַלעמען — די כלה אַליין מיט דעם זיבעטן חן, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר צוויבערנדיקן פּנים — האָבן געמאַכט אויף די שטיינבערגס אַזאַ טיפן איינדרוק, אַז זיי האָבן שלמהן היים געדריקט די הענט דערפאַר, וואָס אַ דאַנק אים האָבן זיי געהאַט אַ געלעגנהייט אויך אַריינלייגן אַ ציגל אין אַזאַ פּרעכטיקן און הייליקן בנין.

*

ר׳ אברהם פייגנבוים, וועמענס „זאַדישקע” * „האָט שוין אַ באָרד”, געדענקט שוין נישט ווען ער האָט אַ מאָל געהאַט אַזאַ שווערן זומער.

---

* אַסטמאַ.

טאָקע מהאי־טעמא, פלעגט ער אַ חוץ וואָס אין שול אַריין צוויי מאָל אין טאָג, אין ערגעץ נישט גיין. דערהערנדיק אָבער פון שלמהן, אַז מאָרגן, בלי־נדר, „זעצט ער שוין אַריין” בשעה טובה ומוצלחת זיינע מחותנים אין דער דירה, וואָס ער האָט פאַר זיי צוגעגרייט, האָט ער זיך צו אים אָנגערופן:

— הער אויס, שלמה. מאָרגן נאָך מיטאָג, אם ירצה השם, מוז איך צופאָרן אויף סינאַי־באַזאַר מבקר חולה זיין מיינעם אַ חבר. איך האָב בפירוש קיין כח נישט, זיך צו שטופּן אין די אָנגעלאָדענע טראַמווייען. דאָס לעצטע מאָל, ווען איך בין געפאָרן, איז דאָרט געווען אַזאַ דערשטי־קעניש... הערינג אין אַ פאַס ליגן, דאַכט זיך, נישט אַזוי צונויפגעפּרעסט... איך האָב געמוזט אַראָפּגיין מיט עטלעכע סטאַנציעס פריער, ווי איך האָב באַדאַרפט, ווען נישט וואָלט מען מיך שוין געווען אַראָפּגעטראָגן. אָבער דאָס מאָל מוז איך פאָרן, איך קען נישט אַנדערש. אין חדר זענען מיר שטענדיק אויף איין באַנק געזעסן, פון איין חומש געלערנט, און שפּעטער, אַז מיר זענען געגאַנגען חתונה האָבן, זענען אפילו אין איין וואָך געווען אונדזערע חופות... און ער איז שוין לאַנג קראַנק... ווי אַזוי זשע קען מען אין אַזאַ פאַל קוקן, צי איך האָב יאָ כח, צי ניין... בקיצור, וואָס זשע וויל איך דיך בעטן? אַרום פיר אַ זייגער שיק עמעצן אַרויס מיך באַגעגענען צו דעם סקווועריק, וואָס אויף סינאַי־פּלאַץ. איך וועל שוין דאָרטן וואַרטן. איז קודם, וועל איך טאַקע כאַפּן אַ קוק אויף דיין כלה נאה וחסודה, און וועל טאַקע זען ווי אַזוי דו האָסט איינגעאָרדנט די נייע משפּחה דיינע, און פאַר איין וועגס וועל איך זיך שוין באַקענען מיט דיין מחותן. דער זיידע דיינער איז אים דאָך עפּעס אַזוי מפליא... אַ יקר־המציאות, זאָגט ער...

אויף אָפּצוואַרטן ר' אַברהמן, האָט שלמה געהאַלטן פאַר אַ פּחיתות־הכבוד צו שיקן „עמעצן”. מקבל־פּנים זיין אַזאַ איש־נכבד — האָט ער מסביר געווען ר' נחמנען — איז מצוה בו יותר מבשלוחו... שלמה איז אַליין אַוועק צום סקוועריק און לאַהקע — מיט אַן אויסרעד, אַז זי וויל אַ ביסל אַ קוק טון אויף דער שטאָט — איז אים אויך נאָכגעלאָפן. גע־קומען צום סקוועריק, האָט שלמה זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און אַ זאָג געטון צו זיין שוואַרצחנעוודיקער באַגלייטערין:

— איצט, קורנאָסינקע, דאַרף מען קוקן מיט ביידע אויגן. אויף וואָס האָב איך דיך מיטגענומען, אַז דו זאָלסט אַכטונג געבן ווי אַזוי פייגעלעך פליען?

— ווי אַזוי זעט ער אויס, דיין ר' אַברהמצי?

— קודם הייסט ער נישט ר' אַברהמצי, נאָר פּראָסט ר' אַברהם. און זען זעט ער אויס ווי אַ ייד, אַן עלטערער ייד —

— אַ סימן, אַ גוי אין אַ גראָ היטל...

— נו, נו, אַ פּיסק אַ ביסל פון אַן אַלשאַנער מודה־אני! זאָג כאָטש להבדיל, דו... ריאַבע פּאַסאָלקע דו...

— עס געפעלט דיר נישט מיין פּאַסאַלקע? וועסטו זיך מיט איר נישט משדך זיין! בקיצור, דו זאָגסט, צי ניין? ווי אַזוי זעט ער אויס?

— ר' אברהם פייגנבוים, זאָל זיין געזונט און שטאַרק ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, איז נישט קיין הויכער און נישט קיין נידעריקער, נאָר פּונקט אויף דער העלפט וועג...

לאַהקעס נעזל גיט אומגעדולדיק אַ שמאָרע, נאָר שלמה רעדט ווייטער געלאַסן:

— ...ר' אברהם, אַז ער גייט, מאַכט ער דריבנע טריטעלעך; אַז ער קוקט, שמייכלען זיינע אויגן ווי אַ זון נאָך אַ רעגן; אַז ער רעדט, שיט זיך פּערל פון זיין מויל; אַז ער דאַוונט —

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ? ווילסטו רעדן ווי אַ מענטש? רעד! ווילסטו נישט, טאָ מאַך נישט קיין חוזק פון מיר. איך בין נאָך אַזוי קלוג ווי דו, האָב קיין מורא נישט...

— זאָג איך דאָך, וואָס בייזערסטו זיך? ער טראָגט אַ קורצן, שוואַרצן מאַנטל מיט אַ פּליושן קעלנערל. אַ מאָל זעט זיך ביי אים יאָ אַרויס דאָס אַלפּאַגענע רעקל זיינס, און אַ מאָל בינדט ער עס אונטער מיטן גאַרטל, זעט מען עס שוין נישט אַרויס. ווייטער, ער גייט שטענדיק מיט אַ שטעקל, און דאָס שטעקל האָט אַ קעפּל, און דאָס קעפּל האָט אַ גאָני, איז זי שיר־שיר נישט ענלעך אויף אַ געוויסער אַלשאַנער באָדניע... דו דאַרפסט זי קענען...

לאַהקע האָט אים דערלאַנגט אַ דריגע מיטן פּיסל און האָט זיך אָפּגעקערט אַ ברוגזע. שלמה האָט איר דערלאַנגט אַ שנאָל אין אויער און האָט זיך אויך אָפּגעקערט ווי אַ ברוגזער מחותן. ס'איז נישט פאַריבער קיין מינוט גיט זי אים אַ טאַרקע אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער:

— נישט יענער מענטש?

— ניין.

ער האָט נישט באַוויזן אַליין זיך אומצוקוקן, ווי זי ווייזט אים שוין אָן אין אַ צווייטער ריכטונג:

— דער אויך נישט?

— ניין, דער אויך נישט... עפּעס גייט דיר היינט נישט, יונגערמאַן...

עס איז פאַריבער אַ קורצע ווײַלע, גיט זי אים אַ שלעפּ פאַרן אַרבל:

— נו, און יענער אויך נישט? וווּהין קוקסטו? אַהין! צום ראָג צו!

— אַ־האַ! יענעם מיט די ברילן מיינסטו? אָ, יאָ, דער איז שוין אַ ביסעלע ענלעך... עס גייט אויף אַ דרך... ווי אַזוי דען האָסט דו געמיינט? צו ביסעלעך, צו ביסעלעך —

לאַהקע גיט אַ שאָס אין אים מיט אירע גרויסע, שיינע, קויל־שוואַרצע אויגן און צעלאַכט זיך אויף אַ קול:

— זאָג דעם אמת, שלמה, אין קיין צירק האָסטו קיין מאָל נישט געאַרבעט? איך זע, אַז דו ביסט אַ גרויסער מומחה אויף צו מאַכן ווייבער לאַכנדיק...

אַ פּאָר מינוט קוקן זיי אויף אַלע זייטן און שווייגן. מיט אַ מאָל גיט לאהקע טריאומפירנדיק אַ געשריי:

— אָט דאָס דאַרף ער זיין! וווהין דרייסטו דעם קאָפּ? אַהין קוק, וווהין איך ווייז דיר אָן, אין יענער ברייטער גאַס... נו, זעסט שוין? אָט האָט ער זיך אָנגעבויגן צובינדן אַ שוכבענדל...

שלמה ענטפערט ערנסט:

— אַה! יענעם מיינסטו? איך בין זיכער, אַז דאָס איז ער, אָבער פון דעסט וועגן לאָמיר נאָך אַכטונג געבן —

לאהקע טאַראַשטשעט אויס אויף אים אַ פּאָר אויגן:

— אויב דאָס איז ער, צו וואָס זשע איז ווידער דאָס אַכטונג געבן?

— וואָס מאַכט עס אויס? עס קאָסט אונדז טייער אין קראָם? טאָמער באַמערקן מיר גראָד נאָך אַ מער ענלעכן... היד ד׳ תקצר?

לאהקע איז שוין ברוגז נישט אויף קיין קאַטאָוועס:

— גיי דיר, איך האָב פיינט אַזאַ סאָרט רעדן!... וואָס עפּעס מאַכסטו פון מיר „קאָזאַנאַ אי באַראַנאַ״?* וואָס בין איך דיר, אַ קינד?

— וואָס דען ביסטו מיר, אַן איינִיקל?

זיי זענען געווען אַזוי אַריינגעטון אין דער „ליבע־דערקלערונג״, אַז זיי האָבן אפילו נישט באַמערקט, ווי ר׳ אברהם איז אונטערגעקומען פון אַ זייטיק געסל און האָט אַ פאַרוונדערטער צוגעקוקט, ווי דאָס פּאָרפּאָלק קריגט זיך...

*

עס זענען פאַריבער נאָך עטלעכע טעג. די מחותנים האָבן אָנגעהויבן קומען צו זיך, זיך אַרומקוקן, זיך ביסלעכווייז צוגעוווינען צו דער שטאָט און צום נייעם אופן לעבן.

ע נ ד ע פ ו ן ע ר ש ט ן ט י י ל

* „אַ ציג און אַ שעפּס״. געמיינט: אָפּלאַכן, חוזק מאַכן.

צווייטער טייל

קאפיטל XXXVII

דעם 27טן יוני איז אין קיעוו געווען אַ היץ פון 31 גראַד. דעם 28טן איז דער טערמאָמעטער נאָך געשטיגן. דעם 29טן איז אויף דער זון געווען 37 גראַד. די שטאָט האָט געקרעכצט ווי אַ גוסס, עס איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען נישט ביי טאָג, נישט ביי נאַכט. די איינוווינער האָבן זיך געשטיקט אין די דושנע צימערלעך, ווייל אויף דער גאַס איז געווען נאָך ערגער. דאָרט האָט אַלץ געברענט ווי אין אַ קאַלכאויוון: די שטיינער מיט וועלכע עס זענען אויסגעפּלאַסטערט די גאַסן, די שטיינער פון די הייזער, אַפילו דיביימער. די לופט האָט געבריט דאָס געזיכט אַזוי ווי פּריסעק. דער אַספאַלט אויף די טראָטואַרן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שיטערער קאַשע, געכאַפּט די דורכגייער פאַר די פיס און גאַרנישט געוואָלט אָפּלאָזן. די שוס־טערס זענען געווען פאַרוואַלגערט מיט אַרבעט, און אַממערסטן... פון אָפּ־געריסענע פּאַדעשוועס... דאָס אייז, וואָס מען האָט אויף אָפענע פּלאַש־טשאַדקעס געפירט פון די אייזקעלערס אין די וואַסער־בודקעס אַריין, איז כמעט אין גאַנצן צעגאַנגען געוואָרן אויפן וועג, נישט מער, וואָס עס האָט אַ ביסל באַשפּריצט די גאַסן און אויפגעהויבן שנירלעך אַנגעגליטן שטויב, וואָס איז געקראָכן דורך די נאָזלעכער, דורך די אויערן, דורך דעם מויל און אַפילו דורך די אויגן... די פּראָדוקציע אויף די פאַבריקן און זאַ־וואָדן האָט זיך פאַרקלענערט ביז האַלב. די אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער האָבן פון זיך אַרויסגעטריבן דעם זיבעטן שווייס, עס איז אָבער דערפון געווען אַ שוואַכע פּעולה: די הענט האָבן זיך באַוועגט שלאַבעריק, אַפילו די מאַ־שינען, האָט זיך געקענט דאַכטן, האָבן זיך אויך געפילט מיד און מאַט.ביידע ברעגן פונעם דניעפּר זענען געווען געדיכט אָנגעזעצט מיט צעיוי־רענע מענטשן־קערפּערס. יונגוואַרג איז געלעגן אויסגעצויגן אין די צע־טרוקנטע שיפלעך און האָט בענקענדיק דערמאָנט די געבענטשטע פראָס־טיקע נעכט, ווען מען האָט זיך אויף דעם גלאַטן רוקן פון אָט דעם זעלבן דניעפּר, ביי דער זוניקער ליכט פון די פּראָזשעקטאָרן, געיאָגט מיט די גליטשערס, געפאַלן און ווידער געפלויגן פייל אויסן בויגן. עלטערע מענטשן זענען געשטאַנען אין וואַסער ביז די ברוסטן און האָבן געלייגט נאַסע טוכער צו די „אָפּגעקאָכטע" קעפּ. די פּריש־אויפגעקומענע פּרוכטן אויף די שטעלעכלעך האָבן עפּעס אויסגעזען פּריטשמעליעט אָדער ווי האַלב־גע־בראָטענע. די צונגען, וואָס פירן אין די נאָענטע דאַטשעס, זענען געווען באַ־קלעפּט מיט פאַסאַזשירן ווי אַ שטילע קליאַטשע מיט איינגעגעסענע פליגן. אַלע טעאַטערס און קינאָס האָבן שוין לאַנג נישט געזען אַזאַ פּוסטקייט אין די זאַלן. ביים קינאָ־מעכאַניק איז די פילם־סטענגע געפאַלן פון די הענט, ביי די אַרטיסטן האָבן די ווערטער נישט געוואָלט אַראָפּ פון דער צונג. די סיבה איז געווען, וואָס... זיי האָבן געשפּילט פאַר כמעט ליידיקע בענק, און יענע יחידים, וואָס האָבן בדרך־נס יאָ פאַרבלאָנדזעט אַהין,

האָבן אויך פון מידקייט אונטערגעדרימלט. דער גאַנצער שטאָט־אָרגאַניזם איז געווען ווי פּאַראַליזירט. אַלץ האָט זיך באַוועגט ווי אין חלום, שוואַך און אָן לעבן.

דעם 29טן ביי נאַכט האָבן זיך די הימלען אַנגעוואָלקנט. פון אַלע פיר עקן פונעם האָריזאָנט האָבן זיך אַ שפּרייט געטון שוואַרצע קאָלדרעס. עטלעכע שעה נאָך אַנאַנד האָט דער הימל אַכזריותדיק באָמבאַרדירט די אומבאַהאָלפענע ערד. ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, אָבער אויף דער גאַס איז נאָך אַלץ געווען: ספק חשכה, ספק אינה חשכה. די הימל־יאַרמלקע האָט אויסגעזען ווי אַ פאַררויכערטער טשוגונענער טאָפּ. די לופט איז געווען אָנעלעקטריצירט. די גאַסן משונה לײדיק און פאַרחושכט. עפּעס האָט זיך געגרייט אַ שרעקלעכס. ערשט שפּעט, שפּעט אויפן טאָג האָט אויסגעבראָכן אַ מבול. עס האָבן זיך געעפנט אַלע אייבערשטע און אונטערשטע קוואַלן. נישט קיין טראַמווייַ, נישט קיין אויטאָ, האָבן זיך אין גאַס נישט באַוויזן. אַלע ליניעס זענען געווען פּאַרפּלייצט, אַלע וועגן — צעשוווּמען. פון די דונערן האָבן שויבן געטרישטשעט און געפּלאַצט. דער ווינט, וואָס האָט באַגלייט אָט דעם גאַס־רעגן, האָט אַ סך קליינע הייזלעך צעוואַלגערט, אַ סך דעכער אַראָפּגעטראָגן און דאָרט, ווו ער האָט קיין זאַך נישט געקענט רירן פונעם אָרט, האָט ער, — אויף זיך נוקם צו זיין, — סתם אָנגעמאַכט חורבנות.

יידן וואָס ווױנען אין דער געגנט פון דער שול, דערזעענדיק גאַנץ פרי, וואָס אין דרויסן טוט זיך, האָבן געטראַכט ביי זיך: יהיה מה שיהיה, מען וועט נישט מוותר זיין אויף תפילה בצבור! יעדער איינער פון זיי האָט אין האַרצן געזאָגט צו זיך: יעבור עלי מה, איך וועל נישט בלייבן זיצן אין שטוב ווי אַ קוואָטשקע אויף די אייער! מען האָט „גענומען די נשמה אין דער זשמעניע" און מען איז „אויף קידוש־השם" איבערגע־לאָפן אין שול אַריין. איצט, אַז די ערד האָט אַזש געציטערט פון דער משא, וואָס מען האָט אויף איר געוואָרפן בלי הרף פון די „אייבערשטע שטאָקן", זענען זיי אין די טלית ותפילינס אַלע געשטאַנען ביי די אָפענע פענצטער און האָבן געהאַלטן אין איין מאַכן ברכות: אויף דונערן, אויף בליצן... איין מאַן־דאמר איז געווען, אַז אַזאַ מוראַדיקער אויסגוס איז אַ קללה פון גאָט, אַזוי ווי דאַמאָלסט די „קולות ומטר" אין גלגל בימי שמואל הנביא, וואָס זענען געווען אַן עונש פאַר זייער פאָדערונג: „שימה לנו מלך"! אַ צווייטער מאַן דאמר איז געווען, אַז „לא נבראו רעמים, אלא לפשוט עקמומיות שבלב... דער הימל קנעלט דאָס מאָל מיט דער וועלט דאָס קאַפּיטל ע"ז פון תהילים, למען ישמעו וייראו —

— עס ציטערט די גאַנצע בריאה פון די דונערן? די בליצן שניידן די וועלט כחרב המתהפכת?

...קול רעמך בגלגל... האירו ברקים תבל...

— עס רעשט דער גאַנצער כדור־הארץ ווי ער וואָלט אויף עמעצן געקריצט מיט די ציין?

...רגזה ותרעש הארץ...

— עס קרעכצט דער גאַנצער חלל־העולם װי דער הימל װאָלט געגאַנגען צו קינד? עס ציבערט װי פון א געפּלאַצטער פּאַס?

...זורמו מים עבות... קול נתנו שחקים...

— דער דניעפּר האָט זיך אױפגעהױבן װי אויף הייװן? ער קאָכט און שױמט זיך װי א זידנדיקער טאָפּ סמאָלע?

...ראוך מים יחילו, אף ירגזו תהומות...

יידן האָבן געחקירהט, געזאָגט „גלײכע װערטער", אַרױפגעזעצט איין סברא אױף דער צװייטער, און די איבערקערעניש האָט דערװײל געהאַלטן אין איין שטײגן, מען האָט קיין שום זאַך נישט געקענט זען, נאָר א הענגענדיקן װאַסער־פאָרהאַנג וחושך על פני תהום... אָט די סטיכישע „סימפאָניע" האָט געדױערט ביז צװײ נאָך מיטאָג. דאַן איז פּלוצלינג מיט א גרױס געלעכטער אַרױס א צעיושעטע זון. איידער מען האָט נאָך באַװיזן זיך אומצוקוקן, איז דער הימל געװאָרן אָפּגערייניקט. אַלע אײנװױנער האָבן אױסגעשאָטן אױף דער גאַס, געאָטעמט די געגאַרטע פרישע לופט, אָנגעפילט מיט איר די אײנגעשרומפּן־געװאָרענע לונגען, איידער זי גליט זיך װידער אָן.

*

אין דעם זעלבן טאָג נאָך מעריב, איז יאַני טולטשינסקי גלײך פון דער שול צוגעפאָרן אױף שוליאַװקע צו שמואליקן נאָך א גמילת־חסד. פאַר דעם לעצטן חודש איז ער געװען געצװוּנגען אױסצונוצן 1200 רובל מלוכהש געלט, אָבער פאַר דעם ערשטן מוז מען דעם לאָך פאַרלײגן. פון דאָרטן האָט ער זיך געזעצט אין טראַמװײ נומער 5 אױף אַראָפּצופאָרן אױף קרעשטשאַטיק.

עס איז נאָך קיין עלף א זײגער נישט געװען. די טראַמװײען זענען געגאַנגען פול־געפּאַקט סײ אַהין, סײ צוריק. אין צװײטן עק װאַגאָן האָט יאַני באַמערקט דעם שוליאַװקער רב און נאָך עטלעכע אָנגעזעענע בעלי־בתים פון שטאָט, װאָס האָבן געװױנט אין יענעם ראַיאָן. ער האָט זיך דורכגעשטופּט צו זײ, געגעבן זײ „שלום" און זיך געװענדעט צום רב:

— װוּהין פאָרט איר דאָס? ס'איז הײנט עפּעס א יומא־דפגרא? *

— בפירוש א יומא־דפגרא! מיר האָבן הײנט א געהױבענעם קנס־מאָל אױף לװאָװסקע־גאַס.

— איז אַזױ שפּעט?

— אָט דאָס הײסט ביי אײך שפּעט? עס װעט זיך אודאי ערשט אָנהײבן אײנס א זײגער.

— פאַר װאָס זשע?

— װײל עס װעט מן־הסתם זײן א האַלבע שטאָט.

* א יום־טוב.

— ביי וועמען איז עס אזא געהויבענע שמחה?

— ביי איינעם... איר קערט אים זיכער קענען, ער איז אויך פון אייערע מקומות: אומאַן, טאַלנע... ערגעץ דאָרטן דאַרף עס שטעקן, איך געדענק נישט אויף אַקוראַט דעם נאָמען פון דער שטאָט.

— ווי רופט מען אים?

— אפרים־אהרון רופט מען אים. אַ שוואַרצער אַזאַ, מיט אַ שיינער באָרד, איר קענט אים נישט?

— איך געדענק נישט...

— ער האָט אַ פּאַטער, ר׳ שלום... ווער קען נישט דעם אַלטן ר׳ שלומען?... אַ געהויבענער ייד, סאַלאַמינקער זענען זיי. איז אָט דעם אַל־טנס אַן אייניקל... איר מוזט אים אויך קענען — שלמה... שלמה, אַ הויר־כער, אַ שיינער, אַ גרויסער בעל־צדקה און אַ למדן מופלג, אַ גאַנצער קנאַקער... שוין זשע קענט איר זיי קיינס נישט?

— אפשר האָב איך זיי אַ מאָל געזען, כ׳ווייס? קיעוו איז גענוג גרויס, עפּעס יעדן קען מען קענען?...

מעכאַניש איז ער אַראָפּגעגאַנגען פונעם טראַמוויי, אָן זיין וויסן האָבן אים זיינע פיס געבראַכט אויף אוריצקע. אַריינקומענדיק צו זיך אין שטוב אַריין, האָט יאַני געטראָפן אַלע בני־בית זיצן אַרום טיש און עסן וועטשערע. מיט נישט זעענדיקע אויגן האָט ער באַטראַכט דעם טיש און, נישט אויסרעדנדיק צו קיינעם קיין איין וואָרט, האָט ער זיך ווי אַ פרעמ־דער צוגעזעצט אויף אַ ברעג פון זיין בענקל.

נישט אויפהייבנדיק די אויגן פונעם טעלער, האָט אסתר אַ פרעג געטון:

— יאַני, פאַר וואָס גייסטו זיך נישט וואַשן? אַ גאַנצן טאָג אין מויל נישט געהאַט, אַ טאָג, אַ יאָר... וואָס הערט זיך? האָסט ביי שמואַ־ליקן יאָ געפּועלט? איך קען אים דאָך, וואָס פאַר אַ געבער ער איז...

און פלוצלינג לאָזט זי אַרויס אַן אוממענטשלעכן קוויטש:

— קינ—דער... גוואַלד, זעט נאָר, וואָס איז מיטן טאַטן?

אַלע זענען נישט־טויט, נישט־לעבעדיק אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער. יאַני איז געזעסן מיט ברייט־צעעפנטע, שטאַר אויסגעגלאָצטע אויגן; אין פּנים — קיין טראָפּן בלוט נישט; די פינגער — ביינערדיק פאַרבראָכן, און אַ שוידערלעכער, סקעלעטישער שמייכל האָט קרום גע־רונצלט די ליפּן, דעם שטערן, די איינגעפאַלענע באַקן... אַ מינוט זענען זיי אַלע געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע אין שטומער שרעק. מיט אַ מאָל טרייסלט אויף דאָס צימער אַ געמישטער קוויטש:

— טאַ—טע! וואָס איז מיט דיר?

דער סקעלעט רעאַגירט נישט אויף גאָרנישט. דער זעלבער נישט־היגער שמייכל. דער ים־הקרח אין די אויגן. און די הענט יאושדיק פאַר־בראָכן... אַלע גיבן זיך אין טויטשרעק אַ וואָרף צו אים, נאָר פלוצלינג קאָרבט זיך אויס אויף זיין טויטן פּנים אַ מאָוימדיקע גרימאַסע און ער צעשיט זיך אין אַ טרוקענעם, ווילדן געלעכטער.

אסתר ברעכט אוים מיט א געוויין:

— גוואלד, יאני...

יאני, נישט לייגנדיק קיין אכט אויף גארנישט און נישט זעענדיק פאר זיך קיינעם, לאכט ביטער און שרייט:

— פאר וואס גיט איר מיר נישט אפ קיין מזל־טוב? ביי אונדזער שלמהן איז דאך היינט דאס קנסמאל!... שפילט קלעזמער פריילעך:

טרא־לא־לא

טרא־לא־לא...

בים־בים־באם

פאם־פאם־פאם...

— ...כא־כא־כא... א שרעק, וויפל מחותנים!... רבנים אליין הונדערט טויז! למדנים א מיליאן און סתם יידן — הונדערט מיליארד!...

ער פאלט אום אויף דער פאדלאגע, כאפט זיך אן מיט בײדע הענט ביים קאפ, מאכט א משוגענע העויה, און טריאומפירנדיק ווייזט ער אלע־מען צוויי זשמעניעס מיט אויסגעריסענע גרוילעכע האר.

אין שטוב הייבט זיך אויף א ליארעם. אסתר, אווראם און פאלי באַ־מיען זיך אים אויפצוהייבן פון דער ערד און אפטראגן אויפן בעט, נאר פלוצלינג קומט יאני צו זיך אויף א ווײלע, באקוקט אלע בני־בית און שטשירעט אוים די ציין אויף די יינגערע קינדער:

— וואס טוט דא מיין מלאך־המות? פאר וואס האט איר נישט קיין רחמנות אויף אייער טאטן?

ניומא מיט סאנקען שלעפן פאלין אוועק, שטופן זי ארוים פון דער טיר און מאכן זי פעסט צו הינטער איר.

עס מוז שוין זיין שפעט: די גאס שלאפט. די טרעפ זענען שוואך באלויכטן. ערגעץ פון אן אייבערשטן שטאק דערטראגט זיך א יאמערלעך געוויין פון א קינד. פאלי טראכט איצט גארנישט, זי פילט איצט גאר־נישט, איר גאנצע נשמה איז איצט דארט, פון יענער זייט טיר, ביים טאטנס בעטל... אט עפנט זיך ראש אויף די טיר און אווראם פליט ארוים ווי א דונער. זי גיט א שפרונג צו צו אים:

— און —

ער איז שוין נישטא! זי לייגט צו דעם אויער צום שליסללאך, חלומות! מען הערט גארנישט. ווי אויף צו־להכעים איז די טיר א גראבע. לאנגע מינוטן שטייט זי אזוי א פארשטיינערטע. אן אייביקייט. שא! עמע־צער גייט פון די טרעפ. א—הא! אווראם מיט דעם דאקטער, וואס וווינט אקעגנאיבער זייער הויז. זי שארט זיך א דערשראקענע אוועק פון דער טיר. אווראם קוקט זיך אפילו נישט אום אויף איר. די טיר מאכט זיך צו, אבער דאס מאל נישט זייער פעסט. זי האט אריינגערוקט דעם טופל און איר איז געלונגען זיך איבערצולאזן א שפארונקעלע. אך! וואס פאר א גליק... איצט וועט זי שוין אלץ הערן... זען נישט, אבער הערן — יא! מא—מע! וואס איז דארט אזוי שטיל? וואס טוט זיך דארט? פאר וואס שווייגט מען דארט אזוי לאנג?

פלוצלינג לעבערט דורך אירע אויערן דעם פאטערס א הארצרייסנ־דיקער געשריי. זי גיט א ריס אויף די טיר, וויל צולויפן צום פאטערס בעט, נאר די שטענדיק שטילע אסתר גיט ווי א קאץ א שפרונג איר אקעגן און שטופט זי האסטיק אויף צוריק. זי אמפערט זיך מיט דער מוטער, וויל זיך אויסרייסן פון אירע קלאמערנדיקע פינגער, אבער אסתר עפנט מיט דעם פוס די טיר, נעמט זיך אן מיט אלע כוחות, און נישט אויסרעדנדיק קיין איין ווארט גיט זי זי אכזריותדיק א שליידער צו די טרעפ. פאלי בלייבט ליגן אויסגעצויגן ווי א פיש. דאס קיטל פארווארפט זיך און אלץ ווערט ווידער ווי אויסגעשטארבן.

היפשע עטלעכע מינוט ליגט פאלי אויף די שטיינערנע פליטעס אומ־באוועגלעך. דאן הייבט זי זיך פאמעלעך אויף, און באוואשנדיק זיך מיט טרערן ווישט זי אפ דאס ווארעמע ריטשקעלע בלוט, וואס רינט ביי איר פונעם מויל. זי פרוווט מיטן פינגער דעם גערירטן צאן:

— יא, ער שאקלט זיך שטארק, כאפט אים דער רוח, וועט זיין ווייניקער מיט איינעם...

זי שלייכט זיך לאנגזאם ארויס אויף דער גאס. אין אומענדלעכן, בלויען אקעאן שווימט ארום א גרויסע, זילבערנע לבנה. ס'קומט איר אויפן זכרון א האלב־פארגעסן בילד: מיט צוויי יאר צוריק, ערב ל"ג־בעומר, אויך א לבנה־נאכט, אויך ביי זייער גאניק, נאר קעגן איר איז דאן געשטאנען שלמה. ער האט דאמאלסט, געדענקט זי, איר אנגעזאגט א שלעכטע נבואה... — וואס האט ער אזוינס געזאגט? נישט די דאזיקע ווערטער האט ער געזאגט: „פאר בלוט מוז מען באצאלן מיט בלוט. עמעצער פון אונדז וועט א מאל שטארק, שטארק באוויינען אזוינע אומזיסט פארפינצטערטע נעכט"... דאס זענען זיינע ווערטער? פאר וואס האט ער זי דאמאלסט אזוי געשאלטן? וואס האט זי אים דען אזוינס געטון? דאס וואס זי האט נישט געוואלט פארן מיט אים קיין פושטשע־וואדיצע? אבער זי איז דאך דערנאך יא געקומען! דארט איז געווען רייזל... אך, את די רייזלס, את די ביילקעס, את די דינהס... גאטעניו, וואס טוט זיך דארט מיטן טאטן? פונעם פאדוואל דערטראגט זיך נישט קיין מינדסטער קלאנג. דעם הימל איז קענטיק אויך א קליינע נפקא־מינה וואס דא טוט זיך, ער חנדלט זיך... און אפשר זעט ער גאר אין איר א נקמה? גוואלד, וואס איז מיטן טאטן? דעם פראלעטארישן גארטן איז אויך א פנים א קליינע נפקא־מינה, וואס אויף דער וועלט טוט זיך; ער שפילט... דער משוגענער דזשאז, פילט זי, שטעכט איר אין מח ווי מיט נאדלען. אין קייזערלעכן גארטן שפילט א סימפאנישער ארקעסטער, דורך דעם ראדיא א באיאניסטן אנסאמבל.* גאט אין הימל! שוין זשע איז שוין פאר איר נישטא קיין פיצל ארט אויף דער וועלט? גוואלד! וואס זאמט זיך דארט אזוי לאנג דער דאק־טער? וואס טוט ער אים דארט? זי וועט דאס נישט איבערטראגן... זי

* באיאן — אקארדיאן.

וועט דאָ פון זינען אַראָפּ... שאַ! מען גייט... די מאַמע, הערט זי, וויינט. גאָטעניו! עס ווייזט אויס, אַז עס איז שלעכט. ווער הייבט זיך דאָס אויף אויף די טרעפּ?

זי גייט אָפּ אין אַ זייט. אויפן גאַניק גייט אַרויס דער דאָקטער. אוו־ראַם באַגלייט אים ביז איבערן שליאַך, שטעקט אים עפּעס אַריין אין טאַש און געזעגנט זיך. נישט דרייסט גייט זי אים אַקעגן. ער באַקוקט זי שאַרף פונעם קאָפּ ביז די פיס און גייט אַ שווייגנדיקער דורך פאַרביי איר אין שטוב אַריין. זי פאַרבייסט די ליפּן ביז בלוט און בלייבט שטיין אין פאַר־לעגנהייט: וואָס טוט מען איצט? מען קוקט אויף איר נישט, מען רעדט צו איר נישט, כאָטש גיי און טרינק זיך...

אין אַ צען מינוט אַרום גייט אַרויס אוורהם. ער דערלאַנגט איר דעם מאַנטל מיט דער קאָשנע און האַקט אָפּ קאַלט:

— טו אָן און קום.

— אוורהמטשיקל, נשמהניו, האַרצעניו, וואָס האָט געטראָפן?

— קום, דו גייסט נעכטיקן צו סאָניען. בכלל גייסטו איבער צו איר אויף אַ שטיקל צייט.

— האָב רחמנות, זאָג, וואָס איז געשען מיטן טאַטן?

ביידע גייען שמיידיק, ווי פון רוחות געטריבן. אוורהם שווייגט עק־שנותדיק.

— גזלן, וואָס שווייגסטו? דאָס האַרץ פּליט מיר אַרויס...

— וואָס זאָל איך רעדן, וואָס? דער טאַטע ליגט נאָך אָן באַוווסט־זיין, און וועט נאָך אַזוי גיך נישט קומען צו זיך. דער דאָקטער האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז ער וועט אין עטלעכע שעה אַרום נאָך אַ מאָל אַריינגיין. עס איז ביי אים, זאָגט ער, אַ שרעקלעכע נערוון־אויפטרייסלונג. הונדערט מאָל האָט ער אונדז געוואָרנט, אַז ווען ער וועט אָנהייבן רעאַגירן אויף דעם, וואָס ווערט גערעדט און געטון לעבן אים, זהיר וזהיר מען זאָל נישט דער־מאָנען אין זיין אָנוועזנהייט די געשעעניש, וועלכע האָט אים אַזוי אויפ־געטרייסלט. אויב דאָס האַרץ איז ביים טאַטן אַ שטאַרקס, האָט ער גע־זאָגט, וועט עס גיך איבערגיין.

אוורהם האַקט זיך אָפּ אין מיטן דעם וואָרט. פּאָלי פרעגט מיט אַ ציטער אין קול.

— און אויב? —

— וואָס האָסטו צו קלערן? אויב חלילה נישט, איז טאַקע זייער שלעכט...

גאַנץ ניקאָלאַיעווסקע־גאַס זענען זיי דורכגעגאַנגען נישט אויסרעדנ־דיק מער קיין איין וואָרט. יעדער איינער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע אייגענע טריבע מחשבות. אויף קרעשטשאַטיק האָט זיך נאָך געטומלט. די לעצטע סעאַנסן אין די קינאָס זענען נאָך געגאַנגען. די טירן אויף די ענגענדיקע גאַנקעס זענען אומעטום געווען אויפגעפּראַלט, און די גאַנקעס נעדיכט באַזעצט מיט מידע, האַלב־נאַקעטע איינוווינער. ווען זיי האָבן

אויסגעמיטן דעם אייביק פריילעכן דומסקע פלאַץ און האָבן זיך פאַרנומען אויף רעכטס אין דער מאַיעסטעטיש־רואיקער אינסטיטוטסקע־גאַס, האָט פּאָלי ווייטיקלעך אַרויסגעקרעכצט:

— אַך, אַט דער שלמה, אַט דער שלמה... דו ביסט גאָר קיין מבין נישט אויף זיינע קונציקע שטיקעלעך...

אווראַם קוקט זי אָן ווילד. פּאָלי זאָגט מיט אַ טיפזיניקן טאָן:

— איך זע, אַז דו פאַרשטייסט גאָר—נישט אין דעם, וואָס דאָ קומט פאָר...

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם שטעלט זיך אווראַם אָפּ און באַטראַכט זי מיט אַ לאַנגן, פּיינטלעכן בליק. פּאָלי וויל נישט באַמערקן דעם גאַליקן אויסדרוק פון זיין פּנים און זייעט שיטער דורך די ציין:

— און דו, שוטה, מיינסט טאַקע אויף אַן אמת, אַז שלמה ווערט אַ חתן?

— פּאָלי —

— שוויג, דו פּסיכאָפּאַט! און איך האָב נאָך געמיינט, אַז דו ביסט קליגער פון אַנדערע. צום סוף הייבט זיך גאָרנישט אָן. דו קענסט נישט שלמהן. דו קענסט נישט זיינע שטיקעלעך. ער האָט אָפּגעשמועסט מיט אַ ווילד פרעמד מיידל, אַז זי זאָל פאַר דער וועלט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי ווערט זיין כלה און מכלומרשט ווערט ער פאַר איר אַ חתן, און דאָס אַלץ ווערט געטון אויסשליסלעך צוליב דעם, כדי איך זאָל איינליינגן די וועלט און זיך בעטן ביי אים...

— פּאָלי, אום גאָטעס ווילן —

— וואָס לערנסטו מיך, וואָס? זיי זיכער, איך זאָג נישט דאָס, וואָס איך ווייס נישט אויף אַקוראַט. אַנומלטן האָט ער מיך אויסגעשפּירט ביים אינסטיטוט, פּלוצלינג אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד, געקוקט, געקוקט מיט זיינע ביטרע, ציגיינערשע אויגן... ער האָט אַרויסגעקוקט, אַז איך זאָל אים פאַרטשעפּען מיט אַ וואָרט, אַ בעט טון. אָבער — אַ פייג! עס זענען שוין פאַריבער יענע צייטן. געווען געדאַרפט דאַמאָלסט. איצט האַלט עס שוין נישט דערביי. איצט מעג ער שוין בעטן. נישקשה, עס מעג אים אָנשטיין, דעם כמעלניקער פּריץ. טאַקע אַ גאַנצער „יאַ טיעביע דאַם" געוואָרן, אָבער קוקנדיק פאַר וועמען... פאַר מיר דערוויי‌ל נישט!

— פּאָלי, הער אויף צו רעדן, דו ביסט משוגע...

— דו ביסט אַליין משוגע, אי—די—אָט!... ער איז אַ מבין אויף שלמהס שטוקעס, איז ער... שוטה, שוטה, דו ווייסט נאָך נישט, וואָס עס איז אַזוינס ליבע... דו לייען אַ ביסל האַמסונען... ביי דאַוויד סאַלאָמאָנאָוויטשן איז דאָ אַ זאַמלבוך פון אַלע זיינע ווערק, אַנטליי אים און לייען איבער, דאַן וועסטו ערשט פאַרשטיין דעם אמתן זין פון שלמהס קנסמאָל. הם! שלמה וועט אַ חתן ווערן, כאַ־כאַ־כאַ... יענער האָט מיר אַ מאָל צוגעזאָגט אויסצוגיין ביי אונדזער שוועל און נישט אָנצורופן קיין אַנדער נאָמען, נאָר פּאָ—און—לי... וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, דו ווילדער, פּאָ און לי מאַכט

צוזאַמען: פּאַלי... דאָס איז נישט מיין סגנון, דאָס איז זיינער, שלמהס. און ער זאָגט גאָר — אַ חתן ווערן... יענער קען אפילו צוליב אחיזת־עינים אויפ־שפּילן אַ קאָמעדיע מיט אַ חתונה, וואַרט אוים!... שפּילסט זיך מיט אים? ער שפּילט זיך מיט שלמהן... נאָר אַז עס וועט קומען צום גלעזל־ברעכן, וועט ער אויפדעקן זיינע קאָרטן, דאַן וועט ער ערשט מגלה זיין די אמתע כוונה פון אָט דער גאַנצער פאַרשטעלעניש, פון אָט דער קאָמי־שער פּורים־שפּיל, דאַמאָלסט וועט ער זיך מודה זיין, אַז דאָס אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַ רעפּעטיציע, און מיינען אויף אַן אמת, מיינט ער טאַקע נאָר מיך...

אַווראַם כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ:

— גאָט מיין גאָט! גאָט מיין גאָט! נאָך ווייניק זענען מיר גע־שטראָפט געוואָרן? דער טאַטע ווייסט נישט, ווו ער איז אין דער וועלט, אין שטוב איז אַ יללה ווי בעת מען באַגלייט אַרוים חלילה אַ בר־מינן, האָט אונדז נאָך געפעלט, אַז זי זאָל משוגע ווערן... זי איז דאָך פאַלנע משוגע...

— גיי, גיי דיר אַהיים... פּאַשאָל וואָן!... אַ שפּראַך אַ ביסל מיט אַן עלטערער שוועסטער... ס'איז דיין גליק, וואָס עס טוט מיר נאָך וויי דער צאָן, ווען נישט וואָלט איך דיר געוויזן, וואָס עס הייסט משוגע, וואָלסטו שוין, מאַל דיר, פאַרגעסן דעם נאָמען דיינעם... אַ חוצפה אַ ביסל פון אַ מיאוסן שייגעץ... גיי, גיי, צו אַל די רוחות, פּאַרשיווייעץ!...

איבערבלייבנדיק איינע אַליין אויף דער שלאָפנדיקער גאַס איז איר דער קוראַזש אַ ביסל אָפּגעגאַנגען. איר אויפגעבראַוזטער צאָרן איז מאָ־מענטאַל אויסגעלאָשן געוואָרן. אַ גיפטיקער צווייפל האָט זי ווייטיקלעך געקלעמט ביי דער נשמה: און אפשר איז אַווראַם גערעכט? אפשר איז אַלץ פאַרפאַלן? ווייסבלאַטס מויער מיט אירע זעבצן שטאָק האָט זיך ווי אַ פינצטערע מאַסע אָנגערוקט אויף איר, געוואָרגן זי מיט די דראַאינגע־רונגען פון יענעם בלוטיקן אויפדערנאַכט, פון יענער לעצטער שלאַכט, לאַנגזאַם געצאַפּט איר בלוט מיט בילדער פון שלמהס גענעראַלער אַטאַקע, פון דעם לעצטן פּרווו. אין די אויערן האָט איר נאָך געקלונגען זיין זיסער אַלט און עס האָבן געגריזשעט איר לייב די יאושדיקע סטראָפן:

Ведь я люблю тебя,
И я была твоею —
Вернись... О, дай мне снова жизнь,
В-е-р-н-и-с-ь!... *

---

* איך האָב דאָך דיך ליב,
און איך בין געווען דיינע —
קער דיך אום... אָ, גיב מיר אויף דאָס ניי אַ לעבן,
קער — דיך — אום!...

*

אין אַ וואָך אַרום איז שוין יאַני אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט. אויב נישט רעכענען עטלעכע נישטיקע ענדערונגען אין זיין אויסזען, איז דאָס געווען דער זעלבער יאַני וואָס פאַר דעם אָנפאַל, דער זעלבער דימענ־טענער יאַני וואָס אין כמעלניק. נישט מער וואָס ביי זיין לינקן שלייף איז אין גאַנצן גרוי געוואָרן אַ פאַסמע האָר; אויף זיין טיפן, ליכטיקן שטערן האָט אַ פאַרבאָרגענע האַנט אכזריותדיק אויסגעקאַרבט אַ בייזע פאַרצווייגטקייט פון גרעסערע און קלענערע קנייטשן; די אויגן זענען עפּעס געוואָרן גרוי און אומבאַוועגלעך, זיי האָבן אויסגעזען ווי קיין מאָל נישט אויסגעשלאָפן; בכלל האָט דאָס גאַנצע פנים אויסגעזען ווי באַשאָטן מיט אַש, איבערגע־מישטן מיט געלאָשענעם קאַלך. אַ ביסעלע איז נאָך דער גאַנג זיינער גע־וואָרן עטוואָס אומזיכער ווי ער וואָלט געווען שכורלעך; און אויך דאָס לשון האָט זיך קענטיק געענדערט, געוואָרן היקעוואַטע, געשלוקערצט... אָבער אַזוי איז ער געווען פאָלקאָם געזונט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אויך פאָלי זיך אומגעקערט אַהיים און דאָס וואָכעדיקע לעבן איז ווידער אַוועק אויף די אויסגעריבענע רעלסן.

קאפיטל XXXVIII

דער זומער איז געווען נישט אזא הייסער, ווי א דושנער. מענטשן וואָס זענען נישט געווען פארקויפט צו דער ארבעט, אָדער די וואָס האָבן זיך געקענט אָפּבעטן אויף וויפל עס איז, האָבן מאסנוויז פארלאָזט די אָנגע־גליטע שטאָט און האָבן זיך געוואלגערט אויף דער מאַמע־ערד אין די גערטנער און אויף די לאָנקעס. צו־נאכטס צו פלעגט מען זיך באָדן אין די לעבלעכע טייכלעך און אָטעמען מיט פרישער לופט ביזן אויפגיין פון דער זון. פון יאַנים שטוב איז קיינער אין ערגעץ נישט געפאָרן: ערשטנס איז פשוט נישט געווען פאר וואָס, מען האָט פּראָסט נישט ביד געהאט זיך פארגינען אָט דעם לוקסוס, וואָס דאַרף אָפּקאָסטן א „זאַק מיט געלט". און צווייטנס איז מען פון אווראַמען בסוד־סודות געוואויר געוואָרן, אַז ס'איז דאָ א סברא, אַז שלמהס קנסמאָל איז נאָר עפּעס א מין אחיזת־עינים. ער יאָגט זיך נאָך עד־היום נאָך פאַלין. און הגם יעדער באַזונדער האָט דאָס ביי זיך אין הארצן געהאלטן פאר אַן אילוזיע, פאר א משוגענער איינרעדע־ניש, אָבער דאָך האָט זיך עפּעס אַזוי גערן געוואָלט גלייבן אין אָט דער משוגעת, עס איז אַזוי צוקער־זיס געווען דער דאָזיקער טרוים, אַז נישט קוקנדיק אויף אַלץ, וואָס עס איז געווען, קען נאָך שלמה אין א שיינעם פרימאָרגן קומען צו גיין, ארומנעמען פאַלין פאר אַלעמען אין די אויגן און זאָגן:

— נו, לעבן מיינס, נשמה פון מיין נשמה, גענוג געפּלאָגט איינער דעם צווייטן. היינט מעקן מיר לחלוטין אויס דאָס פארגאַנגענע און עפענען אויף א פריש זייטל אין בוך פון אונדזער לעבן...

איי, האָט יעדן איינעם פון די טולטשינסקיס „געבריט אונטערן לע־פּעלע" פון אַזעלכע מחשבות... עס האָט זיך אַזוי געוואָלט, אַז זיי זאָלן מקוים ווערן. ניין, קיינער פון זיי האָט אין ערגעץ נישט געקענט און נישט געוואָלט פאָרן. ביי יעדן אין הארצן האָט פון פאַלים אומקלאָרע רייד געטליעט א באַהאַלטן פייערל. מען האָט געהאָפט אויף א נס. בנוגע פאַלין אַליין, האָט זי איצט באמת געגלייבט, אַז שלמה וועט זיך נאָך צו איר אומקערן. דער חשד, וואָס זי האָט יענעם ביינאכט ארויסגעזאָגט אווראַמען, איז פון אַן אילוזיע ביסלעכוויז פארוואַנדלט געוואָרן אין איר אוטאָפּיע, אין איר גלויבן. שלמהס פערזאָן איז געוואָרן איר גאָט, איר משיח, אַזוינס וואָס מוז נאָך א מאָל קומען און זי אויסלייזן...

*

אין די „דריי וואָכן"* האָט שוין גאַנץ קיעוו געוווסט, אַז שלמהס חתונה איז שוין אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף חמשה־עשר באב און וועט

* בין המצרים. דער זמן צווישן שבעה־עשר בתמוז און תשעה־באב.

געפּראַוועט ווערן עם חשכה אין דער אייבערשטער קופּיעטשעסקע־שול. דער דאַזיקער זאַל איז געווען איינער פון די גרעסטע אין שטאָט, ער האָט געקענט בשעת־הדחק, צו „כל־נדרי", אָדער צו „נעילה" אַריינגעמען אין זיך ביז צוויי טויזנט מאַן, און דערצו האָט זיך די שול געפונען אין צענטער שטאָט. צוועלף טראַמווייען און דריי אויטאָבוסן האָבן קורסירט אין יענעם ראַיאָן, וווּ די שול האָט זיך געפונען. אַ העלפט פון קיעווער רעליגיעזע יידן האָבן זיך געגרייט צו זיין מחותנים אויף אָט דער גרויסאַרטיקער חתונה. צום חתן־מאָל, * זענען געווען פאַרבעטן בלויז קרובים און נאָענטע פריינד. אויף לוואָווסקע־גאַס, ביי דער כלה אין דער היים, האָט מען פריילעך פאַר־בראַכט ביז אין ווייסן טאָג אַריין. דער חתן מיט דער כלה, ווי דער מנהג איז, האָבן געטאַנצט האַלטנדיק אין די הענט צוויי שפּיצן פון דעם זיידן שלומס רויטער פאַטשיילע, און אַלע האָבן געפּליעסקעט. פאַר טאָג צו זענען זיך די געסט צעפאָרן אויף וויפל ס'איז מעגלעך כאַפּן אַ דרימל, כדי מען זאָל נישט זיין שלעפעריק צו דער גרויסער שמחה.

*

ווען שלמה האָט זיך אין דעם יום־החופה אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז שוין געווען אַרום עלף אַ זייגער. ער האָט גענומען אַ האַנטעך מיט זייף און איז אַרויסגעגאַנגען אין קיך אַריין זיך וואַשן. דער דורכגאַנג איז געווען פאַרשטעלט מיט קוישן און קליינע קוישלעך, מיט איינגעדעקטע מולטערס און מיט צינערנע קעסלען מיט אייז. אין אויוון האָט געפּלאַקערט ווי צו מצות באַקן; אויף אַלע „לעכער" פון דער פּליטע האָט זיך עפּעס גע־פּרעגלט; אויף די עלעקטרישע פּליטקעס האָבן טעפּ זיך געבייזערט; טשיי־ניקעס, האָבן געשמיסן די סטעליע מיט פּאַרע־בייטשן; מיט איין וואָרט אַלץ האָט געשפּריצט מיט פייער, אַלץ איז געווען אין באַוועגונג. מענטשן, באַ־קאַנטע און אומבאַקאַנטע, האָבן אַרומגעשמייעט איבער דער שטוב ווי אויף אַ וואָקזאַל. דורך דער אָפענער טיר האָט זיך אַריינגעגאָסן אין אָט דעם גאַנצן גערויש אַן אומאויפהערלעך טאַראַכקען פון אַ פּאַרדאָווסקע מאָטאָר. ביי אהרלען איז געשטאַנען דער דאַשעק אויף אַ זייט. אויף איין אַקסל האָט ער געטראָגן אַ געפּלאָכטענעם קויש מיט מאָנבייגעלעך, און צוגעדריקט מיט דער לינקער האַנט צו דער ברוסט אַן אומגעלומפּערט גרויסן בעקן מיט געפילטע קאַרפּן. מיכאל איז געשטאַנען אַ בייזער און האָט עפּעס איבערגע־גאָסן פון גרויסע בוטלען אין האַלב־ליטערדיקע פלעשער. זיין פּנים איז גע־ווען מלא־גזלן, אויף דעם איז דייטלעך געווען אָנגעשריבן:

— דו טשעפּע מיך איצט נישט, אַז נישט, כאַפּסטו מיט אַ פלאַש אין קאָפּ אַריין!

רבקה מיט קלאַדניצקין האָבן געפּאַקעוועט אין אַ קעסטל פון סאָטשיער פלוימען אַ שלל לעפל מיט גאָפּלען. חברה קליינוואַרג איז געשטאַנען אין אַ

---

* די לעצטע נאַכט פאַר דער חופה.

ווינקל הינטער דער שאַפע און האָט בדחילו ורחימו געשווירן קאָלירטן פּאַפּי־ראָס־פּאַפּיר אויף קליינע קוואַדראַטן. דער ווינט, וואָס האָט מעשה־מחותן אַרומגעטאַנצט פון דער טיר צו די פענצטער און צוריק, האָט אַלע מאָל אויסגעכאַפּט אַ הויפן „פּראָדוקציע" און חברה האָט זיך מיט קולי־קולות געיאָגט נאָך דעם „גזלן". ביידע דינהס, דינה פּיאַטיגאָרסקי און דינאַ כאַ־דאָראָוו, אין שנייוויייסע כאַלאַטן ווי די לאַבאַראַנטקעס האָבן פלינק גע־וואַשן און געווישט אַ גוזמא טעלער מיט שיסלען, מיט טעצעלעך, מיט קעלישעקלעך, מיט שעלעכלעך, מיט זעלצערלעך, מיט נאָך אַנדערע שעלע־מויזן, אַן וועלכע מען קען זיך אויף קיין חתונה נישט באַגיין.

פון דרוסן האָט זיך דערטראָגן לאַהקעס שלעקלדיק ביי־קולעכל:

— וואָס קראַצט איר זיך דאָרטן הונדערט יאָר? ס'איז שוין באַלד נאַכט...

שלמהן האָט קיינער אפילו קיין בליק נישט געשענקט. אַלע מומעס, שוועסטערקינדער, ווייטע פריינד און סתם באַקאַנטע האָבן געמאַכט די לעצ־טע הכנות צו דער חופּה־וועטשערע. דאָרט אין שול, איז דאָס גבאים־חדרל, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַמתער באַזע. דאָרט האָט זיך שוין געפונען אַ גרויסער טייל פונעם לעקעך און פאַרשידענע משקאות. איצט האָט ביים גאַניק געוואַרט אַן אויטאָ אויף אָפּצופירן אַהין די פיש, די קאָמפּאָטן און אַנדערע מינים פאַרבייסנס. דער חתן דאַרף היינט במילא נישט איבערבייסן. אין דעם טאָג פון דער חופּה איז ביי חתן־כלה אַ תענית. דער יום־כפּור פון זייערע יום־כפּורס. איז ווי באַלד אַז עסן נישט, — ווער זשע קוקט איצט אויף אַ חתן? ווּעמען ליגט ער אין קאָפּ?

שלמה האָט ביי זיך אין קאַבינעט אָפּגעדאַוונט, אָפּגעזאָגט תהילים, אָפּגעזאָגט דעם „וידוי הגדול" מיטן „על חטא". ווען ער איז פאַרטיק גע־וואָרן מיט אַלע חיובים שהזמן גמרא, האָט ער אין שטוב אָנגעבעטן, אַז מען זאָל צו אים נישט קלאַפּן. עפּעס שלעפערט אים שטאַרק, וויל ער זיך צושפּאַרן אַ ביסל. ער האָט איבערגעדרייט דעם שליסל אין טיר צוויי מאָל, האָט עפּעס אַרויסגענומען פונעם שופלאָד און עס אַריינגעלייגט אין בוזעמ־טאַש. דאַן האָט ער שאַ־שטיל אויפגעמאַכט דאָס פענצטער און זיך פאָרזיכ־טיק אַרומגעקוקט.

אין שמאָלן געסעלע, וווהין דאָס איינציקע פענצטער איז אַרויסגעגאַנ־גען, איז געווען פוסט און שטיל, ס'איז נאָר געווען צו הערן, ווי פון די קיך־פענצטער, פון די זאַלפענצטער שפּאַרט אַרויס אויף דער גאַס אַ ברומעניש מיט אַ הודעניש ווי פון אַ בינשטאָק. דער איינגעגעסענער אויטאָ האָט שוין ווידער געפּוכקעט פאַרן גאַניק. ווי אַ קאַץ איז ער אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און האָט עס פעסט פאַרמאַכט הינטער זיך. ער האָט לייכט איבער־געטאַנצט איבערן פּלויט און בגנבה דורך די גערטנער זיך גענומען באַרג־אַרויף צום וואָקזאַל. ס'איז אים נישט לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן אויף אַ טראַמוויי, ער האָט זיך געזעצט אין נומער זעקס און האָט פאַרנומען אַן אָרט ביים אָפענעם פענצטער. שלמה איז געווען אָנגעטון אין ווייסן פונעם

היטל ביז די טופּל. אַלץ וואָס איז געווען אויף אים, האָט שעמערירט און געפֿינקלט. קיין ציטונג אויף צו לייענען האָט ער פּונקט מיט זיך נישט פֿאַרכאַפּט, האָט ער גענומען קוקן דורכן פֿענצטער. פֿאַר זיינע אויגן איז דייטלעך אויפֿגעשטאַנען פֿון קבר דאָס בילד פֿון זיין פֿאַראַיאָריקן חמשה־עשר באָב. ער האָט מיט האַסט פֿאַרטריבן פֿון זיך די נישט־אָנגענעמע זכרונות ווי מען פֿאַרטרייבט אַ שאַיקע איינגעגעסענע פֿליגן און האָט גענומען באַטראַכטן די בנינים און גערטנער, וואָס זענען לאַנגזאַם געשוואומען פֿאַר זיינע אויגן. דער מאָנטאַזשנע צעך פֿון זאַוואָד „באָלשעוויק", וואָס האָט זיך פֿאַר אַ יאָרן אין דער צייט ערשט געבויט, איז שוין פֿון לאַנג געווען אָפּגעגעבן אין פֿאָלנע עקספּלאָטאַציע און האָט, לויט די באַריכטן פֿון די צייטונגען, אויסגעפֿילט דעם פּראָמפֿינפּלאַן מערער ווי אויף צוויי הונדערט פּראָצענט פֿון דער נאָרמע. דאָס וועלדל, וואָס מען האָט דאַמאָלסט געפּלאַנצט ביי דער קינאָ־פֿאַבריק, איז שוין גרויס געוואָרן, זיך צעצווייגט לארכה ולרחבה, מעשה בעל־הבית, איצט איז דאָס שוין עטוואָס פֿאַרגעלט... פּונקט ווי פֿאַר אַ יאָרן אין דער צייט, שטייט אַן עלנטער עטאַפּנע וואַגאָן אויף לוקיאַנאָווקער וואָקזאַלכל, און דער שטענדיקער זעלנער אונטערן דעכל. אָט שוועבט דורך פֿאַרביי דעם פֿענצטער דער אָרדנטרעגערישער 43טער אַוויאַ־רעמאָנט־זאַוואָד, דער חרובער בנין פֿון דער סאַנאַטאָריע, דער אַעראָדראָם, דער קאַזאַרמע־הויף פֿון דעם קאָנווינע פֿאָלק. שוין! איצט נאָך די גיגאַנטישע פּרוכטן־באַזעס אַראָפּ אויף לינקס; איצט נאָך דער פּוטבאָל־פּלאַץ פֿון דער פֿערטער שיך־פֿאַבריק; און נאָך דער שטאָלענער אַרבל ווו די טראַמווייען וואַרטן אָפּ איינער דעם צווייטן, ווייל ערגעץ אַנדערש קען מען זיך נישט אויסמיידן — פֿאַרטיק! אָט דאָ איז שוין נישט קיעוו. אָט לויפֿט זיי שוין אַקעגן סוויאַטאָשין מיט אירע טויזנטער און צענער טויזנטער סאָסנעס.

שלמה שטייגט אויס אויף דער ערשטער סטאַנציע ווי „דאַמאָלסט". ער באַמערקט מיט אַלע איינצלהייטן דאָס פֿאַראַיאָריקע „ווינקעלע". אָט זעט ער שוין דעם בוים אויך. טאַקע אַן אויסערגעוויינלעך דיקער בוים. און פֿון יענער זייט געפֿינט זיך דער אומהיימלעכער לאָך. אודאי אויך גרעסער געוואָרן... אַ יאָר איז אַ לאַנגער זמן... אַ שטיק לעבן... יאָ, אַ גרויס יאָר געווען אָט דאָס לעצטע... ווי שטייט דאָרט אין „אבות": „עשרה דורות מנח ועד אברהם... עד שבא אברהם וקבל שכר כלם"... אַזוי פֿיל יאָרן געבלאָנדזעט. איז געקומען דאָס לעצטע יאָר והכריע את כלם... איצט דאַרף ער נאָך מאַכן די לעצטע „שלש פסיעות" און מיט דעם ציט ער אונטער די אונטערשטע שורה פֿון אַלע זיינע התחיבותן, פֿון זיינע חטאות־נעורים... אַריינוואַרפֿנדיק „יענערס" פּרצוף אין וויסטן לאָך אַריין, וועט אויף אים מיט גאָטס הילף מקוים ווערן: ותשליך במצולות ים כל חטאתם... מי יגלה פני הלוט? ווער האָט זיך באותה־שעה געקענט ריכטן דערויף? ווער האָט געקענט זיין אַזוי קלוג, אַזוי ווייטזעענדיק?

אַ צוואַנציק שפּאַן פֿאַרן בוים שטעלט ער זיך אָפּ, נעמט אַרויס פֿאַ־

ליס פאטאגראפיע, קוקט זיך ווייטיקלעך איין אין דעם אזוי שיינענדיקן פנים און זיינע ליפן שעפטשען שטיל:

— וואס, וואס, נאר א שיין מיידל איז זי יא געווען... דאס קען ביי איר קיינער נישט צונעמען. זייער א שיינע, נאר א גרויסע בלוט־צאפעריין. א! אין יענע יארן בין איך געווען שטארק פארקאכט אין איר. און מערק־ווירדיק איז, וואס זי צו מיר איז אויך קיין מאל נישט געווען גלייכגילטיק. טאקע נאר מיינע הייליקע זיידעס האבן זיך גענומען פארן כסא הכבוד, און דער קונץ איז איר נישט געלונגען... הפח נשבר ואנחנו נמלטנו...

ער גיט נאך צום לעצטן מאל א לאנגן קוק אויף דער געוועזענער הער־שערין פון זיין נשמה און לאזט זיך גיין מיט מוטיקע טריט צום בוים. ער איז געווען אזוי פארטראכט און קאנצענטרירט אין זיך, אז ער האט קיין זאך נישט באמערקט, ביז ער האט נישט אנגעטראטן אויף עמעצנס אן עלנ־בויגן. א ווילדער קוויטש האט זיך גלייכצייטיק ארויסגעריסן פון צוויי הער־צער. שלמה איז א בלייכער פון שרעק אפגעשפרונגען אויף עטלעכע שריט צוריק און פאלי, אין איר גאנצער לענג, איז געשטאנען א פארשטיינערטע ווי פון א דונער געטראפן. זי איז אויך געווען אין ווייסן. אין דעם זעלבן אנצוג, וואס חמשה־עשר באב פאריקס יאר. ווו נישט ווו, אויפן קלייד און אין די האר האבן זיך נאכגעהאנגען פארטריקנטע סאסנע־נאדלען, געלע בלעטעלעך און דינינקע צווייגעלעך. דאס גראז אויף דעם גרעסערן הארביקן שטאם איז געווען שטארק צעקניטשט און איינגעפרעסט. משמעות, אז פאלי איז דא געלעגן, און א פנים — א היפשע צייט... נישט רירנדיק זיך פון די ערטער, שטום אן לשון, זענען זיי געשטאנען און האבן געקוקט איינער אויפן צווייטן. נאך א לענגערער פויזע האט שלמה זיך באהערשט, מיט צוויי פינגער האט ער אנגענומען איר פאטאגראפיע און האט זיך געלאזט גיין צום פינצטערן לאך. פאלי האט א צאפל געטון מיטן גאנצן קערפער, און האט נישט מיט איר קול א שרעקלעכן געשריי געטון אויפן גאנצן וואלד:

— שטיי! ווארף נישט!...

קאפיטל XXXIX

גלייכצייטיק מיט איר הארצרייסנדיקן געשריי האָט זיך פאַלי אַ וואָרף געטון צו שלמהס פיס, ארומגעכאַפּט זיינע קניען און אים איבערגעקערט אויפן גראָז. אויסגוצנדיק זיין פאַרלוירנקייט, האָט זי אים גענומען קושן די הענט, די פיס, דאָס פּנים, די האָר. זי האָט נישט פונאַנדערגעקליבן. זי האָט געוויינט מיט בלוטיקע טרערן. דער גאָלדענער האָרבייגל האָט זיך ביי איר צעפאַלן און די לאָקן האָבן זיך אין אומאָרדענונג צעשאָטן איבערן פּנים. דאַן האָט זי זיי מיט איין האַנט פאַרשאַרט אַרונטער, און מיט דער צווייטער אים צוגעהאַלטן, אַז ער זאָל נישט אויפשטיין. דאָס שלוכצן האָט געטרייסלט איר גאַנצן קערפּער:

— וואָרף נישט אַריין, דערבאַרעם דיך... מאַך נישט אָט דעם שרעק־לעכן שריט... צערייס נישט דעם לעצטן פאָדעם צוזאַמען מיט מיין אומ־גליקלעך האַרץ... שלמה, אין נאָמען פון גאָט, האָב רחמנות... ערשט פאַר אַ יאָרן זענען מיר דאָך געווען אַזוי גליקלעך... אין גאַנצן איין יאָר... פּינקט־לעך אַ יאָר... וואָס איז אַ יאָר אינעם מענטשנס לעבן? גאָרנישט!... אַ שטויבעלע... צו וואָס געדענקען שלעכטס? מיר איז אויך נישט זיס געווען... כ'שווער דיר ביי אונדזער גליק —

זי פאַרגייט זיך אין אַ יאָמערלעכן געוויין, נאָר דער פּחד אים אָנצו־ווערן רייסט איר ווידער אויף דאָס מויל:

— שלמהלע, ליבער, האַרציקער, געטרייער, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס לעצטע יאָר איז גאָר אויף דער וועלט נישט געווען... עלעהיי מיר האָבן וויניקער מיט אַ יאָר געלעבט... כ'ווייס... כ'ווייס... דו ביסט אַ ראַיע־לער... דו וועסט זיך נישט וועלן קאָמפּראָמיטירן פאַר דער וועלט, אָבער אונדזער ליבע איז דאָך מעכטיקער און הייליקער פון אַלע „לפנימס"... פאָרנדיק אַהער האָב איך געמיינט, אַז איך פאָר נאָר אויף „קבר־אבות"... אויפן קבר פון אונדזער פאַראַיאָריקער שבועה... איך בין געפאָרן צו אָט די טייערע ד' אמות, כדי צו באַוויינען מיינע יונג־פאַרשניטענע יאָרן... צו באַ־קלאָגן מיין אַזוי נאַריש חרוב־געוואָרן לעבן, אַזוי ווי אַ מאָל יפתחס טאָכטער אויף די בערג פון ציון... געדענקסט, אַז דו האָסט מיר דאָס דערציילט אויפן וועג קיין מאָסקווע? אָבער איצט, אַז איך האָב געטראָפן דיך... מיין אמתן לעבעדיקן שלמהן... איז דאָך דאָס אַ השגחה... אַן אצבע אלקים... ניין אפשר?... פאָלג מיך, שלמהלע... קום אַנטלויפן... אָט דאָ נישט ווייט איז דאָ אַ וואָקזאַלכל... מיר וועלן לויפן צו אַ גרענעץ... אַריבער קיין ארץ־ישראל... דינען גאָט און זיך אייביק ליב האָבן... איך וועל דיר וואַשן די פיס און טרינקען די וואַסער... שלמה! היינט גייסטו ביי מיר נישט אַוועק אָן קיין ענטפער...

שלמה איז ווייס ווי קאַלך. ער שטייט מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ, קוקט אויף איר און טראַכט:

— יענעם פֿאַרטאָג ביי קאַמיניעצקין אויפֿן גאַניקל האָבן מיך די אויגן אָפּגענאַרט. זי איז נאָך איצט אויך וווּנדערלעך שיין. מער נישט, וואָס מיר איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פֿון איר כשוף־ראָד. ברוך־השם, אויף מיר האָט זי שוין קיין שליטה נישט, פֿאַר די יעניקע אָבער, וואָס האָבן נאָך נישט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אירע שאַרפֿע נעגעלעך, קען זי נאָך עד היום גילטן פֿאַר אַ זעלטענער בלום, פֿאַר אַן איידעלער פּרי...

און אויפֿן קול פֿרעגט ער שטיל:

— פּאָלינאַ יאַקאָוונאַ, וואָס ווילט איר האָבן פֿון מיר?

— שווייג! וואַג מיך נישט אָנצורופֿן אַזוי אָפֿיציעל... דאָס שניידט מיין האַרץ מיט אַ טעמפּן מעסער... שלמהלע, ווי לאַנג ערשט זענען מיר געווען די גליקלעכסטע אויפֿן באַל? געזעסן אין מיטן זאַל, געדענקסט? ביידע אָנגעטון אין ווייסן אַזוי ווי די מלאכים, געדענקסט? ווען מען האָט דיך געוואָרפֿן אין דער לופֿטן האָסטו געזאָגט: „אָדער וואַרפֿט זי אויך, אָדער לאָזט מיך אויך אַראָפּ", געדענקסט?... אין דיין דרשה האָסטו געזאָגט: „איך האָב אַ כלה, איז זי מיר טייערער פֿון מיין לעבן", דו געדענקסט עס, צי ניין? פֿאַר אַזאַ עולם האָסטו זיך נישט געשעמט צו זאָגן: טייערער פֿון מיין לעבן... איז דאָס גאָרנישט? נאָך מיין ערשטן דורכפֿאַל אויף די עקזאַמענס האָסטו געזאָגט דעם טאַטן מיינעם, אַז דו גייסט מיט מיר אום סליחות אין טעאַטער אַריין, ווייל עס איז איצט ביי איר פּיקוח־נפֿש... געזאָגט? געזאָגט? צי אפֿשר טראַכט איך אויס?... ווען זשע, לעבן מיינס, נשמה מײַנע, איז נאָך געווען אַזאַ פּיקוח־נפֿש ווי איצט? יענע, דאָרטן, וועט זיך שוין אָפּזוכן איר גליקן... זי האָט אויף דיר קיינע רעכט נישט... אָבער איך? איך וועל נישט איבערלעבן אָט די אבֿידה... מיר האָבן געהאַט אַ בשותּפֿותדיקע יוגנט... דו געדענקסט?

Выпьем за вспоминания, золотой юности,
За наших прекрасных дочерей —
Выпьем за местеченьки, милые создания,
За любимых, цветущих полей... *

דו זעסט וואָס פֿאַר אַן אויפֿמערקזאַמע שילערין דו האָסט אין מיר, האַ? ממש וואָרט און וואָרט! טייערער, מיר זענען באַשאַפֿן איינער פֿאַרן צווייטן... אונדז פֿאַראייניקט אונדזער קינדהייט... כמעלניק... יאָסעלע סאַלאָווײ... פּאָ און לי... אפֿילו אָט דער שרעקלעכער דעמב מיט זיין פֿינצטערן לאָך... שלמהלע, הייליקער מיינער... האָב רחמנות... בלויז רחמנות... כ'בין

---

* לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר די זכרונות, פֿון אונדזער גאָלדענער יוגנט,
פֿאַר אונדזערע פּראַכטפֿולע טעכטער —
לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר די שטעטעלעך, די ליבינקע און די טייערע,
פֿאַר די געליבטע, בליענדיקע פֿעלדער...

א פאַרברעכעריין קעגן דיר... א בלוט־צאַפּעריין... א רוצחטע, א באַנדיטקע... און ערגער פון ערגער... אָבער האָב רחמנות... דו האָסט דאָך א יידיש האַרץ, א גאָלדן האַרץ... ליבער, האָב גאָט אין האַרצן...

— פּאָלינאַ יאַקאָוונאַ, איך פרעג אייך נאָך א מאָל, וואָס ווילט איר האָבן פון מיין לעבן?

ביידע זענען זיי געזעסן אויפן גראָז. ער — די פיס אונטער זיך, ווי אַן אוזבעק, און זי — אויף די קניען, ווי פאַר גאָט. די צייט איז געווען אַרום צוויי, דריי נאָך מיטאָג. ווייטער א ביסל, אונטערן הוילן הימל, האָט די זון געסמאַליעט מיט סכנת־נפשות, אָבער דאָ אונטערן אַלטן דעמב איז געווען קיל א מחיה און שטיל ווי אויף א בית־עולם. די אומדערטרעגלעכע היץ האָט פאַרטריבן אַלע דורכגייער און קיינער איז נישט בייגעווען ביי אָט דער רירנדיקער סצענע. ענדלעך האָט זיך שלמה אויפגעהויבן אויף די פיס און האָט זיך אַרומגעטרייסלט. זי האָט צוגעפּויזעט אויף אַלע פיר, געקושט זיינע שיך, די טריט. איר פּנים איז געוואָרן איינגעריכט אין שטויב, די ליפּן — אין ערד. פון די אויגן האָבן זיך געגאָסן אומענדלעכע קוואַלן. איר גאַנ־צער קערפּער האָט זיך געוואָרפן ווי אין פיבער. מיט קאָנוולסיווי־צונויפגע־דרייטע פינגער האָט זי זיך באַמיט צו כאַפּן זיין שאָטן, נישט באַגרייפנדיק גאָרנישט, וואָס אַרום איר טוט זיך.

שלמה האָט א דערשיטערטער א געשריי געטון:

— פּאָלי, וואָס טוט איר? איר זענט ביים קלאָרן זינען?

פּאָלים פאַראומערט פּנים האָט אויפגעשיינט:

— כאַ־כאַ־כאַ... הייסט עס, אַז ענדלעך האָט דאָס דיך טאַקע פאַרט גע־רירט? האָסט פאַרט א מענטשלעך האַרץ... וואָס זשע ענטפערסטו מיר? וואָס באַקום איך פון דיר פאַר אַן ענטפער, ליבער? זאָג... זאָג, מאַטער נישט... אַן ענטפער, אויף לעבן, צי אויף טויט? דו נעמסט מיך, צי דער מלאך־המות? זאָג, נאָר באַדענק זיך פריער גוט... באַפלעק נישט דיינע הענט אין בלוט פון דיין ליבהאָבעריין... אַזוי ווי איך האָט דיך קיינער נישט ליב... דו דאַרפסט נישט זיין געגאַרט... וואָס זשע איז דיין ענטפער? זאָג דיין ענטפער... וואָס ענטפערסטו מיר, הא?

שלמה קוקט אויף איר מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און זאָגט זיך אין האַרצן:

— אַן אמתער שנוי מעשה־בראשית... כ׳האָב גאָר קיין מאָל פון איר אַזעלכע דיבורים נישט געהערט. דאָס רעדט שוין פון איר נישט די ליבע, נאָר די קנאה... ווי האָט מיר א מאָל מנשה געזאָגט: אין אשה מתקנאת אלא בירך חברתה... יאָ, אָט דאָס איז עס: מאה מיתות, ולא קנאה אחת... * עס טוט איר נישט אַזוי ווי דאָס פאַרלירן שלמהן ווי דאָס, וואָס עמעצער אַנדערש דערגרייכט אים. אָבער גראָד פאַר אָט דעם געפיל קען מען זי נישט

*** עס איז לייכטער איבערצוטראָגן הונדערט טויטן, איידער איין מאָל צו אייפערן. פון דער גמרא.**

באַשולדיקן — אילולי הקנאה, אין העולם עומד... * נישט מער, דווקא איר קעמפן אַזוי ענערגיש פאַר דעם קאַפּריז: „נאָר שלמה", איז אַ גאַראַנטיע פאַר דעם, אַז לאַחר המעשה וועט זי זיך לייכט לאָזן טרייסטן. ווייל ביי אַזעלכע נפשות מיט שטומע צונגען ווי זי, אויב עס טרעפט מיט זיי יאָ אַ מאָל דער נס פון: „ויפתח את פי", איז אָבער די חקירה, אַז: כיון שהגיד, שוב אינו חוזר ומגיד... ** די גאַנצע גאַל ווערט אויסגעשפּיגן מיט איין מאָל און עס בלייבט אַ גלאַט לונג און לעבערל...

פאָלי זעט ווי ער קווענקלט זיך און שפּרייט אויס צו אים אירע הענט:

— נו, לעבן מיינס... נשמה מיינע... צו וואָס האָסטו מיך פאַראור־טיילט? וואָס טיילסטו מיר צו, אַ ווייסע חופּה, צי אַ שוואַרצע?

אויף שלמהס פאַרשנורעוועטע ליפּן באַווייזט זיך אַ בלאַסער שמייכל:

— פאָלי, וואָס רעדט איר זיך איין, אַז איר וועט שטאַרבן? אַזעלכע מענטשן ווי איר מיט אייער כאַראַקטער, לעבן צו הונדערט און צוואַנציק יאָר, נישט ווייניקער אפילו איין טאָג, אַז נישט, איז נאָך מערער...

— אָט דאָס איז דיין ענטפער?

— אויב איר דערוואַרט באמת פון מיר אַן ענטפער, האָב איך אייך אויב אַזוי גאָרנישט וואָס צו ענטפערן...

— שלמה, עס איז נאָך אַלץ אין דיינע הענט. דיין כלה איז נאָך נישט קיין אָנגעריררטע, איך קען דיך גוט... און זי קען נאָך זיין עמעצנס כלה... פאַר אונדז איז נאָך פריי דער וועג —

— ...צו זיין עמעצנס כלה וועט זי אם ירצה השם נישט דערלעבן, ווייל איך אַליין וויל דאָס אויך נישט דערלעבן. נאָר לחלוטין אומזיסט ווערט דאָ דערמאָנט מיין כלה. איידער איך האָב זי נאָך אפילו געקענט, ווען איך בין נאָך געווען אין גאַנצן פריי, האָב איך שוין אויף אייער פּנים נישט געקענט קוקן. עס האָט מיר פון דעם געשמעקט מיט טורמע, מיט קאַרצער, מיט שרעקלעכער פאַרדאָרבנקייט. ווען איך וואָלט אפילו נאָך דרייסיק יאָר מיין באַשערטע נישט באַגעגנט, אויך דאַן וואָלט איך זיך שוין צו אייך נישט געווען אומגעקערט. יענע נאַכט אויף אינסטי־טוטסקע־גאַס איז געווען די לעצטע און די שטאַרקסטע פּרוּוו פאַר אייערע געפילן צו מיר, און דעם רעזולטאַט, ווי אַזוי איר האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון, ווייסן מיר ביידע... מיך ווילט איר איבעררראַשן מיט טרערן? מיט פאַלן צו די פיס? ווי אַזוי שעמט איר זיך נישט אין אייער ווייטן האַלדז אריין? איר שפּייט דאָך זיך אַליין אין פּנים אריין... שוין העבער צוויי יאָר... נאָר ווי לעבעדיק שטייט מיר פאַר די אויגן אַן ענלעך בילד... אויך זומער... אויך אין אַ וואַלד... אויך אַ יונגע, אַ שיינע... און אויך אויף די קני... אויך אין טרערן... איך וויל דאָ איר נאָמען נישט דערמאָנען, ווייל

* ווען ביי מענטשן וואָלט נישט געווען די טרייב־קראַפט, פון וועלן דעריאָגן דעם חבר און אים איבעריאָגן, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. פון דער גמרא.

** אָפּגעזאָגט איין מאָל, חזרט ער עס מער קיין מאָל נישט איבער.

דאָס וואָלט געווען אַ פאַרשוועכונג, ווייל דאַמאָלסט וואָלט איך געמוזט צוגעבן: „להבדיל באלף הבדלות". יענע איז געווען אַ מלאך, און איר אַ רוח, יענע אַ הייליקע, און איר אַ טמאה. נאָך איצט, נאָך זיבן און צוואַנציק חדשים, צעברעכט זיך אין מיר דאָס האַרץ, ווען איך דערמאָן זיך אין איר געוויין... ווי זי האָט זיך דאָן געבעטן ביי מיר... ווי זי האָט מיר פינקטלעך אויסגעלייגט, וואָס איר וועט מאַכן פון מיר... ווי זי האָט עס געחלשט צו הערן פון מיר כאָטש איין וואַרעם וואָרט... נאָר מיין נשמה איז געווען הערמעטיש פאַרפאַנצערט... איך האָב דאָס וואַרעמע וואָרט נישט געזאָגט... איך האָב אויסגעשפּיגן אַ שטיק פון מיין האַרץ און בין אַנטלאָפן... אַנטלאָפן צו מיין אינקוויזיטאָרקע, צו מיין הענקערין, אין מיין קרעמאַטאָריום אויף אוריצקע. אין עטלעכע וואָכן אַרום, נאָך דעם עפּיזאָד אין דער אַפּטייק, ווען איר האָט שוין אַלץ געוווּסט, אַלץ פאַרשטאַנען, האָט איר פאַר גרויס התפעלות מיך איבערגעלאָזט שטיין ווי אַ הינטל ביי דער טיר און אַליין זענט איר אַוועק מיט מאָרוסיען אין דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע.

איר וואַגט ביי מיר צו מאָנען צו זיך רחמנות? — אַך, ווי אומפאַר־שעמט איר זענט!... אייער אומפאַרשעמטקייט האָט גאָר קיין ברעג נישט, אויב איר ווילט אויפוועקן רחמנות צו זיך ביי אַ מענטשן, אין וועמענס בלוט איר האָט זיך געבאָדן טאָג־טעגלעך, מיט פאַראַכטונג געשניטן שטי־קער פון זיין לייב און זיי געוואָרפן פאַר די הינט. אַלע יאָרן אין זוועני־גאָראָדקע, דערנאָך אין כמעלניק, האָב איך געצאַנקט פאַר ליבע צו אייך... נאָס געמאַכט די קישן פון טרערן אויס כלות־הנפש, אויס אומבאַהאָלפּנ־קייט, כ'האָב געטריקנט ווי אַ דאָרן, אויסגעזען ווי אַ טשאַכאָטניק, ווי אַ שאָטן, און איר האָט דאָס געוווּסט... געפילט... איך האָב דאָס אייך גענוג מאָל געלאָזט פילן, און איר זענט געווען קאַלט ווי אַ שרץ... ניין, נישט קאַלט — פיינדלעך! דורכגעווייקט מיט שנאה... אויפן שליטן, פאָרנדיק פון כמעלניק קיין זוועניגאָראָדקע, האָב איך זיך אייך פאַרשטעלטערהייט דערקלערט אין ליבע... די פּאַסאַזשירן האָבן געמיינט, אַז איך רעד מיט משלים, אָבער איר האָט גוט פאַרשטאַנען, ווער דער נמשל איז און וואָס איך בין אויסן געווען מיט מיינע אָנצוהערענישן, אָבער איר זענט געבליבן צו מיר קאַלט און פינצטער ווי שטאָל, ווי גראַניט, איר האָט אכזריותדיק געקוקט אויף מיר פון אויבן אַראָפּ... געווען גדלותדיק ביי זיך מיט אייער טאַטנס טויזנטערס און מיט אייער שיין פנימל, כאָטש ווי איר זעט זע־נען אָט דיביידע זאַכן נישט קיין קנין־עולם... קיין שום ילוד־אשה האָט אויף זיי קיין מאָנאָפּאָל נישט... ווען איך בין דורכגעפאָרן פון קיעוו קיין כמעלניק און האָב אייך אין זוועניגאָראָדקע צופעליק באַגעגנט אין קינאָ, האָט איר זיך אפילו נישט געוואָלט אומקוקן אויף מיר, איר האָט געהאַלטן פאַר צו נידעריק מיר צו ענטפערן אַ וואָרט... דערנאָך, ווען איר האָט זיך ווידער פאַר מיר באַוויזן נאָך דעם, ווי איך האָב אייך שוין גע־האָט באַוויינט ווי מען באַוויינט אַ טויטן, און איך האָב פאַר אייך גע־

עפּנט מיין אָנגעוויטיקט האַרץ ווי פֿאַר גאָט אַליין, האָט איר נישט געהאַט אין זיך דעם מוט מיר צו זאָגן: „שלמה, מיר זענען פֿאַרשידענע מינים מענטשן און גייען אויף פֿאַרשידענע וועגן, זוכט אייך אייערס גלייכן און איך וועל מיר זוכן מיינס גלייכן. נאָך וואָס זאָלט איר זיך אַליין אָפּנאַרן מיט פֿאַלשע האָפֿענונגען?"... ניין, איר האָט דאָס נישט געזאָגט, נאָר ביי יעדער געלעגנהייט געצאַפּט פֿון מיר דאָס בלוט טראָפּנוויז... צי דאָס איז געווען דורך דער פֿאַרשיווער אַנטיסעמיטקע מאַרוסיאַ; צי דורך די פּרעכע קאָנטינענטאַלער בעלער; צי דורך זייערע אויסגעלאַסענע און אומפֿאַרשעמטע חברותאס... דורך דאַנען, צי דורך דאָרטן, נאָר איר האָט געטון אייער עבודה באמונה, און מיין בלוט איז גערונען ריטשקעסוויז... איך דערמאָן זיך אין יענער וויסטער הושענא־רבאדיקער נאַכט, ווען איר האָט זיך שמייכלענדיק נוקם געווען אין מיר נקמת־המן... מיט אַ טייוולאָניש איזדיוועקלע געשיקט מיך אין אַ ווייטער קינאָ אַריין, איין מאָל נאָך בילעטן, דאַן נאָך אַ מאָל און ערשט צום סוף — אַוועק מיט די שיקסעס אויף אַן אימענינעס און מיר געגעבן אַן עצה־טובה: פֿאָרן אין קאַסע אַריין זיי פֿאַרקויפֿן... ווייס איך, ס'איז דען מעגלעך איבערצורעכענען אַלע פֿאַלן, ווען איר האָט זיך לתיאבון געבאָדן אין מיין בלוט? ס'איז דען בגדר האנושי דאָס אַלץ צו געדענקען? סיידן אפשר איז אין הימל... אין אונדזערע ספֿרי־הזכרונות געבליבן אַ שפּור... אַך, יענער מוצאי־שבת, ערב ל"ג־בעומר... אייער צוזאָגן צו פֿאָרן מיט מיר קיין פּושטשע־וואָדיצע און דערנאָך דאָס חרטה האָבן, און ערשט דערנאָך דאָס יאָ קומען, אָבער נישט מיט מיר, נאָר מיט מיינע בלוטיקע שונאים, מיט מענטשן, וועלכע האָבן צוליב אַ פּניה, צוליב הנאת־עצמן כסדר אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט אויף מיך צו דערנידעריקן אין אייערע אויגן, צו באַוואַרפֿן מיט שמוץ כאת אחד הנבלים... ווען מען האָט מיך אָנגעהויבן אַרומזוכן צו אַרעסטירן און איך האָב זיך פֿאַרשפּאַרט אין מיין דינהס קליין טו־רמעלע, האָב איך ביי זיך באַלד געפּועלט, אַז עס איז אויס פֿאַלי!... איך האָב אַזוי פֿאַרשטאַנען מיין לאַגע: מה־דאָך, אַז זייענדיק אויף דער פֿריי האָב איך ביי אייך קיין גרויסן דערפֿאָלג נישט געהאַט, ווער שמועסט נאָך — אַן אָפּגעשפּאַרטער פֿון דער גאַנצער וועלט... איז — ניין! האָט איר זיך אַריינגעריסן ווי אַ שטורעמווינט אין מיין באַקווייטלטער קאַמער, געררייצט און געצונדן מיינע ליידנשאַפֿטלעכע געפֿילן, זיך אַזוי לאַנג געשובט, ביז מיר זענען צוזאַמען אַוועקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. אוי, ווי גליקלעך מיר האָבן דאַמאָלסט געקענט זיין... ווי שרעקלעך ליב איך האָב אייך דאַמאָלסט געהאַט... אייער אייביקער קנעכט וואָלט איך געווען פֿאַרבליבן. איז — ניין! האָט זיך די פּיאַווקע ווידער אכזריותדיק איינגעזויגן אין מיין אָרעם לייב און אויסגעזויגן דאָס גאַנצע בלוט... גאָט מיינער! דאָס מאָסקווע איז דאָך מיט פּייערדיקע בוכשטאַבן אויסגעקריצט אויף מיין לייב! מיין דאָרטיקער ערב־שבת און פֿרייטיק־צונאַכטס אין „ציגימאַש"... יענער שבת, יענער זונטיק, יענער מאָנטיק... דער בלוטיקער מאָנטיק... אַ צווייטער אויף מיין

אָרט, נאָכן פאַרלירן אַזאַ בוך, און אייך אַלס צוגאַב, וואָלט זיכער באַגאַנ־
גען זעלבסטמאָרד! טאַקע נאָר פונעם הימל האָט מען מיר געגעבן כח אויס־
צוהאַלטן, צו באַקעמפן אייער גיפט... האָט זיך דאַמאָלסט געקענט דאַכטן:
אויס! אַן עק! דעם לעצטן בריק פאַרברענט... איז — ניין! איר האָט נאָך
אַזוי גיך אייער קרבן נישט פריינגעלאָזן. אין שפּיטאָל אַריין פון דער גע־
פּעאו האָט איר אויך געטראָפן. אַזש אַהין האָבן געטראָפן אייערע פאַר־
גיפטעטע פיילן. און כאָטש דער צעקאַליעטשעטער, דער האַלב־דערמאָר־
דעטער שלמה האָט זיך געבעטן ביי זיין דעמאָן: „פאַלי, האָט רחמנות,
מיט וועמען שפּילט איר אַ קאַטאָוועס? מיט אַ מענטשן, וואָס די נשמה
האַלט זיך קוים אין אים? מיט אַ מענטשן, וואָס אויב מען וועט אים
אפילו נישט שיסן, וועט מען אים זיכער פאַרשיקן אויף אייביק. נאָך וואָס
זאָלט איר אויפרייסן מיין אַלטע וווּנד? נאָך וואָס זאָלט איר מיר פאַר־
סמען מיין אַזוי אויך ביטערן כוס? איר זענט יונג, שיין, פריי און לוסטיק,
זוכט זשע אייך אַ געליבטן צווישן אייער גלייכן און מיך לאָזט רואיק
אָפּגעבן דעם באַשעפער מיין נשמה"... נאָר — ניין! פאַלין איז פרעמד
דאָס געפיל פון רעכענען זיך מיט עמעצן. ס'איז איר אַ גרויסע דאגה, צי
שלמהן איז דאָס איצט צום הארצן, צי ניין. אָבער פאַר איר איז דאָך דאָס
עכט ראָמאַנטיש: זי — אַ אינזשיניער, דער חתן — אַ פּאָליטישער...
אַ געפּעאו־באַאַמטין פירט אין אַרבל די קאָרעספּאָנדענץ... קאָנספּיראַציע...
שפּעטער גיט אַ הויכער טשינאָווניק אים איבער אַ בריוו... אינקאָגניטאָ...
אי גרויליגדיק, אי אינטערעסאַנט, עס שמעקט מיט העראָיקע, מיט אַ האַרצ־
רייסנדיקן ראָמאַן אין וועלכן זי איז די העלדין... און ווידער ווערט שלמהס
נשמה אַריינגעשליידערט אין קאַלכאַוויון, זיינע יונגע געבליטן פרעגלען
זיך און בראָטן זיך אויף אַ אָנגעגליטער פייערפאַן, און דאָס אַלץ כדי
פאַלין זאָל זיין באַקוועמער פאַר איר טאַטן און פריילעכער פאַר זיך.

ווען שלמה קומט שוין גאָר אַהיים אַ באַפרייטער און עס איז שוין,
דאַכט זיך, נישטאָ קיינע שטערונגען, אַז זיי זאָלן זיך צונויפגיין, פאַר־
גלוסט זיך איר פריער צו ווערן אַ אינזשיניער. שלמה איז נישט קליין
אויסצוואַרטן. און שלמה שוטה וואַרט. זי האָט זיך אָפּגעזוכט עפּעס אַ
שיקסע־בחור פאַר אַ קאָלעגע און שלמה מוז מיט זיינע אויגן צוקוקן, ווי
ער כאַפּט זי אַרום ווי אַ גאַסנפרוי. אָבער ער מוז שווייגן. זי איז נאָך
אויף אַזוי פיל אומפאַרשעמט, אַז זי בעט ביי איר חתן אַ דערלויבעניש
פאַרצוזעצן אירע באַגעגענישן מיט דעם נבזהדיקן „פרישטש" — און
שלמה דערלויבט... אַן אַנדער ברירה האָט ער? ער איז ביי איר אין גע־
פענגעניש און האָט נישט קיין מינדסטע בחירה. און דערנאָך סלאַוווטע...
און דערנאָך די פאַרשפּילטע עקזאַמענס... איך בין געווען זיכער, אַז דאָ
נעמט שוין אַן עק. איז — ניין! האָט זי ערשט צוגעקלערט יאַנואַרסקע
עקזאַמענס... אויפן יידישן חשבון דאַרף די וועלט נאָך שטיין אַוועלכע
דריי הונדערט יאָר, און איך האָב מורא באַקומען, אַז מיין היים־געליבטע
כלה קען נאָך אָפּזוכן פאַקולטעטן מיט עקזאַמענס מיט נאָך אַזעלכע תירוצ־

צים פּונקט אויף אזא זמן, עד סוף אלף הששי, און דו טריקן דערווייל, קוויק זיך מיט איר פּאָטאָגראַפיע און בעט גאָט פּאַר אירע נצחונות... און איך האָב געמאָלדן, אַז מער ווי ביז נאָך די יאַנואַרסקע עקזאַמענס וואָרט איך נישט... אין יענעם אויפדערנאַכט ביי אייך אין שטוב, קוים האָט איר גלייך אויפן אָרט נישט געענטפערט מיט קיין הסכמה, איז דאָס ביי מיר שוין געווען אַ שוואַרצער סימן, אַ סימן מובהק, ווי שמאָל איך האַלט מיט אייך. דאָס האַרץ נאַרט מיך כמעט קיין מאָל נישט אָפּ. גאָר געזאָגט אַ חודש, האָב איך געוואַרט אַ חודש. יענער אויפדערנאַכט ביי די ווייסבלאַטס בלייבט אַן אייביקער פלעק אויף אייער געוויסן. ווען איך זאָל געווען וויסן, אַז איך וועל זיך דאָרט טרעפן מיט אייך, וואָלט איך בשום אופן נישט געווען געקומען אַהין. נאָר דער אייבערשטער, דער מסבב כל הסיבות האָט דאָך אָבער געוואָלט, אַז עס זאָלן זיין עדות, ווי קרישטאָל־ריין איך בין, און ווי שמוציק און פאַרדאָרבן איר זענט, און מיר האָבן זיך נישט־ווילנדיק באַגעגנט. פערצן שעה האָט געדויערט יענער וויזיט. פערצן שעה האָב איך געזעדט נאָר צו אייך, געזונגען נאָר פאַר אייך און אַלץ געוועקט, און אַלץ געבעטן זיך:

— פּאָלי, עס איז שוין נאָך די עקזאַמענס, צעשטער נישט אונדזער גליק. מיין אולטימאַטום איז נישט קיין קאַפּריז. ער איז פולשטענדיק באַרעכטיקט. ער איז געגעבן געוואָרן מיט בלוט. דערלאַנג אַ האַנט, זאָג אַ וואָרט, גיב איין גוטןווינק, און איך געפין מיין גליק...

די שטיינער פון די ווענט האָבן מיטגעוויינט פון מיטלייד צו מיר. ביי פרעמדע מענטשן זענען די הערצער פאַרלאָפן מיט בלוט פון „מאָניעס" צרות. ביי פרעמדע — יאָ, אָבער נישט ביי פּאָלין! פּאָלי איז ביז גאָר אויסגעהאַלטן. זי האָט נישט דערלאַנגט קיין האַנט, נישט געזאָגט דאָס נויטיקע וואָרט און דעם ווינק אויך נישט געגעבן. עס איז איר אפשר אויך שווער געווען, איך לייקן נישט, נאָר דעם שבת דאַרף מען איר נאָכזאָגן: זי האָט גלענצנדיק אויסגעהאַלטן דעם נסיון. אויפן טרעפּל פון דעם אויטאָ האָב איך געזען, ווי איר לאָזט זיך גיין צו מיר, און דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר אָפּגעשטעלט פאַר דערשרעק און האָפענונג: אָט־אָט זאָגט זי דאָס גוטע וואָרט, איין און איינציק וואָרט: מסכים! אָדער: בלייבט עס אַזוי! אָדער: ליבער, זאָל זיין אין אַ גוטער שעה! נאָר איר גאָלדענער כאַראַקטער האָט פּאָלין נישט פאַרראַטן אויך דאָס מאָל. ער איז געבליבן געטריי איר אַלטער טראַדיציע ביז צו דער ערד. זי האָט גאָר־נישט געזאָגט און מיר האָבן זיך צעשיידט. דערנאָך דער לעצטער טערמין: דער זעכצנטער יאַנואַר. די אָפּגעשמועסטע צייט איז געווען ביז אייגס, אָבער איך האָב געוואַרט אין דרויסן ביז נאָך צוויי. אַלץ געטראַכט: טאָמער, טאָמער... טאָמער האָט דער שליח זיך פאַרשפּעטיקט, טאָמער איז דער וואַגאָן אַראָפּ פון די רעלסן, טאָמער גייט ער גאָר צו פוס, טאָמער דאָס, טאָמער יענץ... איך האָב זיך אַלץ נישט געקענט גלייבן, אַז איר וועט מיט אייערע אייגענע הענט איבערפירן אייער גליק. ווען איך האָב

זיך איבערצייגט, אַז מיין וואָרטן איז אומזיסט, איז דער ערשטער געדאַנק ביי מיר געווען: מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן —

פּאָלים קערפּער גיט זיך קאָנוולסיוו אַ וואָרף, זי שטרעקט אויס אירע שיינע הענט צו אים ווי צו אַ געבעט, נאָר שלמהס פּנים איז — ימש חושך. ער קוקט אפילו נישט אין איר זייט, זיינע אויגן זענען אַצינד צוגעשמידט צו יענעם בילד, ער זעט עס פאַר זיך און לעבט איצט נאָך אַ מאָל איבער יענעם שוידערלעכן מאָמענט:

— ...ס'איז גראָד געגאַנגען פון דער דעפּאָ אַ לאָקאָמאָטיוו... אַ פּאַר־מרה־שחורהטער, אומגעלומפּערטער לאָקאָמאָטיוו... און איך בין גראָד דאַמאָלסט געזעסן אויף די רעלסן... נישט וויט... אַלץ נאָך אַרויסקוקנדיק אויף אַ נס... פון אייך... כ'האָב נאָר געדאַרפט זיך אויסציען... דאָס איבעריקע וואָלט שוין פון זיך אַליין געשען... און פינצטער איז דאַן געווען, ווי אין אַ קבר... און אויף דער נשמה נאָך פינצטערער... עס האָט געפעלט איין האָר און עס וואָלט געווען נאָך אַלעמען... אָבער דעם אייבערשטנס אויג איז וואַך... ער לאָזט נישט אָפּטון קיין צו גרויסע שטותים... עמעצער האָט מיך אָפּגעוואָרפן פון די ליניעס... — נישט איך! איך געדענק גוט, אַז נישט איך, נאָר עפּעס אַן עמעצער... און דאַן, ווען איך האָב זיך ווידער אויפגעהויבן און דערזען, אַז איך לעב נאָך, דאַן... וואָלט שוין נישט געווען געהאָלפן אייער קומען, האָב איך זיך אַליין געגעבן תקיעת־כף, אַז פּאָלי —

ביים דערמאָנען איר נאָמען גיט פּאָלי אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער. איר גליענדיקער קוק ווערט קענטיק אויסגעלאָשן. איר פּנים ווערט פינצטער ווי די נאַכט. נאָר שלמה וויל דאָס נישט באַמערקן. מיט דער אומברחמנותדיקייט פון אַן אינקוויזיטאָר זעצט ער פאָר מיט דעם זעלבן טאָן, ציילנדיק יעדעס וואָרט:

— האָב איך זיך אַליין געגעבן תקיעת־כף, אַז פּאָלי איז פאַר מיר געשטאָרבן אויף אייביק...

איר ווייסט גאַנץ גוט, וואָס עס הייסט מיינס אַ וואָרט, הייגט פאַרשטייט איר שוין מן־הסתם, וואָס עס באַטייט מיינער אַ תקיעת־כף... נאָר אָט די גאַנצע פּראָצעדור איז שוין בסך־הכל געווען איבעריק. איך האָב גאָרנישט געדאַרפט האָבן דעם תקיעת־כף. איר זענט צו יענער מינוט שוין במילא געווען פאַרשוווּנדן פון מיין הארצן. באַלד אויפן אָרט האָב איך פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ פּנים איר האָט, ווי איר זעט אויס. אָט דאָס איז דאָס, פּאָלינאַ יאַקאָוונאַ... דאָס לעבן איז נישט קיין שפּילעכל... דאָס איז זייער אַ קאָמפּליצירטער מעכאַניזם, מיט וועלכן מען דאַרף זיך באַגיין זייער ערנסט און פאָרזיכטיק. איר געדענקט, ווי איך האָב אייך אַ מאָל געזאָגט וועגן קעץ? געוואָרנט אייך, אַז זיי קענען אויפעסן דאָס הערצעלע? מאַרוסיאַ איז געווען אַ קאַץ! וואָלאָדקאַ איז געווען אַ קאַץ! דער קאָמסאָמאָל איז געווען אַ קאַץ! דעם אינסטיטוט האָט איר פאַרוואַנדלט אין אַ קאַץ! איר האָט זיך נישט איינגעהיט פון זיי... נאָר די געפערלעכסטע

קאץ, מיט די שארפסטע נעגל איז, פארשטייט זיך, געווען אייער אייגענער, שטיינערנער כאראקטער... נו אט! קעץ זענען באוווסטע נאשערס. און אט האט די דאזיקע שאיקע קעץ אפגעטון איר שטיקל ארבעט בשלמות, און איצט איז אומזיסט דאס געוויין, מיט דעם קלאפן זיך קאפ אין וואנט. איר דארפט נישט טראכטן פונעם טויט. דאס איז נאריש. אויף אייך מיט אייער פנימל וועט זיך גרינג געפינען א בעלן. איר קענט זיין זיכער, מיטן צווייטן „מאנארך" וועט עס ביי אייך בלתי ספק צוגיין פילפיל שנעלער און גרינגער ווי מיטן ערשטן, הלואי נישט צו גרינג... יענער וועט זיך באנוגענען מיט אייער פערטל ארשין פנים, קיין נשמה וועט ער אין אייך נישט זוכן, ווייל איר האט זי נישט! און דאס ברעקלע, וואס איר האט יא, נוצט איר זיך דערמיט נישט. נאך אייער לעצטער קאטאסטראפע אויף די עקזאמענס, פארשטיי איך, אז איר האט שוין פארלוירן דעם חשק צו איבערראשן די וועלט מיט אייערע טאלאנטן און אייער צוקינפטיקער מאן וועט זיין דערמיט נאר צופרידן. איך בין שוין פון אייער אינסטיטוט אפגעגאנגען מיט בלוט פאר אים אויך. איך רעד איצט אן ביטערניש, שוין אויסגעוועפט... אומבאקאנטערהייט פארגין איך אים דאס גליק, ווייל איך בין צופרידן מיט מיינעם. מיינע ביז איצטיקע לײדן זענען באלוינט געווארן אריבער און אריבער. מיין יוכבד איז שיין ווי די גאנצע וועלט, ליכטיק ווי די זון אין א פרילינג־פרימארגן, און דער עיקר — אומשולדיק און נישט פארביטערט. א! דאס נישט האבן אין זיך קיין מרירות, איז א גרויסער אטעסטאט פאר א מיידל. איך בין דער ערשטער מאנספארשוין, וועמען זי האט א קוק געטון גלייך אין די אויגן, און מיט גאטס הילף — אויך דער לעצטער. זי האט קיינעם אויף איר לעבן קיין בלוט נישט פארצאפט און זי פארשטייט נישט, נאך וואס טוען גאר מענטשן אזעלכע זאכן. איך האב פון איר גארנישט פארלייקנט... איך האב איר דערציילט מיין ביאגראפיע, ווי פאר גאט אליין... זי האט אפילו נישט ארויסגעוויזן קיין נייגעריקייט צו זען אייער פאטאגראפיע, כאטש פון מיין דערציילונג האט זי געוווסט, אז זי געפינט זיך שטענדיק ביי מיר. דאס איז אן ערשט אויסגעשיילט עופעלע, וואס האט זיך באהעפט אין איר באשערטן גלייך פונעם ערשטן קוק, און אן איבעריקע קונצן. זי האט ביי מיר נאר געבעטן איין זאך: איר געטריי זיין... מער גארנישט... היינט האב איך זי אפילו נישט געזען. דעם טאג פון דער חופה טארן זיך חתן־כלה נישט זען. מען דארף זיך א ביסל שטארקער פארבענקען איינער נאכן צווייטן און טאקע פאר איין וועגס מאכן ביי זיך א שטיקל חשבון־הנפש אויך... פאר אלע פארגאנגענע יארן... אט ווי איך טו איצט...

זי אבער, מיין יוכבדל, האט נישט וואס איבערצוחשבונען... זי האט נאך נישט געלעבט אויף דער וועלט. זאגט זי איצט תהילים, ספעציעלע אזעלכע תחינות. זי בעט ביים רבונו־של־עולם א גוט לעבן פאר אונדז ביידן, אייביקע ליבע. קיין עשרות בעט זי נישט. זי האלט נישט פון קיין

עשרות. זיך דערלויבן א לוקסוס, האלט זי, איז א פאַרברעכן, אויב דאָס ווערט דערגרייכט דורך געפערלעכע אָפּעראַציעס. דאָס איז א קינד פון דער נאַטור. די ערלעכקייט אליין. אין מיר גלייבט זי ווי אין גאָט! ווען זי ווייסט אפילו, אַז איצט, עטלעכע שעה פאַר דער חופה, זיץ איך מיט אייך, אָט דאָ אַליין אין וואַלד, וואָלט זי אויך גאָרנישט איבערגעטראַכט. זי וואָלט אפילו נישט איבערגערעדט וועגן דעם. אַזוי גרויס און שטאַרק איז איר גלויבן אין מיר, און איר זאָגט גאָר — אוועקוואַרפן...

שלמה כאַפּט איבער דעם אָטעם און רעדט ווייטער מיט א פאַר־דומפּענער שטימע:

— גיכער פון אַלץ, פּאָלינאַ יאַקאָוונאַ, רעדן מיר איצט דאָס לעצטע מאָל אין אונדזער לעבן, ווייל היינט האָט דאָס אויך געטראָפן נאָר על פּי צופאַל. ווייל איך אייך טאַקע ביי דער געלעגנהייט זאָגן, אַז איך טראָג אויף אייך נישט קיין מינדסטן פאַרדראָס. איך וויל אייך אויך נישט אָפּ־נאַרן און זאָגן, אַז קיין שום שפּור פון אייך איז שוין אין מיין האַרצן נישט פאַרבליבן... דאָס איז נישט אַזוי... דרייצן יאָר באַהאַלט מען נישט אין קיין בוזעם־קעשענע... די סימנים פון אייערע שאַרפע ציינדעלעך און פון אייערע אָפּגעפּאָלירטע נעגעלעך וועלן נאָך לאַנג פאַרבלייבן אויף מיין האַרצן... דאָס גייט אַזוי געשווינד נישט פאַריבער... נאָר נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין די טרערן, וואָס איך האָב פאַרגאָסן אויף אייער חשבון פון כמעלניק אָן, וואָלטן מיר זיך אפשר ביידע געקענט אויסבאָדן, דאָך בלייב איך אייך אין האַרצן א גוטער פריינד. די לעקציע, וואָס איר האָט מיר געגעבן, קען מען נישט קריגן ביי קיין שום פּראָפעסאָר און ביי קיין שום אַקאַדעמיקער אין דער וועלט... איך בין, ווי איר ווייסט, א גלויבי־קער. איך גלייב באמת, אַז איר זענט נישט געווען מיין זיווג, און ווי באַלד אַזוי, האָב איך דאָך אודאי נישט פאַר וואָס צו זיין ברוגז אויף אייך. איך האָב פריער גערעדט וועגן די טרערן וואָס איך האָב אין אַלע צייטן פאַר־גאָסן א דאַנק אייך, דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נאָר די גרעסערע טייל פון אונדזער דראַמע, אין אמתן אָבער האָב איך געהאַט ביי אייך אויך זיסע מינוטן... פיל גליקלעכע מאָמענטן געהאַט. איצט איז צו דעם אַלעמען א סוף אויף אייביק. אין עטלעכע שעה אַרום גיי איך צו דער חופה. טאָמער האָט איר דאָ געהערט עטלעכע ביטערע ווערטער, בעט איך אייך איבער. נישט איך בין דערינען שולדיק, נאָר איר אַליין. גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן מיט אייך אין א לאַנגן שמועס, צו וואָס? איר האָט אָבער אומבאַדינגט געוואָלט אַן ענטפער, האָב איך אייך צו ליב געטון. נו, אָט האָבן מיר זיך אין דער לעצטער מינוט דערקלערט אונטערן פרייען הימל, ווי אין די אמתע, העכסט־אינטערעסאַנטע ראָמאַנען קומט פאָר. נאָך אַזוי פיל יאָרן היימיש זיין וואָלט דווקא געקומען זיך געזעגענען מיט אייך פאַר דער האַנט, נאָר איך וויל נישט פון דאָס ניי אויפרודערן אייער היסטעריקע... זייט געזונט און גליקלעך. איך ווינטש אייך דאָס פון טיפן האַרצן. וואָס עס טוט מיר באמת ווי, אפילו איצט

— דאָס איז דער עגמת־נפש פֿון אייער פֿאָטער... ער האָט מיך אַלע יאָרן שטאַרק ליב געהאַט, און איך אים נישט ווייניקער... נו, וואָס קען מען העלפֿן? אַזוי איז שוין די וועלט באַשאַפֿן: אין איין זייט פֿרייט, אין דער צווייטער שטעכט...

שלמה האָט אַנטשלאָסן זיך דערנענטערט צום בוימלאָך.

— שלמה, טו דאָס נישט!... צעברעך אונדז נישט!... קווילע מיך בעסער...

זי האָט מיט איר קערפּער פֿאַרשטעלט דעם לאָך. שלמה האָט מיטן עלנבויגן זי אָפּגערוקט, האַסטיק אַריינגעוואָרפֿן איר בילד אין שוואַרצן אָפּגרונט אַריין און מיט געמאָסטענע טריט זיך גענומען דערווייטערן...

דער גאַנצער וואַלד איז אויפֿגעטרייסלט געוואָרן פֿון אַ האַרצרייסנדיקן ווײ־געשריי, ווי פֿון אַ פֿאַראורטיילטן צום טויט, ווען דער תּלין פֿאַרוואַרפֿט אים דעם שלייף אויפֿן האַלדז —

שלמה האָט זיך אַפֿילו נישט אומגעקוקט...

*

ווען שלמה האָט זיך שטיל אַריינגעכאַפּט דורכן פֿענצטער אין זיין שלאָפֿצימער, איז שוין באַלד געווען פֿינף אַ זייגער. ער האָט פֿאַרוואָרפֿן אַ האַנטעך אויפֿן אַקסל און האָט מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן פּנים אויפֿגעשלאָסן די טיר. דערזעענדיק שלמהן, איז דער פֿאָטער אויף אים אַרויפֿגעפֿאַלן:

— אַ גוטער אויפֿשטאַנד, זונעניו! אַזוי לאַנג שלאָפֿט מען? און נאָך אין אַזאַ יום־הדין ווי דער חופּה־טאָג? אויף דיר האָב איך זיך אַזעלכעס נישט געריכט... גיי שוין גיי, וואַש זיך אָפּ. מען דאַרף שוין באַלד אַראָפּפֿאָרן אין שול אַריין צו קבלת־פּנים... כאָטש דאַרפֿן, וואָלט מען אים דווקא געדאַרפֿט מאַכן דאָ, בבית החתן, כנהוג, און פֿון דאַנען גלייך צום „באַדעקנס", נאָר וווהין וועסטו דאָ אַריינגעמען אַזאַ עולם קיין עין־הרע? נו, נו, אַ שלאָף ביי דיר... אויף מיין לעבסטאָג! דער זיידע — געקלאַפּט... אהרל — געקלאַפּט... מנשה, איך אַליין, און ווער נישט? גאָרנישט צו דערוועקן דיך, באַהיט זאָל מען ווערן... גיי שוין, שטיי נישט... באַלד וועלן שוין אודאי אָנקומען די מחותּנים. דו דאַרפֿסט נאָך גיין אין וואַסער* אַריין אויך... ווען וועסטו שוין באַווייזן, אסור אויב איך וויים...

---

* געמיינט: גיין טבילה.

קאפיטל XL

פאַלי, נאָך דעם ווי זי איז געבליבן אַליין אין וואַלד, האָט אויפגע־זוכט אין אַ טאָל אַ סאַזשלקע, זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, ארויסגענו־מען פונעם טעשעלע דאָס שפּיגעלע, זיך צוגעפּודערט און איז מיטן צווייטן וואַגאָן נאָך שלמהן אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין. אויף יעוובאַז האָט זי זיך איבערגעזעצט אויפן נומער 13. קומענדיק אויף פּאַדאָל, האָט זי זיך איבערגעזעצט אויפן נומער 12. זי איז אָפּגעפאָרן זעקס סטאַנציעס נאָך קאָרינישעווקע און איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קליין, אָפּגעזונדערט הייפל. דאָרט איז קיינער נישט געווען, נאָר אַ געלער, צעפּאַטלטער הונט איז געשלאָפן ביי זיין בײדל. זי האָט אומגעדולדיק אָנגעקלונגען אין פאַראַד־נע. געעפנט האָט איר אַן עלטערע פרוי:

— צו וועמען דאַרפט איר, חברטע?

— צו אייער נאַטאַשען, זי איז דאָ אין דער היים?

— ווו דען זאָל זי זיין אין אַזאַ היץ? נאַטאַשקאַ! נאַטאַשינקאַ! גיי, מען איז געקומען צו דיר. חברטע, קומט אַריין אין שטוב אַריין. וואָס שטייט איר אויף דער שוועל?

פונעם גאָרטן איז געקומען צו לויפן אַ באָרוועסע שיקסע, מיט בליש־טשענדיקע אויגן און דאָס פּנים באַשיט מיט געדיכטע זומער־שפּרינקעלעך.

— אָך, פּאָלינאַ!...

— אָך, נאַטאַשאַ!...

זיי האָבן זיך צעקושט.

— פּאָלקאַ, האָסטו זיך פאַרבענקט פון דעסט וועגן?

— פאַרבענקט אויך, נאָר דאָס איז אַ חוץ אַ מעשה. אַנו פּרווו אָר־מיסטן טרעפן, נאָך וואָס איך בין איצט געקומען צו דיר?

— איך קען גאָרנישט טרעפן... נאָר זאָג מיר, פּאָליאַ, פאַר וואָס ביסטו אין ערגעץ נישט געפאָרן אויף היינטיקע קאַניקולן? איצט אויף צו וווינען אין יענע אָנגעגליטע, שטיינערנע קעסטלעך, דאַרף מען דאָך זיין שטאַרקער פון אייזן! איך פאַרשטיי נישט, ווי האַלט איר עס גאָר אויס? און דו ביסט טאַקע אָראָפּ פונעם פּנים אויך...

— נאַטאַשאַ, פּטר מיר נישט קיין צייט... מען וואַרט אויף מיר...

— וואָס זשע דאַרף איך טון?

— אויסהערן מיך! זאָלסט וויסן, אַז איך האָב שוין, טאַקע די מינוט — אַ באַל־מאַסקאַראַד...

— מאַמעלעך מיינע! אין מיטן העלן טאָג — אַ באַל־מאַסקאַראַד?

— די מינוט טאַקע, נישט אין מיטן העלן טאָג. בין איך געקומען זיך בייטן מיט דיר מיט די אָנצוגן אויף היינטיקן טאָג. גיב מיר דיין שוואַרץ קלייד, די שוואַרצע לאַקירטע טופל, דאָס טונקעלע גראַנאַטענע

סעקעלע, די שוואַרצע פּאַנאַמע מיט די ברייטע פּאָלעס, דעם שוואַרצן וואָל אויך אומבאַדינגט, און גיב מיר אויך דיין בינאָקל, פאַרגעס נאָר נישט...

— זומער, אין שוואַרצן?

— אַזוי דאַרף מען, פרעג נישט קיין קשיות... גיב זשע מיר גיך, שטיי נישט.

— איז צוליב אַזאַ נאַרישקייט ביסטו געפאָרן אַזש אין צווייטן עק שטאָט אַריין?

— פאַרשטייסט נישט פאַר וואָס? ווייל קיינער פון אונדזערע מיידלעך האָט נישט אַזוי ווי דו מיין פיגור און מיין וווקס. בקיצור —

*

אויפן ראַנג פון מאַלאַ־וואַסילקאָווסקע און קאַראַוואַיעווסקע האָט פּאַלי דערזען שטיין פאַרן שולהויף צוויי לאַנגע רייען טאַקסים און פּריוואַטע אויטאָס און אַן אַ שיעור דראָזשקעס. דאָס האַרץ האָט זיך אין איר אַזש אַ וואָרף געטון פאַר שרעק:

— שוין זשע האָב איך פאַרשפּעטיקט צו דער חופה?

זי האָט פלינק אַראָפּגעלאָזט דעם וואָל איבערן פּנים און האָט זיך צוגעאיילט אַהין. אויפן גרויסן, אַספאַלטירטן שולפּלאַץ האָבן זיך געשטופּט בלויז נייגעריקע. קיין מחותּנים האָט מען נישט געזען. אַלע זענען זיי פון אויבן ביים חתן, די לעצטע מינוטן פון זיינע יינגלשע יאָרן, און די מחותּנתטעס אַלע אויפן הויף אונטן, ביי דער כּלה צום באַדעקנס; צום ערשטן מאָל ליכטבענטשן. זי, פּאָלין, — האָט קיינער נישט דערקענט. געבליבט איז גאָט דערפאַר... אפשר אַ צענדליק יונגעלייט זעט זי, פּאַראַדקעווען אַרום דער חופה, לאָזן נישט צו דעם עולם נענטער ווי אויף היפּשע עטלעכע מעטער. אַ פּנים, מען דאַרף מאַכן פּלאַץ פאַר אַ שיין ביסל מחותּנים... נחום אַדלער קאָמאַנדעוועט מיטן פּאַראַד: הירשל אַהער, דוד אַהין! שמעון... נו, דעם שוואַרצינקן קען זי. דאַכט זיך, קלאַדניצקי רופט מען אים... און יענער ווער איז? איי, איי, איי, זי האָט דאָך געוווסט זיין נאָמען... פאַר צוויי יאָרן ל״ג־בעומר, אין פּושטשע־וואָדיצע, האָט ער, געדענקט זי, גערעדט... גאָרדאָן? ניין! ס'אַ משל, גאָרדאָנען קען זי נישט? אָך יאָ, סעגאַל! זיך דערמאָנט. ער זאָגט עפּעס אויפן אויער איינעם פון די קאָמאַנדירן און אַליין קערט ער זיך אום אַרויף. אָ! דאָרט מוז זיין הייס... מנשה, — מענדל פּערלאָוו, — מוז זיין פון די הויפּט־מחותּנים... אויך פרידמאַן... זיין געניע — מסתּמא נישט. היינט, די פייגנבוימס... ערשטע גילדיע! היינט הרב ביאַליק — פעלדמאַרשאַל!... נאָר ווער זענען עס אָט די שיינע יונגעלייטלעך? זיי ווייזן אויס צו זיין פרעמדע, אָבער צורהלעך — איינס און איינס! און וואָס פאַר אַ גליקלעכע פּנימער זיי האָבן! גאָט מיינער, ווי שעמט מען זיך נישט פאַר לייטן, צו זיין אַזוי גליקלעך? נו, אַן אָרט האָט זי געפּאַקט אַ גוטס. ס'איז אפילו

א ביסל צו ווייטלעך, ד'ערפאר אָבער, סאַמע אָקעגן דער חופה. אַלץ וועט זי זען און אַלץ וועט זי הערן. שאַ! אָט גייט דער אַלטער שלום!... איי, שיינט ער, דער אַלטער... אַן אמתער כהן גדול... ס'איז ביי אים אַ טאָפּל־טע שמחה: אי די חתונה, אי וואָס גאָט האָט אים געהאָלפן, זיך טאַקע נישט משדך געווען מיט די באַנדערוקעס... כאָטש ווידער צוריק: איך קען מיך אויף אים גאַרנישט קלאָגן. ער האָט אויף מיר קיין מאָל קיין איין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט... אדרבה, ער האָט מיר וויפל מאָל איבערגע־חזרט, אַז אַזאַ גליק קען נאָר טרעפן איין מאָל אין הונדערט יאָר... איי, האָט ער גערעדט דאַמאָלסט פאַר נאַכט ביי דינהן אין צימערל, אין שלמהס „באַקווייטלטער טורמע"... ניין, ניין, קיינער איז מיר נישט שולדיק, אַליין בין איך שולדיק. קיין שום שונא קען אַ מענטשן נישט טון דאָס, וואָס אַ מענטש טוט זיך אַ מאָל אַליין. און ווער לויפט עס פון די טרעפּ? ווער איז דאָס? אָט די דאָזיקע פיזיאָנאָמיע זעט זי זיכער צום ערשטן מאָל... אַך, אַ שיין יידעלע! אַ קראַסאַווטשיקל!... אַ פנים, אַ מחותן פון כלהס צד, און ווי עס ווייזט אויס — פון די גאַר, גאַר נאָענטע... מען זעט דאָס אין זיין באַנעמונג, אין זיין לויפן. שאַ! אָט לויפט ער שוין אויף צוריק. עס ווייזט אויס — שוין באַלד... גאָט! ווי שעמען זיך דאָס קיין מענטשן נישט אַרויסצושטעלן פאַר דער וועלט אַזוינע משוגע־גליקלעכע פנימער? און אויב שוין נישט קיין בושה, אָבער וווּ איז יושר? אוי, עס איז מיר שלעכט! ווער באַהאַלט זיך דאָס אָקעגן אין ראָד?... עס איז נאָך גוט, וואָס מיך איז שווער צו דערקענען...

אווראַמס געזיכט איז שטאַרק בלאַס און קאָנצענטרירט. אונטערן גע־דיכטן וואָל טרייסלט פּאָלי אָפּ אַ טרער:

— גוטער, גוטער אווראַם... ערשט פאַר צוויי יאָרן... פּריטיק פאַר נאַכט... ווי שמיידיק ער איז דאַמאָלסט געלאָפן צו שלמהן מיט דעם קווי־טעלע, כאָטש ער האָט אפילו נישט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס אין דעם איז געשריבן. זי קוקט זיך שוין פאַרזיכטיק אום אויף אַלע זייטן: יאָ, אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט! אין צווייטן עק פונעם הויף זעט זי ניומען. ער באַהאַלט זיך ביים סאַמע טויער. באַרעכן, דווקא ניומאַ... און זי האָט געמיינט, אַז עס איז אים גאָר אַלץ איינס: יאָ שלמה, נישט שלמה... נ—ניין! שלמה איז אַלעמען איינגעבאַקן טיף אין האַרצן... זי קוקט זיך אינסטינקטיוו ווידער אום אויף אווראַמען. וואָס קוקט ער אַזוי שטאַרק אויפן גאַניקל וואָס הינטער אים? די גאַנצע צייט האַלט ער אין איין קוקן. וואָס זעט ער דאָרט? זי הייבט אויף דאָס בינאָקל צו די אויגן און טוט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער —

אין אַ טיכל, אַראָפּגערוקט ביז די אויגן, שטייט די מוטער. אויך גע־קומען... נישט קיין מחותנתטע, אָבער פאָרט געקומען...

אויף דער אייבערשטער טרעפּ פונעם גאַניק, אָנגעשפּאַרט אין אַ זייל, שטייט דער גאָראָדישטשער רב ר' איצי גאָסינסקי און טענהט עפּעס איין מיטן אָלשאַנער שוחט ר' ישראל־יאָסל. פּאָלי זעט גוט, אַז אָט די יידן

קערן דאָ זיין גאַנצע קאָכלעפל, דאָס איז ניכר נאָך זייער שטייען, נאָך זייער בנימוסדיקן גלעטן די בערד, אָבער ווער זיי זענען ווייסט זי נישט. זי זעט זיי ביידע צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. אירע חושים זענען איצט שאַרף ביז גאָר — חרב פּיפיות! זי כאַפּט איצט אויף זאַכן — כחוט־השערה. זי מעג דאַכט זיך שווערן, אַז וועגן אָט דעם אַלטיטשקן אין דער פאַרגלעטער ליוסטרינגענער קאַפּאָטע האָט זי שוין אַ מאָל געהערט, און טאַקע נישט פון קיין אַנדערן, נאָר פון שלמהן אַליין, אָבער אויף דער שטעל קען זי זיך בשום אופן נישט דערמאָנען ווער דאָס איז.

אין הויף ווערט אַ רעש:

— דער חתן... דער חתן גייט... צום באַדעקנס... באַדעקן די כלה.. צערוקט זיך עולם...

ווי פון אונטער דער ערד וואַקסט אויס אַ מחנה יידן מיט ליכט אין די הענט. הונדערטער ליכט, אַ וואַלד מיט ליכט, אָן אַ שיעור ליכט. דער געדראַנג איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַזוי שרעקלעך, אַז די גאַנצע עדה מחותנים האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט אין הויף אַריין, און זי האָט גאָרנישט נישט געקענט זען און האָט קיינעם נישט באַמערקט. די „קאָמענדאַנטן" וואַרפן אָפּ דעם אָנגרייפנדיקן פרעמדן עולם און פּאָלי דערקענט פון דעם ערשטן קוק איר סאָנקען. די פאַרגעסענע „זשעניאַ פיינשטיין"... הייסט עס, אַז אַ חוץ דעם טאַטן געפינען זיך דאָ אַלע איריקע, נישט מער איינער ווייסט נישט פון דעם צווייטן. יעדער פראַוועט אַ סוד פאַר זיך.

— שאַ, מען גייט! מען גייט פון באַדעקנס!

אַך, וואָס פאַר אַ פייערלעכער פאַראַד... ווי ביי אַ קעניג... פון איין זייט — אפרים־אהרון, פון דער צווייטער — יענץ שיינע יידעלע... אַ־האַ! האָט איר האַרץ זי טאַקע נישט אָפּגענאַרט — דער אבי הכלה... און צווישן זיי — שלמה... אין אַ פּאַלטאָ גאָר? אום זומער אַ פּאַלטאָ? דעם דאָזיקן פּאַלטאָ האָט זי נאָך ביי אים נישט געזען... אַ בלויער, אַ מאַליעווע*, און איז אין גאַנצן אָפּגעשאָטן מיט קאָלירטע פּינטעלעך. די מחותנים אויך. אַ מנהג אַזאַ... זי קוקט זיך איין אין שלמהס פּנים: בלייכלעך, ווי פאַר אַ חתן פּאַסט, נאָר שיין... אַך, ווי שיין! אַך, ווי שלוהדיק! ממש די שכינה רוט אויף אים... איצט — אַן אמתער מאַנאַרך... וואָס פאַר אַ רואיקייט, וואָס פאַר אַ פילן די גרויסקייט פון דער איצטיקער מינוט... עטוואָס שוין צו ערנסט, אָבער עס מאַכט נישט אויס... גראָד איצט מאַכט נישט אויס... אַך, ס'איז אַזוי שווער צו גלייבן, אַז אָט דער זעלבער מענטש איז ערשט פריער מיט עטלעכע שעה געזעסן מיט איר אין וואַלד אויפן גראָז און ווי דער מלאך־דומה דעם געשטאָרבענעם, איר אויסגערעכנט דאָס גאַנצע צעטל חטאים... ניין, ניין, דער דאָזיקער אינעם פּאַלטאָ איז לחלוטין אַן אַנדער מענטש! אָט זעט זי ווי ער פירט אַרום מיט אַ מידן בליק דעם גאַנצן אַרום און גייט אַרונטער אונטער דער חופּה. עמעצער שרייט: „ברוך

---

* אין רוסלאַנד — דאָס בעסטע מין געוואַנט אויף מאַנטלען.

הבא, מיטן רעכטן פוס״ !— מן הסתם דער שמש... א מעכטיקער כאָר פון יונגע קולות הייבט אָן צו זינגען: „מי אדיר על הכל, ומי ברוך על הכל״... דער גאנצער עולם זינגט כוואליעסווייז: „הוא יברך את החתן ואת הכלה״, און נאָך א מאָל דאָס אייגענע און ווידער א מאָל דאָס זעלבע.ביידע פֿאָטערס קערן זיך אום אין הויף אריין נאָך דער כלה. די קלעזמער שטעלן אָן די אינסטרומענטן. שלמה, זעט זי, רופט צו זיין קליין שוועס־טערל שיינדעלע און זאָגט איר עפּעס אויפֿן אויער...

— וואָס דען? א קליינשטעטלדיקער בלייבט א קליינשטעטלדיקער... אונטער דער חופה סודעט מען זיך? שוין נישט געקענט אויסהאַלטן נאָך עטלעכע מינוט?... יאָ, וואָס עפּעס גייט שיינדעלע אין דער זייט? וועמען דארף זי דאָ?

פֿאָלין ווערט מיט א מאָל קאַלט אין אַלע אברים. שיינדעלע רוקט זיך צו צו איר אומבאמערקט, גיט זי א שלעפּ פארן ארבל און זאָגט איר שטיל אויפֿן אויער:

— פֿאָלי, שלמה האָט אייך שטארק געבעטן, אז איר זאָלט גלייך אוועקגיין פון דאנען...

זי האָט קוים באוועגנדיק מיט די ליפּן ארויסגעפּליסטערט:

— גוט, שיינדעלע, איך גיי שוין...

דאָס קינד האָט זיך נאָר אָפּגעקערט און פֿאָלי האָט זיך גלייך אויס־געמישט צווישן גרויסן עולם... אזא נאר ווער זי זיין, איצט אוועקגיין? נ—יין! זי מוז זיין ביז צו דער ענדע... עס קען נאָך אפשר טרעפן עפּעס א חוץ מדרך־הטבעדיקע זאַך... ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך...

און זי האָטווירקלעך פאנאטיש געגלייבט, אז אין דער לעצטער רגע קען נאָך שלמה אויפהייבן דעם קאָפּ און א פרעג טון:

— וו זשע איז מיין פֿאָלי?

און אין אזא פֿאַל מוז זי זיין צו דער האַנט! אַלץ איז גרייט: די חופה, דער עולם... איי, וואָס זי איז אָנגעטון אין שווארצן און א כלה דארף זיין אין ווייסן? ווייס איך, שלמה קוקט נישט אויף אזעלכע שטור־תים... זיינע געפילן הייבן אים אויף העכער פון אזעלכע נארישקייטן... און אפילו דאָס, וואָס ער האָט זי נאָר וואָס דורכגעטריבן, איז ערשט טאַקע א סימן, אז זי שטערט אים... און קוים שטערט זי נאָך, איז גוט... איז נאָך דאָ א האָפענונג...

זי לויפט געשווינד ארויף אויף דער גאַלעריע פון דער ווייבערשער שול, וועלכע ענגט איבערן הויף, שטופּט זיך דורך אויף פאָרנט צום סאַ־מע באריער, כאַפּט פון עמעצן א קניפּ אין דער האַנט, נאָך פון עמעצן — א דראָפּע מיט שארפע מאַניקור. עי, דאָס איז נארישקייטן... עס גייט דאכט זיך בלוט. עי, ס׳איז א קלייניקייט... דערפאַר אָבער זעט זי אַלץ... די גאַנצע חתונה איז ווי ביי איר אויף דער דלאָניע... אווראַמען, ניומען, סאָנקען זעט זי נישט... זיי זענען פארשוווּנדן אין דעם ים מיט קעפּ...

די מאַמע — יאָ... זי כאַפּט אַ קוק דורכן בינאָקל: די מאַמע האַלט דאָס טיכעלע ביי די אויגן. יאָ, זי האָט אויף וואָס צו וויינען... נאָך אַ מאָל שלמה וועט שוין נישט זיין... פאַר איר אַנטפּלעקט זיך אַ זעלטן בילד. מיט פיבערדיקע אויגן באַטראַכט זי פון דער הויכער גאַלעריע די גראַנ־דיעזע פּאַנאָראַמע פונעם ריזיקן שול־הויף, וועלכער איז איצט אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן, ווי אין כמעלניק דער בית־המדרש, שמחת־תורה צו הקפות.

— מאַ—מע! אַך, ווי שיין! וויפל דאַרף מען דאָס האָבן ליכט? איך האָב זיך גאָר קיין מאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז אָט די צערעמאָניע, וואָס איז שוין גאָר היינט אַרויס פון דער מאָדע, איז אין דער ווירקלעכ־קייט אַזוי הייליק און פּאַטריאַכאַליש...

און איבער אָט דעם גוואַלדיקן עולם שוועבט אַרום אַ זיידענע נעץ פון דער פון קינדוויז אָן אַזוי גוט באַקאַנטער, חופּה־מעלאָדיע:

— ...מי אדיר על הכל—ל—ל, ומי ברוך על הכל—ל—ל...

אַ מאָל, אין שטעטל, געדענקט זי, האָט אָט די מעלאָדיע געגלעט ביי דער נשמה און איז געווען צוקער־זיס. איצט אָבער גרילצט איר אָט דער ניגון אין די אויערן, ווי די פאַרזשאַווערטע ראָד ביים ברונעם אין כמעל־ניק הינטער דעם אַלטן שאַיעס שטוב. ביי יעדער הפסקהלע טראַכט זי: אַ! שוין געענדיקט! אָבער עס הייבט זיך גאָרנישט אָן, די פאַרזשאַווערטע ראָד דרייט זיך ווייטער. די כלה אַ פּנים, דאַרטן, איילט זיך נישט זייער שטאַרק, זי איז אַ פּנים גאַנץ זיכער, אַז קיינער וועט שוין ביי איר גאָרנישט אויסכאַפּן, און דאָ דאָס זינגען איז אַ מעשה אָן אַן עק.

— ...מי גדול על הכל—ל—ל, ומי דגול על הכל—ל—ל...

— פון וואַנען קענען זיי אַלע אָט דעם אינקוויזיטאָרישן מאָטיוו? ס'איז נישט איר אויף צו־להכעיס זינגען זיי אַזוי טרויעריק?

— ...הוא יברך... הוא יברך...

פּאָלי שטעקט אַריין די ציין אין די ליפּן פאַר ווייטיק:

— גוואַלד, פאַר וואָס ציען זיי אַזוי די עצמות? אָט נוקם ונוטרם!... מיינע טרערן זענען פאַר זיי קאַרג, זיי ווילן טאַקע זען מיין בלוט... זיך באָדן אין דעם... אוך, שלענג!

— ...הוא יברך... הוא יברך... את החתן ואת הכל—ל—לה!...

ביי פּאָלין איז דורכגעלאָפן אַ גרויל איבערן לייב:

— עפּעס זאָגן זיי: כלה... דאָס מיינט מען נישט מיך? מאַ—מע—ניו, וואָס ווילן אָט די מענטשן האָבן פון מיין לעבן? אויף יענער שמחה, וואָס מען האָט געפּראַוועט נאָך זיין באַפרייאונג, בין איך דאָך געווען די כלה!... אויף יענעם פריילעכן שבת, וואָס מיר זענען אַלע אַרויסגעפאָרן אויף סאָ־לאָמינקע — אויך איך!... אויף יענעם גרויסאַרטיקן באַל, וואָס שלמה האָט געפּראַוועט נאָך דעם פּעטער שמואליקס באַפרייט ווערן — אויך איך! ווער זשע וואַגט דאָס זיך אָנצורופן מיט מיין נאָמען? ווער?

— ...מי אדיר על הכל—ל—ל, ומי ברוך על הכל—ל—ל...

— גאָט מיינער! נאָך אַ מאָל פונעם אָנהייב? איך וועל דאָך אַזוי אויסגיין אונטער זייערע הענט...

— ...מי גדול על הכל—ל—ל, ומי דגול על הכל—ל—ל...

— גוואלד! ביז ווען וועט זיך ציען אַט דער גיהנום? נישקשה, מיין שלמהלע ווייסט, וואָס ער האָט איצט צו טון... אים וועלן זיי נישט אי־בערשרייען... ער איז זיי נישט קיין שוואַכע פרוי, ווי איך...

— ...הוא יברך... הוא יברך...

טויזנטער קלויסטער גלאָקן קנעטן די געדיכטע לופט:

— ...הוא יברך... הוא יברך...

— ליבער גאָט! ביז ווען פּרעמפּלט מען? ס'איז דאָך נישט קיין פּאַניכידע. ווי אַזוי ווערט זיי גאָר נישט נמאס צו קייען די גאַנצע צייט איינע און די זעלבע ווערטער?

ערגעץ פונעם המון שפּרינגט אַרויס אַ קוויטשנדיק קולכל ווי פון אַ יונג האָנעכל און קרייזלט זיך אַרויף מיט אַ „שלשלת":

— את החתן ואת הכל—ל—לה...

די גאַנצע מחנה, וואָס פּאַרפּלייצט דעם שטח אויף וויפל דאָס אויג דערגרייכט, כאַפּט אונטער דאָס דינינקע טרעלעכל מיט אַן אכזריות־פולן געברום:

— ...מי אדיר על הכל—ל—ל, ומי ברוך על הכל—ל—ל...

פּאָלי שטעקט זיך אַריין אַלע נעגל אין לייב און שעפּטשעט פאַר זיך מיט אַ ברענענדיקן פליסטער:

— גאָט מיינער... גאָט פון מיין שלמהן... שוין זשע איז שוין טאָקע אַלץ פאַרפאַלן? ער האָט דאָך מיך אַזוי ליב געהאַט... איך בין דאָך זיין פּאָ — און — לי... איך בין דאָך די נשמה פון זיין נשמה... פאַר וואָס רייסן אים אָט די שלעכטע מענטשן אויס ביי מיר? פאַר וואָס האָב איך דאַמאָלסט צעבראָכן אווראַמס זייגערל? פאַר וואָס בין איך אין יענעם פאַרטאָג אויף אינסטיטוטסקי־גאַס נישט צוגעגאַנגען צו דעם אויטאָ? פאַר וואָס האָב איך אים אַזוי פיל בלוט פאַרצאַפּט אין דער טרעטיאַקאָ־ווער־גאַלעריי? און אין „ציגימאַש"? און אין כמעלניק? און אין זווע־ניגאָראָדקע? אין די ראש־השנהס און אין די הושענא־רבאס און ווען נישט? איז שוין זשע קומט איצט פאַר דער משפּט און ס'איז שוין אַלץ פאַרפאַלן?

דער גאַנצער שולהויף און די מיט מענטשן פאַרפלייצטע גאַס און די ריזיקע שטאָט, אַלע צוזאַמען צעהוידען אַלץ שטאַרקער דעם אומגעזעענעם גלאָק:

— ...הוא יברך... הוא יברך...

פּלוצלינג דאַכט זיך פּאָלין, אַז עמעצנס אַ מעכטיקע האַנט האָט זי אָפּגעריסן פון דער ערד, אַוועקגעטראָגן זי ווייט פון אָט דער זינגענדיקער עדה און האָט זי אַנידערגעוואָרפן פאַר אירע ריכטער. זי פילט, אַז זי דאַרף עפּעס זאָגן, בעטן, אָבער אין האַלדז שטעקט ביי איר אַ קנויל. זי קען נישט אַרויסברענגען קיין איין זילב. און אַ דונערנדיק קול דערטראָגט זיך

צו איר פון די אומענדלעך־ווייטע הימלען. דאָס קול ראַנגלט זיך מיט דעם נאָכיאָגנדיקן געזאַנג און איז עס סוף־כל־סוף גובר:

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— הער צו, דו פאַרפּירערישע פרוי,
הער צו, דו טאָכטער פון יעקב און אסתּר,
דו ביטערער קערן פון חוהס מין!
נעם דעם פאַרסמטן בעכער ווייַן אין דער האַנט
און זופּ אים אויס ביזן דנאָ.
זאָלן די פאַרגיפטעטע טראָפּנס
זיך צעריזלען איבער דייַנע גלידערים
און זיי אָנצינדן מיט אַ גיהנומדיקן פייער,
ווייַל ווידערשפּעניקט דו האָסט די רייד מייַנע
און צו נישט געמאַכט דעם רצון פון אַלמעכטיקן.
ווען דו האָסט אַן אייגעלע געעפנט,
פון דער זייַט דייַן מוטערס טראַכט,
האָב איך דיר „פּערל" אַ נאָמען געגעבן
און אַ פּערלדיקע צוקונפט פאַר דיר אָנגעברייט.
האָסטו אָבער דעם דיר באַשערטן פּערל,
מיט פאַרשייַטער חוצפּה זיך אונטער די פיס געוואָרפן,
אַכזריותדיק געטאָפּטשעט אין מיסט און אין קויט
און אים געוואָלט אין אַ גאַסנשטיינדל פאַרוואַנדלען.
לכן — זאָגט גאָט — וועט דייַן באַגער דערפילט ווערן:
אַ שטיין האָסטו געוואָלט — וועסטו אַ שטיין באַקומען
און אויך אַליין וועסטו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיין...
און אין די סאַמע אויערן, ווי מיט אָנגעגליטע שפּיזלעך:
אַזוי ווי רעגן און שניי, אַז זיי פאַלן אַראָפּ פון די הימלען,
קערן זיי זיך שוין אַהין מער נישט אום אויף צוריק,
אַזוי אויך — צעריסענע נשמות...
פאַרגעס שלמהס פּנים און שלמהס נאָמען,
ווייַל ער איז שוין איצט זייער ווייט אַוועק פון דיר...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פאָלי הערט נישט דאָס קול, נאָר זי פילט עס... עס קריכט אין איר אַריין דורך די אויגן, דורך די נאָזלעכער, דורכן האַלדז, דורך אַלע

אברים... ווי סם־המות צעגיסט זיך עס איבער איר גאַנצן קערפּער און דער שרעקלעכער גלאָק הודעט שוין אינעווייניק אין איר:

— ...הוא יברך... הוא יברך...

מיט א מאָל איז מוראדיק שטיל געוואָרן. פּאָלי איז אַראָפּגעפאַלן פון אַלע הימלען און האָט זיך מיט שרעק אַרומגעקוקט: שוין לאַנג, אַז ס'איז שטיל? וואָס קוקט מען אַזוי? אַלע בליקן זענען געווען געווענדעט אַראָפּ, צו דער חופה. פּאָלי האָט זיך א כאַפּ געטון ביים האַרצן: וואָס טוט זיך דאָרט? זי האָט שוין עפּעס אָנגעוווירן? פאַרשפּעטיקט? שאַ! מען פירט די כלה... טריט ביי טריט, ווי א קייזערין... צו ערשט גייען ביידע פּאַטערס... איצט פון איין זייט צפּורה און פון דער צווייטער זייט א פרעמדע, א פנים איר מוטער... אין מיטן, מיט א פרוכת צוגעדעקט — „זי"... טויזנטער אויגן שטעכן זיך איין אין דעם שטיקל פרוכת, אונטער וועלכן עס געפינט זיך יענץ גליקלעכע פנים... פּאָלי איז גרייט אָפּצוגעבן צען יאָר פון איר לעבן, אַבי אַרונטעררייסן איצט דעם דעקטוך פון איר רויבערין, אָנקוקן אין פנים איר רוצחטע, איר מלאך־המות... נאָר זי ווייסט, אַז עס איז נישטאָ דער כח אויף דער וועלט, וואָס זאָל דאָס איצט קענען טון... זי קוקט אויף איר מאַיעסטעטיש גענגעלע, אויף איר שלאַנקער, שטאָלצער פיגור און דאָס האַרץ שפּרינגט איר שיר נישט אַרויס פאַר אייפערזוכט... אוי ווי! אויב איר פנימל איז געראָטן אין איר געשטאַלט, וועט שלמה צו איר שוין קיין מאָל נישט קומען צו לויפן... די מענגע מחותנתטעס וועט זיך גאָר א פנים קיין מאָל נישט ענדיקן. מען גייט און מען גייט און קיין ברעג זעט מען נאָך אַלץ נישט... און אַלע טראָגן זיי ליכט... און יעדעם ליכט, פילט פּאָלי, ברענט איר אויס א לאָך אין האַרצן... אייניקע פון די מחותנתטעס, זעט מען, פאַרלירן א טרער... מן הסתם זיך דערמאָנט די אייגענע חתונה... אַנדערע האָבן אַרויפגעצויגן אויפן פנים א לייטזעליק שמייכעלע, עלעהיי ווי זיי זאָלן זאָגן: שוין געזען, שוין געזען, וועסט אונדז מיט גאָרנישט איבעראַשן... אָבער פון דעסט וועגן איז קענטיק, אַז סיי די, סיי יענע זענען דורכגעדרונגען מיט דער ערנסטקייט פון דער איצטיקער מינוט... און די מחנה ציט זיך און ציט זיך ווי א קאַשמאַר... פּאָלי שטעקט אַריין די ציין אין דער אונטערשטער ליפּ, זי האָט מורא, אַז דער איינגעהאַלטענער געוויין זאָל זיך קעגן איר ווילן נישט אַרויסרייסן פונעם האַלדז און פאַרפּלייצן דעם גאַנצן שולהויף: גוואַלד פאַר וואָס פּייניקט מען זי אַזוי? פאַר וועלכע זינד? פאַר וואָס מאַכט מען נישט איינס און צוויי און אַן עק זאָל נעמען צו אירע ליידן! שאַ! ענדלעך איז דער קאָפּ פון דער שערענגע פאַרשווונדן אונטער דער חופה... די זון איז שוין אויפן דאַך... די שאָטנס פון די אַרומיקע מויערן קריכן אויפן שולהויף, צעהענגען אויף די פענצטער דעם בין־השמשות... די ליכט רינגלען אַרום די חופה, עס דאַכט זיך: די חופה שטייט אין פלאַמען... זען זעט מען שוין גאָרנישט... אויפן גאַנצן פּלאַץ איז שטיל ווי פאַר תקיעות... דער שמש, א הויכער ייד מיט א פּאָר לאַנגע הענט,

שטייט אויסגעקעקרעוועט צו איר מיט דער פּלייצע. זי הערט ווי ער זאָגט צו עמעצן אומגעדולדיק:

— זייט רואיק, איך צייל, איך צייל...

ווידער איז זייער שטיל. מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַ קול פון אַן אַלטיטשקן... דער אַלטער ר׳ אברהם פייגנבוים זאָגט די ערשטע ברכה... מאַלאַדיעץ שלמה! ריכטיק געטון... זי, פּאַלי, וואָלט אויך אים געגעבן דעם ערשטן כיבוד... שאַ, און ווער לייענט דאָס? אַ—האַ! נו, פאַרשטענדלעך, הרב ביאַליק לייענט די כתובה, ווי דען אַנדערש? די פידלען ציען אַרויס דאָס חיות... אמת, ס׳איז קוים וואָס מען הערט זיי, נאָר ס׳איז עפּעס אַזוי וויינענדיק... אַזוי טרויעריק און געשמאַק... אפשר איז דאָס ספּעציעל אַזוי צוגעטראַכט, כדי אומצוואַרפן זי אין חלשות...— ניין! איצט איז נישט קיין צייט אויף חלשות... איצט איז אַ רענדל אַ וואָרט, מען דאַרף הערן, הערן... שאַ, די פידלען זענען שוין אַנטשוויגן געוואָרן... וואָס קומט דאָרט פאַר? וועמענס קול איז דאָס? ס׳אַ משל! ווער דען זאָל ביי שלמהן מסדר קידושין זיין, אויב נישט מנשה כאַדאַראַוו?... באַרעכן נאָר: אי אַ קרוב, אי אַ רב, אי עפּעס „מענדל פּערלאָוו”... איי, זינגט ער שיין... זי האָט פון שטענדיק אָן ליב דעם מאָטיוו פון די שבע־ברכות, און באַזונדערס — אַז מנשה זאָגט זיי... וואָס איז שוין ווידער פאַר אַ נייעס? דער שמש האָט אויסגערופן עמעצנס נאָמען, ווער מען די מחותנים זענען מכבד מיט דער ברכה־אחרונה פון די „שבע־ברכות”. צווישן דעם געדיכטן עולם שפּאַלט זיך דורך אַ וועג יענער אַלטער מיט דער אָפּגעקראָכענער ליוסטרינענער קאַפּאָטע. ווי נאָר ער האָט דאָרט געפנט דאָס מויל, האָט דאָ פּאָלי דערפילט אין איר אונטערבאַוווסטזיין, אַז דאָס איז דער אָדעסער קראַסאַוויצעס זיידע. יאָ, דאָס איז בלתי ספק דער זיידע פון יענעם בילד־שיינעם מיידל, וועלכע שלמה האָט דאַמאָלסט נישט גענומען צוליב איר, פּאָלין... און איצט... ניין, ניין, אויף דער וועלט איז קיין אייביקע זאַך נישטאָ... שאַ, וואָס שווייגט מען איצט? איצט פאַרזוכן חתן־כלה פון כוס של ברכה, און —

עס דערהערט זיך אַ שאָס פון אַ צעזעצטער גלאָז און דער גאַנצער פּלאַץ פון ברעג צו ברעג שיסט אויס ווי אַ האַרמאַט:

— מזל־טוב.... מזל־טוב... מזל־טוב...

פּאָלין רייסט זיך אָפּ אינעווייניק. זי זאָגט זיך אַליין שטיל:

— מזל־טוב דיר, פּאָלי, דעם געליבטן אויסגעגעבן... דו קענסט שוין גיין... דו האָסט זיך שיין אויסגעהאַנדלט, מאַלאַדיעץ!

די מוזיק שפּילט אַ פרייליכס. דער קעסלפּויק זעצט אין קאָפּ אַריין ווי מיט אַ האַמער. דאָס פייפעלע פליט איבער די פידלען, קינצלט זיך און מאַכט טאַנצנדיק דעם עולם. פּאָלי שפּאַרט זיך דורך מיט גוואַלד צום אַרויסגאַנג. זי כאַפּט נאָך אַ פּאָר סטוסאַקעס פאַר דעם שטופּן זיך, נאָר זי פילט גאָרנישט. ס׳איז איר שוין אַלץ איינס, דאָס גאַנצע לייב איז איין ווונד. אויפן שולפּלאַץ איז: הימל עפּן זיך. מען דריקט זיך די הענט,

מען קושט זיך, מען טאַנצט... זי גייט גלייך צום אַרויסגאַנג. אַרויסבאַ־
קומען זיך פונעם געדראַנג אויפן טראָטואַר, דערפילט זי אַ מעכטיקן
שטויס אונטער דער ברוסט: פונקט אַקעגן איר, הינטער דער זעלבער
טיר, ווו זי האָט זיך באַהאַלטן יענעם פרימאָרגן וואַרטנדיק אויף מנשהן
— שטייט איר פאָטער, איר טייערער ליבער פאָטער... ער האָט זי דווקא
געזען דורכגיין, נאָר ער האָט זי נישט דערקענט. אַך, גאָטעניו, גאָטעניו...
ווער קען אַצינד קומען צו איר פאָטערס האַרץ? וואָס וואָלט זי איצט נישט
אָפּגעגעבן, אַז זי זאָל קענען באַטש מיט וואָס עס איז פאַרלייכטערן זיינע
ווונדן? איי, האָט ער אַ ווונד! אַ בלוטיקע ווונד... זיין אָרט איז איצט
לעבן חתן, אויבן אָן, נישט הינטער דער טיר, ווי אַ גנב... וויי, וויי,
ערשט פאַר אַ יאָרן... ערשט פאַר אַ יאָרן...

זי גייט האַסטיק אַהיים, ווי זי זאָל זיך איילן עפּעס נישט אָנצווווערן.
דעם וואָל האָט זי אָפּגעוואָרפן פון איר פנים און אַן אומגליקלעכער
שמייכל רונצלט אירע ליפּן. ביי די טרעפּ דערמאָנט זי זיך, אַז אַלע בני־
בית זענען דאָך דאָרטן. זי גייט פון דעסט וועגן צו צום אָפּגערעדטן אָרט
ווו מען לאָזט געווייַנלעך איבער דעם שליסל — ליידיק! איר אייגענעם
שליסל האָט זי אויך נישט. ער איז געבליבן אין טעשעלע אויף קאַרי־
ניאָוועקע. אַך, אַך, אַך, וואָס טוט מען איצט? וווּהין טוט מען זיך אַהין?
זי גיט מעכאַניש אַ פּרווו די טיר — זע נאָר, ס'איז גאָר אָפן!...

איר אַקעגן גייט מאַרוסיאַ. זי איז אַזוי אין כעס — אש־להבה:

— עס איז פון דיין מאַמען, פאַלי, אַזאַ מין עוולה... איך ווייס עס
גאָרנישט ווי אַזוי אָנצורופן. איבערלאָזן מיך אויף אַ מינוט און זיך
זאַמען עטלעכע שעה — דאָס דאַרף מען דאָך קענען... זי זאָל כאָטש גע־
וועגן איבערלאָזן דעם שליסל... דאָס קינד אין די יאַסלעס קער זיך צע־
רייסן שרייענדיק... דו ווייסט פאַלי, ווען דו האָסט געעפנט די טיר, האָב
איך דיך גאָרנישט דערקענט... איך האָב געמיינט, אַז דאָס האָט אַהער
פאַרבלאָנדזעט אַ מאָנאַכין, אָדער עפּעס אַ פרוי אין טרויער... ווי קומט
צו דיר אַזאַ טואַלעט?

אויף פאַלים פנים וויברירט נאָך אַלץ דער זעלבער פאַרגליווערטער
שמייכל.

— פאַר וואָס שווייגסטו? יאָ, איך האָב שיר נישט פאַרגעסן. פון
דיר קומט דאָך היינט משקה, איצט ביסטו שוין אויף אַן אמת פטור גע־
וואָרן פון דיין „צדיק"... דאַכט זיך היינט, — האָט סאָנקע געזאָגט, —
איז זיין חופה, נישט אַזוי? וואָס שווייגסטו?

אין פאַלים אויגן גיט אַ בליץ אַ שרעקלעך פייערל. עס גיבן אַ קלונג
אַלע שויבן אין צימער פון דעם פליאַסק, וואָס זי דערלאַנגט מאַרוסיען
אין באַק:

— נאַ, דאָס האָסטו דיר פאַר „צדיק"...

און אין דער צווייטער באַק:

— פאַר כאַסידאַילע...

זי וואַרפט זי אום אויפן פּאָל און שלאָגט זי מכות־רצח, מיט די הענט און מיט די פיס, אונטערן האַרצן, אין קאָפּ אַריין, אין בויך, אין פּלייצע... די אויגן — אַ ווולקאַן, פון מויל — זעצט דער שוים, זי פאַר־בלינעט זיך מיט אירע רייד, כאַפּט דעם אָטעם ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך און שרייט ווילד:

— נאַ דיר, ווערעמדיקע קאַץ: פאַר לאַנגע פּיאַהצן... פאַר אַ יידי־שער נאָז... פאַר לייזיקער זשידלאַק... פאַר יודאַש מיט לעפּצן... פאַר פאַר־שימלטע שמות... פאַר אייערע וואַנעס... פאַר אייער שאַמפּאַניער... פאַר אייערע אַפּערעטקעס און מוז־קאָמעדיעס... פאַר די אויסגעלאַסענע בע־לער... פאַר די אומזיסטיקע לאָזשעס... פאַר די פּלאַזשעס... פאַר די אי־מענינעסן... נאַ! נאַ! נאַ!...

— גוואַלד! ראַטעוועט!...

— דו וועסט ביי מיר שרייען גוואַלד? איך וועל ביי דיר אויסרייסן דיין אומריין צינגל, וואָס האָט יאָרן לאַנג געטריפט גיפט אין מיין נשמה אַריין... אַך אַזוי, די צונג לאָזסטו נישט? טאָ רייס איך דיר אויס די האָר... ניין, בעסער אויסשטעכן דיינע שלאַנגישע אויגן... נאַ דיר דער־וויל אין די ציין... האָסט עס כשר פאַרדינט... האַ, גוט? נאַ זשע דיר נאָך אַ מאָל...

מאַרוסיאַ דערפילט, אַז יענע איז רעכט משוגע, זי איז איצט אויף אַלץ פעאיק. עס באַפאַלט זי אַ מויטשרעק. עס הייבט זיך אָן אַ פאַרצווייפל־טע ראַנגלעניש צווישן די צוויי פרויען. מאַרוסיאַ שטרענגט אָן די לעצטע כוחות, וואַרפט אום פּאָלין אויפן באַנקבעטל און אליין לויפט זי אַרויס אויף דער גאַס מיט צעשויבערטע האָר און מיט אַ פאַרבלוטיקט פּנים.

פּאָלי איז מאָמענטאַל אויפגעשפּרונגען ווי אַ פּרוזשינע. זי האָט זיך ווילד אַרומגעקוקט און אויסגעשאָסן מיט אַן אומהיימלעכן געלעכטער:

— אַ—האַ! אַנטלאָפן דער נישט־גוטער! אוים מכשפה! זיך דער־שראָקן? כאַ, כאַ, כאַ...

זי קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן:

— און דו, שפּיגל, לאַכסט אויך פון מיר? לעקיש איינער! דו האָסט ביי מיר אַ שיינעם ממש —

אַ טראַך מיט אַ טעלער אין שפּיגל.ביידע צעפליען זיך אויף פּיץ־פּיצלעך.

— אַ—האַ! דו, פּרימוס, מיינסט, אַז איך וועל מיר ווי שטענדיק נעמען דערוואַרעמען אָנבייסן? דו וועסט זיך ביי מיר מישן אין פרעמדע געשעפטן?

— פּיואיט!...

דער פּרימוס גיט האָסטיק אַ פלי אין פענצטער אַריין. עס פּלאַצן דריי שויבן מיט אַ מאָל.

פּאָלי צעלאַכט זיך ווי אַ זיגערין:

— כאַ־כאַ־כאַ... זאָל ער וויסן רוקן די נאָז ווו מען דאַרף נישט... און ווער איז דאָס? אין שאַפע אויך אַ שפיגל? באַ־אַ־אַלד...

דאָס עלעקטרישע פּרעסל שפּאַלט דורך די לופט און פליט אַריין אין שאַפע אַריין ווי אַ באָמבע. פּאָלי צעשיט זיך אין אַ הילכיקן געלעכטער. פון דעם שפּיגל, פונעם שאַפעטירל איז קיין זכר נישט געבליבן...

— אַ—האַ! מלבושים!... קרעפּדעשין... באַסטאָן... מאָליעווע מאַנט־לען, פּעטער, קרעפּ־זשאָרזשעט, באַטיסט, סאַטין־ליבערטין, טריקאָטין... אַ פייג וועל איך אייך שוין אָנטון מער... וואָן צו אַל די רוחות... וואָן פון מיין שאַפע... אויס, אויס, אויס... נידער מיטן „קאָנטינענטאַל"... נידער מיט די בעלער... דער רוח האָט צוגענומען די קו, זאָל ער נעמען אויך דאָס קעלבל... אין דער ערד אַריין אַלץ...

מיט אַ שרעקלעכן אימפּעט פליט אַלץ פון דער שאַפע. זי רייסט מיט די הענט, טרעט מיט די פיס, פליקט מיט די ציין. אין דער רגע איז זי ענלעך אויף אַ צערייצטער טיגערין. אַרום איר וואַלגערן זיך אַרבל, קעל־נער, צעטאָפּטשעטע קליידער און צעפיצלט וועש... איין אויגנבליק שטייט זי שטיל, ווי איינהערנדיק זיך אין עפּעס. פּלוצלינג טוט זי אַ שרעקלעכן געשריי:

— אַ—האַ! איר מיינט אודאי, אַז איך מאַך מיר אַ שפּאַס?... אָט באַלד ווייז איך אייך, ווי אַזוי טאַמאַראַ פיינשטיין שפּאַסט...

זי כאַפּט פון אונטערן בעט אַ ליטערדיקע פלאַש טינט און באַגיסט פלייסיק דעם גאַנצן הויפן קליידער, אַכטונג געבנדיק מיט אָנגעצונדענע אויגן, אַז עס זאָל חלילה נישט בלייבן קיין ריינער פלעק. געענדיקט, גיט זי אַ שמיץ די ליידיקע פלאַש אין גרויסן בוטעל קעראָסין. דער בוטעל צעשפּאַלט זיך אויף דריי גרויסע שטיקער און די גרינבלעכע פליסיקייט צעגיסט זיך איבערן שטוב.

זי קוקט זיך אַרום טריאומפירנדיק:

— וואָס נאָך ליגט שלעכט? ווער נאָך לאַכט פון מיר? אַ—האַ! דאָס בעט! דו מיינסט, אַז איך וועל זיך נאָך לייגן אויף דיר? ווי לאַנג קרענק־סטו!... אָט האָסטו דיר דעם בעסטן באַווייז...

מיט אַ געשיקטקייט פון אַן איבערגעשראָקענעם האָז כאַפּט זי דאָס מעסער פונעם טיש און שניידט די קישנס אויף רעכטס און אויף לינקס. פּאַרטיק געוואָרן מיט איין קישן, וואַרפט זי אים אַראָפּ אויף דער פּאָד־לאָגע און שפּאַלט אויף דעם צווייטן... דעם דריטן... געענדיקט מיט איין בעט, נעמט זי זיך פאַר דעם צווייטן, פאַר דעם דריטן, פאַר דעם פערטן. און אַלץ אַזוי פלינק, מיט אַזאַ פינקטלעכקייט, מיט אַזאַ בריהשקייט, אַז עס פאַרכאַפּט ממש דאָס אויג. די סקעלעטן פון די אייזערנע בעטלעך קאָרטשען זיך פאַר קעלט, פאַר נישט געוווינט זיין צו שטיין נאַקעט. אין צימער, נישט קוקנדיק אויף דער שטענדיק ברענענדיקער עלעקטרי, איז פינצטער. עס שטייט אַ וואָלקן פון פעדערן. פּאָלי קאַטשעט זיך פאַר גע־לעכטער. מיט אַן איבערגעקערטן איינשיט פון אַ געשחטענעם קישן ווישט

זי זיך אָפּ דעם שוויים פונעם פּנים, פון די הענט, שפּאַרט זיך צו אויפן בערגל צעפּליקטע שמאַטעס און צעפּלעכט זיך די צעפּ זינגענדיק:

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן...
זאָל שוין זיין גענוג, זאָל שוין זיין גענוג...

מיט א מאָל גיט זי א שפּרונג אויף מיט א היסטערישן קוויטש:
— און שלמהס פאָטאָגראַפיע? שלמהס פאָטאָגראַפיע דאַרף מען פאַרברענען!...

מיט פיבערנדיקע פינגער רוקט זי אַרויס פון אונטערן בעט א היפּש קעסטל ביכער, מיט א משוגענעם אימפּעט צעוואַרפט זי די ביכער אַרום זיך, רוקט אָפּ פונעם דנאָ א צוגעקלאַפּט שטיקל דיקט, נעמט אַרויס שלמהס פאָטאָגראַפיע, באַטראַכט זי מיט משוגענע אויגן, דריקט זי צו צום האַרצן, ווישט אָפּ מיט איר דאָס פּנים, קושט זי און וויינט יאָמערלעך... דאַן כאַפּט זי די שוועבעלעך פון דער פּליטע און רייבט אויס עטלעכע מיט א מאָל. דער שוועבל האָט אַזוי העליש אויפגעפלאַמט, אַז פאַר גרויס דערשרעק האָט זי זיך אויסגעגליטשט אין א קאַליוזשע קעראָסין. די ברענענדיקע שוועבעלעך ברעכן זיך איבער און פאַלן אַראָפּ אויף אירע צעפּ. די האָר גיבן זיך א סמאַליע און לויפן זיך צונויף... זי קוקט פאַרשטאַרט אויף די ברענענדיקע האָר. איר מח אַרבעט שווער. פּלוצלינג ווערט זי ווי אויפגעטרייסלט פון אַן אומגעריכטן געדאַנק, זי שפּרייט אויס די הענט צו דער סטעליע און שרייט עקזאַלטירט מיט א ווילדן פאַנאַטיזם אין די אויגן:

— קוויט, קוויט... דאָרטן — ליכט, און דאָ — צעפּ... דאָרטן — ליכט, און דאָ — צעפּ... קוויט... קוויט...

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קאפיטל XLI

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

קאַפּיטל XLII

עס איז פאַריבער אַ וואָך.

מאַרוסיאַ איז געלעגן אין אַלעקסאַנדראָווסקע שפּיטאָל מיט אַ שטענדיקער טעמפּעראַטור פון 41°. די דאָקטוירים האָבן געהאַלטן, אַז עס איז שלעכט מיט איר. פּאָלי איז דווקא געלעגן אין דער היים, נאָר זי האָט נישט געוווּסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז. דער קאָנסיליום פון די גרעסטע קיעווער פּראָפעסאָרן האָט פעסטגעשטעלט דעם דיאַגנאָז:

— אַן אויסערגעוויינלעכע נערוון־אויפטרייסלונג. עס וועט זיין אַ גרויסער נס, אויב דאָס וועט פאַריבערגיין, נישט האָבנדיק געבראַכט צו קיין מאָרך־אָנצינדונג.

דערווייל האָט מען איר אַלע דריי שעה געמאַכט ספּעציעלע איינשפּריצונגען. ביי טאָג און ביי נאַכט איז לעבן איר געזעסן אַ קראַנקן־שוועסטער. ביז צען טעג האָט געזאָלט זיין דער רעזולטאַט: אַהער אָדער אַהין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען מאַרוסיאַ איז אין יענעם ווייסטן תחילת־נאַכט צוזאַמען מיט די טולטשינסקעס געקומען צו לויפן פונעם שולפּלאַץ אַהיים, זענען שוין פּאָלים האָר געווען פאַרקוילט ביז די אויערן, דאָס גאַנצע פּנים אָפּגעסמאַליעט, דאָס קלייד אויף איר האָט זיך אויך שטאַרק געריבערט און זי, זיצנדיק ביי דער פּליטע אין אַ קופּע פעדערן ביזן מויל, האָט נאָך אַלץ געפּליעסקעט און געשריגן:

— דאָרט אַ חתונה — דאָ אַ חתונה... דאָרט אַ חתונה — דאָ אַ חתונה... קוויט, קוויט... קוויט, קוויט...

אסתּר האָט די ערשטע זיך געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פאָר. אַ מוטער־האַרץ... אין איין אויגנבליק האָט זי דערטאַפּט אַ וואַטענע קאָלדרע און האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף פּאָלין. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט זי דורך דער קאָלדרע אַרומגעטאַפּט די אברים ביי איר טאָכטער, צי אַלע זענען גאַנץ.

אויף דער שוועל איז געלעגן מאַרוסיאַ אין אַ טיפן חלשות. פּאָלי האָט איר אָפּגעריסן אַלע אברים אין בויך. נאָר די שרעק פאַר פּאָלים צעבושעוועטן משוגעת, האָט זי ווי אַ מחנה שדים געיאָגט מיט אַ צעבלוטיקט פּנים צו דער קופּעטשעסקע שול. צעוואָרפנדיק דעם גרויסן עולם, האָט זי געפונען אַווראַמען מיט ניומען שטייענדיק צוזאַמען. איבערי‍אָגנדיק איינער דעם צווייטן, האָבן זיי זיך אין דרייען געלאָזט לויפן אַהיים. אסתּר, וואָס האָט שוין אירע יינגלעך לאַנג געהאַט אויפן אויג, האָט פון דער ווייטנס דערשמעקט, אַז עפּעס האָט געטראָפן אַן אומגליק און האָט זיי שוין אויפן וועג אָנגעיאָגט. איצט, ווען פונעם צימער האָט מאַרוסיען נאָך געגעבן אַ זעץ אין קאָפּ אַריין דער געשטאַנק פון קעראָסין און אַ

טשאַד פון געסמאַליעטע פעדערן — האָט זי גלייך אויף דער שוועל פאַר־לוירן דעם באַוווסטזיין.

ניומאַ איז אַוועקגעלאָפן אַרויסרופן אַ קאַרעטע פון „גיכער הילף" מיט צוויי דאָקטוירים. איינעם פאַר מאַרוסיען און איינעם פאַר פאַלין. צוזאַמען מיט די דאָקטוירים און מיטן שאָפער איז נישט טויט נישט לעבעדיק אויך אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין — יאַני. נאָך פונעם ראָג גאַס, — ווי נידערגעשלאָגן ער איז נישט געווען פון דער היינטיקער חתונה — האָבן ביי אים אָנגעהויבן ציטערן הענט און פיס, באַמערקנדיק די קאַרעטע מיטן „רויטן קרייץ" ביי זיין טיר. גאָט ווייסט, וואָס דאָרטן האָט געטראָפן — האָט זיך אין אים געוואָרפן דאָס האַרץ לויפנדיק אין איין אָטעם — און אפשר איז זי גאָרנישט צו אים, וואָס איז, ער איז איין איינוווינער אין דעם הויז? דערזעענדיק מאַרוסיען אין חלשות און פאַלין ליגן אין די פעדערן אַ האַלב־נאַקעטע און אָן האָר, האָט ער אַ ווילדן ריטשע געטון:

— טאָכטער מיינע... טרייסט מיינע... מען טאָר אַזוי נישט... ס'איז נישט געווען דיינס...

נאָר פאַלי האָט אויף אים געקוקט מיט גלעזערנע אויגן, קאַלט און גלייכגילטיק.

זי האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט...

— —

אַלע שטובמענטשן ביי די טולטשינסקעס זענען געשלאָפן אויפן קאָרידאָר. מיט פאַלין אין צימער האָט זיך געפונען בלויז די מוטער און די קראַנקן־שוועסטער. פון אָפגעבן זי אין שפיטאָל אַריין, האָט יאַני אפילו נישט געוואָלט הערן. זעענדיק זיין עלטסטע טאָכטער ביים מלאך־המות אין די נעגל, האָט ער אויף זיך געריסן די האָר. ער האָט זיך געקלאַפּט קאָפּ אין וואַנט. גאַנצע מעת־לעתן פלעגט ער נישט וועלן אָפּטרעטן פון איר שוועל. וויפל די דאָקטוירים האָבן אים נישט געוואָרנט, אַז זיינע יללות דערנעענטערן זיין קינד צום גרוב; אַז דער חולה טאָר איצט נישט הערן קיין מינדסטן שאָרך, אַנדערש זענען אומזיסט אַלע רפואות; אַז אויב ער וועט זיך נישט נעמען אין די הענט אַריין, וועט מען זי בגוואַלד צו־נעמען אין שפיטאָל אַריין, אָבער די באַלערנענדיקע רייד פון די דאָקטוירים און דאָס בעטן זיך ביי אים פון די ווייב און קינדער האָבן ווייניק וואָס פועל געווען. אין צימער האָט מען אים נישט אַריינגעלאָזט, אָבער קוים האָט ער דורך אַ שפּאַרונע דערזען ווי פאַלי ליגט אין די קישנס ווי אַ קלאָץ, דאָס פנים געל ווי זאַפרען און אָן אַ סימן פון לעבן, פלעגט זיין געוויין זיך לאָזן הערן איבער אַלע שטאָקן. ער האָט זיך אויסגעריסן שטיקער פלייש פון פנים, זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין ווי מיט אַ האַמער, געיאָמערט און געקלאָגט פאַר אַלע קינדער:

— דאָס בין איך איר רוצח... איך, איך און נאָך אַ מאָל איך... ס'איז אויף מיר קוקנדיק האָט זיך איר געדאַכט, אַז מיט שלמהס חתונה־האָבן

גייט אונטער די גאַנצע וועלט... איך, איך בין איר מלאך־המות... גאָט מיינער! אָדער גיב איר אַ רפואה, אָדער איך צעקלאַפּ זיך דעם קאָפּ אויף שטיקלעך אין אָט דער אָ וואַנט. איך בין דיר מוחל דיין שלמהן... כ׳וויל שוין נישט קיין למדן... כ׳וויל מיין קינד! גיב מיר אָפּ מיין טייער ליב קינד!...

ענדלעך האָט פֿאָלי אָנגעהויבן קומען צו זיך, ביסלעכווייז רעאַגירן אויף אַלץ, וואָס קומט פֿאָר אַרום איר. צו קיין מאַרך־אָנצינדונג איז נישט געקומען. די אומגליקלעכע עלטערן זענען געווען איבערגליקלעך, זיי האָבן ממש מורא געהאַט פֿאַר אַ גוט־אויג. ווען גוטע־ברידער פֿלעגן פֿרעגן: „וואָס הערט זיך?", פֿלעגט מען ענטפֿערן מיט אַ האַלב מויל: „אַלץ ווי געווען, מען ווייסט נאָך גאָרנישט." ווידער איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן דער זעלבער קאָנסיליום. זיי אַלע האָבן יאַנין באַגריסט מיט דער „געפֿונענער" טאָכטער, זיי האָבן אָבער געוואָרנט, אַז איר קרענק דאָס איז אַ סדרה אויף אַוועלכע דריי פֿיר און אפֿשר אפֿילו אויף גאַנצע זעקס חדשים. אַזוי לאַנג מוז דויערן, ביז זי וועט קומען צו דעם זעלבן געזונט־צושטאַנד, ווי זי איז פֿריער געווען. די אָרעמע עלטערן האָבן אַלץ וואָס ס׳איז אויף זיי נגזר געוואָרן אָנגענומען פֿאַר ליב. יאַני האָט שטרענג באַפֿוילן, אַז אין שטוב זאָל נישט דערמאָנט ווערן דער נאָמען שלמה, אָדער סאָלאָמינקע, הס מלהזכיר! מנשה כאַדראָוו האָט אַ מאָל עפּעס געדאַרפֿט האָבן יאַנין, האָט מען אים אין שטוב נישט אַריינגעלאָזט; אברהם שאַרפּשטיין האָט עפּעס געדאַרפֿט דערלאַנגען פּאַפּירן אין באַנק אַריין און האָט געוואָלט זיך פֿריער אַן עצה האַלטן מיט יאַנין, האָט מען אים אין שטוב נישט אַריינגעלאָזט; אפֿרים־אהרונס אַ שכן, שלמהס אַ שכן — מאַן דכר שמיה! דעם פּעטער גרשונס עלטערער זון האָט אַ מאָל מיט אסתרן בשותפֿות געקויפֿט אין גאַסטראָנאָם אַ גרויסן העכט, און אַזוי ווי צו אסתרן אין שטוב אַריין איז זייער נאָענט, זענען זיי אַוועק צו איר אַהיים זיך צעטיילן. אָבער קומענדיק אין קאָרידאָר אַריין, האָט זי אים געזאָגט:

— וואַרט אויס דאָ, זייט מוחל. באַלד טראָג איך אַרויס אַ בענקל מיט אַ מעסער. אין שטוב קען מען נישט אַריינגיין...

מאַרוסיאַ האָט זיך אומגעקערט פֿון שפּיטאָל געל־גרין ווי אַ לימענע און אויסגעטריקנט ווי אַ לולב. אויך זי האָט מען נישט אַריינגעלאָזט; מיט אַלע כוחות האָט מען זי איזאָלירט פֿון יענער וועלט, וועלכע האָט זי געבראַכט צו אַזאַ צושטאַנד; פֿאַרבאַריקאַדירט קעגן די בייזע ווינטן, וועלכע האָבן זי שיר נישט אומגעוואָרפֿן, שיר נישט פֿאַרטריבן פֿון דער וועלט. מיט טויזנטער אויגן האָט מען אַכטונג געגעבן, אַז פֿאָלי זאָל האָבן אַבסאָלוטע רו, מען האָט זיך געהיט ווי פֿאַר פֿייער מען זאָל איר חלילה נישט דערמאָנען די אַלטע ווייטיקן.

אַ פּאָר וואָכן נאָך ניי־יאָר, צום ערשטן מאָל נאָך פֿינף חדשים צייט, האָבן די עלטערן קוים געפּועלט ביי זייער טאָכטער, אַז זי זאָל אַרויסגיין אַ קוק טון אויפֿן דרויסן. איר אַליין האָט דאָס נישט אויסגעפֿעלט. זי

האָט געפּילט אַן אַפּאַטיע צו אַלץ, וואָס געפינט זיך פון יענער זייט טיר. די עלטערן האָבן געוואָלט אויפוועקן איר נייגער, איר דערמאָנט, אַז בשעת דעם אומגליק איז געווען אין מיטן זומער און איצט איז שוין ברוך־השם אין מיטן ווינטער. זי האָט אַלץ אויסגעהערט גלייכגילטיק און האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס אַרויסצוגיין פון יענער זייט שוועל. אין יענעם אָוונט אָבער איז געווען זייער אַ שיין וועטער, די עלטערן זענען צוגעשטאַנען צו איר און פּאַלי איז, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אוואַמס אָרעם, אַרויסגעגאַנגען אונטער גאָטס הימל. זי האָט גלייכגילטיק אַ קוק געטון אויף דער פּראַסטיקער לבנה, אויף די שפּיציקע שטערנדלעך, אויף די פאַרשנייטע גאַסן און האָט גלייך פאַרלוירן דעם אינטערעס צו דעם אַלעמען. אַן אומענדלעכע פּאַסיוו־קייט צו אַלץ און צו אַלעמען האָט זיך באַזעצט אין איר, זיך איינגע־וואָרצלט אין איר נשמה. אַלץ, וואָס קומט פון דרויסן, האָט זי געלאַנג־ווייליקט, צו קיין שום זאַך האָט זי נישט געהאַט קיין געדולד, חוץ ווי צום ליגן אין בעט און קוקן אויף דער סטעליע. צו דער מלאכה האָט זי זיך שוין אַזוי צוגעוווינט, אַז זי האָט אַזוי געקענט אוועקליגן פון אינ־דערפרי ביז נאַכט און עס זאָל איר נישט נמאס ווערן.

ווי נאָר זי האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, האָט זי זיך גיך פּאַ־פראַוועט און שוין אין פעברואַר האָט זי אַליין געשטעלט די פראַגע פאַר די עלטערן:

— וואָס טוט מען איצט?

פון ווידער אָנהייבן באַזוכן דעם אינסטיטוט האָט זי שוין אפילו נישט געוואָלט הערן. דער קאָפּ האָט שוין נישט געדינט דערויף און די כוחות אודאי און אודאי נישט. עס האָט איר שוין אין גיכן געדאַרפט ווערן פיר און צוואַנציק יאָר. ווען אַנדערע אין אירע יאָרן ענדיקן שוין דעם אינסטיטוט, זאָל זי ערשט ווידער אָנקומען אויפן צווייטן קורס? און ווער ווייסט, צי מען וואָלט זי איצט אַריינגענומען אפילו אויפן צווייטן? ניין, ניין, מוחל! זאָל שוין זיין אַזוי! שוין גענוג געלערנט. די דאַרשט נאָך בילדונג קאָסט זי שוין גענוג טייער. זי וויל שוין נישט רעשן, איבעררעאַשן. איצט וויל זי נאָר — רו. וואָס מער רו! אויב עס איז מעגלעך — אַבסאָלוטע רו. מער גאָרנישט. מער פאַרלאַנגט זי קיין זאַך נישט...

דער פאָטער האָט איר מיט דער הילף פון וולאַדימיר ווייסבלאַט צוגעזוכט אַ שטעלע אין קאָנטאָר פון „קיעווטאָרג", ביי דער קאַרטאָ־טעקע. אָן חשק, אָן אַ מינדסטער פאַראינטערעסירונג, נאָר פּינקטלעך ווי אַ מעכאַניזם, פלעגט זי אַלע אינדערפרי אַוועקגיין אויף דער אַרבעט, און פאַרנאַכט צוריקקומען. זעלטן ווען פלעגט זי גיין מיט דער מוטער אין קינאָ אָדער ערגעץ אין געסט, און די איבעריקע צייט לייענען ראָמאַנען אויפן אַלטן גוטן שטייגער.

נאָך פּסח איז פּאַלין פלוצלינג אויסגעקומען צו פאָרן מיטן צוג.

די מעשה דערפון איז אַזוי געווען:

אומגעריכט פאַר יעדן האָט סאָנקע געמאָלדן דעם פאָטער, אַז לער־נען זיך מער ווי ביז צען קלאַסן וויל זי נישט. זי האָט אַ געליבטן און גייט די נאָענטסטע טעג זיך פאַרשרייבן מיט אים אין „זאַגס". לכן, אויב ער וויל איינאָרדענען אַ חופה, מהיכי־תיתי. ניין? וועט זיין אַזוי אויך גוט. כדי עס זאָל נישט קומען צו קיין לייטיש געלעכטער, וואָס די יינ־גערע שוועסטער האָט געלאָזט די עלטערע „אויפן געלעגער" און איז אַליין אַוועק אויף פּאַרנט, איז פּאַלי אין אימפּעט אָפּגעפּאַרן קיין זוועני־גאָראָדקע. צווישן די צוויי שוועסטער איז שוין פון לאַנג קיין שלום נישט געווען. סאָנקע האָט אַ מאָל פאַרגוואָרפן פּאַלין:

— ווען נישט דו, מיט דיין פאַרדאָרבענעם כאַראַקטער, וואָס דו האָסט שלמהן אויף אַזאַ מיאוסן אופן פאַרטריבן פון אונדזער שטוב און מיר דערמיט אָפּגעשניטן דעם וועג אויף סאָלאָמינקע, וואָלט ער איצט זי־כער געווען מיינער...

און דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן מיט קיין האַלבן מויל, סתם אַזוי, כלאחר־יד, נאָר בקול רם, און אַלע האָבן דאָס געהערט... פון דאַמאָלסט אָן זענען די שוועסטער ברוגז געוואָרן אויף היפּשע עטלעכע יאָר. ווען פּאַלי האָט זיך אין אַ וואָך אַרום אומגעקערט פון זוועניגאָראָדקע, איז זי אפילו נישט צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער איר אָפּגעבן „מזל־טוב".

עס איז דורכגעלאָפן דער פרילינג. זיך געענדיקט דאָס לערניאָר. אוו־ראַם איז אויף דער צייט פון די קאַניקולן אָפּגעפאָרן קיין טשעליאַבינסק אויף פּראַקטיק אין דאָרטיקן טראַקטאָר־זאַוואָד. ניומען מיט זיין ראַב־פאַק האָט מען אָפּגעשיקט אויף דריי חדשים אויפן וויטן מזרח. יאַני איז מיט אַ מאָל ווי איבערגעביטן געוואָרן, געוואָרן אַן אַלטער ייד. „ווען איך האָב נאָך געהאָפט, — פלעגט ער זיך מודה זיין פאַר זיינע שול־ידי־דים — אַז שלמה אפרים־אהרונס וועט ווערן מיין קינד, האָב איך פאַר מיין נשמה נישט געדאַרפט זאָרגן, האָב איך געהאַט ברייטע פּלייצעס. היינט אָבער... וואָס? מיינע זין וועלן אפשר קומען אין שול אַריין, ווען איך וועל אַוועקגיין פון דעם עולם? חלומות! הלמאי זאָל איך זיין גענאַרט? ניין, ניין, מען דאַרף אַליין עפּעס פּרווון פאַרריכטן אַזוי לאַנג ווי די אויגן זע־נען נאָך אָפן. קיינער וועט מיר איצט דעם וועג נישט פאַרשפּאַרן, מי שטרח בערב־שבת"... פלעגט ער טאַקע אין די פרייע שעהן זיך אַריינכאַפּן אין שול אַריין, לערנען אַ פּרק משניות, זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים. אַז נישט פלעגט ער בלייבן ביי זיך אויף דער אַרבעט, שפּילן אַ פּאַרטיע שאַך, דורכקוקן אַ זשורנאַל, אַבי נישט גיין אַהיים. אין שטוב פלעגן שטענדיק בלייבן נאָר פּאַלי און די מוטער, די מוטער און פּאַלי... סאָנקע מיט איר מאַן האָבן געוווינט אין צווייטן עק שטאָט. זיי פלעגן סתם נישט קומען צו גיין. נאָר פּאַלין האָבן נישט געפעלט קיין מענטשן. אדרבה, זי איז גערן געווען, אַז מען האָט זי נישט געטשעפּעט. זי האָט אויך קיינעם נישט געטשעפּעט. ווען איר סדר־היום, וואָס זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט

פלעגט גיין כשורה, ווען קיין שום אומדערוואַרטע געשעעניש פלעגט זיך נישט אַריינרייסן אין איר נאָרמאַלן לעבן, דאַן איז זי געווען רואיק־רואיק. ריכטיקער געזאָגט — שוין אפילו אַ ביסל צו פיל רואיק...

יענעם זומער איז אין קיעוו געשטאַנען אַ זעלטן נאָרמאַל וועטער, מענטשן האָבן גוט פאַרבראַכט, אָבער פּאָלין האָט דאָס נישט אינטערע־סירט. זי האָט דאָס נישט געזוכט. זייערע קרובים, די טולטשינסקים פון קאָנטינענטאַל האָבן אָפּגענומען אַ באַזונדער ווילע אין מאָטאָווילאָווקע, איינגעלאַדן פיל געסט און פּאָלין — נישט. זי האָט עס אָבער אפילו נישט באַרירט. זי האָט אויף זיי אפילו קיין פאַרדראָס נישט געטראָגן. זי איז געווען מיד. שרעקלעך מיד. געפינענדיק זיך אין קאָנטאָר ביי דער קאָר־מאָטעקע, האָט זי הונדערט מאָל אין טאָג געקוקט אויפן זייגער:

— נאָך נישטאָ קיין פינף? אַהיים גיין איז נאָך נישט צייט?

אין דער היים פלעגט זי רעדן מיט דער מוטער אויפן ווונק — אַ מאַך מיט די ברעמען:

— גיב עסן.

נאָך אַ ווונק:

— גיב עפּעס פאַרטרינקען.

נאָך אַ ווונק:

— נעם צו פונעם טיש און פאַרשפּרייט מיר אַ ליילעך אויף דער סאָפע...

אַליין פלעגט זי זיך בשעת־מעשה אויסטון ביזן העמד, זיך איינוויק־לען נאָך אין אַ ליילעך, פאַרהענגען דאָס פענצטער מיט אַ צייטונג, עפענען אַ בוך און אַזוי שוין ליגן ביז נאָך האַלבער נאַכט... און אַזוי מאָרגן. און אַזוי איבער מאָרגן. זי האָט נישט באַזוכט נישט קיין פּאַרק, נישט קיין סטאַדיאָן, נישט קיין טעאַטער. אמת, זי האָט טאַקע נישט געהאַט מיט וועמען, נאָר דער עיקר: קיין גרויסן חשק דערצו — אויך נישט.

קאפיטל XLIII

א פּאָר חדשים נאָך פּאָלים אָנקומען אויף דער ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן אונטערשאַרן צו איר א פּאַרוואַלטער פון א קליין פּרוכטנקלייטל, איינער: מאַטוויי ראַבלין. דאָס איז געווען א נידעריק, געפּאַקט מענטשל מיט פלאַקסענע האָר ווי ביי א שייגעץ. אויפן פּנים איז ער געווען נישט קיין מיאוסער. און אויגן האָט ער געהאַט גרויע, אויך שיינע. נאָר עפּעס איז געווען אין אים אַזוינס: אָפּשרעקנדיקס, באַהאַלטנס, פּאַר וואָס אַלע מיט־אַרבעטער האָבן אים נישט ליב געהאַט, זיך באַצויגן צו אים מיט אומצוטרוי, מיט א שלעכט־באַהאַלטענעם חשד. אין קלייטל האָט ער געאַרבעט איינער אַליין. ער איז נישט געווען קיין סטאַכאַנאָוויעץ, * אָבער אויך נישט קיין אָפּגעשטאַנענער; קיין מאָל קיין פּרעמיע פון דער פּאַרוואַלטונג נישט באַקומען, אָבער קיין פאָרוווּרף — אויך נישט. צווישן די צוויי טויזנט דריי הונדערט פינף און זיבעציק „פּאַרקויפס־פּונקטן", ** וואָס דער „קיעוטאָרג" האָט געהאַט אין זיין האַנדלסנעץ אין שטאָט, און אין דער געגנט, האָט זיך געוואַלגערט אויך אָט דאָס דאָזיקע זאַמדעלע. ער איז געווען אַן עלנטער, קיינעם איז נישט געלעגן דערין אַריינצודרינגען אין זיין נשמה, וויסן ווער ער איז און וואָס ער איז, און וואָס טוט אַזא נפש אויף גאָטס וועלטל, און אויך ער מצדו האָט זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס, נישט געהאַט קיין מגע־ומשא מיט אַנדערע זאַוומאַגן, נישט געזוכט קיינעמס פריינדשאַפט, קיינעמס חברותא, וואָס דען, אָט אַזוי־אָ: שלי שלי, ושלך שלך...

מאַטוויי האָט אָנגעהויבן אָפּשטיין שעהנווייז ביי פּאָלים שרייבטיש, רעדן, דערציילן איר פון דעם, פון יענעם. פון צייט צו צייט זי מכבד זיין מיט מאַראָזשענע, *** מיט קאָנפעקטן. פון אָנהייב פלעגט זי נישט וועלן נעמען, זיך אָפּזאָגן. דערנאָך האָט זי נאָכגעגעבן. נאָך שפּעטער פלעגן זיי א מאָל צוזאַמען גיין אין קינאָ אַריין. איין מאָל אפילו, ווען ער איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו איר, איז זי מיט אים געגאַנגען אין אָפּערע. נאָר דערנאָך האָט איר באַנג געטון. זי האָט געזען, אַז ער פאַרשטייט נישט קיין איין וואָרט, וואָס אויף דער סצענע קומט פאָר, און האָט מער זיינע איינלאַדונגען נישט אָנגענומען.

איין מאָל, אין אַן אָפּרוטאָג, פאַרנאַכטלעך, גייענדיק מיט אים אין גאַס, זאָגט ער צו איר:

— פּאָליאַ, קום אַריין אין א רעסטאָראַן —

---

* דער גרעסטער ראַנג פון א „שלאָגלער" אין ראַטנפאַרבאַנד. סטאַכאַנאָוו איז דער נאָמען פון א באַוווּסטן שאַכטיאָר, וואָס האָט מיט מעשים באַוויזן, אַז די אַלטע נאָרמעס פון אַרויסבאַקומען קוילן זענען פיל קלענערע פון די רעאַלע מעגלעכקייטן.

** געמיינט: מאַגאַזינען.

*** אייזקרעם.

— וואָס איז עפּעס אין מיטן דערינען?
— ווילן מיר צוזאַמען אָפּעסן מיטאָג, אַ זופּ טון —
— וואָס איז מיט דיר היינט אַזוי די גדולה? די קאַץ האָט זיך ביי דיר געקעצלט?
— איי, הער אויף צו שפּאַסן. איך בין היינט אַן אימעניניק.
— אַן אימעניניק? מזל־טוב דיר! נאָר אויב אַזוי דאַרפסטו איינלאַדן אייגענע...
— כ׳האָב נישט קיין אייגענע, כ׳האָב נישט קיינעם...
אין איר האַרצן האָט זיך אַ ריר געטון אַ געפיל פון מיטלייד, זי האָט אים נאָכגעגעבן. אין רעסטאָראַן האָט מאַטווי אָפּגענומען אַ באַזונדער צימער און האָט באַשטעלט אַ מיטאָג מיט געטראַנקען.
פּאָלי האָט זיך אָנגערופן:
— איצט לאָמיך הערן, דו ביסט היינט טאַקע אויף אַן אמת, אַן אימעניניק, צי דו זאָגסט נאָר אַזוי?
— ערנוואָרט. היינט ווער איך אַכט און צוואַנציק יאָר.
— פאַר וואָס זשע עפּעס האָסטו נישט קיינעם?
— כ׳בין אַזוי באַשאַפן געוואָרן, אָן קיינעם...
— ?...
— כ׳בין געבוירן געוואָרן אָן אַ טאַטן... דער מאַמען האָט אַ פּנים נישט געלוינט זיך מיט מיר אַרומצוטראָגן, מן הסתם האָט זי געהאַט בעסערע געשעפטן, האָט זי מיך אונטערגעוואָרפן אין מאַרק אונטער אַ טישל. אין דער פרי האָט מיך געפונען דער סטאָראָזש, וואָס היט די קלייטן. דאָס איז געווען אין באָברויסק. איך בין נאָך דאַמאָלסט קיין גאַנץ יאָר נישט אַלט געווען. קהל האָט מיך אָפּגעגעבן צום בעדער. ער האָט פאַרמאָגט אַ טוץ אייגענע קינדערלעך, האָב איך זיך אויך געוואַלגערט. געגעסן האָב איך קדחת, און געכאַפּט סטוסאַקעס מיט בוכענצעס וויפל ס׳איז אין מיר אַריין. אין דעם צעטעלע, וואָס מען האָט ביי מיר געפונען הענגען אויפן האַלדז, איז נאָר געווען פאַרשריבן: „אַז איך הייס מאַטווי ראַכלין; אַז דער טאָג פון מיין געבוירן אין דער 12טער אויגוסט און אַז איך בין דאַכט זיך פון אַ יידן״... אָט דאָס איז געווען די גאַנצע ירושה, וואָס איז מיר פאַרבליבן פון מיין הייליקער מאַמען. ווען איך בין אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט מיך דער בעדער אַרויסגעטריבן פון דער שטוב און איך בין אָנגעקומען אין אַ קריסטלעכן קינדערהיים. נאָר דאָס איז שוין געווען אין קאַזאַן. דאָרט האָט זיך געפונען אַ ספּעציעלער אינסטיטוט פאַר אַזעלכע אַנטיקן ווי איך אַליין בין געווען. דאָרט האָב איך די ערשטע דערציאונג באַקומען. איך בין שוין געווען אַ מזיק פון אַ יאָר צען, עלף, ווען דער אויפזעער איז אַריינגעקומען און האָט געזאָגט, אַז פון היינט אָן האָבן מיר שוין וויי ניקער מיט אין דיסציפּלין. „אָטשע־נאַש״* דאַרף מען שוין נישט

* אַ ספּעציעלע תפילה פאַר די קיסריים אין צאַרישן רוסלאַנד.

זינגען. אוים קיסר !... פאַר פרייד האָבן מיר צעבראָכן נישט נאָר די קייזערלעכע בילדער, נאָר פאַר איין וועגס אויך די איקאָנעס... קאָ וסיעם טשערטיאַם, * אויב פריי, זאָל שוין זיין פריי אויף דער אמתן! און מער האָט זיך דאָן גאָרנישט געביטן. נישט קוקנדיק אויף דער רעוואָלוציע, איז ביי אונדז פאַרבליבן אַלץ ווי געווען. דער זעלבער באַדינונגס־פּערסאָנאַל, די זעלבע אָנפירונג, אַלץ דאָס זעלבע. נאָר שלאָגן פלעגט מען אונדז שוין מער קיין מאָל נישט. ווען איך בין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט מען מיך מיט נאָך פיל חברים און חברטעס אָפּגעשיקט קיין קראַנשטאַדט אַלס יונגע מאַטראָסן. דריי יאָר האָב איך אָפּגעאַרבעט אַלס „יונגע" אויף אַ מיליטערישער שיף, און דערנאָך, אויף דער זעלבער שיף טאָקע, אָפּגעדינט פינף יאָר ווירקלעכע דינסט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַר דער צייט בין איך אַריין אין דער פּאַרטיי... אין יאָר 1930 האָב איך זיך דעמאָביליזירט און באַקומען אַ קאָמאַנדיראָווקע אין פוטילאָווער זאַוואָד. אָפּגעאַרבעט דאָרט פינף חדשים, האָב איך אַ שפּיי געטון און בין אַוועק אויפן דאָן. איך האָב געפּטרט מיינע יונגע כוחות אין קראַמאַטאָרסק ביי אַ דאַמענע־אויוון כמעט אַ גאַנץ יאָר, אויסגעריסן געוואָרן פאָ וסיעם פּראַווילאַם זאַקאָנאַ, ** ביז עס איז מיר נמאס געוואָרן און איך בין אַוועק קיין קערטש. דאָרט האָב איך געאַרבעט אויף אַ קאַטיער אין אַזאָוו־פּלאַט, נאָר איך האָב נישט ליב דעם ים. געגנוג זיך שוין אָנגעפּליוסקעט אויף מיין לעבן. איך בין אַוועק קיין אָדעס, געאַרבעט אין האַפן; געמאַכט פּאַפּיראָסן; איין שטיקל צייט אפילו מאַראָזשענע פאַרקויפט. אין קיעוו האָב איך שוין נישט גע־וואָלט הערן פון קיין אַרבעט. איך בין גלייך אַוועק אין „קיעווטאָרג".
מען האָט זיך אפילו נישט זייער געאיילט מיר צו געבן אַ קליטל, אָבער דער נאָמען: מאַטראָס, קאָמוניסט האָבן געווירקט און פון דאַמאָלסט אָן האָב איך מיין קליטל אויף קאָרינייאָווקע. דו מיינסט, אַז איך האָב נישט געקענט נעמען אַקוראַט אַזאַ קליטל אין שטאָט? — געקענט! נאָר איך האָב אַליין נישט געוואָלט. וואָס ווייטער פונעם צענטער, אַלץ מער פוילט מען זיך קומען אהין דורכצופירן זייערע אינספּעקציעס מיט די רעוויזיעס, און מען קען מאַכן אַ רובל. ביי מיין קליטל האָב איך מיר צוגעבויט אַ צימערל. ס'הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי: אַ צימערל. גיכער פּאַסט דעם דער נאָמען: אַ קעמערל, נאָר פאַר מיר איז דאָס גענוג... דאָס איז אויך צו פיל... עס קענען אהין אַריין צוויי און איך בין נאָר איינער... אָט דאָס איז דאָס... און היינט איז דער 12טער אויגוסט...

דער מיטאָג האָט דאָס מאָל אָנגעטראָפן אויף אויסגעהונגערטע מאָגנס. מען האָט געגעסן מיט אַפּעטיט, פאַרטרינקענדיק מיט ווייַן. נאָך רעכטע עטלעכע כוסות האָט מאַטוויי אָנגענומען פאָלין ביי דער האַנט:
— פאָליאַ, דו ווייסט וואָס? האָב פאַר מיר תתונה...

* צו אַל די רוחות!

** לויט אַלע כללים פונעם געזעץ.

פּאָלי האָט צוגענומען איר האַנט און האָט מיט אַ שכורן שמייכל געזאָגט:

— מער גאָרנישט?

— שאַ, פאַר וואָס עפּעס נישט? עס געפעלט דיר אפשר נישט מיין יחוס? מיטן יחוס דאַרפסטו דאָך נישט לעבן, מיט מיר דאַרפסטו דאָך לעבן, און איך בין נישט קיין פאַרשלאָפענער יונגאַטש... פייער! פלאַם־פייער, זאָג איך דיר...

פּאָלי קוקט אויף אים שפּאָטיש. זי שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט מיט אַ מעלאַנכאָליש שמייכעלע:

— דו רעדסט פון דער זאַך אַזוי פּראָסט, אַז עס איז ממש שווידער־לעך דיך צו הערן.

— ווי אַזוי דען דאַרף מען רעדן פון אַזאַ זאַך? איך נעם דאָך דיך נישט פאַר קיין קייזערין, נאָר פשוט פאַר אַ ווייב... ווי אַזוי זשע דאַרף מען רעדן? לערן מיר אויס... אדרבה...

— ווייס איך, אַז אָך און וויי איז צו די יאָר, אַז מען דאַרף שוין לערנען... כ'האָב געהאַט אַ ייִנגל, האָסטו געדאַרפט הערן דיבורים...

— ווי אַזוי זשע האָט ער גערעדט? מיט צוויי מיילער?

— מיט הונדערט מיילער... עך, וואָס פאַרשטייסטו?

מאַטוויי בלאָזט זיך אָן און גיט אַ בורטשע:

— ווו זשע איז ער היינט, דיין ייִנגל?

— ער האָט שוין חתונה געהאַט און אַרבעט אויף פּעטשערסק.

— אויף פּעטשערסק? אויף פּעטשערסק קען איך יעדעם שטיינדעלע, אַזוי ווי מיינע צען פינגער. ווו קען ער דאָרט אַרבעטן?

— אין דער טריקאָטאַזשנע פאַבריק איז ער קאָמערטשעסקע די־רעקטאָר.

— אין דער טריקאָטאַזשנע פאַבריק קאָמערטשעסקע דירעקטאָר? ווי אַזוי רופט מען אים?

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן?

— טאָמער פונקט קען איך אים.

— מען רופט אים סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש פּיאַטיגאָרסקי.

מאַטוויי נעמט אַרויס אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ בלייַשטיפט און דראַ־קעט אָן מיט אומגעלומפּערטע קאַראַקולן שלמהס נאָמען.

פּאָלי, אַ דערשטוינטע ביז גאָר:

— צו וואָס טוסטו דאָס?

— גלאַט אַזוי, עס קען אַ מאָל צו נוץ קומען. איז פאַר וואָס זשע האָט ער דיך נישט געוואָלט?

— פראַ־אדם! אי—די—אָט מיט אויערן! ווער האָט עס דיר געזאָגט, אַז ער — מיך נישט? פונקט פאַרקערט, איך — אים נישט...

— פאַר וואָס?

— איך ווייס טאַקע אַליין אויך נישט פאַר וואָס. זייער אַ פיינער מענטש געווען... או—וואַ, אַ פיינער...

— דו מיינסט, אַז איך בין אַן ערשטלינג? אַז איך האָב שוין נישט געהאַט קיין מיידעלע? אַ־אָ! נאָך וואָס פאַר אַ מיידעלע...

— ווו זשע איז זי?

— ווייסט זי דער רוח ווו זי איז, און בפירוש, האָב איך זי דווקא שטאַרק ליב געהאַט, אָט די קאַטיושען... זי איז געווען אַזאַ לעבעדיקע... אַזאַ לוסטיקע... זי פלעגט זיך געבן אַ דריי — אש להבה...

— זי איז אַ יידישע געווען?

— צי זי איז אַ יידישע געווען? נ־נ־ניין! דווקא אַ רוסישע... וואָס איז דען די נפקא־מינה? אויב דו מיינסט, אַז רוסישע מיידלעך זענען קאַלטע, האָסטו דווקא אַ טעות!... דער בעסטער באַוויז איז טאַקע מיין קאַטיושע. אַ שוועבעלע, זאָג איך דיר... קוים האָט זי אַ רעכטן קוק געטון אויף אַ מאַנסביל, אַזוי איז ער געוואָרן אויס מענטש... און זי, די שעלמאַ, האָט געוווסט פון איר קראַפט... פלעגט קאָקעטירן, אַ־אָ! ווען מען האָט געדאַרפט און ווען מען האָט נישט געדאַרפט. צו מיר איז זי געווען שטאַרק צוגעוווינט. און וואָס איז דאָס חידוש? צוזאַמען געווען אין קינדער־היים, צוזאַמען אויף דער שיף, אין בופעט האָט זי דאָרט געאַרבעט... אַ שווימערין — אַ רעקאָרדסמענקע. צוזאַמען מיט מיר איז זי אומגעפאָרן אומעטום און געקומען קיין קיעוו — אויך צוזאַמען... טאַקע אין „קיעוור־טאָרג" געאַרבעט... אין סטאָלאָווע, אין בופעט... און געוווינט ביי מיר... דאַכט זיך, אַלץ גוט געווען, איאָ? דאַרף דער רוח אָנטראָגן אַ דעלעגאַ־ציע פון כ. ט. ז.* פון דאַרטיקן O. P. C. ** און שטעל דיר פאָר, אַליין דער דירעקטאָר פון „אָרס" האָט זי ביי מיר אָפּגעשלאָגן. איך האָב זיך נישט באַוויזן אומצוקוקן, איז זי מיט אים אַוועק. נו, וואָס קען מען העלפן? אַוועק, איז אַוועק. מיינסטו שוין אודאי, אַז אָט דאָס איז דאָס וואָרט אויס! קומט מיר דערנאָך אָן אַ בריוו: „מאַטוויי, איך וויל צוריק צו דיר... דער דירעקטאָר פון „אָרס" איז גאָר קיין מאַנסביל נישט... אבי ער טראָגט הויזן... מאַטוויי, איך בענק נאָך דיר... דערלויב מיר זיך אומ־קערן"... אויף מיין וואָרט, אַזוי האָט זי געשריבן. עס ליגט נאָך ביי מיר ערגעץ איר בריוו. און איך?... וואָס דאַרפסטו מער? אַז איך האָב איר אפילו נישט געענטפערט. פון אָנהייב אָן האָט עס מיר דווקא שטאַרק דער־קוטשעט. די נעכט בין איך נישט געוווינט געוואָרן צו זיין אַליין... און דערצו איז זי אַזאַ... כ'האָב דאָך דיר שוין געזאָגט: דינאַמיט! נאָר שפּע־טער, ווען איך האָב דיך דערזען, ביסט דו מיר בעסער געפעלן געוואָרן... אמת, דו ביסט נישט אַזאַ פרייליכע ווי זי, נאָר דיין אומעט וועל איך גיך פאַרטרייבן... אין איין נאַכט... וואָס זשע ענטפערסטו מיר, פאַליאַ?

* ראשי־תיבות פון „כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד".

** ראשי־תיבות פון „אָפּטיילונג פאַר אַרבעטער־ליפערונג".

קאפיטל XLIV

פאלי האט געקוקט אויף מאטווייען, געהערט זיינע רייד און זיך גע־טראכט אירס. דער זויערלעכער „טאקאיער" האט איר פארטשאדעט דעם קאפ. איר אזוי אויך צוגעשלאגענער זכרון, האט כמעט אין גאנצן איינגע־דרימלט, נאר פון דעסט וועגן האבן איר געקלונגען אין די אויערן עטלעכע ווערטער פון מנשהם דאמאלסטדיק מעשהלע:

— „און דער קוזין האט צו איר אזוי געזאגט: גיי אהיים, טאכטער־שע. דיין טאטע וועט פאר דיר אויסזוכן א חתן לויט דיין ווערט: מיט פעדערן, מיט קארעלן און נאך מיט א רינגעלע אין דער נאז..."

מאטוויי, זעענדיק, אז פאלי ענטפערט אים גארנישט, האט ער עס אנגענומען, אז דאס ישובט זי זיך נאך אלץ, צי עס לוינט איר דער מסחר, און ער האט ווייטער גערעדט:

— וואס דען? טאמער מיינסטו, אז מיין קלייטל גיט ווייניק צום לעבן? האסטו מחילה אויך א גראבן טעות. פונקט פארקערט: עס איז א גאלדגרוב, זאג איך דיר! אט הער אליין אומיסטן: נעכטן האב איך אויסגעשריבן אן ארדער אין באזע אריין אויף אן אסארטימענט סחורה, איך דארף זי ערשט מארגן באקומען, וועל איך דיר שוין וויזן, וואס פאר א שלעכט געשעפט מיין קלייטל איז.

ער נעמט ארויס פונעם קארטאנענעם טייסטער עפעס א פאפירל צו־נויפגעלייגט אין פירן, גלייכט עס אויס מיט אלע צען פינגער און טוט אן ערנסטן קוק אויף פאלין:

— הייב איך אן הייסט עס, נאר הער זיך צו מיט קאפ:

1) א פעסל פון 50—60 קילא טאמאטן.* אין דעם דאזיקן פעסעלע ווערט ביי מיר ארייננעבולקעט דרייסיק ליטער וואסער, נאר ווי אזוי מיינסטו? אז עס וועט אזש גיין א רויך! די קארינישאווקער שיקסעם ווייסן טאקע א חילוק פון געדיכטן טאמאט ביז שיטערן, ווייס איך וואס, ווי לאנג קרענקן זיי... וואס איך גיס זיי אן, איז גוט... א קילאגראם קאסט 1 רובל מיט 80 קאפיקעס — האסטו דיר שוין פופציק רובל.

ווי עס איז נישט איז — פינף טשערוואנצעס, ווי די בערן... ווייטער:

2) דריי הונדערט פלעשער עסיק. אהער, ווי א געזעץ, גייט ביי מיר אריין 25 פראצענט וואסער. לײדיקע פלעשער ליגן ביי מיר גענוג. וואס דען האסטו געמיינט? אומזיסט וועל איך ביי זיי ארבעטן? א קרענק זיי אין די ביינער... א פלאש עסיק קאסט 42 קאפיקעס, האסטו שוין נאך דרייסיק רובל. רייב מאטי, קוק נישט אויף גארנישט.

ווי עס איז נישט איז: דריי טשערוואנצעס, אז עס איז אויף זיי שיין צו קוקן... ווייטער:

3) זויערע אוגערקעס... נו, דא בין איך קיסר. אין דער באזע פון דעם געזאלצנס האב איך יענעם „בלאט". מען האט מיר אויסגעשריבן

*** א געריכט פון רויטע פאמידארן.

דריי פעסלעך? וועל איך מיך אויסדרייען מיט דעם זעלבן אָרדער דריי מאָל, וועט ווערן ניין פעסלעך. די גנבה גייט אויף האַלב. הא? וואָס זאָג־סטו? כשר, ריין שיין, ווי אין אַן אַפטייקל. אויף מיין חלק וועט זיין אַ 250 — 300 קילאָגראַם אונגערקעס, דער פרייז איז 2 רובל מיט 50 קאָ־פיקעס פאַר אַ קילאָ, האָסטו דיר אויך זיבעציק רובל...

ווי עס איז נישט איז: נאָך זיבן טשערוואָנצעס... מחיה־נפשות, האַ? ווייטער:

4) פאַרעווע שעלעמויזן; זאַלץ, שוועבעלעך, מאַכאָרקע, פאַפיראָס־פאַפיר, נו, דאָס זענען שוין אומזיסטיקע געסט... צו דער דאָזיקער קראָם דערלייגט מען די הויט מיט די ביינער. דאָס שיט זיך אויס, יענץ צערייסט זיך, דאָס פאַרנעצט זיך, בקיצור: רייגער היזק זאָג איך דיר, נאָר עס מוז אָבער זיין צום אַסאָרטימענט... מען קען דערצו גאָרנישט העלפן... ווייטער:

5) זויערע קרויט... דאָ, גוטער ברודער, האַלט אָפן די טאַש... דאָס איז מיין פערדל... אַהער גייט ביי מיר אַריין האַלב אויף האַלב וואַסער, עס ווערט פון איר ראָסל און זי וועגט זיך גלייך מיט דער קרויט. ווייטער:

6) זאַמדצוקער און האַרטער צוקער, — דאָס זענען אויך אומזיסטיקע געסט. אוי, איז דאָס אַ ביטער אַרטיקל, אָט דער צוקער. ברענט ער אויפן פייער! ווער דאַרף צוקער? אַז גאָרנישט האָט מען פון אים נישט, חוץ בינען אַ סך. דאָס גאַנצע לייב איז ביי מיר צעביסן און צעריסן. ס'איז נאָר אינטערעסאַנט צו וויסן, ווער איז זיי מודיע, — די בינען טאַקע, מיין איך — אַז מאַטוויי פירט צוקער? אַן אָנשיקעניש, זאָג איך דיר... טאָמער ברענג איך צוקער, וואַרטן זיי שוין אין דרויסן אויף אים. פע, אַ מיאוסע זאַך אָט דער צוקער. אפילו ביי נאַכט, ווען דאָס קלייטל איז געשפאַרט, קומען זיי אויך צו גאַסט. זיי ווייסן דעם וועג אין דער פינצ־טער... אַז גייען זאָלן זיי צו אַל די רוחות מיטן צוקער אין איינעם. ווייטער:

7) וויין... פע! אַ טרוקענע זאַך — וויין. מיט טריוואַקס פאַרגאָסן פון זאַוואָד, און גיי מאַך עפעס. ווייטער:

8) פרישע עפל, באַרן, פלוימען... אָט דאָ איז גוט!... אָט דאָ רינט האָניק!... איך פאַרקויף אויס די קראָם, שיט אַריין אין די זעלבע קעסט־לעך פאַרפוילטע פרוכטן. איך האָב זיי גענוג! דער אינספעקטאָר פאַר־גראָבט זיי, און איך גראָב זיי אויף אויף צוריק! ער באַגראָבט, און איך גראָב פון דאָס ניי אויף! אַז עס קומט דער אינספעקטאָר און טרעפט אַזאַ שרפה, מאַכן מיר אַ „לחיים”, מען רוקט אים עפעס אַריין אין דער יד אַריין — יענער מוז דאָך אויך פון עפעס לעבן, צוליב עולם־הבא אַרבעט היינט קיינער נישט — און עס ווערט צונויפגעשטעלט אַן אַקט, אַז האַלב פרוכטן זענען ביי מיר פאַרפוילט געוואָרן. איי, אַז מען האָט אַן אַקט, איז אַ מחיה! די בוכהאַלטעריע שרייבט אים דיר אַראָפ נאָך גיכער ווי מזומן געלט. נעבעך אַ ייד, אַ נשרף... גאָטס אַ רחמנות... ווייטער:

9) פאַפיראָסן. ברענען זיי אויפן פייער... ווער האָט אויסגעטראַכט אַזאַ פאַסקודסטווע? די בינען באַמאַכן מיר זיי אַזוי, אַז קיינער וויל זיי

אין די הענט נישט נעמען. נאָר עס איז קיין ברירה נישטאָ. זיי מוזן זיין צום אַסאָרטימענט. ווייטער:

10) טרוקענע עפּל, באַרן, פלוימען, וויינשל, אוריוק, ראָזשינקעס, ניס. צוזאַמען אַכט און פערציק קילאָגראַם... אָט דאָ פייף איך זיי אָן אַ באַליווע, נאָר וואָס פייפן הייסט! איין מאָל אין אַ האַלב יאָר נעם איך ביי זיי אַזאַ סחורה, אַבי איך זאָל האָבן אַ פרישע פאַקטורע. אָבער זייער קראַם ליגט ביי מיר בשלימות. פאַרקויפן אין קליינט, פאַרקויף איך זייטיקע סחורות, וואָס איך קויף איין אויפן מאַרק ביים פויער פאַר האַלב געלט... וואָס דען? אומזיסט וועל איך זיי אַרבעטן? צוויי פייגן זיי אונטער דער נאָז און אַ מכה אויף די לונגען...

מאַטוויי לייגט לאַנגזאַם צונויף דאָס פּאַפּירל אויף די זעלבע קנייטשן, וואָס פריער, און פאַרקוקט ביטערע פאָלין אין די אויגן:

— דאָס אַלץ האָב איך דיר, מיין טייערע, אויסגערעכנט אַזוי צו זאָגן: כשרע פּרנסות, פּלאַנאָווע. וואָס מוזן זיין פונקט ווי דער פּלאַן... נאָך גיכער פון דעם פּלאַן... חוץ דעם זענען אָבער נאָך דאָ איבער־פּלאַנאָווע פּרנסהלעך... שוין אַ ביסעלע טריפהטשקע. אַרום מיין קלייטל, ווייסטו דאָך, איז דאָ אַ מאַסע זאַוואָדן מיט פאַבריקן: די שיכפאַבריק; די הלבשה־פאַבריק; דער לעדער־זאַוואָד; דער וויינזאַוואָד; דער צוקער־זאַוואָד; היינט ווו איז עפּעס די באַזע פאַר קאָלירטע מעטאַלן און נאָך, און נאָך, און נאָך... איז ווו ערגעץ אַ גנבהלע, אַ לינק שטיקל סחורה — ווייסט מען שוין: צו מאַטווייען. ס'איז שוין אָן אויסגעריבענער וועג. און איך האָב שוין אַזאַ קעלערל און אַזאַ בוידעמל... וווהין וואָס עס פּאַסט... און דערפאַר, קינד מיינס, באַצאָלט מען גראָב... אַ מאָל טרעפט גאָר, אַז איך אַליין קויף אָפּ בחצי חנם דעם גאַנצן חד־גדיא און צו מיר טרעפן שוין אַלע קאָנטראַבאַנדיסטן, כאַ, כאַ, כאַ... בקיצור, טאָמער האָסטו מורא, אַז עס וועט נישט זיין אויף קיין פּאַפּע מיט מאַני,* ביסטו אַ גרויסער נאַר... איך האָב געלט אויך אויף אַ דירה, שוטהלע דו, איך קויף זי נישט, נאָר דערפאַר, ווייל איך דאַרף זי לעת־עתה נישט. וואָס זשע זאָגסטו? צי דו הערסט גאָרנישט, וואָס איך רעד?

פאָלין קלינגט אין די אויערן אַ פּסוק פון יענער קאַשמאַרנער נבואה פון שלמהס יום החופה: „אַ שטיין האָסטו געוואָלט — וועסטו אַ שטיין באַקומען, און אויך אַליין וועסטו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיין"... פון מאַטוויים שטאַרן בליק פאַרשטייט זי, אַז ער וואַרט אויף עפּעס אַן ענטפער און פרעגט אים אַ דערשלאָגענע:

— וואָס האָסטו געפרעגט?

— איך פרעג, מיר מאַכן מיינס—דיינס, דיינס—מיינס, צי ניין?

— איך וועל אַ קלער טון.

---

* אַ קינדערשער אויסדרוק אויף ברויט מיט מילך. דאָ געמיינט: אַלע באַדערפע־נישן.

— וואָס האָסטו נאָך צו קלערן, וואָס?

— כ'האָב געזאָגט, אַז איך וועל אַ קלער טון, זאָלסטו מיך לאָזן צו רו...

עס זענען פאַריבער עטלעכע טעג. פּאָלי האָט גאָרנישט געקלערט אפילו. זי איז געווען מיד, שרעקלעך מיד, נאָכלעסיק און אַפּאַטיש צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום איר. מאַטוויי איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען פון איר. ער איז איר ממש דערגאַנגען די יאָרן:

— זאָג מיר, פּאָלי, לאָמיך וויסן ווו איך בין אין דער וועלט, מיר מאַכן מיינס—דיינס, דיינס—מיינס, צי ניין?

— שלימזל, וואָס ווילסטו האָבן פון מיין לעבן? איך בין דיר עפּעס שולדיק?

— אודאי ביסטו מיר שולדיק... אַן ענטפער. איך וויל באַלד וויסן, טאָקע שוין...

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר. איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל אַ קלער טון, איז האָב געדולד... אַז איך וועל האָבן אַן ענטפער, וועל איך דיר אַליין זאָגן.

— גוט, איך וועל קומען מאָרגן נאָך ענטפער.

— פאַר וואָס עפּעס מאָרגן? עס ברענט?

— אודאי ברענט... איך בין בכלל אַ פייערדיקער, און דערצו נאָך אָט דאָס איינזאַמקייט...

— גוט, קום מאָרגן.

אויף מאָרגן האָט זי אים געשטעלט איין און איינציקן באַדינג:

— איך גיי איין אויף דיין פאָרשלאָג. איך גיי אַריבער צו דיר. נאָר געדענק מיין באַדינג: זאָלסט מיר נישט פּרווון שטערן אין מיין אופן לעבן... איך האָב מיר מיין אייגענעם סדר —

— צו וואָס — נישט שטערן? וואָס פאַר אַן אופן? וואָס פאַר אַ סדרים?

— צו מיין רו. איך ווער גיך מיד און דאַרף פיל רוען. איך האָב ליב אַ סך ליגן...

— הערסט אַ מעשה! דאָס האָב איך דאָך אויך ליב...

— ניין, אַליין! אַן קיינעם... און אַ סך לייענען...

— לייען דיר, מיין דאגה...

— ...און אַ סך שווייגן...

— שווייגן? אַך, בכבוד גדול!... שווייג דיר געזונטערהייט. „יענע" האָט שוין צו פיל גערעדט —

— און מיר מער נישט דערמאָנען „יענע" —

— נישט דערמאָנען — איז נישט דערמאָנען!... דו מיינסט, אויף אַן אמת, אַז קאַטיושע ליגט מיר שטאַרק אין קאָפּ? איך האָב נאָר אַ פאַרדראָס... אַ פאַרדראָס האָב איך אויף איר... נישט אַזוי האַנדלט מען

קעגן א חבר פון קינדערווייז אָן. און ווידער: גייט זי צו אַל די רוחות... גאַ דיר מיין האַנט, אַז מער הערסטו פון מיר נישט איר נאָמען...

*

אין עטלעכע וואָכן ארום איז ביי יאַנין אין פּאַדוואַל, אויף אוריצ־גע גאַס 21, געווען אַ קליינע פאַרזאַמלונג. אויפן טיש איז געשטאַנען בלו־מען און פאַרבייסן. דער חתן איז געווען שיין פאַרקעמט און פריש אָפּ־געראַזירט. די כלה — אין אַ ווייס קאַפּטל, אַ זכר למנהג. מען האָט דעם פאָטער צו ליב געטון, מען האָט צוגעבונדן אַ שאַל צו פיר קאַטשלקעס, און מאַטוויי האָט ווי אַן עכטער מאַטראָס אָפּגעקלאַפּט יעדעס וואָרט פון דעם „הרי את".

צעקוועטשנדיק זיך מיט דער כלה נאָך דער „חופּה", האָט יאַני, באַגיסנ־דיק איר האַלדז מיט טרערן, וואָס האָבן געברייט איר לייב ווי ברענענדיקע קוילעכלעך, הייס אַריינגעפּליסטערט איר אין אויער:

— אוי, טאָכטער מיינע! דו זאָלסט שוין זיין קלוגער פון דיין מאַ־מען... זאָלסט זיך נישט דערוועגן צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט אין אַזאַ אומגליקלעכן טאָג ווי תשעה־באב... דאָס איז אַ טאָג פון טרערן... דער טאָג איז פאַרבליבן אויף אייביק אַ „יום המוכן לפורעניות", אַ „בכיה לדורות" און אַ ראיה האָסטו... אמת, עס זענען געווען צייטן, וואָס איך האָב געמיינט, אַז מען האָט אין הימל פאַרגעסן דיינע אימע־נינעס, אָבער ווי דו זעסט — האָט מען טאַקע נישט פאַרגעסן! אין שכחה לפני כסא כבודך, שטייט דאָרטן... זיי גליקלעך טאָכטער, נאָר... נאָר... נאָר צו וואָס האָב איך דאָס געדאַרפט דערלעבן, ווייסטו נישט?...

אַרויסלאָזנדיק פּאָלין פון די אָרעמס, האָבן זיינע אויגן זיך גלייך פאַרטשעפּעט אין אסתרן. זי איז געשטאַנען אין עק צימער, פאַררוקט הינטער דער הענגענדיקער הלבשה, און דאָס גאַנצע פנים אירס האָט גע־וויינט. קוקנדיק ווי זי שטייט איינגעבויגן און פאַרחושכט, האָט יאַני דערפילט, ווי אַן אייזערנע צוואַנג וואָלט צונויפגעפּרעסט זיין האַרץ. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אַלטער דעם כמעלניקער חזן אויס־זינגען: „זכרתי לך חסד נעוריך... אהבת כלולותיך... לכתך אחרי"... אַ מעכטיק, שוין פון לאַנג־לאַנג פאַרגעסן געפיל, האָט אַ טרייסל געטון מיט זיין פאַרשטויבטע פעקל זכרונות. ער האָט זיך אין דעם אויגנבליק דער־מאָנט, ווי גליקלעך זיין אסתר האָט אויסגעזען אויף איר חופה־וועטשערע, ווי זי האָט עס אין יענעם טאָג פאַרשיינט דעם גרויסן בית־מדרש, ווו מען האָט געפּראַוועט אַן אָרעם־מאָלצייט פאַר אַלע עניים פון זוועניגאָ־ראָדקער געגנט... אָך, ווי לאַנג איז ערשט דערינען... און איצט, אַז גאָט האָט זיי געהאָלפן, און זיי האָבן דערלעבט אויסגעבן זייער עלטסטע טאָכ־טער זאָל זי אַזוי יאָמערלעך וויינען... זאָל זי שטייען בקרן זוית אַ פאַר־שעמטע און זיין צעבראָכן ווי דער ים...

עס האָט אים שטאַרק אַ צי געטון צו זיין פאַרוויסטער „אשת־נעורים".

ער איז האסטיק צוגעגאנגען צו איר און האט — וואס ער האט שוין לאנג נישט געטון — זי אנגענומען ביי בײדע הענט. אסתרס אויגן זענען געווען אזוי פארשוואלן פון געוויין, אז זי האט גאר לכתחילה נישט געזען, ווער עס שטייט לעבן איר. נאר ווי זי האט דערזען דאס פינצ־טערע פנים פונעם „מחותן", האט זי זיך מיט א הארצרייסנדיקן געשריי אווארף געטון צו אים אויף דער ברוסט:

— יא—ני! מיט וואס האבן מיר זיך אזוי פארזינדיקט? גוואלד, יאני... פאר וואס האב איך אויף דער בראכשטול נישט צוגעמאכט די אויגן אויף אייביק צוזאמען מיט איר, פאר וואס? יאני, יאני, יאני...

פון אסתרס פארצווייפלטן געשריי, האבן זיך אין יאנים אויגן אויפ־געעפנט אלע קוואלן. ווי צוריק מיט עטלעכע און צוואנציק יאר, ווען די איצטיקע כלה איז נאך ארומגעקראכן אונטערן טיש, האט ער זי שטארק צוגעפרעסט צו זיך און ריטשענדיק אויפן קול, באגראבן דעם קאפ אין אירע האר:

— דו וויינסט, אסתרל? וויין, וויין... מעגסט וויינען... ס'איז ביי אונדז — Мать — ווײ...* אוי — ווײ... אוי — ווײ... אוי, טוט ווײ, אסתרל, לעבן מיינס... אוי, טוט ווײ... דאס האבן מיר אזוי פארזינדיקט... דאס קינד האט נישט געקענט אזוי שטארק פארזינדיקן... טא לאמיר זשע בײדע זיך קלאפן אין הארצן... שטארקער! נאך שטארקער! זאג מיר נאך, אסתרל:

— א—ש—ש—שמנו... ב—ג—ג—ג—גדנו... ג—ז—ז—ז—זלנו... דברנו דוי—וי—וי—ויפי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

סאנקע מיטן מאן זענען נישט געקומען. פאלי האט זיי דווקא אנ־געשריבן, אבער זיי זענען נישט געקומען. די „קאנטינענטאלצעס" זענען נישט געווען. פאלי האט נישט געלאזט זיי רופן. יאני מיט אסתרן זענען געווען שווארץ ווי די ערד. לייב, אווראם און ניומע האבן זיך ארומגע־דרייט ווי די געליימטע, זיך קיין ארט נישט געקענט געפינען. שמואליק מיט דבורהן האבן געוויינט ווי ביי א לויה. מאטוויי האט בשום אופן נישט געקענט פארשטיין: וואס איז דא דאס געווײן? ער גייט דאך מאכן מיינס—דיינס, דיינס—מיינס... דאכט זיך, וואס קען נאך זיין פרייליכער פון דעם? קומען ווילד־פרעמדע מענטשן און פארשטערן אים זיין שמחה... פאר וואס? פאר ווען? וואס האט ער זיי אזעלכעס געטון?

איין און איינציקער מענטש אין צימער איז געווען לחלוטין רואיק. דאס איז געווען די הויפט־מחותנתטע — פאלי.

---

* א ווערטערשפיל פונעם ווארט „מאטוויי". „מאט" איז אויף רוסיש — א מוטער. געמיינט: „ווי איז צו דער מאמען".

איר איז געווען על אפה ועל חמתה אט די גאנצע צערעמאניע מיט אט דער גאנצער טראגעדיע. סיי דער מומע דבורהס חלשות־פאלן ביים צעברעכן דאס גלעזל, סיי לייבס באקומען פלוצלינג די געלזוכט... און אפילו אווראם... פי! אויך מיר א ברודער... זיך געשעמט צו ברענגען אהער זיין געליבטע. ער האט מורא געהאט, אז מאטוויי קען איר נאך נישט געפעלן ווערן... א פסול אין דער משפחה... אזא פאדליעץ!... גלייך ווי מאטוויי מוז נאך עמעצן געפעלן ווערן חוץ איר. און טאמער וויל זי גארנישט, אז ער זאל נאך עמעצן געפעלן. איר איז ער געפעלן. זי דארף נישט קיין הויכע... זי איז אליין א הויכע. פון היינט אן האט זי שוין ליב נאר קליינינקע. און אויך שווארצע האט זי נישט ליב... ציגיינער? פע! און קיין חסידים דארף זי נישט... און קיין פינף הונדערט בלאט גמרא דארף זי נישט... אפילו איין בלאט אויך נישט... איר געפעלן בעסער מאטראסן!... קראמאטארסק און אדעס, אט דאס זענען שטעט!... שוין אמתע שטעט... און פרישע פרוכטן לוינען יא. אבער טרוקענע זענען בעסער... און זויער קרויט איז גאר גוט... אבער פאפיראסן — פע... צוקער — א ביטער ארטיקל!... ווייַן — א טרוקענע זאך!... און וואס איז שמואליקס עסק, אויב איר געפעלט בעסער מאטוויי איידער שלמה? ער דארף דען לעבן מיט אים? זי דארף דאך לעבן מיט אים!... אנו, זאל ער איצט פרווון אוועקלייגן זי אויף דער קני און ארייַנשמיצלען... א־א!... מאטוויי וואלט אים דאכט זיך ארומגעדרייט ארום פינגער... א מאטראס מוז זיין א געזונטער!... ארבעטן אויף א שיף דאס איז נישט קיין פאדעשוועס פארקויפן אויף יעוובאז אדער דרייען זיך ארום טארגסין מיט די איסאק אבראמטשיקלעך... א שיף איז א שיף, און א דאמענע אויוון איז א דאמענע אויוון... זיי האבן ביי אים אלע א מאץ, ווי ביי א חסיד — א קראץ. נו, נו, געסט היינט ביי זיי... איינס און איינס... איין מערזאוויעץ גרעסער פונעם אנדערן... א קוק טון א שטייגער אויף וולאדימירן, נאך אן איידלמאן אויך צו די צרות... איידער זיצן מיט א פארקילט פנים ווי כאלאדיעץ, איז שוין גלייכער געווען אין גאנצן נישט צו קומען... מילא, זיין סאניא איז כאטש א יידענע, שטייען ביי איר די אויגן אין א קאליוזשע, ווי געוויינלעך אויף א חתונה... אבער ער, א אינטעליגענט... ווייס איך, עס זענען גאר היינטיקע צייטן קיין אמתע אינטעליגענטן נישטא... די קינדערלעך האבן זיי מורא געהאט צו מיטברענגען... זיי טארן נישט ווויסן פון קיין „דיאדיא מאטוויי”... סוואלאטשעס... דיאדיא סאלאמאן וואלט זיי אנגעשטאנען און דיאדיא מאטוויי שטייט זיי נישט אן... פארשיווצעס... * ווארט אויס, אז ז' וועט האבן קינדערלעך און ביי די ווייסבלאטס וועט זיין די חתונה וועט זי שוין אויך ווויסן, וואס זי האט צו טון... וואס רעדט זי? וועלכע חתונה?...

* פאדליעץ, מערזאוויעץ, סוואלאטש, פארשיווויעץ — דאס זענען אלץ געמיינע זידלווערטער, למשל: געמיינער יונג, נידערטרעכטיקער.

קאַפּיטל XLV

אין יענעם יאָר איז דער זומער געקראָכן ווי אַ פּוילע קליאַטשע. עס איז מיט אים געווען נישט אַהער, נישט אַהין. די דאַטשניקעס, וואָס האָבן אָפּגעדונגען ווינונגען אויפֿן גאַנצן סעזאָן, איז אַ שאָד געווען זיך אומצוקערן אין שטאָט אַריין, און צוריק ווידער, האָבן זיי מורא געהאַט צו בלייבן אַזוי שפּעט אין דאָרף. דער ווינטער קען נאָך אָנפֿאַלן מיט אַ מאָל, און די שטוב איז נאָך גאָרנישט צוגעגרייט אים צו באַגעגענען. מען איז געשטאַנען מיט איין פֿוס אין צוג און מיט דער נאָז האָט מען נאָך געזוכט שוין לאַנג פֿאַרגעסענע, דערקוויקנדיקע ריחות. אויף מאַלאַ־וואָ־סילקאָווסקע האָט שוין פֿון לאַנג געעקבערט דעם מח דאָס באַאומרואיקנ־דיקע שופֿר־קולכל. פֿאַרבייגייענדיקע פֿלעגן זיך אָפּשטעלן, אַ שמוצער טון מיט די ליפּן און באַטריבט אַ דריי טון מיטן קאָפּ:

— איי־איי־איי, ווי די צייט לויפֿט... שוין פּאַוואָלינקע דער זומער אויך אַוועק.

שלמה מיט יוכבדן האָבן געוווינט אויף דאַנילאָווסקע־גאַס נומער פּערצן, טאַקע אויף סאָלאָמינקע, נישט ווייט פֿון די עלטערן. זייער דירה איז געווען אַ גרויסאַרטיקע, זי האָט געפֿריט דאָס אויג. זי איז באַשטאַ־נען פֿון דריי גרויסע צימערן: אַן עסצימער, אַ שלאָפֿצימער און כמו ווי אַ קיך. אַלץ, וואָס איז געשטאַנען אין שטוב, איז געווען פּרעכטיק, ניי, און צונויפֿגעשטעלט מיט געשמאַק. דאָס גאַנצע מעבל איז געווען אין מאָ־דערנעם סטיל, פֿון נוסנהאָלץ געפּאַרבט אויף שאָקאָלאַד־קאָליר, באַצויגן מיט לעדער און באַהאַנגען מיט טערקישע טשעכאָלן. דער פּיל־לאָמפּנדי־קער ראַדיאָ־אויפֿנעמער; די שווערע פּאָרטיערן אויף די טירן פֿון גרי־נעם געוואַנט מיט רויטע קוויטן; די מאַט־קאָלירטע טיוליענע פּאָרהאַנגען אויף די פֿענצטער, מיט אויסגעוועבטע טראָפּישע וועלדער; די שיינע נאַטורבילדער; די ניקעלנע בעטן מיט די זיידענע קאָלדרעס; דער קריש־טאָלענער שפּיגל פֿון אונטער דער סטעליע ביז דער ערד — דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז דערביי האָבן געאַרבעט געטרייע הענט, אַ דערפֿינ־דערישער מח, און דער עיקר — אַ שווערער בייטל. די בייכיקע עטאַזשער־קע ביכער, וואָס איז געשטאַנען אונטערן וואַנטזייגער אין צענטער פֿון זאַל, האָט דערציילט דעם באַזוכער, וווהין דאָס דאָזיקע פֿאַרפֿאָלק טוט אַהין די פֿרייע שעהן... די ערשטע צייט נאָך זייער חתונה פֿלעגן זיי נאַכט ביי נאַכט באַזוכן טעאַטער, קינאָ און אַנדערע פֿאַרווײַלונגס־ערטער, זיין צו גאַסט ביי די עלטערן, ביי הרב ביאַליק, ביי די פֿייגנבוימס, ביי די ביעלסקים. אָבער פֿון זינט צווישן זייערע בעטן האָט זיך אַריינגערוקט אַ געשניצט בעטעלע מיט אַ נחומל, וואָס האָט פֿאַרמאָגט שוואַרצע אייגע־לעך, פּוכקע בעקעלעך, געטאָקטע הענטעלעך, אַ רונד מיילעכל און אַ מלאַ־חנעוודיק ווײַנעלע, האָבן זיי שוין די שטאָט אַ ביסל אָפּגעשטעלט אויף

א זייט. און כאָטש דאָס קינד איז געווען מיט אַלע מעלות טובות: „שיין ווי די וועלט, און נישט אַזוי שיין ווי קלוג, און נישט אַזוי קלוג ווי גוט, אַ קינד ווי אַ טויב"... געשלאָפן גאַנצע טעג און ביי נאַכט אויך די מוטער געלאָזט שלאָפן. אויסגעזויגן זיין חלק, אַזוי פּייפּט עס שוין מיטן נעזעלע, אַז עס איז אַ מחיה צו הערן — אָבער דאָך, איז שוין נישט געווען דאָס וואָס פריער. דאָס נייע פאַרשווינדל האָט, אַליין דאָס נישט וויסנדיק, אָנ־געטון זיינע עלטערן גאָלדענע קייטעלעך אויף די פיס. מען איז שוין געווען צוגעבונדן צו דער שטוב, בחינת: „מלך אסור ברהטים".* און יוכבד האָט ווידער, — נאָך אַ לאַנגער הפסקה, ווו עס האָט געקיניגט בלויז רוסיש, — זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו דערמאָנען: „ווי אַזוי מען לייענט אַ לשון־קודשדיק ביכל". פון יעקב כהנס לידעלעך איז זי איבערגע־גאַנגען צו יהודה שטיינבערגס מעשהלעך, דערנאָך פּרץ און שלום עליכם, און דערנאָך שוין מענדעלע, סמאָלענסקי, מאַפּו און קבק. שלמה האָט אין איר אַנטדעקט זעלטענע פעאיקייטן, אַזוי צו שפּראַכן, אַזוי צו שאָך־שפּילן און אַזוי אויך צו פידל־שפּילן. ער האָט אַלץ פאַנטאַזירט אַריינצו־נעמען אַ פּיאַנינע אין שטוב אַריין, נאָר די געשעפטן זענען שטאַרק גע־וואָרן פּלאַטשיק. פונעם טאָרגסין איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן. פונקט אַזוי ווי דער „נעפּ" בשעתו, איז ער נאָר געווען אַ ציייטווייליקע נויטווענדיקייט, און האָבנדיק אויסגעפירט זיין שליחות, האָט מען אים אָפּגעווישט פון דעם עולם. שלמהס רעסורסן האָבן פון אָט דער „הסתלקות" שטאַרק געליטן. אָט די מסחרימלעך זענען אין די לעצטע יאָרן געווען זיינע „צנתרא דדהבא".** און דאָס וואָס אָט די צנורות זענען נסתתם גע־וואָרן, האָט זיך ביי דעם יונגן פאַרפאַלק זייער שטאַרק געלאָזט פילן. אַז ער זאָל פּרוּוון אויף דער שטעלע מאַכן וועלכע עס איז פאַלשע קאָמבי־נאַציעס האָט אים יוכבד נישט דערלאָזט. זי האָט זיך געשוווירן ביי איר לעבן און ביים קינדס לעבן, אַז שלמה זאָל זיך נישט דערוועגן צו מאַכן ביי זיך אויף דער אַרבעט קיין מינדסטן „קנייטש אין דער יאַרמלקע". קיין איין זייטיקן רובל זאָל ער נישט זוכן, נאָר מיט דעם, וואָס די מלוכה גיט אַליין, דערמיט וועט מען זיך ווי עס איז מוזן באַנוגענען. און זי דאַרף נישט קיין פּיאַנינע, זי דאַרף נישט קיין ניי צירונג און קיין פּער־סישע טעפּיכער... אָט די אַלע שטותים האָבן ביי איר אַ ווערט כעפּרא דארעא... זי קען, אויב מען דאַרף, אַוועקגעבן אויך דאָס, וואָס זי האָט אין שטוב, נאָר דערהערנדיק ביי נאַכט טריט אויף די טרעפּ, ווייל זי אפילו איין מאָל נישט איבערקלערן:

— דאָס גייט מען נישט נאָך שלמהס נשמה?

שלמה האָט געפאָלגט. מען האָט אָנגעהויבן לעבן באַשיידן, „שטרעקן

* אַ קעניג — און איז דאָך צוגעבונדן צום פּאַלאַץ מיט זיינע דורכגענג. פון שיר־השירים.

** גאָלדענע רינוועלעך, אָדער קרענטלעך.

נאָך די עקן". נישט פאַרגינענדיק זיך אויסצוגעבן קיין איין איבעריקן רובל. פון די אוצרות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין די בחורישע יאָרן, איז שוין לאַנג קיין שריד ופליט נישט געבליבן: די דירה פאַר די ראַדיעצקעס; אַ דירה פאַר זיך; אויסשטעלן אַ דירה ווי ביי לייטן; אויסקליידן זיך ווי געהער־ריק; די קאַסע פאַר תלמוד־תורה און גמילות־חסדים האָט מען אויך גע־דאַרפט „אויסגלייכן"... שלמה המלכס אוצרות האָט ער אויך פריער נישט פאַרמאָגט. אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס. קימעא, קימעא, איז שלמהס עשרות אויסגערונען. ער איז שטילערהייט געוואָרן אַן אָרעמאַן מיט אַלע תג'ן, עס האָט פּשוט נישט געקלעקט אויף דער הוצאה. שלמה האָט יוכבדן געהאַלטן אין איין איבערחזרן דאָס וואָרט: „בשמים — ממעל, ביי גאָט־זאַכן דאַרף מען זיך פאַרקוקן אויף העכערס פון זיך. ועל הארץ — מתחת, און ביי ארציות, ביי עולם־הזה זאַכן — אויף אָרעמערס פון זיך". זי אָבער האָט אפילו נישט געקלערט זיך נעמען צום האַרצן פון די דאָזיקע שטותים. אמת, קיין מעדני־מלכים האָט זי שוין נישט געקענט פּראַווען, פון פיל טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן האָט מען זיך געמוזט אָפּזאָגן, נאָר דאָס וואָס עס האָט זיי אויסגעפעלט בגשמיות, האָבן זיי שוין ממלא געווען ברוח־ניות. די אומבאַגרענעצטע ליבע, וואָס האָט געהערשט אין שטוב, האָט פאַרשמעקט דעם אַריינקומענדיקן גאַסט גלייך פון דער שוועל אַראָפּ; זי האָט מיט זיך אָנגעפילט דעם חלל פון דער שטוב; זי איז געהאַנגען ברייש־גלי, ווי אַ מזוזה אויף דער טיר; ווי אַ קאַנדעלאַבער אויף דער סטעליע; ווי אַ זייגער אויף דער וואַנט. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דאַנילאָווסקע־גאַס איז גאַנץ ווייט פונעם שטאָטצענטער, פון דעסט וועגן פלעגן ביי זיי שטענדיק זיין אָן אַ שיעור געסט. אַזוי פאַר דעם קינדס געבוירן ווערן, און אַזוי דערנאָך. די געסט פלעגן זיך פאַרזיצן ביז צוויי, דריי אַ זייגער ביי נאַכט. דאָרט פלעגט חברה לערנען אַ שיעור, דאָרט איינאָרדענען ליטע־ראַרישע אָוונטן, שאַך־אָוונטן. ווו נאָר אַ שמחהלע, אַ יומא דפגראלע... און דאָס רוב פלעגט מען גאָר נישט זוכן קיין אמתלא, מען איז זיך אָן קיינע אויסרעדן צונויפגעגאַנגען און מען האָט פריילעך פאַרבראַכט.

יאָ, אין דעם זינען, איז שלמה פּיאַטיגאָרסקים שטוב געוואָרן די צווייטע נאָך אברהם פייגנבוימס.

ביי אַ יונג ווייבל טרעפן אָבער פאָרט שוואַכע מאָמענטן. ווען עס פלעגן זיך צונויפקומען געסט, מען האָט דערלאַנגט טיי און קיין שטיקל „מזונות" איז אין שטוב נישט געווען; אָדער — אויב ס'איז גראָד געווען פאַר דער „פּאָלוטשקע"* און קיין צוקער איז אויך אין שטוב נישט גע־ווען, נאָר שטיקלעך מאַליאַס, האַרטע ווי די ניסלעך, דאַן פלעגט יוכבד אַוועקגיין אַיך קיך אַריין און באַהאַלטן די אויגן פון די דורכגייענדיקע. שלמה פלעגט זיך אַנטשולדיקן פאַר די געסט, אַרויסגיין צו איר אין קיך

* דאָס באַקומען דעם געהאַלט.

אריין און זי פּאַקן ביי דער גנבה: אָפּטרייסלען אַ טרער. ער פלעגט זי צערטלעך צודריקן צום הארצן און איר פירהאַלטן:

— נו, איך פרעג דיך אַליין, ווי איז דיר קיין בזיון נישט צו וויינען פון אַזוינע שטותים: יאָ צוקער, נישט צוקער? ס׳איז דען ביי אונדז שטענדיק אַזוי געווען? דאַכט זיך, ערשט נישט לאַנג האָבן מיר זיך אַ ביסל גרעסערס דערלויבט. וויש אויס די אויגן, ס׳איז אַ בזיון פאַר לייטן. אַט וועסטו זען, ווי דיר אויך צו להכעיס וועט אונדז גאָט העלפן. מאַין — פון דעם, וואָס מיר האַלטן פאַר גאָרנישט — יבא עזרי, וועלן מיר גע־האָלפן ווערן. געדענק מיינע רייד! אָן עק, נעם דאָס קינד און קום צום טיש. ס׳איז אַ בושה פאַר פרעמדע מענטשן...

און גייענדיק פון דער קיך אין זאַל אריין פלעגט ער איבערחזרן פאַר זיך אַליין:

— דער אייבערשטער וועט זיכער רחמנות האָבן... מי שברא יום, ברא פרנסתו...

*

איין מאָל, ענדע זומער איז דאָס געווען, עפנט זיך די טיר פון שלמהס קאַבינעט אויף פּעטשערסק, עס קומט אריין נישט קיין הויכער יונגערמאַן, קוקט זיך פאַרזיכטיק אַרום, מאַכט פעסט צו די טיר הינטער זיך און דערנעענטערט זיך לאַנגזאַם צום טיש. שלמה האָט אים העפלעך אָנגעוויזן אויף אַ שטול און פריינדלעך געפרעגט:

— וואָס וועט איר זאָגן?

— גאָרנישט דאַרף איך נישט זאָגן.

— וואָס דען דאַרפט איר?

— גאָרנישט דאַרף איך נישט. איך האָב בלויז געוואָלט אייך קענען...

— זייער אָנגענעם. מיך רופט מען פיאַטיגאָרסקי, סאָלאָמאָן אַראָ־נאָוויטש.

— און מיך מאַטוויי ראַבלין.

זיי האָבן זיך אַ דריק געטון די הענט און שלמה האָט אַ פאַרחידוש־טער געזאָגט:

— אייער נאָמען זאָגט מיר גאָרנישט. כ׳האָב, דאַכט זיך, קיין מאָל נישט געהאַט די ערע וועגן אים צו הערן.

— אודאי נישט. ווי קומט איר מיך צו קענען? אָבער איצט בין איך פאָלי טולטשינסקים מאַן. זי קענט איר שוין יאָ...

— אַך, אַזוי? זי געדענק איך. איצט זאָגט זשע מיר ביטע, מיט וואָס קען איך אייך נוצלעך זיין?

— מיט גאָרנישט. קיינע געשעפטן האָב איך נישט מיט אייך. איך וויל אייך נאָר וואָרענען, אַז טאָמער זענט איר אַ מאָל געווען מיט פאָלין „מיינס—דיינס — אַלץ איינס", איז דאָס אַלץ געווען ביז מיר. איך האָב פיינט הויכע טשינאָווניקעס. אָך און ווי וועט זיין צו אייער קאָפּ, אויב

עס וועט אייך איינפאַלן זיך אַריינכאַפּן צו מיין ווייבל אין אַן אומעטיקער שעה. איר האָט דאָ אַן עסק מיט אַ מאַטראָס פון קראָנשטאַדט...

שלמה האָט ליבלעך אַ שמייכל געטון:

— קראָנשטאַדט איז זייער אַ שטאָלצער נאָמען, נאָר צו אָט דער וואָרענונג איז ער נישט געווען זייער נייטיק. איך וועל אַזוי אויך פאַר־געדענקען. איר קענט זיין רואיק...

יענער האָט טעמפּ אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך אַ ביסל פאַרשעמט פאַר זיין גראָבקייט און איז אַרויסגעגאַנגען פון קאַבינעט אָן אַ „זייט געזונט".

פאַרן גיין שלאָפן האָט שלמה דערציילט יוכבדן פון דער היינטיקער סצענע, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער פאַבריק און ביידע האָבן געשמאַק געלאַכט.

— יאָ, אָבער זאָג מיר, שלמה, וואָס פאַר אַ מין טיפּ איז אָט דער מאַטרויי?

— אַן עכט סאָוויעטישער טיפּ. ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך אויף דעם, וואָס האָט אויף דיר געוואַרט אין כאַרקאָוו...

יוכבד דערלאַנגט אים אַ מלא־טעמדיק פּעטשל איבער דער האַנט:

— איי, גיי, ביסט אַ שלעכטער. אַן קיין שטעכווערטלעך הייבט זיך ביי דיר נישט אָן.

*

עס איז פאַריבער דער זומער און ס'איז אָנגעקומען דער אָסיען. עס איז פאַריבער דער אָסיען און ס'איז אָנגעקומען דער ווינטער. אַ שווערער אַכזריותדיקער ווינטער. באַזונדערס האָט אים פּיינלעך איבערגעלעבט דאָס נייע פּאָרפּאָלק. אין דעצעמבער האָבן דאָקטוירים אויסגעפונען, אַז ביי יוכבדן האָט זיך באַוויזן „מאַסטיט"* אויף דער רעכטער ברוסט. דאָס געשוויר איז געווען אין זייער אַ שווערער פאָרם. מען האָט זי צוגענומען אין שפּיטאָל אַריין און דאָרט אָפּערירט. דאָס באַשטעלן די בעסטע כי־רורגן, דאָס צונויפרופן אַלע מאָל ברייטע קאָנסיליומס, דאָס דינגען אַ פרוי אויף צו טראָגן דאָס קינד אין שפּיטאָל אַריין עטלעכע מאָל אין טאָג אָנצוזויגן עס; דאָס „שמירן" דעם גאַנצן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, כדי מען זאָל געטריי אַכטונג געבן אויף זיין חולה — דאָס אַלץ האָט שלמהן אַריינ־געטריבן אין גרויסע חובות. ענדע יאַנואַר, ווען יוכבד האָט זיך אַן אויס־געמאַרכעוועטע אומגעקערט אַהיים, האָט זי אפילו נישט געקענט זיך דורכ־גיין איבערן צימער, נישט אָנהאַלטנדיק זיך ביי עפּעס. שלמה האָט געמוזט נעמען אַ פרוי אין שטוב אַריין, כדי „שטעלן יוכבדן אויף די פיס". יוכבד האָט זיך גיך פאַפּראַוועט און דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן אַריינגיין אין די שטילע ברעגן. די „גוטע זיבן יאָר" האָבן אָבער אָנגעהאַלטן נישט לענגער

* אַזאַ שלעכטע פאַרהאַרטעוועטקייט. שכיח נאָר ביי זויגנדיקע פרויען.

ווי פיר וואָכן. ביים קליינעם נחומל האָט זיך באַוויזן סקאַרלאַטינע און די מוטער איז אַוועק מיט אים אויף זעקס וואָכן אין שפּיטאָל אַריין. צו בדיקת־חמץ האָבן זיך שלמהס בני־בית אומגעקערט אַהיים און מען האָט געפּראַוועט אַ פריילעכן פּסח. דעם ערשטן סדר אויף לוואָווסקע ביי „כלהס צד״, דעם צווייטן אויף ענגעלסאַ ביי „חתנס צד״. דאָס קליינע נחומל האָט שוין געפּרעגט די קשיות מיט דער באַבעס ליפּן און די פרייד אין די צוויי הייזער איז געווען זייער גרויס. נאָר איין זאַך איז געגאַנגען אין שאָדן: יוכבדס האַלדז, די הענט, די פינגער זענען געווען אדם־נאַקעט. דאָס קרענקען האָט אַלץ איינגעשלונגען. אָבער יוכבד איז נישט געווען אַזעלכע, וואָס אַזאַ אבדה זאָל איר קענען פאַרשאָטענען דעם געמיט, און פאַרשטערן דעם פריילעכן יום־טוב. פּונקט פאַרקערט — זי האָט יעדן איינציקן געוויזן, ווי אַזוי „אָן אַלעמען״ איז נאָך פיל שענער... זי האָט אונטערן טיש, משום מראית־עין, ביז ווייטיק געדריקט דעם מאַן די הענט, און נאָך צערטלעכער צוגעפּרעסט דאָס קינד צום האַרצן.

קאפיטל XLVI

איבער קיעוו איז געהאנגען א יונגע וועסנע, א בלישטשענדיקע ווי אן ערשט אויסגעפוצטער, קרישטאלענער קאנדעלאבער, א דופטיקע ווי א יונג עפעלע, א צערטלעכע ווי א יונגע מוטער און א רייצנדיקע ווי א יוגנטטרוים. דער ריזיקער כרך מיט זיינע פארשטעט און צענטרען; מיט זיינע הויפטגאסן און הינטערגעסלעך; מיט זיינע פארקן און וועלדער, האט אויסגעזען ווי אן ערשט־געבוירן קינד מילידי־הענק, וועלכעס מען האט צום ערשטן מאל אויסגעוויקלט פון די שמוציקע וויקעלעך, אויסגעצוואגן, אויסגעקעמט און ארויסגעטראגן אויף גאטס שיינענדיק וועלטל, אלץ האט געבליאסקעט; אלץ האט געפינקלט; אלץ האט געשריגן: „זה היום עשה ד׳״... פיל פון די צענדליקער טויזנטער ארבעטער און אנגעשטעלטע, וואס יאגן זיך אלע פרימארגן צו דער ארבעט, זענען אין יענע גינגאלדענע טעג געווען בעלנים ארויסצוגיין פון דער היים מיט א שעה פריער ווי געוויינלעך און אומקערן זיך אהיים מיט א שעה שפעטער ווי געוויינלעך, אבי זיך א ביסל דורכשפאצירן אונטער די העל־בלאע, אויסגעבענקטע הימלען; אבי די פרילינגדיקע, זיסע ווינט־פינגערלעך זאלן זיך א ביסל באלעווע טון מיט די פריזורן, וואס זענען פאר די ווינטער־חדשים אונטערן היטל, היפשלעך צוגעוועלקט געווארן. הימל און ערד און אלע בעלי־חיים האבן שוין מוחל געווען דעם ווינטער זיין אכזריות, נישט אזוי מוחל געווען, ווי פארגעסן. די באנייטע בריאה האט גערופן צו סליחה מחילה וכפרה; צו אהבת־אחים; צו הכרת־הבורא; צו אויסגיין אין א תשוקה צום אין־סוף, צום אלמעכטיקן עתיק־יומין...

פארנדיק איין מאל פון דער היים אויף דער ארבעט מיטן טראמוויי נומער 8 ביז צו דער גאס „דריי הייליקע״, כדי זיך דארט אויפצוהייבן מיטן טראמוויי נומער 3 אויף פעטשערסק, האט שלמה באמערקט קעגן דער גרויסער מויער פון דער גענעראלער פראקוראטור און דער שטאטמיליץ שטייען אנגעשפארט אין א בוים מאטוויי ראכלין. ער האט שלמהן אויסגעוויזן א ביסל אפגעבליאקעוועט און שטארק נידערגעשלאגן. דער טראמוויי איז דורכגעפארן, נאך אויף א סעקונדע האט זיך שלמהס גדאנק פארהאלטן אויפן מאטווייען און ער האט אים פארגעסן. אויף צו מארגנס, אויף דעם זעלבן ארט, האט ער שוין געזען שטיין לעבן מאטווייען אויך יאנין מיט פאלין. זי איז געשטאנען צו שלמהן מיט דער פלייצע און האט עפעס שטארק געטענהט מיט די הענט. שלמה, כאטש ער האט איר פנים נישט געזען, דאך האט ער גוט פארשטאנען, אז ביי איר האט געמוזט טרעפן עפעס אן אומגליק, אבער זיך גיין דערפרעגן און דערווייל זיך באגעגענען מיט די טולטשינסקעס האט ער נישט געוואלט. אויפן דריטן טאג האט ער שוין פון א ווינקעלע אין וואגאן געטשאטעוועט דעם „שטענדיקן״ בוים און האט געזען שטיין מאטווייען מיט פאלין. דאס מאל איז זי שוין

געשטאַנען מיט אַ זייט און ער האָט זי פּריי געקענט באַטראַכטן. איר פּנים איז געווען שטאַרק געענדערט, געל און ביינערדיק. אָנגעטון איז זי געווען שטאַרק וואָכעדיק און ווי נישט אויף איר מאָס אויפגענייט. זי האָט גע־טראָגן פאַר זיך אַ בויך „ביז צו דער נאָז". עפּעס האָט זי זייער געוויינט און ער האָט אויף איר שטאַרק געקריצט מיט די ציין. שלמה האָט אַ פּאָר מאָל אַ רייב געטון דעם שטערן אהין און צוריק, און האָט זיך אַנטשלאָסן געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג. ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון טראַמוויי אויף דער ערשטער סטאַנציע און האָט זיך באַהאַלטן אין דעם קעגנאיבערדיקן סקווער. מאַטוויי, האָט ער געזען, איז אַרויפגעגאַנגען אין דער שטאָט־מיליץ, און פּאָלי איז געבליבן וואַרטן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך אַ בלייכער אומגעקערט און האָט איר שטאַרק אַ צערודערטער עפּעס איי־בערגעגעבן. זי האָט פאַרבראָכן די הענט און האָט זיך שווער אַוועקגע־שלייכט צום טראַמוויי. מאַטוויי איז געבליבן וואַרטן.

שלמה האָט נאָך אויסגעוואַרט עטלעכע מינוט און איז צוגעגאַנגען:

— זדראַווו, חבר ראַבלין.

מאַטוויי האָט זיך אַ דערשראָקענער אומגעקוקט, מיט אַ פינצטערן בליק אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און האָט נישט געענטפערט.

— פאַר וואָס ענטפערסטו מיר נישט? ביסט עפּעס ברוגז אויף מיר?

— פאַר וואָס זאָל איך דיר יאָ ענטפערן? איך האָב עפּעס געשעפטן מיט דיר?

— אָך, וואָס פאַר אַ גראָבער מענטש איר זענט, מאַטוויי... פע! נישט שיין אַזוי... זאָגט מיר, וואָס שטייט איר דאָ אַלע טאָג? אויף וואָס וואַרט איר דאָ?

— אַ—האַ! דו האָסט, הייסט עס, מיך אויסגעשפּיאָנירט? דו האָסט דערלעבט אין מיר אַ נקמה?

שלמה דערלאַנגט אים אַ פּליאַסק איבער די ליפּן:

— באַלוואַן, וואָס פּלוידערסטו? וועלכע נקמה? פאַר וואָס נקמה?

מאַטוויי האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן און האָט נישט דרייסט אַ מורמל געטון:

— פאַר וואָס נקמה, פרעגט ער נאָך? פאַר פּאָלין, פאַר פּאָליס נעמען מיך יאָ און דיך נישט...

שלמה האָט זיך הילכיק צעלאַכט, נאָר גלייך זיך אָפּגעהאַקט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז גלייכער אַזוי, אַז איר מאַן זאָל בלייבן ביי אָט דער מיינונג. דאָס איז געזונטער פאַר איר. מיט אַ טרויעריקער מינע האָט ער אַרויסגעקרעכצט:

— נו, נישט יעדער קען דאָך זיין אַזאַ גליקלעכער ווי דו... איז וואָס זשע שטייסטו דאָ שעהן־לאַנג? דערצייל, דערצייל...

עס איז שווער צו טרעפן די ריכטיקע סיבה פאַר וואָס מאַטווייען האָט באַהערשט אַזאַ שרעקלעך־שטאַרק געפיל פון גלייבן און נאמנות צו אָט

דעם דאָזיקן שלאַנקן, שוואַרצן יונגנמאַן. עפּעס זיין טאָן, זיינע אויגן האָבן גערירט ביי דער נשמה, צעשמאָלצן אין אים דאָס אייז. אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָט ער זיך צעוויינט:

— עס האָט מיך געטראָפן אַ גרויסער אומגליק...

— וואָס זשע, וואָס?

— אוי, אַ גרויסער...

— פּאָרט, אָבער עפּעס... אַ גרויסער, צי אַ קליינער, לאָמיך שוין הערן.

— אוי, אַ גרויסער, נישט קיין קליינער. צי עס האָט מיך עמעצער אונטערגעמסרט, צי ווייל עס איז איבערגעגאַנגען פון כאַרקאָוו דער צענ־טער אַהער צו, דערפאַר אפשר איז שטרענגער געוואָרן, ווייסט עס דער רוח פאַר וואָס, נאָר פאַר צוויי וואָכן... ניין, וואָס זאָג איך צוויי וואָכן? ס'איז שוין טאַקע באַלד דריי וואָכן, האָט מען פאַרנומען פון מיין קלייטל און איבערגעגעבן אין דער לאַבאַראַטאָריע פאַר קרימינעלע ענינים ביי דער גענגנט־מיליץ: אַ פעסל טאָמאַט, אַ פעסל קרויט און הונדערט זעקס און דרייסיק פלעשער איבערגעמישטן עסיק. ווייטער האָט מען ביי מיר געפו־נען איבעריקע פינף פעסלעך אוגערקעס, און אויף שוואַרץ איינגעקויפטע ניין און זעכציק קילאָגראַם טרוקענע פרוכטן. און חוץ דעם אַלעמען האָט מען נאָך געטראָפן טריפהנע סחורות אין קעלער און אויפן ביידעמל, פון הערן און זען און גדענקען. מען האָט באַלד ביי פּאָלין צוגענומען אַלע דאָקומענטן, ווייל אָפיציעל אַרבעט זי ביי מיר אַלס אַ מיטהעלפערין, און ביי מיר האָט מען צוגענומען דעם מיליטער־בילעט, דעם פּאַספּאָרט, דעם פּאַרטיי־בילעט... מיט איין וואָרט: מען האָט מיך אַנטוואָפנט לויט אַלע „פּראַווילעס" פונעם „אוסטאַוו". די אַנאַליזן פון דעם טאָמאַט, פון דער קרויט און פונעם עסיק האָבן געוויזן אַזוי שלעכטס... אַז ערגער קען שוין גאָרנישט זיין. די גנבהשע סחורה, וואָס מען האָט ביי מיר געפונען — בלויז מלוכהשע מיטן שטעמפּל. מיט איין וואָרט, אַז ווי איז מיר... דער אויספאָרשער האָט מיר שוין אויך געגעבן אַן אַרטיקל: „געזעץ פון 7טן אויגוסט 1932, ערשטער, דריטער, ניינטער און צוויי און צוואַנציקסטער פּאַראַגראַף".

— ווי קומט עס, וואָס מען האָט דיך נאָך נישט איינגעזעצט? מיט אַזאַ באָמבע...

— איך האָב געבראַכט אַ קוויטל פונעם דאָקטער, אַז ביי פּאָלין איז איצט די העכסטע צייט צו געבוירן, אַ ליאַדע טאָג קען עס זי אַ כאַפּ טון, און פונעם „זשילקאָפּ", — אַז חוץ מיר האָט זי אין שטאָט מער קיינעם נישט. האָט מען גענומען ביי מיר אַ חתימה, אַז איך וועל אין ערגעץ נישט אָפּפאָרן. איצט, אַז די אויספאָרשונג ענדיקט זיך שוין די נאָענט־סטע טעג, וועט מען מיך אודאי שוין נעמען, וואָס דען, מען וועט זיך צאַצקען מיט מיר?

— ביי וועמען געפינט זיך דיין ענין?

— ביים הויפּט־אויספאַרשער פון דער שטאַט־מיליץ : קוטשער. דו פרעגסט, פאַר וואָס איך בין נישט אַרעסטירט ? עס הייסט, און אַז איך בין נישט אַרעסטירט, קען איך עפּעס אויפטון ? אַז איך האָב נישט קיין מינדסטן דאָקומענט ביי דער נשמה. און וווהין וועל איך לויפן ? נאָך וויניק אַרומגעלאָפן אין מיין לעבן ? איך האָב דאָ אַ פרוי און... און כמעט אַ קינד... מיין שיף גייט אונטער... וואָלט איך נאָך דורכגעגאַנגען בלויז פאַר גנבה, ווייס איך כאָטש, אַז דאָס איז פון פינף ביז זיבן יאָר ; וואָלט איך אפילו געגאַנגען נאָר פאַר ספּעקולאַציע, אַן עק, ווייס איך, אַז עס איז צען יאָר. אָבער אַז דאָ גייט גאָר אַ גאַנצע קאָלעקציע פון חטאים, און בראש : די גנבות פון די פאַבריקן... דאָס איז — שיסן !...

שלמה האָט זיך כלל נישט צוגעהערט, וואָס ער רעדט דאָרטן. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים און האָט ביז ווייטיק זיך צונויפגעקוועטשט דעם שטערן :

— גוואַלד, וואָס טוט מען דאָ ? וואָס קען מען דאָ אויפטון ? איסאַק אַבראַמאָוויטש איז שוין פון קיעוו לאַנג אַרויסגעפאָרן. גלייך נאָך דער ליקווידאַציע פונעם טאָרגסין, האָט מען אים איבערגעפירט קיין טאַשקענט, ווו ער איז היינט דירעקטאָר פון טעקסטיל־קאָמבינאַט. לעוויטינען האָט ער נישט געזען פון יענעם זומער אָן. שוין באַלד דריי יאָר... ווער ווייסט, צי דער פּאָלקאָווניק וועט אים נאָך וועלן דערקענען ?... היינט איז קיעוו אַ רעזידענץ... קליין־מאָסקווע... נייע מענטשן מיט נייע לידעלעך... און אויב מיר וועלן גאָר אפילו זאָגן, ער זאָל שוין יאָ לאָזן צו זיך רעדן, מיט וואָס וועט ער „שמירן" ? אַז בסך־הכל איז ער אַזוי איינגעטונקען אין חובות, אַז די האָר זענען נישט זיינע... און אַז מען שמירט נישט, האָט מען אַ פּנים פון חוזק... וואָס דען ? סיידן לאָזן אין קאָן זייערע גאָלדענע זייגערס, דאָס לעצטע פונעם לעצטן, וואָס איז זיי נאָך איבערגעבליבן פון זייער אַמאָליקן לוקסוס, יוכבדס „לאָנזשין" און זיין מאַסיוון „פּאַטעק"* שטעלט זיך אַ פראַגע, צי האָט ער דאָס רעכט אַזוי צו טון ? היינטיקע יאָרן מעג מען זיך דען אויסבייטלען עד לפ"ק ?

ער מאַכט אויף די אויגן, מעסט אָפּ מאַטווייען מיט אַ לאַנגן, דורכגעמענדיקן קוק, זעט ווי ער שטייט נעבעכדיק און צעבראָכן, פאַר זיינע אויגן שוועבט דורך פּאָלים היפּש „בייכל" און יאַנים פאַרפינצטערט פּנים און ער זאָגט אים :

— אָט דאָ וואַרט אויס אויף מיר. אין ערגעץ זאָלסטו נישט אוועקגיין, אפילו אויב דיין אויספאַרשער וועט דיך רופן...

יענער שאָקלט אונטערטעניק מיטן קאָפּ און שלמה פאַרשווינדט אין דער גרויסער, זיבן־שטאָקיקער מויער.

אַ געשוואָלענע שעה האָט מאַטוויי געוואַרט אויף שלמהן, ער האָט שוין געמיינט, אפשר האָט גאָר יענער פון אים חוזק געמאַכט, נאָר אָט איז

* וועלט־באַרימטע פירמעס פון זייגערס.

שלמה אויסגעוואַקסן אויפן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר און מיטן פינגער אים גערופן צו זיך. נישט אומקוקנדיק זיך אויף אים, איז שלמה געגאַנגען פאַרויס און מאַטוויי הינטער אים. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן צווייטן שטאָק. ביים זיבעטן קאַבינעט האָט זיך שלמה אָפּגעשטעלט, צום ערשטן מאָל זיך אומגעקוקט אויף מאַטווייען און אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל:

— גיי, גיי אַריין, האָב נישט קיין מורא...

אין האַלב־טונקעלן, רייך־מעבלירטן קאַבינעט איז פאַרן טיש געזעסן אַ פּאָלקאָווניק מיט צוויי אָרדענס אויף דער ברוסט. מאַטוויי האָט אַ דער־שראָקענער אָפּגעטראָטן אויף צוריק, אויפן מיליטערישן שטייגער צוגע־לייגט די האַנט צום דאַשעק, און איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער.

שלמה האָט אויף אים אָנגעוויזן מיטן ווונק:

— חבר לעוויטין, אָט דאָס איז דער חתן־בחור...

לעוויטין האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון זיין שטול, מיט אַ ווונק צוגערופן שלמהן און, נעמענדיק אונטערן אָרעם, אים עפּעס געזאָגט אויפן אויער. שלמה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. נישט אַרויסלאָזנדיק שלמהס אָרעם, איז לעוויטין צוגעגאַנגען צו מאַטווייען, האָט אים אונטער־געהויבן מיט צוויי פינגער דאָס פּנים און האָט שפּאָטיש אַרויסגעזייעט דורך די ציין:

— איז עס יאָ שיין פאַר אַ קראַנשטאַדסקי מאַטראָס צו ווערן אַזאַ שעדיקער ווי דו?

מאַטוויי האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. לעוויטין האָט פאַרגעזעצט מיט דעם זעלבן האַלב־ערנסטן, האַלב־לאַכנדיקן טאָן:

— זאָג נאָר, קראַסנאָפּלאָטיעץ, ווען איך שענק דיר דאָס מאָל אַלץ, וואָס דו האָסט אָפּגעטון, און לאָז דיך אָפּ אויף דער פריי, וואָלסטו שוין מער קיין מאָל נישט באַגנבעט די סאָוועטישע בירגער און די ראַטנמאַכט, וואָס האָט דיך אויפגעצויגן ווי אַן אייגן קינד און דיך געמאַכט פאַר אַ מענטשן?

גרויסע טרערן האָבן גערונען איבער מאַטוויים באַקן. ענטפערן איז ער נישט אומשטאַנד געווען. שלמה האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אים:

— איך בין ערוב פאַר אים, סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש. ער וועט שוין אויף ווייטער זיין קלוגער...

לעוויטין האָט מאַטווייען אַ שנאָל געטון אין דער נאָז:

— געדענק זשע, ראַכלין, דיין לעבן האָסטו צו פאַרדאַנקען נאָר סאָ־לאָמאָן אַראָנאָוויטשן, ווען נישט ער, וואָלט מען דיך —

און ער דערלאַנגט זיך אַליין מיטן פינגער אַ פּיק אין לינקן שליף. מאַטוויי פאַרשטייט דעם רמז און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. לעוויטין נעמט אַראָפּ דאָס טעלעפאָן־טרייבל פונעם אַפּאַראַט:

— קאָמוטאַטאָר? גיט מיר דעם עלטסטן אויספאָרשער, קוטשער...

לעאָניד טאַראַסאָוויטש ? זדראַוו ! נעמט, פּאָזשאַלויסטאַ *, ראַכלינס עניין און קומט אַראָפּ צו מיר. יאָ, באַלד...

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַריינגעקומען דער אויספאָרשער. קור־טשער האָט פאַרחידושט אָנגעקוקט ראַכלינען ביי זיין נאַטשאַלניק אין קאַבינעט. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, ווי קומט ער גאָר אַהער. די גראָבע פּאַפּקע פּאַפּירן, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע בוכשטאַבן: ראַכלין, האָט ער איבערגעגעבן לעוויטינען. יענער האָט כלאחר־יד געמישט די בלעטער און אין אַ קורצער ווײַלע אַרום זיך געווענדעט צו קוטשערן:

— ווי האַלט איר מיט אים ?

— שוין כמעט פאַרענדיקט. מיטן ערשטן טראַנספּאָרט שיק איך אָפּ זיין עניין קיין מאָסקווע אין דריילינג־טריבונאַל אַלס „אויגוסטאָווניק". היינט טאַקע האָב איך געוואָלט אים איינזעצן. עפּעס צו לאַנג גייט זיין ווייב צו קינד. אפשר איז ביי איר פעדערן אין בויך... מיר קענען מער נישט וואַרטן...

לעוויטין האָט אומגעדולדיק געפּויקט מיטן רויטן בליישטיפט אין גלעזערנעם טאָוול. ווען קוטשער האָט געענדיקט, האָט ער זיך אָנגערופן:

— יאָ... יאָ... איז אָט וואָס לעאָניד טאַראַסאָוויטש... גיט אַרויס ראַכלינען אַלע זיינע דאָקומענטן... און רוימט אויף דעם גאַנצן עניין !... חוץ דעם גיט אים אַרויס אַ דאָקומענט, אַז ער ווערט באַפרייט, ווייל זיין שולד איז נישט דערוויזן געוואָרן און זיין פאַרברעכן איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן... מאַכט דאָס איינס און צוויי און טראָגט אים מיר אַריין אויף אונטערצושרייבן...

— חבר נאַטשאַלניק —

— טוט פאַרלויפיק וואָס איך באַפעל אייך !... מיין שטאַנדפּונקט וועל איך אייך געבן צו פאַרשטיין, ווען איך וועל האָבן מער פרייע צייט... צום ווידערזען, סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש ! כאַפּט זיך אַ מאָל אַריין...

* ביטע.

קאפיטל XLVII

ווען שלמה מיט מאטווייען זענען ארויסגעגאנגען אויף דער גאס מיט אלע דאקומענטן, און מיטן נייעם דאקומענט, אז פון אלע חשדים, וואס זענען געווען אויף ראכלינען איז ער ריינגעוואשן, האט אים שלמה ערנסט איבערגעפרעגט:

— איצט זאג מיר, מאטוויי, דו האסט טאקע אויף אן אמת בדעה צו ווערן אן ערלעכער מאן, אז איך זאל קענען פאר דיר ערוב זיין? אויב יא, וועל איך פרווון דיך רעקאמענדירן אויף אן אנשטענדיקער ארבעט...

מאטוויי האט אנגעכאפט שלמהס האנט און האט נאר באגאסן זי מיט טרערן פון פרייד און דאנקבארקייט. דאס גאנצע פנים זיינס האט זיך געקארטשעט פון געוויין. פאר אויפרעגונג האט ער נישט געקענט ענטפערן קיין איין ווארט.

— גוט, גוט, איך גלייב דיר. קום צו גיין מארגן האלב צען אין דער פרי צו דער גרויסער טעלעפאן־סטאנציע, וועלן מיר צוזאמען פרוון ערגעץ צוגיין.

אויף צו מארגנס, דערנעענטערנדיק זיך צום אפגעשמועסטן ארט, האט שלמה נאך פון דער ווייטנס באמערקט יאנין מיט מאטווייען. יאני איז אים מיט פארווייניטע אויגן אקעגנגעלאפן, געפאלן אויפן האלדז און האט אים באשאטן דאס פנים מיט קושן:

— שלמהלע, טייערער, ליבער... וואס עס האט נישט געטראפן, אבער מיין קינד ביסט דו... קיינער וואגט נישט דיך אפצורייבן ביי מיר...

שלמה האט אים געטריי געגלעט איבער דער פלייצע:

— יאני, פאר וואס רעדט איר אזעלכע רייד? מאטוויי קען זיך נאך באליידיקן...

— וואס מיר מאטוויי? ווער מיר מאטוויי? איך קען נאר דיך... איך קען דיך נישט פארגעסן אויף קיין איין מינוט... שלמהלע, ליבער מיינער... רעטער אונדזערער... שמואליקן, לייבן, און איצטער פאלין מיט איר צור־קינפטיק קינד...

שלמה האט זיך באפרייט פון יאנים ארעמס און נישט אויפהייבנדיק די אויגן פון דער ערד, שוין א ביסל צו טרוקן א זאג געטון:

— נו, אנטשולדיקט מיר יאני, איך בין נעכטן אויך שפעט געקומען אויף דער ארבעט. מאטוויי, קום! יאני, א גוטן אייך. זייט געזונט. האט קיין פאראיבל נישט...

אין דער דירעקציע פון קיעווער גאסטראנאם אויף לענינא־גאס האט שלמה אנגעקלאפט צום דירעקטאר אין קאבינעט. א בייזער באריטאן האט א ברום געטון:

— אריין!

שלמה האט אונטערשטופט מאטווייען:

— קום, קום אריין, העכער הייב אויף דעם קאָפּ! די וועלט האָט נישט ליב קיין ניונקעלעך... קום, ער איז מיינער אַן אַלטער גוטער־ברודער, דער דירעקטאָר.

דער דירעקטאָר איז געזעסן אויפן שפּיץ פון זיין פּאָטערשטול און האָט אונטערגעשריבן פּאַפּירן. נישט אויפהייבנדיק די אויגן האָט ער דורכגעזייעט דורך די ציין:

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, חברים? זאָגט קורץ און שאַרף, פאַר־האַלט מיך נישט!

— אַזוי נעמט מען אויף געסט, חבר ווישניפּאָלסקי? עך, נישט שיין... איך האָב אייך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען... שלום עליכם...

דער דירעקטאָר האָט פאַרוווּנדערט זיך אויפגעהויבן:

— אַנטשולדיקט, איך קען אייך נישט...

— גיט נאָך אַ מאָל אַ קוק, אפשר יאָ?

דער דירעקטאָר האָט אַ פאַרלוירענער געקוקט, געקוקט און איז פּלוצ־לינג צוגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער:

— אָך, פּיאַטיגאָרסקי!... וואַרט, וואַרט... סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש!... דערמאָנט זיך, האַ? וויפל יאָרן, וויפל ווינטערס!... זינט מיר האָבן זיך געזען, איז שוין טאַקע באַלד... באַלד... וויפל איז דאָ, זינט מיר זענען יענעם שבת פאַרנאַכט צוזאַמען געווען אין זשיטאָמיר?

— שוין באַלד דריי יאָר...

— טאַקע פּאַוואָלינקע דריי יאָר? מיין ליבער, וואָס זשע ווילט איר? וויפל מענטשן מען זעט זיך אָן אין אָט דעם גאַסטראָנאָם־קעסל פאַר דריי יאָר? מאַ—מע—ניו!... זיצט פּיאַטיגאָרסקי, איר זענט ביי מיר זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. און ווער איז אָט דער חבר?

— מיינער אַ קרוב, ראַבלין. זייט באַקאַנט.

זיי האָבן זיך אַ דריק געטון די הענט און ווישניפּאָלסקי האָט גע־פרעגט:

— וואָס האָב איך צו פאַרדאַנקען אַזאַ געהויבענעם וויזיט?

— קוים בין איך געקומען, וועל איך אייך שוין זאָגן. ליעוו מאָי־סעיעוויטש, איך דאַרף פאַר מיין קרוב אַ שטעלע, אָבער אַזעלכע, אַ פריי־צישע, און עס זאָל קלעקן אפילו אויף נאַשערייען אויך... איר פאַרשטייט שוין, וואָס איך מיין...

ווישניפּאָלסקי האָט זיך פאַרטראַכט:

— דאַרף מען דאָך וויסן, צי ער יכולט? —

— ער יכולט אַלץ.

— נו, און —

— פּונקט ווי איך... די זעלבע נאמנות ווי איך. איך בין ערוב פאַר אַלץ.

— ווו האָט ער געאַרבעט ביז איצט?

— וואָס האָט דאָס צו אייך? ביי מיר האָט ער געאַרבעט!

שלמה מיט ליעוו מאַיסעיעוויטשן קוקן זיך לאַנג אין די אויגן.
שלמה גיט אַ שמייכל:
— נו, זאָגט שוין, זאָגט, וואָס אַזעלכעס קוועטשט אייך?
— דו פּאַרשטייסט, סאַלאָמאָן אַראָנאָוויטש, עס איז אַזוי די זאַך: דער דירעקטאָר פון צענטראַלן מאַגאַזין דאַרף דווקא פּונקט האָבן אַ פּאַר־טרעטער...
— אָט־אָט־אָ... אָט דאָס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר אים... נאָר וואָס דען?
— אָבער —
— וואָס אָבער?
— דו פּאַרשטייסט? אויף צו לעבן קלעקט גאַנץ גענוג, אָבער אַליין נעמען — קיין ראַזשינקעלע...
— וועגן דעם האָבן מיר שוין איין מאָל אָפּגערעדט! איר קענט מיך...
— און מען דאַרף פּאַרשטיין אַן עסק —
— אָ! אַריבער און אַריבער...
ליעוו מאַיסעיעוויטש קלערט נאָך אַ ווײַלע און באַשליסט זיך:
— נו, ווּעמען, ווּעמען, נאָר אייך אָפּזאָגן — דאָס נישט!
שלמה דריקט מיט ביידע הענט זיין האַנט. ווישניפּאָלסקי דערמאָנט זיך:
— טאָמער שרייבט איר אַ מאָל איסאַק אַבראַמאָוויטשן, לאָזט אים אומבאַדינגט גריסן אין מיין נאָמען. און איר, חבר ראַבלין, קומט איינס אַ זייגער מיט אַלע אייערע דאָקומענטן צו מיר, וועל איך מיט אייך אַריינ־גיין אין דער אָפּטיילונג פאַר די קאַדרען און מיר וועלן דאָרט אויספילן אַלע פאָרמאַליטעטן, און שוין מאָרגן זיבן אַ זייגער אין דער פרי וועט איר צוטרעטן צו דער אַרבעט. דער מאַגאַזין געפינט זיך אויף קרעשטשאַ־טיק נומער 46.
אַרויסגייענדיק אויף דער גאַס האָט מאַטווײ אַ בלייבער, מיט פול־אָנגעגאָסענע אויגן, נישט דרייסט אָנגענומען שלמהן ביי דער האַנט:
— סאַלאָמאָן אַראָנאָוויטש, איך האָב, דאַכט זיך, געהאַנדלט קעגן אייך ווי אַ חזיר...
— מיר דאַכט אויך אַזוי...
— איר מוזט אָבער געדענקען, וואָס פאַר אַ דערציאונג איך האָב באַקומען —
— אַן אַנדער ברירה האָב איך?
— איך האָב גאָר קיין השגה נישט געהאַט —
— כ'האָב געזען...
— זייט מיר מוחל...
— עי... דאָס זענען נאַרישקייטן. דער עיקר פאַרשמיר נישט מיין נאָמען, אַרבעט ערלעך און זיי אַ געטרייער מאַן פּאָלינאַ יאַקאָוונען...
און נישט ענטפערנדיק אים מער קיין איין וואָרט, איז ער אַוועק צום טראַמוויי.

*

אין א וואָך אַרום, קומענדיק אַהיים פון דער אַרבעט, האָט יוכבד דערלאַנגט שלמהן אַן אויפגעמאַכטן בריוו:

— אַ גאַנצע טאָג פלאַטערט מיר אַזש דאָס האַרץ פון דעם דאָזיקן בריוו —

פאָלי האָט געשריבן:

„געערטער חבר פיאַטיגאָרסקי!

איך בעט ביי אייך אַ דערלויבעניש צו באַזוכן אייך אין אייער וווי־נונג. איך וויל האָבן די מעגלעכקייט אין אייער אַנוועזנהייט אונטערצו־פירן אַ אונטערשטע שורה פון דעם וואָס איך האָב אייך געטון, און דאַ־קעגן פון דעם, וואָס איר האָט אין מיר געטון. איך בעט אייך זייער מיר נישט אָפּצוזאָגן. דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ גליק. דאָס וועט אַראָפּנעמען אַ שווערע לאַסט פון מיין האַרצן און פון מיין געוויסן. אַ גרוס אייער פרוי אומבאַקאַנט.

מיט טיפער אַכטונג — פאָלי".

שלמה האָט צעקנייטשט אין דער זשמעניע דאָס בריוול און עס אַוועקגעוואָרפן אין אַ ווינקל. יוכבד האָט עס אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט אויף דער קני און עס צוריק אַריינגעלייגט אין קאָנווערט אַריין. גלעטנדיק שלמהן איבער די האָר, האָט זי אים שטיל געזאָגט:

— אַזוי טויג נישט, שלמהלע, דו דאַרפסט איר דערלויבן.

— בשום אופן נישט!...

— דאַן מוזסטו כאָטש ענטפערן. וווּ איז כבוד הבריות?

— דו ווילסט? — ענטפער! איך האָב נישט וואָס צו ענטפערן.

— דו פאַרשטייסט, חיותל, עס גיבט נישט קיין גרעסערער פאַטש אין פנים, ווי אַז איך זאָל ענטפערן אָנשטאָט דיר. איך וועל אָנשרייבן דעם אַדרעס אַבי דיר צו פאַרשפּאָרן און אַליין דעם בריוו אויפלייגן אויף דער פּאָסט און דו שרייב נאָר אָן. איך בעט דיך... טו מיר צו ליב און ענטפער...

שלמה האָט אַרויסגעריסן אַ בלעטל פון זיין נאָטיצביכל און האָט כלאחר־יד אָנגעוואָרפן:

„בירגערין ראַכלין!

איך דערלויב אייך נישט. איר דאַרפט נישט קומען. אונדזער מענטשי־שער באַלאַנס איז זייער פּרימיטיוו. אונדזערע געוועזענע באַציאונגען זענען צו פיל פאַרפּלאָנטערט, אַז מיר זאָלן זיין ביכולת זיי פונאַנדערצופּלאָנ־טערן. און צוליב וואָס דאַרף מען דאָס? וואָס גיט עס? אין פופציק יאָר אַרום, אויפן עולם האמת, דאָרט וועט מען זיך שוין מן הסתם פונאַנדער־קלייבן... דאָרט וועט מען אונטערציען אַ אונטערשטע שורה און אונדז זאָגן ווער וועמען עס איז געבליבן שולדיק און וויפל וועמען עס קומט אַרויס... זייט געזונט. גריסט אייערע. מיין פרוי גריסט אייך.

שלמה."

יוכבד, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען הינטער שלמהס פּליי־צעס און האָט געלייענט יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרוים אויפן פּאַפּיר, איז אַרויפגעשפּרונגען אויף זיינע קני, זי האָט שטאַרק צוגעפּרעסט זיין קאָפּ צו איר ברוסט און זיך שטאַרק צעוויינט. שלמה האָט זי פאַרווונדערט אָנ־געקוקט:

— וואָס איז פּלוצלינג פאַר אַ געוויין?

יוכבד, דורך טרערן:

— און איך נאַרישע — דו געדענקסט דאַמאָלסט אין וואַלד? — האָב מורא געהאַט, טאָמער וועט פּאָלי זיין שטאַרקער פון מיר...

מיט אויפגעהויבענע אויגן ווי בשעת אַ תפילה, האָט זי זיך אַראָפּ־געלאָזט צו זיינע פיס:

— זיי מיר מוחל, מלאך מיינער, יענע אַנגסטן, וואָס איך האָב דיר פאַרשאַפט. מיט וואָס האָב איך פאַרדינט ביי דיר אַזאַ הייליקע ליבע?

ער האָט זי אויפגעהויבן אויף די הענט, זי פעסט צוגעדריקט צו זיך, זייערע ליפּן האָבן זיך באַגעגנט און זיך באַהעפט אין אַ לאַנג דויערנדיקן, זאַפטיקן קוש. דאָס קינד אין בעטעלע איז געלעגן מיט אָפענע אייגעלעך און האָט פאַרחידושט צוגעקוקט, ווי פון זיין טאַטע־מאַמע איז געוואָרן איין קערפּער און איין נשמה...

קאפיטל XLVIII

גאָר אין קורצע עטלעכע וואָכן ארום האָט זיך ביי יוכבדן אָנגעהויבן א געפערלעכער קאָפּשווינדל. אין מיטן גאַס, אין טראַמוויי, און אפילו אין שטוב זיצנדיק ביים טיש פלעגט זיך איר פאַרדרייען דער קאָפּ, טונקל ווערן אין די אויגן און זי האָט זיך געמוזט אין עפּעס אָנכאַפּן, כדי נישט אומצופאַלן. דאָ איז איר שוין ביינעשטאַנען: אי דאָס שווערע טראָגן, וואָס זי האָט געהאַט מיט נחומלען; אי דער „מאַסטיט"; אי דעם קינדס סקאַרלאַטינע, אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט יד־אחת און געוואָלגערט זי פון די פיס. ווען איין מאָל אין אַזאַ פאַל איז דאָס קינד שיר נישט אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט, איז שלמה מיט איר אַוועק צו אַ דאָקטער. יענער האָט זי גרונטלעך אונטערזוכט, און האָט שלמהן לאַנג געמוסרט, פאַר וואָס ער האָט דערלאָזט, אַז ביי זיין יונגער און שיינער פרוי זאָל זיין אַזאַ געפערלעכע בלוט־אָרעמקייט. ער האָט אים אויסגערעכנט אַ לאַנג צעטל מיט „אומבאַדינגטע מיטלען":

— ערשטנס: סאָסנע! אייער חולה מוז דרינגענדיק אָפּפאָרן ערגעץ אין אַ דאָרף אַריין, וואָס געפינט זיך לעבן אַ סאָסנעוואַלד. איך זאָג דערפאַר נאָענט, ווייל פיל גיין טאָר זי אויך נישט. צוליב דעם בלוט־אָפּפאַלוס איז דאָס האַרץ אויך זייער אָפּגעשוואַכט. געדענקט זשע, אַז אָפּפאָרן מוז זי באַלד, נאָך איידער דער שטיין גליט זיך אָן. עס איז שוין היינט געווען 18 גראַד היץ. ווייטער: דאָס קינד טאָר נישט בלייבן אויף אירע הענט. אָדער איר דאַרפט דאָס איינאָרדענען דאָ ביי זיך, אויב איר קענט מיט איר נישט מיטפאָרן, אָדער ספּעציעל דינגען אַ מענטשן צו דעם. און איר טאָג־טעגלעכן מעניו דאַרף אַריינגיין: 500 גראַם רינדערנער לעבער; דריי פלעשער שוואַרצער ביר און פינף עסלעפל „געמאַטאָגען". איך וועל אייך דאָס אויסשרייבן. דאָס איז חוץ אַכט אייער טעגלעך; מינדערסטנס אַ ליטער מילך; צוויי הונדערט גראַם פּוטער, חוץ סמעטענע, וויין, פלייש, פרוכטן און גרינוואַרג. חברטע, וואָס שמייכלט איר? וווהין עס וועט אַריין אַזאַ געדעטעניש? צו אייך אין בויך אַריין! אייער אָרגאַניזם איז אויסגעהונגערט, ער האָט פאַרלוירן זייער פיל און אַן אָרגאַניזם, וואָס עס פעלט אים פיל, פאַרנעמט פיל. איר זענט אַ יונגער מענטש און טאָרט עס נישט פאַרלאָזן, סיידן איר ווילט אַריינפאַלן אין דער טשאַכאָטקע. און איר יונגערמאַן שרעקט אייך נישט, דאָס איז אַ רעזשים אין גאַנצן אויף דריי חדשים. דאַן וועט אייער פרוי ווערן געזונט און שטאַרק אויף אַלע אברים, פּונקט ווי פאַר דעם „מאַסטיט".

אַרויסגייענדיק פונעם דאָקטער, נעמט יוכבד שלמהן אונטערן אָרעם און זאָגט אַנטשלאָסן:

— זעסטו? און וואָס האָב איך דיר פריער געזאָגט? סתם שולדיק געווען דעם רוח אַ גאַנג. אין ערגעץ וועל איך נישט פאָרן.

— פאַר וואָס עפּעס אַזוי אַנטשלאָסן?

— וואָס פרעגסטו? מיר זענען אַזוי אויך איינגעטונקען אין חובות

איבערן קאָפּ... פּונקט אויסגעפּונען א צייט, אויף צו פּראָווען זיך דאַ־טשעם מיט דינסטן, מיט לעבערלעך...

— איי, יוכבדל, רעד נישט קיין נארישקייטן, וואָס קען נאָך זיין בילע־כער און נייטיקער פונעם געזונט? איך וועל ערגעץ קריגן געלט און דו וועסט פאָרן.

— שלמה, דו פארגעסט, אז מיר זענען שוין שולדיק לייבלען 1,300 רובל. רעמיזינען 2,500 רובל, מנשהן 900 רובל, דער באַלעבאָסטע פאַר דירה־געלט אודאי שוין אויך א דריי הונדערטער, אויב נישט מער... און אין קאָנטאָר וויפל האָסטו אויסגעליגן? נאָר דעם אמת זאָג!

— דאָס אַלץ האָט נישט צו דיר, לעבן מיינס. דיין פליכט איז נאָר צוריק צו ווערן אזוי געזונט און שיין ווי אין אַלשאַנע, בעת איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל דערזען, ביי דער באָק־דייזשע. דו געדענקסט? אָך, וואָס פאַר א בייזע דו ביסט דאמאָלסט געווען... און גרויס ביי זיך... אפילו זיך נישט אומקוקן...

— דו ביסט נישט גערעכט, שלמהלע. איך בין קיין מאָל ביי זיך גרויס נישט געווען. אָבער אז עס גייט אריין א פרעמדער מענטש און איך שטיי מיט די הענט אין טייג... דיר וואָלט דען געפעלן מיך זען אזעלכע?

— מיר געפעלסטו אין אַלע פאַזעס... און ווען דו באַלעבאָטעוועסט מיט דיינע קלאָרע הענטעלעך — נאָך מער ווי שטענדיק... וואָס איז שוין ווידער, יוכבד? קום א ביסל אָפּ אין א זייט... שפּאַר דיך אָן, נייןֿ, בעסער זעץ זיך צו.

נישט זעענדיק קיין זאך פאר די אויגן, האָט זיך יוכבד שווער אראָפּ־געלאָזט אויף א שטיינערנער באַנק און האָט א בלייכע שווער געאָטעמט. שלמה האָט זיך א פארלוירענער ארומגעקוקט אויף אַלע זייטן און בעטנ־דיק זיך ביי איר געפרעגט:

— יוכבד, וואָס איז דיר, וואָס דאַרף איך טון?

זי האָט מיט אירע הענט אָפּגעזוכט זיין האַנט, זי שוואַך א דריק געטון און א שולדיקע געשעפּטשעט:

— עס וועט באַלד איבערגיין. זיי לעבן מיר...

— אפשר דיר קריגן א טרונק? אפשר א קאָנפעקט? א שאַרפע זאַך אויף א שמעק צו טון?

— גאָרנישט דאַרף מען נישט. אז איך האָב דיך לעבן מיר, איז מיר שוין גרינגער. נאָך א מינוטקעלע, גייען מיר. אָט אָ באַלד. דו זיי נישט ברוגז. וואָס בין איך שולדיק?

— ברוגז בין איך דווקא יאָ, נאָר אויף זיך, נישט אויף דיר. איך וואָלט געווען געדאַרפט די ערשטע שעה נאָך פסח גיין מיט דיר צום דאָקטער.

— ווייס איך, דאָקטער־שמאָקטער, ס'וועט אזוי אויך מוזן זיין גוט. קום, שלמהלע, איך פיל זיך שוין גוט.

מיט א באַטריבט פנים האָט שלמה זי גענומען אונטערן אָרעם, זי

פעסט צוגעפּרעסט צו זיך און האָט זיך געלאָזט מיט איר איבערשניידן די גאַס אין דער ברייט.

— שלמה, וווהין גייסטו? מיטן טראַמוויי פאָרן קען איך נישט! עס קען זיך מיר נאָך ווידער פאַרדרייען דער קאָפּ, איך גיי דיר אַזוי אויך נאָך ווי אַ שכורע. קום זיך דורך צו פוס. דאָס וועטער איז אַזוי גוט. יאָ, קענגן דעם וואָס דו זאָגסט פאָרן... דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, אַז עס איז אַן אוממעגלעכע זאַך. אָנוואַרפן אויף דיר דאָס קינד, קען איך נישט. אונדזערע מאַמעס קען איך אויך פאַר קיין ניאַנקעס נישט מאַכן. און ווי אַזוי וועל איך גאָר קענען זיין אָן דעם קינד עטלעכע חדשים?... און אָן דיר? און דו אָן מיר? ווייס איך, עס איז גלאַט דיבורים אין דער וועלט אַריין...

— הער יוכבדל, דיר, זע איך, איז שווער צו רעדן, לאָז מיך איצט רעדן. ביי מיר איז שוין אפילו אַ פּלאַן אויך כמעט פאַרטיק. קום, לאָמיר גיין דורכן באָטאַנישן גאָרטן. אמת, עס שמעקט נאָך דאָרט נישט אַזוי שטאַרק, די ערד האָט זיך נאָך רעכט נישט אָנגעוואַרעמט. אָבער די זאַמ־דיקע וועגן, די שיינע געוויקסן דערהייבן שטענדיק מיין שטימונג. נו, דו הערסט, חיותל? נאָר כ׳בעט דיך, שלאָג מיר נישט איבער. אויב זאָגן דיר דעם אמת, טראַכט איך שוין אין דער פראַגע עטלעכע וואָכן, נאָר ביים דאָקטער אין קאַבינעט האָב איך זיך כמעט באַשלאָסן. אָט גיב אַ שטייגער אַ קלער: איך באַקום געהאַלט אין דער טריקאָטאַזשנע פאַבריק 520 רובל. נאָך אַלע „בעבור שנדרס", נאָך אַריינוואַרפן אין אַלע „טע־לערלעך" און „שעלעכלעך" ברענג איך פון זיי אַהיים, אויב אַ סך איז 350 רובל. נאָך אַ מאָל אַזוי פיל אַנטליי איך כסדר מן הצד און דאָך קלעקט נישט. דאָס דאַרף איך דאָך דיר נישט דערציילן. דו דערשטיקעוועסט דאָך די הוצאה מיט שמות־הקדושים, נישט איך. אויב איך זאָל אָנהייבן זיך הייסן געבן אַ חלק פון די גנבות, למשל ביי די קלאַדאָוושטשיקעס* אָדער ביי די נאַטשאַלניקעס פון די צעכן, איז ערשטנס: וועלן זיי מיר דערלאַנגען אויפן שפּיץ מעסער, שלמה, ווייסן זיי גאַנץ גוט, וועט נישט אַריינקריכן בעובי־הקורה, אים קען מען אַפּקומען מיט שהי־פּהי און ער וועט נישט פוצה פה ומצפצף זיין. וואָס פאַר אַ תקלה עס זאָל זיך שוין דאָרט נישט טרעפן, וועט מען די גאַנצע שולד אַרויפוואַרפן אויף מיר. דו ווייסט נישט? אויף אַ געזונטן בוים איז גוט צו קריכן. אַלאַ וואָס דען, נעמען זיך אַזאַ שטעלע ווי איך האָב אָפּגעזוכט פאַר ראַכלינען, איז מיר נישט באַקוועם מכמה טעמים. ערשטנס, איבערן שבת; צווייטנס קען איך זיך ווידער נישט אַראָפּלאָזן צו די קרעמערישע מאַכינאַציעס. ווייטער: ביי אַזאַ מין אַרבעט ווערט מען אַן עבד־כנעני, און איך בין דאָך אַ ביסל פאַרנומען אויך. דו ווייסט דאָך: תלמוד־תורה, געלט־ענינים. אַלע חברים זענען פאַרנומען, מען קען זיך היינט אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן. און דאָ נאָך דיין נישט געזונטקייט... איצט פאַרלעבן מיר אָוועלכע אַכט, ניין הונדערט רובל אַ חודש, און לויט דעם „שולחן־ערוך", וואָס דער דאָק־

* פאַרוואַלטערס פון סקלאַדן.

טער האָט דיר אויסגעשריבן דאַרפֿן מיר אָנהייבן צו פֿאַרלעבן כאָטש צוויי מאָל אַזוי פֿיל, וואָס, נישט אַזוי? אונדזערע חובות היינט צו טאָג דערגרייכן שוין פֿינף טויזנט רובל. נאָך אַן ערך פֿון פֿינף טויזנטער דאַרפֿן מיר שולדיק בלייבן פֿון דיין דאַטשע. דערנאָך שפּרינגט ערשט אונ־טער דער ווינטער, דאַרף מען ווידער: דאָס, יענץ... וואָס זשע וועט טאַקע זיין דער תּכלית? אויף ווען וועלן מיר דאָס קלייבן אַזאַ באַרג מיט חובות?

יוכבד, אַ בלייכע ווי די וואַנט, האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— שלמהלע, האָב נישט קיין פֿאַראיבל, וואָס איך שלאָג דיר איבער, נאָר לאָמיר זיך צוזעצן אַ ביסל אויף דער באַנק...

שלמה, דערשראָקן:

— וואָס, עס שווינדלט דיר שוין ווידער פֿאַר די אויגן? מיר גייען דאָך, דאַכט זיך, פּוסטריט.

— ניין, עס שווינדלט מיר נישט, נאָר סתּם אַזוי, די פֿיס פֿאַלשעווען אַ ביסל אונטער. כאַ־כאַ־כאַ... נישטאָ די כּוחות פֿון מיידלווייז... איך שפּאַס, נאַרעלע... אַ! אָט אַזוי איז גוט... איך האָב אַ געפֿיל, ווי עס זאָל גיין אַ פֿאַרע פֿון מיינע פֿיס. שלמה, גיב מיר אַ קוש. איך וויל דאָך נישט זיין אַזוי. דו מיינסט, אַז מיר איז דאָס אָנגענעם? עס וואָלט מיר ניחא'ר געווען צו טראָגן פֿולע זעק באַרג־אַרויף איידער דאָס צוזעצן זיך אַלע ווײַ־לע. נאָר וואָס קען איך העלפֿן? געזונט איז ביי גאָט...

— יוכבד, הער אויף אַזוי צו רעדן... איך וועל, דאַכט זיך, באַלד וויינען... וואָס פֿאַרענטפֿערסטו זיך? אפֿשר בין איך גאָר שולדיק? ווען נישט נחומל זאָל לעבן —

ער כאַפּט פֿון יוכבדן מיט צוויי פֿינגער איבער די ליפּן און דריקט זי צו צו זיך.

— שלמהלע, איך האָב נישט ליב, אַז דו רעדסט נאַרישקייטן... ביסמו הייסט עס, אויף מיר נישט בייז פֿאַר מיינע חנדלעלעך?

— יוכבד, זאָלסט מער נישט וואַגן מיט מיר צו רעדן פֿון אַזעלכע ווילדע שטותערייען...

— דריק מיך צו נאָך פֿעסטער, דאָ גייט דאָך קיינער נישט. איצט — אַ קוש! אָט אַזוי ביסטו אַ ווויל יינגעלע. איצט דערצייל, וואָס פֿאַר אַן עצה האָסטו צוגעטראַכט צו די חובות? מיר וועלן נאָך זיצן אַ ביסל, גוט? דאָס קינד קער נאָך שלאָפֿן. און ווידער, די מאַמע איז דאָך דאָרטן דאָ. דערצייל... קוק נאָר שלמה, וואָס פֿאַר אַ פּרעכטיקע ליפּע... אוי, קוק נאָר! דאָ איז נאָך פֿאַראַן בעז? שלמה, רייס מיר אָפּ אַ צווייגעלע...

— יוכבד, גאָט באַהיט! דאָ טאָר מען נישט רייסן...

— אָבער קיינער זעט דאָך נישט...

— מיינע אויגן טאָרן עס אויך נישט זען. איך בין אַ סאָוויעטישער בירגער.

— נו, רייס אָפּ מיט צוגעמאַכטע אויגן. גוט, פּאַטריאָט מיינער?

— ניין, לעבן מיינס. מען טאָר נישט. אויב יעדער דורכגייער זאָל זיך אָנהייבן אָפּרייסן וואָס אים געפֿעלט, וועט אין עטלעכע טעג ווערן אויס

באַטאַנישער גאָרטן. דו ווייסט וואָס? אויב עס גלוסט זיך דיר אַזוי גע־פערלעך־שטאַרק, אַז דו קענסט זיך בשום אופן נישט גובר זיין, קום צו און גיב אַ שמעק... נו, געפעלן? ווי אַזוי פילסטו זיך איצט, לעבן מיינס, בעסער אַ ביסל?

— נישט אַ ביסל, נאָר שוין אין גאַנצן גוט. אָבער לאָמיר נאָך אַ ביסל זיצן... דאָ איז אַזוי גוט... דערצייל דיין פּלאַן, שלמהלע, וואָס דו זאָלסט נישט זאָגן, וועל איך פאָלגן. נאַ דיר מיין האַנט דערויף.

— יענע וואָך האָבן צוויי פּראָסקוראָווער יידן איינגעקויפט דורכן טאַטנס האַנט אַ היפּשן סכום דאָלאַרן. זיי פאָרן מיט וואַלוטע קיין קאַווקאַז. אַ מאָל קיין באַקו, אַ מאָל קיין טיפליס, און פאַרדינען זייער שיין. אַ נסיעה אַהין און צוריק דויערט איין וואָך צייט און עס קען אַ מאָל בלייבן טויזנט רובל ריינער פאַרדינסט, דאָס איז אָפּהענגיק דערפון, וויפל „קראַם" מען פירט מיט זיך. ווי אַזוי איבערצופירן אַהין די וואַלוטע און צוריק דאָס געלט, זענען שוין אויך פאַראַן עצות. דער טאַטע ווייסט שוין פון אַלע קונצן. מיר איז אָט די זאַך שטאַרק אריין אין נאַז. דאָס איז דער איינציקער אויס־וועג אויף צו ווערן אויס בעל־חוב, און אדרבה, נאָך צונויפשלאָגן פאַרן זומער אַ שטיקל קאַפּיטאַל אויך. לכן, איז מיין פּלאַן אַזעלכער: נאָך אַ בעסערן סאָסנעוואַלד ווי אין בליפנאָוועקע איז שווער צו טרעפן. דאָס דאָ־זיקע דאָרף געפינט זיך אין גאַנצן פיר קילאָמעטער פון זוועניגאָראָדקע, מיין אַזוי־גערופן: קינדער־וויגעלע. די נאָענטקייט פון אַ שטאָט איז אַ גרויסע מעלה, דו וועסט אָפּט קענען צופאָרן אין שטאָט אריין נאָך ביר, עופות קוילען, און שוין פאַר איין וועגס אויך קריגן ווייס ברויט, ווייל דאָס דאָרפישע ברויט פון אומגעזופּטער מעל וועסטו נישט קענען פאַר־דייען. ביז שבועות זענען נאָך געבליבן אַזעלכע דריי וואָכן. איך וועל ערגעץ אַנטלייען געלט און דו וועסט זיך קענען ביי ציימנס אויפנייען עט־לעכע שיינע סאַראַפאַנען, * אַ באָדקאָסטיום, דאָרט גייט דורך דער טייך טיקאַטש, וועסטו זיך קענען באָדן אַלע אינדערפרי און אויפדערנאַכט. איך, ווידער, פאַר די עטלעכע וואָכן, וועל זיך צוזוכן שותפים, וועלכע זאָלן מיר מיטגעבן די דאָלאַרן אויף האַלב רווח, אַזוי איז שוין איינגע־פירט אין אַזעלכע פאַלן: מחצה על מחצה. איך קלער, אַז אַמווייניקסטן מוז איך האָבן אַ סומע פון פינף ביז זיבן הונדערט דאָלאַר, כדי עס זאָל לוינען צו פטרן דערויף אַ וואָך צייט. ווייטער וועל איך זיך דערווייל אין די פאָר וואָכן באַפרייען פון דער אַרבעט. דאָס איז אויך נישט אַזוי לייכט צו פועלן ביי דער נאַטשאַלסטווע ווי דו מיינסט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב וועמען זיי צו געבן אויף מיין אָרט. שבועות וועלן מיר נאָך אָפּ־יומטובן ביי זיך אין דער היים. אַז נישט, וועלן מיר פאַר דעם געזעגענען זיך אויף אַ לענגערן זמן, איינטיילן דעם יום־טוב צווישן דיינע עלטערן און מיינע. אַ טאָג דאָ, אַ טאָג דאָרטן. און אויף צו מאָרגנס נאָך יום־טוב פאָרן מיר ביידע אוועק מיטן קינד און מיטן גאַנצן באַגאַזש קיין

---

* סאַראַפאַן — אַ לייכט זומערקלייד אָן אַרבל.

זווענינאָראָדקע. דאָרט וועל איך דיך באַקענען מיט די, וועלכע קענען דיר צו נוץ קומען. דאָרט איז דאָ אַ מוטער מיט אַ טאָכטער, מיין רבינס קינדער, וועלן זיי דיר שטאַרק צו נוץ קומען. איך וועל אַליין צופֿאָרן קיין בליפֿנאָווקע, דינגען פֿאַר דיר אַ גוטן צימער, קריגן אַ לייטיש שיקסל צום קינד, ביכער פֿאַר דיר צום לייענען וועלן מיר פֿון דאַנען מיטנעמען און דו וועסט ווערן לחלוטין אַ דאָרטיקע, ווי דער דאָקטער האָט דיר געהייסן, טאַקע אויף גאַנצע דריי חדשים, ביז חצי אלול. פֿאַר אַזאַ גרויסן זמן וועסטו מיט גאָטס הילף צוריק אומקערן דיינע פֿאַרלוירענע כוחות, און אפֿשר נאָך מער. אויף דעם קינד וועט אויך גוט ווירקן די דאָרפֿישע לופֿט, דער וואַלד. איך ווידער, אַזוי ווי איך וועל זיך נאָר אומקערן פֿון דיר, וועל איך באַלד אַוועקפֿאָרן קיין גרוזיע. געלט און בריוו וועל איך דיר שיקן אָפֿט. ווו איך וועל נישט זיין, וועל איך דיר האַלטן אין איין שרייבן. דאָס איז מיין חולאת. און אָט אַזוי וועל איך אַרומפֿאָרן אַהין און צוריק אַ גאַנצן זומער ביז די חובות וועלן זיין אָפּגעצאָלט און עס וועלן נאָך בלייבן עטלעכע רובל אין טאַש. אויף סליחות וועלן מיר זיך צונויפֿפֿאָרן אין אונדזער זיס בית־המקדשל אַריין און זיך שוין מער נישט צעשיידן. געפֿעלט דיר מיין פּלאַן, טייבעלע מיינס?

יוכבד האָט באַהאַלטן איר קאָפּ אויף זיין ברוסט און האָט לאַנג נישט געענטפֿערט.

— אויב דו שווייגסט, הייסט עס, אַז דו ביסט מסכים.

— שלמהלע, עס איז מיר אפֿילו אַ שרעק צו טראַכטן וועגן דעם, נישט נאָר מסכים זיין... גאָט מיינער! אַ גאַנצן זומער אָן דיר... כ׳וועל דאָך אויסגיין ווי אַ ליכט פֿאַר בענקעניש. מיר האָבן דאָך ערשט איין זומער געלעבט צוזאַמען, און זיך שוין צעשיידן? ווייטער, וואָס הייסט, דו וועסט אַרומפֿאָרן אַ גאַנצן זומער? דו קלערסט, אַז מען וועט דיך גאָר נישט באַמערקן? זיי זיכער, די קאָנדוקטאָרן באַמערקן היינט גוט יעדן אָפֿטן פּאַסאַזשיר און טראָגן באַלד צו וועגן אים דער אייזנבאַן נ. ק. וו. ד.

— נישט געזאָרגט, לעבן מיינס. איך האָב, גלייב מיר, וועגן אַלץ געקלערט. וואָס דו זאָגסט: שיידן זיך, איז דאָך דאָס אַ „מוז". נישט פֿאָלגן אַ דאָקטער הייסט גיין חס ושלום קעגן דער תורה. עס איז דען יאָ אַן אופֿן אַזוי, אַז אַ צוואַנציק־יעריקער מענטש זאָל נישט קענען פֿאָרן מיט קיין טראַמוויי? צי מורא האָבן נעמען דאָס קינד אויף די הענט, טאָמער פֿאַרדרייט זיך איר דער קאָפּ און זי לאָזט עס אַרויס? דערפֿון איז דאָך אָפּגערעדט, אַז דו מוזסט פֿאָרן. בנוגע דער סכנה פֿאַר מיר, איז אַזוי די זאַך: פֿאָרן אויף קאַווקאַז קען מען מיט פֿאַרשידענע וועגן. איין וועג דורך: כאַרקאָוו — ראָסטאָוו — גראָזנעי — באַקו. דער צווייטער דורך: דניעפּראָפּעטראָווסק — מינוואָדע — וולאַדי־קאַווקאַז, און דערנאָך מיט דער מיליטעריש־גרוזינישער מאַגיסטראַל — גלייך קיין טיפֿליס. און דער דריטער איז גאָר אויף אָדעס, מיטן ים ביז פּאָטי, און פֿון דאָרט פֿאַר עטלעכע שעה מיטן צוג, איז מען אין טיפֿליס. איך וועל שוין ווי עס איז מאַנעווירן.

א מאָל מיט דעם וועג, א מאָל מיט יענעם, און א מאָל, אויב די געשעפטן וועלן נאָר טראָגן, איז מיטן אַעראָפּלאַן...

— נאָך דאָס פעלט מיר. זאָלסט דאָס נישט וואגן צו טון. דו ווילסט, אז דאָס הארץ זאָל זיך מיר דאָרט אָפּרייסן פאר שרעק?

— ניין? — דאַרף מען נישט. סיי ווי איז דאכט זיך אומזיסט אונד־זער שפּאָרן זיך. איך האָב זיך שוין נאָכגעפרעגט, א בילעט פון קיעוו קיין טיפלים מיטן אַעראָפּלאַן קאָסט 285 רובל, גלייב איך עפּעס נישט, אז דער מסחר זאָל טראָגן אויף אזעלכע לוקסוסן...

— ער מעג טראָגן אפילו צען מאָל אזוי פיל, וויל איך אפילו נישט הערן... איך וואָלט מיט דער שיף אויך נישט געוואָלט —

— מיט דער שיף? וואָס רעדסטו? מיט דעם מין טראַנספּאָרט פאָרן דאָך מיליאָנען מענטשן שוין טויזנטער יאָרן...

— מען פאָרט, מען פאָרט... מען פאָרט אזוי לאַנג, ביז עס טרעפט חלילה א שטורעם און —

— יוכבד, כ'בעט דיך, רעד נישט קיין שלעכטס אויפן שווארצן ים. מיט אים דאַרפן מיר נאָך א מאָל פאָרן קיין ארץ ישראל...

— און בכלל, פארוואָגלט ווערן אין אַן אָרט, וווּ מען האָט נישט קיין קרובים, נישט קיין היימישע מענטשן —

— וויפל קרובים דאַרף מען דאָס? איך האָב דאָרט איין קרוב א גוטן, און גענוג פאר מיר...

— ווער איז דאָס? וואָס פאר א קרוב?

— וואָס הייסט ווער? קרוב אתה ד'! זעסט חיותל, דו זאָגסט נאָך, אז איך פּלאַניר שלעכטס. איך האָב שוין אפילו באטראכט, אז דיין מלכה מיט מיין שיינדעלען וועלן אויף זיך מוזן נעמען דעם חוב צו קומען נעכ־טיקן צו אונדז אין שטוב אריין אַלע טאָג. מען קען דאָך קיין דירה נישט איבערלאָזן אויף הפקר, נישט אזוי?

עס איז פאריבער שבועות. שלמה האָט אָפּגעפירט זיין פרוי און קינד קיין זוועניגאָראָדקע. חוהלע, דעם רבי שמעיהס אייניקל — וועלכע האָט געארבעט אין קאָאָפּעראטיוו אַלס קאסירשע און האָט שוין געהאַט צוויי קינדערלעך — האָט גאָרנישט געוווסט פאר פרייד וואָס צו טון מיט די געסט. חנה, די מוטער אירע, האָט שוין טאקע מער נישט חתונה געהאַט, און האָט ביי איר געניאַנטשעט די אייניקלעך. שלמה האָט אַליין געדונגען א דירה אין כליפּנאָווקע. די זעלבע באַלעבאָסטע טאקע האָט זיך אונטער־גענומען זיך אָפּגעבן מיטן קינד און שיקן איר מאַן אין שטאָט אריין נאָך פּראָדוקטן פאר יוכבדן, אז זי זאָל זיך נישט דאַרפן העצקען מיט דער אָקס אוועלכע צען קילאָמעטער אהין און צוריק. איבערלאָזנדיק דאָס ווייב אויף אַלעם גרייטן און באקומענדיק חנהס צוזאָג אָפּט צו באזוכן יוכבדן, איז שלמה נאָך געווען ביי זיין רבין שמעיה אויפן קבר און דערנאָך איז ער אָפּגעפאָרן קיין קיעוו.

אויפן דריטן טאָג פון זיין צוריקקערן זיך קיין קיעוו, האָט ער אָפּגע־פירט א היפּש פּעקל דאָלארן קיין באַקו.

קאַפּיטל II.

עס האָט זיך אַוועקגעצויגן אַן אומענדלעכע קייט פון לאַנג־דויערנ־דיקע מסעות. צוג — איין, צוג — אויס. פון דער לכתחילה אָן האָט שלמה באַשלאָסן ביי זיך נישט צו פאָרן ווייטער פון באַקו. ער האָט גוט געוווסט, אַז אין טיפליס וואָלט ער געקענט אָפּנעמען אַ בעסערן פּרייז פאַר זיין וואַלוטע, ער האָט אָבער מורא געהאַט צו פאַרקריכן טיף אין לאַנד אריין. באַקו, האָט ער געוווסט, איז אַ היימישע זאַך, קיעוו און באַקו — עלעהיי אַ שטוב מיט אַן אַלקער. קיין באַקו, האָט ער געוווסט, קומט אָן אַלע טאָג אַ צוג פון קיעוו און עס גייט אָפּ אַ צוג אויף צוריק. נאָך מער, ער האָט שוין אפילו געהאַט זיין באַליבטן פּלאַץ אינעם צוג, וואָס האָט קורסירט אויף דער ליניע שעפּעטאָווקע — באַקו: דער ניינטער וואַגאָן. דאָס איז געווען אַ ווייכער שלאָפוואַגאָן, באַשלאָגן מיט ברוינעם, געשווירענעם פּליוש אויף די דיוואַנעם און אויף די ווענט, און אויפן פּאָל אויסגעשפּרייט גראָבע טעפּיכער פון קעמלשער וואָל. אין וואַגאָן זענען מער נישט געווען ווי אַכט קופּעען, אין יעדער קופּע — נאָר פיר דיוואַנעם פאַר פיר פּאַסאַזשירן. צוויי דיוואַנעם אונטערשטע, איין שריט פון דער טיר, און די אַנדערע צוויי — הענגענדיקע איבער די אונטערשטע. צווישן די דיוואַנעם, הארט ביים פענצטער, איז געשטאַנען אַ טישעלע מיט אַ שרויף. דאָס דאָזיקע טישעלע איז געווען אַ מין בית ועליה. נישט מער וואָס די „עליה", — ביז עס האָט זיך אָנגערופן דער „רצון העליון", — איז זיך רואיק געלעגן צווישן די דפנות פון דעם „בית", ווי ביי דער מאַמען אין בויך. ווען דער „איבערשטער" פּאַסאַזשיר האָט געוואָלט, האָט זיך צו אים אַרויפגעשרויפט פונקט אַזאַ פירקאַנטיק טישעלע ווי אונטן איז געשטאַנען. חוץ דעם גרויסן לאָמפּ, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע. און האָט באַ־לויכטן די קופּע דורך אַ שיינעם, מילכיקן אַבאַזשור אין דער פאָרם פון אַ בוקעט בלומען, איז נאָך פאַר יעדע צוויי סאָפעס באַזונדער, געשטאַנען אַ שיינער טישלאָמפּ מיט אַ גרינעם אַבאַזשור. פאַרן פאַרטער אַ חוץ, און אויפן צווייטן שטאָק פונעם טישעלע פאַר די פּאַסאַזשירן פון בעל־עטאַזש אַ חוץ. שלמה פלעגט ליבערשט פאַרנעמען אַן אָרט אינעם בעל־עטאַזש: אַ הענגענדיקע סאָפע מיט הויכע „שטומע" פּרוזשינעם; אַ העלפט פון דער וואַנט, וואָס גייט אַרויס אין דרויסן פאַרנעמט דאָס פענצטער, אַז ער איז אַן „איבערשטער" פאַרשוין, איז דאָס גאַנצע פענצטער אין זיין רשות.

עס קומט אָן דער שיינער דרומדיקער בין־השמשות, אַלע שכנים פון דער קופּע זענען מערסטן טייל אויפן גרוימען קאָרידאָר, ווו עס געפינט זיך, אַזוי צו זאָגן דער באַן־בולוואַר. דאָרטן שליסן זיך קענטשאַפטן; דאָרטן כאַפּט מען בחברותא אַ קערטל; דאָרטן פליען רירעוודיקע פינגער אויף די באַיאַן־קנעפּלעך, און אַ גאַנץ אומבאַקאַנט פּאָרל, אַן „ער" און אַ „זי" טאָפּטשען אויס אויפן טעפּיך אַ הפקרדיקן קאָזאַטשאָק אָדער אַ

פארשייטע ליזגינקע. עס געפינען זיך שטענדיק צווישן די רייזנדיקע אויך אמתע ליזגינער אָדער אַסיעטינער; אינגושן אָדער גרוזינער; טיורקן אָדער אַרמענער; אַדזשארן אָדער אַבכאַזן. עס ווערן האסטיק אַראָפּגעוואָרפן פון די אַקסלען די נאַציאָנאַלע פּרענטשן, די טשערקעסקעס מיט די פּאַס־מעס, שווערע, זילבערנע פּאַטראָנטאַשן.* די געדיכטע טשאָפּרינעס ווערן נאָך שווארצער; די גרויסע, ברענענדיקע אויגן — נאָך ליידנשאַפטלעכער. אַ נישט געניט אויג באַווייזט קיין מאָל נישט אויפצוכאַפּן, ווען פון ערגעץ ווו ווערט אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען פון דער „זי" אַ ווייסע, שעמע־רירנדיקע זיידענע שאַל מיט לאַנגע, לופטיקע „טראָלדן",** ביי „אים" אין די הענט גיט אַ בליץ אַ קינזשאַל, אַ קורצער, אַ בליאַסקנדיקער. „ער" באַטראַכט זיין טונקעלע קראַסאַוויצע, „זי" וואַרפט אַ בליק אויף איר דזשיגיט*** און אירע גנבהשע אייגעלעך טוען אומשולדיק אַ צאַפּל — דאָס איז דער סיגנאַל...

די בלוטיקע שקיעה שמעלצט אַלץ איבער אויף גאָלד, זהב צרוף, מזוקק שבעתים. דער שנעלצוג לויפט, שלינגענדיק די געזילבערטע רעלסן, אָפּוואַרפנדיק הינטער זיך דערפלעך און טייכלעך, וואָקזאַלעכלעך און ליימע־נע קיביטקעס.**** פון צייט צו צייט גיט דער לאָקאָמאָטיוו אַ קורצן, נאַר אַ יאָמערלעכן רעווע און ווידער הערט מען נאָר דעם סטאַטעטשנעם טשיק־טשאַק פון די וואַגאָנען, דעם לוסטיקן געפּליעסק פון די בופערן און דעם אַזאַרטנעם „אַס—סאַ", „אַס—סאַ" פון די אַקאָמפּאַנירנדיקע. פון דער קראַ־סאַוויצעס אויגן זעט מען, אַז זי איז שוין מיד און מאַט, פון איר קאַוואַ־ליערס פנים רינען שוין אויך ריטשקעלעך שוויים אין צעבראַסטעטן קאָל־נער אַריין, אָבער די צושויער לאָזן זיי זיך נישט אָפּשטעלן:

— אַס—סאַ! אַס—סאַ!

די טאַראַכקענדיקע רעדער אונטער דעם וואַגאָן כאַפּן אויגנבליקלעך איבער דאָס טעמפּעראַמענטפולע לידעלע און קלאַפּן עס אויס מיט אַן אימפּעט אויף די אומענדלעכע שינעס:

— אַס—סאַ! אַס—סאַ!

די אַקעגנלויפנדיקע צוגן האָבן שוין אויך אויפגעכאַפּט דאָס צוויי־קלאַנגענדיקע ניגונדל, און אין די געציילטע רגעים, וואָס די פענצטער זאָגן זיך איינע די אַנדערע: שלום־עליכם — עליכם שלום, קלאַפּן אָפּ די טאַצן אויף די טאַמבורס אויף זייער מעשענעם לשון:

— אַס—סאַ! אַס—סאַ!

די מער הויכגעשטעלטע „פּאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטער" גייען אַריבער אין דעם וואַגאָן נומער זעקס. דאָרט איז דער רעסטאָראַן. אַלץ פינקלט דאָרט,

---

* ספּעציעלע טאַשן אויף צו האַלטן ביקסן־קוילן.

** לאַנגע, זיידענע שנירלעך מיט קנופּקעלעך ביי די עקן.

*** קאַוואַליער, ווילד־יונגערישער בחור.

**** אויף די מזרחדיקע לשונות, אַן אָרעם הייזל.

אַלץ שעמערירט. שיינע פאָרהענגלעך אויף די פענצטער, אויף די טישלעך בלאַנקענדיקע טישטעכלעך. דער קאַנדעלאַבער מיט די קאָלירטע לעמפּעלעך הוידעט זיך לייכט און טרייבט אומברחמנותדיק דורך דעם צניעותדיקן בין־השמשות. דאָ אינטערעסירט מען זיך ווייניק וואָס מיט דער „נאַטור" און מיט אַנדערע נאַרישע ליידנשאַפטן, דאָ פינקלט ווײַן אין אַלע כוסות, דאָ קרעכצן סאָסיסקעס * אויף די אַליומינענע פאַנען; די טייערע, שמעקנדיקע ציגאַרן רוען זיך בכבודיק אָפּ אויף די אַש־שיסעלעך און דאָס ניינטל פּיק קעניגט איבעראַל. דאָ טרעפט מען דעם נאַטשאַלניק פון צוג; דאָ זעט מען די שרעקלעכע „אָפּעראַטיווע גרופּע", ווי זיי ווײַלן זיך מיט מענטשן צוגלייך. די דאָזיקע גרופּע דאָס איז אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון נ. ק. וו. ד., וואָס באַגלייט דעם צוג אַהין און צוריק. אין זייערע פונקציעס גייט אַריין דורכצוזוכן אַלע פּאַסאַזשירן, וויסן מיט וואָס יעדער פון זיי אָטעמט. ביי טאָג און ביי נאַכט דרייען זיי זיך אַרום איבער די וואַגאָנען צו צוויי אָדער צו דריי. די פּנימער — ספינקסן, די אויגן — נאָדלען. אייניקע פון זיי גייען ציוויל געקליידעט, אַנדערע טראָגן די „פאָרמע". ביי וועמען פון זיי עס ליגן די נאַגאַנען אין די קאָבורעס, און ביי וועמען פּראַסט אויף דער הוילער קעשענע. מיט עלעקטרישע בליצלעמפּעלעך אין די הענט, פאַרקוקן זיי אַלעמען אין די פּנימער, נישטערן אויף די פּאָליצעס, און טרייסלען דורך יעדן מינדסטן חפץ אין די וואַליזעס. טאָמער געפעלט זיי עפּעס עמעצער נישט, ער אַליין זעט זיי אויס חשוד, אָדער זיינע וואַליזעס, ווערט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם פּלאַץ, וואָס ער פאַרנעמט, דאַן גייען זיי אַריין צום „פּראָוואָדניק" ** אין קאַבינע און שיקן אים צו, ער זאָל ברענגען אַהער דעם פּאַסאַזשיר פון דעם 12טן, פון דעם 27טן אָדער פון דעם 39טן פּלאַץ מיט אַלע זיינע זאַכן. באַלד נאָכן פּראָוואָדניק ווערט נאָכגעשיקט אַן איבערגעטונענער „אָפּעראַטיוווניק", ער זאָל צוקוקן פון וויטנס, צי דער פּאַסאַזשיר פאַרגעסט נישט אומיסטן זיינס אַ פּעקעלע. געבראַכט דעם פאַרדעכטיקן פאַרשוין, איז צום אַלעם ערשטן וואַרט מען אויס אויף אַ גרוס פון דעם איבערגעטונענעם. אויב אַלץ איז בשלום, הייבט זיך אָן אַ פאַרהער:

— אייערע דאָקומענטן! אייער מיליטערישן בילעט! ווהין פאָרט איר? נאָך וואָס פאָרט איר? וועמען האָט איר דאָרט? קיינעם נישט? קיינעם — קען נישט זיין! דערמאָנט זיך, נאָר שנעל! וואָס פירט איר דאָ? פערזענלעכע זאַכן אַזוי פיל? זייט אַזוי גוט אַרויסלייגן אַלץ... וואָס? פון די קעשענעס אויך, ווי דען? איצט, אויסטון זיך!... אין גאַנצן, אין גאַנצן! אודאי אין גאַנצן!... נו גוט, אין די גאַטקעס קענט איר בלייבן... ער שעמט זיך גאָר... טשודאַק! שוין? אָט דאָס איז אַלץ? איצט זאָגט, וו האָט איר איינגענייט דאָס גאָלד? אין ערגעץ נישט? וואָס הייסט

---

* דינע בלוט־וורשטלעך.

** דורכפירער, דער געהילף פון קאָנדוקטאָר.

אין ערגעץ נישט? איר ווילט אונדז אָפּנאַרן? מיר האָבן פּינקטלעכע ידיעות וועגן אייך. נאַט, קוקט אומיסטן, אַט האָט איר אייער נאָמען...

און ווירקלעך: אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס מען ווייזט דעם פאַר־האַלטענעם, שטייט דייטלעך אָנגעשריבן זיין נאָמען און פאַמיליע־נאָמען. דער מענטש ווערט מיט אַ מאָל צעמישט. אים פאַלט גאָר בעת־מעשה נישט איין, אַז פון זינט ער האָט זיי געוויזן זיינע דאָקומענטן, האָט דער צווייטער שוין געקענט באַווייזן אומבאַמערקט איבערשרייבן זיין נאָמען. אויב אָבער דער מענטש איז פאַרט אַן אומשולדיקער, הייסט מען אים גיין אויף זיין אָרט און האַלטן די צונג הינטער די ציין, אויב ער וויל נישט האָבן אַן עסק מיט זיי. ווען דער מענטש מיט זיינע זאַכן פאַרנעמט צוריק זיין פּלאַץ אין וואַגאָן, באַטראַכטן אים אַלע ווי אַ „גאַסט פון יענער וועלט". וואָס איז דאָ צו רעדן? קיינער האָט נישט ליב אָט די „גרופּע" יונגן מיט זייערע וועלפישע בליקן. אפילו די סאַמע כשרסטע עלעמענטן ווערן טויט־בלאַס אונטער דעם דורכדרינגנדיקן קוק פון זייערע אייז־קאַלטע אויגן. אָבער דאָס איז נאָר בשעת דער „ארבעט", קוים אָבער האָט זיך געביטן די וואַכטע, און אָט דער „ספינקס", קומט אריין אין רעסטאָראַן אריין, האָט ער בפירוש שטאַרק ליב צו מאַכן אַ כוסה, ער איז זייער אַן עלעגאַנטער קאַוואַליער און אַן אַזאַרטנער שפּילער אין 501. מיט איין וואָרט: אַ פּראָסטער בשר ודם מיט אַלע מעלות און חסרונות...

די טאַמבורס, די גאַניקלעך זענען כמעט שטענדיק פאַרנומען מיטן יונגוואַרג; דורך די אַראָפּגעלאָזטע פענצטער קוקן אַרוים פאַרליבטע פאַר־לעך און האָניק־חודש פּאָרפעלקער; פריש באַקאַנט געוואָרענע און סתם שכנים פון דער קופּע, וואָס פאַרהאַלטן זיך גוט, וואָס האָבן זיך פאַר אַזאַ לאַנגן וועג צוגעבונדן איינער צום צווייטן, הערן נישט אויף זיך צו אַנט־פּלעקן די אינטימסטע סודות און מאַכן נישט קיין שפּאַן איינער אָן דעם אַנדערן; ברווינפנימדיקע טוריסטן און גלאַט סטודענטן, וואָס פאָרן אַרום איבערן לאַנד אין די קאַניקולן. די סאַמע דרייסטע פון זיי זיצן וויל־יונגעריש אויף די טרעפּלעך מיט די פיס אַראָפּ און שרעקן זיך כלל נישט, אַז דער קאָפּ קען זיך זיי פאַרדרייען פון שנעלקייט. זיי גייט גאָרנישט אָן, וואָס דער צוג „שעפּעטאָווקע־באַקו" מאַכט 75 קילאָמעטער אין אַ שעה, פאַרקערט, זיי מאַכן נאָך דאָרטן פאַרשידענע גימנאַסטישע איבונגען: שטעלן זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ; הענגען זיך אַריבער פונעם צוג אויף צוויי פינגער; שפּאַנען אַריבער פון די טרעפּלעך פון איין וואַגאָן אויף די טרעפּלעך פונעם צווייטן וואַגאָן קעגן דעם גלויף פונעם צוג; און נאָך צענדליקער פאַרשידענע קונצן, וואָס ביי אַ יונגן חברה־מאַן מיט צעהיצ־טע בלוטן, און דערצו נאָך ווען זיין מיידל שטייט הינטער די פּלייצעס און קוקט צו, — האָבן זיי קיין שום ממש נישט. די מיידלעך קוויטשען פאַר שרעק און דאָס גיסט נאָך צו בוימל אויפן פייער...

דער צוג שניידט פלינק די פאַרנאַכטיקע מעלאַנכאָליש־שווייגנדיקע סטעפּעס, און דער עולם איז זיך משמח. שלמהן אָבער ציט נישט צו אָט

די אָרגיעס. ער האָט אַ גאַנץ באַזונדערן אופן, ווי אַזוי צו פאַרברענגען אַ זומער־פאַרנאַכט אין די דאָנער סטעפּעס. ער דרייט אַראָפּ דעם שרויף, דער אייבערשטער גאָרן פונעם טישל זעצט זיך צו אויפן אַבאַזשור פונעם אונטערשטן לאָמפּ. אַ לייכטן צי דעם רימען, און דאָס פענצטער פאַר־שווינדט אין דער אונטערשטער טייל פונעם וואַגאָן. די פאָרהאַנגען צערוקן זיך מיט אַ פליושענער היימישקייט און די גאַנצע געגנט פון דעם אַזוי באַזונגענעם „שטילן דאָן" צעוויקלט זיך פאַרן פענצטער, ווי אַן אוראַלטע גבורהדיקע מגילה, מגילת־דאָן. די זון, אַ בלוטיקע, אַ קאָכיקע, קוקט זיך אויס אַ נאַכטלעגער. אַלע בערגלעך, אַלע גערטנער שטרעקן אויס צו איר זייערע שפּיציקע פינגער: קום אַהער, קום אַהער, ביי מיר איז באַקוועם... די תבואות, איבערגעטריקנטע, און פון די אַזאָווער ווינטן טיילווייז אויס־געדראָשענע, האָבן זיך מידע אָנגעלעגנט אין דער צעפּאַרעטער ערד. די איינציקעביימער, וואָס זענען צעוואָרפן איבער די פעלדער, זענען אָפּגע־בליאַקעוועט און פאַרגעלט...

שילהי דקיטא...*

דער צוג פאַרשלינגט די וועלט. פּונקט ווי אַן אויסגעדינטער ניקאָ־לאַיעווסקע סאָלדאַט, אַזוי איז אויך דער צוג טויב און שטום צו דער ארומיקער געגנט. ער האָט נישט צו איר קיין פּיצל יצר־הרע. ער האָט זי שוין געזען אַ בליענדיקע, אַ רייצנדיקע אין איר מאַי־תקופה; געזען אַ פאַרשמאַכטע, אַן אַרומגעסמאַליעטע אין די ברענענדיקע זומער־חדשים; געזען זי אַ פאַרוויסטע, אַ פאַראַבלטע אין די טריבע אָסיען־טעג, ווען אירע אַראָפּגעשינדענע מלבושים ליגן שוין צונויפגעלייגט אין די סטויגן, אין די אַמבאַרן און טריקענען זיך אויף די ביידעמער; און האָט זי שוין אויך געזען, ווען זי מעסט אָן אויף זיך די תכריכים און פאַלט בשעת־מעשה אַריין אין אַזאַ טיפער מרה־שחורה, אַז לאַנגע חדשים פאַרגעסט זי זיי אויס־צוטון... ניין, ניין, פאַר אים, פאַרן צוג, איז שוין אין די דאָזיקע מקומות קיין נייעס נישטאָ. זאָלן זיי, די ליידיקגייערס אין די פענצטער דאָרטן קוקן, שמעקן און זיך קוויקן, ער האָט שוין אָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט, ער טוט זיך זיינס — ער טראָגט זיך און טראָגט יענעם...

דאָס בילד פון דער שקיעה ווערט אַלץ גרויער און גרויער, גאַנץ אומ־באַמערקט רוקט זיך אַריין דער תחילת־אָוונט. די גרויסע זילבערנע לבנה באַקוקט איר מלוכהלע, צו דעם אַ וווּנק, דעם אַ גלעט, און דעם אַ גאַנצן שמייכל. דער נעפּל וואַקסט אויס פון אונטער דער ערד, ער פאַלט אַראָפּ פון אונטער די הימלען, און איידער מען באַווייזט זיך אומצוקוקן שפּרייט ער זיך פון אַנדער לאַרבע רוחות־העולם. ערגעץ ווייט אין אַ טאָל זעט מען אַ גרויסן פלאַקער. שלמה ווייסט שוין, צוליב וואָס עס ווערט צעפירט אַזאַ שייטערהויפן: דאָס צינדן אים פּאַסטעכער ספּעציעל אָן פון איבער־געטריקנטע סטעפּ־דערנער, כדי צו פאַרטרייבן די מאָסקיטן, וועלכע באַ־

* ענדע זומער.

אומרואיקן די שאַף און רינדער. די לופט, וואָס איז אפילו נאָכן זון־פאַרגיין אויך געגוג אָנגעגליט, טשמעליעט דאָס פייער און לאָזט עס נישט זיך אויפהייבן זייער הויך. אונטער דער אומזיכערער לבנה־שיין שווימען דורך קאַזאַצקע ישובים און וואָקזאַלנע, קעראָסינענע לאָמטערנס. דער שנעלצוג שטעלט זיך אָפּ נאָר אויף די גרויסע קנופּ־סטאַנציעס. די וויינ־קער באַוווסטע שענקט ער נאָר אַ תקיעה־גדולה און טראָגט זיך פאַרביי ווי אַ שטורעמווינט.

שלמה ליגט איבערגעקערט אויפן בויך און האַלט דעם קאָפּ אַרויסגע־שטעקט דורכן פענצטער. אין קופּע איז שטאָק־פינצטער, אין קופּע איז דער ביינאַכטיקער סטעפּ, די ליריק פון די אומפאַרגלייכלעכע זומערנעכט אין די אַזאָוו־שוואַרצימישע קאַנטן. קוים ווערט אָבער עמעצער פון די קופּע־שכנים מיד, אָדער עס ווערן אים פשוט צוגעגעסן די טענץ, קומט ער אַריין „אהיים" און מאַכט אויף דאָס ליכט. ווי דורך אַ כשוף פאַרשווינדט דער סטעפּ, עס ווערט נישט די לבנה, עס לעשן זיך אויס די שייטערהויפנס. די נאַכט ווערט אַרויסגעשטויסן פון יענער זייט פענצטער און פאַריאָגט ווייט פון צוג. דאַן דאַוונט שלמה אָפּ מעריב און דרייט אַרויף דעם שרויף. דאָס טישל וואַקסט ווידער אויס ביי זיין צוקאָפּנס און אונטער דעם גרוי־נעם אַבאַזשור צינדט זיך אָן אַ געגוג־ליכטיק לעמפּעלע. שלמה נעמט פון דער פּאָליצע זיין בוך און פאַרגעסט ווו די נאַכט האַלט...

פיל מאָל רייסט ער איבער דאָס לייענען, ווייל ער פילט, אַז עמעצער שטייט הינטער זיינע פּלייצעס און גיט אויף אים אַכטונג. ער גיט זיך האַס־טיק אַ זעץ־אויף און קוקט זיך פאַרוווּנדערט אַרום — ס'איז שוין גרוי־סער טאָג! אַלע בעלי־חיים זענען שוין אויף די פּאַשע־פעלדער, אַלע בעלי־כנף האָבן שוין אָפּגעדאַוונט „פון פאַרנט", מיט איין וואָרט: הכל מוכן לסעודה, נאָר די זון שפּעטיקט זיך איבעריקס. זי ווייסט, די יחסנטע, אַז נישקשה, עס מאַכט נישט אויס, מען וועט אויף איר וואַרטן...

די גאַנצע בריאה האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, אַלץ איז שוין צוגע־גרייט פאַר דער מלכה פונעם טאָג, און זי זאַמט זיך נאָך אַלץ. ביי זיך אין בודואַר דאָרטן, מאַכט זי איצט זיכער די לעצטע הכנות פאַר איר פייערלעכן אַרויסטריט. און מיט אַ מאָל האָט זי זיך באַוויזן אויף דער שוועל! אָבער ווי אַזוי האָט זי זיך באַוויזן? — לאַט, לאַט כמי השלוח האָט זי זיך אָנגעהויבן אַרויפקלייבן אויף דער העל־בלויער קרקפתא, אָבער מיט אַזאַ גאוות אין בליק, מיט אַזאַ אַני־ואפסידיקער גלאַסנקייט, ווי זי וואָלט געוועזן, לכל הפחות — דעם באַשעפערס „של־ראש".

שלמה בייגט זיך אַריבער פונעם פענצטער ביז האַלב און פאַרגעסט ווו דער טאָג האַלט...

קאפיטל L

וואָכן האָבן געשלונגען טעג, חדשים האָבן געשלונגען וואָכן, שלמה איז אַלץ אַרומגעפאָרן אויף דער שטרעקע: אוקראַינע — אַזערביידזשאַן, אַ מאָל דאָ אַרומער, אַ מאָל דאָרט אַרומער. פון יוכבדן פלעגט ער באַקומען גאַנץ גוטע בריוו. זי האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך. אויך דאָס יינגעלע האָט גאָר אַן אַנדער פנימל באַקומען. זיי פלעגן זיך שרייבן טאָג־טעגלעך. אירע בריוו פלעגן אים דערוואַרטן אין קיעוו, אין באַקו, אפילו אויף די קנופּ־סטאַנציעס, ווו דער צוג פאַרהאַלט זיך לענגער, פלעגן שוין וואַרטן אויף אים בייכיקע פּאַקעטן „צום פאָדערן". די השגחה האָט אַזוי געפירט, אַז ער האָט נישט געוועגדעט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די „אויגן", וואָס האָבן געוואַכט אין צוג יומם ולילה, און די עסקים זענען כסדר געגאַנגען אָן אַ שום מכשול. היימישע און באַקאַנטע האָבן שלמהן געזאָגט, אַז ער זעט איצט אויס פיל יינגער ווי פאַר די **נסיעות.**
שלמה אַליין האָט דאָס אויך געפילט. זינט מען האָט ליקווידירט דעם „נעפּ", האָט ער נאָך נישט געפילט צו דער נאַטור אַזאַ קרובהשאַפט ווי אַצינד; זינט ער האָט דערקענט דעם פּרצוף פון קיעוו, האָט ער זיך נאָך נישט אַזוי טובל געווען בראשו ורובו אין ביכער־לייענען ווי אַצינד. ער האָט מיט אַ מאָל אַראָפּגעוואָרפן פון די אַקסלען אַ גאַנצן צענדליק יאָרן. און דער בייט איז אויך געווען לטובתו: אָנשטאָט זיצן צוגעקוועטשט צו דער לישניע אויף אַ העצקענדיקן וואָגן, ליגט ער איצט אויף אַ פּרעכטיקן דיוואַן; אָנשטאָט דעם, וואָס בימים ההם פלעגט ער לייענען מכל הבא בידו, האָט ער היינט די מעגלעכקייט זיך אויסקלייבן אין קיעווער ביבליאָטעקן וואָס זיין האַרץ גלוסט. שלמה האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אָט די נייע „פּראָפּעסיע" איז ביי אים נישט לאורך ימים. העכסטנס — ביז יוכבד וועט זיך אומקערן אַהיים, און דעריבער האָט ער זיך נאָך מיט מער דבקות איינגעקוקט אין גאָטס שיין וועלטל, וועגן וועלכן די יושבי־כרכים האָבן אַזאַ שוואַכע פאָרשטעלונג; דעריבער האָט ער זיך נאָך מיט מער ברען צוגעכאַפּט צו די ביכער, געשלונגען זיי, אַליין נבלע געוואָרן אין זיי, און געפילט אין דעם אַלעמען אַזאַ מין טעם — מעין עולם־הבא!
איין מאָל, ווען דער צוג איבערלאָזנדיק הינטער זיך קיעווער סלאָבאָדקעס, האָט זיך געשלעפּט פּוסטריט איבער דעם דאַרניצער בריק, האָט שלמה, אַרויסקוקנדיק פון פענצטער, דערזען אין אַ ווייטן פענצטער פון דעם זעלבן צוג משה פרידמאַנס קאָפּ. ער האָט זיך זייער דערפרייט. שוין אַזוי לאַנג נישט געזען קיין חבר, קיין ידיד, טאַקע כמעט פון יוכבדס אַוועקפאָרן אָן. אים אַ רוף טון איז געווען צו ווייט. אַריבערלויפן צו אים — ווערן די וואַגאָנען פאַרשלאָסן ווען מען פאָרט איבער דעם דניעפּר. שלמה האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט אין דאַרניצע. די וואַגאָנען זענען אויפגעשלאָסן געוואָרן. ער האָט

געבעטן ביי אַ שכן פון דער קופּע אכטונג צו געבן אויף זיין וואַליזע און אַליין איז ער אין איין אָטעם אוועק איבער די וואַגאָנען. דער שנעלצוג איז געווען זייער אַ לאַנגער. פון שעפּעטאָווקע ביז באַקו האָט מען ביי אים פיר מאָל אָפּגעטשעפּעט וואַגאָנען: אין פאַסטאָוו; אין לאָזאָוואַיאַ; אין ראָסטאָוו; און אין מינעראַלנעיע־וואָדע. אַ חוץ דעם האָט ער נאָך גע־האַט אין זיין צוזאַמענשטעל פינף וואַגאָנען, וועלכע מען האָט אין באַקו צוגעקנעפּלט צו ווייטער־גייענדיקע צוגן: צוויי וואַגאָנען ביז דער רעזי־דענץ פון אַרמעניע — יערעוואַן; צוויי — ביז טיפליס און איינער אַזש ביז באַטום... מענטשן זענען איינגעשטיגן אויף דער פּוילישער גרענעץ און אויסגעשטיגן אויף דער טערקישער — בלויז מיט דער יבשה.

פרידמאַנען האָט שלמה געפונען אין איינעם פון די סאַמע לעצטע וואַגאָנען. זיי האָבן זיך דערלאַנגט „שלום־עליכם" און האָבן זיך וואָרעם אַרומגענומען:

— פרידמאַן, ווייט פאָרסטו?

— קיין ניעזשין.

— וואָס איז עפּעס קיין ניעזשין?

— איך אַרבעט דאָרט.

— שוין לאַנג?

— נישט לאַנג. ערשט אַחודש. ניין, ס'איז נאָך קיין חודש אויך נישטאָ.

— משה, דו ווייסט וואָס? ניעזשין איז דאָך „אונטער דער נאָז", איידער מען קוקט זיך אום איז מען שוין דאָרטן, איז אויף די געציילטע שעהן, וואָס מיר האָבן צו פאָרן צוזאַמען, קום אַריבער צו מיר אין וואַגאָן אַריין. אין מיין קופּע איז דאָ גענוג פּלאַץ, און קיינער וועט אונדז נישט שטערן.

ביי זיך אין וואַגאָן האָט שלמה גענומען ביים דורכפירער עטלעכע פלעשלעך קרעם־סאָדע, * און האָט אַרויסגעלייגט אויפן טיש געפרעגלטע פיש מיט זויערע אוגערקעס, וואָס די מוטער האָט אים מיטגעגעבן. מען האָט געגעסן און געשמועסט.

— דערציייל זשע, משה, פאַר וואָס איז דיר עפּעס פּלוצעם געפעלן געוואָרן ניעזשין?

— לא הא ולא הא, נישט פּלוצעם, און נישט געפעלן... פּראָסט פשוט, עס האָט זיך מיר דאָרט געמאַכט אַ שטעלע, בין איך אַהין אוועקגעפאָרן. וואָס איז די נפקא־מינה? אַרבעטן מוז מען דאָך ערגעץ, מה לי הכא ומה לי התם?

— איז שוין קיעוו צו קליין פאַר דיר?

— קליין... וואָס איז שייך קליין? קליין איז עס נישט... און ווידער,

---

* אַ בעסערער סאָרט לימאָנאַד.

וואָס מיינסטו, וואָס ? עס איז טאַקע בפירוש שווער צו קריגן אַ שטעלע אין קיעוו. אַן איינבינדער, און דערצו נאָך אַ נישט־קאָאָפּערירטער קוס־טאַר, ביז ער טרעפט אָן אויף אַ שטיקל אַרבעט, קריכן אים שיר די אויגן נישט אַרויס פון קאָפּ... אַז מען טאָר היינט נישט געבן קיין אַרבעט נאָר די אַרטעלן... עס איז טאַקע, גלייב מיר, זייער און זייער שווער. נאָר עס פאַרשטייט זיך, נישט דאָס איז דער ריכטיקער טעם... צוליב דעם אַליין פאָרט מען נאָך נישט אַוועק פון אַ מקום־קבוע...

— צוליב וואָס דען נאָך, פרידמאַן ?

פרידמאַן האָט דערשטיקט אַ קרעכץ און האָט גאָרנישט געענטפערט.

— פאַר וואָס שווייגסטו, משה ? צי אפשר איז דאָס אַ סוד פאַר מיר?

— וואָס פרעגסטו ? אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד... וואָס זשע, דו ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ פאַרגעניגנס איך האָב אין קיעוו ?

— אַלץ פון געניען ?

— פון וועמען דען ?

— און עס איז אַ מעשה אָן אַ סוף ? עד שילבין הראש ?

— פאַר וואָס אָן אַ סוף ? מיר לעבן אין אַן עולם עובר... קיין איי־ביקע זאַך איז אויף דער וועלט נישטאָ...

— נו, נו, אַ פיינע טרייסט. זאָג מיר, נו און דו האָסט גאָר אפילו נישט געפּרוווט צו טראַכטן מכח אַ גט ? וואָס איז דאַכט זיך גלייכער, איי־דער פאַראומערן זיך די יאָרן איינער דעם צווייטן.

— איך פאַראומער איר נישט. וואָס טו איך איר דען ?

— וואָס זשע דען וויל זי פון דיר ?

— איך וויים, וואָס זי וויל ? זי אַליין ווייסט אויך נישט, וואָס זי וויל.

— הייסט עס, דריי יאָר איז איר נאָך ווייניק אויף געוווּיר צו ווערן ביי זיך : אַהין אָדער אַהער ?

— וואָס טוט זיך איר אַזוי נייטיק ברענגען די זאַך צו אַן ענדע ? זי פירט זיך אַ באַזונדער הוצאה, איבער דער נאַכט ווערט אין צימער אַוועקגעשטעלט אַ שפּאַניש ווענטל... לחלוטין פרעמדע ! זי קומט ווען זי וויל, און גייט אַוועק ווען זי וויל. זי איז דען מיט עפּעס געבונדן ? צו וואָס טויג איר די צערעמאָניע מיט אַ גט ? קיין בעל־כרחה גט איז מען זיך היינטיקע יאָרן נישט נוהג. גייט עס אַזוי. נישט זי אינטערעסירט זיך שוין מיט מיר, נישט איך מיט איר... ווען איך זאָל, דאַכט זיך, אויסגיין פאַר אַ טרונק וואַסער, וויים איך נישט, צי זי וואָלט מיר דערלאַנגט. דערי־בער טאַקע, אַז מען האָט מיר פאַרגעלייגט אַ שטעלע נישט אין דער היים, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט. אַן עק ! כאָטש ווייטער פון די אויגן. ווי עס וועט דאָרטן זיין, גוט אָדער שלעכט, אָבער די גאַל וועט כאָטש נישט צעפּיקעט ווערן צען מאָל אין טאָג. אַרבעט איך דאָרטן.

א מינוט שווייגט ער שווער, דאַן רופט ער זיך אָן :

— עס זענען געווען צייטן, ווען איך האָב געקלערט : טאָמער פאָרט...

אפשר וועט זי זיך באזינען... ד' יודע מחשבות אדם כי המה הבל... איצט ווייס איך שוין, אז... אז הקרעים לא יתאחו לעולם... *

— לויט דיינע רייד קומט אויס, אז אין קיעוו האסטו שוין נישט אזוי נותן לב געווען אפצוזוכן א שטעלע...

— וואס הייסט, איך האב נישט נותן לב געווען? איך האב ארומ־געגישטערט בחורין ובסדקין עד שידי מגעת, און איין מאל: ניין!

— הייסט עס, מיר און טויער צוגעמאכט?

— אויף זיבן שלעסער!

— האסט נישט געפונען אפילו קיין צורת־הפתח?

— אפילו כחודו של מחט... און טאקע דערפאר בין איך מגולגל גע־ווארן קיין ניעזשין.

— הייסט עס, אז ס'איז אפילו נאך קיין חודש נישטא? וואס זשע פאר א שטעלע האסטו דארט?

— איך בין דער געהילף פון דעם הויפט־בוכהאלטער אין א ברויט־זאוואד, און פאר איין וועגס קאסירער אויך...

— איז די ארבעט באטש נישט צו שווער פאר דיר?

— און אז יא שווער איז וואס? אדם לעמל יולד...

— וויפל זשע באקומסטו געהאלט?

— פארביידע שטעלעס צוזאמען 425 רובל א חודש.

— וווּ זשע וווינסטו, ווו עסטו?

— זעסטו, א דירה האב איך גראד גאר א וואזשנע. די דירעקציע האט מיר אפגעגעבן א באזונדער צימערל מיט מעבל, מיט בעטגעוואנט, אפילו מיט א פאר עטאזשערקעס ביכער. און דערצו נאך אין צענטער שטאט, פונקט אקעגן דעם קאמכאזנע גאראזש, ווו דער אויטא שטעלט זיך אפ.

— די מיינסט צו זאגן קעגן וואקזאל, ווו עס שטעלט זיך אפ דער צוג?

— ניין, איך מיין טאקע צו זאגן דער אויטא. די שטאט גופא איז א ביסל ווייטלעך פונעם וואקזאל, קורסירט אן אויטא א גאנצן טאג אהין און צוריק.

— און ווו עסטו? ווער קאכט דיר אפ?

— קיינער נישט! קיינער קאכט נישט אפ. ווי געפעלן דיר די קלאץ־קשיות? ס'איז דווקא פאראן א סטאלאווע ביים זאוואד, נאר איך גיי קיין מאל נישט אריין אהין. וואס האב איך דארט צו טון? איך קויף מיר עפעס אויפן מארק און עס... ווייס איך, נישט דאס איז דאס ערגסטע —

— עסטו שטענדיק בלויז טרוקנס?

---

* די טראנטעס וועלן שוין אייביק נישט קענען פארלאטעט ווערן. א ווערטער־שפיל. אין אריגינאל: „הקראים". דארט געמיינט: די קאראימער וועלן זיך קיין מאל נישט ברידערן מיט די יידן.

— פאַר וואָס טרוקנס? איך מאַך מיר טיי... דאָס איז נאָך לייכטער איבערצוטראָגן ווי עפּעס אַנדערש —

— און קיין לעפל געקעכטס קיין מאָל נישט?

— געקעכטס גאָר? איך געדענק שוין נישט דעם טאָג, ווען איך האָב פאַרזוכט אַ לעפל געקעכטס... נאָר וועמען פעלט עס אויס? נישט דאָס איז דאָס ערגסטע —

— אַלץ „נישט דאָס איז דאָס ערגסטע"? וואָס דען איז שוין יאָ דאָס ערגסטע?

— ...ענינו — זו פרישות דרך ארץ...

שלמה האָט אַזש אַ זופּ געטון די צונג, אַזוי האָט ער מורא געהאַט זיך אָנצורופן מיט אַ וואָרט. נאָך אַ שווערער הפסקה, האָט שלמה — כדי צו פאַרטרייבן פון זייער מחיצה דעם יעקא פון משהס לעצטע ווערטער — זיך אָנגערופן:

— וואָלט שוין אפשר גלייכער געווען אַזאַ שטעלע אָפּזוכן אין לעבעדין? דאָרט וואָלט דער טאַטע, די שוועסטער אויף דיר אַ ביסל אַכטונג געגעבן, פאַרט נישט עלנט...

— איי, וואָס רעדסטו? נאָך ברענגען דעם טאַטן דעם גרויסן נחת אהיים?... אַזוי, אַז עס איז ווייט פון די אויגן, מיינט ער כאָטש, אַז עס איז נישט אַזוי די מעשה ווי מען דערציילט... און חוץ דעם, אויף דער עלטער ערשט צוריק ווערן אַ לעבעדינער? שוין אָפּגעיאָרידעוועט, הייסט עס... או—וואַ, אַ גרויסער אויפטו!...

— יאָ, נישטאָ וואָס צו רעדן, דו ביסט דער גרויסער בר־מזל... און וואָס מאַכט עפּעס דער טאַטע?

— אַזוי זיך, אַן אָרעמאַן. ווען נישט די שוועריקייטן מיט אַ וווינונג, וואָלט ער אויך אַרויסגעפאָרן קיין קיעוו.

— נעמט מען אים צו זיך.

— וואָס רעדסטו? זי וואָלט אונדז ביידע, דאַכט זיך, אַרויסגעוואָרפן ווי זאָגט מען עס: „אויף דריי שפּענדלעך". געטראָפן דאָס אָרט... ביסט שוין דער אמתער מענטשנקענער, וואָס טויג מיר... און ווידער, וואָס הייסט עפּעס נאָר אים אַרויסנעמען? נו, און די שוועסטער? גלאַט אַבי גערעדט...

אַ קורצע ווײַלע זיצט פרידמאַן אַ פאַרשטאַרטער און קאָלופּעט מיטן נאָגל אַ שוואַרץ פּינטעלע פון דער סאָפע. מיט אַ מאָל גייט אויף אויף זיין פרי געקאָרטשעט געלבלעך פּנים אַ קרענקלעכער שמייכל:

— און ווידער צוריק גערעדט, וואָלט איך פון מיין גאַנצן אַרום־און־אַרום דווקא געדאַרפט זיין ביי זיך גאָר גדולדיק. איך ווייס נישט, צי דו האָסט אַ מאָל געהערט דאָס גלייכווערטל פונעם אָרעמאַן. אין אַ קליין שטעטל, ווו אחינו בני־ישראל זענען געזעסן „קאָפּ אויף קאָפּ" און אַלע האָבן אַרויסגעקוקט אויף דעם שטיקל חיונה פון די אַרומיקע דערפער, אין אַ הייסן זומערטאָג, ווען קיין „משוגענער הונט" קומט נישט אין

שטאָט אַריין, האָט זיך פונעם הכנסת־אורחים אַרויסגעכאַפּט אַ ייד אַן אָרעמאַן און האָט זיך געלאָזט גיין צווישן די קליטן נאָך נדבות. אַלע קרעמערס און קרעמערינס זענען געזעסן אויף די גאַנקעס „ווי די קלעז־מער", * און האָבן „געפּאָכעט מיט דער נשמה" פון דער אומדערטרעג־לעכער היץ. דער אָרעמאַן נעבעך, דער שלימזל, האָט אומעטום באַקומען איינע און די זעלבע תשובה: „נישטאָ היינט, גייט געזונטערהייט!" ער האָט שוין פּושט־יד געווען כמעט ביי אַלע קליטן און שטעלעכלעך און אומעטום, ווי צונויפגערעדט זיך, פּטרט מען אים אָפּ מיט דעם זעלבן: „טשעפּעט זיך אָפּ, ר' ייד. מענטשן זיצן מיט פאַרכליאַנעטע הערצער, מען שטייט, שונאי־ציון אין געהאַקטע ווונדן פון קאַיאָר אַן אַ פּאַטשאַטאָק, און ער איז דיר דאָ מיט זיין „שענקט אַ נדבה". דאָס יידל אָבער, האָט פון אָט די אָפּזאָגענישן זיך אַ פּנים ווייניק וואָס גענומען צום האַרצן. מיט דעם זעלבן „שמח בחלקודיקן" שמייכעלע האָט ער אַרויפגעשפּאַנט אויף אַלע גאַנקעס, און באַקומענדיק זיין פּסק, טאַקע גלייך גענומען דעם וועג פון דאָרטן. נאָך מער: נישט נאָר וואָס ער האָט פון די כסדרדיקע „ניינס" נישט פאַרלוירן דעם גוטן מוט, נאָר פונקט פאַרקערט, ס'עס האָט זיך גאָר געקענט דאַכטן, אַז דאָס פאַרשווינדל מיטן צעפליקטן לייבסערדאַק ווערט פון מינוט צו מינוט האַפּערדיקער, מונטערער. ווען ער האָט אַרויפגע־שפּאַנט אויפן לעצטן גאַניקל און אַרויסגעזונגען זיין שטענדיק דעם זעלבן „שענקט אַ נדבה", האָט אים דער קליטניק, אַ ייד אַ חקרן, אַריינגערופן אין קליטל און זאָגט צו אים בזה הלשון:

— פּעטער, איך וועל אייך געבן אַ נדבה, נאָר בתנאי, אַז איר זאָלט מיר ענטפערן אויף אַ פראַגע. אָבער — דעם ריינעם אמת!

— מיטן שענסטן כבוד! פאַר וואָס נישט?

— זאָגט מיר אַזאַ זאַך: איך בין דאָ געזעסן די גאַנצע צייט און, פון נישט האָבן וואָס צו טון, האָב איך צוגעקוקט ווי איר האָט אויסגע־מאָסטן דעם גאַנצן מאַרקפּלאַץ ישר והפוך. אמת, צי ניין?

— אודאי אמת, פאַר וואָס ניין?

— נו, האָט איר עפּעס אַ סך נדבות געמאַכט?

— הלמאי זאָל איך זאָגן, אַפילו קיין צורת־מטבע האָב איך נאָך היינט פאַר מיינע אויגן נישט געזען.

— אַזוי די מעשה? וואָס דען, זאָגט מיר, איז אויף אייך די גדולה אַזוי גרויס, וואָס איר זעט עפּעס אויס ווי יומטובדיק, כ'ווייס? גלייך ווי איר זאָלט היינט האָבן אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס...

— איך וועל אייך זאָגן ווי די זאַך איז, וועט איר מיך פאַרשטיין. אויפשטייענדיק היינט אין דער פרי בין איך עפּעס געווען ביי זיך שטאַרק געפאַלן. דאַווענענדיק הינטערן בעלעמער זענען מיר געקראָכן אין קאָפּ אַריין שטאַרק אומעטיקע מחשבות. דער בעל־דבר זאָגט צו מיר: —

* געמיינט: פּוסט און פּאַס.

„הערסטו אליקום־פּייטל, דו ביסט ערגער פון א מילב, ערגער פון א הויי־שעריקל. דער אייבערשטער, שטייט אין פּסוק, איז א זן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כינים, און דיך האָט ער אין גאַנצן פאַרלוירן פונעם אויג. דו ביסט אין גאַנצן אויסגעשטעלט אויף חסד־הבריות, אויף מענטשנס גנאָד. דער גיט יאָ א גראָשן, דער גיט נישט, אַלץ איז בדרך ארעי... על פּי מקרה"... דערהערנדיק, אַז די השגחה האָט זיך פון מיר אָפּגעטון, בין איך ביי זיך נאָך מער אראָפּגעפאַלן... איז ביי מיר געווען, ווי שטייט דאָרט: קצתי בחיי... ווען איך בין אָבער אַרויסגעגאַנגען „אין גאַס אריין" און האָב דערהערט אין איין קליינט: ניין, אין דער צווייטער אויך: ניין, און אַזוי אין דער דריטער און אין דער פערטער און אין דער פערצנטער און אין אַלע ביז אראָפּ, איין קול: ניין און ניין און ניין, ע, — טראַכט איך מיר — האָט דאָך מיך דער בעל־דבר אָפּגענאַרט, די השגחה־פּרטית האָט מיך נישט מפקיר געווען, מען האָט מיך דאָרט גוט אין זינען"... וואָס, דו האָסט עס קיין מאָל נישט געהערט? טאַקע א חידוש. דעסט גלייכן איז מיט מיר. וווהין איך גיב זיך א קער „גייט מיר די פּור אַקעגן". אַזוי אין מיין פּאַ־מיליע־לעבן און אַזוי בנוגע איינאָרדענען זיך. וואָס דאַרפסטו מער, אפילו אין „פּאַנטאָפל", צווישן אייגענע מענטשן, בין איך אויך געווען דער גרויסער שלימזל. צו וואָס איך האָב זיך גענומען, איז מיר געגאַנגען מיט דער פּוטער אראָפּ...

— טע־טע־טע, דו רעדסט זיך איין מער ווי עס איז... דער גאַנצער אומגליק דיינער שטעקט נאָר אין געניען, נאָר אַזוי איז שוין דעם מענטשנס טבע, ווען עס טוט אים וויי איין צאָן, דאַכט זיך אים, אַז אַלע טוען אים וויי. און אַז מען רייסט אַרויס דעם צעפּרעסענעם צאָן, באַקומט ער מיט א מאָל א רפואה־שלמה אויף אַלע אברים...

פרידמאַן, נאָכגיביק:

— כ'ווייס? אפשר ביסטו גערעכט... דערציייל שוין דו בעסער, וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר?

— דו זעסט דאָך, איך לופטער זיך די לונגען. איך בייט די קלימאַטן אַלע וואָך: קיין קאַווקאַז און פון קאַווקאַז. אָט דאָס, ברודערקע איז מיין אַרבעט.

— האָסטו זיך, הייסט עס, געמאַכט פונעם „שוט בארץ והתהלך בה" — א תמידיות?

— פאַרלויפיק יאָ... אָבער וואָס חידושסטו זיך אַזוי? דאָס זענען דאָך מעשים בכל יום...

— און אַלץ צוליב דעם לחם הקלוקל?

— על פּת לחם יפשע גבר...

— יאָ, נאָר יפשע צו יפשע איז נישט גלייך... אַזוי, אַזוי... נו, און דו ביסט נישט חושש, אַז ביי אָט די משגיחים ומנקרים קען ווערן חשוד די מעשה... ווייסט נישט, נכנס ונתקל בו, יוצא ונתקל בו... כ'מיין, עס זאָל דיר חלילה נישט שולט זיין קיין עין־הרע —

— איך קלער פון צייט צו צייט פאָרן מיטן ים... אַן אַנדער וועג, אַנדערע מענטשן...

— הייסט עס, מען וועט אויף דיר קענען זאָגן: „בים דרכך ושבילך במים רבים"...

— פעם בכה ופעם בכה...

— און אַ דאַנק דעם גליבסטו, זאָל ביי דיר מקוים ווערן דער צווייטער האַלבער פסוק: „ועקבותיך לא נודעו"?

— צו גאָט אַ האָפענונג —

פרידמאַן גיט מיטן פינגער אַ טרייבער די קרומלעכע נאָז און מיט אַ דרעליעוועדיקן קול־תרועה שנייצט ער זי אויס אין טיכעלע אַריין. פאַרוואָלינקע זיך אַרומגעווישט, רופט ער זיך אָן:

— הער נאָר דו... וואָס האָב איך געוואָלט פרעגן... אַ־האַ! איך זאָג, דער גאַנצער מסחר איז, דאַכט זיך, אַ ביסל ריזיקאַליש, האַ?

— פאַר וואָס עפּעס אַ ביסל? עס איז בפירוש שטאַרק ריזיקאַליש...

— נאָר וואָס דען?

— נאָר וואָס דען? איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט.

— מען האָט דיך דען אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט?

— אדרבה, עס איז מיר שווער אָנגעקומען, ביז איך האָב געפּועלט, אַז מען זאָל מיך אַראָפּנעמען. דאָ גייט נישט אין דערינען. איך האָב געהאַט אַ סך חובות און איך האָב זיי געמוזט באַצאָלן. צוליב דעם טו איך דאָס.

— איז צוליב סילוקן אַ חובעלע דאַרטן —

— איי, וואָס רעדסטו? די חובות האָבן מיך שוין אַזוי געשטיקט, אַז איך האָב שוין ממש נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם, זאָגסטו גאָר —

— אַזוינע שלעכטע בעלי־חובות האָסטו געהאַט?

— טאַקע דאָס אויך —

— מענטשן וואָס זענען, הייסט עס, שטאַרק נזהר זיי זאָלן חלילה נישט מקיים זיין דעם פסוק: את אחיך לא תגוש?

— איי, פרעג בעסער נישט... ווען איך פלעג זיי באַגעגענען, פלעגט מיר אַנטרונען ווערן דער מאַמעס מילך. איך פלעג באַגראָבן די אויגן און זוכן אַ גרוב...

— גיי, ביסט אַ צעדרייטער! אַ גמילת־חסד איז דאָך נישט קיין מתנה שלא על מנת להחזיר... זיי ווייסן דאָך אויף זיכער, אַז סוף כל סוף וועלן זיי זייערס צוריק באַקומען, דאַרפן זיי דאָך אויף דיר שוין נישט קוקן ווי די וועלף...

— אַזוי זאָגסטו איז מחייב דער שכל, אָבער „נאַ דיעליע" איז פונקט דער היפך! האָסט מיך דערמאָנט אין אַ טיפן פּלפּול פון אַ יידן אַ קבצן, אַ דלפן, און דערצו נאָך — אַ שטיקל מטיח דברים כלפי־מעלה. — „רבונו של עולם, טענהט ער, אויף דיין וועלטעלע ווערן אָפּגעטון גרויסע עוולות, היתכן? איך למשל האַלט אַזוי: דער נגיד, וואָס האָט די גרויסע אוצרות

מיט מעות־מזומנים, זאָל גיין אין מאַרק אַריין מיט מזומנע קלינגערס, און דער אָרעמאַן, — אַזוי ווי קיין גרייצערס האָט ער נישט, — זאָל כאָטש זיין עובר לסוחר זיינס אַ וועקסעלע... דאַכט זיך, אַזוי וואָלט געדאַרפט זיין על פּי יושר, האַ? איז ניין, דער נגיד, נישט גענוג וואָס ער פאַרמאָגט די ממתקים, גייט נאָך זיינס אַ וועקסעלע אויך, און דער קבצעדראַילע, נישט גענוג וואָס ער האָט מכות נישט קיין געלט, גייט נאָך זיינס קיין וועקסעלע אויך נישט"... פּונקט ווי יענער חכם־מדינה לערנסטו די סוגיא פון דיני־ממונות על פּי שכל־הישר... ווייס איך, ביסט אַ ייד אַ בטלן. דו סאָרטירסט עס גאָר אויף קאַטעגאָריעס: גמילת־חסד, מתנה. אין אמתן אָבער איז דאָס כמעט היינו־הך. ווי זאָגט ער דאָרט: ונא אל תצריכני לא לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלואתם. פאָלג מיך, ס'איז אַ שכנישע זאַך, מען זאָל בעסער נישט געפּרווווט ווערן —

— נו, און עס פאַרדינט זיך עפּעס נישקשה?

— איך קען מיך חלילה נישט קלאָגן. מיט דריי פערטל פון מיינע חובות בין איך שוין באַלד ברוך־השם פון דער זייט.

— איז ווי נאָר דו וועסט זיך צעצאָלן, וועסטו זיך צוריק אומקערן אויף דיין אַרבעט?

— ווער רעדט דערפון? מיין אַרבעט איז געווען זייער אַ טרוקענע, אָן איין זייטיקן רובל. לייטן קערן מיינען, אַז ווי באַלד מען איז קאָמער־טשעסקע דירעקטאָר אין אַ טריקאָטאַזשנע פאַבריק, אַזוי מוז שוין רינען האָניק איבערן מויל, איאָ אַזוי? טאָ שטעל זשע זיך פאָר, אַז אָט דער גרויסער פּאָרטפעל האָט מיר אַריינגעטראָגן פיל ווייניקער פּרנסה, ווי דיר דיינע איצטיקע שטעלעס. ניין, פון אומקערן זיך אין דער טריקאָטאַזשנע פאַבריק איז אָפּגערעדט, אַז ניין...

— צו וואָס דען קלערסטו זיך נעמען?

— איך קלער פאַרזעצן אָט דעם נע־ונדנעם מסחר ביז ענדע זומער. ביז וואַנען איז דער שיעור צו זיין אַ קבצן? היינטיקע צייטן דאַרף אַ ייד אַ שומר־שבת — ווער שמועסט נאָך אַ ייד, וואָס טפלי תלי ביה — האָבן אייגענע עטלעכע רובל, ווייל ווו ער זאָל נישט אַרבעטן, קען מען אים אַלע טאָג געבן דעם וועג...

— עס איז דאָך אָבער אַ סכנה דאָס אַרומפאָרן? מען טאָר דאָך דאָס נישט אפילו על־פּי־דין...

— איך וועל בייטן דעם מאַרשרוט, וועט זיין קלענער די סכנה. איך רעכן מיך אָראָפּכאַפּן קיין טיפליס.

— הייסט עס, דו האָסט ביי זיך געפּועלט ווערן צוליב געלט אַ כסדר־דיקער נע־ונדניק? איי, איי, איי... דו האָסט דאָך ברוך־השם יאָ אַ היים...

— אָט דאָס איז טאַקע די גאַנצע זאַך. מיין יוכבד דאַרף זיין אין דאָרף ביז ימים־נוראים, אַזוי אַז איך האָב במילא נישט קיין היים. און ווי באַלד אַזוי, וואָס זשע וועל איך זיך אַוועקזעצן אין קיעוו? נישט שטענ־

דיק פאַרט זיך, עס איז איצט פּונקט אַזאַ מאָמענט, וואָס קפצי זביני...*
ווי אַזוי זאָל איך דיר זאָגן? אַ מין עידנא דריתחא...**

— וואָס מאַכט זי עפּעס, דיין יוכבד? זי קומט שוין אַ ביסל צו זיך?

— יאָ, דאַנקען גאָט. אי זי, אי דאָס קינד, זענען זייער שוין אויס.

— פאַר צוויי וואָכן האָט מען מיר ערגעץ דערציילט, אַז מען האָט זי געזען אין קיעוו. אַז איך וויים אָבער, אַז זי איז גאָר ערגעץ לעבן זוועניגאָראָדקע, האָב איך זיי געזאָגט, אַז עס קען נישט זיין. עס האָט זיך זיי געמוזט אויסוויזן.

— עס האָט זיך זיי נישט אויסגעוויזן. יוכבד איז דאָ געווען צוויי טעג.

— מפסיק געווען די דאַטשע? וואָס איז די מעשה?

— אירער אַ ברודער האָט חתונה געהאַט. בכלל מאַכט מיין שווער היינטיקס יאָר פיר חתונות. איינע איז געווען ל״ג־בעומר; די צווייטע איז געווען פאַר דריי וואָכן; און נאָך צוויי זין וועלן שוין חתונה האָבן אודאי אלול אָדער תשרי...

— קיין עין־הרע... פיר זין אין איין זומער, דאָס איז טאַקע אויסטערליש...

— אַזוי איז דאָס: תכין בקיץ לחמה... בא יבא ברנה נושא אלומותיו... ער האָט פון פריער אויך דריי אויסגעגעבענע זין...

— איז דאָס קערן שוין חתונה האָבן די הירשלס, מיט די אהרלס, מיט די גאָדלס. און ווי אַזוי רופט מען דעם פערטן?

— שמעיה, אָדער סיאָמאַ. אַזאַ הויכער, אַ שיינער...

— זיי זענען אַלע הויכע און אַלע שיינע... ווער קען זיך פונאַנדערקלייבן צווישן זיי?

— איך געדענק זיי שוין אַ ביסל אויף אויסנווייניק...

— טאַקע אַן אמת? אַ שטומער וואָלט עס אין קיין יאָר נישט אויסגערעדט... נו, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער תלמוד־תורה?

— דאַנקען גאָט, נאָרמאַל. זיבן און פערציק קינדער לערנען גרופּנוויז און אין די היימען און לערנען ברוך־השם מיט התמדה כדבעי למהוי. עס איז אודאי זייער ווייניק פאַר אַזאַ שטאָט ווי קיעוו, נאָר אפילו דאָס, גלייב מיר, האַלט מען אויך אויס מיט ניסים... עס זענען היינט שווערע יאָרן... זאָג מיר, טאַניען האָסטו שוין לאַנג נישט געזען?

— ערשט יענע נאַכט האָב איך גענעכטיקט ביי זיי.

— אפילו גענעכטיקט? אָ, מאַלאַדיעץ!

— גענעכטיקט... איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. מען איז דאָרט צו מיר צוגעשטאַנען: עס איז שפּעט, עס איז שפּעט... האָב איך שוין געמוזט —

---

* דאָס אַרטיקל איז גאַנגבאַר, עס זענען דאָ מערער קונים ווי מוכרים.

** געמיינט: אַ הייסע שעה, סעזאָן פּיק.

— וואָס פּאַרענטפּערסטו זיך? עס איז דען אַן עוולה?
— איך פּאַרענטפּער זיך נישט, איך זאָג סתם אַזוי... זיי האָבן, הייסט עס, ווייניק צו טון מיט דער מוטער? זיי האָבן געגנוג... קיין געסט פעלן זיי נישט...
— וואָס מאַכט זי עפּעס, די פרוי פייגנבוים?
— אויף אַלע ייִדישע שונאים געזאָגט געוואָרן. ליגט ווי אַ קלאָץ און רירט נישט מיט קיין אבר, אָט דאָס מאַכט זי.
— איז שוין זשע וועט שוין קיין מאָל נישט ווערן בעסער?
— ווער ווייסט, וואָס אַ מאָל וועט זיין? דערווייל איז נישט אָמ־בעסטן.
— און ווי גייט דאָרט ביי זיי מיט דער מקוה?
— גאַנץ גוט. יוסף פּלאַנירט שוין צו שטעלן אויף פּאָדאָל נאָך איי־נע. נישט ווייט פון זיין אָרטעל דאָרטן. מען קען נישט — זאָגט ער — צווינגען קיין ייִדישע טעכטער, אַז זיי זאָלן פאָרן „מעבר לים" צוליב אַ מצוה... אַזאַ גזירה קען אייביק נישט אויסגעהאַלטן ווערן, ס'איז „פּסיק רישא ולא ימות"...* ערשט נעכטן האָט מען גערעדט דערפון...
— הם! יוסף פּלאַנירט... אויב ער האָט נאָר געלט, מעג ער אודאי פּלאַנירן... משה, וואָס זשע וועט טאַקע פאַרט זיין דער תכלית פון דיין אַרומפאָרן? וויפל קען אַ מענטש אַפּריכטן גלות?
— איך זאָל אַזוי וויסן פון בייז, ווי איך ווייס, וואָס דער תכלית וועט זיין. איך שלעפּ זיך אַרום אויף דעם עולם ווי אַן אבר המדולדל, איך פּלאָג מיך אָן אַ פּאַרוואָס און אַ פּאַרוועו, פרעג מיך צוליב וואָס, צוליב וועמען? פאַר וועמענס זינד קום איך אָפּ?
— משה, זיי נישט אַזוי געפאַלן ביי זיך... מיין נישט, אַז מען האָט דיך חלילה פּאַרלוירן פונעם אויג. ווי זאָגט ער דאָרטן אין ערשטן „ברכי נפשי": „יודיע דרכיו למשה"... דער וואָס איבער אונדז, וועט דיר ווייזן אַ דרך. מען טאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון...
פרידמאַן שווייגט אַ ווײַלע און גיט צו אַ דערשלאָגענער:
— הם... דו פרעגסט מיך אויף תכלית... ביסט זייער גערעכט, מען קען צו דיר גאָרנישט האָבן. אַ מענטש מוז האָבן אַ ציל און מוז שטרעבן צו אַ תכלית. אָבער איך, ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך קרח מכאן וקרח מכאן... גליב מיר... די לעצטע צייט...
פרידמאַן ווערט בלייך און שטאַמלט עפּעס זיך אונטער דער נאָז. שלמהן ווערט עפּעס פאַרדעכטיק זיין נישט דערזאָגן ביזן סוף. ער וואַרט אויס אַ ווײַלע און זעענדיק, אַז יענער ענדיקט נישט, פרעגט ער אים:
— וואָס זאָגסטו, די לעצטע צייט? וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן?
— ווייס איך, שטותים...

---

* דאָ געמיינט: ס'איז אויסגעשלאָסן, אַז עמעצער זאָל דערביי נישט נכשל ווערן. אַ גמרא־ווערטל.

— ניין, זאָג, וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן?

— גאָרנישט... וואָס מיינסטו, האָב איך אַזוינס געוואָלט זאָגן? איך זאָג, די לעצטע צייט טריט נישט אָפּ פון מיר עפּעס אַזאַ אומקלאָרער פאָרגעפיל... איך ווייס אַליין נישט וואָס איך פיל, נאָר כסדר ווען איך גיי זיך זעצן אין צוג אויף צו פאָרן קיין ניעזשין, ציטערן מיר אַזש די קניען, ממש — ארכובותי דא לדא נקשן...* איאָ נאַריש? און אַלע מאָל ווען איך גיי דאָרט אַראָפּ פונעם צוג, דאַכט זיך מיר, אַז אבן מקיר תזעק:

— ואתה בן אדם, מה לך פה, ומי לך פה, כי חצבת לך פה קבר?...

נו, האָסטו שוין יאָ אַ מאָל געהערט אַזאַ משוגעת, האַ? איאָ ניין? נו, אָט! פאַרשטייסט, איך האָב אַ פאָרגעפיל, ווי אַזוי זאָל איך עס דיר איבערגעבן? כמו ווי עמעצער זאָל מיר נאָכגיין און מיר האַלטן אין איין שעפּטשען אין די אויערן אַריין דעם פסוק: כי אבי ואמי עזבוני וד׳ יאספני... איאָ, נאַריש, האַ? און וואָס נאָך ברודערקע, דער קאָשמאַר, איך מיין דער נאַרישער כח־הדמיון מיינער, איז צייטנווייז אַזוי שטאַרק, אַזוי דערדריקנדיק, אַז אָפט מאָל דייסט זיך ביי מיר נישט ווילנדיק אַרויס מעימקא דליבא אַן אנחה המשברת חצי גופו של אדם:

— רבונא דעלמא כולא! מה בצע בדמי, ברדתי אל שחת?...

נו, האָסטו שוין יאָ אַ מאָל געזען אַזאַ שוטה ווי איך? איאָ ניין? נו, אָט! זאָגסטו אויך, אַז דאָס זענען שטותים, און מיר דאַכט זיך אַלע מאָל... ווייס איך, איך וויל גאָר פאַר דעם מויל נישט ברענגען וואָס מיר דאַכט זיך, אָבער הלואי איך זאָל גוט אָפּשניידן פון אָט די נסיעות...

נישט ווילנדיק ווערט שלמה אויך אָנגעשטעקט מיט פרידמאַנס שרעק, זיין פנים ווערט בלאַסער, אָבער ער וויל דאָס פאַר אים נישט אַרויסווייזן און רופט זיך אָן שוין אַ ביסל צו האָפּערדיק:

— שפּיי זיך אויס אויף אַלע פאָרגעפילן, פתי יאמין לכל דבר. און ווידער — הער אויף צו פאָרן אַהין וועסטו במילא פאַרלירן די קאָשמאַרן...

— ער האָט קוים אויסגערעדט... דא עקא, וואָס אויפהערן קען איך נישט... אין קיעוו איז פאַר מיר קיין פּלאַץ נישטאָ. אַלע מאָל ווען איך גיי אַראָפּ אויף קיעווער וואָקזאַל, פרעג איך זיך אַליין: צו וועמען ביסטו געקומען און צו וואָס ביסטו געקומען? מה לכהן בבית־הקברות? גלייב מיר, ווען איך זאָל זיין אַ ביסל עולעכער, וואָלט איך אפילו אַהיים נישט גע־דאַרפט פאַרפאָרן. הכל הולך אחרי המחשבה. טאָמער האָב איך איר נאָך נישט געגעבן די „צוועלף שורות", ** אָבער זי איז שוין אַ גרושת־הלב... ביי וועמען עס טרעפט אין אַ שידוך אַן אליה וקוץ בה, ביי מיר איז מתחילה ועד סוף — אַך קוץ והדרך...

און מיט אַ קרענקלעך שמייכעלע האָט ער צוגעגעבן:

— דאָס ערשטע מאָל, ווען איך בין אַריינגעקומען צו איר פעטער

---

* מיינע קניען קלאַפּן איינע אין דער אַנדערער. פון דניאל.

** געמיינט: אַ גט.

אין שטוב אריין, — בעסער וואָלט איך פריער געווען געליימט געוואָרן, — און איך האָב זי דערזען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָרט ווו זי געפינט זיך, איז אַ מקום־קדוש! גיי זיי אַ נביא, אַז דאָס וועט זיך גאָר אויסלאָזן אַ מקום רמה ותולעה, און איך וועל דאַרפן אַנטלויפן פון דער שטוב... זיך אַרומיאָגן איבער פרעמדע קרעמשמעס ווי אַ הונט... ווי שטייט דאָרטן: גם צפור מצאה בית ודרור קן לה, און איך, — ווי דו האָסט מיר אַ מאָל געזאָגט אויף זיך אַליין, — ואהי כצפור בודד על גג...

פרידמאַן טוט אַ טיפן קרעכץ און פליסטערט שטיל אַרוים:

— אוי, ברודערקע, ווי דערלעבט מען שוין צו אַ חיים של חלוץ עצמות? * גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך האָב שוין נישט קיין כח זיך צו מוטשען... עי, דו, וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזט די נאָז, שוטה דו? דאָס זענען דאָך מעשים בכל יום:

Світ великій, да нема куди дітися... **

זעענדיק, אַז ער האָט אויף שלמהן אָנגעיאָגט אַן אומעט מיט זיינע רייד, מאַכט משה אַ פריילעכער פנים און בייט איבער דעם שמועס:

— און דו, הייסט עס, האָסט זיך טאַקע פירגענומען צו רעגולירן די וואַלוטע־פּראַגע צווישן אוקראַינע און גרוזיע?

שלמה האָט אַ פאַרטראַכטער געשוויגן.

— און פרנסה, זאָגסטו, האָסטו אויך ברווח?

— ברוך־השם, זאָגנדיק „שעשה לי כל צרכי", מאַך איך נישט קיין ברכה לבטלה.

— און „אוזר ישראל בגבורה" איז ביי דיר אויך נישט קיין דברים בעלמא, מען דאַרף דאָך האָבן זעלטענע גבורה אויף אַרומצופאָרן בלי־הפסק: להכא ולהתם***, להכא ולהתם און אַזוי „וחוזר חלילה"**** חדשים־לאַנג...

— דו רופסט עס אָן: גבורה, און איך רוף עס אָן סיעתא דשמיא —

— ביסט דאָ גאָרנישט מחדש. ס'איז הא בהא תליא. דאָס ערשטע קומט נישט אָן דעם צווייטן.

פרידמאַן האָט אַ ביסל אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף דער זייט און מיט אַ קלוג שמייכעלע געפרעגט:

— זאָג מיר נאָר, און וואָס איז מכח „עוטר ישראל בתפארה"? זעסטו, שלמה, מיט דיין דאָזיקער ברכה בין איך עפּעס נישט אַזוי שטאַרק זיכער... דיר דאַכט זיך נישט, אַז ס'איז אַ ביסל ביליקלעך פאַר אַ מענטשן

---

* אַ לעבן פון קענען זיך אויסגלייכן די ביינער. פונעם „יהי רצון" פאַר ראש־חודש בענטשן.

** „די וועלט איז גרויס, און ס'איז נישטאָ זיך וווהין אַהינצוטון". אַן אוקראַיניש פאָלקסווערטל.

*** אַהער און אַהין.

**** און ווידער אַ מאָל דאָס זעלבע.

ווי דו, אַ מענטשן מיט הויכע אידיאַלן, דאָס נעמען זיך צו אַזאַ שוואַרצן מסחר, ווי אויסלענדישע וואַלוטע? עס ווילט זיך דיר זאָגן מיט די ווער־טער פון דבורה הנביאה: אפס לא תהיה תפארתך על הדרך אשר אתה הולך... וואָס זאָגסטו, ס'איז נישט אַזוי?

— אַ שאלה גאָר? אודאי זאָג איך, אַז ס'איז נישט אַזוי! לא מניה ולא מקצתיה... * מיין געוויסן אויף דעם געביט איז גאַנץ רואיק. אויף מיין פלאַטערנדיק האַרץ אַזאַ רואיקייט געזאָגט געוואָרן. וואָס דו זאָגסט, אַז ס'איז אפשר ביליק פאַר אַ מענטשן מיט אידיאַלן זיך אַראָפּצולאָזן צו אַזאַ נידעריקער פרנסה, איז דאָס נישט אַזוי, ווייל... אין בודקין למזונות. ווען איך זאָל צוזאַמען מיט מיין ווייב — ווי אַנדערע טוען דאָס — אַרומ־גיין קלייבן פלעשער איבער די הויפן, וואָלט דיר שוין געווען ניחא'ר? און מיר איז אַזוי ניחא'ר! די דאָזיקע עובדא איז ביי מיר נאָר אַ צייטווייליקע, און האָט נישט קיין שום מגע ומשא מיט מיינע אַלטע שטרעבונגען. כבודם במקומם מונח. זיי זענען פאַרבליבן ניי, נאָך נייער ווי געווען...

— נו, און דאָס באַגיין אַזאַ עוולה קעגן דער מלוכה? מילא, ביי „עת לעשות לד'", איז לית ברירה, מוז מען עובר זיין, אָבער ביי „עת לעשות לבטן", איז דאַכט זיך — דינא דמלכותא דינא!...

— שוא ושקר! די עוולה איז קעגן מיר באַגאַנגען געוואָרן! און הגונב מן הגנב פטור! און נאָך טעמים אין מספר —

פרידמאַן שאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

— ק"ן טעמים, בלייבן ק"ן טעמים, און שרץ — בלייבט שרץ! איך געפין אוים, אַז ס'איז פון דיר אַן עוולה —

שלמה קוקט אויף אים פול מיט צאָרן:

— איני יודע מה אתה שח! עוולה... עובר זיין... צו וואָס טויגן מיר דיינע מליצות? לעבן מיט מיין פאַמיליע דאַרף איך, צי ניין? מיינע חובות באַצאָלן דאַרף איך, צי ניין? איך בין דען פון דער טבע אַ ספּע־קוליאַנט? קאַ סלקא אדעתך, אַז איך בין ברצון הטוב געוואָרן אַ שוואַרצ־הענדלער? ביסט נישט קיין היגער? איך האָב דען נישט אָנגעשריבן אַ בוך לשם ולתפארת, וואָס ביי לייטן וואָלט מען פון אים די פינגער גע־לעקט, דעם מחבר אויף די הענט אַרומגעטראָגן, און די מחבלים האָבן אים פאַרברענט? צי איך בין אפשר געווען אַ שלעכטער צושניידער? איך האָב דען אין „פאַנטאָפל" נישט געגעבן קיין דריי נאָרמעס אין די אַכט אַרבעטס־שעהן? וואָס שווייגסטו, וואָס? נאָר וואָס דען, די מלוכה האָט ביי מיר אכזריותדיק אַרויסגעריסן די אַרבעטס־מכשירים פון די הענט און מיך אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס, טאָ פאַר וואָס זשע זעסטו די עוולה ביי מיר, נישט ביי זיי? האָ?

פרידמאַן האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געבראָכן אַ שוועבעלע אויף

* געמיינט: עס הייבט זיך אפילו נישט אָן.

פּיץ־פּיצלעך און האָט גאָרנישט געענטפערט. שלמה, אַ באַרואיקטער אַ ביסל, האָט מיט אַ שמייכל אים אָנגערירט ביים אָרבל:

— און ווידער, משה, זאָג מיר, וווהין קומט זי דען אַהין, די וואַלוטע זייערע? קיין אויסלאַנד גייט זי דאָך נישט! דאָס גאַנצע לאַנד איז ווי אַ שטייענדיק וואַסער. קומט אַ ווינטעלע פון צפון, טרייבט עס דאָס גרינע געמויזעכטס אויף דרום; קומט אַ ווינטעלע פון דרום, טרייבט עס דאָס געמויזעכטס אויף צפון, אָבער אין זה אלא כמצליף... * ווי זאָגט דאָרטן דער בעל־המשנה אין „איזהו": דרומית — מזרחית, מזרחית — צפונית, צפונית — מערבית, מערבית — דרומית... אַ הקפה אַהער, אַ הקפה אַהין, אָבער אין ערגעץ קען עס נישט אַהינקומען. ביי זיי איז דאָך יאָ: סדנא דארעא חד הוא! ** ביי זיי איז דאָך יאָ אַלץ איינס: וואָס מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, וואָס וולאַדיוואָסטאָק; וואָס סטאַלינאַבאַד, וואָס וואָלאָגדאָ; וואָס קאַמטשאַטקע, וואָס קרים. דאָס לאַנד איז דאָך סגור ומסוגר, נאָך בעסער ווי יריחו בימים ההם, איז מה־רעש? וואַלוטע — מה לי הכא, מה לי התם?

פרידמאַן קוקט אויף שלמהן מיט גרויסע אויגן און שלמה וויל אפילו נישט אָפּאָטעמען:

— ...אויף וואָס פאַר אַ יסודות שטייט דער משא ומתן מיט דער וואַלוטע אין ראַטנפאַרבאַנד כיום הזה, ווייסטו? ווער זענען די קונים און ווער זענען די מוכרים, קענסטו מיר זאָגן? ניין? טאָ הער, וועל איך דיר זאָגן. אַלע אויסלענדישע אַסיגנאַציעס, אַלע גאָלדענע מטבעות, וואָס זענען אין רוסלאַנד געלעגן באַגראָבן טיף אין דער ערד מדור דורות, זענען שוין פון דאָרטן לאַנג אַרויסגענומען געוואָרן. איצט גייט אַלץ אַרום אויף די הענט. ווער זשע זענען עס אָט די „הענט"? למשל, היינט בין איך „אויפן פערד", איך האָב אַ פעטע שטעלע און... מיט איין וואָרט: איך „שאַר גאָלד מיט די זשמעניעס". וואָס זשע טו איך מיטן געלט? קויף איך זיך איין אַ פאָר טויזנט דאָלאַר „אויף אַ שוואַרצן טאָג". מאָרגן קומט צו מיר דער „שוואַרצער טאָג" — און ער, ווייסטו דאָך, שפּעטיקט קיין מאָל נישט. אדרבה, ער קומט שטענדיק אַ סך פריער ווי מען האָט אים דערוואַרט — מען זעצט מיך איין, מען קנעפּלט מיר צו אַ האַלב צענדליק אַרטיקלען פון קרימינעלן קאָדעקס און מיין ווייב פאַרקויפט נעבעך די דאָלאַרן אויף האָבן פון וואָנען צו שיקן „פּערעדאַטשעס", *** אויף אונטערצוקויפן פראָ־קוראָרן, אויספאַרשערם וכל כת דלהון, — אַן אַנדער ברירה האָט זי? צו וועמען ווערן פאַרקויפט די דאָלאַרן? זיי ווערן מגולגל צו אַן אַנדער בן־אדם שהשעה משחקת לו, וועלכער וועט ערשט גיין זיצן אין עטלעכע חדשים אַרום... און זיצן וועט ער זיכער גיין, ווייל הקולר תלוי בצוארו... ****

---

* אויפהייבן אַ האַנט, כדי זי גלייך צוריק אַראָפּלאָזן.

** דאָס גאַנצע לאַנד איז גלייך, אַלץ איינס.

*** פעקלעך אין אַ טורמע.

**** די אַרעסטאַנטסקע קייט הענגט אים אויפן האַלדז.

און אַט אַזוי, ברודערקע, דרייט זיך דער גלגל החוזר בעולם, דור הולך ודור בא, אָבער — והארץ לעולם עומדת! פונעם לאַנד גייען די אוצרות קיין מאָל נישט אוועק. און אַזוי ווי די מענטשן, בכל מקומות מושבותיהם, געהערן אין גאַנצן צו דער מלוכה, הנשמה לך והגוף שלך, במילא געהערט די וואַלוטע — באשר היא שם — אויך צו דער מלוכה. היינט זאָג מיר, תכשיט מיינער, כלפי ליא! וווּ איז די עוולה און קעגן וועמען איז די עוולה?

פרידמאַן האָט שוין אַ פּול מויל, ער וויל שוין עפּעס ענטפערן, נאָר שלמה האַלט אים ערשט צו ביי דער האַנט, ער וויל נאָך עפּעס זאָגן:

— ...צי דו מיינסט אפשר, אַז גנבענען פון די צעכן אַליין, וואָס עס לאָזט זיך נאָר דורכטראָגן דורך דער „קאָנטראָלקע", אָדער שטיין ביי דער וואָג און באַגנבענען די אַרבעטער, איז מענטשלעכער און יושרדיקער פון האַנדלען מיט דאָלאַרן? איך, פאַרקערט, האַלט, אַז יעדער מסחר, כאָטש ער איז פון דער מלוכה פאַרווערט, שאַדט ער פון דעסט וועגן דירעקט קיינעם נישט. אונדזער מלוכה־אָרגאַניזם איז ברוך־השם אַזאַ „אדיר וחזק", אַז ער וועט זיך חלילה נישט צוקילן פון אַזעלכע שטותים. דאַקעגן, אַז מען וועגט אָפּ דעם האָראָפּפּאַשניק 800 גראַם פּראָדוקטן אָנשטאָט אַ קילאָ; אַז מען גיסט אים אַריין וואַסער אין טאָמאַט אַריין, אָדער אַז מען מישט אים צו מאַנע־גרייפּלעך אין צוקער אַריין, דאָס איז, האַלט איך, גזילה ממש, דערויף קען יום־כפור אויך נישט מכפר זיין, ווייל ערשט צו „נעילה" בעטן מיר: „למען נחדל מעושק ידינו"* די געגאַרטע „כפרת־עון" איז אָפּהענגיק פון אונדזער „נחדל". שמע מינה, האָב איך דיר געדרונגען, אַז מיין פּראָפּעסיע, כביכול, איז נישט קיין חרפּה פאַר מיר און נישט קיין עוולה קעגן דיין „דינא דמלכותא" — שמע מינה...

פרידמאַן, מיט אַ מהיכי־תיתידיק שמייכעלע:

— גוט, לאָמיר אפילו זאָגן, אַז דו ביסט גערעכט, אַז דער מקח וממכר, וואָס דו האָסט זיך אויסגעקליבן, איז נישט קיין בזיון פאַר דיר און נישט קיין עוולה פון דיר. פאַרקערט, איך גיב דיר נאָך. אָבער ביי דיר איז דאַכט זיך: פתח בכד וסים בחבית. אָנגעהויבן האָסטו דערפון, אַז דו מוזסט אַרויסקריכן פון די חובות, און אויסגעלאָזט האָסטו, אַז דו ווילסט זיך צונויפשלאָגן אַ שטיקל פאַרמעגן. הא כיצד? מילא חובות באַצאָלן, איז קודם כל אַ הכרחיות, והשנית, אַ דבר שבמנין, אַזוי פיל און אַזוי פיל, חסל! אָבער מאַכן אַ קאַפּיטאַל, ברודערקע, דאָס איז דאָך מאלו הדברים שאין להם שיעור! כידוע, מי שיש לו מנה, רוצה מאתים, נו, אם כן איז דאָך אין לדבר סוף! בלי גבול והגבלה...

שלמה צעלאַכט זיך:

— נו, ס'איז דאָך אַן אַלטע חקירה: פון דער לכתחילה האָט אַ מענטש ליב זיינע קינדער צוליב דעם ווייב און דערנאָך — דאָס ווייב

---

* „כדי מיר זאָלן אָוועקוואַרפן אונדזער רויבעריי".

צוליב די קינדער... אַזוי איז דער מנהג העולם: דאָס וואָס ס'איז לכתחילה געווען דער עיקר, ווערט מיט דער צייט אַ טפל, און דעסט גלייכן פאַר־קערט...

— הערסט אַ מעשה, איז דאָך דאָס טאַקע אַ הלכתא למשיחא, לעולמי עד ולנצח נצחים —

— טע־טע־טע... לאָמיר זאָגן, אַז ווייניקער אַ ביסל.

שטיי! וואַרט נאָר, ווו זענען מיר דאָס? מיר פאָרן דאָך שוין צו קיין ניעזשין! ווי אַזוי קען דאָס זיין?

— פאַר וואָס זאָל דאָס נישט קענען זיין? עס איז דאָך עפּעס אַ שנעלצוג.

— איך פאָר היינט דאָס ערשטע מאָל מיט דעם דאָזיקן צוג. וויפל צייט שטייט ער דאָ?

— דריי מינוט.

— לאָז זשע מיך גיכער צום אַרויסגאַנג. פאָר געזונט און זיי מצליח.

— קום, קום, איך גיי אויך מיט דיר.

פרידמאַן איז אַראָפּ פונעם צוג און שלמה נאָך אים. משה האָט אים אויסגעצויגן די האַנט:

— נו, פאָר געזונט און גאָט זאָל דיך היטן...

— אַ דאַנק. בלייב אויך געזונט און דער אייבערשטער זאָל זיך שוין אויף דיר מרחם זיין... עס רייסט מיר דאָס האַרץ אויף דיר פאַר דיינע ליידן און פאַר דיין זיין עלנט.

— וואָס קען מען העלפן? וואָס קען מען העלפן?

— אַך, וויפל עס איז דאָ צו ענטפערן אויף דעם „וואָס קען מען העלפן" ! נאָר נישט דאָ איז דאָס אָרט דערפון.

— אודאי נישט דאָ און נישט איצט...

— נו, פאָר, צי בלייב דאָ לחיים ולשלום און גאָט זאָל העלפן עס זאָל אויף דיר מקוים ווערן דער פסוק: והפכתי אבלם לששון, ונחמתים ושמחתים מיגונם...

— הלואי... פון דיין מויל אין גאָטס אויערן...

— משה, דאַכט זיך, אַז דער דיזשורנע גייט שוין קלינגען... מיר צעפאָרן זיך אַזוי ווייט, — שלום, שלום לרחוק ולקרוב...

— שלום, שלום... רוב שלום עד בלי ירח... ניין, ער גייט נאָך נישט קלינגען, אָט האָט ער זיך גאָר אָפּגעשטעלט רעדן מיטן נאַטשאַלניק פונעם צוג. שלמה, איך זאָג דיר, דו פאַרסט מעשה פּריץ. אַ גאַנצער נאַרקאָם.

— עס איז, גלייב מיר, נישט פון ווילטאַג... עס פּאַסט אַזוי. אין די פּריצישע וואַגאָנען קריכן די מחבלים ווייניקער און מען קוקט ווייניקער. אָט אין דעם שטעקט דער גאַנצער סוד.

מיט אַ מאָל, — באַהערשט פון אַ פּלוצלעכן צופלוס פון צערטלעכע געפילן צו זיין חבר, — האָט משה אַרומגעכאַפּט שלמהן און אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך:

— שלמה, טייערער חבר מיינער, בארעכן ווי דאָס לעבן לויפט משו־געגערווייז... ווי לאַנג ערשט זענען מיר אין „פּאַנטאָפל" געשטאַנען, כתף אל כתף, און מיטן זיבעטן שוויס געבראָכט די פּאַרזשאַווערטע פּאַסן אויף פּאָדעשוועס...

אַ ווײַלע האָט אים אויסגעפּעלט אָטעם, דאַן האָט ער שוין שטילער, הייזעריקלעך אַ ביסל, ארויסגעשטאַמלט:

— ...דאַמאָלסט און איצט... האַ? וויפל וואַסער איז אָפּגעלאָפן... וויפל ווינטערס, וויפל זומערס... דו ביסט איצט אַריינגעטון אין עגל הזהב —

— ...און דו אין אַן עגל פּשוט, פון פלייש מיט אויגן... אַ דערוואַקסענער מענטש ווי דו, אויב ער מאַכט אַ טעות, דאַרף ער קענען אים פאַר־ריכטן, זיך אַרויספּלאָנטערן פון אים, צערייסן די נעץ, נישט לאָזן אָט דאָס פּאַרשייטע קעלבל מאַכן פון דיר עפר ואפר, אַ מאַן — דאַרף זיין אַ מאַן! ווו איז דיין „אני הגבר"?

— דו ביסט אויך גערעכט... דו האָסט דיר דיין עגל, איך האָב מיר מיין עגל... און איצט צעפאָרן מיר זיך... ווער ווייסט, ווען מיר קענען זיך שוין ווידער אַ מאָל זען?... כיום הזה, בצוק העתים, דו ביסט זיך דאָרט מסכן נפש, איך ווייס סתם נישט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך גיי ארום... דאַרף מען טאַקע ביי אַזאַ ברכת־פרידה זאָגן איינער דעם צווייטן מעימקא דליבא: הדרן עלך —

— ...והדרך עלן...

— ...לא נתנשי מנך —

— ...ולא תתנשי מנן... *

עס האָבן זיך מיט אַ מאָל דערהערט שאַרפע צוויי קלונג. ביידע גוטע־ברידער האָבן זיך צעקושט, זיך אָפּגעלאָזט און זיך ווידער צעקושט. דער צוג האָט גערירט און ביידע האָבן מיט טרערן אין די אויגן נאָכגעפּאָכעט מיט די טיכלעך...

איין אויגנבליק און זיי האָבן זיך פאַרלוירן פון אויג.

---

* מיר זאָלן זיך נאָך אַ מאָל אומקערן צו דיר און דו צו אונדז; מיר זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן פון דיר און נישט דו פון אונדז. פון אַ תפילה, וואָס מען זאָגט ביי אַ סיום המסכת.

קאַפּיטל LI

אדם יחשב דרכו וד׳ יכין צעדו.

צום סוף איז שלמהן אויסגעקומען צו זיין אין טיפליס פיל פריער, ווי ער האָט גערעכנט.

קומענדיק דאָס מאָל קיין באַקו, האָט מען אים פאָרגעלייגט אַ שלעכטן פרייז פאַר זיין סחורה. נישט נאָר, וואָס ער איז שוין געווען רחוק משכר, נאָר ער האָט נאָך געדאַרפט צוטראָגן פון טאַש אַ מנה־יפה. ער איז געווען זייער נידערגעשלאָגן. ער האָט זיך אָבער גלייך דערמונטערט. ס׳איז אַ השגחה פרטית דערביי — האָט אים אַ געדאַנק אונטערגעזאָגט — מען הייסט פאָרן ווייטער, משנה מקום — משנה מזל... נישט לאַנג געקלערט, האָט ער גענומען אַ בילעט און איז אָפּגעפאָרן קיין טיפליס. די רעזידענץ פון גרוזיע און פון דער גאַנצער קאַווקאַזער פעדעראַציע האָט געמאַכט אויף שלמהן זייער אַ טיפן איינדרוק. ער האָט געמיינט דאָרט צו טרעפן אַן אַלט, צעוואָרפן שטעטל, ענלעך אויף דער „אַלטער שטאָט" פון טאַשקענט אָדער בוכאַרע. צום סוף גאָר האָט זיך דער צענטער שטאָט אין טיפליס געקענט פאַרמעסטן מיט קיעווער צענטער. אמת, גאַסן זענען דאָרט געווען פיל ווייניקער, און פיל קלענערע, אָבער אַזוי די ברייט ווי קיעווער, אַזוי אַספאַלטירט און אַזוי באַגרינט ווי יענע. שיינע, פילשטאָקיקע מויערן; אויסגעפוצטע אויטאָבוסן; רעשיקע פּלעצער און אויסערגעוויינלעך רייכע מאַגאַזינען. בלויז די אָפּטע ווינקעלערס און די שאַשלעטשנעס,* די ליי־לעבער־אַרטיקע פּיפּאַלקעס, די שיסלען מיט פרישן אינזשיר** און דער שוואַרצער קישמיש*** האָבן דערמאָנט אין דעם, אַז דאָ איז מזרח. די באַפעלקערונג איז דאָ געווען פּרעכטיקער געקליידעט ווי אין מאָסקווע אָדער אין לענינגראַד. די איינוווינער האָבן זיך ביי יעדער געלעגנהייט באַרימט פאַר די „פרעמדע", אַז טיפליס איז דאָס וויגעלע פון סטאַלינען. אין גאָרי איז ער געבוירן געוואָרן און אין טיפליס איז ער אויסגעוואַקסן, ביז ער איז געוואָרן אַ סטאַלין, דער „פאָטער פון אַלע פעלקער", דער איינציקער קייזער פון לאַנד. מיט ליבשאַפט און נישט באַהאַלטענעם גאוות פלעגן די דאָרטיקע איינוווינער אָנווייזן דעם דורכרייזנדיקן:

— זעט איר, אָט אין דעם הויז האָט יאָסיף וויסיאַראָנאָוויטש געוווינט דאַמאָלסט און דאַמאָלסט —

— אָט אין דעם הייפל האָט געאַרבעט זיין ערשטע דרוקעריי —

— אָט אין דעם זאַוואָד האָט ער דורכגעפירט יענעם און יענעם היסטאָרישן שטרייק —

שלמה האָט באַקוקט די אַלע אָנגעוויזענע ערטער און בכלל אַלץ, וואָס

---

* שאַשלעק — שטיקלעך באַראַן־פלייש געבראָטן אויף שפּיזלעך. דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער מאכל רעכנט זיך אין די מזרח־לענדער פאַר איינעם פון די גרעסטע מעדנים.

** נישט קיין געטריקנטע פייגן.

*** קליינע, זיסע ראָזשינקעס, אָן קערלעך.

עם האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַקוקן, און האָט זיך אין האַרצן מודה געווען, אַז טיפּליס האָט ווירקלעך מיט וואָס צו שטאָלצירן. אמת, פון די „הויכע פענצטער" האָט מען די באַלעבאַטים פון דער שטאָט ביי יעדער געלעגנהייט געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס וואָס סטאַלין איז זייערער אַ בן־עיר איז זיי מחייב צו גרעסערע דערגרייכונגען ווי די, וואָס זיי האָבן שוין צו פאַרצייכענען; אַז זיין אַ קרוב־למלכות — אפילו אַ ווייטער קרוב — איז נישט קיין קלייניקייט; אַז דאָס וואָס סטאַלינס מוטער האָט ביי זיי איר הייפל אין „מזרחדיקן קוואַרטאַל" און איר וועלט־באַרימטער זון, קומענדיק פון צייט צו צייט זי באַזוכן, באַערט זייער שטאָט מיט זיין אָנוועזנהייט, מוז אויך אָפּגעשאַצט ווערן ווי געהעריק; און אפילו דאָס, וואָס יאָסיף וויסיאַראָנאָוויטש סטאַלין בכבודו ובעצמו פאַרט יאָר־יערלעך קיין צכאַלטובע* און נישט אויף קיין אַנדער קוראָרט, מאָנט אויך ביי זיי עפּעס... אָבער פון דעסט וועגן, נישט קוקנדיק אויף אָט די אַלע „מאָנעכצן", האָט מען נישט געקענט אוועקמאַכן מיט דער האַנט די דערגרייכונגען, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט. מיט פיל זאַכן האָבן זיי זיך באמת געקענט באַרימען פאַר דעם גאַנצן לאַנד. סטאַלינס שעפערישער גייסט האָט געשוועבט איבער טיפּליס און האָט אַריינגעבלאָזן לעבן אין יעדן ווינקעלע. אַ דאַנק אים, איז דער פּראָספּעקט אויפן נאָמען פון שאָטאַ רוסטאַוועלי** געווען עפּעס מאַיעסטעטישער; דער יערעוואַניער פּלאַץ — רוישיקער און פּראַכטפולער; דער פּראָספּעקט אויפן נאָמען פון פּלעכאַנאָוו — שטרענגער און פיל בכבודיקער...

שלמה האָט זיך פאַרזאַמט אין טיפּליס דריי טעג, פאַרקויפט זיין קרעמל אויף גאָר אַ גוטן פּרייז און איז אַרויסגעפאָרן צוריק אין אַן אָפענעם אויטאָ מיט דעם גרוזיניש־מיליטערישן וועג. זיין איבערראַשונג און אַנטציקונג פון אָט דעם באַרימטן וועג איז געווען אויף אַזוי פיל גרויס, אַז דערנאָך, זעצנדיק זיך אין אָרדזשיניקידזע אויפן צוג, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין זען פאַר זיך יענעם וווּנדערשיינעם וועג. וואָס ווייטער ער איז אָפּגעפאָרן פון דאָרטן, האָט אים אַלץ שטאַרקער געצויגן צוריק קיין קאַווקאַז, צו די בערג, צום אימהדיקן קאַזבעק, צום שיינעם, שכורן טיפּליס.

אין אַ וואָך אַרום איז שלמה ווידער אַ מאָל געפאָרן אויף דעם זעלבן וועג: מיטן שנעלצוג ביז בעסלאַן, פון בעסלאַן מיט אַ קוקושקע*** ביז וולאַדי־קאַווקאַז אָדער, ווי די שטאָט האָט שוין איצט געהייסן: אָרדזשיניקידזע, און פון דאָרט איז שוין געגאַנגען אַן אויטאָ דירעקט קיין טיפּליס. אין

* אַ וווּנדערבאַר קוראָרט אין גרוזיע.

** דער נאָמען פון אַ גרוזינישן פּאָלקסזינגער, וואָס האָט געלעבט בערך מיט אַ טויזנט יאָר צוריק.

*** אַזוי רופט מען אין רוסלאַנד די קליינע צוגן, וואָס האָבן קורצע מאַרשרוטן. מערסטן טייל — דאַטשנע צוגן.

דער פרי איז געגאַנגען דער ערשטער אויטאָ, ביי טאָג דער צווייטער, און פּאָר נאַכט דער דריטער. צוויי דריטל פון די פּאַסאַזשירן זענען דאָ געווען טוריסטן פון אַלע עקן לאַנד, אויסלענדער מיט איבערזעצערס, רוסישע געלערנטע און גאַנצע מחנות נאַטור־וויסנשאַפטלער. דער דאָזיקער וועג איז געווען באַוווסט אַלס דאָס שענסטע ערטל אין ראַטנפאַרבאַנד. און דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז עס איז דאָרט ווירקלעך געווען וואָס צו באַטראַכטן און צו באַוווּנדערן.

דער זיסער טשאַד אין קאָפּ פון אָט דער פאַנטאַסטישער נסיעה, הייבט זיך אָן גלייך ביים אָנקומען קיין וולאַדי־קאַווקאַז. דאָס איז אַ שטאָט, ווו עס איז אויסגעמישט, אַזוי צו זאָגן: „קאַשע מיט באָרשטש". איין האַלבע איז אַזוי שיין ווי אומאַן און די אַנדערע האַלב — אַזוי ווילד ווי אַ קישלאַק;* פון איין זייט — אַ ריזיקער עלעקטראָ־כעמישער קאָמבינאַט, וואָס ציט זיך דריי קילאָמעטער אין דער לענג און אַ קילאָמעטער אין דער טיף, און אַקעגנאיבער — אַ האַלב חרובע „טשאַיכינאַ",** ביי וועלכער עס זיצן גאַנץ באַישובֿט אַלטע „דעבקאַנעס"*** מיט אַן אויסזען פון עכטע פּראַים, קייען טאַבאַק, רויכערן ליולקעס פון אַ מעטער די לענג און טרינקען גרינע טיי אָן צוקער. ביי דער זייט פון דער „טשאַיכינאַ" ריזלט שלעפעריק אַ שמאָל, ברודיק אַרעקל.**** דער טשאַיכאַנשטשיק,***** אַ הויכער, שטאָק־אַלטער גרוזין, מיט אַ פּנים, געלעכערט פון פּאָקן ווי אַ רעשעטע, בייגט זיך אַלע מאָל אָן, גיט אַ טובֿל אָפּ די אומגעקערטע פּיאַלע****** אין דעם שמוציקן ריטשקעלע און גיסט אין איר אָן טיי פאַר אַ צווייטן דעבקאַן. עס טרעפט, אַז אַ בייזער לאַקאַמאַטיוו, אַרויספּאַרנדיק פון דעם קאָמבינאַט, פאַרהוסט זיך פּונקט מיט אַ יאַדישלעווע הוסט און פאַרשיט די פּיאַלעס מיט קוילנשטויב. דאַן גיבן זיך די דעבקאַנעס שטיל אַ זידל:

— יאַמאַן פּאַראַוואָז, שאַיטאַן!...*******

די פּיאַלעס מיט דער שוואַרץ־גרינער זשיזשע ******** ווערן אויסאויסגעגאָסן אין אַרעק, דאָרטן טאַקע ווערן זיי גלייכצייטיק אויך אויסגעשווענקט, און ווידער זיצט דער עולם מיט די פיס אונטער זיך און שמועסט שעהן לאַנג וועגן אַלטע באַראַנעס, וועגן יונגע באַראַשקעס, וועגן

---

* אַ מין כוטאָר אין די מזרח־לענדער.

** אַ מזרחדיקע „קאַפּע", וווּ מען קריגט נישט קיין זאַך צו קויפן אַ חוץ גרינע טיי.

*** אויף יענע לשונות — אָרעמע מענטשן.

**** אַ ריטשקע וואַסער, וואָס שלענגלט זיך דורך די גאַסן, פון וועלכער מען באַגיסט די ערד אַרום איר, אַז דער שטויב זאָל נישט אַזוי שטיקן אין האַלדז.

***** אַזוי רופט מען דעם באַדינער פון דער טשאַיכינאַ.

****** אַ מין פּאָרצעלייען שיסעלע, וואָס דינט ספּעציעל אויף צו טרינקען טיי.

******* אַ שלעכטער לאָקאָמאָטיוו, אַ שד!

******** אַזאַ עקלדיקע פליסיקייט.

זעלטענע קאַראַקול־פעלעכלעך, וועגן קישמיש, וועגן אַטשערעט, * וועגן קור־קורוזע און וועגן אַט דעם פאַרשאָלטענעם גיגאַנט, וואָס האָט זיך צעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט מיט אַזאַ חוצפה און האָט פאַרנומען אַזאַ גוואַלדיקן שטח פון דער הייליקער אָסיעטע. **

ווייטער אַ ביסל גייען „טראַמוווייען". די זעלבע עלעקטרישע בויגנס, וואָס אין די צענטראַל־רוסישע שטעט, די זעלבע עלעקטרישע גלעקלעך, די זעלבע קאָנדוקטאָרסקע בייטלען, נאָר די וואַגאָנען אַליין — עפּעס חוזק־דיקע, ווי די גאַנצע שפּיל אין טראַמוויי וואָלט געווען נאָר אַ קאַטאָוועס... קיין פענצטער — נישט! די שטיקלעך ווענט — שטעקלדיקע און באַמאָלט מיט שרייענדיקע פאַרבן. דאָרט ווו עס דאַרף זיין אַ דאַך, איז אָנגעצויגן אַ בלוט־רויטער לײַלעך, נאָר אין דערמיט פון וואַגאָן, אויף אַ געוויסער הייך פונעם לײַלעך, איז איבערגעלייגט אַ שמאָל בריקל אין דער ברייט, צו וועלכן עס איז צוגעשרויפט דער עלעקטרישער בויגן. די פאַרשווינען, וואָס האָבן דאָס זעלטענע גליק זיך אַרייַנצוקוועטשן אין אָט דעם לופטיקן וואַגאָנטשיקל, זענען אַלע ווי מיט בלוט באַגאָסן פון דער „רויטער חופה"... אַרום און אַרום, אויף די טרעפּלעך, אויף די ווענט און אפילו אויף דעם בריקל פון דעם עלעקטרישן בויגן, הענגען קינדער, מיט הייזעלעך און אָן הייזעלעך, מיט לאַנגע הערעלעך און מיט גלאַט־אָפּגעגאָלטע קעפּע־לעך. ווי די היישעריקן באַקלעפּן זיי דעם וואַגאָן און שרייען אויף קולי־קולות, אַז מען קען טויב ווערן:

— וואַגאָן־פירער, ריר זיך אַ ביסעלע לעבעדיקער!... גיכער! גיכער!... ווי געפעלט אייך עפּעס, ווי ער קריכט ווי אַ טשערעפּאַכע...

אַלע פינף טראַמוויי־ליניעס קומען זיך צונויף אויפן מאַרקפּלאַץ. דער דאָזיקער פּלאַץ — דאָס איז דאָס האַרץ פון דער שטאָט. גרויס איז ער — מיטן אויג נישט צו כאַפּן. ערשט דאָ געפינען זיך די עכט־נאַציאָנאַלע טשאַיכינעס, באַהאַנגענע מיט טעפּיכער און יעדע באַזונדער באַוואָפנט מיט אַן אייגענעם „אָרקעסטער". דער אָרקעסטער באַשטייט פון דריי יונגע טשעטשענצעס, מיט פייפלען פון געלבלעכן אַטשערעט, ווי ביי די פּאַס־טעכער; אַן אַלטער פליכעוואַטער קאַזאַך מיט אַ צימבאַל און צוויי מיטל־יעריקע טיורקן מיט קורצע, בייכיקע מאַנדאָלינעס. פאַרן אָרקעסטער, וואָס

---

* אַזעלכע הויכע, דינע שטעקעלעך, וואָס וואַקסן נאָר ביים וואַסער. די „בייכער" פון די דאָזיקע שטעקעלעך זענען אָנגעפּילט מיט „וואַטע", דעריבער איז זיי לייכט אויס־צוהוילן און מאַכן פון זיי פייפעלעך. באַזונדערס באַנוצט מען זיך מיט זיי אויף ווענט־קעס פאַר פּישפּאַנג, דעסט גלייכן פלעכט מען פון זיי אויס ווענט צו בעסעדקעס, יידן נוצן אים אויף סכך.

** אין דער קאַווקאַזער פעדעראַציע, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט איר פאַרשי־דענע נאַציאָנאַליטעטן, גייען אויך אַריין אַזעלכע געביטן ווי: אָסיעטיע, אינגושעטיע, אַבכאַזיע, אַדזשאַריע. פאַראַן אויך באַזונדערע שבטים ווי ליזגינער, טשעטשענצעס, טשער־קעסן און נאָך אייניקע קרובהשע רעשטלעך פון אַמאָליקע שבטים, וועלכע האָבן נישט קיין אייגענע אויטאָנאָמישע געגנטן. די רעזידענץ פון צפון־קאַווקאַזער געגנט — אָרדזשאָ־ניקידזע, געפינט זיך אויף דער טעריטאָריע פון דעם — אַ מאָל שטרענג אָרטאָדאָקסישן שבט — אָסיעטינער.

„האָרעווועט" נעבעך, שטייט שטענדיק דער זעלבער כיבוד: פּיאַלקעס טיי; אויף אַ טעצל פון אָפּגעזילבערטן בלעך — אַנגעריסענע שטיקלעך פּיפּאַלעק און עטלעכע צעפּיצלטע אוריוקן. * דער ניגון זייערער איז אויך שטענדיק דער זעלבער. פון אין דער פרי ביז נאַכט. פון אָנהויב חודש ביז סוף חודש. עס זענען דאָרטן אויך דאָ אייראָפּעישע קאַפּעהייזער מיט בענקלעך און מיט געוויינלעכער שפּייז. די ברירה איז ביים באַזוכער. אויף דעם דאָזיקן אומענדלעכן מאַרקפּלאַץ האָבן זייערע געבעט־הייזער פיל נאַציאָנאַליטעטן און פיל גלויבנס. אַזוי למשל זעט מען אַרויס פון דעם מאַרקפּלאַץ אַן אָסיעטינישן מעטשעט; אין צווייטן ווינקל — אַן אַלטמאָדיש קלויסטערל; און אין דריטן ווינקל, להבדיל, אַ בית־הכנסת פון די אָרטיקע בערג־יידן. דאָס רוב מלוכה־אַנשטאַלטן געפינען זיך אויך אויפן מאַרקפּלאַץ. און אויך די באָד, און אויך די אַפּטייק, און אויך די מיליץ. אין די מאַרקטעג: זונטיק, מיטוואָך און פרייטיק, קען מען אויף דעם דאָזיקן מאַרקפּלאַץ קריגן, וואָס דאָס מויל קען נאָר אויסרעדן: בויוואָלן** און טייבעלעך; קעמלען און עופות; אייזלען, פערד, וועלאָסיפּעדן; גאַנצע וועגענער מיט פרוכטן; קאַווענעס די גרייס ווי די פעסעלעך; וויינטרויבן — ווי גרויסע אונגאַרישע פלוימען; און דער עיקר מילכיקס! בלויז פון דעם מילכיקס, וואָס ווערט פאַר אַ חודש צייט אויסגעאַרבעט אין צפון־קאַווקאַז, וואָלט מען געקענט אויפשטעלן נאָך אַ קאַזבעק, אַ קאַזבעק פון קעז און פוטער.

עס זענען אויך פאַראַן פיל אייראָפּעישע גאַסן אין אָרדזשיניקידזע, מיט שיינע דריי, פיר־שטאָקיקע מויערלעך; אויך שיינע סקווערן און בליענדיקע פּאַרקן. אויף דער צענטראַלער גאַס „פּראָליעטאַרסקי פּראָספּעקט" געפינט זיך די „מלוכה־באַנק", דער שטאָט־אויספּירקאָם, די אָפּטיילונג פון דער נ. ק. וו. ד. און אין עק פון דער גאַס — וווהין עס קוקן שוין אַריין די גרויסאַרטיקע, חנעוודיק־באַגרינטע בערג — געפינט זיך אויך די אויטאָבוס־סטאַנציע. די דאָזיקע סטאַנציע באַשטייט פון אַן איין־שטאָקיק מויערל, די ווענט — פאַרוואַקסן מיט ווילדע וויינטרויבן. אויפן דאַך — אַן אָראַנזשערייע פון רויטע און בלויע בלומען. הינטער דער שטוב ציט זיך אַוועק, אויף אַ הונדערט מעטער אין דער לענג און אַזוי פיל אין דער ברייט, אַ פּראַכטפולער פרוכטן־גאָרטן מיט שמאָלע שטעגעלעך, מיט שאָטנדיקע בעסעדקעלעך און מיט באַקוועמע, נידעריקע בענק. אָט דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע הייזל איז דער אָנהייב פון יענעם גן־עדן התחתון, וואָס רופט זיך אָן מיט אַזאַ פּראָזאַאישן נאָמען ווי: „מיליטעריש־גרוזינישער וועג". דאָס הייזעלע איז אַ מין וואָקזאַלכל. אין די צימערן געפינט זיך אַ שיינער בופעט, וואָס איז זאַט אין אַלעם גוטן; שיינע, באַקוועמע שלאָפצימערן פאַר די דורכפאָרנדיקע, און לופטיקע וואַרטצימערן. אומעטום אין דעם

---

* מזרחדיקע פערעשקעס.

** ווילדע אָקסן.

הייזל — רויט, מאַסיוו מעבל: געבעטע סאָפּעס מיט שרייענדיק־קאָלירטע טשעבאָלן. ביי די טישן — בענקלעך, טיי אין גלעזער. די דינערשאַפט — בלויז רוסישע מיידלעך. אייראָפּע! קיין סימן נישט פון אַסיעטיע. דאָס איז פּאָליטיק, אַזוי דאַרף מען: דאָ איז אַ פענצטערל קיין אויסלאַנד. אַהער לויפן זיך צונויף אַלע טוריסטן און אַלע באַרימטע אויסלענדישע געסט.

דער צוג, מיט וועלכן שלמה פלעגט אַלע מאָל אָנקומען קיין אָרדזשע־ניקידזע, פלעגט אים אַהין ברענגען דריי ביי נאַכט. דאַן פלעגט ער גלייך פאַרפאָרן אויף דער אויטאָבוסן־סטאַנציע, באַשטעלן אַ בילעט מיט דעם ערשטן אויטאָ, נעמען אַ וואַנע נאָכן וועג און זיך צוליינגן שלאָפן אויף עטלעכע שעה. ווען דער גאַנצער עולם פלעגט איבערבייסן, פאַרקלייבט זיך שלמה אין גאָרטן אין אַ זייטיקער בעסעדקע און דאַוונט דאָרט אָפּ. בכלל איז אין דער פרי אין גאָרטן קיינער נישטאָ. אונטערוועגנס איז דאָ אַפּעטיט, דער עולם קייעט. אין סטאָלאָווע פאַרשמעקט די שוואַרצע קאַווע דעם גאַנצן צימער. די זעמל טרישטשען נאָך אונטער די ציין פאַר פרישקייט. די פּוטער איז ערשט אַרויסגענומען פון דער מאַסלינקע און שוויצט נאָך מיט אַ מילכיקן שווייס. שוואַרצע וויינטרויבן מיט פרישן פּיפּאַלעך אויפן ניכטערן האַרצן און דערנאָך פאַרזופּן מיט זודיקער טיי, דאָס איז דער באַליבסטער פרישטיק ביי די אָרטיקע איינוווינער. זיי זיצן ביי באַזונדערע טישלעך און טשאַמקען שטיל דעם וואַרעמען פּיפּאַלעק. אָן קיין בילעט אויף דעם אויטאָ, לאָזט מען נישט אַריין אין דעם עסצימער. ביז עס פאָרט נישט אָפּ דער ערשטער אויטאָ, פאַרקויפט מען נישט קיין בילעטן אויף דעם צווייטן. דערפאַר טאַקע איז אין סטאָלאָווע נישט קיין געדראַנג. שאַ־שטיל, רואיק און בכבודיק. דער אויטאָ נעמט אין גאַנצן אַריין זעקס און צוואַנציק פּאַסאַזשירן. און מער פון זעקס און צוואַנציק מענטשן פרישטיקן נישט אין דער ערשטער ריי. פאַרטיק געוואָרן מיטן דאַוונען, פאַרנעמט שלמה זיין אָרט ביי אַ טישל. עס ווערן דערלאַנגט עטלעכע פריש־פאַרקאָכטע אייער, אַ געריוכערט הערינגל, פּוטער, קאַווע און פּיפּאַלקעס. ווען דער פרישטיק איז געענדיקט, איז פּונקט דריי פערטל אויף אַכט. עס שאַרט זיך צו צו דער פאַראַדנע טיר אַ באַקוועמער, אויסגעפּוצטער טראַנס־אויטאָמאָביל. דער ברעזענטענער שירם ווערט אָפּגעוואָרפן אויף הינטן, די זיצפּלעצער — אויסגעבעט מיט קישעלעך פון קעמלשער וואָל. אונטער די קישעלעך — שטייפע פּרוזשינעס. ערטער פאַרנעמט מען לויט די נומערן פון די בילעטן. ווער עס וויל, קויפט זיך אויפן וועג ניס, פיסטאַשקעס, וויינטרויבן. שלמה האָט נישט ליב מיטצונעמען קיין צדה לדרך, צו קויפן מיטן וועג איז געשמאַקער. ווען די קאָלאָנטשאַ* אויפן פּאָזשאַרנע טורעם** שלאָגט אַכט, רירט די מאַשין.

די האַלב־פאַרשלאָפענע שטאָט שאָקלט נאָך מיט די באַנעסטלטע שפּיץ ביימער קעפּ:

---

* שטאָטזייגער.

** פייערלעשער־טורעם.

— פּאַרט געזונט... פּאַרט געזונט... דערמאָנט נישט צום בייזן...

פון א זייטיק געסל אַנטפּלעקט זיך אַ פּוסטער דרייעק פון דעם מאַרק־פּלאַץ. אַ קעמל שטייט דאָרטן און מעלה־גרהט תמעוואַטע. דערזען דעם אָנגעפּאַקטן אויטאָ מיט פּאַסאַזשירן לאָזט ער ארויס עטלעכע שנירלעך סלינע מיט אַ מאָל און נויגט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס:

— פּאַרט געזונט... פּאַרט געזונט און זאָלן אונדזערע מקומות ביי אייך נושא־חן זיין... האָט נישט קיין פּאַראיבל, אפשר האָבן מיר מיט עפּעס נישט יוצא געווען...

די גאַסן פאַרשווינדן גיך. דער אויטאָ לויפט שוין איבער דעם זאַמ־דיקן שאָסיי לענג־אויס פּלאַטשיקע, ליימענע קיביטקעס און רויטע ליימ־גראָבנס. עס טראָגט זיך דורך דער אומענדלעכער אַעראָדראָם. דריי אַע־ראָפּלאַנען * 5 — II שטייען גרייט צום אָפּפליען און די קאָמאַנדע מאַכט די לעצטע הכנות. איבער די ווייטלעכע דעכער גיט אַ בליץ קעגן דער זון דער צלם פון מאַרקפּלאַץ־קלויסטער. קוים־קוים וואָס מען קען נאָך באַ־מערקן די שפּיץ נעז פון די קראַנען אין עלעקטראָ־כעמישן גיגאַנט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז פון גאַנץ וולאַדי־קאַווקאַז נאָר צו באַמערקן די אַנטענע פון דער צענטראַלער ראַדיאָ־סטאַנציע. נאָר אָט פאַרנעמט זיך דער וועג אויף רעכטס, באַרג־אַראָפּ, אַראָפּ און די אַנטענע צערינט אויך אין דער בלענדנדיקער זונען־שיין פון דעם פּרעכטיקן דרום־מזרחדיקן פרי־מאָרגן. דער אויטאָבוס טראָגט זיך דורך פאַרביי שווער־באַלאַסטיקטע וויינגערטנער, פּרוכטן גערטנער און ווילד צעצווייגטע באַשטאַנעס. די זון הייבט אָן צו סמאַליען, נאָר דער צוגווינט פון דעם קאָפּשווינדלערישן מאַ־שין־געלויף פאַכעט אָפּ די היץ ווי אַ גוטער פעכער און מאַכט די שטימונג יום־טובדיק, „וגילו ברעדהדיק" ווי ביי איינעם, וואָס שווימט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אויף אַ ווייטער שטרעקע. פון ביידע זייטן וועג דער־נענטערן זיך צוויי אימהדיקע באַריערן פון אייביקע פעלזן: מרה־שחור־רהדיקע ברוּאים, מיט אויסגעגליטע ליסענעס און אָרומגעגריזשעטע פּליי־צעס. ווער עס האָט זיי אָרומגעצופּט פאַרשפּאַרט מען צו פרעגן, זיי זענען שטענדיק באַלאַגערט מיט שאָף און באַראַנעס. די דאָזיקע פעלזן — דאָס זענען ערשט נאָר די אונטערפירערס פון די קאַווקאַזער גראַניטענע „רוקנ־ביינער", די בכבודיקע „שושבינים". אומבאַמערקט רוקן זיי זיך צונויף אַלץ ענגער און ענגער. זיי גייען שוין נאָך דעם אויטאָ פון ביידע זייטן ווי אַן אַלייע, וואַרפן זייער אומעטיקן שאָטן אויף די מענטשן און פאַר־שטעלן מיט זיך די לאַנדשאַפט. אין געדאַנק מישט זיך אויף אַ פּסוק פון „ברכי נפשי":

...הרים הגבוהים ליעלים, סלעים מחסה לשפנים...

פאַר אַ קאַרגער שעה רייזע פון וולאַדי־קאַווקאַז איז מען שוין ביים טיעריעק.

* אין די יאָרן 1933—1938, אין ראַטנפאַרבאַנד, — אַ פּאָפּולערע מאַרקע פון אַן אַעראָפּלאַן.

דער טיעריעק, דאָס איז אַ טייכל פון אַוועלכע הונדערט און פופציק — צוויי הונדערט מעטער די ברייט. דאָס טייכל נעמט זיין אָנהייב ערגעץ אין די אָפּגרונטן פון די קאַווקאַזער רוקנבערג, און שניידט דורך די דרומדיקע און מזרח־צפונדיקע געגנט פון יענעם שטיין־קעניגרייך. פון די צענדליקער טייכלעך, וואָס צפון־קאַווקאַז און גרוזיע פאַרמאָגן; פון אַלע אונטערערדישע קוואַלן און מוראַדיק־שוימיקע וואַסערפאַלן פון די שנייבערג, איז דער טיעריעק — דער סאַמע אומרואיקסטער. נאָר האַרט ביים ברעג קען מען נאָך זען זיינע וואַסערן אין זייער נאַטירלעכן אויסזען, קוים גייט מען אָבער אָפּ אויף עטלעכע שריט ווייטער פון דעם ברעג, זעט מען שוין נאָר, ווי עס זידט דאָרט ווי אין אַ קעסל. די כוואַליעס דרייען זיך ווי אין אַ קאַראַהאָד, באַדעקן זיך מיט ווייס־גרין־בלוי־גאָלדענעם שוים, שטעקן חוצפהדיק אַרויס דעם הימל לאַנגע צונגען און טראָגן זיך פאַרביי, טאַנצנדיק אין זייער ברויזנדיקן געווירבל. דאָס שמאָלסטע אָרט אין טיעריעק האָט נישט ווייניקער פון זיבעציק מעטער די ברייט. דאָס סאַמע ברייטסטע — צוויי הונדערט און פופציק מעטער. דאָרט וווּ ער איז פאַרשמאָלט, פאַרקוועטשט צווישן די שכנהנישע פעלזן, קנוילט ער זיך נאָך שטאַרקער, רייטן די כוואַליעס איינע אויף דער אַנדערער ווי די אייזבערג אין ים־הקרח, דאָרט זעט ער אויס ווי אַ באַלייבטע דאַמע, וואָס די נייטאָרין האָט איר די טאַליע שטייף פאַרצויגן אין אַן ענגן קאָרסעט, כדי דאָס נייע מלבוש זאָל זי בעסער קליידן. אָבער נישט פיל ווייניקער צעיאַכמערט איז ער אויך דאָרט, ווו ער צעגיסט זיך אין דער גאַנצער ברייט. סיי דאָ, סיי דאָרט — איז ער ווייס פון שוים, שפריצט און סאַפעט און וואַרפט שטיינער אין הימל אַריין. די אָרטיקע פאַנאַטיקער — הן פון יידישן אָפּשטאַם, הן פון נישט יידישן — פאַרזיכערן די פרעמדע אורחים, אַז דער טיעריעק — דאָס איז דער לעגענדאַרער טייך סמבטיון. איי, דאָס וואָס ער ווייסט נישט פון קיין מנוחה? — פון זינט די וועלט איז געוואָרן זינדיק, האָט ער אויך אויפגעהערט צו רוען אום שבת. מדה כנגד מדה. אַנדערע ווידער זאָגן נאָך אַן אַנדער מסורה: דער ים כנרת גייט דורך פאַרביי דעם גן־עדן, דערפאַר איז ער אַזאַ סטאַטעטשנער און אַזאַ אָנגענעמער; דער טיעריעק אָבער, גייט דורך פאַרביי דעם גיהנום, דעריבער טראָגט ער אין זיך דעם גאַנצן שמוץ, דעם האַרץ־רייסנדיקן שוידער פון דעם דאָרטיקן גרויליקן לעבן, דעריבער שטורעמט ער אַזוי, דעריבער שליידערט ער אַזוי עזותדיק זיינע אָפּגרונט־שטיינער כלפי־שמיא, דעריבער שפריצט ער זיינע פונקען אין הימל אַריין מיט אַזאַ פאַרשייטער חוצפה.

די פאַרשווינען שטעלן זיך אַלע אויף. יעדער איינער וויל וואָס ווייטער זען און וואָס גרינטלעכער דערלערנען אָט דאָס מלא־חמהדיקע טייכל. נאָר דער שאָפער איז ביז גאָר אַ פראָזאַישער מענטש. ער גיט אַ צי דורך אייבערן בריקל און דאָס טייכל פאַרשווינדט. דער טומל מיטן געפליעסק יאָגן נאָך דעם אויטאָ און פאַרלירן זיך ערגעץ הינטן, אין דער נידער...

קאַפּיטל LII

מען פֿאָרט באַרג־אַרויף. „מיט דער האַנט צו דערלאַנגען" שטעקט דער ריזיקער „קאַזבעק", וואָס געפֿינט זיך אַן ערך פֿון פֿינף טויזנט מעטער העכער פֿון דעם ים־פֿלאַך. דער אויטאָ דרייט זיך מיט אַ הקפֿה אַרויף־צו ווי אויף שווינדל־טרעפּ. דער שאָפֿער גיט דעם מאַקסימאַלן גאַז און מען טראָגט זיך פֿלינק אויף דער דאָזיקער געדרייטער לייטער. דער קאַזבעק זינקט אַלץ נידעריקער. די פּאַסאַזשירן הייבן זיך אויף אַלץ העכער.

...די דריטע הקפֿה, די פֿערטע הקפֿה...

דער אויטאָ פֿאָרט שוין אין די וואָלקנס. די ערד האָט זיך מצמצם געווען, מצמצם געווען און איז ערגעץ אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן. פֿון ביידע זייטן וועג ליגט אַ געדיכטער שניי. פֿאַר די אויגן — אַן עולם הפֿוך: אין הימל שמייכלט אַ תּמוזדיקע זון און אויף דער ערד איז טבֿת. עס קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. די פֿינגער ווערן פֿאַרקליאַקנעט * פֿון קעלט, די קערפּערס כאַפּן אַ געשמאַקן ציטער און טוליען זיך איינער צום צווייטן. מען קוויקט זיך מיט דער אייגענער וואַרעמקייט, מען ווערט דערפֿרוירן, מען לאַכט און מען איז גליקלעך. אין יענעם מאָמענט געדענקט קיינער נישט אין זיין היים, אין די נאָענטע וואָס ער האָט ערגעץ אויף דער גרויסער ערד. איצט איז מען אין די וואָלקנס, מען שוועבט ווי מלאכים אין דער אומענדלעכקייט. דער קאַזבעק איז נעבעך אַ ביטערער „יורד", ער זעט שוין אויס ווי אַ געוויינלעך הייטל צוקער. מען גלייכט זיך אויס מיט אים.

...די פֿינפֿטע הקפֿה, די זעקסטע הקפֿה...

— אַלמעכטיקער גאָט! שוין זשע איז דאָס אמת, אַז ערגעץ איז דאָ אַ טיעריעק וואָס קאָכט? ווייִנגערטנער וואָס בליען? אַ זון וואָס וואַרעמט?

דער אויטאָ מאַכט מיט די לעצטע כּוחות דאָס זיבעטע מאָל אַ ראָד אַרום דעם גאַרטל פֿונעם שרעקלעכן קאַווקאַזער רוקנביין און „אונטער דער סאַמע נאָז" קריכט אַרויס פֿון אונטערן שניי אַ לאַנגע ווייסע געביידע, וואָס דינט ווי אַ מין וואָקזאַלכל אויף דער סטאַנציע „קאַזבעק".

די זון הענגט איבערן קאָפּ, אָבער דער באַראָמעטער ווייזט 16 גראַד נידעריקער פֿון נול. דער באַרג קאַזבעק איז דאָ אין גאַנצן נידעריק, ממש ער וואַלגערט זיך אונטער די פֿיס. די אַזוי־גערופֿענע סטאַנציע, אָדער דערפֿל קאַזבעק, באַשטייט אומגעפֿער פֿון אַ פֿערציק הייזלעך, און גאַנץ באַזונדער, אין אַ זייט, שטייען עטלעכע לאַנגע, הילצערנע געביידעס פֿאַר טוריסטן און לעזשניקעס.** יענע חברה־לייט, אַז זיי קומען אַהער אויף קאַניקולן, אָדער אויף „פּוטיאָווקעס" אַלס פּרעמיע, קומען זיי נאָר גרופּנווייז, זיי וווינען דאָ אַפּ חדשים־לאַנג, שלאָפֿן אין זייערע אינדיווידועלע שלאָפֿ־

* אומבויגעוודיק.

** לעזשעס — סקי, שניישיך, לאַנגע הילצערנע גליטשערס.

זעק, עסן זויער־מילך און פּאָמידאָרן, דראַפּען זיך אויפן קאַזבעק, קלע־טערן אויף „משקולת" און אויב עס געלונגט זיי, צו דערגרייכן דעם פּיק,* דאַן שטעקן זיי דאָרט אריין אַ דרענגל מיט סטאַלינס פּאָרטרעט, אָרדענען איין אַ ראַדיאָ־סטאַנציע און שיקן אריבער דעם חבר סטאַלין אַ הייסע באַגריסונג.

צען מינוט זאַמט זיך דאָ דער אויטאָ און דער עולם פּאַרלירט נישט די צייט אומזיסט. מען לויפט זיך דורך, מען גליטשט זיך, מען וואַרפט זיך מיט „סניעזשקעס"...** אום תמוז זיך וואַרפן מיט סניעזשקעס איז דאָך עפּעס אַ זעלטנהייט!... אנו, זאָל זיך נאָך אַ לאַנד באַרימען מיט אַזאַ מופת! אַנדערע נעמען מיט זיך מיט אַ שטיק אייז פון דער רינווע אַלס אַ זכר. ווער עס איז גאָר נייגעריק, דער לויפט צו כאַפּן אַ קוק אין די „טור־ריסטישע באַראַקן", ווי עס זעט דאָרט אויס. נאָר אָט שניידט דורך די פּראָסטיקע לופט אַ שאַלנדיקע תרועה־גדולה פון דער סירענע. די פּאַר־שוינען טרייסלען זיך אָפּ פונעם שניי, מען פאַרנעמט די פריערדיקע ערטער און די סטאַנציע קאַזבעק ווערט אָפּגעוואָרפן...

ווידער ווערט דער עולם געפרוירן. אַרומיאָגנדיק זיך אַרום וואָקזאַלכל האָט מען אַזוי נישט געפילט די קעלט, אָבער זיצנדיק אויף איין אָרט דער־פילט מען טאַקע באַלד, אַז 16 גראַד קעלט איז גאָרנישט אַזוי ווייניק... נאָר אָט הייבן זיך אָן די זעלבע „הקפות" — אָדער ווי מען רופט זיי דאָרט: פּערעוואַלן — דרייען אויף צוריקוועגס. דער שאָפער טאָרמאָזירט, וויפל עס איז נאָר מעגלעך, נאָר פון אַזאַ משוגענער הייך העלפט דאָס האַמעוועון זייער ווייניק, מען טראָגט זיך געגנוג פלינק אַראָפּ, צוריק צו דער גרויסער ערד. אונטער די פיס שפּרייטן זיך נאָך וואָלקנס, קיין ערד זעט מען נאָך נישט, נאָר עס איז שוין פיל וואַרעמער... עס דערמאָנט זיך נחם טויב: קיין יבשה זעט מען נאָך נישט, אָבער דאָס וואַסער איז קענטיק געפאַלן. מען האָט אַ געפיל, ווי מען וואָלט דאָס נאַקעטע, צעפּאַרעטע לייב אַרומ־גענומען מיט אַ קאַלטן, נאַסן ליילעך און זיך צוריק אַריינגעזעצט אין אַ וואַרעם ביטל. דער אויסגעפּאָרענער שליאַך אַנטלויפט פון אונטער די רעדער.

...די דריטע הקפה... די פערטע הקפה...

עס אַנטפּלעקט זיך שוין אין טאָל אַ שמאָל פּאַסיקל ערד. דער שניי אַרום דעם אויטאָ ווערט קויטיק, פליכעוואַטע און כאַפּט דעם אָנבליק פון געפּרעגלטער רינדערנער שמאַלץ.

...נאָך אַ „פּערעוואַל"...

דעם שניי כאַפּט עמעצער אויס פון אונטער די הענט. אַנשטאָט אים באַווייזט זיך גראָז. גאַנץ געוויינלעך גרין, שמעקנדיק גראָז. עס ווערט מיט אַ מאָל אומדערטרעגלעך היים. זיך אַראָפּגעדרייט **נאָך דעם** לעצטן „פּערע־

---

* סאַמע העכסטער שפּיץ.

** שנייבאַלן.

וואַל", פּאָרט מען שוין אויף דעם גלייכן וועג. דער זייגער איז שוין עלף. די טעמפּעראַטור — אודאי נישט ווייניקער פון 40 גראַד. מיט לעכצנדיקע הערצער דערמאָנט מען זיך אין יענער שנייאיקער וועלט, אין וועלכער מען איז אַ מאָל געווען... — וואָס הייסט אַ מאָל? מיט איין האַלבער שעה פריער!... עס קען נישט זיין!... דער מענטש פאַרלירט דעם גלויבן אין דעם, וואָס ער האָט ערשט נאָר־וואָס געזען מיט זיינע אייגענע אויגן. ניין, ניין, ער האָט ערגעץ געמוזט לייענען וועגן אָט דעם וואונדערבאַרן קאַזבעק, נישט אַנדערש... נאָר אָט שניידט זיך דער אויטאָ אַריין אין די געדערים פון דער „דאַריאַלסקע אושטשעליע".

דאָס דאָזיקע ערטעלע איז דער סאַמע פאַרכאַפּנדיקער און סאַמע שרעקלעכער עפּיזאָד אין דער גאַנצער עפּאָפּייע פון דעם וועלט־באַרימטן מיליטעריש־גרוזינישן וועג. פוןביידע זייטן וועג שפּאַרן אונטער די וואָלקנס צוויי קויל־שוואַרצע גראַניטענע בערג מיט שרעקלעכע קאַרניזן ווי היטלען אויף פאַרמבולדיקע ריזנקעפּ אַראָפּגערוקט איבער די אויגן. די בערג זענען גלייכע ווי ווענט, די ווענט זענען אַזוי ענלעך איינע אויף דער אַנדערער, שטייען אַזוי נאָענט איינע לעבן דער אַנדערער, אַז עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז ערשט געווען איין באַרג, איין גראַניט־מאַסיוו נישט אויף דורכצוגיין, און פון אַן ערדציטערניש האָט ער זיך ערשט צעשפּאַלטן אויף דער העלפט, מחצה על מחצה. פון אַ צווייטער ערדציטערניש קענען זיך אָט די שרעקלעכע גיגאַנטן צוריק באַהעפטן, און אגב אורחא צעמאָלן אויף שטויב אַלץ, וואָס וועט זיך באותה־שעה געפינען אין זייער תחום. און אין דמיון זעט דער רייזנדיקער ווי זיי רוקן זיך שוין. די שעה האָט געשלאָגן און אים איז באַשערט צו זיין אין קאָן... ס'איז אים אַ פּנים אָנגעצייכנט געוואָרן נאָך פאַר זיין געבוירן ווערן צו פליען אין אָפּגרונט בריסוק־אברים, ווי דער „שעיר המשתלח לעזאזל"... פון דעם רעכטן באַריער סטאַרטשען אַרויס טרעפּ. ווי גראָבע, אָפּשטייענדיקע ליפּן אויף אַ העסלעך פּנים, אַזוי אומגעלומפּערט שטעקן אַרויס אָט די גראַניטענע קאַרניזן פון דעם דאָזיקן ריזיקן, נישט־געשליפענעם שפּיגל. אויף איינעם פון אָט די קאַרניזן איז אויסגעפּלאַסטערט דער מיליטעריש־גרוזינישער וועג. די מאַשין פּאָרט פאָרזיכטיק, האַרט ביי דער וואַנט. עטוואָס לינקס איז אַן אָפּגרונט פון עטלעכע קילאָמעטער די טיף. דאָרט אין עמק זידלט זיך יומם ולילה דער טיעריעק, אָבער פון דאַנען זעט ער אויס, ווי אַ לענגלעך וויים ווערעמל. טאָמער הייבט מען אויף די אויגן צו די קעפּ פון די סקאַלעס, גיט זיך אַ דריי דער גאַנצער אַרום און מען דאַרף זיך אומבאַדינגט ביי עפּעס צוהאַלטן, כדי מען זאָל זיך נישט אַראָפּקייקלען אין דעם אָפּגרונט. דער אויטאָ גייט פוסטריט און דער שאָפער נעמט נישט צו די האַנט פון דער סירענע. דאָ צו באַגעגענען זיך מיט אַ צווייטן אויטאָ אומגעריכט, שמעקט מיט ריסוק־אברים, נאָר אויף דעם דאָזיקן וועג דערלויבט מען אָבער צו פאָרן נאָר ערשט־קלאַסיקע און דערפאַרענע שאָפערס. פון דעסט וועגן טרעפט, אַז מען באַגעגנט דאָרטן אויך קאָלכאָזנע האַרבעס,*

* אַזיאַטישע וואָגנס.

רייטערס, מאָטאָציקליסטן און פוסגייער. דאָס דורכפאָרן אונטער די שרעקלעכע דאַשעקעס דויערט נישט מער פון פופצן, צוואַנציק מינוט, אָבער האָבנדיק אויסגעמיטן אָט דעם שווידערלעכן קאָרידאָר, רייסט זיך נישט ווילנדיק אַרויס ביי יעדן איינעם אַ טיפער קרעכץ. עס ווערט עפּעס לייכטער אויף דער נשמה, ווי אויפוואַכנדיק נאָך אַ שרעקלעכן קאָשמאַר. פון דאַנען גייט שוין דער וועג פריילעכער. אויף די בערג וואַקסט פיל גראָז און טויזנט־קעפּיקע טשערעדעס שאָף און באַראַנעס באַלעגערן זיי ביי טאָג און ביי נאַכט. דאָ האָט שלמה צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געזען באַראַנעס מיט אַזעלכע שווערע קורדיוקן,* אַז מען האָט אונטער זיי געמוזט אונטערפּראַווען רעדלעך, כדי דער באַראַן זאָל זיך נישט אונטעררייסן שלעפּנדיק אים איבער דער ערד. טיילווייז זענען די בערג געווען פאַרזייט מיט ווייץ, און שלמה האָט נישט געקענט פאַרשטיין: ווי אַזוי אַקערט מען דאָרט? ווי אַזוי שניידט מען דאָרט? עס האָבן זיך געטראָפן אויפן וועג אויך היפּשע וואַלד־מאַסיוון, אָבער וועלדער גאַנץ אַנדערע פון די וואָס אויף דער אוקראַינע: נישט הויך געוואַקסן; ביימער, נישט קיין דיקע; די בלעטער, פון אַלע קאָלירן, ווי אין רעגנבויגן: רויטע, געלע, גרינע, בלויע, גרויע, ברוינע, מאַלינאָווע און בעז־קאָליר. אַ שלל פון פאַרבן. און אַלע פאַרבן ווערן מטושטש לגבי דער פייער־פאַרב, די זון ברענט כיקוד אש, — קיין סימן נישט פון קיין פּיצל שאָטן. יעדער בוים באַזונדער איז ווי אַרומגענומען פון אַ פלאַם — סנה בוער באש! דער גאַנצער המון מיט ביימער זעען אויס ווי פלאַקערנדיקע פאַקעלן, די בערג — ככבשן האש, אַ ביז ווייס אָנגעגליטער קאַלכאויוון! אויף די ליפּן פאַרבלאָנדזעט אַ פסוק פון תהילים:

...כאש תבער יער, וכלהבה תלהט הרים...

נאָכן וואַלד טרעפן זיי אָן אויף אַ טאַבון אייזלען. אויף די בערג — וויינטרויבן און שאָף. און פּלוצלינג שניידט זיך אַריין אַ שטיק וועג פון נאַקעטן שטיין. עס פאַלט מיט אַ רעש אין דער נידער אַ קוואַל פון מינעראַל־וואַסער: זודיקע, לויטערע און מיט אַ שוועבל־גערוך. די גראַניטענע „קאָרעטע" איבער וועלכער עס שמייסט אָט דער נאַטירלעכער „ספּירט", איז רויט, פאַרברענט פון די הויכע גראַדן, וואָס די מינעראַלן פאַרמאָגן אין זיך און זעט אויס ווי אַ שרייענדיק־געקווייטלטער טערקישער שאַל. און ווידער וואַלד, ווידער פאַסטעכער, און ווידער הענגענדיקע תבואה־פעלדער.

שלמה טראַכט מיט האַרצווייטיק:

— יאַ־אַ־אָ... דער סטעפּ שלאָפט נישט, יעדער מינדסטער שטח, יעדער מילימעטער ערד איז אויפן אויג, גאָרנישט איז נישט הפקר.

און אין דער טיפעניש פון דער נשמה וואַרעמט ער אַ האָפענונג:

— אַז גאָט וועט העלפן דעם יידישן פאָלק און ער וועט צוריק דראָ־

* קאָדע. דער היפּשער שטיק שמאַלץ, וואָס הענגט זיך נאָך ביים באַראַן פון הינטן.

בערן זיין פּאָטערלאַנד, וועלן מיר שוין אויך וויסן ווי צו אָפּהיטן יעדעם ברעקעלע ערד, יעדעם זאַמדעלע. מירן זיך שוין נוהג זיין על־פּי נוסח סטאַלין. ווי אַזוי האָט ער געזאָגט, סטאַלין?

«Мы чужой земли не хотим, но из своей земли — ни одного вершка своей земли не отдадим».*

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַרום האַלב איינס נאָך מיטאָג קומט מען אָן קיין פּאַסאַנאַאורי. דאָ שטייט מען אַ גאַנצע שעה. פון אָרדזשעניקידזע ביז טיפליס איז דאָ צוויי הונדערט צען קילאָמעטער, און אויף דער סטאַנציע איז פּונקט האַלב וועג. אמת, די צווייטע העלפט וועג איז שוין אַ גלייכע און דויערט נישט מער ווי צוויי שעה, אָבער דאָ רוט מען זיך אַ ביסל אויס פון דער נסיעה און מען כאַפּט איבער דעם הונגער. דער אויטאָ פאַרפאָרט אין אַ טונקעלער אַלייע פון אָט דער גרוזינישער דאַטשע, אַלע קריכן אַרויס פון זייערע ערטער, גלייכן זיך אויס די ביינער און קוקן זיך אַרום. איידער זיי באַוויזן נאָך צו מאַכן אַ שפּאַן פונעם אויטאָ־טרעפּל, איז שוין אַרום זיי אַ יאַריד פון יינגעלעך און מיידעלעך. אַן עמער מיט דופּטיקע פּערסיקעס, פול ווי אַן אויג, קאָסט אין גאַנצן איין רובל. מילך — האַלב אומזיסט. און אַזוי האָניק, פייגן, ניס און וויינטרויבן. באַזונדערס וויינטרויבן. דער דאָזיקער מין סחורה וואַלגערט זיך דאָ ממש אויף דער גאַס. ער איז דאָ מער נישט, ווי טייערער אַ ביסל פון וואַסער. יעדער פּאַסאַזשיר קויפט זיך איין, וואָס זיין האַרץ גלוסט, מען פאַרקלייבט זיך איינציקווייז אָדער גרופּנווייז אין טיפן גראָז און מען רוט זיך אויס: פון דער היץ, פון דער קעלט און פון דער שרעקלעכער „דאַריאַלסקע אושטשעליע“.

שלמה זיצט אָפּגעזונדערט פון אַלעמען אין אַ פאַרשטעלטן ווינקל. ער עסט אָפּ, פאַרטרינקט עפּעס, דאַן ציט ער זיך אויס אין זיין גאַנצער לענג אויפן רוקן. רעיוניה על משכביה סליקו** און די איינדרוקן פון דעם טאָג קערן זיך איינציקווייז אום צו אים. מאָמענטאַל דערמאָנט זיך אים יעדע קלייניקייט: אָרדזשיניקידזע; די קאָמפּאָרטנע אויטאָבוס־סטאַנציע; דער באַקוועמער אויטאָ; דער טיעריעק; דער קאַזבעק; די כמורע אושטשעליע: די קאָלירטע וועלדער; די „רעדלדיקע“ באַראַנעם; די הענגענדיקע ברויטפעלדער; די עמערלעך שמעקנדיקע פּערסיקעס — אַ רובל אַן עמער; די שטילע דאַטשע פּאַסאַנאַאורי, — און עס פאַרקלעמט אים ביים האַרצן, פאַר וואָס אויך יוכבד מיט נחומקען זענען דאָ נישטאָ מיט אים; פאַר וואָס מנשה, פרידמאַן, טאַני און גאָרדאָן, וועלן אפשר קיין מאָל אפילו נישט זען אָט דעם גן־עדן התחתון... און ווידער צוריק טראַכט ער: ווי גוט עס איז פון דעסט וועגן, וואָס ער וווינט נישט

* קיין פרעמדע ערד ווילן מיר נישט, נאָר פון אונדזער אייגענער ערד — קיין איין ווערשאָק פון אונדזער ערד וועלן מיר נישט אָפּגעבן קיינעם!

** די געדאַנקען וואָס אַ מענטש האָט אין משך פונעם טאָג, קומען צו אים אויך אויפן געלעגער.

שטענדיק אין די דאָזיקע מקומות. דאָ קען מען לחלוטין פאַרגעסן אין ציון, אין ארץ־ישראל, אין זיין אייביקער האָפענונג. ניין, ניין, מען דאַרף וואָס גיכער אָפפאָרן אָט די עטלעכע מאָל ביז יוכבדס אומקערן זיך און פאַרגעסן אויף אייביק אָט די פרעמדע שיינהייטן, פונקט אַזוי ווי אַ סאָלידער מענטש וואַרפט אַרויס פונעם קאָפ דאָס בילד פון דער שיינער סאָליסטקע, ווען ער גייט אַרויס פון דער אָפערע. אמת, דאָס הימלעכע אָרדזשיניקידזע, דאָס גרויסאַרטיקע טיפלים און דער ווונדערבאַרער וועג צווישן זיי, אַלץ איז זייער פראַכטפול, אַלץ איז ממש פאַנגענדיק, אָבער ווען מען זאָל אָט די גאַנצע געגנט אים אפילו שוין וועלן אָוועקשענקען, בלויז דערפאַר, אַז ער זאָל זיך אָפזאָגן פון זיין האָפענונג צו קומען קיין ארץ־ישראל, וואָלט ער זיך דאָך אויסגעלאַכט יענעם אין פנים אַריין... זיין אַנטציקונג פון אָט די אַלע נאַטורבילדער זענען ענלעך צו דער אַנטציקונג, וואָס ער האָט געפילט אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריע. אָבער ציון — דאָס איז דאָך זיין אייגן בלוט! זיין נשמה! זיין גייסט! זיין עולם־הבא!

אַ צופרידענער וואָס ער פאַרלאָזט אָט די ווייטיקלעך־זיסע ערטער, שפרינגט שלמה אויף פון זיין גרינגער איבערבעט ווען די סירענע הייבט אָן צונויפרופן די פאַסאַזשירן. אין עטלעכע מינוט אַרום טראָגן זיי זיך שוין ווידער אונטער דער סמאַליענדיקער זון. עס מוז איצט זיין איבער פופציק גראַד די היץ. דער אַספאַלט אונטער די רעדער קנייטשט זיך נאָכגיביק, לאָזט אין זיך אָפדרוקן די טיפע קאַרבן פון די גומענע שינעס. די שטימונג אין אויטאָ איז שוין נישט אַזאַ געהויבענע ווי פריער. די היץ איז יעדן דערעסן געוואָרן. ווער עס כראַפעט, ווער עס דרימלט נאָר, און ווער עס זיצט אַזוי מיט אַ פריטשמעליעטער צורה און רירט זיך נישט פונעם אָרט. קיינעם ווילט זיך איצט נישט רעדן. יעדן ווילט זיך שוין וואָס גיכער זיך געפינען אונטער אַ דאַך. מען פאָרט דורך אַ ישוב מיטן נאָמען: דושעט. מען דערציילט, אַז פאַרצייטנס איז דאָ געווען די רעזידענץ פון גרוזיע. היינט איז דאָס אַ חרוב דערפל, אָן אַ מינדסטן שפור פון אַמאָליקן גלאַנץ. ניין, ירושלים האָט זיכער קיין מאָל אַזוי שפלדיק נישט אויסגעזען... אַ מיליאָנערשע, אפילו ווען זי ווערט אַ יורדת, באַהאַלטן זיך נאָך אַלץ אין אירע תנועות, אין די קנייטשן פון איר פנים, אין איר אופן פון רעדן צו אַ מענטשן סימנים פון איר אַמאָליקן זיו, פון איר אַמאָליקן הוד... אַזאַ געוועזענע גבירנטע דאַרף נאָר איין טאָג אַ גוטן, איז זי — ווידער זי, און אַזוי, מיט גאָטס הילף, וועט זיין מיט ירושלים אויך... מען דאַרף נאָר זוכה זיין ביי גאָט, ער זאָל שוין אויפמישן דעם פסוק: זכרתי לך חסד נעוריך...

אומבאַמערקט און מיט אַ מאָל, איז פון הינטער אַ בערגל אַרויסגעשפרונגען דאָס שטעטל: „מצכעט“. דאָס דאָזיקע שטעטל שמעקט שוין מיט טיפלים. עס טרעפן זיך שוין צוויי־שטאָקיקע מויערלעך, עס וואַרפן זיך שוין אין די אויגן שטאָטישע איינוווינער אָנגעטון ווי עכטע אינטע־

ליגענטן. און באַלד טאַקע איז אַרויסגעשווומען דער „זאַגעס"* דאָס איז די עלעקטראָ־סטאַנציע, וואָס גיט ענערגיע פֿאַר גאַנץ גרוזיע. די דאָזיקע הידראָ־עלעקטראָ־סטאַנציע שפּייזט זיך פֿון צוויי טייכן פֿון „קוראַ" און „אוראַגוואַ". אין פֿראָנט פֿאַר דער סטאַנציע, שטייט אַ ריזיקע סטאַטוע פֿון לענינען. די גרייס פֿון דער פֿיגור איז אומגעפֿער אין אַ דריי פֿאַכיקן מאַסשטאַב ווי ער איז געווען אין לעבן און מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. און באַלד טאַקע נאָך „מצכעט" און „זאַגעס", האַקט מען איבער די באַנ־ליניע און עס הייבן זיך אָן די פּאָרשטעט פֿון טיפֿליס. די היץ איז דאָ אויך גענוג גרויס, אָבער פֿיל קלענער ווי צווישן די בערג. פֿון ביידע זייטן פֿליען פֿאַרביי זאַוואָדן און פֿאַבריקן. די פּאַסאַזשירן ווייסן נישט וווהין פֿריער צו קוקן, די אויגן צעלויפֿן זיך ביי זיי. ענדלעך שניידט זיך די מאַ־שין אַריין אין סאַמע צענטער פֿון שטאָט, אויף פּראָספּעקט שאָטאַ רוס־טאַוועלי און שטעלט זיך אָפּ ביי דעם אָפּערע־טעאַטער, אַקוראַט קעגן דעם שטאָטפּאַרק. דער זייגער אויף דעם הויפּטפּאָסט־אַמט איז נאָך פֿאַר פֿיר. עס זענען נאָך נישטאָ קיין אַכט שעה, זינט זיי האָבן פֿאַרלאָזן אָרדזשי־ניקידזע, אָבער וויפֿל איז דורכגעלעבט געוואָרן פֿאַר דער צייט?

*

פֿאַר צוויי טעג צייט ווערט שלמה פֿאַרטיק מיט זיינע מסחרים און דאָס חיות גייט אים שוין אויס, זיך ווידער צו זען מיט דעם שוועגער, נאָר צוציענדיקן מיליטעריש־גרוזיניש ווענ. אויף צוריק וועגס קומט אים אויס צו זיצן לעבן שאָפֿער. אין אַ פּאַסיקער מינוט פֿרעגט שלמה ביי אים:

— וואָס פֿליט איר אַזוי? מען קען דאָך גאָרנישט באַמערקן... מענטשן ווילן זיך צו אַלץ צוקוקן און איר פֿליט... אַך, ווי איך וואָלט אַ בעלן געווען —

דער שאָפֿער ווייזט אים שטרענג אָן אויפֿן זייגער:

— נישט איך לויף! דער זייגער לויפֿט און איך לויף אים נאָר נאָך...

אָן אומצופֿרידענער האָט שלמה אַ בורטשע געטון אונטער דער נאָז, און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

---

* ראשי־תיבות פֿון: אַלקאַווקאַזער מלוכהשע עלעקטראָ־סטאַנציע.

קאפיטל LIII

ווי שלמה זאָל האָבן אין אַזאַ שעה אויסגערעדט, איז אים גאָר אין גיכן אויסגעקומען גאַנץ גענוי צו באַקוקן און צו באַטראַכטן אָט דעם באַרימטן וועג.

געטראָפן האָט עס אָט ווי אַזוי:

דאָס איז געווען אַרום חצי אב. אויף אוקראַינע האָבן די היצן שוין אָנגעהויבן געלאָשענער צו ווערן. דאַקעגן אין די שטיינבערגיקע קאַווקאַז־געגנטן האָבן זיי ערשט אָנגעהויבן גרעסער צו ווערן. שלמה, מיט אַ גומענעם מאַנטל פאַרוואָרפן איבערן אַקסל ווי אַ טלית צום „לשם יחוד" און מיט אַ גרינג טשעמאָדאַנטשיקל אין די הענט אין וועלכן ס'האָט זיך נאָר גע־פונען זיין טלית און תפילין, עסנוואַרג און עפּעס אויף צו לייענען — איז אָפּגעפאָרן קיין טיפליס. ביז בעסלאַן איז אַלץ געגאַנגען ווי געוויינלעך און ביז אָרדזשעניקידזע אויך, און אויך ביזן טיעריעק. ערשט דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסערגעוויינלעכע. דאָס מאָל האָט זיך אין אָרד־זשעניקידזע גראָד אָנגעקליבן אַ היפּשער עולם און מען האָט באַשלאָסן צו שיקן איין אויטאָבוס נאָכן צווייטן, מיט אַ אינטערוואַל פון איין האַל־בער שעה. שלמהס ריי איז אָנגעקומען צו דעם צווייטן אויטאָ. נאָך פון דער ווייטנס האָט ער באַמערקט, אַז ביים טיעריעק איז עפּעס נישט שטיל, עפּעס טומלט זיך דאָרטן שטאַרק. ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ: — וואָס איז דאָרט אַזוינס פאָרגעקומען? מיט אַ מאָל האָט אים אַ שלאָג גע־טון אַ געדאַנק: אַ רעוויזיע! און אין איין אויגנבליק האָט זיך אים דער־מאָנט ליסענקער וואַלד אין יאָר 1928. אָבער העלפן מיט עפּעס איז געווען אוממעגלעך. אַז מען איז אין באָד, שוויצט מען. שלמה האָט זיך אין האַרצן געזעגנט מיט זיינע ליבע און מיט דער פרייהייט. צופאָרנדיק צום ברעג, האָבן זיי דאָרטן געטראָפן דעם פריערדיקן אויטאָ און נאָך צוויי פּריוואַטע אויטאָס. די פאַרשוינען זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ. דער טיעריעק איז די פאַרגאַנגענע נאַכט אַריין אין דער קפידה, האָט אַראָפּגעטראָגן דאָס בריקל, און אַצינד האָט ער אויף קולי־קולות חוזק געמאַכט פון די אומבאַהאָלפענע פאַרשוינען און פון דער גאַנ־צער וועלט. יענע נאַכט איז אַ פּנים ערגעץ געגאַנגען אַ שטאַרקער רעגן, אין טיעריעק אַריין איז אָנגעקומען אַ גרויסער צופלוס וואַסער, דאָס האָט אים צעקאָכט און ער האָט פאַר כעס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס בריקל. מען האָט צו וויסן געגעבן אין דער טראַנספּאָרט־קאָנטאָר קיין אָרדזשעניקידזע. עס איז אָנגעלאָפן די נאַטשאַלסטווע און האָט מודיע געווען דעם עולם, אַז עס איז זייער שלעכט. פונקט האָט זיך אַזוי געדאַרפט מאַכן, אַז פינף פון די זעקס קורסירנדיקע אויטאָבוסן געפינען זיך אויף דער זייט, וווּ עס איז בסך־הכל איין שעה פאָרן צום וואַסער. און אויף יענער זייט, וווּ עס איז אַ וועג פון זיבן שעה, איז אין גאַנצן פאַרבליבן איין און איינציקער אויטאָ. קיין פּריוואַטע אויטאָס וועט די מיליץ זיכער נישט דערלויבן צו פירן אויף דעם וועג קיין פּאַסאַזשירן. חוץ דעם איז דאָך סתם אוממעגלעך

זיך אַריבערצופּעקלען איבערן טייכל אפילו אויך אָן אַ אויטאָ. דעריבער האָבן זיי געעצהט דעם עולם זיך אומצוקערן קיין בעסלאַן און פון דאָרט פאָרן מיטן צוג דורך באַקו קיין טיפליס. אמת, מאַכנדיק די נסיעה מיט אַט דעם נייעם מאַרשרוט מוז מען זיך פאַרהאַלטן איבעריקע צוויי מעת־לעת אין וועג, אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז דאָך נישטאָ.

קיינעם האָט דער פּלאַן נישט געשמעקט, אָבער קיינער האָט גאָר נישט געקענט צוטראַכטן. שלמה האָט געהאַט וואָגיקע סיבות צו זיין שטאַרק אומצופרידן מיטן מאַרשרוט דורך באַקו. עס האָט געשמעקט מיט סכנת־נפשות. אויף יענעם וועג האָט מען שוין געטרייסלט די פּאַסאַזשירן גאָר אויף אַן אַנדער אופן. די „אָפּעראַטיווע גרופּע" האָט שוין געוווסט פון אַלע ערטעלעך, ווו מען פירט די וואַלוטע, און עס איז געוואָרן גע־פערלעך אפילו בלויז זיך צו ווייזן אין צוג. אַ צעקאָכטער ביז גאָר איז ער אַרומגעגאַנגען מיט זיין וואַליזע ביים ברעג פון דעם ברויזנדיקן טיערעק. איין און איינציקער געדאַנק האָט איצט באַהערשט אַלע זיינע חושים: גוואַלד, ווי אַזוי כאַפּט מען זיך אַריבער כאָטש נאָר אויף יענער זייט. דער עיקר איז: אבי איבער דער מים, פון דאָרטן וואָלט ער אפילו צו פוס אוועקגעגאַנגען... עס פאַרשטייט זיך, נישט איינער אַליין, נאָר צוזאַמען מיט אַ קאָמפּאַניע... פונעם געדאַנק, אַז אים שטייט פאָר צו פאַרקער־וועזן דעם דישעל אויף באַקו, האָט אים געוואָרפן אין היץ און אין קעלט. די „אָפּעראַטיוויקעס" וועלן זיך איבער אים נישט דאַרפן קווייקלען, זיין פּנים וועט אים מסרן... ער וואָלט זיך שוין אומגעקערט צוריק קיין קיעוו ביז מען וועט צוריק צודעקן דעם משוגענעם טיערעק, דערמאָנט ער זיך אָבער מיט וואָס פאַר אַ שטעכיקע בליקן עס האָבן אים דורכגענומען די „רויט־גרינע היטלען", וואָס האָבן באַגלייט דעם צוג פון ראָסטאָוו ביז מינוואָדע, און איצט אַז זיי וועלן אים נאָך דערזען שוין פאָרן אויף צו־ריק... עפּעס אַ מאָדנע קפיצת־הדרך, וועלן זיי טראַכטן, און דער מענטש וואָס זיי טראַכטן שוין וועגן אים, איז קודם כל טעון בדיקה... פריער בדיקה און דערנאָך נקירה... * ניין ס'איז שלעכט, ביטער ווי דער טויט!

פאַר זיינע אויגן שווימט אַרום דער חדר אין אַ דאָנערשטיק אויף דער נאַכט, און עס דערהערט זיך דער אין האַרצן איינגעבאַקענער ניגון:

— ...וישאו — און זיי האָבן אויפגעהויבן, בני ישראל — די יידן, את — ען, עיניהם — זייערע אויגן, והנה — און אָט, מצרים — די מצ־רים, נוסע — פאָרן, אחריהם — נאָך זיי. וייראו — און זיי האָבן מורא געהאַט, מאד — זייער, ויצעקו — און זיי האָבן געשריגן... — פאַר וואָס האָבן זיי געשריגן? זיי האָבן דערזען, אַז זיי זענען פאַרפאַלן: פון פאָרנט דער ים; הינטן די מצרים; פון איין זייט חיות־רעות און פון דער צווייטער שלענג און עקדישן...

שלמה גיט אַ צאַפּל מיט אַלע אברים:

— גוואַלד, וואָס טוט מען דאָ? וואָס טוט מען דאָ?

---

* טרייבערן.

ער שליכט זיך ארום א פארחושטער לענג־אויס דעם שוימיקן ברעג און אין הארצן ברויזט א שטומע תפילה: רבש"ע, העלף מיר איך זאל ניצול ווערן פון די היינטיקע חיות־רעות... טו א נס און שפאלט מיר אט דעם דאזיקן ירדן...

און ווי אן ענטפער אויף זיין אינערלעכן אויסגעשריי, האט זיך דורכגעטראגן פאר זיינע פארנעפלטע אויגן דער פסוק „יהושע", און ווי א מאל, בזמן שבית־המקדש היה קים, דער ענטפער אויף דעם „אורים ותומים", אזוי האבן ארויסגעשיינט די ווערטער:

...ותורידם בחבל בעד החלון...

שלמה האט זיך געוואלט באפרייען פון דעם וואכנדיקן דרימל און האט פון דאס ניי אנגעהויבן באטראכטן דעם צערודערטן עולם ביים ברעג און דעם קאכעדיקן טיעריעק, וואס האט זיך א צעיושעטער געווארפן פון די ברעגן, ווי ער זאל וועלן איינשלינגען אט דאס גאנצע געזינדל, וואס שטייט און באטראכט אים מיט אזא אפענער שנאה. שלמהן האט זיך אבער אלץ נישט איינגעגעבן זיך מסיח־דעת זיין פון זיין פריערדיקן „חזיון". ווּהין ער האט נישט געווענדעט זיינע בליקן, זענען די ווערטער פון יענעם האלבן פסוק נישט אפגעטראטן פון זיינע אויגן. ער איז געשטאנען א פארלוירענער. ער האט געדרייט דעם פסוק אויף אלע זייטן, געפרווט אויסטייטשן ישר והפוך, געזוכט אין אים פארבארגענע כוונות, רזין דרזין, און האט גארנישט געפונען. אוועקמאכן מיט דער האנט דאס דאזיקע „אנפאלעניש", האט ער אבער אויך נישט געקענט. די מעשה איז אים געווארן פארדעכטיק. „יהושע", ווייסט ער, האט ער איבערגעקוקט צוריק מיט פינף און צוואנציק יאר און דא נא דיר פלוצלינג אזא „טעלעגראמע"! עס איז דאך עפעס א מדרש־פליאה... שלמה האט זיך דערמאנט דעם מאמר חז"ל: „השכים ונפל לו פסוק בפיו, הרי זה נבואה קטנה",* און האט זיך שטארק געבראכן דעם קאפ זיך פותר זיין אט די „נבואה" און צו געפינען דעם ריכטיקן שליסל צו אט די מאדנע עטלעכע ווערטער. און פלוצלינג האט אים באגייסטערט א געדאנק, זיין פנים האט העל אויפגעשיינט. ווי אלע דרייסטע המצאות, וואס האבן א טבע איינצופאלן דעם מענטשן נאר דאן ווען „דער חלף ליגט אים שוין אויפן האלדז", אזוי האט אויך דער דאזיקער געדאנק דורכגעבליצט ביי שלמהן אין קאפ אזוי אומגעריכט, אז ער האט שיר נישט קיין געשריי געטון פאר התפעלות. ער האט נאך א מאל באקוקט די ארומיקע געגנט מיט איר שוימיקן גארטל, דורכגעזופט מיט אייפערדיקע בליקן זיינע „אחים לצרה", מיט א טרוקענעם בליק אפגעמאסטן דעם טיעריעק לארכו ולרחבו, און האט זיך געוווּנדערט וואס דאס איז אים גליך נישט איינגעפאלן. ער האט איצט די אלע זאכן געזען מיט אנדערע אויגן. א ווײַלע איז ער נאך געשטאנען מיט פארמאכטע אויגן, ווי ער זאל אין געדאנק דורכרעפעטירן זיין נייעם פלאן,

---

* „אויב אויפוואכנדיק פון שלאף פאלט א מענטשן איין עפעס א פסוק, איז דאס א שטיקל נביאות".

דאן איז ער האסטיק צוגעגאנגען צו איינעם פון די פריוואטע אויטאס. א קורצע ווײַלע האט ער באטראכט דעם קאפיטאן מיט זײַן יונג ווײַבל, וועלכע האבן אומעטיק געקוקט אויף דער נישט־פאראויסגעזעענער שטער־רונג אין זייער לוסטרייזע. אויף די באטריבטע פנימער פון דעם יונגן פארפאלק איז געווען אויסגעקריצט איינער און דער זעלבער געדאנק, איינס און דאס זעלבע געפיל:

— אין האניק־חודש, אז עס טרעפט אזא מכשול, איז עס נישט פון די גוטע סמנים...

שלמה האט זיך העפלעך אנטשולדיקט און אנטשלאסן געפרעגט:

— חבר קאפיטאן, איר דערלויבט מיר זיך ווענדן צו אײַך?

דער קאפיטאן האט אים אנגעקוקט פארוואונדערט:

— ביטע. וואס ווילט איר?

— חבר קאפיטאן! עס איז אפשר צו דרייסט פון מײַן זײַט, נאר זאגט מיר, וואס וואלט איר איצט געטון, ווען איר זענט שוין פון יענער זײַט טיעריעק?

— א! ווען מיר זענען פון יענער זײַט... מיר וואלטן שוין דאן געפינען אן עצה...

— וואס זשע פון דעסט וועגן וואלט איר געטון, אויב מען מעג וויסן?

— וואס וואלטן מיר געטון, הא, העלענא?

א היפשע ווײַלע שטייט העלענא א פארטרוימטע. דאן וואכט זי מיט א מאל אויף און גיט א פינקל מיט די אויגן:

— מיר וואלטן אומבאדינגט אוועקגעגאנגען צו פוס...

דער קאפיטאן כאפט אונטער:

— זאג איך דאך אויך אזוי: אויב מיר וואלטן דארט קיין שום טראנספארט נישט געפינען, וואלטן מיר אפילו צו פוס אוועק קיין טיפליס...

העלענא איז נישט צופרידן מיט זײַן אויסבעסערן זי:

— ניין, מיטיא! וואס פאלט דיר אײַן? מיר וואלטן אפילו נישט אנגעהייבן צו זוכן קיין שום טראנספארטן...

— יא געזוכט, נישט געזוכט — וואס קומט ארויס פון די רייד, אז דערווײַל זענען מיר אויף דער זײַט, און זיך אריבערפעקלען איז אומ־מעגלעך.

שלמה וויל נאך וויסן:

— נו, און אייער פריוואטן אויטא ווער וואלט צוגעשטעלט קיין ארדזשעניקידזע?

— אט די דאגה זאל מיר בלײַבן... איר האט דאך געהערט וויפל שאפערן עס וועלן דארט אצינד געצוווּנגען זײַן צו זיצן און גענעצן...

ארום זיי האט זיך צונויפגעקליבן א היפש רעדל מיט נײַגעריקע. דער קאפיטאן פרעגט ביי שלמהן:

— איצט חבר, דערלויבט צו וויסן, צוליב וואס האט איר דאס גע־פרעגט?

שלמה גיט א שמייכל:

— איך האָב דאָס געפרעגט דערפאַר, ווייל איך וואָלט אויך דאָס זעלבע געטון וואָס איר. און אפשר וואָלטן נאָך בעלנים זיך אָפּגעזוכט אונדז צונויפשטעלן א קאָמפּאַניע אין וועג אריין. האַ, חברים, ניין?

עס האָבן זיך דערהערט צושטימענדיקע קולות. זיבן מענער און צוויי פרויען האָבן זיך ארויסגערופן צו גיין צו פוס, ווען עמעצער שטעלט זיי נאָר אריבער אויף יענער זייט טייך. שלמה האָט רואיק און געלאַסן פאַר־געזעצט:

— און אויף אריבערקלייבן זיך דעם טייך גיך און גרינג, חבר קאַ־פּיטאַן, האָב איך אזא עצה: איר זעט פון יענער זייט טייך דעם שיטערן קישלאַק? איר זעט יענעם גרויסן הויף? דאָרט מוז זיין א קאָלכאָז אָדער א קאָאָפּעראַטיוו. דארפט איר אייך צילן אין יענעם דאָך און עטלעכע מאָל אויסשיסן. מענטשן וועלן זיכער ארויסלויפן און מיר וועלן זיי צו־רופן אהערצו. דאַן וועלן מיר זיי הייסן ברענגען גראָבע שטריק, וואָס מערער שטריק איז אַלץ בעסער, און א גרויסן געפלאָכטענעם קויש, אזוי ווי די, וואָס דינען ביי זיי פאַר קאַסטנס צו האַלטן הלבשה. דאַן וועלן זיי צובינדן א קאַנאַט אין צווייען — צוליב שטאַרקייט, הייסט עס — אָט צו יענעם בוים, און דעם צווייטן עק וועלן זיי אונדז אריבערשיקן מיט א הונט. זיי וועלן אים צובינדן דעם שטריק ארום האַלדז, און ער וועט שוין דערשווימען. דאַן וועלן מיר צובינדן דעם צווייטן עק צו דעם בוים, וואָס אויף דער זייט, און אָט האָט איר אייך א זיכערן הענגענדיקן בריק. דאַן בינדן מיר צו צו די אויערן פון דעם קויש באַזונדערע צוויי שטריק־לעך און טוען אים אָן אויפן גראָבן קאַנאַט. א צי פון יענער זייט, פאָרט דער קויש אהין, א צי פון דער זייט — פאָרט דער קויש אהער. עלעהיי א א פאַראָם, נאָר א לופט־פאַראָם! כ'מיין, אז דאָס איז נאָך א ביסעלע איג־טערעסאַנטער. אגב, ביי אונדזער בוים וועלן מיר דארפן צובינדן דעם קאַ־נאַט העכער מיט א מין האַלבן מעטער, ווייל אהין צו וועט מען דאָך שלעפּן דעם שווערן קויש, זאָל כאָטש זיין באַרג־אַראָפּ, צוריק וועלן פאָרן ליידיקע — מעג זיין באַרג־ארויף. אייער אויטאָ וועט אונדז טאָקע דינען פאַר א לייטער אויף אריינצוקריכן אין קויש אריין, און דאָרטן, אויף יענער זייט, וועט מען שוין פון פליִיצעס מאכן אזא לייטער, און אויף די הענט ארויסטראָגן די „געליטענע פון א בריק־אונטערגאַנג". און אָט אזוי וועלן מיר איינציקווייז, אָן קיין שום ריזיקע גיך און גרינג זיך אריבערוואַרפן אויף יענער זייט. הלואי קען מען אויף אזא אופן אויך אָן אויטאָ אריבער־וואַרפן. דער טיערעיעק מוז האָבן אויף יענעם אָרט, וואָס אָקעגן די ביי־מער, נישט מער פון א 120, אָדער 140 מעטער די ברייט. שטריק וועלן זיך אין קישלאַק געפינען געווּנג. אין דעם געגנט פאַבריצירן זיי גאָר אַליין שטריק. אזוי דאכט מיר. און אויף יענער זייט, בין איך זיכער, אויב נישט קיין אויטאָ, אָבער פורן וועלן מיר זיכער קריגן... אָט אזוי חברים, וועלן מיר אין צווייען אויסשפּילן: אי מיר וועלן זיין אין טיפליס א סך פריער איידער פאָרנדיק דורך באַקו, אי מיר וועלן האָבן געזען דעם מיליטעריש־

גרוזינישן וועג אַזוי נאָענט, אַלץ אָנטאַפּן מיט די הענט... נו, חבר קאַפּי־טאַן, וואָס זאָגט איר עפּעס אויף מיין פּלאַן? ער שמעקט אייך? איר גייט איין אויף דער אַוואַנטורע?

דער קאַפּיטאַן האָט נאָך געוואָלט אַ קנייטש טון מיטן שטערן, נאָר זיין העלענאַ האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— מיטיאַ, עס איז גוט! עס איז אינטערעסאַנט! חבר, איר זענט אַ מאָלאָדיעץ!... אַז מיר וועלן אָנקומען קיין טיפליס, וועלן מיר פֿאָדערן פאַר אייך אַן אָרדען. מיטיאַ, פּאַטער נישט קיין צייט אומזיסט —

עס האָבן זיך דערהערט דריי רעוואָלווער־קנאַלן, דער גאַנצער קיש־לאַק האָט אויסגעשאָטן אויף דער גאַס, און האָט זיך גלייך געלאָזט לויפן צום טייך. מאַכנדיק מיט די הענט פאַרשידענע העויות און רמזים האָט מען זיי פון דער וויטנס געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס עס פאָדערט זיך פון זיי, און קינד און קייט האָט דאָרטן אָנגעהויבן צונויפצוברענגען שטריק. עס האָט נישט געדויערט קיין גאַנצע שעה, ווי די עבודה איז געווען פאַרענדיקט, דער „בריק" איז געווען פאַרטיק. שלמה האָט דער ערשטער זיך אריינגע־זעצט אין קויש אריין, און איז אין עטלעכע מינוט ארום, מיט אַ הילכיקן „הורא" אַראָפּגעטראָגן געוואָרן אויף די הענט אויף יענעם ברעג. אין איין האַלבער שעה איז די „רעטונגס־אַקציע" געווען געענדיקט. דער ברעג איז פּוסט געוואָרן. צוועלף פאַרשוין מיט גרינגע פּעקעלעך האָבן מונטער געשפּאַנט צום קאַזבעק צו, און די רעשט פאַרשוינען מיט אַלע אויטאָס, האָבן זיך אומגעקערט קיין וולאַדיקאַווקאַז. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָבן די „פּוסגייער" נאָך געהאַט פאַר זיך היפּשע עטלעכע פּערעוואַלן, ביזן דערגרייכן דאָס דערפל „קאַזבעק". אונטער זייערע פיס האָבן זיך גע־שפּרייט געדיכטע, צונויפגעקנוידערטע, מילכיקע וואָלקנס. אָפּגעריסענע שטיקלעך פון זיי, ווי צעפּליקטע העמדער, ווי שטיקלעך צעבלאָזענע וואַטע, האָבן געקלעפּט צו וואָס עס האָט זיך זיי נאָר געטראָפן אין וועג: צו די מאַנטלען; צו די וואַליזעס; צו די שיך. דער שניי אויפן וועג איז געווען איינגעפּרעסט און האָט אָפּגעגלאַנצט מיט בלויען קרישטאָל. ביי די זייטן פונעם וועג איז דער שניי געווען גרייפלדיק, ווי עס וואָלט דאָ אַ האָגל אויסגעפאַלן, גאַנץ טרוקן און געפרוירן. איבער זיי, אויף אַן אומענדלעך בלויען און זויבערן הימלדעק, איז געהאַנגען אַ גרויסע, שיינע לבנה. די בלייכע לבנה־שיין האָט זיך מאַט אָפּגעשלאָגן אויף די פאַרשידנפאַרביקע וואָלקן־מאַסיוון, און דער עולם „פּוסגייער" האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָרט אונטן, ביי די „קליינע מענטשעלעך", זעט מען איצט די לבנה אין גאַנצן נישט אַרוים. איינער זאָגט צום אַנדערן: — ס'איז היינט נישט קיין לבנה־נאַכט, וואָס קען מען העלפן? אומגליקלעכע נעבעך! ליגן דאָרט אין דער פינצטער ווי די קראָטן, קענען נישט ארויפגיין אהער, וווּ עס איז ליכטיק־ליכטיק, ממש ווי ביי טאָג. ס'איז ליכטיק פון דער פולער לבנה; ס'איז ליכטיק פון דעם שניי; ס'איז ליכטיק פון די פאַספאַר־קאָלירטע וואָלקנס; און חוץ אַלעמען פון דעם זילבערנעם מאַיאַק, וואָס גייט זיי נאָך פּוסטריט אין דער רעכטער האַנט, און מענטשן רופן אים געוויינלעך אַן „בארג־קאַזבעק"...

עס איז געווען קאַלט, אויף דער נשמה — פריידיק און עפּעס אומ־געוויינלעך הייליק... שלמה האָט געהאַט אַ געפיל, ווי ער וואָלט זיך דורך אַ פענצטער אַריינגעגנבעט צום עתיק־יומין אין די פּריוואַט־חדרים, ווי ער וואָלט אַריבערגעשפּרייזט דעם „אחורי־הפּרגוד" און איצט טראָגט עס אים שוין נישט ווילנדיק אין וועלטן, וואָס בלענדן די אויגן כעין החשמל, אין וועלטן וואָס מאַכן געפרוירן די בלוטן כעין הקרח... אין זכרון האָט זיך אים אָן אויפהער געבאָמבלט אַ פאַרבלאָנדזעטער פּסוק פון „זכריה": „אור יקרות וקפּאון"... * דאָס דאָזיקע געפיל פון דערהויבנקייט און יראת־הרוממות האָט יעדער איינער פון דער חבריא געפילט אויף זיין שטייגער און לויט זיין געדאַנקענגאַנג. מערסטן טייל האָט מען געשוויגן, פאַרשטייענדיק זיך אויפן ווונק. עס האָט זיך עפּעס געגומען דאַכטן, גלייך ווי מען וואָלט זיך שוין אויף אייביק אַרויסגעריסן פון דער ערדישער געפאַנגענשאַפט, פונעם מגושמ־דיקן קערפּער, און דאָ שוועבן שוין אַרום נאָר נשמות, רוחניים אָן קיינע אַנדערע פאַרלאַנגען, נאָר בלויז: קוקן! וואָס מער און וואָס גרינטלעכער אַריינצודרינגען אין סוד־הבריאה פון גאָטס וועלטל. אָט האָט זיך אַ שטערן אָפּגעריסן פון זיין וווּנדערשיינעם טעפּיך און איז אַראָפּגעפאַלן אויפן קאָז־בעק. יעדן ווילט זיך וויסן: וואָס איז פון אים דאָרט געוואָרן?... אָט האָט זיך ערגעץ פון אונטערן הימל אַ ווייז געטון אַ רויט פלעמעלע. שוין זשע זאָל דאָס שוין זיין דאָס אין די שנייען פאַרלוירענע דערפל, אָדער ווי אונטן ביי די קאַרליקעס רופט מען עס: די סטאַנציע קאַזבעק? איז דאָס דאָזיקע דערפל, הייסט עס, נישט צערונען געוואָרן אין די כמאַרעס, ווי עס האָט זיך געקענט דאַכטן?

אין דערפל איז אַלץ געווען ווי אויסגעשטאָרבן, נאָר די אייז־קאַלטע לבנה האָט שטרענג געהאַלטן די וואַך און די איין און איינציקע עלעקטרי־שע לאָמפּ האָט זיך געוויגט איבערן וואָקזאַלכל. די שטילקייט איז געווען אַזאַ הייליקע, אַזאַ ששת ימי־בראשיתדיקע, ווי עפּעס אין אַ היכל־הדומיה. דער אומענדלעכער שנייאיקער מרחב האָט אין לבנה־מיראַזש אויסגעזען גלאַט ווי אַ סטאַדיאָן. דער קאַזבעק איז ערגעץ געלעגן אין אַ ווינקל און האָט אויסגעזען ווי אַ דיקע, חלבנע, קאָנדוקטאָרסקע ליכט ** מיט אַן אויס־געלאָשן קנייטל. מען האָט אויפגעוועקט דעם דיזשורנע, ער האָט לאַנג גע־וואָרטשעט אויף די געסט, געגעבן זיי צו פאַרשטייען, אַז זיין אַרבעט איז נאָר אַ בייטאָגיקע — אַזוי האָט מען אים בפּירוש געזאָגט אין אָרדזשעני־קידזע, ווען ער האָט מסכים געווען אָנצונעמען אָט דעם פּאָסטן אין שכנות מיט די „ווייסע בערן" — לכן וואָלט געווען אַ יושר, הייסט עס, אַז זיי זאָלן זיך ערגעץ אַהינטון, ביז ער וועט אויף אַן אמת אויפשטיין... אין

* זעלטענע שיין, די שיין פון אַזאַ שטאַרקן פראָסט, פון וועלכן עס ווערן גלייך פאַרפרוירן אַלע מינים פליסיקייטן.

** אין רוסלאַנד, פאַר דער רעוואָלוציע, פלעגן די וואַגאָנען באַלויכטן ווערן מיט אַזעלכע ספּעציעלע גראָבע ליכט. מען האָט זיי גערופן: „אייזנבאַנישע", אָדער „קאָנ־דוקטאָרסקע".

מיטן דעם געבן די עצות־טובות האָט ער זיך אָבער אָנגעטראָפן אויף דעם קאַפּיטאַנס א „ליבלעכן" שמייכל און האָט גלייך פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט געפירט זיינע געסט פון צימער צו צימער און באַוויזן, אַז אומעטום איז פול, דער משוגענער טיעריעק האָט אָנגעאַרבעט א שיינע חתונה... סיידן אין וואָקזאַל אַליין, אָבער דאָרטן איז קאַלט — „כאָטש הינט פאַרטרייבן"... ס'איז אָבער קיין ברירה נישט געווען, איידער אין דרויסן אויפן שניי איז גלייכער ווו עס איז. די פרויען האָט מען איינגעאָרדנט אין וואָקזאַל אויף א ביידעמל. און די ניין מענער האָבן פאַרנומען איינעם פון די טוריסטישע באַראַקן. קיינער איז נישט געשלאָפן. אויף דער „גאַס" האָט זיך אויפגע־הויבן א מעכטיקער שטורעמווינט, וועלכער האָט נאָר געוואָלט אַראָפּטראָגן דעם גאַנצן באַראַק מיט די געסט צוזאַמען. היפּשע פּלעצלעך פון שניי האָבן זיך געשמיסן און געפּליעסקעט אין די ווענט, ווי א מחנה שדים מיט פּלאַטשיקע פינגער. עס האָט דווקא נישט אַריינגעבלאָזן, נאָר עס איז אַזוי אויך געווען גאַנץ נישקשהדיק קאַלט.

*

שלמה איז געלעגן א צונויפגעקנוידערטער אויף אַן אויסגעדראָשענעם טופּיאַק,* ביי וועלכן עס האָט פון נאָטן אַלע נאָטן אַרויסגעשטאַרטשעט שטע־כיק גראָז, און האָט געציטערט מיט אַלע אברים פון דער דרויסנדיקער קעלט. ער איז געווען מיד און מאַט פון די איבערלעבענישן פונעם פאַר־גאַנגענעם טאָג. פון אַנטשלאָפן ווערן אונטער אַזא שטורמישער מוזיק האָט אפילו קיין רייד נישט געקענט זיין, ער האָט כאָטש געוואָלט א טראָפּן מנוחה פאַר זיינע אויסגעמוטשעטע אברים. אָבער אויך דאָס איז געווען א תפילת־שוא ביי אַזא וועלפישן געברום.

פלוצלינג האָט אים א פאַרבאָרגענע האַנט א טראַג־אויף געטון פון דער נישט אַרומגעהובליעוועטער נאַרע. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט א מוראדיק קול און, — כאָטש דאָס זענען אפילו באַקאַנטע, אָבער דאָך — מוראדיקע ווערטער:

— ...ויאמר: צא ועמדת בהר לפני ד' והנה ד' עובר ורוח גדולה וחזק מפרק הרים ומשבר סלעים לפני ד'...

א שוידערנדיקער האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון דעם באַראַק, ער איז צוגעלאָפן צו א דערביישטייענדיקן סוקעוואַטע סטויפּ, וואָס איז געווען באַקלאַפּט מיט מאַסיווע אייזערנע רינגען, — צו וועלכן די יעניקע, וואָס מאַכן דורך די דאָזיקע נסיעה רייטנדיק, בינדן צו זייערע פערד, — ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט פאַר א פּאָר רינגען, אַז דער ווינט זאָל נישט באַקומען קיין חשק אים מיטנעמען מיט זיך, און — „איבערהיי־פערנדיק" די עוקר מן השורשדיקע מאַסע, וואָס מענטשן האָבן איר אַזא קורצן נאָמען געגעבן: ווינט, — האָט ער זיך ברתת ובזיע איינגעקוקט אין דעם אַזוי נאָענטן הימל. זיינע ליפּן האָבן פון זיך אַליין געשעפּטשעט:

---

* מאַטראַץ.

— רזי לי, רזי לי, ווו געפין איך זיך איצט? ווו טרעטן איצט מיינע פיס?

און אַ קול ממעמקי־הלב שרייט צו אים בכל מאמצי כוחו:

— ...מה נורא המקום הזה... אין זה כי אם בית אלהים וזה שער השמים...

ער פאַרקוועטשט שטאַרק די אויגן, הייבט אויף בײדע הענט צום הימל און אַלע זיינע אברים זאָגן בדחילו ורחימו:

— ...ואני קרבת אלהים לי טוב... עמך לא חפצתי בארץ...

— —

נאָך פאַרן דערשיינען פון דעם מאָרגנשטערן, ווען די גאַנצע געגנט איז נאָך געווען איינגעהילט אין איר העל־פיאָלעטן שלאָפראָק, האָט די גרופּע פאַרלאָזט די סטאַנציע „קאַזבעק". עס האָט זיך שטאַרק געבענקט נאָך אַ פונק וואַרעמקייט, נאָך אַ מילדן שטראַל פון דער זון.

נאָך די פּערעוואַלן און פאַר דער „אושטשעליע", ווייטלעך אַ ביסל פונעם וועג אויף לינקס ליגט אַ קישלאַק. דער קאַפּיטאַן מיט נאָך צוויי מענער לאָזן זיך אַוועק אַהין צו אַ שמעק טון מכח טראַנספּאָרט. עס גייט אַוועק כמעט אַ גאַנצע שעה, ביז עס באַווייזט זיך פון אַ הייפל אַ קליינע „הארבא"* אויף הויכע צוויי רעדער, אין וועלכער ס'איז איינגעשפּאַנט אַ פּגירהדיק אייזל, וואָס פּלאָנטערט קוים מיט די פיס. מען זעט, אַז קוים וואָס אָט די אַלטע נבלה רירט די ליידיקע הארבא פונעם אָרט. אַלע קוקן אָן פאַרוווּנדערט דעם דאָזיקן עקספּרעס. דער קאַפּיטאַן צוקומענדיק צו דער „עקספּעדיציע" פאַרענטפערט זיך מיט אַ שמייכעלע:

— דו פאַרשטייסט, העלענאָטשקאַ, דאָ ווינען דאָך בלויז אַזעלכע קבצנים, זאָל גאָט אָפּהיטן! אַז קיין שום זאַך איז ביי זיי נישטאָ. אפילו נישט קיין „זיס",** אפילו נישט קיין אַעראָפּלאַן, האָב איך כּמעט געדונ־גען אָט דעם לאַנג־אויערדיקן אַעראָפּלאַן. דער באַלעבאָס האָט אונדז גע־שווירן ביי זיין הייליקן האָן, אַז ביז ווינטער וועט ער אָן שום ספק אָנ־ציִען קיין טיפליס. און איך גליב אים בפירוש, נישט אַזוי מחמת דער שבועה, ווי דערפאַר ווייל דער אָנטרייבער האָט צו אים אויסגעקליבן אַ גוטן שטעקן. ניין, ניין, געלעכטער אויף אַ זייט, מיר וועלן אַלע אַוועקלייגן אונדזער באַגאַזש אויף דער הארבא, וועט אונדז זיין גרינגער צו גיין, און איינע פון די פרויען וועט אַלע מאָל קענען זיצן. וועט איר זיך שוין ווי עס איז בייטן: אַ ביסל ליגן צעלייגט אין לאָזשע און כאַפּן אַ דרימל, און אַ ביסל זיך דורכשפּאַצירן מיט די פיסעלעך פּיעשאָטשקאָם...***

דריי מעת־לעת האָט זיך דער „קאַראַוואַן" געשלעפּט ביז טיפליס. זיי

---

* אין אַלע מזרח־געגנטן פון ראַטנפאַרבאַנד איז זייער פּאָפּולער אַ קליין וועגעלע אויף צוויי הויכע רעדער, און אָט די דאָזיקע „מרכבה" רופט מען דאָרט: „הארבא".

** דער שענסטער פּערזאָנען־אויטאָ אין רוסלאַנד צו יענער צייט.

*** צו פוס.

האָבן דווקא אויפן וועג באַגעגנט אַן אַ שיעור: אויטאָס, פּאַטאַנען, אָבער ווי צונויפגערעדט זיך, זענען זיי אַלע געפאָרן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, פון טיפּליס צום טיעריעק. נישט געאיילט און שטאַרק באַישובט האָט דער בנימוסדיקער אישאַק * געשטעלט דריבנע טריטעלעך, און דער עולם, מיט אַן אויסזען פון אָפּגעוואָגענע הינער, האָט אים מיד נאָכגעשפּאַנט. פון דעסט וועגן, ווי דערשעפּט מען איז נישט געווען, אָבער אַז עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, איז יעדער איינער געווען נייגעריק גרינגטלעך, מיט אַלע פּישטשעווקעס, צו דערלערנען דעם באַרימטן וועג, ווייל סוף־כל־סוף אַזאַ שפּאַציר מאַכט מען נישט אַלע טאָג. צוויי שעה האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אין דער פאַרמרה־שחורהטער „דאַריאַלסקע אושטשעליע", זיי האָבן בפירוש געפּרוווט קוקן אַ אַרויף אַ אַראָפּ, און זענען גראָד נישט אַראָפּגעפאַלן. זיי האָבן באַזוכט דעם לעגענדאַרן „זונען־טאַל", וווּ — לויט דער מסורה פון די דאָרטיקע שבטים — עס פאַרגייט קיין מאָל נישט די זון. זיי האָבן באַזוכט דעם סודותפולן פּאַלאַץ פון דער פּאַרציייטישער קעניגין טאַמאַרא, וועלכע איז אַזוי ראָמאַנטיש באַזונגען געוואָרן פון לערמאָנטאָוון. אויפן גאַנצן וועג, האָבן זיי נישט דורכגעלאָזט קיין איין ישוב וועלכן זיי זאָלן נישט האָבן באַזוכט; קיין איין מינעראַלן קוואַל, פון וועלכן זיי זאָלן נישט האָבן פאַרזוכט; איין נאַכט האָבן זיי אפילו גענעכטיקט אין די בערג, איבערגעזעסן מיט די פּאַסטעכער אין זייער לעבערדיקן, לייוונטענעם געצעלט, און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן ציטערן פון קעלט — זיך פאַרשטעקט אין אַ סקאַלע־שפּאַלט. צוזאַמען מיט זיי האָבן זיי דאָרמאָלסט געטרונקען טיי פון אַ שיסעלע פון קאַווען־שאָלעכץ; צוזאַמען געטאַנצט קעגן שייטער, געזונגען און געשפּילט; און אפילו נישט געקלערט יענע נאַכט פון שלאָפן. ווען זיי זענען דורכגעפאָרן פּאַסאַנאַאורי, האָט זיך זיי דווקא געטראָפן אַן אויטאָ, וואָס האָט געקענט אויפנעמען פינף פאַרשווין קיין טיפּליס, קיינער פון דער „עקספּעדיציע" האָט זיך אָבער נישט געוואָלט צעשיידן מיט דער קאָמפּאַניע, און אָט די מאָדנע שיירא איז געבליבן גאַנץ, ביז זיי זענען ענדלעך אַרויפגעפאָרן אויפן טיפליסער פּראָספּעקט, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון באַרימטן פּאָעט שאָטאַרוסטאַוועלי. מען האָט זיך וואַרעם געזעגנט, שטאַרק געדאַנקט שלמהן פאַר זיין איינפאַל און מען איז זיך צעגאַנגען יעדער אין זיין וועג.

*

אין דריי טעג אַרום, ווען שלמה איז פאַרטיק געוואָרן צו פאָרן אַהיים, האָט מען אים אין דער ספּראַוואָטשנע־ביוראָ פון דער אויטאָבוסן־סטאַנציע מודיע געווען, אַז די מיליטעריש־גרוזינישע מאַגיסטראַל פונקציאָנירט נאָך נישט, דאָס אַראָפּגעטראָגענע בריקל האָט דאָרט פּאַראַליזירט די גאַנצע באַוועגונג און ווי עס ווייזט אויס וועט דאָס נאָך אַזוי גיך נישט פאַרריכט ווערן. שלמה איז דעם זעלבן אויפדערנאַכט אָפּגעפאָרן קיין פּאָטי, און האָט זיך געקויפט אַ בילעט אויף צו פאָרן מיטן דאַמפער ביז אָדעס.

* אייזל.

קאפיטל LIV

הספנים רובם חסידים...*

אַט די אין פלוג גוזמאדיקע סברא האָט איצט שלמה נישט נאָר פאַר־שטאַנען מיטן שכל, נאָר געפילט מיט אַלע חושים; זינט ער איז געוואָרן אַן „עובר ארחות ימים" האָט ער מודה געווען דעם בעל־המאמר בכל רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו.

— יאָ, ס'איז בלתי ספק, אַז דער מרחב פון וואַסער ברענגט דעם מענטשן צו דכדוך־הנפש, צו געטלעכער דערהויבנקייט.

יעדע כוואַליע דינט ווי אַ מין טרעפּל; יעדער שרונט פון ברויזנדיקן שוים — אַ מין לאַסטל; טרעפּל צו לאַסטל, לאַסטל צו טרעפּל, און דער חלק אלוה ממעל — וועלכער זיצט אַ געפאַנגענער אין אָט דעם זעקל פלייש מיטביינער וואָס מיינט, אַז ער קען אַ וועלט איבערקערן — שטעלט שוין צונויף פון אָט דעם שלל מיט ברעטעלעך אַ גאַנצע לייטער און דראַפּעט זיך אַרויס פונעם אומווירדיקן חומר אויף דער פריי.

ווען די נשמה קריכט אַרויס פון איר עמק־עכור און קוקט זיך אַרום על ימין ועל שמאל, ערשט דאַמאָלסט כאַפּט זי אָן אַ מוראדיק קנאה־גע־וויין: גוואַלד געשריגן! למה ירדה שכינה מאגרא רמה לבירא עמיקתא?** למה ירדה? למה ירדה? וווהין זי גיט זיך נאָר אַ קער — מרחב — יה; יעדער איינער פון די נבראים דינט דעם בורא מיט שלהבת — יה; נאָר זי איינע איז איינגעשפּאַרט בבור צלמות —

...יושבי חושך וצלמות... אסירי עני וברזל...

אַ פאַרצווייפלטע גיט די נשמה אַ טיפן קרעכץ:

— אוי, ווען איך זאָל זיך קענען פאַרענטפערן פאַר דעם „בורא כל הנשמות", אַז איך בין פון די „אסירי עני וברזל", וואָלט איך כאָטש גע־האַט אַ חצי־נחמה, אנוסה כשרה לבעלה... ס'איז דאָך אָבער ווייט נישט אַזוי... דער אמת איז דאָך, אַז ס'איז געווען „תחילתה באונס וסופה ברצון"... וויפל מאָל טרעפט, אַז מיין בעל־דבר זינדיקט און איך בין נאָר יוצא מיט אַ בורטשע־טון כלאחר־יד? אויף וויפל ביטערע עוולות פון מיין נמאסן שותף קוק איך נאָר צווישן די פינגער און וויפל אומווירדיקע פאַרטלען פאַרשוויג איך שוין גאָר אין גאַנצן? צו וויפל מיאוסע תנועות, דעם חומרס, צו וויפל נבזהדיקע פּאַסטעמקעלעך האָב איך זיך שוין אַזוי צוגעוווינט, אַז עס אַרט מיך שוין גאַרנישט כל עיקר? פון וויפל נידעריקע עובדהלעך, האָב איך שוין גאָר מחמת רגילות, צו ביסלעך הנאה אויך?

---

* דער רוב פון די רייזנדיקע אויפן ים, זענען חסידים. די כוונה: ווייל זיי זענען שטענדיק אין אַ סכנה, ווענדן זיי זיך אָפטער צו גאָט פון די, וואָס לעבן אויף דער יבשה.

** צו וואָס האָט אַראָפּגענידערט די שכינה פון אַ הויכן באַרג אין אַ טיפן גרוב.

די אומגליקלעכע בעל־תשובהניצע שלאָגט זיך אין האַרצן „על חטא”, און דער ים דערמאָנט איר די ביטערע נבואה:

...אפשיטנה ערומה והצגתיה כיום הולדה, ושמתיה כמדבר ושתיה כארץ ציה והמתיה בצמא...*

— —

עס גיט אַ בלאָז אויפן ים אַ סודות־פול ווינטעלע. די בריאה הערט זיך איין, רב קשב. די שוימיקע גבנונימלעך** קוקן זיך דערשראָקן איבער:

— געהערט? דער טאָג גייט זיך שטעלן פאַר דעם בית־דין של מעלה...

און עס גייט דורך אַ שוידער אויף דעם אומענדלעכן, גלאַנצנדיקן רוקן פונעם ים. זיין בויגעוודיקער חוט־השדרה גיט זיך הכנעהדיק אַ נויג פאַר דעם כסא־הכבוד:

— איך בין למפרע אויף זיך מצדיק את הדין...

און בלייבט ליגן אין אַן אפיסת־הכוחות. די כוואַליעס, צעבראָכענע מאימת־הדין, לעקן אונטערטעניק אַרום די פּאָלעס פון דער שיף און קוקן בשעת־מעשה אַרויף באימה וביראה:

— וואָס וועט מען מיר אָנצייכענען? וווהין וועל איך מאָרגן מגולגל ווערן?

דער פחד און די שרעק גענבן זיך איבער צו אַלע וואַסערן באשר הם שם, אַלע טייכן און טייכלעך צעשרייען זיך אויף קולי־קולות —

...נשאו נהרות קולם, ישאו נהרות דכים...

קומט אַ שטורעמווינט און פאַרטויבט זייער געשריי —

...רוח סערה עושה דברו...

די זון נייגט זיך צו מערב, כי פנה יום. דער גאַנצער חלל־העולם איז בהצנע־לכת פושט צורה ולובש צורה. דער יקום הילט זיך אָפּ און הילט זיך איין, ההא דכתיב: ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים... דערזעענדיק ווי דער הימל לעשט זיך, ווערט אַן אתערותא דלעילא; דערזעענדיק ווי דער ים לעשט זיך, ווערט אַן אתערותא דלתתא... אין די עולמות־העליונים טראָגט זיך דורך אַ כרוז:

— ורוח מלפני יעטוף, רוח של חסד...

דער עולם שבאתגליא ווערט באַשיינט פון ניצוצי־נוגה שאין עין אדם סובלתן, פון אור הגנוז לעתיד־לבא; דער עולם שבאתכסיא, עולם שכולו סוד, טמיר ונעלם, ווערט פאַרפלייצט על כל גדותיו פונעם אור של שבעת ימי בראשית... ויראו אפיקי מים, ויגלו מוסדות תבל... אויף אַ משהו פון אַ רגע הייבט זיך אויף דער פרגוד*** שלפני כסא־הכבוד, רואים את

---

* איך וועל פון איר אַראָפּציען די מלבושים און זי וועט בלייבן שטיין אַ נאַקעטע ווי אין טאָג פון איר געבוירן. איך וועל זי איבערלאָזן עלנט ווי אַ מדבר, איך וועל זי פאַרוויסטן ווי אַ וויסט לאַנד, און איך וועל זי טויטן דורך דאָרשט. פון נביא הושע.

** געמיינט: האָרביקע, געבערגלטע כוואַליעכלעך.

*** אַ מין באַגריף פון אַ פאָרהאַנג, אַ שירמע, אָדער אַזאַ פלויט.

הנשמע, שומעים את הנראה, אַלע היכלות ווערן אויף איין הרף־עין געעפנט, אַלע רזין דרזין ווערן אויף איין אויגנבליק נתגלה, אַלע מסתורין ווערן אויף איין אויגנבליק אַנטפּלעקט — דער כביכול, ברוך הוא וברוך שמו, איז מגלה אַ טפח פונעם סוד היחוד, סוד יחודו של עולם... עס פאַלט אָן אַ פּחד אויף אַלע יצורים, אַ פּחד געמישט מיט אַ כלות־הנפש, בחינת: וגילו ברעדה. תבל ויושבי בה לעבצן נאָך תקון עולם במלכות־שדי, נאָך דעם אחרית־הימים. מכל פנה ועבר טראָגן פאַרשידענע נבראים זייערע הערצער אַקעגן דעם באַשעפער:

— אליך ד׳ נפשי אשא...

און די צדיקים נסתרים שעליהם העולם עומד:

— הדור, נאה, זיו העולם — נפשי חולת אהבתך...

אויפן ים, פּונקט ווי אויף דער יבשה, זענען דאָ נעלבים און עולבים. אַ גאַנצן טאָג הערשט דאָרט קנאה און שנאה. עס זענען דאָ גרויסע כוואַליעס, וואָס זעען אויס ווי פלאַכע בערגלעך כעצם השמים לטוהר, אָדער ווי ריזיקע שלענג מיט ווייסע וואָנסן, און זיי האַלטן נאָך אין איין שטייגן מדרגין אל דרגין; עס זענען פאַראַן ווידער כוואַליעבלעך משפל המדרגה, וואָס האַלטן אין איין אַראָפּנידערן מטה מטה. די דאָזיקע וואָשן די שוועלן ביי זייערע בייכיקע ברידער און זענען פול מיט תרעומות אויף דער השגחה־פּרטית פאַר זייער פינצטער מזל און פול מיט שנאה צו אַט די אומברחמנותדיקע פּרעסערס, וואָס מיט איין פאָר שלינגען זיי איין טויזנטער אַזעלכע אומ־גליקלעכע באַשעפענישלעך ווי זיי. דערהערן זיי אָבער, אַז די זון גייט אָפּ־געבן אַ באַריכט וועגן אַלץ, וואָס זי האָט דאָ געזען, לויפט דורך אַ גרויל איבער זייערע לייבער. די גרויסע כוואַליעס זענען זיך משתטח פאַר דעם, וואָס מען דאַרף זיך משתטח זיין און זאָגן אין דער שטיל:

— מה פשעי ומה חטאתי? ברוך... שעשני כרצוני!

אויך די דערנידעריקטע עבדימלעך כאַפּט אָן אַ הרהור־תשובה און זיי זענען אויף זיך מצדיק את הדין:

— אלהים שופט... זה ישפיל וזה ירים...

די חייבי־כריתות, די „פאַרגעסענע" עולם־התוהוניקעס, די וואָס האָבן זיך ביים לעבן באַזונדערס פאַרזינדיקט און זענען דערפאַר אָפּגעשטויסן גע־וואָרן פון זייער מקור און זענען צוריק אַרויסגעוואָרפן געוואָרן „מעבר למחיצה", געפינען נישט קיין מנוחה, נישט אויף דער יבשה, נישט אויפן ים. זיי וואַלגערן זיך אַרום „באשפתות" העולם ווי אָפּגעקרישלטע ברעקלעך ליים פון אַ טייערער כלי, און וואַרטן אויף אַ געשענקטן תיקון... אויף נהמא דכסופא... אַזוי ווי אָבער די יבשה דערמאָנט זיי אין טרויעריקן עבר און דאָס וועקט ביי זיי אויף אומנוצלעכע ווייטיקן, שוועבן זיי אממיינסטן אַרום איבער די ימים...

דערהערט, אַז די זון גייט זיך שטעלן פאַר דעם בית־דין של מעלה,

כאַפּט זיי אונטער דער שוין פון לאַנג אָפּגעטויטער כח הדמיון, זיי געבן אַזש אַ ציטער אויף: זי גייט אַהין, וווהין מען לאָזט זיי נישט צו; ווו מען וויל זיי אפילו נישט אויסהערן. זיי דערמאָנען זיך ווי לאַנג זיי בלאָנקען שוין אַרום אויף דעם עולם־התוהו, און עס כאַפּט זיי אָן אַ גרויס געוויין. מיט קולי־קולות שרייען זיי נאָך דער טאָג־קעניגין זי זאָל דאָרט איבערגעבן לאתר דמתבעי זייערע האָפּענונגסלאָזע טענות ומענות. די געשרייען זענען פאַרשידענע, קולות מקולות שונים. זיי גייען מכל קצוי תבל, ממזרח וממערב, מצפון ומים —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

קולות ממזרח:

— ...ועל ידי עבדיך הנביאים כתוב לאמור: כי לא לעולם אריב ולא לנצח אקצוף...

און נאָך אַ קול:

— ...ועוד כה אמר ד׳: ונשמות אני עשיתי...

און אַ נאָכיאָגנדיק קול:

— ...נזכה למקום שהרוחות והנשמות נחצבות משם...

און ווידער אַ קול:

— ...שגיאות מי יבין? מי בא בסוד אלוה?

און אַן אַנדער קול:

— ...השיבנו ד׳ אליך ונשובה...

קולות ממערב:

— ...האָסט דאָך אַליין געזאָגט: לפתח חטאת רובץ!

און אַ נאָכיאָגנדיקער כרוז:

— ...האָסט דאָך אַליין געזאָגט: כי יצר לב האדם רע מנעוריו!

און נאָך אַ כרוז:

— ...הן בעוון חוללתי — מי יתן טהור מטמא?

און אַן אַנדער כרוז:

— ...הן בחטא יחמתני אמי — ס׳איז עפּעס לייכט להוציא יקר מזולל?

קולות מצפון:

— ...מה אנוש כי תזכרנו?

און אַ נאָכיאָגנדיק קול:

— ...אם עוונות תשמור... ד׳ מי יעמוד?

און נאָך אַ קול:

— ...מה יצדק אנוש עם אל?

און ווידער אַ קול:

— ...מה יזכה ילוד אשה?

און אַן אַנדער קול:

— ...צרפה כליותי ולבי ובלבד שתעלני מבור שאון...

קולות מים:

— ...כפר נא לחטאים, לעוונות ולפשעים...

און אַ נאָכיאָגנדיקער כרוז:

— ...לא תקום ולא תטור...

און נאָך אַ כרוז:

— ...זכור כי עפר אנחנו... למה נגרע?

און אַן אַנדער כרוז:

— ...זכור אני מה חלד... עפר אני בחיי, קל וחומר במיתתי...

און פּלוצלינג גאָר אַ מאָדנער, אָבער אַ שאַרפער בא בטענה:

— ...הרע בעיניך עשיתי למען תזכה בשפטך...

און ווידער אַ קול פול מיט מרירות:

— ...אש תמיד תוקד על המזבח? לא תכבה?

און פון אַלע זייטן בקול אחד, וואָס איז פיל שטאַרקער מקולות מים רבים:

— ...וזרוק עלינו מים טהורים וטהרנו...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביי יעדער איינציקער תחינה ובקשה, וואָס די עלנטע און פאַרוואָגלטע נשמות שיקן אריבער „אהין", לאָזט דער ים ארויס פון זיינע מעמקים אַן אנחה המשברת את כל גופו. דערהערט, אַז דער ים זיפצט אַזוי און קרעכצט, פאַלן די גרויסע כוואַליעס זיבן מאָל כורעים, און אַזוי ווערן זיי נישט אויף צו מאַכן קידות והשתחויות, ביז זיי ווערן צעשיט אויף פלאַכע, עניוותדיקע כוואַליעכלעך. די דאָזיקע כוואַליעכלעך צוקן מיט די שטערנדלעך, רונצלען זיך, ווערן איינגעשרומפּן, ביז זיי צעשיטן זיך אויף שברי־שברים, אויף נעבעכדיקע שנירלעך טרערן... די אימה און הכנעה, וואָס טראָגט פון די יללות און די יבבות פון אָט די פאַרזינדיקטע און פאַרשטויסענע, איז זייער גרויס. די גאַנצע בריאה קלאַפּט זיך אין דער שטיל „על חטא", דער גאַנצער יקום דערפילט זיך מיטשולדיק, ותהי חתת אלהים על כל אשר סביבותיהם ועל פני כל הארץ...

ממזרח שמש עד מבואו יאָגן זיך איינער איבערן אַנדערן בחפזונדיקע ווינטעלעך. דער איינציקער ווונטש זייערער איז איצט: מען זאָל נאָר חלילה וחס נישט פאַרשפּעטיקן צו שקיעת־החמה... צו דער גרויסער הסתלקות... למען־השם זיך געפינען אין „אוהל", בשעת דער הימל און דער ים זענען זיך בכבודם ובעצמם, אַליין מתעסק ביי דער טהרה פון דעם מאור־הגדול. אַנדערע „שטאַפעטן" שלינגען גאַנצע מרחבים פליענדיק. די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, וועלכע האָבן אַ גוטע טביעות־העין, דערקענען שוין אָט די שליחים־מיוחדים פון דער ווייטנס און יאָגן זיי אונטער: עורי צפון ובואי תימן... די דאָזיקע ווינטן קומען אַן מארבע פנות העולם. על כנפי בגדיהם טראָגן זיי צונויף די האַלב־פאַרשטיקטע גניחות ואנחות פון די, וואָס בחייהם חשובים כמתים; וואָס עולמם חשך בעדם; פון די וואָס ליידן חבוט־הקבר אויף דעם עולם; פון די וואָס זייער גאַנץ לעבן איז אַן אומזיניקער עולם־התוהו; איין לאַנגע „בלינדע נאַכט"... פאַר די דאָזיקע ווינטן איז ווייניק צו זיין ביי יציאת־נשמה פון

דער זון, זיי מוזן זי נאָך טרעפן ביי אַלע חושים. דאָס איז שוין היינט די לעצטע „פּאָסט", מיט וועלכער מען קען נאָך עפּעס אַריבערשיקן גלייך צום „עתיק־יומין" אין די „הענט" אַריין. טראָגן זיי טאַקע בזהירות גדולה אונטער זייערע פליגלען: קוים־טליענדיקע ניצוצות פון תפילות; יבבות פון צעבראָכענע הערצער; שפּליטערן פון תחינות ובקשות, וואָס איבער אַ פּגם אין דער כוונה, לא סלקי לעיל. *

די „שטאַפּעטן" שפּאַלטן פייל אויסן בויגן דעם אומענדלעכן חלל־העולם און זייערע ליפּן פליסטערן און חזרן איבער אין דער שטיל כדי נישט צו פאַרגעסן:

— „ישוב אפך ותנחמנו"...

— „והוא רחום יכפר עוון ולא ישחית"...

— „נשמה שנתת בי טהורה היא, כל זמן שהנשמה בקרבי מודה אני לפניך"...

— „אהללה ד' בחיי, אזמרה לאלהי בעודי"...

— „יגולו רחמיך על מדותיך"...

— „לברית הבט ואל תפן ליצר"...

— „נפלה נא ביד ד' כי רבים רחמיו, וביד אדם אל אפולה"...

די מלאכי־רחמים, די יידישע פּרקליטים של מטה, וואָס האָבן זיך איצט מתלבש געווען אין געוויינלעכע ווינטן, פליען שוין מיטן לעצטן אָטעם... זיי טאָרן נישט פאַרשפּעטיקן... פּקוח נפש... כל המקיים נפש אחת מישראל... חסדי ד' כי לא תמו, אולי ירחם... אויף דער יבשה, צווישן די בערג און וועלדער, קען מען צו דער אָפּגייענדיקער זון מיט אַזוינע בקשהלעך נישט צוטרעטן. דאָרט איז זי בשעת דער פּטירה שטאַרק אין דער קפידה. די בערג מיט זייערע האַרטע האַלדז און נאַקנס הייבן זי אָן צו שטורכען, די ביימער מיט זייערע מגושמדיקע פינגער הייבן זי אָן אַרומצוטאַפּן, דער פּחיתות־הכבוד איז פאַר איר זייער גרויס, די גסיסה איז פאַר איר זייער אַ פּיינלעכע, און דעריבער איז גלייכער באותו מקום ובאותו זמן זיך האַלטן פון איר פון דער ווייטנס. דערפאַר אָבער אויפן ים, בין המים והשמים, דאָ גייט די זון אוועק מעלמא הדין מיט אַ מיתת־נשיקה. דאָ איז דאָס איינציקע אָרט, וווּ זי נעמט אָן אַזעלכע מינים שליחותן צום אדון־עולם, ברוך שם כבוד מלכותו —

— —

ווען אַלע שפּורן פונעם טאָג פאַרשווינדן און די טינט־שוואַרצע דרום־נאַכט צעוויקלט אירע שטאָק־אַלטע יריעות על פני תבל ויושבי בה, גיט זיך די לבנה אַ נייג לצד ימין און שעפּטשעט:

...מסדר את הכוכבים במשמרותיהם, ברקיע, כרצונו...

דאַן גיט זי זיך אַ נייג לצד שמאל און פליסטערט:

...מונה מספר לכוכבים, לכולם שמות יקרא...

---

* זענען זיי נישט אַרויפגעגאַנגען אַרויף, צום כסא־הכבוד.

די שטערנדלעך פֿארגלאנצן מיט די אייגעלעך און זענען מתפּלל פֿרום און פֿארכטיק:

...ויהי אור הלבנה כאור החמה... כמו שהיתה קודם מיעוטה...

געענדיקט זייערע תפילות זה בעד זה, זינגען זיי צוזאמען דעם שיר־היחוד השייך לאותו יום, און זענען מצמצם די כוונות בלויז אויף יחוד קודשא בריך־הוא ושכינתיה... לחבר אשת־נעורים עם דודה... שתתעורר חבצלת השרון לשיר בקול נעים, גילת ורנן...

אחרי ככלות הכל, זאָגט די לבנה א תפילה בלחש:

— יהי רצון מלפניך... שתצעידני לשלום, ותתנני לחן ולחסד בעיניך ובעיני כל רואי, ותגיעני למחוז חפצי בשלום, ותשכיבני בשלום, ותהי מטתי שלמה לפניך...

— —

די גלות־פֿראַוועגדיקע „בת־השמים" פֿון דעם עובר ארחות־ימים, וואָס איז כל ימיו שטוף בהבלי עולם־הזה, דערזעענדיק אין די שקיעה־פֿייערן די ליכטיקע ברעגן פֿון דעם בורא־עולמס מאַנטיליע, צעוויינט זיך ערשט יאָמערלעך. אַזוי ווי אַ קליין קינד, וואָס כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף; איבער דעם וויגעלע, זעט עס, זענען אריבערגעבויגן פֿרעמדע, אָפּשרעקנ־דיקע פּנימער; און פּלוצלינג באַמערקט עס הינטער די פּלייצעס פֿון די פֿיינטלעכע געזיכטער — דער מוטערס פּנים... אַזוי ווי אַ תינוק שנשבה לבין הגוים, וועלכן מען שלאָגט מכות־רצח פֿאַר יעדער „עשה" און „לא תעשה", וואָס דערזעט פּלוצלינג צווישן דער מענגע פֿייניקערס — זיין פֿאָטערס פּנים... אַזוי וויינט די נשמה פֿון איר בירא־עמיקתא, פֿאַר דעם אומדערגרייכבאַרן איגרא רמה. זי שטרעקט אויס צום אין־סוף אירע אומ־געזעענע הענט און מיט אַ שוידערלעך קול, אַ קול קורע לבבות ההולך מסוף העולם ועד סופו, שרייט זי:

— טאַטע, האָב רחמנות, נעם מיך צו זיך... נעם מיך צו פֿון דאַנען, איך האָב שוין גענוג די „פֿרעמד"... כשל כח הסבל, איך קען שוין מער נישט...

און דער גרויסער טאַטע גלעט דאָס פֿאַרוואָגלטע קינד איבערן קע־פּעלע ברחמים רבים:

— סבלנות, מיין קינד... האָב געדולד... ס'איז נאָך נישט געקומען די רעכטע צייט. גלייב מיר, ווען עס וועט קומען דיין יום־הכניסה, וועל איך דיך נישט לאָזן וואַרטן אפילו שעה אחת...

דער אדון כל־הנשמות ווערט, כביכול, נעלם און דער פֿאַריתומטער „ניצוץ" ווערט נאָך פֿינצטערער, ווי ער איז געווען ביז אַהער... ער וויינט און עס וויינען מיט אים מיט דרי־מעלה ודרי־מטה... אַלע נבראים, וואָס לעכצן נאָך אַ תיקון... אַלע נשמות דאַזלין ערטילאין...

די נשמה — די חצובה מתחת כסא־הכבוד — וויינט אַזוי יאָמער־לעך, אַזוי רירנדיק, אַז דער שטענדיק פֿאַרבלענדעטער און פֿאַרפּאַנצער־טער בשר ודם, פֿאַרשעמט זיך דאָס מאָל פֿאַר זיין איידעלער בת־זוג, די

בת־מלכה. ער דערפילט מיט א מאָל, אַז אַלע זיינע ערב־ובוקרדיקע חפ־ציות זענען מגושם, גראָב; אַז זיין כסדרדיקע התנהגות קעגן גאָט און לייט איז אי אכזריותדיק, אי אָן א טראָפּן שכל... און עס טרעפט אפילו, אַז דער הרהור־תשובה ביי דעם „יוצא למדינת־הים" איז צומאָל אַזאַ שטאַרקער, אַזאַ אויפטרייסלענדיקער, אַז אַראָפּגייענדיק פון דער שיף איז דער מענטש לחלוטין אַן איבערגעביטענער. זיין נשמה איז אָפט מאָל אַזוי אויסגעלייטערט געוואָרן אין אָט דעם כור־המים, אַז ער איז פריש, ניי, ציכטיק און ליכטיק כתינוק בן יומו.

— יאָ, דאָס בילד ווי וואַסער שווענקט אָפּ דעם האָריזאָנט, האָט אין זיך אַזאַ זעלטענע קראַפט, אַז עס קען מהפך זיין א מענטשן מן ההיפך אל ההיפך. עס שמעקט מיט: „וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם"; מיט „תכבסני ומשלג אלבין"; מיט „ותשליך במצולות ים כל חטאותם"; עס ברענגט צו התעוררות, צו התרוממות־הנפש...

א שטייגער, מי לנו גדול פון יחזקאל הנביא? און דאָך —

...ואני בתוך הגולה, על נהר כבר. נפתחו השמים ואראה מראות אלהים...

— על נהר כבר!...

און אין אַן אַנדער פאַל:

...ראתה שפחה על הים, מה שלא ראה יחזקאל בן בוזי בנבואה...

— על הים!...

און ביי דניאלן:

...ואני הייתי על יד הנהר הגדול... ואראה את המראה הגדולה הזאת...

— על יד הנהר!...

און אפילו ביים „נעים זמירות־ישראל":

...קול ד' על המים... ד' על מים רבים...

— אַלץ — על מים!

און ווייטער א ביסל, ביי די „ארבעה שצריכים להודות":

...עושי מלאכה במים רבים — המה ראו מעשי ד'...

— איין קול — במים רבים!

און כאָטש שלמה איז שוין מיט פיר יאָר צוריק געפאָרן אויף א ים, אויפן קאַספּישן, דאָך האָט אַזאַ דביקות מתוך התפעלות אים פאַרפלייצט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, ווייל דער קאַספּישער... נו, סוף־כל־סוף: „שרגא בטיהרא מאי אהני"? * וואָס פאַר א ממשות האָט דער קאַספּי־שער ים קעגן שוואַרצן? ווי א קאַליוזשע! ווי א טינטערל! דער שוואַר־צער ים וואַשט דאָך עפּעס אָפּ די ברעגן שיר נישט פון א האַלבן טוץ מלוכות, ער גייט דאָך אַרויס צום ים־התיכון, צום „גאַרטל פון דער וועלט"... און שלמה איז געוואָרן א געפּערלעכער קמצן: ער האָט זיך גע־

---

* וואָס זעט זיך אָן די ליכטשיין קעגן דער זונשיין.

קארגט אַן איבעריקע האַלבע שעה צו זיצן ביים עסן, ער האָט זיך נישט פאַרגינען מער מיט אַ שעה צו שלאָפן; ער איז כסדר געשטאַנען ווי צונג־שמידט צום אויף ווייס־געפּאַרבטן, אייזערנעם פאַרקנדל אויף דער פאַלו־בע, אויסגעצויגן ווי פאַר אַ בית־דין קשה; די אויגן באַהייטלט פון הלך־נפש, האָבן געקוקט שטאַר פאַר זיך און זיינע געדאַנקען האָבן געשוועבט אין זיין פּילפּאַרביקן* עבר...

לאַנגזאַם האָט כמעלניק אויסגעלייגט פאַר אים אירע „שקים בלים ומבוקעים ומצוררים", * אַלץ אָפּגענוצטע חפצים, עלימו אבד כלח... ** דאַן האָט זיך צוגעשאַרט במקלה ותרמילה *** זוועניגאָראָדקע, דערנאָך שוין: פּיאַטער, אַנאַניעוו, פּאַלטאַווע, מאַרי, סלאַוווטע, אָלשאַנע... יעדעס שטעטל האָט ביי אים אין האַרצן געהאַט זיין קבר־מיוחד, זיין באַזונדער אַרונדל מיט עצמות־יבשות, מיט אפר מקלה... ****

כבקרת רועה עדרו, אַזוי האָט שלמה געהאַלטן אין איין איבערטאַפּן און איבערטרייסלען זיינע אַלטע טאַרבעס, נמושי בתר נמושי, בדיקה אחר בדיקה. בעיני רוחו האָט ער באַקוקט מכל עבריהם זיין פערטל מאה יאָרן, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט, אַזוינע שווערע, ביטערע און פאַראומערטע יאָרן, און האָט זיך אַליין אַלץ געהאַלטן אין איין פרעגן:

— וואָס טו איך דאָ אויף דעם עולם?

— מרור זה שאנו אוכלים, על שום מה?

דער ים האָט געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער פון דעם סתם־מקשה און פון זיינע קלאָץ־קשיות, אָבער שלמה האָט זיך דאָס מאָל אויף אים נישט אומגעקוקט און האָט זיך אַלץ דערגרונטעוועט:

— אדון כל הנשמות, על מה שוא בראת כל בני־אדם? על מה? על מה ולמה?...

---

* פאַרפוילטע זעק, צעריסענע, צעשפּאַלטענע. פון יהושע.

** געמיינט: שטאַרק פאַרעלטערטע. פון איוב.

*** מיטן שטעקל און מיטן פּעקל.

**** דער דינער שיכט אַש, כמו סאַזשע.

קאַפּיטל LIX

לאַנגע מעת־לעתן האָט דער דאַמפּער „גרוזיאַ“ געאַקערט דאָס געבענטשטע פעלד, וואָס מען רופט עס אָן: „שוואַרצער ים“. שלמה האָט נישט משנה געווען זיין מנהג, גאַנצע טעג און האַלבע נעכט פלעגט ער נישט אָפּטרעטן פון זיין „עמודל“, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס אָנצוּווערן, עפּעס פאַרזאַמען. בלויז אין די תחילת־נאַכטיקע שעהן, ווען דער ים טוט אויס זיין קעניגלעכן פּורפּור־מאַנטל און הילט זיך איין אין זיין פּליושענעם, אַש־קאָלירטן שלאָפראָק, בלויז דאַמאָלסט פלעגט שלמה זיך דורכשפּאַצירן איבער דער לוקסוסדיקער שיף, באַטראַכטן איר ניי־מאָדנע איינריכטונג און זעלטן ווען — אפילו אַוועקזיצן אַ שעה, אָדער צוויי אין איינעם פון אירע גרויסאַרטיקע רעסטאָראַנען.

איין מאָל, דאָס איז געווען נאָך דער שקיעה, ווען אויף דער שיף האָט געהערשט אַ שטילע עצבות ווי נאָך יציאת־נשמה פון אַ טייערן בר־מינן, איז שלמה געזעסן אין רעסטאָראַן ערשטע קלאַס, ער האָט טראָפּנווייז געזופּט די געל־גרינבלעכע פליסיקייט פון וויינטרויבן־זאַפט פאַרפּראַוועט מיט געווירצן, און האָט זיך צוגעהערט צו דער מוזיק. אַלע טישלעך אַרום אים זענען געווען פאַרנומען. די לייכט פאַרשאָטנטע לאָמפּן האָבן העל און ווייך באַלויכטן דעם רייך דעקאָרירטן זאַל און האָבן זיך היימיש געהוידעט נאָכן טאַקט פון די כוואַליעס. דער פּיאַניסט האָט אויסגעצייכנט געשפּילט בעטהאָווענס אַ סאָנאַטע, און אין זאַל האָט געהערשט אַ געמיטלעכע שטימונג, ווי אין אַ ענגן פאַמיליע־קרייז. פּלוצלינג איז שלמהס אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן געוואָרן פון אַ באַקאַנט פּנים וועלכעס ער האָט באַמערקט ביי אַ ווינקלטישל. דאָס פּנים האָט געהערט צו אַ מיטליעריקן גרוזין. זיינע געזיכטס־שטריכן זענען געווען נישט קיין שיינע, אָבער ריכטיקע און סימפּאַטישע. אורטיילנדיק לויט זיינע לאַנגע פּיס און הויכע אַקסלען, האָט דער מאַן געמוזט זיין זייער אַ וווּקסיקער. ביי זיין טישל איז געזעסן אַ פרוי, אויך אין זיינע יאָרן, אַ פּנים זיין ווייב, און אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען. שלמהס אויגן זענען ווי צוגעקאָוועט געוואָרן צו אָט דעם פּנים. — גוואַלד, ווו האָט ער אָט דעם מענטשן געקענט זען? ווען דערמאָנט ער אים? דאָס מתיקות פון דער מוזיק איז לחלוטין פאַרשוווּנדן; דאָס פלעשל זאַפט איז געשטאַנען אומבאַרירט; זיין גאַנצע נשמה איז איצט געווען בלויז ביי יענעם טישל: ווער איז דאָס? ווער קען דאָס זיין? ער האָט אין געדאַנק שטודירט יעדן שטריך פון יענעמס פּנים: שיינע, שוואַרצע האָר, נאָר שיטערע; לאַנגע, געגאָלטע באַקן; אַן ענערגישער שטערן; שטרענגע ברעמען; ברענענדיקע, מזרחדיקע אויגן און צערטלעכע פרויען־ליפּן. ער טראָגט: אַ רויט־געלן שניפּס; אַ בלוי־זיידן העמד, אַ גראַנאַטענעם אַנצוג. גוואַלד! ווו האָט ער געזען אָט דעם דאָזיקן מענטשן? ער זעט אים דאָך אויס אַזוי קענטלעך, פאַר וואָס קען ער זיך נישט דערמאָנען? זכרון, זכרון, — איכה?

יענע דערוויל האָבן געענדיקט עסן און האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע בענקלעך. דער מאַן, — ווי ער האָט זיך משער געווען, טאָקע זייער אַ שלאַנקער, — באַקוקט מיט אַ מידן בליק דעם גאַנצן זאַל, באַגעגנט זיך אויך מיט שלמהס אויגן און מיט אַ גלייכגילטיקן אויסדרוק אויפן פּנים באַטראַכט ער ווייטער דעם זאַל. שלמה פּרוווט איבערצייגן זיך אַליין: נישט אַנדערש, נאָר עס האָט זיך בלויז אויסגעוויזן! ער קען נישט דעם דאָזיקן מענטשן! אָט האָט דאָך יענער אים אויך געזען, און גאָרנישט... שלמהן באַרואיקט דאָס אָבער נישט. מאַלע וואָס יענער דערקענט אים נישט, אָט קען ער דאָך אים אויך נישט דערקענען. אָבער אים דאַכט זיך פאָרט, אַז ער האָט זיך אַ מאָל געקענט מיט אָט דעם מענטשן און אַפילו אויך גערעדט מיט אים...

דאָס געזינדל גייט אַרויס פונעם רעסטאָראַן. שלמה צעצאָלט זיך אויף גיך מיטן קעלנער און לויפט אַרויס נאָך זיי. אומבאַמערקט שפּירט ער זיי נאָך פון דער ווייטנס. אין די קאָרידאָרן, אויף די לייטערלעך איז האַלב טונקל. מענטשן שמייען אַרום אַהין און אַהער. שלמה רופט ביי קיינעם קיין חשד נישט אַרויס. פון ווייטנס, פון זיין באַהעלטעניש זעט ער דייטלעך ווי „ער" פירט צו זיין ווייב מיטן קינד צו אַ היפּשער קופּע פון דעם צווייטן קלאַס, שליסט פאַר זיי אויף די טיר, זאָגט זיי עפּעס אָן און קערט זיך אום אויף צוריק. שלמה קערעוועט אויס דאָס פּנים, אַז יענער זאָל אים נישט באַמערקן און שפּירט אים ווייטער נאָך. דער גרוזין לאָזט זיך אַראָפּ פון צוויי „שטאָק", פאַרקלייבט זיך ביז דער סאַמע נאָז פון דער שיף, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און שפּאַרט זיך שווער אָן מיט ביידע עלנבויגנס אויף די אייזערנע שטאַכעטן. שלמה באַטראַכט נאָך אַ מאָל דעם אומבאַקאַנטן „באַקאַנטן" און באַשליסט זיך: ער וועט צוגיין און פרעגן. איצט איז די העכסטע צייט. סוף־כל־סוף פאַר פרעגן קומט דאָך גאָרנישט. אַ טעות איז אַ טעות, מילא, וואָס קען דאָ זיין?

נישט דרייסט גייט ער צו, גיט אַ קוויטשיק הוסטעלע, כדי צוצוציען יענעמס אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. דערזעענדיק, אַז יענער האָט זיך שוין אויף אים אומגעקוקט, זאָגט ער אים אין פאַרלעגנהייט:

— חבר, איך אַנטשולדיק זיך זייער, אָבער איר וואָלט מיר נישט געקענט זאָגן אייער נאָמען?

דער שטערן ביים פרעמדן פאַלדעוועט זיך אומצופרידן:

— געקענט וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, נאָר איך מוז פריער וויסן, צו וואָס דאַרפט איר דאָס? וואָס אינטערעסירט דאָס אייך?

שלמה שטייט ווי געפּלעפט. דאָס קול דערמאָנט אים אין עמעצן, נאָר ער ווייסט נישט אין וועמען... די פעדערשטע ברייטע, ווייסע ציין, דער היפּשער קנאָפּער ביים גאָרגל, און דער עיקר, דאָס קול... עס קומט אים אויס גלייך ווי ערשט נעכטן האָט ער עס געהערט. אָבער ווו? גוואַלד, ווו? ווי קען מען דאָס האָבן אַזאַ גראָבן קאָפּ ווי ער?

ער זעט, אַז יענער קוקט אויף אים דורכדרינגנדיק און דערמאָנט

זיך מיט אַ מאָל, אַז ער האָט אים נאָך נישט געענטפערט אויף זיין פראַגע.

— אַנטשולדיקט מיר, חבר, איך האָב זיך פאַרטראַכט. איר פרעגט, צו וואָס איך דאַרף וויסן אייער נאָמען? איך בין זיך מודה פאַר אייך, אַז איך שפּיר אייך שוין נאָך באַלד אַ האַלבע שעה. איך קען זיך אַלץ נישט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז מיר זענען שוין אַ מאָל געווען באַקאַנט. העלפט מיר זיך דערמאָנען... איך קען זיך בשום אופן אַליין נישט דער־גראָבן —

— עס דאַכט זיך אייך אויס, יונגערמאַן. איך — אייך, זע צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן.

— פון אָנהייב האָב איך זיך אויך אַזוי איינגערעדט, אָבער עס העלפט נישט... אַן אומבאַגרייפלעכער כח טרייבט מיך אַרום די גאַנצע צייט און לאָזט מיך נישט אייך פאַרלירן פונעם אויג.

דער גרוזינער ענטפערט שוין וויכער:

— איר אינטריגירט מיך, חבר. וואָס זאָל איך טון מיט אייך? מילא, קומט שוין אַרויס פון אונדזער טונקעלן ווינקל אין דער ליכטיק. אפשר וועלן מיר זיך פאַרט דערמאָנען?

זיי גייען צו צו דער מאַשין־אָפּטיילונג, דאָרט הענגט אַ גרויסער לאָמפּ. זיי שטעלן זיך אַוועק איינער קעגן אַנדערן, פּנים אל פּנים. יעדער איינער מישט איבער אין זיין זכרון בילדער פון זיין לעבן. יעדער פון זיי וויל זיך דערמאָנען און קען נישט.

דער גרוזין פרעגט שמייכלענדיק:

— ווו האָט איר געדינט אין דער אַרמיי?

ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן דאָס וואָרט „אַרמיי", ווי שלמה האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

— שווייגט! זאָגט נישט! איך ווייס אַליין... יאָ, יאָ... דאָס זענט איר... דאָס זענט איר... ספּעץ־קאָרפּוס, פערטער קאָרידאָר, צווייטע קאַ־מער... באַלד, באַלד זאָג איך אייער פאַמיליע־נאָמען... טאַקע די מינוט... ער ליגט מיר אויף דער צונג...

און ווי אַ מעכטיקע האַנט וואָלט אים אַ שטויס געטון:

— אשכאַקאַדזע!...

— פּיאַטיגאָרסקי!...

זיי האָבן זיך אַרומגענומען און זיך שטאַרק צעקושט. זיך אָפּגעלאָזט, האָבן זיי ווידער געוואָרפן אַ בליק איינער אויפן אַנדערן:

— אשכאַקאַדזע!...

— פּיאַטיגאָרסקי!...

זיי האָבן זיך נאָך אַ מאָל אַרומגענומען און אַזוי־אַ, געאָרעמט זיך אומגעקערט אויף דער שיף־נאָז. דאָרט האָבן זיי צוגערוקט אַ בייגל נייע, פלאַקסענע קאַנאַטן צו די שטאַכעטן, זיך צוגעזעצט און מיט פייכטע אויגן לאַכנדיק געקוקט איינער אויפן צווייטן. ווען מען האָט זיך שוין אָנגעקוקט צו דער זעט, זאָגט ד'ער גרוזין אַ פאַרוווּנדערטער:

— מילא, וואָס איך האָב אייך נישט דערקענט, איז קיין חידוש נישט. איר האָט זיך זייט דאַמאָלסט שטאַרק געענדערט. איר זענט געווען אַזאַ יונגינקער, אַזאַ בלייכינקער, און איצט — אַ פּאַרסמאַליעטער פול־לייבי־קער מאַנספּאַרשוין! מען קען אייך אָננעמען פאַר אַן אַרמענער אָדער פאַר אַן אַראַבער, מיט איין וואָרט — סולטאַן סאַלאַדין! אָבער איר — מיך, פאַר וואָס האָט נישט דערקענט? איך האָב זיך דען פאַר די דריי מיט אַ האַלב יאָר אַזוי שטאַרק געביטן?

— פאַרקערט, חבר אשכאַקאַדזע, אָט דאָס איז דאָך טאַקע די זאַך. איר האָט זיך בפירוש כלל נישט געביטן אויפן פּנים. אַקוראַט דער זעל־בער וואָס דאָרט —

— פאַר וואָס זשע האָט איר מיך באַלד נישט דערקענט?

— איך ווייס טאַקע אויך נישט. אין אַלע ווינקעלעך פון מיין לעבן האָב איך געזוכט, געגנישטערט מיט ליכט: טאָמער דער? טאָמער יענער? נאָר די טורמע איז מיר גאָר אַרויס פונעם קאָפּ...

— אַזוי איז דאָס, גוטער ברודער, שלעכטס פאַרגעסט מען באַלד.

— אַלץ הייסט פאַרגעסן!... אָפּט מאָל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז געווען אפשר מיט הונדערט יאָר צוריק, נישט מיט דריי און אַ האַלבן... האָב איך זיך, זאָגט איר, שטאַרק געענדערט, חבר אשכאַקאַדזע?

— זייער... גאָרנישט צו דערקענען... איר האָט שוין חתונה געהאַט?

— איך האָב שוין אפילו אַ יינגעלע פון אַריבער אַ יאָר.

— אָ־אָ! מאָלאַדיעץ! און ווו וווינט איר?

— וואָס הייסט ווו? אין קיעוו. דאָרט וווינען מיינע עלטערן און מיין פרוים עלטערן.

— און ווו אַרבעט איר? וואָס פאַר אַן אַרבעט?

— אין אַ טריקאָטאַזשנע פאַבריק, קאָמערטשעסקע דירעקטאָר.

— מאָלאָדיעץ! און פון וואַנען פאָרט איר איצט?

— מ־מ־מען האָט מיך געשיקט אין קאָמאַנדיראָווקע קיין טיפליס.

— זענט איר געווען אין טיפליס, און איך האָב אייך נישט געזען? אַך, אַ שאָד, אַ שאָד! איך וואָלט אייך געווען פאַרנומען צו זיך. איר וואָלט דאָרט געווען מיין גאַסט, און נאָך וואָס פאַר אַן אָנגעלייגטער גאַסט! אַך, אַזאַ שאָד, אַזאַ שאָד...

— מילא, חבר אשכאַקאַדזע, נעמט זיך נישט צום האַרצן, כ׳וועל נאָך אַ מאָל זיין ביי אייך. זאָגט מיר בעסער, יענע פרוי מיטן קינד, וואָס איר האָט באַגלייט ביז דער קופּע, זענען אייערע?

— ווו האָט איר זיי דען געזען?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך האָב אייך נאָכגעשפּירט פונעם רעסטאָראַן אָן...

אשכאַקאַדזע צעלאַכט זיך:

— אַה... איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך רעד מיט אַ שפּיאָן... יאָ,

סלאַווא גריגאָריעווגאַ איז מיין פרוי און די קליינע — דאָס איז מיין דאַריקאַ.

— איר זענט נאָך עד־היום אַ מיליטערישער ?

— כאַ !... ער האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה, הם !... פון דאַמאָלסט אָן, פון זינט איך האָב געהאַט דעם אינצידענט מיטן שטאָב און די נאַטשאַלסטווע האָט זיך דערנאָך פאַר מיר נישט געוואָלט אַנטשולדיקן, האָב איך אויסגעטון דעם מונדיר. כ׳בין אָפּגעזעסן מיינס, צי עס איז מיר געקומען, צי ניין — איצט זאָלן שוין זיצן אַנדערע ! כ׳בין זיי מוחל דעם כבוד מיטן גאַנצן הארצן.

— אייך האָט מען אין גאַנצן באַפרייט ?

— אודאי אין גאַנצן... זיי האָבן מיך גאָר נישט געטאָרט איינזעצן.

— וויפל זשע זענט איר אַרום און אָפּגעזעסן ?

— קאַרגע ניין חדשים.

— ווער זשע האָט אייך באַפרייט ?

— וואָס הייסט ווער ? מאָסקווע.

— ווען איז דאָס געשען ?

— ענדע יולי יאָר 1933. און ווען האָט מען אייך באַפרייט, דערמאָנט מיך —

— אין דעם זעלבן יאָר, נאָר אין חודש מערץ. מיט פיר חדשים פריער ווי אייך.

— מיט גאַנצע פיר חדשים ? אַך, וויפל איך האָב זיך נאָך אָנגעליטן!

— דערציילט עפּעס, חבר אשכאַקאַדזע... ווען איך הייב אָן רעדן פון מיין טורמע־פּעריאָד שטיקן מיך טרערן... איך פיל עפּעס אַזאַ מאָדנע בענקשאַפט... איר לאַכט ? לאַכט נישט ! אַ שטאַרקע בענקשאַפט און אַ שטאַרקן צער... די טורמע איז דאָך עפּעס אַ שטיק היים געווען ביי אונדז... אַזאַ היפּשן שטיק לעבן פאַרבראַכט צווישן אירע שרעקלעכע ווענט... דערציילט עפּעס פון דאָרטן, אשכאַקאַדזע, מיך אינטערעסירט דאָך יעדעס פּיצעלע. איך ווייס דאָך גאָר—נישט...

— וואָס זאָל איך אייך דערציילן ? מעדאָוואַרן געדענקט איר ?

— מען האָט דאָך אים געשאָסן.

— איז דאָס נאָך געווען פאַר אייך ? נו, ווער נאָך ? וואַסיוקן האָט מען אריינגעהאַקט צען יאָר.

— דאָס איז נאָך אויך געווען פאַר מיר.

— ווער זשע דען אינטערעסירט אייך ?

שלמה איז ווייס ווי קאַלך. אויף די ליפּן ליגט צוגעגרייט אַ נאָמען, אַ טייערער, אַ ליבער, אָבער ער האָט מורא אויפצוהייבן דעם שלייער פון דער אומוויסנהייט און ער פרעגט כמעט גלייכגילטיק :

— וואָס איז געוואָרן מיטן אַלטן לוקיטש ?

— א—הא! יענער אַלטער פוקס? מען האָט אים אָפּגעפּטרט מיט „פרייער אַרויסשיקונג" קיין קירגיזיע אויף פינף יאָר.

שלמה קייעט איבער מעכאַניש:

— אויף פינף יאָר, זאָגט איר?

— וואָס דען האָט מען מיט אים געזאָלט טון? פינף יאָר, דאָס איז עפּעס אַ ציפער פאַר אַ קולאַק, צי אפילו סתם פאַר אַן אומזיכערן עלע־מענט? גלופּאָסטי! * דאָס הייסט: אַבי פּטור ווערן פון די אויגן. אַן איינגעגעסענער טשיריק געווען...

— נו, און וואָס איז געוואָרן מיט די פּאַליאַקן?

— זיי האָב איך נאָך איבערגעלאָזט אין קאַמער. זיי קערן נאָך איצט אויך זיצן.

שלמה, מיט אַ ציטער אין קול, האָט קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן געפרעגט:

— נו, און מיט לאָבאָוון וואָס איז געוואָרן?

— מיט וועמען? הא, מיטן פּאָטער וואַסילי? איך האָב גאָר פאַר־געסן, איר זענט דאָך געווען מיט אים שטאַרק באַפריינדעט, ער איז געווען געגוויגט צו אייך מער ווי צו יעדן, איר פלעגט דאָך גאַנצע נעכט איבער־זיצן אויף זיין בעטל און שמועסן, און שמועסן... ווילט איר, הייסט עס, וויסן וואָס מיט אים איז געוואָרן? זעט איר, מיט אים איז עפּעס אַ רעטעניש... אין דער קאַמער האָט מען אים איבערגעלייענט אַן אורטייל אויף צען יאָר פאַרשיקט צו ווערן אויף סאַכאַלין. עטלעכע שעה נאָך דעם האָט מען אים פאַרנומען פון דער קאַמער. אָבער מיטן עטאַפּ, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט געגרייט איז ער נישט אַוועקגעגאַנגען. דאָס האָט אונדז געזאָגט דער מאַגאַזיניער, ער האָט עס געוווּסט אויף זיכער. ער האָט בכלל געוווּסט פון אַלע סודות. און מיטן צווייטן עטאַפּ, וואָס האָט זיך פאַרמירט גלייך נאָכן ערשטן איז ער אויך נישט אַוועקגעגאַנגען. אין שפּי־טאָל איז ער אויך נישט געווען. מיט איין וואָרט: ער איז פון דער טורמע געהיימניספול פאַרשוווּנדן געוואָרן, ווי אין ים אַריין. דאָ מוז שטעקן עפּעס אַ טיפער סוד, נאָר ווער קען אים דערגיין? אַך, וואָס פאַר אַ ווויּ־לער מענטש דאָס איז געווען. אַזעלכע מענטשן טרעפן זיך היינט זעלטן!

איבער דער שיף איז געהאַנגען אַן אָנגעבייסענע לבנה. אין פינצטערן הינטערגרונט האָט אומצופרידן געוואָרטשעט דער ים. אונטער די פיס האָט די פּאַלובע פיבערדיק געציטערט פון דער רעגלמעסיקער טרייסלעניש אין בויך פון דער שיף. דאָס האָבן די ריזיקע דיזעל־מאָטאָרן געטון זייער אַר־בעט. אין דער קאַיוט־קאָמפּאַניע האָט זיך פאַרשייט צעגאָסן אַ באַיאַן. אַ יונגער אַלט האָט אויסגעצויגן:

* נאַרישקייטן, שטותים.

Тебе туда не ходить,
куды я ходила —
Тебе того не любить,
кого я любила —
Ей — — — *

דער באַיאַן האָט שטורמיש איבערגעחזרט דאָס ניגונדל, שטיוול מיט פּאַדקאָוועס האָבן זעלנעריש געטופּעט און עמעצער פון די מאַטראָסן האָט שאַרף צוגעפּייפט. שלמה איז געזעסן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. מיט נישט זעענדיקע אויגן האָט ער געאַקערט דעם סמאָלע־שוואַרצן אָפּגרונט. אונ־טערן האַרצן האָט עקשנותדיק געגאָגט אַ ביטערער וואָרעם און שלמה האָט געזוכט אַ פּירוש אויף די ווערטער:

„ער איז פון דער טורמע געהיימניספול פאַרשוווּנדן. דאָ מוז שטעקן עפּעס אַ טיפער סוד”...

— גוואַלד, וואָס האָבן זיי אַזוינס געטון מיטן פאָטער וואַסילי? מיט אָט דעם ווירדיקן און מוטיקן פאַרשטייער פון די חסידי אומות העולם? שוין זשע? —

און אַ אינערלעכער שוידער טרייסלט אויף זיין גאַנצן קערפּער. אַש־כאַקאַדזע טאַרקעט אים מיטן עלנבויגן:

— וואָס האָט איר זיך פאַרטראַכט? אַזוי איז דאָס! דער אַרויף, און דער אַראָפּ. דער אַריין, און דער אַרויס... נאָר לוקיאַנאָווקער טורעמס זע־נען אייביקע... וויים איך, זאָגט בעסער, חבר פּיאַטיגאָרסקי, איר פאָרט ווייט?

— איך פאָר ביז אָדעס, און איר דען נישט?

— ניין, איך פאָר נאָר ביז טואַפּסע. דאַרף מען טאַקע גיין אַ דרימל טון. סלאַוואַ גריגאָריעוונאַ קער שוין נישט ווים וואָס איבערצוקלערן.

— וו זשע אַרבעט איר איצט, חבר אַשכאַקאַדזע?

— איך בין אַן אַגראָ־כעמיק. איך אַרבעט אין דער גרוזינישער אַקאַ־דעמיע פאַר וויסנשאַפטן.

— וווהין זשע פאָרט איר דאָס?

— איך האָב איצט אורלויב, פאָר איך מיט מיין פאַמיליע צו מיין פאַרשטאָרבענער מוטערס אַ שוועסטער קיין טואַפּסע. איר זענט אַ מאָל געוועזן אין טואַפּסע?

— ניין, קיין מאָל נישט.

---

* ס׳איז נישט פאַר דיר אַהין צו גיין,
וווהין איך בין געגאַנגען —
ס׳איז נישט פאַר דיר דעם ליב צו האָבן,
וועמען איך האָב ליב געהאַט —
עי — — —

— אַ שאָד, זייער אַ שיין אָרט טואַפּסע. נו, און אין גאַגרע?
— נאָר עטלעכע שעה, דורכפאָרנדיק מיט דער שיף.
— איי־איי־איי... אַזעלכע שיינע ערטער ווי סוכום, טואַפּסע, גאַגרע און סאָטשי דאַרף מען באַטראַכטן אַקוראַט, נישט אויף איין פוס. נו, אַ גוטע נאַכט, מיין פריינד. מיר וועלן זיך נאָך מאָרגן זען. זייט עלף אַ זייגער אין דער פרי ביים טראַפּ,* וועלן מיר זיך געזעגענען.

זיי האָבן זיך וואַרעם געדריקט די הענט און שלמה איז געבליבן איינער אַליין ביי די שטאַכעטן. דאָס שוואַכע „נאָז־לעמפּעלע" האָט זיך שטאַרק געהוידעט פונעם ווינט. דער שאָטן האָט זיך געוואָרפן פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס ווי אַן אומרו פון אַן אומגעלומ־פּערט גרויסן זייגער. ער האָט כסדר איינגעשלונגען שלמהס פּלייצע און זי אויף צוריק אויסגעשפּיגן, נאָך אַ מאָל אַ שלונג געטון און איז ווידער אַ מאָל אָפּגעטראָטן. די לבנה האָט מיט ביליקן זילבער באַשמירט די עלאַסטישע כוואַליעכלעך און ווי אַ געטרייע מוטער האָט זי זיי אַרויסבאַ־גלייט מיט ברכות אין וויטן וועג אַריין. ביי שלמהן אין האַרצן האָבן מיט הונדערטער גלאָקן געקלונגען לאַבאַוס לעצטע ווערטער:

„מיך וועלן זיי שוין נישט אָפּלאָזן... איך קען זיי שוין געננוג גוט"...

— גוואַלד, וואָס זשע האָבן זיי געטון מיט אים? אַז אין שפּיטאָל נישט, אין עטאַפּ אויך נישט. וואָס דען — יאָ? פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַר וועלכע זינד?...

דער ים האָט מאָנאָטאָן געזונגען זיין אייביק ליד און די שרויפן אין דער מאַשין־אָפּטיילונג האָבן מיט זייער מעטאַלענעם קלאַנג אים אַ טאָן געהאַלטן. שלמהס אויפגערודערטע זכרונות האָבן אים איצט ווייטער גע־פירט... אָט די אומגעריכטע באַגעגעניש האָט אומברחמנותדיק געהאַלטן אין איין אויפמישן און אַרויסלייענען פון פאַרעלטערטע בלעטער פון זיין אייגענעם „דברי הימים", פון זיינע אומגליקלעכע מסעות:

— און וואָס איז מיט די יאַגודאַיעווס? און זבולן וווהין איז אַהינ־געקומען? ענטפער, לבנה, ענטפער! פאַר דיר זענען דאָך קיין סודות ניש־טאָ, דו ווייסט דאָך פון אַלע שווערע הערצער...

די לבנה האָט שפּאָטיש אַ שמייכל געטון פון זיינע נאַאיווע צעפּרע־געכטסן און האָט זיך מער אפילו נישט אומגעקוקט אויף אים...

---

* דאָס הענגבריקל אויף וועלכן די פּאַסאַזשירן שטייגן אויס פון דער שיף.

קאפיטל LVI

קומענדיק דאָס מאָל פונעם וועג, האָט שלמה געטראָפן גוטע בריוו פון יוכבדן. זי האָט זיך שוין געפילט זייער גוט און האָט געוואָלט פאָרן אהיים, נאָר שלמה האָט איר אָנגעשריבן, אַז זי זאָל זיך אפילו נישט דער־וועגן צו טראַכטן פון אומקערן זיך פאַרן באַשטימטן זמן. ערב ראש־השנה, אויב ער וועט קענען, וועט ער קומען נאָך איר, און אויב נישט, וועט ער שוין זען עמעצן צושיקן זי אָפּנעמען.

אין די פּאָר טעג, — דער רעגולערער „בין־הזמנים", — וואָס שלמה האָט זיך דאָס מאָל פאַרזאַמט אין קיעוו, האָט אים זיין פעטער מוזי בדרך אגב דערציילט, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע ביי הרב ביאַליק איז זייער, זייער שפּלדיק, ממש מען ציילט זיך דעם ביסן ברויט אין מויל אריין. דערהערנ־דיק אַזאַ מעשה איז שלמה אַרויס „אין גאַס אריין", געוווּיר צו ווערן ביי דער וועלט: ביי וואָס פאַרדינען היינט מענטשן אויף זייער חיונה...

נאָך דעם זעלבן אויפדערנאַכט האָט ער אָנגעקלאַפּט ביי הרב ביאַליק אין טיר, מיט אַ היפּשן טשעמאָדאַן אין דער האַנט.

דער באַרימטער אוקראַינער גאון האָט אים מקבל־פּנים געווען בשמחה רבה:

— האַ, שלמה? ברוך־הבא! ווען קומט איר עס אַן פון וועג?

— נאָך אייערנעכטן אויף דער נאַכט. און וואָס מאַכט איר עפּעס, מר ביאַליק?

— אַזוי זיך... קיין גרויסע ישועות הערט מען עפּעס נישט. און אויף לאַנג זענט איר איצט אַ קיעווער?

— איך האָב שוין אפילו אַ בילעט אויף מאָרגן נאָך מיטאָג. זאָגט מיר, פאַר וואָס זענט איר עפּעס איינער אַליין אין שטוב? וווּ איז די פרוי, די קינדערלעך? וואָס מאַכן זיי?

— ברוך השם... אַ דאַנק פאַרן אינטערעסירן זיך. זיי זענען אַראָפּ־געפאָרן אויף פּאָדאָל, צו מיין שוועסטער. עפּעס איז זי, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט מיט אַלעמען. פריער איז זי געפאַלן פון די פיס פון דאגת־הפרנסה, קיין עין־הרע פינף קינדערלעך... און איצט, אַז זי ליגט שוין אין גאַנצן, איז איר שוין ניין מאָל גוט... בתר עניא אזלא עניותא...* זאָגט מיר, וואָס טראָגט איר עס אַזאַ שווערס אין אָט דעם טשעמאָדאַן־הגדול?

שלמה האָט אַ צופרידענער אַ טראַכט געטון:

— דאָס וואָס איך האָב אים געטראָפן אַליין אין שטוב, איז ממש אַ סיעתא דשמיא. ווייניקער עולם, ווייניקער דיבורים.

און אויפן קול האָט ער איבערגעפרעגט:

---

* נאָך איין מין אָרעמקייט שלעפּט זיך דאָס צווייטע.

— וואָס האָט איר געפרעגט, הרב ביאַליק? אה, וואָס איך טראָג מיט זיך? עי, נאַרישקייטן...

— אָבער פאָרט...

— איך וועל אייך זאָגן, פאַר וואָס נישט? עס איז נישט קיין סוד. איך פאַרשטיי, מר ביאַליק, אַז די לעצטע צייט זיצט איר אָן פּרנסה... שלאָגט מיר נישט איבער, איך בעט אייך. קיין גאון בין איך טאַקע נישט, אָבער אַ פּראָסטער ייד בין איך דאָך לכל הדעות... ווו איז כבוד הבריות? איז פאַרשטיי איך, הייסט עס, אַז ביי איצטיקן יקרות, מיט פּיצלעך קינ־דער, זיצן אָן פּרנסה, מוז זיין נענוג שווער, לכן האָב איך געקויפט פאַר אייך אָט די שרייבמאַשין — אַ „אונדערוווד", אַ שפּיגל! — און האָב באַשטעלט אַ לערערין, וואָס וועט קומען מאָרגן ניין אַ זייגער אין דער פרי מיט גרייט שרייב־פּאַפּיר און קאָפּיר־פּאַפּיר און זי וועט אייך אויס־לערנען אַרבעטן. פאַר אייער קאָפּ מיט אייערע פעאיקייטן איז דאָס אַ תורה העכסטנס אויף אַ וואָך צייט. אַז איר וועט שוין גרינטלעך קענען די מלאכה, וועט אייער פרוי זיך אויך קענען אויסלערנען און איר וועט דערפון מיט גאָטס הילף האָבן שיין פּרנסה. איך האָף, אַז גאָר־גאָר ברווח... אָט דאָס איז דאָס —

הרב ביאַליק ווישט זיך אָפּ דעם שיינעם, הויכן שטערן:

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס זשע הייסט, איר קויפט פאַר מיר?

— וואָס זשע איז אייך דאָ קשה?

— די גאַנצע סוגיא איז מיר קשה... וואָס איז דאָס? מיט וועלכע רעכט גייט איר זיך אויסבערעגענען פון מיינעט וועגן? באַרעכן נאָר, אַ שפּאָגל־נייע ביוראָ־מאַשין: „אונדערוווד" מיט אַ ברייטן וואַלץ אויף אַ גאַנצן בוכהאַלטערישן בויגן, אַזאַ צאַצקעלע מוז היינט אודאי קאָסטן תרפ"ט אלפים... ניין, ניין, איך קען זי נישט נעמען ביי אייך... ס'איז כלה ונחרץ — איך נעם זי נישט!...

— וואָס הייסט, איר נעמט זי נישט? און איך זאָג אייך, אַז איר נעמט זי דווקא יאָ!

ביאַליק, העכסט דערשטוינט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טאָן? ווו איז אייער דרך־ארץ פאַר אַ רב?

שלמה, לאַכנדיק:

— קודם שמעקט דאָ מיט חילול־השם —

— ?

— אַז ביי אונדזער אומפאַרגלייכלעכן הרב ביאַליק זאָל מען זיך מוזן ציילן דעם ביסן אין מויל אַריין איז אַ גרויסער חילול־השם ובמקום שיש חילול־השם אין חולקין כבוד לרב —

— און די עבירה פון באַרויבן אייער ווייב און קינד?

— גדולה עבירה לשמה! און ווידער, שרעקט זיך נישט, מיין „זוגתי היקרה" איז מיט מיר בעצה אחת. איר וועט צווישן אונדז קיין בייז לעבן

נישט אָנמאַכן. און פון מיין קינד, וואָס איר זאָרגט זיך אַזוי שטאַרק פאַר זיין ירושה, האָב איך אויך אַ כח־הרשאה, וואָס איז גילטיק ביז, ביז —

— שלמה, פאַררעדט מיר נישט די ציין, איך נעם זי נישט, איך נעם זי נישט!

— ווידער אַ מאָל דאָס זעלבע? וואָס הייסט איר נעמט זי נישט?

— פּראָסט פּשוט, איך נעם זי נישט און שוין... סיידן אויף שותפות, אויב איר ווילט...

— אודאי אויף שותפות, ווי אַזוי דען האָט איר געמיינט?

— אויף וואָס זשע פאַר אַ באַדינגונגען?

— אויף שטרענגע באַדינגונגען! איר וועט האָרעווען און האָבן פּרנסה, ברכה והצלחה און איך — בלויז צוקוקן און האָבן פאַרגעניגן... אָט וואָס פאַר אַן עקספּלאָאַטאַטאָר עס שטייט פאַר אייך!

— איר לאַכט גאָר פון מיר, שלמה? וואָס בין איך אייך, אַ יינגעלע?

שלמה האָט אים צערטלעך אַרומגענומען פאַר די אַקסלען:

— וואָס טראַכט איר אויס אויף מיר? איר זענט ביי מיר נישט קיין יינגעלע. איר זענט ביי מיר: הגאון המופלג, סיני ועוקר הרים, הרב משה ביאַליק! און אויף דער מאַשין וועט איר אַרבעטן געזונטערהייט. דאָס איז אַ מלאכה נקיה וקלה. ביז איך וועל זיך אומקערן פון דער נסיעה, זעט זיך גוט אויסצולערנען די מלאכה. מיט אַרבעט וועל איך אייך שוין באַזאָרגן. זייט זיכער, איר וועט אַזוי פיל נישט קענען אַרויסגעבן. און בנוגע געלט איז גאָר אַ חוכא וטלולא, אַז איר רעדט מיט מיר דערפון. אַז גאָט וועט אייך העלפן, איר וועט אם ירצה השם אין ארץ־ישראל אָפּדרוקן אייערע ספרים, וועלן מיר זיך דאַמאָלסט בכבוד גדול צערעכענען. האָט נישט קיין פאַראיבל, איך האָב נאָך טויזנט געגנג און האָב נאָך היינט נישט געגעסן אויך. מיט אַ גלאָז סאָדע־וואַסער האָב איך זיך קאַליע געמאַכט אַ תענית. פאַרגעסט זשע נישט: ניין אַ זייגער אין דער פרי וועט די לערערין שוין זיין דאָ אין שטוב. וועט איר שוין מוזן אויפשטיין זעקס, און ביי צייטנס אָפּדאַווענען און אָפּעסן. צאָלן דאַרפט איר איר גאָרנישט. אַלץ איז שוין באַצאָלט געוואָרן למפרע. גיי איך, מר ביאַליק. אַ גוטע נאַכט. איך ווינטש אייך, אַז די התחלה זאָל זיין בשעה טובה ומוצלחת, עס זאָל ביי אייך זיין אַ שפע עד בלי די...

און איידער הרב ביאַליק האָט נאָך באַוויזן צו עפענען דאָס מויל, האָט זיך פאַרקלאַפּט די טיר און אין צימער איז מער קיינער נישט געבליבן חוץ אים, און אויפן טיש — דער נייער, שיינער „אונדערוווד", אין אַ ספּעציעלן שוואַרץ־געקעסטלטן פוטליאַר.

אויפן צווייטן טאָג, אין דער זעלבער צייט, איז שוין שלמה געלעגן אויף זיין באַליבטן „צווייטן שטאָק" אין אַ שיינער קופּע פונעם צוג שעפּעטאָווקע־באַקו און האָט זיך צוגעקוקט צו דער סודות־פולער נאַכט אין די אומענדלעכע אוקראַינער פעלדער און וועלדער.

*

זעכצן טעג אין אלול זענען פון קיעווער וואָקזאַל אָפּגעפאָרן צוויי שוואָגערס אין פאַרקערטע ריכטונגען: שלמה פּיאַטיגאָרסקי איז אָפּגע־פאָרן שוין צום לעצטן מאָל — קיין טיפליס, און גאָדל ראַדיעצקי קיין בליפּנאָווקע נאָך יוכבדן מיטן קינד. קומענדיק קיין טיפליס, האָט שוין שלמה געטראָפן אַ טעלעגראַמע:

„געקומען. אַלץ גוט. בענקען שטאַרק. טעלעגראַפיר ארויספאָר. אַ מיליאָן קושן. דיך ליבנדיקע יוכבד, נחומל".

דער טעלעגראַף האָט אַריבערגעשיקט אַן ענטפער:

„גליקלעך דיין אומקערן. צייל מינוטן. קומען אין סליחות־טעג. איך פאַרענדיק אַלץ. פון איצט אָן נאָר צוזאַמען. דריק צום הארצן — שלמה".

עטלעכע טעג פאַר ראש־השנה האָט יוכבד באַגעגנט שלמהן אויף דער שוועל און זיי זענען זיך געפאַלן אויפן האַלדז. שלמה האָט יוכבדן באַטראַכט מיט גליקלעך־פאַרחידושטע אויגן און האָט איר מבשר געווען, אַז עס איז זי אוממעגלעך צו דערקענען. זי איזווירקלעך געווען פריש און בליענדיק, ווי די ערשטע, צייטיקע רויז. פון איר קרענקלעכן אויסזען איז קיין שפור נישט געבליבן. אויך דאָס זונדעלע איז כמעט טאָפּלט גרויס געוואָרן. ער האָט „אַלץ" גערעדט, „אַלץ" פאַרשטאַנען, נאָר דעם פּאָטער האָט ער שווערלעך דערקענט. לויט יוכבדס רייד איז שלמה שטאַרק אַראָפּ פונעם פּנים פאַר די דריי מיט אַ האַלבן חודש, זייער, זייער אַ תּל גע־וואָרן, און זי פילט אויף זיך דעם חוב, אים העלפן אומצוקערן די פאַר־לוירענע באַקן. יוכבד האָט שטאַרק ארומגענומען שלמהן ארום האַלדז און אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויף דער סאָפע:

— נו, טייערער, דערצייל —

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן? איך האָב וועגן אַלצדינג געשריבן.

— דו האָסט געבענקט?

— דאַרפסט דאָס פילן אין זיך... דו ווייסט דאָך: כמים הפנים לפנים, כן לב האדם לאדם —

— אוי, אויב אין זיך, טאָ פרעג איך שוין גאָרנישט. עס איז מיר דאָרט גאָרנישט איינגעגאַנגען...

— דיין טאַליע, קיין עין־הרע, דערציילט אַנדערש... דאַכט זיך, דעם היפך —

יוכבד צעלאַכט זיך:

— זאָלסטו טאַקע וויסן זיין, אַז עס נאָר מיט ניסים. איך האָב זיך געשטאָפּט מיט גוואַלד, ווי מען שטאָפּט אַ גאַנדז. אָן דיר האָט זיך מיר קיין זאַך נישט געוואָלט, אפילו לעבן — אויך נישט זייער.

אויף אירע גאָלדענע וויעס האָבן זיך באַוויזן פלאַטערנדיקע לאַמ־טערנדלעך. שלמה האָט זי צוגעצויגן צו זיך און האָט איר היים אַריינגע־פליסטערט אין אויער:

— וואָס הייסט „אַן דיר״? נאַרעלע! און ווו איך זאָל נישט זיין, בין איך דען נישט דיינער?

— איי, גיי, דו האָסט מיך נישט ליב... פּאַר אַזאַ זומער זיך נישט אַראָפּכאַפּן, כאָטש איין מאָל... צו אַנדערע דאַטשניצעס פֿלעגן די מענער... כ׳ווייס? אַ וואָך איבער אַ וואָך —

— יוכבדל, דו פֿאַרגעסט, אַז איך האָב מיך דאָ אויך נישט געשפּילט. כ׳האָב כמעט קיעוו נישט געזען פֿאַר די אויגן: אַרוים פֿון וואַגאָן און אַריין אין וואַגאָן. איך דאַרף דיר דערציילן? דו האָסט דען אַליין נישט געזען, פֿון וואַנען מיינע בריוו פֿלעגן גייען?

— שלמהלע, איך ווייס... איך ווייס אַלץ... וואָס הייסט, איך האָב נישט געזען?

— אייגנטלעך, יוכבד, וואָלט איך זיך גאָר געקענט באַליידיקן אויף דיר. יאָ, יאָ, לאַך נישט, בפּירוש אַזוי! פֿון זינט איך בין אין שטוב, אַנו, דו זאָלסט עס אפילו אַ פֿרעג טון וועגן מיינע געשעפֿטן. שרייבן אַהין דייטלעך וועגן דעם, האָט מען דאָך נישט געקענט...

— שלמה, דו ביסט דאָך ערשט אַריינגעקומען, ווען האָב איך דיך שוין געקענט פֿרעגן? נו, שאַ, דו ביסט גערעכט. דערצייל איצט, וויפֿל האָסטו פֿאַרדינט היינטיקס מאָל?

— איצט קען איך דיר שוין דערציילן דעם קיילעכדיקן סך־הכּל. נישט דווקא פֿון דער איצטיקער נסיעה, נאָר פֿון דער גאַנצער צייט...

— איז דאָך אודאי גוט, און דו גדענקסט אַלץ אויפֿן קאָפּ?

— איך האָב דעם גאַנצן וועג נאָר געהאַלטן אין איין גרייטן דעם באַריכט פֿאַר דיר —

יוכבד האָט מיט טרערן פֿון דאַנקבאַרקייט אים אויסגעקושט דאָס גאַנצע פּנים.

— איז אָט וואָס, יוכבדל... וואָס אמת, איז אמת, איך האָב זיך טאַקע שטאַרק איינגעשטעלט דאָס לעבן, נאָר געאַרבעט האָב איך זייער ברייט. עס זענען געווען נסיעות, וואָס איך האָב מיט זיך געפֿירט אַזוינע אַפּאָ־תיקעס ווי: 1500 דאָלאַר... יאָ, יאָ, שרעק זיך נישט. און אָט די סומע איז נישט אין גאַנצן געווען נאָר אויף האַלב רווח. איך האָב מיר ביסלעכוויז געקריגן היפּשע גמילת־חסדימס און האָב פֿאַר איין וועגס געפֿירט אין גאַנצן מיינס אויך אַ וואָגיקע סומע. פֿאַר די פֿערצן וואָכן נע־ונד זיין, האָב איך פֿאַרדינט אַן ערך פֿון 35,000 רובל. זעקס טויזנטער האָב איך דיר צוגעשיקט אין משך פֿונעם זומער. פֿינף האָב איך געסילוקט חובות, וואָס מיר זענען שולדיק געווען פֿון פֿריער, איז שוין עלף. צוויי, דריי אלפים דאַרפֿן מיר אַצינד אויסגעבן אויף וואַרעמער הלבשה און אַנדערע זאַ־פּאַסן אויפֿן ווינטער, איז שוין פֿערצן. 2,500 רובל האָב איך באַצאָלט פֿאַר ביאַליקס „אונדערוווד״ מיטן אויסלערנען, אַ חוץ נאָךביידע מעק־לערס איז שוין אַרום זיבעצן, און ביי 18,000 רובל בלייבט אונז איבער ריין געלט. האָב איך פֿאַר פּופֿצן טויזנטער אונדז געקויפֿט אַ ווערטפּולן

חפץ, אַ יקר־המציאות, און דריי טויזנטער וועט אונדז זיכער קלעקן אויף דער הוצאה, ביז איך וועל זיך מיט גאָטס הילף ווידער אַפּזוכן אַן ארבעט און אָנהייבן פאַרדינען כדי חיינו. איי, דאָס וואָס מיר זענען נאָך אַזאַ שווערן זומער ווידער געבליבן כמעט נקי, דאַרף דיך, לעבן מיינס, נישט אַרן. ווייל — אויב ערנסט גערעדט — צו וואָס דאַרפן מיר געלט? איך, למשל, ווען עס ליגט ביי מיר אין טאַש געלט, בין איך אוים מענטש! געפין איך זיך קיין אָרט נישט, ביז איך טו עס ערגעץ נישט אַהין... פע! געלט לשם געלט — דאָס איז עבודה־זרה! עס פּלעטשט דעם קאָפּ און פירט סוף־כל־סוף אַראָפּ פונעם דרך־הישר. און חוץ אַלעמען צו וועלכע רוחות נוצט דאָס אונדז, האַ? מיר זענען דאָך נאָך נישט אַזעלכע אַלטע לייט, אַז מיר זאָלן שוין מוזן לעבן פונעם גרייטן. וואָס זאָגסטו? אפשר נישט אַזוי? ביידע צוזאַמען זענען מיר נאָך קיין פופציק יאָר נישט אַלט. צו וואָס זשע דאַרפן מיר האָבן גרייט געלט? אַ מער איז דאָך בעסער ווי מען זאָגט אַ ווערטל:

Не було у Микиты грошей, та і не буде...*

— יאָ, שלמהלע, אַלץ איז גוט. אָבער וואָס זשע פאַר אַ מין טייערן חפץ האָסטו געקויפט, אַז פאַר פופצן טויזנטער?

— דער דאָזיקער חפץ האָט זיך זיין געשיכטע. איך האָב באַלד אויפן אָרט געקענט אָפּנעמען פאַר אים אַכצן און אפשר אפילו צוואַנציק טויזנטער, נאָר גלייב מיר, איך וועל אים אפילו פאַר קיין פופציק טויזנט רובל אויך נישט פאַרקויפן. איך קען באַשטיין, אַז גאָט זאָל אונדז העלפן מיר זאָלן פאַר אים קויפן אַ פּאַלאַץ אין תל־אביב. און עס וועט נאָך, זיי זיכער, בלייבן אַ רעשט אויך...

— זאָג שוין, שלמהלע, לאָמיך הערן. איך ציטער אין גאַנצן פאַר נייגעריקייט.

— די מעשה איז אַ קורצע. אין באַקו, אין דעם זעלבן הויז ווו איך בין געוועזן אויף אכסניא, לעבט בסוד־סודות אַן אַרמענישע גרעפין. נאָך דעם ווי זי האָט זיך מיט מיר נעענטער באַקענט און האָט זיך איבער־צייגט, אַז איך בין נישט קיין גאַסניונג, האָט זי מיר פאַרגעלייגט צו קויפן ביי איר אַ בראַשקע. נאָר וואָס זאָל איך דיר זאָגן אַ כלי? אָנגעזעצט מיט דימענטן און בריליאַנטן, אַ קייזערלעכע בראַשע. לכתחילה האָב איך אפילו הערן נישט געוואָלט: ווער דאַרף היינט האָבן תכשיטים און נאָך אַלט־מאָדישע דערצו? אָבער ווען זי האָט מיר אַ וויז געטון איר אַלטמאָ־דישן תכשיט... וואָס זאָל איך דיר זאָגן? איך בין שיר נישט בלינד גע־וואָרן... ממש: חמה בתקופת־תמוז! זי האָט געבעטן פאַר איר ווי פאַר אַ מציאה פערציק טויזנטער, ווייל די ווערט, זאָגט זי, איז זי אפשר הונדערט... דערהערט אַזאַ מעשה, האָב איך זי אונטער אַ משכון גענומען ביי איר, און זי געוויזן מבינים. וואָס זאָל איך דיר דערציילן? זיי זענען

---

* מיקיטע האָט נישט געהאַט קיין געלט, און וועט אויך ווייטער נישט האָבן.

צוגעזאָגט געוואָרן צו איר... זיי האָבן געזאָגט, אַז מען טאָר גאָר מיט אַזאַ אוצר נישט אַרויסגיין אין גאַס. די בראָש שטעלט מיט זיך פאַר אַ גאָלדענע ליליע אויסגעזעצט מיט עכטע דימענטן, און אין סאַמע צענטער — דריי בריליאַנטן אין דער פאָרם פון אַ סגול, יעדער פון זיי איז די גרייס צו פינף קאַראַט. יוכבדל, דו זאָלסט אַ קוק טון אויף די שטיינער — אור החשמל! אור שבעת־ימי־בראשית! וויים איך, ס'איז גאָר אין אומר ואין דברים... בקיצור: איך האָב די בראָשע ביי איר אויסגעדונגען פאַר פופצן טויזנטער, און אַ חוץ דעם בעל־הבית פון דער וווינונג פינף הונדערט רובל מעקלעריי. וואָס האָסטו צו קלערן? אַזאַ מציאה־רבה טרעפט איין מאָל אין הונדערט יאָר. אונדז קומט „מזל־טוב". דו פאַרשטייסט דאָך יוכבדל, ביז היינט, אַז מיר פלעגן זיך ווינטשן: פאָרן קיין ארץ־ישראל, קומען קיין ארץ־ישראל, איז דאָס געווען גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין, ווייל דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אַנדערש קען מען נישט דערלאַנגען אויף קיין וויזע, ביז אין יענעם לאַנד פון וואַנען עס ווערט אַרויסגעשיקט די פאָדערונג, ווערט איינגעצאָלט אין רוסישן קאָנסולאַט פינף הונדערט דאָ־לאַר פון יעדן קאָפּ. פרעגט זיך: ווער וועט עס זיין אַ בעלן אויסצולייגן פאַר מיר אַזאַ מטמון מיט גאָלד? דו ווייסט יאָ פון אַזוינע גוטע פריינט? איך נישט! און ווען מיר האָבן דאָרט אפילו יאָ אַזעלכע ידידים, אויף וואָס קוקנדיק זאָלן זיי אַריינבראָקן אַזאַ פאַרמעגן אין אַ קבצן, אַ דלפן? אינו דומה מי שיש לו פת בסלו, למי שאין לו... איצט האָבן מיר שוין דאָס רעכט ערנסט אַ טראַכט צו טון וועגן ארץ־ישראל, און איך וועל טאַקע נאָך ערב יום־טוב אם ירצה השם אָנשרייבן דעם רבין ר' וועלוועלען, אַז ער זאָל אונדז אַרויסשיקן וויזעס. ער האָט דאָס מיר אַ מאָל צוגעזאָגט. ער וועט זיכער זיין הבטחה מקיים זיין... איצט פאַרשטייסטו שוין, ווו מיר האַלטן אין דער ספירה, קעצעלע מיינס?

— שלמה, ווייז מיר שוין די בראָשקע, איך גיי אוים אַ קוק צו טון אויף איר...

— האָב צייט! אַ קוק טון אויף אַזאַ קראַסאַוויצע איז נישט אַזוי פשוט. זינט מען האָט זי אויסגעקברט פון דער גראַפּיניעס קעלער, האָב איך פאַר איר אָפּגעזוכט אַ מקום־מנוחה אין אַ וווּרשט —

— ?

שלמה האָט זיך צעלאַכט:

— זינט איך בין געוואָרן אַ דימענטענער יונגערמאַן, בין איך זיך נישט נוהג צו שטאָפּן קיין קישקעס בלויז מיט רינדערן פלייש, נאָר צו־זאַמען מיט בראָשקעס. געדענקסט ביים סדר? „היה כורך מצה ומרור ואוכלם ביחד"... דאָס איז מיין לעצטע דערפינדונג...

ווען די בראָשקע, אָן אויפגעוויקלטע, האָט זיך באַוויזן ביי שלמהן אין די הענט, האָט יוכבד אַזש פאַרמאַכט די אויגן און אַ פליעסק געטון מיט די הענט פאַר אַנטציקונג. די פינקלענדיקע ליליע האָט פאַרשיינט די שטוב. יוכבד האָט זי גענומען פון זיינע הענט מיט אַ יראת־הכבוד,

זי באַטראַכט פון אַלע זייטן, צוגעמאָסטן צו איר קליד און זי אויף גיך אומגעקערט :

— נאַ, נעם זי צו. דאָס איז אונדזער צוקונפט. דאָס איז דער בריק איבער וועלכן מיר וועלן מיט גאָטס הילף אָנקומען קיין ארץ־ישראל! וועז זשע קלערסטו אָנשרייבן צו ר׳ וועלוועלען? אזא זאַך דאַרף מען נישט אָפּ־לייגן אויף קיין מאָרגנס, ווען זאָגסטו?

— אם ירצה השם, נאָך פאַר ראש השנה. וואָס זאָגסטו? יהא מונח עד שיבוא אליהו! * איצט פאָרן מיר אהין שוין נישט ווי קיין בעטלערס. שוין פאַראַן אויף וואָס הוצאות צו לייגן, הא?

דאָס גליקלעכע פּאָרפאָלק האָט פאַרבעטן צו זיך די עלטערן, די קינ־דער, און האָבן בדחילו ורחימו באַוויזן אַלעמען די מציאה. די פרייד זייערע איז געווען צו גרויס און פאַרשלינגענדיק, אַז זיי זאָלן בכח האָבן זי כובש זיין אין זיך; די פאַרשטאַרקטע האָפענונגען אויף ארץ־ישראל האָבן אונ־טערגעכאַפּט דאָס פּאָרפאָלק כזרם שוטף, געכוואַליעט זייערע הערצער כמעין המתגבר, און האָבן זיי אַוועקגעטראָגן ווייט, ווייט...

...זיי האָבן געמוזט האָבן שותפים צו זייער אומגעריכט גליק, אַנדערש האָט דאָס הארץ געקענט פּלאַצן אונטער דער זיסער משא...

אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען דער גאַנצער הויף איז געשלאָפן, זענען זיי זאַלבעצווייט אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער אריין און האָבן ביי אַ ליכט באַגראָבן זייער אוצר אין אַ סלאָיקל, טיף־טיף אין אַ ווייטן קעלער־ווינקל...

פאַרשיטנדיק דאָס גריבל האָבן זיך די יונגעלייט בלחש אָנגעווונטשן, זיי זאָלן אַרויסבאַקומען דעם מטמון אויף צוריק שוין האָבנדיק אַ פּאָדערונג אין די הענט, און „דאָרט” האָט מען געשמייכלט —

...אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט...

* דאָ געמיינט: זאָל עס ליגן ביז עס וועט קומען די גוטע מינוט.

קאַפּיטל LVII

ביי די פּיאַטיגאָרסקעס און ביי די ראַדיעצקעס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ביז נאָך אַלע ימים־טובים זאָל שלמה נישט זוכן קיין אַרבעט. נאָך אַזאַ עלנטן און שווערן זומער מעג זיך דאָס יונגע פּאָרפּאָלק פאַרגינען אָפּצולעבן רואיק אַ חודש, אַ פליכטן און אָן קאָפּדרייעניש.

ערב ראש־השנה האָבן שלמה מיט זיין פאָטער אָפּגעשיקט אַ בריוו צו דעם רבין ר' וועלוועלען קיין ירושלים. די גאַנצע משפּחה האָט אויף קיין איין מינוט נישט אַרויסגעלאָזט פונעם מויל די „קינדערס" בראָשקע. יעדן באַזונדער האָט זיין פאַנטאַזיע אונטערגעזאָגט עפּעס אַנדערש:

— שלמה איז נישט קיין פאַרשלאָפענער יונגערמאַן. פאַרמאָגנדיק אַזאַ בראָשקע, וועט ער שוין וויסן וואָס ער האָט צו טון.

— שלמה וועט מיט אַזאַ אוצר בלום ווי אָט די פופצן קאַראַט ווערן אַ פאַבריקאַנט אָדער אַ זאַוואָדטשיק.

— שלמה וועט ווערן אַ גוטבאַזיצער אין זיינעם אַן אייגענעם דערפל.

— שלמה וועט דאָרט ווערן אַ וועלט־סוחר, עקספּאָרטירן און אימפּאָרטירן סחורות פון דער גאַנצער וועלט.

דאָס פּאָרפּאָלק, אויסהערנדיק אַזעלכע השערות, פלעגט שיינען פאַר גליק און וויסן ביי זיך אין האַרצן, אַז הלואי קומען זיי שוין נאָר קיין ארץ־ישראל, איז נישקשה אפילו שטיינער טראָגן, נישט דווקא זיין גוטבאַזיצערס... דער עיקר איז נישט וואָס מען וועט דאָרטן טון, נאָר צו קומען אַהין, זוכה זיין אָנצונעמען מיט די אייגענע הענט אַ הויפן זאַמד פון יענעם הייליקן ברעג.

צום גדליה האָט יוכבד מיט שלמהן אָפּגעפּאַסט אויף לוואָווסקע־גאַס ביי די עלטערן און כאָטש מען איז געווען מיד פונעם תענית, האָבן זיי דאָרטן פאַרבראַכט ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. אויפן צווייטן טאָג איז שלמה אויפגעשטאַנען שפּעט און האָט זיך געלאָזט גיין צו די עלטערן. פון דער ווייטנס האָט ער דערזען שטייען אויף דער גאַס אַ רעדל בעלי־בתים פון דעם מנין מיט די טלית ותפילינס אונטער די אָרעמס. צווישן די שמועסנדיקע זענען געווען אויך: זיין פאָטער, מנשה און אברהם שאַרפּשטיין. באַמערקט שלמהן, האָבן זיי אים נייגעריק אָנגעקוקט, זיך פלינק דורכגעוואָרפן מיט עטלעכע ווערטער און נאָך איידער שלמה האָט באַוויזן זיך צו דערנענטערן זענען זיי זיך צעקראָכן אין פאַרשידענע זייטן. שלמהן איז עפּעס אויסגעקומען קשהדיק די דאָזיקע מעשה, נאָר ער האָט זיך נישט איבעריקס באַמיט צו טרעפן די סיבה פון זייער מאָדנער אויפפירונג.

אין שטוב האָט ער נאָר געטראָפן די מוטער. אַלע קינדער זענען געווען אַוועקגעגאַנגען אין די שולן און אין די אינסטיטוטן. די מוטער איז געשטאַנען אין קיך און האָט כשר געמאַכט אַן עוף. ווען זי האָט באַ־

מערקט, ווער עס איז אריינגעקומען, האָט זי אים שטאַמלענדיק אַ וואָרף געטון אַ „גוט יאָר" און האָט זיך אפילו נישט אויסגעדרייט צו אים. שלמהן איז אַזאַ „ברוך־הבא" געוואָרן פאַרדעכטיק, איר אויפפירן זיך איז אים אריין אין דער נאָז. ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דער מוטער.ביידע האָבן געשוויגן. ענדלעך האָט ער נישט אויסגעהאַלטן:

— מאַמע, וואָס איז, דער טאַטע איז דען נישט אריינגעגאַנגען אין שטוב אריין?

— ניין, ער איז נאָך נישטאָ פונעם דאַווענען.

— איך האָב אים דאָך אַליין געזען גיין מיטן טלית ותפילין פונעם מנין... ווהין זשע האָט ער געקענט אַוועקגיין?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

— פאַר וואָס ענטפערסטו מיר עפּעס אַזוי־אָ? דו ביסט פאַר עפּעס בייז אויף מיר?

— איך בין נישט בייז, וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט? האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיין נשמה, טאָמער ווייסטו וואָס?

וואָס מער מיט אַ וואָרט די מוטער האָט ארויסגעבראַכט פון איר מויל, אַלץ פאַרדעכטיקער איז שלמהן געוואָרן איר קול. אַ פרעמד קול! מיט ביידע הענט האָט ער אויסגעדרייט איר פּנים צו זיך און האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין דעם:

— דו האָסט היינט געוויינט, זע איך... האָסט פאַרכאַפּט דאָס גליק גלייך פונעם פרימאָרגן. וואָס איז, וואָס האָט געטראָפן? זיך שוין ווידער מיטן טאַטן צעווערטלט?

— מהם... מיטן טאַטן... פאַר וואָס עפּעס גייסט דו גאָר נאָך מילך, יוכבד שלאָפט נאָך?

— זי איז ערשט פאַר טאָג אַנטשלאָפן געוואָרן. מיר זענען געקומען פונעם שווער ארום צוויי אַ זייגער און אויך דאָס קינד האָט שטאַרק דער־קוטשעט. די ציינדלעך גייען ביי אים זייער שווער. ערשט פאַר טאָג צו זענען זיי ביידע קוים אַנטדרימלט געוואָרן... מאַמע, קוק מיר נאָר גלייך אין די אויגן אריין, וואָס האָט געטראָפן? מיך איז דאָך נישט גרינג אָפּ־צונאַרן... און אַז דו זאָגסט נישט, זע איך דען נישט?

— נאָך אַ מאָל „אודך"! וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיין נשמה, פרעג איך דיך... געטראָפן, געטראָפן... קענסט נישט דיין טאַטן? באַלד עפּעס רירט מען אים אָן דעם האָנאָר...

עס עפנט זיך אויף די טיר פון דרויסן, אין עסצימער קומט אריין דער פאָטער. שלמה פאַרכאַפּט דעם אָטעם און וואָרט. פון דאָרטן פרעגט מען:

— צפורה, דו ביסט אַליין אין שטוב?

— שלמה איז דאָ דאָ...

דעם פאָטערס שטימע ווערט מיט אַ מאָל הייזעריק און ער כריפּעט ארויס פאַרשטיקט:

— איך גיי באַלד אַריין... אויף איין מינוטקעלע דאַרף איך האָבן...

די טיר פאַרקלאַפּט זיך. שלמה גייט אַריין אין סטאָלאָווע: דער טלית ותפילין אויפן טיש. אפילו נישט באַוויזן אַוועקצולייגן אויף דער עטאַ־זשערקע... רזי לי, רזי לי, וואָס זאָל דאָס באַדייטן? וואָס איז ער אַנט־לאָפן? ער קערט זיך אום אין קיך אַריין. די מוטער באַברעט זיך היינט עפּעס צו לאַנג מיט די קישקעלעך. ער שטעלט זיך אַריין צווישן איר און צווישן טיש:

— מאַמע, דו זאָגסט מיר טאַקע נישט, וואָס עס האָט געטראָפן?

— נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע און ווידער אַ מאָל דאָס זעלבע...

— פאַר וואָס איז דער טאַטע אַרויס פון שטוב, ווי פון אַ דונער געטראָפן?

— נאָך נעכטיקן אינצידענט מיט מיר האָט ער מורא זיך צו באַ־געגענען מיט דיר, כדי דו זאָלסט אים נישט אָנהייבן מוסרן...

— רעד מיר איין, רעד מיר איין, דו מיינסט, אַז איך אַליין פאַרשטיי שוין גאָר נישט...

ער איז אַרויס פון דער שטוב, אָן אַ „זייַ געזונט" און איז אַראָפּ פון די טרעפּ. „...אַז איך אַליין פאַרשטיי שוין גאָרנישט"... אודאי פאַר־שטייט ער גאָרנישט... וואָס פאַרשטייט ער, וואָס? אָבער ער מוז דערגיין וואָס עס טוט זיך דאָ! עפּעס באַהאַלט מען פון אים!

ביי די כאַדאַראָווס איז ער גאָרנישט געוווּיר געוואָרן. דער פעטער לייב איז נאָך געשלאָפן, דינה אויך. מנשה איז נישט געווען אין שטוב, נאָר גאָלדע האָט זיך געפּאָרעט אין קיך. זי האָט פון גאָרנישט נישט געוווּסט. גלייך פון דאָרט איז ער אַרויפגעגאַנגען צו די שאַרפשטיינס. זיי, פאַרקערט, זענען שוין דווקא אַלע געווען אין שטוב. מען האָט געפרישטיקט. אָבער די פּנימער פון די בני־בית זענען געווען אַזוי באַטריבט און פאַרצאָרנט, אַז שלמה האָט פונעם ערשטן קוק גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער וועט דאָ נישט מצליח זיין. ער האָט אַרויסגעשטאַמלט עפּעס כמו אַ תירוץ נאָך וואָס ער איז אַריינגעגאַנגען, און איז ביז גאָר אַן אָנגעצויגענער אַראָפּגעגאַנגען אויף דער גאַס.

— גוואַלד, עפּעס איז דאָ נישט פּשוט... ס'איז דברים בגו! * אַלע, אַלע וויסן עפּעס, נאָר ער איינער דרייט זיך אַרום ווי אַ בלינדער... און אַזאַ מין באַהאַלטן זיך, ניין, ס'איז עפּעס אַ לאַ־דבר!

די הימלען זענען געווען שטאַרק פאַרוואָלקנט און אויף דער גאַס איז געווען זייער ווינטיק. אויפן מערקל ביי די קלייטלעך איז כמעט קיינער נישט געווען. נחמן, דער מומע טייבלס עלטערער זון, האָט אַרומגעשפּאַצירט פאַרן געוועלבל אַהין און צוריק, פאַרלייגט די הענט אין די אַרבל און איינגעניורעט דעם קאָפּ אינעם קאָלנער באַשיצנדיק זיך פונעם ווינט. דער־זען שלמהן, האָט ער זיך געלאָזט גיין אים אַנטקעגן מיט אַ טרויעריק

* געמיינט: עס מוז עפּעס שטעקן דערינען.

פנים. שלמה האָט אויך געמאַכט אַן אומגליקלעכע מינע און אַזוי האָבן זיי זיך באַגעגנט.

נחמן האָט דער ערשטער אַרויסגעקרעכצט:

— נו, שלמה, וואָס זאָגסטו אויף דעם שטיקל אַרבעט, האַ?

— וואָס איז דאָ צו זאָגן? עס איז שוין אָפּגעזאָגט —

— אַך, אַך, אַך... אַזאַ אומגליק... אַזאַ אומגליק... ערשט מוצאי־יום־טוב אויף דער נאַכט האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט אין טראַמוויי.

— וואָס עפּעס נאָר איר? און ווער האָט אים דען נישט געזען? אָבער ווי אַזוי איז דאָס געשען?

— איך ווייס נישט מער פון דיר. קיין איינצלהייטן האָט מען מיר נישט דערציילט.

— אָבער פון דעסט וועגן, מער־ווייניקער...

— וואָס־זשע, מער־ווייניקער? ביי אַזאַ ווייסטער בשורה איז זיך עפּעס שייך צו חקרענען? ס׳איז: הפוך בה והפוך בה דכולה בה...

— אָבער פּאַרט... אַ וואָרט...

— וואָס — אַ וואָרט? דער אויטאָ האָט זיך איבערגעקערט, דער שאָפער איז לייכט פאַרוואונדעט, און ער —

— און ער וואָס?

— וואָס וואָסקעסטו? דו ווייסט נישט גלייך מיט מיר, וואָס ער...

— יאָ, אָבער וואָס איז אים פּלוצלינג גאָר איינגעפאַלן צו פאָרן מיט אַן אויטאָ?

— כ׳פאַרשטיי נישט דיינע קשיות... אין ניעזשין פּאָרט מען אין שטאָט אַריין מיט אַן אויטאָ. עס איז דען ביי דיר אַ נייעס?

שלמה האָט זיך אַ וואַקל געטון אויף די פיס, נאָר ער האָט געמאַכט איבער זיך אַן אָנשטרענגונג און מאַכנדיק אַ טריט נעענטער צו נחמנען האָט ער מיט אַ פאַרדומפּן קול געפרעגט:

— איז וואָס זשע איז געשען מיט פרידמאַנען?

יענער איז בלאָס געוואָרן און פאַרהיקענדיק זיך ווי נאָך אַ שטאַרקן שלוקערצן, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— אויב דו ווייסט פון גאָרנישט, ווייס איך אויך פון גאָרנישט...

אַ צערייצטער פונעם גאַנצן פרימאָרגן, האָט אים שלמה אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און אָנגעהויבן טרייסלען מיט אים ווי מיט אַ יונגער סאָסנע, ווען די וויסע־חברהניקעס מוזן נייטיק האָבן די „שישקעס":

— זאָג, אַ רוח אין דיין האַרצן אַריין! איך ווייס שוין יאָ... טאַקע פון דיינע רייד...

— לאָז אָפּ, דו גזלן... וואָס האָב איך געזינדיקט, אויב משה פרידמאַן איז —

— איז וואָס?

— איז... דו ווייסט דאָך שוין אַליין, זאָגסטו?

— דו זאָגסט? אָדער אָט מאַך איך פון דיר אַש און שטויב...

— לאָז אָפּ, ס'איז מיר אַזש טונקל אין די אויגן... איך זאָג, איך זאָג... משה פרידמאַן איז... איז... איז דערהרגעט געוואָרן...

שלמה איז ווי אַ סנאָפּ אומגעפאַלן אויף דער וואַנט פונעם שכנישן קלייטל. עטלעכע מינוט איז ער אַזוי אַ פאַרקילטער האַלב געלעגן, האַלב געשטאַנען. דאָס האַרץ האָט נישט געאַרבעט, דער פּולס האָט געשוויגן, דאָס בלוט האָט געגליווערט אין די אָדערן. אַ פרישער שקוואַל פון ווינט האָט אים דערמונטערט און צוריקגעשטעלט אויף די פיס. אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים האָט ער דעריאָגט זיין שוועסטערקינד:

— וואָס הייסט דערהרגעט? אויף טויט?

— וואָס פרעגסטו אַזעלכע זאַכן? דעם קאָפּ צעקלאַפּט אויף שטיקלעך... דעם מאַרך אויסגעגאָסן אויפן שטיין...

שלמה האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרצן און האָט מיט פאַרלאָשענע אויגן געפרעגט:

— ווען איז דאָס געשען?

— נעכטן אין דער פרי. ער איז אַהין אָנגעקומען מיטן ערשטן קיעווער צוג.

— ווער האָט געבראַכט די ידיעה?

— זיינער אַ שכן. נאָך דעם פאַלמעסן אים האָט דער שפּיטאָל אים געוואָלט אַרויספירן מיט זייער וואָגן און ערגעץ באַגראָבן, האָט ער, דער שכן זיינער, צוגענומען דעם בר־מינן אין דאָרטיקן בית־מדרש, — אין פּאָליש ליגט ער דאָרטן, — און אַליין איז ער געקומען זאָגן, מען זאָל פאָרן צו דער לויה. פאָרט טאַקע ביי טאָג די גאַנצע חברה. נאָכן פּאָטער איז מען אויך אַוועקגעפאָרן. ער האָט זיך דערלעבט אַ נחת, דער לעבעדינער רב... אַך, אַזאַ משה, אַזאַ משה... אַזאַ גאָלדענער משה...

מיט אונטערגעהאַקטע פיס און מיט אַן אויסגעברענטן לאָך אין האַרצן איז שלמה אַוועק אויף קאַראַוואַיעווסקע 67. דער קאָפּ איז ביי אים געווען ליידיק, ווי אַ פּוסטע פאַס. קיין מינדסטער געדאַנק האָט נישט געקלעפּט צום מח און די גאַס מיט אירע פאַרשיידנאַרטיקע סצענעס האָט זיך פריי אַריינגעקליבן אין זיין קאָפּ אַריין און אין האַרצן. די פּאַראַדנע טיר צו די פייגנבוימס איז געשטאַנען אַן אָפענע און שלמה איז אַריינגעגאַנגען שטיל און אומבאַמערקט. אין שטוב איז געלעגן דער טרויער אויף יעדער מינדסטער זאַך. חוץ די בני־בית זענען געווען אין צימער אַ זיבן, אַכט חברים. יעדער איינער פון זיי האָט באַגראָבן דאָס פּנים אין אַן אַנדער ווינקעלע, אויסמיידנדיק זיך צו טרעפן מיט עמעצנס אויגן. שלמה האָט זיך דורכגעדרייט איבערן צימער, קיינער האָט זיך צו אים נישט אויסגעקערעוועט, דאַן האָט ער פּאָרזיכטיק פאַרקוקט אין דער פרוי פייגנבוימס שלאָפצימער: זי איז דאָרט געזעסן אויף איר ספּעציעלער שטול, אַרומגעלייגט מיט קישנס, דאָס פּנים אירס איז געווען בלוי ווי אַ מילץ און האָט עפּעס אָפּגעשיינט מיט אַ וואַקסענעם גלאַנץ. ר' אברהם איז געשטאַנען לעבן איר, און זיין בלאַס געזיכט האָט אומגליקלעך געקאַרטשעט עפּעס אַ מין

נויטשמייכל, ווי איינער רעדט: נו, גיי זיי א חכם... אויף אלצדינג קען מען זיך ריכטן, אבער אויף אזא קלאפ... דערזען שלמהן אויף דער שוועל, האט פרוי פייגנבוים אים א רוף געטון:

— קומט אריין, שלמה, איר מעגט אריינקומען.

מיט אן אראפגעלאזטן קאפ, ווי א זינדיקער, האט שלמה אריבערגע־טראטן די שוועל. פרוי פייגנבוים האט מיט אירע „וואקסענע" ליפן גע־שמייכלט:

— וואס זאגט איר, שלמה, הא? זיך שיין אויסגעהאנדלט, הא? נאך שענער פון מיר...

שלמה איז געשטאנען ווי א שולדיקער און האט נישט געוווסט וואס צו ענטפערן.

ארויסקומענדיק אין זאל האט ער אוועקגעשלעפט קלאדניצקין אין א זייט און האט הייזעריק געפרעגט:

— ווען איז אנגעקומען די ידיעה?

— נעכטן, א זייגער עלף ביי נאכט.

— דער יונגערמאן איז נאך דא?

— ער איז פאר טאג אפגעפארן קיין ניעזשין אכטונג געבן, אז מען זאל דערווייל דעם... דעם... נישט ברענגען צו קבורה אן אונדז.

— ווער איז געפארן קיין לעבעדין נאכן פאטער?

— זעליק מיט גארדאנען.

— ווען זשע דארפן זיי קומען?

— אין א האלבער שעה ארום דארפן זיי שוין דא זיין. דריי פערטל אויף צוועלף פארן מיר אפ קיין ניעזשין. עס מוז נאך היינט זיין די לויה... דו קלערסט דען אויך פארן?

שלמה האט אויף אים געווארפן א פינצטערן בליק און האט געענט־פערט מיט א פראגע:

— וואס טוט מען? איך האב נאך נישט געדאוונט.

— גיי ארויף צו זעליקן ועסטו אפדאווענען אין זיין טלית ותפילין און דארט טאקע עפעס איבערכאפן...

שלמה, באהאלטנדיק די אויגן, ענטפערט מיט א קאליע קול:

— שוטה, ווען פעלט איצט איבערכאפן? מיר האבן שוין איין מאל איבערגעכאפט... מיר זענען שוין זאט, וואס זאטער קען גאר נישט זיין...

קאַפּיטל LVIII

עלף אַ זייגער, אין דער באַגלייטונג פון זעליקן און גאָרדאָנען, האָט זיך באַוויזן ביי די פייגנבוימס אין שטוב, דער לעבעדינער רב ר׳ יעקב פרידמאַן מיט זיינע טעכטער. שרעקלעך רואיק איז געווען דאָס פּנים פון דעם גרויסן יידן, ר׳ יעקב. זיינע טעכטער מיט פייגנבוימס טעכטער זענען זיך גלייך אויף דער שוועל געפאַלן אויפן האַלדז מיט אַ היסטערישן געוויין, ער אָבער האָט אפילו קיין איינציקע טרער נישט פאַרלוירן. מיט אַ טרוקע־נעם, געשעפטלעכן טאָן האָט ער זיך צעפרעגט:

— ווען גייט אָפּ דער צוג? צי מען קריגט אויף אים שטענדיק ביי־לעטן? צי די אלמנה וויל נישט פאָרן ביי זיין ביי דער קבורה? זאָל מען איר שיקן זאָגן אין זיין נאָמען, אַז ס׳איז אַ יושר זי זאָל טון מיטן נפטר דעם לעצטן חסד און פאָרן זיך מיט אים געזעגענען פאַר אַזאַ לאַנגן וועג...

שלמה האָט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון הרב פרידמאַנס פּנים. ער האָט זיך געבראָכן דעם מח אויף דער פראַגע: וואָס איז דאָס? פּראָסט־קייט, צי הייליקייט? דאָס שרעקלעכע וואָרט „אלמנה" האָט זיך עפּעס אַזוי שוידערלעך־געוויינלעך אַראָפּגעגליטשט פון זיינע בלאַסע ליפּן, ווי ער וואָלט דאָ גערעדט פון טאָג־טעגלעכע זאַכן. שלמה דערמאָנט זיך אינעם תנא ר׳ מאיר, וועלכער האָט אויף זיך צעריסן די קליידער, ווען ער האָט דערזען זיינע קינדער טויט און פרעגט זיך אליין: וואָס זשע איז אָט דער ר׳ יעקב, מער בר־הכי זיך צו באַהערשן פון יענעם תנא? צי אפשר איז ביי אים זיין משה ווייניקער טייער? ווי אַזוי קען דאָס זיין? ער איז דאָך ביי אים געווען דער איין און איינציקער זון, דער איינציקער קדיש, און דערצו אַזאַ געראָטענער... מיט וואָס זשע דערקלערט זיך טאַקע אַזאַ אויס־געהאַלטנקייט? נאָר הרב פרידמאַן איז ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען, וואָס מען טראַכט וועגן אים. אים האָט אינטערעסירט, צי זיין משה „עליו־השלום" האָט דאָרטן געהאַט דעם טלית ביי זיך, אַ קיטל האָט ער מיט זיך גע־בראַכט, זיין אייגענעם, וואָס ליגט ביי אים משנה לשנה נאָר אויף יום־כפור, אָבער צי זענען דאָרטן דאָ ווייבער שמשטעס, וואָס זאָלן אויף גיך אויפנייען מלבושים פאַר דעם נפטר, כדי די קבורה זאָל נאָך קענען פאַר־קומען פאַר דער שקיעה.

האַלב צוועלף האָט מען זיך געזעצט אין די וואַגאָנען. עס איז מיט־געפאָרן „האַלב קיעוו". אין דעם רבס וואַגאָן איז געפאָרן הרב ביאַליק מיט נאָך עטלעכע קיעווער רבנים; דער אַלטער פייגנבוים; אברהם שאַרפשטיין; אפרים־אהרון מיטן פאָטער; מנשה כאַדאַראַוו; אַלע חברים און פיל מיט־גלידער פון אַרטעל „פּאַנטאָפּל". אין אַנדערע וואַגאָנען זענען מיטגעפאָרן סתם קיעווער איינוווינער, וואָס האָבן געקענט דעם אומגעקומענעם, יידן פון קופּעטשעסקע־שול, פון פּאָדאָלער שול און די בעלי־בתים פון זיין קיע־ווער וווינונג. געניע שוסטערמאַן האָט איבערגעגעבן, אַז ווען זי וואָלט

דאָרט געקענט זיין אַליין וואָלט זי נאָך אפשר געפאָרן, אָבער אין אזא אופן זיך באַגעגענען מיט זיינע קרובים — ווייל זי בשום אופן נישט... טאַני האָט זי געפּרוווט צורעדן, עטלעכע מאָל איר דערמאָנט, אַז דאָס איז דער לעצטער כבוד פונעם מת; אַז מען מוז איר קריעה־רייסן איבערן קבר; עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן — זיך צו באַגעגענען מיט איר מאַנס קרובים ביי זיין קבר, האָט איר נישט געשמעקט, און זי איז טאַקע נישט געפאָרן.

די מיידלעך, וואָס האָבן זיך מיטגעכאַפּט צו דער לויה: די באָדאָראָווס, די פייגנבוימס, די ראַפּאָפּאָרטס, די אַדלערס, שלמהס שוועסטער: דינה, רבקה און יוכבד, האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס און זענען אין פּאַליש — ווו אויף שטרוי אין אַ ווינקל איז געלעגן דער בר־מינן — נישט אַריינגעגאַנגען. דער שמש פון דער שול און נאָך עטלעכע ניעזשי־נער יידן האָבן שוין געוואַרט אויף דער לויה. די מטה איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר. מען האָט געפרעגט ביים פאָטער, צי מען מעג אַ קוק טון אויפן בר־מינן, נאָר ער האָט גאָרנישט געענטפערט. דאַן האָט עמעצער זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט אונטערגעהויבן די שוואַרצע קאָלדרע. פון משה פרידמאַנס פנים איז נאָר געווען צו דערקענען די קרומלעכע נאָז און דעם ווייסן, כראָמירטן צאָן פון פאָרנט. דאָס איבעריקע שטיקל פנים האָט אויסגעזען פרעמד און פיינדלעך. דער לינקער האַלבער שאַרבן איז געווען צעשפּאָלטן. אויפן שטערן און אויף די באַקן — פּאַרקילעטער מאָרך באַשפּרינקלט מיט בלוט־פלעקן. אויפן אָרט פונעם לינקן אויג, איז געווען אַ שווידערלעכער לאָך, וועלכער האָט פינצטער געקוקט אין דער אייביקייט. דאָס רעכטע אויג איז געווען אָפן און האָט דראָענדיק גע־קוקט אויף די חברים.

דער רב האָט אַ ווונק געטון:

— עס וועט זיין גענוג.

עטלעכע הענט האָבן צוריק אַרויפגעצויגן די קאָלדרע. אַליין אַ קוק טון — איז דער רב נישט צוגעגאַנגען. דער ווייז איז דאָך שוין נישטאָ, וואָס דען דער צעבראָכענער קרוג... וואָס זשע איז דאָ אויף אַ חרס־הנשבר וואָס צו קוקן... מען האָט דערלאַנגט די מטה. דער פאָטער מיט הרב ביאַליק האָבן זי אָנגענומען פון פאָרנט, אַנדערע צוויי רבנים — הינטן. דער שמש האָט געמאַכט אַ „מלא": „את נשמת הקדוש ר' משה ב"ר יעקב שהלך לעולמו", און די לויה האָט גערירט. אין שטאָט האָבן פון דעם אומגליקס־פאַל געוווּסט קינד און קייט. מיט יעדער גאַס און געסל, דורך וועלכע דער לויה איז אויסגעקומען דורכצוגיין, זענען צו די מלוים צוגעשטאַנען פרישע מאַסן מענטשן. עס איז אַרויסגעגאַנגען דער קאָלעקטיוו פון דעם אָנ־שטאַלט ווו ער האָט געאַרבעט, מיט דער פאָן. עס איז נאָכגעגאַנגען די פרייע וואַכטע פונעם ברויט־זאַוואָד... די מחנה באַגלייטערס איז אַלץ גע־וואַקסן... פון יענער זייט שטאָט איז צוגעפאָרן דאָס פורל פון דער חברה־קדישא, נאָר די חברים האָבן נישט געלאָזט אַוועקלייגן די מטה אויפן

פּורל, און האָבן די גאַנצע דריי קילאָמעטער ביזן בית־עלמין געטראָגן די מטה אויף די אַקסלען. אין אוהל, אויף דער טהרה־ברעט, האָט דער רב צום ערשטן מאָל געוואָרפן אַ קוק אויף זיין זון, און האָט געפּסקנט, אַז מטהר זיין אים טאָר מען נישט און איבערטון אין תכריכים אויך נישט, ווייל דער קערפּער און די קליידער זענען אומעטום איינגעשמירט אין בלוט. די סאַמע נאָענטסטע חברים האָבן געהאָלפן דעם פאָטער ארויפ־ציען זיין קיטל אויף דעם בר־מינן, איינוויקלען אים אין זיין, דעם נפטרס איינענעם טלית, און אַלע האָבן זיך געלאָזט גיין צו דעם פריש־אויסגע־גראָבענעם קבר.

דער טאָג איז געשטאַנען אין דער שקיעה. דער מזרח איז געווען פאַרוואָלקנט מיט גדיכטע, ברוינלעכע וואָלקנס. אויף מערב האָט זיך בלוטיק געזעצט די זון. די לעצטע שטראַלן האָבן אריינגעלויכטן אין די כמאַרעס און האָבן זיי געמאַכט דורכזיכטיק. דאָס קוויטשעריי פון די שוועסטער האָט אויפגעטרייסלט די אייביקע רו פון דעם שטעטלשן בית־עולם. שלמה מיט גאַרדאָנען האָבן אראָפּדערלאַנגט דעם טייערן קערפּער דעם קברות־יידן אויף די הענט, געזען ווי מען האָט אים ארויפגעלייגט שערבלעך אויף די אויגן, אויפן מויל, און אריינגעשטעקט גאָפּלעך אין די הענט.

די יינגערע שוועסטער פרידמאַן האָט זיך אַ ריס געטון פון די הענט, וואָס האָבן זי צוגעהאַלטן:

— מ—שה!... ערשט אַזוי נישט לאַנג די מאַמען, און איצט — דיך... ווו איז דיין יושר? פאַר וואָס קומט דאָס אונדז?

און דאָ ערשט האָט דער אומגליקלעכער פאָטער פאַרלוירן אַ שווע־רע טרער.

יאָמערנדיק אויפן קול האָבן די „פאַנטאָפּלצעס" פאַרשאָטן דעם קבר פון זייער ליבסטן חבר. ווען אַ האַלבער קבר איז שוין געווען פאַרשאָטן, האָט דער פאָטער מיט אַ צעבראָכן קול געזאָגט דעם ערשטן קדיש. אויף די שפּיץ ביימער האָט זיך נאָך געבליוט דער אָפּשטאַרבנדיקער טאָג. די חברים האָבן ווייטער געבויט זייער חברס נייע דירה און הרב פרידמאַן האָט זיך, — מער משום כבוד־הבריות ווי לשם מספּיד זיין דעם נפטר, — געווענדעט צו די ניעזשינער מלוים מיט אַ היימישער פריינטשאַפט און מיט אַ רמז דרמיזא אויף אַ שמייכעלע, ווי אַ ווינק פון דער זון אין מיטן אַ שלאַקסרעגן. ביי די דערביישטייענדיקע איז פון דעם דאָזיקן אומגעריכטן שמייכל דורכגעגאַנגען אַ שוידער איבערן לייב. אָט דאָס העפלעכע שמיי־כעלע האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן ערגער ווי דער גרעסטער געוויין.

שטיל נאָר דייטלעך האָט דער רב געזאָגט:

— רבותי! איר האָט ערשט געטון דעם לעצטן חסד מיט אַ מענטשן, וואָס איר האָט אפילו רעכט נישט געקענט. אָט די אַלע קיעווער יידן, וואָס שטייען דאָ, ווייסן גוט, ווער משה פרידמאַן איז געווען, זיי ווייסן דאָס אפשר נישט ערגער פון מיר אַליין... אָבער איר ווייסט דאָך דאָס נישט... וואָס

קען איך אייך זאָגן? כאָטש, אַז מען וויל צוריק... ביים קבר, איז אפילו אַ פּאָטער באַגלייבט... דאָס איז געווען מיין זון... מיין איין און איינציקער זון... מער האָב איך נישט געהאַט קיין זין, און איצט האָב איך שוין דעם אויך נישט... דאָס איז געווען אַ צדיק, אַן אמתר צדיק... מען קען אויף אים זאָגן: שלא טעם טעם חטא מימיו... זיין פינצטער מזל האָט אַזוי געפירט, אַז ער האָט אויף זיין לעבן נישט געהאַט קיין פונק פרייד, קיין משהו פאַרגעניגן... אפילו אין דעם פאַל, ווען אַלע מענטשן זענען יאָ מער ווייניקער גליקלעך, אויך דאַמאָלסט — איז ער געווען אומגליקלעך... אויף אים איז באמת געזאָגט געוואָרן: טוב לו שלא נברא... ער איז דאָך שוין אָבער יאָ געבוירן געוואָרן, איז טאַקע אַ גרויסער שאָד... מיר בעטן: אַל תעלני בחצי ימי... נישט יעדערער פועלט דאָס אָבער... עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ מאָס אויף אָפּצומעסטן די גרייס פון דער אבדה... אַ יונגער בוים... אַן אתרוג־בוים... פאַרשניטן געוואָרן בדמי ימיו... * הלואי עס זאָל נישט זיין: „לפני הרעה נאסף הצדיק"... ווער ווייסט, וואָס אונדז שטייט חלילה פאָר?... זאָל ער דאָרט זיין אַ גוטער מליץ פאַרן ייִדישן פאָלק און פאַר זיין עלנטן טאַטן, וואָס האָט אים אויף דער עלטער געדאַרפט פאַרשיטן מיט זיינע אייגענע הענט, פאַר זיינע אָרעמע שוועסטער און פאַר זיינע געטרייע חברים, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט... אמת טאַקע, דעם נפטר איז נישט קיין נפקא־מינה, ווו צו געפונען זיין אייביקע רו, סדנא דארעה חד הוא, אָבער ווען דאָס טרעפט אין זיין געבורטס־שטעטל, וואָלט ער געליגן לעבן זיינע הייליקע זיידעס... ווען דאָס טרעפט אפילו אין קיעוו, האָט ער דאָרט זיין מוטער, נישט זייער לאַנג אַוועקגעגאַנגען... האָט אָבער דער בורא־עולם אַנדערש געוואָלט... דאָ געלעבט אין עלנט און אין זיינע אייגענע ד' אמות — אויך עלנט... מילא, מן הסתם דאַרף ער דאָ עפּעס מתקן זיין. לאָמיר זאָגן: שלום לעפרו און ברוך דיין האמת און מיט הכנעה פאַר דעם רצון־הבורא זיך צעגיין איש לאהלו... שלום לעפרו! תהא נשמתו צרורה בצרור החיים... אויף דעם עולם־השקר האָט ער זיך נישט געקענט דערשלאָגן צו קיין שום נחלה, איצט, בעלמא דקשוט איז: ד' הוא נחלתו, וינוח על משכבו בשלום... ענדיקט, ענדיקט דאָס פאַרשיטן, פריינד מיינע, ווײַלן מיר נאָך קענען דאַוונען מנחה...

אין אוהל האָט מען אָפּגעדאַוונט מנחה ומעריב און די חברים זענען אויף דאָס ניי אַוועק צו זייער פרידמאַנען און זענען צוגעפאַלן מיט אַ געוויין צום פּיכטן בערגל ערד. אויפן הימל האָט איינזאַם געבלאַנקעט אַ שמאָלער לבנה־סערפּ. צווישן די קברים האָבן זיך אַרומגעטראָגן סודות־דיקע קלאַנגען, אומפאַרשטענדלעכע קרעכצן. די באַגלייטערינס האָבן צו־געהאַלטן די שוועסטער פרידמאַן אין אוהל, נישט אַרויסלאָזנדיק זיי צום פרישן קבר. די עלטערע מענטשן האָבן ביים אַריינגאַנג אין אוהל עפּעס שטיל געשמועסט צווישן זיך. שלמהס קאָפּ איז געלעגן צו פוסנס ביים

* אין די בעסטע יאָרן.

פרישן קבר. פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט משה פרידמאַן אין אַרטעל ביים רייסן די פּאַסן... זייער פּאָרן צוזאַמען אויף פּורים קיין לעבעדין... זייער שמועס ביי נחמנען אין שטוב פאַרן אַרעסט... זייער שמועס אין פּוסטן פּראָלעטאַרישן גאָרטן פאַר די אָקטאָבער־יומטובים... זיינע מיט־פּילנדיקע אויגן יענעם אויפדערנאַכט אויף אינסטיטוטסקע... דעם זעכצנטן יאַנואַר אויף סאָלאָמינקע... ווי ער האָט עס געהוליעט אויף זיין חתונה... און איצט... דאַכט זיך, ערשט זענען זיי געזעסן צוזאַמען אין וואַגאָן, זיך צעקושט, און פּלוצלינג... אַזוי אומגעריכט, גוואַלד, אַזוי אומגעריכט!... אַזאַ מיתה־משונה... אויס משה פרידמאַן... אַראָפּ פון דער סצענע... זיין ראָל אויף דעם עלמא דשקרא האָט זיך פאַרענדיקט...

אויף צוריק וועגס איז מען געגאַנגען טריט ביי טריט. קיינער האָט זיך נישט געאיילט. ס'איז נישט געווען וווהין זיך צו איילן. שלמה מיט קלאַדניצקען זענען נאָכגעגאַנגען הינטן, וווייטלעך פונעם עולם.ביידע קוקן זיי נאָך דעם פאַרחושכטן לעבעדינער רב, ווי ער שלעפּט קוים נאָך די פיס, און ביי זיי ביידע צערייסט זיך דאָס האַרץ קוקנדיק אויף דעם גרויסן ייִדן, אויף אָט דעם זעלטענעם מענטשן, וואָס דאַרף מיט זיך אַהיימטראָגן אַזאַ אויסערגעוויינלעכן בראָך. שלמה קרעכצט אַרויס:

— איי, האָט ער היינט געפּראַוועט אַן עקדה!... איי, איז ער צעבראָכן ווי דער ים...

— זבחי אלהים — רוח נשברה...

— רוח נשברה... ער איז פריער אויך געווען געניוג, גענוג נשבר ונדכה... צוליב דעם מין „זבח" האָט דער אייבערשטער נישט געמוזט אויפמאָנען ביי אים אַזאַ עולה כליל... פאַר משהס טויט האָט ער אויך געהאַט אַ רוח נשברה —

— דאָס אודאי... נו, וואָס קען מען העלפן? הרופא לשבורי לב — שלמה גיט אַ ביטערן שמייכל:

— גיי שוין, שוטה דו, וואָס קען אים שוין אויסהיילן און וואָס קען אים שוין טרייסטן... אַ בן יחיד... איין אויג אין קאָפּ... אַ „קובר בניו בחיו" און נאָך אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן... ווי זאָגט דאָרטן דער מקונן: מה אדמה לך... מה אשוה לך... כי גדול כים שברך — מי ירפא לך?...

אַ היפּשע שטרעקע זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. פון דער ווייטנס האָבן זיך באַוויזן אָפּטע פייערלעך. דאָס איז שוין געווען דער וואָקזאַל. שלמה האָט זיך אַ רייב געטון דעם שטערן אַהין און צוריק און האָט אַ טיפן קרעכץ געטון:

— ווי האָט זי געזאָגט, נעמי? מלאה הלכתי וריקם השיבני ד'... אַזוי דאַכט זיך, האַ? און וואָס זאָלן מיר זאָגן? גיי ריכט זיך... גיי ריכט זיך...

— וואָס ווילסטו? כי לכך נוצרנו! אויף גרייט זיין אַלע טאָג איינ־צונעמען אַ מיתה־משונה. דו פאַרגעסט, אַז: אדם נידון בכל יום... אל

זועם בכל יום... און וואָס דען מיינט מען: כי רגע באפו — חיים ברצונו ?... און וואָס דען איז די טייטש: אל תאמר לכשאפנה אשנה, שמא לא תפנה ? מכל מקום, איז אים שוין איצט בעסער ווי אונדז...

— וואָס זשע איז דאָ דאָס גוטסקייט ? דאכט זיך, אַז אָט די טובה פאַרשפּעטיקט מען קיין מאָל נישט...

— נו, כ'וויים ? טוב מאד — זה המות...

— אַה, טוב מאד ?... נו־נו, זייער שיין... אָבער ביי די יאָרן ? און מיט אַזאַ מיתה־משונה ? גיי ריכט זיך... גיי ריכט זיך אויף אַ שטורעם אין מיטן העלן טאָג... עס גלייבט זיך עפּעס נישט. דער מח קען עס נאָך בשום אופן נישט קולט זיין. די צונג וועט זיך גאָרנישט קענען צוגעוווינען צו אָט דעם נייעם „עליו השלום"... גוואַלד, גוואַלד, ס'איז עפּעס שווער אפילו אַ טראַכט צו טון, אַז: משה איננו... ס'איז שווער צו זאָגן: ברוך דיין האמת... ווי לאַנג איז ערשט, אַז ער האָט זיך געווונטשן אַ „חיים של חלוץ עצמות"...

— יאָ, איצט האָט מען אים שוין אויסגעגלייכט די ביינער... שוין צופיל אויסגעגלייכט...

אַ היפּשע ווײַלע גייען זיי און שווייגן. יעדער איינער טראָגט פאַר זיך זיין בינטל טרויעריקע זכרונות. פאַרקערעווענדיק אויפן גרויסן טראַקט, וואָס פירט אויפן וואָקזאַל, האָט קלאַדניצקי שטיל אַ זאָג געטון:

— דו געדענקסט, שלמה, וואָס דו האָסט מיר אַנומלטן דערציילט וועגן פרידמאַנס שווערע פאַרגעפילן ?

שלמה, מיט אַן אומצופרידענעם טאָן:

— וואָס זשע איז דערפון געדרונגען ?

— דו מאַך נישט אַזאַ זויערע מינע, דערפון איז געדרונגען, אַז מען טאָר קיין מאָל נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט קיין פאַרגעפיל. אַז דאָס האַרץ שרעקט אַ מענטשן, דאַרף ער זיך שטענדיק צוהערן צו דעם. דאָס איז אַ מין נבואה־קטנה, וואָרעם על־פי רוב איז די חקירה, אַז: לב אדם יודע מרת נפשו...

— נו, נו, זייער שיין. מירן עס פאַרשרייבן צווישן די סימנים.

— איך מיין נישט דאָס, פאַרשרייבן, צי נישט פאַרשרייבן, איך זאָג נאָר: דער אומגליק איז אַ פועל־יוצא פון אַ נישט גלייכן שידוך... פון איינשפּאַנען שור וחמור און איינרעדן אי זיך, אי דער וועלט, אַז: וילכו שניהם יחדיו —

— איך פאַרשטיי נישט דיין כפול־שמונהדיקע סברא!

— ...ווען נישט יענע ימח־שמוניצע, וואָלט ער אפילו נישט געווען געוווּסט, ווו דאָס וויסטע ניעזשין געפינט זיך...

— וואָס פאַר אַ סמיכות־הפרשה האָט דאָס מיט דעם ?

— עס האָט, עס האָט! זעסט דאָך, אַז עס האָט... און מיינסט, דו אַליין ? ווען דו זאָלסט חלילה נישט געווען ניצול ווערן פון יענער משלחת, ווער וויסט וווהין דיין געביין וואָלט געווען אַהינגעקומען ?

— דו רעדסט שטותים, שמעון. מען קען, הייסט עס, נישט האָבן קיין פרומע יידישע טאָכטער פאַר א ווייב און וואָס עס דאַרף געשען, זאָל געשען? וויים איך, דאָס איז א וואָסערדיקע פילאָזאָפיע. כיון שניתן רשות למשחית, אינו מבחין צווישן די, וואָס האָבן געמאַכט א רעכטן שידוך, אָדער נישט קיין רעכטן. און דעסט גלייכן זוכן זייער שטיקל ברויט אויף דער פּראָווינץ, פאַרן נישט דווקא די, וואָס האָבן געמאַכט א שלימזלדיקן שידוך. דאָ איז דער ענין פיל טיפער און פיל פשוטער: „רגלוהי דאינש ערבין ליה. באתר דמתבעי אינש, מובילין ליה תמן”. *

— ביסט אַליין א שוטה... דאָס איז א חוץ א מעשה... איך זאָג דען, אַז עס קען נישט זיין פאַרקערט אויך? אַלץ אויף דער וועלט קען טרעפן אי אַזוי, אי אַנדערש, ישר והפוך, אָבער אין אַזא פאַל, האָט אַזא שעטנז־טרעגער פיל גרעסערע שאַנסן צו ענדיקן זיין לעבן מיט אַזא פינצטערן סוף. דאָס איז נישט מיין השערה — בהתחברך לרשע, פרץ ד׳ את מעשיך... **

— אפשר... ס׳קען זיין, אַז דו ביסט גערעכט. מי בא בסוד אלוה?

געציילטע מינוטן פאַר האַלבער נאַכט איז אָפּגעגאַנגען זייער צוג קיין קיעוו און פינף פאַר טאָג האָבן די פרידמאַנס געהאַט א צוג קיין לעבעדין. קיינער פון די מלוים איז נישט אוועק אַהיים, אַלע האָבן גע־וואַרט ביזן אָפּפאָר פונעם רב מיט די טעכטער. טרויעריק איז געווען דאָס געזעגענען זיך. אַלע האָבן גלייך איינגעזען זייער טעות: דער כלומרשט רואיקער פאָטער איז פאַר דעם לעצטן מעת־לעת עלטער געוואָרן מיט צוואַנ־ציק יאָר. זיין טיפער, שיינער שטערן איז ווי איבערגעאַקערט געוואָרן מיט א שווערן אַקעראייזן. אונטער די אויגן זענען אַרויסגעקראָכן שוואַרץ־בלויע קישעלעך באַלייגט פון אַלע זייטן מיט טונקעלע ליניעס. און די אויגן אַליין — פון זיינע צוויי שטענדיק שטראַלנדיקע ליכט־קוואַלן — האָט אַרויסגעקוקט א טיפער טרויער, אַן אומברחמנותדיקער, א יאושדי־קער. כדי נישט איבערצולאָזן אויף דער ערשטער מינוט דעם אומגליק־לעכן פאָטער אַליין מיט די טעכטער, אויג אויף אויג, זענען גאַרדאָן מיט קלאַדניצקין געפאָרן באַגלייטן די „געסט” ביז צו זיי אַהיים, און דער אי־בעריקער עולם איז מיט צעבראָכענע הערצער זיך צעקראָכן איבער די גאַסן פון דעם פאַרטאָגיקן, האַלב־שלאָפנדיקן קיעוו.

*

נישט קיין פריילעכע ימים־טובים האָט געהאַט די קיעווער רעליגיעזע יוגנט אין יאָר 1936.

---

* די פיס פון אַ מענטשן זענען ערוב פאַר אים. ווו ס׳איז אים אָנגעצייכנט אָפּ־צוגעבן די נשמה, אַהין ברענגען זיי אים שוין צו פירן. פון דער גמרא.

** קוים באַהעפסטו זיך מיט אַ רשע, צעשטערט גאָט דיינע ווערק. פון תנ״ך.

לכאורה איז, דאַכט זיך, אַלץ געווען כדאשתקד: * ווי פריער האָט מען געדאַוונט צוזאַמען ביי די פייגנבוימס; געמאַכט אַ גרויסע סוכה; הושענא־רבהדיקע נאַכט איז מען איבערגעזעסן צוזאַמען; און שמחת־תורה — אפילו געטאַנצט... נאָר עס איז געווען, אַז אָך און וויי צו דעם פאַרברענגען און צו דעם טאַנצן. קיינער האָט נישט אָנגערופן פרידמאַנס נאָמען, נאָר די טרערן ביי „והארץ נתן לבני האדם״; דאָס כליפּען ביים גיין מיט די הקפות; ביים „דערלעבט איבער אַ יאָר״ האָבן גאַנץ גוט גערעדט פאַר זיך. ביי די פייגנבוימס אין שטוב האָט געטרויערט נאָך פרידמאַנען יעדעס ווינקעלע: די שאַפע ספרים, ביי וועלכער ער האָט געקענט אַוועקשטיין שעהן לאַנג; דער עמוד, ביי וועלכן ער פלעגט אַ מאָל דאַווענען; דאָס בענקל ביים פענצטער, אויף וועלכן ער פלעגט אַממייניסטן זיצן... אַלץ האָט זיך דאָרט אין שטוב כלומרשט געפירט אויפן אַלטן שטייגער, אין דער אמתן איז עס אָבער געווען נישט אַזוי, די אינערלעכע פרייד איז געווען פאַרשטערט. ביי די פּיאַטיגאָרסקיס און ביי די ראַדיעצקים האָט מען זיך געהיט צו דערמאָנען שלמהן די בראָשקע און די פּלענער אויף ארץ־ישראל. שלמה אַליין פלעגט דעם אַלטן שמועס פאַר דעם מויל נישט ברענגען כאילו מת ועבר ובטל מן העולם. בלייבנדיק מיט יוכבדן אויג אויף אויג, פלעגט זיך איר שלמה מודה זיין:

— פאַרשטייסט יוכבדל, נישט מחמת ארץ־ישראל האָט ביי מיר פאַרלוירן דעם חן, חס וחלילה! דאָס קען דען טרעפן? נאָר איך שעם זיך פשוט פאַר פרידמאַנען לשלום, צו בויען פּלענער לעתיד לבא. צדיקים במיתתם, קרוים חיים, דער נפטר, דאַכט זיך מיר, שטייט דאָ ביי דער זייט און שפּעט אָפּ פון מיר. דו דאַרפסט מיך פאַרשטייען —

שלמה איז געווען פאַרלאָשן, מען האָט נישט געזען קיין שמייכל אויף זיינע ליפּן. אַלץ וואָס איז אים פריער געווען ליב און טייער, האָט מיט אַ מאָל פאַרלוירן דעם גאַנצן חן אין זיינע אויגן. זיין בעסטער חבר משה, האָט מיט זיך מיטגענומען אין קבר אריין אַ גוטן משכון — זיין לוסטיקייט, זיין כסדרדיקן סבר פנים יפות...

*

עס זענען פאַריבער אַלע ימים־טובים.

עס האָט זיך אָנגערוקט דער אָסיען. האַרבסטיקע, פאַרוואָלקנטע טעג און רעגנדיקע, קאַלטע נעכט. שלמהס באַקאַנטע פון אוטיל־פּראָם־סאָיוז, וועמען ס'איז גוט באַקאַנט געווען זיין תנאי־קבוע וועגן שמירת־שבת, האָבן אים פאַרגעלייגט צו גיין אַרבעטן אַלס אַן אָפּעראַטיווער אַרבעטער** אין אַ ברייט־צעצווייגטן אָרטעל פון דעם „אוטיל־פּראָם־קאָמבינאַט״. דאָס איז געווען אַ אינטערעסאַנטע, איינברענגענדיקע אַרבעט, און שלמה האָט זי

---

* ווי פאַר אַ יאָרן, ווי אַלע פריערדיקע יאָרן.

** כמעט דאָס זעלבע, וואָס קאָמערטשעסקי דירעקטאָר.

אַנגענומען. דאָס ספּעציפישע און אָריגינעלע אין אַט דעם קאָמבינאַט האָט געשטעקט דערינען, וואָס די צענדליקער איינקויף־פּונקטן, וואָס זענען גע־ווען צעוואָרפן איבער דער שטאָט, האָבן זיך ספּעציעל אינטערעסירט מיט אַזעלכע אַרטיקלען אוטיל, וועלכע זאָלן נאָך טויגן פאַר פאַבריקאַציע־פּראָ־צעסן. די פּאַרזיצערס פון די פּראָדוציר־אַרטעלן פון דער זעלבער סיס־טעם האָבן שוין געוווסט, אַז אויף אַ טרוקענעם אָדער פונעם סאָיוז וועלן זיי אין „אוטיל־פּראָם־קאָמבינאַט" קיין רוויוואַרג נישט באַקומען. צום אָרדער מוז מען נאָך „צושמעלצן" בעין־יפה און אַט דאָס „שמעלצעניש" האָט שוין געקלעקט פאַר אַלעמען: פאַר די בעלי־בתים אין סאָיוז; פאַר די פּאַרשטייער פון נ. ק. ל. פּ.; * פאַר די פאַרוואַלטערס פון די פּונקטן, און אַ היפּשע פּאַרציע פלעגט בלייבן אויך פאַר דעם „מעכאַניקער" פון די אַלע אָפּעראַציעס: פאַר דעם אָפּעראַטיוון אַרבעטער.

*

אין יענעם יאָר איז געווען אַ געזונטער ווינטער: פיל שנייען, שטאַר־קע פרעסט און זוניקע טעג. ביי די יינגע פּיאַטיגאָרסקים האָבן זיך אוועק־געצויגן חדשים פון אַ זאַט לעבן אין רייכטום און אין ווילטאָג. אָנהייבנ־דיק פון די אַלטע רעליגיעזע מוסדות ווי די תלמוד־תורה און די קופּת גמילות־חסדים, און ענדיקנדיק מיט הלואהלעך שבין אדם לחבירו האָבן אַלע בפועל־ממש געפילט — און צומאָל שטאַרקער ווי יוכבד אַליין — אַז שלמה האָט אַ הכנסהדיקן פּאָסטן. די באַבעס פלעגן מיט פאַרגעניגן צו־נעמען דאָס אייניקל צו זיך. שלמה מיט יוכבדן פלעגן נישט דורכלאָזן קיין איין טעאַטער־שטיק, קיין איין קינאָ, קיין איין קאָנצערט, אָדער וועל־כע עס איז פאַרזאַמלונג ביי די פייגנבוימס. פון ירושלים האָט דער רבי געשריבן שלמהן, אַז ער איז זייער צופרידן דערפון, וואָס ער, שלמה, האָט חתונה געהאַט פאַר אַ זלאַטאָפּאָליער חסידס אַ טאָכטער, און נישט פאַר יענער „דער רוח ווייסט וואָס". וועגן אַ פּאָדערונג פאַר אים מיט זיין פאַ־מיליע וועט ער דעם ענין איבערגעבן אין געטרייע הענט, און כאָטש עס איז היינט זייער שווער געוואָרן מיט דער דאָזיקער פראַגע, אָבער דאָך דאַרף מען האָפן צו דעם וואָס לעבט אייביק, אַז דער ענין וועט עולה יפה זיין און אַלץ וועט נגמר ווערן בכי טוב. דערויף איז דאָ אַ גוט וועקסל פונעם רבונו של עולם: בדרך שאדם רוצה לילך —

ענדע פון אכטן באנד

* ראשי־תיבות פון: „פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר לייכטער אינדוסטריע".

דער ראָמאַן „אַ פאַרשפּעטיקטע חרטה” איז דער אַכטער
פון אַ ציקל פון צען בענדער, וואָס קומען אַרויס אונטערן קעפּל:
„אַ ז ע ק ס ט ע ר ו ו ע ל ט - ט י י ל”.

די נעמען פון די בענדער זענען:

ערשטער באַנד — פאַראומערטע קינדהייט
צווייטער באַנד — קליינע שפּאַן אין אַ גרויסער שטאָט
דריטער באַנד — אַ צעטריבענע סטאַדע
פערטער באַנד — פאַרלאָשענע שייטערס
פינפטער באַנד — אַ גרוס פון יענער וועלט
זעקסטער באַנד — אַ פאַרגעסענע טובה
זיבעטער באַנד — דער לעצטער פּרוּוו
אַכטער באַנד — אַ פאַרשפּעטיקטע חרטה
ניינטער באַנד — דם ואש ותמרות עשן
צענטער באַנד — די אויסגעבענקטע היים

◆

דער קומענדיקער באַנד:

דם ואש ותמרות עשן